STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08727

MISHNAYES

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מִשְׁנָיוֹת

מיט איבערזעצונג און פירוש
אין יידיש

— פון —

שמחה פיעטרושקא

דריטער באנד

סדר נשים

ארויסגעגעבן מיט דער מיט-הילף פון קאַנאַדיש-יידישן קאָנגרעס

מאָנטרעאל

תש"ז, 1946

דרוקערי "נאָרטערן פרינטינג און סטיישאָנערי"

PRINTED IN CANADA

MISHNA

WITH TRANSLATION AND COMMENTARY
IN YIDDISH

Published With the Help of the Canadian Jewish Congress

Copyright 1946 in Canada

by

DR. SYMCHA PETRUSHKA

Copyright 1946 in the United States of America
by Dr. SYMCHA PETRUSHKA

World's Rights Reserved

Printed by

THE NORTHERN PRINTING & STATIONERY
MONTREAL, CANADA

27

הקדמה

אין די הקדמות צו די צוויי פריערדיקע סדרים „זרעים״ און „מועד״ האָב איך געגעבן די כללים,ביי וועלכע איך האָב מיך געהאלטן ביים שרייבן די איבערזעצונג און פירוש צו משניות. ביי דיזעלביקע כללים האָב איך מיך אויך געהאלטן אין איצטיקן סדר, „נשים״. נאָר טאָמער וועט א לערנער ניט האָבן פאר זיך יענע צוויי סדרים, וועל איך דאָ געבן בקיצור די דאָזיקע כללים.

ערשטנס, גיב איך די איבערזעצונג פון יעדעס שטיקל משנה מיט באזונדערע אותיות, וועלכע זענען דינע, העלערע, און דעם פירוש גיב איך מיט דיקערע, שווארצע אותיות.

צווייטנס, דער פירוש שטיצט זיך אויף די ווערטער פון דער גמרא און די פירושים פון די ראשונים און אחרונים (רש״י, רמבם, תוספות, ברטנורא, תוספות יום טוב און אנדערע). אָבער איך גיב פון זייערע פירושים נור דאָס וואָס האָט א שייכות צום פשט פון דער משנה, אָבער איך ברענג ניט די קשיות און תירוצים און וויטערדיקע סברות. נאָר אין טייל ערטער, וואו די קשיא אויף דער משנה זעט מען גלייך, בפירוש, ברענג איך אויך די קשיא און די תירוצים וואָס מען זאָגט אויף איר.

דריטנס, צו די אלע דאָזיקע פירושים, וועלכע איך האָב מיך באַמיט מסביר צו זיין מיט פשוטע ווערטער, האָב איך צו־געגעבן אין די ערטער, וואו עס איז נויטיק געווען, דערקלערונגען פון ווערטער, וועלכע שטאַמען פון אַנדערע שפראכן ווי דאָס האָבן געטאָן רבנן נתן מרומי (דער „ערוך״), ר׳ בנימין מוספיא (דער מחבר פון „מוסף הערוך״) און אַנדערע. איך האָב אויך צוגעגעבן אויפקלערונגען וועגן דעם לעבנס־שטייגער אין דער צייט פון דער משנה, וואָס מאַכט, אז מיר זאָלן בעסער פארשטיין די משנה. למשל אין די מסכתות פון נשים, אין יבמות, כתובות און אַנדערע, קומען כסדר פאָר הלכות וועגן „אירוסין״ און „נישואין״, וועלכע מען קאָן ניט פארשטיין סיידן ווען מען ווייסט, אז אין דער צייט פון דער משנה איז געווען דער מנהג, אז דער חתן האָט מקדש געווען די כלה, איר געגעבן דאָס רינגל און געזאָגט צו איר דעם „הרי את מקודשת לי״, ניט ערשט בעת דער חתונה, נאָר שוין ביי די תנאים, און די חתונה איז פאָרגעקומען ערשט אין א יאָר שפעטער. אַזעלכע מנהגים, אַנדערע ווי עס זענען היינט, זענען פאראן זייער א סך, און דאָס האָב איך געגעבן דאָרט וואו עס איז נויטיק.

פירטנס, אין „פּנים״, אין לשון-קודשדיקן טעקסט פון דער משנה האָב איך אויך געשטעלט די „סימני הפסיק״, דעם „פּונקט״, און „קאָמאַ״, און „פראַגע-צייכן״ און אַנדערע אַזעלכע צייכנס, כדי בעסער און לייכטער צו קאָנען לערנען די משנה. טיילמאָל ווערט מיט אַזאַ אַוועקשטעלן דעם „קאָמאַ״ (,) אויפן ריכטיקן אָרט פאַרענטפערט שווערע קשיות אין דער משנה. למשל אין דער משנה קידושין פּרק ב׳ משנה ג׳, וואו איך האָב אַוועקגעשטעלט דעם קאָמאַ (,) נאָכן וואָרט „אף על פּי כן״, כדי צו ווייזן אז דאָס גייט אריין אין די ווערטער וועלכע די פרוי זאָגט צום מאַן, און דערמיט זענען פאַרענטפערט עטליכע שווערע קשיות.

דער דאָזיקער דריטער סדר הייסט „נשים״ און דער נאָמען דערפון ווערט שוין געבראַכט אין דער גמרא (שבת ל״א). דער טייטש דערפון איז „נשים״,-„פרויען״, ווייל אין די מסכתות פון דאָזיקן סדר ווערן געלערנט די הלכות וועגן חתונה האָבן פון פרויען מיט מענער און אַלע ענינים, וועלכע האָבן א שייכות דערמיט, דהיינו: חתונה האָבן, די געלט און אַנדערע התחייבותן פון א מאַן צו זיין פרוי, גטן זיך, מייבם זיין אָדער נעמען חליצה ווען איינער שטאַרבט אָן קינדער און לאָזט איבער א פרוי, וועגן די וואַרנונגען פון א מאַן צו זיין פרוי אז זי זאָל זיך ניט טרעפן אין געהיים מיט א פרעמדן מאַנספּערזאָן, וכדומה ענינים. אָן אויסנאַם זענען צוויי מסכתות (נדרים און נזיר) וועלכע לערנען וועגן אַנדערע ענינים, וועלכע האָבן ניט קיין שייכות צו מאַן-און-פרוי-לעבן.

די מסכתות אין סדר נשים זענען:

יבמות״, וועלכע לערנט די הלכות וועגן מייבם זיין און חליצה נעמען (ווען א מאַן שטאַרבט אָן קינדער), און צום סוף פון דער מסכתא זענען פאַראַן עטליכע פּרקים וועגן עדות זאָגן אז א מאַן איז געשטאָרבן, כדי זיין פרוי זאָל מעגן חתונה האָבן. — „כתובות״, וועלכע לערנט די הלכות וועגן די פינאַנציעלע און אנדערע התחייבותן פון א מאַן צו זיין פרוי (די כתובה, אויסהאַלטונג און אַנדערע זאַכן). — „נדרים״, וועגן א נדר, וואָס אַ מאַן אָדער א פרוי טוט ניט צו טאָן געוויסע זאַכן, און ווי אַזוי מען קאָן דעם דאָזיקן נדר אויפלעזן, מתיר נדר זיין, אָדער אים צעשטערן. — „נזיר״, וועלכע לערנט וועגן דעם אז אַ מאַן אָדער א פרוי נעמט אויף זיך צו זיין א נזיר (ניט צו טרינקען קיין וויין, ניט אָפּצושערן זיך די האָר און ניט מטמא זיין זיך צו א טויטן מענטש), ווערן זיי נזירים, און ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך אויפפירן. — „סוטה״ וועגן דער וואַרנונג וואָס א מאַן גיט זיין פרוי אַז זי זאָל זיך ניט טרעפן אין געהיים מיט א פרעמדן מאַן און וואָס מען דאַרף טאָן אויב זי האָט זיך יאָ געטראָפן מיטן פרעמדן מאַן. אין דער דאָזיקער מסכתא ווערן דרך אגב געגעבן הלכות וועגן ברכת כהנים, פּרשת המלך, וועגן דער מלחמה-פירונג ביי

יידן, עגלה ערופה, און אויך היסטאָרישע רשימות. — „גטין״, די דינים פון גטן זיך. — „קידושין״, די דינים פון מקדש זיין א פרוי און אויך מיט וועלכע פרויען מען מעג חתונה האָבן. — פרטים וועגן יעדער פון די דאָזיקע מסכתות געבן מיר אין דער הקדמה צו יעדער מסכתא.

מען טאָרניט הײַנט אַרויסגעבן קיין שום ספר און ניט דערמאָנען דעם גרויסן חורבן, דעם עם ישראל אשר נפל בחרב, די איבער זעקס מיליאָן יידן אין פוילין, ליטא און אַנדערע לענדער פון אייראָפּא, וועלכע זענען אומגעבראכט געוואָרן באכזריות נוראה אין די יאָרן תרצט-תשה, די קהלות קדושות, דער רוב בנין פון יידישן פאָלק, אַזאַ אומגליק, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אפילו אין חורבן ירושלים, די מסעי הצלב, די גזרות ת״ח. און לאָמיר דאָ פארצייכנען מיין שוועסטער טויבע רחל ז״ל און איר מאן מיין שוואָגער ר׳ יצחק בלומבערג ז״ל און זייערע פינף קינדער ז״ל, וועלכע זענען אומגעקומען דורך די רוצחים טמאים אין ווארשא אין געטא אין אָנהייב חודש אב תש״ב, ועל אלה הקדושים והטהורים אני בוכיה. ערשט איצט האָבן מיר באקומען די ידיעה וועגן זייער מות קדושים, ולמשמע אוזן דאבה נפשנו.

און לאָמיר אויך פארצייכנען מיינע נאָנטע קרובים, די פעטערס, מי-מעס און זייערע קינדער און אייניקלעך, וועלכע זענען אומגעקומען דורך די רוצחים טמאים אין ווארשא און וועגן וועלכע מיר האָבן ביז איצט קיי-נע ידיעות ניט באקומען, און דאָס איינציקע וואָס מיר ווייסן וועגן זיי איז אז זיי זענען ניטאָ, צווישן זיי מיין פאָטערס ברודער החסיד הישיש ר׳ משה פיעטרושקא ז״ל (פון פראגע-ווארשא) און מיין מוטערס ברודער החסיד הישיש ר׳ משה יוסף ראָזענבערג ז״ל (פון ווארשא). און פון מיינע זייערע נאָנטע ידידים לאָמיר דערמאָנען איינעם, אשר כאח היה לי, אלימלך ראָזענבערג ז״ל, דער אדמיניסטראטאָר פון דער טאָג-צײַ-טונג „אונזער עקספּרעס״ אין ווארשא, וועלכער איז אומגעקומען מות קדושים אין אָנהייב תש״ד נאָכן דורכגיין די עינויים אין די קאָנצענט-ראציע לאגערן טרעמבלינקע און אָשווענטשים. השם ינקום דמם.

איך האָב געהאָפט ארויסצוגעבן דעם סדר נשים צו ראש השנה תש״ז; אָבער איך האָב דורכגעמאכט אן אָפּעראציע אין זומער תש״ו, וברוך ה׳ אשר לא הסיר חסדו מאתי, און איך בין צוריקגעקומען צו מיין געזונט, און איך גיב ארויס דעם סדר נשים מיט א פארשפּעטיגונג פון עטליכע חדשים. איך האָף אם ירצה השם ארויסצוגעבן דעם פירטן חלק, סדר נזיקין צו שבועות תש״ז, און איך ווינטש מיר זוכה צו זיין אַרויסצוגעבן אין גיכן די לעצטע צוויי סדרים, קדשים וטהרות, והיה זה שכרי.

איך האָב שוין אין די פריערדיקע הקדמות געזאָגט, אז עס זענען אַריינגעפאלן אין טייל ערטער דרוק-פעלערן, און אין טייל ערטער זענען פאראן מיינע אייגענע טעותים, ושבשתא כיון דעל על; איך וועל דאריבער צום סוף פון סדר טהרות געבן א רשימה מיט אויסבעסערונגן, תיקוני טעיות, און אויך צוגאָב-באמערקונגען.

שמחה פיעטרושקאַ,

מאָנטרעאל, אין חודש מרחשון תש״ז.

סדר נשים

מסכתא יבמות

הקדמה

די תורה זאָגט אין דברים כ"ה, אז איינער שטאַרבט אָן קינדער, דאַרף זיין וויב, די אלמנה, חתונה האָבן מיט זיין ברודער. די אלמנה הייסט א „יבמה" (שוועגערין), און דער לעבעדיקער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם הייסט דער „יבם", און זייער חתונה האָבן הייסט „מייבם זיין". דאָס איז נור ווען דער מאַן איז געשטאָרבן אָן קינדער. אויב אָבער ער האָט יאָ איבערגעלאָזט קינדער, טאָר זיין ברודער מיט דער אלמנה ניט חתונה האָבן, און דאָס איז א שטאַרקער איסור, „אשת אח", (דעם ברודערס וויב, אפילו נאָך זיין טויט), און עס קומט דערפאַר כרת, מען ווערט פאַרשניטן אין הימל. אויב אָבער דער מאַן איז געשטאָרבן אָן קינדער דאַרף זיין ברודער, ווי מיר האָבן געזאָגט, יאָ חתונה האָבן מיט דער אלמנה, ער דאַרף איר „מייבם-זיין", און ניט נאָר קומט ניט דערפאַר קיין שטראָף נאָר עס איז א מצוה. אויב אָבער דער ברודער וויל ניט מייבם זיין די אלמנה, זאָגט די תורה אין דברים כ"ה, אז דער ברודער דאַרף געבן דער אלמנה „חליצה"; די אלמנה ציט אראָפּ ביים פאַרשטאָרבענעם מאַנס ברודער זיין שוך („חלץ", הייסט אראָפּציען) און שפּייט פאַר אים און מען לייענט פסוקים אין חומש וועגן חליצה. נאָך נאָכדעם ווי דער ברודער האָט געגעבן זיין שוועגערין דער אלמנה חלוצה, מעג זי חתונה האָבן מיט אן אנדערן מאַן. די מסכתא יבמות לערנט וועגן די דינים פון מייבם-זיין און חליצה-געבן (חולץ-זיין) און אויך טייל אנדערע הלכות. כדי מען זאָל פאַרשטיין בעסער די הלכות אין דער מסכתא וועלן מיר דאָ געבן עטליכע באַמערקונגען, און כדי מען זאָל זיך ניט פּליאָנטערן, וועלן מיר דאָ אָנרופן די מענטשן מיט נעמען, וואָס זענען גענומען פון חומש.

א) אויב איינער, לאָמיר אים אָנרופן „ראובן", שטאַרבט אָן קינדער און ער האָט איבערגעלאָזט אן אלמנה שרה, און אויך עטליכע ברידער, שמעון, לוי און יהודה, — איז גענוג ווען איינער פון די ברידער גיט חליצה דער אלמנה, און מען דאַרף ניט, אז אלע ברידער זאָלן עס טאָן.

ב) אויב ראובן האָט איבערגעלאָזט עטליכע ווייבער, שרה און רבקה און רחל און לאה (אמאָל האָבן יידן געמעגט חתונה האָבן מיט עטליכע פרויען), איז גענוג ווען איינער פון זיינע ברידער איז מייבם אָדער גיט חלוצה צו איינער פון די פרויען, און די איבריקע ברידער און די איבריקע פרויען ווערן שוין באַפרייט, ווערן שוין פּטור, סיי פון מייבם זיין און סיי פון חליצה-נעמען.

ג) אויב ראובן האָט איבערגעלאָזט א וויב שרה, און איין ברודער שמעון, און די שרה איז געווען די טאָכטער פון ראובן'ס ברודער, פון שמעון, און שמעון טאָר דאָך אזוי ארום ניט מייבם זיין שרה'ן, ווייל זי איז דאָך זיין טאָכטער (און מען טאָר דאָך ניט חתונה האָבן מיט אן אייגענער טאָכטער, זי הייסט פאַר אים א „ערוה"), איז ניט נאָר קאָן ער איר ניט מייבם-זיין נאָר ער דאַרף איר אויך קיין חליצה ניט געבן, און זי איז פריי חתונה צו האָבן אָן חלוצה. ווי איז אָבער אז ראובן האָט איבערגעלאָזט צוויי ברידער, שמעון און לוי, טאָר טאַקע שמעון זיין אייגענע טאָכטער שרה ניט מייבם זיין און ניט געבן חלוצה, אָבער לוי דאַרף עס יאָ טאָן, אָדער מייבם זיין אָדער געבן חליצה.

ד) אויב ראובן איז געשטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזט צוויי ווייבער, שרה און רבקה, און שרה איז געווען די טאָכטער פון זיין ברודער שמעון, איז דער דין, אז ניט נאָר טאָר שמעון ניט חתונה האָבן (מייבם זיין) מיט שרה זיין טאָכטער און ניט נאָר דאַרף ער איר ניט געבן חלוצה, נאָר ער טאָר אויך ניט חתונה האָבן (מייבם זיין) מיט דער אנדערער פרוי-אלמנה, מיט רבקה, און ער דאַרף אויך איר ניט געבן חלוצה. אין דער משנה הייסט רבקה די „צרה" פון שרה, און דאָס וואָרט האָבן מיר

שוין אין תנך, אין ספר שמואל א׳ א׳. ווען איינער האָט צוויי ווייבער, הייסט יעדער פון זיי די „צרה״ פון דער אנדערער ווייב. דער דין איז, אז א ערוה באפרייט ניט נור זיך פון מייבם זיין און חליצה נעמען, נאָר זי באפרייט אויך איר צרה. דאָ, למשל, איז שרה א ערוה („ערוה״ הייסט יעדע פרוי מיט וועלכער איינער טאָר ניט חתונה האָבן און פאר לעבן מיט איר קומט לפחות כרת) צו שמעון, און דאַריבער באפרייט זי פון יבום און חליצה אויך איר צרה רבקה. דער דין זאָגט נאָכמער. אויב ראובן האָט איבערגעלאָזט 2 ברידער, שמעון און לוי, און רבקה האָט טאקע ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט שמעון, אָבער זי האָט חתונה געהאט מיט לוי מחמת צו לוי איז דאָך שרה ניט געווען קיין ערוה, און ממילא איז זי דאָך צו אים ני טקיין „צרה פון א ערוה״. לוי האָט געהאט נאָך א ווייב רחל, און נאָכדעם ווי לוי האָט חתונה געהאט מיט רבקה און האָט שוין געהאט צוויי ווייבער, רחל און רבקה, איז ער געשטאָרבן אָן קינדער, — זאָגט דער דין אז שמעון טאָר ניט מייבם זיין און ניט געבן חליצה ניט צו רחל און ניט צו רבקה; רחל טאָר ער ניט ווייל זי איז דאָך געווען די צרה פון זיין ערוה, פון שרה, און רבקה טאָר ער ניט, ווייל זי איז די „צרה פון זיין צרה״, די צרה פון רבקה. און אזוי גייט עס כסדר, דהיינו, אויב עס איז געווען נאָך ברידער, און רחל האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן ברודער, יהודה, וועלכער האָט געהאט א ווייב לאה, און יהודה איז געשטאָרבן אָן קינדער, טאָר שמעון ניט מייבם זיין און ניט חולץ-זיין ניט רחל און ניט לאה, ווייל רחל איז דאָך „די צרה פון זיין צרה״ (ווי מיר האָבן פריער דערקלערט) און לאה איז די צרה פון רחל, דאָס הייסט „די צרה פון זיין צרה פון זיין צרה״. אזוי גייט עס כסדר ביז אָן א סוף, אפילו „די צרה פון זיין צרה פון זיין צרה פון זיין צרה״ אָן א סוף, טאָר שמעון אלץ ניט חתונה האָבן מיט איר און ניט געבן איר חליצה.

ה) דאָס איז דער דין ניט נור ווען שרה איז די טאָכטער פון שמעון, נאָר אויך ווען שרה איז אן אנדערער ארט „ערוה״ צו שמעון, למשל, זי איז זיין ווייבס שוועסטער, אָדער זיין שוויגער, אָדער זי איז געווען אמאָל זיין שנור, אָדער זי איז געווען אמאָל דאָס ווייב פון זיין ברודער פון איין מוטער און דערנאָך האָט זי חתונה געהאט מיט ראובן וועלכער איז געווען נאָר אַ ברודער פון איין פאָטער (מייבם זיין און חולץ זיין דארף נור א ברודער פון איין פאָטער), וכדומה אזעלכע פרויען, מיט וועלכע שמעון טאָר ניט חתונה האָבן ווייל זיי זענען צו אים א ערוה, און עס קומט אָדער מיתה (טויט-שטראָף) אָדער כרת פאר חתונה האָבן מיט זיי.

אין דער מסכתא יבמות זענען די הלכות זייער שווערע און פארוויקלטע, און כדי לייכטער צו מאכן דאָס פארשטיין זיי, ווען מיר כסדר באנוצן נעמען פון ראובן, שמעון, לוי, יהודה, שרה, רבקה, רחל, לאה וכדומה, און אויך וועלן מיר כסדר זאָגן „מייבם זיין״, „יבום״, חולץ-זיין „חליצה-געבן״, „נעמען חליצה״, „פטרן״ (באַפרייען).למשל „שרה די ערוה פטרט איר צרה פון יבום און חליצה״, דאָס הייסט, אז זי באפרייט איר, אז מען דארף איר ניט מייבם זיין און ניט געבן חליצה. עס זאָל דאָ אויך באמערקט ווערן, אז די „יבמה״, למשל, שרה, די אלמנה פון פארשטאָרבענעם ראובן, הייסט אויך די „זקוקה״ פון שמעון, אזוי לאנג ווי שמעון האָט זי ניט מייבם געווען אָדער ניט געגעבן איר חליצה. „זקוק״ הייסט זיין „אָנגעהעריק״, און „זקוקה״, די אָנגעהעריקע; דערפון איז אויך פאראן א וואָרט „זיקה״, „די אָנגעהעריקייט״.

פרק א.

א. חמש עשרה פוטרות צרותיהן וצרות צרותיהן מן החליצה ומן היבום עד סוף העולם, ואלו הן: בתו ובת בתו ובת בנו, בת אשתו ובת בנה ובת בתה, חמותו ואם חמותו ואם חמיו, אחותו מאמו, ואחות אמו ואחות אשתו ואשת אחיו מאמו, ואשת אחיו שלא היה בעולמו, וכלתו. הרי אלו פוטרות צרותיהן וצרות צרותיהן מן החליצה ומן היבום עד

פרק א.

א. חמש עשרה, פופצן (סאָרטן) פרויען (וועלכע זענען א ערוה צום יבם) פטרן (באפרייען) פון חליצה און פון יבום זייערע צרות און די צרות פון זייערע צרות ביז אָן א סוף. **דאָס איז דער דין וואָס מיר האָבן גגעבן אין דער הקדמה צו דער מסכתא, אז ווען ראובן שטארבט אָן קינדער און לאָזט איבער צווי ווייבער שרה און רבקה, און איינע פון זיי איז א ערוה צו ראובן׳ס ברודער, שמעון, ׳איז ניט נאָר זי אליין באפרייט פון יבום און חליצה פון שמעונען נאָר אויך איר „צרה״, רבקה, איז אויך באפרייט. אויב רבקה האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן ברודער פון ראובן, מיט לוי, וועלכער האָט געהאט נאָך א ווייב, רחל, און לוי איז געשטאָרבן, איז ניט נור רבקה באפרייט פון יבום אָדער חליצה פון שמעונען, ווייל זי איז דאָך געווען א צרה פון זיין ערוה, נאָר אויך רחל איז באפרייט ווייל זי איז א צרה פון א צרה. און אזוי איז עס כסדר, אָן א סוף, „ביז דער עק וועלט״.** ואלו הן, און דאָס זענען זיי. **די משנה רעכנט דאָ אויס די 15 סאָרטן פרויען, וועלכע קאָנען זיין א ערוה צו שמעון.** בתו, זיין טאָכטער, און זיין טאָכטערס טאָכטער, און זיין זונס טאָכטער, זיין ווייבס טאָכטער, און איר זונ׳ס טאָכטער, און איר טאָכטערס טאָכטער, זיין שוויגער, און איר מוטער, און זיין שווערס. מוטער, זיין שוועסטער פון איין מוטער (ניט פון איין פאָטער) און די שוועסטער פון זיין מוטער, און זיין ווייבס שוועסטער, און דאָס ווייב פון זיין ברודער פון איין מוטער (ניט פון איין פאָטער), און דאָס ווייב פון זיין ברודער מיט וועלכן ער איז ניט געווען אין איין וועלט (ניט געלעבט מיט אים אין איין צייט), און זיין שנור. **דאָס זיינען אלץ פרויען וועלכע זענען „ערוה״ צו שמעון, אָבער מיט ראובנען האָבן זיי געמעגט חתונה האָבן, און ווען ראובן איז געשטאָרבן טאָר זיי שמעון ניט מייבם זיין און ניט געבן חליצה; און ניט נור זיי, נאָר אויך אויב ראובן האָט איבערגעלאָזט א חוץ זיי נאָך א ווייב, א צרה, איז אויך די צרה באפרייט פון חליצה און פון יבום פון שמעונען. די משנה זאָגט דאָ „א שוועסטער פון איין מוטער״, אָדער „דעם ברודערס ווייב פון איין מוטער״, מחמת אויב זיי וואָלטן געווען מיט שמעון פון איין פאָטער וואָלט דאָך אויך ראובן, וועלכער איז מיט שמעונען געווען א ברודער פון איין פאָטער ניט געטאָרט מיט זיי חתונה האָבן. „אשת אחיו שלא היה בעולמו״, „דאָס ווייב פון זיין ברודער מיט וועלכן ער איז ניט געווען צוזאמען אין זיין וועלט״, מיינט, אז עס זענען געווען צוערשט צווי ברידער ראובן און לוי, און לוי איז געשטאָרבן אָן קינדער, און ראובן האָט מייבם געווען, חתונה געהאט מיט לוי׳ס ווייב, שרה, און דערנאָך איז געבוירן געוואָרן ביי ראובנ׳ס פאָטער נאָך א זון שמעון. איז דער דין אז ווייל שמעון איז דאָך נאָכניט געווען אויף דער וועלט ווען לוי איז געהאט געשטאָרבן (ער איז ניט געווען מיט אים צוזאמען אויף איין וועלט), איז ווען ראובן שטארבט אָן קינדער, די פרוי שרה אסור צו אים אלס „אשת אחיו שלא היה בעולמו״. פרטים וועגן דעם וועט די משנה געבן ווייטער פרק ב׳ משנה א׳.** הרי אלו, די דאָזיקע (פרויען, וועלכע זענען אסור צו שמעון אלס ערוה) פטרן (באפרייען) פון חליצה און פון יבום זייערע צרות און די צרות פון זייערע צרות ביז אָן א סוף. **דאָס איז דער דין, וואָס מיר האָבן פריער געלערנט, און וועלכן מיר האָבן דערקלערט אין דער הקדמה.** וכולן, און זיי אלע, אויב זיי זענען געהאט גע־שטאָרבן אָדער זיי האָבן ממאָן־געווען, אָדער זיי זענען געגט, אָדער עס האָט

סוף העולם. וכולן, אם מתו או מיאנו או נתגרשו או שנמצאו אילונית צרויהן מותרות. ואי אתה יכול לומר בחמותו ובאם חמותו ובאם חמיו, שנמצאו אילונית או שמיאנו:

ב. כיצד פוטרות צרותיהן? היתה בתו או אחת מכל העריות האלו נשואה לאחיו, ולו אשה אחרת ומת, כשם שבתו פטורה, כך צרתה פטורה. הלכה צרת בתו ונשאת לאחיו השני ולו אשה אחרת ומת, כשם שצרת בתו פטורה, כך צרת צרתה פטורה, אפילו הן מאה. כיצד אם

זיך ארויסגעוויזן אז זיי זענען געווען אן אילונית (א פרוי וואָס איז ווי א זכר און קאָן ניט האָבן קיין קינדער) זענען זייערע צרות מותר. ממאן געווען הייסט ווען א מוטער מאכט חתונה איר טאָכטער ווען זי איז נאָך א יונג קינד, א קטנה, יינגער פון 12 יאָר מיט א טאָג, קאָן די טאָכטער דערנאָך דערקלערען אז זי וויל ניט דעם מאַן; דאָס הייסט ממאן־געווען, פון וואָרט „ממאן”, ניט־וועלן. דאמאָלס ווערט זי אויס פרוי פון מאן און דארף ניט האָבן קיין גט. די משנה לערנט דאָ, אז אויב שרה (די ערוה צו שמעון) איז געהאט געשטאָרבן ווען ראובן האָט נאָך געלעבט, אָדער ראובן האָט זי געהאט געגט, אָדער זי האָט ממאן געווען אין ראובנען (מחמת ווען זי האָט געהאט חתונה געהאט מיט אים איז זי געווען א קטנה), אָדער עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז זי איז אן אילונית און עס הייסט אז זי איז על פי טעות געוואָרען ראובן׳ס פרוי (אזוי טייטשט דער ברטנורא), און ראובן איז געשטאָרבן, איז זיין פרוי רבקה ניט פאררעכנט פאר קיין צרת ערוה, נאָר שמעון מעג איר מייבם זיין אָדער ער דארף איר געבן חליצה. דער טעם איז וויל שרה און רבקה זענען ניט געווען מער קיין צרות צוזאמען בעת ראובן איז געשטאָרבן. ואי אתה, און דו קאָנסט ניט זאָגן ביי דער „שוויגער” און ביי דער „שוויגערס מוטער” און „זיין שוועגרס מוטער”, אז זיי האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין אן אילונית אָדער אז זיי האָבן ממאן געווען. מחמת זיי האָבן דאָך געהאט קינדער, און ממילא זענען זיי ניט קיין אילונית און זענען ניט געווען קיין קטנות (יינגע קינדער), ווייל קטנות קאָנען ניט האָבן קיין קינדער.

ב. כיצד, ווי אזוי פטרן (באפרייען) זיי זייערע צרות? די משנה וועט איצט געבן אביישפיל, ווי אזוי אויב איינע פון די צוויי פרויען פון ראובן, שרה, איז א ערוה צו שמעון, למשל זיין טאָכטער, באפרייט זי איר צרה, רבקהן פון חליצה און פון מייבם זיין. היתה, אויב זיין (שמעון׳ס) טאָכטער (שרה) אָדער איינער פון (זיינע, שמעונ׳ס) אנדערע עריות (למשל, שוויגער און די אנדערע אויסגערעכנטע ערוה) האָט געהאט חתונה געהאט צו זיין ברודער (צו ראובן) און ער (ראובן) האָט געהאט נאָך אן אנדערע פרוי (רבקה), און ער (ראובן), איז געשטאָרבן, איז פונקט ווי זיין (שמעון׳ס) טאָכטער (שרה) איז פטור (פון חליצה און פון מייבם־זיין) אזוי איז איר צרה (רבקה) פטור (באפרייט פון חליצה און פון מייבם זיין). דאָס איז די דערקלערונג וואָס מיר האָבן געגעבן אין דער הקדמה און אויך פריער אין דער משנה א׳. איצט וועט די משנה דערקלערן וואָס הייסט באפרייען (פטרן) די „צרה פון דער צרה”. הלכה, אויב זיין טאָכטער׳ס צרה (רבקה) איז געגאנגן און האָט חתונה געהאט צו זיין צווייטן ברודער (צו לוי) און ער (לוי) האָט געהאט נאָך אן אנדערע פרוי (רחל) און ער איז געשטאָרבן (אָן קינדער), איז אזוי ווי זיין (שמעונ׳ס) טאָכטערס צרה (רבקה) איז פטור (באפרייט און שמעון טאָר איר ניט מייבם זיין און ניט חולץ־זיין), אזוי איז די צרה פון דער צרה (רחל) אויך פטור (באפרייט). דאָס איז אויך די דערקלערונג וואָס מיר האָבן געגעבן אין דער הקדמה און אין משנה א׳ וועגן „צרה פון צרה”. אפילו הן מאה, אפילו זיי זענען הונדערט (ברידער). דאָס הייסט אויב אפילו זיי זייבען געווען 100 ברידער, און די צרה פון דער צרה (רחל) האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן ברידער (יהודה) און יענער האָט געהאט נאָך א פרוי (לאה) און ער איז געשטאָרבן, טאָר שמעון ניט מייבם זיין און ניט חולץ־זיין אויך לאה, ווייל זי איז די צרה פון דער

מתו צרותיהן מותרות? היתה בתו או אחת מכל העריות האלו נשואה לאחיו ולו אשה אחרת, מתה בתו או נתגרשה ואחר כך מת אחיו צרתה מותרת. וכל היכולה למאן ולא מיאנה, צרתה חולצת ולא מת־יבמת:

ג. שש עריות חמורות מאלו, מפני שנשואות לאחרים, צרותיהן מותרות: אמו, ואשת אביו, ואחות אביו, אחותו מאביו, ואשת אחי אביו, ואשת אחיו מאביו:

צרה פון זיין טאָכטער, און אזוי כסדר אפילו ביז דעם הונדערטסטן ברידער, דאָס הייסט אָן א סוף, ווי די משנה האָט געלערנט פריער אין משנה א׳. כיצד, ווי אזוי (מיינט אז) „אויב זיי זענען געשטאָרבן זענען זייערע צרות מותר״? די משנה גייט דאָ אויסטייטשן די ווערטער פון דער פאָריקער משנה א׳. היתה, אויב זיין (שמעון׳ס) טאָכ־טער (שרה) אָדער איינע פון די אנדערע עריות האָט חתונה געהאַט מיט זיין ברודער (ראובן) און ער האָט געהאַט נאָך אן אנדערע פרוי (רבקה), און זיין (שמעון׳ס) טאָכ־טער איז געשטאָרבן אָדער זי איז געוואָרן גע׳גט (דורך ראובנען) און דערנאָך איז זיין ברודער (ראובן) געשטאָרבן) איז איר צרה (רבקה) מותר. שמעון מעג מייבם זיין אָדער חולץ זיין רבקה, ווייל ווי מיר האָבן דערקלערט פריער אין משנה א׳ הייסט רבקה ניט שרה׳ס צרה, מחמת בעת ראובן איז געשטאָרבן האָט דאָך שרה שוין ניט געלעבט אָדער זי איז שוין געווען געגט. וכל היכולה, און יעדע פרוי (א ערוה) וואָס קאָן ממאן זיין און זי האָט ניט ממאן געווען, דאַרף איר צרה נעמען חליצה אָבער מען טאָר זי ניט מייבם־זיין. די משנה לערנט דאָ אז אויב שרה איז געווען א יונג קינד צו דער חתונה מיט ראובענען, און זי האָט געקאָנט ממאן־זיין (ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳) און זי האָט ניט ממאן געווען און ראובן איז געשטאָרבן און האָט אי־בערגעלאָזט נאָך א פרוי רבקה, איז כאָטש שרה איז די טאָכטער פון שמעון, א ערוה צו אים, פונדעסטוועגן באַפרייט זי ניט איר צרה, רבקהן, אינגאַנצן. מייבם זיין טאָר זי ניט שמעון, אָבער חליצה דאַרף ער איר יאָ געבן. דער טעם איז, ווייל אין אזא פאַל איז דאָס וואָס ראובן האָט געהאַט מקדש געווען (גענומען אלס פרוי) שרה אלס יונג קינד, ניט געווען קיין שטאַרקע קידושין, עס איז נאָר קידושין מדרבנן, און מדאו־רייתא (לויט דעם דין פון דער תורה) איז עס אינגאַנצן ניט קיין קידושין. דאַריבער הייסט עס ניט אז רבקה איז איר ריכטיקע צרה, און דעריבער דאַרף זי נעמען חליצה, כאָטש מייבם־זיין טאָר זי ניט שמעון, ווייל זי זעט דאָך פאָרט אויס ווי די צרה פון א ערוה.

ג. שש, זעקס ערוהס זענען פאַראַן, וועלכע זענען האַרבער (שטאַרקער) פון די דאָזיקע (דערמאָנטע פופצן ערוהס (פריער אין משנה א׳); מחמת זיי קאָנען חתונה האָבן נור מיט פרעמדע (און ניט מיט זיין, שמעון׳ס ברודער, מיט ראובענען), זענען זייערע צרות מותר (שמעון מוז זיי מייבם זיין אָדער געבן חליצה); (דאָס זענען זיי): זיין (שמעונ׳ס) מוטער, די פרוי פון זיין פאָטער, די שוועסטער פון זיין פאָטער, זיין שוועסטער פון איין פאָטער, די פרוי פון זיין פאָטערס ברודער, און די פרוי פון זיין ברודער פון איין פאָטער. מיט די דאָזיקע פרויען טאָר ניט נור שמעון ניט חתונה האָבן, נאָר אויך ראובן האָט ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט זיי, מחמת זיי זענען דאָך ערווהס פון פאָטערס קרובהשאַפט, און ראובן און שמעון זענען דאָך ברידער פון איין פאָטער. און למשל, שמעון׳ס מוטער איז דאָך ראובנס פאָטערס ווייב. ממילא אויב ראובן האָט יאָ חתונה געהאַט מיט אזא האַרבער ערוה, לאָמיר זי אָנרופן, שרה, און ער האָט געהאַט נאָך א ווייב רבקה, און ראובן איז געשטאָרבן, דאַרף שמעון מייבם זיין אָדער געבן חליצה צו רבקה. אין דאָזיקן פאַל הייסט ניט רבקה די צרה פון א ערוה, ווייל שרה איז בכלל ניט געווען געזעצליך ראובנ׳ס ווייב, די קידושין זענען ניט געווען קיין קידושין, ווארום זיי זענען דאָך א ערוה צו ראובנען, און אז מען איז מקדש א ערוה איז עס ניט קיין קידושין.

ד. בית שמאי מתירין הצרות לאחים ובית הלל אוסרים. חלצו, בית שמאי פוסלין מן הכהונה, ובית הלל מכשירים. נתייבמו בית שמאי מכשירים ובית הלל פוסלין. אף על פי שאלו (אוסרין, ואלו מתי־רין אלו) פוסלין, ואלו מכשירין, לא נמנעו בית שמאי מלישא נשים מבית הלל ולא בית הלל מבית שמאי. כל הטהרות והטומאות שהיו אלו מטהרין ואלו מטמאין, לא נמנעו עושין טהרות אלו על גבי אלו:

ד. בית שמאי, די בית שמאי זענען מתיר די צרות צו די ברידער, און די בית הלל אסרן. די משנה זאָגט דאָ אז וועגן דעם דין אז די צרה פון א ערוה טאָר דער ברו־דער נית מייבם זיין און ער דארף איר אויך ניט געבן חליצה, איז פאראן א מחלוקה צווישן די בית שמאי און די בית הלל. שמאי און הלל האָבן געלעבט לערך 100 יאָר פאר דעם חורבן פון 2טן בית המקדש, און זייערע תלמידים און תלמידימ׳ס תלמידים, וועלכע האָבען געלעבט אויך א סך שפעטער, האָבן געהייסן די בית שמאי און די בית הלל. די בית שמאי האָבן געהאלטן אז שמעון מעג מייבם זיין רבקה, די צרה פון זיין טאָכטער שרה, און די בית הלל האלטן, אז ער טאָר ניט. און ווייל די הלכה איז ווי די בית הלל, דאריבער האָט די סתם־משנה פריער אין משנה א׳ און ב׳ געלערנט ווי די בית הלל. בית שמאי, די בית שמאי פסלן׳ען (די צרה, וועלכע האָט גענומען חליצה) פון דער כהונה (זי טאָר ניט חתונה האָבן מיט א כהן) און די בית הלל זענען מכשיר (זאָגן אז זי מעג חתונה האָבן מיט א כהן). דער דין איז, אז א פרוי וועלכע האָט גענומען חליצה טאָר ניט חתונה האָבן מיט א כהן. זאָגן די בית שמאי, אז ווייל די צרה דארף נעמען חליצה, ממילא איז איר חליצה נעמען א ריכטיקע און זי טאָר דאריבער ניט חתונה האָבן מיט א כהן, אָבער די בית הלל האלטן דאָך אז די צרה דארף ניט נעמען חליצה, דאריבער אויב זי האָט יאָ גענומען, איז די חליצה ניט קיין ריכטיקע, און זי הייסט ניט קיין חליצה נאָר אן אלמנה, און זי מעג חתונה האָבן מיט א כהן. נתייבמו, אויב מען האָט זיי (די צרות) מייבם געווען (דער ברודער שמעון, האָט חתונה געהאט מיט דער צרה, רבקה) זענען די בית שמאי זיי מכשיר, און די בית הלל פסלנען. דער דין איז, אז אויב שמעון טאָר זיין שוועגערין די אלמנה ניט מייבם זיין, הייסט עס אז זי איז ווי סתם די פרוי פון זיין ברודער, אשת אחיו, און אויב שמעון האָט איר יאָ מייבם געווען, הייסט עס אז ער האָט געטאָן א עבירה, געלעבט מיט א ערוה, זיין ברודערס פרוי (זע אין דער הקדמה), און אזא פרוי, מיט וועלכער מען האָט געטאָן א עבירה, טאָרניט שפעטער חתונה האָבן מער צו א כהן. ווייל די בית שמאי האלטן, אז מען מעג מייבם זיין די צרה, דאריבער אויב שמעון האָט חתונה געהאט מיט דער צרה, רבקה, האָט ער ניט געטאָן קיין עבירה, און אויב שמעון איז שפעטער גע־שטאָרבן (האָבנדיק קינדער) מעג רבקה, אלס א געוויינליכע אלמנה, חתונה האָבן מיט א כהן לויט די בית שמאי. אָבער די בית הלל האלטן דאָך, אז מען טאָר ניט, דארי־בער אויב שמעון האָט זי מייבם געווען האָט ער דאָך געטאָן מיט איר א עבירה, און אויב ער איז שפעטער געשטאָרבן, איז זי פסול חתונה צו האָבן מיט א כהן. אף על פי, כאָטש די בית הלל—אסרן און די בית שמאי) זענען מתיר, (די בית שמאי) פסלענען און די (בית הלל) זענען מכשיר (און אויך פארקערט), האָבן די בית שמאי זיך ניט אָפגעהאלטן חתונה צו האָבן מיט פרויען פון די בית הלל, און די בית הלל האָבן זיך ניט אפגעהאלטן חתונה צו האָבן מיט פרויען) פון די בית שמאי. **מחמת זיי פלעגן איינער דעם אנדערן מודיע זיין ווער עס זענען פון די חתונה־געהאטע צרות.** כל הטהרות, אלע זאכן וואָס זיינען טהור און אלע זאכן וואָס זיינען טמא, וואָס די (בית הלל) האָבן מטהר געווען, און די (בית שמאי) האָבן מטמא געווען (און אויך פאר־קערט), האָבן זיי (די תלמידים פון דיביידע ישיבות פונדעסטוועגן) ניט אָפגעזאָגט זיך צו באנוצן די (טהור־זאכן) איינע פון די אנדערע. **עס זענען פאראן דינים אין דער משנה סדר טהרות און אין דער מסכתא עדיות וועגן זאכן וועלכע די בית שמאי**

פרק ב.

א. כיצד אשת אחיו שלא היה בעולמו? שני אַחים ומת אחד מהם ונולד להן אח, ואחר כך יבם השני את אשת אחיו ומת. הראשונה יוצאת משום אשת אחיו שלא היה בעולמו, והשנייה — משום צרתה.

און די בית הלל זענען מחולק בנוגע זאכן צי זיי זענען טהור צי זיי זענען טמא. זאָגט די משנה, אז די פריינטשאפט צווישן די תלמדים פון דיביידע ישיבות איז געווען אזוי גרויס, אז זיי האָבן איינער געניצט דעם צווייטנס זאכן אלס טהור, אויב זיי האָבן זיי געזאָגט, אז זיי זיינען טהור לויטביידנס מיינונגען.

פרק ב.

א. כיצד, וואָס הייסט „דאָס ווייב פון זיין ברודער, מיט וועלכן ער איז ניט געווען צוזאמען אין זיין וועלט?" די משנה גיט דאָ צו דערקלערן דעם טייטש פון די ווערטער אין דער משנה אין פאָריקן פרק א' משנה א', וועלכע זאָגט, אז „אשת אחיו שלא היה בעולמו", „דאָס ווייב פון זיין ברודער, מיט וועלכן ער איז ניט געווען צוזאמען אין זיין וועלט", הייסט א ערוה, און ניט נאָר איז זי אליין פּטור פון ייבום און פון חליצה נעמען, נאָר אויך איר צרה, דאָס אנדערע ווייב פון פאַרשטאָרבענעם ברודער, איז באפרייט פון ייבום און פון חליצה נעמען. און די משנה זאָגט, אז דאָס מיינט מען אזוי: שני אחים, אויב עס זענען געווען צוויי (ברידער ראובן און לוי) און איינער פון זיי (ראובן) און געשטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזט א ווייב (שרה) און עס איז (נאָך ראובן'ס טויט) געבוירן געוואָרן (ביי זייערע עלטערן— נאָך א ברודער (שמעון), און דער צווייטער ברודער (לוי) האָט מייבם געווען זיין ברודער'ס (ראובן'ס) ווייב (שרה'ן) און ער איז געשטאָרבן (און ער האָט איבערגעלאָזט צוויי ווייבער, שרה און נאָך א ווייב רבקה), איז דאָס ערשטע (ווייב, שרה) באפרייט פון ייבום און פון חליצה) ווייל זי איז (צו שמעונען) דאָס ווייב פון זיין ברודער, מיט וועלכן ער איז ניט געווען אויף זיין וועלט, און דאָס צווייטע (ווייב, רבקה) איז באפרייט (פון ייבום און פון חליצה) ווייל זי איז איר (שרה'ס) צרה. מיר האָבן דעם דאָזיקן טייטש פון „אשת אחיו שלא היה בעולמו" געגעבן פריער אין פרק א' משנה א'. ווייל אין דער צייט ווען ראובן איז געשטאָרבן איז נאָך שמעון ניט געהאט געבוירן געוואָרן, האָט שמעון ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט ראובן'ס ווייב שרה, און דעריבער אפילו ווען שרה האָט חתונה געהאט מיט לוי און לוי איז געשטאָרבן טאָר אויך שמעון ניט מייבם זיין און ניט געבן חליצה צו שרה, ווייל זי איז נאָך אלץ דאָס ווייב פון זיין ברודער (ראובן) מיט וועלכן ער איז ניט געווען צוזאמען אויף איין וועלט, זיי האָבן ניט גע־לעבט צוזאמען אין איין צייט. עשה, אויב ער (לוי) האָט (נאָך ראובן'ס טויט) געמאכט מיט איר (מיט שרה) א „מאמר" און ער איז געשטאָרבן דארף דאָס צווייטע (ווייב פון לוי, רבקה) נעמען (פון שמעון) חליצה, אָבער (שמעון) טאָר ניט איר מייבם זיין. כדי צו פארשטיין דעם דאָזיקן דין וועגן „מאמר", און אויך א סך אנדערע דינים וועגן „מאמר", וואָס וועלן ווייטער קומען אין דער משנה, וועלן מיר דאָ געבן א גרע־סערע דערקלערונג. דער דין איז, אז איינער האָט חתונה מיט א פרוי קאָן ער זי מקדש-זיין מיט געלט צי מיט א זאך, אָדער מיט א געשריבענעם דאָקומענט, א „שטר"; ער גיט איר דאָס געלט, און זאָגט צו איר „הרי את מקודשת לי", אָדער ער גיט איר דעם שטר; אָדער מיט „ביאה", געשלעכט-לעבן. אָבער ווען איינער וויל מייבם זיין דאָס ווייב פון זיין פארשטאָרבענעם ברודער, מוז ער עס טאָן נור דורך געשלעכטליכן לעבן מיט איר, דאָס הייסט מיט „ביאה". ווי איז אָבער, אז ער האָט דער אלמנה פון זיין ברודער געגעבן געלט און צו איר געזאָגט „הרי את מקודשת לי", אָדער ער האָט איר געגעבן דעם שטר, זאָגט דער דין, אז לויט דער הלכה פון דער תורה, מדאורייתא, ווערט ניט שרה לוי'ס ווייב; אָבער מדרבנן, לויט דעם דין פון די חכמים, הייסט זי אביסל ווי זיין ווייב. דאָס דאָזיקע מקדש זיין מיט געלט צי מיט א שטר דעם ברודערס אלמנה הייסט „מאמר" (פון וואָרט „אָמר", זאָגן). לערנט אונז

עשה בה מאמר ומת, שנייה חולצת ולא מתיבמת:

ב. שני אחים ומת אחד מהן ויבם השני את אשת אחיו, ואחר כך נולד להן אח ומת, הראשונה יוצאת משום אשת אחיו שלא היה בעולמו, והשנייה משום צרתה. עשה בה מאמר ומת. השנייה חולצת ולא מתיבמת. ר׳ שמעון אומר, מיבם לאיזו מהן שירצה או חולץ לאיזו מהן שירצה:

ג. כלל אמרו ביבמה, כל שהיא (אסורה) איסור ערוה, לא חולצת

דאָ די משנה, אז אויב לוי האָט נור געמאכט מיט שרה, ראובן׳ס אלמנה, א „מאמר״, ער האָט זי נור מקדש געווען מיט געלט, און ער, לוי, איז געשטאָרבן ווען ער האָט איבערגעלאָזט שרה און נאָך א ווייב רבקה, דארף שמעון יאָ געבן חליצה צו רבקה; מחמת רבקה הייסט ניט קיין ריכטיקע צרה פון שרה, ווייל שרה איז דאָך נאָכניט געווען דאָס ריכטיקע ווייב פון לוי, און עס איז דאָך געווען נור א „מאמר״. אָבער שמעון טאָר ניט מייבם זיין רבקה, חתונה האָבן מיט איר, ווייל מדרבנן הייסט דאָך א מאמר יאָ אזוי ווי מקדש געווען, און דאריבער הייסט רבקה יאָ אביסל ווי א צרה פון שרה.

ב. שני אחים, אויב עס זיינען געווען צוויי ברידער (ראובן און לוי), און איינער פון זיי (ראובן) איז געשטאָרבן (און איבערגעלאָזט א ווייב שרה) און דער צווייטער (ברודער, לוי) האָט מייבם געווען זיין ברודער׳ס ווייב (שרה׳ן) און דערנאָך איז זיי געבוירן געוואָרן א ברודער (שמעון), און ער (לוי) איז געשטאָרבן (און איבערגעלאָזט צוויי ווייבער, (שרהן און נאָך א ווייב רבקה), איז די ערשטע (שרה) באפרייט (פון ייבום און פון חליצה פון שמעונען) ווייל זי איז דאָס ווייב פון זיין (שמעונ׳ס) ברודער (ראובן) מיט וועלכן ער איז ניט געווען צוזאמען אויף זיין וועלט, און דאָס צווייטע (ווייב, רבקה, איז באפרייט פון ייבום און פון חליצה פון שמעונען) ווייל זי איז איר (שרה׳ס) צרה; אויב (לוי) האָט גימאכט מיט איר (שרה׳ן) א „מאמר״ און ער איז געשטאָרבן, דארף דאָס צווייטע (ווייב, רבקה) נעמען (פון שמעון) חליצה, אָבער ער (שמעון) טאָר זי ניט מייבם זיין. עס איז דערזעלביקער דין וואָס פריער אין משנה א׳, נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס פריער איז שמעון געהאט געבוירן געוואָרן איידער לוי האָט מייבם געווען שרה׳ן, די אלמנה פון זיין ברודער ראובן, און אין דעם איצטיקן דין פון דער משנה איז שמעון געבוירן געוואָרן שוין נאָכדעם ווי לוי האָט געהאט מייבם געווען שרהן. ר׳ שמעון, ר׳ שמעון זאָגט, אז ער (שמעון) קאָן מייבם זיין וועלכע פון זיי ער וויל (שרה׳ן צי רבקה׳ן) אָדער חליצה געבן וועלכע פון זיי ער וויל (שרה׳ן צי רבקה׳ן). דעם תנא ר׳ שמעון׳ס ווערטער גייען ארויף אויף דעם אָנהייב פון דער משנה, און ער זאָגט, אז „אשת אחיו שלא בעולמו״ הייסט נור דעמאָלס ווען שמעון איז געבוירן געוואָרן איידער לוי האָט מייבם געווען שרה׳ן, ראובן׳ס אלמנה. מחמת נור דעמאָלס איז שרה געווען צו שמעון דאָס ווייב, די אלמנה, פון זיין ברודער ראובן, מיט וועלכן ער איז ניט געווען צוזאמען אויף איין וועלט, און זי איז געוואָרן אסור צו אים אלס א יבמה א ערוה. זי, שרה, האָט געהאט צו אים, צו שמעונען, א „זיקה״, אן „אָנגעהעריקייט״, אלס יבמה, אָבער ער האָט איר ניט געטאָרט מייבם זיין און אויך ניט חליצה געבן; ממילא בלייבט זי שטענדיק א ערוה צו אים, כאָטש אין דער צווישן־צייט האָט זי חתונה געהאט מיט לוי, און ווען לוי איז געשטאָרבן איז זי, שרה געוואָרן שמעונ׳ס יבמה דורך לוי׳ס טויט. אָבער אויב שמעון איז געבוירן געוואָרן נאָכדעם ווי לוי האָט געהאט מייבם געווען שרהן, האָט דאָך שרה קיינמאָל, אלס ראובנ׳ס אלמנה, ניט געהאט קיין שום „זיקה״, קיין שום יבמה־אָנגעהעריקייט, צו שמעונען, דאריבער ווען לוי שטארבט מעג שמעון שרה׳ן יאָ מייבם זיין אָדער גיבן איר חליצה, און דאָס זעלביקע אויך צו איר צרה.

ג. כלל, דעם דאָזיקן כלל האָט מען (האָבן די חכמים) געזאָגט וועגן א יבמה;

ולא מתיבמת. (איסורה) איסור מצוה ואיסור קדושה, חולצת ולא מת־יבמת. אחותה שהיא יבמתה, חולצת או מתיבמת.

ד. איסור מצוה, שניות מדברי סופרים. איסור קדושה, אלמנה לכהן

יעדע (יבמה) וועלכע איז אסור (חתונה צו האָבן מיט דעם יבם ווייל זי איז צו אים אן) איסור ערוה, נעמט זי ניט קיין חליצה און מען טאָר זי ניט מייבם זיין. דאָס איז דערזעלבער דין וואָס מיר האָבן געהאַט אין פאַריקן פרק א׳ משנה א׳. ווי מיר האָבן געזאָגט אין דער הקדמה צו דער מסכתא און אויך פריער פרק א׳ משנה א׳ הייסט א „ערוה״ למשל די טאָכטער פון יבם, אָדער די שוועסטער פון זיין ווייב וכדומה פרויען, וואָס אויב דער יבם לעבט מיט זיי קומט אים מיתה אָדער כרת. ניט נאָר זי אליין נעמט ניט חליצה און מען איז איר ניט מייבם, נאָר אויך איר צרה, ווי מיר האָבן פריער געלערנט אין פרק א׳. איסור מצוה, (אויב די יבמה טאָרניט חתונה האָבן מיט׳ן יבם, ווייל זי איז צו אים אן) איסור צוליב מצוה אָדער צוליב קדושה, דאַרף זי נעמען חליצה, אָבער מייבם זיין טאָר מען זי ניט. דער איסור צוליב מצוה אָדער צוליב קדושה איז א סך גרינגער פון דעם איסור ערוה, און דעריבער דאַרף אזא יבמה חליצה יאָ נעמען, אָבער מייבם זיין, חתונה האָבן מיט איר, טאָר ניט דער יבם. די משנה (אין משנה ד׳) וועט באַלד דערקלערן וואָס מען מיינט „אי־סור מצוה״ און „איסור קדושה״, אחותה, איר (דער ערוה׳ס) שוועסטער וועלכע איז איר שוועגערין, קאָן נעמען חליצה אָדער ייבום. דאָ לערנט די משנה א נייעם דין, און מיר ווען עס דאָ דערקלערן. לאָמיר זאָגן, אז עס זיינען געווען דריי ברידער, ראובן, שמעון און לוי. ראובן און לוי האָבן חתונה געהאַט מיט צוויי שוועסטערן, מיט לאה און רחל, ראובן מיט לאה און לוי מיט רחל. און זיי זענען ביידע געשטאָרבן אָן קינדער, און די צוויי שוועסטערן, לאה און רחל, זענען געוואָרן יבמות, „זקוקות״ (זע צום סוף פון דער הקדמה צו דער מסכתא) צום דריטן ברודער שמעון. איז דער דין, אז שמעון טאָרניט מייבם זיין, ניט חתונה האָבן מיט קיין איינער פון זיי, מחמת כאָטש קיינע פון זיי איז נאָכניט זיין ווייב, אָבער יעדע פון זיי איז זיין זקוקה, זיין יבמה, און אויב שמעון וועט חתונה האָבן למשל מיט רחל, וועט עס הייסן, אז ער האָט חתונה מיט דער שוועסטער פון לאה, וועלכע איז דאָך זיין זקוקה (אחות זקוקתו). לערנט דאָ די משנה, אז אויב למשל לאה איז געווען א ערוה צו שמעון, למשל, לאה איידער זי האָט חתונה געהאַט מיט ראובנען איז זי געווען שמעון׳ס שנור אָדער שוויגער, דאמאָלס מעג שמעון יאָ מייבם זיין, חתונה האָבן, מיט איר שוועסטער רחל, וועלכע איז איר שוועגערין; איצט הייסט ניט רחל מער די „אחות זקוקתו״ פון שמעון, ווארום שמעון טאָר דאָך סיי ווי ניט געבן חלוצה אָדער מייבם זיין לאהן, מחמת זי איז דאָך א ערוה צו אים, און שמעון האָט דעריבער ניט צו איר קיין „זיקה״.

ד. איסור מצוה, אן „איסור מצוה״ זענען (פרויען, וועלכע זענען) „שניות״ דורך די ווערטער פון די חכמים (סופרים). עס זענען פאַראַן פרויען, וואָס לויט דעם דין פון דער תורה מעג מען חתונה האָבן מיט זיי; למשל מיט דער פרוי פון דער מוטער׳ס ברודער, נאָכדעם ווי דער מוטערס ברודער איז געשטאָרבן אָדער ער האָט איר גע׳גט. אָבער די חכמים האָבן גע׳אסרט חתונה צו האָבן אויך מיט די דאָזיקע פרויען, זיי הייסן „שניות״, „צווייטע״, דאָס הייסט, זיי זענען ניט קיין „ערוה״ נאָר „צווייטע צו ערוה״. זיי הייסן „איסור מצוה״, ווייל עס איז א מצוה צו פאָלגן די חכמים. „סופרים״ האָבן געהייסן די חכמים אין אָנהויב פון דער צייט פון צווייטן בית המקדש, און מיר געפינען אין ספר עזרא, אז עזרא האָט געהייסן סופר (עזרא ז׳, „עזרא הכהן הסופר״). אסור קדושה, אן „איסור קדושה״ (זענען די פרויען) אן אלמנה צו א כהן גדול, אָדער א גרושה צי א חלוצה (א פרוי וואָס האָט גענומען חליצה) צו א געוויינטליכן כהן (כהן הדיוט), אָדער א ממזרת אָדער א נתינה צו א ישראל, אָדער א ישראל׳ס א טאָכטער צו א נתין אָדער צו א ממזר. די תורה זאָגט, אז א כהן גדול

גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה לישראל, ובת ישראל לנתין וממזר:

ה. מי שיש לו אח מכל מקום, זוקק את אשת אחיו ליבום, ואחיו לכל דבר, חוץ ממי שיש לו מן השפחה ומן הנכרית. מי שיש לו בן מכל מקום, פוטר אשת אביו מן היבום, וחייב על מכתו ועל קללתו, ובנו לכל

טאָר ניט חתונה האָבן מיט אן אלמנה, און אז א געוויינטליכער כהן טאָר ניט חתונה האָבן מיט א גרושה (א געגטע פרוי), און אז אפילו א געוויינטליכער ייד (אפילו ניט קיין כהן, נאָר אויך א ישראל) טאָרניט חתונה האָבן מיט א ממזרת אָדער מיט א נתינה, און אויך טאָר די טאָכטער פון א ישראל ניט חתונה האָבן מיט א ממזר צו א נתין. א ממזר הייסט א קינד וואָס איז געבוירן פון לעבן מיט ערוה. א נתין הייסט איינער וועלכער שטאמט פון די גבעונים, וועלכע זענען דורך א ערמה געוואָרן יידן אין דער צייט פון יהושע בן נון (יהושע ט') און א ייד טאָר מיט זיי ניט חתונה האָבן, ווייל זיי שטאמען פון די 7 פעלקער, וועלכע האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל איידער די יידן האָבן פארנומען דאָס לאנד און די תורה האָט אנגעזאָגט אז מען טאָר מיט זיי ניט חתונה האָבן. די אלע פרויען זיינען ניט קיין ערוה, מחמת, ווען מען לעבט מיט זיי קומט ניט קיין מיתה און אויך ניט קיין כרת, און עס איז נור א פארבאָט, א „לאו" אין דער תורה אז מען זאָל מיט זיי ניט חתונה האָבן, זיי הייסן „איסור קדושה", ווייל די תורה (ויקרא כ"א) זאָגט „קדושים יהיו לאלהיהם", „זיי די יידן זאָלן זיין הייליק צו זייער גאָט", און באלד דערנאָך איז פארהאן דער אסור אז א כהן טאָרניט נעמען קיין גרושה. די משנה רעכנט דאָ צווישן איסור קדושה אויך א פרוי א חלוצה צו א כהן, כאָטש לויטן דין איז דאָס ניט קיין איסור פון דער תורה נאָר מדרבנן, די חכמים האָבן עס גע'אסרט.

ה. מי, אויב איינער האָט א ברודער, פון וואָסער אָרט עס איז (מכל מקום), מאכט ער אז זיין ברודערס ווייב זאָל מען דארפן מייבם זיין (אָדער נעמען חליצה). די משנה וויל דאָ זאָגן, אז ווען למשל ראובן האָט א ברודער שמעון, אָבער דער דאָזיקער שמעון איז ניט מיט ראובנען פון איין מוטער, און דער שמעון איז געבוירן געוואָרן ניט דורך קידושין, אפילו ער איז א ממזר, — מוז ראובנ'ס ווייב נאָכדעם ווי ראובן איז געשטאָרבן אָן קינדער נעמען פון שמעונען חליצה אָדער (אויב ער מעג מיט איר חתונה האָבן) חתונה האָבן מיט אים. „זוקק" איז דער טייטש „פאַר־פליכטן", מאכן די פרוי פאר א „זקוקה", א „יבמה", ווי מיר האָבן עס פארטייטשט אין דער הקדמה צו דער מסכתא. ואחיו, און ער (דער דאָזיקער שמעון, וועלכער איז געבוירן געוואָרן ניט דורך קידושין, און אפילו ווען ער איז א ממזר, אויב ער איז נאָר פון איין פאָטער מיט ראובנען), איז זיין (ראובנ'ס) ברודער אין אלע זאכן. די גמרא זאָגט, אז דאָס מיינט מען, אז אויב שמעון שטארבט אָן קינדער ירשנט ראובן זיין פארמעגנס, און אויב ראובן איז א כהן מעג ער זיך מטמא זיין קובר צו זיין שמעונען, ווייל כאָטש א כהן טאָר זיך ניט מטמא זיין צו א מת, אָבער צו א ברודער מעג ער, און שמעון ווערט פאררעכנט ווי א ברודער. חוץ, אן אויסנאם איז ווען איי־נער האָט (א ברודער) פון א שקלאפין אָדער פון א גויה. אויב ראובנ'ס פאָטער האָט געלעבט מיט א שקלאפין (שפחה כנענית, א גויאישע שקלאפין, וועלכע האָט נור אין טייל זאכן דעם דין פון א יידישער) אָדער מיט א גויה און ער האָט פון איר געבוירן שמעונען, הייסט שמעון ניט קיין ברודער פון ראובן. מי שיש לו בן, ווער עס האָט א זון פון וואָסער אָרט עס איז, באפרייט ער (דער זון) זיין פאָטערס ווייב פון יבום. אפילו דער זון איז געבוירן געוואָרן ניט דורך קידושין, און אפילו ער איז א ממזר, הייסט ער א קינד, און ווען דער פאָטער שטארבט אָן קינדער און לאָזט איי־בער נור אים אליין, דאַרף שוין דעם פאָטערס ווייב ניט נעמען קיין חליצה אָדער יבום, ווייל עס הייסט אז דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט א קינד. וחייב, און ער

דבר, חוץ ממי שיש לו מן השפחה ומן הנכרית:

ו. מי שקדש אחת משתי אחיות ואיני יודע איזה מהן קדש, נותן גט לזו וגט לזו. מת ולו אח אחד, חולץ לשתיהן. היו לו שנים, אחד חולץ ואחד מיבם. קדמו וכנסו, אין מוציאין מידם:

ז. שנים שקדשו שתי אחיות, זה אינו יודע איזו קדש וזה אינו יודע

ווערט באשטראָפט פאר שלאָגן אים אָדער פאר שעלטן אים. **די תורה אין שמות כ״א פסוקים ט״ו און י״ז זאָגט, אז איינער שלאָגט זיין פאָטער אָדער ער שעלט זיין פאָטער ווערט ער באשטראָפט מיט טויט. זאָגט דאָ די משנה אז אפילו דער זון איז געבוירן געוואָרן ניט דורך קידושין און אפילו ער איז א ממזר ווערט ער באשטראָפט פאר שלאָגן אָדער שעלטן זיין פאָטער.** ובנו, און ער הייסט זיין זון צו אלע זאכן. למשל צו נעמען א ירושה. חוץ, אן אויסנאם איז איינער וועלכער האָט (א זון) מיט א שקלאפין אָדער מיט א גויה. **דער הייסט ניט זיין זון.**

ו. מי שקידש, אז איינער האָט מקדש געווען איינע פון צוויי שוועסטערן און ער ווייסט ניט וועלכע ער האָט מקדש געווען, זאָל ער געבן א גט צו דער (איינער שוועסטער) און א גט צו דער (אנדערער שוועסטער). וועגן „מקדש זיין״ האָבן מיר **געגעבן פריער אין משנה א׳. אויב ראובן האָט מקדש געווען איינע פון די צוויי** שוועסטערן, רחל און לאה, און ער ווייסט ניט וועלכע פון זיי ער האָט מקדש געווען, **טאָר ער מיט קיין איינער פון זיי ניט חתונה האָבן, ווייל עס קאָן דאָך זיין, אז ער האָט מקדש געווען איר שוועסטער און ער טאָר דאָך ניט חתונה האָבן מיט דער שוועסטער פון זיין ווייב. דעריבער מוז ער געבן צו יעדער פון די שוועסטער א גט, כדי זיי זאָלן מעגן חתונה האָבן צו אנדערע מענטשן.** מת, אויב (איידער ראובן האָט זיי געגעבן די גיטין) איז ער (ראובן) געשטאָרבן, און ער האָט איבערגעלאָזט איין ברודער (שמעון) דאַרף ער (שמעון) געבן חליצה צו ביידע שוועסטערן. **מייבם זיין, חתונה האָבן, טאָר ער ניט מיט קיין איינער פון די שוועסטערן, לאָמיר זאָגן מיט לאה (געבנדיק דער צווייטער שוועסטער חליצה), ווייל עס קאָן דאָך זיין אז די אנדערע שוועסטער, רחל, איז דאָס ריכטיקע ווייב פון ברודער, און די לאה איז דאָך דעריבער די שוועסטער פון דער פרוי וועמען ער האָט געגעבן חליצה, אחות חלוצתו, און מיט אן אחות חלוצתו טאָר מען ניט חתונה האָבן.** היו לו, אויב ער ראובן האָט (איבערגעלאָזט) צוויי ברידער (שמעון און לוי) מעג איינער געבן חליצה און דער צווייטער מעג מייבם זיין. **שמעון גיט חליצה צו לאה און לוי מעג חתונה האָבן מיט רחל׳ן, ווייל ממה נפשך: איז לאה געווען דאָס ריכטיקע ווייב פון ראובן, איז דאָך שמעון׳ס חליצה געווען א גוטע חליצה, און רחל איז דאָך צו לוי אינגאנצן א פרעמדע און ער מעג מיט איר חתונה האָבן. איז ווידער רחל געווען דאָס ריכטיקע ווייב פון ראובן, מעג דאָך איר לוי מייבם זיין.** קדמו, אויב (איידער זיי האָבן זיך אָנגעפרעגט דעם בית דין) האָבן זיי (שמעון און לוי) פריער חתונה געהאט (שמעון מיט לאה און לוי מיט רחל) נעמט מען זיי ניט ארויס פון זיי (הייסט מען זיי זיך ניט גטן). **לכתחילה טאָרן זיי ניט ביידע חתונה האָבן, מחמת אין דער צייט פון חתונה האָבן איז דאָך וועגן יעדער פון זיי א ספק, טאָמער איז זי די שוועסטער פון דעם איצטיקן מאנ׳ס זקוקה (אחות זקוקתו) און מיט „אחות זקוקתו״ טאָר מען ניט חתונה האָבן, ווי מיר האָבן פריער געלערנט. אָבער בדיעבד קאָן דאָך יעדער זאָגן, אז זיין ווייב איז געווען דאָס ריכטיקע ווייב פון ראובנען און ער האָט געמעגט מיט איר חתונה האָבן, און נאָך דער חתונה איז דאָך שוין ניטאָ דער חשש, טאָמער לעבט ער מיט א אחות זקוקתו, מחמת די צווייטע שוועסטער האָט דאָך חתונה געהאט מיט זיין ברודער, און זי איז דאדורך געוואָרן אויס „זקוקה״; „זקוקה״ הייסט א פרוי אזוי לאנג ווי זי האָט ניט גענומען קיין חליצה אָדער ייבום.**

ז. שנים, צוויי מענטשן (ניט ברידער, נאָר פרעמדע, משה און ראובן) האָבן

אי זו קדש, זה נותן שני גטין וזה נותן שני גטין. מתו, לזה אח ולזה אח, זה חולץ לשתיהן וזה חולץ לשתיהן. לזה אחד ולזה שנים, היחיד חולץ לשתיהן, והשנים, אחד חולץ ואחד מיבם. קדמו וכנסו, אין מוציאין מידם. לזה שנים ולזה שנים, אחיו של זה חולץ לאחת, ואחיו של זה חולץ לאחת; אחיו של זה מיבם חלוצתו של זה, ואחיו של זה מיבם חלוצתו של זה. קדמו שנים וחלצו, לא ייבמו השניים, אלא אחד חולץ ואחד מיבם. קדמו וכנסו, אין מוציאין מידם:

מקדש געווען צוויי שוועסטערן (לאה און רחל) און דער (משה) ווייסט ניט וועלכע (שוועסטער) ער האָט מקדש געווען, און דער (ראובן) ווייסט ניט וועלכע (שוועסטער) ער האָט מקדש געווען, דארף דער (משה) געבן צוויי גיטין (איינע צו לאה און איינע צו רחל), און דער (ראובן) דארף געבן צוויי גיטין (איינע צו לאה און איינע צו רחל), **עס איז דערזעלביקער דין, וואָס אין דער פאָריקער משנה, נאָר מיט דעם אונטער־שיד, וואָס דאָ האָבן צוויי מענטשן מקדש געווען.** מתו, אויב זיי (משה און ראובן זענען געשטאָרבן אָן קינדער, און דער (משה) האָט (איבערגעלאָזט) א ברודער (אהרן) און דער (ראובן) האָט (איבערגעלאָזט) א ברודער (שמעון), דארף דער (אהרן) געבן חליצה צוביידע (שוועסטערן) און דער (שמעון) דארף געבן חליצה צו ביידע (שוועסטערן). **אויך דאָ איז דערזעלביקער דין וואָס פריער אין דער משנה מיט איין מענטש און איין ברודער.** לזה אחד ולזה שנים, אויב דער (משה) האָט (איבערגעלאָזט) איין (ברודער, אהרן), און דער (ראובן) האָט (איבערגעלאָזט) צוויי (ברידער, שמעון און לוי) דארף דער איינער (אהרן) געבן חליצה צו ביידע (צו לאה און צו רחל) און די צוויי (שמעון און לוי) קאָן איינער געבן חליצה (צו לאה) און דער צווייטער מעג מייבם זיין (רחל'ן); אויב זיי (שמעון און לוי) האָבן פריער (איידער זיי האָבן גע־פרעגט די שאלה ביים בית דין) חתונה געהאט (איינער מיט לאה און דער אנדערער מיט רחלן, הייסט מען זיי זיך ניט גטן. **אויך דאָ איז דערזעלביקער דין ווי פריער אין דער משנה, ווייל בדיעבד הייסן דאָך ניט לאה און רחל, נאָך דער חתונה, קיין אחות זקוקתו.** לזה שנים, אויב דער (משה) האָט (איבערגעלאָזט) צוויי (ברידער, אהרן און און אלעזר), און דער (ראובן) האָט (איבערגעלאָזט) צוויי (ברידער, שמעון און לוי), דארף איין ברודער פון דעם (פון משה'ן, לאָמיר זאָגן אהרן) געבן חליצה צו איינע (צו לאה) און איין ברודער פון דעם (פון ראובן, לאָמיר זאָגן שמעון) דארף געבן חליצה צו איינער (צו רחל); דער (אנדערער) ברודער פון דעם (פון משה, דאָס איז אלעזר) מעג מייבם זיין די (פרוי וועלכע האָט גענומען) חליצה פון דעם אנדערן (רחל), און דער אנדערער ברודער פון דעם (ראובן, דאָס איז לוי) מעג מייבם זיין די (פרוי וועלכע האָט גענומען) חליצה פון דעם אנדערן (לאה). **אויך דאָ איז ממה נפשך: אויב רחל איז געווען די פרוי פון פארשטאָרבענעם משה, מעג דאָך אלעזר איר מייבם זיין ווי זיין פארשטאָרבענעם ברודערס ווייב; אויב רחל איז ניט געווען דאָס ווייב פון משה איז זי דאָך צו אלעזר א פרעמדע, און חליצה האָט זי דאָך גענו־מען פון שמעון, איר ריכטיקן פארשטאָרבענעם מאַנ'ס (ראובנ'ס) ברודער, מעג דאָך אלעזר מיט איר חתונה האָבן, און אזוי איז אויך מיט לוי און לאה.** קדמו שנים, אויב צוויי (ברידער, לאָמיר זאָגן פון משה, דאָס הייסט אהרן און אלעזר) האָבן גע־געבן חליצה (אהרן צו לאה און אלעזר צו רחל), טאָרן די (אנדערע) צוויי (שמעון און לוי) ניט מייבם זיין, נאָר איינער (שמעון) קאָן געבן חליצה (צו לאה) און איינער (לוי) קאָן מייבם זיין (רחלן); אויב זיי האָבן פריער (איידער זיי האָבן זיך געפרעגט ביי בית דין) חתונה געהאט (שמעון מיט לאה און לוי מיט רחל) הייסט מען זיי זיך ניט גטן. **דאָס איז אזוי ווי מיר האָבן דערקלערט אין דער פריערדיקער משנה מיט איין מענטש, וועלכער האָט מקדש איינע פון די צוויי שוועסטערן און ער איז גע־שטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזן צוויי ברידער.**

ח. מצוה בגדול ליבם ; ואם קדם הקטן ,זכה. הנטען על השפחה ונשתחררה, או על הנכרית ונתגיירה, הרי זה לא יכנוס. ואם כנס, אין מוציאין מידו. הנטען על אשת איש, והוציאוה מתחת ידו, אף על פי שכנס יוציא.

ט. המביא גט ממדינת הים ואמר בפני נכתב ובפני נחתם, לא ישא את אשתו. מת, הרגתיו, והרגנוהו, לא ישא את אשתו. ר׳ יהודה אומר,

---

ח. מצוה, עס איז א מצוה, אז דער עלטסטער (ברדוער) זאָל מייבם זיין. אויב עס זענען געבליבן עטליכע ברידער, דארף דער עלטסטער פון זיי מקיים זיין די מצוה פון מייבם זיין. ואם, און אויב דער יינגערער ברודער האָט זיך מקדים געווען (און מייבם געווען) האָט ער זוכה געווען. דער ייבום איז א גוטער ייבום און זי בלייבט זיין ווייב. הנטען, אז מען רעדט אויף איינעם (אז ער האָט געלעבט) מיט א שקלאפין, און זי איז באפרייט געוואָרן (און איז דאדורך געוואָרן א יידישע פרוי), אָדער (אז ער האָט געלעבט) מיט א גויה און זי האָט זיך מגייר געווען (און איז געוואָרן א יידישע פרוי) זאָל ער מיט איך ניט חתונה האָבן. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז כדי מען זאָל ניט זאָגן אז דאָס פריערדיקע רעדן איז געווען אמת. „נטען" איז פון וואָרט „טען", טענהן, ריידן, דאָס הייסט, אז עס גייט ארום אזא קלאנג, כאָטש מען ווייסט ניט צי ער איז אמת. ואם כנס, און אויב ער האָט יאָ חתונה געהאט (מיט איר) הייסט מען אים ניט גטן זיך. מחמת אפילו ווען דער קלאנג זאָל האָבן געווען אמת, איז זי אויך ניט אסור צו אים. הנטען על אשת איש, אויב מען רעדט אויף איינעם (אז ער לעבט) מיט אן אשת איש (מיט א פארהייראטער פרוי פון אנדערן מאן), און מען האָט אים (דעם אנדערן מאן) געהייסן זיך גטן מיט איר, איז כאָטש ער (דער בארעד־טער מענטש) האָט מיט איר חתונה געהאט (נאָכדעם ווי זי האָט זיך געגט מיט איר פריערדיקן מאן) זאָל ער זיך מיט איר גטן. ווייל דער דין איז אז אויב דער קלאנג זאָל זיין אמת, און ער האָט טאקע געלעבט מיט דער אשת איש, ווערט זי אסור צו איהם אויף שטענדיק, פונקט ווי זי ווערט אסור צו איר פריערדיקן מאן.

ט. המביא אז איינער ברענגט א גט פון א מדינה פון (יענער זייט) ים און ער זאָגט, אז „פאר מיר איז (דער גט) געשריבן געוואָרן און פאר מיר האָבן די עדות אויף אים געחתמעט" (בפני נכתב ובפני נחתם) זאָל ער ניט חתונה האָבן מיט דער דאָזיקער פרוי. דער דין איז, אז א מאן, ווען ער גט זיין פרוי, מוז ער ניט דוקא אליין געבן דער פרוי דעם גט אין איר האנט, נאָר ער קאָן דעם גט שיקן דורך א שליח, און דער שליח זאָל געבן דער פרוי דעם גט. זאָגט די משנה אין מסכתא גטין פרק א׳ משנה א׳, אז אויב א שליח ברענגט א גט פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל (מיט מדינת הים מיינט מען דאָ חוץ לארץ) דארף דער שליח זאָגן, אז ער האָט אליין געזען ווי מען האָט דעם גט געשריבן און די עדות האָבן זיך אויף אים געחתמעט. דאָרט אין גטין פרק א׳ וועלן מיר געבן דעם טעם דערפון. לערנט דאָ אונזער משנה, אז דער דאָזיקער שליח טאָרניט חתונה האָבן מיט דער גע׳גטער פרוי. דער טעם איז, ווייל אויף זיינע ווערטער פארלאָזט מען זיך דאָך אז דער גט איז א גוטער גט, דאריבער קאָן מען חושד זיין, אז ער האָט בכוונה אזוי געזאָגט, כדי ער זאָל קאָ־גען חתונה האָבן מיט דער פרוי. מת, (אז איינער קומט און זאָגט עדות אויף א מאן, אז) דער (מאן) איז געשטאָרבן, אָדער אז „איך (דער עדות) האָב אים דערהרגט צום טויט", אָדער אז „מיר (דער עדות צוזאמען מיט נאָך אנדערע מענטשן) האָבן אים דערהרגט צום טויט" (און אזוי ארום מעג די פרוי פון דעם פארשטאָרבענעם אָדער דעם הרוג חתונה האָבן) טאָר ער ניט חתונה האָבן מיט זיין פרוי. ווייל מען פארלאָזט זיך דאָך אויף זיין עדות זאָגן, דאריבער קאָן מען חושד זיין אז ער האָט פאלש עדות געזאָגט כדי צו קאָנען חתונה האָבן מיט דער פרוי. אָבער מיט אן אנדערן מענטש מעג די פרוי יאָ חתונה האָבן. ר׳ יהודה זאָגט, אז (אויב דער עדות

הרגתיו — לא תנשא אשתו, הרגנוהו — תנשא אשתו:

י. החכם שאסר את האשה בנדר על בעלה, הרי זה לא ישאנה. מיאנה או שחלצה בפניו, ישאנה, מפני שהוא בית דין. וכולן שהיו להם נשים ומתו, מותרות לינשא להם. וכולן שנישאו לאחרים ונתגרשו או שנתאלמנו, מותרות לינשא להן. וכולן מותרות לבניהם או לאחיהן:

זאָגט) „איך האָב אים דערהרגט צום טויט", טאָר ניט די פרוי חתונה האָבן, (אָבער אויב ער זאָגט) „מיר האָבן אים דערהרגט צום טויט", מעג יאָ די פרוי חתונה האָבן. די גמרא זאָגט, אז לויט ר' יהודה איז ער בכלל פסול צו זיין א עדות, ווייל ער איז א רוצח, און די פרוי טאָרניט חתונה האָבן מיט קיינעם. אָבער אויב ער זאָגט „מיר האָבן דערהרגט" מיינט, אז ער זאָגט בפירוש אז ער איז געווען דערביי ווי מען האָט אים דערהרגעט, אָבער ער אליין האָט אים ניט דערהרגעט, און דאריבער איז זיין עדות זאָגן יאָ גוט.

י. החכם, א חכם, וועלכער האָט געאסרט א פרוי מיט א נדר אויף איר מאַן, טאָר ער מיט דער פרוי ניט חתונה האָבן (נאָכדעם ווי דער מאַן האָט איר גע'גט). מיט „חכם" מיינט מען דאָ א רב אָדער א מורה הוראה, וועלכער קאָן מתיר נדר זיין. די גמרא טייטשט, אז די משנה מיינט, אז די פרוי האָט געטאָן א נדר ניט הנאה צו האָבן פון מאַן, און דער מאַן האָט איר ניט צעשטערט דעם נדר (זע אין דער הקדמה צו מסכתא נדרים), און די פרוי איז געקומען צום חכם, אז ער זאָל איר מתיר נדר זיין, און דער חכם האָט געפסקנט, אז מ'קאָן איר דעם נדר ניט מתיר זיין, און דאריבער האָט זי זיך געמוזט גטן מיטן מאַן. דערויף לערנט די משנה, אז דער חכם טאָר מיט דער פרוי ניט חתונה האָבן, כדי מען זאָל ניט חושד זיין, אז דער חכם האָט בכוונה ניט געוואָלט איר מתיר נדר זיין, כדי זי זאָל מוזן נעמען דעם גט און ער זאָל מיט איר חתונה האָבן. מיאנה, אויב א פרוי האָט ממאן געווען פאַר אים (פאַר דעם חכם) אָדער זי האָט גענומען פאַר אים חליצה, מעג ער (דער חכם) יאָ חתונה האָבן מיט איר, ווייל ער איז א בית דין. „ממאן-זיין" האָבן מיר דערקלערט פריער אין פרק א' משנה א' אז דאָס מיינט, אז ווען א מוטער מאַכט חתונה איר יינגע (א קטנה) טאָכטער, קאָן די טאָכטער ווען זי איז נאָך יינג, ממאן-זיין, זאָגן פאַר א בית-דין פון 3 פערזאָן, אז זי וויל ניט דעם מאַן, און זי ווערט אויס ווייב פון דעם מאַן און זי דאַרף ניט נעמען פון אים קיין גט. אויך חליצה נעמען דאַרף א פרוי פאַר א בית-דין פון 3 פערזאָן, זאָגט די משנה, אז ווייל דער חכם זיצט דאָך דאָ אין בית דין מיט נאָך 2 פערזאָן, מעג ער יאָ חתונה האָבן מיט דער פרוי וועלכע האָט ממאן גע-ווען אָדער וועלכע האָט גענומען חליצה. וכולן, און די אלע דאָזיקע (וועלכע די משנה האָט פריער אויסגערעכנט, דער חכם און דער וואָס זאָגט עדות און דער וואָס זאָגט עדות און דער וואָס ברענגט דעם גט, און האָט געלערנט אז זיי טאָרן ניט חתונה האָבן מיט דער פרוי) אויב זיי האָבן געהאַט פרויען און זיי (די פרויען) זענען (דערנאָך, נאָכדעם ווי די אלע זאַכן זענען פאָרגעקומען) געשטאָרבן, מעגן זיי יאָ חתונה האָבן מיט דער פרוי. מחמת איצט קאָן מען זיי ניט חושד זיין, ווייל בשעת מעשה האָבן זיי דאָך געהאַט פרויען. וכולן, און די אלע דאָזיקע (פריער-דערמאָנטע פרויען, וועלכע האָט ממאן געווען אָדער גענומען חליצה, אָדער וואָס מען האָט וועגן איר עדות געזאָגט אז דער מאַן איז געשטאָרבן, אָדער מען האָט איר געבראַכט דעם גט), אויב זיי האָבן (נאָכדעם) חתונה געהאַט צו אנדערע מענער און (דערנאָך) זיך גע'גט מיט זיי, אָדער זיי זענען געוואָרן (דערנאָך) אלמנות (די אנדערע מענער זענען געשטאָרבן) מעגן זיי חתונה האָבן. דאמאָלס מעג שוין דער חכם אָדער דער עדות זאָגער אָדער דער גט-ברענגער חתונה האָבן מיט דער פרוי, ווייל דער חשד פאַלט שוין אוועק. וכולן און די אלע (דאָזיקע פרויען) זענען מותר חתונה צו האָבן צו זייערע זין אָדער צו זייערע ברידער. דאָס הייסט, צו די קינדער אָדער צו די ברידער פון

פרק ג.

א. ארבעה אחין, שנים מהן נשואים שתי אחיות, ומתו הנשואים את האחיות, הרי אלו חולצות ולא מתיבמות. ואם קדמו וכנסו, יוציאו. ר׳ אליעזר אומר בית שמאי אומרים, יקיימו, ובית הלל אומרים, יוציאו:

ב. היתה אחת מהן אסורה על האחד איסור ערוה, אסור בה, ומותר באחותה, והשני אסור בשתיהן. איסור מצוה ואיסור קדושה, חולצת ולא מתייבמת:

דעם חכם צו פון דעם עדות צי פון דעם גט־ברענגער. דאביי איז ניטאָ קיין חשד, ווייל ,,אין אדם חוטא ולא לו״, א מענטש וועט ניט זינדיקן, ניט טאָן קיין זינדיקע זאַך בלויז כדי אן אנדערער מענטש, אפילו זיין זון צו זיין ברודער, זאָל דערפון עפּיס געניסן.

פרק ג.

א. ארבעה, פיר ברידער (ראובן, שמעון, לוי און יהודה) וואָס צוויי פון זיי (ראובן און שמעון) האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (לאה און רחל, ראובן מיט לאה און שמעון מיט רחל), און די (ברידער ראובן און שמעון) וועלכע האָבן חתונה געהאט מיט די (צוויי) שוועסטערן זענען געשטאָרבן (אָן קינדער), זאָלן די דאָזיקע (צוויי שוועסטערן) נעמען (פון לוי און פון יהודה) חליצה, אָבער ניט מיובם ווערן (חתונה האָבן מיט זיי). דער טעם איז, ווייל יעדע פון די שוועסטערן, למשל לאה איז דאָך צו לוי און צו יהודה א ,,אחות זקוקתו״, די שוועסטער פון זיין זקוקה, פון רחל, ווי מיר האָבן געלערנט אין דער הקדמה צו דער מסכתא און אויך פריער אין פרק ב׳ משנה ו׳, און מען טאָר ניט חתונה האָבן מיט א אחות זקוקתו. ואם קדמו, און אויב זיי האָבן (איידער זיי האָבן זיך געפרעגט ביים בית דין) פריער חתונה געהאט (לוי מיט לאה און יהודה מיט רחל), זאָלן זיי זיך גטן. פריער אין פרק ב׳ משנה ז׳ האָט מען געלערנט, אז מען דארף זיך ניט גטן, ווייל דאָרט איז עס נאָר געווען א ספק צי זי איז א אחות זקוקתו, אָבער דאָ איז עס א זיכערע (ודאי) אחות זקוקתו. ר׳ אליעזר זאָגט, אז די בית שמאי זאָגן, אז זיי זאָלן האלטן (זייערע פרויען, ניט גטן זיך), און די בית הלל זאָגן, אז זיי זאָלן זיך גטן. די גמרא זאָגט, אז די משנה דארף געלערנט ווערן פארקערט, אז די בית שמאי זאָגן אז זיי זאָלן זיך גטן און די בית הלל זאָגן, אז ניט גטן זיך. מחמת אומעטום (מיט ווייניק אויסנאמען אין מסכתא עדיות) זענען די בית שמאי לחומרא און די בית הלל לקולא.

ב. היתה, אויב איינע פון זיי (פון די צוויי שוועסטערן למשל, לאה) איז געווען אסור צו איינעם פון די ברידער (למשל, צו לוי) מיט א איסור פון ערוה (למשל, זי איז געווען לוי׳ס טאָכטער, און א טאָכטער צו א פאָטער איז א ערוה) טאָר ער (לוי) ניט נעמען איר (לאה׳ן), אָבער ער מעג מייבם זיין, (חתונה האָבן) מיט איר שוועסטער (מיט רחל׳ן). דעם דאָזיקן דין האָבן מיר שוין געהאט פריער אין פרק ב׳ צום סוף משנה ג׳, און דער טעם איז, וואָס קוים איז לאה צו לוי׳ן א ערוה, איז זי שוין ניט זיין זקוקה, מחמת ער דארף איר ניט געבן ניט קיין חליצה און ניט קיין ייבום, און ממילא איז רחל ניט מער לוי׳ס אחות זקוקתו, ניט מער די שוועסטער פון זיין זקוקה. והשני, און דער צווייטער (ברודער, יהודה) טאָר ניט (מייבם זיין קיינע איינע פון) צוויי (שוועסטערן). ווייל פאר אים איז יעדע פון זיי א אחות זקוקתו. איסור מצווה, אויב (אָבער זי, לאה, איז אסור צו לוי ניט אלס ערוה נאָר אלס) א איסור מצוה אָדער א איסור קדושה, דארף זי (סיי זי און סיי איר שוועסטער) נעמען חליצה אָבער מען טאָר איר ניט מייבם זיין. וואָס מען מיינט ,,איסור מצוה״ און ,,איסור קדושה״ האָבן מיר געלערנט פריער פרק ב׳ משנה ד׳, און דאָרט אין משנה ג׳ האָבן מיר אויך געלערנט דעם דין, אז זי דארף נעמען חליצה, אָבער מען טאָר זי ניט מייבם זיין. און

ג. היתה אחת מהן אסורה על זה איסור ערוה, והשנייה אסורה על זה איסור ערוה, האסורה לזה מותרת לזה, והאסורה לזה מותרת לזה. וזו היא שאמרו: אחותה כשהיא יבמתה, או חולצת או מתיבמת:

ד. שלשה אחין שנים מהן נשואין שתי אחיות, או אשה ובתה, או אשה ובת בתה, או אשה ובת בנה, הרי אלו חולצות ולא מתיבמות. ור׳ שמעון פוטר. היתה אחת מהן אסורה עליו איסור ערוה, אסור בה ומותר באחותה. איסור מצוה או איסור קדושה, חולצות ולא מתיבמות:

ה. שלשה אחין שנים מהם נשואים שתי אחיות ואחד מופנה, מת

ווייל זי דארף נעמען חליצה הייסט איר שוועסטער ווייטער א אחות זקוקתו און לוי טאָר דעריבער אויך די שוועסטער (רחלן) ניט מייבם זיין.

ג. היתה, אויב איינע פון זיי (פון די שוועסטערן, למשל לאה) איז געווען אסור אויף דעם (אויף לוי) אלס איסור ערוה (למשל, זי איז געווען זיין טאָכטער) און די צווייטע (רחל) איז געווען אסור אויף דעם (אויף יהודה) אלס איסור ערוה (זי איז געווען זיין טאָכטער), איז די (לאה) וועלכע איז אסור צו דעם (צו לוי) מותר (חתונה צו האָבן צו דעם (צו יהודה), און די (רחל) וועלכע איז אסור צו דעם (צו יהודה) איז מותר צו דעם (צו לוי). **דאָס איז דערזעלבער דין, וואָס אין דער פריערדיקער משנה, און זיי מעגן חתונה האָבן מיט איינע פון די שוועסטערן, ווייל לאה איז דאָך ניט יהודה׳ס אחות זקוקתו (מחמת רחל איז דאָך יהודה׳ס טאָכטער), און רחל איז ניט לוי׳ס אחות זקוקתו (מחמת לאה איז דאָך לוי׳ס טאָכטער).** וזו, היא, און דאָס איז (די הלכה) וואָס זיי (די חכמים) האָבן געזאָגט „און איר שוועסטער וועלכע איז איר שוועגערין, מעג נעמען חליצה אָדער מען מעג איר מייבם זיין״. **די דאָזיקע הלכה מיט די זעלביקע ווערטער איז געזאָגט געוואָרן פריער אין פרק ב׳ משנה ג׳, און דאָ דערקלערט די משנה וואָס מען מיינט דרמיט, דהיינו, אז ווייל איין שוועסטער איז אסור צום יבם אלס איסור ערוה מעג דער יבם חולץ זיין אָדער מייבם זיין די אנ־דערע שוועסטער, מחמת זי איז ניט זיין אחות זקוקתו.**

ד. שלשה, דריי ברידער (ראובן, שמעון און לוי) פון וועלכע צוויי (ראובן און שמעון) האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (ראובן מיט לאה און שמעון מיט רחל), אָדער מיט א פרוי און איר טאָכטער (רחל איז ניט געווען לאה׳ס שוועסטער נאָר לאה׳ס טאָכטער) אָדער מיט א פרוי און איר טאָכטערס טאָכטער (רחל איז גע־ווען לאה׳ס טאָכטערס א טאָכטער) (און ראובן און שמעון זענען געשטאָרבן אָן קינ־דער, און לאה און רחל זענען געוואָרן יבמות צו לוי), דארפן זיי נעמען חליצה (פון לוי) אָבער זיי טאָרן ניט מיובם ווערן. **ווייל יעדע פון זיי איז דאָך די שוועסטער (אָדער די מוטער און די טאָכטער אָדער די באָבע און דאָס אייניקל) פון זיין „זקוקה״.** ור׳ שמעון, און ר׳ שמעון פטר׳ט. **דער תנא ר׳ שמעון האלט, אז ווייל עס איז ניטאָ מער ווי איין יבם, לוי, האָט יעדע „זקוקה״ דעם דין ווי זי וואָלט געוואָלט געווען זיין ווייב, און ממילא איז דאָך יעדע פון זיי צו אים א ערוה, ווארום לאה איז דאָך די שוועסטער (אָדער די מוטער אָדער די באָבע) פון רחל, און דאָסזעלבע איז רחל די שוועסטער (אָדער די טאָכטער אָדער דאָס אייניקל) פון לאה, און זיי זענען דארי־בער באפרייט סיי פון חליצה און סיי פון ייבום.** היתה, אויב איינע פון זיי (למשל, לאה) איז געווען אסור צו לוי מיט דעם איסור פון א ערוה, טאָר ער איר ניט נעמען, אָבער ער מעג נעמען איר שוועסטער (רחלן). **דאָס איז דערזעלבער דין וואָס פריער אין דער משנה ב׳.** אסור מצוה, אויב זי איז נור געווען אסור מיט א איסור מצוה אָדער מיט אאיסור קדושה דארפן זיי (סיי לאה און סיי רחל) נעמען חליצה (פון לוי) אָבער ער טאָרניט מייבם זיין זיי. **אויך דאָס איז דערזעלבער דין וואָס פריער אין משנה ב׳.**

ה. שלשה, דריי ברידער (ראובן, שמעון און לוי), פון וועלכע צוויי האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (ראובן מיט לאה און שמעון מיט רחל), און איינער

אחד מבעלי אחיות, ועשה בה מופנה מאמר, ואחר כך מת אחיו השני, בית שמאי אומרים אשתו עמו, והלה תצא משום אחות אשה. ובית הלל אומרים, מוציא את אשתו בגט ובחליצה ואשת אחיו בחליצה. זו היא שאמרו: אוי לו על אשתו, ואוי לו על אשת אחיו:

ו. שלשה אחין, שנים מהן נשואים שתי אחיות ואחד נשוי נכרית, מת אחד מבעלי אחיות, וכנס נשוי נכרית את אשתו ומת, הראשונה

(לוי) איז געווען ליידיק (ניט־חתונה־געהאט), און עס איז געשטאָרבן (אָן קינדער) איינער פון די מענער פון די שוועסטערן (למשל, ראובן), און דער ניט־חתונה-גע־האטער (לוי) האָט מיט איר (מיט דער אלמנה, לאה׳ן) געמאכט א מאמר (ער האָט איר נור מקדש געווען) און דערנאָך איז געשטאָרבן (אָן קינדער) דער אנדערער ברודער (שמעון, און זיין ווייב, רחל איז געוואָרן א יבמה צו לוי), — זאָגן די בית שמאי, אז זיין ווייב (לאה, מיט וועלכער ערהאָט געמאכט א מאמר, מקדש געווען איר) בלייבט מיט אים (מיט לוי) און די דאָזיקע (רחל) ווערט באפרייט (פון נעמען חליצה און פון מייבם זיין איר) ווייל זי איז די שוועסטער פון זיין ווייב; און די בית הלל זאָגן, אז ער דארף באפרייען זיין ווייב (לאה׳ן איר געבן) א גט און חליצה, און (דארף באפרייען) זיין ברודערס ווייב (רחלן) מיט געבן איר חליצה, און דאָס איז עס, אויף וואָס מען האָט געזאָגט: א רחמנות אויף אים צוליב זיין ווייב און א רחמנות אויף אים צוליב זיי ברודערס ווייב (מחמת ער טאָר קיין איינע פון זיי ניט האָבן פאר א ווייב).

מיר האָבן שוין פריער פרק ב׳ משנה א׳ דערקלערט, אז „מאמר" הייסט דאָס מקדש זיין א יבמה (מיט געלט אָדער מיט א שטר). די בית שמאי האלטן, אז אַפילו ביי א יבמה מאכט דער מאמר, דאָס מקדש־זיין, אז די יבמה ווערט אינגאנצן דאָס ווייב פון יבם, און אין דעם פאל פון דער דאָזיקער משנה איז לאה געוואָרן אינגאנצן דאָס ווייב פון לוי. ממילא, איז דאָך רחל צו לוי א אחות אשתו, די שוועסטער פון זיין ווייב, דאָס הייסט א ערוה, און זי איז אינגאנצן באפרייט פון נעמען חליצה אָדער ייבום, און לוי קאָן ווייטער האָבן לאהן פאר א ווייב. אָבער די בית הלל האלטן (ווי מיר האָבן געגעבן אין פרק ב׳ משנה א׳) אז דער מאמר ביי א יבמה מאכט ניט ווי זי ווערט אינגאנצן דאָס ווייב פון דעם יבם, ממילא איז לאה דורך דעם מאמר נאָכניט געוואָרן אינגאנצן דאָס ווייב פון לוי, און ווען שמעון איז געשטאָרבן און רחל איז געוואָרן זיין יבמה דארף איר לוי געבן חליצה (ווייל זי איז דאָך ניט זיין ערוה, די שוועסטער פון זיין ווייב), און ממילא איז דאָך סיי לאה און סיי רחל יעדע איינע צו לוין די אחות זקוקתו (לאה איז די שוועסטער פון זיין „זקוקה" רחל, און רחל איז די שוועסטער פון זיין „זקוקה" לאה), און ער טאָר דעריבער מיט קיין איינע פון זיי ניט חתונה האָבן, נאָר ער מוז יעדער פון זיי געבן חליצה. אָבער אויך די בית הלל האלטן, אז דער מאמר האָט אביסל (ניט אינגאנצן) יאָ געמאכט לאה׳ן פאר לוי׳ס ווייב, און דעריבער דארף לוי געבן צו לאה אי א גט (ווי מען באפרייט א ריכטיק ווייב) אי חליצה (ווי מען באפרייט א יבמה).

ו. שלשה אחים, דריי ברידער (ראובן, שמעון און לוי) פון וועלכע צוויי (ראובן און שמעון) האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (לאה און רחל), און איינער (לוי) האָט חתונה געהאט מיט א פרעמדער (מיט שרה), און איינער פון די מענער פון די שוועסטערן (למשל ראובן) איז געשטאָרבן (אָן קינדער) און דער חתונה גע־האטער מיט דער פרעמדער (לוי) האָט חתונה געהאט מיט זיין ווייב (מיט לאה) און ער (לוי) איז געשטאָרבן (אָן קינדער, און לאה און שרה זענען געוואָרן יבמות צו שמעון) איז די ערשטע (לאה באפרייט (פון צו נעמען חליצה און ייבום פון שמעון) ווייל זי איז זיין ווייבס שוועסטער (אחות אשה, די שוועסטער פון שמעון׳ס ווייב, פון רחלן), און די צווייטע (די פרעמדע, שרה, איז באפרייט פון חליצה און פון ייבום), ווייל זי איז איר (לאה׳ס) צרה. **דאָס איז דער דין, וואָס מיר האָבן געהאט פריער אין פרק א׳ משנה א׳ אז אויך די צרה פון א ערוה (דאָ, פון דער אחות אשה) איז**

יוצאה משום אחות אשה, ושנייה משום צרתה. עשה בה מאמר ומת, נכרית חולצת ולא מתיבמת. שלשה אחים, שנים מהם נשואים שתי אחיות, ואחד נשוי נכרית, מת הנשוי נכרית, וכנס אחד מבעלי אחיות את אשתו ומת, הראשונה יוצאה משום אחות אשה, ושנייה משום צרתה. עשה בה מאמר ומת, נכרית חולצת ולא מתיבמת:

ז. שלשה אחים, שנים מהן נשואים שתי אחיות, ואחד נשוי נכרית, מת אחד מבעל אחיות וכנס נשוי נכרית את אשתו, ומתה אשתו של

באפרייט פון חליצה און פון ייבום. עשה בה, אויב ער (לוי) האָט געמאכט מיט איר (מיט לאה׳ן) א מאמר און ער (לוי) איז געשטאָרבן) דארף די פרעמדע (שרה) נעמען (פון שמעון) חליצה אָבער ער טאָר איר ניט מייבם זיין. **לאה דארף גאָרניט נעמען פון שמעונען, ווייל זי איז דאָך צו אים א ערוה, די שוועסטער פון זיין ווייב (פון רחלן). אָבער די פרעמדע, שרה דארף יאָ נעמען פון אים חליצה; זי הייסט ניט קיין ריכ־טיקע צרה פון לאה, ווייל לאה האָט דאָך געהאט נור א מאמר מיט לוי און זי איז דאריבער ניט געווען אינגאנצן זיין ריכטיק ווייב, ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין דער משנה ה׳ די דעה פון די בית הלל. און ווייל א מאמר מאכט דאָך לאהן אז זי הייסט אביסל ווי דאָס ווייב פון לוי, דאריבער איז שרה צו איר יאָ ווי עטוואָס א צרה, און דאריבער טאָר זי שמעון ניט מייבם זיין, און ער דארף איר נור געבן חליצה.** שלשה אחים, דריי ברידער (ראובן, שמעון און לוי), פון וועלכע צוויי (ראובן און שמעון) האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (ראובן מיט לאה און שמעון מיט רחל), און איינער (לוי) האָט חתונה געהאט מיט א פרעמדער (מיט שרה), און דער וועלכער האָט חתונה געהאט מיט דער פרעמדער (לוי) איז געשטאָרבן (אָן קינדער), און איינער פון די שוועסטערן־מענער (למשל, ראובן) האָט חתונה געהאט מיט זיין פרוי (מיט שרה), און דערנאָך איז ער (ראובן) געשטאָרבן (אָן קינדער, און ער האָט איבערגעלאָזט די צוויי ווייבער, לאה און שרה, יבמות צו שמעון), איז די ערש־טע (לאה) באפרייט (פון חליצה און ייבום ווייל זי איז די שוועסטער פון זיין (שמעון׳ס) ווייב (פון רחל), און די צווייטע (שרה, איז באפרייט) ווייל זי איז איר (לאה׳ס) צרה; אויב ער (ראובן) האָט (נור) געמאכט מיט איר (מיט שרה׳ן) א מאמר און איז געשטאָרבן (איז לאה באפרייט ווייל זי איז דאָך שמעון׳סווייב׳ס שוועסטער, און) די פרעמדע (שרה) דארף נעמען (פון שמעון) חליצה, אָבער ער טאָר זי ניט מייבם זיין. **עס איז דערזעלביקער דין מיט דערמזעלביקן טעם וואָס פריער אין אונזער משנה, מיט דעם אונטערשיד וואָס פריער איז איינער פון די שוועסטערן־מענער געשטאָרבן, און איצט איז דער מאן פון דער פרעמדער געשטאָרבן.**

ז. שלשה אחים, דריי ברידער (ראובן, שמעון און לוי), פון וועלכע צוויי (ראובן און שמעון) האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (ראובן מיט לאה און שמעון מיט רחל) און איינער (לוי) האָט חתונה געהאט מיט א פרעמדער (שרה), און איי־נער פון די שוועסטערן-מענער (ראובן) איז געשטאָרבן (אָן קינדער) און דער מאן פון דער פרעמדער (לוי) האָט חתונה געהאט מיט זיין ווייב, (מיט לאה) און (דער־נאָך) איז געשטאָרבן דאָס ווייב (רחל) פון צווייטן ברודער (פון שמעון), און דערנאָך איז געשטאָרבן דער מאן פון דער פרעמדער (לוי), איז זי (לאה) אסור אויף אייביק חתונה צו האָבן מיט אים (מיט שמעונען), ווייל זי איז אסור געוואָרן צו אים איין שעה. **כדי צו פארשטיין די משנה דארפמען וויסן, אז כאָטש מען טאָרניט חתונה האָבן מיט דעם ווייב׳ס א שוועסטער, איז דאָס נור ווען דאָס ווייב לעבט, אָבער ווען דאָס ווייב איז געשטאָרבן מעג מען חתונה האָבן מיט איר שוועסטער. לערנט דאָ די משנה, אז כאָטש ווען לוי איז געשטאָרבן האָט דאָך שוין רחל, שמעון׳ס ווייב, ניט געלעבט, און מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז שמעון מעג שוין חתונה האָבן מיט זיין פארשטאָר־בענער ווייב׳ס שוועסטער, מיט לאה, פונדעסטוועגן לערנט די משנה אז ער טאָר**

שני, ואחר כך מת נשוי נכרית, הרי זו אסורה עליו עולמית, הואיל ונאסרה עליו שעה אחת. שלשה אחים שנים מהם נשואין שתי אחיות ואחד נשוי נכרית, גירש אחד מבעלי אחיות את אשתו. ומת נשוי נכרית וכנסה המגרש ומת, זו היא שאמרו: וכולן שמתו או נתגרשו, צרותיהן מותרות:

ח. וכולן שהיו בהן קדושין או גירושין בספק, הרי אלו צרות חולצות ולא מתייבמות. כיצד ספק קדושין? זרק לה קדושין, ספק קרוב לו

ניט חתונה האָבן מיט איר, און די משנה דערקלערט דאָ דעם טעם דערפון, דהיינו: ווייל ווען ראובן איז געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב לאה א יבמה צו שמעון און לוי, האָט דאָך שמעון מיט לאה ניט געקאָנט חתונה האָבן, ווייל דאמאָלס האָט דאָך נאָך זיין ווייב רחל געלעבט. ממילא איז דאָך לאה „אלס יבמה" אסור געווען צו שמעונען איין שעה, און דעריבער טאָר זי שוין מיט שמעונען קיינמאָל ניט חתונה האָבן; זי הייסט כסדר ווי זי איז זיין ברודער ראובנ'ס ווייב, וועלכע איז אסור געווען צו אים און זי בלייבט דעריבער שטענדיק אסור צו אים. די משנה זאָגט ניט וואס איז דער דין מיט איר צרה, מיט דער פרעמדער, מיט שרה. די מפרשים מיינען, אז זי דאַרף נעמען חליצה אָבער מייבם זיין איר טאָרניט שמעון. שלשה אחים, דריי ברידער (ראובן, שמעון און לוי, פון וועלכע צוויי (ראובן און שמעון) האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (לאה און רחל) און איינער (לוי) האָט חתונה געהאט מיט א פרעמדער (שרה), און איינער פון די שוועסטערן־מענער (ראובן) האָט גע'גט זיין ווייב (לאה), און דערנאָך איז דער מאן פון דער פרעמדער (לוי) געשטאָרבן (אָן קינדער) און דער גרוש (ראובן) האָט חתונה געהאט מיט איר (מיט שרה) און ער איז געשטאָרבן (אָן קינדער, — דאָס איז די (די הלכה), וואָס מען האָט געזאָגט: און די אלע (ערוה'ס) אויב זיי זענען געהאט (פריער) געשטאָרבן אָדער זיי זענען (פריער) געוואָרן גע'גט זענען זייערע צרות מותר. אין דאָזיקן פאַל איז שרה געוואָרן א יבמה צו שמעון דעם מאן פון רחל. מען וואָלט דעריבער געקאָנט מיינען, אז ווייל שרה איז דאָך געווען די צרה פון לאה, רחל'ס שוועסטער, די צרה פון א ערוה, דאריבער דאַרף זי זיין באפרייט פון חליצה און פון ייבום און זי טאָרניט חתונה האָבן מיט שמעון. דעריבער לערנט די משנה, אז זי איז ניט באפרייט פון חליצה און פון ייבום און שמעון מעג יאָ חתונה האָבן מיט איר. דער טעם איז, ווייל ווען ראובן איז געשטאָרבן און שרה איז געוואָרן א יבמה, איז דאָך לאה שוין געווען פריער געגט פון ראובן, דעריבער איז שרה בעת ראובן'ס טויט ניט געווען לאה'ס צרה. די ווערטער „און די אלע (ערוהס, עריות) אויב זיי זענען פריער געהאט געשטאָרבן אָדער געוואָרן (פריער) גע'גט זענען זייערע צרות מותר" זענען פריער אין פרק א' משנה א', און זיי ווערן דאָ אויסגעטייטשט. מיט „וכולן", און די אלע, מיינט מען ניט דוקא אזא ערוה ווי דעם ווייב'ס א שוועסטער (אחות אשה) נאָר אויך אלע 15 עריות (עריות) וועלכע ווערן אויסגערעכנט פריער אין פרק א' משנה א'.

ח. וכולן, און די אלע (עריות, עריות) אויב אין זייערע קידושין אָדער גטן זיך איז פאראן א ספק, דאַרפן זייערע צרות נעמען חליצה אָבער מען טאָר זיי ניט מייבם זיין. דער טייטש פון דער משנה איז אזוי: אויב ראובן האָט געהאט צוויי ווייבער לאה און שרה, און שמעון זיין ברודער האָט געהאט אלס ווייב לאה'ס שוועסטער רחל, און ראובן איז געשטאָרבן אָן קינדער, איז דער דין, ווי מיר האָבן געלערנט, ניט נור לאה באפרייט פון חליצה און ייבום ווייל זי איז דאָך א ערוה צו שמעון (זיין ווייב רחל'ס שוועסטער) נאָר אויך שרה, איר צרה, איז באפרייט פון חליצה און פון ייבום. אָבער אויב אין די קידושין, מיט וועלכע ראובן האָט געהאט מקדש געווען לאה'ן, איז פאראן א ספק צו זיי זענען געווען ריכטיקע קידושין, אָדער ראובן האָט געהאט געגעבן א גט לאהן און עס איז א ספק, צי דער גט איז געווען א גוטער גט, דא

ספק קרוב לה, זהו ספק קדושין. ספק גרושין? כתב בכתב ידו ואין עליו עדים, יש עליו עדים ואין בו זמן, יש בו זמן ואין בו אלא עד אחד, זהו ספק גרושין:

ט. שלשה אחין נשואין שלש נכריות, ומת אחד מהן, ועשה בה השני מאמר ומת, הרי אלו חולצות ולא מתיבמות, שנאמר (דברים כ״ה) „ומת אחד מהם יבמה יבא עליה״, שעליה זיקת יבם אחד, ולא

מאַלס הייסט שרה ניט קיין ריכטיקע צרה, און זי דארף נעמען פון שמעון חליצה אָבער מייבם זיין טאָר מען איר ניט. כיצד, וואָס הייסט א ספק אין די קידושין? אויב ער האָט איר צוגעוואָרפן די קדושין (דאָס געלט אָדער דעם שטר מיט וועלכן ער האָט איר מקדש געווען) און עס איז א ספק צי עס (דאָס געלט אָדער דער שטר) איז געפאלן נענטער צו אים (צום מאן) אָדער נענטער צו איר (צו דער פרוי), דאָס הייסט א ספק אין די קידושין. דער דין איז אז אויב דער חתן ווארפט צו דער כלה דאָס געלט צי דעם שטר אין א זייטיק געסל און דאָס געלט צי דער שטר פאלט ניט ווייטער פון 4 איילן (ארבע אמות) פון דער כלה, הייסט עס ווי זי האָט עס באַקומען און עס איז א גוטע קידושין. אויבצווישן חתן און דער כלה איז געווען 8 איילן און דאָס געלט צי דער שטר איז געפאלן אין דער מיט און מען ווייסט ניט, צי אין זיינע 4 איילן צי אין אירע 4 איילן, איז עס א ספק אין די קידושין. ספק גירושין, (וואָס הייסט א) ספק אין גטן זיך? אויב ער (דער מאן) האָט געשריבן (דעם גט) מיט זיין אייגענער האנטשריפט אָבער עס איז ניט פאראן אויף אים (געחתמעט) קיין עדות, אָדער עס זענען פאראן אויף אים (געחתמעט) עדות אָבער עס איז ניט פאראן אין אים קיין דאטע (זמן, די צייט ווען דער גט איז געשריבן געוואָרן) אָדער עס איז פאראן אין אים די דאטע אָבער עס איז ניט פאראן אין אים (געחתמעט) מער ווי איין עדות, דאָס הייסט א ספק אין גטן זיך. ווי מיר וועלן לערנען אין מסכתא גטין פרק ט׳ משנה ד׳ זענען די דאָזיקע דריי גט׳ן לכתחילה פסול, אָבער בדיעבד, אויב די פרוי האָט דערנאָך חתונה געהאט, און זי האָט געהאט קינדער, זענען זיי כשר׳ע קינדער. דאריבער אויב ראובן האָט געהאט גע׳גט לאה׳ן מיט איינער פון די דריי גיטין, הייסט ניט שרה מער איר ריכטיקע צרה, און זי דארף נעמען חליצה אָבער מייבם זיין איר טאָר מען ניט.

ט. שלשה אחין, דריי ברידער (ראובן, שמעון און לוי) וועלכע האָבן חתונה געהאט מיט דריי פרעמדע פרויען (לאה, שרה און רבקה) ניט קיין שוועסטערן), און איינער פון זיי (ראובן) איז געשטאָרבן (אָן קינדער), און דער צווייטער (ברודער, שמעון) האָט געמאכט מיט איר (מיט ראובן׳ס אלמנה, מיט לאה) א מאמר, און ער (שמעון) איז געשטאָרבן (אוןביידע פרויען, לאה און שרה זענען איצט געוואָרן יבמות צו לוי), דארפן זיי נעמען חליצה (פון לוי) אָבער ער טאָר זיי ניט מייבם זיין, ווייל עס ווערט געזאָגט (דברים כ״ה) „און איינער פון זיי איז געשטאָרבן, זאָל איר שוואגער קומען אויף איר״ (איז פון וואָרט „אחד״, איינער, געדרינגען, אז דאָס איז נור אזא יבמה), וואָס אויף איר איז פאראן די זיקה (זי איז די יבמה) צוליב איין יבם (די אלמנה פון איין ברודער) אָבער ניט ווען עס איז פאראן אויף איר די זיקה פון צוויי יבמים (פון צוויי ברידער). מיר האָבן פריער אין פרק ב׳ משנה א׳ און אויך אין אנדערע משנות דערקלערט, אז א מאמר מאכט נור אז די יבמה ווערט אביסל דאָס ווייב פון שמעון, אָבער זי ווערט ניט אינגאנצן זיין ווייב. ממילא, אז שמעון האָט געמאכט מיט לאה א מאמר, איז זי אביסל ווי זיין ווייב אָבער אביסל איז זי ווי די אלמנה יבמה פון פארשטאָרבענעם ראובן. דאריבער ווען שמעון איז געשטאָרבן איז אויף לאה פאראן די „זיקה״, די נויטיקייט צו נעמען חליצה און ייבום, אלס א טאָפלטע יבמה, אי פון ראובנ׳ען, אי פון שמעונען, און מחמת דעם טאָר לוי מיט איר ניט חתונה האָבן, און דארף געבן איר חליצה. צוליב דעם טאָר ער

שעליה זיקת שני יבמין. ר' שמעון אומר מיבם לאיזו שירצה וחולץ לשנייה. שני אחין נשואים לשתי אחיות, ומת אחד מהן ואחר כך מתה אשתו של שני, הרי זו אסורה עליו עולמית, הואיל ונאסרה עליו שעה אחת:

י. שנים שקדשו שתי נשים. ובשעת כניסתן לחופה, החליפו את של זה לזה ואת של זה לזה, הרי אלו חייבים משום אשת איש. היו אחין

אויך נית חתונה האָבן מיט שרה, ווייל מען וועט זאָגן, אז צוויי יבמות פון איין פאר־שטאָרבענעם ברודער מעג מען איינער געבן חליצה און דער צווייטער מייבם זיין, און דאָס טאָר מען ניט. ר' שמעון זאָגט, אז ער (לוי) מעג מייבם זיין וועלכע ער וויל (לאה צי שרה) און ער זאָל דערנאָך געבן חליצה דער אנדערער. **דער תנא ר' שמעון האלט, אז דער מאמר מאכט ניט „אביסל פאר א ווייב", נאָר עס איז א ספק : צי ער מאכט איגאנצן פאר א ווייב (ווייל עס איז גוטע קידושין), צי ער מאכט גאָר־ניט פאר א ווייב. דאריבער קאָן ערמייבם זיין וועלכע ער וויל, ווייל ממה נפשך, איז דער מאמר גוט, איז דאָך לאה געווען דאָס ווייב פון שמעון, מעג דאָך לוי איר מייבם זיין (און דאָס געבן שפּעטער חליצה דער צווייטער, שרה'ן האָט ניט קיין ווערט); איז ווידער דער מאמר גאָרניט, איז דאָך לאה די אלמנה־יבמה בלויז פון ראובנען, און לוי מעג איר מייבם זיין, און שרה'ן געבן חליצה אלס דער אלמנה־יבמה פון שמעונען.** שני אחין, צוויי ברידער (ראובן און שמעון), וועלכע האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (לאה און רחל), און איינער פון זיי (למשל, ראובן) איז געשטאָרבן (אָן קינדער) און דערנאָך איז געשטאָרבן דאָס ווייב (רחל) פון צווייטן (פון שמעונען) איז זי (ראובנ'ס אלמנה, לאה) אסור צו שמעונען אויף אייביק, ווייל זי איז אסור געווען צו אים איין שעה. **בשעת ראובן איז געשטאָרבן און לאה איז גע־וואָרן א יבמה צו שמעונען האָט שמעון מיט איר ניט געטאָרט חתונה האָבן, ווייל זי איז דאָך געווען זיין ווייבס, רחל'ס, שוועסטער, און דער דין איז, אז קוים איז א יבמה געווען אסור צום יבם איינמאָל טאָר זי שוין אויך שפּעטער מיט דעם יבם ניט חתונה האָבן, כאָטש שפּעטער איז שוין רחל געווען געשטאָרבן, און לאה איז געוואָרן אויס שמעון'ס ווייבס שוועסטער.**

י. שנים, אויב צוויי (מענטשן, פרעמדע, ניט קיין ברידער) האָבן מקדש געווען צוויי פרויען און בשעת זיי זענען אריינגעגאנגן צו דער חופה האָבן זיי זיך אויס־געטוישט, דאָס (ווייב) פון איינעם איז אריינגעגאנגען צו דעם (אנדערן מאן), און דאָס ווייב פון דעם (אנדערן) איז אריינגעגאנגן צו דעם (ערשטן), זענען זיי חייב צוליב אשת איש (לעבן מיט א פרעמדער פאַרהייראטעטער פרוי). **אין דער צייט פון דער משנה איז דער מנהג ניט געווען ווי היינט, ווען דער חתן איז מקדש די כלה אונטער דער חופה; דאמאָלס פלעגט דער חתן מקדש זיין די כלה באלד ביי די תנאים, און ערשט אין א סך חדשים שפּעטער פלעגט מען שטעלן די חופה און ס'איז פאָרגעקומען די חתונה. דער דין איז אז באלד ווי דער חתן האָט מקדש געווען די כלה הייסט זי שוין א אשת איש, א פאַרהייראטע פרוי, און אויב א פרעמדער מאן לעבט מיט איר במזיד קומט אים מיתה (טויט־שטראָף) און אויב בשוגג דארף ער ברענגען א קרבן חטאת. זאָגט דאָ די משנה, אז די צוויי מענטשן ביי וועלכע עס זענען פאר־טוישט געוואָרן די ווייבער בעת דער חופה איז יעדער פון זיי מחויב, אויב בשוגג, צו ברענגען א קרבן חטאת פאר עובר זיין אויף דער עבירה פון לעבן מיט א אשת איש.** היו אחין, אויב די (דאָזיקע) צוויי (מענער זענען געווען ברידער) זענען זיי חייב (צו ברענגען קרבנות חטאת, סיי צוליב אשת איש, און סיי צוליב אשת אח (דעם ברודערס ווייב); **מחמת יעדע פרוי איז דאָך ניט נור א פאַרהייראטעטע פרוי נאָר אויך דעם ברודערס ווייב.** ואם היו אחיות, און אויב זיי (די צוויי פרויען) זענען געווען שוועס־טערן (זענען זיי אויך חייב צוליב „אשה אל אחותה" (צוליב דער עבירה פון לעבן

משום אשת אח. ואם היו אחיות משום אשה אל אחותה. ואם היו נדות, משום נדה. ומפרישין אותן שלשה חדשים שמא מעוברות הן. ואם היו קטנות שאינן ראויות לילד, מחזירין אותן מיד. ואם היו כהנות, נפסלו מן התרומה:

פרק ד.

א. החולץ ליבמתו ונמצאת מעוברת וילדה, בזמן שהולד של קיימא, הוא מותר בקרובותיה והיא מותרת בקרוביו, ולא פסלה מן הכהונה. אין הולד של קיימא, — הוא אסור בקרובותיה והיא אסור בקרוביו, ופסלה מן הכהונה:

מיט דעם ווייב׳ס שוועסטער). **דער פארבאָט צו לעבן מיט דעם ווייבס שוועסטער איז פאראן אין ויקרא י״ח פסוק י״ח „ואשה אל אחותה לא תקח״, און די משנה רופט דאָס אָן „אשה אל אחותה״.** ואם היו נדות, און אויב די צוויי (פרויען) זענען (בשעת דער חופה) געווען נידות, (זענען זיי אויך חייב) צוליב נדה. **פאר לעבן מיט א פרוי אין איר נידה־צייט, אין דער צייט פון איר מאָנטליכער בלוטונג קומט כרת, און אויב בשוגג דארף מען ברענגען א קרבן חטאת.** ומפרישין, און מען שיידט זיי אָפּ די (די פרויען, וועלכע זענען פארטוישט געוואָרן, אז זיי זאָלן ניט לעבן מיט זייערע מענער) דריי חדשים, ווייל טאָמער זענען זיי געוואָרן מעוברת. **און מען זאָל קאָנען וויסן, פון וועמען דאָס קינד איז, צי פון דעם פרעמדן מאן און עס איז א ממזר און עס טאָרניט חתונה האָבן מיט א כשר קינד. אָבער נאָך דריי מאָנאטן דערקענט מען שוין אויף זיכער ביי דער פרוי צי זי איז מעוברת.** ואם היו קטנות, און אויב זיי (די פרויען) זענען געווען קליינע (קטנות, יינגע קינדער, וועלכע קאָנען נאָכניט האָבן קיין קינדער) גיט מען זיי באלד צוריק (צו זייערע מענער). **דאָס איז אלץ, אויב דאָס אויסטוישן איז פאָרגעקומען בשוגג, זיי האָבן ניט געוואוסט; אָבער אויב עס איז פאָרגעקומען במזיד טאָרן זיי מער ניט לעבן מיט זייערע מענער.** ואם היו כהנות, און אויב זיי (די פרויען) זענען געווען (טעכטער פון) כהנים ווערן זיי פסול צו עסן תרומה. **מיט תרומה מיינט מען די הייליקע תבואה און פרוכטן וועלכע עס מעגן עסן נור כהנים. אויב א כהנ׳ס א טאָכטער האָט חתונה געהאט צו א ישראל טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. אויב דער מאן דער ישראל איז געשטאָרבן און זי האָט ניט מיט אים קיין קינד, מעג זי ווידער עסן תרומה. אָבער אויב זי האָט מזנה געווען מיט א פרעמדן מאן ווען איר מאן האָט נאָך געלעבט, אפילו עס איז געווען בשוגג, און אפילו מען האָט איר געצווינגן דערצו (באונס) טאָר זי מער ניט עסן קיין תרומה אפילו נאָכן מאנס טויט.**

פרק ד.

א. החולץ, אז איינער גיט חליצה צו זיין (שוועגערין דער) יבמה, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז געווען (ביים חליצה נעמען) מעוברת (פון איר ערשטן פארשטאָרבענעם מאן), איז אויב דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן לעבעדיג, איז ער (דער וואָס האָט געגעבן חליצה) מותר חתונה צו האָבן מיט אירע קרובים, און זי איז מותר חתונה צו האָבן מיט זיינע קרובים. **דער דין איז, אז פונקט ווי איינער טאָר ניט חתונה האָבן מיט די קרובים פון ווייב, מיט וועלכער ער האָט זיך געגט, למשל מיט איר מוטער אָדער שוועסטער וכדומה, אזוי טאָר איינער ניט חתונה האָבן מיט די קרובים פון דער פרוי, וועלכער ער האָט געגעבן חליצה, און זי טאָר ניט חתונה האָבן מיט זיינע קרובים. לערנט דאָ די משנה, אז אויב דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן לעבעדיק, הייסט דאָך עס, אז זי האָט ניט גדארפן נעמען חליצה, מחמת איר ערשטער מאן האָט דאָך איבערגעלאָזט א קינד; דעריבער מעג דער חליצה־געבער חתונה האָבן מיט אירע קרובים, ווייל די חליצה איז ניט געווען קיין חליצה.** ולא פסלה, און ער האָט איר ניט געפּסלט פון דער כהונה. זי מעג חתונה האָבן מיט **א כהן, כאָטש א כהן טאָרניט הייראטן א חלוצה; מחמת די חליצה איז דאָך ניט גע־**

ב. הכונס את יבמתו ונמצאת מעוברת וילדה, בזמן שהולד של קיימא, יוציא וחייבין בקרבן. ואם אין הולד של קיימא, יקיים. ספק בן תשעה לראשון ספק בן שבעה לאחרון יוציא, והולד כשר, וחייבין באשם תלוי:

ג. שומרת יבם שנפלו לה נכסים, מודים בית שמאי ובית הלל

ווען קיין חליצה, און די פרוי איז סתם אן אלמנה, און א כהן מעג חתונה האָבן מיט אן אלמנה. אין הולד, (אויב אָבער) דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן ניט לעבעדיק (נאָר א נפל׳ע), טאָר ער ניט חתונה האָבן מיט אירע קרובים און זי טאָר ניט חתונה האָבן מיט זיינע קרובים, און ער האָט איר געפסלט פון דער כהונה. מחמת א נפל׳ע רעכנט זיך ניט פאר קיין קינד, און עס הייסט אז דער ערשטער מאן איז געשטאָרבן אָן קינדער, און זי האָט געדאַרפן נעמען חליצה.

ב. הכונס, אז איינער האָט חתונה מיט זיין (שוועגערין דער) יבמה, און עס האָט זיך אויסגעוויזן אז זי איז געווען מעוברת)פון ערשטן מאן, דעם פארשטאָרבענעם ברודער), איז אויב דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן לעבעדיק, זאָל ער זיך צעשיידן מיט איר און זיי (דער יבם און די יבמה) דאַרפן ברענגען א קרבן. ווייל קוים איז דאָס קינד געווען ביים געבוירן ווערן לעבעדיק, האָט דאָך דער פארשטאָרבענער ברודער איבערגעלאָזט א קינד, און דער יבם האָט דאָך ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט זיין שוועגערין, און אזוי ווי פאר לעבן במזיד מיט א ברודערס א פרוי קומט כרת און אויב בשוגג דאַרף מען ברענגען א קרבן חטאת, דעריבער דאַרף סיי דער מאן און סיי די פרוי ברענגען א קרבן חטאת. ואם אין, און אויב דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן ניט לעבעדיק (נאָר א נפל׳ע), מעג ער בלייבן מיט דער פרוי. מחמת דאָס הייסט אז דער ברודער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין קינד. ספק, אויב עס איז א ספק צי דאָס קינד (וואָס איז געבוירן געוואָרן) איז געבוירן געוואָרן א נייןטעלע (אין ניינטן חודש זינט זי איז מעוברת געוואָרן) און איז פון ערשטן (מאן), אָדער עס איז א זיבעלע (עס איז געבוירן געוואָרן אין זיבעטן חודש זינט זי איז מעוברת געוואָרן) און עס איז פון צווייטן מאן, דאַרף ער איר גטן, און דאָס קינד איז א כשר (קינד), און זיי דאַרפן ברענגען א אשם תלוי. מען מיינט דאָ, אז דער צווייטער מאן האָט חתונה געהאט מיט דער יבמה ניט שפעטער ווי צוויי חדשים נאָך דעם ערשטן מאנ׳ס טויט, און דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן פונקט 7 חדשים נאָך דער חתונה, און עס איז א ספק צי עס איז א זיבעלע און עס איז פון אנדערען מאן, אָדער עס איז א ניינטעלע און עס איז פון ערשטן מאן, דאריבער דאַרף דער מאן גטן די פרוי, ווייל טאָמער איז עס א ניינטעלע פון ערשטן מאן, האָט ער דאָך ניט געטאָרט מיט איר חתונה האָבן. אָבער דאָס קינד איז כשר ממה נפשך: איז עס פון ערשטן מאן איז דאָך עס א כשר קינד; איז עס פון צווייטן מאן, האָט דאָך דער מאן געמעגט חתונה האָבן מיט דער פרוי, און דאָס קינד איז כשר. אָבער זיי, דער מאן און די פרוי, דאַרפן ברענגען א קרבן, וואָס הייסט „אשם תלוי״, א „הענגענדיקער אשם״, וואָס מען דאַרף ברענגען אויב מען ווייסט ניט צו מען האָט געטאָן (בשוגג) א הארבע כרת־עבירה. וועגן „אשם תלוי״ געבן מיר אין דער הקדמה צו מסכתא כריתות. „תלוי״, עס „הענגט״, הייסט, עס איז אין ספק, און טיילמאָל ווערט מען שפעטער געוואָר וואָס מען דאַרף ברענגען.

ג. שומרת יבם, א יבמה (וועמענס מאן איז געשטאָרבן אָן קינדער, און זי האָט נאָכניט חתונה געהאט מיט דעם יבם, דעם שוואָגער, און זי וואַרט־אָפּ חתונה־צו האָבן, „שומרת״ פון וואָרט „שמר״, אָפּוואַרטן), וועלכע האָט באקומען בירושה גיטער (פון אירע עלטערן), זענען מודה די בית שמאי און די בית הלל, אז זי קאָן פארקויפן (די גיטער) אָדער זיי אוועקשענקען, און דאָס (פארקויפן און דאָס אוועקשענקען) איז גילטיק. די דאָזיקע משנה איז איר עיקר אָרט אין מסכתא כתובות פרק

שמוכרת ונותנת וקיים. מתה, מה יעשו בכתובתה ובנכסים הנכנסים ויוצאין עמה? בית שמאי אומרים, יחלוקו יורשי הבעל עם יורשי האב. ובית הלל אומרים נכסים בחזקתן, כתובה בחזקת יורשי הבעל, נכסים הנכנסים ויוצאים עמה בחזקת יורשי האב:

ח׳ און דאָרט איז פאראן די מחלוקה פון די בית שמאי און די בית הלל, צו אז איי־נער האָט מקדש געווען א פרוי און האָט נאָך מיט איר ניט געשטעלט קיין חופה און זי איז בלויז אן „ארוסה" (זי האָט מיט אים בלויז קידושין) צי זי קאָן פארקויפן די גיטער וואָס זי האָט באקומען בירושה פון אירע עלטערן. דארויף זאָגט די משנה, אז ביי א שומרת יבם, א יבמה, זענען די בית שמאי און די בית הלל מודה אז זי קאָן יאָ פארקויפן און אוועקשענקן, און דער יבם קאָן איר ניט שטערן אין דעם. מתה, אויב זי (די יבמה, איידער זי האָט חתונה געהאט מיט דעם יבם) איז געשטאָרבן, וואָס זאָל מען טאָן מיט איר כתובה און מיט די גיטער, וואָס גייען־אריין מיט איר און גייען־ארויס מיט איר? דער דין איז אז ווען א מאן גט זיין פרוי אָדער ער שטארבט, קומט דער פרוי פון מאן אָדער פון דעם פארמעגן וואָס ער האָט איבער־געלאָזט, די כתובה, געלט, 200 גילדן אויב זי איז געווען א מיידל צו דער חתונה, און 100 גילדן אויב זי איז ניט געווען קיין מיידל. דאָס הייסט „נכסי צאן ברזל", „די גיטער פון אייזערנע שעפסן"; דאָס איז דער פרוי געזיכערט,ווי אייזן, מחמת דעם מאַנ׳ס פארמעגן איז פאראנטוואָרטליך פאר דער כתובה. עס איז פאראן א דין, אז אויב א פרוי האָט חתונה און טראָגט אריין דעם מאַן נדן, גיטער, איז אויב דער מאן האָט גענומען אויף זיך די פאראנטוואָרטליכקייט פאר זיי הייסן זיי „נכסי צאן ברזל, און אויב ניט הייסן זיי, די דאָזיקע גיטער „נכסי מלוג", פון וואָרט „מלג", „אָפּ־בריען", „אָפּרייסן די האָר", ווייל דער מאן מעג נור עסן די פרוכטן פון די דאָזיקע גיטער, אָבער ער טאָר זיי ניט פארקויפן, און עס הייסט אז ווען די פרוי „גייט אריין", האָט חתונה, גייען די גיטער מיט אריין מיט איר אין הויז פון מאן, און ווען זי גייט ארויס, ווען דער מאן שטארבט אָדער ער גט איר, גייען די גיטער אויך ארויס, די פרוי נעמט זיי צו מיט זיך. דאריבער הייסן די דאָזיקע גיטער אויך „נכסים הנכנסים ויוצאים עמה". פרעגט די משנה, וואָס טוט מען מיט דער כתובה און מיט די גיטער, וואָס עס קומט איר פון ערשטן מאן, אויב די פרוי איז געשטאָרבן אלס יבמה, איידער זי האָט חתונה געהאט מיטן יבם? אויב זי וואָלט געווען גע־שטאָרבן נאָכדעם ווי זי האָט חתונה געהאט מיט דעם יבם, געהערט דאָס אלץ צום יבם, ווייל ער איז דאָך שוין איר מאן, און א מאן ירשנט אלץ פון זיין פארשטאָר־בענער ווייב. אָבער דער יבם האָט נור א „זיקה", א צוגעבונדענקייט צו איר, און ער איז ניט געווען איר מאן אינגאנצן און עס איז אספק צי ער הייסט איר מאן, — וואָס זשע דארף מען טאָן? בית שמאי, זאָגן די בית שמאי, אז די יורשים פון מאן זאָלן זיך צעטיילן מיט די יורשים פון פאָטער. דאָס הייסט ווייל עס איז א ספק, זאָל א העלפט געהערן צו די יורשים פון מאן, און א העלפט צו די יורשים פון דער פאר־שטאָרבענער יבמה׳ס פאָטער. ובית הלל, און די בית הלל זאָגן, אז די גיטער בלייבן אין זייער חזקה (אזוי ווי זיי זענען), די כתובה איז אין דער חזקה פון די יורשים פון מאן, און די גיטער, וואָס גייען אריין און גייען ארויס מיט איר (די נכסי מלוג) זענען אין דער חזקה פון (איר) פאָטערס יורשים. מחמת פאר דער כתובה איז דאָך דער מאן געווען פאראנטוואָרטליך, הייסט עס, אז עס איז כסדר געווען אין זיין רשות, און ממילא געהערט זי צו זיינע יורשים, אָבער פאר די „נכסי מלוג" איז ער דאָך ניט געווען פאראנטוואָרטליך, און למשל, אויב זיי וואָלטן פארניכטעט געוואָרן, וואָלט דער מאן ניט געדארפן באצאָלן פאר זיי, הייסט עס אז זיי זענען כסדר אין דעם ווייב׳ס רשות, און דאריבער געהערן זיי צו אירע יורשים, וואָס נוגע אנדערע „נכסי צאן ברזל", ניט דער כתובה, זענען אויך די בית הלל מודה, אז מען דארף זיי צעטיילן צווישן די יורשים פון מאן און אירע יורשים.

ד. כנסה, הרי היא כאשתו לכל דבר, ובלבד שתהא כתובתה על נכסי בעלה הראשון:
ה. מצוה בגדול ליבם. לא רצה, מהלכין על כל האחין. לא רצו, חוזרין אצל גדול, ואומרים לו: עליך מצוה, או חלוץ, או יבם:
ו. תלה בקטן עד שיגדיל, או בגדול עד שיבא ממדינת הים, או בחרש, או בשוטה, אין שומעין לו, אלא אומרים לו: עליך מצוה, או חלוץ, או יבם:
ז. החולץ ליבמתו, הרי הוא כאחד מן האחין לנחלה. ואם יש שם אב, נכסים של אב. הכונס את יבמתו, זכה בנכסים של אחיו. ר׳ יהודה

ד. כנסה, אויב דער יבם האָט מיט איר חתונה געהאַט, איז זי ווי זיין ווייב אין יעדער זאַך, אָבער איר כתובה ליגט אויף דעם איבערגעלאָזטן פאַרמעגן פון איר ערשטן מאַן. מיט „אין יעדער זאַך״ מיינט מען, אַז ער מעג איר גטן און ער דאַרף **איר ניט געבן חליצה; און נאָכן גטן זיך מעג ער מיט איר צוריק חתונה האָבן. בנוגע דער כתובה זענען אַלע גיטער פון ערשטן מאַן פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר, און אויב דער מאַן האָט ניט איבערגעלאָזט קיין גיטער, דאַרף דער צווייטער מאַן איר שרייבן א כתובה אויף זיין אייגן פאַרמעגנס.**

ה. מצוה, עס איז א מצוה אויף דעם עלטסטן ברודער מייבם צו זיין; אויב ער וויל ניט, גייט מען צו אַלע אַנדערע ברידער. אויב זיי ווילן ניט, גייט מען צוריק צום עלטסטן ברודער, און מען זאָגט צו אים: „די מצוה איז אויף דיר, אָדער גיב חליצה אָדער זיי מייבם״. **דאָס ווערט אָפּגעלערנט פון פסוק אין דברים כ״ה, ו׳ „והיה הבכור״, אַז די מצוה איז אויפן עלטסטן ברודער.**

ו. תלה בקטן, אויב ער (דער עלטערער ברודער) האָט פאַרגעלייגט צו וואַרטן ביז דער קליינער (ברודער) וועט אויפוואַקסן (און דער אויפגעוואַקסענער וועט דאַ־מאָלס מייבם זיין), אָדער ביז א עלטערער ברודער (וועלכער איז געווען אין א ווייַ־טער מדינה) וועט קומען פון דער (ווייטער) ים־מדינה, אָדער אויף א טויב־שטומען ברודער אָדער אויף א משוגענעם ברודער (ביז זיי וועלן געזונט ווערן), פאָלגט מען אים ניט. נאָר מען זאָגט צו אים: „אויף דיר איז די מצוה, אָדער געב חליצה, אָדער זיי מייבם״. **דער ברטנורא טייטשט, אַז דאָס איז אפילו ווען דער סאמע עלטסטער ברודער איז אין דער ווייטער מדינה, וואַרט מען אויך ניט אויף אים, נאָר מען הייסט דעם עלטסטן פון די ברידער, וועלכע זענען פאַראַן דאָ, אַז ער זאָל געבן חליצה אָדער מייבם זיין. מיט א „קליינעם״ מיינט מען דאָ, וועלכער איז נאָך ניט דערוואַקסן, אַז ער זאָל מעגן געבן חליצה אָדער מייבם זיין.**

ז. החולץ, אַז איינער גיט חליצה צו זיין שוועגערין, איז ער ווי איינער פון די ברידער צו דער ירושה. **דאָס מיינט מען צום ירשענען דאָס פאַרמעגנס פון דעם ברודער, וועלכער איז געשטאָרבן אָן קינדער. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ווייל ער האָט ניט מייבם געווען די שוועגערין קומט אים גאָרניט, ווייל ער האָט דערמיט געמאַכט, אַז אויך די אַנדערע ברידער זאָלן איר ניט קאָנען מייבם זיין, דאַריבער לערנט די משנה, אַז אים קומט א גלייכער טייל ירושה מיט אַלע אַנדערע ברידער.** ואם, און אויב עס איז פאַראַן א פאָטער, געהערן די גיטער (פון פאַרשטאָרבענעם) צום פאָטער. **ווייל דער דין איז, אַז א פאָטער ירשנט דאָס פאַרמעגנס פון זיין זון, אויב ער איז געשטאָרבן אָן קינדער; און נור ווען עס איז ניטאָ קיין פאָטער, ירשענען די ברידער.** הכונס, אַז ער האָט חתונה (איז מייבם) זיין שוועגערין, האָט ער זוכה געווען די גיטער פון דעם (פאַרשטאָרבענעם) ברודער. **אפילו ער האָט איר צומאָר־גענס געגט, בלייבט ביי אים די ירושה.** ר׳ יהודה זאָגט, אַז סיי אַזוי (סיי ער האָט געגעבן חליצה) און סיי אַזוי (סיי ער האָט איר מייבם געווען), אויב עס איז פאַראַן א פאָטער געהערן די גיטער (פון פאַרשטאָרבענעם ברודער) צום פאָטער, **און דער יבם**

אומר, בין כך ובין כך אם יש שם אב נכסים של אב. החולץ ליבמתו, הוא אסור בקרובותיה והיא אסורה בקרוביו. הוא אסור באמה, ובאם אמה, ובאם אביה, ובבתה, ובבת בתה, ובבת בנה, ובאחותה בזמן שהיא קיימת. והאחין מותרין. והיא אסורה באביו, ובאבי אביו, (ובאבי אמו) ובבנו, ובבן בנו, באחיו, ובבן אחיו. מותר אדם בקרובת צרת חלוצתו, ואסור בצרת קרובת חלוצתו:

ח. החולץ ליבמתו, ונשא אחיו את אחותה ומת, חולצת ולא מת־ יבמת. וכן המגרש את אשתו, ונשא אחיו את אחותה ומת, הרי זו פטורה

ירשנט גאַרניט, **אויב עס איז פאַראַן א פאָטער.** החולץ, אז איינער גיט חליצה צו זיין שוועגערין איז ער אסור (חתונה צו האָבן) מיט אירע קרובים, און זי איז אסור (חתונה צו האָבן) מיט זיינע קרובים; ער איז אסור (חתונה צו האָבן) מיט איר מוטער, און מיט דער מוטער פון איר מוטער, און מיט דער מוטער פון איר פאָטער און מיט איר טאָכטער און טאָכטערס טאָכטער, און זונ׳ס טאָכטער, און שוועסטער ווען זי לעבט; אָבער די (אנדערע) ברידער (וועלכע האָבן איר ניט געגעבן חליצה) מעגן (חתונה האָבן מיט אירע קרובים); און זי איז אסור חתונה צו האָבן מיט זיין פאָטער און מיט זיין פאָטערס פאָטער און מיט זיין מוטערס פאָטער, און מיט זיין זון, און מיט זיין זונ׳ס זון און מיט זיין ברודער (אפילו נור פון איין מוטער) און מיט זיין ברודערס זון. **די משנה לערנט, אז איינער גיט חליצה צו זיין שוועגערין האָט זי דעם דין, ווי זי וואָלט געווען זיין ווייב און ער האָט זיך געגט מיט איר, און ער טאָרניט חתונה האָבן מיט אירע קרובים, און זי טאָר ניט מיט זיינע קרובים.** מותר, א מענטש מעג חתונה האָבן מיט דער קרובה פון דער צרה פון זיין חלוצה. **אויב ראובן איז געשטאָרבן אָן קינדער, און ער האָט איבערגעלאָזט צווי ווייבער, שרה און רבקה, און זיין ברודער שמעון האָט געגעבן חליצה צו שרה, מעג שמעון חתונה האָבן מיט די קרובים פון רבקה, כאָטש זי איז דאָך די „צרה פון זיין חלוצה", דאָס הייסט די צרה פון שרה, וועמען ער האָט געגעבן חליצה.** ואסור, און א מענטש טאָרניט חתונה האָבן מיט דער צרה פון דער קרובה פון זיין חלוצה. **די דאָזיקע משנה, וועלכע איז זייער שווער, ווערט געטייטשט דורך רש״י, אז אויב שמעון האָט געגעבן חליצה צו זיין שוועגערין לאה, און לאה האָט א נאָנטע קרובה, לאָמיר זאָגן א שוועסטער רחל, און די רחל איז דאָס ווייב, פון א מאַן וועלכער האָט נאָך א ווייב, שרה, און יענער מאַן איז געשטאָרבן, טאָר שמעון ניט חתונה האָבן ניט נור מיט רחל (וועלכע איז די קרובה פון זיין חלוצה, פון שרה) נאָר אויך ניט מיט שרה, וועלכע איז די צרה פון רחל, די צרה פון דער קרובה פו זיין חלוצה. רש״י זאָגט, אז דער טעם איז, ווייל ווען לאה גייט צום בית דין נעמען חליצה איז דער שטיינער אז זי נעמט מיט זיך מיט איר שוועסטער רחל, און די וועלט קאָן אָננעמען אז רחל האָט אויך גענומען חליצה, און מען וועט מיינען, אז דער חליצה־געבער מעג חתונה האָבן אויך מיט דער צרה פון זיין חלוצה. רש״ס טייטש איז זייער שווער, און תוספות פרעגט אויף אים עטליכע שווערע קשיות, און זאָגט, אז די משנה מיינט נור ווען די צרה פון איר קרובה איז געווען פאַרהייראַט צו איינעם פון די ברידער.**

ח. החולץ, אז איינער (ראובן) גיט חליצה צו זיין שוועגערין (לאה) און דערנאָך האָט זיין ברודער (שמעון) חתונה געהאַט מיט איר (לאה׳ס) שוועסטער (מיט רחל) און ער (שמעון) איז געשטאָרבן (אָן קינדער) דאַרף זי (רחל) נעמען (פון ראובן) חליצה, אָבער ער טאָר איר ניט מייבם זיין. **מחמת זי, רחל, איז דאָך די שוועסטער פון זיין חלוצה (פון לאה). אָבער חליצה דאַרף ער איר יאָ געבן, ווייל דער איסור ניט חתונה צו האָבן מיט די קרובים פון זיין חלוצה איז ניט פון דער תורה נאָר מדרבנן.** וכן, און אזוי, אויב איינער (ראובן) האָט געגט זיין פרוי (לאה) און זיין ברודער שמעון האָט חתונה געהאַט מיט איר שוועסטער (רחל) און ער (שמעון) איז גע־

מן החליצה ומן היבום:

ט. שומרת יבם שקידש אחיו את אחותה משום ר׳ יהודה (בן בתירא) אמרו, אומרים לו: המתן עד שיעשה אחיך הגדול מעשה. חלצה לה אחיו, או כנסה, יכנוס את אשתו. מתה היבמה, יכנוס את אשתו. מת יבם, יוציא את אשתו בגט ואשת אחיו בחליצה:

י. היבמה לא תחלוץ ולא תתיבם עד שיש לה שלשה חדשים. וכן

שטאָרבן, איז זי (רחל) באפרייט פון חליצה און פון ייבום. **מחמת זי איז דאָך די שוועסטער פון ראובנ׳ס גרושה (פון לאה) און די תורה האָט געאסרט א מענטש חתונה צו האָבן מיט דער שוועסטער פון זיין גע׳גט ווייב, דאריבער איז זי פטור אויך פון חליצה.** די גמרא זאָגט, אז דאָס וואָרט „וכן, און אזוי״, מיינט „אָבער״, **ווייל דאָ איז דאָך אנדערש ווי אין דעם פריערדיקן דין, און דאָ איז דאָך רחל באפרייט אויך פון נעמען חליצה.**

ט. שומרת יבם, א יבמה (לאה), וואָס איינער פון די ברידער (לוי, א ברודער פון איר פארשטאָרבענעם מאן ראובן) האָט מקדש געווען איר שוועסטער (רחל), האָט מען געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהודה בן בתירא, אז מען זאָגט צו אים (צום לוי): „וואָרט אָפּ (מיט׳ן חתונה האָבן מיט דער שוועסטער) ביז דיין עלטערער ברודער (שמעון) וועט אָפּטאָן די מעשה״. **איצט טאָר לוי ניט חתונה האָבן מיט רחלן, ווייל זי איז דאָך די שוועסטער פון זיין יבמה, פון זיין „זקוקה״, פון לאה, מחמת לאה האָט דאָך נאָכניט געגומען חליצה אָדער ייבום. ער דארף דאריבער וואַרטן ביז אַן אנדערער ברודער שמעון וועט „אָפּטאָן די מעשה״, וועט געבן לאה׳ן חליצה אָדער ער וועט איר מייבם זיין, און דאַמאָלס מעג שוין לוי חתונה האָבן מיט רחלן, מחמת זי ווערט דאַמאָלס אויס שוועסטער פון זיין „זקוקה״, ווארים לאה איז שוין באפרייט פון אים, און ער דארף איר ניט מער געבן חליצה אָדער מייבם זיין איר.** חלצה, (נאָכדעם) ווי זיין ברודער (שמעון) האָט איר (לאה׳ן) געגעבן חליצה אָדער ער האָט חתונה געהאט מיט איר (מיט לאה׳ן, ער האָט איר מייבם געווען), מעג ער (לוי) שוין חתונה האָבן מיט זיין ווייב (מיט רחל, וועלכע ער האָט פריער מקדש געווען). **דאָס איז אזוי ווי מיר האָבן פריער פארטייטשט.** מתה, אויב די יבמה (לאה איז געשטאָרבן (איידער דער שמעון האָט איר געגעבן חליצה אָדער איר מייבם געווען) מעג ער (לוי) חתונה האָבן מיט זיין ווייב (מיט רחלן). **מחמת אויך דורך דעם טויט פון לאה איז דאָך רחל ניט מער די שוועסטער פון זיין זקוקה.** מת, יבם, אויב דער יבם (דער אנדערער ברודער, שמעון) איז געשטאָרבן (נאָכדעם ווי ער האָט געהאט מייבם געווען לאה׳ן) זאָל לוי גט׳ן זיין ווייב (רחל) און זיין ברודער׳ס ווייב (לאה) זאָל ער געבן חליצה. **מייבם זיין טאָר ער ניט, ווייל זי איז דאָך די שוועסטער פון זיין געגטער פרוי; אָבער חליצה דארף ער איר יאָ געבן, ווייל ער האָט דאָך מקדש געווען רחלן ערשט נאָכדעם ווי לאה איז געוואָרן זיין זקוקה. דאריבער טאָר ער אויך ניט נעמען רחלן פאר א ווייב, ווייל זי איז אלץ די שוועסטער פון זיין זקוקה. די משנה מיינט דאָ, אויב עס איז ניט געבליבן נאָך שמעונ׳ס טויט מער קיין אנדערער ברודער, נאָר ער, לוי. ווייל אויב עס איז פאראַן נאָך א ברודער, קאָן דאָך יענער געבן חליצה אָדער מייבם זיין לאהן, און לוי מעג חתונה האָבן מיט רחלן און ער דארף איר ניט געבן א גט.**

י. היבמה, א יבמה זאָל ניט נעמען קיין חליצה און מען זאָל איר ניט מייבם זיין ביז עס וועט איר אריבער דריי חדשים (נאָכן מאנ׳ס טויט). **ווייל עס קאָן זיין אז זי איז מעוברת פון ערשטן מאן און דאריבער טאָר מען איר ניט מייבם זיין, און אויב מען טאָר ניט מייבם זיין א יבמה, טאָר מען איר אויך ניט געבן קיין חליצה (כל שאינה עולה לייבום אינה עולה לחליצה). און די אלע וואָס מען האָט וועגן זיי געלערנט פריער אין די משנות, אז זיי נעמען חליצה אָבער ניט קיין ייבום, איז עס דערפאַר, ווייל דאָרט קאָן מען דאָך ניט טאָן אנדערש, אָבער דאָ קאָן מען דאָך וואַרטן די דריי**

כל שארי הנשים לא יתארסו ולא ינשאו עד שיהיו להן שלשה חדשים. אחד בתולות ואחד בעולות, אחד גרושות ואחד אלמנות, אחד נשואות ואחד ארוסות. ר׳ יהודה אומר, הנשואות יתארסו, והארוסות ינשאו, חוץ מן הארוסות שביהודה, מפני שלבס גס בה. ר׳ יוסי אומר. כל הנשים יתארסו, חוץ מן האלמנה, מפני האיבול:

יא. ארבעה אחין נשואים ארבע נשים ומתו, אם רצה הגדול שבהם

חדשים. נאָך דריי חדשים מעג מען, ווייל מען דערקענט שוין צי א פרוי איז מעוברת נאָך דריי חדשים פון שוואנגערשאפט. וכן, און אזוי איז אויך (דער דין אז) אלע אנ־דערע פרויען (ניט דוקא א יבמה, נאָר סתם אן אלמנה, צי א גרושה) טאָר מען ניט מקדש זיין (לא יתארסו) און מען טאָר מיט זיי ניט חתונה האָבן, ביז עס וועט אריבער דריי חדשים (זינט זייער מאנ׳ס טויט אָדער זינט דעם גט), סיי זיי (די פרויען) זיינען נאָך בתולות (זיי האָבן נאָכניט געלעבט מיט די מענער) סיי זיי זענען שוין בעולות (זיי האָבן שוין געלעבט מיט די מענער), סיי זיי זענען גרושות סיי זיי זיינען אלמנות, סיי זיי זענען געווען נשואות (זייערע ערשטע מענער האָבן מיט זיי שוין געהאט אינגאנצן חתונה געהאט) און סיי נור ארוסות (זייערע ערשטע מע־נער האָבן זיי נור געהאט מקדש געווען). **די אלע מוזןווארטן דריי חדשים, כדי אז די פרוי וועט האָבן א קינד, זאָל מען וויסן צי עס איז א ניינטל פון ערשטן מאן צי א זיבעלע פון אנדערן מאן** (זע פריער פרק ד׳ משנה ב׳). **און ביי בתולות, און ארוסות** (ווען דער ערשטער מאן האָט זיי נאָר מקדש געווען) **און אויך אין פאל ווען דער צווייטער מאן וויל זיי נור מקדש זיין, האָט מען גוזר געווען צוליב פאָלשטענדיק חתונה געהאטע פרויען און צוליב אינגאנצן חתונה האָבן.** ר׳ יהודה זאָגט, אז נשואות (פרויען מיט וועלכע די ערשטע מענער האָבן געהאט אינגאנצן חתונה געהאט) מעגן די צווייטע מענער) מקדש זיין, און די ארוסות (פרויען, וועלכע די ערשטע מענער האָבן נור געהאט מקדש געווען) מעגן (מיט די צווייטע מענער) אינגאנצן חתונה האָבן, (פאר דריי חדשים) א, חוץ די ארוסות אין יהודה, ווייל זיין (דעם חתנ׳ס) הארץ איז דרייסט צו איר (צו זיין כלה, נאָכדעם ווי ער האָט איר מקדש געווען). **ר׳ יהודה האלט, אז מען איז ניט גוזר, און ער זאָגט אז נור פולשטענדיק־חתונה געהאטע פרויען וועלכע זענען געוואָרן גרושות אָדער אלמנות, דארפן ווארטן דריי חדשים אויב זיי גייען פולשטענדיק חתונה האָבן, מחמת נור אין דאָזיקן פאל איז מורא צו האָבן, אז אויב עס וועט געבוירן ווערן א קינד וועט זיין א ספק צי עס איז פון ערשטן מאן צי פון צווייטן מאן. אָבער ר׳ יהודה אסר׳ט אויך אין פאל ווען דער ערשטער מאן האָט נור מקדש געווען, אויב דאָס איז פאָרגעקומען אין יהודה, אין דעם דרום־טייל פון ארץ ישראל, ווייל דאָרט איז געווען דער מנהג אז די חתנים מיט זייערע כלות האָט מען ארייגעפירט אין א באזונדער צימער נאָכדעם ווי זיי האָבן זיי געהאט מקדש געווען, נאָך איידער זיי האָבן געשטעלט מיט זיי די חופה און אינ־גאנצן חתונה געהאט, און עס האָט זיך געקאָנט טרעפן אז דער חתן האָט געלעבט מיט דער כלה. וועגן דעם מנהג ווערט אויך דערמאָנט אין מסכתא כתובות פרק א׳ משנה ה׳. „לבו גס בה״, „זיין הארץ איז דרייסט צו איר״, מיינט, אז ער שעמט זיך ניט פאר איר, האָט צו איר דרייסטקייט.** ר׳ יוסי זאָגט אז אלע פרויען מעג מען מקדש זיין (פאר די 3 חדשים, אָבער ניט חתונה האָבן) א חוץ אן אלמנה, צוליב דעם טרויער. **אן אלמנה מוז אפילו מיטן מקדש זיין ווארטן נאָך איר מאנ׳ס טויט; די גמרא זאָגט, אז ר׳ יוסי הייסט דער אלמנה ווארטן מיטן מקדש זיין נור 30 טעג, די „שלשים״, צוליבן טרויער (איבול), אָבער ניט לענגער.**

יא. ארבעה, פיר (פון די) ברידער וועלכע האָבן געהאט פיר ווייבער (יעדער א ווייב) און זיי זענען געשטאָרבן (אָן קינדער), אויב דער עלטסטער פון זיי (פון די אנדערע איבער־געבליבענע לעבעדיקע ברידער) וויל מייבם זיין (חתונה האָבן) מיט

ליבם את כולן, הרשות בידו. מי שהיה נשוי לשתי נשים ומת, ביאתה או חליצתה של אחת מהן פוטרת צרתה. היתה אחת כשרה ואחת פסולה, אם היה חולץ, חולץ לפסולה, ואם היה מיבם, מיבם לכשרה:

יב. המחזיר גרושתו, והנושא חלוצתו, והנושא קרובת חלוצתו, יוציא והולד ממזר, דברי ר׳ עקיבא, וחכמים אומרים, אין הולד ממזר. ומודים בנושא קרובת גרושתו, שהולד ממזר:

יג. איזהו ממזר ? כל שאר בשר שהוא בלא יבא, דברי ר׳ עקיבא. שמעון התימני אומר, כל שחייבין עליו כרת בידי שמים; והלכה כדב-

---

די אלע (ווייבער, יבמות), האָט ער דאָס רעכט דערצו. **די משנה זאָגט „פיר״, און דער דין איז אז ער מעג אויך מיט מער, ווייל אין דער צייט פון דער משנה האָט מען געמעגט חתונה האָבן מיט עטליכע ווייבער. ס׳ווערט געזאָגט „פיר״ אלס א עצה טובה, אז א מענטש זאָל ניט חתונה האָבן מיט מער ווי פיר ווייבער, ווייל ס׳ווערט אָנגענומען אז א מאַן לעבט מיט זיין ווייב, איינמאָל אין דער וואָך, און ביי פיר ווייבער, וועט יעדע פרוי האָבן דעם מאַן כאָטש איינמאָל אין חודש.** מי שהיה, אויב איינער האָט געהאט צוויי ווייבער (לאה און רחל) און ער איז געשטאָרבן (אָן קינדער), איז דאָס לעבן (מייבם זיין) אָדער חליצה נעמען פון איינער פון זיי (פון די ווייבער דורך איי־נעם פון די ברידער) באפרייט איר צרה. **אויב איינער פון די ברידער איז מייבם אָדער גיט חליצה צו לאה, איז שוין רחל אינגאנצן באפרייט.** היתה, אויב איינע פון זיי (למשל לאה) איז געווען א כשרע (זי האָט געמעגט חתונה האָבן מיט א כהן, למשל, זי איז ניט געווען א גרושה,) און די אנדערע איז געווען א פסולע (זי האָט ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט א כהן, למשל זי איז געהאט געווען א גרושה), אויב ער (איינער פון די ברידער) גיט חליצה, זאָל ער געבן די חליצה דער פסולער (רחלן), און אויב ער איז מייבם קאָן ער מייבם זיין דער כשרער. **די גמרא זאָגט, אז רבי, דער מסדר פון דער משנה, לערנט דאָ א מוסר זאך וועגן דער אויפירונג פון מענטש, אז א מענטש זאָל ניט ארויסגיסן דאָס וואסער פון זיין ברונעם אין דער צייט ווען אנדערע קאָנען עס נוצן. אויך דאָ, אויב מען קאָן געבן חליצה דער פסולער רחלן, זאָל מען ניט געבן חליצה דער כשרער, לאה׳ן, מחמת רחל טאָר דאָך סיי ווי ניט חתונה האָבן מיט א כהן, און לאה אויב זי וועט נעמען חליצה וועט דאָך א כהן מיט איר ניט טאָרן חתונה האָבן, מחמת א כהן טאָרניט חתונה האָבן מיט א פרוי וואָס האָט גענומען חליצה.**

יב. המחזיר, אז איינער נעמט צוריק זיין גע׳גט ווייב (נאָכדעם ווי זי האָט גיהאט חתונה געהאט מיט אן אנדערן און יענער איז געשטאָרבן אָדער ער האָט זי געגט) און אז איינער האָט חתונה מיט זיין חלוצה (דער פרוי וועמען ער האָט געגעבן חלוצה), און אז איינער האָט חתונה מיט דער קרובה פון זיין חלוצה (למשל, מיט איר שוועסטער צי מוטער) זאָל ער זיך גטן מיט איר, און דאָס קינד (וואָס ער האָט געהאט מיט איר) איז א ממזר, אזוי זאָגט ר׳ עקיבא. **ר׳ עקיבא האלט, אז אפילו עס קומט ניט קיין כרת פאר לעבן מיט אזא פרוי, און עס איז נור א „לאו״, סתם א איסור, הייסט אויך דאָס קינד א ממזר.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז עס איז ניט קיין ממזר; און זיי (די חכמים זענען מודה„ אז ווען איינער נעמט די קרובה פון זיין גרושה (למשל די שוועסטער פון זיין גע׳גטער פרוי) איז דאָס קינד (וואָס ווערט געבוירן פון זיי) א ממזר. **ווייל פאר לעבן מיט דער נאָנטער קרובה פון זיין געג׳טער פרוי קומט כרת.**

יג. איזהו, וואָס הייסט א ממזר? יעדע קרובה (שאר בשר, דאָס נאָנטע לייב, קרובה) וואָס איז (פארבאָטן צו לעבן מיט איר דורך דעם איסור פון) לא יבוא („ניט לעבן״ מיט איר) אזוי זאָגט ר׳ עקיבא. **דאָס קינד, וואָס ווערט געבוירן פון צוזאמענלעבן מיט אזא קרובה, כאָטש עס קומט ניט דערפאר קיין כרת, נאָר עס איז א „לאו״. פארבאָט, הייסט א ממזר.** שמעון התימני זאָגט, אז יעדע, וואָס מען איז מחויב דערויף כרת דורך דעם הימל. **נאָר ווען ס׳קינד איז געבוירן געוואָרן פון לעבן מיט אזא פרוי,**

ריו. ר׳ יהושע אומר, כל שחייבים עליו מיתת בית דין. אמר ר׳ שמעון בן עזאי, מצאתי מגלת יוחסין בירושלים, וכתוב בה: „איש פלוני ממזר מאשת איש״, לקיים דברי ר׳ יהושע. אשתו שמתה, מותר באחותה. גרשה ומתה, מותר באחותה. נשאת לאחד ומתה, מותר באחותה. יבמתו שמתה, מותר באחותה. חלץ לה ומתה, מותר באחותה. (נשאת לאחר ומתה, מותר באחותה):

פרק ה.

א. רבן גמליאל אומר, אין גט אחר גט, ולא מאמר אחר מאמר, ולא בעילה אחר בעילה. ולא חליצה אחר חליצה. וחכמים אומרים, יש

אויף וועלכער מען איז מחויב כרת, הייסט א ממזר. והלכה, און די הלכה איז ווי זיינע (שמעון התימני׳ס) ווערטער. ר׳ יהושע זאָגט, אז יעדע, אויף וועלכע מען איז מחויב טויט־שטראף דורך דעם בית דין. לויט ר׳ יהושע הייסט ניט דאָס קינד א ממזר אפילו עס ווערט געבוירן פון חייבי כריתות, פון לעבן מיט א פרוי, אויף וועלכע עס קומט כרת (למשל, דעם ווייב׳ס א שוועסטער). א ממזר הייסט נור אויב דאָס קינד ווערט געבוירן פון לעבן מיט א פרוי פאר וועלכער עס קומט טויט־שטראָף דורך דעם בית דין, למשל, לעבן מיט א פרעמדער פארהייראטער פרוי, אשת איש, אָדער מיט דער אייגענער מוטער, צי מיט דער אייגענער טאָכטער. אָמר, ר׳ שמעון בן עזאי האָט געזאָגט: איך האָב געפונען א יוחסין־מגילה אין ירושלים, און עס איז דאָרט געווען פאר־שריבן, אז יענער מענטש איז א ממזר פון א אשת איש; (דאָס איז) כדי צו באשטע־טיקן די ווערטער פון ר׳ יהושע. „מגילת יוחסין״, הייסט איינגעוויקלטער פארמעט־כתב, אין וועלכן מען האָט איינגעשריבן ידיעות וועגן משפחות, צי זיי זענען כשרע און מען מעג מיט זיי חתונה האָבן. אין דער גמרא פסחים ס״ב געפינען מיר „ספר יוחסין״. אשתו, (אויב) ביי איינעם איז געשטאָרבן זיין ווייב, מעג ער נעמען איר שוועסטער; (אויב) ער האָט איר (זיין ווייב) גע׳גט און זי איז געשטאָרבן, מעג ער נעמען איר שוועסטער; אויב זי (די גע׳גטע פרוי) האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן (מאן) און זי איז געשטאָרבן, מעג ער נעמען איר שוועסטער. דאָס איז צו לערנען אז א מאן מעג נעמען די שוועסטער פון זיין ווייב נאָכדעם ווי דאָס ווייב איז גע־שטאָרבן. יבמתו, אויב זיין יבמה (איידער ער האָט איר געגעבן חליצה) איז גע־שטאָרבן, מעג ער נעמען איר שוועסטער; אויב ער האָט איר געגעבן חליצה און זי איז געשטאָרבן מעג ער נעמען איר שוועסטער. אויב זי (זיין יבמה נאָכדעם ווי זי האָט גענומען פון אים חליצה) האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן (מאן) און זי איז געשטאָרבן מעג ער נעמען איר שוועסטער. ווארום מה־דאָך, אז זי איז געווען זיין ווייב, מעג ער חתונה האָבן מיט איר שוועסטער נאָכן ווייב׳ס טויט, איז דאָך קלאָר אז אויב זי איז נור געווען זיין יבמה אָדער זיין חלוצה מעג ער דאָך אודאי.

פרק ה.

א. רבן גמליאל זאָגט, אז עס איז ניטאָ קיין גט נאָך א גט, און ניט קיין מאמר נאָך א מאמר, און ניט קיין בעילה נאָך א בעילה, און ניט קיין חליצה נאָך א חליצה. מען מיינט דאָ, אויב ראובן איז געשטאָרבן אָן קינדער און ער האָט איבערגעלאָזט צוויי ווייבער, שרה און לאה, און זיין ברודער שמעון האָט געגעבן שרה׳ן א גט און דערנאָך האָט ער געגעבן לאה׳ן א גט, אָדער ער האָט צוערשט מקדש געווען, געמאכט א מאמר, (זע אונזער דערקלערונג פריער פון פרק ב׳ משנה א׳ וואָס הייסט „מאמר״) צוערשט מיט שרה׳ן און דערנאָך מיט לאה׳ן, אָדער ער האָט צוערשט בועל געווען (געלעבט געשלעכטלעך) צוערשט שרהן און דערנאָך לאה׳ן, אָדער ער האָט געגעבן חליצה, צוערשט שרה׳ן און דערנאָך לאהן. האלט רבן גמליאל, אז פונקט ווי ווען מען גיט חליצה צו א יבמה ווערט זי אינגאנצן באפרייט, אזוי ווערט זי אינגאנצן באפרייט ווען מען גיט איר א גט; און פונקט ווי א יבמה ווערט דאָס ריכטיקע ווייב

גט אחר גט, ויש מאמר אחר מאמר, אבל לא אחר בעילה ולא אחר חליצה כלום:

ב. כיצד? עשה מאמר ביבמתו ונתן לה גט, צריכה הימנו חליצה. עשה מאמר וחלץ, צריכה הימנו גט. עשה מאמר ובעל, הרי זו כמצותה:

ג. נתן גט ועשה מאמר, צריכה גט וחליצה. נתן גט ובעל, צריכה

פון א יבם ווען ער איז איר בועל (דורך בעילה), אזוי ווערט זי אויך זיין ריכטיק ווייב, ווען ער איז איר מקדש (מיט געלט צי מיט א שטר) מיט א „מאמר". דאריבער, איז דער גט וואס דער יבם האט געגעבן לאה'ן געבוג, און דער גט, וואס ער האט דערנאך געגעבן רחל איז גארניט ווערט, דאס זעלביקע, איז דער מאמר פון לאה גענוג, און דער מאמר צו רחלן האט שוין אינגאנצן ניט קיין ווערט. מילא, וועגן חליצה און בעילה איז דאך אודאי זיכער, אז די חליצה אדער די בעילה צו לאה זענען אינגאנצן גוטע, און ממילא האבן די חליצה אדער די בעילה צו רחלן קיין ווירקונג ניט. אין די אלע פאלן מעג דער יבם חתונה האבן מיט רחל'ס קרובים (למשל מיט איר שוועסטער)..וחכמים, און די חכמים זאגן, אז עס איז פאראן א גט נאך א גט און אז עס איז פאראן א מאמר נאך א מאמר, אבער נאך בועל זיין (בעילה) און נאך חליצה איז גארניט פאראן. די **חכמים האלטן, אז חליצה באפרייט טאקע אינגאנצן, און בעילה מאכט טאקע אז די יבמה ווערט אינגאנצן דאס ווייב פון יבם. דאריבער אויב דער יבם האט געגעבן לאה חליצה אדער ער האט איר בועל געווען, און דערנאך האט ער רחלן געגעבן חליצה צי בועל געווען, איז ער מותר חתונה צו האבן מיט רחל'ס קרובים, אבער א גט ביי א יבמה באפרייט איר ניט אינגאנצן, נאר עפיס, און די יבמה, וועלכע האט גענומען פון יבם א גט, בלייבט אביסל יא די יבמה און אביסל ניט די יבמה; דאסזעלביקע מאכט ניט א מאמר אז די יבמה זאל ווערן זיין ווייב אינגאנצן, נאר עפיס, און די יבמה, וועלכע האט גענומען פון יבם א מאמר, איז אביסל יא זיין ווייב און אביסל ניט זיין ווייב. דאריבער אויב דער יבם האט צוערשט געגעבן א גט לאה'ן און דערנאך א גט צו רחל, אדער א מאמר צו לאה'ן און דערנאך א מאמר צו רחל, האט דער צווייטער גט און דער צווייטער מאמר יא א ווירקונג, און דער יבם טאר ניט חתונה האבן מיט רחל'ס קרובים.**

ב. כיצד, ווי אזוי? **די מפרשים טייטשן, אז די דאזיקע משנה איז א באזונדערע הלכה און גייט ניט ארויף אויף דער פריערדיקע משנה. פריער האט מען געלערנט וועגן איין יבם מיט צוויי יבמות (לאה און רחל) און איצט גייט די משנה לערנען וועגן איין יבם מיט איין יבמה.** עשה, אויב דער יבם האט געמאכט א מאמר מיט זיין יבמה און (דערנאך) האט ער איר געגעבן א גט, דארף זי האבן פון אים חליצה. **ווייל דער מאמר מאכט איר ניט אלס זיין ווייב אינגאנצן, און דאריבער איז א גט אליין ניט גענוג נאר זי מוז אויך האבן חליצה.** עשה מאמר וחליצה, אויב ער האט געמאכט א מאמר (מיט זיין יבמה) און (דערנאך) האט ער (איר) געגעבן חליצה, דארף זי האבן פון אים א גט. **ווייל אביסל מאכט דאך יא דער מאמר ווי די יבמה איז געווארן דעם יבם'ס ווייב, דאריבער דארף זי האבן פון אים אויך א גט.** עשה מאמר ובעל, אויב ער האט געמאכט (מיט זיין יבמה) א מאמר (ער האט איר מקדש געווען מיט געלט צי מיט א שטר) און (דערנאך) האט ער (איר) בועל געווען, דאס איז ווי די מצוה דארף זיין. **כאטש בעילה אליין איז גענוג ביי א יבמה צו מאכן איר אינגאנצן פאר דאס ווייב פון יבם, אבער די חכמים האבן געלערנט, אז עס איז דער דרך ארץ, אז צוערשט זאל ער איר מקדש זיין.**

ג. נתן, אויב ער האט (זיין יבמה) געגעבן א גט, און (דערנאך) האט ער (מיט איר) געמאכט א מאמר, דארף זי האבן א גט און א חליצה. **דער ערשטער גט טויג**

גט וחליצה. נתן גט וחלץ, אין אחר חליצה כלום. חלץ ועשה מאמר נתן גט ובעל, או בעל ועשה מאמר נתן גט וחלץ, אין אחר חליצה כלום. אחת יבמה אחת ליבם אחד, ואחת שתי יבמות ליבם אחד:

ד, כיצד? עשה מאמר בזו ומאמר בזו, צריכות שני גטין וחליצה. מאמר בזו וגט בזו, צריכה גט וחליצה. מאמר בזו

ניט ווייל ער האָט דאָך דערנאָך געמאַכט א מאמר און זי איז געוואָרן אביסל זיין ווייב, אָבער ניט אינגאַנצן, און דעריבער דאַרף זי האָבן נאָכאמאָל א גט (צוליב דעם מאמר) און חליצה, ווייל זי איז דאָך נאָך זיין יבמה. נתן גט ובעל, אויב ער האָט (איר) געגעבן א גט און (דערנאָך) האָט ער (איר) בועל געווען דאַרף זי האָבן א גט און חליצה. דעם גט דאַרף זי האָבן, ווייל ער האָט דאָך איר בועל געווען און זי איז ווי זיין ווייב; אָבער זי דאַרף אויך האָבן חליצה ווייל די בעילה איז ניט געווען קיין כשרע בעילה, זי איז געווען א „בעילה פסולה״ מחמת זי איז פאָרגעקומען נאָכדעם ווי ער האָט איר שוין געהאַט געגעבן א גט, און דעריבער איז זי נאָך אביסל א יבמה און זי דאַרף האָבן חליצה. נתן גט וחלץ, אויב ער האָט (איר) געגעבן א גט און (דער־נאָך) האָט ער (איר) געגעבן חליצה, איז נאָך דער חליצה גאָרניט מער פאַראַן. די חליצה האָט די יבמה באַפרייט אינגאַנצן און זי דאַרף שוין גאָרניט מער האָבן. חלץ, אויב ער האָט (איר) געגעבן חליצה און (דערנאָך) האָט ער געמאַכט (מיט איר) א מאמר, און (דערנאָך איר) געגעבן א גט, און דערנאָך האָט ער (איר) בועל געווען, אָדער ער האָט (צוערשט) בועל געווען, און (דערנאָך) געמאַכט א מאמר, און (דער־נאָך) געגעבן א גט, און (דערנאָך) געגעבן חליצה, איז נאָך דער חליצה גאָרניט פאַראַן. דאָס הייסט, אין ערשטן פאַל, ווען ער האָט איר צוערשט געגעבן חליצה, איז זי שוין געוואָרן אינגאַנצן באַפרייט, און צווייטן פאַל, ווען ער האָט איר צוערשט בועל געווען, איז דאָך די בעילה געווען א כשרע, איז זי דאָך געוואָרן דאַדורך אינגאַנצן זיין ווייב, און ממילא איז בלויז א גט אליין אויך גענוג איר צו באַפרייען. די גמרא זאָגט, אַז די משנה איז ווי ר׳ עקיבא, וועלכער זאָגט, אַז אויב מען איז מקדש א פרוי, וואָס מען טאָרניט נעמען צוליב א „לאו״ (ניט צוליב כרת, זע פריער פרק ד׳ משנה י״ב) זענען די קידושין ניט גוט („אין קידושין תופסין בחייבי לאווין״) און זי דאַרף ניט קיין גט. דעריבער אויב ער האָט איר מקדש געווען נאָכדעם ווי זי האָט גענומען פון אים חליצה (און ער טאָרניט איר מער נעמען צוליב איסור פון א „לאו״ אין דער תורה) האָט דער גט קיין פעולה ניט, ווייל די קידושין זענען ניט געווען קיין קידו־שין, אָבער די חכמים זאָגן, אַז ביי א איסור פון א „לאו״ איז יאָ גוטע קידושין און זי דאַרף האָבן פון איו א גט. אחת, סיי ביי איין יבמה צו איין יבם (שמעון האָט איין יבמה, לאה), סיי ביי צוויי יבמות צו איין יבם (שמעון האָט צוויי יבמות פון איין פאַר־שטאָרבענעם ברודער, לאה און רחל). אין די ביידע פאַלן איז דערזעלבער דין, אַז נאָך א גט און א מאמר איז נאָך עפּיס געבליבן, אָבער נאָך חליצה און בעילה איז גאָרניט מער פאַראַן; אַן אויסנאַם איז נור א בעילה פסולה, וואָס דערנאָך דאַרף מען יאָ האָבן א גט און חליצה, ווי מיר האָבן פריער געלערנט. און די משנה וועט באַלד לערנען ווי אזוי.

ד. כיצד, ווי אזוי? אויב ער (שמעון, דער יבם וועלכער האָט געהאַט צוויי יבמות, לאה און רחל) האָט געמאַכט א מאמר (צוערשט) מיט דער דאָזיקער (מיט לאה) און (דערנאָך) מיט דער דאָזיקער (מיט רחל), דאַרפן זיי (לאה און רחל) האָבן צוויי גיטין און איין חליצה. אָדער ער גיט לאה׳ן א גט און א חליצה און רחלן א גט, און זיי ווערן דאַדורך ביידע באַפרייט, אָדער פאַרקערט, רחלן א גט און חליצה און לאה׳ן א גט. מחמת דערמיט באַפרייט ער שוין ביידע אינגאַנצן. מאמר בזו וגט בזו, אויב ער האָט מיט איינער (מיט לאה׳ן) געמאַכט א מאמר און דער אנדערער (רחלן) געגעבן א גט, דאַרף זי (לאה) האָבן א גט און חליצה. און רחל ווערט שוין

ובעל את זו, צריכות שני גיטין וחליצה. מאמר בזו וחלץ לזו, הראשונה צריכה גט. גט לזו וגט לזו, צריכות הימנו חליצה. גט לזו ובעל את זו, צריכה גט וחליצה. גט לזו ומאמר בזו, צריכה גט וחליצה. גט לזו וחלץ לזו, אין אחר חליצה כלום:

ה. חלץ וחלץ, או חלץ ועשה מאמר, נתן גט, ובעל, או בעל ובעל, או בעל ועשה מאמר, נתן גט, וחלץ, אין אחר חליצה כלום. בין יבם אחד לשתי יבמות, בין שני יבמין ליבמה אחת:

ממילא באפריײט. מאמר בזו ובעל, אויב ער האָט מיט איינער (מיט לאהן) געמאכט א מאמר און (דערנאָך) האָט ער בועל געווען די אנדערע (רחלן), דארפן זיי האָבן 2 גיטין און איין חליצה. **לאה דארף האָבן א גט צוליב איר מאמר און רחל דארף האָבן א גט צוליב איר בעילה, און די חליצה צו איינער פון זיי באפרייט שוין אויך די אנדערע.** מאמר בזו וחלץ, אויב ער האָט מיט איינער (מיט לאהן) געמאכט א מאמר, און דער אנדערער (רחל) האָט ער (דערנאָך) געגעבן חליצה, דארף די ערשטע (לאה) האָבן א גט צו אנדערער (רחלן) דארף זי האָבן פון אים חליצה. **רשי טייטש אויפן יסוד צוליב דעם מאמר.** גט לזו וגט לזו, אויב ער האָט געגעבן א גט צו איינער (לאה׳ן) און פון איר א גט. **ער מוז געבן צו לאהן א גט, ווייל זי הייסט שוין אביסל ווי זיין ווייב פון דער גמרא, אז עס איז גענוג איין חליצה צו איינער פון זיי.** גט לזו ובעל לזו, אויב ער האָט איינער (לאהן) געגעבן א גט, און (דערנאָך) האָט ער בועל געווען די אנדערע (רחלן), דארף זי (רחל) האָבן א גט און חליצה. **מיט א גט אליין קאָן ער זי ניט באפרייען, ווייל עס איז דאָך געווען א בעילה פסולה (נאָך דעם גט פון לאה׳ן), ווי מיר האָבן פריער געלערנט.** גט לזו ומאמר, אויב ער האָט איינער (לאהן) געגעבן א גט און (דערנאָך) האָט ער געמאכט א מאמר מיט דער אנדערער (מיט רחלן), דארף זי (רחל) האָבן א גט און חליצה. **א גט דארף זי האָבן צוליב דעם מאמר, וועלכער האָט איר געמאכט אביסל פאר זיין ווייב, און חליצה ווייל זי הייסט נאָך א יבמה, און מיט איר חליצה באפרייט זי אויך לאהן.** גט לזו וחלץ, אויב ער האָט געגעבן א גט צו איינער (לאהן), און (דערנאָך) חליצה צו דער אנדערער (רחלן), איז נאָך דער חליצה שוין גאָרניט פאראן. **און בײדע זענען באפרייט.**

ה. חלץ, אויב ער האָט געגעבן חליצה (צו לאה) און (דערנאָך) חליצה (צו רחלן), אָדער ער האָט געגעבן חליצה (צו לאה׳ן) און (דערנאָך) האָט ער (מיט רחלן) געמאכט א מאמר צי ער האָט איר (רחלן) געגעבן א גט צי ער האָט איר בועל געווען, אָדער ער האָט בועל געווען (לאה׳ן) און (דערנאָך) האָט ער בועל געווען (רחלן), אָדער ער האָט בועל געווען (לאהן) און (דערנאָך) האָט ער געמאכט א מאמר (מיט רחלן), אָדער ער האָט געגעבן א גט (צו לאהן) און (דערנאָך) האָט ער געגעבן חליצה (צו רחלן), איז נאָך דער חליצה גאָרניט מער פאראן. **די ווערטער אז „נאָך דער חליצה איז גאָרניט מער פאראן" און זיי זיינען באפרייט גייען ארויף אויף דעם ערשטן טייל פון דער משנה „אויב ער האָט געגעבן חליצה (לאהן)", אָדער אויף גאָר דעם לעצטן טייל פון דער משנה „אויב ער האָט געגעבן א גט צו (לאהן) און דערנאָך גע־געבן חליצה (צו רחלן)". אָבער וועגן דעם מיטלסטן טייל פון דער משנה „אויב ער האָט בועל געווען (לאהן)" דארף זיין „נאָך דער בעילה איז גאָרניט מער פא־ראן", ווייל די בעילה, אויב זי איז א כשרע, מאכט די יבמה דעם יבם׳ס ווייב אינגאנצן.** בין, (דער דאָזיקער דין איז ריכטיק) סיי ביי איין יבם צו צוויי יבמות (שמעון האָט געהאט צוויי יבמות פון איין פארשטאָרבענעם ברודער, לאה און רחל) סיי צוויי יבמים צי איין יבמה (שמעון און לוי האָבן געהאט איין יבמה, לאה, פון א פארשטאָרבענעם ברודער). **דער כלל איז כסדר גילטיג אפילו ביי צוויי יבמים מיט איין יבמה. נאָך א מאמר דארף מען האָבן גט און חליצה, נאָך א גט דארף מען האָבן חליצה, נאָך חליצה אָדער בעילה (אויב זי איז א כשרע) ווירקט גאָרנישט מער.**

ו. חלץ ועשה מאמר נתן גט ובעל, או בעל ועשה מאמר ונתן גט וחלץ, אין אחר חליצה כלום, בין בתחלה, בין באמצע, בין בסוף. והבעילה בזמן שהיא בתחלה, אין אחריה כלום; באמצע ובסוף יש אחריה כלום. ר׳ נחמיה אומר, אחת בעילה, ואחת חליצה, בין בתחלה, בין באמצע, בין בסוף, אין אחריה כלום:

פרק ו.

א. הבא על יבמתו, בין בשוגג בין במזיד, בין באונס בין ברצון, אפילו הוא שוגג והיא מזידה, הוא מזיד והיא שוגגת, הוא אנוס והיא לא אנוסה, היא אנוסה והוא לא אנוס, אחד המערה ואחד הגומר, קנה, ולא חלק בין ביאה לביאה:

ו. חלץ, אויב ער (דער יבם) האָט געגעבן חליצה (דער יבמה) און (דערנאָך) האָט ער מיט איר געמאכט א מאמר, צי ער האָט ער געגעבן א גט (נאָך דער חליצה), צי ער האָט איר בועל געווען (נאָך דער חליצה), אָדער ער האָט (צוערשט) בועל געווען און דערנאָך געמאכט א מאמר, צי געגעבן א גט, צי געגעבן חליצה, איז נאָך דער חליצה גאָרניט מער פאראן, סיי ווען די חליצה איז געווען אין אָנהויב, סיי אין דערמיט (אויב ער האָט נאָכדעם געמאכט א מאמר איז דער מאמר גאָרניט ווערט), און סיי צום סוף (נאָכדעם ווי ער האָט געמאכט א מאמר און געגעבן א גט); און די בעילה, אויב זי איז אין אָנהויב (איז זי דאָך א כשרע בעולה) איז נאָך איר גאָרניט מער פאראן (און די יבמה ווערט אינגאַנצן דאָס ווייב פון יבם), אָבער אויב אין דערמיט (נאָך א גט) אָדער צום סוף (נאָך א גט) איז נאָך איר יאָ עפּיס פאראן. אזוי ווי **מיר האָבן פריער געלערנט; ווייל נאָך א גט איז די בעילה א בעילה פסולה, ניט כשר, און זי מאכט ניט די יבמה אז זי זאָל ווערן אינגאַנצן דאָס ווייב פון יבם, און ממילא** מוז זי האָבן אי חליצה אי א גט. ר׳ נחמיה זאָגט, אז סיי בעילה און סיי חליצה (איז דער דין פון זיי גליך, און) סיי אין אָנהויב סיי אין דערמיט און סיי צום סוף, איז נאָך איר (נאָך דער בעילה אָדער נאָך דער חליצה) גאָרניט מער פאראן. **ווייל ר׳ נחמיה האלט, אז אויך א בעילה פסולה מאכט די יבמה אינגאַנצן פאר דאָס ווייב פון יבם און עס איז גענוג איר צו באפרייען בלויז מיט א גט אליין.**

פרק ו.

א. הבא, אז איינער (אַ יבם) קומט אויף זיין יבמה, סיי בשוגג (ער האָט געמיינט, אז דאָס איז אן אנדערע פרוי) סיי במזיד (ניט מקיים צו זיין די מצוה פון ייבום, צו נעמען איר פאר זיין ווייב, נאָר סתם כדי מזנה צו זיין מיט איר), סיי געצוואונגענערהייט (באונס, ער האָט ניט געוואָלט, נאָר מען האָט אים געצוואונגען דערצו) סיי מיטן גוטן ווילן, אפילו ער איז געווען בשוגג און זי איז געווען במזיד, אָדער ער איז געווען במזיד און זי בשוגג, אָדער ער איז געווען געצוואונגען (באונס) און זי איז ניט געווען געצוואונגען, אָדער זי איז געווען געצוואונגען און ער איז ניט געווען געצוואונגען, סיי ער האָט נור אָנגעהויבן (די בעילה) און סיי ער האָט זי פארענדיקט— האָט ער קונה געווען. **אין די אלע פאלן איז די יבמה געוואָרן זיין ווייב. ווען איינער נעמט סתם א פרוי מוז זיין דאביי סיי איר ווילן. אָבער ביי יבמה איז דער דין, אז די בעילה, דער געשלעכטלעכער פארקער, אפילו דאביי איז ניט פאראן דער ווילן צו נעמען איר פאר א ווייב, מאכט שוין אז די יבמה זאָל ווערן זיין ווייב.** ולא חלק, און עס איז ניטאָ קיין אונטערשיד צווישן ביאה און ביאה. **„ביאה" איז דאָס זעלבע וואָס „בעילה", דער געשלעכטלעכער פארקער. די משנה זאָגט, אז עס איז ניט פאראן קיין אונטערשיד, ווי אזוי די בעילה איז פאָרגעקומען, און שטענדיק ווערט דאדורך די יבמה דאָס ווייב פון יבם. די גמרא זאָגט, אז מען מיינט דערמיט, אז אפילו ווען די ביאה איז געווען „שלא כדרכה", ניט אויף א נאָרמאלן, געוויינטליכן אופן, מאכט זי אלץ, אז די יבמה ווערט דאדורך דאָס ווייב פון יבם.**

ב. וכן הבא על אחת מכל העריות שבתורה, או פסולות, כגון אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה לישראל, בת ישראל לממזר ולנתין, פסלה, ולא חלק בין ביאה לביאה:

ג. אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, מן הארוסין לא יאכלו בתרומה. ר׳ אליעזר ור׳ שמעון מכשירין. נתארמלו או נתגרשו, מן הנשואין פסולות, מן הארוסין כשרות:

ד. כהן גדול לא ישא אלמנה, בין אלמנה מן הארוסין, בין אלמנה

ב. וכן, און אזוי איז אויך (דער דין) אז איינער קומט (הבא, ער האָט געשלעכטליכן פארקער מיט) איינער פון די עריות וואָס אין דער תורה (ווערט געזאָגט, אז מען טאָר ניט מיט זיי לעבן, ווי א שוועסטער וכדומה און אז מען לעבט מיט זיי קומט כרת אָדער מיתה) אָדער (אז איינער לעבט) מיט פסולות (אזעלכע פרויען וואָס די תורה האָט געאסרט, אָבער קיין כרת צי מיתה קומט ניט) ווי א אלמנה צו א כהן גדול, אָדער א גרושה צי א חלוצה. צו א געוויינטליכן כהן, אָדער א ממזרת צו א נתינה צו א ישראל, אָדער א ישראל׳ס א טאָכטער צו א ממזר אָדער א נתין, — האָט ער איר געפסלט, און עס איז ניטאָ קיין אונטערשיד צווישן ביאה און ביאה. אויך אין דעם פאל איז אלץ איינס צי עס איז געוועזן בשוגג צי במזיד, צי באונס צי מיטן גוטן ווילן, צי ער האָט נור אָנגעהויבן, צי פארענדיקט, ווערט די פרוי פסול (זי טאָר ניט עסן קיין תרומה, אויב זי איז א כהנ׳ס א טאָכטער וכדומה), און אויב עס איז געוועזן במזיד קומט דערפאַר מלקות, קלעפּ, פאר עובר זיין אויף דעם איסור פון דער תורה. וועגן די דאָזיקע „פסולות״, ווי אלמנה צו א כהן גדול, און אזוי ווייטער, ביז דעם ממזר און נתין, האָבן מיר געגעבן פריער אין פרק ב׳ משנה ד׳.

ג. אלמנה, (אז) אן אלמנה (האָט חתונה) מיט א כהן גדול, אָדער א גרושה צי א חלוצה (האָט חתונה) מיט א געוויינטליכן כהן (אפילו) ער האָט זי נאָר מקדש געוועזן (מן הארוסין, דער כהן גדול צי דער געוויינטליכער כהן האָט נאָכניט געלעבט מיט איר), טאָרן זיי ניט עסן קיין תרומה. תרומה הייסט די הייליקע תבואה צי פרוכטן, וואָס מען שיידט אָפּ און מען גיט צום כהן, און נאָר א כהן און זיין פאמיליע, זיין ווייב, זיינע זין, זיין ניט פארהייראטעטע טאָכטער און זיינע שקלאפן, מעגן עסן די תרומה. זאָגט די משנה אז ווען א מאן איז מקדש א פרוי וואָס איז ניט כשר צו אים, האָט ער איר געפסלט (ער האָט זי געמאכט פאר א „חללה״ פסולע), אז זי טאָרניט עסן קיין תרומה, אפילו די פרוי איז א כהן׳ס א טאָכטער, און דער מאן איז אויך א כהן. ר׳ אליעזר און ר׳ שמעון זענען מכשיר. זיי האלטן, אז נור ווען דער כהן גדול האָט געלעבט (בועל געוועזן) די אלמנה אָדער דער געוויינטליכער כהן די גרושה אָדער די חלוצה האָט ער זי געפסלט; אָבער ניט ווען ער האָט זי נור מקדש געוועזן. נתארמלו„ אויב (נאָכדעם ווי דער כהן גדול האָט גענומען די אלמנה, אָדער דער געוויינטליכער כהן די גרושה אָדער די חלוצה) זענען זיי געוואָרן אלמנות (די מענער זענען געשטאָרבן) אָדער זיי זענען געוואָרן גע׳גט, איז אויב (דאָס איז געשען נאָכדעם ווי זיי זענען געוועזן שוין) איינגאנצן חתונה געהאט (דער כהן גדול האָט בועל געוועזן די אלמנה און דער געוויינטליכער כהן די גרושה אָדער די חלוצה) זענען זיי געוואָרן פסול, און אויב (נור (נאָכדעם ווי מען האָט זיי) מקדש געוועזן (און נאָכניט געלעבט מיט זיי) זענען זיי כשר. דאביי איז אויך דער תנא קמא, דער ערשטער תנא, וואָס זאָגט פריער אז זיי טאָרן ניט עסן קיין תרומה אפילו בלויז נאָכן מקדש זיין, מודה אז זיי זענען כשר, ווייל די מענער זענען דאָך שוין ניט פאראן, און די פרויען זיינען ניט מער גרייט צו א פסולער חתונה, צו א פסול לעבן (ביאה פסולה).

ד. כהן גדול, א כהן גדול טאָרניט נעמען (פאר א ווייב) אן אלמנה, סיי זי איז אן אלמנה מן האירוסין (דער ערשטער מאן האָט איר נאָר מקדש געוועזן) סיי נאָך דער חתונה (דער ערשטער מאן האָט שוין געהאט חתונה מיט איר); און ער (דער

מן הנשואין. ולא ישא את הבוגרת. ר׳ אליעזר ור׳ שמעון מכשירין בבוגרת. לא ישא את מוכת עץ. אירס את האלמנה, ונתמנה להיות כהן גדול, יכנוס. ומעשה ביהושע בן גמלא שקדש את מרתא בת ביתוס, ומינהו המלך להיות כהן גדול, וכנסה. שומרת יבם שנפלה לפני כהן הדיוט, ונתמנה להיות כהן גדול, אף על פי שעשה בה מאמר, הרי זה לא יכנוס. כהן גדול שמת אחיו, חולץ ולא מיבם:

ה. כהן הדיוט לא ישא אילונית. אלא אם כן יש לו אשה ובנים.

כהן גדול זאָל (אויך) ניט נעמען א בוגרת. מיט בוגרת (פון וואָרט „בגר״, שטאַרק ווערן, און ר׳ בנימין מוספיא אין „מוסף הערוך״ מיינט אז עס איז פון לאטיינישן וואָרט „וויגאָר״, שטאַרק) מיינט מען א מיידל עלטער פון 12 און א האלב יאָר מיט איין טאָג. ר׳ אליעזר און ר׳ שמעון זענען מתיר ביי א בוגרת. דאָס הייסט אז א כהן גדול מעג יאָ מיט איר חתונה האָבן אויב זי איז א בתולה. לא ישא, ער (דער כהן גדול, טאָר ניט נעמען א „צעקלאַפּטע דורך א האָלץ״ (מוכת עץ). דאָס מיינט מען, א מיידל וואָס האָט פאַרלוירן אירע בתולים (די מיידלשאַפט־סמנים) צעקלאַפּנדיק זיך מיט א האָלץ. דער טעם איז ווייל די תורה (ויקרא כ״א) זאָגט והוא אשה בבתוליה יקח״, אז דער כהן גדול מוז חתונה האָבן נור מיט א בתולה. אירס, אויב ער (א גע־וויינטלעכער כהן) האָט מקדש געווען אן אלמנה, און (איידער ער האָט מיט איר חתונה געהאט) איז ער באַשטימט געוואָרן צו זיין א כהן גדול, מעג ער חתונה האָבן (מיט איר). ווייל דאָס הייסט, ווי ער וואָלט שוין געהאט חתונה מיט איר. ומעשה, און עס איז געווען א מעשה מיט (דעם כהן) יהושע בן גמלא, וועלכער האָט געהאט מקדש געווען (די אַלמנה) מרתא די טאָכטער פון ביתוס, און דער מלך האָט אים באַשטימט צו זיין א כהן גדול און ער האָט דערנאָך חתונה געהאט מיט איר. אין ספר יוסיפון לרומיים ווערט דערציילט, אז אין דער צייט פון 2טן בית המקדש איז געווען א כהן גדול מיטן נאָמען יהושע בן גמלא וועלכער איז געווען כהן גדול לערך 5 יאָר פאַרן חורבן בית המקדש. אָבער ווייל אין דער ברייתא יבמות ס״א׳ ווערט דערציילט, אז ינאי המלך האָט אים געמאַכט פאַר כהן גדול, מיינען טייל חוקרים אז ס׳איז געווען נאָך א יהושע בן גמלא כהן גדול אין דער צייט פון ינאי המלך (לערך 150 יאָר פאַרן חורבן). וועגן יהושע בן גמלא ווערט דערציילט אין בבא בתרא כ״א אז ער האָט אין יעדער שטאָט אוועקגעשטעלט מלמדים צו לערנען יידישע קינדער תורה. וועגן א פרוי מרתא בת ביתוס ווערט אויך דערמאָנט אין גטין נ״ו, אז זי איז געווען א רייכע פרוי אין ירושלים אין דער צייט פון חורבן בית המקדש. אויב מען זאָל אָנ־נעמען די דעה, אז יהושע בן גמלא איז געווען אין דער צייט פון ינאי המלך איז אייך די מרתא בת ביתוס געווען אן אנדערע פרוי. שומרת, אויב א יבמה איז גע־פאַלן (איז געוואָרן א יבמה צו א (יבם) א געוויינטליכן כהן, און ער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין כהן גדול, כאָטש ער האָט שוין געהאט געמאַכט מיט איר א מאמר (זי מקדש געווען) טאָר ער זי ניט מייבם זיין (ניט חתונה האָבן מיט איר). ווייל ביי א יבמה איז דער מאמר ניט אינגאַנצן קיין ריכטיקע קידושין. כהן גדול, א כהן גדול וועמענס ברודער איז געשטאָרבן (אָן קינדער), זאָל ער געבן (דער יבמה, דעם ברו־דערס אלמנה) חליצה, אָבער ער טאָר זי ניט מייבם זיין. אלץ צוליב דעמזעלביקן טעם, ווייל ער טאָרניט חתונה האָבן מיט אן אלמנה.

ה. כהן, א געוויינטליכער כהן טאָרניט חתונה האָבן מיט א איילונית, סיידן ער האָט א פרוי אָדער קינדער. „אילונית״ זאָל זיין פון וואָרט „איל״, א שעפּס א זכר, און דאָס מיינט א פרוי וועלכע קאָן ניט האָבן קיין קינדער און האָט סימנים פון א ניט־נאָרמאַלער פרוי. אייגענטליך טאָר אויך ניט א כהן, אויך א ישראל ניט חתונה האָבן מיט א אילונית, ווייל ער דאַרף מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה (קינדער האָבן). די משנה דערמאָנט „כהן״, ווייל דער ווייטערדיקער דין פון ר׳

ר׳ יהודה אומר אף על פי שיש לו אשה ובנים, לא ישא אילונית, שהיא זונה האמורה בתורה. וחכמים אומרים, אין זונה אלא גיורת, ומשוחררת, ושנבעלה בעילת זנות:

ו. לא יבטל אדם מפריה ורביה, אלא אם כן יש לו בנים. בית שמאי אומרים, שני זכרים, ובית אומרים, זכר ונקבה, שנאמר (בראשית ה׳) „זכר ונקבה בראם״. נשא אשה ושהה עמה עשר שנים ולא ילדה, אינו רשאי ליבטל. גירשה, מותרת לינשא לאחר. ורשאי השני לשהות עמה עשרה שנים. ואם הפילה, מונה משעה שהפילה. האיש מצווה על פריה ורביה, אבל לא האשה. ר׳ יוחנן בן ברוקא אומר, על שניהם הוא אומר (בראשית א׳) ויברך אותם אלהים ויאמר להם פרו ורבו:

יהודה איז נוגע נאָר א כהן. ר׳ יהודה זאָגט, אז כאָטש ער (דער כהן) האָט יאָ א פרוי אָדער קינדער טאָר ער אויך ניט חתונה האָבן מיט אן אילונית, ווייל זי איז די „זונה״ וואָס ווערט געזאָגט אין דער תורה. **די תורה אין ויקרא כ״א זאָגט, אז א כהן טאָרניט חתונה האָבן מיט א זונה.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז א „זונה״ (וואָס די תורה זאָגט אז א כהן טאָר מיט איר ניט חתונה האָבן) מיינט מען א גר׳טע (א פרוי וואָס האָט זיך מגייר געווען), א באַפרייטע שקלאַפין, אָדער אזעלכע, וועלכע מען האָט בועל געווען א בעילה פון זנות (זי האָט געלעבט מיט מענער, מיט וועלכע זי האָט ניט געטאָרט לעבן). **נאָר מיט אזעלכע טאָר א כהן ניט חתונה האָבן; אָבער אן אילונית הייסט ניט קיין זונה, און אויב דער כהן האָט אן אנדערע פרוי, מיט וועלכער ער קאָן האָבן קינדער, אָדער ער האָט שוין קינדער (אזוי טייטשט דער רמבם אין „יד החזקה״ פרק ט״ו הלכות אישות „אשה ובנים״, „אָדער קינדער״) מעג ער נעמען אן אילונית.**

ו. לא יבטל, א מאנספערשוין טאָרניט אויפהערן מקיים צו זיין (די מצוה פון) פריה ורביה (מערן זיך, האָבן קינדער) סיידן ער האָט שוין קינדער. **„פריה ורביה״ איז די ערשטע מצוה אין דער תורה בראשית א׳ כ״ח, ווי גאָט האָט געזאָגט צו אדם הראשון „פרו ורבו״ (פרוכטבאַרט אייך און מערט אייך). מיר האָבן איבערגעזעצט „אדם״ א מאנספערשוין, ווייל אין דער משנה ווייטער איז פאַראַן די דעה, אז א פרוי איז ניט מחויב אין דער מצוה פון פריה ורביה.** בית שמאי, די בית שמאי זאָגן אז צוויי זכרים. **אז מען טאָרניט אויפהערן צו האָבן קינדער, סיידן מען האָט שוין צוויי זכרים, צוויי זין.** ובית הלל, די בית הלל זאָגן, אז (עס איז גענוג) א זכר און א נקבה (א זון און א טאָכטער), וואָרעם עס ווערט געזאָגט (בראשית ה׳, ב׳) „זכר ונקבה בראם״ (א זכר און א נקבה האָט ער זיי באַשאַפן״). **פונקט ווי די ערשטע מענטשן זענען באַשאַפן געוואָרן א זכר און א נקבה, אָדם און חוה, אזוי איז גענוג מקיים צו זיין די מצוה ווען מען האָט א זון און א טאָכטער.** נשא אשה, אויב איינער האָט חתונה געהאַט מיט א פרוי און איז געווען מיט איר צען יאָר און זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער, טאָר ער ניט מבטל זיין (די מצוה פון קינדער האָבן). **אין אזא פאַל דאַרף ער נעמען אן אנדער ווייב, כדי צו האָבן מיט איר קינדער.** גירשה, אויב ער (דער מאַן) האָט איר גע׳גט (נאָכן זיין מיט איר צען יאָר און ניט געהאַט קיין קינדער), מעג זי חתונה האָבן מיט אן אנדערן (מאַן), און דער צווייטער (מאַן) מעג זיין מיט איר צען יאָר. **ווייל דער טעם איז אז עס קאָן זיין, אז דאָס ניט האָבן קינדער איז געווען צוליב זיין, דעם ערשטן מאַנ׳ס, פעלער.** ואם הפילה, און אויב (אינמיטן פון די צען יאָר) האָט זי מפיל געווען, ציילט מען (אויפסניי די צען יאָר) פון (דער צייט) ווען זי האָט מפיל געווען. **ווייל דער־מיט האָט זי דאָך געוויזן אז זי קאָן האָבן קינדער.** האיש, דעם מאנספערשוין איז אָנגעזאָגט געוואָרן די מצוה (ער איז מחויב מקיים צו זיין די מצוה) פון פריה ורביה (צו האָבן קינדער, אָבער ניט דער פרוי. ר׳ יוחנן בן ברוקא זאָגט, אז אויף ביידע (אויף

פרק ז.

א. אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, הכניסה לו עבדי מלוג ועבדי צאן ברזל, עבדי מלוג לא יאכלו בתרומה, עבדי צאן ברזל יאכלו. ואלו הן עבדי מלוג: אם מתו מתו לה. ואם הותירו הותירו לה, אף על פי שהוא חייב במזונותן, הרי אלו לא יאכלו בתרומה. ואלו הן עבדי צאן ברזל: אם מתו מתו לו, ואם הותירו הותירו לו, הואיל והוא חייב באחריותן, הרי אלו יאכלו בתרומה:

דעם מאנספערשוין און אויף דער פרוי) איז געזאָגט געוואָרן (בראשית א׳ כ״ח) „ויברך אותם אלהים ויאמר להם אלהים פרו ורבו״ (און גאָט האָט זיי געבענטשט און גאָט האָט צו זיי געזאָגט פרוכטבארט אייך און פארמערט אייך). **דאָס הייסט, אז די מצוה איז געזאָגט געוואָרן צו ביידע, צו דעם מאַן און צו דער פרוי.**

פרק ז.

א. אלמנה, אז אן אלמנה האָט חתונה געהאט מיט א כהן גדול אָדער א גרושה אָדער א חלוצה מיט א געוויינטליכן כהן, און זי האָט אים אריינגעבראכט (אלס נדן) מלוג־שקלאפן און שקלאפן פון „אייזערנע שעפסן״ (צאן ברזל), טאָרן די מלוג־שקלאפן ניט עסן קיין תרומה און די „אייזערנע-שעפסן״־שקלאפן מעגן עסן (תרומה). **מיר האָבן שוין פריער אין פרק ד׳ משנה ג׳ דערקלערט, וואָס הייסט ביי נדן „מלוג״־פארמעגנס און וואָס הייסט צאן־ברזל־פארמעגנס. דער דין איז, אז ניט נאָר מעגן עסן תרומה דער כהן און זיין כשר ווייב און זיין זון און זיין ניט־פארהייראטעטע טאָכטער, נאָר אויך זיינע שקלאפן. אָבער דאָ, ווייל די מלוג־שקלאפן געהערן דאָך כסדר צו דעם ווייב, און אזוי ווי דאָס ווייב איז דאָך א פסולע, די אלמנה טאָר דאָך ניט חתונה האָבן מיט א כהן גדול און די גרושה און חלוצה טאָר דאָך ניט חתונה האָבן מיט א גע־וויינטליכן כהן, טאָר דאָך דאָס ווייב ניט עסן קיין תרומה, ממילא טאָרן אויך אירע שקלאפן, די עבדי מלוג, ניט עסן קיין תרומה. אָבער די צאן־ברזל־קנעכט געהערן דאָך צום מאַן, ווייל ער, דער מאַן איז דאָך פאראנטוואָרטליך פאר זיי, און אויב זיי שטארבן דארף ער דעם ווייב באצאָלן פאר זיי, — דעריבער מעגן זיי, די צאן־ברזל־קנעכט, יאָ עסן תרומה.** ואלו, און דאָס הייסן מלוג־שקלאפן: אויב זיי זענען גע־שטאָרבן זענען זיי געשטאָרבן פאר איר (פאר דעם ווייב, זי האָט דעם שאדן) און אויב זיי זייען געוואָרן מער (הותירו, מער, בעסער, טייערער) זענען זיי געוואָרן מער פאר איך (פאר דעם ווייב, זי האָט דעם געווינס דערפון); כאָטש ער (איר מאַן) דארף זיי געבן צו עסן פונדעסטוועגן טאָרן זיי ניט עסן קיין תרומה. **ווייל דאָס וואָס ער גיט זיי צו עסן איז נור מחמת ער געניסט די פרוכטן פון זיי, זייעד ארבייט; אָבער דער קרן בלייבט כסדר אין רשות פון דעם ווייב, און אויב זיי ווערן ווינציקער זווערט אָדער מער ווערט, האָט דאָס ווייב דעם שאָדן דערפון און דעם געווינס דערפון. און ווייל דאָס ווייב טאָר ניט עסן קיין תרומה, ווייל זי איז א פסולע, טאָרן אויך אירע שקלאפן ניט עסן קיין תרומה.** ואלו, און דאָס זענען די „אייזערנע ־שעפסן״־שקלאפן: אויב זיי זענען געשטאָרבן, זענען זיי געשטאָרבן פאר אים (דער מאַן האָט דעם שאדן דערפון, ער מוז פאר זיי באצאָלן), און אויב זיי זענען געוואָרן מער, זענען זיי געוואָרן מער פאר אים (און ער דארף דעם ווייב נאָר צוריקגעבן וויפיל זיי זענען ווערט געווען ווען זי האָט זיי אריינגעבראכט צו אים); ווייל ער (דער מאַן) איז פאראנטוואָרטליך פאר זיי (חייב באחריותן, טראָגט די אחריות פאר זיי, הייסן זיי אז זיי זענען זיינע און דעריבער) זאָל די דאָזיקע (אייזערנע שעפסן־שקלאפן) עסן תרומה. **ווייל די דאָזיקע קנעכט עסן ניט אין זכות פון דעם ווייב נאָר אין זכות פון מאַן, זיי הייסן זיינע. די מפרשים זאָגן אז דעריבער הייסן די דאָזיקע סאָרטן פארמעגנס „אייזערנע שעפסן״ (צאן ברזל), ווייל די אלע אפמאכן שטאמען פון די אָפמאכן וואָס מען פלעגט מאכן אמאָל מיט די פאסטוכער, וועלכע האָבן איבערגענומען סטאדעס שעפסן צו פאשן. טייל סטאדעס**

ב. בת ישראל שניסת לכהן והכניסה לו עבדים, בין עבדי מלוג בין עבדי צאן ברזל, הרי אלו יאכלו בתרומה. ובת כהן שניסת לישראל והכניסה לו בין עבדי מלוג בין עבדי צאן ברזל, הרי אלו לא יאכלו בתרומה:

ג. בת ישראל שניסת לכהן ומת, והניחה מעוברת, לא יאכלו עבדיה בתרומה, מפני חלקו של עובר, שהעובר פוסל, ואינו מאכיל, דברי ר׳ יוסי. אָמרו לו, מאחר שהעדת לנו על בת ישראל לכהן, אף בת

שעפּסן האָבע זיי איבערגענומען אָן פאַראַנטוואָרטליכקייט, און זיי האָבען געהייסן „מלוג״, און טייל האָבן זיי איבערגענומען באחריות, מיט פאַראַנטוואָרטליכקייט, און דאָס פאַרמעגן פון בעל הבית פון די שעפּסן איז געווען זיכער ווי אייזן, און זיי האָבן געהייסן צאן ברזל.

ב. בת ישראל, אז א טאָכטער פון א ישראל האָט חתונה געהאַט מיט א כהן און זי האָט אים אריינגעבראַכט (אלס נדן) שקלאַפן, סיי מלוג־שקלאַפן, סיי אייזערנע־שעפּסן־שקלאַפן (צאן ברזל), מעגן די דאָזיקע עסן תרומה. **אפילו די מלוג־שקלאַפן, וועלכע געהערן צום ווייב, מעגן אויך עסן תרומה, ווייל דאָס ווייב פון א כהן, כאָטש זי איז די טאָכטער פון א ישראל, מעג אויך עסן תרומה.** ובת כהן, אָבער א כהנ׳ס א טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט א ישראל, און זי האָט אים אריינגעבראַכט (אלס נדן) מלוג־שקלאַפן און אייזערנע־שעפּסן־שקלאַפן (צאן ברזל), טאָרן די דאָזיקע (שקלאַפן) ניט עסן קיין תרומה. **ניט נור טאָרן ניט עסן קיין תרומה די אייזערנע־שעפּסן־שקלאַפן, וועלכע געהערן צום מאַן און דער מאַן איז א ישראל, נאָר אויך די מלוג־שקלאַפן טאָרן ניט עסן קיין תרומה, כאָטש זיי געהערן צום ווייב; ווייל דעם כהנ׳ס טאָכטער, ווען זי האָט חתונה מיט א ישראל, טאָר אויך ניט עסן קיין תרומה.**

ג. בת ישראל, אז די טאָכטער פון א ישראל האָט חתונה געהאַט מיט א כהן, און ער (דער מאַן) איז געשטאָרבן און האָט זי איבערגעלאָזט מעוברת, טאָרן אירע שקלאַפן ניט עסן קיין תרומה, צוליב דעם (ירושה־) טייל פון עובר, ווייל דער עובר פסל׳ט (פון עסן תרומה) און ער מאַכט ניט צו עסן (תרומה), אַזוי זאָגט ר׳ יוסי. **דער דין איז, אז א ישראל׳ס טאָכטער האָט חתונה מיט א כהן, מעג זי עסן תרומה. אויב איר מאַן, דער כהן, איז געשטאָרבן און זי האָט ניט מיט אים קיין קינדער, טאָר זי מער ניט עסן קיין תרומה; אָבער אויב זי האָט א קינד מיט אים מעג זי ווייטער עסן תרומה. אויב אָבער זי איז מעוברת (און האָט ניט קיין אנדער קינד) טאָר זי ניט עסן קיין תרומה אַזוי ווי זי איז מעוברת, ווייל דער עובר קאָן ניט מאַכן עסן. דאָס זעלביקע איז פאַרקערט; אויב א כהנ׳ס א טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט א ישראל און דער מאַן איז געשטאָרבן, און זי האָט ניט מיט אים קיין קינד, מעג זי עסן תרומה (זי הייסט צוריק א כהנ׳ס א טאָכטער), און אויב זי האָט יאָ מיט אים א קינד, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. אויב די איז געבליבן נאָך זיין טויט מעוברת טאָר זי מער ניט עסן קיין תרומה, ווייל דער עובר פסל׳ט איר צו עסן תרומה. זאָגט ר׳ יוסי, אז אויב א ישראל׳ס א טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט א כהן און זי האָט מיט אים קינדער, און דער מאַן איז געשטאָרבן און האָט איר איבערגעלאָזט מעוברת, טאָרן די שקלאַפן ניט עסן קיין תרומה, ווייל דער עובר האָט דאָך א חלק ירושה אין די שקלאַפן, איז כאָטש דער עובר וועט דאָך זיין א כהן, אָבער כל זמן ער איז א עובר פסל׳ט ער די שקלאַפן צו עסן תרומה צוליב זיין חלק ירושה. מען מיינט דאָ, אז די שקלאַפן זענען געווען אייזערנע שעפּסן־שקלאַפן וועלכע גייען איבער בירושה צו די קינדער, וועגן דעם פאַרוואָס א עובר פסל׳ט און מאַכט ניט עסן, זענען פאַראַן צוויי טעמים. איינער איז, ווייל דער עובר אין בויך פון א ניט־כהנית (די פרוי אין דאָך א ישראל׳ס טאָכ־טער) הייסט ווי א ישראל. דער צווייטער טעם איז א דרש פון פסוק אין ויקרא כ״ב „ויליד ביתו הם יאכלו״, און עס ווערט אַזוי ווי געליינט „יאכילו״, אז נור א „ילוד״,**

כהן לכהן, ומת, והניחה מעוברת, לא יאכלו עבדיה בתרומה, מפני חלקו של עובר:

ד. העובר, והיבם, והארוסין, והחרש, ובן תשע שנים ויום אחד, פוסלין ולא מאכילין. ספק שהוא בן תשע שנים ויום אחד ספק שאינו, ספק הביא שתי שערות ספק שלא הביא. נפל הבית עליו ועל בת אחיו,

---

א געבוירענער, קאָן מאכן עסן תרומה. אמרו לו, האָבן די חכמים געזאָגט צו אים (צו ר׳ יוסי): ווייל דו האָסט אונז עדות געזאָגט וועגן א ישראל׳ס טאָכטער (וועלכע האָט חתונה געהאט) מיט א כהן (און ער איז געשטאָרבן און האָט זי איבערגעלאָזט מעוברת, טאָרן די שקלאפן ניט עסן קיין תרומה) דארף דאָך אויך (זיין דער דין אז) א טאָכטער פון א כהן (האָט חתונה געהאט) מיט א כהן און ער איז געשטאָרבן און האָט זי איבערגעלאָזט מעוברת זאָלען די שקלאפן ניט טאָרן עסן קיין תרומה צוליב דעם (ירושה־) טייל פון עובר. **די חכמים מיינען, אז דער טעם פון ר׳ יוסי איז אז דער וואָס איז ניט קיין „ילוד", א ניט־געבוירענער קאָן ניט מאכן עסן קיין תרומה, טאָרן דאָך די שקלאפן ניט עסן צוליב דעם חלק פון דעם ניט־געבוירענעם עובר, כאָטש ער איז אין בויך פון א כהנ׳ס א טאָכטער און זיין פאָטער איז געווען א כהן. די חכמים האַלטן, אז זיי מעגן יאָ עסן.**

ד. העובר, א עובר, א קינד אין דער מוטער׳ס בויך), א יבם און קידושין (אָן חתונה האָבן), א טויב־שטומער (דאָס חתונה האָבן מיט א טויב־שטומען), און א יינגל וואָס איז אלט 9 יאָר מיט א טאָג (דאָס לעבן מיט אזא יינגל), פסלן (פון עסן תרומה) און זיי קאָנען ניט מאכן (עסן תרומה). **וועגן עובר האָבן מיר שוין פריער געלערנט, אז אויב א כהנ׳ס א טאָכטער האָט חתונה געהאט מיט א ישראל און דער מאַן איז געשטאָרבן און האָט איר איבערגעלאָזט מעוברת, פסלט איר דער עובר פון עסן תרומה. אויב, פאַרקערט, א ישראל׳ס א טאָכטער האָט חתונה געהאט מיט א כהן און דער מאַן איז געשטאָרבן און האָט איר איבערגעלאָזט מעוברת קאָן דער עובר ניט מאכן איר צו עסן תרומה. „יבם" מיינט מען, אז אויב איינער איז געשטאָרבן אָן קינדער און דאָס ווייב איז א יבמה און דארף נעמען חליצה אָדער יִבּום פון שוואָגער, פון יבם, און אויב זי איז א כהן׳ס טאָכטער און דער יבם איז א ישראל, פסלט איר דער יבם (כל זמן זי האָט ניט גענומען פון אים קיין חליצה) פון עסן תרומה, און אויב זי איז א ישראל׳ס א טאָכטער און דער יבם איז א כהן, קאָן ער ניט מאכן איר צו מעגן עסן תרומה, כל זמן ער האָט איר ניט מייבם געווען. וועגן „קידושין אָן חתונה", האָבן מיר שוין געשריבן אז אמאָל פלעגט זיין דער מנהג, אז מען פלעגט מקדש זיין ביי די תנאים, און די חתונה פלעגט פאָרקומען שפּעטער. זאָגט די משנה אז אויב א ישראל האָט מקדש געווען א כהן׳ס טאָכטער פסל׳ט ער איר פון עסן תרומה, און אויב א כהן האָט מקדש געווען א ישראל׳ס טאָכטער מאכט ער איר ניט צו עסן תרומה; די רבנן האָבן מתקן געווען, אז ערשט נאָך דער חתונה מעג זי עסן תרומה. א „טויב־שטומער" מיינט מען אויך דאָס זעלביקע: אויב א טויב־שטומער ישראל האָט חתונה געהאט מיט א כהן׳ס טאָכטער, פסלט ער איר פון עסן תרומה, און אויב א טויב־שטומער כהן האָט געהאט מיט א ישראל׳ס טאָכטער, מאכט ער ניט צו עסן תרומה; דער טעם איז ווייל לויט דעם דין פון דער תורה זענען זיינע קידושין ניט קיין קידושין, און נור מדרבנן זענען זיי קידושין. וועגן „א יינגל וואָס איז אלט 9 יאָר מיט א טאָג", מיינט מען אז אויב דער יינגל איז ניט כשר צו זיין א כהן (א חלל) אָדער ער איז א ממזר, און ער האָט געלעבט מיט א פרוי האָט ער זי געפסלט, אז זי טאָר מער ניט עסן קיין תרומה. און אויב א ישראל׳ס טאָכטער האָט חתונה געהאט מיט א כהן א יינגל וואָס איז אלט 9 יאָר מיט א טאָג, קאָן ער זי ניט מאכן צו עסן תרומה.** ספק, (אזוי איז אויך דער דין, אז ער פסלט צו עסן תרומה) אויב עס איז א ספק צי דער יינגל איז שוין אלט ניין יאָר מיט א טאָג, צי ער איז נאָכניט (אלט ניין יאָר מיט א טאָג). **אזוי טייטשן די משנה**

ואין ידוע אי זה מת ראשון, צרתה חולצת ולא מתיבמת:

ה. האונס, והמפתה, והשוטה, לא פוסלים ולא מאכילים. ואם אינם ראויין לבא בישראל, הרי אלו פוסלין. כיצד? ישראל שבא על בת כהן, תאכל בתרומה. עיברה, לא תאכל בתרומה. נחתך העובר במעיה, תאכל. כהן שבא על בת ישראל. לא תאכל בתרומה. עוברה, לא תאכל.

דער גרעסטער טייל מפרשים (רשי, ברטנורא) און עס איז פאַראַן א ראיה צו זיי פון דער גמרא (יבמות ס"ח). ספק הביא, (אויב עס איז וועגן א יינגל, אין עלטער פון דרייצן יאָר) א ספק צי עס איז שוין פאַראַן ביי אים די צוויי האָר (אין אונטערשטן טייל פון קערפּער און די צוויי האָר זענען א סימן אז ער הייסט שוין א דערוואַקס־סענער) צי זיי זענען נאָכניט דאָ. אויך דאָ, אויב ער איז א ישראל און ער האָט מקדש געווען א פרוי די טאָכטער פון א כהן (און דער דין איז אז א ניט־דערוואַקסענער קאָן ניט מקדש זיין), פּסלט ער זי פון עסן תרומה. אזוי טייטשט רשי די דאָזיקע משנה. דער ברטנורא טייטשט, אז דאָס איז וועגן ייבום, דהיינו, אז אויב דער יינגל איז געשטאָרבן אָן קינדער, דאַרף זיין ווייב נעמען חליצה און מען טאָר איר ניט מייבם זיין. נפל, אויב(ראובן האָט געהאַט צוויי ווייבער, לאה און רחל און לאה איז געווען די טאָכטער פון זיין ברודער שמעון און) א הויז איז אַרויפגעפאַלן אויף אים (ראובנען) און אויף זיין ברודערס טאָכטער (אויף לאהן) און מען ווייסט ניט ווער עס איז פריער געשטאָרבן (ראובן צו לאה), דאַרף איר צרה (רחל) נעמען (פון שמעון) חליצה אָבער ער טאָר איר ניט מייבם זיין. ווייל עס קאָן דאָך זיין, אז ראובן איז פריער געשטאָרבן און לאה האָט נאָך זיין טויט געלעבט א קורצע צייט, און רחל איז דעריבער געווען צו שמעון די צרה פון זיין ערוה (פון זיין טאָכטער לאה). און זי וואָלט אייגנטליך אפילו קיין חליצה ניט געדאַרפט נעמען (ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין פרק א' משנה א'). אָבער ווייל עס איז א ספק, און עס קאָן דאָך זיין, אז לאה איז פריער געשטאָרבן, און ווען ראובן איז געשטאָרבן דערנאָך איז רחל צו שמעונען ניט געווען מער קיין צרה פון זיין ערוה (ווייל לאה האָט דאָך בעת ראובן'ס טויט ניט מער געלעבט), דעריבער דאַרף זי חליצה יאָ נעמען.

ה. האונס, דער וואָס איז מאנס (ער לעבט געשלעכטליך מיט א מיידל קיינן איר ווילן) און דער איבערעדער (ער לעבט מיט דעם מיידל מיט איר ווילן) און א משוגענער (וועלכער האָט חתונה מיט א מיידל), פּסלענען ניט (פון עסן תרומה) און מאכן ניט צו עסן (תרומה). אויב דער וואָס מאנס געווען אָדער האָט איבערגערעדט, איז געווען א ישראל און דאָס מיידל איז געווען די טאָכטער פון א כהן, מעג זי ווייטער עסן תרומה, און אויב דער מאנס אָדער דער איבעררעדער איז געווען א כהן און דאָס מיידל א ישראל'ס א טאָכטער, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. דאָסזעלביקע איז אויך מיט א משוגענעם, ניט ער פּסלט, ניט ער קאָן מאכן עסן, ווייל א משוגענעמ'ס מקדש זיין האָט ניט קיין ווערט. ואם, און אויב זיי (דער מאנס אָדער דער איבעררעדער) טאָרן ניט מתחתן זיין זיך מיט א ישראל (למשל זיי זענען ממזרים), פּסלענען זיי. און אויב דאָס מיידל איז געווען א כהנ'ס א טאָכטער, טאָר זי מער ניט עסן קיין תרומה נאָכדעם ווי זי האָט געלעבט מיט זיי געשלעכטלעך. כיצד? ווי אזוי? דאָס הייסט, וואָס מיינט מען, אז א מאנס און א איבעררעדער פּסלענען ניט, און אויך מאכן זיי ניט עסן קיין תרומה? ישראל, אויב א ישראל איז געקומען אויף (א מיידל) א טאָכטער פון א כהן (ער האָט געלעבט מיט איר), מעג זי עסן תרומה; אויב אָבער זי איז מעוברת געוואָרן (פון אים) טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. אזוי ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ד', אז א עובר פּסלט. נחתך, אויב דער עובר איז אויסגעשניטן געוואָרן אין איר בויך, מעג זי עסן (תרומה), מחמת דאָס קינד קאָן דאָך ניט געבוירן ווערן. דאָס זעלביקע איז דער דין, אז אויב זי, דעם כהן'ס טאָכטער, האָט געבוירען דאָס קינד און עס איז געשטאָרבן, מעג זי עסן תרומה. כהן, אויב א כהן איז געקומען אויף א (מיידל) דער טאָכטער פון א ישראל טאָר זי ניט עסן

ילדה, תאכל. נמצא כחו של בן גדול משל אב. העבד פוסל משום ביאה, ואינו פוסל משום זרע כיצד? בת ישראל לכהן, בת כהן לישראל וילדה הימנו בן, והלך הבן ונכבש על השפחה וילדה הימנו בן, הרי זה עבד; היתה אם אביו בת ישראל לכהן, לא תאכל בתרומה, בת כהן לישראל, תאכל בתרומה. ממזר פוסל ומאכיל. כיצד? בת ישראל לכהן, ובת כהן לישראל, וילדה הימנו בת, והלכה הבת וניסת לעבד, או לנכרי, וילדה הימנו בן, הרי זה ממזר; היתה אם אמו בת ישראל לכהן, תאכל בתרומה, בת כהן לישראל, לא תאכל בתרומה:

קיין תרומה, **ווייל דערמיט איז זי ניט געוואָרן זיין ווייב.** עוברה. (אפילו) זי איז געוואָרן פון אים מעוברת, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. **ווייל ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ד׳ קאָן קיין עובר, אפילו ער איז א כהן, ניט מאכן עסן תרומה זיין מוטער א ישראל׳ס טאָכטער.** ילדה, אויב זי האָט געבוירן (דאָס קינד) מעג זי עסן תרומה. **ווייל דאָס קינד איז א כהן (כאָטש עס איז געבוירן געוואָרן אָן קידושין), און דער דין איז, אז א קינד א כהן מאכט זיין מוטער (אפילו זי איז א ישראל׳ס א טאָכטער) אז זי זאָל מעגן עסן תרומה.** נמצא, עס קומט אויס, אז דער כח פון זון איז שטארקער פון פאָטערס (כח). **מחמת דער פאָטער דער כהן האָט דורך זיין לעבן אָן קידושין מיט דעם ישראל׳ס טאָכטער ניט געקאָנט מאכן אז זי זאָל מעגן עסן תרומה, אָבער דער זון וועלכער איז דערפון געבוירן געוואָרן מאכט יאָ, אז די מוטער זאָל מעגן עסן תרומה.** העבד, א שקלאַף פסלט דורך ביאה. **מיט „ביאה״ מיינט מען בועל זיין, לעבן געשלעכטליך. זאָגט די משנה, אז אויב א שקלאַף האָט געלעבט מיט א כהן׳ס א טאָכטער פסלט ער זי פון עסן תרומה.** ואינו, אָבער ער (דער שקלאַף) פסלט ניט אלס קינד (זרע, א וויט קינד, אן אייניקל). כיצד? ווי אזוי? (מיינט מען, אז ער פסלט ניט אלס וויט קינד)? אויב א ישראל׳ס טאָכטער (האָט געלעבט) מיט א כהן, אָדער א כהנ׳ס טאָכטער מיט א ישראל, און זי האָט געבוירן פון אים א זון, און דער זון האָט געלעבט (ונכבש, ארויפגעצווינגן, געלעבט געשלעכטליך) מיט א שקלאפין, און זי (די שקלאפין) האָט געבוירן פון אים א זון, איז ער (דאָס אייניקל) א שקלאַף (ווייל ער איז דאָך א זון פון א שקלאפין); אויב זיין פאָטער׳ס מוטער איז געווען א ישראל׳ס טאָכטער (וואָס האָט געלעבט) מיט א כהן טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. **מען מיינט דאָ, אז דער זון איז געשטאָרבן און געבליבן איז נאָר דאָס אייניקל דער שקלאַף, און דער דין איז אז דער שקלאַף ווערט ניט גערעכנט פאר אן אייניקל, און דעריבער קאָן ער ניט מאכן, אז זיין באָבע זאָל מעגן עסן תרומה.** בת כהן, אויב (דעם שקלאַף׳ס פאָטערס מוטער איז געווען) א כהן׳ס טאָכטער (וואָס האָט געלעבט) מיט א ישראל, מעג זי (די באָבע) יאָ עסן תרומה. **אויך דאָ מיינט מען אז איר זון איז געשטאָרבן, און עס איז געבליבן בלויז דאָס אייניקל דער שקלאַף. דאָס איז דער דין, אז א שקלאַף פסל׳ט ניט, מחמת ער ווערט ניט פאררעכנט אלס איר אייניקל פון דעם ישראל, און עס הייסט, ווי עס זענען אינגאנצן ניט געבליבן קיין קינדער, און ממילא מעג די באָבע, דעם כהנ׳ס טאָכטער, עסן תרומה.** ממזר, א ממזר פסלט און מאכט עסן. ווי אזוי? א ישראל׳ס א טאָכטער (האָט געלעבט) מיט א כהן, אָדער א כהן׳ס א טאָכטער (האָט געלעבט) מיט א ישראל, און זי האָט געבוירן פון אים א טאָכטער, און די טאָכטער איז געגאנגען און האָט חתונה געהאט (דאָס הייסט, געלעבט געשלעכטלעך) מיט א שקלאַף אָדער מיט א גוי, און האָט געבוירן פון אים א זון, איז ער (דאָס אייניקל) א ממזר; אויב זיין מוטערס מוטער איז געווען א ישראל׳ס א טאָכטער (וועלכע האָט חתונה געהאט) מיט א כהן, מעג זי עסן תרומה. **אפילו איר טאָכטער איז געשטאָרבן, אָבער ווייל עס איז געבליבן דאָס אייניקל, דער ממזר, ווערט עס פאררעכנט פאר אן אייניקל, און ממילא מעג די באָבע עסן תרומה, ווייל עס איז דאָך איר געבליבן אן אייניקל פון דעם זיידן דעם כהן.** בת כהן, אויב (זיין, דעם ממזר׳ס מוטערס מוטער) איז געווען

ו. כהן גדול פעמים שהוא פוסל. כיצד? בת כהן לישראל וילדה הימנו בת, והלכה הבת וניסת לכהן וילדה הימנו בן, הרי זה ראוי להיות כהן גדול, עומד ומשמש על גבי המזבח; מאכיל את אמו, ופוסל אם אמו. וזאת אומרת: לא כבני כהן גדול, שהוא פוסלני מן התרומה:

פרק ח.

א. הערל וכל הטמאים לא יאכלו בתרומה. נשיהן ועבדיהן יאכלו בתרומה. פצוע דכא וכרות שפכה, הן ועבדיהן יאכלו, ונשיהן לא יאכלו. ואם לא ידעה משנעשה פצוע דכא וכרות שפכה, הרי אלו יאכלו:

א כהנ׳ס טאָכטער (וועלכע האָט געלעבט) מיט א ישראל, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. אויך דאָ מיינט מען אז עס איז געשטאָרבן איר טאָכטער, און עס איז נור געבליבן דאָס אייניקל דער ממזר, און ער ווערט פאררעכנט פאר אן אייניקל, און דעריבער טאָר זי ניט עסן קיין תרומה, כאָטש זי איז א כהנ׳ס א טאָכטער. דער רמבם זאָגט, אז די הלכה איז ניט ווי די דאָזיקע משנה, און אז א קינד, וואָס א יידישע טאָכטער האָט פון א שקלאַף אָדער פון א גוי הייסט ניט קיין ממזר נאָר עס איז א כשר קינד.

ו. כהן גדול, א כהן גדול טיילמאָל פסלט ער (זיין באָבע, פון עסן תרומה). ווי אזוי? אויב א כהנ׳ס א טאָכטער (האָט געלעבט) מיט א ישראל און זי האָט געבוירן פון אים א טאָכטער, און די טאָכטער איז געגאַנגען און האָט חתונה געהאַט מיט א כהן און האָט געבוירן פון אים א זון; איז דער דאָזיקער זון (וועלכער איז דאָך א כהן) ראוי צו זיין א כהן גדול, וועלכער שטייט אויפ׳ן מזבח און דינט (איז מקריב קרבנות); ער (דער כהן גדול) מאכט עסן (תרומה זיין מוטער, אפילו נאָכדעם ווי זיין פאָטער דער כהן איז געשטאָרבן), און ער פסלט (פון עסן תרומה) זיין מוטערס מוטער. און אפילו דער באָבעס טאָכטער איז געשטאָרבן, טאָר די באָבע אויך ניט עסן קיין תרומה, מחמת פון איר מאַן דעם ישראל איז דאָך איר געבליבן אן אייניקל, דער כהן גדול. וזאת, און די דאָזיקע (באָבע) זאָגט: עס זאָל ניט זיין (קיין סך) ווי מיין קינד (מיין אייניקל) דער כהן גדול, וועלכער פסלט מיך פון (עסן) תרומה. מיט דעם וואָרט „בני" מיינט מען דאָ „מיין אייניקל".

פרק ח.

א. הערל, א ניט־געמלעטער (כהן) און אלע (כהנים), וועלכע זענען טמא, טאָרן ניט עסן קיין תרומה. מיט „ערל", א ניט־גע׳מלעטן מיינט מען א כהן, וועמענס ברידער זענען געשטאָרבן צוליב׳ן מל־זיין זיי, און דעריבער האָט מען דעם דאָזיקן כהן ניט מל געווען. זאָגט די משנה אז ער טאָר ניט עסן קיין תרומה, ווייל מען לערנט עס פון קרבן פסח (שמות י״ב) וואו עס ווערט געזאָגט „וכל ערל לא יאכל בו", אז א ניט גע׳מלעטער טאָר ניט אים עסן. דאָס זעלביקע איז דער דין, אז אויב א כהן איז טמא געוואָרן (למשל, ער האָט אָנגערירט א טויטן שרץ) טאָר ער ניט עסן קיין תרומה, סיידן ער איז זיך טובל אין מקוה און ער ווארט דערנאָך ביז אוונט. נשיהן, אָבער זייערע ווייבער און שקלאַפן (פון ניט־גע׳מלטן און פון טמא) מעגן עסן תרומה. ווייל זיי הייסן די ווייבער און די שקלאַפן פון כהנים, כאָטש זייערע מענער און בעלי בתים די כהנים טאָרן ניט עסן. פצוע, א פצוע דכא (א מאַן ביי וועמען די אייער זענען צעקוועטשט) און א כרות שפכה (א מאַן ביי וועמען א טייל פון גליד, פון דעם געשלעכטס־אָרגאַן, איז אָפּגעשניטן) מעגן זיי (דער פצוע דכא און כרות שפכה, אויב זיי זענען כהנים) און זייערע שקלאַפן עסן (תרומה), און זייערע ווייבער טאָרן ניט עסן (קיין תרומה). דער טעם איז, ווייל די תורה זאָגט (דברים כ״ג) אז א פצוע דכא און א כרות שפכה טאָרן ניט לעבן מיט קיין כשרע יידישע ווייבער, און דעריבער אויב זיי האָבן געלעבט מיט זייערע ווייבער האָבן זיי געמאַכט די ווייבער פאר חללות, פאר פסול צו כהונה, און זיי טאָרן דעריבער ניט עסן קיין תרומה. ואם, און אויב ער האָט איר (זיין ווייב) ניט „דערקענט" („לא ידעה", ניט געלעבט מיט איר געשלעכטליך)

ב. איזהו פצוע דכא? כל שנפצעו הבצים שלו, אפילו אחת מהן. וכרות שפכה? כל שנכרת הגיד; ואם נשתייר מהעטרה אפילו כחוט השערה, כשר. פצוע דכא וכרות שפכה מותרין בגיורת ומשוחררת, ואינן אסורין אלא מלבא בקהל. שנאמר (דברים כ״ג) „לא יבא פצוע דכא וכרות שפכה בקהל ה׳״:

ג. עמוני ומואבי אסורים, ואיסורן איסור עולם, אבל נקבותיהם מותרות מיד. מצרי ואדומי אינם אסורים אלא עד שלשה דורות, אחד זכרים ואחד נקבות. ר׳ שמעון מתיר את הנקבות מיד. אמר רבי

זינט ער איז געוואָרן א פצוע דכא אָדער א כרות שפכה, מעגן זיי (די ווייבער) עסן (תרומה). דאָס וואָרט „ידע״ דערקענען, מיינט לעבן געשלעכטליך, און מיר געפינען **א ין חומש בראשית ד׳ „וידע אדם את חוה אשתו״. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז נור אויב ער איז געוואָרן א פצוע דכא צו א כרות שפכה נאָכ׳ן חתונה האָבן. אָבער אויב ביים מקדש זייך איז ער שוין געווען א פצוע דכא צו א כרות שפכה טאָר דאָס ווייב ניט עסן תרומה אפילו ער האָט נאָכניט געלעבט מיט איר.**

ב. איזהו, וואָס הייסט א פצוע דכא? יעדער (מאנספערשוין) וואָס זיינע אייער זענען צעקוועטשט געוואָרן, און אפילו נור איינס פון זיי (איין איי); און (וואָס הייסט) א כרות שפכה? יעדער (מאנספערשוין) ביי וועמען עס איז אָפגעשניטן (א טייל פון גיד; און אויב עס איז געבליבן פון דער „עטרה״ (דער קרוין, דאָס אונטערשטע קעפל פון גיד) אפילו (נור אזוי דין) ווי א האָר־פאָדעם, איז ער שוין כשר. **ער הייסט ניט, אין אזא פאל, קיין כרות שפכה, דער ברטנורא גיט דאָ צו אז אויב דאָס איז געקו־מען פון א קראנקייט איז אלץ כשר.** פצוע, א פצוע דכא און כרות שפכה מעגן (חתונה האָבן) מיט א גר׳טע און מיט א באפרייטער שקלאפין, און זיי טאָרן נאָר ניט קומען אין קהל (חתונה האָבן מיט א געבוירענער יידישער טאָכטער), ווארום עס ווערט גע־זאָגט (דברים כ״ג) „לא יבא פצוע דכא וכרות שפכה בקהל ה׳״ (עס זאָל ניט קומען א פצוע דכא און א כרות שפכה אין גאָט׳ס קהל). מיט „קהל״, **זאָגט די גמרא, מיינט מען נור די ריכטיק יידישע „פארזאמלונג״, די עדה, דעם קהל פון געבוירענע יידן, אָבער גרים און באפרייטע שקלאפן (וועלכע זענען דאָך אויך גרים, ווייל זיי זענען דאָך פריער געווען גויים) הייסן ניט קיין „קהל״.**

ג. עמוני, איינער (א מאנספערשוין, וואָס שטאמט אָפּ) פון (פאָלק) עמון אָדער פון (פאָלק) מואב, טאָר ניט (חתונה האָבן מיט א יידישער טאָכטער) און זייער איסור איז א שטענדיקער איסור. „איסור עולם״, **אויף אייביק, מיינט, אז ניט נור זיי (אפילו זיי האָבן זיך מגייר געווען) נאָר אויך זייערע קינדער און אייניקלעך און אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך און אזוי כסדר אלע דורות טאָרן ניט חתונה האָבן מיט א יידי־שער טאָכטער.** אבל, אָבער זייערע נקבות (פרויען פון עמון און מואב) זענען מותר באלד. **אזוי ווי זיי האָבן זיך נור מגייר געווען מעג א ייד חתונה האָבן מיט זיי. די גמרא לערנט עס אָפּ פון דברים כ״ג „לא יבא עמוני ומואבי״, אז דאָס מיינט מען „עמוני, ולא עמונית, מואבי ולא מואבית״, אז די פרויען פון עמון און מואב זענען מותר. פון תנך (ספר רות) ווייסן מיר, אז רות, די פרוי פון מואב, האָט חתונה געהאַט מיט בועז און עס איז פון זיי ארויסגעקומען דוד המלך. פון ספר מלכים ווייסן מיר, אז די מוטער פון מלך רחבעם איז געווען פון עמון.** מצרי, איינער (וואָס שטאמט פון פאָלק) מצרים און איינער (פון פאָלק) אדום זענען אסור נור ביז דריי דורות, סיי זכרים און סיי נקבות. **נור דער מצרי אָדער דער אדומי וואָס האָט זיך מגייר געווען און אויך זיי־נע קינדער און זיינע אייניקלעך (דאָס הייסט ביז דריי דורות) טאָרן ניט חתונה האָבן מיט יידן, אָבער די אור־אייניקלעך, דער פערטער דור, מעג שוין. און אסור ביז דריי דורות זענען סיי מאנספערשוינע און סיי פרויען. דער דין אז נאָך דריי דורות מעגן מצריים און אדומיים חתונה האָבן מיט יידן איז פאראן אין דברים כ״ג, ט׳.** ר׳ שמעון

שמעון, קל וחומר הדברים, ומה אם במקום שאסר את הזכרים איסור עולם, התיר את הנקבות מיד, מקום שלא אסר את הזכרים אלא עד ג׳ דורות אינו דין שנתיר את הנקבות מיד? אמרו לו, אם הלכה נקבל, ואם לדין יש תשובה. אמר להם, לא כי, הלכה אני אומר. ממזרין ונתינין אסורין, ואיסורן איסור עולם, אחד זכרים ואחד נקבות:

ד. אמר ר׳ יהושע שמעתי שהסריס חולץ וחולצים לאשתו, והסריס לא חולץ ולא חולצין לאשתו, ואין לי לפרש. אמר ר׳ עקיבא, אני אפרש, סריס אדם חולץ וחולצין לאשתו, מפני שהיתה לו שעת הכושר, סריס

איז מתיר די נקבות פון באלד. ער האלט, אז נור מענער מצריים און אדומים טאָרן ניט, אָבער פרויען מעגן יאָ. אָמר, האָט ר׳ שמעון געזאָגט, די זאך (דער דין) איז דאָך א קל־וחומר (גרינג-און הארב). מען קאָן דאָך אפלערנען אזאויב ביי א הארבער זאך איז מותר, איז דאָך ביי א גרינגערער זאך אודאי מותר; און ר׳ שמעון זאָגט דאָ דעם קל־וחומר: ומה, מה־דאָך דאָרט (ביי עמון און מואב) וואו מען האָט גע׳אסר׳ט די מאנספערשוינען אויף אייביק (אויך נאָך דריי דורות) האָט מען מתיר געמאכט (זייערע) פרויען באלד, מכל שכן דאָרט (ביי מצריים און אדומיים) וואו מען האָט גע׳אסרט די מאנספערשוינען נור ביז דריי דורות, דארף דאָך אוודאי זיין אז מיר זאָלן מתיר זיין (זייערע) פרויען באלד ? דאָס איז דער קל וחומר אפצולערנען דעם גרינגערן פאל, דעם מצרי און אדומי, פון הארבערן פאל, פון עמון און מואב. אָמרו, האָבן זיי (די חכמים) צו אים (צו ר׳ שמעון) געזאָגט: אויב (דאָס וואָס דו זאָגסט אונז, אז די נקבות זענען מותר באלד) איז א הלכה (וואָס דו האָסט געהערט פון דיינע רביים) וועלן מיר עס אָננעמען, אָבער אויב דאָס איז נור א (אייגענע) אפלערנונג (דין, א אייגענער קל וחומר) איז פאראן דערויף אָפצוווענדן. די משנה זאָגט ניט, וואָס זיי האָבן אָפצוווענדן דעם קל וחומר. אָבער אין דעם ברטנורא ווערט געזאָגט, אז ביי עמון און מואב ווערט אין חומש דברים כ״ג געזאָגט דער טעם, ווייל בשעת די יידן זענען געווען אין דער מדבר האָבן עמון און מואב זיי ניט אויפגענומען מיט ברויט און וואסער, און דאָס איז נור ביי מאנספערשוינען, מחמת פרויען גייען ניט אנטקייגן אויפצונעמען מענטשן. אָבער ביי מצריים און אדומיים ווערט אין חומש ניט געזאָגט קיין טעם, און דעריבער מיינט מען אויך פרויען. די גמרא זאָגט אן אנדערע אָפווענדונג. אָמר להם, האָט ער (ר׳ שמעון) צו זיי (צו די חכמים) געזאָגט: ניט אזוי, איך זאָג א הלכה. די גמרא זאָגט, אז ר׳ שמעון האָט געזאָגט צו די חכמים, אז אפילו ווען עס וואָלט געווען נור אן אייגענער קל וחומר וואָלטן זיי אויך ניט געקאָנט אָפוועגדן, אָבער דער אמת איז, אז עס איז א הלכה, וואָס ער האָט בקבלה פון זיינע רביים. ממזרים, ממזרים און נתינים זענען אסור (טאָרן ניט חתונה האָבן מיט כשרע יידן), און זייער איסור איז א אייביקער איסור (אויך אפילו אויף אור־־אור־אייניקלעך, אויף אלע דורות), סיי מאנספערשוינען, סיי פרויען. וועגן דעם וואָס היקסט א ממזר האָבן מיר געלערנט פריער פרק ד׳ משנה י״ג. וועגן „נתינים״ האָבן מיר אויך געגעבן פריער פרק ב׳ משנה ד׳; דאָס זענען די וואָס קומען ארויס פון די גבעונים (אין ספר יהושע ט׳).

ד. אָמר, ר׳ יהושע האָט געזאָגט: איך האָב געהערט, אז „א סריס גיט חליצה און מען גיט חליצה צו זיין ווייב, און אז א סריס גיט ניט קיין חליצה און מען גיט ניט קיין חליצה צו זיין ווייב״, און איך ווייס ניט דאָס צו דערקלערן. א סריס הייסט א מאנספערשוין, וועלכער איז ניט קיין נאָרמאלער זכר, ער קאָן ניט האָבן קיין קינ־דער, עס וואקסט ניט ביי אים קיין באָרד און ער האָט אנדערע ניט נאָרמאלע סימנים. זאָגט ר׳ יהושע אז ער האָט געהערט, אז עס איז פאראן א סריס, וואָס ווערט ניט באטראכט פאר קיין מאנספערשוין און דעריבער טאָר ער ניט געבן קיין חליצה צו זיין שוועגערין, און אויך דארף מען ניט געבן קיין חליצה זיין ווייב, און עס איז פאראן א סריס, וועלכער ווערט יאָ באטראכט ווי א זכר, און ער מעג געבן חליצה

חמה לא חולץ ולא חולצין לאשתו, מפני שלא היתה לו שעת הכושר. ר׳ אליעזר אומר, לא כי, אלא סריס חמה חולץ וחולצין לאשתו, מפני שיש לו רפואה, סריס אדם לא חולץ ולא חולצין לאשתו, מפני שאין לו רפואה. העיד ר׳ יהושע בן בתירה על בן מגוסת שהיה בירושלים סריס אדם, ויבמו את אשתו, לקיים דברי ר׳ עקיבא:

ה. הסריס לא חולץ ולא מיבם. וכן אילונית לא חולצת ולא מתיבמת. הסריס שחלץ ליבמתו, לא פסלה; בעלה, פסלה, מפני שהיא בעילת זנות. וכן אילונית שחלצו לה אחין, לא פסלוה; בעלוה, פסלוה, מפני שבעילתה בעילת זנות:

ו. סריס חמה כהן שנשא בת ישראל, מאכילה בתרומה. ר׳ יוסי

און מען דארף געבן חליצה זיין ווייב. אָבער ר׳ יהושע האָט ניט געהערט, אין וואָס באשטייט דער אונטערשיד צווישן דעם ערשטן סריס און דעם צווייטן סריס. אָמר ר׳ עקיבא, האָט ר׳ עקיבא געזאָגט: איך וועל עס דערקלערן,, א סריס אדם (אויב איינער איז געוואָרן א סריס שוין נאָכן געבוירן ווערן, ווען ער איז שוין געווען מענטש, סריס אָדם), גיט ער חליצה און מען דארף געבן חליצה זיין ווייב, ווייל ער האָט געהאט א גוטע צייט (שעת הכושר, א צייט פון פעהיקייט, ווען ער איז נאָכניט געווען קיין סריס), און א סריס חמה טאָר ניט געבן חליצה און ניט מען דארף געבן חליצה זיין ווייב, ווייל ער האָט ניט געהאט קיין גוטע צייט (שעת הכושר). **א סריס פון זינט ער איז געבוירן הייסט א „סריס חמה״, „דער סריס פון דער זון״ ,ווייל זינט ער האָט דערזען די זון, די וועלט, איז ער שון געווען א סריס.** ר׳ אליעזר זאָגט: ניט אזוי, נאָר (פארקערט), א סריס חמה גיט חליצה און מען דארף געבן חליצה זיין ווייב, ווייל מען קאָן אים אויסהיילן, און סריס אדם טאָר ניט געבן חליצה און מ׳דארף ניט געבן חליצה זיין ווייב ווייל מען קאָן אים ניט אויסהיילן. **ר׳ אליעזר האלט, אז א סריס וועלכן מען קאָן אויסהיילן הייסט ניט קיין סריס, און האָט די דינים פון א מאנספערשוין.** העיד, ר׳ יהושע בן בתירא האָט עדות געזאָגט וועגן (א מענטש מיטן נאָמען בן מגוסת, וועלכער איז געווען אין ירושלים א סריס אדם, און מען האָט מייבם געווען זיין ווייב, (און ער האָט דאָס עדות געזאָגט) צו באַשטעטיקן די ווערטער פון ר׳ עקיבא. **די גמרא ברענגט א ברייתא, אז ר׳ אליעזר האָט געזאָגט, אז א סריס חמה היילט מען אויס אין אלכסנדריא של מצרים.**

ה. הסריס, א סריס ניט ער גיט חליצה און ניט ער איז מייבם. **דאָ מיינט מען א סריס חמה, ווי ר׳ עקיבא האָט געלערנט פריער אין משנה ד׳.** וכן, און אזוי איז אויך (דער דין אז) און אילונית (א פרוי וואָס קאָן ניט האָבן קיין קינדער, ווייל זי האָט ניט אלע סמנים פון א נאָרמאלער פרוי) דארף ניט נעמען חליצה און מען טאָר איר ניט מייבם זיין. **וועגן אילונית האָבן מיר געגעבן אין פרק א׳ משנה א׳.** הסריס, אויב א סריס האָט געגעבן חליצה צו זיין שוועגערין האָט ער זי ניט געפסלט. **און אויב עס איז פאראן אן אנדערער ברודער, א נאָרמאלער מאנספערשוין, מעג ער איר מייבם זיין, ווייל דעם סריס׳ס חליצה איז גאָרניט.** בעלה, אויב דער סריס האָט איר בועל געווען האָט ער זי יאָ געפסלט (און אן אנדערער ברודער טאָר זי ניט מער מייבם זיין), ווייל דאָס איז א בעילה פון זנות. **צוליב דעם וואָס דער סריס האָט זי ניט געטאָרט בועל זיין און ער האָט עס יאָ געטאָן, הייסט עס, אז זיין בעילה איז געווען זנות, און דעריבער טאָר מען די יבמה מער ניט מייבם זיין.** וכן, און אזוי איז אויך (דער דין אז) אן אילונית, וועמען די ברידער (פון איר פארשטאָרבענעם מאן) האָבן געגעבן חליצה, האָבן זיי זי ניט געפסלט, (אָבער) אויב זיי האָבן זי בועל געווען האָבן זיי זי געפסלט, ווייל איר בעילה איז זנות. **דאָ איז דערזעלביקער דין, וואָס פריער אין דער משנה ביים סריס.**

ו. סריס, אויב א סריס חמה (א סריס פון געבוירן אָן) א כהן האָט חתונה געהאט

ור׳ שמעון אומרים, אַנדרוגינוס כהן שנשא בת ישראל, מאכילה בת־רומה. ר׳ יהודה אומר, טומטום שנקרע ונמצא זכר, לא יחלוץ, מפני שהוא כסריס. אנדרוגינוס נושא אבל לא נישא. ר׳ אליעזר אומר, אנדרוגינוס חייבים עליו סקילה כזכר:

פרק ט.

א. יש מותרות לבעליהן ואסורות ליבמיהן, מותרות ליבמיהן ואסורות לבעליהן, מותרות לאלו ולאלו, ואסורות לאלו ולאלו. ואלו מותרות לבעליהן ואסורות ליבמיהן: כהן הדיוט שנשא את האלמנה ויש לו אח כהן גדול, חלל שנשא כשרה ויש לו אח כשר, וישראל שנשא

מיט א טאָכטער פון א ישראל, מאכט ער איר עסן תרומה. זי הייסט זיין ווייב און דאַ־ריבער מעג זי עסן תרומה, ווי א ווייב פון א כהן. ר׳ יוסי און ר׳ שמעון זאָגן, אז אויב אן אנדרוגינוס א כהן האָט גענומען א טאָכטער פון א ישראל, מאכט ער זי עסן תרומה. אנדרוגינוס (פון די גריכישע ווערטער „אנדרא״, א מאנספערשוין, „גינאס״, א פרוי) מיינט איינער, וואָס האָט די געשלעכטליכע סימנים אי פון א מאנספערשוין אי פון א פרוי. ר׳ יוסי און ר׳ שמעון האלטן, אז זיין מקדש זיין א פרוי הייסט גוטע קידושין און זי ווערט זיין פרוי. ר׳ יהודה זאָגט, אז א טומטום, וועלכער איז גע־וואָרן אויפגעריסן און עס איז געפונען געוואָרן, אז ער איז א מאנספערשוין, זאָל ער (פונדעסטוועגן) ניט געבן קיין חליצה (צו זיין שוועגערין), ווייל ער איז ווי א סריס. „טומטום״ הייסט איינער ביי וועמען די געשלעכטליכע סימנים זענען ניט אנטוויקלט און זיי זענען פאַרוואַקסן. זאָגט ר׳ יהודה, אז אויב מען האָט אויפגעריסן דאָס אָרט און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז א מאנספערשוין, פונדעסטוועגן טאָר ער קיין חליצה ניט געבן, ווייל אפילו א סריס טאָר דאָך אויך ניט געבן קיין חליצה. אנדרוגינוס, אן אנדרוגינוס מעג חתונה האָבן (מיט א פרוי) אָבער ער טאָר ניט פאַר־הייראַט ווערן (אלס פרוי צו א מאַן). מחמת ער האָט דעם דין ווי א מאנספערשוין, ר׳ אליעזר זאָגט, אז אן אנדרוגינוס איז מען חייב אויף אים סקילה ווי אויף א מאנס־פערשוין. דער דין איז אז ווען א מאנספערשוין לעבט געשלעכטלעך מיט אן אנ־דערן מאנספערשוין (משכב זכר) קומט אים טויט־שטראָף דורך פארשטיינען, סקילה. זאָגט ר׳ אליעזר, אז אויב א מאנספערשוין לעבט מיט אן אנדרוגינוס קומט אים סקילה פאַר משכב זכר.

פרק ט.

א. יש, עס זענען פאַראַן (פרויען) וועלכע זענען געווען מותר (האָבן געמעגט חתונה האָבן) מיט זייערע מענער אָבער זיי זענען אסור (טאָרן ניט חתונה האָבן) מיט זייערע יבמים (מיט די ברידער פון זייערע מענער, נאָכדעם ווי זייערע מענער זענען געשטאָרבן אָן קינדער); (עס זענען פאַראַן פרויען וועלכע) זענען מותר צו זייערע יבמים אָבער זיי זענען (געווען) אסור צו זייערע מענער; (עס זענען פאַראַן פרויען וועלכע) זענען מותר סיי צו די דאָזיקע (צו זייערע מענער) און סיי צו די דאָזיקע (צו זייערע יבמים), און (עס זענען פאַראַן פרויען וועלכע זענען אסור סיי צו די דאָ־זיקע (צו זייערע מענער) און סיי צו די דאָזיקע (צו זייערע יבמים). די משנה וועט באלד אויסרעכענען די אלע פאַלן ווי אזוי זיי זענען מעגליך. ואלו, און דאָס זענען די (פרויען) וועלכע זענען מותר צו זייערע מענער און אסור צו זייערע יבמים: א געוויינטליכער כהן האָט חתונה געהאַט מיט אן אלמנה (און ער איז געשטאָרבן אָן קינדער) און ער האָט א ברודער א כהן גדול. צום מאַן, דעם געוויינטליכן כהן איז די אלמנה געווען מותר אָבער צום יבם, דעם כהן גדול, איז די אלמנה אסור. עס איז דאָזעלביקע אויך אויב דער געוויינטליכער כהן האָט גענומען א בתולה, מחמת ווען ער איז געשטאָרבן איז זי דאָך געוואָרן אן אלמנה, נאָר צוליב ווייטער אין דער משנה ב׳, וואו עס ווערט דערמאָנט אלמנה, זאָגט אויך דאָ די משנה אלמנה. חלל, א פאַר־

בת ישראל ויש לו אח ממזר, ממזר שנשא ממזרת ויש לו אח ישראל, — מותרות לבעליהן ואסורות ליבמיהן:

ב. ואלו מותרות ליבמיהן ואסורות לבעליהן: כהן גדול שקידש את האלמנה ויש לו אח כהן הדיוט. כשר שנשא חללה ויש לו אח חלל, ישראל שנשא ממזרת ויש לו אח ממזר, ממזר שנשא בת ישראל ויש לו אח ישראל, — מותרות ליבמיהן ואסורות לבעליהן. אסורות לאלו ולאלו: כהן גדול שנשא את האלמנה ויש לו אח כהן גדול, או כהן

שוועכטער (כהן, א חלל, וואָס שטאַמט פון א נישט כשרער מוטער) האָט גענומען א כשרע (פרוי, כשרה), און ער האָט א ברודער א כשרן (כהן). אויך דאָ איז די פרוי מותר געווען צום מאַן, דעם פאַרשוועכטן כהן, דעם חלל, אָבער צום יבם, צום כשרן כהן איז זי אסור; ווייל דערמיט וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט א חלל, איז זי געוואָרן אויס כשר, זי איז געוואָרן א חללה, טאָר דעריבער דער יבם, דער כשרער כהן, ניט חתונה האָבן מיט איר. ישראל, א ישראל האָט חתונה געהאַט מיט א (כשרער) טאָכטער פון א ישראל און ער (דער מאַן) האָט א ברודער א ממזר. אויך דאָ איז דאָס ווייב געווען מותר צום מאַן, אָבער נאָכדעם ווי דער מאַן איז געשטאָרבן אָן קינדער איז זי אסור צום יבם, צום שוואָגער, דעם ממזר, ווייל א ממזר טאָר ניט חתונה האָבן מיט כשרער יידישער טאָכטער. ממזר, א ממזר האָט חתונה געהאַט מיט א ממזרת, און ער האָט א ברודער א (כשרן) ישראל. אויך דאָ איז דאָס ווייב געווען מותר צום מאַן, מחמת א ממזר מעג חתונה האָבן מיט א ממזרת; אָבער צום יבם, צום שוואָגער, איז זי אסור, ווייל א כשרער ישראל טאָר ניט נעמען א ממזרת. מותרות, (די אלע פריער אויסגערעכנטע פרויען) זענען מותר צו זייערע מענער, און אסור צו זייערע יבמים. אזוי ווי מיר האָבן פריער דערקלערט ביי יעדן פאַל באַזונדער.

ב. ואלו, אין די דאָזיקע זענען מותר צו זייערע יבמים און אסור צו זייערע מענער: א כהן גדול וועלכער האָט מקדש געווען אן אלמנה און ער האָט א ברודער א געוויינטליכן כהן. די אלמנה איז אסור געווען צום מאַן דעם כהן גדול; אָבער צום שוואָגער, דעם יבם, דעם געוויינטליכן כהן איז זי מותר, ווייל א געוויינטליכער כהן מעג חתונה האָבן מיט אן אלמנה. די משנה זאָגט „מקדש געווען", און ניט „חתונה געהאַט", ווייל אויב דער כהן גדול וואָלט געווען חתונה געהאַט מיט דער אלמנה, בועל געווען איר, וואָלט ער דאָך געטאָן מיט איר א עבירה, און דאָס וואָלט איר געמאַכט פאַר א חללה, און זי וואָלט אסור געווען אויך צום יבם, דעם געוויינטליכן כהן. כשר, א כשרער (כהן) וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט א חללה און ער האָט א ברודער א חלל. אויך דאָ איז די פרוי, די חללה, אסור צום מאַן, דעם כשרן כהן; אָבער צום שוואָגער, דעם חלל, דעם פאַרשוועכטן כהן, איז זי, די חללה, מותר. ישראל, א ישראל וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט א ממזרת און ער האָט א ברודער א ממזר. אויך דאָ איז די פרוי די ממזרת, אסור צו איר מאַן דעם כשר'ן ישראל; אָבער זי איז מותר צו איר שוואָגער, דעם ממזר. ממזר, א ממזר וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט א (כשרער) טאָכטער פון א ישראל און ער האָט א ברודער א (כשר'ן) ישראל. אויך דאָ איז די פרוי, די כשרע טאָכטער פון א ישראל, אסור צום מאַן, דעם ממזר, און זי איז מותר צום יבם, דעם כשרן ישראל. מותרות, (די אלע אויסגערעכנטע פרויען) זענען מותר צו זייערע יבמים אָבער זענען אסור צו זייערע מענער. אזוי ווי מיר האָבן דערקלערט ביי יעדן פאַל באַזונדער. אסורות, (וועלכע פרויען) זענען אסור צו די דאָזיקע (צו זייערע מענער) און צו די דאָזיקע (צו זייערע יבמים)? א כהן גדול וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אן אלמנה און ער האָט א ברודער א כהן גדול. די פרוי די אלמנה איז אסור סיי צום מאַן דעם כהן גדול און סיי צום יבם דעם כהן גדול. עס זענען פאַראַן פאַלן ווען עס זענען פאַראַן אין איין צייט צוויי כהנים גדולים למשל, ווען א כהן גדול האָט צוליב א געוויסער סיבה געמוזט אוועקגיין פון דער כהונה

הדיוט כשר שנשא חללה ויש לו אח כשר, ישראל שנשא ממזרת ויש לו אח ישראל, ממזר שנשא בת ישראל ויש לו אח ממזר, — אסורות לאלו ולאלו. ושאר כל הנשים, מותרות לבעליהן וליבמיהן:

ג. שניות מדברי סופרים: שניה לבעל ולא שניה ליבם, אסורה לבעל ומותרת ליבם. שניה ליבם ולא שניה לבעל, אסורה ליבם ומותרת לבעל. שניה לזה ולזה, אסורה לזה ולזה; אין לה כתובה, ולא פירות,

---

גדולה, און אן אנדערער כהן איז געוואָרן אויף זיין אָרט דער כהן גדול; די משנה אין מגילה פרק א׳ משנה ט׳ לערנט, אז סיי דער אוועקגעגאנגענער כהן גדול און סיי דער איצטיקער כהן גדול טאָרן ניט נעמען קיין אלמנה. או, אָדער א געוויינטליכער כהן וועלכער האָט חתונה געהאט מיט א חללה און ער האָט א ברודער א כשרן (כהן). אויך דאָ איז די פרוי, די חללה, אסור סיי צום מאן און סיי יבם, מחמת זיי זענען ביידע כשרע כהנים. ישראל, א (כשרער) ישראל. וועלכער האָט חתונה געהאט מיט א ממזרת און ער האָט א ברודער א (כשרן) ישראל. אויך דאָ איז די פרוי, די ממזרת, אסור סיי צום מאן און סיי צום יבם. ממזר, א ממזר וועלכער האָט חתונה געהאט מיט א)כשרער) טאָכטער פון א ישראל און ער האָט א ברודער א ממזר. אויך דאָ איז די כשרע טאָכטער פון דעם ישראל אסור סיי צום מאן און סיי צום יבם, מחמת זיי זענען ביידע ממזרים. אסורות, (די אלע אויסגערעכנטע פרויען) זענען אסור צו די דאָזיקע (צו זייערע מענער) און צו די דאָזיקע (צו זייערע יבמים). אזוי ווי מיר האָבן פריער דערקלערט. ושאר, און אלע אנדערע פרויען זענען מותר סיי צו זייערע מענער און סיי צו זייערע יבמים. מיט „אלע אנדערע״ מיינט מען סתם פרויען, וואָס זייערע מענער און די מענערס ברידער זענען אזעלכע אז די פרויען מעגן חתונה האָבן סיי מיט די מענער און סיי מיט די יבמים, די שוואָגערס.

ג. שניות, פרויען וועלכע זענען שניות לויט דעם דין פון די רבנן (שניות, „צווייטע״, זענען אסור ניט לויט דעם דין פון דער תורה, למשל דער מוטער׳ס מו־טער), אויב (זי איז) א שניה צום מאן און ניט קיין שניה צום יבם, איז זי אסור צום מאן און זי איז מותר צום יבם; אויב (זי איז) א שניה צום יבם און ניט קיין שניה צום מאן איז זי אסור צום יבם און זי איז מותר צום מאן; אויב (זי איז) א שניה צו דעם (מאן) און צו דעם (יבם) איז זי אסור צו דעם (מאן און צו דעם (יבם). וועגן „שניות״ און וועגן „דברי סופרים״ האָבן מיר געגעבן פריער אין פרק ב׳ משנה ד׳. אין לה, (אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט א שניה, מיט וועלכער ער טאָרניט חתונה האָבן מדרבנן, איז דער דין, אז) עס קומט איר ניט קיין כתובה און ניט קיין פירות און ניט קיין מזונות (עסן) און ניט (צו באצאָלן פאר אירע) אָפגענוצטן פארמעגנס (בלאות). דער דין איז, אז ווען א מאן גט זיך מיט זיין ווייב אָדער ער שטאַרבט קומט דעם ווייב די כתובה, צוויי הונדערט גילדן אויב זי איז געווען א בתולה צו דער חתונה און הונדערט גילדן אויב זי איז ניט געווען א בתולה צו דער חתונה. זאָגט די משנה אז דער „שניה״ קומט ניט די כתובה. דער דין איז, אז דער מאן עסט די פירות, די פרוכטן, פון די נכסי מלוג, דעם מלוג־נדן־פארמעגן, וואָס דאָס ווייב ברענגט אים אריין צו דער חתונה (וועגן „נכסי מלוג זע פריער פרק ד׳ משנה ג׳). אָבער אויב דער מאן גט דער פרוי און עס זענען פאראן פון דער נכסי מלוג פירות וועלכע דער מאן האָט נאָכניט פארנוצט, געהערן זיי צו דעם גע־גטן ווייב. זאָגט די משנה, אז א „שניה״ קריגט ניט די פירות. אזוי טייטשט די משנה תוספות, אָבער רש״י און דער ברטנורא טייטשן, אז דאָס מיינט מען די פירות וועל־כע דער מאן האָט שוין יאָ אויפגעגעסן; מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז דער מאן דארף דער שניה צוריקצאָלן די פירות (פון אירע נכסי מלוג) ווייל פארן עסן די פירות איז דער מאן מחויב אויסצולייזן די פרוי אויב זי ווערט געפאנגען און א שניה איז ער דאָך נישט מחויב אויסצולייזן, דאריבער לערנט די משנה אז עס קומט איר

ולא מזונות, ולא בלאות, והולד כשר, וכופין אותו להוציא. אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה לישראל, בת ישראל לנתין ולממזר, יש להן כתובה:

ד. בת ישראל מאורסת לכהן, מעוברת מכהן, שומרת יבם לכהן, וכן בת כהן לישראל, לא תאכל בתרומה. בת ישראל מאורסת ללוי, מעוברת מלוי, שומרת יבם ללוי, וכן בת לוי לישראל, לא תאכל במעשר.

ניט פאר די אויפגעגעסענע פירות. „מזונות" מיינט עסן, וואָס דער מאן דארף געבן זיין ווייב, און א שניה איז ער ניט מחויב צו געבן מזונות. „בלאות", אפגע־נוצטע זאכן, מיינט מען די אפגענוצטע „נכסי מלוג" פון דער פרוי; מען וואָלט גע־קאָנט מיינען, אז ווייל דער מאן דארף דער שניה ניט געבן קיין כתובה זאָל ער באצאָלן פאר איר פארמעגן וואָס ער האָט אָפּגענוצט, דאריבער לערנט די משנה, אז עס קומט איר ניט. „בלאות" איז פון „בלה", ווערן שטארק אפגענוצט. והולד, און דאָס קינד (וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך חתונה האָבן מיט א שניה) איז כשר. ניט נאָר איז עס ניט קיין ממזר, נאָר עס איז אינגאנצן כשר, און עס מעג חתונה האָבן אפילו מיט א כהן וכופין, און מען צווינגט אים צו גטן זיך מיט איר. דאָס בית דין צווינגט דעם מאן צו געבן דער שניה א גט, און ער טאָר מיט איר ניט וואוינען. אלמנה, אויב אן אלמנה (האָט חתונה געהאט) מיט א כהן גדול, אָדער א גרושה צי א חלוצה מיט א געוויינטליכן כהן, אָדער א ממזרת צי א נתינה האָט חתונה געהאט מיט א (כשר׳ן) ישראל, צי א (כשרע) טאָכטער פון א ישראל (האָט חתונה געהאט) מיט א נתין אָדער א ממזר; קומט (דער פרוי ביים גטן זיך אָדער ווען דער מאן שטארבט) די כתובה. דער טעם איז, ווייל די אלע זענען אסור לויט דעם דין פון דער תורה (און כאָטש א חלוצה צו א כהן איז נור מדרבנן, אָבער זי איז ענליך צו א גרושה און האָט דעם דין ווי א גרושה), און דאריבער האָט מען ניט געדארפן אזוי פארשטארקן דעם איסור. אָבער שניות זענען אסור נור מדרבנן, האָבן די רבנן געוואָלט פאר־שטארקן דעם איסור און מתקן געווען אז עס קומט זיי ניט קיין כתובה. וועגן „נתינה" און „נתין" זע פריער פרק ב׳ משנה ד׳. דער ברטנורא זאָגט אויפן יסוד פון דער גמרא, אז די אלע וואָס קומט זיי די כתובה קומט זיי אויך פירות און בלאות.

ד. בת, א טאָכטער פון א ישראל וואָס א כהן האָט איר מקדש געווען (מאורסת, און זי האָט נאָכניט חתונה געהאט מיט אים), אָדער זי איז מעוברת פון א כהן (ניט דייענדיק זיין ווייב) אָדער זי איז א יבמה (א שומרת יבם, זי דארף מיובם ווערן) צו א אכהן, און אזוי אויך די טאָכטער פון א כהן (וואָס איז געוואָרן מקודש, אָדער זי איז מעוברת, אָדער זי איז א יבמה) צו א ישראל, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. דעם דין האָבן מיר געלערנט און דערקלערט פריער פרק ז׳ משנה ד׳, אז א עובר, און היבם און קידושין פסלענען פון עסן תרומה (ביי א טאָכטער פון א כהן צו א ישראל) און מאכן ניט עסן תרומה (ביי א טאכטער פון א ישראל צו א כהן). בת ישראל, די טאָכ־טער פון א ישראל וואָס איז מקודש צו א לוי, אָדער זי איז מעוברת פון א לוי אָדער זי איז א יבמה צו א לוי, און אזוי אויך א טאָכטער פון א לוי (וועלכע איז מקודש אָדער מעוברת אָדער זי איז א יבמה) צו א ישראל, טאָר ניט עסן קיין מעשר. „מעשר", א צענטל, הייסט דאָס צענטל תבואה און פרוכטן, וואָס מען דארף אפשיידן, און מען גיט עס לויט דעם דין פון דער תורה צום לוי (שפעטער האָט מען איינגע־פירט צו געבן עס צו די כהנים). וועגן מעשר זע אין די הקדמות צו די מסכתות פאה און מעשרות. עס איז פאראן איין דעה פון תנא ר׳ מאיר, אז פונקט ווי תרומה מעג עסן נור א כהן, אזוי מעגן מעשר עסן נור א כהן אָדער א לוי. אָבער א ישראל טאָר קיין מעשר ניט עסן (די הלכה איז ניט ווי ר׳ מאיר, נאָר ווי די חכמים, אז אויך א ישראל מעג עסן מעשר). דאָ האלט די משנה ווי ר׳ מאיר, אז א ישראל טאָרניט עסן קיין מעשר. בת לוי, די טאָכטער פון א לוי, וועלכע איז מקודש צו א כהן, אָדער

בת לוי מאורסת לכהן, מעוברת מכהן, שומרת יבם לכהן, וכן בת כהן ללוי, לא תאכל לא בתרומה ולא במעשר:

ה. בת ישראל שניסת לכהן, תאכל בתרומה. מת, ולה הימנו בן, תאכל בתרומה. ניסת ללוי, תאכל במעשר. מת, ולה הימנו בן, תאכל במעשר. ניסת לישראל, לא תאכל לא בתרומה ולא במעשר. מת, ולה הימנו בן, לא תאכל לא בתרומה ולא במעשר. מת בנה מישראל, תאכל במעשר. מת בנה מלוי, תאכל בתרומה. מת בנה מכהן, לא תאכל לא בתרומה ולא במעשר:

ו. בת כהן שנישאת לישראל לא תאכל בתרומה. מת ולה הימנו בן, לא תאכל בתרומה. נישאת ללוי, תאכל במעשר. מת ולה הימנו בן, תאכל במעשר. נישאת לכהן, תאכל בתרומה. מת ולה הימנו בן תאכל

זי איז מעוברת פון א כהן, אָדער זי איז א יבמה צו א כהן, און אזוי איז אויך ווען א טאָכטער פון א כהן (איז מקודש, אָדער מעוברת, אָדער זי איז א יבמה) צו א לוי, זאָל זי ניט עסן ניט קיין תרומה און ניט קיין מעשר. **דער ברטנורא טייטשט, אויפן יסוד פון דער גמרא, אז דאָ מיינט מען, אז ווען מען פארטיילט אין די שייערן אויפן פעלד, טאָר מען א פרוי וואָס איז די טאָכטער פון א כהן אָדער א לוי ניט טיילן קיין תרומה און מעשר, ווייל מען האָט גוזר געווען טאָמער וועט מען געבן תרומה און מעשר אויך א ישראל'ס טאָכטער נאָכדעם ווי זי האָט זיך גע'גט מיט איר מאן דעם כהן אָדער דעם לוי. דאָס וואָס די משנה זאָגט דאָ „מאורסת", אויב זי איז מקודש, איז נור ווייל אין דעם ערשטן טייל (אין דער „רישא") ווערט געזאָגט „מאורסת", און באמת טאָר מען ניט טיילן קיין תרומה און מעשר אפילו צו א חתונה געהאטע.**

ה. בת ישראל, א טאָכטער פון א ישראל, וועלכע האָט חתונה געהאט מיט אַ כהן, מעג עסן תרומה; אויב ער (דער מאן) איז געשטאָרבן און זי האָט פון אים א קינד (בן, זון, מיינט מען דאָ א קינד, אפילו א טאָכטער) מעג זי עסן תרומה. אויב זי האָט (דערנאָך ווי זי איז געוואָרן אן אלמנה פון כהן און עס איז געבליבן א קינד פון כהן) חתונה געהאט מיט א לוי, מעג זי עסן מעשר (אָבער ניט מער קיין תרומה); אויב ער (דער לוי) איז געשטאָרבן און זי האָט פון אים א קינד מעג זי עסן מעשר, **אָבער ניט קיין תרומה, ווייל זי האָט דאָך א קינד פון דעם לוי, וועלכער טאָר דאָך קיין תרומה ניט עסן.** ניסת לישראל, אויב זי האָט (נאָכן טויט פון איר מאן דעם לוי) חתונה געהאט מיט א ישראל, טאָר זי ניט עסן ניט קיין תרומה און ניט קיין מעשר; אויב ער (איר מאן דער ישראל) איז געשטאָרבן און זי האָט פון אים א קינד טאָר זי ניט עסן ניט קיין תרומה און ניט קיין מעשר. **ווייל זי האָט דאָך א קינד פון א ישראל, וועלכער טאָרניט עסן ניט קיין תרומה און ניט קיין מעשר.** מת בנה מישראל, אויב עס איז געשטאָרבן איר קינד פון דעם ישראל מעג זי עסן מעשר (ווייל זי האָט דאָך איר קינד פון לוי); אויב עס איז געשטאָרבן (אויך) איר קינד פון לוי מעג זי עסן תרומה (ווייל איצט האָט זי דאָך בלויז איר קינד פון כהן); אויב עס איז (אויך) געשטאָרבן איר קינד פון כהן, טאָר זי ניט עסן ניט קיין תרומה און ניט קיין מעשר. **איצט הייסט זי צוריק א ישראל'ס א טאָכטער, און זי האָט דעם דין ווי א ישראל. אויך די דאָזיגע משנה האַלט ווי ר' מאיר, אז א ישראל טאָר ניט עסן קיין מעשר.**

ו. בת כהן, א כהן'ס א טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאט מיט א ישראל, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. אויב ער (דער מאן) איז געשטאָרבן און זי האָט פון אים א קינד, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. אויב זי האָט (נאָכן טויט פון מאן דעם ישראל, מיט וועלכן זי האָט א קינד) חתונה געהאט מיט א לוי, מעג זי עסן מעשר; אויב ער (דער מאן דער לוי) איז געשטאָרבן און זי האָט פון אים א קינד מעג זי עסן מעשר. אויב זי האָט (נאָכדעם ווי איר מאן דער לוי, פון וועלכן זי האָט א קינד איז געשטאָרבן) האָט זי חתונה געהאט מיט א כהן, מעג זי עסן תרומה. אויב

בתרומה. מת בנה מכהן, לא תאכל בתרומה. מת בנה מלוי, לא תאכל במעשר. מת בנה מישראל, חוזרת לבית אביה. ועל זו נאמר (ויקרא כ״ב) „ושבה אל בית אביה כנעוריה מלחם אביה תאכל״:

פרק י.

א. האשה שהלך בעלה למדינת הים, ובאו ואמרו לה: „מת בעליך״, וניסת, ואחר כך בא בעלה, תצא מזה ומזה, וצריכה גט מזה ומזה; ואין לה כתובה, ולא פירות, ולא מזונות, ולא בלאות, לא על זה ולא על זה. אם נטלה מזה ומזה תחזיר. והולד ממזר מזה ומזה. ולא זה וזה מטמאין

ער (דער מאן דער כהן) איז געשטאָרבן, און זי האָט פון אים א קינד מעג זי עסן תרומה. אויב עס איז געשטאָרבן איר קינד פון כהן, מעג זי עסן מעשר (צוליב איר קינד פון לוי, אָבער ניט קיין תרומה). אויב עס איז געשטאָרבן איר קינד פון לוי, טאָר זי ניט עסן (ניט קיין תרומה און ניט) קיין מעשר (צוליב איר קינד פון ישראל). אויב עס איז געשטאָרבן איר קינד פון ישראל, גייט זי צוריק צו איר פאָטערס הויז (זי ווערט צוריק א בת כהן, די טאָכטער פון א כהן, און מעג עסן תרומה) און דא־רויף ווערט געזאָגט (ויקרא כ״ב— „ושבה אל בית אביה כנעוריה, מלחם אביה תאכל״ (און זי וועט צוריקקערן צו איר פאָטערס הויז ווי אין איר יוגנט, פון ברויט פון איר פאָטער מעג זי עסן). **„פון ברויט פון איר פאָטער״ מיינט מען תרומה, ווייל איר פאָ־טער איז א כהן, און זי מעג ווידער עסן תרומה.**

פרק י.

א. האשה, א פרוי וואָס איר מאן איז אוועק אין א ווייט לאנד (למדינת הים, אין א לאנד פון יענער זייט ים) און מען איז געקומען און מען האָט צו איר געזאָגט: „דיין מאן איז געשטאָרבן״, און זי האָט חתונה געהאט (מיט אן אנדערן מאן), און דערנאָך איז אָנגעקומען דער ערשטער מאַן, (וועלכער האָט באמת געלעבט און זי איז אן אשת איש), דארף זי ארויסגיין (זיך שיידן) פון דעם (ערשטן מאן) און פון דעם (אנדערן מאן), און זי דארף האָבן א גט פון דעם (ערשטן) און פון דעם (אנדערן מאן). **די גמרא זאָגט, אז מיט „ובאו ואמרו לה׳״, און מען איז געקומען און מען האָט איר געזאָגט״, מיינט מען, אז איין עדות האָט איר געזאָגט אז איר מאן איז געשטאָרבן. כאָטש דער דין איז, אז איין עדות איז באגלויבט צו זאָגן וועגן א מאן אז ער איז געשטאָרבן און זיין פרוי מעג חתונה האָבן, אָבער דאָס איז נור ווייל מען פארלאָזט זיך דערויף אז די פרוי וועט אין אזא פאל גוט נאָכפאָרשן צי עס איז אמת (דייקא ומינסבא). און ווייל דאָ האָט זי ניט גוט נאָכגעפאָרשט, דאריבער באשטראָפט מען איר, אז זי טאָר אויך ניט וואוינען מיט דעם ערשטן מאן. (באמת בלייבט די הלכה אז אפילו ביי 2 עדות טאָר זי אויך ניט זיין מיטן ערשטן מאן). אייגנטליך, וואָלט זי פון צווייטן מאן ניט געדארפן האָבן קיין גט, ווארום דאָס חתונה האָבן מיטן צווייטן מאן האָט דאָך קיין ווערט ניט, ווייל זי איז דאָך אן אשת איש; נאָר ווייל מענטשן קאָנען מיינען, אז זי איז געווען א גרושה פון ערשטן מאן און אז דער צווייטער מאן האָט חתונה געהאט מיט איר על פי דין, דאריבער דארף זי נעמען א גט אויך פון צווייטן מאן.** ואין לה, און עס קומט איר ניט קיין כתובה און ניט קיין פירות און ניט קיין מזונות און ניט קיין בלאות ניט פון דעם (ערשטן מאן) און ניט פון דעם (צווייטן מאן), און אויב זי האָט יאָ גענומען פון דעם (ערשטן) אָדער פון דעם (צווייטן מאן) זאָל זי צוריק אָפּגעבן. **דאָס איז אלץ א שטראָף פאר דער פרוי, פאר־וואָס זי האָט ניט גוט נאָכגעפאָרשט איידער זי איז געגאנגען חתונה האָבן. וואָס מען מיינט כתובה, פירות, מזונות און בלאות, האָבן מיר געגעבן פריער פרק ט׳ משנה ג׳.** והולד, און דאָס קינד (וואָס די פרוי האָט געבוירן) פון דעם (צווייטן מאן) אָדער פון דעם (ערשטן מאן, נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען) איז א ממזר. **דאָס קינד פון צווייטן מאן איז א ממזר ווייל זי איז דאָך אן אשת איש. אָבער די חכמים**

לה. ולא זה וזה זכאין לא במציאתה ולא במעשה ידיה ולא בהפרת נדריה. היתה בת ישראל, נפסלה מן הכהונה; ובת לוי, מן המעשר; ובת כהן, מן התרומה. ואין יורשים של זה ויורשים של זה יורשים את כתובתה. ואם מתו, אחיו של זה ואחיו של זה חולצין ולא מיבמין. ר׳ יוסי אומר, כתובתה על נכסי בעלה הראשון. ר׳ אליעזר אומר הראשון

האָבן אלס שטראָף פאר דער פרוי געמאכט פאר א ממזר אויך דאָס קינד, וואָס די פרוי האָט געבוירן מיטן ערשטן מאן נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען, כאָטש לויט דעם דין פון דער תורה איז דאָס קינד כשר. ולא זה, און ניט דער (ערשטער מאן, אויב ער איז א כהן) און ניט דער (צווייטער מאן, אויב ער איז א כהן) טאָרן זיך ניט מטמא זיין צו איר (אויב זי איז געשטאָרבן). דער דין איז, אז א כהן טאָר זיך ניט טממא זיין, ניט צורירן צו א טויטן און ניט זיין מיט אים אונטער איין דאך; אָבער ווען א נאָנטער קרוב (און א נאָנטער קרוב איז אויך אן אייגן כשר ווייב) שטאַרבט מעג ער זיך יאָ צו אים מטמא זיין. זאָגט די משנה, אז דאָ ווערט די פרוי ניט באַטראכט פאר זייער כשר ווייב און זיי טאָרן זיך ניט מטמא זיין צו איר. ולא זה וזה זכאין, און ניט דער (ערשטער) און דער (צווייטער מאן) האָבן דאָס רעכט (זכאין) ניט צו (זאכן) וועלכע זי האָט געפינען (מציאות) און ניט צו (דעם פאַרדינסט פון) איר האַנט־ארבייט, און ניט צו פארשטערן אירע נדרים. דער דין איז, אז אויב א פרוי געפינט עפּיס, געהערט די מציאה צום מאן; אויך די פאַרדינסטן פון א פרוי דורך איר ארבייט געהערן צום מאן. אויך אויב א פרוי טוט א נדר קאָן דער מאן איר פארשטערן דעם נדר, מפיר זיין, זאָגן, אז דער נדר איז גאָרניט. זאָגט די משנה, אז ווייל די מציאה געהערט צום מאן, כדי עס זאָל ניט שאפן קיין פיינטשאפט צווישן מאן און פרוי, און אירע פאַרדינסטן געהערן צו אים ווייל ער גיט איר צו עסן (מזונות), און ער קאָן פארשטערן אירע נדרים, כדי זי זאָל ניט פארמיאוסט ווערן אויף אים, — אָבער אזוי ווי דאָ וויל מען דאָך טאקע, אז דיביידע מענער זאָלן זיך אָפּשיידן פון איר, און אזוי ווי קיין מזונות קריגט זי ניט פון זיי, דעריבער האָבן זיי ניט קיין רעכט צו די אלע דריי זאכן. היתה, אויב זי איז די טאָכטער פון א ישראל איז זי פסול געוואָרן פון דער כהונה. אויב למשל די ביידע מענער זענען געשטאָרבן, טאָר זי ניט חתונה האָבן מיט קיין כהן, ווייל זי האָט דאָך געלעבט מיט א פרעמדן מאן ווען זי איז געווען אן אשת איש, איז זי דאַדורך געוואָרן א זונה, און א כהן טאָר ניט חתונה האָבן מיט קיין זונה. ובת לוי, און אויב זי איז די טאָכטער פון א לוי טאָר זי ניט עסן קיין מעשר. לויט איין טייטש, מיינט די משנה, אז מען גיט איר ניט קיין מעשר אלס שטראָף. זע פריער פרק ט׳ משנה ד׳ וועגן מעשר. ובת כהן, און אויב זי איז די טאָכטער פון א כהן טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. אפילו ניט אזא תרומה וואָס איז מדרבנן. ואין, און ניט די יורשים פון דעם (ערשטן) און ניט די יורשים פון דעם (צווייטן מאן) ירשענען ניט איר כתובה. מען מיינט דאָ די „כתובת בנין דכרין״, אויב די פרוי און דער מאן שטארבן קומט אירע קינדער די כתובה אחוץ דעם טייל ירושה (וועגן כתובת בנין דכרין״, די „כתובה פאר קינדער זכרים״ זע אין כתובות פרק ד׳ משנה י׳). אָבער דאָ איז ניט פאראַן קיין ירושה פון דער כתובה, ווייל זי האָט ניט קיין כתובה אלס שטראָף. ואם מתו, און אויב זיי (די מענער) זענען געשטאָרבן דאַרף דער ברודער פון דעם (ערשטן) און דער ברודער פון דעם (צווייטן מאן) געבן איר חליצה אָבער ניט מייבם זיין איר. דער ברודער פון ערשטן מאן דאַרף געבן חליצה לויט דעם דין פון דער תורה, ווייל דער ערשטער איז דאָך געווען איר ריכטיקער מאן, און דער ברודער פון צווייטן מאן דאַרף געבן חליצה נאָר מדרבנן, ווייל די מענטשן מיינען דאָך אז דער צווייטער איז געווען איר מאן. ר׳ יוסי זאָגט, אז עס קומט אין די כתובה פון דעם פארמעגן פון איר ערשטן מאן. אָבער פון צווייטן מאן קומט איר ניט. ר׳ אליעזר זאָגט, אז דער ערשטער (מאן) האָט רעכט אויף איר מציאה און אויף (די פאַרדינסטן פון) איר האַנטארבייט און אויף צו פארשטערן

זכאי במציאתה ובמעשה ידיה ובהפרת נדריה. ר׳ שמעון אומר, ביאתה או חליצתה מאחיו של ראשון פוטרת צרתה. ואין הולד ממנו ממזר. ואם ניסת שלא ברשות, מותרת לחזור לו:

ב. ניסת על פי בית דין, תצא ופטורה מן הקרבן. לא ניסת על פי בית דין, תצא וחייבת בקרבן. יפה כח בית דין שפוטרת מן הקרבן. הורוה בית דין לינשא והלכה וקלקלה, חייבת בקרבן, שלא התירוה אלא לינשא:

אירע נדרים. מחמת דער ערשטער מאן איז איר ריכטיקער מאן. ר׳ שמעון זאָגט, אז די ביאה אָדער די חליצה פון א ברודער פון ערשטן (מאן) באפרייט איר צרה, און דאָס קינד איז ניט קיין ממזר. ר׳ שמעון האלט, אז דער ערשטער מאן איז אינ־גאנצן איר ריכטיקער מאן, און דאריבער אויב דער ערשטער מאן איז געשטאָרבן אָן קינדער און האָט איבערגעלאָזט א חוץ דער דאָזיקער פרוי נאָך איין פרוי, איר צרה, איז דער דין, אז אויב דער ברודער פון ערשטן מאן האָט איר מייבם געווען (ביאה, בועל געווען איר) אָדער ער האָט איר געגעבן חליצה, ווערט שוין איר צרה, די אנדערע פרוי, באפרייט. אויך האלט ר׳ שמעון, אז אויב דער ערשטער מאן האָט געלעבט מיט דער פרוי נאָכן צוריקקומען און האָט געהאט מיט איר א קינד, איז דאָס קינד ניט קיין ממזר, מחמת זי איז זיין פרוי. ואם ניסת, און אויב זי האָט חתונה גע־האט אָן רשות, מעג זי צוריקגיין צו אים (צום ערשטן מאן). די גמרא טייטשט, אז די משנה מיינט, אז אויב ניט איין עדות, נאָר צוויי עדות זענען געקומען און האָבן איר געזאָגט אז דער מאן איז געשטאָרבן, און זי האָט דאריבער גאָרניט געדארפן נעמען קיין שום היתר, קיין שום רשות, קיין דערלויבניש, פון בית דין חתונה צו האָבן (ווי זי וואָלט געדארפן ביי איין עדות), און זי האָט חתונה געהאט, און דער־נאָך איז געקומען דער ערשטער מאן, מעג זי צוריקגיין וואוינען מיטן ערשטן מאן. מחמת ביי צוויי עדות הייסט זי אן אנוסה, און זי איז מותר צום ערשטן מאן.

ב. ניסת, אויב זי האָט חתונה געהאט מיט דער דערלויבניש פון בית דין (און דערנאָך איז צוריקגעקומען דער ערשטער מאן), דארף זי זיך שיידן (פון די מענער), אָבער זי איז פטור פון ברענגען א קרבן. דער דין איז, אז איינער טוט בשוגג א הארבע עבירה (אויף וועלכער עס קומט מיתה אָדער כרת, אויב מען טוט איר במזיד), דארף ער ברענגען אין בית המקדש א קרבן חטאת. זאָגט די משנה, אז אויב בית דין האָט איר געגעבן דעם היתר, איז זי פטור פון קרבן חטאת, כאָטש דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט עובר געווען אויף דער הארבער עבירה פון אשת איש. לא ניסת, אויב זי האָט חתונה געהאט ניט מיט דער דערלויבניש פון בית דין (זי האָט זיך ניט געפרעגט ביים בית דין, נאָר זי האָט זיך אליין פארלאָזט אויף דעם עדות), דארף זי זיך שיידן (פון די מענער) און זי דארף ברענגען א קרבן. מחמת דאָס הייסט ווי געוויינטליך געטאָן א הארבע עבירה בשוגג. יפה, דער כח פון בית דין איז גוט דערמיט, וואָס ער באפרייט פון קרבן. דאָס איז א כלל, אז „יחיד שעשה בהוראת דין", אז איינער טוט בשוגג א עבירה, ווייל דאָס בית דין האָט אים געפסקנט אז ער מעג, איז פטור פון ברענגען א קרבן. הורוה, אויב דאָס בית דין האָט איר געפסקנט אז זי מעג חתונה האָבן (ווייל זיי האָבן געמיינט, אז איר מאן איז געשטאָרבן) און זי איז געגאנגען און האָט חתונה געהאט דורך א עבירה (וקלקלה, זי האָט קאליע גע־מאכט, למשל, זי איז אן אלמנה און האָט חתונה געהאט מיט א כהן גדול, וועלכער טאָרניט נעמען קיין אלמנה, און דערנאָך איז דער ערשטער מאן געקומען), דארף זי יאָ ברענגען א קרבן (פאר לעבן מיטן צווייטן מאן אלס אשת איש), ווייל מען (דאָס בית דין) האָט איר נאָר מתיר געמאכט חתונה צו האָבן (אויף א כשרן אופן). פאר דער עבירה פון חתונה האָבן אלס אלמנה מיט א כהן גדול קומט ניט קיין קרבן (אפילו עס איז געווען בשוגג) ווייל דאָס איז א לייכטע עבירה, עס קומט ניט דערפאר קיין כרת, נאָר עס איז א „לאו".

ג. האשה שהלך בעלה ובנה למדינת הים, ובאו ואָמרו לה: „מת בעליך ואחר כך מת בנך״, ונשאת, ואחר כך אָמרו לה, חלוף היו הדברים, תצא, והולד ראשון ואחרון ממזר. אָמרו לה: „מת בנך ואחר כך מת בעליך״, ונתיבמה, ואחר כך אמרו לה, חלוף היו הדברים, תצא, והולד ראשון ואחרון ממזר. אָמרו לה: „מת בעליך״ וניסת ואחר כך אָמרו לה: „קיים היה ומת״, תצא, והולד ראשון ממזר והאחרון אינו ממזר. אָמרו לה: „מת בעליך״, ונתקדשה, ואחר כך בא בעלה, מותרת לחזור לו. אף על פי שנתן לה אחרון גט לא פסלה מן הכהונה; את זו דרש

ג. האשה א פרוי וואָס איר מאַן און איר זון (פון דאָזיקן מאַן) זענען אוועק אין א ווייטער מדינה (מדינת הים, אין יענער זייט ים), און מען איז געקומען און מען האָט איר געזאָגט: „צוערשט) איז געשטאָרבן דיין מאַן (און דער זון האָט נאָך געלעבט און זי דאַרף דעריבער ניט מער קיין חליצה) און דערנאָך איז געשטאָרבן דיין זון״, און זי האָט חתונה געהאַט (מיט אַן אַנדערן מאַן), און דערנאָך (איז מען געקומען צו איר און מען) האָט געזאָגט, אַז די זאַך איז געווען פאַרקערט (צוערשט איז געשטאָרבן דער זון און דערנאָך דער מאַן, און זי האָט געדאַרפן נעמען חליצה כדי צו מעגן חתונה צו האָבן), זאָל זי זיך שיידן (מיטן צווייטן מאַן). **ווייל זי האָט דאָך ניט געטאָרט חתונה האָבן מיט'ן צווייטן מאַן, ניט האָבנדיק גענומען חליצה פון ברודער פון ערשטן מאַן.** והולד, און דאָס ערשטע קינד און דאָס לעצטע קינד איז א ממזר. **מיט „דאָס ערשטע״ מיינט מען דאָס קינד וואָס זי האָט געהאַט איידער מען איז געקומען איר זאָגן, אַז די זאַך איז געווען פאַרקערט, און מיט „דאָס לעצטע״ מיינט מען דאָס קינד וואָס זי האָט געהאַט דערנאָך. די משנה לערנט דאָ לויט ר׳ עקיבא (פריער פרק ד׳ משנה י״ג) אַז אויך פון „חייבו לאוין״, פון א פרוי, וואָס ווען מען לעבט מיט איר איז מען עובר נור אויף א לאו, הייסט אויך דאָס קינד א ממזר; וואָרום לעבן מיט א פרוי, וואָס דאַרף נעמען חליצה און האָט נאָכניט גענומען, איז מען עובר נור אויף א לאו.** אמרו לה מת בנך, אויב מען האָט איר געזאָגט: „(צוערשט) איז געשטאָרבן דיין זון און דערנאָך דיין מאַן״ און זי האָט זיך מייבם געווען (חתונה געהאַט מיט דעם מאַנ׳ס ברודער, ווי דער דין איז ווען דער מאַן שטאַרבט אָן קינדער), און דערנאָך האָט מען איר געזאָגט, אַז די זאַך איז געווען פאַרקערט (אַז דער זון איז געשטאָרבן נאָכן מאַנ׳ס טויט און זי האָט ניט געטאָרט חתונה האָבן מיטן מאַנ׳ס ברודער), זאָל זי זיך שיידן (מיטן שוואָגער) און דאָס ערשטע קינד, און דאָס לעצטע (קינד) איז א ממזר. **דאָ זענען אויך די חכמים מודה, ווייל לעבן מיט דעם מאַנ׳ס ברודער „שלא במקום מצה״ (ניט אלס יבמה) איז א עבירה פאַר וועלכער עס קומט כרת (חייבי כריתות).** אמרו לה מת בעלך, אויב מען האָט איר געזאָגט: „דיין מאַן איז געשטאָרבן״, און זי האָט חתונה געהאַט, און דערנאָך האָט מען איר געזאָגט, אַז (ווען זי האָט חתונה געהאַט) האָט ער געלעבט נאָר ער איז געשטאָרבן (דערנאָך), זאָל זי זיך שיידן (מיטן צווייטן מאַן), און דאָס ערשטע קינד (וואָס זי האָט געהאַט מיטן צווייטן מאַן איידער דער ערשטער מאַן איז געשטאָרבן) איז א ממזר, און דאָס לעצטע (קינד, וואָס זי האָט געהאַט מיט דעם צווייטן מאַן נאָכדעם ווי איר ערשטער מאַן איז געשטאָרבן) איז ניט קיין ממזר. **מחמת דאַמאָלס איז זי דאָך שוין ניט געווען קיין אשת איש.** אָמרו לה, אויב מען האָט איר געזאָגט: „דיין מאַן איז געשטאָרבן״ און זי האָט זיך מקדש געווען (זי האָט גענומען קידושין פון אַן אַנדערן מאַן, אָבער זי האָט נאָכניט חתונה געהאַט מיט אים) און דערנאָך איז איר (ערשטער) מאַן) געקומען, מעג זי צוריקגיין צו אים. **ווייל די קידושין זענען דאָך גאָרניט מחמת זי איז דאָך א אשת איש, און געלעבט מיט דעם צווייטן מאַן האָט זי דאָך אויך ניט, און זי האָט דעריבער ניט געטאָן קיין עבירה.** אף על פי, כאָטש דער צווייטער מאַן האָט איר געגעבן א גט, האָט ער זי ניט געפסלט פון כהונה. **זי מעג חתונה**

ר׳ אליעזר בן מתיא, „אשה גרושה מאישה״, ולא מאיש שאינו אישה:

ד. מי שהלכה אשתו למדינת הים ובאו ואמרו לו „מתה אשתך״, ונשא את אחותה, ואחר כך באת אשתו, מותרת לחזור לו. הוא מותר בקרובות שניה, ושניה מותרת בקרוביו. ואם מתה ראשונה, מותר בשניה. אמרו לו „מתה אשתך״, ונשא את אחותה, ׳ ואחר כך אָמרו לו

האָבן מיט א כהן אויב איר ערשטער מאן איז דערנאָך געשטאָרבן; כאָטש א גרושה טאָר דאָך מיט א כהן ניט חתונה האָבן, אָבער זי הייסט ניט קיין גרושה, ווייל דעם צווייטנס גט איז ניט קיין גט, ווארום ער איז ניט איר מאן. את זו, דעם דאָזיקן (דין) האָט גע׳דרשנ׳ט ר׳ אלעזר בן מתיא (פון פסוק אין חומש ויקרא כ״א, ז׳) „ואשה גרושה מאשה״ (אז א כהן טאָרניט חתונה האָבן מיט „א פרוי וועלכע איז גע׳גט פון איר מאן״), אָבער ניט ווען (זי איז גע׳גט) פון א מאן, וועלכער איז ניט איר מאן. **און דאָ איז דאָך דער צווייטער מאן ניט געווען איר מאן.**

ד. מי, איינער, וואָס זיין ווייב איז אוועק אין א ווייטע מדינה, און מען איז געקומען און מען האָט אים געזאָגט: „דיין ווייב איז געשטאָרבן״, און ער האָט חתונה געהאט מיט איר שוועסטער (ווארום נאָכן טויט פון ווייב מעג מען חתונה האָבן מיט איר שוועסטער), און דערנאָך איז זיין ווייב געקומען (זי איז ניט געווען געשטאָרבן), מעג זי צוריקגיין צו אים. **דער מאן מעג צוריקגיין וואוינען מיט זיין ערשט ווייב. מחמת דאָס וואָס ער האָט געלעבט מיט איר שוועסטער אסר׳ט אויף אים ניט זיין ווייב.** הוא, ער מעג חתונה האָבן מיט די קרובים פון דער צווייטער (פון זיין ווייב׳ס שוועסטער, למשל מיט איר טאָכטער) און די צווייטע (די שוועסטער) מעג חתונה האָבן מיט זיינע קרובים (למשל) מיט זיין ברודער. **ווייל זי איז ניט געווען זיין ווייב.** ואם, און אויב דאָס ערשטע (ווייב) איז (דערנאָך) געשטאָרבן מעג ער חתונה האָבן מיט דער צווייטער (מיט דער שוועסטער). **זי איז ניט אסור געוואָרן אויף אים אָמרו,** אויב מען האָט אים געזאָגט: „דיין ווייב איז געשטאָרבן״, און ער האָט חתונה געהאט מיט איר שוועסטער, און דערנאָך האָט מען אים געזאָגט, אז זי האָט געלעבט (ווען ער האָט חתונה געהאט מיט דער שוועסטער) נאָר זי איז (דערנאָך) געשטאָרבן, איז דאָס ערשטע קינד א ממזר און דאָס לעצטע (קינד) איז ניט קיין ממזר. **מיט „דאָס ערשטע״ מיינט מען דאָס קינד וואָס ער האָט געהאט מיט דעם ווייב׳ס שוועסטער איידער דאָס ווייב איז געשטאָרבן, און מיט „דאָס לעצטע״ מיינט מען דאָס קינד, וואָס ער האָט געהאט מיט דער שוועסטער נאָך דעם ווייב׳ס טויט.** ר׳ יוסי זאָגט, יעדער וואָס פסלט דורך אנדערע, פסל׳ט אויך דורך זיך, און ווער עס פסלט ניט דורך אנדערע פסלט ניט דורך זיך. **די גמרא זאָגט, אז ר׳ יוסי האָט געהערט ווי דער תנא קמא (דער ערשטער תנא וואָס האָט פריער געלערנט דעם דין אין דער משנה) זאָגט, אז אויב צוויי מענטשן אברהם און ראובן האָבן גענומען צוויי שוועסטערן, אברהם לאהן און ראובן רחלן, סיי ווען אברהם האָט אינגאנצן חתונה געהאט מיט לאה׳ן, סיי ער האָט זי נור מקדש געווען, — און לאה און ראובן (זיין שוואָגער) זענען אוועק אין א ווייטער מדינה און מען איז געקומען און געזאָגט צו אברהם אז זיין ווייב לאה און זיין שוואָגער ראובן זענען געשטאָרבן, און אברהם האָט חתונה געהאט מיט רחלן, און דערנאָך זענען געקומען לעבעדיקע זיין ווייב לאה און זיין שוואָגער ראובן, מעג אברהם צוריקנעמען זיין ווייב לאה, אָבער ראובן טאָרניט צוריק נעמען רחלן, ווייל רחל האָט דאָך אלס אשת איש געלעבט מיט א פרעמדן מאן, מיט אברהם. זאָגט ר׳ יוסי, אז אברהם טאָרניט צוריקנעמען זיין ווייב לאה אויב לאה איז געווען זיין ארוסה (ער האָט איר נור געהאט מקדש געווען, און נאָכניט געהאט חתונה געהאט מיט איר), און דאריבער דארף אברהם געבן א גט רחלן (תצא מזה ומזה), ווייל מענטשן מיינען, אז אברהם האָט געהאט מקדש געווען לאהן נור אויף א תנאי און דער תנאי איז ניט געהאט מקויים געוואָרן און די קידושין זענען געוואָרן אויס קי־**

„קיימת היתה ומתה", הולד ראשון ממזר והאחרון אינו ממזר. ר' יוסי אומר, כל שפוסל על ידי אחרים פוסל על ידי עצמו, וכל שאין פוסל על ידי אחרים אינו פוסל על ידי עצמו:

ה. אָמרו לו „מתה אשתך", ונשא אחותה מאביה, „מתה" ונשא אחותה מאמה, „מתה", ונשא אחותה מאביה, „מתה", ונשא אחותה מאמה, ונמצאו כולן קיימות, מותר בראשונה בשלישית ובחמישית, ופוטרות צרותיהן, ואסור בשניה וברביעית, ואין ביאת אחת מהן פוטרת צרתה. ואם בא על השניה לאחר מיתת הראשונה, מותר בשנייה, וברביעית,

---

דושין, און דאָס וואָס ער האָט חתונה געהאט מיט איר שוועסטער רחל איז געווען ריכטיק חתונה געהאט, און דעריבער האָט ער רחלן געדארפן געבן א גט. אָבער ווען לאה איז געווען אינגאנצן אברהמ'ס ווייב, ער האָט געהאט מיט איר אינגאנצן חתונה געהאט, ניט בלויז דורך קידושין, קאָן מען דאָך ניט מיינען אז דאָס איז געווען אויף א תנאי און אז פון דער חתונה איז גאָרניט געוואָרן; ווייסן דאָך ממילא מענטשן, אז אברהם'ס שפּעטערדיקע חתונה־האָבן מיט רחלן איז געווען דורך א טעות, און ער דארף רחלן ניט געבן קיין גט. און דעריבער מעג ער צוריק נעמען לאה'ן. דאָס איז דער טייטש פון ר' יוסי'ס ווערטער: יעדער וואָס פסלט אויף אנדערע (אברהם דורך געבן א גט צו רחלן פסל'ט ער איר אויף זיין שוואָגער, אויף ראובנען), פסלט ער אויך אויף זיך (ווערט אויך זיין ווייב לאה, די ארוסה, פסול אויף אים, אויף אברהמ'ן), און ווער עס פסלט ניט אויף אנדערע (אויב לאה איז אינגאנצן אברהמ'ס ווייב, דארף ער דאָך ניט געבן קיין גט רחלן, און ער פסלט איר ניט אויף איר מאַן, אויף ראובנען), פסלט ער אויך ניט אויף זיך (לאה ווערט ניט פסול אויף אים, און ער מעג איר צוריקנעמען).

ה. אָמרו, (אויב מען איז געקומען צו איינעם און) מען האָט אים געזאָגט: „דיין ווייב (לאה) איז געשטאָרבן", און ער האָט חתונה געהאט מיט איר שוועסטער פון איין פאָטער (מיט רחל, וועלכע איז לאה'ס שוועסטער נאָר פון איין פאָטער אָבער ניט פון איין מוטער), (דערנאָך האָט מען אים געזאָגט) „זי (רחל) איז געשטאָרבן", און ער האָט חתונה געהאט מיט איר (רחל'ס) שוועסטער פון איין מוטער (מיט שרה), (דערנאָך האָט מען אים געזאָגט): זי (שרה) איז געשטאָרבן", און ער האָט חתונה געהאט מיט איר (שרה'ס) שוועסטער פון איין פאָטער (מיט רבקה), (דערנאָך האָט מען אים געזאָגט): זי (רבקה) איז געשטאָרבן", און ער האָט חתונה געהאט מיט איר (רבקה'ס) שוועסטער פון איין מוטער (מיט חוה), און דערנאָך האָט זיך ארויסגע־וויזן, אז זיי אלע לעבן, מעג ער (האָבן אלס ווייבער) די ערשטע (לאה'ן), די דריטע (שרה'ן) און די פיפטע (חוה'ן). **מחמת לאה און שרה און חוה זענען דאָך צווישן זיך פרעמדע, און ער האָט געמעגט חתונה האָבן מיט שרה און מיט חוה, און זיי זענען זיינע ריכטיקע ווייבער, אָבער די צווייטע רחל איז דאָך לאה'ס שוועסטער, איז דאָך זיין חתונה האָבן מיט רחלן גאָרניט ווערט און ער טאָרניט לעבן מיט איר ווייל זי איז דאָך די שוועסטער פון זיין ווייב, פון לאה'ן, דאָס זעלביקע איז רבקה די שוועס־טער פון זיין ריכטיק ווייב שרה.** ופוטרות, און זיי באפרייען זייערע צרות. **אויב דער מאַן איז געשטאָרבן אָן קינדער קאָן זיין ברודער געבן חליצה אָדער מייבם זיין איינע פון די דריי, און דערמיט באפרייען די איבריקע צוויי ווייבער, די צרות.** ואסור, און ער (דער מאַן) טאָר ניט האָבן אלס ווייב) די צווייטע (רחל) און די פירטע (רבקה). **ווי מיר האָבן פריער דערקלערט.** ואין ביאת, און דאָס קומען אויף (דאָס בועל זיין) איינע פון זיי באפרייט ניט איר צרה. **אויב דער מאַן איז געשטאָרבן און זיין ברודער האָט מייבם געווען רחלן אָדער רבקה'ן ווערן די אנדערע ווייבער פון ראובן ניט באפרייט, ווייל ניט רחל און ניט רבקה זענען געווען ראובן'ס ווייב.** ואם בא, און (אויב עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די ערשטע, לאה איז יאָ געהאט געשטאָרבן און)

ופוטרות צרותיהן, ואסור בשלישית ובחמישית, ואין ביאת אחת מהן פוטרת צרתה:

ז. בן תשע שנים ויום אחד, הוא פוסל על ידי אחין, והאחים פוסלין על ידו. אלא שהוא פוסל תחלה, והאחין פוסלין תחלה וסוף. כיצד? בן תשע שנים ויום אחד שבא על יבמתו, פסל על ידי אחין. באו עליה אחין, ועשו בה מאמר, נתנו גט, או חלצו, פסלו על ידו:

ער (דער מאן) האָט געלעבט (חתונה געהאט) מיט דער צווייטער (מיט רחל) נאָכדעם ווי די ערשטע (לאה) איז געשטאָרבן, מעג ער האָבן (אלס ווייבער) די צווייטע (רחלן) און די פערטע (רבקה׳ן), און זיי באפרייען זייערע צרות. און ער טאָרניט האָבן אלס ווייבער) די דריטע (שרהן) און די פיפטע (חוה׳ן), און דאָס קומען אויף איינע פון זיי (דאָס מייבם זיין שרה׳ן אָדער חוה׳ן) פטרט ניט איר צרה. **מחמת איצט איז דאָך רחל זיין ריכטיק ווייב, און ממילא איז שוין איר שוועסטער שרה ניט זיין ווייב, און דערפאַר איז שוין רבקה יאָ זיין ווייב, און דאדורך איז שוין איר שוועסטער חוה ניט זיין ווייב.**

ז. בן תשע, א יינגל, וואָס איז אלט ניין יאָר מיט א טאָג, פסלט ער פאַר די ברידער, און די ברידער פסלענען פאַר אים; נאָר ער פסלט (נור) אין אָנהייב, און די ברידער פסלענען אין אָנהויב און אין סוף. **כדי צו פארשטיין די משנה, דאַרף מען וויסן, אז א יינגל ביז ניין יאָר מיט א טאָג, איז זיין טאָן גאָרניט געטאָן; אויב דאָס יינגל איז אלט 13 יאָר מיט א טאָג און ער האָט שוין די צוויי האָר אין אונטערשטן טייל פון קערפער, הייסט ער א דערוואקסענער מענטש, און וואָס ער טוט הייסט געטאָן. אָבער פון ניין יאָר מיט א טאָג ביז ער האָט די צוויי האָר, הייסט דאָס יינגל אביסל יאָ ווי א דערוואקסענער מענטש און אביסל ניט. זאָגט דאָ די משנה, אז איינער איז געשטאָרבן אָן קינדער און ער האָט איבערגעלאָזט א פרוי און אויך ברידער דערוואקסענע מענטשן און אויך איין ברודער וועלכער איז אלט 9 יאָר מיט א טאָג, איז אויב דאָס יינגל האָט מיט דער יבמה געמאכט א מאמר (איר מקדש געווען), האָט ער זי געפסלט, אז די אנדערע ברידער טאָרן שוין מיט איר ניט חתונה האָבן. כאָטש ווען אזא יינגל איז מקדש א פרעמדע פרוי, ניט זיין יבמה, זענען זיינע קידושין גאָרניט, אָבער ביי א יבמה איז הארבער. ווי איז אָבער אז א דערוואקסענער ברודער האָט צוערשט געמאכט מיט דער יבמה א מאמר און דערנאָך האָט דאָס יינגל געמאכט מיט איר א מאמר, פסלט איר דאָס יינגל ניט, און דער דערוואקסענער ברודער מעג מיט איר חתונה האָבן. דאָס הייסט, אז דאָס יינגל פסלט נור „אין אָנהייב", און ניט „צום סוף". אָבער אויב דאָס יינגל האָט געמאכט מיט דער יבמה א מאמר און דערנאָך האָט א דערוואקסענער ברודער געמאכט מיט איר א מאמר, טאָר שוין דאָס יינגל שפעטער מיט דער יבמה ניט חתונה האָבן, ווייל די דערוואקסענע ברידער פסלענען סיי אין אָנהויב און סיי צום סוף. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז נור ביי א מאמר, אָבער אויב א דערוואקסענער ברודער האָט געמאכט מיט דער יבמה א מאמר און דערנאָך האָט דאָס יינגל בועל געווען די יבמה, פסלט ער זי אויף דעם ברודער; דאָס איז אז מיט ביאה (בועל זיין) פסלט דאָס יינגל די יבמה סיי אין אָנהייב און סיי צום סוף.** כיצד, ווי אזוי? א יינגל פון ניין יאָר מיט א טאָג וועלכער איז געקומען אויף (בועל געווען) זיין יבמה, האָט ער זי געפסלט אויף די ברידער; אויב פון די ברידער (איינער פון די דערוואקסענע ברידער) איז געקומען אויף איר, אָדער זיי האָבן געמאכט מיט איר א מאמר אָדער זיי האָבן געגעבן איר א גט אָדער זיי האָבן איר געגעבן חליצה, האָבן זיי איר געפסלט אויף אים. **ווי מיר האָבן שוין געזאָגט לערנט די גמרא אין דער משנה אז מיט ביאה פסלט דאָס יינגל אויף די ברידער סיי אין אָנהייב און סיי צום סוף.**

ז. בן תשע שנים ויום אחד שבא על יבמתו, ואחר כך בא עליה אחיו שהוא בן תשע שנים ויום אחד, פסל על ידו. ר׳ שמעון אומר, לא פסל:

ח. בן תשע שנים ויום אחד שבא על יבמתו, ואחר כך בא על צרתה, פסל על ידי עצמו. ר׳ שמעון אומר, לא פסל. בן תשע שנים ויום אחד שבא על יבמתו ומת, חולצת ולא מתיבמת. נשא אשה ומת, הרי זו פטורה:

ט. בן תשע שנים ויום אחד שבא על יבמתו, ומשהגדיל נשא אשה

ז. בן תשע, א יינגל פון ניין יאָר מיט א טאָג, וועלכער איז געקומען אויף זיין יבמה, און דערנאָך איז געקומען אויף איר זיין ברודער וועלכער איז אויך אלט ניין יאָר מיט א טאָג, האָט ער (דער צווייטער ברודער) איר געפּסלט אויף אים (אויף דעם ערשטן); ר׳ שמעון זאָגט, אז ער האָט ניט געפּסלט אויף אים. **די גמרא זאָגט, אז ר׳ שמעון האלט, אז וועגן א יינגל פון 9 יאָר מיט א טאָג איז א ספק צי זיין בועל זיין מאכט אז די יבמה זאָל ווערן זיין ווייב (ער זאָל זי „קונה זיין״) צי ניט. דאריבער האלט ר׳ שמעון אז דאָס צווייטע יינגל קאָן זי ניט פּסלענען ממה נפשך: איז אזא יינגל יאָ „קונה״, איז דאָך די יבמה געוואָרן דאָס ווייב פון ערשטן יינגל, און ממילא קאָן דאָך דאָס צווייטע יינגל איר ניט פּסלענען; איז ווידער אזא יינגל ניט קונה, הייסט דאָך עס, אז זיין טאָן איז גאָרניט געטאָן, קאָן דאָך דאָס צווייטע יינגל זי ניט פּסלענען, מחמת זיין טאָן איז גאָרניט.**

ח. בן תשע, א יינגל פון ניין יאָר מיט א טאָג, וועלכער איז (צוערשט געקומען אויף זיין שוועגערין (זיין יבמה) און דערנאָך איז ער געקומען אויף איר צרה (זיין פאַרשטאָרבענער ברודער האָט איבערגעלאָזט צוויי ווייבער), האָט ער געפּסלט אויף זיך אליין. **ער טאָרניט חתונה האָבן אויך ניט מיט דער ערשטער יבמה, מחמת זיין ביאה (זיין בועל זיין) הייסט אביסל ווי יאָ קונה געווען און אביסל ניט, און דאריבער פּסלט ער אויף זיך אליין.** ר׳ שמעון זאָגט, אז ער פּסלט ניט. **ווייל, ווי מיר האָבן פריער געלערנט, האלט ר׳ שמעון, אז עס איז א ספק, איז דאָך דאָ אויך דער זעלביקער ממה נפשך: אָדער זיין ביאה איז גאָרניט און ער מעג חתונה האָבן מיט זיין ערשטער יבמה, אָדער זיין ביאה איז גוט, איז דאָך די ערשטע יבמה געוואָרן זיין ווייב, און דאָס בועל זיין די צרה קאָן שוין ניט פּסלענען אויף אים זיין ווייב.** בן תשע, א יינגל פון ניין יאָר מיט א טאָג, וועלכער איז געקומען אויף זיין יבם, און ער (דאָס יינגל) איז געשטאָרבן, דאַרף זי (די יבמה) נעמען חליצה׳ (פון די ברידער) אָבער מייבם זיין טאָר מען זי ניט. **ווייל די ביאה פון דעם יינגל מאכט איר נור אביסל ווי זי איז געוואָרן זיין ווייב, ממילא הייסט עס ווי עס איז נאָך געבליבן אביסל די צוגעבינדענקייט, די זיקה, נאָך דעם ערשטן פאַרשטאָרבענעם ברודער, און אויך די צוגעבינדענקייט, די זיקה, נאָך דעם יינגל, די „זיקה פון צוויי יבמים״, און דאריבער טאָרן די ברידער איר ניט מייבם זיין, ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ג׳ משנה ט׳.** נשא, אויב ער (דאָס יינגל פון ניין יאָר מיט א טאָג) האָט חתונה געהאַט מיט (סתם א פרוי, ניט מיט זיין יבמה) און ער איז געשטאָרבן (אָן קינדער) איז זי פּטור (פון נעמען חליצה אָדער מייבם זיין) **ווי מיר האָבן דערקלערט פריער אין משנה י׳ האָט דאָס טאָן פון אזא יינגל א ווערט נאָר ביי זיין יבמה, ווייל זי האָט א צו־געבינדענקייט צו אים (א „זיקה״), אָבער ביי א פרעמדער פרוי האָט זיין מקדש זיין און חתונה האָבן קיין ווערט ניט.**

ט. בן תשע, א יינגל פון ניין יאָר מיט א טאָג, וועלכער איז געקומען אויף זיין יבמה, און (דערנאָך) ווען ער איז געוואָרן דערוואקסן האָט ער חתונה געהאַט מיט אן אנדערער פרוי און ער איז געשטאָרבן (אָן קינדער), (איז דער דין) אויב ער האָט ניט „דערקענט״ (ידע, ער האָט ניט בועל געווען) די ערשטע (פרוי, זיין יבמה) פון זינט

אחרת ומת, אם לא ידע את הראשונה משהגדיל, הראשונה חולצת ולא מתיבמת, והשניה או חולצת או מתיבמת. ר׳ שמעון אומר, מיבם לאיזו שירצה וחולץ לשניה. אחד שהוא בן תשע שנים ויום אחד ואחד שהוא בן עשרים שנה שלא הביא שתי שערות:

פרק י״א

א. נושאין על האנוסה ועל המפותה, האונס והמפתה על הנשואה חייב. נושא אדם אנוסת אביו ומפותת אביו, אנוסת בנו ומפותת בנו.

ער איז געוואָרן דערוואקסן, דארף די ערשטע נעמען חליצה (פון זיינע ברידער) אָבער ניט מייבם זיין. אזוי ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין דער משנה, ווייל די ערשטע האָט דאָך אויף זיך די ״זיקה, די צוגעבינדענקייט פון צוויי יבמים״. והשניה, און די צווייטע פרוי אָדער זי נעמט חליצה אָדער מען איז איר מייבם. ווייל מיט איר האָט ער דאָך חתונה געהאט ווען ער איז שוין געווען דערוואקסן. דאָס וואָרט ״ידע״, ״דערקענען״ אנשטאט בועל־זיין, האָבן מיר אויך געהאט פריער פרק ח׳ משנה א׳. ר׳ שמעון זאָגט, אז ער (איינער פון זיינע ברידער) קאָן מייבם זיין (חתונה האָבן) מיט וועלכער ער וויל און (דערנאָך) זאָל ער געבן חליצה דער אנדערער. ווייל ר׳ שמעון (ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין פרק ג׳ משנה ט׳) האלט אז אויך ביי א זיקה, צוגעבענדענקייט פון צוויי יבמים, מעג מען מייבם זיין. אחד, סיי (א יינגל) וועלכער איז אלט ניין יאָר מיט א טאָג, און סיי ער איז אלט צוואָנציק יאָר, וועלכער האָט ניט געבראכט (עס האָבן זיך ניט באוויזן ביי אים) די צוויי האָר. די משנה לערנט דאָ, אז אויך א דערוואקסענער, כל זמן ער האָט ניט די צוויי האָר (שתי שערות) אין אונטערשטן טייל פון קערפער, האָט ער דעם דין פון א יינגל וואָס איז אלט 9 יאָר מיט א טאָג. דער ברטנורא ברענגט דאָ, אז אויב ער איז אלט געוואָרן 35 יאָר מיט א טאָג און ער האָט ניט די צוויי האָר, הייסט ער א דערוואקסענער און ער האָט דעם דין פון א סריס (א זון־סריס, סריס חמה, זע פריער פרק ח׳ משנה ד׳), אפילו ער האָט ניט די סמנים פון א סריס (וועגן וועלכע מיר האָבן געשריבן פריער אין פרק ח׳ משנה ד׳).

פרק י״א

א. נושאין, מען מעג חתונה האָבן אויף מאנס זיין און אויף איבער־רעדן (מפתה־זיין). ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין פרק א׳ משנה א׳ זענען פאראן פרויען־קרובים מיט וועלכע מען טאָרניט חתונה האָבן. למשל, מען טאָר ניט חתונה האָבן מיט א מוטער און מיט איר טאָכטער, אָדער מיט צוויי שוועסטערן וכדומה. זאָגט די משנה, אז אויב איינער האָט מאנס געווען א פרוי (ניט ער האָט חתונה געהאט מיט איר, נאָר ער האָט זי געצווינגען און קייגן איר ווילן געלעבט מיט איר געשלעכטליך), אָדער ער האָט זי איבער־גערעדט, מפתה געווען, און געלעבט מיט איר מיט איר ווילן, מעג ער חתונה האָבן מיט איר טאָכטער אָדער מיט איר שוועסטער, ווייל ״אשר יקח״ (ויקרא כ׳) מיינט, אז נור ״דרך לקיחה״ ביי חתונה האָבן. האונס, אָבער ווען איינער איז מאנס אָדער איז מפתה (רעדט־איבער) מיט (א קרובה פון) א חתונה געהאטע, איז ער חייב (ווערט ער באשטראָפט). דאָ לערנט די משנה, אז פארקערט, אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט א פרוי און דערנאָך האָט איר געצווינגען איר טאָכטער (צי איר שוועסטער) אָדער ער האָט זי איבערגערעדט און ער האָט געלעבט מיט דער טאָכטער (צו מיט דער שוועסטער) האָט ער עובר געווען א עבירה און ער איז חייב, ער ווערט באשטראָפט דערפאר מיט צוויי פרויען־קרובים (אויב ער האָט עס געטאָן בשוגג דארף ער ברענגען א קרבן). נושא, א מענטש מעג חתונה האָבן מיט א פרוי, וועלכע זיין פאָטער האָט מאנס געווען אָדער איבער־גערעדט (און געלעבט מיט איר), אָדער מיט א פרוי וועלכע זיין זון האָט מאנס געווען אָדער איבערגערעדט (און געלעבט מיט איר). מיט דעם פאָטערס ווייב, אָדער

ר׳ יהודה אוסר באנוסת אביו ומפותת אביו:

ב. הגיורת שנתגיירו בניה עמה, לא חולצין ולא מיבמין, אפילו הורתו של ראשון שלא בקדושה והשני הורתו ולידתו בקדושה. וכן שפחה שנשתחררו בניה עמה:

ג. חמש נשים שנתערבו ולדותיהן, הגדילו התערובות ונשאו נשים ומתו, ארבעה חולצין לאחת ואחד מיבם אותה; הוא ושלשה חול־צים לאחרת ואחד מיבם. נמצאו ארבעה חליצות ויבום לכל אחת ואחת:

מיט דעם זונ׳ס ווייב אפילו נאָכדעם ווי דער פּאָטער אָדער דער זון איז געשטאָרבן, טאָר מען ניט חתונה האָבן. אָבער מיט א פרוי, מיט וועלכער דער פאָטער אָדער דער זון האָט געלעבט (סיי מאַנס געווען איר, סיי איר איבערגערעדט) אָבער זיי האָבן ניט חתונה געהאט מיט איר, מעג מען חתונה האָבן. ר׳ יהודה אסרט ביי א פרוי וועלכע זיין פאָטער האָט מאַנס געווען אָדער איבערגערעדט (כאָטש דער פאָטער האָט מיט איר ניט געהאט חתונה געהאט). די גמרא זאָגט, אז ר׳ יהודה לערנט עס אָפּ פון דברים כ״ג „ולא יגלה כנף אביו״, אז אפילו ווען דער פאָטער האָט ניט חתונה געהאט מיט דער פרוי, נאָר בלויז געלעבט מיט איר („כנף שראה אביו״) טאָר מען ניט. — דער ברטנורא גיט דאָ צו אז דאָס מעגן חתונה האָבן מיט א פרוי וואָס מען האָט מאַנס געווען אָדער מפתה געווען איר נאָנטע קרובה מעג מען נור נאָכדעם ווי די קרובה איז געשטאָרבן, אָבער ביי איר לעבן אסרן די רבנן, ווייל עס איז דער שטייגער אז קרובות קומען איינע צו דער אנדערער, און עס קאָן ווידער קומען צו א עבירה.

ב. הגיורת, א (פרוי) גר׳טע (א גויה וועלכע האָט זיך מגייר געווען) און אירע זין האָבן זיך מגייר געווען מיט איר, (אויב איינער פון די ברידער איז געשטאָרבן אָן קינדער) דאַרף זיין ווייב ניט נעמען קיין חליצה און מען דאַרף זי ניט מייבם זיין. ווייל דער דין איז, אז צוויי ברידער פון איין פאָטער, וועלכע האָבן זיך מגייר געווען, ווערן ניט פאַררעכנט ווי ברידער פון איין פאָטער, און ממילא דאַרפן זיי ניט געבן קיין חליצה און ניט מייבם זיין. אפילו, (דער דאָזיקער דין איז אויך) אפילו ווען דאָס טראָגן ווערן מיטן ערשטן (ברודער) איז געווען ניט אין הייליקייט (זיין מוטער איז געוואָרן מעוברת מיט אים ווען זיין פאָטער איז נאָך געווען א גוי) און דאָס טראָגן ווערן מיטן צווייטן ברודער און זיין געבוירן ווערן איז שוין געווען אין הייליקייט (זיין פאָטער איז שוין געווען א גר ווען זיין מוטער איז געוואָרן מיט אים מעוברת און זי האָט אים געבוירן). דער טעם איז אלץ דערזעלביקער, ווייל זיי ווערן ניט פאַר־רעכנט ווי ברידער; אָבער מייבם זיין טאָר מען ניט ווייל זיי זענען ברידער פון איין מוטער, אויב זיי זיינען ביידע געבוירן געוואָרן בקדושה, אין הייליקייט, ווען דער פאָטער איז שוין געווען א ייד. אזוי זאָגט די גמרא. וכן, און אזוי איז אויך דער דין, אויב א שקלאַפין איז באַפרייט געוואָרן און אירע זין זענען באַפרייט געוואָרן צוזאַ־מען מיט איר. אויך זיי הייסן ניט ווי ברידער איינער צום אנדערן.

ג. חמש, פינף פרויען (וואָס יעדע פון זיי האָט געבוירן א יינגל און) זייערע יינגלעך האָבן זיך אויסגעמישט, און די אויסגעמישטע יינגלעך זענען אויפגעוואַקסן און האָבן חתונה געהאט מיט פרויען און זענען געשטאָרבן אָן קינדער (און יעדער פון זיי האָט איבערגעלאָזט איין ברודער, צוזאַמען פינף ברידער) דאַרפן פיר (פון די ברידער) געבן חליצה צו איינער פון די ווייבער, און איינער (דער פיפטער ברודער) מעג איר (דערנאָך) מייבם זיין, ווייל ממה נפשך: איז זי דאָס ווייב פון זיין פאַרשטאָר־בענעם ברודער, מעג ער דאָך סתם חתונה האָבן מיט איר; איז זי די יבמה פון איינעם פון די אנדערע יינגלעך, האָט דאָך איין ברודער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן איר געגעבן חליצה, מעג ער דאָך סתם חתונה האָבן מיט איר. הוא, ער (דער וואָס האָט מייבם געווען) צוזאַמען מיט נאָך דריי (פון די אנדערע ברידער) געבן חליצה צו דער אַנדערער פרוי, און איינער (דער פיפטער ברודער) איז איר מייבם. אויך צוליב

ד. האשה שנתערב ולדה בולד כלתה, הגדילו התערובות ונשאו נשים ומתו, בני הכלה חולצין ולא מיבמין, שהוא ספק אשת אחיו ספק אשת אחי אביו, ובני הזקנה, או חולצין או מיבמין, שהוא ספק אשת אחיו ואשת בן אחיו. מתו הכשרים, בני התערובות לבני הזקנה חולצין ולא מיבמן, שהוא ספק אשת אחיו ואשת אחי אביו, ובני הכלה, אחד חולץ ואחד מיבם:

ה. כהנת שנתערב ולדה בולד שפחתה, הרי אלו אוכלים בתרומה,

דעמזעלבן ממה נפשך. און אזוי טוט מען כסדר: **פיר גיבן חליצה צו איינער פון די פרויען און דער פיפטער איז איר מייבם, האָט חתונה מיט איר, אלץ צוליב דעמזעלבן ממה נפשך.** נמצאו, עס קומט אויס פיר חליצות־געבן און איין יבום צו יעדער (פון די פרויען). **יעדע פון די פרויען באקומט 4 מאָל חליצה, און איינער פון די ברידער איז איר מייבם.**

ד. האשה, א פרוי וואָס איר זון האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם זון פון איר שנור (מיט איר זונ׳ס זון), און די (צוויי אויסגעמישטע ייִנגלעך) זענען אויפגעוואקסן און האָבן חתונה געהאט מיט פרויען און זענען געשטאָרבן (אָן קינדער), דארפן די זין פון דער שנור געבן (די בײדע פרויען אלמנות) חליצה, אָבער זיי טאָרן זיי ניט מייבם זיין ווייל יעדע (פון די פרויען־אלמנות) איז א ספק צי זי איז דאָס ווייב פון זייער ברודער, צי זי איז דאָס ווייב פון זייער פאָטערס ברודער. **און מיט דעם ווייב פון א פאָטערס א ברודער, מיט א מומע, טאָר מען ניט חתונה האָבן.** ובני הזקנה, און די זין פון דער אלטער (פון דער באָבע) קאָנען אָדער געבן חליצה די בײדע פרויען) אָדער זיי מייבם זיין (נאָכדעם ווי די פרויען האָבן גענומען חליצה פון די זין פון דער שנור), ווייל יעדע (פון די פרויען) איז א ספק צי איז דאָס ווייב פון זייער ברודער צי זי איז דאָס ווייב פון זייער ברודערס זון. **און מיט דעם ווייב פון א ברודערן־זון מעג מען חתונה האָבן; א פרוי מעג חתונה האָבן מיט איר פעטער.** מתו, אויב די כשרע (די ניט־אויסגעמישטע זין פון דער באָבע און פון דער שנור) זענען געשטאָרבן (אָן קינדער), דארפן די (צוויי) אויסגעמישטע זין געבן חליצה צו די (ווייבער פון די) זין פון באָבע, אָבער מייבם זיין זיי טאָרן זיי ניט, ווייל יעדע פון זיי איז א ספק צי זי איז זיין ברודערס ווייב צי דאָס ווייב פון פאָטערס ברודער. **און מיט דעם ווייב פון א פאָטערס ברודער, מיט א מומע, נאָר מען ניט חתונה האָבן.** ובני הכלה, און (וואָס נוגע די ווייבער פון די פארשטאָרבענע ניט־אויסגעמישטע) זין פון דער שנור, איז איינער (פון די אויסגעמישטע) גיט זיי חליצה, און דער צווייטער (פון די אויסגעמישטע) מעג זי מייבם זיין. **מחמת דאָ איז דאָך נור וועגן יעדער פרוי א ספק צי זי איז דאָס ווייב פון זיין ברודער צי דאָס ווייב פון זיין ברודערס זון, און מיט דעם ווייב פון א ברודערן־זון מעג מען חתונה האָבן.**

ה. כהנת, א כהנטע (דאָס ווייב פון א כהן) וואָס איר ייִנגל האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם ייִנגל פון איר שקלאפין (און מען ווייסט ניט וועלכער פון זיי איז דאָס ייִנגל פון דער כהנטע און איז א כהן, און וועלכער איז דער שקלאפינ׳ס ייִנגל און איז דעם כהנ׳ס שקלאף), מעגן זיי בײדע עסן תרומה. **דער דין איז, אז דער שקלאף פון א כהן מעג עסן תרומה, און דעריבער מעג יעדער פון זיי עסן תרומה צוליב ממה נפשך; אָדער ער איז א כהן אָדער ער איז דער שקלאף פון א כהן.** וחולקים, און זיי נעמען איין חלק תרומה אויפן שייער, דאָרט, אויפן שייער, וואו מען טיילט די כהנים תרומה, **אויב זיי קומען בײדע צוזאמען, באקומען זיי בײדע איין חלק תרומה; מחמת נור א כהן באקומט א חלק תרומה, אָבער א שקלאף פון א כהן, כאָטש ער מעג עסן תרומה, אָבער קיין חלק באקומט ער ניט.** ואינן, און זיי טאָרן זיך ניט מטמא זיין צו מתים. **א כהן טאָר ניט מטמא זיין (צו־רירן זיך, אָדער טראָגן אָדער געפינען זיך אונטער איין דאך, אין איין אוהל) מיט א מת. און כאָטש א שקלאף פון א כהן מעג**

וחולקים חלק אחד בגורן, ואינן מיטמאין למתים, ואין נושאין נשים בין כשרות בין פסולות. הגדילו התערובות ושחררו זה את זה, נושאין נשים ראויות לכהונה, ואינן מיטמאין למתים, ואם נטמאו אינו סופגין את הארבעים; ואינן אוכלים בתרומה, ואם אכלו אינו משלמין קרן וחומש, ואינן חולקין על הגורן, ומוכרין את התרומה והדמים שלהם.

יאָ מטמא זיין זיך צו מתים, אָבער וועגן יעדן פון זיי איז דאָך א ספק טאָמער איז ער א כהן, דעריבער טאָרן זיי ניט. ואין, און זייטאָרן ניט חתונה האָבן מיט פרויען ניט מיט כשרע און ניט מיט פסולע (מיט שקלאפינס). **מחמת א שקלאַף טאָרניט נעמען א כשרע יידישער פרוי, און א כהן טאָרניט חתונה האָבן מיט אפסולער פרוי, און אזוי ווי וועגן יעדן פון זיי איז דאָך א ספק צי ער איז א כהן צי א שקלאַף, טאָרן זיי דער־בער ניט חתונה האָבן ניט מיט כשרע פרויען און ניט מיט פסולע.** הגדילו, ווען די (דאָזיקע צוויי) אויסגעמישטע יינגלעך, (דער כהן און זיין שקלאַף) זענען אויפגע־וואקסן, און זיי האָבן באפרייט איינער דעם אנדערן (און איצט איז איינער פון זיי א כהן און דער צווייטער האָט דעם דין ווי א ישראל), מעגן זיי חתונה האָבן מיט פרויען וואָס זענען גוט פאר כהונה (מיט וועלכע כהנים מעגן חתונה האָבן) און זיי טאָרן זיך ניט מטמא זיין צו מתים (מחמת וועגן יעדן איז דאָך א ספק טאָמער איז ער א כהן), און אויב זיי האָבן זיך יאָ מיטמא געווען קומט זיי ניט די פירציק קלעפּ (מלקות). **אז א כהן איז זיך מטמא צו א מת, האָט ער עובר געווען אויף א „לאו", א עבירה, און עס קומט אים מלקות, קלעפּ. אָבער ווייל יעדער פון זיי איז דאָך נור א ספק, קומט זיי ניט קיין קלעפּ, מחמת יעדער קאָן דאָך זאָגן, אז ער איז ניט דער כהן.** ואינן אוכלין, און זיי טאָרן ניט עסן קיין תרומה. **ווייל איצט איז דאָך איינער פון זיי אזוי ווי א ישראל, און א ישראל טאָר דאָך ניט עסן קיין תרומה. ואם אכלו,** און אויב זיי האָבן געגעסן (תרומה) דארפן זיי ניט באצאָלן קיין קרן און קיין פיפטל. **דער דין איז, אז ווען א ישראל עסט תרומה בשוגג (ניט וויסנדיק אז עס איז תרומה) דאַרף ער באצאָלן דעם קרן, וויפיל די תרומה באטרעפט און אויך צולייגן א פערטל פון דעם תרומה־באטרעף, צוזאמען איז עס פינף פערטל, און דאָס פיפטע פערטל הייסט „דער חומש", דאָס פיפטל. זאָגט די משנה, אז זיי דארפן ניט צאָלן, ווייל יע־דער פון זיי קאָן טענה'ן, אז ער איז יאָ א כהן, און דורך א ספק קאָן מען ניט מאָנען ביי קיינעם קיין געלט.** ואינן, און זיי באקומען ניט קיין חלק (תרומה) אויפן שייער. **אפילו זיי קומען צוזאמען, באקומען זיי אויך ניט קיין חלק תרומה, כאָטש איינער פון זיי איז זיכער א כהן; תוספות זאָגט, אז דער טעם איז, ווייל זיי טאָרן דאָך ניט עסן קיין תרומה, טאָר מען זיי ניט געבן קיין תרומה, טאָמער וועלן זיי עובר זיין און עסן.** ומוכרין, און זיי מעגן פארקויפן (זייער) תרומה, און דאָס געלט געהערט צו זיי. **אז א ישראל האָט תבואה און שיידט אָפּ דערפון תרומה, דאַרף ער אוועקגעבן די תרומה צו א כהן בחינם. אָבער אזוי ווי וועגן יעדן פון זיי איז דאָך א ספק, טאָמער איז ער א כהן, מעג יעדער פון זיי פארקויפן די תרומה וואָס ער שיידט אָפּ פון זיין תבואה, און פארקויפן זי (מחמת אליין טאָר ער דאָך זי ניט עסן) צו א כהן און פאר־האלטן דאָס געלט פאר זיך. דער טעם איז, ווייל מען קאָן פון קיינעם ניט ארויסנע־מען געלט צוליב א ספק.** ואינן חולקים, און זיי באקומען ניט קיין חלק אין די קרבנות פון בית המקדש. **די כהנים צעטיילן צווישן זיך די פעל פון די קרבנות וואָס מען איז מקריב אין בית המקדש. אָבער זיי באקומען ניט קיין חלק, ווייל צו יעדן פון זיי קאָן מען זאָגן אז ער איז ניט קיין כהן. פארשטייט זיך, אז דאָס פלייש פון די קרבנות וואָס געהערט צו כהנים, באקומען זיי אודאי ניט, ווארום אפילו תרומה בא־קומען זיי ניט, מחמת זיי טאָרן דאָך עס ניט עסן.** ואין נותנים, און מען גיט זיי ניט קיין קרבנות מקריב צו זיין (אין בית המקדש, אויפן מזבח). **אזוי טייטשט רשי אין איין פשט, כאָטש דאָס איז שווער, ווארום עס איז דאָך א פשוטע זאך, מחמת זיי טאָרן דאָך ניט מקריב זיין, ווארום קיינער פון זיי ווייסט דאָך ניט צי ער איז א כהן.**

ואינן חולקים בקדשי המקדש, ואין נותנים להם קדשים, ואין מוציאים שלהם מידם, ופטורין מן הזרוע, ומן הלחיים, ומן הקיבה, ובכורו יהא רועה עד שיסתאב, ונותנין עליו חומרי כהנים וחומרי ישראלים:

ו. מי שלא שהתה אחר בעלה שלשה חדשים ונשאת וילדה' ואין ידוע אם בן תשעה לראשון אם בן שבעה לאחרון, היו לה בנים מן

טייל טייטשן אז מען מיינט דערמיט, אז מען גיט זיי ניט זייער חלק קרבנות, אז זיי זאָלן קאָנען אים אוועקגעבן וועלכן כהן זיי ווילן, כדי ער זאָל מקריב זיין. ואין מוציאים, און מען נעמט ניט ארויס זייערע (קרבנות) פון זייער האנט. רשי טייטשט, אז אויב עס איז געבוירן געוואָרען געוואָרן ביי א כשרער בהמה פון איינעם פון זיי א בכור, און דער בכור געהערט דאָך צום כהן, קאָן מען זיי ניט צווינגען אוועקצוגעבן דעם בכור צו א כהן, נאָר זיי קאָנען פארהאלטן דעם בכור ביז ער וועט באקומען א פעלער (א מום) און דאמאָלס מעג מען אים שעכטן און עסן אומעטום (זע אין דער הקדמה צו מסכתא בכורות). פטורין, און זענען פטור (פון צו געבן צו א כהן) דעם אָרעם (פון א פאָדערשטן רעכטן פיס פון א בהמה, וואָס זיי שעכטן) און די באַקן און דעם מאָגן (הזרוע והלחיים והקיבה). כאָטש ווען א ישראל שעכט א בהמה דארף ער געבן די אָרעם און די באַקן און דעם מאָגן צו א כהן (זע מסכתא חולין פרק י'); אָבער זיי דארפן ניט געבן, יעדער קאָן זאָגן וועגן זיך, אז ער איז א כהן, און דאָס איז געלט־זאכן און געלט קאָן מען ניט ארויסנעמען פון קיינעם צוליב א ספק. ובכורו, און זיין בכור (דער בכור פון זיין כשרער בהמה) זאָל זיך פאשן ביז ער וועט באקומען א פעלער (א מום). דאָס האָבן מיר געלערנט פריער אין דער משנה, און רש"י זאָגט, אז דאָ טייטשט־אויס די משנה די ווערטער פון פריער (לויט איין טייטש). ונותנין, און מען לייגט ארויף אויף אים (אויף יעדן פון זיי) די חומרות פון כהנים און די חומרות פון ישראלים. זיי טאָרן ניט טאָן ניט דאָס וואָס א כהן טאָרניט טאָן, און ניט דאָס וואָס א ישראל טאָר ניט טאָן; זיי מוזן זיך אויפפירן לויט אלע חומרות, אלע האַרב־קייטן, סיי פון כהנים און פון פון ישראלים. די גמרא זאָגט, אזוי: אזוי ווי דער דין איז אז אויב א כהן ברענגט אין בית המקדש א קרבן מנחה (פון מעל), נעמט מען ניט אראָפּ דערפון אביסל (א קומץ), נאָר מען פארברענט די גאנצע מנחה אויפן מזבח, און אויב א ישראל ברענגט א מנחה נעמט מען אראָפּ דערפון אביסל (אַ קומץ) און מען איז עס מקריב (מען פארברענט עס) אויפ'ן מזבח און דאָס איבריקע, די שיריים פון דער מנחה, ווערט געגעסן. אויב איינער פון די דאָזיקע אויסגעמישטע מענטשן ברענגט א מנחה, נעמט מען אראָפּ דערפון דעם קומץ, אזוי ווי ביי א ישראל'ס א מנחה, און מען איז אים מקריב אויפן מזבח, אָבער די שיריים ווערן ניט געגעסן, אַזוי ווי עס איז דער דין ביי א כהנ'ס א מנחה, נאָר מען פארברענט זיי.

ו. מי, א פרוי וואָס האָט ניט געוואַרט נאָך איר מאַן (נאָכדעם ווי זי האָט זיך גע'גט מיט איר מאַן אָדער נאָכדעם ווי איר מאַן איז געשטאָרבן) קיין דריי חדשים, און זי האָט חתונה געהאַט (מיט א צווייטן מאַן) און האָט (זיבן חדשים נאָך דער חתונה) געבוירן (א זון) און מען ווייסט ניט צי דאָס איז א קינד פון ניין חדשים (די מוטער האָט אים געטראָגן ניין חדשים) און ער איז פון ערשטן (מאַן), אָדער ער איז א זיבעלע (די מוטער האָט אים געטראָגן זיבן חדשים) און ער איז פון צווייטן (מאַן), און זי האָט געהאַט (נאָך אנדערע) זין פון ערשטן (מאַן) און (נאָך אנדערע) זין פון צווייטן (מאַן), דארפן זיי געבן חליצה אָבער זיי טאָרן ניט מייבם זיין. אויב דאָס יינגל איז אויפגעוואַקסן און האָט חתונה געהאַט און איז געשטאָרבן אָן קינדער, דארפן זיין מוטערס קינדער פון ערשטן מאַן און פון צווייטן מאַן געבן דער אלמנה חליצה אָבער מייבם זיין טאָרן זיי איר ניט, מחמת וועגן יעדן פון זיי קאָן מען דאָך קלערן אַז ער איז ניט זיין ברודער פון איין פאָטער, נאָר פון איין מוטער, און מען טאָר דאָך ניט מייבם זיין די פרוי פון א ברודער פון איין מוטער (אויב ער

הראשון ובנים מן השני, חולצין ולא מיבמין. וכן הוא להם חולץ ולא מיבם. היו לו אחים מן הראשון ואחים מן השני שלא מאותה האם, הוא חולץ ומיבם, והם אחד חולץ, ואחד מיבם.

ז. היה אחד ישראל ואחד כהן, נושא אשה ראויה לכהן, ואינו מיטמא למתים, ואם נטמא אינו סופג את הארבעים, ואינו אוכל בת־רומה, ואם אכל אינו משלם קרן וחומש, ואינו חולק על הגורן, ומוכר

איז ניט אויך פון איין פאַטער). וכן, און אזוי איז אויך (דער דין), אז ער (דאָס יינגל) צו זיי (אויב עס איז געשטאָרבן זיין ברודער פון איין מוטער פון ערשטן מאן אָדער זיין ברודער פון איין מוטער פון צווייטן מאן) דארף ער געבן (דער אלמנה) חליצה, אָבער ער טאָר זי ניט מייבם זיין. **צוליב דעמזעלביקן טעם, ווייל טאָמער איז זי נור די אלמנה פון זיין ברודער פון איין מוטער און ניט פון איין פאָטער.** היו לו, אויב ער האָט געהאט ברידער פון דעם ערשטן (מאן) און ברודער פון דעם צווייטן (מאן) און זיי זענען ניט געווען פון דערזעלבער מוטער (געבוירן ניט פון זיין מוטער נאָר פון אנדערע ווייבער) מעג ער (דאָס יינגל, אויב איינער פון די דאָזיקע ברידער איז גע־שטאָרבן אָן קינדער) געבן חליצה (דער אלמנה) אָדער מייבם זיין איר. **ווייל ממה נפשך: איז ער דעם פארשטאָרבענעמס א ברודער פון איין פאָטער, מעג ער דאָך איר מייבם זיין; איז ער ווידער ניט מעג ער דאָך מיט איר חתונה האָבן (אויב ער איז נור דער איינציקער ברודער און זי האָט ניט צו נעמען פון קיינעם אנדערן קיין חליצה) ווייל זי איז דאָך א פרעמדע צו אים.** והם, און זיי (אויב דאָס יינגל איז אויפגעוואקסן און האָט חתונה געהאט און איז געשטאָרבן אָן קינדער, דארפן (דער ברודער פון ערשטן מאן און דער ברודער פון צווייטן מאן) איינער פון זיי געבן (דער אלמנה) חליצה, און דער אנדערער מעג (דערנאָך) איר מייבם זיין. **אויך צוליב דעמזעלביקן ממה נפשך: אָדער ער איז א ברודער פון איין פאָטער און ער מעג איר מייבם זיין, אָדער ער איז גאָר קיין ברודער ניט מעג ער מיט איר חתונה האָבן ווי מיט א פרעמ־דער פרוי, וועלכע האָט שוין פריער גענומען חליצה.**

ז. היה, אויב איינער (פון די צוויי מענער) איז געווען א כהן און דער אנ־דערער א ישראל (און וועגן דעם געבוירענעם יינגל איז דאריבער א ספק צי ער איז א כהן צי א ישראל) מעג דאָס יינגל (ווען ער איז אויפגעוואקסן) חתונה האָבן (נור) מיט א פרוי וואָס איז ראוי (גוט, כשר) צו א כהן, און ער טאָר ניט מטמא זיין זיך צו מתים, און אויב ער האָט זיך מטמא געווען קומט אים ניט די פירציק קלעפּ (מלקות), און ער טאָרניט עסן קיין תרומה, און אויב ער האָט געגעסן (תרומה בשוגג) דארף ער ניט באצאָלן דעם קרן און דאָס פיפטל (דער חומש), און ער באקומט ניט קיין חלק (תרומה) אויפן שייער, און ער מעג פארקויפן די תרומה (וואָס ער שיידט אָפּ פון זיין אייגענער תבואה) און דאָס געלט געהערט צו אים, און ער באקומט ניט קיין חלק אין די קרבנות פון בית המקדש, און מען גיט אים ניט קיין קרבנות (מקריב צו זיין), און מען נעמט ניט ארויס זיינס (זיינע קרבנות) פון זיין האנט, און ער איז פטור פון (צו געבן צו א כהן) דעם פאָדערשטן רעכטן פוס (פון דעם בהמה וועלכע ער שעכט) און די באקן און דעם מאָגן, און זיין בכור (פון א כשרער בהמה) זאָל זיך פאשן ביז ער וועט באקומען א פעלער (א מום), און מען לייגט אויף אים ארויף די חומרות פון כהנים און די חומרות פון ישראלים. **דעם טייטש פון די אלע זאכן האָבן מיר געגעבן פריער אין משנה ה׳.** היו שניהם, אויב ביידע (מענער) זענען גע־ווען כהנים (און דאָס יינגל איז דאָך דאדורך זיכער א כהן) דארף ער זיין אן אונן אויף זיי (אין טאָג ווען איינער פון זיי שטארבט איז דאָס יינגל אן אונן, אין אונן־טרויער, און ער טאָרניט עסן קיין קרבנות-פלייש) און זיי זענען אוננים אויף אים (אין טאָג ווען ער שטארבט דארפן ביידע פאָטערס זיין אויף אים אוננים); ער טאָר זיך ניט מטמא זיין צו זיי (אויב זיי זענען געשטאָרבן). **כאָטש א כהן מעג זיך מטמא**

התרומה והדמים שלו, ואינו חולק בקדשי המקדש, ואין נותנין לו את הקדשים, ואין מוציאין את שלו מידו, ופטור מן הזרוע והלחיים והקיבה, ובכורו יהא רועה עד שיסתאב, ונותנין עליו חומרי כהנים וחומרי ישראלים. היו שניהם כהנים, הוא אונן עליהם, והם אוננים עליו, הוא אינו מיטמא להם והם אינן מיטמאין לו, הוא אינו יורש אותן אבל הם יורשין אותו, ופטור על מכתו ועל קללתו של זה ושל זה, ועולה במשמרו של זה

זיין צו זיין פאָטער אָבער דאָ ווייסט ער דאָך ניט ווער פון זיי איז זיין פאָטער, דאריבער טאָר ער זיך ניט מטמא זיין צו קיינעם פון זיי. והם, און זיי טאָרן זיך ניט מטמא זיין צו אים (ווען ער איז געשטאָרבן). כאָטש א פאָטער צו א זון מעג זיך א כהן מטמא זיין, אָבער דאָ ווייסן זיי דאָך ניט ווער עס איז דער פאָטער. הוא אינו, ער ירשנט ניט זיי (ווען זיי שטאַרבן), אָבער זיי ירשענען אים (אויב ער שטאַרבט אָן קינדער). מחמת איינער פון זיי איז דאָך געוויס זיין פאָטער, קאָנען זיי צוזאמען אפנעמען די ירושה און צוטיילן זי צווישן זיך. דאָס איז ניט דוקא אויב זיי זענען כהנים, נאָר אויך ווען זיי זענען ישראלים. ופטור, און ער איז פטור אויב ער שלאָגט אָדער ער שעלט דעם איינעם (פאָטער) און דעם אנדערן פאָטער. דער דין־איז אז א זון שלאָגט אָדער שעלט זיין פאָטער קומט אים טויט שטראָף. אָבער ווייל דאָ ווייסט מען דאָך ניט ווער זיין פאָטער איז, איז ער פטור אויב ער שטאַרבט אָדער ער שעלט דעם איינעם און דעם אנדערן. אויב ער שלאָגט זיי און שעלט זיי ביידע צוזאמען איז ער חייב. אויך דאָ איז דער דין אויך ווען זיי זענען ישראלים. ועולה, און ער גייט ארויף (אין בית המקדש מקריב צו זיין קרבנות) אין דעם משמר פון דעם (איינעם פאָטער) און אין דעם משמר פון דעם (אנדערן פאָטער). אין מסכתא תענית פרק ד׳ משנה ב׳ האָבן מיר געגעבן, אז ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען זענען אלע כהנים אין ארץ ישראל געווען איינגעטיילט אין 24 משמרות, און יעדע וואָך האָט אין בית המקדש מקריב געווען די קרבנות אן אנדערער משמר כהנים. זאָגט די משנה אז ווען עס פאַלט אויס דער משמר פו זאיינעם פון די צוויי פאָטערס קאָן דער זון דער כהן קומען אין בית המקדש און פארלאנגן, אז מען זאָל אים געבן מקריב צו זיין קרבנות. ואינו חולק, אָבער ער קריגט ניט קיין חלק (פון די פליש פון די קרבנות אָדער פון די פעל). מחמת יעדער פון די צוויי משמרות קאָן אים זאָגן, אז ער געהערט ניט צום דאָזיקן משמר און עס קומט אים ניט קיין חלק, און ווייל עס איז דאָך א געלט־זאַך, קאָן ער פון זיי ניט ארויסנעמען אויף דער טענה פון א ספק. אם היו, אויב ביידע (פאָטערס) האָבן געהערט צו איין משמר, קומט אים איין חלק. מחמת דאָ האָט ער דאָך זיכער א חלק אין די קרבנות פון דאָזיקן משמר. — די גמרא פרעגט אויף דער משנה די קשיא, ווי אזוי איז מעגליך, אז ער זאָל זיין אן אונן אויף זיי ביידן, און זיי ביידע זאָלן זיין אויף אים אוננים, — סטייטש אויב זיי זענען ביידע כהנים, האָט דאָך די מוטער ניט געקאָנט זיין קיין גרושה, מחמת א כהן טאָר דאָך ניט חתונה האָבן מיט א גרושה און דער צווייטער מאן וואָלט דאָך מיט איר ניט געקאָנט חתונה האָבן, מוז דאָך זיין, אז זי איז געווען אן אלמנה ווען דער צווייטער מאן האָט מיט איר חתונה געהאַט, דאָס הייסט, אז דער ערשטער מאן איז געהאַט געשטאָרבן, טאָ ווי אזוי זשע איז מעגליך, אז דער זון, וועלכער איז דערנאָך געבוירן געוואָרן זאָל זיין אן אונן אין טאָג ווען דער ערשטער פאָטער איז געשטאָרבן? דאָסזעלביקע איז אויך די קשיא, ווי אזוי קאָנען זיי ביידע זיך אוננים אויף אים, סטייטש דער ערשטער פאָטער לעבט דאָך שוין ניט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, און מכל שכן ווען ער שטאַרבט? די גמרא ענטפערט אויף דעם „ער איז אן אונן אויף זיי", אז דאָס איז מעגליך ניט אין טאָג ווען דער ערשטער פאָטער איז געשטאָרבן נאָר אין טאָג, ווען מען האָט צונויפגענומען זיינע ביינער. עס איז געווען אמאָל א מנהג, אז מען פלעגט א מת באַגראָבן אין צייטווייליקן קבר, און נאָך א סך יאָרן, פלעגט מען

ושל זה, ואינו חולק; אם היו שניהם במשמר אחד, נוטל חלק אחד.

פרק י״ב

א. מצות חליצה בשלשה דיינין, ואפילו שלשתן הדיוטות. חלצה במנעל חליצתה כשירה. באנפילין, חליצתה פסולה. בסנדל שיש לו עקב, כשר, ושאין לו עקב, פסול. מן הארכובה ולמטה, חליצתה כשרה, מן הארכובה ולמעלה, חליצתה פסולה:

ארויסנעמען זיינע ביינער פון דעם צייטווייליקן קבר און זיי באגראבן אין פאמיליען־קבר. יענעם טאג פון „ליקוט עצמות", פון צונויפנעמען די ביינער, האט דער זון פון מת געהאט דעם דין ווי אן אונן. ווידער אויף דעם אז „זיי זענען אוננים אויף אים" זאגט די גמרא, אז מיט דעם ערשטן מאן האט די פרוי געהאט קידושין בטעות, דורך א טעות, און שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן אז די קידושין זענען ניט געווען קיין קידושין, און ממילא האט דער צווייטער מאן, דער כהן, געמעגט מיט איר חתונה האבן, כאטש דער ערשטער מאן האט זי ניט גע—גט און ער איז ניט געשטארבן. רשי זאגט אז „קידושי טעות", מיינט מען, אז ער האט מקדש געווען מיט א תנאי און דער תנאי איז ניט מקויים געווארן.

פרק י״ב

א. מצות, די מצוה פון חליצה (איז אז זי דארף פארקומען) פאר דריי דיינים, און אפילו זיי זענען דריי פראסטע מענטשן. די מצוה פון חליצה איז פאראן אין דער תורה, דברים כ״ה, אז אויב דער יבם וויל ניט מייבם זיין די יבמה, קומען זיי בײדע פאר די „זקנים", און די משנה לערנט דא, אז דאס מיינט פאר דריי מענטשן, און ער דערקלערט פאר זיי אז ער וויל זי ניט מייבם זיין; דאמאלס ציט אראפ די יבמה פון זיי (דעם יבמ׳ס) פוס דעם שוך און זי שפייט פאר אים און זאגט: „אזוי ווערט געטאן צו דעם מענטש וואס בויט ניט אויף זיין ברודערס הויז". און די דיינים לייי־נען די פסוקים פון חומש וועגן חליצה. זאגט די משנה, אז די דריי מענטשן מוזן ניט זיין דוקא מוסמכים, נאר עס איז כשר אפילו ווען זיי זענען פראסטע מענטשן. מען רופט זיי דיינים, ווייל זיי דארפן קענען לייענען די פסוקים. די גמרא זאגט, אז עס דארפן זיין צו זיי נאך צוויי מענטשן (צוזאמען פינף מענטשן), אבער די אנדערע צוויי מענטשן דארפן ניט קענען לייענען. חלצה במנעל, אויב ער האט איר געגעבן חליצה מיט א שוך (פון ווייכע לעדער) איז איר חליצה כשר. געווײנטליך דארף די חליצה פארקומען מיט א „סנדל". מיט א שוך פון הארטער לעדער, ווייל ביי א שוך פון ווייכער לעדער איז מורא צו האבן טאמער וועט עס זיין צוריסן און די לעדער וועט זיך אראפזועצן. אבער ביי שוך פון הארטער לעדער איז ניט מורא צו האבן, ווייל די צעריסענע הארטע לעדער שטערט דאס טראגן. אבער בדיעבד, אויב מען האט חולץ געווען מיט א שוך פון ווייכער לעדער איז כשר. באנפילין, אויב (ער האט איר געגעבן חליצה) מיט א זאק איז איר חליצה פסול. טויג ניט די חליצה, ווייל עס דארף זיין מיט א לעדערנעם שוך. „אנפילין" איז דאס גריכישע ווארט „עמפיליא", א דיקער זאק פון וואל אדער פון פילץ, וואס מען טראגט טיילמאל אנשטאט א שוך. בסנדל, אויב ער האט איר געגעבן חליצה מיט א סאנדאל, וואס האט א טילעק (עקב, דעם הינטערשטן הארטן טייל לעדער) איז כשר, און אויב ער האט ניט קיין טילעק) איז פסול. „סנדל" איז דאס גריכישע ווארט „סאנדאלאן" און דא מיינט מען א שוך פון הארטער לעדער. לויט איין טייטש פון רשי מיינט מען מיט „עקב" די זויל. מן הארכובה, פון דער קני און נידריקער איז איר חליצה כשר; אויב פון דער קני און העכער איז איר חליצה פסול. רשי טייטשט, אז אויב ביי איינעם איז געווען אפגעשניטן דער פוס העכער פון דער קני, איז דאס אראפציען א שוך פון דער קני ניט קיין חליצה און זי איז פסול; אויב אבער נידריקער פון דער קני איז כשר. דער ברטנורא טייטשט אויב די שנירן פון שוך זענען געווען צוגעבינדן העכער פון דער קני איז די חליצה פסול.

ב. חלצה בסנדל שאין שלו, או בסנדל של עץ, או בשל שמאל בימין, חליצתה כשרה. חלצה בגדול שהוא יכול להלוך בו, או בקטן שהוא חופה את רוב רגלו, חליצתה כשרה. חלצה בלילה, חליצתה כשירה; ור׳ אליעזר פוסל. בשמאל, חליצתה פסולה; ור׳ אליעזר מכשיר; ג. חלצה ורקקה אבל לא קראה חליצתה כשרה; קראה ורקקה אבל לא חלצה, חליצתה פסולה. חלצה וקראה אבל לא רקקה, ר׳ אליעזר אומר, חליצתה פסולה, ור׳ עקיבא אומר, חליצתה כשירה. אמר ר׳ אליעזר, „ככה יעשה״, כל דבר שהוא מעשה מעכב. אמר ליה ר׳ עקיבא, משם ראיה, „ככה יעשה לאיש״, כל דבר שהוא מעשה באיש:

ב. חלצה, אויב ער האט איר געגעבן חליצה ניט מיט זיין שוך (ער האט אנגעטאן א פרעמדנס שוך, און די יבמה האט אים אראפגעצויגן פון זיין פוס), אדער מיט א שוך פון האלץ, אדער מיט א שוך פון לינקן (פוס) אויפן רעכטן פוס (ער האט אנגעטאן דעם לינקן שוך אויפן רעכטן פוס), איז איר חליצה כשר. **וועגן א הילצערנעם שוך זאגן די מפרשים, אז מען מיינט אז ער איז באדעקט מיט לעדער.** חלצה בגדול, אויב ער האט איר געגעבן חליצה מיט א צו־גרויסן שוך (דער שוך איז גרעסער פון זיין פוס), אבער ער קאן אין אים גיין, אדער מיט א צו־קליינעם (א שוך וועלכער איז קלענער פון זיין פוס), אבער וועלכער באדעקט דעם גרעסטן טייל פון פוס, איז איר חליצה כשר. **דער שוך מוז ניט דוקא זיין צוגעפאסט צו זיין פוס.** חלצה בלילה, אויב ער האט איר געגעבן חליצה ביינאכט, איז איר חליצה כשר; און ר׳ אליעזר פסלט; אויב ער האט איר געגעבן חליצה מיטן לינקן (פוס, זי האט אראפגעצויגן דעם שוך פון זיין לינקן פוס), איז איר חליצה פסול; און ר׳ אליעזר איז מכשיר (די חליצה איז כשר). **די הלכה איז ווי ר׳ אליעזר אז ביינאכט איז פסול די חליצה, און עס איז די הלכה (ניט ווי ר׳ אליעזר) אז מיט א לינקן פוס איז פסול די חליצה.**

ג. חלצה ורקקה, אויב זי האט אראפגעצויגן פון אים דעם שוך און זי האט א שפיי געגעבן אבער זי האט ניט געליינט (ניט געזאגט דעם פסוק פון „ככה יעשה לאיש״, „אזוי זאל געטאן ווערן צום מענטש״) אי זאיר חליצה כשר, **ווייל נאר א זאך, וואס איז א מעשה, וואס מען דארף טאן, און מען טוט ניט, איז פסול, אבער ליינען, זאגן, הייסט ניט קיין מעשה, הייסט ניט טאן (מען לערנט דאס אפ פון פסוק דברים כ״ה „ככה יעשה לאיש״, פון ווארט „יעשה״, געטאן ווערן).** קראה, אויב זי האט געליינט און א שפיי געגעבן אבער זי האט ניט אראפגענומען דעם שוך איז די חליצה פסול. אויב זי האט אראפגענומען דעם שוך און זי האט געליינט אבער זי האט ניט א שפיי געגעבן, זאגט ר׳ אליעזר אז איר חליצה איז פסול און ר׳ עקיבא זאגט, אז איר חליצה איז כשר. **די משנה וועט באלד געבן די טעמים פון די ביידע תנאים.** אמר, האט ר׳ אליעזר געזאגט: (אין דער תורה ווערט געזאגט) „ככה יעשה״ („אזוי זאל געטאן ווערן״, און דערפון איז צו לערנען אז) יעדע זאך וואס איז א מעשה (טאן) איז מעכב („פארהאלט״, אויב מען טוט עס ניט טויג ניט). **אין דער גמרא איז פאראן א כלל, אז אומעטום, וואו די תורה זאגט דאס ווארט „ככה״ (אזוי), מיינט מען, אז דאס „מוז אזוי זיין״ („ככה״ איז „מעכב״). און אזוי ווי שפייען איז דאך אויך א מעשה, מוז עס זיין.** אמר ליה, האט צו אים (צו ר׳ אליעזר) געזאגט ר׳ עקיבא: פון דארט איז א ראיה אזוי ווי איך זאג, (ווארום עס שטייט דאך) „ככה יעשה לאיש״ „אזוי זאל געטאן ווערן צום מאן״, (און דאס מיינט, אז (נור) יעדע זאך וואס ווערט געטאן אין דעם מאן (מוז געטאן ווערן). **למשל, חליצה, דאס אראפנעמען דעם שוך, ווערט דאך געטאן אין קערפער פון מאן, פון דעם יבם, זי נעמט דאך אראפ דעם שוך פון זיין פוס, דאריבער מוז עס זיין, און אויב זי נעמט ניט אראפ איז די חליצה פסול. אבער דאס שפייען טוט דאך זי, די יבמה, און ניט אין קערפער פון מאן; דאריבער אפילו זי האט ניט א שפיי געגעבן איז די חליצה כשר.**

ד. החרש שנחלץ, והחרשת שחלצה, והחולצת לקטן, חליצתה פסולה. קטנה שחלצה, תחלוץ משתגדיל; ואם לא חלצה, חליצתה פסולה:

ה. חלצה בשנים או בשלשה, ונמצא אחד מהן קרוב או פסול, חליצתה פסולה. ר׳ שמעון ור׳ יוחנן הסנדלר מכשירין. ומעשה באחד שחלץ בינו לבינהבבית האסורים ובא מעשה לפני ר׳ עקיבא והכשיר.

ו. מצות חליצה: בא הוא ויבמתו לבית דין והן משיאין לו עצה ההוגנת לו. שנאמר (דברים כ״ה) „וקראו לו זקני עירו ודברו אליו״. והיא אומרת „מאן יבמי להקים לאחיו שם בישראל לא אבה יבמי״. והוא אומר „לא חפצתי לקחתה״. ובלשון הקודש היו אומרים. ונגשה יבמתו

ד. החרש, א טויב־שטומער, וועלכער האָט געגעבן חליצה (אויב עס איז דאָ און אנדערער ברודער א געזונטער) איז די חליצה פסול. **וועגן חרש, א טויב־שטומן צי ער מעג מייבם זיין לערנט די משנה ווייטער אין פרק י״ד.** והחרשת, און א טויב־שטומע (יבמה) וועלכע האָט גענומען חליצה, און אז א יינגל (א ניט־דערוואקסענער) גיט חליצה, איז די חליצה פסול. **מיט די ווערטער אז „די חליצה איז פסול״ ביי א ניט־דערוואקסענעם מיינט מען אז מען טאָר איר מער ניט מייבם זיין; אָבער זי דארף האָבן נאָכאמאָל חליצה.** קטנה, אויב א יינגע יבמה (א קטנה, וועלכע האָט נאָכניט די צוויי האָר) האָט גענומען חליצה, דארף זי נעמען נאָכאמאָל חליצה ווען זי וועט ווערן גרויס; און אויב זי האָט ניט גענומען (נאָכאמאָל) די חלוצה איז די (ערש־טע)חליצה פסול. **אין ירושלמי איז פאראן די גירסא, אז די חליצה איז כשר.**

ה. חלצה, אויב (א יבמה) האָט גענומען חליצה פאר צוויי (דיינים), אָדער עס זענען געווען דריי (דיינים) אָבער איינער פון זיי איז געווען א קרוב (צום יבם אָדער צו דער יבמה) אָדער ער איז געווען א פסול (א מענטש וואָס טאָרניט זיין קיין דיין, למשל, א גזלן, און עס זענען געווען נור צוויי כשרע דיינים), איז איר חליצה פסול. **ווי מיר האָבן פריער געלערנט אין משנה א׳ דארפן זיין דריי דיינים.** ר׳ שמעון און ר׳ יוחנן הסנדלר זענען מכשיר. **זיי זאָגן אז אפילו די חליצה איז פאָרגעקומען ניט פאר דריי דיינים איז זי א כשרע חליצה.** ומעשה, און עס איז געווען א מעשה מיט איינעם וועלכע האָט געגעבן חליצה אין געפענגנים (בבית האסורים) צווישן אים און איר (בינו לבינו, הינטער פיר אויגן, עס איז קיינער ניט געווען דאביי נאָר דער יבם און די יבמה), און עס איז געקומען די זאך (די שאלה) פאר ר׳ עקיבא, און ער האָט מכשיר געווען. **דאָס הייסט, אז אפילו עס איז בכלל קיין איין דיין ניט געווען ביי דער חליצה איז זי אויך כשר. די גמרא זאָגט, אז די שאלה האָט מען געבראכט פאר ר׳ עקיבא ווען ער, ר׳ עקיבא, איז געזעסן אין געפענגניס דורך די רוימער, און ווי עס איז באוואוסט איז ר׳ עקיבא אומגעקומען אין געפענגניס אויף קידוש השם.**

ו. מצות חליצה, די מצוה פון חליצה (קומט פאָר אזוי): ער (דער יבם) און זיין יבמה קומען צום בית דין, און זיי געבן אים אן עצה וואָס איז צוגעפאסט צו אים. **אויב ער איז יינג און זי אלט, אָדער אויב ער איז אלט און זי יונג, גיט מען אים די עצה, אז ער זאָל ניט חתונה האָבן מיט איר.** שנאמר ווארום עס ווערט געזאָגט (אין דברים כ״ה) „וקראו לו זקני עירו ודברו אליו״, „און עס זאָלן רופן די עלטסטע פון זיין שטאָט און זאָלן רעדן צו אים״. **דערפון לערנט מען אָפּ, אז זיי האָבן צוערשט איינגעטענה׳ט מיט אים, אז ער זאָל ניט צווינגען איר חתונה צו האָבן מיט אים.** והיא, און זי (די יבמה) זאָגט: ״מאן יבמי להקים לאחיו שם בישראל לא אבה יבמי״ (מיין יבם וויל ניט אויפשטעלן זיין ברודער א נאָמען אין ישראל ער וויל מיך ניט מייבם זיין), און ער זאָגט: „לא חפצתי לקחתה״ (איך וויל איר ניט נעמען); און זיי זאָגן דאָס (די יבמה זאָגט איר פסוק „מא ן יבמי״ און אזוי ווייטער, און דער יבם זאָגט זיין פסוק „לא חפצתי לקחתה״) אין לשון קודש. **עס זיינען פאראן זאכן**

אליו לעיני הזקנים וחלצה נעלו מעל רגלו וירקה בפניו, רוק הנראה לדיינים. וענתה ואמרה „ככה יעשה לאיש אשר לא יבנה את בית אחיו״. עד כאן היו מקרין. וכשהקרא ר׳ הורקנוס תחת האלה בכפר עיטם וגמר את כל הפרשה, חוחזקו להיות גומרין כל הפרשה. ונקרא שמו בישראל „בית חלוץ הנעל״, מצוה בדיינין ולא מצוה בתלמידים. ר׳ יהודה אומר, מצוה על כל העומדים שם לומר „חלוץ הנעל, חלוץ הנעל, חלוץ הנעל״:

פרק י״ג

א. בית שמאי אומרים, אין ממאנין אלא ארוסות, ובית הלל אומ־רים, ארוסות ונשואות. בית שמאי אומרים, בבעל ולא ביבם, ובית הלל

וואָס קאָנען געזאָגט ווערן אויך אין אנדערע שפּראַכן (זע מסכת סוטה פרק ז׳ משנה א׳), **אָבער די פּסוקים פון חליצה מוזן געזאָגט ווערן אין לשון קודש.** ונגשה, און זיין יבמה גייט צו צו אים (צום יבם) פאַר די אויגן פון די זקנים (פון די דיינים), און ציט אראָפּ זיין שוך פון זיין פוס, און זי גיט א שפּיי פאַר אים, שפּייעכץ וואָס די דיינים זאָלן זען, **די משנה ברענגט דאָ כסדר די פּסוקים פון חומש דברים כ״ה, ח׳ און ווייטער „וקראו לו״, „ונגשה״, „וענתה״, „ונקרא״, און אינמיטן גיט צו די משנה די הלכה, אז די דיינים מוזן זען דאָס שפּייעכץ.** וענתה, און זי (די יבמה) זאָגט: „ככה יעשה לאיש אשר לא יבנה את בית אחיו״ (אזוי זאָל געטאָן ווערן צום מענטש, וועלכער וועט ניט אויפבויען דאָס הויז פון זיין ברודער). **דאמיט האָט זיך געענדיקט דאָס חליצה־געבן.** עד כאן, ביז דאנען (ביז די ווערטער בית אחיו פון חומש דברים כ״ה) האָט מען געפלעגט צו ליינען; אָבער ווען ר׳ הורקנוס האָט אונטער דעם אייכנבוים אין כפר עיטם (אן ארט אין ארץ ישראל) געליינט די גאנצע פּרשה (ביז צום סוף פון פּסוק י׳ אין דברים כ״ה), איז געוואָרן אָנגענומען צו ענדיקן די גאנצע פּרשה. **„כפר עיטם״ זאָל זיין דאָסזעלבע וואָס „סלע עיטם״ אין שופטים ט״ו, ח׳ אין סיפּור פון שמשון הגבור. לויט איין גירסא זאָל דאָ אין דער משנה זיין „כפר עיכוס״, און דאָס איז דאָסזעלביקע וואָס „כפר עכו״, און דאָס אָרט ווערט א סך מאָל דערמאָנט אין ברייתות.** ונקרא, און עס זאָל ווערן גערופן זיין נאָמען אין ישראל „בית חלוץ הנעל״ (דאָס הויז פון דעם מאן, וואָס מען האָט אים אראָפּגעצויגן דעם שוך). **אויך דאָס איז פאַראַן דאָרט אין חומש דברים כ״ה.** מצוה, עס איז א מצוה פון די דיינים (צו זאָגן די ווערטער „בית חלוץ הנעל״) אָבער עס איז ניט קיין מצוה פון די תלמידים. **די תלמידים, וועלכע שטייען דאַבײַ, דאַרפן עס ניט זאָגן.** ר׳ יהודה זאָגט, אז עס איז א מצוה פון אלע (מענטשן), וועלכע שטייען דאָרט, צו זאָגן „חלוץ הנעל״, „חלוץ הנעל״, „חלוץ הנעל״. **דאָס דאַרף מען זאָגן דריי מאָל.**

פרק י״ג

א. בית שמאי, די בית שמאי זאָגן, אז עס קאָנען ממאן־זיין נור ארוסות (פרויען וואָס מען האָט זיי נור מקדש געווען, אָבער זיי האָבן נאָכנישט חתונה געהאט). **מיר האָבן שוין פריער אין פּרק א׳ משנה א׳ געגעבן וואָס הייסט ממאן־זיין, מיאון. נור ווייל דער גאנצער פּרק וועט איצט לערנען וועגן מיאון, וועלן מיר געבן נאָכאמאָל. דער דין איז לויט דער תורה, אז אויב א מיידל איז יינג, זי איז א קטנה, קאָן איר פאָטער איר חתונה מאכן צו א מאן, און דאָס חתונה האָבן איז ריכטיק און דאָס מיידל ווערט א פאַרהייראַטעטע פרוי, און זי מעג חתונה האָבן מיט אן אנדערן מאן נאָר ווען זי קריגט אגט פון ערשטן מאן, אָדער ווען דער ערשטער מאן שטאַרבט. אויב קיין פאָטער איז ניטאָ, האָבן די חכמים מתקן געווען אז דעם יינגן מיידלס מוטער אָדער אירע ברידער קאָנען איר חתונה מאכן. דאָס דאָזיקע חתונה האָבן איז גוט נור מדרבנן, און די חכמים האָבן געזאָגט, אז דאָס יינגע מיידל קאָן נאָך דער חתונה דערקלערן, אז זי איז „ממאן״ (פון העברעאישן וואָרט „מאן״, ניט וועלן), אז זי וויל**

אומרים, בבעל וביבם. בית שמאי אומרים, בפניו, ובית הלל אומרים בפניו ושלא בפניו. בית שמאי אומרים בבית דין. ובית הלל אומרים, בבית דין ושלא בבית דין. אָמרו להן בית הלל לבית שמאי ממאנת והיא קטנה אפילו ארבעה וחמשה פעמים. אָמרו להן בית שמאי, אין בנות ישראל הפקר, אלא ממאנת וממתנת עד שתגדיל ותמאן ותנשא:

ב. איזו היא קטנה שצריכה למאן? כל שהשיאוה אמה ואחיה לדעתה. השיאוה שלא לדעתה, אינה צריכה למאן. ר׳ חנינא בן אנטיג־נוס אומר. כל תינוקת שאינה יכולה לשמור קדושיה, אינה צריכה למאן.

ניט מער דעם מאַן, און זי ווערט באַפרייט און זי דאַרף ניט קיין גט, און זי קאָן נאָך דעם ממאן זיין **חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן מאַן. זאָגן** די בית שמאי, **אַז דאָס קאָנען טאָן נור די יינגע מיידלעך, וואָס מען האָט זיי בלויז מקדש געווען, און זיי האָבן נאָכניט אײנגעזאַנצן חתונה געהאַט; אָבער אויב זיי האָבן שוין אײנגעזאַנצן חתונה געהאַט קאָנען זיי ניט ממאן זיין, און זיי מוזן שוין האָבן א גט.** ובית הלל, און די בית הלל זאָגן, אַז סיי מקודש־געוואָרענע און סיי חתונה געהאַטע. **ביידע קאָנען ממאן זיין.** בית שמאי, די בית שמאי זאָגן אַז (זי קאָן ממאן זיין נור) אין מאַן אָבער ניט אין יבם. **אויב דעם מאַן פון דעם יינגן מיידל איז געשטאָרבן אָן קינדער, און עס איז פאַראַן א ברודער, יבם, קאָן דאָס מיידל ניט ממאן זיין אין יבם, נאָר זי מוז אָדער חתונה האָבן מיט אים אָדער נעמען פון אים חליצה.** ובית הלל, און די בית הלל זאָגן, אַז סיי אין מאַן און סיי אין יבם. **און ווען זי איז ממאן אין יבם דאַרף זי מער ניט קיין חליצה, און זי קאָן חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן מאַן.** בית שמאי, די בית שמאי זאָגן, אַז (דאָס יינגע מיידל קאָן ממאן זיין) נאָר ווען ער (דער מאַן) איז דאָ דאַביי (בפניו, אין זיין געגנוואַרט) און די בית הלל זאָגן, אַז סיי ווען ער (דער מאַן) איז דאָ דאַביי, און סיי ווען ער איז ניטאָ דאַביי (שלא בפניו. אין זיין אַפּוועזנהייט, הינטער זיינע אויגן). די בית שמאי זאָגן, אַז (דאָס ממאן זיין מוז פאָרקומען נור) פאַר א בית דין (פון דריי מענטשן), און די בית הלל זאָגן, אַז סיי פאַר א בית דין און סיי ניט פאַר א בית דין. **דאָס יינגע מיידל קאָן, לויט די בית הלל, ממאן זיין אומעטום, און ניט דוקא פאַר א בית דין פון דריי מענטשן.** אָמרו, האָבן די בית הלל געזאָגט צו די בית שמאי: זי (דאָס יינגע מיידל) קאָן ממאן זיין אפילו פיר און פינף מאָל. **אויב נאָכדעם ווי איר מוטער האָט זי חתונה געמאַכט און זי האָט ממאן געווען אין ערשטן מאַן, האָט זי די מוטער ווידער חתונה געמאַכט** (ווען זי איז קליין) **קאָן זי ממאן זיין אין צווייטן מאַן. און אַזוי אויך אין דריטן מאַן, אפילו פיר פינף מאָל.** אָמרו להן בית שמאי, האָבן די בית שמאי געזאָגט צו זיי (צו די בית הלל): די יידישע טעכטער זענען ניט קיין הפקר, נור זי קאָן ממאן זיין (אין דעם ערשטן מאַן) און זי וואַרט־צו ביז זי וועט ווערן גרויס, און זי איז ממאן און האָט חתונה.

ב. איזו היא, וואָס הייסט א קטנה (א יינג מיידל) וועלכע דאַרף ממאן זיין ? יע־דעם (יינג מיידל), וואָס איר מוטער און אירע ברידער האָבן איר חתונה געמאַכט מיט איר ווילן; אויב זיי האָבן איר חתונה געמאַכט ניט מיט איר ווילן דאַרף זי ניט ממאן זיין. **פון דער משנה אין כתובות פרק ו׳ משנה ו׳ איז צו זען אַז דאָס וואָס די משנה זאָגט דאָ „איר מוטער און אירע ברידער״ מיינט מען „איר מוטער אָדער אירע ברידער״, און אַזוי זאָגט אויך דער טור אין אבן העזר סימן קנה „אחיה או אמה״, אירע ברידער אָדער איר מוטער.** ר׳ חנינא בן אנטיגנוס זאָגט, אַז יעדעס קינד (יעדעס זייער יינג מיידל, תינוקת), וואָס קאָן ניט אָפּהיטן אירע קידושין (וואָס פאַרשטייט ניט אַז דאָס זענען קידושין־געלט אָדער קידושין־שטר און מען דאַרף עס אָפּהיטן), דאַרף זי ניט ממאן זיין. און זי איז פריי אָן ממאן זיין. ר׳ אליעזר זאָגט, אַז דאָס וואָס א קטנה (א יינג מיידל) טוט איז גאָרניט געטאָן, און זי איז (אויב מען האָט מיט איר חתונה) ווי א מיידל וואָס מען האָט איבערגערעדט (מפותה, מען רעדט־איבער א מיידל צו לעבן

ר׳ אליעזר אומר, אין מעשה קטנה כלום אלא כמפותה. בת ישראל לכהן לא תאכל בתרומה, בת כהן לישראל תאכל בתרומה:

ג. ר׳ אליעזר בן יעקב אומר, כל עכבה שהיא מן האיש כאלו היא אשתו, וכל עכבה שאינה מן האיש כאלו אינה אשתו:

ד. הממאנת באיש, הוא מותר בקרובותיה והיא מותרת בקרוביו, ולא פסלה מן הכהונה. נתן לה גט, הוא אסור בקרובותיה והיא אסורה בקרוביו, ופסלה מן הכהונה. נתן לה גט והחזירה מיאנה בו ונשאת לאחר ונתארמלה או נתגרשה, מותרת לחזור לו. מיאנה בו והחזירה

מיט איר אָן קידושין אינגאנצן); אויב זי (די קטנה) איז א ישראל׳ס א טאָכטער וואָס האָט חתונה געהאט מיט א כהן, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה, (און אויב זי איז) א כהן׳ס א טאָכטער וועלכע האָט חתונה געהאט מיט א ישראל, מעג זי עסן תרומה. **ווייל איר חתונה האָבן האָט ניט קיין שום ווערט. מחמת וואָס א קטנה טוט איז גארניט ווערט. דער תוספות יום טוב ווייזט אָן, אז אפילו לויט ר׳ אליעזר דארף זי ממאן זיין, אָבער בנוגע תרומה און אלע אנדערע זאכן, וואָס א מאן האָט דאָס רעכט צו זיין ווייב (ירשענען איר וכדומה) הייסט זי ניט זיין ווייב. דער ברטנורא ברענגט, אז יינגער פון 6 יאָר הייסט א מיידל אז זי קאָן ניט אָפּהיטן אירע קידושין און עלטער פון 10 יאָר הייסט זי אז זי קאָן אָפּהיטן אירע קידושין, און פון 6 ביז 10 יאָר דארף מען איר אויספרעגן און זען צו זי קאָן אָפּהיטן אירע קידושין, ווי ר׳ חנינא בן אנטיגנוס לערנט.**

ג. ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט, אז יעדעס אָפּהאלטן זיך (עכבה, דאָס וואָס דאָס יינגע מיידל בלייבט ניט ביים מאן נאָך דער חתונה) וואָס איז פון דעם מאן (מחמת ער האָט איר געגעבן גט, און זי האָט ניט ממאן געווען אין אים), הייסט א שטייגער ווי זי איז זיין ווייב, און יעדעס אָפּהאלטן זיך (עכבה, דאָס וואָס זי בלייבט ניט ביים מאן נאָך דער חתונה), וואָס איז ניט פון דעם מאן (ער האָט איר ניט געגעבן א גט, נאָר זי האָט אין אים ממאן געווען), הייסט עס א שטייגער ווי זי איז ניט זיין ווייב. **די משנה וועט באלד אין משנה ד׳ דערקלערן דעם אונטערשיד אין די ביידע פאלן, צווישן דעם פאל ווען דער מאן האָט איר געגעבן א גט און דעם פאל ווען זי האָט ממאן געווען, דהיינו:**

ד. הממאנת, אז (א יינג מיידל, וואָס איר מוטער אָדער אירע ברידער האָבן איר חתונה געמאכט מיט א מאן און) זי האָט נאָך דער חתונה ממאן געווען אין דעם מאן, מעג ער (חתונה האָבן) מיט אירע קרובים (מיט איר שוועסטער צו מוטער), און זי מעג (חתונה האָבן) מיט זיינע קרובים (מיט זיין ברודער צו זיין זון), און ער האָט זיי ניט געפסלט פון דער כהונה. **זי מעג חתונה האָבן מיט א כהן, ווייל דאָס הייסט ניט ווי גע׳גט (א כהן טאָר ניט נעמען א גרושה). דער טעם איז ווייל דאָס ממאן-זיין מאכט, אז דאָס חתונה האָבן הייסט ווי עס וואָלטן אינגאנצן ניט געווען פארגעקומען.** נתן, אויב ער האָט איר געגעבן א גט, טאָר ער ניט (חתונה האָבן) מיט אירע קרובים, און זי טאָר ניט (חתונה האָבן) מיט זיינע קרובים, און ער האָט זי געפסלט פון דער כהונה. **מחמת אויב זי האָט ניט ממאן געווען און זי האָט גענומען פון אים א גט, הייסט עס, אז די חתונה איז געווען א גוטע חתונה און דער גט א גוטער גט.** נתן לה גט והחזירה, אויב ער האָט איר געגעבן א גט און דערנאָך זי צוריקגענומען (צוריק חתונה געהאט מיט איר ווען זי איז נאָך געווען יינג, א קטנה) און (נאָך דער צווייטער חתונה) האָט זי ממאן געווען אין אים, און זי האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן און זי איז געוואָרן אן אלמנה (דער אנדערער מאן איז געשטאָרבן) אָדער א גרושה (דער אנדערער מאן האָט זי גע׳גט), מעג זי צוריקגיין צו אים (מעג זי צוריק חתונה האָבן מיטן ערשטן מאן). **כאָטש דער דין איז, אז איינער גט זיין ווייב און זי האָט חתונה מיט אן אנדערן מאן, און דער אנדערער מאן שטארבט אָדער ער גט איר, טאָר זי ניט צוריק**

נתן לה גט ונשאת לאחר ונתארמלה או נתגרשה, אסורה לחזור לו. זה הכלל, גט אחר מיאון אסורה לחזור לו, מיאון אחר גט מותרת לחזור לו:

ה. הממאנת באיש נשאת לאחר וגירשה, לאחר ומיאנה בו, לאחר וגרש (ס״א לאחר ומיאנה בו), כל שיצאת הימנו בגט אסורה לחזור לו, במיאון מותרת לחזור לו:

ו. המגרש את האשה והחזירה, מותרת ליבם; ור׳ אליעזר אוסר, וכן המגרש את היתומה והחזירה, מותרת ליבם; ור׳ אליעזר אוסר.

חתונה האָבן מיטן ערשטן מאַן (מחזיר גרושתו לאחר שניסת), אָבער דאָ האָט דאָס ממאן זיין נאָך דער צווייטער חתונה צו־נישט געמאכט (בטל געמאכט) אויך דעם פריי־ערדיקן גט, און עס הייסט ווי זי איז קיינמאָל זיין ווייב נישט געווען. מיאנה בו, אויב (נאָך דער ערשטער חתונה) האָט זי ממאן געווען אין דעם מאַן, און ער האָט זי (נאָכן ממאן זיין) צוריקגענומען (צוריק חתונה געהאט מיט איר), און נאָך דער צווייטער חתונה) האָט ער איר געגעבן א גט, און זי האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן מאַן, און זי איז געוואָרן אן אלמנה אָדער א גרושה (פון דעם אנדערן מאַן), טאָר זי ניט צוריקגיין (צוריק חתונה האָבן) מיט אים, (מיטן ערשטן מאַן). מחמת עס איז דאָך ניט געווען קיין ממאן זיין נאָכן גט, און דעריבער איז דער גט א גט, און ממילא הייסט עס צוריקנעמען דאָס ווייב נאָכדעם ווי ער האָט זי גע׳גט און זי האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן, און דאָס טאָר מען ניט. זה הכלל, דאָס איז דער כלל: אויב עס איז געווען א גט נאָכן ממאן זיין טאָר זי ניט צוריק חתונה האָבן מיטן ערשטן מאַן (אויב זי האָט דערנאָך חתונה געהאט מיט אן אנדערן מאַן), און אויב עס איז געווען א ממאן־זיין נאָך א גט, מעג זי צוריק חתונה האָבן מיטן ערשטן מאַן (אפילו זי האָט שוין געהאט חתונה געהאט מיט אן אנדערן און זי איז געוואָרן פון אים אן אלמנה אָדער א גרושה). דאָס איז דער דין, וועלכן מיר האָבן נור־וואָס געלערנט אין דער משנה.

ה. הממאנת, אז איינע (א יינג מיידל, א קטנה, וואָס האָט חתונה געהאט) האָט ממאן געווען אין דעם מאַן, (דערנאָך) האָט זי חתונה געהאט צו אן אנדערן (מאַן) און ער האָט זי געגט, (דערנאָך האָט זי חתונה געהאט) צו אן אנדערן מאַן און זי האָט ממאן־געווען אין אים, (דערנאָך האָט זי חתונה געהאט צו אן אנדערן מאַן און ער האָט זי גע׳גט, (איז דער דין, אז), יעדער (מאַן) מיט וועלכן זיך האָט צעשיידט דורך א גט טאָר זי ניט צוריק חתונה האָבן מיט אים (אויב זי האָט דערנאָך חתונה געהאט צו אן אנדערן), און (יעדער מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך צעשיידט) דורך ממאן־זיין אין אים, מעג זי צוריק חתונה האָבן מיט אים. אפילו זי האָט זיך צעשיידט מיטן אנדערן מאַן דורך ממאן-זיין אין אים, טאָר זי ניט צוריק חתונה האָבן מיטן ערשטן גע׳גטן מאַן, ווייל דאָס ממאן זיין אין אן אנדערן מאַן מאכט ניט צו־נישט דעם גט פון ערשטן מאַן.

ו. המגרש, אז איינער האָט גע׳גט זיין ווייב און ער האָט מיט איר צוריק חתונה געהאט (און דערנאָך איז ער געשטאָרבן אָן קינדער) איז זי מותר צום יבם. דער ברודער פון פארשטאָרבענעם מעג מייבם זיין, חתונה האָבן מיט דער יבמה, מיט דער שוועגערין. ור׳ אליעזר, און ר׳ אליעזר אסרט. ער איז גוזר צוליב „יתומה בחיי האָב״, א יתומה אין דער צייט ווען איר פאָטער לעבט, און ווי מיר וועלן לערנען ווייטער אין דער משנה, טאָר זי דער יבם ניט מייבם זיין. וכן, און אזוי איז אויך (דער דין), אז איי־נער (האָט חתונה געהאט מיט א יינג מיידל א יתומה, וועלכע האָט ניט קיין פאָטער, נאָר איר מוטער האָט איר חתונה געמאכט, און ער) האָט גע׳גט די יתומה, און (דערנאָך) האָט ער מיט איר צוריק חתונה געהאט (ווען זי איז נאָך אלץ געווען א יינג מיידל, און דערנאָך איז ער געשטאָרבן אָן קינדער) מעג זי חתונה האָבן מיט דעם יבם; און ר׳ אליעזר אסרט. אויך דאָ איז דער טעם פון ר׳ אליעזר, ווייל ער איז גוזר צוליב „א יתומה אין דער צייט ווען איר פאָטער לעבט״. און איצט לערנט די משנה דעם דין

קטנה שהשיאה אביה ונתגרשה. כיתומה בחיי האב. החזירה, דברי הכל אסורה ליבם:

ז. שני אחין נשואין לשתי אחיות יתומות קטנות ומת בעלה של אחד מהן, תצא משום אחות אשה. וכן שתי חרשות. גדולה וקטנה, מת בעלה של קטנה, תצא הקטנה משום אחות אשה. מת בעלה של גדולה, ור׳ אליעזר אומר, מלמדין את הקטנה שתמאן בו. רבן גמליאל אומר, אם מיאנה מיאנה, ואם לאו תמתין עד שתגדיל ותצא הלזו משום

וועגן דער דאָזיקער ייתומה: קטנה, א ייִנג מיידל, וואָס איר פאָטער האָט איר חתונה געמאכט צו א מאן (און לויט דעם דין פון דער תורה איז דאָס גוטע קידושין) און (דער מאן) האָט זי גע׳גט, (הייסט זי) ווי א יתומה אין דער צייט ווען דער פאָטער לעבט. **דער פאָטער קאָן שוין זי ניט מער חתונה מאכן, ווייל דערמיט וואָס ער האָט זי חתונה געמאכט און זי איז געוואָרן גע׳גט, איז זי שוין ארויס פון רשות פון פאָטער בנוגע חתונה האָבן.** החזירה, אויב ער (דער מאן) האָט זי צוריקגענומען (צוריק חתונה געהאט מיט איר, ווען זי איז נאָך אלץ א קטנה, א קליינע), האלטן אלע (אויך די חכמים, וועלכע קריגן פריער מיט ר׳ אליעזר), אז (אויב דער מאן איז געשטאָרבן אָן קינדער) טאָר ניט דער יבם (מיט איר חתונה האָבן). **ווייל דער פריערדיקער גט איז געווען א ריכטיקער גט, לויט דעם דין פון דער תורה, און דאָס צווייטע חתונה האָבן איז שוין ניט געווען שטאַרק לויט דעם דין פון דער תורה, מחמת זי איז דאָך געווען א קטנה, און דער פאָטער האָט שוין אויף איר ניט קיין רשות, און דאריבער, הייסט עס, אז דער יבם גייט חתונה האָבן מיט זיין ברודערס גע׳גט ווייב (גרושת אחיו), און דאָס טאָר מען ניט. אָבער חליצה דארף זי נעמען.**

ז. שני אחין, צוויי ברידער האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן יתומות קליינע (קטנות, ייִנגע מיידלעך וועמענס פאָטער לעבט ניט), און דער מאן פון איינער פון זיי (פון די שוועסטערן) איז געשטאָרבן (אָן קינדער), איז זי באפרייט (דארף זי ניט נעמען קיין חליצה און ייבום פון איר שוואָגער דעם יבם, דעם מאנ׳ס ברודער) ווייל זי איז איז די שוועסטער פון זיין ווייב. **ווייל די קידושין פון דער קטנה זענען גוטע קידושין מדרבנן, און די קידושין פון דער שוועסטער זענען אויך גוטע קידושין מדרבנן, און זי איז ממילא אן אחות אשה, די שוועסטער פון זיין ווייב; ווידער לויט דעם דין פון דער תורה זענען דאָך די קידושין פון א קטנה גאָרניט, דארף זי דאָך ניט נעמען קיין חליצה און ייבום בכלל.** וכן, און אזוי איז אויך (דער דין) מיט צוויי טויב־שטומע (שוועסטערן). **אויב זיי האָבן חתונה געהאט צו צוויי ברידער, און איינער פון די ברידער איז געשטאָרבן אָן קינדער, איז זיין ווייב באפרייט פון חליצה און פון ייבום ווייל אויך דאָ זענען די קידושין פון א טויב־שטומע גוט מדרבנן, און זי איז די שוועסטער פון צווייטנס ווייב (וועגן „אחות אשה״, אז זי איז באפרייט פון חליצה און פון ייבום, זע פריער אין פרק א׳ משנה א׳).** גדולה וקטנה, (אויב פון די צוויי שוועסטערן וועלכע האָבן חתונה געהאט מיט צוויי ברידער איז) איינע א גרויסע (א דערוואקסענע) און איינע א קליינע, איז אויב עס איז געשטאָרבן דער מאן פון דער קליינער, איז די קליינע באפרייט פון חליצה און פון יבום ווייל זי איז די שוועסטער פון זיין (דעם יבם׳ס) ווייב. **מחמת דעם יבם׳ס ווייב איז דאָך א דערוואקסענע איז זי דאָך זיכער זיין ווייב, און די קליינע שוועסטער איז דאָך זיכער זיין אחות אשה, די שוועסטער פון זיין ווייב.** מת בעלה של גדולה, אויב (אָבער) עס איז געשטאָרבן דער מאן פון דער גרויסער ,זאָגט ר׳ אליעזר, אז מען לערנט (מען רעדט-צו) די קליינע אז זי זאָל ממאן־זיין אין אים (אין איר מאן. **דאדורך ווערט איר חתונה האָבן בטל, צו־נישט, און ממילא מעג איר מאן מייבם זיין די גרויסע יבמה, ווייל זי איז שוין ניט מער זיין ווייב׳ס שוועסטער.** רבן גמליאל זאָגט, אז (מען רעדט איר ניט צו, נאָר) אויב זי האָט ממאן געווען איז גוט (און איר מאן מעג מייבם זיין די שוועסטער), און אויב ניט, זאָל זי

אחות אשה. ר׳ יהושע אומר, אי לו על אשתו, ואו לו על אשת אחיו; מוציא את אשתו בגט, ואשת אחיו בחליצה:

ח. מי שהיה נשוי לשתי יתומות קטנות ומת, ביאתה או חליצתה של אחת מהן, פוטרת צרתה. וכן שתי חרשות. קטנה וחרשת, אין ביאת אחת מהן פוטרת צרה. פקחת וחרשת, ביאת הפקחת פוטרת החרשת, ואין ביאת החרשת פוטרת את הפקחת. גדולה וקטנה, ביאת הגדולה פוטרת את הקטנה, ואין ביאת הקטנה פוטרת את הגדולה:

ווארטן ביז זי ווערט גרויס (און זי וועט ווערן שוין לויט דעם דין פון דער תורה זיין ווייב) און די דאָזיקע (די גרויסע) וועט באפרייט ווערן (פון חליצה און ייבום) צוליב דעם וואָס זי איז די שוועסטער פון ווייב (פון יבם). זי מוז ווארטן, און ער טאָר ניט געבן באלד חליצה דער גרויסער שוועסטער, מחמת אין אזא פאל וועט ער ניט טאָרן מער האָבן די קליינע שוועסטער פאר זיין ווייב, ווארום זי וועט דאָך זיין די „אחות חלוצתו״, די שוועסטער פון דער פרוי וועמען ער האָט געגעבן חליצה, און ער טאָר מיט איר ניט וואוינען. ר׳ יהושע זאָגט, אז ווי צו אים צוליב זיין ווייב, און ווי צו אים צוליב זיין ברודערס ווייב (ווייל ער טאָרניט וואוינען ניט מיט דער איינער און ניט מיט דער צווייטער) ער מוז זיך שיידן מיט זיין ווייב (דער קליינער) געבן איר דורך א גט, און (ער מוז זיך שיידן) מיט זיין ברודערס ווייב דורך געבן איר חליצה. ר׳ יהושע האלט ניט פון דער עצה צו לערנען דער קליינער אז זי זאָל ממאן זיין, ווייל עס איז פאראן א דין אז מען זאָל זיך דערווייטערן פון ממאן זיין, מען זאָל זיך אָפהיטן עס צו טאָן.

ח. מי שהיה, אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט צוויי יתומות קטנות (קליינע, ניט קיין שוועסטערן צווישן זיך, נאָר פרעמדע) און ער איז געשטאָרבן (אָן קינדער) איז (דער דין, אז ווען דער יבם, דעם מאנ׳ס ברודער) קומט אויף איינער פון זיי (איז זי מייבם) אָדער ער גיט חליצה צו איינער פון זיי ווערט איר צרה (די אנדערע) באפרייט (און זי דארף ניט קיין חליצה). דער ברטנורא זאָגט, אז די חליצה איז נור גוט, ווען די קליינע יתומה איז געוואָרן גרויס, מחמת דאָס חליצה געבן צו א קטנה, איז גאָרניט. וכן, און אזוי איז אויך (דער דין) מיט צוויי טויב־שטומע. אויב די יבמות זענען געווען טויב־שטומע, איז דאָס מייבם זיין פון איינער גוט, אז די אנדערע זאָל ווערן באפרייט; אָבער ניט דורך חליצה, ווייל א טויב־שטומע קאָן ניט נעמען חליצה. דער טעם איז, ווייל סיי ווען ביידע זענען קטנות, קליינע, סיי ווען זיי זענען ביידע טויב־שטומע ,איז ביידנס חתונה האָבן מיטן ערשטן מאן געווען גלייך אין ווערט, ממילא קאָן דערנאָך איינע באפרייען די אנדערע. קטנה וחרשת, אויב איינע פון די יבמות איז געווען א קליינע און איינע א טויב־שטומע, איז דאָס וואָס (דער יבם) איז מייבם איינע פון זיי מאכט ניט אז די צרה (די אנדערע) זאָל ווערן באפרייט. כאָטש סיי דאָס חתונה האָבן פון דער קטנה און סיי דאָס חתונה האָבן פון דער טויב-שטומער מיטן ערשטן מאן איז ניט געווען קיין חתונה מדאורייתא, פונדעסטוועגן זענען זיי אָבער ניט גלייך, און עס קאָן זיין, אז איינער האָט מער די ווערט פון דער אנדערער, און דאריבער ווייסט מען ניט וועלכע פון זיי דארף פאר־רעכנט ווערן פאר מער ווייב. פקחת, וחרשת, אויב איינע פון די יבמות איז געווען א געזונטע (פקחת, א אָפענע, ניט קיין טויבע און ניט קיין שטומע) און איינע א טויב־שטומע, איז דאָס מייבם זיין די געזונטע באפרייט די טויב־שטומע, און דאָס מייבם זיין די טויב־שטומע באפרייט ניט די געזונטע. מחמת די געזונטע איז דאָך זיכער געווען דאָס ווייב פון פארשטאָרבענעם ברודער לויט דעם דין פון דער תורה. און דער כלל איז, אז דאָס מייבם זיין פון דער יבמה וואָס איז מדאורייתא (לויטן דין פון דער תורה) געווען דאָס ווייב פון פארשטאָרבענעם ברודער, באפרייט אויך די יבמה, וועלכע איז מדאורייתא ניט געווען דאָס ריכטיקע ווייב; אָבער דאָס מייבם זיין פון

ט. מי שהיה נשוי לשתי יתומות קטנות ומת, בא יבם על הראשונה וחזר ובא על השניה, או שבא אחיו על השניה, לא פסל את הראשונה. וכן חרשות. קטנה וחרשת, בא יבם על הקטנה וחזר ובא על החרשת, או שבא אחיו על החרשת, לא פסל את הקטנה. בא יבם על החרשת וחזר ובא על הקטנה, או שבא אחיו על הקטנה, פסל את החרשת:

י. פקחת וחרשת, בא יבם על הפקחת וחזר ובא על החרשת, או שבא אחיו על החרשת, לא פסל את הפקחת. בא יבם על החרשת וחזר ובא על הפקחת, או שבא אחיו על הפקחת, פסל את החרשת.

ניט־ריכטיקן ווייב קאָן ניט באפרייען דאָס ריכטיקע ווייב. גדולה וקטנה, אויב איין יבמה איז א גרויסע און איינע א קליינע, איז דאָס מייבם זיין די גרויסע באפרייט די קליינע, און דאָס מייבם זיין די קליינע באפרייט ניט די גרויסע. **אויך צוליב דעמזעלביקן טעם, ווייל די גרויסע איז דאָס ריכטיקע ווייב און די קליינע איז דאָס ניט־ריכטיקע ווייב.**

ט. מי, אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט צוויי קליינע יתומות, און ער איז געשטאָרבן (אָן קינדער), און דער יבם איז צוערשט געקומען אויף איינער (פון די יבמות) און דערנאָך איז ער געקומען אויף דער צווייטער (יבמה), אָדער זיין ברודער איז געקומען אויף דער צווייטער (יבמה) האָט ער ניט געפסלט די ערשטע. **מחמת די ערשטע יבמה איז דורך דער ביאה פון יבם דורך קומען אויף איר, געוואָרן דאָס ווייב פון יבם, און קיין זאך קאָן איר שוין ניט פסלענען; ווארוםביידע יבמות זענען דאָ גליך, ביידע זענען קליינע, קטנות.** וכן, און אזוי איז אויך (דער דין) אויב זיי (די ביידע יבמות) זענען צוויי טויב־שטומע. **מחמת אויך דאָ זענען ביידע יבמות גלייכע,** קטנה וחרשת, אויב (איינע פון די צוויי יבמות איז) א קליינע און איינע איז א טויב־שטומע, און דער יבם איז צוערשט געקומען אויף דער קליינער און דערנאָך אויף דער טויב־שטומער, אָדער זיין ברודער איז געקומען אויף דער טויב־שטומער, האָט ער ניט געפסלט די קליינע. **און זי בלייבט דעם יבמ׳ס ווייב.** בא יבם על החרשת, אויב אָבער דער יבם איז געקומען (צוערשט) אויף דער טויב־שטומער און דערנאָך איז ער געקומען אויף דער קליינער, אָדער זיין ברודער איז געקומען אויף דער קליינער, האָט ער יאָ געפסלט די טויב־שטומע. **און דער יבם טאָר מיט איר ניט וואוינען. די גמרא זאָגט, אז דער טעם איז, ווייל בנוגע דער קטנה, דער קליינער איז א ספק, צו זי קאָן ווערן א ווייב, צי ניט, און דעריבער אין ערשטן פאַל, ווען דער יבם איז צוערשט געקומען אויף דער קטנה און דערנאָך אויף דער טויב־שטומער, מעג דער יבם ווייטער וואוינען מיט דער קטנה, צוליב ממה־נפשך; קאָן א קטנה ווערן א ווייב, האָט ער דאָך איר קונה געווען אלס ווייב, און ממילא האָט שוין דאָס קומען אויף דער טויב־שטומער קיין ווערט ניט; קאָן די קטנה ניט ווערן קיין ווייב, איז זי דאָך א פרעמדע, מעג ער דאָך אודאי מיט איר וואוינען. אָבער בנוגע דער טויב־שטומער האלט מען, אז זי ווערט אביסל יאָ א ווייב און אביסל ניט („קנין משויר״), און דעריבער איז זי אביסל יאָ געווען דעם פארשטאָרבענעם ברודערס ווייב, און אביסל איז זי ניט געוואָרן דעם יבמ׳ס ווייב דורך קומען אויף איר; ממילא האָט זיין קומען דערנאָך אויף דער קטנה יאָ ווערט אויף אזוי פיל אז ער פסלט די טויב־שטומע.**

י. פקחת, אויב (פון די צוויי יבמות איז) איינע א געזונטע און איינע א טויב־שטומע, (איז דער דין), אויב דער יבם איז געקומען (צוערשט) אויף דער געזונטער און דערנאָך איז ער געקומען אויף דער טויב־שטומער אָדער זיין ברודער איז געקומען אויף דער טויב־שטומער, האָט ער ניט געפסלט די געזונטע; (אויב אָבער דער יבם איז (צוערשט) געקומען אויף דער טויב־שטומער און דערנאָך איז ער געקומען אויף דער געזונטער אָדער זיין ברודער איז געקומען אויף דער געזונטער, האָט ער געפסלט די טויב־שטומע. **אויך דאָ איז דער טעם, ווי אין דער פריערקער**

יא. גדולה וקטנה, בא יבם על הגדולה וחזר ובא על הקטנה, או שבא אחיו על הקטנה, לא פסל את הגדולה. בא יבם על הקטנה וחזר ובא על הגדולה, או שבא אחיו על הגדולה, פסל את הקטנה. ר׳ אליעזר אומר, מלמדין הקטנה שתמאן בו

יב. יבם קטן שבא על יבמה קטנה, יגדלו זה עם זה. בא על יבמה גדולה, תגדלנו. היבמה שאמרה בתוך שלשים יום „לא נבעלתי״, כופין אותו שיחלוץ לה. לאחר שלשים יום, מבקשים הימנו שיחלוץ לה. ובזמן שהוא מודה, אפילו לאחר שנים עשר חודש כופין אותו שיחלוץ לה:

משנה, ווייל די געזונטע איז דאָס ריכטיקע ווייב פון פאַרשטאָרבענעם און די טויב-שטומע איז ניט דאָס אינגאַנצן־ריכטיקע ווייב.

יא. (אויב איינע פון די צוויי יבמות איז) א גרויסע, און (איינע איז) א קליינע, (איז דער דין אז) אויב דער יבם איז צוערשט געקומען אויף דער גרויסער און דערנאָך איז ער געקומען אויף דער קליינער אָדער זיין ברודער איז געקומען אויף דער קליינער, האָט ער ניט געפּסלט די גרויסע; אויב (אָבער) דער יבם איז (צו־ערשט) געקומען אויף דער קליינער און דערנאָך איז ער געקומען אויף דער גרוי־סער, האָט ער געפּסלט די קליינע. אלץ צוליב דעמזעלביקן טעם וואָס אין די פריערדיקע צוויי משנות; ווייל די גרויסע איז זיכער געווען דאָס ווייב פון פאַרשטאָרבענעם ברודער און זי איז זיכער א יבמה, און די קליינע איז ניט אינגאַנצן־זיכער א יבמה. ר׳ אליעזר זאָגט, אז מען לערנט די קליינע (מען רעדט איר צו) אז זי זאָל ממאן זיין. דאדורך וועט זי ווערן אינגאַנצן אויס יבמה, און דער יבם וועט קאָנען נעמען די אנ־דערע יבמה. די מפרשים זענען מחולק, צו ר׳ אליעזר׳ס דין גייט ארויף אויך אויף דעם פאַל ווען די צוויי יבמות זענען געווען א קליינע און טויב־שטומע, אָדער נור ווען זיי זענען געווען א קליינע און א גרויסע .

יב. יבם, אויב א קליינער יבם (וועלכער איז נאָכניט דערוואקסן) איז געקומען אויף א קליינער יבמה, מוזן זיי וואַרטן ביז זיי וועלן ביידע גרויס ווערן. אויב דער יבם וויל זיך שיידן מיט דער יבמה, קאָן ער איר ניט געבן קיין גט, ווייל דער גט פון א קטן, פון א נאָכניט דערוואקסענעם מאַן איז ניט קיין גוטער גט. בא, (אויב א קליינער יבם) איז געקומען אויף א גרויסער יבמה, קאָן זי זיך ניט שיידן מיט אים ביז ער ווערט גרויס (תגדלנו). אויך צוליב דעמזעלביקן טעם, וואָס דער גט פון א קטן איז ניט קיין גוטער גט. היבמה, אויב א יבמה (מיט וועלכער דער יבם האָט חתונה גע־האַט) האָט געזאָגט אין די דרייסיק טעג (פון דער חתונה אָן) אז ער האָט איר ניט בועל געווען (און זי וויל זיך שיידן מיט אים), צווינגט מען אים, אז ער זאָל איר געבן חליצה. דער דין איז אז א יבמה ווערט דאָס ריכטיקע ווייב פון יבם (אזוי אז ווען זיי שיידן זיך איז גענוג א גט אליין, אָן חליצה) נור ווען ער האָט זי בועל געווען. די משנה לערנט דאָ, אז אין די דרייסיג טעג, כאָטש ער זאָגט, אז ער האָט איר יאָ בועל געווען, איז די יבמה באַגלויבט צו זאָגן, אז ער האָט איר ניט בועל געווען און ממילא איז זי נור מקודש צום יבם (געמאַכט מיט איר בלויז א מאמר) און ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין פרק ה׳, אויב זיי ווילן זיך שיידן דאַרף זי באַקומען א חוץ א גט אויך חליצה. מען נעמט אָן אז ביז 30 טעג האָט דער יבם, זייענדיק מיט זיין יבמה, זיך איינגעהאַלטן און ער האָט איר ניט בועל געווען. לאחר, נאָך די דריי־סיק טעג (אויב זי טענהט, אז ער האָט איר ניט בועל געווען) בעט מען אים, אז ער זאָל איר געבן (אויך) חליצה. מחמת נאָך דרייסיק טעג נעמט מען אָן, אז ער וואָלט זיך אזוי לאַנג ניט איינגעהאַלטן, אָבער אזוי ווי זי טענה׳ט אז ניט, און זי טאָר דא־ריבער ניט חתונה האָבן מיט אן אנדערן מאַן בלויז דורך א גט אליין, ווארום בנוגע זיך אליין איז זי באַגלויבט צו אסרן זיך, און זי דאַרף האָבן אויך חליצה, דעריבער בעט מען דעם יבם, אז ער זאָל איר אויך געבן חליצה. ובזמן, און אויב ער (דער יבם)

יג. הנודרת הנאה מיבמה בחיי בעלה, כופין אותו שיחלוץ לה. לאחר מיתת בעלה, מבקשין הימנו שיחלוץ לה. ואם נתכוונה לכך, אפילו בחיי בעלה, מבקשין הימנו שיחלוץ לה:

פרק יד.

א. חרש שנשא פקחת, ופקח שנשא חרשת, אם רצה יוציא, ואם רצה יקיים. כשם שהוא כונס ברמיזה, כך הוא מוציא ברמיזה. פקח שנשא פקחת ונתחרשה, (אם רצה יוציא, ואם) רצה יקיים. נשתטית, לא יוציא. נתחרש הוא, או נשתטה, אינו מוציא עולמית. אמר ר׳ יוחנן בן

איז זיך מודה בעט מען אים, אז ער זאָל געבן חליצה. אויך דאָ מיינט מען, אז **א חוץ א גט זאָל ער איר געבן חליצה.**

יג. הנודת, אז א פרוי האָט א נדר געטאָן ניט צו האָבן הנאה פון איר שוואָגער (און דעם נדר האָט זי געטאָן) ווען איר מאַן האָט געלעבט (און דערנאָך איז דער מאַן געשטאָרבן אָן קינדער, און צוליב דעם נדר טאָר זי ניט חתונה האָבן, מייבם ווערן, מיטן שוואָגער, מיט דעם יבם), צווינגט מען אים אז ער זאָל געבן חליצה. **און צוזאָ־מען מיט דער חליצה קומט איר אויך די כתובה, דאָס געלד, די 200 גילדן (אָדער די 100, אויב זי איז צו דער חתונה ניט געווען קיין בתולה). ווארום ווען זי האָט א נדר געטאָן איז דאָך איר ניט געקומען אויפן געדאנק אז דער מאַן וועט שטארבן און זי וועט ווערן די יבמה פון יבם.** לאחר, (אויב זי האָט דעם נדר געטאָן) נאָכן טויט פון איר מאַן, בעט מען אים אז ער זאָל איר געבן חליצה. **און אויב ער גיט איר חליצה דארף ער איר אויך געבן די כתובה. אויב אָבער ער וויל ניט געבן חליצה, און זי טענה׳ט, אז זי וויל אים ניט און זי וויל באדיי היזק האָבן די כתובה, צווינגט מען אים איר צו געבן חליצה, אָבער די כתובה דארף ער איר ניט געבן.** ואם, און אויב דאָס איז געווען איר כוונה (ניט חתונה האָבן מיטן יבם) איז אפילו (זי האָט דעם נדר געטאָן) ווען דער מאַן האָט נאָך געלעבט, בעט מען אים אז ער זאָל איר געבן חליצה. **און אויך דאָ איז דערזעלביקער דין וועגן דער כתובה.**

פרק יד.

א. חרש, (אז א טויב שטומער (מאַן) האָט חתונה געהאט מיט א געזונטער (פרוי), אָדער א געזונטער האָט חתונה געהאט מיט א טויב־שטומער, אויב ער וויל קאָן ער זיך שיידן מיט איר (געבן איר א גט) און אויב ער וויל קאָן ער וואוינען מיט איר; אזוי ווי ער האָט חתונה מיט איר (ער איז איר מקדש) דורך צייכנס, אזוי קאָן ער איר גט׳ן דורך צייכנס. **דאָס הייסט אז ווייל דאָס גט׳ן איר קומט דאָך פאַר אויף דעמזעלביקן אופן ווי דאָס מקדש זיין איר, דורך צייכנס, וואָס ווייזן אז זיי זענען ביידע מסכים, דאריבער איז דער גט גוט, אז ער זאָל איר באפרייען פון די דאזיקע קידושין.** פקח, אויב א געזונטער (מאַן) האָט חתונה געהאט מיט א געזונטער (פרוי) און זי איז געוואָרן (דערנאָך) טויב־שטום, אויב ער וויל קאָן ער איר גטן, און אויב ער וויל קאָן ער בלייבן מיט איר וואוינען. **ער קאָן איר גט׳ן, כאָטש איצט איז זי דאָך טויב־שטום; דער טעם איז, ווייל א מאַן קאָן געבן א גט זיין ווייב אפילו ווען זי וויל ניט, שלא מדעתה, און דאריבער קאָן ער איר גט׳ן.** נשתטית, אויב אָבער זי איז משוגע געוואָרן (נאָך דער חתונה), טאָר ער איר ניט גט׳ן. **אפילו זי איז גור אביסל משוגע און זי ווייסט אָפצוהיטן איר גט, און לויט דעם דין פון דער תורה קאָן ער איר יאָ גטן, האָבן אָבער די חכמים מתקן געווען, אז ער זאָל איר ניט גטן, כדי זי, וועלכע האָט ניט קיין שכל, זאָל ניט ווערן הפקר און מענטשן זאָלן ניט טאָן מיט איר אויסגעלאסנקייטן.** נתחרש הוא, (אויב א געזונטער מאַן האָט חתונה געהאט מיט א געזונטער פרוי, און נאָך דער חתונה) איז ער געוואָרן טויב־שטום אָדער איז געוואָרן משוגע, קאָן ער איר קיינמאָל ניט גטן. **די משנה וועט באלד דערקלערן דעם טעם דערפון.** אָמר, האָט ר׳ יוחנן בן נורי געזאָגט (געפרעגט): פארוואָס קאָן א

נורי, מפני מה האשה שנתחרשה יוצאה, והאיש שנתחרש אינו מוציא, אָמרו לו, אינו דומה האיש המגרש לאשה מתגרשת, שאשה יוצאה לרצונה ושלא לרצונה, והאיש אינו מוציא אלא לרצונו:

ב. העיד ר׳ יוחנן בן גודגדה על החרשת שהשיאה אביה, שהיא יוצאה בגט. אָמרו לו, אף זו כיוצא בה:

ג. שני אחים חרשים נשואים לשתי אחיות חרשות, או לשתי אחיות פקחות, או לשתי אחיות אחת חרשת ואחת פקחת, או שתי אחיות חרשות נשואות לשני אחים פקחים, או לשני אחים חרשין, או לשני אחין

פרוי, וועלכע איז געוואָרן טויב־שטום (נאָך דער חתונה), יאָ נעמען א גט, און א מאן וועלכער איז געוואָרן טויב־שטום (נאָך דער חתונה), קאָן ניט געבן קיין גט? ר׳ יוחנן **בן נורי האלט, אז אויך די טויב שטום געוואָרענע פרוי קאָן ניט נעמען קיין גט. אָבער ער פרעגט דעם טעם פון די חכמים, וועלכע האלטן, אז זי, די פרוי, קאָן יאָ נעמען א גט.** אָמרו לו, האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים: עס איז ניט גלייך א מאן וועלכער גיט דעם גט צו א פרוי, וועלכע נעמט דעם גט, וואָרום א פרוי קאָן ווערן גע׳גט סיי מיט איר ווילן סיי אָן איר ווילן (קייגן איר ווילן), אָבער א מאן קאָן ניט גטן סיידן מיט זיין ווילן. **דאריבער וויל ווען ער האָט מקדש געווען די פרוי איז ער דאָך געווען געזונט, און האָט געהאט א געזונטן ווילן, און ווען ער גיט דעם גט, איז ער טויב־שטום, און האָט ניט דעם געזונטן ווילן, קאָן דער דאָזיקער גט ניט אפשאפן די קידושין. ר׳ יוחנן בן נורי איז געווען איינער פון די חכמים אין יבנה, אין דער צייט פון רבן גמליאל.**

ב. העיד, ר׳ יוחנן בן גודגדה האָט עדות געזאָגט, אז א טויב־שטומע (וועלכע איז אויך א קטנה, א קליינע, און דער דין איז אז א פאָטער קאָן נעמען קידושין פאר זיין קליינער טאָכטער), וואָס דער פאָטער האָט איר חתונה געמאכט (ער האָט גענומען פאר איר די קידושין), אז מען קאָן איר גט׳ן. **אפילו ווען זי איז געוואָרן גרויס; כאָטש איר פאָטער האָט איר חתונה געמאכט, האָט זי דעם דין ווי א גרויסע טויב־שטומע, וואָס איז געווען טויב־שטום בעתן נעמען די קידושין און מען קאָן איר אויך גטן ווען זי איז טויב־שטום (אזוי ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳).** אָמרו לו, האָבן די חכמים צו אים (צו ר׳ יוחנן) געזאָגט: אויך די דאָזיקע איז אזוי (האָט אויך דעמזעלביקן דין). **די גמרא טייטשט, אז די חכמים האָבן געבראכט א ראיה פון אים, אז אויך א פרוי, וועלכע איז געווען געזונט בשעת דער חתונה און זי איז דערנאָך געוואָרן טויב־שטום, קאָן מען איר געבן א גט (אזוי ווי די חכמים האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳, אנדערש פון דער דעה פון ר׳ יוחנן בן נורי). ר׳ יוחנן בן גודגדא האָט געלעבט אין דער צייט פון חורבן פון 2טן בית המקדש און אויך דערנאָך, און ער איז געווען אין יבנה און האָט עדות געזאָגט פאר די חכמים הלכות וואָס ער האָט געהערט פון זיינע רבים, און זיין עדות זאָגן געפינען מיר אין מסכתא עדיות פרק ז׳ משנה ט׳ און דאָרט איז אין איין גירסא פאראן ר׳ נחוניא בן גודגדא. די דאָזיקע משנה איז אויך פאראן אין גטין פרק ה׳ משנה ה׳.**

ג. שני אחים, אויב צוויי ברידער טויב־שטומע האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן טויב־שטומע, אָדער מיט צוויי שוועסטערן געזונטע, אָדער מיט צוויי שוועסטערן פון וועלכע איינע איז א טויב־שטומע און איינע א געזונטע, אָדער צוויי שוועסטערן־טויב־שטומע האָבן חתונה געהאט מיט צוויי ברידער געזונטע, אָדער מיט צוויי ברידער טויב־שטומע, אָדער מיט צוויי ברידער, פון וועלכע איינער איז א טויב־שטומער און איינער א געזונטער, (און איינער פון די ברידער איז געשטאָרבן אָן קינדער) איז זי באפרייט פון נעמען חליצה. אָדער צו ווערן מייבם. **מחמת דער יבם האָט דאָך איר שוועסטער פאר א ווייב, הייסט זי דאָך זיין ווייב׳ס שוועסטער, א ערוה (א קרובה מיט וועלכער ער טאָרניט חתונה האָבן), און ווי מיר האָבן געלערנט**

אחד חרש ואחד פקח, הרי אלו פטורות מן החליצה ומן היבום. ואם היו נכריות, יכנסו; ואם רצו להוציא, יוציאו:

ד. שני אחים אחד חרש ואחד פקח נשואים לשתי אחיות פקחות מת חרש בעל הפקחת, מה יעשה פקח בעל הפקחת, תצא משום אחות אשה. מת פקח בעל הפקחת, מה יעשה חרש בעל פקחת? מוציא אשתו בגט ואשת אחיו אסורה לעולם. — שני אחים פקחים נשואים לשתי אחיות אחת חרשת ואחת פקחת, מת פקח בעל חרשת, מה יעשה פקח

פריער אין פרק א׳ משנה א׳ איז זי באפרייט פון חליצה און יבום. דער טעם איז, ווייל די קידושין פון איין ברודער איז פונקט אזוי ווי די קידושין פון אנדערן ברודער, מחמת סיי ביי דעם און סיי ביי דעם איז עס קידושין פון א טויב־שטומען (אָדער דאָס ווייב איז טויב־שטום). ואם היו, און אויב זיי (די צוויי ווייבער) זענען (ניט געווען קיין שוועסטערן, נאָר) פרעמדע, (און איינער פון די ברידער איז געשטאָרבן אָן קינדער) זאָל דער אנדערער ברודער ,דער יבם) מייבם זיין (חתונה האָבן מיט דעם פארשטאָרבענעם ברודערס ווייב). אָבער חליצה געבן איר קאָן ער ניט, ווייל ביי טויב־שטומע קאָן ניט זיין קיין חליצה, ווייל סיי דער יבם און סיי די יבמה דארפן דאָך זאָגן די פסוקים פון חליצה (פריער פרק י״ב משנה ו׳), און זיי קאָנען דאָך ניט זאָגן. ואם, און אויב ער וויל גטן (די יבמה, נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאט מיט איר) קאָן ער איר גטן. ווייל זיין גט, אפילו דורך צייכנס, באפרייט די פרוי סיי פון זיין חתונה האָבן סיי פון דער צוגעבונדענקייט (די זיקה), וואָס זי האָט געהאט דורך דעם ברודערס שטאַרבן אָן קינדער.

ד. שני אחים, אויב צוויי ברידער (ראובן און שמעון), פון וועלכע איינער (ראובן) איז א טויב־שטומער און איינער (שמעון) איז א געזונטער, האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (לאה און רחל)ביידע געזונטע, און עס איז געשטאָרבן (אָן קינדער) דער טויב־שטומער (ראובן) דער מאן פון דער געזונטער (לאה), וואָס זאָל טאָן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל)? איז זי (לאה) באפרייט (פון נעמען חליצה און ייבום פון שמעונען) ווייל (זי איז) די שוועסטער פון זיין ווייב (פון רחל). ווייל ווי מיר האָבן פריער געלערנט איז ערוה (די קרובה פון יבם׳ס ווייב) באפרייט פון חליצה און פון ייבום. מת פקח בעל הפקחת, אויב עס איז געשטאָרבן (אָן קינדער) דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל), וואָס זאָל טאָן דער טויב־שטומער (ראובן) דער מאן פון דער געזונטער (לאה)? ער מוז זיך שיידן מיט זיין ווייב (מיט לאה) דורך געבן איר א גט, און זיין ברודערס ווייבס (רחל) טאָר קיינמאָל ניט חתונה האָבן. זיין ווייב לאה מוז ער גטן, ווייל זי איז דאָך ניט זיין ריכטיק ווייב אינגאנצן (ער האָט דאָך איר מקדש געווען אלס טויב־שטומער) און זי איז דאָך די שוועסטער פון זיין יבמה (פון רחל) און ער טאָרניט לעבן מיט דער שוועסטער פון זיין יבמה (אחות זקוקתו). ווידער רחל׳ן טאָר ער ניט מייבם זיין (חתונה האָבן מיט איר) ווייל זי איז דאָך פאָרט די שוועסטער פון זיין (ניט־אינגאנצן־ריכטיק) ווייב (פון לאה). ער קאָן אויך רחלן ניט געבן חליצה, ווייל ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ג׳ קאָן א טויב־שטומער ניט געבן חליצה. רחל בלייבט דאריבער א יבמה, און טאָר מיט קיינעם ניט חתונה האָבן כל זמן איר יבם, ראובן, לעבט. — שני אחים פקחים, צוויי ברידער געזונטע (ראובן און שמעון) האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (לאה און רחל), איינע פון זיי (לאה) איז א טויב־שטומע, און איינע (רחל) איז א געזונטע, (און) עס איז געשטאָרבן (אָן קינדער) דער געזונטער (ראובן) דער מאן פון דער טויב־שטומער (פון לאה), וואָס זאָל טאָן דער געזונטער (שמעון) דער מאַן פון דער געזונטער (רחל)? זי (לאה) איז באפרייט (פון חליצה און פון ייבום פון שמעון), ווייל זי איז די שוועסטער פון (זיין) ווייב. מחמת שמעונ׳ס חתונה מיט רחל איז דאָך זיכער געווען א ריכטיקע, ווארום עס איז דאָך א געזונטער מאן מיט א גע־

בעל פקחת? תצא משום אחות אשה. מת פקח בעל פקחת, מה יעשה פקח בעל החרשת? מוציא את אשתו בגט ואת אשת אחיו בחליצה. — שני אחים אחד חרש ואחד פקח נשואים לשתי אחיות אחת חרשת ואחת פקחת, מת חרש בעל חרשת, מה יעשה פקח בעל פקחת? תצא משום אחות אשה. מת פקח בעל פקחת, מה יעשה חרש בעל חרשת? מוציא אשתו בגט ואשת אחיו אסורה לעולם. — שני אחים אחד חרש ואחד פקח נשואים לשתי נכריות פקחות, מת חרש בעל פקחת, מה יעשה פקח בעל פקחת? או חולץ או מיבם. מת פקח בעל פקחת, מה

זונטער פרוי. מת פקח בעל פקחת, אויב (אָבער) עס איז געשטאָרבן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל), וואָס זאָל טאָן דער געזונטער (ראובן) דער מאן פון דער טויב־שטומער (לאה)? ער מוז באפרייען זיין ווייב מיט א גט, און זיין ברודער׳ס ווייב מיט חליצה. **דאָס איז צוליב דעמזעלביקן טעם פון פריער. מחמת זיין חתונה האָבן מיט דער טויב־שטומער איז דאָך ניט שטארק, און לאה איז ניט־אינגאנצן זיין ריכטיק ווייב, און דעריבער טאָר ער מיט איר ניט וואוינען, ווייל זי איז די שוועסטער פון זיין יבמה (פון רחל), און מיט רחל׳ן טאָר ער אויך ניט חתונה האָבן, ווייל זי איז דאָך די שוועסטער פון זיין (ניט-אינגאנצן־ריכטיק) ווייב (פון לאהן) און ער מוז איר באפרייען מיט חליצה.** — שני אחים אחד חרש ואחד פקח, צוויי ברידער (ראובן און שמעון), איינער (ראובן) א טויב־שטומער, און איינער שמעון) א געזונטער, וועלכע האָבן חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערן (לאה און רחל), איינע (לאה) א טויב־שטומע און איינע (רחל) א געזונטע, און עס איז געשטאָרבן דער טויב־שטומער (ראובן) דער מאן פון דער טויב־שטומער (לאה), וואָס זאָל טאָן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל)? זי (לאה) ווערט באפרייט (פון חליצה און פון ייבום פון שמעון) ווייל זי איז די שוועסטער פון (זיין) ווייב. **אזוי ווי מיר האָבן פריער געלערנט,** מת פקח בעל הפקחת, אויב עס איז געשטאָרבן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל), וואָס זאָל טאָן דער טויב־שטומער (ראובן) דער מאן פון דער טויב־שטומער (לאה)? ער מוז זיך שיידן מיט זיין ווייב (לאה) דורך א גט, און זיין ברודערס ווייב (רחל) טאָר קיינמאָל ניט חתונה (מיט קיינעם ניט. **אזוי ווי מיר האָבן דערקלערט פריער, אין ערשטן פאל פון דער דאָזיקער משנה; ווייל אויך חליצה קאָן ער איר ניט געבן, ווארום ער איז דאָך א טויב־שטומער, און חתונה האָבן מיט איר קאָן ער ניט ווייל זי איז דאָך אביסל זיין ווייב לאה׳ס שוועסטער, און מיט זיין (ניט־אינגאנצן־ריכטיק) ווייב לאה טאָר ער ניט וואוינען ווייל זי איז די שוועסטער פון זיין יבמה (רחל). די יבמה רחל מעג נור חתונה האָבן ווען איר יבם ראובן שטארבט.**
—שני אחים אחד חרש ואחד פקח נשואים לשתי נכריות, צוויי ברידער (ראובן און שמעון), איינער (ראובן) א טויב־שטומער און איינער (שמעון) א געזונטער ,האָבן חתונה געהאט מיט צוויי פרעמדע (לאה און רחל, ניט קיין שוועסטערן) געזונטע, (און) עס איז געשטאָרבן דער טויב-שטומער (ראובן) דער מאן פון דער געזונטער (לאה), וואָס זאָל טאָן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל) ? ער מעג אָדער געבן איר (לאה׳ן) חליצה אָדער איר מייבם זיין. **מחמת זי איז דאָך ניט די שוועסטער פון זיין ווייב.** מת פקח, אויב (אָבער) עס איז געשטאָרבן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל), וואָס זאָל טאָן דער טויב־שטומער (ראובן) דער מאן פון דער געזונטער (לאה)? ער מוז איר (רחל) מייבם זיין (חתונה האָבן מיט איר) און ער קאָן איר קיינמאָל ניט גט׳ן. **קיין חליצה קאָן ער איר ניט געבן, ווייל ווי מיר האָבן פריער געלערנט קאָן א טויב־שטומער ניט געבן קיין חליצה. אָבער אויך נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאט מיט רחלן קאָן ער איר ניט גטן, ווייל דער גט פון א טויב־שטומען קאָן נור זי באפרייען פון דער אייגענער חתונה מיט איר. אָבער ער, דער גט פון א טויב־שטומען קאָן איר ניט באפרייען פון דער זיקה, פון דער יבמה־צוגעבונ־**

יעשה חרש בעל פקחת? כונס ואינו מוציא לעולם. — שני אחים פקחים נשואים לשתי נכריות, אחת פקחת ואחת חרשת, מת פקח בעל חרשת, מה יעשה פקח בעל פקחת? כונס; ואם רצה להוציא יוציא. מת פקח בעל הפקחת, מה יעשה פקח בעל חרשת? או חולץ או מיבם. — שני אחים אחד חרש ואחד פקח נשואים לשתי נכריות אחת חרשת ואחת פקחת מת חרש בעל חרשת, מה יעשה פקח בעל פקחת? כונס; ואם רצה להוציא, יוציא. מת פקח בעל פקחת, מה יעשה חרש בעל חרשת? כונס ואינו מוציא לעולם:

פרק טו.

א. האשה שהלכה היא ובעלה למדינת הים, שלום בינו לבינה

דענקייט, וואס זי האט צוליב איר ערשטן מאן דעם געזונטן. — שני אחים פקחים, צוויי ברידער געזונטע (ראובן און שמעון) האבן חתונה געהאט מיט צוויי פרעמדע (לאה און רחל, ניט קיין שוועסטערן), איינע (לאה) איז א געזונטע און איינע (רחל) איז א טויב־שטומע, (און) עס איז געשטארבן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער טויב־שטומער (רחל), וואס זאל טאן דער געזונטער (ראובן) דער מאן פון דער געזונטער (לאה)? ער מעג חתונה האבן (מייבם זיין זיין יבמה רחל), און אויב ער וויל (נאך דער חתונה) איר געבן א גט קאן ער געבן א גט. **ער קאן ניט געבן רחלן חליצה, ווייל זי איז א טויב־שטומע, און מיר האבן פריער געלערנט אז א טויב־שטומע קאן ניט נעמען קיין חליצה. אבער נאך דער חתונה קאן ער איר געבן א גט, ווייל ווי מיר האבן געלערנט פריער אין משנה א׳ קאן מען גטן א ווייב א טויב־שטומע.** מת פקח בעל הפקחת, אויב (אבער) עס איז געשטארבן דער געזונטער (ראובן) דער מאן פון דער געזונטער (לאה), וואס זאל טאן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער טויב־שטומער (רחל)? ער מעג איר (לאהן) געבן חליצה אדער איר מייבם זיין. **ווייל זי איז דאך א געזונטע קאן ער איר געבן חליצה; און אזוי ווי זי איז ניט די שוועסטער פון זיין ווייב, קאן ער איר מייבם זיין. —** שני אחים אחד חרש, צוויי ברידער (ראובן און שמעון), איינער (ראובן) איז א טויב־שטומער, און איינער (שמעון) איז א געזונטער, וועלכע האבן חתונה געהאט מיט צוויי פרעמדע (לאה און רחל), איינע (לאה) איז א טויב־שטומע און איינע (רחל) איז א געזונטע, (און) עס איז געשטארבן דער טויב־שטומער (ראובן) דער מאן פון דער טויב־שטומער (לאה), וואס זאל טאן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל)? ער (שמעון) זאל חתונה האבן (מייבם זיין לאהן) און אויב ער וויל (נאך דער חתונה) גטן קאן ער איר גטן. **קיין חליצה קאן ער לאהן ניט געבן, ווייל זי איז דאך א טויב־שטומע; אבער א גט (נאך דער חתונה) קאן ער איר יא געבן, ווייל ווי מיר האבן פריער געלערנט קאן מען געבן א גט א טויב־שטומער פרוי.** מת פקח, אויב (אבער) עס איז געשטארבן דער געזונטער (שמעון) דער מאן פון דער געזונטער (רחל), וואס זאל טאן דער טויב־שטומער (ראובן) דער מאן פון דער טויב־שטומער (לאה)? ער זאל איר (רחלן) מייבם זיין (חתונה האבן מיט איר), אבער ער קאן איר קיינמאל ניט גט׳ן. **ער קאן איר ניט געבן קיין חליצה, ווייל ער איז א טויב־שטומער; ער קאן איר אויך ניט גטן נאך דער חתונה, ווייל דער גט פון א טויב־שטומען קאן ניט אפשאפן די זיקה, די יבמה־צוגעבונדענקייט, וואס איז געבליבן פון דעם ערשטן מאן (ראובן) דעם געזונטן.**

פרק טו.

א. האשה, א פרוי, וועלכע איז אוועקגעגאנגן צוזאמען מיט איר מאן אין א ווייטע מדינה (מדינת הים, אין א לאנד פון יענער זייט ים), און עס איז געווען שלום צווישן איר און אים (צווישן מאן און ווייב) און עס איז געווען שלום אויף דער וועלט (עס איז ניט געווען קיין מלחמה אין דער מדינה, וואוהין זיי זיינען געגאנגען) און זי איז צוריקגעקומען (אליין) און האט געזאגט: „מיין מאן איז געשטארבן״ (אין יע־

ושלום בעולם, ובאתה ואמרה „מת בעלי״, תנשא; „מת בעלי״; תתיבם. שלום בינו לבינה, ומלחמה בעולם, קטטה בינו לבינה ושלום בעולם, ובאתה ואמרה „מת בעלי״, אינה נאמנת. ר׳ יהודה אומר, לעולם אינה נאמנת אלא אם כן באתה בוכה ובגדיה קרועין. אמרו לו, אחת זו ואחת זו תנשא:

ב. בית הלל אומרים, לא שמענו אלא בבאה מן הקציר, ובאותה מדינה, וכמעשה שהיה. אָמרו להן בית שמאי, אחת הבאה מן הקציר,

---

נער מדינה), מעג זי חתונה האָבן; (אויב זי האָט געזאָגט): מיין מאן איז געשטאָרבן״, (און ער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין קינדער) מעג זי מיובם ווערן (חתונה האָבן מיטן יבם, מיטן מאנ׳ס ברודער). **די גמרא זאָגט, אז דאריבער איז די פרוי באגלויבט צו זאָגן „מיין מאן איז געשטאָרבן״, ווייל זי האָט מורא צו זאָגן א ליגן, טאָמער וועט דער מאן קומען נאָכדעם ווי זי האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן און זי וועט הייסן א פסולע. אָבער אויב עס איז געווען קריגערייען צווישן מאן און ווייב איז זי ניט באגלויבט, ווייל עס קאָן זיין, אז זי וויל פטור ווערן פון מאן, און זי איז מסכים אפילו צו ווערן א פסולע. אויך איז זי ניט באגלויבט ווען אויף דער וועלט איז א מלחמה, מחמת עס קאָן זיין אז זי מיינט אז ער איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה („בדדמי״, „זי מיינט״) אויב ער איז ניט צוריקגעקומען א לאנגע צייט. און אפילו זי האָט אים געזען אז ער איז פארוואונדעט געוואָרן אין דער מלחמה מיינט זי אז ער איז שוין טויט. דאריבער גלויבט מען איר ניט.** שלום, אויב (אפילו) צווישן אים (דעם מאן) און איר (דעם ווייב) איז געווען שלום, אָבער אויף דער וועלט איז מלחמה אָדער עס איז געווען קריגערייען צווישן אים און איר כאָטש אויף דער וועלט איז שלום, און זי איז געקומען און האָט געזאָגט: „מיין מאן איז געשטאָרבן״, איז זי ניט באגלויבט. **אזוי ווי מיר האָבן פריער דערקלערט. און די פרוי טאָרניט חתונה האָבען ביז עס קומט א עדות און זאָגט, אז דער מאן איז געשטאָרבן. די גמרא זאָגט, אז אפילו אויף דער וועלט איז מלחמה, און זי זאָגט, אז ער איז געשטאָרבן אויף זיין בעט און ניט אז ער איז געהרגט געוואָרען אין דער מלחמה, איז זי יאָ באגלויבט.** ר׳ יהודה זאָגט, אז זי איז קיינמאָל ניט באגלויבט (אפילו ווען עס איז שלום צווישן איר און אים און עס איז שלום אויף דער וועלט), סיידן ווען זי קומט און וויינט און אירע קליידער זענען צעריסן (קריעה-געריסן צוליב טרויער); האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים (צו ר׳ יהודה); סיי די (פרוי וואָס קומט מיט א געוויין און מיט צעריסענע קליידער) און סיי די (פרוי וועלכע איז ניט פארוויינט און אירע קליידער זענען גאנץ) מעג חתונה האָבן (אויב זי זאָגט, אז איר מאן איז געשטאָרבן). **די גמרא זאָגט, אז די חכמים האָבן אפגעענטפערט ר׳ יהודהן, אז עס וועט דאָך אויסקומען, אז א פרוי וואָס האָט שכל וועט זיך מאכן פאר־וויינט און צערייסן די קליידער און קומען אזוי צוגיין און זאָגן: „מיין מאן איז גע־שטאָרבן״, און זי וועט מעגן חתונה האָבן, און א פרוי וואָס האָט ניט קיין שכל דאָס צו טאָן, וועט ניט טאָרן חתונה האָבן; דאריבער מאכט מען ניט קיין אונטערשיד.**

ב. בית הלל, די בית הלל זאָגן: מיר האָבן ניט געהערט (די הלכה אז א פרוי איז באגלויבט צו זאָגן אז איר מאן איז געשטאָרבן), סיידן ווען זי קומט פון שניט (פון שניידן תבואה אין פעלד) און (נור) אין דערזעלביקער מדינה (און ניט ווען זי קומט פון אן אנדערער מדינה) און אזוי ווי עס איז געשען אזא מעשה. **עס איז אָנצונעמען, אז אין דער משנה וואָס איז געווען פאר דער צייט פון די בית הלל איז די הלכה געווען אז א פרוי קומט פון שניט (קציר, שניידן תבואה אין פעלד) און זאָגט, אז איר מאן איז געשטאָרבן, איז זי באגלויבט,, און עס איז דערציילט געוואָרן א מעשה (וועלכע ווערט געבראכט אין דער גמרא יבמות אויף דער דאָזיקער משנה) אז עטליכע מענטשן זענען געגאנגן שניידן תבואה אין פעלד און איינער פון זיי איז געוואָרן געביסן דורך א שלאנג און איז געשטאָרבן, און זיין ווייב איז געקומען פאר בית דין און דאָס דערציילט; האָבן**

ואחת הבאה מן הזיתים, ואחת הבאה מן הבציר, ואחת הבאה ממדינה למדינה, לא דברו חכמים בקציר אלא בהוה. חזרו בית הלל להורות כבית שמאי:

ג. בית שמאי אומרים, תנשא ותטול כתובתה. בית הלל אומרים תנשא ולא תיטול כתובתה. אמרו להן בית שמאי התרתם ערוה המורה לא תתירו את ממון הקל? אמרו להן בית הלל, מצינו שאין האחים נכנסים לנחלה על פיה. אמרו להם בית שמאי, והלא

די חכמים געשיקט געוואויר ווערן און געזען אז עס איז אמת, און פון דאמאלס אן האט מען מתקן געווען אז א פרוי איז באגלויבט. דערפון ווילן די בית הלל אפלערנען, אז זי איז נור באגלויבט ווען זי קומט פון זעלביקן לאנד, ווייל מען קאן דערגייך צי זי זאגט אמת; אבער ניט ווען זי קומט פון מדינת הים, פון אן אנדער לאנד. אמרו להן, האבן צו זיי (צו די בית הלל) געזאגט די בית שמאי: עס איז אלץ איינס, צי זי קומט פון שניט (פון „קציר", פון שניידן תבואה), צי זי קומט פון (אראפרייסן) איילבירטן, צי זי קומט פון אראפשניידן ווינטרויבן (בציר), און צי זי קומט פון איין לאנד אין אן אנדערן לאנד (איז זי אלץ באגלויבט צו זאגן „מיין מאן איז געשטארבן"), די חכמים האבן געזאגט וועגן „שניט" (זיי האבן געזאגט די הלכה „אז א פרוי איז געקומען פון שניידן תבואה") נאר ווייל דאס איז דער שטייגער אזוי (בהוה, דער שטייגער). **די בית שמאי האלטן, אז דער טעם פארוואס די פרוי איז באגלויבט איז ניט, ווייל מען קאן דערגיין, נאר ווייל די פרוי אליין גיט אכטונג ווען זי גייט חתונה האבן מיט אן אנדערן מאן, און זי וועט דאס ניט טאן סיידן זי ווייסט זיכער אז דער ערשטער מאן איז געשטארבן, ווארום זי האט מורא טאמער וועט דער ערשטער מאן קומען. דעריבער איז ניט קיין אונטערשיד צי זי קומט פון דער זעלביקער מדינה צי פון אן אנדערער מדינה. אויף דעם „בהוה" זענען פאראן עטליכע פירושים. רש"י טייטשט, אז ווייל אזוי איז געווען די מעשה מיט א פרוי וואס איז געקומען פון תבואה שניידן. דער ירושלמי טייטשט, ווייל ביים שניידן תבואה אין פעלד טרעפן זיך אפט טויט־פאלן דורך א ביס פון א שלאנג צי דורך דער היץ פון דער זון, דורך א זון־שלאג אויפן קאפ.** חזרו בית הלל, די בית הלל האבן זיך צוריקגעצויגן און גענומען פסקענען אזוי ווי די ווערטער פון די בית שמאי. **זיי האבן מסכים געווען דערנאך מיט די בית שמאי, אז אויך ווען א פרוי קומט פון אן אנדערע מדינה איז זי באגלויבט.**

ג. בית שמאי, די בית שמאי זאגן, אז (א פרוי וואס זאגט אז איר מאן איז שטארבן און זי האט ניט קיין עדות דאריף). מעג חתונה האבן און זי נעמט (אויך) איהר כתובה. **דער דין איז אז א מאן שטארבט קומט דער פרוי דאס כתובה געלד, 200 גילדן אויב זי איז געווען א בתולה צו דער חתונה, און 100 גולדן אויב זי איז ניט געווען קיין בתולה צו דער חתונה. זאגן די בית שמאי, אז כאטש אין אלע אנדערע פאלן ווען א מענטש וויל אויפמאנען געלד דארף ער האבן 2 עדות אז דאס געלט קומט אים, אבער דא ווייל די פרוי איז באגלויבט צו מעגן חתונה האבן איז זי באגלויבט אויפצומאנען די כתובה.** בית הלל, די בית הלל זאגן, אז זי מעג חתונה האבן, אבער זי קאן ניט נעמען די כתובה. **ווייל בנוגע געלד־זאכן איז זי ניט באגלויבט.** אמרו להן, האבן צו זיי (צו די בית הלל) געזאגט די בית שמאי: אויב איר האט מתיר געמאכט (דער פרוי חתונה צו האבן, כאטש) דאס איז א הארבע (זאך) ערוה (א אשת איש, א פרוי וואס איז פארהיירַאט, און איר גלויבט איר), זאלט איר ניט מתיר מאכן (צו גלויבן איר) ביי דער גרינגער געלד־זאך? ! האבן די בית הלל צו זיי (צו די בית שמאי) אפגעענטפערט: מיר געפינען (דאך, אז ביי געלד־זאכן גלויבט מען ניט דער פרוי אז איר מאן איז געשטארבן, דהיינו) אז די ברידער (פון איר פארשטארבענעם מאן קאנען ניט נעמען (זיין) פארמעגנס אלס ירושה אויפ'ן יסוד פון אירע ווערטער (על פיה). **זי מעג טאקע חתונה האבן. אבער זיינע ברידער**

מספר כתובתה נלמוד שהוא כותב לה ״שאם תנשאי לאחר תטלי מה שכתוב ליכי״. וחזרו בית הלל להורות כדברי בית שמאי:

ד. הכל נאמנים להעידה, חוץ מחמותה ובת חמותה וצרתה ויבמתה ובת בעלה. מה בין גט למיתה? שהכתב מוכיח. עד אומר, מת, ונשאת, ובא אחר ואמר, לא מת, הרי זו לא תצא. עד אומר, מת, ושנים

קאָנען קיין ירושה ניט נעמען; און אזוי קאָן זי אויך ניט נעמען איר כתובה. אָמרו להם בית שמאי, האָבן די בית שמאי געזאָגט צו זיי (צו די בית הלל): פון (די ווערטער, וואָס זיינען איינגעשריבן אין) דעם ספר פון איר כתובה (אין דער געשריבענער כתובה, וואָס זי די פרוי, האָט באקומען ביי איר חתונה) לערנען מיר אָז איך קומט יאָ דאָס כתובה־געלד), ווארום ער (דער פארשטאָרבענער מאַן) שרייבט (אין דער כתובה) צו איר: „אז אויב דו וועסט חתונה האָבן צו אן אנדערן (מאַן) זאָלסטו נעמען וואָס איז אָנגעשריבן צו דיר (דאָס כתובה געלט). **און ווייל מען גלויבט איר אז דער מאַן איז געשטאָרבן און זי מעג חתונה האָבן, איז דאָך מקוים געוואָרן דער תנאי פון דער כתובה אז ווען זי וועט חתונה האָבן קומט איר וואָס איז אָנגעשריבן צו איר, דאָס הייסט דאָס כתובה־געלט.** וחזרו, און די בית הלל האָבן זיך צוריקגעצויגן און גענומען פסקענען אזוי ווי די ווערטער פון די בית שמאי. **דאָס הייסט, אז עס קומט איר די כתובה.**

ד. הכל, יעדער איז באגלויבט עדות צו זאָגן וועגן איר (וועגן דער פרוי אז איר מאַן איז געשטאָרבן און זי זאָלן מעגן חתונה האָבן), מיטן אויסנאַם פון איר שוויגער, און איר שוויגערס טאָכטער, און איר צרה (די אנדערע פרוי פון איר מאַן), און איר שוועגערין (דעם מאַנ׳ס ברודערס פרוי), און די טאָכטער פון איר מאַן (פון אן אנדערער פרוי). **ביי יעדן אנדערן עדות־זאָגן איז דער דין, אז א קרוב קאָן ניט זיין קיין עדות. אָבער דאָ, ביים עדות זאָגן וועגן א פרוי אז איר מאַן איז געשטאָרבן, איז אויך א קרוב (סיי דער פרוי׳ס א קרוב און סיי דעם מאַנ׳ס א קרוב) באגלויבט צו זיין א עדות. אָבער אן אויסנאַם זענען די פינף פרויען, וועלכע די משנה האָט דאָ אויסגערעכנט און וועלכע זענען ניט באגלויבט, מחמת מען האלט אז די דאָזיקע פרויען זענען אירע שונאים, און זיי זאָגן בכונה פאלש עדות, כדי זי זאָל חתונה האָבן מיט אן אנדערן מאַן, און דערנאָך וועט קומען דער ערשטער מאַן וועט זי זיך מוזן גטן מיט אים. די מפרשים זאָגן פארוואָס גראד די פינף פרויען האָבן איר פיינט. די שוויגער האָט איר פיינט, ווייל זי האלט, אז די שנור וועט אויפעסן איר גאנצע פראצע. די טאָכטער פון איר שוויגער האָט איר פיינט, ווייל זי האָט מורא אז זי וועט ירשענען איר פאָטערס פארמעגן. איר מאַנ׳ס ברודער׳ס פרוי האָט איר פיינט, ווייל זי האָט מורא, טאָמער וועט קומען דערצו אז איר מאַן וועט איר מייבם זיין און זי וועט ווערן איר צרה. די צרה האָט איר פיינט ווי דער שטייגער איז, ווען א מאַן האָט צוויי פרויען. און דעם מאַנ׳ס טאָכטער פון אן אנדערער פרוי (די שטיף־טאָכטער) האָט איר פיינט, ווייל זי האלט, אז זי פארנעמט איר מוטערס אָרט.** מה, וואָס איז דער אונטערשיד צווישן א גט און (עדות זאָגן וועגן) טויט? **פארוואָס מעגן די דאָזיקע פינף פרויען יאָ ברענגען דעם גט צו א פרוי און זיי זיינען באגלויבט אז זיי האָבן געזען ווי מען האָט געשריבן און געחתמעט דעם גט (ווי די משנה לערנט אין גטין פרק ב׳ משנה ז׳), און עדות זאָגן אז איר מאַן איז געשטאָרבן זענען זיי ניט באגלויבט?** שהכתב מוכיח, ווייל (ביים גט) באווייזט דאָך דער געשריבענער (גט). **ווייל דער עיקר פארלאָזן מיר זיך אויף דעם געשריבענעם גט.** עד אומר, אויב איין עדות האָט געזאָגט, אַז ער (איר מאַן) איז געשטאָרבן, און זי האָט חתונה געהאט (מיט אן אנדערן מאַן) און דערנאָך איז געקומען איין אנדערער (עדות) און ער האָט געזאָגט, אז ער (איר מאַן) איז ניט געשטאָרבן, דאַרף זי זיך ניט גטן (מיט אנדערן מאַן). **די גמרא זאָגט, אז ניט נור דאַרף זי זיך ניט גטן, נאָר אפילו זי האָט נאָכניט**

אָמרו, לא מת, אף על פי שנשאת תצא. שנים אומרים, מת, ועד אומר, לא מת, אף על פי שלא נשאת תנשא:

ה. אחת אומרת, מת, ואחת אומרת, לא מת, זו שאומרת, מת, תנשא ותטול כתובתה, וזו שאומרת, לא מת, לא תנשא ולא תטול כתובתה. אחת אומרת, מת, ואחת אומרת, נהרג, ר׳ מאיר אומר, הואיל ומכחישות זו את זו הרי אלו לא ינשאו. ר׳ יהודה ור׳ שמעון אומ-רים, הואיל וזו וזו מודות שאין קיים, ינשאו. עד אומר, מת, ועד אומר, לא מת, אשה אומרת, מת, ואשה אומרת, לא מת, הרי זו לא תנשא:

ו. האשה שהלכה היא ובעלה למדינת הים ובאה ואמרה „מת בעלי״,

חתונה געהאט, נאָר דאָס בית דין האָט איר געהאט מתיר געמאכט חתונה צו האָבן אויפן גרונט פון ערשטנס עדות זאָגן, און דערנאָך איז געקומען דער אנדערער און עדות געזאָגט, אז ער איז ניט געשטאָרבן, און זי האָט יאָ חתונה געהאט דארף זי זיך אויך ניט גטן (אזוי טייטשט איין ר׳ **עקיבא איגר**). עד אומר, אויב איין עדות האָט עדות געזאָגט, אז ער איז געשטאָרבן, און צוויי עדות האָבן עדות געזאָגט, אז ער איז ניט געשטאָרבן, (איז דער דין אז) אפילו זי האָט שוין חתונה געהאט (מיטן אן אנדערן מאַן) מוז זי זיך גטן. **די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען אפילו דער איינער עדות און די צוויי עדות זענען געווען פסולע עדות** (קרובים), **פון דעסטוועגן גלויבט מען דאָ אויך מער די צוויי עדות** (אזוי טייטשט דער תוספות יום טוב), **אז אויך דער איינער עדות איז געווען א פסול**). שנים, אויב צוויי (עדות) האָבן געזאָגט, אז ער איז געשטאָרבן און איין עדות האָט געזאָגט, אז ער איז ניט געשטאָרבן (איז דער דין אז) אפילו זי האָט נאָכניט חתונה געהאט מעג זי חתונה האָבן. **די גמרא זאָגט, אז אויך דאָ גלויבט מען די צוויי עדות מער אפילו ווען זיי זענען פסולע עדות, כאָטש דאָ איז דאָך דער דין „לקולא״, צו פארלייכטערן, אז זי מעג חתונה האָבן.**

ה. אחת, (אויב איינער האָט צוויי ווייבער און דער מאַן און די צוויי ווייבער זענען אוועק, און די צוויי ווייבער זענען צוריקגעקומען אליין און) איינע (פון זיי) זאָגט אז ער (דער מאַן) איז געשטאָרבן, און איינע (די אנדערע פרוי) זאָגט, אז דער מאַן איז ניט געשטאָרבן, איז די (פרוי) וועלכע זאָגט אז ער איז געשטאָרבן מעג חתונה האָבן און זי באקומט איר כתובה, און די (פרוי) וועלכע זאָגט אז דער מאַן איז ניט געשטאָרבן טאָרניט חתונה האָבן און זי נעמט ניט די כתובה. **דאָס הייסט, אז יעדע איז באגלויבט פאר זיך.** אחת אומרת, אויב איינע (פון די דאָזיקע פרויען) זאָגט, אז ער (דער מאַן) איז געשטאָרבן, און איינע (די אנדערע פרוי) זאָגט אז ער איז גע-הרגעט געוואָרן, זאָגט ר׳ מאיר, אז ווייל זיי לייקענען דאָך איינע דער אנדערער טאָרן זיי ניט חתונה האָבן. **די גמרא זאָגט, אז ר׳ מאיר איז אויך מחולק אויף דער רישא, אויף דעם ערשטן דין פון דער משנה, און ער האלט, אז ווען איינע זאָגט אז ער איז געשטאָרבן און די אנדערע זאָגט, אז ער איז ניט געשטאָרבן טאָרן זיי בײדע ניט חתונה האָבן.** ר׳ יהודה און ר׳ שמעון זאָגן, אז ווייל זיי (די בײדע פרויען) זענען דאָך מודה, אז ער לעבט ניט (כאָטש איין פרוי זאָגט אז ער איז געשטאָרבן, און די אנדערע פרוי זאָגט אז ער איז געהרגעט געוואָרן) מעגן זיי חתונה האָבן. **ווייל יעדע פון זיי זאָגט דאָך וועגן זיך, אז איר מאַן לעבט ניט.** עד, אויב איין עדות זאָגט אז ער איז געשטאָרבן און איין עדות זאָגט אז ער איז ניט געשטאָרבן, אָדער איין פרוי זאָגט אז ער איז געשטאָרבן און איין פרוי זאָגט אז ער איז ניט געשטאָרבן, טאָר זי ניט חתונה האָבן. **מיר האָבן שוין פריער אין משנה ד׳ געלערנט, אז אויב נאָכן עדות זאָגן פון ערשטן עדות אז דער מאַן איז יאָ געשטאָרבן האָט זי באקומען א היתר חתונה צו האָבן און זי האָט חתונה געהאט, דארף זי זיך ניט גטן.**

ו. האשה, א פרוי וועלכע איז אוועקגעגאנגען צוזאמען מיט איר מאַן אין א ווייטער מדינה (און דער מאַן האָט איבערגעלאָזט אין דער היים נאָך א ווייב, דער

תנשא ותטול כתובתה, וצרתה אסורה. היתה בת ישראל לכהן תאכל
בתרומה, דברי רבי טרפון; ר׳ עקיבא אומר, אין זו דרך מוציאתה מידי
עבירה, עד שתהא אסורה לינשא, ואסורה מלאכול בתרומה.
ז. אמרה „מת בעלי ואחר כך מת חמי״, תנשא ותטול כתובתה,
וחמותה אסורה. היתה בת ישראל לכהן, תאכל בתרומה, דברי ר׳ טרפון;
ר׳ עקיבא אומר, אין זו דרך מוציאתה מידי עבירה, עד שתהא אסורה
לינשא ואסורה לאכול בתרומה. קידש אחת מחמש נשים, ואין יודע איזו
קידש. כל אחת אומרת „אותי קידש״. נותן גט לכל אחת ואחת, ומניח
כתובה ביניהן ומסתלק, דברי ר׳ טרפון. ר׳ עקיבא אומר, אין זו דרך

ערשטער ווייב׳ס א צרה), און זי (דאָס ווייב וועלכע איז אוועק מיטן מאן) איז צוריק-
געקומען (אליין) און האָט געזאָגט: „מיין מאן איז געשטאָרבן״, מעג זי חתונה האָבן,
און זי נעמט איר כתובה, אָבער איר צרה (דאָס אנדערע ווייב) טאָר ניט חתונה האָבן.
מחמת מיר האָבן פריער אין משנה ד׳ געלערנט אז א צרה איז ניט באגלויבט עדות
צו זאָגן מתיר צו מאכן איר מאנ׳ס פרוי חתונה צו האָבן. היתה, אויב זי (די צרה)
איז געווען א טאָכטער פון א ישראל, וואָס האָט חתונה געהאַט צו א כהן (דער מאן
איז געווען א כהן) מעג זי עסן תרומה, אזוי זאָגט ר׳ טרפון. מחמת אויב זי טאָרניט
חתונה האָבן הייסט דאָך עס אז וועגן איר נעמט מען אָן, אז איר מאן לעבט, ממילא
מעג זי עסן תרומה, ווייל זי איז דאָס ווייב פון א כהן, ווי מיר האָבן געלערנט פריער
אין פרק ז׳. ר׳ עקיבא זאָגט, אז דאָס (מתיר מאכן איר צו עסן תרומה) איז ניט דער
וועג וואָס פירט איר אוועק פון טאָן א עבירה, נאָר זי טאָר ניט חתונה האָבן און זי
טאָר ניט עסן קיין תרומה. זי טאָר ניט חתונה האָבן טאָמער לעבט איר מאן, אָבער
זי טאָר אויך ניט עסן קיין תרומה טאָמער איז איר מאן געשטאָרבן און זי איז ניט
מער דאָס ווייב פון א כהן.
ז. אמרה, אויב (א פרוי איז אוועקגעגאנגען מיט איר מאן און מיט איר שווער,
און איר שוויגער איז געבליבן אין דער היים, און די פרוי איז צוריקגעקומען און)
האָט געזאָגט: „(צוערשט) איז געשטאָרבן מיין מאן און דערנאָך איז געשטאָרבן מיין
שווער״, מעג זי חתונה האָבן און זי נעמט איר כתובה, אָבער איר שוויגער טאָרניט
(חתונה האָבן). ווייל פונקט ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ד׳, אז א שווי-
גער איז ניט באגלויבט עדות צו זאָגן אויף איר שנור, ווייל זי האָט איר פיינט, אזוי
איז א שנור ניט באגלויבט עדות צו זאָגן אויף איר שוויגער, ווייל אויך די שנור
האָט פיינט די שוויגער. און כאָטש זי האָט דאָך געזאָגט, אז איר מאן איז צוערשט
געשטאָרבן, און זי איז דאָך ניט מער קיין שנור, פונדעסטוועגן איז זי ניט באגלויבט.
היתה, אויב זי (די שוויגער) איז געווען די טאָכטער פון א ישראל וואָס האָט חתונה
געהאַט צו א כהן מעג זי עסן תרומה, אזוי זאָגט ר׳ טרפון; ר׳ עקיבא זאָגט, אז דאָס
איז ניט דער וועג וואָס פירט איר אוועק פון טאָן א עבירה, נאָר זי טאָרניט חתונה
האָבן און זי טאָרניט עסן קיין תרומה. עס איז דיזעלביקע מחלוקה צווישן ר׳ טרפון
און ר׳ עקיבא וואָס אין דער פריערדיקער משנה ו׳. קידש, אויב איינער האָט מקדש
געווען איין (פרוי) פון צווישן פינף פרויען און ער ווייסט ניט וועלכע (פון זיי ער
האָט מקדש געווען, דאַרף ער געבן א גט צו יעדער איינער פון זיי (כדי זיי זאָלן
זאָלן מעגן חתונה האָבן מיט אנדערע מענער), און לייגט אוועק צווישן זיי (צווישן
די פינף פרויען) איין כתובה (צוויי הונדערט גילדן, אָדער הונדערט גילדן, וויפיל עס
באטרעפט די כתובה) און ער טראָגט זיך אָפּ, אזוי זאָגט ר׳ טרפון. לויט ר׳ טרפון
דאַרף ער ניט געבן יעדער פון זיי באזונדער כתובה-געלט, נאָר ער גיט זיי צוזא-
מען איין כתובה-געלט, און זאָלן זיי צווישן זיך דורכקומען וועגן דעם געלט. ר׳
עקיבא זאָגט, אז דאָס איז ניט דער וועג וואָס פירט אים אוועק פון טאָן אן עבירה,
נאָר ער דאַרף געבן א גט און א כתובה (-געלט) צו יעדער איינער (פון זיי). מחמת

מוציאתו מידי עבירה, עד שיתן גט וכתובה לכל אחת ואחת. גזל אחד מחמשה ואין יודע מאיזה גזל, כל אחד אומר „אותי גזל״, מניח גזילה ביניהן ומסתלק, דברי ר׳ טרפון. ר׳ עקיבא אומר, אין זו דרך מוציאתו מידי עבירה, עד שישלם גזילה לכל אחד ואחד:

ח. האשה שהלכה היא ובעלה למדינת הים, ובנה עמהם, ובאה ואמרה „מת בעלי ואחד כך מת בני״, נאמנת. „מת בני ואחד כך מת בעלי״, אינה נאמנת, וחוששים לדבריה, וחולצת ולא מתיבמת:

ט. „ניתן לי בן במדינת הים״, ואמרה, „מת בני ואחד כך מת בעלי״, נאמנת. „מת בעלי ואחד כך מת בני״, אינה נאמנת. וחוששים לדבריה,

---

אויב ניט הייסט עס אז ער האָט ביי דער ריכטיקער פרוי צוגעגזלט דאָס כתובה־געלט, וואָס קומט איר. גזל, אז איינער האָט צוגעגזלט (עפּיס) פון איינעם פון (צווישן) פינף מענטשן, און ער ווייסט ניט פון וועמען ער האָט צוגעגזלט, (און ער וויל אָפּגעבן די צוגעגזלטע זאך), און יעדער פון זיי זאָגט, אז מיך האָט ער באגזלט, מעג ער אוועקלייגן די גזילה (די צוגעגזלטע זאך) צווישן זיי און זיך אָפּטראָגן, אזוי זאָגט ר׳ טרפון; ר׳ עקיבא זאָגט, אז דאָס איז ניט דער וועג וואָס פירט אים אוועק פון א עבירה, נאָר ער מוז באַצאָלן די גזילה (וויפיל די צוגעגזלטע זאך באטרעפט) צו יעדן איינעם (פון די פינף מענטשן). **ווייל נור אזוי ארום, האלט ר׳ עקיבא, איז ער זיכער, אז ער האָט דעם באגזלטן מענטש אָפּגעגעבן די גזילה. די משנה ברענגט דאָ די לעצטע צוויי הלכות וועגן מקדש זיין איינע פון פינף פרויען און וועגן דער גזילה, ווייל די מחלוקה פון ר׳ טרפון און ר׳ עקיבא איז דיזעלביקע וואָס ביים עדות זאָגן וועגן טויט פון מאַן. דער רמבם טייטשט „מניח ומסתלק״, ניט אז ער לייגט אוועק צווישן זיי די כתובה אָדער די גזילה, נאָר עס זאָל בלייבן ליגן ביז די זאך וועט ווערן אויפגעקלערט.**

ח. האשה, אויב א פרוי איז געגאנגען מיט איר מאַן אין א וויטער מדינה (מדינת הים), און איר (מאַנס) זון איז מיטגעגאנגען מיט זיי, און זי איז צוריקגעקומען אליין און האָט געזאָגט: „צוערשט איז געשטאָרבן מיין מאַן און דערנאָך איז געשטאָרבן מיין (מאַנ׳ס) זון״ איז זי באגלויבט. **און זי דאַרף ניט נעמען קיין חליצה און ייבום פון מאַנ׳ס ברודער, מחמת מען גלויבט איר, אז ווען דער מאַן איז געשטאָרבן האָט נאָך דער זון געלעבט און עס הייסט ניט, אז דער מאַן איז געשטאָרבן אָן קינדער. מען גלויבט איר דערפאַר ווייל זי האָט א חזקה, מחמת ווען זי איז אוועקגעגאנגען האָט דאָך דער זון געלעבט, און זי האָט ניט געהייסן, אז זי וועט ווערן א יבמה מיט דעם מאַנ׳ס טויט.** מת בני, (אויב זי האָט געזאָגט): צוערשט איז געשטאָרבן מיין (מאַנ׳ס) זון, און דערנאָך איז געשטאָרבן מיין מאַן״ (און זי וויל חתונה האָבן מיטן מאַנ׳ס ברודער), איז זי ניט באגלויבט, אָבער מען נעמט אין אכט (מען איז חושש צו) אירע ווערטער, און זי דאַרף נעמען חליצה אָבער מייבם זיין טאָר (דעם מאַנ׳ס ברודער איר ניט. **זי איז נור אויף אזוי פיל באגלויבט אז זי טאָרניט חתונה האָבן מיט קיין אנדערן מאַן אָן חליצה, אָבער ניט אז זי זאָל מעגן חתונה האָבן מיטן מאַנ׳ס ברודער.**

ט. ניתן, (אויב נאָכדעם ווי זי איז צוריקגעקומען פון דער וויטער מדינה, האָט זי געזאָגט): „איך האָב (פון מיין מאַן) געבוירן א זון אין דער וויטער מדינה״, און דערנאָך האָט זי געזאָגט: „מיין זון איז (צוערשט) געשטאָרבן און (דערנאָך) איז געשטאָרבן מיין מאַן״, איז זי באגלויבט. **און זי מעג חתונה האָבן (מייבם ווערן) מיטן יבם, מיטן מאַנ׳ס שוואָגער. מען גלויבט איר, אז ווען דער מאַן איז געשטאָרבן האָט זי קיין זון ניט געהאט, ווייל ווען זי איז אוועקגעגאנגען האָט זי דאָך אויך ניט געהאט קיין זון, און זי האָט די חזקה פון פריער.** מת בעלי, (אויב זי זאָגט, אז זי האָט געהאט א זון אין דער וויטער מדינה, און אז): „מיין מאַן איז (צוערשט) געשטאָרבן און (דערנאָך) איז געשטאָרבן מיין זון״ (און זי וויל דאדורך זיין באפרייט פון חליצה

וחלוצת ולא מתיבמת:

י. ניתן לי יבם במדינת הים״, אמרה, „מת בעלי ואחר כך מת יבמי״, יבמי ואחר כך בעלי״, נאמנת. הלכה היא ובעלה ויבמה למדינת הים, אמרה „מת בעלי ואחר כך מת יבמי״, „יבמי ואח״כ בעלי״, אינה נאמנת, שאין האשה נאמנת לומר „מת יבמי״, שתנשא, ולא „מתה אחותי״, שתכנס לביתו. ואין האיש נאמן לומר „מת אחי״ שייבם אשתו, ולא „מתה אשתי״, שישא אחותה.

פרק טז.

א. האשה שהלך בעלה וצרתה למדינת הים, ובאו ואמרו לה „מת

און פון ייבום), איז זי ניט באגלויבט; אָבער מען נעמט אין אכט אירע ווערטער, און זי נעמט נור חליצה און מען טאָר זי ניט מייבם זיין. **מען גלויבט איר ניט, ווייל ווען זי איז אוועקגעגאנגען האָט זי דאָך קיין זון ניט געהאט און זי איז געווען אין דער חזקה צו ווערן א יבמה אויב דער מאן שטארבט. אָבער מייבם זיין טאָר מען איר ניט, ווייל זי טענה'ט דאָך פאַרט, אז ווען דער מאן איז געשטאָרבן האָט איר זון געלעבט.**

י. ניתן לי יבם, (אויב א פרוי איז אוועקגעגאנגען מיט איר מאן אין א ווייטער מדינה און דער מאן האָט ניט געהאט קיין ברודער, און זי איז צוריקגעקומען אליין און געזאָגט): „עס איז מיר געבוירן געוואָרן א שוואָגער (מיין שווער האָט געבוירן א זון) אין דער ווייטער מדינה״, און דערנאָך האָט זי געזאָגט: „מיין מאן איז (צו־ערשט) געשטאָרבן און דערנאָך איז געשטאָרבן מיין שוואָגער (דער יבם)״, אָדער: „(צוערשט) איז געשטאָרבן מיין שוואָגער און (דערנאָך) איז געשטאָרבן מיין מאן״, איז זי באגלויבט. **און זי מעג חתונה האָבן, ווייל ווען זי איז אוועקגעגאנגען האָט זי דאָך ניט געהאט קיין יבם, קיין שוואָגער, און זי האָט דאָך געקאָנט גאָרניט דערציילן, אז זי האָט באקומען א שוואָגער, דאריבער גלויבט מען איר, אז דער שוואָגער איז געשטאָרבן.** הלכה, אויב (אָבער) עס זענען אוועקגעגאנגען אין דער ווייטער מדינה זי און איר מאן און איר יבם (איר שוואָגער) און (זי איז צוריקגעקומען אליין און) געזאָגט: „מיין מאן איז (צוערשט) געשטאָרבן און (דערנאָך) איז געשטאָרבן מיין יבם״, אָדער: „מיין יבם איז (צוערשט) געשטאָרבן און (דערנאָך) איז געשטאָרבן מיין מאן״, איז זי ניט באגלויבט, ווייל א פרוי איז ניט באגלויבט צו זאָגן „מיין יבם (מיין שוואָגער) איז געשטאָרבן״ צו מעגן חתונה האָבן (אָן חליצה), און אויך (איז א פרוי) ניט (באגלויבט צו זאָגן): „מיין שוועסטער איז געשטאָרבן״, כדי זי זאָל קאָנען אריינגיין אין זיין (דער שוועסטער'ס מאַן'ס) הויז (חתונה האָבן מיט דעם מאן פון דער שוועסטער). **א פרוי איז נור באגלויבט אויף איין זאך, דהיינו, צו זאָגן, אז איר מאן איז געשטאָרבן, און זי זאָל מעגן חתונה האָבן, אָדער מייבם צו ווערן.** ואין האיש, און א מאן איז ניט באגלויבט צו זאָגן: „מיין ברודער איז געשטאָרבן״ כדי ער זאָל מעגן מייבם זיין (חתונה האָבן מיט) זיין (דעם ברודערס) ווייב, און (ער איז אויך) ניט (באגלויבט צו זאָגן) „מיין ווייב איז געשטאָרבן״, כדי ער זאָל מעגן חתונה האָבן מיט איר שוועסטער). **מען איז נור באגלויבט אין די פאלן פון „הפה שאסר הוא הפה שהתיר״ (דאָס מויל וואָס געאסרט איז דאָסזעלביקע מויל וואָס איז דערנאָך מתיר). למשל ווי מיר האָבן פריער געלערנט אין דער משנה, אז ווען די פרוי איז אוועקגעגאנגען האָט זי ניט געהאט קיין שוואָגער, און ווען זי קומט צוריק דערציילט זי, אז דאָרט איז איר געבוירן געוואָרן א שוואָגער און אז ער איז גע־שטאָרבן, גלויבט מען איר יאָ, מחמת זי האָט דאָך געקאָנט אינגאַנצן שווייגן און זי וואָלט דאָך אויך געווען מותר.**

פרק טז.

א. האשה, א פרוי, וואָס איר מאן צוזאמען מיט איר צרה (דער מאן האָט געהאט נאָך א ווייב, די צרה פון דער פרוי) זענען אוועקגעגאנגען אין א ווייטער מדינה

בעליך״, לא תנשא ולא תתיבם, עד שתדע שמא מעוברת היא צרתה. היתה לה חמות, אינה חוששת. יצתה מלאה, חוששת. ר׳ יהושע אומר, אינה חוששת:

ב. שתי יבמות, זו אומרת „מת בעלי״, וזו אומרת „מת בעלי״, זו אסורה מפני בעלה של זו, וזו אסורה מפני בעלה של זו. לזו עדים ולזו

(מדינת הים, אין יענער זייט ים), און מען איז געקומען צו דער פרוי און געזאָגט צו איר: „דיין מאן איז געשטאָרבן״ (און ביז דער מאן איז אוועק פון דער היים האָט ער ניט געהאט קיין קינדער), טאָר די פרוי ניט חתונה האָבן (מיט סתם א מאן, ווייל איר מאן האָט דאָך ניט געהאט קיין קינדער, און זי דאַרף דעריבער נעמען חליצה אָדער ייבום), און זי טאָר אויך ניט חתונה האָבן מיטן מאַנ׳ס ברודער (ניט נעמען קיין יבום) ביז זי וועט וויסן טאָמער איז איר צרה (דאָס אנדערע ווייב פון איר מאן) מעוברת. אין אזא פאַל, אויב די צרה איז מעוברת און זי וועט האָבן א קינד, הייסט דאָך אז דער מאן האָט איבערגעלאָזט א קינד, און זי טאָר דאָך ניט חתונה האָבן מיטן מאַנ׳ס ברודער. די גמרא זאָגט, אז אויך חליצה טאָר זי ניט נעמען, מחמת א פרוי וואָס נעמט חליצה טאָר ניט חתונה האָבן מיט א כהן, און עס קאָן דאָך זיין, אז מען וועט שפּעטער געוואויר ווערן אז די צרה האָט יאָ געבוירן א קינד און איר חליצה איז קיין חליצה ניט און מען וועט דאַרפן אויסרופן שפּעטער, אז זי מוז חתונה האָבן מיט א כהן; און דאַביי איז מורא צו האָבן טאָמער וועט איינער ניט האָבן געוועזן ביים אויסרופן, און זעענדיק אז זי האָט חתונה מיט א כהן וועט ער מיינען, אז א חלוצה איז מותר צו א כהן. היתה לה, אויב (מיט איר מאן אין דער ווייטער מדינה איז פאַראַן ניט איר צרה, נאָר זיין מוטער), איר שוויגער, דאַרף זי ניט מורא האָבן (טאָמער האָט די שוויגער געבוירן א זון, און אזוי ווי איר מאן איז געשטאָרבן אָן קינדער וועט זי דאַרפן נעמען חליצה פון זון). זי מעג דעריבער חתונה האָבן, אויב דער מאן האָט ניט קיין ברודער. די גמרא זאָגט, אז דער טעם איז, ווייל דאָ קען דאָך זיין אז די שוויגער איז ניט מעוברת און אפילו זי איז מעוברת, קאָן דאָך זיין, אז זי האָט געמפּילט, און אפילו זי האָט יאָ געבוירן א קינד, קאָן דאָך זיין אז עס איז א מיידל. אָבער פריער אין דער משנה ביי דער צרה טאָר זי דאָך ניט חתונה האָבן מיטן יבם, מיטן שוואָגער, אפילו ווען די צרה האָט געבוירן א מיידל. יצתה, אויב זי (די שוויגער) איז אוועקגעגאנגען (אין דער ווייטער מדינה) ווען זי איז געווען פול (מלאה, זי איז געווען מעוברת) דאַרף זי יאָ מורא האָבן; ר׳ יהושע זאָגט (אז אפילו ווען די שוויגער איז געווען מעוברת) דאַרף זי (אויך) ניט מורא האָבן. ווייל ר׳ יהושע האַלט אז מען קאָן אָננעמען, אז עס איז געבוירן געוואָרן א מיידל.

ב. שתי יבמות, (צוויי ברידער, ראובן און שמעון האָבן געהאט צוויי פרויען, לאה און רחל, און זיי זענען אלע פיר אוועק אין א ווייט לאנד, און עס זענען צוריק־געקומען די צוויי פרויען, די) צוויי שוועגערינס (יבמות), די איינע (לאה) זאָגט: מיין מאן (ראובן) איז געשטאָרבן (אָן קינדער) און די אנדערע (רחל) זאָגט: „מיין מאן (שמעון) איז געשטאָרבן (אָן קינדער)״ טאָר די (לאה) ניט חתונה האָבן צוליב דעם מאן (שמעון) פון דער אנדערער (פון רחלן), און די (רחל) טאָר ניט חתונה האָבן צוליב דעם מאן (ראובן) פון דער אנדערער (פון לאה). א פרוי איז באַגלויבט צו זאָגן אז איר מאן איז געשטאָרבן, אָבער ווי מיר האָבן פריער אין פרק ט״ו משנה ד׳ געלערנט קאָן א פרוי ניט עדות זאָגן מתיר צו מאכן איר שוועגערין חתונה צו האָבן. אזוי ווי די ביידע מענער זענען געשטאָרבן אָן קינדער (כאָטש קיין אנדערע ברידער זענען ניט פאַראַן) טאָר לאה ניט חתונה האָבן טאָמער לעבט שמעון, איר מאַנ׳ס ברודער, און זי דאַרף נעמען פון אים חליצה, און רחל טאָר ניט חתונה האָבן טאָמער לעבט ראובן (איר מאַנ׳ס ברודער) און זי דאַרף נעמען פון אים חליצה. דאָס וואָס לאה זאָגט עדות, אז איר מאן ראובן איז געשטאָרבן קאָן ניט מתיר מאכן רחלן, און וואָס רחל זאָגט

אין עדים, את שיש לה עדים אסורה, ואת שאין לה עדים מותרת. לזו בנים ולזו אין בנים, את שיש לה בנים מותרת, ואת שאין לה בנים אסורה. נתיבמו ומתו היבמין, אסורות להנשא. ר' אליעזר אומר. הואיל והותרו ליבמין, הותרו לכל אדם.

ג. אין מעידין אלא על פרצוף פנים עם החוטם. אף על פי שיש סימנין בגופו ובכליו. אין מעידין אלא עד שתצא נפשו, ואפילו ראוהו

עדות אז איר מאן שמעון איז געשטאָרבן קאָן ניט מתיר מאכן לאה'ן, ווייל א פרוי איז ניט באגלויבט עדות צו זאָגן מתיר צו מאכן איר שוועגערין. לזו עדים, אויב די דאָזיקע (לאה) האָט עדות אז איר מאן (ראובן איז געשטאָרבן) און די דאָזיקע (רחל) האָט ניט קיין עדות (אז איר מאן שמעון איז געשטאָרבן) טאָר די (לאה), וועלכע האָט עדות, ניט חתונה האָבן, און די (רחל) וועלכע האָט ניט קיין עדות מעג חתונה האָבן. **מחמת רחל איז דאָך באגלויבט צו זאָגן אז איר מאן שמעון איז געשטאָרבן, און וועגן דעם אז ראובן איר שוואָגער איז געשטאָרבן זענען דאָך פאראן עדות, און דעריבער מעג זי חתונה האָבן. דאקייגן לאה האָט טאקע עדות אז איר מאן ראובן איז געשטאָרבן, אָבער זי האָט דאָך ניט קיין עדות אז איר שוואָגער איז געשטאָרבן, דא־ריבער טאָר זי ניט חתונה האָבן.** לזו בנים, אויב די דאָזיקע (לאה) האָט קינדער (איר מאן ראובן האָט איבערגעלאָזט קינדער) און די דאָזיקע (רחל) האָט ניט קיין קינדער, מעג די (לאה) וועלכע האָט קינדער, יאָ חתונה האָבן, און די (רחל) וועלכע האָט ניט קיין קינדער, טאָר ניט חתונה האָבן. **דאָ מיינט מען אז קיינער פון זיי האָט ניט קיין עדות, ממילא מעג לאה חתונה האָבן, ווייל א פרוי אליין איז דאָך באגלויבט אז איר מאן איז געשטאָרבן, און חליצה דארף זי דאָך ניט נעמען ווייל איר מאן ראובן האָט דאָך איבערגעלאָזט קינדער. אָבער רחל טאָרניט חתונה האָבן, ווייל איר מאן שמעון האָט דאָך ניט איבערגעלאָזט קיין קינדער, און זי דארף נעמען חליצה פון איר שוואָגער ראובן, און לאה'ס עדות זאָגן אז ראובן איז געשטאָרבן טויג דאָך ניט פאר רחלן.** נתיבמו, אויב (ראובן און שמעון) האָבן איבערגעלאָזט צוויי ברידער, לוי און יהודה, און) זיי (לאה און רחל) האָבן חתונה געהאט (מיט זייערע יבמים, און די דאָזיקע יבמים לוי און יהודה) זענען רעדנאָך געשטאָרבן, טאָרן (לאה און רחל) ניט חתונה האָבן. **ווייל וועגן לאה איז אלץ פאראן דער חשש טאָמער לעבט איר שוואָגער שמעון, און וועגן רחלן טאָמער לעבט איר שוואָגער ראובן, כאָטש יעדע פון זיי האָט שוין געהאט חתונה געהאט אויפן יסוד אז איר מאן איז געשטאָרבן.** ר' אליעזר זאָגט, אז ווייל זיי זיינען געהאט מותר געוואָרן (חתונה צו האָבן) מיט זייערע יבמים (לאה מיט לוי און רחל מיט יהודה, און דערנאָך זענען די יבמים, לוי און יהודה, געשטאָרבן) מעגן זיי דערנאָך (שוין חתונה האָבן) מיט יעדן מענטש. **מחמת דאָס וואָס יעדע פון זיי האָט חתונה געהאט האָט געשאפן די חזקה, די פעסטשטעלונג אז זייערע מענער זענען גע־שטאָרבן.**

ג. אין, מען זאָגט ניט קיין עדות (וועגן א מענטש, אז ער איז געשטאָרבן) סיידן מען דערקענט אים לויט זיין פנים צוזאמען מיט דער נאָז, כאָטש עס זענען פאראן סימנים אין זיין קערפער אָדער אין זיינע קליידער. **אויב מען געפינט א טויטן מענטש און מען וויל מתיר מאכן זיין ווייב חתונה צו האָבן, מוז מען דערקענען דעם מת ריכ־טיק, אז דאָס איז דער פרוי'ס מאן. זאָגט די משנה, אז אויב מען דערקענט דעם מענטש נאָר לויט דעם פנים אליין, אָן דער נאָז, טויג ניט; און אפילו מען דערקענט אין דעם מת, אז ער האָט דיזעלבע סימנים אין זיין קערפער אָדער אין זיינע קליידער, וואָס דער מאן פון דער פרוי האָט געהאט, טויג אויך ניט. עס מוז זיין דער פנים צוזאמען מיט דער נאָז. די מפרשים זאָגן, אז א סימן מובהק (א שטארקער סימן) אין קערפער, למשל עס האָט אים געפעלט א אבר, טויג יאָ, און מען קאָן דערויף יאָ עדות זאָגן אז דאָס איז דער פרויס מאן. אָבער אין קליידער טויג אפילו א סימן מובהק אויך ניט, ווייל קליידער איז דער שטייגער צו באָרגן, און עס קאָן זיין אז דער טויטער מענטש האָט**

מגוייד וצלוב, והחיה אוכלת בו. אין מעידין אלא עד שלשה ימים. ר׳ יהודה בן בבא אומר, לא כל האדם ולא כל המקום ולא כל השעות שוין:

ד. נפל למים, בין שיש להן סוף בין שאין להן סוף, אשתו אסורה. אמר ר׳ מאיר, מעשה באחד שנפל לבור הגדול, ועלה לאחר שלשה ימים. אמר ר׳ יוסי, מעשה בסומא שירד לטבול במערה, וירד מושכו אחריו,

---

געבאָרגט די קליידער ביי דער פרוי׳ס מאַן. דאָס וואָרט „פרצוף" איז, ווי ר׳ בנימין מוספיא זאָגט אין „מוסף הערוך" דאָס גריכישע וואָרט „פּראָסאָפּאָן", דאָס פּנים. אין מעידין, מען זאָגט ניט עדות (אויף א מענטש, אז ער איז געשטאָרבן כדי מתיר צו מאכן זיין פרוי חתונה צו האָבן) סיידן ווען זיין נשמה איז שוין אויסגעגאנגען (מען זעט אז ער איז שוין געשטאָרבן, און ניט ווען מען לאָזט אים א גוסס), און אפילו מען זעט אים (דעם מענטש) אז ער איז צעשניטן (מגוייד) אָדער ער איז אויפגעהאָנגען (ער הענגט, און זיין קערפּער איז צוגעקלאַפּט צו א באלקאָן מיט טשוועקעס, צלוב), און אפילו א חיה עסט פון אים שטיקער (טאָר מען ניט עדות זאָגן אויף אים אז ער איז געשטאָרבן). **מען מעג עדות זאָגן נור ווען מען זעט אז ער איז שוין געשטאָרבן. דער דין איז, אז ווען מען זעט ווי א חיה עסט אים פון אזא אבר, פון וואָס ער מוז שטארבן, מעג מען יאָ אויף אים עדות זאָגן.** אין מעידין, מען זאָגט ניט עדות (אויף א טויטן מענטש, אז דאָס איז דער פרוי׳ס מאַן) סיידן ביז דריי טעג. **אָבער נאָך דריי טעג זינט זיין טויט ענדערט זיך א טויטער מענטש אזוי שטארק אז מען קאָן זיך ניט פארלאָזן דערויף אז מען דערקענט אים.** ר׳ יהודה בן בבא זאָגט, אז ניט יעדער מענטש און ניט יעדעס אָרט און ניט יעדע צייט איז גלייך. **למשל פעטע מענטשן ענדערן זיך געשווינ־ דער נאכ׳ן טויט; אויך אין א הייס אָרט ענדערט זיך א טויטער מענטש געשווינדער; דאָס זעלביקע ענדערט זיך דער קערפּער פון א טויטן געשווינדער אין א הייסער צייט. לויט ר׳ יהודה בן בבא דארף מען אין יעדן פאל באזונדער נעמען אין באטראכט דעם מענטש און דאָס אָרט און די צייט.**

ד. נפל, אויב ער (א מאַן) איז אריינגעפאלן אין א וואסער, סיי עס (דאָס וואסער) האָט א סוף און סיי עס האָט ניט קיין סוף (און מען האָט אים ניט געזען מער ארויפ־ קומען פון וואסער), טאָר זיין ווייב ניט חתונה האָבן. **מיט „וואסער וואָס האָט א סוף (מים שיש להם סוף) מיינט מען א קליינע יעזשארע (לעיק), וואָס מען זעט אלע פיר זייטן פון די וואסער־ברעגעס. „וואסער וואָס האָט ניט קיין סוף" מיינט למשל א טייך, וואָס מען זעט נור צווי ברעגעס, און פון די אנדערע צווי זייטן ציט זיך דאָס וואסער כסדר, מען זעט ניט דעם סוף דערפון. די גמרא ברענגט א ברייתא, אז די חכמים קריגן אויף ר׳ מאיר און זיי זאָגן, אז נור ווען דער מאַן איז אריינגעפאלן אין א וואסער וואָס האָט ניט קיין סוף, טאָר זיין ווייב ניט חתונה האָבן, ווייל עס קאָן זיין, אז דאָס וואסער האָט אים פארטראָגן ערגיץ ווייט, און ער איז פון דאָרט ארויסגעקומען א לעבעדיגער און ער איז אוועק. אָבער ביי וואסער וואָס האָט א סוף, און מען זעט די ברעגעס פון אלע פיר זייטן, און מען וואַרט און מען זעט, אז ער קומט ניט ארויף, און לענגער קאָן ער שוין אין וואסער ניט לעבן, מעג זיין ווייב יאָ חתונה האָבן.** אָמר, האָט ר׳ מאיר געזאָגט (געבראַכט א ראיה צו זיין דין): עס איז געווען א מעשה מיט איינעם, וועלכער איז אריינגעפאלן אין דעם גרויסן ברונעם (בור הגדול), און ער איז ארויפגעקומען (לעבעדיק) נאָך דריי׳ טעג. **און אזוי ווי דער גרויסער ברונעם איז דאָך א וואסער וואָס האָט א סוף, איז א סימן, אז מען קאָן דאָרט לעבן לאנג.** אָמר ר׳ יוסי, האָט ר׳ יוסי געזאָגט (געבראַכט א ראיה צום דין פון די חכמים): עס איז גע־ ווען א מעשה מיט א בלינדן מאַן, וועלכער איז אראָפּגעגאנגען זיך טובל צו זיין אין א הייל (מיט וואסער, און ער איז ניט ארויפגעקומען) און עס איז נאָך אים אראָפּגעגאנגען (אין דער הייל, א מאַן) וואָס האָט אים געדארפן ארויסנעמען (און אויך דער דאָזיקער מאַן איז ניט מער ארויפגעקומען), און מען האָט געוואַרט אזוי לאנג ביז (מען איז גע־

ושהו כדי שתצא נפשם, והשיאו נשותיהם. ושוב מעשה בעסיא באחד ששלשלוהו לים, ולא עלה בידם אלא רגלו, אמרו חכמים, מן הארכובה ולמעלה תנשא, מן הארכובה ולמטה לא תנשא:

ה. אפילו שמע מן הנשים אומרות „מת איש פלוני״, דיו. ר׳ יהודה אומר אפילו שמע מן התינוקות אומרים „הרי אנו הולכין לספוד ולקבור את איש פלוני״. בין שהוא מתכוין ובין שאינו מתכוין. ר׳ יהודה בן בבא אומר, בישראל עד שיהא מתכוין, ובנכרי אם היה מתכוין אין עדותו עדות:

ווען זיכער, אז) זייער נשמה איז אויסגעגאנגען (אז מער קאָנען זיי ניט לעבן אונטערן וואסער), און מען האָט (מתיר געמאכט) זייערע ווייבער חתונה צו האָבן. ווייל די הייל מיט וואסער איז א וואסער וואָס האָט א סוף. ושוב, און נאָך א מעשה איז געווען אין עסיא מיט איינעם, וועלכן מען האָט אראָפּגעלאָזט אין ים אריין (עפּיס צו געפינען דאָרט, און ווען מען האָט אים צוריק ארויפגעצויגן) האָט מען ארויפגעצויגן ניט מער ווי זיין פוס, האָבן די חכמים געזאָגט אז אויב (דער פוס) איז געווען אפּגעהאקט פון דער קני און העכער, מעג זי (זיין ווייב) חתונה האָבן, און אויב פון דער קני און נידעריקער, טאָר זי ניט חתונה האָבן. דער טעם איז, ווייל א ים איז א וואסער וואָס האָט ניט קיין סוף, און דאריבער אויב דער פוס איז געווען אפּגעשניטן פון דער קני און נידריקער, נעמט מען אָן, אז ער קאָן נאָך לעבן, און עס קאָן דאריבער זיין, אז ער איז אוועקגעשוואומען אין א ווייט אָרט און ער איז דאָרט ארויס א לעבעדיקער, אָבער אויב דער פוס איז אָפּגעהאקט פון דער קני און העכער, נעמט מען אָן ער קאָן סיי ווי שוין ניט לעבן, און זיין ווייב מעג דאריבער חתונה האָבן. וועגן דעם אָרט „עסיא״, וואָס ווערט דערמאָנט א סך מאָל אין דער גמרא, זענען פאראן א סך מיינונגען, וואו דאָס האָט זיך געפינען. טייל חוקרים מיינען, אז דאָס איז קליין־אזיע. אנדערע חוקרים מיינען, אז דאָס איז געווען אן אָרט אין יענער זייט ירדן לעבן ארץ ישראל ביים ים כנרת, אָבער עס איז ניט געווען ארץ ישראל.

ה. אפילו, אפילו איינער האָט געהערט פון פרויען ווי זיי זאָגן, „יענער מאן (זיי רופן אים ביים נאָמען) איז געשטאָרבן״, איז גענוג. מעג ער גיין צום בית דין און עדות זאָגן, אז יענער מאן איז געשטאָרבן כדי זיין פרוי זאָל מעגן חתונה האָבן. בכלל האָבן די חכמים פארלייכטערט דאָס גלויבן ביי „עדות אשה״, ביי עדות וועגן אַ מאן אז ער איז געשטאָרבן און זיין ווייב זאָל מעגן חתונה האָבן, צוליב תקנת עגונות, כדי ווייבער זאָלן ניט בלייבן עגונות און ווייל מען נעמט אָן, אז דאָס ווייב אליין, איידער זי גייט חתונה האָבן פאָרשט זי גוט אויס, צי איר מאן איז טאקע געשטאָרבן, וואָרום זי האָט דאָך מורא טאָמער וועט דער מאן צוריקקומען. ר׳ יהודה זאָגט, אז אפילו ער האָט געהערט פון קינדער ווי זיי זאָגן „מיר גייען באקלאָגן און קובר זיין יענעם מאן״ (און רופן אים ביים נאָמען). אויך דאָס איז שוין גענוג צו קאָנען עדות זאָגן. די גמרא זאָגט, אז די משנה מיינט, אז די קינדער האָבן געזאָגט, אז זיי קומען פון דעם הספד און דער קבורה פון יענעם מאן, און אז אזוי פיל רבנים זענען דאָרט געווען און אזוי האָט מען מספיד געווען; מחמת אויב ניט קאָן זיין אז די קינדער שפּילן זיך אין הספד און קובר זיין, און זיי רופן אָן עפּיס א טויטע מוראשקע מיטן נאָמען פון א מענטש, און האָבן זי קובר געווען. בין שהוא, סיי ער (דער מענטש, פון וועמען ער האָט געהערט, אז ער זאָגט אז יענער מאן איז געשטאָרבן) האָט מכוון געווען דערמיט (עדות צו זאָגן) און סיי ער האָט ניט מכוון געווען (עדות צו זאָגן). אבי מען האָט געהערט ווי ער זאָגט, אז יענער מאן איז געשטאָרבן, מעג מען שוין אויף דעם דאָזיקן יסוד קומען עדות זאָגן. ר׳ יהודה בן בבא זאָגט, אז אויב (דער מענטש פון וועמען מען האָט געהערט ווי ער זאָגט, אז יענער מאן איז געשטאָרבן, איז) א ייד, דארף ער האָבן מכוון געווען (עדות צו זאָגן), און אויב ער איז א גוי, אויב ער האָט מכוון געווען (עדות

ו. מעידין לאור הנר, ולאור הלבנה, ומשיאין על פי בת קול. מעשה באחד שעמד על ראש ההר, ואמר, „איש פלוני בן פלוני ממקום פלוני מת״, הלכו ולא מצאו שם אדם, והשיאו את אשתו. ושוב מעשה בצלמון באחד שאמר „אני איש פלוני בן איש פלוני נשכני נחש והרי אני מת״; והלכו ולא הכירוהו, והשיאו את אשתו:

ז. אמר ר׳ עקיבא, כשירדתי לנהרדעא לעבר השנה, מצאתי נחמיה איש בית דלי, אמר לי, שמעתי שאין משיאין את האשה בארץ ישראל על פי עד אחד, אלא רבי יהודה בן בבא; ונומיתי לו, כן הדברים, אָמר לי,

---

צו זאָגן) איז ער ניט באגלויבט. **ביי א גוי מוז דוקא זיין אז ער דערציילט דאָס סתם אין דער ווערט אריין, מסיח לפי תומו, ערשט דאמאָלס גלויבט מען אים. אין איין נוסח אין דער משנה איז פאראן אז „ביי א ייד איז אפילו ער האָט מכוון געווען״. דאָס הייסט, סיי ער האָט מכוון געווען און סיי ער האָט ניט מכוון געווען, איז גוט.**

ו. מעידין, מ׳קאָן עדות זאָגן (אז מ׳האָט געזען ווי א מאן איז טויט אפילו מ׳האָט אים געזען ניט בייטאָג, נאָר) ביי דער ליכט פון א לעמפל (אור הנר, פון א ליכט) אָדער ביי דער ליכט פון דער לבנה; און מען מעג מתיר זיין (א פרוי) חתונה צו האָבן (אויב מען האָט געהערט) פון א בת קול (פון סתם א שטימע, וואָס רופט אז דער מאן איז גע־שטאָרבן). „בת קול״ (די „טאָכטער פון א שטימע״) מיינט **א קלאנג, סתם א שטימע, און מען זעט ניט ווער עס זאָגט. אין דער גמרא איז פאראן אָפט „בת קול״ צו באַ־צייכענען „די שטימע פון הימל״.** מעשה, עס איז געווען א מעשה, מיט איינעם, וועל־כער איז געשטאַנען אויף א שפיץ בארג, און ער האָט געזאָגט (אויסגערופן הויך): „יע־נער מאן דער זון פון יענעם מאן (פלוני בן פלוני, און האָט אָנגערופן אים ביים נאָמען און ביי זיין פאָטערס נאָמען) פון יענעם אָרט איז געשטאָרבן״, (און) מען איז צוגעגאנגען (צום בארג) און מען האָט דאָרט ניט געטראָפן קיין מענטש, און מען האָט מתיר גע־מאכט חתונה צו האָבן זיין ווייב (דאָס ווייב פון דעם מאן, וועגן וועמען דער אויסרופער האָט געזאָגט, אז ער איז געשטאָרבן). **דערפון איז די ראיה אז אויפ׳ן יסוד פון א בת קול מעג מען מתיר מאכן די פרוי חתונה צו האָבן.** ושוב מעשה, און נאָך א מעשה איז געווען אין (דעם אָרט) צלמון מיט איינעם, וועלכער האָט געזאָגט: „איך דער און דער מאן דער זון פון יענעם מאן (ער האָט געזאָגט זיין נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען), בין געוואָרן געביסן פון א שלאנג, און איך האלט ביים שטארבן״, און מען איז צוגע־קומען צו אים (ווען ער איז שוין געווען טויט) און מען האָט אים ניט דערקענט, און מען האָט (פונדעסטוועגן) מתיר געמאכט זיין פרוי חתונה צו האָבן. **וועגן דעם אָרט „צלמון״ האָבן מיר געגעבן אין מסכתא כלאים פרק ד׳ משנה ט׳, וואו עס ווערט אויך דערציילט א מעשה וועגן דעם אָרט צלמון.**

ז. אָמר, האָט ר׳ עקיבא געזאָגט: איינמאָל בין איך אראָפגעגאנגען (פון ארץ ישׂ־ראל קיין בבל) קיין נהרדעא א(שטאָט אין בבל) כדי צו מאכן א עיבור־יאָר. **עס איז וויזט אויס געווען א צייט אין ארץ ישראל, ווען די רוימישע רעגירונג, וועלכע האָט דאָרט געהערשט (נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש) האָט ניט געלאָזט דאָס סנהדרין צו מאכן עיבור־יאָרן, ווארום אין יענער צייט איז ניט געווען א פעסטער לוח ווי היינט, נאָר דאָס סנהדרין האָט געמאכט די עיבור־יאָרן (א עיבור־יאָר הייסט א יאָר וואָס האָט 13 חדשים, א 2טן חודש אָדר, אָדר שני). דאמאָלס האָט דאָס סנהדרין געשיקט דעם תנא ר׳ עקיבא קיין בבל (וואו די רוימישע רעגירונג האָט ניט געהערשט) אז ער זאָל דאָרט מאכן א עיבור־יאָר. דאמאָלס איז די שטאָט נהרדעא געווען די גרעסטע יידישע שטאָט אין בבל. דערציילט ר׳ עקיבא, אז ווען ער איז געקומען קיין נהרדעא —** מצאתי, האָט מיך געטראָפן נחמיה דער מאן פון דעם אָרט בית דלי (איש בית דלי), און ער האָט מיר געזאָגט: „איך האָב געהערט, אז אין ארץ ישראל איז מען ניט מתיר א פרוי חתונה צו האָבן לויט איין עדות (אויב עס איז נור פאראן איין עדות וואָס

אמור להם משמי, אתם יודעים שמדינה משובשת בגייסות, מקובלני מ־רבן גמליאל הזקן שמשיאין את האשה על פי עד אחד. וכשבאתי והרצתי הדברים לפני רבן גמליאל, שמח לדברי, ואמר, מצאנו חבר (לו) לר׳ יהו־דה בן בבא. מתוך הדברים נזכר רבן גמליאל, שנהרגו הרוגים בתל ארזא והשיא רבן גמליאל (הזקן) נשותיהם על פי עד אחד (והוחזקו להיות משיאין על פי עד אחד), והוחזקו להיות משיאין עד מפי עד, מפי עבד, מפי אשה, מפי שפחה: ר׳ אליעזר ור׳ יהושע אומרים, אין משיאין את האשה על פי עד אחד. ר׳ עקיבא אומר, לא על פי אשה, (ולא על פי עבד, ולא

זאָגט, אז דער פרוי׳ס מאן איז געשטאָרבן) און נור ר׳ יהודה בבא אליין (איז מתיר), און איך (ר׳ עקיבא) האָב צו אים געזאָגט (ונומיתי לו, פון „נאם״, „נם״, רעדן, זאָגן): „אזוי איז עס״. **דאָס הייסט, אז ר׳ עקיבא האָט אים געזאָגט, אז עס איז ריכטיק, אז אלע אנדערע חכמים זענען מחולק אין דעם דין מיט ר׳ יהודה בן בבא.** אָמר לי, האָט ער (נחמיה) מיר געזאָגט: „זאָג זיי (די חכמים אין ארץ ישראל) אין מיין נאָמען, אז איר ווייסט דאָך, אז דאָס דאָזיקע לאנד איז באאומרוהיקט דורך מיליטערישע באנדעס (גייסות, און איך קאָן ניט קומען צו זיי קיין ארץ ישראל עדות צו זאָגן וואָס איך האָב געהערט, אָבער) אזא קבלה האָב איך פון רבן גמליאל הזקן, אז מען איז מתיר א פרוי חתונה צו האָבן (אויך) דורך איין עדות. **רבן גמליאל הזקן איז געווען נשיא אין ירושלים לערך צוואנציג יאָר פארן חורבן פון 2טן בית המקדש, און ער איז געווען דער זיידע פון רבן גמליאל דעם 2טן, וועלכער איז געווען נשיא אין ארץ ישראל, אין דער שטאָט יבנה, אין דער צייט פון ר׳ עקיבא.** וכשבאתי, (און ר׳ עקיבא דערציילט ווייטער): און ווען איך בין געקומען (פון בבל קיין ארץ ישראל) און האָב דערציילט די דאָזיקע ווערטער (פון נחמיה) פאר רבן גמליאל (פון יבנה), האָט ער זיך דערפרייט מיט מיינע ווערטער, און ער האָט געזאָגט, אז מיר האָבן געפונען א חבר צו ר׳ יהודה בן בבא. **דאָס הייסט, אז אויך נאָך א תנא, נחמיה, האָט די זעלביקע קבלה וואָס ר׳ יהודה בן בבא אז מען איז מתיר חתונה צו מאכן א פרוי אויב איין עדות זאָגט אז איר מאן איז געשטאָרבן.** מתוך הדברים, פון די דאָזיקע רייד האָט זיך רבן גמליאל דערמאָנט, אז ווען עס זיינען געהאט געהרגעט געוואָרן מענטשן אין (דעם אָרט) תל ארזא האָט רבן גמליאל הזקן (טאקע) מתיר געמאכט זייערע ווייבער דורך איין עדות. און (פון דא־מאָלס אָן) איז איינגעפירט געוואָרן (הוחזקו, האָט מען אָנגענומען) מתיר צו מאכן חתונה צו מאכן דורך איין עדות, און דורך א עדות וואָס האָט געהערט פון אן אנדערן עדות (עד מפי עד, דער עדות האָט אליין ניט געזען אז דער מאן איז געשטאָרבן, נאָר ער האָט עס געהערט פון אן אנדערן עדות, וואָס יענער האָט געזען), און דורך א שקלאַף, און דורך א פרוי און דורך א שקלאפין. **געוויינטליך איז ביי אנדערע זאכן, ווי געלט־זאכן, ניט באגלויבט א עד מפי עד, און אויך זענען פסול עדות צו זאָגן א שקלאַף, צו א פרוי, צי א שקלאפין. אָבער דאָ ביי עדות אשה, עדות צו זאָגן, אז דער מאן פון א פרוי איז געשטאָרבן און זי זאָל מעגן חתונה האָבן, זענען זיי אלע באגלויבט.** ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע זאָגן, אז מען טאָרניט מתיר מאכן א פרוי חתונה צו האָבן דורך איין עדות; ר׳ עקיבא זאָגט (אז מען טאָרניט מתיר זיין) דורך (דעם עדות זאָגן פון) א פרוי און ניט דורך א שקלאף און ניט דורך א שקלאפין און ניט דורך קרובים. **אויך קרובים, נאָנטע משפחה זענען פסול עדות צו זאָגן; זאָגט ר׳ עקיבא, אז אויך ביים עדות זאָגן וועגן א פרוי אז איר מאן איז געשטאָרבן זענען קרובים פסול. אָבער די חכמים האלטן, אז אפילו איין עדות, און א פרוי, און א שקלאַף, און אַ שקלאפין, און קרובים (א חוץ די 5 קרובים, וועלכע ווערן אויסגערעכנט פריער א ין פרק ט״ו משנה ד׳) זענען באגלויבט עדות צו זאָגן.** אָמרו לו, האָבן די חכמים געזאָגט צו אים (צו ר׳ עקיבא): עס איז געווען א מעשה מיט לויים (בני לוי, מענטשן לויים) וועלכע זענען געגאנגען צו (דער שטאָט) צוער, דער שטאָט פון טייטלן (עיר התמרים), און איינער פון

על פי שפחה), ולא על פי קרובים. אָמרו לו, מעשה בבני לוי שהלכו לצוער עיר התמרים, וחלה אחד מהם בדרך, והביאוהו בפונדק ובחזרתם אמרו לפונדקית „איה חברינו?״ אָמרה להם „מת, וקברתיו״, והשיאו את אשתו. אמרו לו, ולא תהא כהנת כפונדקית? אָמר להם, לכשתהא פונדקית נאמנת, הפונדקית הוציאה להם מקלו ותרמילו וספר תורה שהיו בידו:

(נשלמה מסכת יבמות)

זיי איז קראנק געוואָרן אין וועג, און זיי (זיינע חברים) האָבן אים אריינגעבראכט אין א גאסט־הויז (פונדק), און (זיי״ זענען געגאנגן וויטער אין זייער וועג און) ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי געזאָגט צו דער גאסט־הויז־פרוי (פונדקית): „וואו איז אונדזער חבר?״, און זי האָט זיי געענטפערט: „ער איז געשטאָרבן און איך האָב אים קובר געווען״, און מען האָט (אויפן יסוד פון עדות זאָגן פון דער גאסט־הויז־פרוי) מתיר געמאכט חתונה צו מאכן זיין ווייב. (דערפון) האָבן די חכמים געזאָגט צו אים (צו ר׳ עקיבא): סטייטש זאָל א פרוי א כהנית (א מיוחסת, א כהנ׳ס א פרוי) ניט זיין ערגער פון דער גאסט־הויז־פרוי ?! **די חכמים ברענגען פון דער דאָזיקער מעשה די ראיה, אז יעדער איז באגלויבט, מחמת די גאסט־הויז־פרוי, די פונדקית (ווי די גמרא זאָגט) איז געווען א גויה, און אויב זי איז באגלויבט, דארפן דאָך א יידישע פרוי אודאי זיין באגלויבט. מיט „כהנית״ מיינט מען ניט דוקא א כהנ׳ס א פרוי, נאָר בכלל א יחסנטע, יעדע יידישע פרוי.** אָמר להם, האָט ער (ר׳ עקיבא) צו זיי (צו די חכמים געזאָגט): (יעדע פרוי) וועט זיין באגלויבט אויב זי וועט זיין אזוי ווי די גאסט־הויז־פרוי (דהיינו), די גאסט־הויז־פרוי האָט צו זיי (צו די חברים פון דעם פארשטאָרבענעם) ארויסגעגעבן זיין שטעקן און זיין רייזע־זאק (תרמיל) און די ספר תורה וואָס ער (דער פארשטאָרבענער) האָט געהאט. **דאָס הייסט, זי האָט זיי דערציילט ניט מיט דער כוונה עדות צו זאָגן, נאָר סתם, אז זייער חבר איז געשטאָרבן און האָט זיי ארויסגעגעבן זיינע זאכן. — דאָס וואָרט „פונדק״ איז (ווי ר׳ בנימין מוספיא זאָגט אין „מוסף הערוך״) דאָס גריכישע וואָרט „פאנטאָקיאָן״, א גאסט־הויז, און דערפון איז דאָס וואָרט „פונדקית״ דער נאָמען פאר דער פרוי דער בעל־הבית׳טע פון גאסט־הויז.**

(סליק מסכתא יבמות — געענדיקט די מסכתא יבמות)

מסכתא כתובות

הקדמה

די מסכתא כתובות, וועלכע האָט 13 פּרקים, לערנט מייסטנס די הלכות וועגן דער כתובה. דאָס וואָרט „כתובה" איז פון „כתב", „שרייבן", און מען מיינט דערמיט דאָס כתב, דעם געשריבענעם אפמאך, וואָס דער מאן גיט דעם ווייב ווען ער האָט מיט איר חתונה, און אין דער כתובה זענען פאראן אלע התחייבות, וואָס דער מאן נעמט אויף זיך בנוגע זיין ווייב. די ערשטע התחייבות איז, אז אויב דער מאן וועט געבן א גט זיין ווייב, אָדער ער וועט שטארבן, דארף זי באַקומען געלט. די חכמים האָבן מתקן געווען, אז אויב ווען דער מאן האָט חתונה געהאַט מיט זיין ווייב איז זי געווען א בתולה, באטרעפט די דאָזיקע געלט־סומע (די דאָזיקע געלט־סומע ווערט אָנגערופן אין דער משנה סתם „כתובה", און מיר וועלן אויך אזוי רופן), די „כתובה" 200 דינר; מען זעצט איבער א „דינר" מיט „גילדן". און אויב זי איז ניט געווען קיין בתולה צו דער חתונה, איז די כתובה נור הונדערט גילדן. דער מאן קאָן אין דער כתובה צו־לייגן צו דער דאָזיקער סומע וויפיל ער וויל, און דאָס הייסט „תוספת כתובה", דער צוגאָב; אָבער ווינציקער פון 200 גילדן (מאתים) פאר א בתולה און פון 100 גילדן (מנה) פאר ניט קיין בתולה, קאָן מען ניט געבן. נאָכמער, אפילו דער מאן האָט ניט געשריבן קיין כתובה, קומט אויך זיין ווייב די כתובה. אין דער כתובה זענען אויך איינגעשריבן אנ־דערע התחייבותן פון מאן, ווי למשל, אז ער דארף געבן דעם ווייב מזונות (עסן און הלבשה), ער דארף איר היילן ווען זי איז קראנק, ער דארף איר אויסלייזן פון געפאנ־גענשאפט אויב רויבער פאנגן איר. עס איז אויך געווען אין דער צייט פון דער משנה און גמרא איינגעשריבן די „כתובת בנין דכרין" (די כתובה פון קינדער זכרים). דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס טיילמאָל האָט דער מאן געהאַט עטליכע ווייבער, און ער האָט פון יעדער פון זיי געהאַט זין; האָט מען איינגעפירט, אז ווען דער מאן איז גע־שטאָרבן האָבן יעדע פון די זין קודם כל גענומען פון דער ירושה די כתובה פון זייער מוטער (אויב די מוטער האָט שוין אויך ניט געלעבט), און מיט דער איבריקער ירושה האָבן זיי זיך צוטיילט. למשל די כתובה פון איין ווייב האָט באטראָפן 100 גילדן און פון דעם אנדערן ווייב 200 גילדן און פון 3טן ווייב 300 גילדן, און דער מאן איז גע־שטאָרבן (און למשל אויב אויך אלע דריי ווייבער זענען געשטאָרבן) און ער האָט איבערגעלאָזט א ירושה פון 1000 גולדן, — נעמען די זין פון ערשטן ווייב דערפון 100 גילדן, און די זין פון 2טן ווייב 200 גולדן, און די זין פון 3טן ווייב 300 גילדן. און מיט די איבערגעבליבענע 400 גולדן צעטיילן זיך אלע זין גלייך. אין דער כתובה איז אויך איינגעשריבן, אז די טעכטער וואָס וועלן בלייבן מיידלעך, זאָלן באַקומען זייער אויסהאלטונג (עסן און הלבשה) ביז זיי וועלן חתונה האָבן (מזונות הבנות).

אין דער מסכתא כתובות ווערן געלערנט נאָך אנדערע הלכות (וועגן דער געלט שטראָף פאר מאנס זיין און איבערעדן א מיידל און אנדערע הלכות), און וועגן זיי וועלן מיר געבן, ווען מיר וועלן צוקומען צו די פּרקים מיט די דאָזיקע הלכות.

כדי בעסער צו פארשטיין די הלכות איז נוטיק צו געבן עטליכע דערקלערונגען וועגן ווערטער וואָס ווערן אין דער מסכתא כתובות באנוצט, און וועגן א מנהג אין די צייטן פון דער משנה, דהיינו:

אין יענע צייטן איז געווען דער מנהג (ניט ווי אין היינטיקער צייט), אז שוין בעת די תנאים האָט דער חתן מקדש געווען די כלה, ער האָט איהר געגעבן געלט (צי א שטר) און געזאָגט צו איר „הרי את מקודשת לי". דאָס האָט געהייסן אז די כלה איז געוואָרן זיין „ארוסה", זיין ווייב „מן האירוסין". ערשט שפּעטער (געוויינטליך נאָך 12 חדשים) איז פאָרגעקומען די פאָלשטענדיקע חתונה, א חופה און דער חתן האָט אהיימגענומען זיין ווייב (ביז דער חתונה, די גאנצע צייט ווען די כלה איז אן ארוסה, איז זי געווען אין הויז פון אירע עלטערן), און פון איצט אָן הייסט דאָס ווייב א „נשואה", א אינגאנצן־חתונה־געהאַטע. זאָל דער לערנער גוט געדענקן וואָס מען

מסכת כתובות

פרק א.

א. בתולה נשאת ליום הרביעי, ואלמנה ליום החמישי, שפעמים בשבת בתי דינין יושבין בעיירות, ביום השני וביום החמישי, שאם היה לו טענת בתולים היה משכים לבית דין:

ב. בתולה כתובתה מאתים, ואלמנה מנה. בתולה אלמנה גרושה וחלוצה מן האירוסין כתובתן מאתים, ויש להן טענת בתולים. הגיורת

מיינט אן „ארוסה״, און וואס א „נשואה״. „מארס זיין״ הייסט „מקדש זיין״. אויך אן „ארוסה״ הייסט א פארהייראטעטע פרוי, אן אשת איש, און זי האט אלע דינים פון אן אשת איש, זי קאן ניט חתונה האבן מיט אן אנדערן מאן, סיידן איר ערשטער מאן גיט איר א גט אדער ער שטארבט. אויב זי לעבט מיט אן אנדערען מאן ווען זי איז אן ארוסה, איז עס דאסזעלביקע ווי אן אשת איש איז מזנה (א חוץ וועגן דער שטראף וואס איז אביסל אנדערש) און דער מאן טאר מער ניט מיט איר ווארינען אויב זי האט עס געטאן במזיד, מיט איר ווילן (און אויב דער מאן איז א כהן טאר ער מיט איר ניט וואוינען אפילו זי האט עס געטאן באונס, קייגן איר ווילן, מען האט זי פארגוואל־דיקט).

פרק א.

א. בתולה, א מיידל האט חתונה מיטוואך, און אן אלמנה דאנערשטאג; (פאר־וואס האט א מיידל חתונה מיטוואך)? ווייל צוויי מאל אין דער וואך זיצן בית דין (יידישע געריכטן פון דיינים און פסקענען דין־תורות) אין די שטעט, (די צוויי מאל זענען) מאנטאג (ביום השני) און דאנערשטאג, (אזוי) אז אויב ער (דער מאן) וועט האבן (באלד נאך דער חתונה) א טענה פון (ניט האבן געפינען ביי זיין ווייב קיין) בתולים (סימנים פון מיידלשאפט), זאל ער קאנען (באלד צומארגענס) אין דער פרי קומען צום בית דין (און פארלייגן זיין טענה). **די גמרא פרעגט, פארוואס האט מען ניט איינגעפירט אז א מיידל זאל קאנען חתונה האבן אויך זונטאג, מחמת צומארגנס מאנ־טאג זיצט דאך אויך א בית דין? און די גמרא ענטפערט, אז די חכמים האבן געוואלט געבן צייט צוצוגרייטן צו דער חתונה סעודה 3 טעג, און שבת פאר זונטאג איז דאך ניט־מעגליך צוצוגרייטן. — וועגן דער תקנה אז מאנטאג און דאנערשטאג זאלן זיצן בית דין אין די שטעט האבן מיר געגעבן אין פרק א׳ משנה א׳ אין מסכתא מגילה —שפעטער איז די תקנה אז א מיידל זאל חתונה האבן מיטוואך און אן אלמנה דא-נערשטאג, געווארן אפגעשאפט.**

ב. בתולה, א בתולה (אז א פרוי איז א בתולה צו דער חתונה איז איר כתובה (דאס געלט וואס קומט איר אלס כתובה ווען דער מאן גט איר אדער ווען ער שטארבט) צוויי הונדערט (גילדן, דינר), און אן אלמנה (אויב זי איז געווען צו דער חתונה אן אלמנה איז איר כתובה נאר) הונדערט (גולדן). **וועגן כתובה זע אין דער הקדמה צו דער דאזיקער מסכתא כתובות.** בתולה אלמנה, (אויב א פרוי איז געווען צו דער חתונה) א בתולה (כאטש זי איז געווען אן אלמנה אדער א גרושה אדער א חלוצה בלויז פון אירוסין (מען האט איר נאר געהאט מקדש געווען) איז איר כתובה צוויי הונדערט (גילדן). **די משנה לערנט דא, אז אויב א פרוי האט שוין געהאט א מאן, אבער זי האט נאכניט געהאט מיט אים איינגאנצן חתונה געהאט, און זי איז געווען זיין פרוי נאר דורך „אירוסין״, ער האט זי נאר געהאט מקדש געווען (זע אין דער הקדמה צו דער מסכתא כתובות), און איידער ער האט חתונה געהאט מיט איר, איז דער מאן גע־שטארבן און זי איז געווארן אן אלמנה, אדער ער האט איר גע׳גט, אדער ער איז גע־שטארבן אן קינדער און זיין ברודער האט איר געגעבן חליצה (זע אין דער הקדמה צו מסכתא יבמות), און דערנאך האט די פרוי חתונה געהאט מיט א צווייטן מאן, — איז איר כתובה פון דעם 2טן מאן 200 גילדן. דער טעם איז, ווייל צו דער חתונה**

והשבויה והשפחה, שנפדו ושנתגיירו ושנשתחררו פחותות מבנות שלש שנים ויום אחד, כתובתן מאתים, ויש להן בתולים:

ג. הגדול שבא על הקטנה, וקטן שבא על הגדולה, ומוכת עץ, כתובתן מאתים, דברי ר׳ מאיר; וחכמים אומרים, מוכת עץ כתובתה מנה:

ד. בתולה אלמנה גרושה וחלוצה מן הנשואין, כתובתן מנה, ואין להם טענת בתולים. הגיורת והשבויה והשפחה, שנפדו ושנתגיירו ושנשתחררו יתירות על בנות שלש שנים ויום אחד, כתובתן מנה, ואין להן טענת בתולים.

מיט דעם 2טן מאן איז זי נאָך געווען א בתולה, מחמת דער ערשטער מאן האָט נאָך מיט איר ניט געהאט געלעבט. ויש להן, און (דער צווייטער מאן) קאָן האָבן צו זיי די טענה (פון ניט האָבן געפינען ביי זיי ביי דער חתונה) בתולים (די סימנים פון מיידלשאפט). מחמת ער האָט דאָך חתונה געהאט מיט זיי מיינענדיג אז זיי זענען בתולות. אין אזא פאל קאָן ער זיי גטן און ניט געבן זיי די כתובה. הגיורת, א גר׳טע, אָדער א געפאנגענע, אָדער א שקלאפין, וועלכע (די געפאנגענע) איז געוואָרן אויסגעלייזט פון געפאנגשאפט, און די גר׳טע) האָט זיך געהאט מגייר געווען, און (די שקלאפין) איז געהאט געוואָרן באפרייט, איידער זיי זענען אלט געווען דריי יאָר מיט איין טאָג (און דערנאָך האָבן זיי חתונה געהאט), איז זייער כתובה צוויי הונדערט (גולדן), און (זייער מאן) קאָן האָבן צו זיי די טענה פון בתולים. מען נעמט אָן, אז א מיידל, וואָס איז געווען פריער א גויע און דערנאָך האָט זי זיך מגייר געווען, אָדער זי איז געווען געפאנגן און מען האָט זי אויסגעלייזט, אָדער זי איז געווען א שקלאפין און מען האָט זי באפרייט, — זענען מסתמא ניט קיין בתולות. אָבער אויב זיי זיינען געווען (ביים מגייר זיין זיך, צי ביים אויסלייזן, צי ביים באפרייען) יינגער פון דריי יאָר מיט א טאָג, איז אפילו איינער האָט זיי פארגוואלדיקט, האָט דאָס ניט קיין רעזולטאטן, די בתולים קומען צוריק (אזוי זאָגט דער ר״ן) און דאריבער הייסן זיי צו דער חתונה בתולות.

ג. הגדול, אז א דערוואקסענער (מאנספערשוין) קומט אויף א קליין מיידל (קטנה, יינגער פון דריי יאָר מיט א טאָג), אָדער א קליין יינגל (יינגער פון ניין יאָר מיט א טאָג) קומט אויף א דערוואקסן מיידל, אָדער אצעקלאפטע דורך א האָלץ (מוכת עץ, זי האָט זיך צעשטאָכן אירע בתולים מיט א האָלץ און זי האָט דאדורך די בתולים פארלוירן), איז זייער כתובה (ווען אזעלכע מיידלעך האָבן דערנאָך חתונה) צוויי הונדערט (גולדן), אזוי זאָגט ר׳ מאיר; און די חכמים זאָגן אז א צעקלאפטע דורך א האָלץ איז איר כתובה הונדערט (גולדן). די חכמים האלטן, אז א מוכת עץ (א צעקלאפטע דורך א האָלץ) הייסט ניט קיין בתולה.

ד. בתולה אלמנה, (אויב א פרוי איז ביי דער חתונה מיטן צווייטן מאן געווען) א בתולה און אן אלמנה (פון ערשטן מאן) אָדער א גרושה אָדער א חלוצה (נאָכן ערשטן מאן), שוין פון נאָך דער חתונה (מיטן ערשטן מאן) איז איר כתובה (פון צווייטן מאן) הונדערט גולדן, און (דער צווייטער מאן) קאָן ניט האָבן צו איר די טענה פון (ניט האָבן געפונען קיין) בתולים. די גמרא ברענגט א ברייתא, אז דאָ מיינט מען אז אפילו זי איז מיטן ערשטן מאן נאָר געווען אונטער דער חופה אָדער אפילו זי איז געווען אין יחודשטיבל, אליין מיטן ערשטען מאן, אָבער ניט גענוג לאנג, אז ער זאָל האָבן צייט געהאט צו לעבן מיט איר, — פונדעסטוועגן ווערט זי שוין פאררעכנט פאר א פאָלשטענדיק חתונה געהאט, און ווען זי האָט חתונה מיט א 2טן מאן (נאָכדעם ווי זי איז געוואָרן אן אלמנה אָדער א גרושה אָדער א חלוצה נאָכן ערשטן מאן) קומט איר די כתובה נאָר 100 גולדן, און דער 2טער מאן קאָן ניט האָבן צו איר קיין בתולים־טענה. הגיורת, א גר׳טע, אָדער א געפאנגענע אָדער א שקלאפין וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן (די געפאנגענע) אָדער זיך מגייר געווען (די גר׳טע), אָדער באפרייט געוואָרן (די שקלאפין) עלטער פון דריי יאָר מיט א טאָג (און דערנאָך האָבן זיי חתונה געהאט) איז

ה. האוכל אצל חמיו ביהודה שלא בעדים, אינו יכול לטעון טענת בתולים, מפני שמתייחד עמה. אחת אלמנת ישראל ואחת אלמנה כהן כתובתה מנה. בית דין של כהנים היו גובין לבתולה ארבע מאות זוז, ולא מיחו בידם חכמים.

ו. הנושא את האשה, ולא מצא לה בתולים, היא אומרת „משארסתני נאנסתי, ונסתחפה שדך", והלה אומר „לא כי, אלא עד שלא ארסתיך והיה מקחי מקח טעות", רבן גמליאל ור' אליעזר אומרים, נאמנת; ר' יהושע אומר לא מפיה אנו חיין, אלא הרי זו בחזקת בעולה עד שלא

זייער כתובה הונדערט (גולדן) און (זייער מאן) קאָן ניט האָבן צו זיי קיין טענה פון בתולים. **ווי מיר האָבן דערקלערט פריער אין משנה ב' ווערן אזעלכע פרויען באַטראַכט ניט ווי קיין בתולות, ווייל מען נעמט אָן אז עס קאָן זיין אז מען האָט געלעבט מיט זיי.**

ה. האוכל, אז איינער (א חתן, וועלכער האָט נאָר מקדש געווען זיין כלה, און מיט איר נאָכניט פאָלשטענדיק חתונה געהאט, און ער) עסט ביי זיין שווער (די קידושין סעודה, די סעודה פון אירוסין) אָן עדות, קאָן ער (נאָך דער חתונה) ניט האָבן (צו זיין פרוי) די טענה פון (ניט האָבן געפינען ביי איר) בתולים, ווייל ער (דער חתן) איז זיך מייחד מיט איר (פאַרברענגט מיט דער כלה, נאָך די קידושין, אליין אין א באַזונדערן צימער, אָן עדות). **מיר האָבן וועגן דעם געגעבן אין מסכתא יבמות פרק ד' משנה י', די פראָווינץ אין צפון ארץ ישראל הייסט „גליל", און די פראָווינץ אין דרום ארץ ישראל הייסט „יהודה". אין יהודה איז געווען דער מנהג, אז שוין נאָך די קידושין (נאָך איידער זיי האָבען פאָלשטענדיג חתונה געהאט) פלעגן חתן כלה זיין אליין אין א באַזונדערן צימער, כדי זיי זאָלן ווערן היימיש, ער זאָל ווערן צו איר דרייסט (שיהא לבו גס בה). מען נעמט דעריבער אָן, אז עס קאָן זיין, אז ער האָט געלעבט מיט איר.** אחת, סיי אן אלמנה (וועלכער איז א טאָכטער) פון א ישראל, און סיי אן אלמנה (וועלכע איז א טאָכטער) פון א כהן (אויב זי האָט א צווייט מאָל חתונה) איז איר כתובה הונדערט (גילדן). **די משנה לערנט דאָס, ווייל זי וועט באלד לערנען אז ביי א בתולה איז יאָ געווען אן אונטערשיד.** בית דין של כהנים, דאָס בית דין פון כהנים האָבן אויפגעמאָנט (גובים, אפגענומען, צוגעפסקנט) פאר א בתולה (א טאָכטער פון א כהן) פיר הונדערט (גילדן), און די חכמים האָבן זיי (די כהנים־דיינים) ניט געשטערט אין דעם. **די כהנים האָבן באַטראַכט זייערע טעכטער פאר מער יחסנים און האָבן אויפגעמאָנט ביי א סתם כתובה 400 גולדן.**

ו. הנושא, אז איינער האָט חתונה געהאט מיט א פרוי און האָט ניט געפונען ביי איר די בתולים, (און) זי זאָגט (צום מאן)! „נאָכדעם ווי דו האָסט מיך שוין געהאט מקדש געווען האָט מיך (א פרעמדער מאן) מאנס געווען (פארגוואלטיקט, קייגן מיין ווילן), און דיין פעלד איז געוואָרן קאליע (דיין ווייב האָט מען מאנס געווען)", און ער (דער מאן) זאָגט (צו איר): „עס איז ניט אזוי געווען, נאָר איידער איך האָב דיך מקדש געווען (האָסטו געלעבט מיט א פרעמדן מאן) און מיין קויף (דאָס נעמען דיך פאר א ווייב) איז געווען) א קויף דורך א טעות (דו האָסט מיך אָפגענארט)", — זאָגן רבן גמליאל און ר' אליעזר אז זי איז באגלויבט. **דער מאן וויל געבן דער פרוי א גט אויף דער טענה, אז זי האָט אים אָפגענארט זאָגנדיק אז זי איז א בתולה צו די קידושין, און ער וויל איר ניט געבן דאָס כתובה-געלט, ווייל דער „קויף", דאָס נעמען איר אלס פרוי איז געווען, אן אָפגענארטע זאך, א מקח טעות. אָבער זי טענה'ט, אז — נאָכדעם ווי זי איז שוין געווען זיין פרוי דורך קידושין האָט מען זי מאנס געווען, און זיין „פעלד", דאָס הייסט, זיין ווייב, איז געוואָרן פארגוואלדיקט, און אויב ער וויל איר גטן קומט איר די כתובה. זאָגן רבן גמליאל און ר' אליעזר, אז זי איז באגלויבט, און איר קומט די כתובה. די ווערטער „נסתחפה שדך", „קאליע געוואָרן דיין פעלד", איז**

תתארס והטעתו, עד שתביא ראיה לדבריה:

ז. היא אומרת „מוכת עץ אני״ והוא אומר „לא כי אלא דרוסת איש את״, רבן גמליאל ור׳ אליעזר אומרים, נאמנת; ור׳ יהושע אומר, לא מפיה אנו חיין, אלא הרי זו בחזקת דרוסת איש, עד שתביא ראיה לדבריה:

ח. ראוה מדברת עם אחד בשוק, אמרו לה, מה טיבו של זה? „איש פלוני וכהן הוא״, רבן גמליאל ור׳ אליעזר אומרים, נאמנת; ורבי יהושע אומר, לא מפיה אנו חיין, אלא הריהי בחזקת בעולה לנתין ולממזר, עד שתביא ראיה לדבריה:

פון „מטר סוחף״ (משלי כ״ח) א פארפלייצנדיקער רעגן, און עס הייסט, אז דאס פעלד איז געוואָרן פארפלייצט. ר׳ יהושע זאָגט, אז ניט פון איר מויל לעבן מיר (מיר פארלאָזן זיך ניט אויף אירע ווערטער), נאָר מען נעמט זי אָן אז זי איז געווען א בעולה (אז זי האָט געלעבט מיט א פרעמדן מאן) איידער מען (איר מאן) האָט איר מקדש געווען און אז זי האָט אים אפגענארט, סיידן זי ברענגט א באוויז צו אירע רייד (אז מען האָט איר מאנס געווען שוין נאָך די קידושין). **לויט ר׳ יהושע קומט איר ניט די כתובה. דער אויסדרוק „לא מפיה אנו חיין״, „ניט פון איר מויל לעבן מיר״, מיינט, אז מיר גלויבן ניט אירע ווערטער.**

ז. היא, (אויב דער מאן האָט ביי דער חתונה ניט געפונען ביים ווייב די בתולים, און) זי זאָגט: „איך ביז א צעקלאפטע דורך א האָלץ״ (מוכת עץ, זי האָט פארלוירן די בתולים דורך צעשטעכן זיך מיט א האָלץ, און עס קומט איר די כתובה), און ער (איר מאן) זאָגט : „עס איז ניט אזוי (ווי דו זאָגסט), נאָר דו ביזט צוטרעטן דורך א מאן״ („דרוסת איש, א פרעמדער מאן האָט מיט דיר געלעבט״), זאָגן רבן גמליאל און ר׳ אליעזר, אז זי איז באגלויבט. און ר׳ יהושע זאָגט, אז ניט פון איר מויל לעבן מיר (אז זי איז ניט באגלויבט) נאָר מען נעמט זי אָן פאר א צעטרעטענע דורך א מאן (אז זי האָט געלעבט מיט א פרעמדן מאן) סיידן זי ברינגט א באוויז צו אירע רייד (אז זי איז צעקלאפט געוואָרן דורך א האלץ). **דער ברטנורא ברענגט, אז אפילו לויט רבן גמליאל און ר׳ אליעזר, וועלכע זאָגן אז זי איז באגלויבט, אויב אָבער ער איז א כהן, טאָר ער ניט לעבן מיט איר און ער דארף איר גטן, ווייל קוים טענהט ער אז זי האָט געלעבט מיט א פרעמדן מאן און עס קאָן דאָך זיין אז דאָס איז געווען שוין נאָך די קידושין, טאָר ער מיט איר ניט לעבן אפילו ווען דאָס וואָלט פארגעקומען באונס, קייגן איר ווילן, מחמת אויב א פרוי פון א כהן האָט געלעבט מיט א פרעמדן מאן אפילו באונס, קייגן איר ווילן, טאָר שוין איר מאן מיט איר ניט לעבן.**

ח. ראוה, אויב מען האָט געזען איר (א מיידל) אין גאס ווי זי רעדט מיט איינעם (אמאנספערשוין), האָט מען צו איר געזאָגט (איר געפרעגט): „ווער איז דאָס פאר איינער״ (מה טיבו, וואָס איז ער דער מענטש? און זי האָט געענטפערט): „ער איז דער און דער, ער איז א כהן״, זאָגן רבן גמליאל און ר׳ אליעזר, אז זי איז באגלויבט. **דער דין איז אז אויב א מיידל, האָט געלעבט מיט א פסולן מאנספערשוין, למשל מיט א ממזר אָדער מיט א נתין (זע וועגן דעם מסכתא יבמות פרק ב׳ משנה ד׳), טאָר זי ניט חתונה האָבן מיט א כהן. די גמרה זאָגט, אז דאָס וואָרט „מדברת״, „זי רעדט מיט איינעם״ דאָ אין דער משנה, מיינט מען אז זי האָט זיך מייחד געווען מיט אים, געווען מיט אים אליין אין א אָרט, און עס הייסט, אז מען האָט געזען אין גאס, ווי זי איז אריינגעגאנגען מיט אים אין א פארבאָרגן אָרט, און דאָס מיידל זאָגט, אז דער מאנספערשוין איז א כשרער מאנספערשוין, גאָר א כהן. זאָגן רבן גמליאל און ר׳ אליעזר, אז מען גלויבט איר, און זי מעג חתונה האָבן מיט א כהן.** ר׳ יהושע זאָגט, אז ניט פון איר מויל לעבן מיר (מען גלויבט איר ניט), נאָר מען נעמט זי אָן, אז זי האָט געלעבט מיט אנתין אָדער מיט אממזר (מיט א פסולן מענטש), (און זי טאָרניט חתונה האָבן מיט

ט. היתה מעוברת ואמרו לה, מה טיבו של עובר זה? „מאיש פלוני וכהן הוא״, רבן גמליאל ור׳ אליעזר אומרים, נאמנת; ר׳ יהושע אומר, לא מפיה אנו חיין, אלא הרי זו בחזקת מעוברת לנתין ולממזר, עד שתביא ראיה לדבריה:

י. אמר ר׳ יוסי, מעשה בתינוקת, שירדה למלאות מים מן העין, ונאנסה, אָמר ר׳ יוחנן בן נורי, אם רוב אנשי העיר משיאין לכהונה, הרי זו תינשא לכהונה:

פרק ב.

א. האשה שנתארמלה או שנתגרשה, היא אומרת „בתולה נשאתני״,

א כהן) סיידן זי ברענגט א באוויז צו אירע רייד. **נאָר ווען זי ברענגט א באוויז, אז יענער מאן איז טאקע א כשרער, מעג זי חתונה האָבן מיט א כהן, לויט ר׳ יהושע.**

ט. היתה, אויב זי (א מיידל) איז מעוברת, און מען זאָגט צו איר (מען פרעגט איר): „ווער איז דאָס דער עובר (דאָס קינד אין איר בויך, ווער איז זיין פאָטער?״ און זי ענטפערט): „עס איז פון יענעם מענטש און ער איז א כהן״, זאָגן רבן גמליאל און ר׳ אליעזר, אז זי איז באגליבט (און זי מעג חתונה האָבן מיט א כהן, און אויב זי האָט געבוירן א טאָכטער, מעג אויך די טאָכטער חתונה האָבן מיט א כהן); ר׳ יהושע זאָגט, אז ניט פון איר מויל לעבן מיר, נאָר מען נעמט זי אָן, אז זי איז מעוברת פון א נתין אָדער פון א ממזר (פון א פסולן מענטש), סיידן זי ברענגט א באוויז צו אירע ווערטער. **די גמרא ברענגט, אז אפילו לויט רבן גמליאל און ר׳ אליעזר מעג זי (לכתחילה) חתונה האָבן מיט א כהן נור ווען ס׳רוב מענטשן פון דער דאָזיקער שטאָט זענען כשרע, און נור ווען זי האָט זיך מייחד געווען מיט דעם מאן אויסער דער שטאָט, און עס איז דער כלל פון „כל דפריש מרובא פריש״, אז ווען איינער טיילט זיך אָפּ, גייט אוועק פון א כלל מענטשן, נעמט מען אָן אז ער איז איינער פון דעם רוב פון דעם כלל מענטש, אז ער געהערט צו דער מערהייט, און ניט צו דער מינדערהייט.**

י. אָמר, האָט ר׳ יוסי געזאָגט, עס איז געווען א מעשה מיט א יינג מיידל (תינוקת) וועלכע איז אראָפּגעגאנגן צום קוואל צו שעפּן וואסער און (א מענטש) האָט איר (דאָרט) מאנס געווען (פארגוואלדיקט), האָט ר׳ יוחנן בן נורי געזאָגט, אז אויב דאָס רוב מענטשן פון דער שטאָט מעגן חתונה האָבן מיט כהנים, מעג זי (דאָס יינגע מיידל) חתונה האָבן מיט א כהן. **ווייל מען נעמט אָן אז דער מענטש איז געווען פון דעם רוב כשרע. דער ברטנורא ברענגט אויפן יסוד פון דער גמרא, אז עס מוזן זיין כשר צו כהונה סיי דער רוב איינוואוינער פון דער שטאָט, און סיי דער רוב מענטשן וואָס זענען דאמאָלס פארבייגעפאָרן דורך דער שטאָט.**

פרק ב.

א. האשה, א פרוי וועלכע איז געוואָרן אן אלמנה אָדער א גרושה (דער מאן האָט איר געג׳גט, און זי מאָנט איר כתובה), זי זאָגט: „ווען דו האָסט מיט מיר חתונה געהאט בין איך געווען א בתולה (און עס קומט מיר די כתובה צוויי הונדערט גולדן״, און אויב זי איז אן אלמנה טענה׳ט זי צו די יורשים פון מאן, אז זי איז געווען א בתולה צו דער חתונה), און ער (דער מאן) זאָגט: „עס איז ניט אזוי, נאָר דו ביזט געווען אן אלמנה ווען איך האָב חתונה געהאט מיט דיר (און עס קומט דיר נאָר הונדערט גולדן די כתובה״; און אויב זי איז אן אלמנה טענהן אזוי די יורשים פון מאן), אויב עס זיינען פאראן עדות, אז (ווען מען האָט איר געפירט צו דער חופּה) איז זי ארויסגעגאנגן מיט א שלייער (איבער די אויגן, הינומא) און איר קאָפּ האָר איז געווען צעפלאָשעט (פרוע, פונאנדערגעוואָרפן), איז איר כתובה צוויי הונדערט (גילדן). **ווייל עס איז אמאָל געווען א מנהג צו פירן א מיידל פון פאָטערס הויז צו דער חופּה מיט א שלייער איבער די אויגן און מיט צעפלאָשעטע האָר פון קאָפּ, און דאריבער איז דאָס א באוויז אז זי איז געווען א מיידל צו דער חתונה. „הינומא״, זאָגט דער רבינו חננאל (דער**

והוא אומר „לא כי, אלא אלמנה נשאתיך", אם יש עדים שיצתה בהינו־מא, וראשה פרוע, כתובתה מאתים. ר׳ יוחנו בן ברוקא אומר, אף חלוק קליות ראיה:

ב· ומודה ר׳ יהושע באומר לחבירו „שדה זו של אביך היתה ולקח־תיה הימנו", שהוא נאמן, שהפה שאסר הוא הפה שהתיר. ואם יש עדים שהוא של אביו, והוא אומר, „לקחתיה הימנו", אינו נאמן:

ר״ח) איז א גריכיש וואָרט און איז דער טייטש דער „מנהג", און דאָס הייסט, אז מען האָט איר געפירט ארויס פון פאָטערס הויז צו דער חופה לויט דעם מנהג פון מיידלעך. דער ר״ח מיינט זיכער דערמיט דאָס גריכישע וואָרט „ענאַנאַמאָס", „לויטן געזעץ". די גמרא (כתובות י״ז) זאָגט איין פירוש „קריתא", און רשי טייטשט עס „א שלייער איבער די אויגן", און אן אנדער פירוש א חופה געפלאָכטן פון חדסים־בלעטער. ר׳ בנימין מוספיא אין „מוסף הערוך" זאָגט אז „הינומא" אין גריכיש הייסט א „שלייער", ער זאָגט אָבער ניט וואסער וואָרט דאָס איז און טייל חוקרים מיינען, אז דאָס איז דאָס גריכישע וואָרט „אימען", א דין געוועב. עס זיינען פאראן נאָך אנדערע טייטשן דא־רויף. דער ירושלמי זאָגט „פוריומא", און דאָס זאָל זיין דאָס גריכישע וואָרט „פאָרע־מא", א טראָג־שטול, און עס הייסט, אז מען האָט איר ארויסגעטראָגן אויף א טראָג־שטול. ר׳ יוחנן בן ברוקא זאָגט, אז אויך דאָס טיילן (בעת דער חתונה) אָנגעברענטע זאנגן (קערנער ווייץ צי גערשטן) איז א באוויז (אז זי איז געווען א מיידל). **מחמת אויך אזא מנהג איז געווען אין ארץ ישראל צו טיילן צווישן די געסט בעת דער חתונה פון א מיידל זאנגן מיט קערנער פון ווייץ אָדער גערשטן, וועלכע מען האָט פריער אָנגעברענט אין פייער, און די קערנער זענען געוואָרן געשמאק צום עסן. „קליות" איז פון „קלי" אָנגעברענטע זאנגן (ויקרא כ״ג, י״ד „ולחם וקלי וכרמל").**

ב. ומודה און ר׳ יהושע איז מודה, אז איינער זאָגט צו א צווייטן: „דאָס דאָזיקע פעלד (וואָס איך האלט איצט) איז געווען דיין פאָטערס נאָר איך האָב עס אָפּגעקויפט פון אים (און איצט איז עס מיינס)" איז ער באגלויבט, ווייל דאָס מויל וואָס האָט גע־אסר׳ט איז דאָס מויל וואָס האָט מתיר געמאכט. **כאָטש ר׳ יהושע זאָגט פריער אין פרק א׳ משנה ו׳ אז די פרוי איז ניט באגלויבט צו זאָגן אז מען האָט איר מאנס געווען נאָך די קידושין און אז עס קומט איר די כתובה, אָבער דאָ איז דער מענטש פון פעלד יאָ באגלויבט אז ער האָט עס אָפּגעקויפט, מחמת קיינער וואָלט דאָך ניט געוואוסט, אז דאָס פעלד האָט אמאָל געהערט צום פאָטער פון דעם אנדערן מענטש, און מען ווייסט עס נור ווייל ער אליין האָט געזאָגט, און דאריבער איז ער באגלויבט צו זאָגן אז ער האָט עס אָפּגעקויפט. אין דער משנה ווערט דאָ באנוצט דער אויסדרוק „הפה שאסר הוא הפה שהתיר", דאָס מויל וואָס האָט געאסרט, איז דאָס זעלביקע מויל וואָס האָט מתיר געמאכט. אין דער גמרא ווערט באנוצט דאצו דאָס וואָרט „מיגו", „ווייל", דאָס הייסט, ווייל ווען דער מענטש וואָלט געוואָלט דאָס פעלד צוגזלנען, האָט ער דאָך גע־קאָנט אינגאנצן שווייגן, און גאָרניט דערציילן, אז עס איז געווען דעם אנדערנס פאָ־טערס פעלד. די גמרא זאָגט, אז אייגנטליך איז אויך דאָרט, אין פאָריקן פרק א׳ משנה ו׳ ביי דער פרוי אויך פאראן די „מיגו", דער „ווייל", וואָס זי האָט געקאָנט זאָגן „מוכת עץ אני" אז זי איז צעקלאפּט געוואָרן דורך א האָלץ, און זי וואָלט ניט אסור געוואָרן חתונה צו האָבן מיט א כהן, אָבער איצט ווען זי זאָגט אז מען האָט איר מאנס געווען, אויב דער מאן שטארבט טאָר זי ניט חתונה האָבן מיט א כהן. דער ברטנורא טייטשט דאָ (לויטן רמבם), אז דאָרט וואו עס גייט אויך וועגן אסרן און מתיר זיין, למשל וועגן אסרן און מתיר זיין חתונה צו האָבן צו א כהן, און ניט נור וועגן געלט־זאכן, האלט ניט ר׳ יהושע פון א „מיגו".** ואם יש, און אויב עס זענען פאראן עדות אז דאָס פעלד האָט געהערט צום (אנדערן מענטש׳ס) פאָטער, און ער זאָגט: „איך האָב עס אָפּגעקויפט פון אים", איז ער ניט באגלויבט. **מחמת דאָ איז דאָך שוין ניטאָ די „מיגו" פון שווייגן, ניט דערציילן, אז עס האָט געהערט צו יענעמס פאָטער, ווארום עס**

ג. העדים שאמרו „כתב ידינו הוא זה, אבל אנוסים היינו, קטנים היינו, פסולי עדות היינו״, הרי אלו נאמנים. ואם יש עדים שהוא כתב ידם, או שהיה כתב ידם יוצא ממקום אחר, אינן נאמנין:

ד. זה אומר „זה כתב ידי, וזה כתב ידו של חבירי״, וזה אומר, „זה כתב ידי וזה כתב ידו של חבירי״, הרי אלו נאמנין. זה אומר „זה כתב ידי״, וזה אומר „זה כתב ידי״, צריכים לצרף עמהם אחר״, דברי רבי. וחכמים אומרים, אינן צריכין לצרף עמהם אחר, אלא נאמן אדם לומר „זה כתב ידי״:

זענען דאָך פאַראַן עדות. די גמרא זאָגט, אז אזוי ווי מיר לערנען אין בבא בתרא פרק ג׳, אַז ווען איינער האלט א פעלד און עסט די פרוכטן דערפון דריי יאָר, קאָן ער טענה׳ן **אז ער האָט דאָס פעלד אָפּגעקויפט און ער דאַרף ניט ברענגען דאַרויף קיין באַווייזן (די „חזקה פון דריי יאָר״), מיינט דאָ די משנה, אז ער האָט געהאלטן דאָס פעלד 2 יאָר בעת יענעמס פאָטער האָט געלעבט און 1 יאָר שוין נאָך יענעמס פאָטערס טויט, און די משנה לערנט אונז אז דער איין יאָר ווערט ניט צוגערעכנט, און עס הייסט ניט געהאלטן דריי יאָר.**

ג. העדים, עדות (וואָס זענען אונטערגעשריבן אויף א שטר, אויף א וועקסל צי אן אנדערן דאָקומענט), וועלכע האָבן געזאָגט: „דאָס איז אונזער האַנטשריפט (מיר האָבן זיך אונטערגעשריבן) אָבער מיר זענען געווען געצוואונגן (מען האָט אונז געצווינגן אונטערצושרייבן)״, (אָדער) „מיר זענען געווען קליינע (קטנים, ניט־דערוואַקסענע און מיר זענען געווען פסול צו זיין עדות)״, (אָדער) „מיר זענען געווען פסולע עדות(קרובים)״, — זענען זיי באַגלויבט. **און דער שטר טויג ניט. די גמרא זאָגט, אז מיט „אנוסים היינו״, „מיר זענען געוואָרן געצווינגן״, מיינט מען, אז מען האָט זיי געסטראַשעט צו הרגענען אויב זיי וועלן זיך ניט אונטערשרייבן, אָבער אויב מען האָט זיי געסטראַשעט מיט צונעמען ביי זיי געלט, זענען זיי ניט באַגלויבט, ווייל אין אַזא פאַל האָבן זיי ניט געטאָרט זיך אונטערשרייבן, ׳און עס הייסט, אז זיי זאָגן וועגן זיך אז זיי זענען רשעים, און „אין אדם משים עצמו רשע״, א מענטש קאָן ניט עדות זאָגן וועגן זיך אליין אז ער איז א רשע.** ואם, און אויב עס זיינען פאַראַן (אַנדערע) עדות, אז דאָס איז זייער האַנטשריפט (וועלכע דערקענען די האַנטשריפט), אָדער אויב זייער האַנטשריפט דערקענט מען פון אן אנדער אָרט, זענען זיי ניט באַגלויבט. **די גמרא זאָגט, אז מיט „כתב ידם יוצא ממקום אחר״, „זייער האַנטשריפט דערקענט מען פון אן אנדער אָרט״, מיינט מען, אז זיי זענען אונטערגעשריבן אויך אויף אן אנדערן דאָקומענט, און יענער דאָקומענט איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך בית דין.**

ד. זה אומר, (אויב צוויי עדות זענען אונטערגעשריבן אויף א שטר און) דער (איינער פון זיי) זאָגט: „דאָס איז מיין האַנטשריפט, און דאָס איז די האַנטשריפט פון מיין חבר״, און דער (אנדערער) זאָגט: „דאָס איז מיין האַנטשריפט און דאָס איז די האַנטשריפט פון מיין חבר״, זענען זיי באַגלויבט. **מחמת אויף יעדענס האַנטשריפט זענען דאָך פאַראַן צוויי עדות, וועלכע באַשטעטיקן איר.** זה, (אויב אָבער) דער (איינער) זאָגט: „דאָס איז מיין האַנטשריפט״, און דער (אנדערער) זאָגט: „דאָס איז מיין האַנטשריפט״, דאַרפן זיי צונעמען נאָך אן אנדערן (מענטש). אזוי זאָגט רבי. **דאָס הייסט, אז דער אנדערער זאָל עדות זאָגן אז ער דערקענט זייערע האַנטשריפטן, דאַמאָלס וועלן זיין 2 עדות אויף יעדנס האַנטשריפט.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז זיי דאַרפן ניט צונעמען אן אנדערן נאָר יעדער מענטש איז באַגלויבט צו זאָגן: „דאָס איז מיין האַנטשריפט״. **די גמרא זאָגט, אז די מחלוקה צווישן רבי (ר׳ יהודה הנשיא, דעם מסדר פון דער משנה) און די חכמים איז אין דעם: רבי האלט, אז דאָס עדות זאָגן איז אויף יעדנס האַנטשריפט, און דעריבער מוז מען האָבן 2 עדות צו דערקענען יעדנס האַנטשריפט. אָבער די חכמים זאָגן אז דאָס עדות־זאָגן איז ניט אויף די האַנט־**

ה. האשה שאמרה „אשת איש הייתי, וגרושה אני״ נאמנת, שהפה שאסר הוא הפה שהתיר. ואם יש עדים שהיתה אשת איש, והיא אומרת „גרושה אני״, אינה נאמנת. אָמרה „נשבתי וטהורה אני״, נאמנת, שהפה שאסר הוא הפה שהתיר. ואם יש עדים שנשבית, והיא אומרת „טהורה אני״, אינה נאמנת. ואם משנשאת באו עדים, הרי זו לא תצא:

ו. שתי נשים שנשבו, ואת אומרת „נשבתי וטהורה אני״, וזאת אומרת „נשבתי וטהורה אני״, אינן נאמנות. ובזמן שהן מעידות זו את זו, הרי אלו נאמנות:

שריפטן נאָר אויף דער „מנה שבשטר״, אויף „דעם געלט פון וועקסל״, און אזוי ווי **יעדער זאָגט עדות אויף זיין האנטשריפט, זאָגט ער דאָך דערמיט עדות אויף „דעם געלט פון וועקסל״, אויף דעם אינהאלט פון שטר, און אויף דעם אינהאלט פון שטר איז דאָך פאראן צוויי עדות.**

ה. האשה, א פרוי וועלכע האָט געזאָגט: „איך בין געווען א אשת־איש (איך האָב געהאט א מאן) אָבער איך בין איצט א גרושה (מיין מאן האָט מיר גע׳גט״), איז זי באגלויבט, ווייל דאָס מויל וואָס האָט געאסרט, איז דאָס זעלביקע מויל וואָס האָט מתיר געמאכט. **ווייל מיר ווייסן אז זי איז געווען אן אשת איש נור פון אירע ווערטער, גלויבן מיר איר אויך אז זי איז א גרושה.** ואם יש, און אויב עס זענען פאראן עדות, אז זי איז געווען אן אשת איש, און זי זאָגט: „איך בין א גרושה״, איז זי ניט באגלויבט. **מחמת איצט האָט זי ניט די „מיגו״ ,דעם „ווייל״, מחמת איצט זענען דאָך פאראן עדות.** אָמרה, אויב א פרוי זאָגט: „איך בין געוואָרן געפאנגען אָבער איך בין ריין (ווען איך בין געווען געפאנגען ביי רויבער האָבן זיי מיט מיר ניט געלעבט), איז זי באגלויבט, ווייל דאָס מויל וואָס האָט געאסרט איז דאָס מויל וואָס האָט מתיר געמאכט. **דער דין איז אז א „שבויה״, א פארהייראַטע פרוי, וועלכע איז געוואָרן געפאנגען דורך רויבער, טאָר ניט מער חתונה האָבן מיט א כהן, און אויב איר מאן איז א כהן טאָר זי ניט לעבן מיט אים, מחמת מען האָט מורא אז די רויבער האָבן איר פארגוואלדיקט, מאנס געוועןן, און אן אשת איש, וועלכע מען האָט מאנס געווען, איז אסור צו א כהן. אָבער ווייל דאָ האָט מען דאָך ניט געוואוסט, אז די פרוי איז געווען געפאנגען, נאָר זי האָט וועגן דעם אליין דערציילט, גלויבט מען איר, אז זי איז „ריין״, אז די רויבער האָבן זי ניט מאנס געווען.** ואם יש, און אויב עס זענען פאראן עדות, אז זי איז געווען געפאנגען און זי זאָגט: „איך בין ריין״, איז זי ניט באגלויבט; אָבער אויב די עדות (אז זי איז געווען געפאנגען) זענען געקומען נאָכדעם ווי זי האָט חתונה געהאט (מיט א כהן) דארף זי דער מאן ניט גטן. **זי איז מותר צו אים. די גמרא זאָגט, אז ניט דוקא ווען די עדות זענען געקומען נאָך איר חתונה האָבן, נאָר אפילו ווען זיי זיינען געקומען נאָכדעם ווי דאָס בית דין האָט איר מתיר געמאכט חתונה צו האָבן מיט א כהן, מעג זי שוין חתונה האָבן. אָבער אויב עס זענען געקומען עדות, אז די רויבער האָבן זי מאנס געווען, מוז זי זיך גטן.**

ו. שתי נשים, צוויי פרויען וועלכע זיינען געווען געפאנגען (און עס זענען פאראן עדות אז זיי זענען געווען געפאנגען), און די (איינע פון זיי) זאָגט: „איך בין געווען געפאנגען אָבער איך בין ריין״, און די (אנדערע פון זיי) זאָגט: „איך בין געווען געפאנגען אָבער איך בין ריין״, זענען זיי ניט באגלויבט. **מחמת וועגן זייער געפאנגען־זיין זענען פאראן עדות.** ובזמן אָבער אויב זיי (יעדע פון זיי) זאָגן עדות איינע אויף דער אנדערער (אז זי איז געווען מיט איר די גאנצע צייט און אז מען האָט קיין איינע פון זיי ניט מאנס געווען), זענען זיי באגלויבט. **ביים איסור פון א שבויה (פון א געפאנגענער חתונה צו האָבן צו א כהן) וואָס איז נור מדרבנן האָבן די חכמים מיקל געווען, אז וואָסער עס איז עדות זאָגט, אז ער איז געווען מיט איר די גאנצע צייט אין געפאנגענשאפט און עס איז מיט איר גאָרניט געשען, איז ער באגלויבט.**

ז. וכן שני אנשים, זה אומר „כהן אני״, וזה אומר „כהן אני״, אינן נאמנין. ובזמן שהן מעידין זה את זה, הרי אלו נאמנין:

ח. ר׳ יהודה אומר, אין מעלין לכהונה על פי עד אחד· אמר ר׳ אלעזר, אימתי? במקום שיש עוררין, אבל במקום שאין עוררין, מעלין לכהונה על פי עד אחד. ר׳ שמעון בן גמליאל אומר משום ר׳ שמעון בן הסגן, מעלין לכהונה על פי עד אחד:

ט. האשה שנחבשה בידי נכרים, על ידי ממון מותרת לבעלה, על

ז. וכן, און אזוי איז אויך (דער דין מיט) צוויי מענטשן, (פון וועלכע) דער (איי־נער פון זיי) זאָגט: „איך בין א כהן״, און דער (אנדערער) זאָגט: „איך בין א כהן״, זענען זיי ניט באגלויבט. **מען האלט זיי ניט דאדורך פאר כהנים און מען גיט זיי ניט קיין תרומה.** ובזמן, אָבער אויב זיי זאָגן עדות איינער אויף דעם אנדערן (איינער זאָגט אז ער און דער אנדערער זענען כהנים און דער אנדערער זאָגט אז ער און דער ערש־טער זענען כהנים) זענען זיי באגלויבט. **אזוי טייטשט די גמרא סיי פריער ביי די געפאנ־גענע און סיי דאָ ביי די כהנים, אז יעדע געפאנגענע און יעדער כהן זאָגט עדות וועגן זיך און וועגן זיין פריינט, זענען זיי באגלויבט.**

ח. ר׳ יהודה זאָגט, אז מען אנערקענט ניט (איינעם) פאר א כהן (מעלין לכהונה, אויפהייבן צו דער כהונה׳שאפט, אנערקענען איינעם פאר א כהן) ילויט (דעם עדות זאָגן פון) איין עדות. **ר׳ יהודה קריגט אויף דער סתם משנה פריער אין משנה ז׳, און ער זאָגט אז אפילו ווען סתם איין עדות זאָגט אויף א מענטש, אז ער איז א כהן גלויבט מען אים אויך ניט. בפרט דאָ גלויבט מען אודאי ניט, מחמת מען איז חושש צוליב „גומלין״, פון וועלן טאָן זיך געגענזייטיק טובות, דער וועט זאָגן אויף דעם, כדי יענער זאָל צוריקזאָגן אויף דעם ערשטן.** אמר, האָט ר׳ אלעזר געזאָגט, ווען (איז איין עדות ניט באגלויבט עדות זאָגן אז איינער איז א כהן)? ווען עס זענען פאראן (קייגן דעם מענטש) אָנקלאָגערס (עוררין, אזעלכע וואָס זאָגן, אז דער מענטש איז פסול צו זיין א כהן), אָבער ווען עס זענען ניט פאראן קיין אָנקלאָגערס, האלט מען יאָ איינעם פאר א כהן אויף (דעם עדות זאָגן פון) איין עדות. **אָבער אויך ר׳ אלעזר איז מודה, אז דאָרט וואו מען קאָן חושש זיין אין „גומלין״, דער זאָגט עדות אויף דעם און יענער זאָגט עדות אויף דעם ערשטן, איז איין עדות ניט באגליבט.** ר׳ שמעון בן גמליאל זאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן הסגן, אז מען אנערקענט איינעם פאר א כהן אויף (דעם עדות־זאָגן פון) איין עדות. **די גמרא זאָגט, אז ר׳ שמעון בן גמליאל האלט אויך ניט אז איין עדות איז באגלויבט צו אנערקענען איינעם פון א כהן, נאָר ער האלט אז מען קאָן איין עדות מצרף־זיין, צו־רעכענען, און דהיינו: ווען וועגן דעם מענטשן ווייסט מען אז זיין פאָטער איז א כהן, און ס׳איז ארויס וועגן אים א קלאנג, אז ער דער זון פון א גרושה (זיין מוטער איז געווען א גע׳גטע) און ער איז פסול צו זיין א כהן (מחמת זיין פאָטער דער כהן האָט ניט געטאָרט נעמען א גרושה), און מען האָט אים געמאכט פאר אויס כהן. דערנאָך איז געקומען איין עדות און געזאָגט, אז דער קלאנג איז א פאלשער, און מען האָט אים צוריקגעמאכט פאר א כהן. דערנאָך זענען געקומען צוויי עדות און גע־זאָגט, אז דער קלאנג איז א ריכטיקער, און מ׳האָט אים ווידער געמאכט אויס כהן, דערנאָך איז געקומען איין אנדערער עדות און געזאָגט, אז דער קלאנג איז א פאלשער, — האלט ר׳ שמעון בן גמליאל, אז מען איז מצרף דעם לעצטן עדות מיט דעם ערשטן עדות און מען מאכט אים צוריק פאר א כהן.**

ט. האשה, אז א פרוי איז גענומען געוואָרן געפאנגען (נחבשה, פארהאלטן, ארעס־טירט, געפאנגען) דורך גויים, אויב דאָס איז צוליב געלט (זיי האלטן איר, ווייל זיי מאָנען פאר איר געלט, וואָס זיי טענהן אז זיי קומט) איז זי (דערנאָך ווען זי ווערט באפרייט) מותר צו איר מאן (אפילו ווען דער מאן איז א כהן). מחמת די גויים האָבן מורא געהאט איר מאנס צוזיין, ווייל טאָמער וועט איר מאן ניט וועלן איר דאדורך אויס־

ידי נפשות אסורה לבעלה. עיר שכבשוה כרכום, כל כהנות שנמצאו בתוכה פסולות. ואם יש להן עדים, אפילו עבד, אפילו שפחה הרי אלו נאמנין. ואין נאמן אדם על ידי עצמו. אמר ר׳ זכריה בן הקצב, המעון הזה, לא זזה ידה מתוך ידי, משעה שנכנסו נכרים לירושלים ועד שיצאו. אָמרו לו, אין אדם מעיד על ידי עצמו:

י. ואלו נאמנין להעיד בגודלן מה שראו בקוטנן: זה כתב ידו של

קויפן. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז נור ווען יידן הערשן אין דאָזיקן לאנד (יד ישראל תקיפה), אָבער אויב גויים הערשן אין לאנד, איז זי אסור, ווייל די גויים האָבן אין אזא פאל ניט קיין מורא. על ידי נפשות, אויב (די פרוי איז פארהאלטן געוואָרן דורך די גויים) כדי איר צו הרגענען, איז זי אסור צום מאן. אפילו איר מאן איז א ישראל איז זי אויך אסור צו אים, ווייל מען האָט מורא אז זי האָט מיט איר אייגע־נעם ווילן געלעבט מיט איינעם פון די גויים. עיר, א שטאָט, וועלכע איז אייַנגענומען געוואָרן דורך באלאגערנדיקע זעלנער (כרכום), זענען אלע כהנות (פרויען פון כהנים) וועלכע געפינען זיך אינווייניק (פון דער שטאָט), פסול. זיי זייַנען אסור צו זייערע מע־נער, ווייל מען האָט מורא, אז די זעלנער האָבן זיי מאנס געווען. „כרקום" איז (ווי ר׳ בנימין מוספיא אין „מוסף הערוך", זאָגט, דאָס גריכישע וואָרט „קאראקאמא", באלאגערונג, און מען מיינט דאָ זעלנער האָבן איינגענומען די שטאָט נאָך א באלא־גערונג. ואם, און אויב זיי (די פרויען פון כהנים) האָבן עדות, אפילו א שקלאַף, אפילו א שקלאפין (וועלכע זאָגן, אז זיי זענען געווען מיט דער פרוי כסדר און אז מען האָט זי ניט מאנס געווען) זענען זיי באגלויבט. די גמרא זאָגט, אז אפילו אין שטאָט איז פאראן נור איין באהעלטעניש־אָרט (מחבואה), וואו א פרוי האָט זיך געקאָנט בא־האלטן, זענען שוין אלע כהנים-פרויען באגלויבט צו זאָגן, אז מען האָט זיי ניט מאנס־געווען, מחמת יעדע האָט דאָך א „מיגו", א „ווייל", זי האָט דאָך געקאָנט זאָגן, אז זי האָט זיך יאָ באהאלטן. ואין, און א מענטש איז ניט באגלויבט (צו זאָגן וועגן זיך. אויב די פרוי זאָגט סתם אז מען האָט איר ניט מאנס געווען איז זי ניט באגלויבט. נאָכמער. אויב א מאן א כהן זאָגט עדות אויף א פרוי א געפאנגענע אז מען האָט איר ניט מאנס געווען, טאָר ער מיט איר ניט חתונה האָבן; אָבער אויב ער האָט זי אויסגע־לייזט מיט געלט מעג ער יאָ חתונה האָבן מיט איר, ווייל א מענש וועט ניט אויסגעבן געלט אומזיסט. אָמר, האָט ר׳ זכריה בן הקצב געזאָגט: „(איך שווער) ביי דער דאָזיקער וואוינונג (המעון הזה, ביים בית המקדש) אז איר האנט (די האנט פון מיין פרוי) האָט זיך ניט אוועקגערירט פון מיין האנט זינט דער צייט ווען די גויים זענען אריין קיין ירושלים ביז זיי זענען ארויסגעגאנגען". ר׳ זכריה בן הקצב איז געווען א כהן און האָט געוואוינט אין ירושלים ניט לאנג פארן חורבן פון 2טן בית המקדש; עס האָט זיך געטראָפן אז רוימיש מיליטער איז אריין קיין ירושלים אויף א קורצער צייט און איז ארויס פון דאָרט (מען מיינט אז דאָס איז געווען ווען דער רוימישער גענעראל קעסטיוס איז אריין קיין ירושלים, ווי עס ווערט דערציילט אין די ספרים פון יוסיפון לרומיים) האָט ר׳ זכריה עדות געזאָגט וועגן זיין פרוי, אז ער איז געווען מיט איר און זי אָפגעהיטן דיגאנצע צייט. אָמרו לו, האָבן די חכמים צו אים (צו ר׳ זכריה) געזאָגט: א מענטש איז ניט באגלויבט וועגן זיך אליין. און לויט די חכמים איז זי אסור צום מאן.

י. ואלו, און די דאָזיקע (וועגן די דאָזיקע זאכן, וואָס די משנה וועט באלד אויס־רעכענען) זענען (מענטשן) באגלויבט עדות צו זאָגן, ווען זיי זענען שוין דערוואקסן, וואָס זיי האָבן געזען ווען זיי זענען געווען קליין (קטנים). און די משנה רעכנט דאָ אויס די זאכן. זה, דאָס איז די האנטשריפט פון מיין פאָטער; און דאָס איז די האנטשריפט פון מיין רבי; און דאָס איז די האנטשריפט פון מיין ברודער; איך געדענק וועגן יענער (פרוי) אז זי איז (בעת איר חתונה האָבן) ארויסגעגאנגען מיט א שלייער(איבער די

אבא, וזה כתב ידו של רבי, וזה כתב ידו של אחי, זכור הייתי בפלונית שיצתה בהינומא וראשה פרוע, ושהיה איש פלוני יוצא מבית הספר לט־בול לאכול בתרומה, ושהיה חולק עמנו על הגורן, והמקום הזה בית הפרס, ועד כאן היינו באין בשבת. אבל אין (אדם) נאמן לומר, דרך היה לפלוני במקום הזה. מעמד ומספד היה לפלוני במקום הזה:

פרק ג.

א. אלו נערות שיש להן קנס: הבא על הממזרת, ועל הנתינה, ועל

אויגן) און מיט צעפלאשעטע האר, דאס איז א סימן אז זי איז געווען א מיידל צו דער **חתונה און איר כתובה איז 200 גולדן, ווי די משנה האט געלערנט פריער משנה א׳.** ושהיה, און אז יענער מענטש איז ארויסגעגאנגן פון חדר (בית הספר, דאס הויז וואו יינגלעך לערנען) טובל צו זיין (אין מקוה) כדי צו עסן תרומה. **דאס דאזיקע עדות זאגן איז אז דער דאזיקער מענטש איז א כהן און מען מעג אים געבן צו עסן תרומה. די גמרא זאגט, אז אויף דער דאזיקער עדות מעג מען אים געבן נור אזא תרומה, וואס מען שיידט זי אפ מדרבנן** (למשל פון תבואה וואס וואקסט אין א ניט־געלעכערטן בלומען **טאפ) אבער ניט תרומה מדאורייתא. דאס וואס אין דעם עדות זאגן ווערט געזאגט, אז ער האט געלערנט אין חדר, איז צו באווייזן אז ער איז ניט געווען א שקלאף פון א כהן (וואס מעג אויך עסן תרומה), מחמת א שקלאף האט מען ניט געטארט לערנען תורה אין חדר.** ושהיה, און אז (יענער מענטש) האט צוזאמען מיט אונז גענומען א חלק (תרומה) אויפן שייער. **אויך דאס עדות זאגן איז צו באווייזן, אז יענער מענטש איז א כהן.** והמקום, און (אז) דאס דאזיקע ארט איז א בית הפרס. **מיט „בית הפרס", דאס „הויז פון שטיקלעך" (פרוסות), מיינט א פעלד, אין וועלכן עס איז צעאקערט געווארן א קבר, און דער דין איז מדרבנן, אז ביז 100 איילן ווייט ווערט טמא דער מענטש וואס גייט דארט אריין. דאס עדות זאגן איז אז ביז דאנען גייען די 100 איילן, און אז וויטער איז שוין טהור.** ועד, און אז ביז דאנען פלעגן מיר גיין (פון דער שטאט ארויס) אים שבת. **דער דין איז אז אים שבת טאר מען ניט גיין אויסער דער שטאט ווייטער פון תחום, פון 2000 איילן; דאס עדות זאגן איז, אז ביז דאנען מעג מען יא גיין אים שבת. אויך דער איסור פון תחומים (ניט צו גיין ווייטער פון 2000 איילן) אים שבת איז מדרבנן. די אלע עדות זאגן זענען נור גוט ביי איסורים, וועלכע זענען מדרבנן.** אבל, אבער איי־נער איז ניט באגלויבט צו זאגן (עדות וואס ער געדענקט פון קליינערהייט), אז יענער מענטש האט א וועג אין דאזיקן ארט. **און מען גיט ניט יענעם דעם ארט פאר א וועג אויפן יסוד פון דאזיקן עדות זאגן.** מעמד, (און) אז יענער מענטש האט א טרויער שטיי־ פלאץ און א הספד־פלאץ אין דאזיקן ארט. **ניט ווייט פון ארט, וואו א פאמיליע פלעגט קובר זיין אירע מתים, איז געווען אן ארט, וואו מען פלעגט זיך אפשטעלן, ווען מען האט געטראגן די מיטה מיט דעם מת צו דער קבורה. דארט האט מען עס אויסגע־רופן צו די באגלייטער „שטעלט אייך", „זעצט אייך!" „שטעלט אייך", אזוי עטליכע מאל, דאס דאזיקע ארט האט געהייסן „מעמד" (פון עמד" שטיין). אויך איז געווען אן ארט מספיד צו זיין דעם מת; דאס האט געהייסן „מקום ההספד", אדער סתם „מספד". זאגט די משנה, אז איינער איז ניט באגלויבט צו זאגן עדות פון קליינערהייט, אז דאס ארט געהערט צו יענעם מענטש אלס פלאץ פון מעמד און מספד, ווייל ער זאגט דאך עדות אויף א געלט־זאך. פריער ביי דער האנטשריפט איז דאך אויך וועגן א געלט־זאך, אבער דאס באשטעטיגן די האנטשריפט פון עדות איז נור מדרבנן. ווידער ביי דער כתובה, נעמט מען אן אז ס'רוב וועלכע האבן חתונה, זענען מיידלעך.**

פרק ג.

א. אלו, דאס זענען די (מיידלעך) נערות וועלכע האבן קנס. די תורה זאגט (דברים כ"ב, כח־כ"ט) **אז איינער האט מאנס געווען אדער איבערגערעדט א יינג מיידל, א בתולה, א נערה און געלעבט מיט איר, דארף ער באצאלן דעם מיידלס פאטער פופציק**

הכותית, הבא על הגיורת ועל השבויה, ועל השפחה, שנפדו ושנתגיירו ושנשתחררו פחותות מבנות שלש שנים ויום אחד; הבא על אחותו, ועל אחות אביו, ועל אחות אמו, ועל אחות אשתו, ועל אשת אחיו, ועל אשת אחי אביו, ועל הנדה, יש להן קנס, אף על פי שהן בהכרת, אין בהן מיתת בית דין:

זילבערנע שקלים, און ער דארף מיט איר חתונה האָבן. 50 שקלים פון חומש זענען 50 סלעים אין דער משנה, און יעדער סלע האָט 4 דינר־מטבעות, אזוי אז 50 סלעים זע־נען 200 דינרים, גילדן. מיט „נערה" מיינט מען א מיידל עלטער פון 12 יאָר מיט א טאָג ביז 12 יאָר מיט 6 חדשים און זי האָט די צווייי האָר. ווי די משנה וועט ווייטער לערנען (אין משנה ד׳) דארף דער מענטש באצאָלן א חוץ די 50 סלעים נאָך אנדערע זאכן (ווי פאר פארשעמען דאָס מיידל, בושת און אנדערע זאכן). אָבער די דאָזיקע 50 סלעים זענען א פעסטבאשטימטע סומע געלט, וואָס מען דארף באצאָלן אָן אונטער־שיד, ווער דאָס מיידל איז, צי א יחסנטע, צי ניט קיין יחסנטע. די דאָזיקע פעסטע סומע געלט פון 50 סלעים הייסט אין דער משנה „קנס", „שטראָף". פון וואַנען עס שטאַמט דאָס וואָרט „קנס" ווייסט מען ניט. טייל מיינען, אז עס איז פון מיטל־גרי־כישן וואָרט „קענסאָס", אין לאטייניש „צענזוס", „שטראָף". די משנה לערנט דאָ וועגן טייל מיידלעך, נערות, וואָס מען וואָלט געקאָנט מיינען אז פאר זיי דארף מען ניט באצאָלן דעם קנס, פונדעסטוועגן דארף מען יאָ באצאָלן דעם קנס. און דאָס זיינען זיי: הבא, אז איינער קומט אויף א ממזרת, אָדער א נתינה, אָדער א כותית. מיט א ממזרת און א נתינה טאָר א ישראל ניט לעבן (וואָס מען מיינט „ממזרת" און „נתינה" זע אין מסכתא יבמות פרק ב׳ משנה ד׳). א „כותית" הייסט א פרוי פון דער סעקטע „שומרונים" אין ארץ ישראל, וועגן וועלכע עס זענען געווען טייל מיינונגען פון תנאים אין דער משנה אז זיי זענען יאָ יידן, און טייל האָבן זיי ניט געהאלטן פאר קיין יידן, ווייל ווי עס דערציילט דאָס ספר מלכים ב׳ י"ז האָבן זיי זיך מגייר גע־ווען נאָר צוליב מורא פאר די לייבן וועלכע זענען זיי באפאלן („גרי אריות"). זאָגט די משנה, אז עס קומט יאָ קנס פאר א ממזרת און א נתינה און א כותית. הבא, אז איינער קומט אויף א גרטע אָדער אויף א געפאנגענע (שבויה) אָדער אויף א שקלא־פין, וועלכע איז אויסגעלייזט געוואָרן, אָדער האָט זיך מגייר געווען אָדער איז באַ־פרייט געוואָרן ווען זיי זענען אלט געווען ווינציקער פון דריי יאָר מיט א טאָג (קומט אויך קנס). ווייל ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין פרק א׳ משנה ב׳ האָבן זיי דעם דין פון בתולות. הבא, אז איינער קומט אויף זיין שוועסטער, אָדער אויף זיין פאָ־טערס שוועסטער, אָדער אויף זיין מוטערס שוועסטער, אָדער אויף זיין ווייב׳ס שוועסטער, אָדער אויף זיין ברודערס ווייב, אָדער אויף דעם ווייב פון זיין פאָטערס ברודער (אין די ביידע פאלן מיינט מען ווען מען האָט זיי נאָר געהאָט מקדש געווען און דערנאָך ג׳גט, און זיי זיינען נאָך בתולות) אָדער אויף (א מיידל אין דער צייט ווען זי איז) א נידה, קומט זיי קנס, ווייל כאָטש (דער מענטש וואָס קומט אויף זיי האָט געטאָן א עבירה פאר וועלכער) מען איז חייב כרת, אָבער עס קומט ניט דערפאר קיין מיתה (טויט־שטראָף) דורך דעם בית דין. „כרת", פארשניטן ווערן, מיינט מען די שטראָף וועט קומען דורכן הימל; „מיתת בית דין" מיינט מען טויט־שטראָף דורך דעם בית דין, דורך דעם געריכט. לערנט די משנה, אז ווייל עס איז נור די עבירה פון כרת קומט יאָ צו באַצאָלן קנס. דער ברטנורא אויפ׳ן יסוד פון דער גמרא זאָגט, אז דאָס איז נור ווען מען האָט דעם מענטש ניט מתרה געווען, מען האָט אים ניט געוואָרנט, בשעתן טאָן די עבירה; אָבער אויב מען האָט מתרה געווען, איז דער דין, אז עס קומט אים מלקות, קלעפּ, און מיר האָבן א כלל אז „אין אדם לוקה ומשלם", אז ווען א מענטש טוט א עבירה, פאר וועלכער ער דארף באשטראָפט ווערן אי מיט מלקות (קלעפּ) אי מיט געלט, באשטראָפט מען אים מיט די קלעפּ, און ער איז פטור צו באצאָלן דאָס געלט.

ב. ואלו שאין להם קנס. הבא על הגיורת, ועל השבויה, ועל השפחה, שנפדו, ושנתגיירו, ושנשתחררו, יתירות על בנות שלש שנים ויום אחד. ר׳ יהודה אומר, שבויה שנפדית הרי היא בקדושתה, אף על פי שגדולה. הבא על בתו, על בת בתו, על בת בנו, על בת אשתו, על בת בנה, על בת בתה, אין להן קנס, מפני שמתחייב בנפשו, שמיתתו בידי בית דין, וכל המתחייב בנפשו אין משלם ממון, שנאמר (שמות כ״א) „ולא יהיה אסון ענוש יענש״:

ג. נערה שנתארסה ונתגרשה, ר׳ יוסי הגלילי אומר, אין לה קנס, ר׳ עקיבא אומר, יש לה קנס, וקנסה לעצמה:

ד. המפתה נותן שלשה דברים, והאונס ארבעה. המפתה נותן בושת

ב. ואלו און די דאָזיקע (מיידלעך, נערות) האָבן ניט קיין קנס: אז איינער קומט אויף א גר׳טע, אָדער אויף א געפאַנגענער, אָדער אויף א שקלאַפין, וועלכע איז אויסגעלייזט געוואָרן, אָדער האָט זיך מגייר געווען אָדער געוואָרן באַפרייט עלטער פון דריי יאָר מיט א טאָג. **מחמת זיי האַלט מען ניט פאַר קיין בתולות, ווי מיר האָבן גע־לערנט פריער אין פרק א׳ משנה ד׳, און קנס קומט נור פאַר בתולות.** ר׳ יהודה זאָגט, אז א געפאַנגענע וועלכע איז אויסגעלייזט געוואָרן, איז זי אין איר הייליקייט (בקדושתה, מען האַלט זי יאָ פאַר א בתולה) כאָטש זי איז שוין א גרויסע. **אפילו זי איז געווען געפאַנגען ווען זי איז געווען עלטער דריי יאָר מיט א טאָג, קומט איר קנס, אזוי האַלט ר׳ יהודה.** הבא, אז איינער קומט אויף זיין (אייגענער טאָכטער), אָדער אויף זיין טאָכטערס טאָכטער אָדער אויף זיין זון׳ס טאָכטער, אָדער אויף דער טאָכ־טער פון זיין ווייב, אָדער אויף איר (דעם ווייבס) זונס טאָכטער, אָדער אויף איר (דעם ווייבס) טאָכטערס טאָכטער, קומט זיי ניט קיין קנס, ווייל ער האָט זיך פאַר־שולדיקט אין זיין לעבן (מתחייב בנפשו, עס קומט אים טויט-שטראָף), וואָרום זיין טויט־שטראָף איז דורך בית דין (דאָס יידישע געריכט פסקנט אים טויט־שטראָף), און יעדער וואָס (טוט א עבירה, פאַר וועלכער ער) פאַרשולדיגט זיך מיט טויט־שטראָף, צאָלט ניט קיין געלט, וואָרום עס ווערט געזאָגט (שמות כא, כ״ב), „ולא יהיה אסון ענש יענש״, „אז עס וועט ניט זיין קיין טויט־פאַל זאָל ער ווערן באַ שטראָפט (מיט געלד)״. **פון דאָזיקן פסוק ווערט אָפּגעלערנט, אז נור ווען איינער טוט דעם אנדערן א שאָדן, פאַר וועלכן עס קומט ניט קיין טויט שטראָף, דאַרף ער באַ־צאָלן געלט. אָבער אויב ער האָט דעם צווייטן דערהרגעט, און פאַר טויטן א מענטש קומט טויט־שטראָף, דאַרף מען ניט מאָנען ביים רוצח קיין געלט. די גמרא זאָגט, אז אפילו מען טוט די עבירה (פאַר וועלכער עס קומט טויט־שטראָף) בשוגג, און אין אזא פאַל פסקנט דאָך ניט דאָס בית דין קיין טויט־שטראָף, איז אויך דער שולדיקער פטור צו באַצאָלן געלט.**

ג. נערה, (אז איינער קומט אויף א) נערה, וואָס א מאַן האָט איר געהאַט מקדש געווען און דער מאַן האָט איר גע׳גט (איידער ער האָט מיט איר חתונה געהאַט, און זי איז א בתולה), זאָגט ר׳ יוסי הגלילי, אז עס קומט איר ניט קיין קנס. **ווייל די תורה (דברים כ״ב) זאָגט „אשר לא אורשה״, און מען מיינט דערמיט אז מען האָט זי נאָך קיין איין מאָל ניט מקדש געווען.** ר׳ עקיבא זאָגט, אז עס קומט איר קנס, און דער קנס (די פופציג סלעים) געהערן צו איר (צום מיידל). **ר׳ עקיבא זאָגט אז מיט „אשר לא אורשה״ מיינט מען, אז אויב מען האָט איר קיינמאָל ניט מקדש געווען, קומט דער קנס, די 50 סלעים, צו איר פאָטער, און אויב מען האָט זי שוין יאָ געהאַט מקדש געווען, געהערט דער קנס צו איר, צום מיידל.**

ד. המפתה, אז איינער רעדט איבער א מיידל (ער לעבט מיט איר מיט איר ווילן) דאַרף ער געבן דריי זאַכן, און אז איינער איז מאנס (ער לעבט מיט דעם מיידל

ופגם וקנס. מוסף עליו אונס, שנותן את הצער. מה בין אונס למפתה? האונס נותן את הצער, והמפתה אינו נותן את הצער, האונס נותן מיד, והמפתה לכשיוציא; האונס שותה בעציצו, והמפתה אם רצה להוציא מוציא :

ה. כיצד שותה בעציצו? אפילו היא חיגרת, אפילו היא סומא, ואפילו היתה מוכת שחין. נמצא בה דבר ערוה, או שאינה ראויה לבא בישראל, אינו רשאי לקיימה. שנאמר (דברים כ״כ) „ולו תהיה לאשה״, אשה הראויה לו :

קייגן איר ווילן) דארף ער געבן פיר זאכן. דער מפתה (דער וואָס רעדט-איבער) דארף צאָלן (געלט) פאר פארשעמען (בושת, אָנטאָן איר חרפה), און פאר שאדן איר (פגם, ער האָט געמאכט, אז זי איז געוואָרן ווינציקער ווערט), און קנס (די פופציק סלעים). „בושת״ און „פגם״ האָבן ניט קיין פעסטע באשטימטע סומע געלט, וויפיל מען דארף באצאָלן. דאָס בית דין דארף אפשאצן וויפיל עס קומט דערפאר. מוסף, עס קומט־צו (נאָך א פירטע זאך צו באצאָלן דערפאר) ביים אונס (ביי דעם וואָס איז מאנס א מיידל, פארגוואלדיקט איר קייגן איר ווילן), ער באצאָלט (א חוץ די פריער־דיקע דריי זאכן, אויך) פאר צער (ליידן). מען נעמט אָן, אז א מיידל וועלכע ווערט פארגוואלדיקט האָט געהאט דאביי קערפערליכע ליידן, צער. האונס, דער וועלכער איז מאנס דארף באצאָלן דעם קנס באלד. און ער באצאָלט עס צום מיידלס פאָטער. אפילו דער וואָס איז מאנס האָט חתונה מיט דעם מיידל, מוז ער אויך באצאָלן צום פאָטער דעם קנס. והמפתה, אָבער דער וואָס רעדט־איבער (וואָס לעבט מיט דעם מיידל מיט איר ווילן) ווען ער גט זיך מיט איר. ער דארף ניט באלד באצאָלן דעם קנס צום פאָטער, אויב ער האָט חתונה מיט דעם מיידל. אָבער אויב ער גט זיך מיט איר, מוז ער באצאָלן דעם קנס. און אודאי דארף ער בצאָלן, אויב ער האָט באלד ניט חתונה מיט איר. האונס, דער וואָס איז מאנס טרינקט אין זיין מיאוסער כלי („עציץ״, ערדענער טאָפּ). ער מוז חתונה האָבן מיט דעם מיידל, און ער טאָר זי קיינמאָל ניט גטן, אפילו ער מאוסט זיך מיט איר. די משנה דריקט זיך דאָ אויס אין א פארשטעלטן אויסדרוק, און א אלעגאָריע : „שותה בעציצו״, ער טרינקט אין זיין „עציץ״, אין זיין ערדענעם מיאוסן טאָפּ. והמפתה, אָבער דער וואָס האָט איבערגערעדט (געלעבט מיט דעם מיידל מיט איר ווילן, דארף אויך חתונה האָבן מיט איר, אָבער) אויב ער וויל, מעג ער זיך גטן. אין חומש דברים כ״ב איז פאראן סתם „ולו תהיה לאשה״, און זי זאָל ווערן זיין ווייב; די גמרא לערנט אָפּ אז נור א מאנס טאָר זיך ניט גטן, אָבער דער מפתה מעג זיך גטן.

ה. כיצד, ווי אזוי (וואָס מיינט מען מיט) „טרינקן אין זיין מיאוסער כלי״? אפילו זי איז א לאמע, אפילו זי איז א בלינדע, און אפילו זי איז געווען באשלאָגן מיט קרעץ (מוכת שחין). אפילו אין די אלע פאלן טאָר דער מאנס זיך קיינמאָל ניט גטן מיט איר. נמצא, אויב מען האָט געפינען אין איר (נאָך דער חתונה) א ערוה־זאך (זי האָט מזנה געווען נאָך דער חתונה מיט א פרעמדן מאנספערשוין, און דער מאן טאָר מיט איר ניט וואוינען), אָדער זי טאָר ניט קומען (חתונה האָבן) צווישן ישראל (למשל, זי איז א ממזרת), טאָר ער זי ניט האלטן (פאר זיין ווייב). אויב זי האָט מזנה געווען נאָך דער חתונה, דארף ער זיך גטן מיט איר, און אויב זי איז א ממזרת, טאָר ער באלד ניט חתונה האָבן מיט איר. שנאמר, ווארום עס ווערט געזאָגט (דברים כ״ב) „ולו תהיה לאשה״, „און זי זאָל זיין צו אים זיין ווייב״, (דאָס מיינט מען) א ווייב וואָס איז ראוי צו אים. אָבער אויב ער טאָרניט וואוינען מיט איר, זאָל ער מיט איר ניט וואוינען.

ו. יתומה שנתארסה ונתגדשה, ר׳ אלעזר אומר, המפתה פטור והאונס חייב:

ז. איזהו בושת? הכל לפי המבייש והמתבייש. פגם רואין אותה כאלו היא שפחה נמכרת, כמה היתה יפה, וכמה היא יפה. קנס שוה בכל אדם. וכל שיש לו קצבה מן התורה, שוה לכל אדם:

ח. כל מקום שיש מכר אין קנס, וכל מקום שיש קנס אין מכר. קטנה יש לה מכר, ואין לה קנס. נערה יש לה קנס, ואין לה מכר. הבוגרת אין לה מכר ולא קנס:

ו. יתומה, א יתומה (וואס האט ניט קיין פאטער) וואס מען האט איר מקדש געווען און מען האט איר גע׳גט (פאר דער חתונה און זי איז א בתולה), זאגט ר׳ אלעזר אז דער וואס רעדט איר איבער (מפתה, און לעבט מיט איר מיט איר ווילן) איז פטור (פון באצאלן), אבער ווער עס איז איר מאנס איז חייב (צו באצאלן). די גמרא זאגט, אז דא מיינט מען ניט דוקא א יתומה נאר יעדעס מיידל, וואס מען האט איר מקדש געווען און גע׳גט, איז א מפתה, דער וואס רעדט איר איבער, פטור, ווייל ר׳ אלעזר האלט ווי זיין רבי ר׳ עקיבא פריער משנה ג׳ אז דער קנס געהערט צום מיידל, און אויב עס איז פארגעקומען מיט איר ווילן, האט זי אים מוחל געווען.

ז. איזהו? וואס איז (וויפיל דארף מען באצאלן פאר) בושת (פארשעמען)? (עס ווערט אפגעשאצט) אלץ לויט דעם ווער עס פארשעמט, און לויט דער (מיידל) וועמען מען פארשעמט. אויב די מיידל איז פון יחוס קומט איר מער. וועגן דעם „פארשעמער״ זענען פאראן צוויי טייטשן, איינער איז, אז אויב דער „פארשעמער״ איז א אדם חשוב דארף ער צאלן מער, ווארום די חרפה איז גרעסער; און אן אנדערער טייטש איז אז אויב דער פארשעמער איז א נידריקער מענטש דארף ער צאלן מער. פגם, (וואס דארף מען באצאלן פאר) שאדן (פאר פארקלענערן דעם ווערט פון מיידל)? מען באטראכט זי ווי זי איז א שקלאפין וואס ווערט פארקויפט (צו א בעל הבית), וויפיל זי איז ווערט געווען (איידער דער מענטש האט געלעבט מיט איר) און וויפיל זי איז ווערט (איצט, נאכדעם ווי דער מענטש האט געלעבט מיט איר. דעם דאזיקן אונטערשיד דארף מען באצאלן פאר פגם. קנס ,(דאס באצאלן) קנס איז גלייך ביי יעדן איינעם. ווי מיר האבן געגעבן אין משנה א׳ איז קנס 50 סלעים, אלץ איינס ווער דאס מיידל איז און ווער דער אונס אדער דער מפתה איז, וכל, און יעדער (באצאלונג) וואס די תורה האט געגעבן דארויף א באשטימטע זאך (קצבה, די תורה האט געזאגט וויפיל) איז גלייך ביי יעדן איינעם. דאס איז ניט דוקא ביי קנס, נאר אויך אומעטום וואו די תורה זאגט א סומע (למשל א בעל הבית דארף צאלן 30 סלעים אויב זיין אקס האט דערהרג׳עט א שקלאף, וכדומה) איז עס גלייך ביי יעדן איינעם.

ח. כל מקום, אין יעדן פאל (מקום, ארט, פאל) וואו עס איז דא פארקויף (ביי יעדעס מיידל, וואס איר פאטער קאן זי פארקויפן פאר א דינסט) איז ניטא קיין קנס, און אין יעדן פאל (ביי יעדעס מיידל) וואו עס איז פאראן קנס, איז ניטא קיין פארקויף (קאן דער פאטער זי ניט פארקויפן פאר א דינסט): ביי א קטנה (א מיידל וועלכע איז יינגער פון 12 יאר מיט א טאג) איז דא פארקויף (מכר, דער פאטער קאן זי פארקויפן פאר א דינסט), אבער זי האט ניט קיין קנס; א נערה (א מיידל עלטער פון 12 יאר מיט א טאג ביז 12 יאר מיט זעקס חדשים) האט קנס, אבער עס איז ניטא ביי איר קיין פארקויף דער פאטער קאן זי ניט פארקויפן פאר א דינסט. דער דין, אז א פאטער קאן פארקויפן זיין קליינע טאכטער פאר א דינסט איז פאראן אין חומש שמות כ׳ ז׳. א נערה דארף אויך האבן די צוויי האר (שתי שערות). הבוגרת, א דערוואקסענע מיידל (וואס איז עלטער פון צוועלף יאר מיט זעקס חדשים, און האט די צוויי האר), איז ביי איר ניט פאראן ניט קיין פארקויף (איר פאטער קאן זי ניט פארקויפן) און ניט קיין קנס. אויב איינער לעבט מיט איר דארף ער ניט בא־

ט. האומר „פתיתי את בתו של פלוני", משלם בשת ופגם על פי עצמו, ואינו משלם קנס. האומר „גנבתי (נ"א וטבחתי ומכרתי)" משלם את הקרן על פי עצמו, ואינו משלם תשלומי כפל ותשלומי ארבעה וחמשה. „המית שורי את פלוני", או „שורו של פלוני", הרי זה משלם על פי עצמו. „המית שורי עבדו פלוני", אינו משלם על פי עצמו. זה הכלל, כל המשלם יתר על מה שהזיק, אינו משלם על פי עצמו:

צאָלן קיין קנס. אָבער בושת און פגם דאַרף ער יאָ באַצאָלן, אויב ער האָט איר מאנס געווען.

ט. האומר, אז איינער זאָגט: „איך האָב איבערגערעדט (און געלעבט) מיט דער טאָכטער פון יענעם מאַן, דאַרף ער באַצאָלן פאַר בושת און פאַר פגם דורך זיינע ווערטער (דורך זיך מודה זיין) אָבער ער באַצאָלט ניט קיין קנס. דאָס איז דער דין „המודה בקנס פטור", אז אויב עס זענען ניט געווען קיין עדות, נאָר דער שולדיגער אליין איז זיך מודה איז ער פטור פון באַצאָלן קנס. ווי די משנה וועט באלד לערנען איז עס ניט דוקא ביים קנס פון א מיידל, נאָר אויך ביי יעדן קנס, ביי יעדער געלט־שטראָף, וואָס מען באַצאָלט ניט פאַר דעם שאדן נאָר אלס שטראָף. די משנה זאָגט „פתיתי", „איך האָב איבערגערעדט", און דער זעלביקער דין איז אויך ביי מאנס זיין, נאָר מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז מען טאָר אים ניט גלויבן, אז דאָס מיידל האָט געלעבט מיט אים מיט איר גוטן ווילן, און כדי ניט צו פאַרשעמען דאָס מיידל זאָל ער גאָרניט באַצאָלן, לערנט די משנה אז ער דאַרף באַצאָלן בושת און פגם. האומר, אז איינער זאָגט: „איך האָב געגנבעט, (א שעפּס צי אן אָקס, און האָב עס געשאָכטן אָדער פאַרקויפט) באַצאָלט ער דעם קרן (וויפיל די גנבה באַטרעפט) לויט זיין אייגענעם מודה זיין זיך, אָבער ער באַצאָלט ניט דעם כפל (טאָפּלט וויפיל די גנבה באַטרעפט), און (אויך ניט) די ארבעה וחמשה (פיר מאָל וויפיל דער שעפּס באַטרעפט און פינף מאָל וויפיל דער אָקס באַטרעפט. די תורה זאָגט (שמות כ"א און כ"ב) אז איינער גנבעט א זאַך דאַרף ער באַצאָלן טאָפּלט, כפל, דאָס הייסט ניט נור דעם קרן, וויפיל די גנבה באַטרעפט, נאָר נאָכאמאָל אזוי פיל. אויב אָבער ער גנבעט א שעפּס און שעכט אים אָדער ער פאַרקויפט אים, דאַרף ער באַצאלן פיר מאָל אזוי פיל וויפיל דער שעפּס באַטרעפט; אויב ער גנבעט אן אָקס און ער שעכט אים אָדער ער פאַר־קויפט אים דאַרף ער באַצאָלן פינף מאָל אזוי פיל. זאָגט די משנה, אז אויב דער גנב האָט זיך אליין מודה געווען, און קיין עדות זענען ניט געווען, דאַרף ער באַצאָלן נור דעם קרן, אָבער ניט דעם כפל און ניט די פיר און פינף פון א שעפּס אָדער אן אָקס (דאָס הייסט די דריי און פיר). מחמת דאָס דאָזיקע איז שוין ניט קיין באַצאָלונג פאַרן שאדן, נאָר א שטראָף, א קנס, און אז איינער איז זיך מודה איז ער פטור פון קנס. המית, (אויב איינער איז זיך אליין מודה און זאָגט): „מיין אָקס האָט געהרגט יע־נעם מענטש" (און די תורה זאָגט אין שמות כ"א, ל', אז דער בעל הבית פון אָקס דאַרף באַצאָלן „כופר", אויסלייז־געלט וויפיל עס איז ווערט געווען דער געהרגעטער מענטש), אָדער („מיין אָקס האָט געהרגט) דעם אָקס פון יענעם מענטש" (און די תורה אין שמות כ"א, ל"ו זאָגט אז ער דאַרף באַצאָלן וויפיל יענעמס אָקס האָט באַ־טראָפן), דאַרף ער באַצאָלן לויט זיין אייגענעם מודה זיין זיך. מחמת סיי כופר און סיי די באַצאָלונג פאַר דעם אָקס הייסט באַצאָלט פאַר דעם שאדן, און עס איז ניט קיין קנס, קיין שטראָף. המית, (אויב איינער זאָגט): „מיין אָקס האָט געהרגט דעם שקלאַף פון יענעם מענטש" (און די תורה אין שמות כ"א, ל"ב זאָגט, אז דער בעל הבית פון אָקס דאַרף באַצאָלן צום בעל הבית פון שקלאַף דרייסיק טאָלער, שקלים), דאַרף ער ניט באַצאָלן לויט זיין אייגענעם מודה זיין זיך. און די משנה גיט דאָ באלד דעם כלל, פאַרוואָס דאָס הייסט קנס. זה הכלל, דאָס איז דער כלל: יעדער וואָס באַצאָלט מער וויפיל ער האָט געטאָן שאדן, צאָלט ניט לויט זיין אייגענעם מודה זיין זיך.

פרק ד.

א. נערה שנתפתתה, בשתה ופגמה וקנסה של אביה, והצער בת־פוסה. עמדה בדין עד שלא מת האב, הרי הן של אב. מת האב, הרי של אחין. לא הספיקה לעמוד בדין עד שמת האב, הרי הן של עצמה. (ר׳ שמעון אומר אם לא הספיקה לגבות עד שמת האב הרי הן של עצמה). עמד בדין עד שלא בגרה, הרי הן של אב. מת האב, הרי הן של אחין. לא

ער צאָלט נור, ווען עדות זאָגן עדות, אז עס איז געטאָן געוואָרן דער שאדן. ווען אן אָקס הרגט דעם שקלאַף פון א מענטש, אפילו דער שקלאַף איז ווערט געווען ווינציקער פון 30 שקלים, צאָלט ער אויך דרייסיק שקלים, דאריבער הייסט ניט קיין באצאָלונג פאר א שאדן, נאָר א שטראָף, קנס.

פרק ד.

א. נערה, א מיידל א(נערה) וועלכע איינער האָט איבערגערעדט (און געלעבט מיט איר), געהערן איר בושת (דאָס געלט פאר פארשעמען איר) און איר פגם (דאָס געלט פאר מאכן איר ווינציקער ווערט) און איר קנס (די פופציק סלעים) צו איר פאָטער, און ביי א מיידל (א נערה) וואָס מען האָט מאנס געווען (בתפוסה) געהערט אויך דער צער (דאָס געלט פאר איר ליידן) צו איר פאָטער. **ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ג׳ משנה ד׳ קומט ניט ביי א איבערגערעדט מיידל (ביי א מפותה) צו באַצאָלן פאר צער. מיט „תפוסה" מיינט מען דאָ א מיידל וואָס מען האָט מאנס געווען פון לשון אין דברים כ״ב „ותפשה"** עמדה, אויב זי (דאָס מיידל) איז געשטאנען פארן בית דין (און דאָס בית דין האָט איר שוין צוגעפסקנט די אלע געלטער, דעם בושת, און פגם און קנס), איידער (איר) פאָטער איז געשטאָרבן, געהערן זיי (די אלע געלטער) צום פאָטער; אויב דער פאָטער איז געשטאָרבן (נאָכדעם ווי דאָס בית דין האָט שוין געהאט צוגעפסקנט די געלטער) געהערן זיי צו אירע ברידער. **מחמת ווי נור דאָס בית דין האָט צוגעפסקנט, הייסט עס אז די געלטער געהערן שוין צום פאָטער, און ווען דער פאָטער שטארבט ירשענען אים זיינע זין, אירע ברידער (א טאָכטער נעמט ניט, לויט דעם דין, קיין ירושה).** לא הספיקה, אויב זי (דאָס מיידל) איז ניט געשטאנען פארן בית דין, איידער דער פאָטער איז געשטאָרבן (איידער דאָס בית דין האָט צוגעפסקנט דאָס געלט), געהערן זיי (די געלטער) צו איר (צום מיידל). **מחמת די געלטער זיינען נאָכניט געוואָרן דעם פאָטערס און ממילא קאָנען עס די ברידער ניט ירשענען. אין איין נוסח אין דער משנה ווערט דאָ צוגעגעבן די דאָזיקע ווערטער:** ר׳ שמעון זאָגט, אז אויב זי האָט ניט אָפגענומען די געלטער איידער דער פאָטער איז געשטאָרבן, געהערן זיי צו איר (צום מיידל). **לויט ר׳ שמעון, אפילו דאָס בית דין האָט שוין צוגעפסקנט די געלטער און דער פאָטער איז געשטאָרבן נאָכן פסק דין, אָבער איידער ער האָט אָפגענומען די געלטער, געהערן זיי צו איר, ווייל די געלטער ווערן דעם פאָטערס נאָר ווען זיי קומען צו אים; דאָס ווערט אָפגעלערנט פון דברים כ״ב „ונתן האיש השוכב עמה לאבי הנערה", אז דאָס געלט ווערט דעם פאָטערס נאָר פון זינט מען האָט זיי אים געגעבן.** עמד, אויב עס איז געקומען פארן בית דין (דאָס בית דין האָט צוגעפסקנט די געלטער), איידער זי איז געוואָרן א בוגרת (דאָס מיידל איז נאָכניט געוואָרן עלטער פון צוועלף יאָר מיט זעקס חדשים), געהערן זיי צום פאָטער; אויב דער פאָטער איז געשטאָרבן (איידער זי איז געוואָרן א בוגרת, אָבער נאָכן פסק דין), געהערן זיי (די געלטער) צו (אירע) ברידער. **אזוי ווי מיר האָבן דערקלערט פריער, אז דאָס הייסט, אז די געלטער זענען שוין דעם פאָטערס און זיי, אירע ברידער, זיינע זין, ירשענען אים.** לא הספיקה, אויב זי איז נאָכניט געשטאנען פארן בית דין און זי איז געוואָרן א בוגרת, געהערן זיי (די געלטער) צו איר (צום מיידל). **ווייל פון זינט א מיידל ווערט א בוגרת, ווערט אלט 12 יאָר מיט 6 חדשים, ווערט זי שוין זעלבסטשטענדיק, און אירע זאכן געהערן צו איר אליין, און אזוי ווי**

הספיקה לעמוד בדין עד שבגרה, הרי הן של עצמה. ר׳ שמעון אומר אם לא הספיקה לגבות עד שמת האב הרי הן של עצמה. מעשה ידיה ומציאתה אף על פי שלא גבתה, מת האב הרי הן של אחין:

ב. המארס את בתו וגירשה אירסה ונתארמלה, כתובתה שלו. השיאה וגירשה השיאה ונתארמלה, כתובתה שלה. ר׳ יהודה אומר, הראשונה של אב. אָמרו לו, משהשיאה אין לאביה רשות בה:

דאָס בית דין האָט נאָכניט צוגעפסקנט די געלטער, זענען זיי דאָך נאָכניט געוואָרן איר פאָטערס געלטער, און דערווייל איז זי געוואָרן א בוגרת, געהערן די געלטער צו איר. ר׳ שמעון זאָגט, אז אויב זי האָט ניט אָפגענומען זיי (די געלטער) איידער זי איז געוואָרן א בוגרת, געהערן זיי (די געלטער) צו איר (צום מיידל). אַזוי ווי מיר האָבן פריער דערקלערט, אז ר׳ שמעון האלט, אז די געלטער ווערן דעם פאָטערס נאָר ווען ער נעמט זיי אָפּ. אין טייל נוסחאות איז דאָ פאראַן אין ר׳ שמעון׳ס ווערטער ניט „איידער זי איז געוואָרען א בוגרת״, נאָר „איידער דער פאָטער איז געשטאָרבן״, מחמת אין די דאָזיקע נוסחאות זענען ניט פאראַן פריער אין דער משנה ר׳ שמעון׳ס ווערטער וועגן טויט פון פאָטער. מעשה ידיה, איר (דעם מיידעל׳ס) האַנט־אַרבייט, (מעשה ידיה, דאָס וואָס דאָס מיידל, די נערה, פאַרדינט פון איר אַרבייט), און איר מציאה (אויב זי געפינט א זאַך), כאָטש זי האָט זיי נאָכניט אָפגענומען, און דער פאָטער איז (דערווייל, פאַרן אָפנעמען) געשטאָרבן, געהערן זיי די (ניט־אָפּגענומענע האַנט־אַרבייט און די מציאה) צו אירע ברידער. דער דין איז, אז צום פאָטער געהערט אַלץ וואָס זיין טאָכטער פאַרדינט אָדער זי געפינט עפּיס, אַזוי לאַנג ווי זי איז נאָך א נערה, דאָס הייסט ביז זי ווערט אַלט 12 יאָר מיט 6 חדשים. זאָגט די משנה, אז וואָס נוגע די דאָזיקע געלטער, ווערן זיי באַלד דעם פאָטערס ווי נור זי האָט זיי פאַרדינט אָדער געפונען, אפילו זי האָט זיי נאָכניט אָפּגענומען, און ממילא אויב דער פאָטער איז געשטאָרבן (אפילו איידער זי האָט די געלטער אָפּגענומען) ירשענען זיי אירע ברידער. די גמרא דאָ אויף דער משנה פרעגט: וואָס איז דער טייטש ביי א מציאה אז זי האָט זי נאָכניט אָפּגענומען? און די גמרא זאָגט, אז די משנה מיינט אַזוי, אז איר האַנט־אַרבייט האָט דעמזעלביקן דין וואָס איר מציאה, און פּונקט ווי אז זי געפינט עפּיס ווען דער פאָטער לעבט און דער פאָטער שטאַרבט דערנאָך געהערט עס די ברידער, אַזוי איז אויך מיט די פאַרדינסטן פון איר האַנט־אַרבייט בעת איר פאָטער לעבט, און דער פאָטער שטאַרבט דערנאָך, כאָטש זי האָט זיי נאָכניט געהאַט אָפּגענומען, געהערן זיי אויך צו אירע ברידער.

ב. המארס, ווען איינער האָט מקדש געמאַכט זיין טאָכטער (א נערה, ער האָט גענומען פאַר איר קידושין פון א מאַן, אָבער דער מאַן האָט נאָכניט חתונה געהאַט פאַלשטענדיק מיט דעם מיידל, נאָר ער האָט זי בלויז מקדש געווען, און דער דין איז אז א פאָטער קאָן נעמען קידושין פאַר זיין טאָכטער א נערה) און דערנאָך האָט איר (דער מאַן) גע׳גט, און דער פאָטער האָט איר מקדש געמאַכט (צו א צווייטן מאַן, און זי איז נאָך אַלץ א נערה) און זי איז געוואָרן אַן אלמנה (דער צווייטער מאַן איז געשטאָרבן), געהערט איר כתובה (דאָס געלט וואָס זי דאַרף אָפּנעמען אַלס איר כתובה סיי פון ערשטן מאַן סיי פון פאַרמעגן פון צווייטן מאַן) צו אים (צו איר פאָטער). מחמת כל זמן זי האָט נאָכניט חתונה געהאַט פאַלשטענדיק, און זי איז נאָך א נערה, געהערן אַלע אירע זאַכן צו איר פאָטער. השיאה, (אויב אָבער) ער (דער פאָטער) האָט איר חתונה געמאַכט (און זי איז א נערה) און איר מאַן האָט איר גע׳גט, און דער פאָטער האָט איר ווידער חתונה געמאַכט, און זי איז געוואָרן אַן אלמנה (פון צווייטן מאַן) געהערט איר כתובה (ביידע כתובות, פון ערשטן מאַן און פון צווייטן מאַן) צו איר. ווייל ווי נור זי האָט אינגאַנצן חתונה געהאַט, כאָטש זי איז נאָך א נערה, זענען אירע זאַכן שוין אירע, און ניט מער איר פאָטערס. ר׳ יהודה זאָגט, אז (אפילו

ג. הגיורת, שנתגיירה בתה עמה וזנתה, הרי זו בחנק; אין לה לא פתח בית האב ולא מאה סלע. היתה הורתה שלא בקדושה ולידתה בקדושה, הרי זו בסקילה; אין לה לא פתח בית האב ולא מאה סלע. היתה הורתה ולידתה בקדושה, הרי היא כבת ישראל לכל דבר: יש לה אב ואין לה פתח בית האב, יש לה פתח בית האב ואין לה אב, הרי זו בסקילה.

ער האָט איר חתונה געמאכט) געהערט די ערשטע (די כתובה פון ערשטן מאן) צום פאָטער; האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים (צו ר' יהודה), אז ווי נור ער האָט זי חתונה געמאכט האָט דער פאָטער ניט מער קיין רשות (קיין רעכט) איבער איר. **און אלץ וואָס זי האָט געהערט צו איר.**

ג. הגיורת, אז איינע (א גויה) האָט זיך מגייר געווען צוזאמען מיט איר טאָכ־טער (און די טאָכטער איז א נערה און א ייד האָט איר מקדש געווען, אָבער נאָכניט חתונה געהאַט מיט איר) און זי (די טאָכטער) האָט מזנה געווען (מיט א פרעמדן מענטש), קומט איר (טויט־שטראָף) דורך דערשטיקן (חנק). **כדי צו פארשטיין די גאנצע משנה איז נויטיק צו וויסן דעם דין. אז ווען אן אשת איש, א פרוי א מאן, איז מזנה מיט א פרעמדן מענטש, קומט איר טויט־שטראָף חנק, דורך דערשטיקן איר. אָבער אויב די פרוי איז א נערה (עלטער פון 12 יאָר ביז 12 יאָר מיט 6 חדשים) און דער מאן האָט איר נאָר מקדש געווען, אָבער נאָכניט חתונה געהאַט מיט איר (דאָס הייסט א „נערה המאורסה") און זי איז נאָך א בתולה, און זי האָט מזנה געווען, קומט איר טויט־שטראָף דורך סקילה (פארשטיינען איר, אראָפּוואַרפן איר פון א הויך אָרט.; און די תורה (דברים כ"ב) זאָגט אז די טויט־שטראָף זאָל פאָרקומען פאַר דער טיר פון איר פאָטערס הויז. אויב אָבער דער מאן האָט אנגעקלאָגט זיין כלה (וועלכע ער האָט מקדש געווען) אז זי האָט מזנה געווען, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער האָט געמאכט א בלבול, און זי האָט ניט מזנה געווען, דאַרף דער מאן באַצאָלן 100 סלעים (מאה סלע). זאָגט דאָ די משנה, אז א מיידל, וואָס איז געווען א גויה און האָט זיך מגייר געווען (אפילו ווען ביים מגייר זיין זיך איז זי געווען יינגער פון 3 יאָר מיט א טאָג, און זי איז דאריבער א בתולה, ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין פרק א' משנה ב') און א מאן האָט איר מקדש געווען, און זי האָט מזנה געווען, קומט איר טויט־שטראָף ניט דורך סקילה, דורך פארשטיינען, נאָר דורך חנק. דער טעם איז, וואָס וועגן „נערה המאורסה" אין דברים כ"ב ווערט געזאָגט „בישראל", און מען מיינט אז נאָר ווען זי איז געבוירן געוואָרן אלס א יידישע.** אין לה, און (דער טויט־שטראָף ווערט אויסגעפירט) ניט ביי דער טיר פון איר פאָטערס הויז. **אויך דאָ איז דערזעלביקער טעם.** ולא, און (אויב דער מאן האָט אויף איר אויסגעקלערט א פאלשן בלבול, אז זי האָט מזנה געווען) קומט איר ניט די הונדערט סלעים. **אלץ צוליב דעם זעלביקן טעם.** היתה, אויב די מוטער איז מעוברת געוואָרן מיט איר ווען זי איז געווען א גויה (שלא בקדושה, ניט אין הייליקייט), און זי איז געבוירן געוואָרן אין הייליקייט (די מוטער האָט זיך שוין געהאַט מגייר געווען), קומט איר סקילה (אויב זי האָט מזנה געווען אלס נערה המאורסה). **בנוגע דער טויט־שטראָף האָט זי דעם דין ווי א יידישע טאָכטער.** אין לה, (אָבער) זי האָט ניט קיין טיר פון פאָטערס הויז (מען פאַר־שטיינערט ניט זי פאַר דער טיר פון איר פאָטערס הויז) און אויך ניט די הונדערט סלעים. **אויב דער מאן האָט געמאכט אויף איר א פאלשן בלבול, קומט איר ניט די 100 סלעים. ווייל בנוגע די צוויי זאכן מוז איר מוטער האָבן געווען שוין א יידישע בעת זי איז מעוברת געוואָרן מיט איר.** היתה, אויב איר מעוברת ווערן און געבוירן ווערן איז געווען אין הייליקייט (ביים מעוברת ווערן איז איר מוטער שוין געווען א גר־טע) איז זי ווי די טאָכטער פון א ייד צו אלע זאכן. **אויך צו דער שטראָף פאַר דער טיר פון איר פאָטערס הויז, און אויך צו באַקומען די 100 סלעים.** יש לה, אויב (סתם א יידיש מיידל, ניט א גר־טע) זי האָט א פאָטער, אָבער זי האָט ניט קיין טיר פון הויז

לא נאמר „פתח בית אביה״ אלא למצוה:

ד. האב זכאי בבתו בקדושיה, בכסף, בשטר, ובביאה, וזכאי במציאתה, ובמעשה ידיה, ובהפרת נדריה, ומקבל את גיטה, ואינו אוכל פירות בחייה. נשאת, יתר עליו הבעל שאוכל פירות בחייה, וחייב במזונותיה ובפרקונה ובקבורתה. ר׳ יהודה אומר, אפילו עני שבישראל לא יפחות משני חלילים ומקוננת:

פון פאָטער (דער פאָטער האָט ניט קיין הויז), אָדער זי האָט א טיר פון פאָטערס הויז אָבער זי האָט ניט קיין פאָטער (ער איז געשטאָרבן), קומט איר (פונדעסטוועגן טויט־שטראָף דורך) סקילה אויב זי האָט מזנה געווען. ווען זי איז געווען א נערה המאורסה). **די משנה גיט באלד דעם טעם דערצו:** לא נאמר, עס איז געזאָגט געוואָרן (אין דברים כ״ב כ״א, אז מען זאָל אויספירן דאָס פארשטיינען איר ביי דער) „טיר פון איר פאָטערס הויז („פתח בית אביה״) נאָר פאר א מצוה. **דאָס הייסט, אז עס איז א מצוה אזוי צו טאָן, אָבער אויב עס איז ניט פאראן די טיר פון פאָטערס הויז איז עס ניט מעכב, שטערט עס ניט, און דאָס פארשטיינען זי קאָן פאָרקומען אומעטום.**

ד. האָב, א פאָטער האָט דאָס רעכט (דעם רשות) איבער זיין טאָכטער אין אירע קידושין סיי מיט געלט, סיי מיט שטר, סיי מיט ביאה. **דער דין איז אז מען קאָן מקדש זיין א פרוי מיט איינער פון די דריי זאכן, מיט געלט (מען גיט איר געלט און מען זאָגט „הרי את מקודשת לי״), אָדער מיט א שטר, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן „הרי את מקודשת לי״, אָדער מיט „ביאה״, מיט בועל זיין איר און זאָגן „הרי את מקודשת לי״. זאָגט די משנה אז אזוי לאנג ווי א מיידל איז א נערה (ביז 12 יאָר מיט 6 חדשים) האָט דער פאָטער דאָס רעכט מקדש צו מאכן איר צו א מאן, נעמען פאר איר דאָס קידושין געלט (און דאָס געלט איז זיינס) אָדער דעם שטר, אָדער הייסן דעם מאן צו לעבן מיט איר און דערמיט מקדש זיין איר.** וזכאי, און ער (דער פאָטער) האָט אויך דאָס רעכט (צו זיין טאָכטער, ווען זי איז נאָך א נערה) צו איר מציאה. **ווען זי געפינט עפּיס געהערט עס צום פאָטער.** ובמעשה ידיה, און צו איר האנט־ארבייט. **אויב זי פארדינט געהערט דאָס פארדינסט צום פאָטער.** ובהפרת נדריה, און צו צעשטערן אירע נדרים. **אויב זי טוט א נדר קאָן דער פאָטער, אין טאָג ווען ער ווערט געוואָר וועגן דעם נדר, צעשטערן דעם נדר, דערקלערן אים פאר אויס נדר.** ומקבל את גיטה, און ער קאָן צונעמען פאר איר איר גט. **אויב זי איז נאָך א נערה, קאָן דער מאן געבן דעם פאָטער איר גט, און זי ווערט דאדורך גע׳גט.** ואינו, און ער עסט ניט די פרוכטן אזוי לאנג ווי זי לעבט. **אויב די טאָכטער האָט באקומען ירושה פעלדער פון איר מוטערס פאָטער, געהערן ניט די פרוכטן פון די פעלדער צו איר פאָטער. ערשט ווען זי שטארבט ירשנט איר דער פאָטער.** נשאת, אויב זי האָט חתונה געהאט, האָט איר מאן מער (רעכט אויף איר פון איר פאָטער דערמיט) וואָס ער עסט אויך די פרוכטן ווען זי לעבט. **אויך צום מאן געהערן איר מציאה און דער פארדינסט פון איר האנט־ארבייט, און ער קאָן צעשטערן אירע נדרים; אָבער א חוץ דעם אלעם, אויב זי באקומט ירושה, געהערן צום מאן די פרוכטן, וואָס דאָס ירושה־פארמעגנס טראָגט אפילו ווען זי לעבט.** וחייב, און ער (דער מאן) איז מחויב צו געבן איר מזונות. **מיט „מזונות״ מיינט מעו ניט נאָר צו עסן, שפייז, נאָר אויך אויסהאלטונג, קליידונג; און דערמיט איז פארענטפערט די קשיא פון „תוספות יום טוב״ פארוואָס די משנה זאָגט ניט אויך קליידונג.** ובפרקונה, און (דער מאן איז מחויב) איר אויסצולייזן. **אויב זי איז געוואָרן געפאנגען, דארף ער פון זיין געלט איר אויסלייזן, און ער קאָן איר דאָס געלט ניט אראָפּרעכענען פון איר פארמעגן אָדער פון איר כתובה.** ובקבורתה, און אין קובר זיין איר. **אויב זי איז געשטאָרבן דארף דער מאן געבן דאָס געלט וואָס קאָסט די קבורה; דערפאר באקומט דער מאן די ירושה פון איר פארמעגן.** ר׳ יהודה זאָגט, אז אפילו דער אָרימסטער צווישן יידן (אויב זיין ווייב שטארבט) זאָל ער איר ניט געבן ווינציקער

ה. לעולם היא ברשות האב, עד שתכנס (לרשות הבעל לנשואין). מסר האב לשלוחי הבעל, הרי היא ברשות הבעל. הלך האב עם שלוחי הבעל, או שהלכו שלוחי האב עם שלוחי הבעל, הרי היא ברשות האב. מסרו שלוחי האב לשלוחי הבעל, הרי היא ברשות הבעל:

ו. האב אינו חייב במזונות בתו. זה מדרש דרש רבי אלעזר בן עזריה לפני חכמים בכרם ביבנה: „הבנים יירשו, והבנות יזונו", מה

פון צווי פייפערלעך און א קלאָגערין. אין דער צייט פון דער משנה איז געווען א מנהג אז ווען איינער איז געשטאָרבן האָט מען אים באוויינט און באקלאָגט דורך צוש־פילן אויף פייפערלעך טרויעריקע קלאָג־ניגונים, און פרויען־מקוננות, קלאָג־פרויען, האָבן געזאָגט געוויין־ווערטער. זאָגט ר׳ יהודה, אז דער מאן דארף געבן צו דער קבורה פון זיין ווייב נית ווייניקער פון צווי פייפערלעך און איין קלאָג־פרוי. וועגן דעם מנהג האָבן מיר געגעבן אין מסכתא שבת פרק כ״ג משנה ד׳, און אין מסכתא מועד קטן פרק ג׳ משנה ט׳.

ה. לעולם, דאָס מיידל (אפילו נאָכדעם ווי דער מאן האָט איר מקדש געווען) איז כסדר אין רשות פון איר פאָטער ביז זי גייט אריין אין רשות פון איר מאן צו דער חתונה. מיר האָבן שוין געגעבן אין דער הקדמה צו דער מסכתא, אז אמאָל פלעגט דער חתן מקדש זיין די כלה ביי די תנאים, און די כלה איז געבליבן ביי אירע עלטערן 12 חדשים, און דערנאָך האָט דער פאָטער געפירט זיין טאָכטער צום מאן צו דער חופה און חתונה. זאָגט די משנה, אז אזוי לאנג ווי זי איז ניט איבערגעגעבן גע־וואָרן צום רשות פון מאן צום חתונה האָבן, הייסט זי נאָך אלץ אין רשות פון פאָטער. דער ברטנורא ברענגט דאָ צו, אז אויב זי איז די טאָכטער פון א ישראל און איר מאן איז א כהן, טאָר זי נאָך אלץ ניט עסן קיין תרומה אזוי לאנג ווי זי איז אין רשות פון פאָטער, אן אנדערע גירסא איז דאָ „ביז זי וועט אריינגיין אונטער דער חופה". מסר, אויב ער (דער פאָטער) האָט איבערגעגעבן (זיין טאָכטער) צו די שלוחים פון מאן (ער האָט געשיקט נאָך איר שלוחים צו ברענגען איר), הייסט זי שוין אין רשות פון מאן. אויב דער פאָטער איז מיטגעגאנגען מיט דעם מאנ׳ס שלוחים, אָדער דעם פאָ־טערס שלוחים זענען מיטגעגאנגען מיט דעם מאנ׳ס שלוחים, איז זי כסדר אין רשות פון פאָטער. דאָס הייסט, ביז דער מאן נעמט זי איבער, ווייל קוים גייט דער פאָטער אליין אָדער זיינע שלוחים מיט איר, הייסט זי נאָך אלץ אין זיין רשות. מסרו, אויב דעם פאָטערס שלוחים (האָבן געטראָפן אויפן וועג דעם מאנ׳ס שלוחים און זיי) האָבן זי איבערגעגעבן צום מאנ׳ס שלוחים, איז זי שוין אין רשות פון מאן. מחמת זיינע שלו־חים זענען אזוי גוט ווי ער אליין.

ו. האב, א פאָטער איז ניט מחויב צו שפייזן זיין טאָכטער. ווען דער פאָטער לעבט איז ער ניט מחויב, ניט פארפליכטעט לויט דעם דין, צו שפייזן און אויסצוהאלטן זיינע קינדער, מיידלעך צי יינגלעך. אָבער די חכמים האָבן מתקן געווען, אז קינדער ביז 6 יאָר אלט מוז דער פאָטער זיי אויסהאלטן, דאָס בית דין צווינגט אים דערצו, מען נעמט ביי אים צו געלט מיט גוואלט; און פון 6 יאָר און עלטער, אויב זיי זענען נאָך קליין, צווינגט מען אים מאָראליש, מען זידלט אים, ביז ער האלט אויס זיינע קינדער. ווען די משנה זאָגט דאָ „חייב" מיינט זי דערמיט ווי א „געלט־חוב", וואָס מען נעמט אָפּ ביי אים, ווייל עס איז ניט זיינס. זה מדרש, דעם דאָזיקן דרש האָט געלערנט (גע־דרשנט, געלערנט) ר׳ אלעזר בן עזריה פאר די חכמים אין ווינגאָרטן אין יבנה (בכרם ביבנה) „די זין זאָלן ירשענען און די טאָכטער זאָלן געשפייזט ווערן" (אזוי איז איינער פון די תנאים, פון די פונקטן פון דער כתובה), איז אזוי ווי די זין ירשענען ניט (זייער פאָטערס פארמעגן) סיידן ערשט נאָכן פאָטערס טויט, אזוי ווערן די טעכטער ניט געשפייזט (פון פאָטערס פארמעגן, לויטן דין) סיידן ערשט נאָכן פאָטערס טויט. אָבער נאָכן טויט פון זייער פאָטער קומט דער טאָכטער אויסהאלטונג (שפייז, וואוינונג,

הבנים אינם יורשין אלא לאחר מיתת האב, אף הבנות אינן נזונות אלא לאחר מיתת אביהן:

ז. לא כתב לה כתובה, בתולה גובה מאתים ואלמנה מנה, מפני שהוא תנאי בית דין. כתב לה שדה שוה מנה תחת מאתים זוז, ולא כתב לה „כל נכסים דאית לי אחראין לכתובתיך״, חייב, שהוא תנאי בית דין:

ח. לא כתב לה „אם תשתבאי אפרקינך ואותבינך לי לאינתו״, ובכהנת „אהדרינך למדינתך״, חייב, שהוא תנאי בית דין:

ט. נשבית, חייב לפדותה. ואם אמר, הרי גיטה וכתובתה תפדה את

קליידער) פון זייער פאָטערס פאַרמעגן, ביז זיי האָבן חתונה אָדער זיי ווערן דערוואַקסן. ווי מיר האָבן שוין געגעבן קומט ניט, לויט דעם דין, טעכטער קיין ירושה. מיט „כרם ביבנה״, „דער וויינגאָרטן אין יבנה״, איז אָנגערופן געוואָרן די ישיבה אין יבנה נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש, וואו דער נשיא רבן גמליאל און א סך אנדערע תנאים זענען געווען. ווייל די חכמים זענען אויסגעזעסן אין דער ישיבה שורות־ווייז, ווי די בוימער אין א וויינגאָרטן, האָט מען עס אָנגערופן „כרם״, א וויינגאָרטן. דער רמבם זאָגט, אז אויך דערפאַר וואָס די כנסת ישראל, די יידן ווערן אָנגערופן דורך גאָט „כרם״ (ישעיה ה׳ „כרם היה לידידי״).

ז. לא כתב, אויב ער (דער מאַן) האָט (ביי דער חתונה) ניט געשריבן איר (דעם ווייב) די כתובה, נעמט אָפּ א בתולה (ווען דער מאַן גט איר אָדער ער שטאַרבט) צוויי הונדערט (גילדן) און אן אלמנה הונדרעט (גילדן), ווייל עס איז א תנאי פון בית דין. מיט „א בתולה״ מיינט מען, אז זי איז געווען צו דער חתונה א בתולה, און מיט אן אלמנה מיינט מען, אז זי איז געווען צו דער חתונה אן אלמנה. די משנה וועט דאָ געבן ביז צום סוף פרק עטליכע הלכות, אז אויב דער מאַן האָט דעם ווייב אינגאַנצן ניט געשריבן קיין כתובה, אָדער ער האָט נור געשריבן א טייל התחייבותן אין דער כתובה, און א טייל התחייבותן האָט ער ניט געשריבן, מוז ער מקיים זיין אלע התחייבותן וואָס זענען פאַראַן אין דעם נוסח פון דער כתובה וואָס די חכמים האָבן מתקן געווען. דאָס הייסט, אז עס איז א תנאי פון בית דין, און מען קאָן זיך דערפון ניט באַפרייען. דער נוסח פון דער כתובה איז אין אראַמעאיש, און דעריבער וועט די משנה שפּעטער ברענגען דעם נוסח פון די התחייבותן אויך אין אראַמעאיש. כתב לה, אויב ער (דער מאַן) האָט איר אריינגעשריבן (אין דער כתובה) א פעלד וואָס איז ווערט הונדערט (גולדן) אנשטאָט צוויי הונדערט (גולדן), און ער האָט ניט אריינגעשריבן „כל נכסים, אלע פעלדער, וואָס איך האָב זענען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דיין כתובה״, איז ער (פונדעסטוועגן) חייב (אלע זיינע פעלדער זענען פאַראַנטוואָרטליך, און זי קאָן פון זיי אָפּנעמען צוויי הונדערט גילדן), ווייל דאָס איז א תנאי פון בית דין. דער רמבם גיט צו, אז אפילו אויב דער מאַן האָט פאַרקויפט די פעלדער קאָן אויך די פרוי אָפּנעמען פון די קויפער פאַר אירע 200 גילדן פון דער כתובה.

ח. לא כתב, אויב ער האָט איר ניט געשריבן אין דער כתובה „אם תשתבאי, אויב דו וועסט ווערן געפאַנגן, וועל איך דיך אויסלייזן, און איך וועל דיך צוריקנעמען פאַר מיין ווייב״, און אויב זי איז דאָס ווייב פון א כהן „און איך וועל דיך צוריקברענגען אין דיין לאַנד״, איז ער מחויב (איר אויסצולייזן), ווייל דאָס איז א תנאי פון בית דין. ביי א כהנת, א כהנ׳ס פרוי, קאָן ער ניט צוריקנעמען איר פאַר א ווייב, ווייל א געפאַנגענע, א שבויה, איז אסור צו א כהן (זע פריער פרק ב׳ משנה ה׳). אָבער אויך דער כהן מוז נאָכן אויסלייזן צוריקברענגען זי אין איר לאַנד, און כאָטש ער מוז זיך גטן מיט איר דאַרף ער איר געבן די כתובה.

ט. נשבית, אויב זי (די פרוי פון א מאַן) איז געפאַנגען געוואָרן, מוז ער (דער מאַן) זי אויסלייזן, און אויב ער זאָגט: דאָ האָט זי איר גט און איר כתובה (געלט) און זאָל זי זיך אליין אויסלייזן, טאָר ער ניט. מחמת זינט זי איז געפאַנגען געוואָרן ליגט אויף

עצמה, אינו רשאי. לקתה, חייב לרפאותה. אמר, הרי גיטה וכתובתה תרפא את עצמה, רשאי:

י. לא כתב לה „בנין דכרין דיהוו ליכי מינאי. אינון ירתון כסף כתובתיך יתר על חלקיהון דעם אחוהון״, חייב, שהוא תנאי בית דין:

יא. „בנן נוקבין דיהויין ליכי מינאי יהויין יתבן בביתי ומיתזנן מנכסי עד דתנסבן לגוברין״, חייב, שהוא תנאי בית דין:

יב. „את תהא יתבא בביתי ומיתזנא מנכסי כל ימי מיגד אלמנותיך בביתי״, חייב, שהוא תנאי בית דין. כך היו אנשי ירושלים כותבין. ואנשי גליל כותבין כאנשי ירושלים. אנשי יהודה היו כותבין „עד שירצו היורשין ליתן ליך כתובתיך״; לפיכך אם רצו היורשין, נותנין לה כתובתה, ופוטרין אותה:

אים דער חוב אויסצולייזן. לקתה, אויב זי איז קראנק געוואָרן (לקתה, פון „לקה״, גע־שלאָגן געוואָרן, קראנק געוואָרן), מוז ער איר היילן (געבן געלד אויף צו היילן איר); אויב ער האָט געזאָגט: דאָ האָט זי איר גט און איר כתובה און זאָל זי זיך אליין היילן (פאר איר געלט), מעג ער. ווייל „היילן״ הייסט ווי „שפּייזן״, **און א מאן מעג גטן זיין פרוי און געבן איר די כתובה און זי זאָל זיך אליין שפּייזן, אליין זיך אויס־האלטן.**

י. לא כתב, אויב ער האָט ניט איינגעשריבן (אין דער כתובה): „בנין דכרין, די קינדער זכרים (די זין), וועלכע דו וועסט האָבן פון מיר, וועלן ירשענען דאָס געלד פון דיין כתובה (נאָך מיין טויט) מער פון זייער ירושה חלק וואָס זיי קומט צוזאמען מיט זייערע ברידער (וואָס איך וועל האָבן פון אן אנדער ווייב)״, איז ער חייב, ווייל עס איז א תנאי פון בית דין. **דאָס איז דער דין פון „כתובת בנין דכרין״, וועגן וועלכן מיר האָבן געגעבן אין דער הקדמה צו דער מסכתא. פּרטים וועגן דאָזיקן דין וועלן מיר געבן ווייטער אין פּרק י׳ משנה ב׳, ווייל דאָרט איז עס דער עיקר. די משנה זאָגט, אז אפילו מען האָט ניט איינגעשריבן, נעמען אירע זין (נאָך דעם פּאָטערס טויט) פון פּאָטערס ירושה דאָס געלד פון דער מוטערס כתובה, און דער רעשט ירושה טיילן זיי זיך מיט זייערע ברידער, די זין פון אנדערע ווייבער פון זייער פּאָטער.**

יא. (אויב ער האָט איר ניט געשריבן אין דער כתובה): „בנן נוקבין, די קינדער נקבות (טעכטער) וועלכע דו וועסט האָבן פון מיר, וועלן (נאָך מיין טויט) זיצן אין מיין הויז און געשפּייזט ווערן (אויסגעהאַלטן ווערן) פון מיין פארמעגנס ביז זיי וועלן בא־קומען מענער״, איז ער חייב, ווייל עס איז א תנאי פון בית דין. **כאָטש טעכטער נעמען ניט קיין ירושה, קומט זיי אָבער צו שפּייזן ביז זיי באקומען מענער, אָדער ביז זיי ווערן דערוואקסן (בוגרות, עלטער פון 12 יאָר מיט 6 חדשים).**

יב. (אויב ער האָט ניט איינגעשריבן אין דער כתובה): „את תהא, דו (דאָס ווייב) וועסט (נאָך מיין טויט) זיצן (וואוינען) אין מיין הויז און וועסט ווערן געשפּייזט (אויס־געהאלטן פון מיין פארמעגנס אלע טעג ווי עס וועט זיך ציען דיין זיין אן אלמנה אין מיין הויז״, איז ער חייב, ווייל עס איז א תנאי פון בית דין. **און זיינע יורשים מוזן איר האלטן אין זיין הויז און אויסהאלטן דאָרט אזוי לאנג ווי זי איז אן אלמנה. „מיגד״ איז דער טייטש „ציען זיך״, אן אנדער גירסא איז „מיגר״, וואוינען.** כך, אזוי האָבן געשריבן די איינוואוינער פון ירושלים; די איינוואוינער פון גליל (צפון־געגנט אין ארץ ישראל) האָבן געשריבן אזוי ווי די איינוואוינער פון ירושלים. (אָבער) די איינוואוינער פון יהודה (דרום געגנט אין ארץ ישראל) האָבן געשריבן (אין דער כתובה, אז דאָס ווייב בלייבט זיצן אין הויז נאָכן מאנ׳ס טויט) „ביז די יורשים וועלן דיר וועלן געבן די כתובה״. דעריבער, אויב די יורשים ווילן, געבן זיי איר די כתובה, און פטרן איר. **דאָס הייסט, זיי קאָנען איר באזייטיקן פון הויז און ניט מער זי אויס־האלטן. אָבער אזוי לאנג ווי זיי גיבן איר ניט דאָס כתובה געלט מוזן זיי זי אויסהאלטן.**

פרק ה.

א. אף על פי שאמרו בתולה גובה מאתים, ואלמנה מנה. אם רצה להוסיף אפילו מאה מנה יוסיף. נתארמלה או נתגרשה, בין מן הארוסין בין מן הנישואין, גובה את הכל. ר׳ אלעזר בן עזריה אומר, מן הנשואין גובה את הכל, מן הארוסין, בתולה גובה מאתים ואלמנה מנה, שלא כתב לה אלא על מנת לכונסה. ר׳ יהודה אומר, אם רצה כותב לבתולה שטר של מאתים, והיא כותבת „התקבלתי ממך מנה״, ולאלמנה מנה, והיא כותבת „התקבלתי ממך חמשים זוז״. ר׳ מאיר אומר, כל הפוחת לבתולה ממאתים ולאלמנה ממנה, הרי זו בעילת זנות :

ב. נותנין לבתולה שנים עשר חדש משתבעה הבעל, לפרנס את

פרק ה.

א. אף על פי, כאָטש זיי (די חכמים) האָבן געזאָגט אז א בתולה (א פרוי וואָס איז צו דער חתונה א בתולה) נעמט (כתובה־געלט) צוויי הונדערט (גולדן), און אן אלמנה (א פרוי וואָס איז צו דער חתונה אן אלמנה) נעמט הונדערט גולדן, אויב אָבער ער (דער מאן) וויל צו־לייגן (ארײַנשרײַבן אין דער כתובה מער), אפילו הונדערט מאָל הונדערט גילדן קאָן ער צו־לייגן. **מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז מען טאָר ניט ארײַנשרײַבן מער, כדי ניט צו פארשעמען ארימע לייט, וועלכע קאָנען מער ניט געבן, לערנט די משנה אז מען מעג. דאָס דאָזיקע געלט אין דער כתובה, וואָס איז מער פון 200 גולדן ביי א בתולה און פון 100 גולדן ביי ניט קיין בתולה, ווערט אָנגערופן „תוספת כתובה״, די כתובה-צוגאָב.** נתארמלה, אויב (דער מאן האָט ארײַנגעשריבן אין דער כתובה מער, א תוספת כתובה און) זי (דאָס ווייב) איז געוואָרן אן אלמנה (איר מאן איז געשטאָרבן) אָדער זי האָט באַקומען א גט (פון מאן), סיי (זי איז געוואָרן אן אלמנה אָדער באַקומען א גט) באלד נאָכן מקדש זיין איר (נאָך איידער זי האָט חתונה געהאַט, נאָר דער מאן האָט איר געהאַט בלויז מקדש געווען) און סיי שוין נאָך דער חתונה, נעמט זי אָפּ אלץ. **זי נעמט אָפּ סיי די כתובה, די 200 גולדן (און ביי ניט קיין בתולה די 100 גולדן) און סיי די תוספת כתובה.** ר׳ אלעזר בן עזריה זאָגט, אז אויב (זי איז געוואָרן אן אלמנה אָדער באַקומען א גט) נאָך דער חתונה, נעמט זי אָפּ אלץ (אויך די תוספת כתובה), אויב (אָבער) נאָכ׳ן מקדש זיין איר (פאר דער חתונה) נעמט א בתולה צוויי הונדערט (גילדן) און אן אלמנה הונדערט גולדן, ווייל (מען נעמט אָן אז) ער (דער מאן) האָט איר געשריבן (די תוספות כתובה) נאָר אויף דעם תנאי אז ער וועט חתונה האָבן מיט איר. **דעריבער קומט זיי נור די עיקר כתובה, אָבער ניט די תוספת כתובה.** ר׳ יהודה זאָגט, אז אויב איינער וויל שרײַבט ער צו א בתולה (אויב ער נעמט א בתולה) א שטר (א כתובה) אויף צוויי הונדערט (גולדן) און זי שרײַבט אים (גיט אים א קבלה־קוויטל): „איך האָב דערהאלטן פון דיר (אויפן חשבון פון דער כתובה) הונדערט גילדן״, און צו אן אלמנה (אויב ער נעמט אן אלמנה, שרײַבט ער א כתובה) אויף הונדערט גולדן, און זי שרײַבט אים (מיט א קבלה־קוויטל): „איך האָב דערהאלטן פון דיר (אויפ׳ן חשבון פון דער כתובה) פופציק (גולדן)״. **כאָטש זי האָט דאָס געלט ניט דערהאלטן, קאָן זי אזוי שרײַבן, און די כתובה פון דער בתולה איז אזוי ארום ניט מער פון 100 גילדן, און די כתובה פון דער אלמנה ניט מער פון 50 גולדן.** ר׳ מאיר זאָגט, אז ווער עס גיט צו א בתולה (א כתובה) ווייניקער פון צוויי הונדערט (גולדן) און צו אן אלמנה ווייניקער פון הונדערט גולדן איז זיין חתונה האָבן זנות. **די גמרא זאָגט, אז לויט ר׳ מאיר, אפילו ער האָט אויסגענומען א תנאי צו געבן ווייניקער, האָט דער תנאי קיין ווערט ניט און די בתולה נעמט 200 גולדן און די אלמנה 100 גולדן.**

ב. נותנין, מען גיט א בתולה (נאָכדעם ווי דער מאן האָט איר מקדש געווען ביי די תנאים) צייט צוועלף חדשים, פון זינט דער מאן פאָדערט פון איר (חתונה צו האָבן), כדי זי זאָל זיך קאָנען צוגרייטן. **אין די 12 חדשים קאָן זי זיך צוגרייטן אירע תכשיטים**

**עצמה. וכשם שנותנין לאשה, כך נותנין לאיש לפרנס את עצמו. ולאל־
מנה שלשים יום. הגיע זמן ולא נשאו, אוכלות משלו ואוכלות בתרומה.
ר׳ טרפון אומר נותנין לה הכל תרומה. ר׳ עקיבא אומר מחצה חולין
ומחצה תרומה:**

**ג. היבם אינו מאכיל בתרומה. עשתה ששה חדשים בפני הבעל
וששה חדשים בפני היבם, ואפילו כולן בפני הבעל חסר יום אחד בפני**

און אנדערע נויטיקע זאכן צו דער חתונה. וכשם, און אזוי ווי מען גיט (צייט צוועלף חדשים) דער פרוי, אזוי גיט מען (צייט צוועלף חדשים) דעם מאן, כדי ער זאל זיך קאנען צוגרייטן. אין דער צייט פון דער משנה און גמרא איז געווען דער מנהג אז דער חתן (דעם חתנ׳ס פאטער) פלעגט מאכן די חתונה־סעודה; גיט מען אים צייט 12 חדשים צוצוגרייטן. ולאלמנה, און אן אלמנה (אויב די פרוי וועלכע גייט חתונה האבן איז אן אלמנה) גיט מען איר דרייסיק טעג. מחמת מען נעמט אן, אז אן אלמנה האט שוין גרייט אירע תכשיטים און זי דארף זיך ניט אזוי פיל צוגרייטן. דער רמבם זאגט, אז אויך דער חתן וואס גייט חתונה האבן מיט אן אלמנה באקומט צייט 30 טעג צוגרייטן זיך. הגיע, אויב עס איז געקומען די צייט (ביי א בתולה נאך צוועלף חדשים און ביי אן אלמנה נאך דרייסיק טעג), און דער מאן האט ניט חתונה געהאט מיט זיי (די שטערונג איז געווען פון מאנ׳ס צד) עסן זיי פון זיינס (דער מאן דארף איר געבן צו עסן) און (אויב דער מאן איז א כהן) מעגן זיי עסן תרומה. לויט דעם דין פון דער תורה ווערט די פרוי דאס ווייב פון מאן באלד ווי ער האט זי מקדש געווען, און אויב דער מאן איז א כהן, כאטש זי איז די טאכטער פון א ישראל, מעג זי באלד נאך די קידושין עסן תרומה. נאר די חכמים האבן מתקן געווען, אז כל זמן זי האט ניט חתונה געהאט זאל זי ניט עסן קיין תרומה, ווייל זי געפינט זיך דאך ניט (פאר דער חתונה) אין מאנ׳ס הויז, נאר ביי איר פאטער דעם ישראל אין הויז, און עס איז מורא צו האבן אז זי קאן פארגעסן און מכבד זיין אירע ברידער די ישראל מיט א כוס תרומה־ווין. אבער ווען עס קומט אן די צייט נאך 12 חדשים און דער מאן האט ניט חתונה געהאט מיט איר, דארף דער מאן איר אפגעבן א באזונדערן צימער און דארט געבן איר צו עסן, און עס איז ניטא מורא צו האבן, טאמער וועט זי מכבד זיין מיט תרומה איר ברודער. ר׳ טרפון זאגט, אז (נאך די צוועלף חדשים, אויב דער מאן איז א כהן) קאן ער געבן דאס גאנצע עסן תרומה. תרומה־מאכלים קאסטן בילקער, ווייל דאס מעגן עסן נור כהנים. זאגט ר׳ טרפון אז דער מאן דער כהן קאן איר געבן בלויז תרומה־מאכלים. כאטש עס איז פאראן א צייט ביי דער פרוי (אין דער נידה־צייט), ווען זי טאר ניט עסן קיין תרומה, ווייל זי איז דאמאלס טמא, זאל זי דאמאלס פארקויפן אירע תרומה־מאכלים און זיך קויפן געוויינטליכע מאכלים. ר׳ עקיבא זאגט, אז (ער דארף איר געבן) א העלפט תרומה און א העלפט חולין. מיט „חולין״ מיינט מען געוויינטליכע מאכלים וואס יעדער (אפילו ניט א כהן און אפילו א טמא־מענטש) מעג עסן. די חולין־מאכלים דארף ער איר געבן, כדי זי זאל זיי קאנען עסן אין איר טומאה־צייט.

ג. היבם, דער יבם מאכט ניט עסן קיין תרומה. דעם דאזיקן דין האבן מיר געהאט אין מסכתא יבמות פרק ז׳ משנה ד׳. יבם הייסט ווען איינער שטארבט אן קינדער, און לאזט איבער א פרוי און זיינס א ברודער (פון איין פאטער), דארף דער ברודער געבן דער פרוי חליצה, און באפרייען איר, אדער איר מייבם זיין (חתונה האבן מיט איר). דער דאזיקער ברודער הייסט „יבם״. זאגט די משנה, אז אויב דער יבם איז א כהן, איז כל זמן ער האט ניט חתונה געהאט מיט איר, טאר זי ניט עסן קיין תרומה. עשתה, אויב (א מאן האט מקדש געווען א מיידל און ער האט איר געגעבן צייט צוועלף חדשים צו דער חתונה, און נאך זעקס חדשים איז ער געשטארבן אן קינדער, אזוי אז די פרוי האט געווארט בעת דעם מאנ׳ס לעבן זעקס חדשים, און זי האט געווארט זעקס חדשים אויפן יבם (נאכן מאנס טויט), און אפילו (זי האט געווארט) אלע (צוועלף חדשים

היבם, או כולן בפני היבם חסר יום אחד בפני הבעל, אינה אוכלת בתרומה. זו משנה ראשונה. בית דין של אחריהן אָמרו, אין האשה אוכלת בתרומה עד שתכנס לחופה:

ד. המקדיש מעשה ידי אשתו, הרי זו עושה ואוכלת. המותר, ר׳ מאיר אומר, הקדש; ר׳ יוחנן הסנדלר אומר, חולין:

ה. אלו מלאכות שהאשה עושה לבעלה: טוחנת, ואופה, ומכבסת, ומבשלת, ומניקה את בנה, מצעת לו המטה, ועושה בצמר, הכניסה לו שפחה אחת לא טוחנת, ולא אופה, ולא מכבסת, שתים, אינה מבשלת

ווינציקער איין טאָג) בעת מאנס לעבן, און דעם איין טאָג פאר דעם יבם, אָדער אלע (צוועלף חדשים ווינציקער איין טאָג) אויף דעם יבם (נאָכן מאנ׳ס טויט) און דעם אייינעם טאָג בעת דעם מאנ׳ס לעבן, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה. **זי מעג עסן תרומה נאָר ווען זי האָט גאנצע 12 חדשים נאָכן מאנס טויט געוואַרט אויפן יבם.** זו, דאָס (דער דאָזיקער דין, אז צוועלף חדשים נאָכדעם ווי דער מאן פאָדערט־אויף זיין פרוי חתונה צו האָבן מעג זי עסן תרומה אויב דער מאן איז א כהן, האָט געלערנט) די ערשטע משנה; (אָבער) דאָס בית דין נאָך זיי (די חכמים נאָך דער ערשטער משנה) האָבן געזאָגט, אז א פרוי (א טאָכטער פון א ישראל, וועלכע האָט חתונה מיט א כהן) טאָרניט עסן קיין תרומה סיידן זי גייט ארונטער אונטער דער חופה. **אויך נאָך די 12 חדשים טאָר זי ניט עסן קיין תרומה; זי מעג עסן תרומה ערשט נאָך דער חתונה. דער טעם איז טאָמער וועט ער ביי דער חתונה אויסגעפינען אז זי האָט א מום, א פעלער, און די קידושין זענען געווען בטעות, און זי איז ניט זיין ווייב, ווידער די ערשטע משנה האָט געהאלטן, אז מען האָט ניט מורא צו האָבן טאָמער וועט ער בעת דער חתונה געפינען אין איר א פעלער.**

ד. המקדיש, אז איינער איז מקדיש (זאָגט אז עס זאָל זיין הקדש, עס זאָל געהערן צום בית המקדש, און קיינער טאָר עס ניט נוצן) די פארדינסטן פון זיין ווייבס האנטארבייט, מעג זי ארבייטן און עסן (פון דעם פארדינסט). **די פארדינסטן פון דעם וואָס א ווייב ארבייט געהערט צום מאן, און דערפאר דארף דער מאן איר געבן צו עסן. אויב ער איז מקדיש אירע פארדינסטן, קאָן זי זאָגן, אז זי וויל זיך אליין שפייזן פון אירע פארדינסטן, און זיי זענען ניט קיין הקדש.** המותר, אויב ער איז מקדיש, דאָס איבריקע (ער זאָגט אז דאָס געלט וואָס וועט בלייבן פון די פארדינסטן, אויב זי וועט ארבייטן מער פון דעם וויפיל זי דארף ארבייטן, זאָל זיין הקדש), זאָגט ר׳ מאיר, אז עס איז הקדש, ר׳ יוחנן הסנדלר זאָגט, אז עס איז חולין (עס איז ניט קיין הקדש). **די גמרא זאָגט, אז די מחלוקה איז, וואָס ר׳ מאיר האלט, אז „אדם מקדיש דבר שלא בא לעולם״, אז א מענטש קאָן מקדיש זיין א זאך וואָס איז נאָך אויף דער וועלט ניט פאראן, און ר׳ יוחנן הסנדלר האלט אז ער קאָן ניט, און ווייל זי האָט דאָך נאָכניט געהאט אירע פארדינסטן, ווען ער האָט מקדיש געווען דאָס „איבריקע״, זיי זיינען נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, דאריבער זענען זיי ניט קיין הקדש. וועגן דעם וואָס הייסט „מותר״, איבריק, זע ווייטער משנה ט׳ אין דאָזיקן פרק.**

ה. אלו, דאָס זענען די ארבייטן, וועלכע א פרוי איז מחויב צו טאָן פאר דעם מאן: זי מאלט (דאָס מעל, מיט א האנט־מילכל, און פאר א גרויסער מיל גרייט זי צו אלץ צום מאָלן), און זי באקט (ברויט) און זי וואשט (די וועש), און זי קאָכט (דאָס עסן), און זי זייגט איר קינד, זי גרייט צו זיין בעט (זי בעט־אויף און פארבעט), און זי ארבייט אין וואָל (זי שפינט אויס פון וואָל פעדים). **דאָס זענען די ארבייטן וואָס אַן אָרימע פרוי דארף טאָן פאר דעם מאן.** הכניסה, אויב זי האָט אים אריינגעבראכט איין שקלאפין (אָדער געלט צו קויפן א שקלאפין), דארף זי ניט מאָלן און ניט באקן און ניט וואשן. **מחמת זי קאָן זאָגן, אז די ארבייטן זאָל די שקלאפין טאָן.** שתים, (אויב זי האָט אים אריינגעבראכט) צוויי (שקלאפינס), דארף זי ניט קאָכן און זי דארף ניט זייגן איר קינד.

ואינה מניקה את בנה. שלש, אינה מצעת לו המטה ואינה עושה בצמר. ארבעה, יושבת בקתדרא. ר' אליעזר אומר, אפילו הכניסה לו מאה שפחות, כופה לעשות בצמר, שהבטלה מביאה לידי זימה. רבן שמעון בן גמליאל אומר, אף המדיר את אשתו מלעשות מלאכה, יוציא ויתן כתובתה שהבטלה מביאה לידי שיעמום:

ו. המדיר את אשתו מתשמיש המטה, בית שמאי אומרים, שתי שבתות. בית הלל אומרים שבת אחת. התלמידים יוצאין לתלמוד תורה

אויב דריי (שקלאפינס), דארף זי ניט מאכן אים דאָס בעט און ניט ארבייטן אין וואָל. **ווייל די שקלאפינס קאָנען טאָן די אלע ארבייטן.** ארבעה, אויב פיר (שקלאפינס), קאָן זי זיך זיצן אויף דער לען־שטול (קתדרא). **דאָס הייסט, אז זי איז ניט מחויב צו טאָן פארן מאן אפילו ניט אזא זאך ווי באזאָרגן א לייכטע שליחות, דערלאַנגען אים עפּיס. די גמרא זאָגט, אז פונדעסטוועגן איז זי מחויב אים אָנצוגיסן זיין כוס ווייז, פארציען** זיין בעט מיט א ליילעך (ניט מאכן דאָס בעט), און אים ארומוואשן, מחמת דאָס זענען זאכן, וואָס א מאן בעדינט זיך ניט דאבײ מיט קיין אנדערער פרוי, **נאָר מיט אן אייגן ווייב. דאָס וואָרט „קתדרא" איז א גריכיש וואָרט „קאטעדראָ", א שטול פאר חשובע מענטשן.** ר' אליעזר זאָגט, אז אפילו זי האָט אים אריינגעבראכט הונדערט שקלאפינס, צווינגט ער (דער מאן) איר (זיין ווייב), אז זי מוז ארבייטן אין וואָל (שפינען פעדים פון וואָל), ווייל ליידיק־גיין דערפירט צו זנות. **זי דארף זיין מיט עפּעס באשעפטיקט, ווייל אויב זי וועט ארומגיין ליידיק וועט זי זיך זוכן צו פארטרייבן די צייט מיט אויסגעלאסנקייט.** רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז אויך ווען איינער אסרט זיין ווייב מיט א נדר אז זי זאָל ניט טאָן קיין שום ארבייט, (קאָן זי אים צווינגען אז) ער זאָל איר געבן א גט און איר באצאָלן די כתובה, ווייל ליידיק־גיין דערפירט זי צו גייסטיקער דערשלאַגנקייט. **די פרוי קאָן טענה'ן אז דאָס ארויפגעצוואונגענע לייד דיק־גיין ווירקט שלעכט אויף איר גייסטיקער שטימונג. „שעמום" הייסט „צעמישע־ניש", נידערגעשלאַגנקייט, נודנעקייט. דער תרגום אונקלוס זעצט איבער „ובתמהון לבב" (דברים כ"ח, כ"ח) מיט „ובשעממות לבא". און הושע ט' זעצט איבער דער תרגום דאָס וואָרט „משוגע" מיט „ומשממין". אין דער סירישער שפראך איז „שעומותא" דאָס זעלביקע וואָס „שגעון". די גמרא זאָגט, אז די מחלוקה צווישן ר' אליעזר און רבן שמעון בן גמליאל איז וועגן א פרוי וואָס פארנעמט זיך מיט שפי־לערייען (אָבער קיין ארבייט טוט זי ניט); לויט רבן שמעון גמליאל אז דער טעם איז צוליב „שיעמום", נודזשען־זיך, הייסט דאָס ניט ליידיק געגאנגען, מחמת זי נו־דזשעט זיך ניט; אָבער לויט ר' אליעזר, אז דער טעם איז צוליב אויסגעלאסנקייט, פירן אויך שפילערייען צו אויסגעלאסנקייט.**

ו. המדיר, אז איינער אסרט מיט א נדר ניט צו האָבן מיט זיין ווייב תשמיש המטה (באנוצן דאָס בעט, געשלעכטליכן פארקער), זאָגן די בית שמאי אז צוויי וואָכן. **אויב ער האָט געאסרט צוויי וואָכן, זאָל זי וואַרטן; מחמת אויך ווען א פרוי האָט גע־בוירן א מיידל טאָר זי ניט לעבן מיטן מאן 2 וואָכן. אָבער אויב ער האָט מער פון** 2 וואָכן קאָן זי אים צווינגען צו געבן איר א גט און די כתובה. בית הלל, די בית הלל זאָגן, אז איין וואָך. **אז נאָר ביז איין וואָך דארף זי וואַרטן; אָבער אויב מער פון איין וואָך קאָן זי אים צווינגען צו געבן איר א גט און די כתובה. די בית הלל נעמען אָן איין וואָך, ווען א אשה איז א נידה (7 טעג) און זי טאָר ניט לעבן מיטן מאן, און ווייל דאָס זיין א נידה טרעפט זיך אָפט, נעמען־אָן די בית הלל די נידה־צייט. דאָס איז דער דין** (סיי לויט די בית שמאי און סיי לויט די בית הלל) **ביי אלע מענטשן, אפילו ביי אזעלכע, וועגן וועלכע די משנה וועט לערנען ווייטער אז זייער חוב צו לעבן מיט זייערע ווייבער איז זעלטענער, טיילמאָל איין מאָל אין 6 חדשים.** התלמידים, תלמי־דים (וועלכע האָבן שוין חתונה געהאט) קאָנען גיין (אין אן אנדערער שטאָט צו לער־

שלא ברשות שלשים יום. הפועלים שבת אחת. העונה האמורה בתורה, הטיילים בכל יום, הפועלים שתים בשבת, החמרים אחת בשבת, הגמלים אחת לשלשים יום, הספנים אחת לששה חדשים, דברי ר׳ אליעזר:

ז. המורדת על בעלה, פוחתין לה מכתובתה שבעה דינרין בשבת. ר׳ יהודה אומר, שבעה טרפעיקין. עד מתי הוא פוחת? עד כנגד כתובתה. ר׳ יוסי אומר, לעולם הוא פוחת והולך שמא תפול לה ירושה ממקום

נען תורה ביי זייערע רביים) אויף דרייסיק טעג אן דער דערלויבעניש (פון זייערע ווייבער). אבער איינמאל אין 30 טעג מעגן זיי צוריק קומען צו זייערע ווייבער און לעבן מיט זיי, מקיים זיי דעם חוב פון „עונה" (דאס ווארט „עונה", מיינט „צייט"), פון לעבן געשלעכטליך מיטן ווייב. די גמרא זאגט, אז אזוי האלט נור ר׳ אליעזר, אבער די חכמים זאגן, אז אפילו 2 און 3 יאר. הפועלים, ארבייטער (וועלכע גייען ארבייטן אין אנדערע ערטער) איז איין וואך. יעדע וואך מוזן זיי צוריק קומען צו זייערע ווייבער מקיים צו זיין דעם חוב פון „עונה". העונה, די „עונה" וואס ווערט געזאגט אין דער תורה (שמות כ״א, י׳), איז ביי שפאצירנדיקע מענער (טיילים, ליידיקגייער) יעדן טאג; ביי ארבייטער (וועלכע ארבייטן אין דערזעלביקער שטאט פון זייער היים) איז צוויי מאל אין דער וואך; ביי אייזל־טרייבער (וועלכע פירן זייערע אייזלען אין די דערפער צו ברענגען תבואה אין שטאט) איז איין מאל אין דער וואך; ביי קעמלן־טרייבער (וועלכע ברענגען סחורות פון וויטערע געגענטן) איז איין מאל יעדע דרייסיק טעג; ביי שיף־מענטשן (ספנים, וועלכע פארן אוועק אין וויטערע לענדער) איז איין מאל אין זעקס חדשים, אזוי זאגט ר׳ אליעזר. „עונה", ווי מיר האבן שוין דערקלערט, איז דער חוב וואס דער מאן האט צו זיין ווייב צו לעבן מיט איר געשלעכטליך; מען רופט עס אויך די „מצוה פון עונה". ר׳ אליעזר האלט, אז די צייט מקיים צו זיין דעם חוב איז אפהענגיג פון דער באשעפטיגונג פון מאן, און אויב ער מוז זיין צוליב זיין באשעפטיגונג אין א וויטן וועג, קאן דאס ווייב אים ניט שטערן, מחמת זי האט ביי דער חתונה געוואוסט דערפון. די מפרשים זאגן, אז די פרוי קאן דאריבער שטערן דעם מאן, אויב ער איז געווען בעת דער חתונה אן ארבייטער אין שטאט, אז ער זאל שפעטער ניט ווערן א אייזל־פירער צי א קעמל־טרייבער, מחמת דאדורך פארקלענערט ער דאס מקיים זיין דעם עונה־חוב. אבער ביי לערנען תורה קאן זי אים ניט שטערן.

ז. המורדת, אז איינע (א ווייב) איז מורד אין איר מאן (זי וויל ניט לעבן מיט אים געשלעכטליך, זי איז א מורדת, זי ווידערשפעניקט אים), נעמט מען איר אראפ פון דער כתובה זיבן דינר (גילדן) יעדע וואך. וויפיל וואכן זי איז מורד אזוי פיל מאל 7 דינר פארקלענערט מען איר די כתובה. ר׳ יהודה זאגט, אז זיבן טרפעיק (יעדע וואך). א טרפעיק, זאגט די גמרא איז א האלבער דינר. לויט ר׳ יהודה נעמט מען אראפ יעדע וואך נאר 3 און א האלבן דינר. עד מתי, ביז ווי לאנג (ביז וויפל) נעמט מען אראפ? ביז וויפיל איר כתובה באטרעפט. אויב עס בלייבט שוין גארניט פון דער כתובה, דארף ער איר געבן א גט און עס קומט איר ניט קיין כתובה; אבער מעןווארט ניט מער טאמער וועט זי באקומען א ירושה, און מען וועט איר אראפרעכענען געלט פון איר ירושה. ר׳ יוסי זאגט, אז מען רעכנט כסדר אראפ (אפילו עס איז שוין גארניט געבליבן פון איר כתובה), כדי אויב זי וועט באקומען א ירושה (־פארמעגן) פון אן אנדער ארט, זאל ער (דער מאן) קאנען אפנעמען פון איר. פאר יעדע וואך זאל ער קאנען אפמאנען פון איר 7 דינר, און לויט ר׳ יהודה 3 און א האלבן דינר, ניט דוקא פון איר כתובה נאר פון איר יעדעס פארמעגן. וכן, און אזוי איז אויך (דער דין), ווען ער (דער מאן) איז מורד אין זיין ווייב (אויב ער וויל ניט לעבן מיט איר געשלעכטלעך), לייגט מען איר צו אויף איר כתובה יעדע וואך דריי דינר; ר׳ יהודה זאגט, אז דריי טרפעיק יעדע וואך (אנדער האלבן דינר), די גמרא זאגט, אז

אחר, גובה הימנה. וכן המורד על אשתו, מוסיפין לה על כתובתה שלשה דינרין בשבת. ר' יהודה אומר, שלשה טרפעיקין:

ח. המשרה את אשתו על ידי שליש, לא יפחות לה משני קבין חטין, או מארבעה קבין שעורים. אמר ר' יוסי לא פסק לה שעורים אלא ר' ישמעאל, שהיה סמוך לאדום. ונותן לה חצי קב קטניות, וחצי לוג שמן, וקב גרוגרות, או מנה דבילה; ואם אין לו, פוסק לעומתן פירות ממקום אחר. ונותן לה מטה, מפץ ומחצלת. ונותן לה כפה לראשה, וחגור למתניה. ומנעלים ממועד למועד, וכלים של חמשים זוז משנה לשנה. ואין

דאריבער איז די שטראָף פאר דער פרוי א מורדת גרעסער פון דער שטראָף פאר דעם מאן א מורד (פון איר נעמט מען אראָפּ 7דינר, און לויט ר' יהודה דריי און א האלבן דינר, און ביי אים הייסט מען צולייגן נור 3דינר און לויט ר' יהודה נאָר אנדער־האלבן), ווייל די ליידן פון א מאן ניט צו לעבן געשלעכטליך זענען גרעסער פון דער פרוי'ס ליידן. — די גמרא זאָגט, אז שפּעטער האָט מען מתקן געווען ביי א פרוי א מורדת, אז דאָס בית דין ווארנט איר צוערשט, און דערנאָך רופט מען אויס 4 שבתים כסדר אין די בתי מדרשים אז זי איז א מורדת און אז זי וועט היזק האָבן די כתובה, און אויב זי האלט זיך ביי דאָס איריקע, קאָן דער מאן איר געבן א גט און ער גיט איר ניט די כתובה.

ח. המשרה, אז איינער גיט צו עסן זיין ווייב דורך א דריטע פּערזאָן (דורך א שליש, ער וויל ניט עסן מיט איר צוזאמען, נאָר ער הייסט אן אנדערן מענטש, ער זאָל איר געבן שפּייז אויף זיין חשבון) זאָל ער איר ניט געבן ווינציקער פון צוויי טעפּ (קבים) ווייץ, אָדער פיר טעפּ גערשטן (א וואָך). „המשרה" מיינט „געבן צו עסן", און דאָס וואָרט „שירותא", א סעודה געפינט זיך א סך מאָל אין תרגום און גמרא (ברכות ל"ט „הוה בצע אכולא שירותא"). אָמר, האָט ר' יוסי געזאָגט, אז עס האָט באשטימט צו געבן איר גערשטן נאָר ר' ישמעאל, וועלכער איז געווען נאָנט צו אדום. די גמרא טייטשט איין די ווערטער פון ר' יוסי, אז דער דין, אז דער מאן דארף געבן דער ווייב גערשטן 4 טעפּ א וואָך, טאָפּלט פון ווייץ, האָט געזאָגט ר' ישמעאל, מחמת ער האָט געוואוינט נאָנט צום לאנד אדום, און די גערשטן פון אדום זענען געווען שלעכטע. אדום האָט זיך געפינען צו דרום פון ארץ־ישראל. ונותן לה, און (א חוץ דעם ווייץ צי דעם גערשטן) דארף ער איר אויך געבן (יעדע וואָך) א האלבן טאָפּ קטניות (ארבעס, באָבעס), און א האלבן קוואָרט (חצי לוג) אייל, און א טאָפּ דארע פייגן (גרוגרות), אָדער א מנה געפרעסטע פייגן (דבלה). „מנה" איז א געוויכט, און טייל מפרשים מיינען אז עס איז עטוואָס ווינציקער פון א פונט. געפּרעסטע פייגן פלעגט מען וועגן, און דארע פייגן פלעגט מען געבן מיט א מאָס. ואם אין לו, און אויב ער האָט ניט (די דאָזיקע פרוכטן) זאָל ער איר געבן קייגן זיי (וויפיל זיי באטרעפן) פרוכטן פון אן אנדער אָרט. אנדערע מינים פרוכטן, אָבער אזוי פיל וויפיל עס באטרעפן די פרוכטן וואָס ער דארף איר געבן. ונותן, און ער דארף איר (אויך) געבן, א בעט, א ווייכע ראָגאָזשע (מפץ) און א ראָגאָזשע (מחצלת). אן אנדערע גירסא איז, אז ער גיט איר א ווייכע ראָגאָזשע (א מפץ) צו לייגן אויפן בעט, און אויב ער גיט ניט קיין ווייכע ראָגאָזשע זאָל ער איר געבן א „מחצלת", א הארטע ראָגאָזשע, פון דעם זען מיר א ראיה צו אונזער טייטש פריער פרק ד' משנה ד' אז מיט „מזונות" (באשפּייזונג) מיינט מען די גאנצע „אויסהאלטונג", אויך באַקליידונג אין הויז־זאכן (און דערמיט האָבן מיר דאָרט פארענטפערט די קשיא פון תוספות יום טוב). ווארום דאָ רערט די משנה וועגן „המשרה", אז „איינער שפּייזט", און די משנה רעכנט אויס הויז־זאכן (א בעט, א ראָגאָזשע) און באלד וועט די משנה אויך אויסרעכענען קליידונג, שיך, און אויך עטוואָס געלט אויף קליינע הוצאות. ונותן לה כפה, און ער גיט איר אויך א צודעק (כפה, א שלייער, א טשיפּעק) צו איר

נותנין לה לא חדשים בימות החמה, ולא שחקים בימות הגשמים, אלא נותן לה כלים של חמשים זוז בימות הגשמים, והיא מתכסה בבלאותיהן בימות החמה, והשחקים שלה:

ט. נותן לה מעה כסף לצורכה; ואוכלת עמו מלילי שבת ללילי שבת. ואם אין נותן לה מעה כסף לצורכה, מעשה ידיה שלה. ומה היא עושה לו? משקל חמש סלעים שתי ביהודה שהן עשר סלעים בגליל, או

קאָפּ, און א גארטל צו אירע לענדן (א גארטל ארומצוגארטלן זיך), און שיך פון יום טוב צו יום טוב (אויף יעדן פון דריי ימים טובים, פסח, שבועות און סוכות), און קליידער (כלים) פאר פופציק גילדן (זוז) פון יאָר צו יאָר. **יעדעס יאָר דארף ער איר געבן קליידער פאר 50 גולדן.** „זוז" איז דאָסזעלבע וואָס „דינר", **און מען טייטשט עס גילדן.** ואין נותנין, און ער זאָל איר ניט געבן נייע קליידער אים זומער (מחמת נייע קליידער זענען צו־ווארם) און אָפּגעטראָגענע קליידער (שחקים, פון „שחק", אָפּגעריבן) אים ווינטער. **אָבער ער זאָל איר אויך ניט געבן אָפּגעטראָגענע קליידער אום זומער; די משנה זאָגט באלד ווי אזוי ער זאָל טאָן.** אלא, נאָר ער גיט איר (נייע) קליידער פאר פופציק גולדן אים ווינטער, און זי טוט זיך אָן אין זיי ווען זיי זענען שוין אָפּגעטראָגן (בבלאותיהן) אים זומער. **איצט לערנט די משנה וועגן דעם, צו וועמען זאָלן געהערן די אלטע אָפּגעטראָגענע קליידער יעדעס יאָר ווען ער קויפט איר נייע קליידער, און די משנה זאָגט:** והשחקים, און די אָפּגענוצטע קליידער (פון פאָריגן יאָר) געהערן צו איר. **די גמרא זאָגט, ווייל זי דארף זיי האָבן כדי זיי אָנצוטאָן אין איר נידה־צייט, ווייל עס איז דער מנהג אָנצוטאָן אין דער נידה־צייט אנדערע מלבושים.**

ט. נותן, ער דארף איר געבן (יעדע וואָך) א זילבערנע מעה (דאָס איז א זעקסטל פון א דינר, פון א גולדן) פאר אירע באַדערפעניש. **דאָס איז טאשן־געלט פאר אירע קליינע הוצאות.** ואוכלת, און זי עסט מיט אים (די סעודה) יעדן שבת ביינאכט (יעדן פרייטאָג־צונאכטס, לילי שבת). **כאָטש א גאנצע וואָך קאָן ער איר געבן צו עסן דורך א דריטן מענטש, דורך א שליש, אָבער פרייטאָג־צונאכטס, ווייל עס איז אָנגענומען אז דאמאָלס דארף ער מקיים זיין מיט איר די מצוה פון „עונה" (פון לעבן גע־שלעכטלעך), דארף ער עסן מיט איר צוזאמען.** ואם, און אויב ער גיט איר ניט די זילבערנע מעה פאר איר באַדערפעניש, געהערן די פארדינסטן פון איר האנט־אר־בייט צו איר. **די גמרא זאָגט, אז מיט „מעשה ידיה" מיינט מען דאָ ניט די גאנצע פארדינסט פון איר האנט־ארבייט; מחמת דאָס פארדינסט פון איר האנט־ארבייט גע־הערט צום מאן, און דערפאר גיט ער איר צו עסן און קליידונג, נאָר מען מיינט דעם „מותר", דאָס איבריקע, דאָס געלט וואָס איר פארדינסט באטרעפט מער וויפיל זי דארף ארבייטן, און אויך דאָס „איבריקע" געהערט אויך צום מאן, און דערפאר דארף ער איר געבן די זילבערנע מעה. אָבער אויב ער גיט איר ניט די מעה, געהערט דאָס „איבריקע" צו איר. די משנה וועט באלד זאָגן וויפיל זי דארף אָפּארבייטן, און דאָס איבריקע הייסט „מותר", דאָס „איבריקע".** ומה היא, און וואָס (וויפיל) דארף זי ארבייטן פאר אים (כדי מיר זאָלן וויסן, אז דאָס וואָס זי ארבייט מער דערפון הייסט דאָס „איבריקע")? משקל, (זי דארף שפינען פעדים פון וואָל) די וואָג פון פינף סלעים ברייט־פעדים (שתי) אין יהודה, וועלכע זענען די וואָג פון צען סלעים אין גליל, אָדער די וואָג פון צען סלעים לענג־פעדים (ערב) אין יהודה, וועלכע זענען די וואָג פון צוואָנציק סלעים אין גליל. **כדי צו פארשטייען די משנה איז נויטיק צו געבן עטליכע דערקלערונגען. אמאָל איז די פרוי געוויינטליך ניט געגאנגען ארבייטן אין דער פרעמד. זי איז געזעסן אין דער היים און אויב זי האָט געוואָלט פארדינען האָט זי גענומען וואָל און געמאכט דערפון פעדים און דאָס פארקויפט. עס זענען פאַראן צוויי סאָרטן וואָל־פעדים פון וועלכע מען וועבט אויס א שטיקל וואָל־סחורה. איין**

משקל עשר סלעים ערב ביהודה, שהן עשרים סלעים בגליל. ואם היתה מניקה, פוחתים לה ממעשה ידיה ומוסיפין לה על מזונותיה. במה דברים אמורים בעני שבישראל; אבל במכובד. הכל לפי כבודו :

פרק ו.

א. מציאת האשה ומעשה ידיה לבעלה; וירושתה, הוא אוכל פירות בחייה. בושתה ופגמה שלה. ר' יהודה בן בתירא אומר, בזמן שבסתר, לה שני חלקים ולו אחד, ובזמן שבגלוי לו שני חלקים ולה אחד; שלו,

---

סאָרט פעדים וועבט דער וועבער אריין אין דער ברייט פון שטיקל סחורה, און דאָס הייסט אין לשון קודש „שתי״, אין דייטש „צעטל״; דער צווייטער סאָרט פעדים ווערט אריינגעוועבט אין דער וואָל־סחורה אין דער לענג, און זיי הייסן „ערב״ „לענג־פעדים״, און אין דייטש „איינטראג״. די „שתי״־פעדים זענען בעסערע און עס איז זיי שווערער צו שפּינען, און די ערב־פעדים איז לייכטער צו שפּינען, אַזוי אַז מען האָט געהאַלטן, אַז דאָס שפּינען „שתי״־פעדים איז שווערער טאָפּלט אַזוי פיל ווי די ערב־פעדים. „סלע״ איז אַ מטבע, אָבער מען האָט אויך באַנוצט דעם „סלע״ פאַר אַ געוויכט, צו וועגן דערמיט. דער סלע אין דער געגנט פון „יהודה״ (דרום־פּראָווינץ אין ארץ ישראל) איז געווען טאָפּלט שווערער פון דעם סלע אין גליל (אין דער צפון פּראָווינץ אין ארץ ישראל). זאָגט די משנה אַז די האַנט־אַרבייט פון דער פרוי איז שפּינען וואָל־פעדים פון שתי (ברייט־פעדים) די וואָג פון 5 סלעים אין יהודה וואָס איז אַזוי פיל וויפיל 10 סלעים אין גליל; אָדער זי דאַרף שפּינען לענג־פעדים (ערב) די וואָג פון 10 סלעים אין יהודה, וואָס איז אַזוי פיל ווי 20 סלעים אין גליל. ואם היתה, און אויב זי איז אַ זייגערין (זי זויגט איר קינד) נעמט מען איר אַראָפּ פון איר האַנט־אַרבייט (דאַרף זי טאָן ווינציקער האַנט־אַרבייט) און מען לייגט איר צו אויף איר עסן. די גמרא זאָגט, אַז מען גיט איר צו וויין, ווייל וויין איז גוט צו דער מילך. במה דברים אמורים? ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? אַז זי באַקומט די זאַכן נאָר אַזוי פיל ווי מיר האָבן געלערנט אין דער פריערדיקער משנה ח׳ און איצט אין דער משנה ט׳? בעני, ביים אָרימסטן מאַן צווישן יידן. ער דאַרף געבן זיין ווייב נאָר אַזוי פיל. אבל, אָבער ביי אַן אָנגעזעהענעם (מאַן) איז אַלץ לויט זיין כבוד. אַ רייכער מאַן דאַרף געבן זיין ווייב לויט זיין רייכקייט; אַן אָנגעזעהענער מאַן לויט זיין אָנזען. דאָס בית דין שאַצט אָפּ וויפיל זיי דאַרפן געבן.

פרק ו.

א. מציאת, די מציאה פון אַ פרוי (אויב אַ פרוי געפינט עפּיס), און (דער פאַר־דינסט פון) איר האַנט־אַרבייט געהערן צו איר מאַן. **דעם דאָזיקן דין האָבן מיר שוין געהאַט פריער פרק ד׳ משנה ד׳.** וירושתה, און איר ירושה (אויב זי באַקומט פאַר־מעגן בירושה), עסט ער (דער מאַן) די פּרוכטן (פון דעם פאַרמעגן) ווען זי לעבט. **און דער קרן, דאָס פאַרמעגן אַליין, געהערט צו איר.** בושתה ופגמה, איר פאַרשעמונג (בושת, אויב איינער האָט איר פאַרשעמט און באַצאָלט איר געלט פאַר פאַרשעמען איר) און איר פגם (אויב איינער האָט איר צושלאָגן, און האָט איר געמאַכט דאַדורך ווינציקער ווערט און ער באַצאָלט איר דערפאַר) געהערן צו איר. **וועגן בושת און פגם האָבן מיר געהאַט פריער פרק ג׳ משנה ד׳ און משנה ז׳. נאָר דאָרט איז געווען ביים פאַרגוואַלדיקן אַ מיידל, און דאָ מיינט סתם פאַרשעמען און צושלאָגן אַ פרוי.** ר׳ יהודה בן בתירא זאָגט, אַז אויב (די פאַרשעמונג און דאָס צושלאָגן) איז באַהאַלטן (מען האָט איר פאַרשעמט ניט פאַר מענטשן אין די אויגן, און דעם קלאַפּ, וואָס זי האָט באַקומען דערקענט מען ניט) געהערן צו איר צוויי טיילן (צוויי דריטל פון דעם געלט וואָס ער באַקומט פאַר זיין) און צו אים (צו איר מאַן) איין טייל (איין דריטל), אָבער אויב זיי זענען עפנטליך (מען האָט איר פאַרשעמט צווישן מענטשן, און מען זעט אָן דעם קלאַפּ), קומט אים (דעם מאַן) צוויי טיילן און איר (דעם ווייב איין טייל.

ינתן מיד, ושלה, ילקח בהן קרקע והוא אוכל פירות.

ב. הפוסק מעות לחתנו, ומת חתנו, אָמרו חכמים, יכול הוא שיאמר „לאחיך הייתי רוצה ליתן, ולך אי אפשי ליתן״:

ג. פסקה להכניס לו אלף דינר, הוא פוסק כנגדן חמשה עשר מנה וכנגד השום הוא פוסק פחות חומש. שום במנה ושוה מנה, אין לו אלא מנה. שום במנה, היא נותנת שלשים ואחד סלע ודינר. ובארבע מאות,

---

מחמת אויב עס איז עפענטליך ליידט דער מאן דערפון מער. **שלו,** זיין טייל (דאָס געלט וואָס דער מאן באקומט פון דעם בושת און פגם פון זיין פרוי) ווערט איס געגעבן באלד (און עס איז אינגאנצן זיינס), און איר (דעם ווייבס טייל געלט) זאָל מען קויפן דערפאר פעלד, און ער (דער מאן) עסט דערפון די פרוכטן. **אָבער דער קרן איז אירס, און ווען דער מאן שטארבט אָדער ער גט איר נעמט זי עס צו. אויב אָבער זי שטארבט פריער ירשנט עס דער מאַן.**

ב. הפוסק, אז איינער זאָגט צו געלט (נדן) צו זיין איידעם, און זיין איידעם איז געשטאָרבן (אָן קינדער, און זיין ווייב גייט חתונה האָבן מיט דעם פארשטאָרבענעם מאַנ׳ס ברודער, דעם יבם, און דער יבם מאָנט פאר זיך דעם נדן), זאָגן די חכמים, אז ער (דער שווער) קאָן צו אים זאָגן: „דיין ברודער האָב איך געוואָלט געבן (דעם נדן) און דיר וויל איך ניט געבן״. **דעם ברודער וואָלט ער געמוזט געבן, ווייל ער האָט אים צוגעזאָגט, און ביי נדן איז דער דין, אז צוזאָגן אליין איז שוין א חוב. אָבער אים קאָן ער ניט געבן. אפילו דער ברודער איז געווען א עם הארץ, און ער, דער יבם, איז א תלמיד חכם, קאָן אויך דער שווער זיך אָפּזאָגן צו געבן אים דעם נדן.**

ג. פסקה, אויב זי (דאָס ווייב) האָט אים (דעם מאן צוגעזאָגט (געגעבן נדן) טויזנט גילדן (באר געלט), דארף ער זיך מתחייב זיין קייגן זיי פופצן הונדערט גילדן. **דער מאן ווען ער באקומט נדן־געלט פון זיין ווייב דארף ער אריינשרייבן אין דער כתובה אז ער האָט באקומען פון איר אנדערהאלבן מאָל אזוי פיל, און ווען ער שטארבט אָדער ער גט איר, קומט איר אנדערהאלבן מאָל אזוי פיל. ווייל מען נעמט אָן אז מיט באר געלט קאָן דער מאן פארדינען.** וכנגד השום, אָבער קייגן אָפּגעשאצטע (זאכן, אויב זי האָט אים געגעבן נדן ניט באר געלט, נאָר זאכן, וואָס מען שאצט אָפּ וויפיל זיי זענען ווערט), דארף ער זיך מתחייב זיין מיט א פיפטל ווייניקער. **ער שרייבט אריין אין דער כתובה אז ער דארף איר צוריקצאָלן מיט א פיפטל ווייניקער; למשל אויב זי האָט אים אריינגעבראכט זאכן, וועלכע מען האָט אָפּגעשאצט פאר 1000 גולדן, שרייבט ער איין, אז ער דארף איר צוריקצאָלן נאָר 800 גולדן. דער טעם איז, ווייל געוויינטליך, צוליב דעם כבוד פון דער כלה, ווערן די זאכן געשאצט מער וויפיל זיי זענען באמת ווערט.** שום במנה ושוה מנה, (אויב זי האָט אים ביים געבן נדן זאכן, געזאָגט אז זיי זיינען) „אָפּגעשאצט פאר הונדערט גילדן און זיי זענען ווערט הונדערט גילדן״, דארף ער באקומען נור (זאכן) פאר הונדערט גילדן. **און זי דארף אים ניט געבן מיט א פערטל מער.** שום במנה, (אויב אָבער זי האָט אים געזאָגט: שרייב איין („די זאכן) פאר הונדערט גולדן״ (און זי האָט ניט צוגעגעבן די ווערטער „און זיי זענען ווערט הונדערט גולדן״), דארף זי אים געבן זאכן (וועלכע זענען אָפּגעשאצט פאר איין און דרייסיק סלעים מיט איין גולדן. **א סלע איז 4 גולדן (דינרים), און 100 גולדן (דינרים, איין מנה) זענען 25 סלעים; אזוי ווי זי דארף איינשרייבן מיט איין פערטל מער, כדי אז ווען ער וועט צוריק צאָלן 100 גולדן זאָל ער האָבן אראָפּגענומען א פיפטל** (דאָס צוגעלייגט פיפטע פירטל). **דארף זי צולייגן צו די 25 סלעים נאָך א פערטל, דאָס הייסט 6 סלעים מיט איין דינר, צוזאמען 31 סלעים מיט איין דינר.** ובארבע מאות, און ווען (זי וויל אז ער זאָל איינשרייבן אז ער וועט איר צוריקצאָלן פאר די זאכן) פיר הונדערט גילדן, דארף זי געבן פינף הונ־

היא נותנת חמש מאות. מה שחתן פוסק, הוא פוסק פחות חומש:

ד. פסקה להכניס לו כספים סלע כסף נעשה ששה דינרים. החתן מקבל עליו עשרה דינרין לקופה לכל מנה ומנה. ר׳ שמעון בן גמליאל אומר, הכל כמנהג המדינה:

ה. המשיא את בתו סתם, לא יפחות לה מחמשים זוז. פסק להכניסה ערומה לא יאמר הבעל „כשאכניסה לביתי אכסנה בכסותי״, אלא מכסה ועודה בבית אביה. וכן המשיא את היתומה, לא יפחות לה מחמשים זוז. אם יש בכיס, מפרנסין אותה לפי כבודה:

ו. יתומה שהשיאתה אמה או אחיה מדעתה, וכתבו לה במאה או

דערט גולדן. אויך צוליב דעמזעלביקן טעם, מיט א פערטל מער, אזוי טייטשט די משנה דער רבנו חננאל; רשי און דער ברטנורא טייטשן איר אביסל אנדערש, און דער תוספות יום טוב פרעגט קשיות אויף זייערע פירושים און ברענגט דעם רבנו חננאל׳ס פשט. אָבער אויך לויט רשי און ברטנורא איז דער זין פון דער משנה דערזעלבער וואָס לויט דעם רבנו חננאל. איצט גיט די משנה דעם אלגעמיינעם כלל: „מה, וואָס דער חתן איז זיך מתחייב (און דער כתובה, צוריקצואָלן ווען ער באַקומט ניט באר געלט נאָר זאכן) איז ער זיך מתחייב מיט א פיפטל ווינציקער. אויב מען האָט אָפּגעשאַצט די זאכן פאר 500 גולדן, איז דער חתן זיך מתחייב צוריקצואָלן נור 400 גולדן.

ד. פסקה, אויב זי האָט אים צוגעזאָגט (געגעבן) געלט סלעים (בארעס געלט) ווערט (יעדער סלע) זעקס גולדן (דינרים). דאָ חזרט איבער די משנה נאָכאמאָל וואָס זי האָט געלערנט פריער אין אָנהויב משנה ג׳ אז אויב זי גיט דעם מאן נדן בארעס געלט דארף ער איר צוריקצאָלן אנדערהאלבן מאָל אזוי פיל. אזוי ווי א סלע איז 4 דינרים, דארף ער איר צוריקצאָלן פאר יעדן סלע 6 דינרים. החתן, דער חתן נעמט אויף זיך (צו געבן איר) צען דינרים (גולדן) אין איר קאסע (לקופה) פון יעדע הונדערט (דינרים, גילדן). די גמרא טייטשט, אז פון יעדע הונדערט גילדן נדן, וואָס זי גיט אים דארף דער חתן איר געבן 10 גולדן אויף צו קויפן זיך בשמים צו שמירן זיך. די גמרא זאָגט, אז עס איז ניט קלאָר אויף ווי לאנג די 10 גילדן (פון יעדער הונדערט) דארף זיין. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז אלץ (זאָל מען געבן) לויט דעם מנהג פון דער מדינה. דער רמבם זאָגט, אז די הלכה איז ווי רבן שמעון בן גמליאל.

ה. המשיא, אז איינער מאכט חתונה זיין טאָכטער סתם (גאָרניט צוזאָגנדיק קיין נדן) זאָל ער איר ניט געבן ווינציקער פון פופציק גולדן (זוז). „זוז״ איז דאָסזעלביקע וואָס „דינר״, מען שאצט אָפּ, אז אן אמאָליקער דינר, א גולדן, איז געווען אזוי פיל ווי פופצן אמעריקאנער סענט אין גאָלד. פסק, אויב ער (דער פאָטער) האָט אָפּגעמאכט (מיט דעם חתן) אז ער מאכט איר (זיין טאָכטער) חתונה נאקעט (ער גיט איר ניט קיין מלבושים), זאָל דער מאן ניט זאָגן: „ווען איך וועל איר אריינעמען צו מיר אין הויז, וועל איך באקליידן מיט מיין קליידונג״, נאָר ער (דער מאן) דארף איר געבן די מלבושים ווען זי איז נאָך אין איר פאָטער׳ס הויז. דאָס איז צוליב דעם כבוד פון דער פרוי. וכן, און אזוי איז אויך אז איינער (דער דין) (א גבאי פון צדקה) מאכט חתונה א (אָרימע) יתומה (פון צדקה־געלט) זאָל ער ניט געבן ווינציקער פון 50 גולדן. דאָס איז דאָס קלענסטע וואָס מען מוז איר געבן. אם יש, אויב עס איז פאראן אין דער (צדקה־) קאסע (מער געלט) דארף מען איר (דער כלה־יתומה) געבן לויט איר כבוד. דער ירושלמי טייטשט (לויט איין דעה) אז אויב עס איז גאָרנישטאָ אין דער קאסע דארפן די גבאים באָרגן און געבן איר די 50 גולדן.

ו. יתומה, א יתומה (וואָס איר פאָטער איז געשטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזן א פארמעגן און אויך זין), וואָס איר מוטער אָדער אירע ברידער האָבן איר חתונה געמאכט מיט איר ווילן, און האָבן איר איינגעשריבן (אין דער כתובה געגעבן

בחמשים זוז, יכולה היא משתגדיל להוציא מידן מה שראוי להנתן לה. ר׳ יהודה אומר, אם השיא את הבת הראשונה, ינתן לשניה כדרך שנתן לראשונה. וחכמים אומרים, פעמים שאדם עני והעשיר, או עשיר והעני; אלא שמין את הנכסים ונותנין לה :

ז. המשליש מעות לבתו והיא אֲומרת, „נאמן בעלי עלי״, יעשה השליש מה שהושלש בידו, דברי ר׳ מאיר. ר׳ יוסי אומר, וכי אינה אלא שדה והיא רוצה למוכרה, הרי היא מכורה מעכשיו. במה דברים אמו־ רים ? בגדולה, אבל בקטנה, אין מעשה קטנה כלום :

איר נדן) הונדערט אָדער פופציק גולדן, קאָן זי, ווען זי ווערט גרויס (אויפגעוואקסן) ארויסנעמען פון זיי, וואָס עס קומט איר. ווען איינער שטארבט און לאָזט איבער זין און טעכטער, ירשענען דאָס פארמעגנס די זין; אָבער אויב א טאָכטער האָט נאָכניט חתונה געהאט, קומט איר צו דער חתונה נדן א צענטל פון דעם ירושה־פארמעגן (עישור נכסים). לערנט די משנה, אז אויב מען האָט איר, קליינערהייט, געגעבן ווינציקער, קאָן זי דערנאָך אויפמאָנען וויפיל עס קומט איר. ר׳ יהודה זאָגט, אז אויב ער (דער פאָטער האָט (ביי זיין לעבן) חתונה געמאכט די ערשטע (א פריערקע) טאָכטער (און ער האָט איר געגעבן נדן), זאָל מען דער צווייטער (טאָכטער, דער יתומה, איצט ווען דער פאָטער לעבט ניט) געבן אזוי ווי ער (דער פאָטער) האָט געגעבן דער ערשטער (טאָכטער). לויט ר׳ יהודה גיט מען ניט קיין צענטל פון פארמעגן, נאָר וויפיל דער פאָטער האָט זיך נוהג געווען צו געבן; אויב אָבער מען ווייסט ניט וויפיל דער פאָטער וואָלט געגעבן (ער האָט ניט חתונה געמאכט קיין טאָכטער) גיט מען א צענטל פון פארמעגן. וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז טיילמאָל איז א מענטש געווען אן אָרימאן (און ער האָט געגעבן דער ערשטער טאָכטער ווייניק נדן) און דערנאָך איז ער געוואָרן רייך (און ווען ער וואָלט געלעבט וואָלט ער דער איצטיקער טאָכטער גע־געבן מער נדן), אָדער ער איז פריער געווען רייך און דערנאָך איז ער געוואָרן אָרעם, נאָר מען שאצט אָפּ דאָס פארמעגן און מען גיט איר (א צענטל פון פארמעגן). לויט אן אנדער פשט, מען שאצט אָפּ וויפיל עס איז דער שטייגער פון מענטשן מיט אזא פארמעגן צו געבן נדן. די גמרא זאָגט, אז „אָרים״ און „רייך״, מיינט דאָ „בדעת״, „קארג״ און „ברייטהארציק״.

ז. המשליש, אז איינער לייגט־איין דאָס געלט (נדן) פאר זיין טאָכטער ביי א שליש (ביי א דריטער פערזאָן, צו קויפן איר נאָך דער חתונה א פעלד צי אן אנדערע זאך), און זי זאָגט: „מיין מאן איז באגלויבט ביי מיר (און איך וויל מען זאָל דאָס געלט ארויסגעבן מיין מאן)״, זאָל דער שליש טאָן וואָס (אזוי ווי) מען האָט איינגעלייגט ביי אים, אזוי זאָגט ר ׳מאיר. מען מיינט דאָ, אז דער פאָטער איז געשטאָרבן, און דער מאן האָט איר נאָר מקדש געווען, אָבער נאָכניט חתונה געהאט. ר׳ מאיר האלט, אז „מצוה לקיים דברי המת״, מען דארף מקיים זיין דאָס וואָס עס האָט אָנגעזאָגט א מענטש־פאר שטארבן. דער שליש דארף דאריבער קויפן דאָס פעלד אָדער די אנדערע זאך, אזוי ווי דער פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט. אויב אָבער עס איז שוין נאָך דער חתונה און דאָס ווייב איז א גרויסע, דארף דער שליש איר געבן דאָס געלט. ר׳ יוסי זאָגט, און אפילו עס איז ניט מער ווי א פעלד (לאָמיר זיך פאָרשטעלן אז דער שליש האָט שוין געקויפט פאר איר דאָס פעלד), און זי וויל עס פארקויפן, זאָל־זשע עס זיין אז עס איז שוין איצט פארקויפט געוואָרן! ר׳ יוסי האלט, אז מען דארף איר געבן דאָס געלד אפילו פאר דער חתונה, נאָכדעם ווי דער מאן האָט איר מקדש געווען. במה, ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ביי א גרויסע (ווען דאָס ווייב איז שוין א דערוואקסענע), אָבער ביי א קליינער (אויב זי איז נאָכניט קיין דערוואקסענע), איז דאָס טאָן פון א קליינער גאָרניט. איר זאָגן וואָס צו טאָן מיטן געלט האָט ניט קיין ווערט, און דער שליש דארף טאָן ווי דער פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט.

פרק ז.

א. המדיר את אשתו מליהנות לו, עד שלשים יום יעמיד פרנס. יתר מכן יוציא ויתן כתובה. ר׳ יהודה אומר, בישראל חדש אחד יקיים, ושנים יוציא ויתן כתובה, ובכהנת שנים יקיים, ושלשה יוציא ויתן כתובה:

ב. המדיר את אשתו שלא תטעום אחד מכל הפירות, יוציא ויתן כתובה. ר׳ יהודה אומר בישראל יום אחד יקיים, שנים יוציא ויתן כתובה, ובכהנת שנים יקיים, שלשה יוציא ויתן כתובה:

פרק ז.

א. המדיר, אז איינער אסרט זיין ווייב מיט א נדר אז זי טאָרניט הנאה האָבן פון אים, איז ביז דרייסיק טעג זאָל ער געבן א פאַרזאָרגער (א פרנס, א מענטש, וואָס זאָל אנשטאט דעם מאַן איר געבן איר אויסהאלטונג), אויב מער ווי דאָס (לענגער פון דרייסיק טעג) דאַרף ער איר געבן א גט און געבן איר די כתובה. **די גמרא זאָגט, אז מיט „אסרן איר מיט א נדר ניט הנאה צו האָבן פון אים״ מיינט מען, אז ער טאָר ניט איר אויסהאלטן; אָבער ניט אויף צו לעבן מיט אים געשלעכטליך, ווייל דאָס קאָן ער ניט אסרן, מחמת ער איז אין דעם משועבד צו איר. דאַקייגן בנוגע געבן איר עסן מיינט מען, אז ער האָט איר געזאָגט, אז זי זאָל זיך צונעמען די פאַרדינסטן פון איר האַנט־אַרבייט און דערמיט זאָל זי זיך שפּייזן. אָבער אזוי ווי איר קומט דאָך אויסצוהאלטן אויך מיט אנדערע זאַכן, צו וועלכע זי איז צוגעוואוינט פון איר פאָטערס הויז איז דאָס קאָן ער יאָ אסרן אין א נדר, אז ער טאָר איר דאָס ניט געבן. זאָגט די משנה אז אויב ער האָט עס געאסרט ביז 30 טעג, זאָל ער אויסרופן אז ווער עס וועט איר געבן די דאַזיקע זאַכן וועט ניט היזק האָבן, ווארום זאָגן א מענטשן בפירוש, אז ער זאָל זיין פרוי געבן די זאַכן און ער וועט אים באַצאָלן טאָר ער ניט, מחמת דאָס הייסט ווי ער וואָלט אליין געגעבן. מיט „געבן א גט״ מיינט מען, אז זי קאָן אים צווינגען דערצו.** ר׳ יהודה זאָגט, אז ביי א(מאַן) א ישראל, זאָל ער (ביז) איין חודש האַלטן (ניט גטן איר) און ביי צוויי חדשים זאָל ער איר געבן דעם גט און די כתובה, און ביי א כהנת (אויב דער מאַן איז א כהן) זאָל ער צוויי חדשים האַלטן (ניט גטן איר) און ביי דריי חדשים גטן איר און געבן די כתובה. **ביי א ישראל, וועלכער מעג חתונה האָבן מיט א גרושה, הייסט מען גטן אויך ביי צוויי חדשים, ווייל אויב ער וועט זיך שפּעטער איבערבעטן מיט איר וועט ער צוריק קאָנען מיט איר חתונה האָבן. אָבער ביי א כהן, וועלכער טאָר ניט חתונה האָבן מיט א גרושה, ציט מען אָפּ די צייט פון גטן לענגער, ביז דריי חדשים.**

ב. המדיר, אז איינער אסרט זיין ווייב מיט א נדר, אז זי זאָל ניט טאָרן פאַרזוכן איינע פון די פרוכטן (א פרוכט), דאַרף ער איר גטן און איר געבן די כתובה. **דער דין איז, אז איינער, למשל, ראובן קאָן אסרן א צווייטן, למשל שמעונען, מיט א נדר אז שמעון טאָר ניט הנאה האָבן פון אים, פון ראובנען. אָבער ראובן קאָן ניט אסרן אויף שמעונען מיט א נדר, אז שמעון טאָר ניט סתם הנאה האָבן פון עפּיס, ניט עסן קיין פרוכט. דאַריבער זאָגט דאָ די גמרא, אז מען מיינט, אז דאָס ווייב אליין האָט געטאָן א נדר ניט צו פאַרזוכן א געוויסע פרוכט, און ווען איר מאַן האָט געהערט האָט ער איר באַשטעטיקט דעם נדר (זע פריער פרק ד׳ משנה ד׳, אז א מאַן קאָן צע־שטערן דעם ווייב׳ס נדר אין טאָג ווען ער הערט וועגן אים, און ווען ער באַשטעטיקט אים קאָן ער אים שוין ניט צעשטערן). דאָס ווערט גערעכנט, ווי ער האָט געאסרט אויף איר די פרוכט.** ר׳ יהודה זאָגט, אז ביי א (מאַן א) ישראל איז ביז איין טאָג זאָל ער האַלטן (ניט גטן איר) און ביי צוויי טעג זאָל ער זי גטן און איר געבן די כתובה, און ביי א כהנ׳ס א פרוי זאָל ער ביז צוויי (טעג) האַלטן ,און ביי דריי (טעג) זי גטן און איר געבן די כתובה.

ג. המדיר את אשתו שלא תתקשט באחד מכל המינין, יוציא ויתן כתובה. ר׳ יוסי אומר, בעניות שלא נתן קצבה, ובעשירות שלשים יום:

ד. המדיר את אשתו שלא תלך לבית אביה, בזמן שהוא עמה בעיר, חדש אחד יקיים, שנים יוציא ויתן כתובה, ובזמן שהוא בעיר אחרת, רגל אחד יקיים, שלשה יוציא ויתן כתובה:

ה. המדיר את אשתו שלא תלך לבית האבל, או לבית המשתה, יוציא ויתן כתובה, מפני שנועל בפניה. ואם היה טוען משום דבר אחר, רשאי. אמר לה, על מנת שתאמרי לפלוני מה שאמרת לי, או מה שאמרתי לך,

---

ג. המדיר, אז איינער אסרט זיין ווייב מיט אנדר אז זי זאָל זיך ניט פוצן מיט איינעם פון די (בשמים־) מינים (אויך דאָ מיינט מען אז זי האָט זיך געאָסרט מיט א נדר און דער מאן האָט אים באשטעטיקט), זאָל ער זי גטן און געבן די כתובה. **דער טעם איז אלץ, ווייל דערמיט איז כסדר פאראן א שנאה צווישן מאַן און ווייב.** ר׳ יוסי זאָגט, אז ביי אָרימע פרויען (זאָל ער גטן און געבן די כתובה) נאָר ווען (דער נדר איז) אויף אן אומבאַשטימטער צייט (שלא נתן קצבה), און ביי רייכע פרויען איז דרייסיק טעג. **ווייל אָרימע פרויען פוצן זיך ניט אזוי אָפט, דאריבער אויב דער נדר איז געווען נאָר אויף א באשטימטער צייט, אפילו לענגער פון דרייסיק טעג, איז די שנאה ניט פאראן; דאקייגן רייכע פרויען פוצן זיך אָפט, דאריבער איז מער ווי דרייסיק טעג דארף ער גטן. אָבער ביז דרייסיק טעג האָט זי נאָך הנאה פון די בשמים מיט וועלכע זי האָט זיך פריער געפוצט. די גמרא זאָגט אז אויך ביי אָרימע פרויען מיינט מען מיט „אן אומבאשטימטער צייט" 12 חדשים, און אויב דער נדר איז געווען מער פון 12 חדשים דארף מען אויך ביי אָרימע פרויען גטן און געבן די כתובה.**

ד. המדיר, אז איינער אסרט זיין פרוי מיט א נדר אז זי זאָל ניט גיין צו איר פאָטער אין הויז (אויך דאָ מיינט מען אז זי האָט א נדר געטאָן און ער האָט אים באשטעטיקט), אויב ער (דער פאָטער) וואוינט מיט איר אין איין שטאָט, איז איין חודש (אויב דער נדר איז נור אויף איין חודש) זאָל ער (דער מאן) איר האלטן (ניט גטן), (אָבער) צוויי חדשים דארף ער זי גטן און געבן איר די׳ כתובה; און אויב ער (דער פאָטער) וואוינט אין אן אנדערער שטאָט, איז איין יום טוב (אויב דער נדר איז געווען ביז איבער איין יום טוב) זאָל ער האלטן (זאָל ער זי ניט גטן), (אָבער) דריי (אויב דער נדר איז געווען ביז איבער דריי ימים טובים) דארף ער זי גטן און איר געבן די כתובה· **די גמרא זאָגט, אז די משנה מיינט דאָ „איין חודש" ביי א ישראל; אָבער ביי א כהנ׳ס פרוי איז ביי צוויי חדשים זאָל ער האלטן, און ביי דריי חדשים זאָל ער געבן א גט און די כתובה, אזוי ווי ר׳ יהודה לערנט פריער אין משנה ב׳.**

ה. המדיר, אז איינער אסרט זיין ווייב מיט אנדר (זי האָט זיך געאסרט מיט א נדר און ער האָט עס באשטעטיקט), אז זי זאָל ניט גיין אין א הויז פון אבלים אָדער אין א סעודה־הויז (צו א חתונה, בית המשתה), דארף ער זי גטן און איר געבן די כתובה, ווייל ער פארשליסט (דערמיט) פאר איר (די טירן פון מענטשנס הייזער) מיט. **„ער דארף זי גטן און געבן די כתובה", מיינט מען, אז זי קאָן אים צווינגען צו געבן איר דעם גט און די כתובה. אויך דאָ זאָגט די משנה, אז זי קאָן אים צווינגען דערצו,, ווייל דערמיט לאָזט ער זי ניט קומען צווישן מענטשן, און זי קאָן טענהן, אז ווען זי וועט שטארבן וועלן מענטשן אויך ניט קומען צו איר טרויער.** ואם היה, און אויב ער טענה׳ט (אז ער לאָזט זי ניט גייען) צוליב אן אנדערע זאך (ווייל דאָרט געפינען זיך אויסגעלאסענע מענטשן) מעג ער. **אין אזא פאל קאָן ער איר יאָ הייסן האלטן דעם נדר ניט צו גיין אהין.** אָמר לה, אויב ער (דער מאן) האָט צו איר גע־זאָגט: „איך וו׳יל דיר צעשטערן דעם נדר וואָס דו האָסט געאסרט אויף זיך, אָבער נאָר) מיט דעם תנאי, אז דו זאָלסט זאָגן, יענעם מענטש, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט",

או שתהא ממלאה ומערה לאשפה, יוציא ויתן כתובה:

ו. ואלו יוצאות שלא בכתובה: העוברת על דת משה ויהודית. ואיזו היא דת משה? מאכילתו שאינו מעושר, ומשמשתו נדה, ולא קוצה לה חלה, ונודרת ואינה מקיימת. ואיזוהי דת יהודית? יוצאה וראשה פרוע, וטווה בשוק, ומדברת עם כל אדם. אבא שאול אומר, אף המקללת יולדיו בפניו. ר׳ טרפון אומר, אף הקולנית. איזו היא קולנית כל שהיא מדברת בתוך ביתה, ושכניה שומעין קולה:

אָדער „(מיט דעם תנאי) אז דו זאָלסט שעפּן און אויסגיסן אויף דעם מיסט־אָרט”, דאַרף ער זי גטן און געבן די כתובה. מיט „זאָגן יענעם מענטש וואָס דו האָסט מיר געזאָגט” מיינט מען ניט־שיינע רייד (דברים של קלות) וואָס א פרוי רעדט טיילמאָל מיט א מאַן. וועגן „שעפּן און אויסגיסן אויפן מיסט־אָרט” זענען פאַראַן צוויי טייטשן, איינער איז סתם אָנשעפּן וואַסער און עס אויסגיסן, און זי וויל עס ניט טאָן, ווייל מענטשן וועלן איר באַטראַכטן פאַר א משוגענער. דער צווייטער טייטש איז אז דאָס איז א משל, און מען מיינט אז נאָכדעם ווי ער לעבט מיט איר געשלעכטליך זאָל זי אַרויסלאָזן צוריק די זאַמען (זרע) כדי זי זאָל ניט ווערן מעוברת.

ו. ואלו, און די דאָזיקע פרויען קומט (פון זייערע מענער) א גט אָן א כתובה. ביז איצט האָט די משנה געלערנט ווען א פרוי קאָן צווינגען דעם מאַן צו געבן איר א גט מיט א כתובה. איצט גייט די משנה לערנען וועלכע פרויען א מאַן דאַרף געבן א גט און זיי ניט געבן די כתובה, ווייל זיי פירן זיך ניט אויף אָרענטליך. העוברת, אז איינע איז עובר אויף דעם געזעץ פון משה אָדער פון יידישקייט. מיט „דת משה ויהודית”, מיינט מען אָדער „דת משה” אָדער „דת יהודית”. „משה”, מיינט מען „משה רבנו”. ואיזו היא, און וואָס הייסט געזעץ פון משה (דת משה)? אויב זי (די פרוי) גיט אים (דעם מאַן) צו עסן ניט־געמשרטע (מאכלים), אָדער זי לעבט מיט אים ווען זי איז א נידה, אָדער זי נעמט ניט אַראָפּ קיין חלה (פון געבעקס וואָס זי באַקט), אָדער זי טוט א נדר און האַלט אים ניט. די גמרא זאָגט אז אין די אַלע פאַלן, נאַרט זי אים אָפּ, זי זאָגט אז יענער כהן האָט פאַר איר אַראָפּגענומען מעשר, און ווען דער מאַן האָט געפרעגט דעם כהן האָט זיך אַרויסגעוויזן אז עס איז ליגן, און דער מאַן האָט געגעסן אומגעמשרטע פּרוכטן צו תבואה, טבל, וואָס מען טאָר ניט. דאָס זעלביקע, אויב די שכנות האָבן געוואוסט אז זי איז א נידה (זיי האָבן איר געזען אָנגעטאָן אין די נידה־מלבושים) און דעם מאַן האָט זי געזאָגט, אז זי איז ריין, אויך ביי חלה האָט זי דעם מאַן געזאָגט, אז יענער מענטש האָט אַראָפּגענומען פאַר איר חלה, און ווען איר מאַן האָט אים געפרעגט האָט זיך אַרויסגעוויזן אז עס איז ליגן. אין די אַלע פאַלן האָט די פרוי אים געמאַכט עובר זיין אויף בפירושע דינים פון דער תורה, פון משה רבנו, אָדער זי אַליין האָט עובר געווען אויף די דינים. ואיזוהי דת יהודית, און וואָס הייסט דאָס געזעץ פון יידישקייט? אויב זי (די פרוי) גייט אַרויס און אירע קאָפּ־האָר זענען אָפּגעדעקט (ראשה פרוע), אָדער זי שפּינט (וואָל) אין גאַס (און ווייזט דאַביי אירע אָרעמס צו מענטשן), אָדער זי שמועסט מיט יעדן מענטש (זי שפּילט זיך מיט יינגע מענטשן). דאָס אַלץ הייסט עובר געווען אויף צניעות־מנהגים פון יידישע פרויען, אויף „געזעצן פון יידישקייט”. אבא שאול זאָגט, אז אויך (די פרוי) וועלכע שילט זיינע (דעם מאַנ׳ס) עלטערן פאַר אים (פאַר איר מאַן, ווען דער מאַן איז דאַביי). אויך אַזא פרוי דאַרף דער מאַן געבן א גט אָן כתובה. ר׳ טרפון זאָגט, אז אויך א שרייעדיקע (קולנית); וואָס הייסט א שרייעדיקע? ווען זי רעדט אין איר הויז און די שכנים הערן איר קול. די גמרא זאָגט, אז מען מיינט דער־מיט ווען זי מאָנט מיט א הויך קול ביים מאַן אז ער זאָל לעבן מיט איר געשלעכט־ליך. וועגן די אַלע פרויען דאַרף דער מאַן האָבן עדות אז זיי האָבן אַזוי געטאָן און אז מען האָט זיי געוואָרנט (מתרה געווען) דאָס ניט צו טאָן און זיי האָבן ניט געפאָלגט, און דאַמאָלס האָבן זיי היזק די כתובה.

ז. המקדש את האשה על מנת שאין עליה נדרים, ונמצאו עליה נדרים, אינה מקודשת. כנסה סתם ונמצאו עליה נדרים, תצא שלא בכתובה. על מנת שאין בה מומין ונמצאו בה מומין, אינה מקודשת. כנסה סתם ונמצאו בה מומין, תצא שלא בכתובה. כל המומין הפוסלין בכהנים, פוסלין בנשים:

ח. היו בה מומין, ועודה בבית אביה, האב צריך להביא ראיה שמשנתארסה (היו) בה מומין הללו, ונסתחפה שדהו. נכנסה לרשות הבעל, הבעל צריך להביא ראיה שעד שלא נתארסה היו בה מומין אלו, והיה

ז. המקדש, אז איינער האָט מקדש געווען א פרוי מיט דעם תנאי אז זי האָט ניט אויף זיך קיין נדרים (זי האָט ניט אויף זיך קיין נדר ניט צו טאָן עפּיס א זאך) און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט אויף זיך נדרים, איז זי ניט מקודש. **די קידושין זיינען ניט קיין קידושין, ווייל ער האָט דאָך בפירוש, אויסגענומען דעם תנאי. די גמרא זאָגט, אז מען מיינט דערמיט נור אזעלכע נדרים, ווי אז זי זאָל ניט עסן קיין פלייש און ניט טרינקן קיין וויין און ניט פּוצן זיך מיט פארביקע מלבושים; אָבער אויב זי האָט אנדערע נדרים איז זי יאָ מקודש.** כנסה, אויב ער האָט איר גענומען (פאר א ווייב) סתם (ער האָט ניט אויסגענומען קיין שום תנאי) און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט נדרים, קאָן ער איר געבן א גט אָן א כתובה. **די קידושין זענען קידושין, אָבער דער מאן קאָן טענהן אז א ווייב מיט נדרים וויל ער ניט, און ער קאָן איר געבן א גט און ניט געבן איר די כתובה.** על מנת, (אויב א מאן האָט מקדש געווען א פרוי) מיט דעם תנאי אז זי האָט ניט קיין פעלערן (מומין, פעלערן אין איר קערפּער), און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט יאָ פעלערן, איז זי ניט מקודש. **אויך דאָ איז דער תנאי ניט מקויים געוואָרן, און די קידושין זענען ניט קיין קידושין.** כנסה סתם, אויב ער האָט זי גענומען (פאר א ווייב) סתם (ער האָט ניט אויסגענומען קיין תנאי), און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט פעלערן (קערפּערליכע פעלערן), קאָן ער איר געבן א גט אָן א כתובה. **ער קאָן זאָגן, אז ער וויל ניט א ווייב מיט קערפּערליכע פעלערן.** כל המומין, אלע (קערפּערליכע) פעלערן וועלכע פּסלענען ביי כהנים (מאכן א כהן אז ער זאָל ניט טאָרן טאָן די עבודה אין בית המקדש), פּסלענען אויך ביי ווייבער. **די משנה ענטפערט דאָ אויף דער פראַגע, וואָס הייסט ביי א פרוי א מום, א קערפּערליכער פעלער? און זי זאָגט, אז די אלע פעלערן וואָס פּסלענען כהנים, הייסן אויך פעלערן ביי פרויען. די משנה אין מסכתא בכורות פּרק ז׳ רעכנט אויס די אלע פעלערן, וואָס פּסלענען ביי כהנים. די גמרא זאָגט דאָ, אז ביי פרויען האָט מען נאָך צוגעגעבן עטליכע אנדערע פעלערן, וואָס כאָטש ביי כהנים פּסלענען זיי ניט, אָבער ביי א פרוי הייסן זיי פעלערן, ווי שווייס, און א שלעכטער ריח פון מויל אָדער בכלל א שלעכטער ריח, א וואָרצל־קרעצל (שומא) מיט האָר, איר קול איז גראָב (נישט א פרויען קול), די ברוסטן זענען צו־גרויס, אָדער זענען צופיל אָפּגערוקט איינע פון דער אנדערער.**

ח. היו, אויב מען האָט געפונען ביי איר (ביים ווייב) פעלערן ווען זי איז נאָך אין איר פאָטערס הויז (נאָכדעם ווי דער מאן האָט איר מקדש געווען, אָבער ער האָט נאָכניט געהאט חתונה געהאט מיט איר) דארף דער פאָטער ברענגן דעם באווייז, אז די פעלערן זענען געוואָרן ביי איר (ביי זיין טאָכטער) שוין נאָכדעם ווי דער מאן האָט איר מקדש געווען און זיין „פעלד איז פארפלייצט געוואָרן‟ (בעת זי איז שוין געווען זיין ווייב זענען געוואָרן די פעלערן, און ער קאָן איר דאריבער ניט גטן); אויב אָבער (די פעלערן האָט מען געפונען נאָכדעם ווי) זי איז שוין געהאט אריבער אין מאנ׳ס רשות (נאָך דער חתונה), דארף דער מאן ברענגן דעם באווייז, אז זי האָט שוין געהאט די פעלערן איידער ער האָט זי מקדש געווען, און זיין קויף (זיין מקדש זיין איר פאר א ווייב) איז געווען אן אָפּגענארטער קויף, אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **דעם אויסדרוק**

מקחו מקח טעות, דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומרים, במה דברים אמורים? במומין שבסתר, אבל במומין שבגלוי, אינו יכול לטעון. ואם יש מרחץ באותה העיר, אף מומין שבסתר אינו יכול לטעון, מפני שהוא בודקה בקרובותיו:

ט. האיש שנולדו בו מומין, אין כופין אותו להוציא. אמר רבן שמעון בן גמליאל, במה דברים אמורים? במומין הקטנים, אבל במומין הגדו־לים, כופין אותו להוציא:

י. ואלו שכופין אותו להוציא? מוכה שחין, ובעל פוליפוס. והמקמץ, והמצרף נחושת והבורסי. בין שהיו בם עד שלא נישאו. בין משנישאו נולדו. ועל כולן אמר רבי מאיר, אף על פי שהתנה עמה, יכולה היא

„שנסתחפה שדהו״ („זיין פעלד איז געוואָרן פארפלייצט, קאליע״), האָבן מיר גע־האַט פריער אין פרק א׳ משנה ו׳. מען נעמט אָן, אז אין וועלכן רשות מען געפינט די פרוי אז זי האָט פעלערן, דאָרט זענען די פעלערן געוואָרן. אויב ווען די פרוי איז שוין אין רשות פון מאן זענען זיי געוואָרן שוין נאָך דער חתונה; אויב ווען זי איז נאָך אין פאָטערס הויז, נעמט מען אָן אז די פעלערן האָט זי געהאַט נאָך איידער דער מאן האָט זי מקדש געווען. וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן (אז דער מאן קאָן איר גטן אָן א כתובה ווען ער געפינט אויס אז דאָס ווייב האָט געהאַט פון פריער פעלערן)? ביי באַהאַלטענע פעלערן (אַזעלכע קערפּערליכע פעלערן וועלכע מען דערקענט ניט אויבן־אויף, זיי זענען אין באַהאַלטענע טיילן פון קערפּער), אָבער ביי אָפענע פעלערן (וועלכע מען זעט, ווייל זיי זענען אין אָפענע טיילן פון קערפּער), קאָן ער (דער מאן) ניט האָבן קיין טענה, **מחמת מען נעמט אָן, אז ער האָט געוואוסט פון זיי און ער האָט מסכים געווען.** ואם יש, און אויב עס איז פאַ־ראַן א מרחץ (א באָד־אַנשטאַלט) אין דער דאָזיקער שטאָט (וואו פרויען קומען זיך באָדן), קאָן ער אויך וועגן באַהאַלטענע פעלערן ניט האָבן קיין טענה, ווייל ער ווערט געוואָר וועגן איר דורך זיינע קרובות (פרויען וואָס זענען זיינע קרובים). **און מען נעמט אָן, אז ער האָט ביי זיי נאָכגעפרעגט צי די פרוי האָט פעלערן (מחמת זיי באָדן זיך מיט איר צוזאַמען ווייסן זיי) און זיי האָבן אים געזאָגט אז יאָ, און ער האָט מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט איר אפילו מיט די פעלערן.**

ט. האיש, א מאן, וואָס האָט באַקומען פעלערן (נאָך דער חתונה) קאָן מען אים ניט צווינגען צו גטן זיין ווייב. **מחמת מען קאָן איר זאָגן, אז עס איז איר גורל, און זי דאַרף מיט אים מיטליידן.** אמר, האָט רבן שמעון בן גמליאל געזאָגט: ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? (נאָר) ביי קליינע פעלערן (וועלכע זענען צום דערליידן). אָבער ביי גרויסע פעלערן (למשל, ער איז געוואָרן בלינד אויף אן אויג, אָדער א האַנט איז אים אָפּגעהאַקט געוואָרן, צי ער האָט זיך צעבראָכן א פוס) קאָן מען אים צווינגען צו געבן איר א גט. **דער דין בלייבט ניט ווי רבן שמעון בן גמליאל.**

י. ואלו, און די דאָזיקע (מענער) קאָן מען צווינגען צו געבן א גט: אן אויסגע־שלאָגענער מיט קרעץ (מוכה שחין, א מצורע), אָדער איינער וואָס האָט א פּאָליפּ (אין דער נאָז און מען שפּירט אים פון דער נאָז), אָדער איינער וועלכע זאַמלט די צואה פון הינט („המקמץ״, און מען שפּירט פון אים א שלעכטן ריח), אָדער איינער וועלכער האַקט אויס קופּער (מצרף נחושת, קופּער־גיסער פון דער ערד אַרויס, און פון אים שפּירט מען א שלעכטן ריח), אָדער איינער וואָס באַארבייט פעל („הבורסי״, א גאַרבער, און אויך פון אים שפּירט מען א שלעכטן ריח); סיי זיי זענען דאָס געווען איידער זיי האָבן חתונה געהאַט און סיי זיי זענען עס געוואָרן נאָכדעם ווי זיי האָבן חתונה געהאַט (קאָנען די פרויען זיי צווינגען צו געבן זיי א גט). **„פוליפוס״ איז דאָס גריכישע וואָרט „פּאָלופּאָס״, א פּאָליפּ אין דער נאָז. „בורסי״ איז דאָס גריכישע וואָרט „בורסעאוס״ א גאַרבער. וועגן זאַמלן צואה פון הינט איז צו זען פון דער**

שתאמר, סבורה הייתי שאני יכולה לקבל, ועכשיו איני יכולה לקבל. וחכמים אומרים, מקבלת היא על כרחה, חוץ ממוכה שחין, מפני שממקתו. מעשה בצידון בבורסי אחד שמת, והיה לו אח בורסי, אָמרו חכמים, יכולה היא שתאמר, לאחיך הייתי יכולה לקבל, ולך איני יכולה לקבל:

פרק ח.

א. האשה שנפלו לה נכסים עד שלא תתארס, מודים בית שמאי ובית הלל שמוכרת ונותנת וקיים. נפלו לה משנתארסה. בית שמאי אומרים, תמכור, ובית הלל אומרים לא תמכור. אלו ואלו מודים, שאם מכרה ונתנה קיים. אָמר ר׳ יהודה אמרו לפני רבן גמליאל, הואיל וזכה באשה, לא יזכה בנכסים :! ואמר להן, על החדשים אנו בושין, אלא שאתם מגל-

---

גמרא ברכות כ״ה אז מען פלעגט **דאָס באנוצן צום באארבייטן פעל.** ועל כולן, אויף די אלע דאָזיקע (פעלערן ביי מענער) האָט ר׳ מאיר געזאָגט, אז כאָטש ער (דער מאן) האָט אויסגענומען מיט איר (ער האָט איר פאר דער חתונה געזאָגט, אז ער האָט אזא פעלער און זי איז באשטאנען דערויף) קאָן זי זאָגן: „איך האָב געמיינט, אז איך וועל עס קאָנען פארטראָגן, און איצט קאָן איך ניט פארטראָגן. **און זי קאָן דאריבער פאָדערן פון אים א גט.** וחכמים, און די חכמים זאָגן (אז אויב ער האָט פריער איר געזאָגט) מוז זי אויסהאלטן (על כרחה, אפילו זי וויל ניט), א חוץ פון א אויסגעשלאָגענעם מיט קרעץ (א קרעציקן, א מוכה שחין), ווייל זי צערט אים אָפּ (שממקתו). **ווען דער מוכה שחין לעבט מיט איר געשלעכטליך ווירקט עס אויף זיין קערפּער, אז ער ווערט דערפון אָפּגעצערט, און דאָס איז א סכנה פאר זיין לעבן. „ממקתו״ איז ווי אין זכריה י״ד „המק בשרו״, זיין לייב ווערט צעגאנגן ,ווייך, אָפּגעצערט.** מעשה, עס האָט פּאסירט אין (דער שטאָט) צידון מיט א גארבער וועלכער איז געשטאָרבן (אָן קינדער און איבערגעלאָזט א ווייב) און ער האָט געהאט א ברודער א גארבער (וועלכער האָט געוואָלט מייבם־זיין חתונה האָבן מיט דער שוועגערין), האָבן די חכמים געזאָגט, אז זי קאָן אים (דעם שוואָגער, דעם יבם) זאָגן: „דיין ברודער (דעם גארבער) האָב איך געקאָנט פארטראָגן, און דיך (דעם גארבער) קאָן איך ניט פארטראָגן״. **און מען האָט זי ניט געצוואונגן חתונה צו האָבן מיט אים, נאָר מען האָט אים געהייסן איר געבן חליצה און די כתובה.**

פרק ח.

א. האשה, א פרוי וואָס האָט באקומען פארמעגנס (דורך א ירושה אָדער א מתנה) איידער א מאן האָט זי מקדש געווען (און דערנאָך האָט זי א מאן מקדש געווען), זענען די בית שמאי און די בית הלל מודה, אז זי קאָן פארקויפן אָדער אוועקשענקן (די דאָזיקע פארמעגנס צו אן אנדערן) און עס איז גילטיק. **דער פארקויף אָדער דאָס אוועקשענקן איז גוט, און דער מאן קאָן גארניט טאָן קייגן דעם.** נפלו לה, אויב אָבער זי האָט באקומען די פארמעגנס נאָכדעם ווי א מאן האָט איר מקדש געווען (אָבער ער האָט נאָכניט חתונה געהאט מיט איר), זאָגן די בית שמאי אז זי מעג זיי פארקויפן, און די בית הלל זאָגן, אז זי טאָר זיי ניט פארקויפן; די (בית שמאי) און די (בית הלל) זענען מודה אז אויב זי האָט יאָ פארקויפט אָדער אוועקגעשאָנקן איז עס גילטיק· **מען מיינט דאָ אז זי האָט פארקויפט אָדער אוועקגעשאָנקן איידער זי האָט חתונה געהאט, אָבער נאָכדעם ווי דער מאן האָט זי מקדש געווען.** אָמר, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, אז מען האָט געזאָגט פאר רבן גמליאל (מען האָט אים געפרעגט): אויב ער ׳דער מאן) האָט זוכה געווען די פרוי (דאדורך וואָס ער האָט זי מקדש געווען איז זי דאָך געוואָרן זיין פרוי), זאָל ער ניט זוכה זיין די פארמעגנס (וואָס זי האָט באקומען)?! האָט ער (רבן גמליאל) זיי געזאָגט (אָפּגעענטפערט): מיר שעמען זיך אויף די נייע (אויף די נייע פארמעגנס, וואָס די פרוי באקומט נאָך דער חתונה, פארוואָס מען האלט, אז אויב זי פארקויפט אוועק קאָן זיי איר מאן צוריק אָפּנעמען פון

גלין עלינו את הישנים. נפלו לה משנישאת, אלו ואלו מודים, שאם מכרה ונתנה שהבעל מוציא מיד הלקוחות. עד שלא נישאת, ונישאת, רבן גמליאל אומר, אם מכרה ונתנה קיים. אָמר ר׳ חנינא בן עקביא, אמרו לפני רבן גמליאל, הואיל וזכה באשה לא יזכה בנכסים ! אָמר להם, על החדשים אנו בושין, אלא שאתם מגלגלים עלינו את הישנים:

ב. ר׳ שמעון חולק בין נכסים לנכסים ; נכסים הידועים לבעל, לא תמכור, ואם מכרה ונתנה בטל; שאינן ידועים לבעל, לא תמכור, ואם מכרה ונתנה קיים :

ג. נפלו לה כספים, ילקח בהן קרקע, והוא אוכל פירות. פירות התלושין מן הקרקע, ילקח בהן קרקע, והוא אוכל פירות. והמחוברין

די קויפערס) ווילט איר נאָך ארויפלייגן אויף אונז די אלטע (די פאַרמעגנס, וואָס זי האָט באקומען פאר דער חתונה, נאָכן מקדש זיין) ! **רבן גמליאל האלט, אז די פאַרמעגנס וואָס זי פארקויפט פאר דער חתונה, איז דער פארקויף א גוטער פארקויף, און דער מאן קאָן זיי ניט אָפּנעמען פון די קויפערס.** נפלו לה משנשאת, אויב זי האָט באקומען (פארמעגנס) נאָך דער חתונה זענען סיי די (בית שמאי) און סיי די (בית הלל) מודה, אז אויב זי האָט זיי פארקויפט אָדער אוועקגעשאָנקן, נעמט (איר) מאן זיי צוריק פון די קויפערס (אָדער פון די מתנה־נעמערס). **מחמת די פארמעגנס וועלכע זי האָט באקומען נאָך דער חתונה זענען אין רשות פון מאן.** עד שלא נשאת, (אויב זי האָט באקומען פארמעגנס) איידער זי האָט חתונה געהאט, און דערנאָך האָט זי חתונה געהאט, זאָגט רבן גמליאל, אז אויב זי האָט פארקויפט אָדער אוועקגעשאָנקן איז עס גוט. **דער פארקויף אָדער די מתנה זענען גוט, אפילו זי האָט עס געטאָן נאָך דער חתונה אויב זי האָט די פארמעגנס באקומען פאר דער חתונה.** אָמר, האָט ר׳ חנינא בן עקיבא געזאָגט, אז מען האָט געזאָגט פאר רבן גמליאל: אויב ער (דער מאן האָט זוכה געווען די פרוי (זי איז דאָך געוואָרן אינגאנצן זיין פרוי נאָך דער חתונה,) זאָל ער ניט זוכה זיין אין די פארמעגנס? האָט ער (רבן גמליאל) צו זיי געזאָגט (אָפּגעענטפערט): אויף די נייע שעמען מיר זיך (פארוואָס די חכמים האָבן געזאָגט אז דער מאן קאָן צוריקנעמען די פארקויפטע פארמעגנס אויב די פרוי האָט זיי באקומען נאָך דער חתונה) ווילט איר אויף אונז נאָך ארויפלייגן די אלטע (אז ער זאָל קאָנען אָפּנעמען אפילו די נכסים וואָס זי האָט באקומען פאר דער חתונה) ! **רבן גמליאל האלט אז נאָר פארמעגנס, וואָס זי האָט באקומען נאָך דער חתונה און זי האָט זיי פארקויפט קאָן איר מאן זיי צוריק אָפּנעמען.**

ב. ר׳ שמעון מאכט אן אונטערשיד צווישן פארמעגנס און פארמעגנס (דהיינו): פארמעגנס, וואָס דער מאן ווייסט וועגן זיי זאָל זי ניט פארקויפן און אויב זי פארקויפט אָדער שענקט אוועק איז עס בטל (דער פארקויף און דאָס אוועקשענקן טויג ניט), (אָבער ביי פארמעגנס) וואָס דער מאן ווייסט ניט וועגן זיי, זאָל זי ניט פארקויפן, און אויב זי האָט פארקויפט אָדער אוועקגעשאָנקן איז עס גוט (דער פארקויף און די מתנה זענען גוט). **אויף דער משנה זענען פאראן צוויי טייטשן. איין טייטש איז אז מיט „פארמעגנס וואָס דער מאן ווייסט" מיינט מען פעלדער, און „וואָס דער מאן ווייסט ניט" מיינט מען מטלטלים, באוועגליכע גיטער; אן אנדער טייטש איז אז „וואָס דער מאן ווייסט ניט" מיינט מען פארמעגנס וועלכע זענען איצא ווייט לאנד און דעם מאן האָט ניט געקאָנט איינפאלן אז זיין פרוי וועט זיי אמאָל באקומען אלס ירושה אָדער א מתנה.**

ג. נפלו, אויב זי (די פרוי) האָט באקומען (נאָך דער חתונה א ירושה אָדער א מתנה) געלט, זאָל מען דערפאר קויפן ערד און ער (איר מאן זאָל עסן די פרוכטן (פון דער ערד). **דער קרן, די ערד זעלבסט, געהערט ניט צו אים; ער באקומט נור די פרוכטן פון דער ערד.** פירות, אויב זי האָט באקומען פרוכטן, וועלכע זענען אָפּ־

בקרקע, אָמר ר׳ מאיר, שמין אותן כמה הן יפין בפירות, וכמה הן יפין בלא פירות, והמותר ילקח בהן קרקע, והוא אוכל פירות. וחכמים אומ־רים, המחוברים לקרקע שלו, והתלושין מן הקרקע שלה, וילקח בהן קרקע והוא אוכל פירות:

ד. ר׳ שמעון אומר, מקום שיפה כוחו בכניסתה, הורע כחו ביציאתה. פירות המחוברין לקרקע, בכניסתה שלו, וביציאתה שלה, והתלושין מן הקרקע, בכניסתה שלה, וביציאתה שלו:

ה. נפלו לה עבדים ושפחות זקנים, ימכרו וילקח בהן קרקע והוא

געריסן פון דער ערד, זאָל מען פאר זיי (פאר די פרוכטן) קויפן ערד, און ער (דער מאַן) עסט די פרוכטן (פון דער ערד). **מחמת די אָפּגעריסענע פרוכטן האָבן דעם דין פון געלט.** והמחוברין, און (אויב זי האָט באַקומען) פרוכטן וועלכע זענען נאָך באַ־האָפטן צו דער ערד, זאָגט ר׳ מאיר, אז מען שאצט אָפּ איר (די ערד) וויפיל זי איז ווערט מיט די פרוכטן און וויפיל זי איז ווערט אָן די פרוכטן, און פאר דעם איב־ריקן (פאר דעם אונטערשיד געלט וואָס די ערד איז מיט די פרוכטן ווערט מער ווי אָן די פרוכטן) זאָל מען קויפן ערד און ער זאָל עסן די פרוכטן (פון דער געקויפטער ערד). **אָבער וואָס עס וואקסט צו שפּעטער צו די ערשטע ניט־אָפּגעריסענע פרוכטן הייסט שוין ניט קיין געלט וואָס די פרוי האָט באַקומען, נאָר פרוכטן און דער מאַן נעמט זיי צו אינגאנצן. אזוי טייטשט דער ברטנורא׳** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז די (פרוכטן) וועלכע זענען באהאפטן צו דער ערד געהערן צו אים (און ער, דער מאַן, עסט זיי אינגאנצן) און די (פרוכטן) וועלכע זענען אָפּגעריסן פון דער ערד געהערן צו איר, און מען קויפט פאר זיי ערד און ער (דער מאַן) עסט די פרוכטן (פון דער געקויפטער ערד). **די חכמים האלטן, אז אויב זי באַקומט ערד מיט פרוכטן וועלכע זענען נאָך ניט אפגעריסן, הייסן די פרוכטן ניט קיין קרן־געלט, נאָר פרוכטן, און זיי געהערן צום מאַן.**

ד. ר׳ שמעון זאָגט, אז דאָס ביי וועלכן עס איז בעסער דער כח פון אים (פון מאַן) ווען ער האָט חתונה מיט איר (מיט דעם ווייב) איז ערגער זיין (דעם מאַנ׳ס) כח ווען ער גט זיך (מיטן ווייב), און דאָס ביי וועלכן עס איז ערגער זיין (דעם מאַנ׳ס) כח ווען ער האָט חתונה מיט איר (מיטן ווייב) איז בעסער זיין כח ווען ער גט זיך מיט איר (מיטן ווייב). **און ר׳ שמעון דערקלערט באלד וואָס ער מיינט דערמיט, דהיינו:** פירות, אויב עס זענען פאראן פרוכטן וואָס זענען נאָך באהאפטן צו דער ערד (ניט־אָפּגעריסענע) בעת ער (דער מאַן) האָט חתונה מיט איר געהערן זיי (די דאָזיקע ניט־אָפּגעריסענע פרוכטן) צו אים (צום מאַן), און ווען ער גט זיך מיט איר (אויב די פרוכטן זיינען אויפן פעלד וואָס׳ זי האָט אים געבראַכט אלס נדן און איצט ביים גטן זיך נעמט זי דאָס פעלד צוריק) געהערן זיי צו איר; און אויב זיי (די פרוכטן) זיינען אָפּגעריסן פון דער ערד איז ווען ער האָט מיט איר חתונה געהערן זיי צו איר (צום ווייב), און ווען ער גט זיך מיט איר געהערן זיי צו אים (צום מאַן). **מחמת ר׳ שמעון האלט, אז ניט־אָפּגעריסענע פרוכטן הייסן ניט קיין באזונדערע זאַך, קיין געלט, נאָר די פרוכטן פון דער ערד, אָבער אָפּגעריסענע פרוכטן הייסן שוין א באזונדערע זאַך, און האָבן ניט מער קיין שייכות מיט דער ערד, א׳ן דעריבער ווען דער מאַן גט זיך מיטן ווייב און דאָס ווייב נעמט צו איר פעלד קאָן זי ניט פאר־לאנגן די אָפּגעריסענע פרוכטן, מחמת זיי הייסן שוין דעם מאַנ׳ס געלט. דער ברטנו־רא זאָגט אויפן יסוד פון דער גמרא, אז די חכמים האלטן, אז אויך די ניט־אָפּגעריסענע פרוכטן געהערן ביים גטן זיך צום מאַן, ווייל זיי זענען געוואקסן אין זיין רשות.**

ה. נפלו, אויב זי האָט באַקומען (ירושה) אלטע שקלאַפן און אלטע שקלאַפינס, זאָל מען זיי פארקויפן און קויפן פאר זיי ערד און ער (דער מאַן) זאָל עסן די פרוכטן

אוכל פירות. ר׳ שמעון בן גמליאל אומר, לא תמכור, מפני שהן שבח בית אביה. נפלו לה זיתים וגפנים זקנים, ימכרו לעצים וילקח בהן קרקע והוא אוכל פירות. ר׳ יהודה אומר, לא תמכור, מפני שהן שבח בית אביה. המוציא הוצאות על נכסי אשתו, הוציא הרבה ואכל קימעא, קימעא ואכל הרבה. מה שהוציא הוציא, מה שאכל אכל. הוציא ולא אכל, ישבע כמה הוציא, ויטול:

ו. שומרת יבם שנפלו לה נכסים, מודים בית שמאי ובית הלל, שמוכרת ונותנת וקיים. מתה, מה יעשו בכתובתה, ובנכסים הנכנסין

(פון דער געקויפטער ערד)׳ ר׳ שמעון בן גמליאל זאָגט. אז זי דאַרף ניט פאַרקויפן (אויב די פרוי וויל ניט קאָן זי ניט לאָזן זיי פאַרקויפן), מחמת דאָס איז דאָס חשיבות פון איר פאָטערס הויז (שבח בית אביה). **דאָס איז ניט סתם א זאַך, נאָר עס איז א חשיבות פון איר פאָטערס הויז, און זי האָט דאָס רעכט ניט צו וועלן זיך צו שיידן מיט זיי.** נפלו, אויב זי האָט באַקומען (ירושה) אַלטע אייל־בירטן־ביימער און וויינ־שטאָקן, זאָל מען זיי פאַרקויפן אויף האָלץ, און מען זאָל קויפן פאַר זיי ערד, און ער דער מאַן זאָל עסן די פרוכטן (פון דער געקויפטער ערד). **דער מאַן קאָן פאַרלאַנגן זיי צו פאַרקויפן און קויפן ערד פאַר זיי, מחמת די אַלטע ביימער ברענגען אים גאָרניט.** ר׳ יהודה זאָגט, אז זי דאַרף זיי ניט פאַרקויפן (זי, די פרוי, קאָן זאָגן, אז זי וויל זיי ניט פאַרקויפן), ווייל דאָס איז דאָס חשיבות פון איר פאָטערס הויז. **ווען זיי שטייען דערמאָנען זיי אָז אירע עלטערן זענען געווען פאַרמעגליכע מענטשן און דאָס גיט צו כבוד איר און אירע עלטערן.** המוציא, ווען איינער האָט אויסגעגעבן הוצאות אויף דעם פאַרמעגן (פעלדער און אַנדערע זאַכן) פון זיין ווייב סיי ער האָט אויסגעגעבן א סך (געלט) און ער האָט געגעסן (ער האָט אַריינגעקריגן פאַר זיך) ווינציק (געלט), סיי ער האָט אויסגעגעבן ווינציק (געלט) און ער האָט געגעסן (אַריינ־באַקומען) א סך, איז וואָס ער האָט געגעסן האָט ער געגעסן און וואָס ער האָט אויס־געגעבן האָט ער אויסגעגעבן. **ניט ער קאָן מאָנען, אז זיין ווייב זאָל אים צוריקצאָלן דעם אונטערשיד וואָס ער האָט אויסגעגעבן מער וויפיל ער האָט אַריינבאַקומען, און ניט זי קאָן מאָנען פון אים דעם אונטערשיד אויב ער האָט אַריינבעקומען מער וויפיל ער האָט אויסגעגעבן. „קימעא" איז דער טייטש „אביסל" ווינציק, און דאָס וואָרט געפינט זיך א סך מאָל אין דער גמרא.** הוציא ולא אכל, אויב ער האָט אויסגעגעבן (אויף די פעלדער פון זיין ווייב) און ער האָט גאָרניט געגעסן (פון זיי, ער האָט גאָר־ניט גענומען פון זיי, ער האָט גאָרניט גענומען קיין הכנסה) זאָל ער שווערן וויפיל ער האָט אויסגעגעבן און ער זאָל נעמען. **אין אזא פאַל קומט יאָ דעם מאַן צו באַצאָלן פאַר די הוצאות. דער ברטנורא גיט צו אז דאָס איז נור, אויב די פעלדער זענען דורך די הוצאות געוואָרן פאַרבעסערט לפחות אזוי פיל וויפיל די הוצאות האָבן באַטראָפן; אָבער אויב די פעלדער זיינען געוואָרן פרבעסערט ווינציקער, למשל, ער האָט אויס־געגעבן 100 גולדן, און די פעלדער זענען פאַרבעסערט געוואָרן דורך זיי נור מיט 50 גולדן, קומט דעם מאַן נור די פאַרבעסערונג, ניט מער ווי 50 גולדן.**

ו. שומרת יבם, אויב א יבמה (א פרוי וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן אָן קינ־דער, און זי וואַרט אז דעם מאַנ׳ס ברודער זאָל איר מייבם זיין, חתונה האָבן מיט איר, „שומרת יבם", זי וואַרט אויפ׳ן יבם), וועלכע האָט (אין דער צייט פון איר זיין א יבמה) באַקומען (א ירושה אָדער א מתנה) פאַרמעגנס, זענען די בית שמאי און די בית הלל (וועלכע זענען פריער אין משנה א׳ מחולק בנוגע א ווייב וואָס דער מאַן האָט זי נור מקדש געווען) מודה, אז זי קאָן זיי פאַרקויפן אָדער אוועקשענקן (צו אַן אַנדערן) און עס איז גוט (דער פאַרקויף און די מתנה זענען גוטע). אויב זי (די יבמה) איז גע־שטאָרבן, וואָס זאָל מען טאָן מיט איר כתובה און מיט די פאַרמעגנס וועלכע גייען אַריין מיט איר און גייען אַרויס מיט איר (וועלכע זי טראָגט אַריין דעם מאַן ווען זי האָט

והיוצאין עמה? בית שמאי אומרים יחלוקו יורשי הבעל עם יורשי האב. ובית הלל אומרים, נכסים בחזקתן, וכתובה בחזקת יורשי הבעל, נכסים הנכנסים והיוצאים עמה בחזקת יורשי האב:

ז. הניח אחיו מעות, ילקח בהן קרקע והוא אוכל פירות. פירות התלושין מן הקרקע, ילקח בהן קרקע והוא אוכל פירות. המחוברין בקרקע, אמר ר׳ מאיר, שמין אותן כמה הן יפין בפירות, וכמה הן יפין בלא פירות, והמותר ילקח בהן קרקע והוא אוכל פירות. וחכמים אומרים, המחוברים בקרקע, שלו, והתלושין מן הקרקע כל הקודם זכה בהן:

חתונה מיט אים און וועלכע זי נעמט צוריק צו ווען זי צעשיידט זיך מיט אים)? זאָגן דיבית שמאי, אז עס זאָלן זיך טיילן (מיט די דאָזיקע פארמעגנס) די יורשים פון איר מאן מיט די יורשים פון איר פאָטער (מיט אירע יורשים), און די בית הלל זאָגן, אז די פארמעגנס זענען אין זייער חזקה (אזוי ווי זיי זענען געווען), און די כתובה איז אין דער חזקה פון מאנ׳ס יורשים און די פארמעגנס וועלכע גייען־אריין און גייען ארויס מיט איר זענען אין דער חזקה פון מאנ׳ס יורשים. **די דאָזיקע משנה האָבן מיר געהאַט וואָרט־ביי־וואָרט אין מסכתא יבמות פרק ד׳ משנה ג׳ און דאָרט האָבן מיר געגעבן דעם אויספירלעכן פירוש וועגן „חזקה״ און וועגן „פארמעגנס וועלכע גייען אריין מיט איר און גייען ארויס מיט איר״, און בכלל מברר געווען דעם גאנצן ענין.**

ז. הניח, אויב (איינער איז געשטאָרבן אָן קינדער און ער האָט איבערגעלאָזט א ווייב, וועלכע האָט חתונה מיט זיין ברודער, דעם יבם, און ער, דער פארשטאָרבענער) ברודער האָט איבערגעלאָזט געלט, זאָל מען פאר דעם געלט קויפן פעלד, און ער (דער איצטיקער מאן, דער יבם) זאָל עסן די פרוכטן (פון דער געקויפטער ערד). **מען זאָל דערפאר קויפן ערד ווייל דאָס פארמעגן פון פארשטאָרבענעם ברודער איז פאראנט־וואָרטליך פאר דער כתובה פון דער אלמנה. די גמרא זאָגט, אז די דאָזיקע משנה האלט, אז אויך די מטלטלים, די באוועגליכע פארמעגנס** (ווי געלט) **זענען אויך פאר־אנטוואָרטליך פאר דער כתובה.** פירות התלושין, (אויב ער האָט איבערגעלאָזט) פרוכטן וועלכע זענען אָפּגעריסן פון דער ערד, זאָל מען קויפן פאר זיי ערד און ער (דער איצטי־קער מאן, דער יבם) זאָל עסן די פרוכטן (פון דער געקויפטער ערד). **אויך די דאָזיקע פרוכטן זענען פאראנטוואָרטליך פאר איר כתובה.** המחוברין, (אויב ער האָט איבער־געלאָזט פרוכטן וועלכע זענען) באהאָפטען צו דער ערד, זאָגט ר׳ מאיר, אז מען שאצט עס אָפּ וויפיל עס איז ווערט מיט די פרוכטן און וויפיל עס איז ווערט אָן די פרוכטן, און פאר דאָס איבריקע (דעם אונטערשיד) זאָל מען קויפן ערד און ער זאָל עסן די פרוכטן (פון דער געקויפטער ערד). **מחמת אלץ וואָס איז געוואקסן אין רשות פון פארשטאָרבענעם ברודער איז פאראנטוואָרטליך פאר איר כתובה.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז די פרוכטן וועלכע זענען באהאָפטן צו דער ערד געהערן צו אים (די גמרא זאָגט, אז עס דארף זיין ניט „שלו״, „צו אים״, נאָר „שלה״, „צו איר״, און מען דארף פאר זיי קויפן ערד און ער עסט דערפון נור די פרוכטן), און די פרוכטן וועלכע זענען אָפּגעריסן פון דער ערד, איז ווער עס פעדערט זיך (ווער עס נעמט זיי פריער) האָט זיי זוכה געווען: אויב ער (דער מאן, דער יבם) האָט זיי צוגענומען פריער, גע־הערן זיי צו אים, און אויב זי האָט זיי צוגענומען פריער זאָל מען קויפן פאר זיי ערד און ער זאָל עסן (פון דער געקויפטער ערד) די פרוכטן (און די ערד איז פאראנט־וואָרטליך פאר איר כתובה). **די גמרא זאָגט, אז די חכמים האלטן, אז „מטלטלין לא משעבדי לכתובה״, אז באוועגליכע זאכן זענען ניט פאראנטוואָרטליך פאר איר כתובה, סיידן, אז זי האָט זיי געכאפּט, זי האָט זיי צוגענומען** (תפסה), **און דאריבער אויב דער מאן האָט זיי געכאפּט זענען זיי זיינע** (אלס ירושה פון זיין ברודער), **און אויב זי האָט זיי געכאפּט, ווערן זיי יאָ פאראנטוואָרטליך פאר דער כתובה, און מען דארף פאר זיי קויפן ערד. די חכמים זענען אויך מחולק אויף דעם פריערדיקן דין אין דער משנה**

קדם הוא, זכה. קדמה היא, ילקח בהן קרקע והוא אוכל פירות. כנסה, הרי היא כאשתו לכל דבר, ובלבד שתהא כתובתה על נכסי בעלה הראשון:

ח. לא יאמר לה: „הרי כתובתיך מונחת על השלחן,״ אלא כל נכסיו אחראין לכתובה. (וכן לא יאמר אדם לאשתו „הרי כתובתיך מונחת על השלחן״ אלא כל נכסיו אחראין לכתובתה). גירשה, אין לה אלא כתובתה. החזירה, הרי היא ככל הנשים, ואין לה אלא כתובתה בלבד:

פרק ט.

א. הכותב לאשתו „דין ודברים אין לי בנכסיך״, הרי זה אוכל

ווען איבערגעלאָזט געלט, און זיי האלטן, אז אויך דאָ אויב דער מאן (דער יבם) האָט זיי געכאפט זענען זיי זיינע. כנסה, נאָכדעם ווי ער (דער יבם) האָט חתונה געהאט מיט איר (מיט דער אלמנה פון זיין ברודער וועלכער איז געשטאָרבן אָן קינדער), איז זי זיין ווייב בנוגע אלע זאכן. **אויב ער וויל זיך שיידן מיט איר איז גענוג אז ער גיט איר א גט, און ער דארף איר ניט געבן אויך חליצה. אויך מעג ער נאָכן גטן זיך מיט איר, ווידער צוריק חתונה האָבן מיט איר.** ובלבד, אָבער איר כתובה איז (פארזיכערט) מיט אלע פארמעגנס פון איר ערשטן מאן. **די פעלדער און אלע אנדערע אומבאוועגליכע גיטער (לויט די חכמים וואָס האלטן אז מטלטלין זענען ניט פאראנטוואָרטליך פאר דער כתובה) פון דעם פארשטאָרבענעם ערשטן מאן זענען פאראנטוואָרטליך פאר איר כתובה. די דאָזיקע משנה פון „כנסה״ ביז צום סוף האָבן מיר געהאט אין מסכתא יבמות פרק ד׳ משנה ד׳.**

ח. לא, (א יבם, וועלכער האָט חתונה מיט דעם ווייב פון זיין פארשטאָרבענעם ברודער, און נעמט איבער דעם ברודערס פארמעגנס) קאָן ניט זאָגן צו איר (צום ווייב): דאָ האָסטו דיין כתובה־געלט אויפן טיש״ (און ער לייגט אנידער דאָס געלט), נאָר אלע זיינע פארמעגנס (וואָס ער האָט געיערשנט פון ברודער) זענען פאראנטוואָרט־ליך פאר איר כתובה. **דאָס הייסט, ער טאָר ניט פארקויפן קיין זאך פון פארמעגנס. עס איז דאָ פאראן א גירסא וועלכע גיט צו אין דער משנה אויך די דאָזיקע ווערטער:** וכן, און אזוי זאָל קיין מענטש (ניט א יבם, נאָר יעדער מאן) ניט זאָגן צו זיין ווייב: „דאָ האָסטו דיין כתובה ליגן אויפן טיש״, נאָר אלע זיינע פארמעגנס זענען פאראנט־וואָרטליך פאר איר כתובה. **אָבער דאָ מיינט מען ניט, אז ער טאָרניט פארקויפן זיינע פארמעגנס, נאָר מען מיינט, אז ער זאָל ניט אוועקלייגן א סומע געלט אָדער א זאך צו באצאָלן דערמיט איר כתובה.** גירשה, אויב ער (דער יבם וואָס האָט חתונה געהאט מיט זיין ברודערס ווייב) האָט זיך געגט מיט איר, דארף ער איר נאָר געבן איר כתובה. **און דאמאָלס קאָן ער שוין פארקויפן דעם פארמעגן וואָס ער האָט גערשנט פון ברודער ווייל דאָס איז זיין ירושה.** החזירה, אויב נאָכן גטן זיך מיט איר (מיט דעם ווייב פון זיין פארשטאָרבענעם ברודער) האָט ער זי צוריקגענומען (צוריק חתונה געהאט מיט איר) איז זי אזוי ווי אלע אנדערע פרויען, און זי האָט ניט מער ווי איר כתובה אליין. **מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז אויב ער האָט מיט איר צוריק חתונה געהאט אײדער ער האָט איר געהאט באצאָלט די כתובה, קומט איר (אויב ער וויל איר ווידער גטן, אָדער ווען ער שטארבט) צוויי כתובות, איינע צוליב איר ערשטן מאן און איינע פון אים, פון דעם צווייטן מאן, לערנט די משנה אז עס קומט איר נור איין כתובה.**

פרק ט.

א. הכותב, אז איינער (וועלכער האָט מקדש געווען א פרוי און נאָכניט חתונה געהאט מיט איר) שרייבט צו זיין פרוי: „איך האָב ניט קיין שום זאך אין דיינע פאר־מעגנס״ (ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין רעכט אין אירע פארמעגנס נאָך דער חתונה), עסט ער די פרוכטן (פון די פארמעגנס), און אויב זי שטארבט ירשענט ער איר (די פאר־

פירות בחייה. ואם מתה, יורשה. אם כן למה כתב לה „דין ודברים אין לי בנכסיך״? שאם מכרה ונתנה קיים. כתב לה דין ודברים אין לי בנכסיך ובפירותיהן״, הרי זה אינו אוכל פירות בחייה, ואם מתה יורשה. ר׳ יהודה אומר, לעולם אוכל פירי פירות, עד שיכתוב לה „דין ודברים אין לי בנכסיך, ובפירותיהן, ובפירי פירותיהן עד עולם״. כתב לה „דין ודברים אין לי בנכסיך ובפירותיהן ובפרי פירותיהן בחייך ובמותיך״, אינו אוכל פירות בחייה. ואם מתה, אינה יורשה. ר׳ שמעון בן גמליאל אומר, אם מתה יירשנה, מפני שהתנה על מה שכתוב בתורה, וכל המתנה על מה שכתוב בתורה, תנאו בטל:

ב. מי שמת והניח אשה ובעל חוב ויורשין, והיה לו פקדון או מלוה

מעגנס); פאַרוואָס־זשע האָט ער געשריבן: „איך האָב ניט קיין שום זאַך (דין ודברים) אין דיינע פאַרמעגנס״? אז אויב זי וועט פאַרקויפן אָדער אוועקשענקן (די פאַרמעגנס צו אן אנדערן מענש) זאָל עס גוט זיין (דער פאַרקויף און די מתנה זאָלן זיין גילטיק). מיט „דין ודברים״ („רעכט און זאכן״) מיינט מען „רעכטס־טענות״, **די משנה לערנט, אז דער מאַן האָט זיך דערמיט נור אָפּגעזאָגט פון דעם רעכט אין אירע פאַרמעגנס זעלבסט, אין דעם קרן אזוי לאַנג ווי זי לעבט. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּ־געזאָגט פון די פּרוכטן פון די פאַרמעגנס אפילו ווען זי לעבט, און ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם רעכט צו ירשענען אירע פאַרמעגנס ווען זי וועט שטאַרבן.** כתב לה, אויב ער האָט איר געשריבן: איך האָב ניט קיין שום זאַך אין דיינע פאַרמעגנס און זייערע פּרוכטן״, עסט ער ניט די פּרוכטן (פון די פאַרמעגנס) ווען זי לעבט, אָבער ווען זי שטאַרבט ירשנט ער זי (אירע פאַרמעגנס). **ווייל מיט דעם וואָרט „ובפירותיהן״ (און אין זייערע פּרוכטן) האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויך פון די פּרוכטן ווען זי לעבט, אָבער ניט פון דעם רעכט צו ירשענען איר.** ר׳ יהודה זאָגט, אז ער עסט שטענדיק די פּרוכטן פון די פּרוכטן (מען קויפט פאַר די פּרוכטן ערד, און דער מאַן עסט די פּרוכטן פון דער ערד) ביז ער שרייבט איר: „איך האָב ניט קיין שום זאַך (דין ודברים) אין דיינע פאַרמעגנס און אין זייערע פּרוכטן און אין די פּרוכטן פון זייערע פּרוכטן ביז אָן א סוף (עד עולם)״. **אויב ער שרייבט איר אזוי עסט ער ניט די פּרוכטן און ניט די פּרוכטן פון די פּרוכטן און אזוי כסדר.** כתב לה, אויב ער האָט איר גע־שריבן: „איך האָב ניט קיין שום זאַך אין דיינע פאַרמעגנס און זייערע פּרוכטן און זייערע פּרוכטנס פּרוכטן ניט ביי דיין לעבן און ניט נאָך דיין טויט״, עסט ער ניט די פּרוכטן ווען זי לעבט, און ווען זי שטאַרבט ירשענט ער ניט (אירע פאַרמעגנס און זייערע פּרוכטן)״. **ווייל ער האָט דאָך בפירוש געשריבן „בחייך ובמותיך״, אז ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם אלעם סיי ביי איר לעבן און סיי נאָך איר טויט.** ר׳ שמעון בן גמליאל זאָגט, אז (אפילו ער האָט אזוי געשריבן) אויב זי שטאַרבט ירשענט ער (איר מאַן) איר (פאַרמעגנס), ווייל (מיט זיין אָפּזאָגן זיך) האָט ער אויסגענומען א תנאי קעגן דעם. וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה, און ווער עס נעמט־אויס א תנאי קעגן דעם וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה איז זיין תנאי בטל (ער האָט ניט קיין ווערט). **אין דער תורה במדבר כ״ז איז פאַראַן דער פסוק „וירש אותה״ און מען לערנט דערפון אָפּ, אז א מאַן ירשנט זיין פרויס פאַרמעגן און ווייל ווען דער מאַן שרייבט צו זיין פרוי, אז ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם רעכט צו ירשענען איר פאַרמעגנס נאָך איר טויט, טוט ער דאָך געגן דער תורה, האָט זיין אָפּזאָגן זיך ניט קיין ווערט. דער ברטנורא זאָגט, אז כאָטש מיר האַלטן, אז דאָס וואָס א מאַן ירשענט זיין פרוי איז ניט פון דער תורה נאָר מדרבנן, פונדעסטוועגן האַלטן מיר ווי ר׳ שמעון בן גמליאל, ווייל דאָס וואָס די חכמים האָבן זייער תקנה געמאַכט איז אזוי שטאַרק ווי די תורה.**

ב. מי שמת, אויב איינער איז געשטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזט א ווייב (און איר קומט די כתובה), און א בעל חוב (וועמען עס קומט פון דעם פאַרשטאָרבענעם

ביד אחרים, ר׳ טרפון אומר, ינתנו לכושל שבהן. ר׳ עקיבא אומר, אין מרחמין בדין, אלא ינתנו ליורשין, שכולן צריכין שבועה, ואין היורשין צריכין שבועה:

ג. הניח פירות תלושין מן הקרקע, כל הקודם זכה בהן. זכתה אשה יותר מכתובתה, ובעל חוב יותר על חובו, המותר, ר׳ טרפון אומר, ינתנו לכושל שבהן. ר׳ עקיבא אומר, אין מרחמין בדין, אלא ינתנו

מאַן געלט), און יורשים, און אים (דעם פאַרשטאָרבענעם מאַן) איז געקומען א פּקדון (ער האָט געהאַט באַהאַלטן געלט אָדער א זאַך) אָדער א מלוה (אָפּצונעמען א חוב געלט) ביי אַנדערע מענטשן — און די שאלה איז: ווּעמען זאָל מען צוּפּסקענען דעם פּקדון אָדער די מלוה, דאָס געלט צי די זאַכן וואָס ליגט ביי אַנדערע מענטשן; צי זאָל מען עס געבן זיין ווייב פאַר דער כתובה, צי דעם בעל חוב צי די יורשים ? ר׳ טרפון, זאָגט ר׳ טרפון מען זאָל עס געבן צו דעם שוואַכסטן פון זיי. „לכושל", פון וואָרט „כשל", שטרויכלונג, דער וועלכער איז אַממייסטן געפאַלן, דעם שוואַכסטן. די גמרא האָט דאַרויף צוויי טייטשן. איינער איז אַז מען זאָל עס געבן דעם וואָס זיין שטר (דער וועקסל פון בעל חוב צו די כתובה פון דער פרוי) איז אַמשפּעטסטן געשריבן געוואָרן, מחמת אים וועט זיין שווערער אָפּצונעמען וואָס עס קומט אים, אויב דער פאַרשטאָרבענער מאַן האָט פאַרקויפט פעלדער צו מענטשן איידער דער דאָזיקער וועקסל אָדער די כתובה איז געשריבן געוואָרן. אַן אַנדער טייטש איז, אַז מיט „כושל" דעם שוואַכסטן, מיינט מען „דאָס ווייב", ווייל פאַר א פרוי איז ניט דער שטייגער נאָכצוזוכן צי דער מאַן האָט ערגיץ פאַרמעגנס. און כאָטש דער דין איז, אַז פון מטלטלים, באַוועגליכע זאַכן (ווי געלט, חפצים, ניט פעלדער) וואָס בלייבט פאַר יתומים קאָן מען ניט אָפּנע־מען ניט קיין חוב און ניט קיין כתובה, האַלט אָבער ר׳ טרפון, אַז ווייל די מטלטלים זענען ניט אין די הענט פון די יורשים, נאָר גאָר ביי אַנדערע מענטשן (אַלס פּקדון צו אַלס חוב), קאָן מען יאָ אָפּנעמען פון זיי. ר׳ עקיבא זאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין רחמנות ביי א דין (מען קוקט ניט דאַרויף ווער עס איז שוואַך), נאָר מען זאָל עס געבן צו די יורשים, מחמת אַלע דאַרפן שווערן, און די יורשים דאַרפן ניט שווערן. דער דין איז אַז איינער קומט אָפּנעמען ביי יורשים (פון ירושה־פאַרמעגנס) א חוב וואָס אים קומט ביי זייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער, דאַרף ער שווערן א שבועה, אַז ער האָט דעם חוב נאָכניט אָפּגענומען. דאָס זעלביקע ווען א ווייב קומט אָפּנעמען איר כתובה נאָכן מאַנ׳ס טויט, דאַרף זי שווערן צי די יורשים, אַז זי האָט נאָכניט אָפּגענומען די כתובה אָדער א טייל פון איר. ר׳ עקיבא, האַלט, אַז ווייל זיי דאַרפן שווערן, הייסט עס אַז דערווייל האָבן די יורשים זוכה געווען דעם פּקדון און די מלוה, און דער בעל חוב און דאָס ווייב קאָן דערפון ניט אָפּנעמען, ווייל זיי זענען מטלטלים, ווי מיר האָבן פריער דערקלערט.

ג. הניח, אויב ער (דער פאַרשטאָרבענער מאַן) האָט איבערגעלאָזט פרוכטן וועלכע זענען אָפּגעריסן פון דער ערד (און עס זענען פאַראַן א בעל חוב, און א ווייב אָפּצונעמען די כתובה און יורשים), איז ווער עס האָט זיי פריער צוגענומען, האָט זיי זוכה געווען. די פרוכטן געהערן צו דעם וועלכער האָט זיי פריער פאַרכאַפּט; די משנה איז לויט ר׳ טרפון, וועלכער האַלט, אַז א בעל חוב און א ווייב קאָנען פאַרכאַפּן ירושה מטלטלים פאַר דעם חוב און דער כתובה, איידער די יורשים האָבן זוכה געווען, פאַר־נומען די מטלטלים (עס העלפט פאַרכאַפּן, תפיסה). זכתה, אויב די פרוי האָט פאַר־כאַפּט (פרוכטן) מער ווי איר כתובה באַטרעפט, אָדער דער בעל חוב האָט פאַר־כאַפּט (די פרוכטן) מער וויפיל זיין חוב באַטרעפט, (וואָס זאָל זיין) מיט דעם רעשט? אויב די פרוי האָט פאַרכאַפּט פרוכטן מער פון איר כתובה, וועמען זאָל זי אָפּגעבן דעם רעשט, דעם בעל חוב צי די יורשים? ר׳ טרפון, זאָגט ר׳ טרפון, אַז מען זאָל געבן דעם שוואַכסטן פון זיי. דער תוספות יום טוב טייטשט, אַז עס זענען פאַראַן צוויי בעלי חובות און א פרוי, און איינער פון די בעלי חובות אָדער די פרוי האָט פאַר־

ליורשים, שכולם צריכין שבועה, ואין היורשים צריכין שבועה:

ד. המושיב את אשתו חנונית, או שמינה אפוטרופא, הרי זה משביעה כל זמן שירצה. ר׳ אליעזר אומר, אפילו על פלכה ועל עיסתה:

ה. כתב לה „נדר ושבועה אין לי עליך״, אין יכול להשביעה, אבל משביע הוא את יורשיה ואת הבאים ברשותה. „נדר ושבועה אין לי עליך ועל יורשיך ועל הבאים ברשותיך״, אינו יכול להשביעה לא היא ולא יורשיה ולא את הבאים ברשותה, אבל יורשיו משביעין אותה ואת

כאפט, און מיט „שוואכסטן״ מיינט מען דאָ אָדער דעם וועמענס וועקסל איז אמ־שפּעטסטן, אָדער דער פרוי, ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ב׳. ר׳ עקיבא זאָגט, אז עס איז ניטאָ קיין רחמנות אין דין, נאָר מען זאָל עס געבן צו די יורשים, ווייל אלע (סיי די בעלי חובות און סיי די פרוי) דאַרפן שווערן, און די יורשים דאַרפן ניט שווערן. **די גמרא זאָגט, אז ר׳ עקיבא איז מחולק ניט דווקא אויף דעם „רעשט״ נאָר אויף די גאנצע פּרוכט, ווייל ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ב׳, האלט ר׳ עקיבא אז א חוב און א כתובה קאָן מען ניט אָפּנעמען פון ירושה־מטלטלים, אפילו ווען מען האָט זיי פאַרכאַפּט. — נאָך דער צייט פון דער גמרא האָבן די גאונים אין בבל מתקן געווען, אז מען קאָן יאָ אָפּנעמען א חוב און א כתובה פון ירושה־מטלטלים.**

ד. המושיב, אז איינער זעצט אוועק זיין פרוי אז זי זאָל זיין די פירערין פון זיין געוועלב (חנונית, די קויפערין און פאַרקויפערין פון דער סחורה), אָדער ער האָט איר געמאַכט פאַר דעם פאַרוואַלטער (אפוטרופא, פאַרוואַלטער פון זיינע געשעפטן), קאָן ער פאַרלאַנגען אז זי זאָל שווערן ווען ער וויל. **איר שבועה איז אז זי האָט ניט צוגענומען געלט אָדער זאַכן, און ער קאָן אויך ביי דער געלעגנהייט (דורך „גלגול״, ביי דער געלעגנהייט פון באַשווערן) איר אויך באַשווערן, אז זי נאַרט אים ניט אָפּ ביים קויפן וואָל און מעל פאַר איר הויז ארבייט און פאַר באַקן ברויט. אזוי סתם קאָן ער איר אויף די הויז־זאַכן ניט געבן קיין שבועה, נאָר ווייל ער גיט איר דאָ די שבועה צוליב די געשעפטן, קאָן ער איר באַשווערן אויף די הויז־זאַכן.** ר׳ אליעזר זאָגט, אז (ער קאָן פון איר פאַרלאַנגען א שבועה, באַלד לכתחילה) אויך אויף איר וואָל און אויף איר טייג (על פלכה ועל עיסתה)· **ער דאַרף ניט האָבן קיין געלעגנהייט, נאָר יעדער מאַן קאָן פאַרלאַנגען פון זיין ווייב א שבועה אז זי נאַרט אים ניט האָבן אין אירע הוצאות אין הויז. „פלך״ הייסט שפּינען, און ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ה׳ משנה ט׳ דאַרף די פרוי שפּינען וואָל־פעדים פאַר דעם מאַן.**

ה. כתב לה, אויב ער (דער מאַן) האָט אָפּגעשריבן צו איר (צו זיין ווייב): „איך וועל ניט פאַרלאַנגען פון דיר קיין נדר און קיין שבועה״ (אז זי וועט ניט דאַרפן טאָן קיין נדר אָדער קיין שבועה, אז זי האָט ניט צוגענומען זיינס), קאָן ער פון איר ניט פאַרלאַנגען קיין שבועה, אָבער ער קאָן פאַרלאַנגען א שבועה פון אירע יורשים און פון די וועלכע נעמען איבער אירע רעכט. **די משנה מיינט, אז אויב דער מאַן האָט געגט זיין פרוי און איר קומט די כתובה און זי האָט נאָך די כתובה ניט אָפּגענומען און זי איז געשטאָרבן און אירע יורשים, אָדער אזעלכע וועמען זי האָט געהאַט פאַרקויפט צי אוועקגעשאָנקען די כתובה, קומען מאָנען פון מאַן דאָס כתובה־געלט, קאָן ער פאַרלאַנגען פון זיי א שבועה, אז זי האָט זיי פאַרן טויט ניט געזאָגט, אז זי האָט שוין אָפּגענומען די כתובה אָדער אז זי האָט ניט איבערגעלאָזט א צעטל אז די כתובה איז שוין באַצאָלט.** נדר ושבועה, (אויב דער מאַן האָט אָפּגעשריבן צו זיין ווייב): „איך וועל ניט פאַרלאַנגען קיין נדר און קיין שבועה ניט פון דיר און ניט פון דיינע יורשים און ניט פון די וועלכע נעמען איבער דיינע רעכט״, קאָן ער ניט פאַרלאַנגען קיין שבועה ניט פון איר און ניט פון אירע יורשים און ניט פון די וועלכע נעמען־איבער אירע רעכט; אָבער זיינע יורשים (אויב דער מאַן איז געשטאָרבן, און דאָס ווייב אָדער אירע יורשים מאָנען פון דעם מאַנ׳ס יורשים די כתובה פון דעם ירושה־פאַרמעגן) קאָנען פאַרלאַנגען

יורשיה ואת הבאים ברשותה. „נדר ושבועה אין לי, ולא ליורשי ולא לבאים ברשותי, עליך ועל יורשיך ועל הבאים ברשותיך״, אינו יכול להשביעה, לא הוא ולא יורשיו ולא הבאים ברשותו. לא אותה ולא יורשיה ולא הבאין ברשותה:

ו. הלכה מקבר בעלה לבית אביה, או שחזרה לבית חמיה, ולא נעשית אפוטרופא, אין היורשין משביעין אותה. ואם נעשית אפוטרופא, היורשין משביעין אותה על העתיד לבא, ואין משביעין אותה על מה שעבר:

ז. הפוגמת כתובתה לא תפרע אלא בשבועה. עד אחד מעידה

א שבועה פון איר, אָדער פון אירע יורשים אָדער פון די וועלכע נעמען־איבער אירע רעכט. **מחמת זיין אָפשרייבן אז ער באפרייט זיי פון דער שבועה איז נור ווען זיי קומען אָפנעמען די כתובה פון אים אליין, ווען ער לעבט, אָבער ניט פון זיינע יורשים, נאָך זיין טויט.** נדר ושבועה, (אויב דער מאן האָט אָפגעשריבן צו זיין פרוי): „איך וועל ניט פארלאנגן קיין נדר און קיין שבועה, ניט איך און ניט מיינע יורשים און ניט די וועלכע נעמען איבער מיינע רעכט (אויב ער וועט פארקויפן פעלדער און זי וועט קומען אָפנעמען איר כתובה פון די קויפערס), ניט פון דיר און ניט פון דיינע יורשים און ניט פון די וועלכע נעמען־איבער דיינע רעכט״, קאָנען ניט פארלאנגן די שבועה ניט ער און ניט זיינע יורשים און ניט די וועלכע נעמען איבער זיינע רעכט, ניט פון איר און ניט פון אירע יורשים און ניט פון די וועלכע נעמען־איבער אירע רעכט. **מחמת דערמיט האָט ער באפרייט פון דער שבועה איר און אירע יורשים און אלע וועלכע קומען אין איר נאָמען, און ער האָט זיי באפרייט ניט נאָר פון זיך אליין נאָר אויך פון זיינע יורשים און פון אלע וועלכע קומען אין זיין נאָמען.**

ו. הלכה, אויב זי (די פרוי וועמען דער מאן האָט באפרייט פון דער שבועה) איז (נאָכן מאנ׳ס טויט) געגאנגען פון דער קבורה פון מאן גלייך אוועק אין הויז פון איר פאָטער (און איז ניט געגאנגען צוריק אין מאנ׳ס הויז), אָדער זי איז צוריק געגאנגען אין הויז פון אירע שוויגער־עלטערן (אין מאנ׳ס הויז) אָבער זי איז ניט געוואָרן די פאר־וואלטערין (פון הויז און פון די ירושה־פארמעגנס), קאָנען די יורשים ניט פארלאנגן פון איר קיין שבועה. **ווען די פרוי מאָנט פון זיי די כתובה, קאָנען זיי ניט פארלאנגן פון איר שבועה, אז זי האָט גאָרניט צוגענומען פון די פארמעגנס; מחמת פון דער צייט ווען דער מאן האָט געלעבט איז זי דאָך באפרייט געוואָרן פון דער שבועה, און פון נאָך זיין טויט אָדער זי איז אינגאנצן ניט געקומען אין הויז, אָדער זי האָט ניט פארוואלטעט, ניט אָנגעפירט מיטן פארמעגן און זי האָט גאָרניט געקאָנט נעמען.** ואם, אָבער אויב זי איז יאָ (נאָך דער קבורה פון מאן) געוואָרן די פארוואלטערין (פון דעם ירושה־פארמעגן) קאָן די יורשים פון איר פארלאנגן א שבועה אויף דעם וואָס איז פאָרגעקומען דערנאָך (נאָך איר ווערן פארוואלטערין), אָבער ניט וואָס איז געווען פריער (איידער זי איז געוואָרן פארוואלטערין). **ווייל דער מאן האָט איר באפרייט פון דער שבועה נאָר צי זי האָט ניט גענומען פון פארמעגן ווען ער האָט געלעבט, אָבער ניט צי זי האָט ניט גענומען פון ירושה־פארמעגן שוין נאָכדעם ווי ער איז גע־שטאָרבן און זי איז געוואָרן די פארוואלטערין.**

ז. הפוגמת, אז א פרוי האָט געהאַט אָפגענומען א טייל געלט פון דער כתובה (הפוגמת, זי האָט געמאכט א „פגם״ אין דער כתובה, עס פעלט שוין איר, זי האָט שוין אָפגענומען א טייל), קאָן זי ניט אָפנעמען (דעם רעשט כתובה) סיידן מיט א שבועה. **ווען דער מאן האָט זי געגט און זי קומט אָפנעמען דעם רעשט כתובה, קאָן דער מאן פארלאנגן פון איר, אז זי זאָל שווערן אז ער האָט איר נאָכניט באצאָלט אויך דעם רעשט. דער טעם איז, ווייל ווען איינער נעמט אָפ ביי א צווייטן געדענקט ער ניט גענוי צי ער האָט באקומען אינגאנצן צי נור א טייל; דאריבער הייסט מען איר שווערן, ווער**

שהיא פרועה, לא תפרע אלא בשבועה. מנכסי יתומים, ומנכסים משו־עבדין, ושלא בפניו, לא תפרע אלא בשבועה:

ח. הפוגמת כתובתה, כיצד היתה כתובתה אלף זוז, ואמר לה „התקבלת כתובתיך״, והיא אומרת „לא התקבלתי אלא מנה״, לא תפרע אלא בשבועה. עד אחד מעידה שהיא פרועה, כיצד? היתה כתו־בתה אלף זוז, ואמר לה, „התקבלת כתובתיך״, והיא אומרת, „לא הת־קבלתי״, ועד אחד מעידה שהיא פרועה, לא תפרע אלא בשבועה. מנכ־סים משועבדים, כיצד? מכר נכסיו לאחרים, והיא נפרעת מן הלקוחות, לא תפרע אלא בשבועה. מנכסי יתומים, כיצד? מת והניח נכסיו ליתו־

זי זיך באמיען צו דערמאָנען צי זי האָט ניט באקומען אינגאנצן. עד אחד, אז איין עדות זאָגט עדות אז זי (האָט באקומען) באצאָלט (די כתובה, און זי טענהט אז ניט), קאָן זי ניט אָפנעמען (די כתובה) סיידן מיט א שבועה· **זי דאַרף שווערן, אז זי האָט ניט אָפּ־געגנומען.** מנכסי, (אויב דער מאן איז געשטאָרבן און דאָס ווייב וויל אָפנעמען איר כתובה) פון פארמעגן פון די יתומים (וואָס זייער פאָטער, איר מאן, האָט זיי איבער־געלאָזט ירושה), אָדער פון פארקויפטע פעלדער (נכסים משועבדים, פעלדער וואָס דער מאן האָט פארקויפט נאָך איר חתונה, און זי וויל אָפנעמען איר כתובה פון די קויפערס), און ווען ער איז ניטאָ דאביי (דער מאן איז אוועק), קאָן זי נעמען נאָר מיט א שבועה. **זי מוז שווערן צי די יורשים אָדער צי די פעלדער־קויפערס, אז זי האָט נאָכניט באקומען באצאָלט איר כתובה. — די אלע פינף פאלן דאָ אין דער משנה („הפוגמת״, און „איין עדות״, און יורשים־יתומים, און פארקויפטע פעלדער, און דער מאן איז ניטאָ דאביי) אז זי דאַרף שווערן, זענען א תקנה פון די חכמים. מיט „דער מאן איז ניטאָ דאביי״ (שלא בפניו) מיינט מען אז דער מאן האָט איר געג׳גט, און ער איז אוועקגעפאָרן און איבערגעלאָזט פארמעגן, און זי וויל אָפנעמען דערפון איר כתובה, דאַרף זי שווערן אז זי האָט נאָכניט אפגענומען. די משנה וועט באלד דער־קלערן בפרטות די אלע פאלן פון „הפוגמת״, און „איין עדות״, און יורשים־יתומים, און „פארקויפטע פעלדער״, און דער מאן איז ניטאָ דאביי.**

ח. הפוגמת, וואָס מיינט מען „זי האָט א פגם אין דער כתובה״? אויב איר כתובה איז געווען טויזנט גולדן (זוז) און ער דער מאן זאָגט צו איר (נאָכדעם ווי ער האָט איר געגט): „דו האָסט שוין אָפגענומען דיין כתובה (די גאנצע טויזנט גולדן)״, און זי זאָגט: „איך האָב נאָר אָפגענומען הונדערט גולדן״, קאָן זי ניט אפנעמען (דעם רעשט ניין הונדערט גולדן) סיידן מיט א שבועה· **דעם טעם דערפון האָבן מיר געגעבן אין דער פריערדיקער משנה ז׳.** עד אחד, וואָס מיינט מען אז איין עדות זאָגט עדות? אז איר כתובה איז געווען טויזנט גולדן און ער (נאָכן גטן זיך מיט איר) זאָגט צו איר: דו האָסט שוין אָפגענומען דיין כתובה (די טויזנט גולדן)״ און זי זאָגט: „איך האָב ניט אָפגענומען״, און איין עדות זאָגט עדות, אז זי האָט באקומען באצאָלט (די כתובה), קאָן זי ניט אָפנעמען (די טויזנט גולדן) סיידן מיט א שבועה. **אין דיביידע פאלן, סיי פון „פוגמת״ און סיי פון איין עדות, זאָגט דער מאן אז ער האָט איר שוין באצאָלט.** מנכסים משועבדים, וואָס מיינט מען מיט „פון פארקויפטע פעלדער״? אויב ער (דער מאן האָט פארקויפט (נאָך דער חתונה מיט איר) זיינע פעלדער צו אנדערע מענטשן, און (ער האָט זיך געגט מיט איר) און זי קומט אָפנעמען (איר כתובה) פון די (פעלדער־) קויפערס, קאָן זי ניט אָפנעמען ביי זיי נאָר מיט א שבועה. **דאָ דאַרפן ניט דער מאן און די פעלדער־קויפער טענהן, אז זי האָט שוין באקומען, אפילו ווען זיי טענהן ניט. מיט „נכסים משועבדים״ מיינט מען ניט דוקא פעלדער („נכסים״ איז דער טייטש פאר־מעגנס) נאָר אלע אומבאוועגליכע גיטער, ווי הייזער וכדומה, דאָס וואָרט „משועבד״ איז דער טייטש „אונטערטעניק״, און מען מיינט דערמיט, אז די פארמעגנס זיינען פאר־אנטוואָרטליך פאר דער כתובה.** מנכסי יתומים, וואָס מיינט מען „פון די פארמעגנס פון

מים, והיא נפרעת מן היתומים, לא תפרע אלא בשבועה. ושלא בפניו, כיצד? הלך לו למדינת הים, והיא נפרעת שלא בפניו, אינה נפרעת אלא בשבועה. ר׳ שמעון אומר, כל זמן שהיא תובעת כתובתה, היורשין משביעין אותה, ואם אינה תובעת כתובתה, אין היורשין משביעין אותה.

ט. הוציאה גט ואין עמה כתובה, גובה כתובתה. כתובה ואין עמה גט, היא אומרת „אבד גטי״, והוא אומר „אבד שוברי״, וכן בעל חוב שהוציא שטר חוב ואין עמו פרוזבול, הרי אלו לא יפרעו. רבן שמעון בן גמליאל אומר מן הסכנה ואילך אשה גובה כתובתה שלא בגט ובעל חוב גובה שלא בפרוזבול. שני גיטין

יתומים״? אויב ער (דער מאן) איז געשטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזט זיינע פארמעגנס צו יתומים, און זי (זיין ווייב, די אלמנה) נעמט אָפּ (איר כתובה) פון די יתומים, זאָל זי ניט אָפּנעמען סיידן מיט א שבועה. **אויך דאָ דארפן די יתומים ניט טענהן אז זי האָט שוין אָפּגענומען.** ושלא בפניו, און וואָס מיינט מען „ווען דער מאן איז ניטאָ דאביי (שלא בפניו, אין זיין אָפּוועזנהייט)? אויב ער (דער מאן) איז אוועקגעגאנגען אין א וויטן לאנד (למדינת הים, אין א מדינה אין יענער זייט ים, אין א וויטער מדינה), און זי (זיין ווייב, נאָכדעם ווי ער האָט איר געגט) וויל אָפּנעמען (די כתובה פון פארמעגנס וואָס ער האָט איבערגעלאָזט) ווען ער איז ניטאָ דאביי, זאָל זי ניט אָפּנעמען סיידן מיט א שבועה. **אויך דאָ דארף זי שווערן, כאָטש קיינער טענהט ניט אז זי האָט שוין אָפּגענומען.** — ר׳ שמעון זאָגט, אז נאָר ווען זי (דאָס ווייב) מאָנט די כתובה, קאָנען די יורשים פארלאנגען פון איר א שבועה, אָבער כל זמן זי מאָנט ניט איר כתובה, קאָנען די יורשים ניט פארלאנגען פון איר קיין שבועה. **ר׳ שמעונ׳ס ווערטער גייען ארויף אויף פריער משנה ד׳ און משנה ה׳ איז אז אויב דאָס ווייב איז געווען די פארוואלטערין פון מאנ׳ס געשעפטן קאָנען דעם מאנ׳ס יורשים נאָך זיין טויט פארלאנגען פון איר, אז זאָל שווערן אז זי האָט גאָרניט גענומען פון פארמעגן; זאָגט ר׳ שמעון אז דאָס איז נור ווען זי פארלאנגט איר כתובה.**

ט. הוציאה, אויב זי (א פרוי) ברענגט (פאר דעם בית דין) איר גט, אָבער זי האָט ניט די כתובה (די געשריבענע, און זי מאָנט פון מאן דאָס כתובה געלט), נעמט זי אָפּ דאָס כתובה (־געלט). **די גמרא זאָגט, אז מען מיינט אין אזא אָרט, וואו מען שרייבט ניט קיין כתובה, אָבער אפילו אָן א געשריבענער כתובה, קומט איר צו באַצאָלן, ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ד׳ משנה ז׳. זי נעמט אָבער נאָר אָפּ די 200 גולדן (אויב זי איז געווען א בתולה צו דער חתונה) אָדער 100 גולדן (אויב זי איז געווען ניט קיין בתולה); אָבער די תוספת כתובה (זע פריער פרק ה׳ משנה א׳) נעמט זי ניט אָפּ אָן דער געשריבענער כתובה.** כתובה ואין עמה גט, (אויב זי ווייזט ביים בית דין די) געשריבענע כתובה אָבער זי האָט ניט דעם גט, זי טענהט: „איך האָב פארלוירן מיין גט״ (און מיין מאן האָט מיך גע׳גט און מיר קומט די כתובה), און ער (דער מאן) טענה׳ט: „(עס איז אמת אז איך האָב איר גע׳גט, אָדער איך האָב איר באצאָלט די כתובה און האָב גענומען פון איר דעם צעטל, א שובר, נאָר) איך האָב פארלוירן מיין שובר״, און אזוי איז אויך, ווען א בעל חוב ווייזט (ביים בית דין) זיין וועקסל (דעם שטר־חוב) און ער האָט ניט מיט אים א פרוזבול (עס איז נאָך שמיטה־יאָר ווען חובות ווערן פארפאלן און מען טאָר זיי ניט מאָנען אויב מען האָט ניט געמאכט א געשריבענעם פרוזבול, אז מען האָט איבערגעגעבן די חובות צו בית־דין אויפצומאָנען זיי) זאָלן זיי ניט אָפּנעמען. **ניט די פרוי נעמט אָפּ איר כתובה, מחמת דער מאן טענהט, אז זי האָט שוין אָפּגענומען, און ניט דער בעל חוב נעמט אָפּ זיין חוב, ווייל עס קאָן דאָך זיין אז ער האָט ניט געהאט קיין פרוזבול, און עס איז אריבער דאָס שמיטה־יאָר און דער חוב איז פארפאלן. דאָס וואָרט „שובר״ איז פון „שבר״, צעברעכן, און דאָס איז א קבלה־צעטל, וואָס דער געלט־באצאָלער נעמט צו ווייזן אז ער**

ושתי כתובות, גובה שתי כתובות. שתי כתובות וגט אחד, או כתובה ושני גיטין, או כתובה וגט ומיתה, אינה גובה אלא כתובה אחת, שהמגרש את אשתו והחזירה, על מנת כתובה הראשונה מחזירה. קטן שהשיאו אביו, כתובתה קיימת, שעל מנת כן קיימה. גר שנתגייר ואשתו עמו, כתובתה קיימת, שעל מנת כן קיימה:

פרק י.

א. מי שהיה נשוי שתי נשים ומת, הראשונה קודמת לשניה, ויורשי

האָט שוין „צעבראָכן", באצאָלט. וועגן פרוזבול זע מסכתא שביעית פרק י׳ משנה ג׳. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז פון דער סכנהצייט אָן און ווייטער, קאָן א פרוי אָפנעמען איר כתובה אָן א גט (ניט ווייזנדיק ביים בית דין דעם גט), און א בעל חוב קאָן אָפנעמען זיין חוב אָן א פרוזבול. מיט „סכנה", **מיינט דאָ די משנה די צייט, ווען די רוימישע רעגירונג האָט אין ארץ ישראל גוזר געווען אויף יידן ניט מקיים צו זיין די מצוות, און צווישן זיי מען זאָל ניט גטן מיט א גט און ניט מאכן קיין פרוזבול. דאריבער ווען א פרוי האָט באקומען א גט אָדער א בעל חוב האָט געמאכט א פרוזבול האָבן זיי דאָס באלד פארברענט.** שני גטין, אויב א פרוי ווייזט ביים בית דין צוויי גט׳ן און צוויי (געשריבענע) כתובות (פון דעמזעלביקן מאן) נעמט זי אָפּ צוויי מאָל כתובה־געלט. **ווייל דאָס באווייזט אז דער מאן האָט מיט איר חתונה געהאט צוויי מאָל און צוויי מאָל איר געגטט, און ער האָט ביים צווייטן מאָל חתונה האָבן געגעבן איר א נייע כתובה.** שתי כתובות, (אויב די פרוי ווייזט) צוויי (געשריבענע כתובות) און איין גט, אָדער איין כתובה און א גט און א (באווייז פון מאנ׳ס) טויט קומט איר ניט מער ווי איין כתובה, ווייל אז איינער גיט זיין פרוי און האָט מיט איר צוריק חתונה, האָט ער מיט איר צוריק חתונה געהאט אויף דעם תנאי פון דער ערשטער כתובה. **דאָס הייסט, אז ער זאָל איר ניט דארפן געבן א נייע כתובה, נאָר די אלטע כתובה זאָל בלייבן. דאריבער אויב זי ווייזט צוויי גט׳ן מיט איין כתובה, אָדער א גט און א באווייז אז איר מאן איז געשטאָרבן און איין כתובה, נעמט מען טאקע אָן, אז ער האָט מיט איר צוויי מאָל חתונה געהאט, אָבער די כתובה איז נאָר איינע. ווידער בנוגע צוויי כתובות און איין גט, מיינט מען (אזוי זאָגט די גמרא) אז אין איין כתובה האָט ער עפּיס צוגעגעבן, און עס איז דאריבער ניט מער ווי איין כתובה.** קטן, א קליין יינגל וועמען דער פאָטער האָט חתונה געמאכט (און דערנאָך ווען ער איז געוואָרן גרויס און ער קאָן חרטה האָבן אויף דער חתונה, האָט ער ניט חרטה געהאט, נאָר ער איז געבליבן מיט׳ן ווייב), בלייבט איר כתובה (וואָס זי האָט באקומען ביי דער חתונה) גוט ווייל אויף דעם תנאי איז ער געבליבן מיט איר. **מען נעמט אָן אז ווען דער מאן איז געוואָרן גרויס האָט ער מסכים געווען אויף דער כתובה.** גר, אז א גר (א גוי) האָט זיך מגייר געווען און זיין פרוי (האָט זיך מגייר געווען) צוזאמען מיט אים (און האָט פון אים א כתובה נאָך פון דער צייט ווען זיי האָבן חתונה געהאט בעת זיי זענען בײדע געווען גויים), איז איר כתובה גוט, ווייל אויף דעם תנאי איז ער געבליבן מיט איר (אלס זיין ווייב). **מען נעמט אָן, אז אויך נאָכן מגייר זיין זיך, האָט ער מסכים געווען אויף דער פריערדיקער כתובה.**

פרק י.

א. מי שהיה, אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט צוויי ווייבער (מיט לאה און מיט רחל, צוערשט האָט ער גענומען לאהן און דערנאָך רחלן) און ער איז געשטאָרבן (און ער האָט איבערגעלאָזט פארמעגן, וואָס איז ניט גענוג צו באצאָלן פאר בײדע כתובות) איז די ערשטע (לאה) פריער (אָפּצונעמען איר כתובה) פאר דער צווייטער (פאר רחלן). **צוערשט נעמט אָפּ לאה איר כתובה, און דערנאָך וויפיל עס בלייבט פון פארמעגן נעמט אָפּ רחל.** ויורשי, און (אויב נאָכדעם ווי דער מאן איז געשטאָרבן זענען געשטאָרבן אויך לאה און רחל איידער זיי האָבן אפגענומען זייערע כתובות) זענען די יורשים פון דער ערשטער (פון לאהן). פריער (אָפּצונעמען לאה׳ס כתובה פון איבער־

הראשונה קודמין ליורשי שניה. נשא את הראשונה ומתה, נשא שניה ומת הוא, שניה ויורשיה קודמין ליורשי הראשונה:

ב. מי שהיה נשוי שתי נשים ומתו, ואחר כך מת הוא, ויתומים מבקשים כתובת אמן, ואין שם אלא שתי כתובות, חולקין בשוה. היה שם מותר דינר, אלו נוטלין כתובת אמן, ואלו נוטלין כתובת אמן. אם

געבליבענעם פארמעגן) פאר די יורשים פון דער צווייטער (פון רחלן)· צוערשט נעמען **אָפּ לאה׳ס יורשים און וויפיל עס בלייבט נעמען אָפּ רחל׳ס יורשים. נשא**, אויב ער (דער מאַן)האָט חתונה געהאט מיט דער ערשטער (מיט לאהן) און זי איז געשטאָרבן, און דערנאָך האָט ער חתונה געהאט מיט דער צווייטער (מיט רחלן) און דערנאָך איז ער (דער מאַן) געשטאָרבן, איז די צווייטע (רחל) אָדער אירע יורשים (אויב רחל איז געשטאָרבן נאָכן טויט פון איר מאַן) פריער (אָפּצונעמען רחל׳ס כתובה) פאר די יור־שים פון דער ערשטער (פון לאהן). **מחמת צוליב דעם וואָס לאה איז געשטאָרבן איידער איר מאַן איז געשטאָרבן, נעמען אירע יורשים איר כתובה נאָכן פאַטערס טויט ניט ווייל עס קומט זיי א חוב, נאָר עס איז א ירושה; דאָס איז די „כתובת בנין דכרין״, וועגן וועלכער מיר האָבן געלערנט פריער פרק ד׳ משנה י׳, אז נאָכן פאַטערס טויט ירשענען דעם ווייב׳ס קינדער איר כתובה, וויפיל זי האָט באטראָפן, און אין דער גע־שריבענער כתובת בנין דכרין (דאָרט אין פרק ד׳ משנה י׳) ווערט בפירוש געזאָגט דאָס אראַמעאישע וואָרט „ירתון״, „זיי ירשענען״. אָבער רחל קומט דאָך איר כתובה אלס א חוב, ווארום זי האָט דאָך געלעבט נאָכן מאַנ׳ס טויט, און אפילו ווען זי שטארבט דערנאָך דארפן רחל׳ס יורשים באקומען רחל׳ס כתובה אויך אלס חוב. און דער דין איז, אז איינער שטארבט און לאָזט איבער א פארמעגן און יורשים און ער איז שולדיק איי־נעם געלט, דארף מען פריער באצאָלן פון פארמעגן דעם חוב, און וויפיל עס בלייבט פון פארמעגן נעמען די יורשים. דעריבער איז דאָ רחל און אירע יורשים אָפּצונעמען פריער פאר לאה׳ס יורשים.**

ב. מי שהיה, אז איינער האָט חתונה געהאט מיט צוויי ווייבער און זיי (די ווייבער) זענען געשטאָרבן (און יעדע האָט איבערגעלאָזט זין) און דערנאָך איז ער געשטאָרבן, און די יתומים ווילן די כתובה פון זייער מוטער. (די יתומים פון יעדן ווייב ווילן די כתובה פון זייער מוטער), און עס איז דאָרט (אין דעם פארמעגן וואָס דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט) פאראַן ניט מער ווי די צוויי כתובות (באטרעפן), צעטיילען זיי זיך גלייך; אויב אָבער עס איז דאָרט (אין פארמעגן) געווען מער איין דינר (איין גולדן, מער פון די ביידע כתובות), נעמען די (יתומים פון איין ווייב) די כתובה פון זייער מוטער, און די (יתומים פון דעם אנדערן ווייב) נעמען די כתובה פון זייער מוטער. **דאָ לערנט אונז די משנה דעם יסוד־דין פון כתובת בנין דכרין, און כדי מען זאָל פארשטיין די גאנצע זאַך וועלן מיר עס דערקלערן בפרטות. אז איינער האָט חתונה מיט א ווייב און ער פארשרייבט איר א כתובה ניט דוקא 200 גולדן, נאָר אויך מער, לאָמיר זאָגן טויזנט גולדן, איז דאָס אלץ כתובה־געלט, און דאָס איז אָ חוב, וואָס דער מאַן איז שולדיג דעם ווייב, און ער דארף איר צאָלן דעם חוב ווען ער גט איר, אָדער זי נעמט אָפּ דעם חוב פון זיין ירושה־פארמעגן אויב דער מאַן שטארבט. ווי איז אָבער אז דאָס ווייב שטארבט ווען דער מאַן לעבט נאָך, קאָנען ניט אירע קינדער, לויט דעם דין פון דער תורה, מאָנען ביים פאָטער די כתובה פון זייערע מוטער. אָבער די חכמים האָבן מתקן געווען, אז איינער האָט צוויי ווייבער, לאה און רחל, און די כתובה פון לאה איז לאָמיר זאָגן 1000 גולדן, און די כתובה פון רחל נאָר 500 גולדן, און די ביידע ווייבער זענען געשטאָרבן ווען דער מאַן האָט נאָך געלעבט, און דערנאָך איז דער מאַן געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט לאָמיר זאָגן 1600 גולדן, און ער האָט איבערגעלאָזט א זון פון לאהן און א זון פון רחלן, ירשנט לאה׳ס זון זיין מוטערס כתובה, די 1000 גולדן, און רחל׳ס זון ירשנט זיין מוטערס**

אָמרו יתומים, „אנחנו מעלין על נכסי אבינו יתר דינר", כדי שיטלו כתובת אמן, אין שומעין להן, אלא שמין את הנכסים בבית דין:
ג. היו שם נכסים בראוי, אינן כבמוחזק. ר' שמעון אומר, אפילו יש שם נכסים שאין להם אחריות, אינו כלום, עד שיהיו שם נכסים שיש להן אחריות, יותר על שתי הכתובות דינר:

כתובה, די 500 גילדן. דאָס הייסט „כתובת בנין דכרין", וועגן וועלכער מיר האָבן געלערנט פריער פרק ד' משנה י'. און אזוי ווי פון די 1600 גולדן בלייבט דאָך 100 גולדן, צעטיילן זיך די צוויי זין גלייך מיט די 100 גולדן, צו 50 גולדן יעדער, האָט לאה'ס זון 1050 גולדן און רחל'ס זון האָט 550 גולדן. לערנט דאָ די משנה ווי איז אז דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט נור 1500 גולדן, וויפיל די צוויי כתובות (1000 און 500 גילדן) באַטרעפן, קאָנען זיי ניט נעמען יעדער די כתובה פון זיין מוטער, נאָר זיי טיילן זיך גלייך, לאה'ס זון נעמט 750 גולדן, און רחל'ס זון 750 גולדן, פארוואָס? ווייל די חכמים האָבן ניט געוואָלט מבטל מאכן די מצוה פון ירושה וואָס איז לויט דער תורה, און דאריבער אויב עס בלייבט ניט קיין געלט א חוץ די צוויי כתובות, וועלן זיי דאָך ניט האָבן קיין ירושה צו צעטיילן זיך, ווערט דאריבער בטל די „כתובת בנין דכרין", און זיי צעטיילן זיך גלייך. די משנה זאָגט, אז אפילו עס בלייבט איבער ניט מער ווי איין דינר (איין גולדן) א חוץ די צוויי כתובות, נעמט שוין יעדער זיין מוטערס כתובה, און זיי טיילן זיך מיט דעם איינעם גולדן אלס ירושה. אם אמרו, אויב די יתומים (די זין פון לאה) זאָגן (ווען דאָס פארמעגן פון פאָטער באַטרעפט נור וויפיל דיביידע כתובות, לאָמיר זאָגן 1500 גולדן): „מיר נעמען־אָן (מעלין, מיר שאַצן אָפּ העכער) אונזער פאָטערס פארמעגן מיט א דינר (גילדן) מער", כדי זיי זאָלן נעמען זייער מוטערס כתובה. (די 1000 גילדן) — הערט מען זיי ניט, נאָר מען שאַצט אָפּ דאָס פארמעגן אין בית דין. מען מיינט דאָ אז אפילו לאה'ס זין טענהן, אז זיי וועלן אָנ־נעמען א חפץ פון פאָטערס פארמעגן און זיי וועלן עס רעכנען מיט א גולדן מער וויפיל עס איז ווערט, כדי עס זאָל אזוי ארום בלייבן א גולדן צו צעטיילן זיך ירושה, פאָלגט מען זיי ניט.

ג. היו, אויב דאָרט (אין דער ירושה וואָס דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט) זענען געווען פארמעגנס וואָס מען דאַרף אָפּנעמען (בראוי), זענען זיי ניט ווי פארמעגנס וואָס איז פאראן (במוחזק). „ראוי", „וואָס דאַרף זיין" מיינט מען, למשל, ווען דעם פאָטער קומט ביי איינעם געלט, א חוב, און מען דאַרף דעם חוב אָפּנעמען. „מוחזק", „וואָס מען האַלט", מיינט, פארמעגן, וואָס איז שוין פאראן, און מען דאַרף עס ניט ערשט אָפּנעמען. זאָגט די משנה, אז אויב דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט 1500 גולדן, וויפיל די צוויי כתובות באַטרעפן, אָבער נאָך איין גולדן קומט אים אפצונעמען א חוב, רעכנט מען דעם גולדן ניט צו, און עס הייסט אז עס איז פאראן נור 1500 גולדן, נאָר די צוויי כתובות, און מען טיילט זיך גלייך, אזוי ווי מיר האָבן געלערנט אין דער פרי־ערדיקער משנה. ר' שמעון זאָגט, אז אפילו עס זענען פאראן (אין דער ירושה) פאר־מעגנס וואָס טראָגן ניט פאראנטוואָרטליכקייט („נכסים שאין להם אחריות, מטלטלין, ניט קיין פעלדער און הייזער) זענען זיי גאָרניט (רעכנט מען זיי ניט צו), נאָר עס מוזן דאָרט זיין פארמעגנס וואָס טראָגן פאראנטוואָרטליכקייט (פעלדער, הייזער) מיט איין גולדן מער וויפיל די צוויי כתובות באַטרעפן. אויב למשל עס זענען פאראן אין דער ירושה פאר 1500 גולדן פעלדער, און עס איז אויך נאָך פאראן פאר איין גולדן א זאך, א שטיקל זילבער, איז עס גאָרניט, און זיי טיילן זיך גלייך; ס'מוז זיין פעלדער אָדער הייזער מיט איין גולדן מער וויפיל די צוויי כתובות באַטרעפן. מטלטלין, באַ־וועגליכע זאכן, ניט קיין פעלדער און הייזער, הייסן „פארמעגנס אָן פאראנטוואָרטליכ־קייט", ווייל מען קאָן ניט פארזיכערן אויף זיי א חוב צו א כתובה, און ווען דער מאן פארקויפט זיי, קאָן די פרוי ניט אָפּנעמען פון די קויפערס. דאַקייגן פעלדער און היי־זער הייסן „פארמעגנס מיט פאראנטוואָרטליכקייט", ווייל אויב דער מאן פארקויפט

ד. מי שהיה נשוי שלש נשים ומת, כתובתה של זו מנה, ושל זו מאתים, ושל זו שלש מאות, ואין שם אלא מנה, חולקות בשוה. היו שם מאתים, של מנה נוטלת חמשים, של מאתים ושל שלש מאות שלשה שלשה של זהב. היו שם שלש מאות, של מנה נוטלת חמשים, ושל מאתים מנה, ושל שלש מאות ששה של זהב. וכן שלשה שהטילו לכיס, פיחתו או הותירו, כך הן חולקין:

זיי קאָן די פרוי אָפּנעמען זיי פון די קויפערס פאר איר כתובה.

ד. מי שהיה, אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט דריי ווייבער (מיט לאה, רחל און שרה, מיט אלע אין איין טאָג, מיט אלע גליין) און ער איז געשטאָרבן, און די כתובה פון דער (פון לאה) איז הונדערט גולדן, און די (כתובה) פון דער (פון רחל) איז צוויי הונדערט גילדן, און די (כתובה) פון דער (פון שרה) איז דריי הונדערט גילדן, און עס איז פאראן (געבליבן פארמעגנס) ניט מער ווי הונדערט גולדן, טיילן זיי זיך אלע (דריי ווייבער) גליך. מען מיינט **דאָ אז אלע דריי כתובות זיינען געשריבן געוואָרן אין זעלביקן טאָג, און עס איז ניט פאראן קיין ערשטע און צווייטע און דריטע (ווי מיר האָבן געהאט פריער אין משנה א'). זיי טיילן זיך גלייך, ווייל צו די דאָזיקע הונ־דערט גילדן האָט לאה מיט איר כתובה פון הונדערט גילדן אזוי פיל רעכט ווי רחל און שרה מיט זייערע גרעסערע כתובות.** היו שם, אויב עס איז געבליבן צוויי הונדערט גולדן, איז די (לאה מיט דער כתובה) פון הונדערט גולדן, נעמט פופציג גולדן, און די (רחל מיט דער כתובה) פון צוויי הונדערט גילדן און די (שרה מיט דער כתובה) פון דריי הונדערט גולדן, נעמען (יעדע איינע פון זיי) צו דריי גאָלדענע גולדן. **א גאָלדע־נער גילדן, זהב, אָדער „דינר זהב" איז 25 געוויינטליכע (זילבערנע) גילדן, און עס קומט אויס, אז לאה נעמט פופציק גולדן, און רחל און שרה נעמען צו דריי גאָלדענע גולדן, דאָס הייסט צו 75 געוויינטליכע גולדן.** היו שם שלש מאות, אויב עס זענען גע־ווען דריי הונדערט גולדן, איז די (לאה מיט דער כתובה) פון הונדערט גולדן נעמט פופציק גולדן, און די (רחל) (מיט דער כתובה) פון צוויי הונדערט גולדן נעמט הונ־דערט גולדן און די (שרה מיט דער כתובה) פון דריי הונדערט גולדן נעמט זעקס גאָלדענע גילדן (הונדערט און פופציק גילדן). **די גמרא פרעגט, פאַרוואָס קומט לאהן אזוי פיל, סטייטש זי האָט דאָך א שיעבוד נאָר אויף די ערשטע הונדערט גולדן, דאַרף איר קומען נור א דריטל פון הונדערט גולדן? און דאָס זעלביקע איז אויך די קשיא (אין 2טן פאל ווען עס איז דאָ 300 גולדן) וועגן רחלן, וועלכע דארף נאָר נעמען א דריטל פון 200 גוולדן? און די גמרא ענטפערט, אז מען מיינט דאָ, אז רחל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר חלק אין די ערשטע 100 גולדן, אזוי אז דערמיט האָבן זיך געטיילט צוגלייך לאה און שרה; און אין 2טן פאל מיינט מען אז שרה האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר חלק אין די ערשטע 100 גולדן, און לאה און רחל טיילן זיך דערמיט אויף גלייך. ממילא האָט רחל פון די ערשטע 100 גולדן באקומען 50 גולדן, און פון די צווייטע 100 גולדן קומט דאָך איר א העלפט, ווידער 50 גולדן, און צוזאמען האָט זי 100 גולדן.** וכן, און אזוי איז אויך (דער דין) מיט דריי מענטשן, שותפים) וועלכע האָבן אריינגע־לייגט (געלט) אין איין (בשותפות)־קאַסע, און עס איז געוואָרן ווינציקער אָדער מער (דאָס געשעפט האָט פארלוירן געלט אָדער האָט פארדינט געלט), טיילן זיי זיך אזוי. **אויב פון די דריי שותפים, ראובן, שמעון און לוי, האָט ראובן אריינגעלייגט 100 גילדן, און שמעון 200 גולדן און לוי 300 גולדן, און די מטבעות זיינען געוואָרן ווינציקער אָדער מער ווערט, צעטיילן זיי זיך לויט דעם געלט וואָס זיי האָבן אריינגעלייגט: ראובן נעמט איין זעקסטל, שמעון צוויי זעקסטל און לוי דריי זעקסטל· אזוי טייטשן די מפרשים, וועלכע געבן צו, אז אויב דער היזק אָדער דער פאַרדינסט איז געווען אין דער סחורה (ניט צוליב דעם ווערט פון דער מטבע) טיילן זיי זיך לויט דער צאָל שותפים, און אויב עס זענען פאראן דריי שותפים האָט יעדער גלייך היזק א דריטל**

ה. מי שהיה נשוי ארבע נשים ומת, הראשונה קודמת לשניה, ושניה לשלישית, ושלישית לרביעית. הראשונה נשבעת לשניה, ושניה לשלישית, ושלישית לרביעית, והרביעית נפרעת שלא בשבועה. בן ננס אומר, וכי מפני שהיא אחרונה נשכרת? אף היא לא תפרע אלא בשבועה. היו יוצאות כולן ביום אחד, כל הקודמת לחברתה אפילו שעה אחת, זכתה. וכך היו כותבין בירושלים שעות. היו כולן יוצאות בשעה אחת, ואין שם אלא מנה, חולקות בשוה:

און נעמט פון פארדינסט א דריטל, אָן אונטערשיד צי ער האָט אריינגעלייגט ווינציקער געלט צי מער געלט.

ה. מי שהיה, אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט פיר ווייבער (צוערשט מיט לאהן און דערנאָך מיט רחלן און דערנאָך מיט שרה׳ן און דערנאָך מיט רבקהן, און אויך די כתובות האָט ער זיי געשריבן צוערשט לאה׳ס און דערנאָך רחל׳ס און דערנאָך שרה׳ס און דערנאָך רבקה׳ס) און ער איז געשטאָרבן (און די פיר ווייבער קומען אָפנעמען זייערע כתובות־געלטער פון זיין איבערגעלאָזטן פארמעגן) איז די ערשטע (לאה) פריער (אָפצונעמען איר כתובה־געלט) פאר דער צווייטער (פון רחלן), און די צווייטע (רחל איז פריער) פון דער דריטער (פון שרהן), און די דריטע (שרה איז פריער) פון דער פירטער (פון רבקה). **אזוי ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳, און ווי מיר האָבן געגעבן צו ערקלערן פריער אין משנה ב׳, אז די כתובה וואָס א ווייב נעמט אָפּ נאָכן מאנס טויט איז ווי א חוב, און וועלכער חוב עס איז געמאכט געוואָרן פריער נעמט אָפּ פריער.** הראשונה, די ערשטע (לאה, ווען זי קומט אָפנעמען די כתובה) דארף שווערן צו דער צווייטער (צו רחלן). **די שבועה איז, אז זי האָט נאָך גאָרניט אָפגענומען פון איר כתובה און ווייל זי נעמט אָפּ צום ערשטן· דארף זי געבן די שבועה צו דער צווייטער, אויב די צווייטע פארלאנגט די שבועה.** ושניה, און די צווייטע (רחל דארף שווערן) צו דער דריטער (צו שרהן), און די דריטע (שרה דארף שווערן) צו דער פירטער (צו רבקהן), און די פירטע (רבקה) נעמט אָפּ (איר כתובה) אָן א שבועה. **אויב עס זיינען מער ניט פאראן קיין אנדערע יורשים און ניט קיינער וועלכער מאָנט געלט פון דעם איבערגעלאָזטן פארמעגנס, דארף די פירטע ניט אָפּגעבן צו קיינעם קיין שבועה.** בן ננס זאָגט: צי דערפאר ווייל זי איז די לעצטע זאָל זי פארדינען (און אָפנעמען אָן א שבועה)? ! אויך זי (די פירטע) זאָל ניט אָפנעמען (איר כתובה) סיידן מיט א שבועה. **די גמרא זאָגט (לויטן פירוש פון רבנו חננאל) אז בן ננס האלט, אז ווייל עס קאָן זיך דאָך ארויסווייזן, אז איינער פון די פעלדער, וועלכע לאה (אָדער רחל אָדער שרה) האָט אָפּגענומען פאר איר כתובה איז געווען א צו־געגזלט פעלד, און האָט ניט געהערט צום מאַן, און מען קאָן עס אמאָל פון איר צונעמען, און לאה וועט ניט קאָנען קומען און אויפמאָנען איר כתובה פון דעם לעצטן פעלד, וואָס איז געבליבן פאר רבקה, ווייל רבקה האָט דאָך עס שוין צוגענומען, און ער, בן ננס, האלט, אז א שפּעטערדיקער בעל חוב וואָס האָט אָפּגענומען א פעלד קאָן א פריערדיקער בעל חוב ביי אים עס ניט צוריק צונעמען** (מה שגבה גבה). **דאריבער קאָן יעדע פון די ערשטע ווייבער פארלאנגען פון דער לעצטער א שבועה. אָבער דער ערשטער תנא האלט אז לאה** (אָדער רחל צי שרה) **קאָן יאָ אָפּנעמען ביי רבקה׳ן, אויב איר פעלד וועט זיך ארויסווייזן, אז עס איז געווען א צוגעגזלט פעלד, דאריבער קאָן זי פון איר ניט פארלאנגען קיין שבועה.** היו, אויב זיי אלע (די פיר כתובות) זענען (געשריבן געוואָרן) אין זעלבן טאָג, איז יעדע, וועלכע איז פריער פון דער אנדערער אפילו איין שעה, האָט זוכה געווען. **דאָס ווייב מיט דער פריער געשריבענער כתובה נעמט אָפּ פריער.** וכך, און אזוי (איז געווען דער מנהג) אין ירושלים אז זיי האָבן געשריבן די שעהן. **מען האָט איינגעשריבן אין א כתובה צי א וועקסל צי אן אנדערן דאָקומענט דעם טאָג און אויך די שעה אין טאָג ווען עס איז געשריבן געוואָרן.** היו, אויב זיי אלע

ו. מי שהיה נשוי שתי נשים, ומכר את שדהו, וכתבה ראשונה ללוקח, „דין ודברים אין לי עמך״, השניה מוציאה מהלוקח, והראשונה מן השניה, והלוקח מן הראשונה, וחוזרת חלילה, עד שיעשו פשרה ביניהם. וכן בעל חוב, וכן אשה בעלת חוב:

פרק יא.

א. אלמנה נזונת מנכסי יתומין, מעשה ידיה שלהן, ואין חייבין בקבורתה. יורשיה יורשי כתובתה חייבין בקבורתה:

(די פיר כתובות) זענען (געשריבן) געווען אין דערזעלביקער שעה, און עס איז מער ניט פאראן ווי הונדערט גולדן, טיילן זיי (די אלע פיר ווייבער) צוגלייך. די משנה זאגט „הונדערט גילדן״, ווייל דאָס איז די קלענסטע כתובה, ווי מיר האָבן געגעבן אין דער הקדמה צו דער דאָזיקער מסכתא.

ו. מי שהיה, אז איינער האָט חתונה געהאַט מיט צוויי ווייבער (צוערשט מיט לאה און דערנאָך מיט רחל) און ער האָט פאַרקויפט זיין פעלד, און די ערשטע (לאה) האָט אָפּגעשריבן צום פעלד־קויפער (צום לוקח): „איך וועל ניט האָבן צו דיר קיין משפט און קיין זאך (איך וועל ניט מאָנען ביי דיר דאָס פעלד)״, קאָן די צווייטע (רחל, נאָכדעם ווי איר מאַן איז געשטאָרבן און ער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין פאַרמעגן צו צאָלן פאר די כתובות) צונעמען (דאָס פעלד) פון דעם פעלד־קויפער, און די ערשטע (לאה, קאָן צונעמען דאָס פעלד) פון דער צווייטער (פון רחל, ווייל זי, לאה, איז דאָך פריער אָפּצונעמען איר כתובה), און דער פעלד־קויפער (קאָן צונעמען דאָס פעלד) פון דער ערשטער. ווייל זי האָט דאָך אים אָפּגעשריבן אז זי האָט ניט קיין טענה צום פעלד). וחוזרת, און אזוי גייט דאָס ארום און ארום (חלילה). דאָס הייסט, אז רחל קאָן ווידער צונעמען דאָס פעלד פון פעלד־קויפער, און לאה פון רחלן און דער קויפער פון לאה, און אזוי כסדר. עד, ביז זיי וועלן מאכן א פשרה צווישן זיך. דאָס צווינגט זיי, אז זיי זאָלן דורכקומען צווישן זיך, ווייל אויב נישט וועט זיך עס אזוי כסדר ציען אָן א סוף. וכן, און אזוי איז אויך מיט איינעם וואָס אים קומט א חוב, און אזוי איז אויך מיט א פרוי וועמען עס קומט א חוב. די גמרא טייטשט אז מען מיינט דערמיט, אז למשל אויב ראובנען קומט א חוב פון שמעונען, און שמעון האָט צוויי פעלדער, און ער האָט צוערשט פארקויפט איין פעלד צו לוי און אים פארזיכערט, אז אויב מען וועט ביי אים צונעמען דאָס פעלד וועט ער אים געבן דאָס צווייטע פעלד, און דערנאָך האָט שמעון פארקויפט דאָס צווייטע פעלד צו יהודה, און ראובן האָט אָפּגעשריבן צו יהודה, אז ער וועט ניט צונעמען ביי אים זיין פעלד, אויך דאָ קאָן ראובן צונעמען דאָס פעלד ביי לוי, און לוי נעמט דערפאר צו דאָס צווייטע פעלד ביי יהודה, און יהודה נעמט צו ביי ראובנען, און ראובן ביי לוי און אזוי כסדר. דאָס זעלביקע איז אויך אויב דער פרוי קומט א כתובה־חוב און איר מאַן האָט פארקויפט זיינע צוויי פעלדער, צוערשט איינס צו לוי און דערנאָך דאָס צווייטע צו יהודה, און די פרוי האָט אָפּגעשריבן יהודהן אז זי וועט ביי אים ניט צונעמען דאָס פעלד. אויך דאָ קאָן די פרוי צונעמען ביי לוי, לוי ביי יהודה׳ן, יהודה ביי דער פרוי, די פרוי ביי לוי און אזוי כסדר, ביז זיי מאכן צווישן זיך א פשרה. — דאָס וואָרט „בעל חוב״, וואָס מיינט אין אידיש, איינער וועל־כער איז שולדיג חובות, הייסט אין דער משנה און גמרא פונקט פארקערט „איינער וועלכער מאָנט חובות״.

פרק יא.

א. אלמנה, אן אלמנה ווערט געשפייזט (אויסגעהאלטן) פון די פארמעגנס (וואָס איר מאַן האָט איבערגעלאָזט בירושה צו זיינע) יתומים, און איר האַנט־ארבייט (די פארדינסטן פון איר האַנט־ארבייט) געהערט צו זיי (צו די יתומים). וואָס מען מיינט „האַנט ארבייט״ זע פריער פרק ה׳ משנה ט׳. ואין, און זיי (די יתומים) זענען ניט מחויב איר קובר צו זיין. אויב די אלמנה שטארבט, דארפן איר מאַנ׳ס יורשים ניט

ב. אלמנה בין מן הארוסין בין מן הנשואין מוכרת שלא בבית דין. ר׳ שמעון אומר, מן הנשואין מוכרת שלא בבית דין, מן הארוסין לא תמכור אלא בבית דין, מפני שאין לה מזונות, וכל שאין לה מזונות לא תמכור אלא בבית דין:

ג. מכרה כתובתה או מקצתה, משכנה כתובתה או מקצתה, נתנה כתובתה לאחר או מקצתה, לא תמכור את השאר אלא בבית דין. וחכ־מים אומרים, מוכרת היא. אפילו ארבע וחמש פעמים, ומוכרת למזונות

געבן אויף די הוצאות פון דער קבורה. יורשיה, אירע יורשים, וועלכע ירשענען איר כתובה, זענען מחויב איר קובר צו זיין. זיי דארפן געבן די הוצאות פון דער קבורה, ווייל זיי ירשענען איר כתובה.

ב. אלמנה, אן אלמנה, סיי (איר מאן איז געשטארבן) נאכן מקדש זיין (מן האי־רוסין, ער האט זי נאר מקדש געווען אבער נאכניט חתונה געהאט מיט איר) און סיי (ער איז געשטארבן) נאך דער חתונה קאן זי פארקויפן (דעם מאנ׳ס פארמעגן) אפילו ניט דורך א בית דין. א „בית דין״ מיינט דריי חכמים מוסמכים. „ניט דורך א בית דין״ מיינט דא, אז עס איז גענוג ווען דריי פשוטע מענטשן שאצן אפ וויפיל דאס פעלד צי הויז, וואס זי גייט פארקויפן, איז ווערט, און זי פארקויפט עס פאר דעם פרייז. די משנה לערנט אז סיי אן אלמנה באלד נאכן מקדש זיין, וועלכע פארקויפט כדי אפצונע־מען איר כתובה, און סיי אן אלמנה נאך דער חתונה, וועלכע פארקויפט, כדי צו האבן געלט פאר אירע מזונות (ווי מיר האבן געלערנט פריער משנה א׳), איר שפייז, אויס־האלטונג, דארפן ניטווארטן ביז א בית דין וועט אפשאצן, נאר אויך דריי פשוטע מענטשן זענען גענוג. ר׳ שמעון זאגט, אז (אן אלמנה) פון נאך דער חתונה מעג פאר־קויפן אויך ניט דורך א בית דין, אבער אן אלמנה פון נאכן מקדש זיין זאל ניט פאר־קויפן סיידן דורך א בית דין (א בית דין מוז אפשאצן), ווייל זי (אזא אלמנה פון נאכן מקדש זיין) קומט ניט קיין מזונות (עסן, אויסהאלטונג), און די וועלכער עס קומט ניט קיין מזונות, זאל ניט פארקויפן סיידן דורך א בית דין. ווייל מיט מזונות, עסן, קאן די אלמנה ניט ווארטן ביז בית דין וועט אפשאצן, ווייל זי דארף דאך עס באלד, דאריבער קאן זי פארקויפן דורך סתם דריי מענטשן אפשאצערס; אבער די אלמנה פון נאכן מקדש זיין פארקויפט דאך נאר כדי צו באקומען איר כתובה, קאן זי ווארטן ביז א בית דין וועט אפשאצן.

ג. מכרה, אויב זי (די אלמנה) האט פארקויפט (צו אן אנדערן מענטש) איר כתובה (די צוויי הונדערט אדער די הונדערט גולדן, וואס איר קומט אלס עיקר כתובה), אדער א טייל פון דער (עיקר) כתובה, אדער זי האט פארמשכנט די (עיקר) כתובה אדער א טייל פון דער (עיקר) כתובה, אדער זי האט אוועקגעשאנקן צו אן אנדערן איר (עיקר כתובה) אדער א טייל פון דער (עיקר כתובה), זאל זי ניט פארקויפן דאס איב־ריקע (די תוספת כתובה, וואס דער מאן האט איר פארשריבן מער פון דער עיקר כתובה, אדער דאס איבריקע פון דער עיקר כתובה אויב זי האט נאר אוועקגעגעבן א טייל דערפון) סיידן דורך א בית דין. די גמרא זאגט, אז די משנה האלט ווי ר׳ שמעון (פריער אין משנה ג׳) אז נור פאר מזונות קאן מען פארקויפן ניט דורך א בית דין, און זי האלט, אז א פרוי וואס האט אפגענומען א טייל פון דער כתובה קומט איר ניט קיין מזונות. וחכמים, און די חכמים זאגן, אז זי קאן פארקויפן (איר כתובה) אפילו פיר און פינף מאל (ביסלעכווייז, טיילן פון דער כתובה), און זי קאן פארקויפן (דאס ירושה־פארמעגן פון מאן) פאר (אירע) מזונות (אפילו) ניט דורך א בית דין און זי דארף איינשרייבן (אין פארקויף־שטר): „איך האב פארקויפט פאר מזונות״. די חכמים האלטן צוויי זאכן, ערשטנס, אז מען קאן פאר א כתובה אויך פארקויפן ניט דורך א בית דין (ווי מיר האבן געלערנט פריער אין משנה ב׳) און צווייטנס, אז ווען א פרוי פארקויפט א טייל פון איר כתובה קומט איר נאך אלץ מזונות. וגרושה, אבער א גרושה

שלא בבית דין, וכותבת למזונות מכרתי. וגרושה לא תמכור אלא בבית דין:

ד. אלמנה שהיתה כתובתה מאתים, ומכרה שוה מנה במאתים, או שוה מאתים במנה. נתקבלה כתובה. היתה כתובתה מנה, ומכרה שוה מנה ודינר במנה, מכרה בטל. אפילו היא אומרת „אחזיר דינר ליור־שין״, מכרה בטל. רבן שמעון בן גמליאל אומר, לעולם מכרה קיים עד שתהא שם כדי שתשייר בשדה בת תשעה קבים, ובגינה בת חצי קב, וכדברי ר׳ עקיבא בית רובע. היתה כתובתה ארבע מאות זוז, ומכרה לזה במנה ולזה במנה, ולאחרון יפה מנה ודינר במנה, של אחרון בטל, ושל

(א פרוי וועלכע דער מאן האָט גע׳גט און זי קומט אָפּנעמען איר כתובה און גייט דערפאר פארקויפן איר מאנ׳ס א פעלד), זאָל ניט פארקויפן סיידן דורך א בית דין. **די גמרא זאָגט, אז ביי אן אלמנה נעמען מיר אָן אז דער מאן האָט ניט געוואָלט אז זיין ווייב זאָל נאָך זיין טויט דארפן זיך מבזה זיין צו א בית דין, און ער האָט מסתמא מסכים געווען אז זי זאָל קאָנען פארקויפן אויך ניט דורך א בית דין; אָבער ביי א גע׳גט׳ער פרוי ארט אים ניט, אז זי וועט דארפן גיין צום בית דין.**

ד. אלמנה, אן אלמנה, וואָס איר כתובה איז געווען צוויי הונדערט (גולדן), און זי האָט א(שטיקל פעלד פון מאנ׳ס ירושה), וואָס איז ווערט (נאָר) הונדערט גולדן, פאר־קויפט פאר צוויי״ הונדערט גילדן, אָדער וואָס איז ווערט צוויי הונדערט גילדן האָט זי פארקויפט פאר הונדערט גולדן, האָט זי אפגענומען איר כתובה. **עס קומט איר מער גאָרניט, ווייל אין ערשטן פאל האָט זי דאָך באקומען אירע 200 גילדן און זי איז גע־ווען נאָר א שליח צום פארקויפן; און אין צווייטן פאל איז דאָך עס איר שולד, זי האָט דאָך גענומען א שטיקל פעלד פאר 200 גילדן און האָט עס פארקויפט פאר 100 גילדן.** היתה, אויב איר כתובה איז געווען הונדערט גולדן, און זי האָט (א שטיקל פעלד) וואָס איז ווערט הונדערט און איין גילדן פארקויפט פאר הונדערט, איז דער פארקויף בטל. אפילו זי זאָגט: איך וועל צוריקגעבן איין גילדן צו די יורשים, איז דער פארקויף בטל, **איז דער גאנצערפארקויף גאָרנישט, און דער קויפער מוז אָפּ־געבן דאָס שטיקל פעלד.** רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז דער פארקויף איז שטענ־דיק גוט (אפילו זי האָט פארקויפט פאר א עטוואָס א קלענערן פרייז פון ווערט), סיידן אויב (ווען זי וואָלט זיך ניט געווען אָפּגענארט און וואָלט פארקויפט פאר א ריכטיקן פרייז) וואָלט געווען אין א פעלד געבליבן א שטיקל פעלד פון ניין טעפ (ניין קבים), און אין א גאָרטן א שטיקל גאָרטן פון א האלבן טאָפּ, און לויט די ווערטער פון ר׳ עקיבא א(שטיקל גאָרטן פון) א פערטל טאָפּ. **מיט „א שטיקל פעלד פון 9 טעפ״ מיינט מען, אז כדי צו פארזייען עס מיט תבואה (ווייץ צי גערשטן) דארף מען האָבן 9 טעפ זריעה. „א שטיקל גאָרטן פון א האלבן (אָדער א פערטל) טאָפּ״, מיינט, אז כדי צו פארזייען זי מיט ירקות דארף · מען האָבן א האלבן טאָפּ (און לויט ר׳ עקיבא א פערטל) טאָפּ״ זריעה־קערנדלעך פון ירקות· צוליב דעם וואָס אזא שטיקל פעלד פון 9 טעפ און אזא שטיקל גאָרטן פון א האלבן (און לויט ר׳ עקיבא פון א פערטל) טאָפּ איז שוין א חשובע זאַך, איז דער פארקויף ניט גוט, ווייל עס וואָלט דאָך געווען געבליבן א חשוב שטיקל פעלד. אָבער אויב זי האָט זיך אָפּגענארט מיט ווינציקער, אָדער ווי די משנה זאָגט פריער, זי האָט א זאַך פון דערוועט פון 101 גילדן פארקויפט פאר 100 גולדן, דארף די אלמנה צוריקצאָלן די יורשים דעם איינעם גולדן, און דער פארקויף איז גוט.** היתה, אויב איר (דער אלמנה׳ס) כתובה איז געווען (די עיקר כתובה צוזאמען מיט דער תוספת כתובה) פיר הונדערט גולדן, און זי האָט פארקויפט (פון מאנ׳ס ירושה־פעלד) צום דאָזיקן (מענטש, צו איינעם, א שטיקל פעלד) פאר הונדערט גולדן, און צום דאָזיקן (צו אן אנדערן מענטש, אן אנדער שטיקל פעלד) פאר הונדערט גולדן, און צום לעצטן (צו א דריטן מענטש, האָט זי פארקויפט א שטיקל פעלד) וואָס

כולן מכרן קיים:

ה. שום הדיינין שפיחתו שתות או הוסיפו שתות, מכרן בטל. רבן שמעון בן גמליאל אומר, מכרן קיים; אם כן מה כח בית דין יפה? אבל אם עשו איגרת בקורת אפילו מכרו שוה מנה במאתים או שוה מאתים במנה, מכרן קיים.

ו. הממאנת, השניה והאילונית, אין להם כתובה, ולא פירות, ולא מזונות, ולא בלאות, ואם מתחלה נשאה לשם אילונית, יש לה כתובה. אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה ליש־

איז ווערט הונדערט און איין גילדן פאר הונדערט גילדן, איז דעם לעצטנס קויף בטל, און פון די אלע (פון די פריערדיקע צוויי קויפערס) איז דער קויף גוט. **מען זאָגט ניט, אז די אלע דריי „פארקויפס" איז אזוי ווי „איין פארקויף", נאָר יעדער פארקויף איז א באזונדערע זאך, און אזוי ווי צו די ערשטע צוויי האָט זי דאָך ריכטיק פארקויפט איז עס גוט, און דער פארקויף צום לעצטן ווערט בטל.**

ה. שום, די אָפשאצונג פון דיינים (אויב בית דין האָט אָפגעשאצט זאכן פון אייגעם צום פארקויפן) און זיי האָבן (א טעות געהאט און) זיי האָבן פארקלענערט מיט א זעקסטל (זיי האָבען געשאצט מיט א זעקסטל ווינציקער ווי עס איז ווערט) אָדער פארגרעסערט מיט א זעקסטל (זיי האָבן אָפגעשאצט מיט א זעקסטל מער), איז זייער פארקויף בטל. **ווי מיר לערנען אין מסכתא בבא מציעא פרק ה' משנה ג' הייסט א טעות אין א זעקסטל פון ווערט „אונאה", אָפּנארעריי.** רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז זייער פארקויף איז גוט, (ווארום אוב ניט), מיט וואָס איז דער כח פון בית דין גוט? **דערויף האָט בית דין כח אז ביי א טעות איז זייער פארקויף א גוטער.** אָבל, אָבער (דאָס זאָגט דער ערשטער תנא וואָס איז מחולק מיט רבן שמעון גמליאל, און ער איז מודה אז) אויב זיי (דאָס בית דין) האָט געמאכט א אויסרוף־פארקויף (אגרת ביקורת, א באזוכונגס בריף, ליציטאציע, מען האָט אויסגערופן, אז מענטשן זאָלן קומען באקוקען די זאכן און קויפן פאר דעם און דעם פרייז) איז אפילו זיי האָבן פארקויפט וואָס איז ווערט הונדערט גולדן פאר צוויי הונדערט גולדן, אָדער וואָס איז ווערט צוויי הונדערט גולדן פאר הונדערט גולדן, איז זייער פארקויף גוט. **דאָס וואָרט „אגרת" מיינט א בריף, א דאָקומענט, און ווען בית דין גיט ארויס איינעם אזא דאָקומענט, אזא בריף, אז ער האָט געקויפט די זאכן דורך דער ליציטאציע ביי בית דין, הייסט דער דאָקומענט „אגרת ביקורת", ווייל מענטשן קומען „באזוכן" די ליציטאציע, באקוקן די זאכן („בקר", באזוכן, באקוקן, באטראכטן).**

ו. הממאנת, א פרוי וועלכע איז ממאן (א יתומה יינגער פון צוועלף יאָר מיט א טאָג, אויב איר מוטער אָדער אירע ברידער מאכן איר חתונה, קאָן זי נאָך דער חתונה זאָגן, אז זי וויל ניט דעם מאן, זי איז „ממאן", וויל ניט, און זי דארף ניט קיין גט פון אים), אָדער א שניה (א פרוי א קרובה, מיט וועלכער מען טאָר ניט חתונה האָבן נור מדרבנן, למשל, מיט א זונ'ס א שנור, אן אלמנה צי א גרושה), אָדער אן אילונית (א פרוי וואָס קאָן ניט האָבן קיין קינדער און האָט ניט נאָרמאלע פרויען־סימנים), קומט זיי ניט (דער קליינער פרוי וועלכע האָט ממאן געווען, אָדער די שניה, וועלכע מ'דארף גטן, אָדער די אילונית) ניט קיין כתובה און ניט קיין פרוכטן און ניט קיין מזונות (שפייז און אויסהאלטונג) און ניט קיין אָפגענוצטע זאכן. און אויב ער האָט מיט איר באלד חתונה געהאט אלס אילונית קומט איר די כתובה. **וועגן „שניה", האָבן מיר געגעבן בפרטות אין מסכתא יבמות פרק ב' משנה ד'. וועגן דעם טייטש פון „פרוכטן" (פירות) און „אָפגענוצטע זאכן" (בלאות) האָבן מיר געגעבן בפרטות אין מסכתא יבמות פרק ט' משנה ג'.** אלמנה, אויב אן אלמנה (וועלכע האָט חתונה געהאט) מיט א כהן גדול, אָדער א גרושה (א גע'גטע פרוי) צי א חלוצה (א פרוי וועלכע האָט גענומען חליצה, האָט חתונה געהאט) מיט א געוויינטליכן כהן, אָדער א ממזרת און

ראל, בת ישראל לנתין ולממזר, יש לה כתובה:

פרק יב.

א. הנושא את האשה ופסקה עמו כדי שיזון את בתה חמש שנים, חייב לזונה חמש שנים. נישאת לאחר ופסקה עמו כדי שיזון את בתה חמש שנים, חייב לזונה חמש שנים. לא יאמר הראשון „לכשתבוא אצלי אזונה“, אלא מוליך לה מזונותיה למקום אמה. וכן לא יאמרו שניהם „הרי אנו זנין אותה כאחד“, אלא אחד זנה, ואחד נותן לה דמי מזונות:

ב. נישאת, הבעל נותן לה מזונות, והן נותנין לה דמי מזונות. מתו, בנותיהן נזונות מנכסים בני חורין, והיא נזונית מנכסים משועבדים,

---

א נתינה האָט חתונה געהאט מיט א ישראל, צי א ישראל׳ס א טאָכטער האָט חתונה געהאט מיט א נתין אָדער א ממזר (און די אלע דארפן זיך גטן, ווייל די תורה האָט זיי געאסרט), קומט איר די כתובה. **די דאָזיקע משנה האָבן מיר אין מסכתא יבמות פרק ט׳ משנה ג׳ און דאָרט דערקלערן מיר בפרטות דעם טעם דערפון און וואָס מען מיינט מיט דעם אלעם.**

פרק יב.

א. הנושא, אז איינער (ראובן) האָט חתונה געהאט מיט א פרוי און זי האָט מיט אים אויסגענומען (פסקה) אז ער זאָל שפייזן (אויסהאלטן) איר טאָכטער (וואָס זי האָט פון אן אנדערן מאן) פינף יאָר, דארף ער איר שפייזן (אויסהאלטן) פינף יאָר. **דער ברטנורא זאָגט, אז מיט „אויסנעמען“, „פסקה“, מיינט מען, אז ער האָט זיך אונטער־געשריבן אזא התחיבות, אָדער ער האָט עס געזאָגט פאר עדות.** נישאת, אויב (אין מיטן די פינף יאָר האָט די פרוי זיך גענגט מיט דעם מאן און) זי האָט חתונה געהאט מיט אן אנדערן (מאן, שמעון), און זי האָט אויך מיט אים זיך אויסגענומען צו שפייזן (אויס־צוהאלטן) איר טאָכטער פינף יאָר, דארף (אויך) ער (שמעון) איר שפייזן (אויסהאלטן) פינף יאָר. עס הייסט, **אז ביידע ראובן און שמעון, דארפן געבן, יעדער באזונדער, די גאנצע אויסהאלטונג פון דער טאָכטער.** לא יאמר, דער ערשטער (מאן, ראובן) קאָן ניט טענהן: „ווען זי (די טאָכטער וועט קומען צו מיר (אין הויז) וועל איך איר שפייזן (אויסהאלטן)“, נאָר ער דארף אוועקפירן אירע מזונות (אויסהאלטונג) צו איר מוטער. **ווייל די טאָכטער דארף זיין ביי איר מוטער.** וכן, און אזוי איז אויך (דער דין), אז זיי קאָנען ניט ביידע (ראובן און שמעון) זאָגן: מיר שפייזן (האלטן זי אויס) **צוזאמען**“, נאָר איינער דארף איר שפייזן (אויסהאלטן) און איינער דארף איר צאָלן געלט פאר דער אויסהאלטונג (פאר די מזונות).

ב. נישאת, אויב זי (די טאָכטער) האָט (אין די פינף יאָר) חתונה געהאט (מיט לוי) דארף דער מאן (לוי) איר געבן מזונות (אויסהאלטונג, ווי א מאן איז מחויב צו געבן זיין ווייב), און זיי (ראובן און שמעון) דארפן איר געבן דאָס געלט פאר די מזונות (פאר דער אויסהאלטונג). **די משנה לערנט אז זייער התחייבות אויסצוהאלטן איז גילטיק די גאנצע פינף יאָר, אפילו די טאָכטער האָט חתונה געהאט.** מתו, אויב זיי (ראובן און שמעון) זענען געשטאָרבן (אין די פינף יאָר), איז זייערע (אייגענע) טעכ־טער ווערן געשפייזט (אויסגעהאלטן) נאָר פון פרייע פארמעגנס, און זי (די טאָכטער פון ווייב) ווערט געשפייזט (אויך) פון פארקויפטע פארמעגנס, ווייל זי איז ווי איינער וועמען עס קומט א חוב. מיט „נכסים בני חורין“ „פרייע פארמעגנס“, מיינט מען **פארמעגנס (פעלדער און הייזער) וועלכע ראובן אָדער שמעון האָבן צו קיינעם ניט פארקויפט; די פארמעגנס זענען דאָ, פריי. מיט „נכסים משעובדים“, משועבד געוואָ־רענע פארמעגנס, מיינט מען פארמעגנס (פעלדער און הייזער) וועלכע די צוויי מענער, ראובן און שמעון, האָבן ביי זייער לעבן פארקויפט צו אנדערע מענטשן· דער דין איז, אז כאָטש טעכטער ווערן אויסגעהאלטן (געשפייזט) נאָך זייער פאָטערס טויט פון דעם ירושה־פארמעגן (זע פריער פרק ד׳ משנה יב), פונדעסטוועגן אויב זייער פאָטער האָט**

מפני שהיא כבעלת חוב. הפקחים היו כותבים „על מנת שאזון את בתך חמש שנים כל זמן שאת עמי״.

ג. אלמנה שאמרה „אי אפשי לזוז מבית בעלי״, אין היורשין יכולין לומר לה, „לכי לבית אביך ואנו זנין אותך״, אלא זנין אותה בבית בעלה, ונותנין לה מדור לפי כבודה. אמרה „אי אפשי לזוז מבית אבא״, יכולים היורשים לומר לה, „אם את אצלינו יש ליך מזונות, ואם אין את אצלינו אין ליך מזונות״. אם היתה טוענת, מפני שהיא ילדה והן ילדים, זנין אותה והיא בבית אביה:

ד. כל זמן שהיא בבית אביה, גובה כתובתה לעולם, כל זמן שהיא בבית בעלה, גובה כתובתה עד עשרים וחמש שנים, שיש בעשרים

פארקויפט פעלדער, קאָנען די טעכטער ניט אָפּנעמען פון די קויפערס די פעלדער; זיי קאָנען נור מאָנען פון די „פרייע פארמעגנס״, פון דער ירושה וואָס איז פאראַן ניט פארקויפט. ס׳איז א תקנה פון די חכמים וועגן וועלכער ס׳ווערט געלערנט אין מסכתא גטין פרק ה׳ משנה ג׳. אָבער דעם ווייב׳ס טאָכטער קומט פון ראובן און שמעונען מזונות ווי א חוב, און דער דין איז אזא חוב קאָן מען אָפּנעמען אויך פון די פעלדער וואָס די שולדיקע (ראובן און שמעון) האָבן פארקויפט נאָכדעם ווי זיי האָבן דעם חוב געמאַכט, מחמת די פעלדער זענען געווען „משועבד״, פאראַנטוואָרטליך, פארן חוב. הפקחים, קלוגע (פאַרזיכטיקע מענער, ווען זיי האָבן חתונה געהאט מיט א פרוי און האָבן זיך מתחייב געווען אויסצוהאלטן איר טאָכטער פון אן אנדערן מאן), האָבן גע־פלעגט שרייבן (צום ווייב): „מיט דעם תנאי, אז איך וועל אויסהאלטן דיין טאָכטער פינף יאָר, אזוי לאנג ווי דו וועסט זיין מיט מיר״. **דאָס הייסט, אז אויב ער שטאַרבט, אָדער דאָס ווייב שטאַרבט, אָדער ער גט זיך מיט איר (אין די פינף יאָר) דאַרף ער מער די טאָכטער ניט אויסהאלטן.**

ג. אלמנה, אן אלמנה וועלכע זאָגט (צו די יורשים פון איר פארשטאָרבענעם מאן): „איך וויל מיך ניט רירן (איך וויל ניט אוועקגיין) פון מיין מאַנ׳ס הויז״, קאָנען די יורשים ניט זאָגן צו איר: „גיי צו דיין פאָטערס הויז און מיר וועלן דיך דאָרט שפייזן (אויסהאלטן)״, נאָר זיי שפייזן איר אין איר מאַנ׳ס הויז, און זיי דארפן איר (דאָרט) געבן א וואוינונג לויט איר כבוד. **דאָס איז די התחייבות וואָס דער מאן שרייבט אין דער כתובה אז זי קאָן בלייבן וואוינען אין זיין הויז נאָך זיין טויט און ווערן דאָרט אויסגעהאלטן און זי וועט באַקומען דאָרט א שיינע וואוינונג (פריער פרק ד׳ משנה י״ב).** אמרה, אויב זי (די אלמנה) האָט געזאָגט: „איך וויל זיך ניט רירן פון מיין פאָ־טערס הויז״ (איך וויל וואוינען ביי מיין פאָטער און איר גיט מיר אהין מיינע מזונות, מזונות, מיין עסן און אויסהאלטונג), קאָנען די יורשים זאָגן צו איר: „אויב דו ביזט מיט אונז קומט דיר מזונות, און אויב דו ביזט ניט מיט אונז, קומט דיר ניט קיין מזונות״. **די גמרא זאָגט, ווייל „ברכת הבית ברובה״, דאָס הייסט, אז ווען א סך מענטשן זענען פאראַן אין שטוב קאָסט ניט דאָס אויסהאלטן פון נאָך א מענטש מער קיין געלט.** אם היתה, אויב זי האָט געטענהט (אז דאריבער וויל זי זיין אין איר פאָטערס הויז, און ניט צוזאמען מיט די יורשים) ווייל זי איז א יינגע און זיי (די יורשים, די זין) זענען יינגע (און מען וועט רעדן אויף זיי אויסגעלאסענע זאכן), מוזן זיי איר אויסהאלטן און זי זאָל זיין איר איר פאָטערס הויז. **ווייל איר טענה איז א ריכטיקע.**

ד. כל זמן, אזוי לאנג ווי זי (די אלמנה) וואוינט אין איר פאָטערס הויז (און ניט צוזאמען מיט איר מאַנ׳ס יורשים אין איר מאַנ׳ס הויז) קאָן זי מאָנען איר כתובה שטענ־דיק, (און) אזוי לאנג ווי זי וואוינט אין איר מאַנ׳ס הויז, קאָן זי מאָנען איר כתובה (נאָר) ביז פינף און צוואַנציק יאָר, ווייל זי האָט אין די פינף און צוואַנציק יאָר געהאט (די געלעגנהייט) צו טאָן א טובה אזוי פיל וויפיל איר כתובה באַטרעפט, אזוי זאָגט ר׳ מאיר אין נאָמען פון רבן שמעון בן גמליאל. **ווען זי וואוינט אין איר פאָטערס הויז און**

וחמש שנים שתעשה טובה כנגד כתובתה, דברי ר׳ מאיר שאמר משום רבן שמעון בן גמליאל. וחכמים אומרים, כל זמן שהיא בבית בעלה גובה כתובתה לעולם, כל זמן שהיא בבית אביה גובה כתובתה עד עשרים וחמש שנים. מתה, יורשיה מזכירין כתובתה עד עשרים וחמש שנים:

פרק יג.

א. שני דייני גזירות היו בירושלים: אדמון וחנן בן אבישלום. חנן אומר שני דברים, אדמון אומר שבעה. מי שהלך למדינת הים ואשתו תובעת מזונות, חנן אומר, תשבע בסוף ולא תשבע בתחלה. נחלקו עליו

די יורשים צאָלן איר דאָרט כסדר פאר אירע מזונות, האָט זי ניט געהאט די מעג־ליכקייט צו געניסן פון די יורשים׳ס פארמעגן. אָבער אויב זי וואוינט צוזאמען מיט זיי אין איר מאנ׳ס הויז, איז אָנצונעמען, אז זיי האָט טיילמאָל גענומען פון די יורשים׳ס זאכן, ברויט זאלץ,און געשאָנקן צו אירע שכנטעס, און אזוי ארום האָט זי דורך דער צייט פון 25 יאָר מסתמא אָפּגענומען (דורך די קלייניקייטן) איר כתובה. וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז אזוי לאנג ווי זי וואוינט אין איר מאנ׳ס הויז, קאָן זי מאָנען איר כתובה שטענדיק, (און) אזוי לאנג ווי זי וואוינט אין איר פאָטערס הויז, קאָן זי מאָנען איר כתובה (נאָר) ביז פינף און צוואנציק יאָר. דער טעם איז, ווייל אויב זי איז געוועזן 25 יאָר באזונדער, ניט צוזאמען מיט די יורשים, און זי האָט זיי ניט געמאָנט די כתובה, איז עס א סימן, אז זי האָט זיי מוחל געוועזן, געשאָנקן די כתובה, אָבער אויב זי וואוינט צוזאמען מיט די יורשים, נעמט מען אָן, אז זי האָט זיי ניט מוחל געוועזן, און דאָס וואָס זי האָט ניט געמאָנט איז געוועזן ווייל וואוינענדיג מיט זיי צוזאמן האָט זי זיך געשעמט. מתה, אויב זי (די אלמנה) איז געשטאָרבן, קאָנען אירע יורשים מאָנען (מז־כירין, מאכן דערמאָנען, מאָנען) איר כתובה (פון איר מאנ׳ס יורשים) פינף און צוואָנ־ציק יאָר. דער ברטנורא גיט דאָ צו (אויפן יסוד פון דער גמרא), אז נור ווען די אלמנה האָט צוערשט געגעבן א שבועה איר מאנ׳ס יורשים אז זי האָט ניט אָפּגענומען די כתובה, און דערנאָך איז זי געשטאָרבן, קאָנען אירע יורשים מאָנען איר כתובה, אָבער אויב זי האָט ניט געשוואוירן, קאָנען אירע יורשים ניט מאָנען, ווייל עס איז א כלל ,,אין אדם מוריש שבועה לבניו״, א מענטש קאָן ניט איבערלאָזן ירושה זיינע זין אָדער אנ־דערע יורשים געלט, וואָס ער וואָלט געקאָנט באקומען נאָר ווען ער וואָלט געוועזן גע־שוואוירן.

פרק יג.

א. שני, צוויי דיינים פון גזירות זענען געוועזן אין ירושלים, אדמון און חנן בן אבישלום. איין גירסא איז ,,דייני גזלות״, און די גמרא זאָגט, אז די צוויי גירסאות מיינען דאָס זעלביקע, דהיינו, אז די דאָזיקע צוויי דיינים זענען געוועזן ממונה ארויס־צוגעבן שטראָפן (גזרות) אויף גזלנים. פון די הלכות וואָס זיי זאָגן ווייטער אין דער משנה זעט מען, אז זיי האָבן אויך געפסקנט סתם געלט־דין־תורות. דערפון וואָס די משנה וועט ווייטער ברענגען איז צו זען אז זיי זענען געוועזן אין ירושלים אין דער צייט פון רבן יוחנן בן זכאי, דאָס הייסט ניט לאנג פאר דעם חורבן פון 2טן בית המקדש. חנן אָמר, חנן זאָגט צוויי זאכן (הלכות), און ארמון זאָגט) זיבן (הלכות). די משנה רעכנט באלד אויס די צוויי וואָס חנן זאָגט, און טייל חכמים זענען ניט מסכים מיט אים. מי שהלך, אויב איינער איז אוועקגעגאנגען אין א ווייטער מדינה (למדינת הים, אין א מדינה אין יענער זייט ים, אין ווייט לאנד), און זיין ווייב מאָנט מזונות (מען זאָל איר געבן עסן און אויסהאלטונג פון דעם פארמעגן וואָס דער מאן האָט דאָ איבערגעלאָזט), זאָגט חנן, אז זי זאָל שווערן צום סוף און זי דארף ניט שווערן אין אָנהייב. רשי טייטשט, אז דאָס מיינט מען אז ,,אין אָנהייב״, ווען זי קומט מאָנען מזונות, דארף זי ניט שווערן, אז זי האָט גארניט גענומען פון מאנ׳ס פארמעגן; אָבער ,,צום סוף״, אויב זי הערט אז דער מאן איז געשטאָרבן און זי מאָנט איר כתובה, דארף

בני כהנים גדולים, ואמרו, תשבע בתחלה ובסוף. אמר ר׳ דוסא בן הר־כינס כדבריהם. אמר ר׳ יוחנן בן זכאי, יפה אָמר חנן, לא תשבע אלא בסוף:

ב. מי שהלך למדינת הים, ועמד אחד ופרנס את אשתו, חנן אומר, איבד מעותיו. נחלקו עליו בני כהנים גדולים, ואָמרו, ישבע כמה הוציא, ויטול. אָמר ר׳ דוסא בן הרכינס כדבריהם. אמר רבן יוחנן בן זכאי, יפה אמר חנן, הניח מעותיו על קרן הצבי:

ג. אדמון אומר שבעה. מי שמת והניח בנים ובנות, בזמן שהנכסים מרובין, הבנים יורשים והבנות נזונות, ובנכסים מועטים, הבנות יזונו

זי יאָ שווערן, אז זי האָט גאָרניט געגומען פון מאַנ׳ס פאַרמעגן. דער רמבם טייטשט, אז מען מיינט איןביידע פאַלן וועגן מזונות, נאָר „צום סוף״ מיינט מען, אז ווען איר מאַן וועט קומען און טענהן, אז ער האָט איר איבערגעלאָזט געלט אויף מזונות, זאָל זי דאַמאָלס שווערן אז ער האָט איר גאָרניט איבערגעלאָזט. נחלקו, זיינען געווען מחולק אויף אים (אויף חנן) די זין פון די כהנים גדולים, און זיי האָבן געזאָגט, אז זי דאַרף שווערן סיי אין אָנהייב און סיי צום סוף. **עס ווייזט אויס, אז די כהנים האָבן געהאַט אין ירושלים זייערס א בית דין, וואָס זיינע דיינים זיינען באַשטאַנען פון די חשוב׳ע כהנים, די „זין פון די כהנים גדולים״ און וועגן אזא כהנים בית־דין געפינען מיר פריער אין פרק א׳ משנה ה׳.** אָמר ר׳ דוסא, האָט ר׳ דוסא בן הרכינס געזאָגט אזוי ווי זייערע ווערטער. **ר׳ דוסא האָט געהאַלטן אזוי ווי די זין פון די כהנים גדולים.** אָמר רבן יוחנן, האָט רבן יוחנן בן זכאי געזאָגט, אז גוט (ריכטיק) האָט געזאָגט חנן, זי דאַרף ניט שווערן סיידן צום סוף. **דער ברטנורא זאָגט, אז זי קאָן מאָנען מזונות נאָר נאָך דריי חדשים נאָכן מאַנ׳ס אוועקפאָרן, אָבער ניט פריער, ווייל מען נעמט אָן, אז א מאַן ווען ער פאָרט אוועק לאָזט ער ניט איבער דאָס הויז ליידיק, און אויף דריי חדשים צו עסן האָט ער מסתמא איבערגעלאָזט.**

ב. מי שהלך, אויב איינער (ראובן) איז אוועק אין א ווייטער מדינה (און ער האָט איבערגעלאָזט א ווייב), און אן אנדערער מענטש (שמעון) האָט מפרנס געווען (געגעבן צו עסן און אויסהאַלטונג) זיין ווייב, זאָגט חנן אז דער מענטש (שמעון) האָט פאַרלוירן זיין געלט. **ער קאָן ניט מאָנען פון מאַן, פון ראובנען, אז ער זאָל אים צוריק אָפּגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויף זיין ווייב, מחמת ער האָט אים ניט געהייסן איר באָרגן.** נחלקו, זענען מחולק געווען אויף אים די זין פון די כהנים גדולים, אז זיי האָבן געזאָגט, אז ער (שמעון) זאָל שווערן וויפיל ער האָט אויסגע־געבן און ער זאָל נעמען; האָט ר׳ דוסא בן הרכינס געזאָגט אזוי ווי זייערע ווערטער (אזוי ווי די זין פון די כהנים גדולים); האָט רבן יוחנן בן זכאי געזאָגט, אז גוט (ריכ־טיק) האָט געזאָגט חנן, ער (שמעון) האָט געלייגט זיינע געלטער אויף דעם האָרן פון א הירש. **דאָס הייסט, ער האָט געשטעלט זיין געלט אין געפאַר. אויפן אויסדרוק „הניח מעותיו על קרן הצבי״, „ער האָט געלייגט זיינע געלטער אויף דעם האָרן פון א הירש״ זענען געשריבן געוואָרן א סך פירושים, אָנגענומען איז דער פירוש, אז א הירש לויפט זייער שנעל, און מען קאָן אים ניט כאַפּן. דער דין איז אז שמעון קאָן מאָ־נען פון דער פרוי דאָס געלט, און זי קאָן מאָנען פון איר מאַן.**

ג. אדמון, זאָגט זיבן (הלכות). **און די משנה גיט דאָ באַלד די הלכות.** מי שמת, אויב איינער איז געשטאָרבן און ער האָט איבערגעלאָזט זין און טעכטער, (איז דער דין) אויב די פאַרמעגנס (וואָס ער האָט איבערגעלאָזט) זענען א סך, זאָלן די זין נעמען ירושה און די טעכטער זאָלן ווערן געשפּייזט (אויסגעהאַלטן, ביז זיי האָבן חתונה אָדער ביז זיי ווערן אויפגעוואַקסן) און ביי ווייניג פאַרמעגנס זאָלן די טעכטער ווערן געשפּייזט (פון די פאַרמעגנס), און די זין זאָלן גיין איבער די הייזער (על הפתחים, איבער די טירן). **דער ברטנורא ברענגט אויפן יסוד פון דער גמרא צוויי טייטשן וואָס מען מיינט**

והבנים יחזרו על הפתחים. אדמון אומר, בשביל שאני זכר הפסדתי? אָמר רבן גמליאל, רואה אני את דברי אדמון:

ד. הטוען את חברו כדי שמן, והודה בקנקנים, אדמון אומר, הואיל והודה במקצת הטענה ישבע. וחכמים אומרים, אין זו הודאה ממין הטענה. אָמר רבן גמליאל רואה אני את דברי אדמון:

ה. הפוסק מעות לחתנו, ופשט לו את הרגל, תשב עד שילבין ראשה. אדמון אומר, יכולה היא שתאמר, „אלו אני פסקתי לעצמי אשב עד שילבין ראשי, עכשיו שאבא פסק עלי, מה אני יכולה לעשות?

מיט „ווייניק פארמעגנס" (נכסים מועטין), איין טייטש איז, אז עס איז ניט פאראן אויסצוהאלטן 12 חדשים די זין און די טעכטער; דער צווייטער טייטש (פון רמבם) אז עס איז ניט פאראן אויסצוהאלטן די זין און די טעכטער ביז די טעכטער ווען ווערן אויפגעוואקסן. אדמון זאָגט (אז יעדער פון די זין קאָן טענהן): „צי דערפאר ווייל איך בין א זכר (א זון) דארף איך היזק האָבן? א זון איז דאָך מער יחסן פון א טאָכ־טער, ווארום ווען עס איז דאָ א סך פארמעגן ירשענט ער דאָך דאָס פארמעגנס, צי איז זשע עס א יושר, אז דאריבער זאָל ער היזק האָבן אינגאנצן ווען די פארמעגנס זענען ווייניק? אָמר רבן גמליאל ,האָט רבן גמליאל גוזאָגט: „מיר געפעלן די ווערטער פון אדמון". „רואה אני", „איך זע", מיינט דאָ „מיר געפעלן". רבן גמליאל האלט ווי אדמון.

ד. הטוען, אז איינער מאָנט ביי אן אנדערן אז ער זאָל אים אָפגעבן קרוגן אייל (וואָס אים קומט), און יענער איז אים מודה אז אים קומט נור די קרוגן (אָן אייל), זאָגט אדמון, אז ווייל ער איז מודה אין א טייל פון דער טענה, דארף ער שווערן. עס איז פאַ־ראן די הלכה, אז „מודה במקצת הטענה ישבע", אז איינער איז מודה אין א טייל פון דער טענה וואָס אן אנדערער מאָנט ביי אים, דארף ער שווערן, אז מער קומט יענעם ניט. למשל אז ראובן מאָנט ביי שמעון צען קרוגן, און שמעון איז מודה, אז עס קומט אים 5 קרוגן, דארף ער שווערן, אז די אנדערע 5 קרוגן קומט אים ניט. די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען, אז ער האָט געמאָנט צען „כדי שמן", זאָגט אדמון אז דערמיט האָט ער געמאָנט צען קרוגן מיט אייל, דאָס הייסט, סיי די קרוגן און סיי דעם אייל. ווען דער אנדערער האָט אים מודה געווען אז עס קומען אים די קרוגן („קנקנים" איז דאָס זעלבע וואָס „כדים", קרוגן), האָט ער דאָך מודה געווען אין א טייל פון דער טענה, און ער דארף דאריבער שווערן. וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז דאָס הייסט ניט מודה געווען אין דעם סאָרט (מין) פון דער טענה. די חכמים האלטן אז מיט 10 „כדי שמן" מיינט מען, אז ער האָט ביי אים געמאָנט נור אייל, וויפיל עס גייט אריין אין 10 קרוגן, אָבער ער האָט ניט געמאָנט ביי אים אויך די קרוגן. דאריבער אז יענער איז מודה, אז עס קומט אים די קרוגן, האָט ער דאָך ניט מודה געווען קיין טייל פון דעמזעלבן סאָרט פון דער טענה ,מחמת די טענה, דאָס מאָנען, איז דאָך געווען אויף אייל, און ער האָט אים מודה געווען אויף קרוגן, דאריבער דארף ער ניט שווערן. אָמר, האָט רבן גמליאל גוזאָגט, מיר געפעלן די ווערטער פון אדמון. אויך דאָ האלט רבן גמליאל מיט אדמון.

ה. הפוסק, אז איינער זאָגט צו געלט (נדן) זיין איידעם און (נאָכדעם ווי דער איידעם האָט מקדש געווען די טאָכטער, אָבער ער האָט נאָכניט חתונה געהאט מיט איר) האָט ער (דער שווער) אים אויסגעצויגן דעם פוס (ער האָט אים ניט געוואָלט באַ־צאָלן דעם נדן), זאָל זי (די טאָכטער זיצן ביז איר קאָפּ וועט ווייס ווערן (ביז זי וועט ווערן גראָ). דער איידעם האָט דאָס רעכט ניט חתונה צו האָבן מיט דער טאָכטער און אויך ניט גטן איר ביז דער שווער וועט אים באצאָלן דעם נדן. דער אויסדרוק „פשט לו את הרגל", „ער האָט אים אויסגעצויגן דעם פוס" ווערט געטייטשט דורך דעם רמבם, אז ער איז אוועק אין א ווייטן וועג. לויט אנדערע זאָל עס מיינען, אז ער זאָגט

או כנוס, או פטור״. אמר רבן גמליאל, רואה אני את דברי אדמון:

ו. העורר על השדה, והוא חתום עליה בעד, אדמון אומר (יכול הוא שיאמר), „השני נוח לי, והראשון קשה הימנו״. וחכמים אומרים, איבד את זכותו. עשאה סימן לאחר, איבד את זכותו:

ז. מי שהלך למדינת הים, ואבדה דרך שדהו, אדמון אומר ילך בקצרה. וחכמים אומרים יקנה לו דרך במאה מנה, או יפרח באויר:

אים, אז ער האָט ניט צו באצאָלן און „הענג מיך אויף ביים פוס״. אדמון זאָגט, אז זי (די טאָכטער) קאָן זאָגן (צום מאַן): ווען איך וואָלט געווען צוגעזאָגט פאר מיר (אז איך וועל באצאָלן דעם נדן), מוז איך זיצן ביז מיין קאָפּ וועט ווייס ווערן, אָבער איצט אז מיין טאטע האָט צוגעזאָגט פאר מיינעטוועגן, וואָס קאָן איך טאָן? אָדער האָב חתונה (מיט מיר) אָדער באפריי מיך (גיב מיר א גט)!״ האָט רבן גמליאל געזאָגט: מיר געפעלן די ווערטער פון אדמון. **זי קאָן, הייסט עס, צווינגען דעם מאַן אָדער חתונה צו האָבען מיט איר אָדער איר צו גט׳ן.**

ו. העורר, אז איינער האָט א טענה אויף א פעלד (דאָס פעלד האַלט למשל ראובן, און שמעון טענהט, אז דאָס פעלד איז זיינס, שמעון׳ס), און ער (שמעון) איז דערויף געחתמעט אלס א עדות (ראובן האָט דאָס פעלד געקויפט פון לוי און ער האָט א שטר, אז ער האָט דאָס פעלד געקויפט, און שמעון איז געחתמעט אויפן קויף־שטר אלס עדות), זאָגט אדמון, אז ער (שמעון) קאָן זאָגן: דער צווייטער (ראובן) איז פאר מיר בעסער, און דער ערשטער (לוי) איז פאר מיר שווערער פון אים (פון ראובנען). **דאָס הייסט, שמעון קאָן זאָגן: באמת איז דאָס פעלד מיינס, און לוי האָט עס ביי מיר צוגעגזלט, איי פארוואָס האָב איך מיך אונטערגעשריבן אלס א עדות, ווען לוי, דער גזלן האָט עס פארקויפט צו ראובנען ? דאָס האָב איך געטאָן, ווייל לוי איז א שווערער מענטש און עס איז מיר שווערער געווען ביי אים צו מאָנען, אָבער ראובן איז א לייכטערער מענטש, און איך האָב געוואוסט, אז ביי ראובנען וועט מיר זיין לייכטער צו מאָנען.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז ער האָט פארלוירן זיין רעכט. **דערמיט וואָס שמעון האָט זיך אונטערגעשריבן אלס א עדות האָט ער פארלוירן זיין רעכט צו מאָנען דאָס פעלד, ווייל דערמיט האָט ער מודה געווען, אז ער האָט ניט צו דעם פעלד קיין שייכות.** עשאה, אויב ער האָט דאָס (פעלד) געמאכט א צייכן צו אן אנדערן, האָט ער פארלוירן זיין זכות. **אויב שמעון האָט פארקויפט צו אן אנדערן, צו יהודה, זיינס א פעלד וואָס ליגט בשכנות מיטן דאָזיקן פעלד, און שמעון האָט אין פארקויף־שטר איינגעשריבן אז דאָס פארקויפטע פעלד ליגט לעבן ראובן׳ס פעלד, (צו וועלכעס ער האָט א טענה) האָט ער פארלוירן זיין רעכט צו טענהן אז דאָס פעלד איז זיינס; דערויף איז אויך אדמון מודה. אזוי טייטשט תוספות.**

ז. מי שהלך, אויב איינער (וועלכער האָט א פעלד) איז אוועק אין א וויטן לאנד, און (ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער געזען אז) עס איז פארלוירן געגאנגען דער וועג וואָס פירט צו זיין פעלד (איינער פון די בעלי בתים פון די בשכנות־ליגנדיקע פעלדער פון אלע פיר זייטן האָט עס צוגענומען, און ער געדענקט ניט וואו עס איז געווען), זאָגט אדמון, אז ער זאָל גיין מיטן קלענסטן. **ער זאָל זיך אויסקלייבן אין די אלע פעלדער דעם קלענסטן וועג צו זיין פעלד. ער קאָן צווינגען, אז מען זאָל אים געבן א וועג.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז אָדער ער זאָל זיך קויפן (ביי די שכנים) א וועג (און אפילו) פאר הונדערט מאָל הונדערט גולדן, אָדער ער זאָל פליען (צו זיין פעלד) אין דער לופט. **ער קאָן ניט צווינגען. די גמרא זאָגט, אז אויב די פעלדער ארום געהערן צו 4 מענטשן האַלט אויך אדמון, אז ער קאָן ניט צווינגען; און אויב זיי געהערן צו איין מענטש, האַלטן אויך די חכמים, אז ער קאָן אים צווינגען, מחמת ביי אים איז דאָך פאראַן דער פארלוירענער וועג. די משנה דאָ מיינט, אז די 4 פעלדער געהערן טאקע צו איין מענטש אָבער דער דאָזיקער מענטש האָט זיי אָפּגעקויפט פון 4 מענטשן. דערויף זאָגט**

ח. המוציא שטר חוב על חברו, והלה הוציא שמכר לו את השדה, אדמון אומר, יכול הוא שיאמר, „אלו הייתי חייב לך, היה לך להפרע את שלך, כשמכרת לי את השדה״. וחכמים אומרים, זה היה פיקח, שמכר לו את הקרקע, מפני שהוא יכול למשכנו:

ט. שנים שהוציאו שטר חוב זה על זה, אדמון אומר „אלו הייתי חייב לך, כיצד אתה לוה ממני״. וחכמים אומרים, זה גובה שטר חובו, וזה גובה שטר חובו:

י. שלש ארצות לנשואין: יהודה, ועבר הירדן, והגליל. אין מוציאין מעיר לעיר ומכרך לכרך אבל באותה הארץ מוציאין מעיר לעיר ומכ-

---

אדמון, אז ווייל זיי געהערן צו איין מענטש, קאָן ער אים צווינגן צו געבן אים א וועג, און די חכמים זאָגן, אז דער מענטש קאָן אים זאָגן: אויב דו שוויגסט איז גוט, און אויב ניט וועל איך צוריקגעבן די קויף-שטרות צו די פריערדיקע בעלי בתים, און ביי זיי וועסטו ניט קאָנען מאָנען.

ח. המוציא, אז איינער (ראובן) ברענגט א וועקסל (א שטר חוב) אויף א צווייטן (אויף שמעון, אז שמעון איז אים שולדיג געלט) און דער דאָזיקער (שמעון) ברענגט (א קויף שטר), אז ער (ראובן) האָט אים (שמעונען) פארקויפט זיין פעלד (און גענומען פון אים דערפאר געלט), זאָגט אדמון, אז ער (שמעון) קאָן זאָגן: „ווען איך וואָלט דיר שולדיק געווען געלט, האָסטו געדארפן אָפּנעמען דיין (געלט) ווען דו האָסט מיר פאר־קויפט דאָס פעלד״. דאָס הייסט, דאמאָלס האָסטו דאָך געזען, אז איך האָב געלט, האָס־טו געדארפן ביי מיר צונעמען דאָס געלט פאר דעם חוב; נאָר איך בין דיר ניט שולדיק, און דער וועקסל איז פאלש, אָדער שוין באצאָלט: וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז דער (ראובן) איז געווען א קלוגער (פיקח, א פאָרזיכטיקער), דערמיט וואָס ער האָט אים פארקויפט די ערד, מחמת ער וועט אים קאָנען פארמשכונען (נעמען דאָס פעלד פאר א משכון). די חכמים זאָגן, אז שמעון'ס טענה איז גאָרניט, ווייל ראובן האָט ביי זיך געקאָנט טראכטן, אז געלד צי אנדערע זאכן קאָן שמעון באהאלטן, דאריבער האָט ער אים פארקויפט דאָס פעלד, כדי ווען ער וועט ווען ער וועט ער עס קאָנען צונעמען ביי אים אלס משכון פאר זיין חוב.

ט. שנים, צוויי מענטשן (ראובן און שמעון) וועלכע ברענגען וועקסלען איינער קעגן אנדערן (ראובן האָט א וועקסל אז שמעון איז אים שולדיק געלט און שמעון האָט א שפּעטערדיקן וועקסל אז ראובן האָט שפּעטער געבאָרגט ביי אים געלט) זאָגט אדמון, אז (שמעון קאָן זאָגן צו ראובנען): אויב איך וואָלט דיר שולדיק געווען געלט ווי אזוי האָסטו שפּעטער געבאָרגט ביי מיר ? אזוי ווי מיר האָבן דאָ געגעבן דעם פּירוש אין דער משנה ווערט די משנה געטייטשט אין דער גמרא, דהיינו, אז איינעמס וועקסל איז פון א פריערדיקער צייט און דעם אנדערענס איז פון א שפּעטערדיקער צייט. וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז דער נעמט אָפּ פאר זיין וועקסל און דער נעמט אָפּ פאר זיין וועקסל. יעדער קאָן זיך מאָנען זיינס. — דערמיט האָבן זיך געענדיקט אין דער משנה די 7 הלכות, וועגן וועלכע אדמון איז מחולק מיט די חכמים.

י. שלש, דריי לענדער (זענען פאראַן אין ארץ ישראל) בנוגע חתונה האָבן. אויב איינער האָט חתונה מיט א פרוי אין איינעם פון די דאָזיקע דריי לענדער קאָן ער זי ניט צווינגן אז זי זאָל מיט אים גיין וואוינען אין איינעם פון די איבריקע צוויי לענדער. די דאָזיקע דריי לענדער זיינען: יהודה און עבר הירדן און דער גליל. דער דרום־טייל פון ארץ ישראל האָט געהייסן „יהודה״, דער צפון טייל פון ארץ ישראל האָט געהייסן „גליל״, און די פּראָווינץ, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון טייך ירדן האָט געהייסן „עבר הירדן״ (יענע זייט פון ירדן). אין מוציאין, מען קאָן ניט צווינגן (א מאן קאָן ניט צווינגן זיין פרוי) אריבערצוציען זיך (פון יהודה קיין גליל צי קיין עבר הירדן, צי פון גליל אָדער עבר הירדן קיין יהודה, צי פון גליל אין עבר הירדן, צי

רך לכרך, אבל לא מעיר לכרך ולא מכרך לעיר. מוציאין מנוה הרעה לנוה היפה, אבל לא מנוה היפה לנוה הרעה. ר' שמעון בן גמליאל אומר אף לא מנוה רעה לנוה יפפה, מפני שהנוה היפה בודק:

יא. הכל מעלין לארץ ישראל, ואין הכל מוציאיןהכל מעלין לירושלים, ואין הכל מוציאין. אחד האנשים ואחד הנשים. נשא אשה בארץ ישראל וגירשה בארץ ישראל, נותן לה ממעות ארץ ישראל. נשא אשה

פון עבר הירדן קיין גליל אפילו) פון איין שטאָט אין אַן אנדערער שטאָט, אָדער פון איין גרויסער שטאָט (כרך) אין אַן אנדערער גרויסער שטאָט. **אויב זיי וואוינען אין איין לאנד אין א קלענערער שטאָט און דער מאַן וויל צווינגן זיין פרוי איבערצוציען זיך אין אַן אנדער לאנד אין א גרויסער שטאָט, אָדער פון א גרעסערער שטאָט אין א קלענערער שטאָט, קאָן ער אודאי ניט. נאָר אפילו פון א קליינער שטאָט אין א קליינער שטאָט, אָדער פון א גרויסער שטאָט אין א גרויסער שטאָט קאָן ער אויך ניט, אויב עס איז אין אַן אנדער לאנד** (וועגן וואָרט „כרך", **אלס גרויסע שטאָט זע אין מסכתא ברכות פרק** ט' משנה ט'). אבל, אָבער אין זעלבן לאנד קאָן ער (זי צווינגן) איבערצוציען פון איין שטאָט אין אַן אנדערער שטאָט, אָדער פון איין גרויסער שטאָט אין אַן אנדערער גרויסער שטאָט; אָבער (ער קאָן זי ניט צווינגן איבערצוציען זיך) פון א (קליינער) שטאָט אין א גרויסער שטאָט, און ניט פון א גרויסער שטאָט אין א (קליינער שטאָט). **די גמרא זאָגט, אז די גרויסע שטאָט האָט מעלות, מחמת מען קריגט דאָרט אלץ; און זי האָט חסרונות, עס איז שווער דאָרט צו וואוינען מחמת עס איז ענג, עס איז ניטאָ קיין לופט. אויך די קליינע שטאָט האָט מעלות, וואָס עס איז געררים, לופטיק, און זי האָט חסרונות, מחמת מען קריגט ניט דאָרט וואָס מען וויל, דעריבער קאָן מען די פרוי ניט צווינגן צו טוישן איר וואוינונג ניט פון א קליינע שטאָט אין א גרויסער און ניט פון א גרויסער אין א קליינער.** מוציאין, מען קאָן צווינגן (די פרוי) איבערצוציען זיך פון א שלעכטער געגנט (נוה, א וואוין־געגנט) אין א גוטער געגנט, אָבער ניט פון א גוטער געגנט אין א שלעכטער געגענט. ר' שמעון בן גמליאל זאָגט, אז (מען קאָן ניט צווינגן איבערצוציען זיך) אויך ניט פון א שלעכטער געגנט אין א גוטער געגנט, ווייל די גוטע געגנט מאכט א ווירקונג. **דאָס וואָרט „נוה" טייטשן טייל „וואוינונג", און מען קאָן עס אויך טייטשן „וואוין־געגנט". ר' שמעון בן גמליאל האלט, אז טיילמאָל איז די פרוי אזוי צוגעוואוינט צו א ערגערער געגנט (אָדער וואוינונג) אז ווען זי ציט זיך איבער אפילו אין א בעסערער ווירקט עס שלעכט אויף איר געזונט. „בודק", אונטערזוכן, ווירקן. די גמרא זאָגט דערויף אז „שינוי וסת תחילת חולי מעיים, אז ענדערן דעם לעבנס־שטייגער, אפילו צום בעסערן, ווירקט שלעכט און מאכט קראנק דעם מאָגן.**

יא. הכל, אלע קאָן קאָן מען צווינגן ארויפצוגיי'ן (צו באזעצן זיך) אין ארץ־ישראל, אָבער מען קאָן קיינעם ניט צווינגן ארויסצוציען זיך (פון ארץ ישראל). **א מאַן קאָן צווינגן זיין ווייב און קינדער, מיט וועלכע ער וואוינט אין חוץ לארץ, צו באזעצן זיך מיט אים אין ארץ ישראל, און אפילו ווען זיי האָבן אין חוץ לארץ א בעסערע וואוינונג, און אין ארץ ישראל וועלן זיי האָבן א ערגערע וואוינונג; און אויב ער האָט א יידישן קנעכט קאָן ער אים צווינגן מיטצופאָרן מיט אים קיין ארץ ישראל. די גמרא זאָגט, אז אפילו ווען אין חוץ לארץ וואוינט דער מאַן מיט זיין פאמיליע אין א שטאָט מיט א רוב יידן, און אין ארץ ישראל וועט ער מוזן וואוינען אין א שטאָט מיט א רוב גויים, קאָן ער אויך צווינגן זיין ווייב און פאמיליע צו באזעצן זיך מיט אים אין ארץ ישראל. פארקערט, אויב דער מאַן וויל פארלאָזן ארץ ישראל, קאָן ער ניט צווינגן זיין ווייב און פאמיליע אָדער קנעכט צו באזעצן זיך מיט אים אין חוץ לארץ.** הכל מעלין לירושלים, אלע קאָן מען צווינגן ארויפצוגיין קיין ירושלים (צו באזעצן זיך אין ירושלים) און מען קאָן (קיינעם ניט צווינגן) ארויסצוציען זיך (פון ירושלים). **ירושלים איז היי־**

בארץ ישראל וגירשה בקפוטקיא, נותן לה ממעות ארץ ישראל. נשא אשה בקפוטקיא וגירשה בארץ ישראל, נותן לה ממעות ארץ ישראל. ר׳ שמעון בן גמליאל אומר, נותן לה ממעות קפוטקיא. נשא אשה בקפוטקיא, וגירשה בקפוטקיא, נותן לה ממעות קפוטקיא:

סליק מסכת כתובות

ליקער פון יעדן אנדערן אָרט אין ארץ ישראל, און א מאן קאָן צווינגען זיין ווייב, מיט וועלכער ער וואוינט אין אן אנדער אָרט אין ארץ ישראל, צו באזעצן זיך מיט אים אין ירושלים; אָבער אויב ער וויל פארלאָזן ירושלים, קאָן ער זי ניט צווינגען צו באזעצן זיך אין אן אנדער אָרט אין ארץ ישראל. אחד, (דער דין פון פריער איז) סיי ביי מענער און סיי ביי פרויען. אויב דער מאן וויל זיך באזעצן אין ארץ ישראל צי אין ירושלים און דאָס ווייב וויל ניט, קאָן ער איר געבן א גט אָן א כתובה. אויב דאָס ווייב וויל זיך באזעצן אין ארץ ישראל אָדער אין ירושלים און דער מאן וויל ניט, מוז ער איר געבן א גט און באצאָלן די כתובה. נשא, אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט א פרוי אין ארץ ישראל און ער האָט זי גע׳גט אין לאנד קפוטקיא, באצאָלט ער איר (דאָס כתובה געלט) מיט געלט פון ארץ ישראל. אויב ער האָט חתונה געהאט מיט א פרוי אין קפוטקיא און ער האָט איר געגט אין ארץ ישראל, באצאָלט ער איר (די כתובה) מיט געלט פון ארץ ישראל. „קפוטקיא״ (לייען „קאפאטקיא״), און טייל נוסחאות „קפוד־קיא״, איז (לויט דער מיינונג פון טייל חוקרים) דאָס לאנד „קאפאדאָציע״ (אָדער ווי עס האָט געהייסן אין דער גריכישער שפראך קאָפּאטאָקעס״), וואָס איז געלעגן אין קליין־אזיע. אין דער גמרא ווערט דאָס לאנד געבראכט א סך מאָל, און אין ירושלמי (למשל פאה פרק א׳) ווערן געבראכט נעמען פון אמוראים, וועלכע האָבן פון דאָרט געשטאמט (למשל ר׳ יודן קפוטקיא און אנדערע אין ירושלמי). דער תרגום אין דברים ב׳, כג זעצט איבער „כפתור״ — „קפוטקיא״. און טייל מיינען אז עס איז אן אינזל ביי מצרים. די געלטער פון קפוטקיא זענען געווען גרעסערע און און שווערערע, און זייזיינען ווערט געווען מער; זאָגט די משנה, אז סיי ער האָט חתונה געהאט אין ארץ ישראל און געגט אין קפוטקיא און סיי חתונה געהאט אין קפוטקיא און גע׳גט אין ארץ ישראל, קאָן ער איר באצאָלן מיט די קלענערע ארץ ישראלגעלטער, ווייל די גאנ־צע כתובה איז נור מדרבנן, און דאריבער האָט מען מיקל געווען. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז ער זאָל איר באצאָלן מיט געלט פון קפוטקיא. ווייל ער האלט, אז די כתובה איז א דין פון דער תורה, מדאורייתא, און מען איז מחמיר, און ער דארף איר באצאָלן מיט דעם טייערן געלט. נשא אשה בקפטקיא, אויב איינער האָט חתונה געהאט מיט א ווייב אין קפוטקיא און ער האָט זי גע׳גט אין קפוטקיא, דארף ער איר באצאָלן (די כתובה מיט געלט פון קפוטקיא. דאביי זענען אלע מודה, אז ער דארף צאָלן מיט קפוט־קיא געלט, און ער קאָן ניט זאָגן, אז ער האָט געמיינט ביים שרייבן די כתובה צו צאָלן מיט ארץ ישראל געלט.

(סליק מסכת כתובות — געענדיגט די מסכתא כתובות)

מסכת נדרים

פרק א.

א. כל כנויי נדרים כנדרים, וחרמים כחרמים, ושבועות כשבועות,

מ ס כ ת נ ד ר י ם

הקדמה

די מסכתא נדרים, וואָס האָט עלף פּרקים, לערנט די דינים וועגן נדרים. און כדי מען זאָל בעסער פאַרשטיין די הלכות אין דער משנה, וועלן מיר געבן אין דער הקדמה עטליכע דערקלערונגען.

די תורה זאָגט (במדבר ל', ג') אז א מענטש קאָן אסרן אויף זיך ניט צו טאָן עפּסי; ער קאָן עס אסרן דורך א „נדר", אָדער דורך א „שבועה". דער יסוד, ווי אזוי מען אסרט מיט א נדר איז ווען מען זאָגט דאָס וואָרט „קרבן". למשל ווען איינער זאָגט „ככר זה עלי קרבן", „דער דאָזיקער ברויט זאָל זיין אויף מיר ווי א קרבן", טאָר ער דאָס ברויט ניט עסן. עס איז ווי א קרבן. אויב ער עסט עס יאָ איז ער עובר אויף „לא יחל דברו", ער זאָל ניט פאַרשוועכן זיין וואָרט. אָבער מען קאָן זיך אסרן אויך מיט אנדערע ווערטער, ניט דוקא מיט א קרבן, למשל, מען קאָן זאָגן דאָס וואָרט „קונם"; דאָס איז אזא נאָמען-צייכן, א צו-נאָמען, א פאַרדרייטער נאָמען, א „כינוי" (צייכן) פון וואָרט קרבן, און אויב איינער זאָגט „קונם ככר זה עלי", „קונם דאָס דאָזיקע ברויט אויף מיר", איז ווי ער וואָלט געזאָגט „קרבן", און ער טאָר דאָס ברויט ניט עסן. א מענטש קאָן אסרן אויף זיך ניט דוקא זיינס א אייגענע זאַך, למשל ער קאָן זאָגן צו איינעם „קונם שלא אוכל לך", „איך טו א נדר (אזוי ווי א קרבן) אז כ'זאָל ביי דיר ניט עסן", טאָר ער ביי אים ניט עסן. א מענטש קאָן אויך אסרן זיינס א זאַך אויף א צווייטן מענטש. למשל ער קאָן זאָגן צום צווייטן „קונם ככר זה עליך", „דער דאָזיקער ברויט (וועלכער איז מיינער) זאָל זיין אויף דיר אסור ווי א קרבן", טאָר שוין דער צווייטער דאָס ברויט ניט עסן. אָבער א מענטש קאָן ניט אסרן ניט זיינס א זאַך אויף אַן אנדערן מענטש. למשל, אויב דאָס ברויט איז ניט זיינס, קאָן ער ניט זאָגן צו א צווייטן מענטש „דאָס ברויט זאָל אויף דיר זיין אסור ווי א קרבן".

די משנה לערנט, אז מען קאָן אסרן מיט א נדר ניט נור ווען מען זאָגט דאָס וואָרט „קרבן", אָדער דעם „כינוי", דעם צייכן-נאָמען „קונם", נאָר אויך ווען מען האָט עס ניט-דערזאָגט, אָבער מען פאַרשטייט אז אזוי האָט ער געמיינט, איז עס אויך א נדר. למשל ווען איינער זאָגט צום צווייטן „מודר אני ממך שאיני אוכל לך", „איך בין אין א נדר פון דיר אז איך וועל ניט עסן דיינס", הייסט עס אויך ווי ער וואָלט דערזאָגט דאָס וואָרט „קרבן". די דאָזיקע ניט-דערזאָגטע נדרים רופט אָן די גמרא „ידות", „הענטלעך", עס איז ניט דער „קרבן" אליין, עס איז דאָס „הענטל" פון וואָרט „קרבן" וואָס מען האָט ניט ארויסגעזאָגט.

אויב איינער האָט געטאָן א נדר קאָן ער גיין צו א חכם, צו א רב, אָדער צו דריי פּשוטע מענטשן, און לאָזן זיך מתיר נדר זיין. דאָס הייסט „שאלה". אויב א יונגע טאָכטער ניט עלטער פון 12 יאָר מיט 6 חדשים טוט א נדר, און איר פאָטער דער־הערט וועגן דעם, קאָן ער אין טאָג ווען ער דערהערט, צעשטערן דער טאָכטער דעם נדר, זאָגן אז דער נדר ווערט פון איצט אָן אויס נדר. דאָס הייסט „הפרה", צעשטערן, „מיפר זיין". אויך א מאַן קאָן צעשטערן (מיפר זיין) די נדרים פון זיין ווייב אין טאָג ווען ער דערהערט וועגן זיי. אויב א יינג מיידל (ניט עלטער פון 12 יאָר מיט 6 חדשים), וואָס א מאַן האָט זי מקדש געווען און נאָכניט חתונה געהאַט מיט איר, און זי הייסט דאדורך „נערה המאורסה", טוט א נדר, קאָנען נור ביידע, אי איר פאָ־טער אי איר מאַן, צעשטערן אירע נדרים.

די פּרטים וועגן די אַלע נדרים-הלכות ווערן געלערנט אין דער מסכתא נדרים.

פרק א.

א. כל, אַלע נאָמען־צייכנס (כינויים, צו־נעמען) פון נדרים זענען אזוי ווי די

ונזירות כנזירות. האומר לחבירו, מודרני ממך, מופרשני ממך, מרוחקני ממך שאיני אוכל לך, שאיני טועם לך, אסור. מנודה אני לך, רבי עקיבא היה חוכך בזה להחמיר. כנדרי רשעים, נדר בנזיר ובקרבן

נדרים, און (די כינויים, די נאָמען־צייכנס) פון חרמים זענען אזוי ווי חרמים, און (די נאָמען־צייכנס כינויים) פון שבועות זענען אזוי ווי שבועות, און (די נאָמען־צייכנס, כינויים) פון נזירות זענען ווי נזירות. „חרם", „חרמים", איז אויך דאָסזעלביקע וואָס „נדר", „נדרים", ער אסרט אויף זיך א זאך. „שבועה" „שבועות", הייסט, אז ער שווערט אז ער זאָל ניט טאָן א זאך; ער זאָגט עס מיטן וואָרט „שבועה", למשל „שבועה שלא אוכל", „איך שווער אז איך זאָל ניט עסן". „נזיר", „נזירות", הייסט ווען איינער זאָגט וועגן זיך „הריני נזיר", „איך זאָל זיין א נזיר", איז דער דין אז (לפּחות 30 טעג) טאָר ער ניט טרינקן קיין וויין, ניט אָפּשערן זיך די האָר און ניט מטמא זיין זיך צו א טויטן מענטש. זאָגט די משנה, אז ביי די אלע זאכן, ביי נדרים, חרמים, שבועות און נזירות, איז אפילו ער זאָגט נור די נאָמען־צייכנס דערפון, די כינויים, איז שוין אויך געגוג. וואָס מען מיינט מיט נאָמען־צייכנס פון די אלע זאכן וועט די משנה לערנען ווייטער אין משנה ב'. פּרטים וועגן די דינים פון שבועות געבן מיר אין דער הקדמה צו מסכתא שבועות און וועגן נזירות אין דער הקדמה צו מסכתא נזיר. — די גמרא זאָגט, אז דאָ אין דער משנה פעלן עטליכע ווערטער, און זי דאַרף זיך אָנהויבן מיט „כל ידות נדרים כנדרים", „אלע הענטלעך פון נדרים האָבן דעם דין ווי נדרים", וואָרום באלד דאָ אין דער משנה א' וועט די משנה לערנען די דינים פון „ידות", פון „הענטלעך", פון ניט־דערזאָגטע נדרים, ווי מיר האָבן דערקלערט אין דער הקדמה צו דער מסכתא נדרים. די דאָזיקע הענטלעך, ידות זענען: „האומר אז איינער זאָגט צו אן אנדערן: „איך בין אין א נדר פון דיר, (אָדער) איך בין אָפּגעשיידט פון דיר, (אָדער) איך בין אָפּגעווייטערט פון דיר, אז איך זאָל ניט עסן פון דיינס און ניט פארזוכן פון דיינס", איז ער אסור. דאָס הייסט א נדר, און ער טאָרניט עסן און ניט טועם זיין פון דעם אנדערנס זאכן. די משנה, מיינט דאָ, אז ער האָט געזאָגט „איך בין אין נדר פון דיר אז איך זאָל ניט עסן פון דיינס און ניט פארזוכן פון דיינס", אָדער „איך בין אפּגעשיידט פון דיר אז איך זאָל ניט עסן פון דיינס און ניט פארזוכן פון דיינס", אָדער „איך בין אָפּגעווייטערט פון דיר אז איך זאָל ניט עסן פון דיינס און ניט פארזוכן פון דיינס". דאָס הייסט „ידות", הענטלעך, ווייל ער האָט דאָך ניט געזאָגט דאָס וואָרט „קרבן"; נאָר עס איז ווי מען נעמט אָן ביי א הענטל און עס ציט־נאָך די גאנצע זאך, אזוי איז אויך דאָ: די ווערטער „מודרני", „מופרשני", „מרוחקני", מיינען אז ער איז „אין נדר", „אָפּגעשיידט", „אָפּגעווייטערט", אזוי ווי פון א קרבן. די ווערטער „מודרני", „מופרשני" און „מרוחקני" איז אזוי ווי „מודר אני" (איך בין אין נדר), און „מופרש אני", „מרוחק אני". מנודה, (אויב איינער זאָגט צו אן אנדערן): „איך בין צו דיר אין „נידוי" (א לייכטן חרם) האָט ר' עקיבא זיך געוואקלט מחמיר צו זיין. ר' עקיבא האָט ניט געוואָלט זאָגן בפירוש אז דאָס הייסט א נדר, כאָטש ער האָט ביי זיך געהאלטן, אז עס דאַרף זיין אסור. „חוכך" טייטשן די מפרשים פון „חכך", רייבן, מאכן מיט די ליפּן, איינע אין דער אנדערער, ניט וועלנדיק ארויסזאָגן עס בפירוש. „מנודה" איז פון וואָרט „נידוי", דאָס איז געווען א לייכטער חרם, אין וועלכן מען האָט געלייגט א מענטש; מען האָט זיך געמוזט האלטן פון אים פונדערווייטנס. כנדרי רשעים, (אז איינער זאָגט: „אויב איך וויל עסן דאָס דאָזיקע ברויט, זאָל איך נעמען אויף זיך אזוי) ווי די נדרים פון שלעכטע מענטשן (רשעים, וואָס זיירע נדרים זענען צו זיין א נזיר און צו ברענגען א קרבן און צו שווערן)", האָט ער א נדר געטאָן צו זיין א נזיר און צו ברענגען א קרבן און ער האָט געשוואוירן. און אויב ער האָט געגעסן דעם ברויט, איז ער מחויב צו זיין א נזיר דרייסיק טעג, און ער איז מחויב צו ברענגען אין בית המקדש א קרבן עולה (א שעפּסל, וואָס ווערט אינגאנצן פארברענט אויפן מזבח), און עס קומט

ובשבועה. כנדרי כשרים, לא אמר כלום. כנדבותם, נדר בנזיר ובקרבן:
ב. האומר לחבירו, קונם, קונח, קונס, הרי אלו כינויין לקרבן. חרק, חרך, חרף, הרי אלו כנויין לחרם. נזיק, נזיח, פזיח, הרי אלו כנויין לנזירות. שבותה, שקוקה, נדר במותא, הרי אלו כנויין לשבועה:
ג. האומר (לא חולין לא אוכל לך), לא כשר, ולא דכי, טהור, וטמא,

אים מלקות (קלעפ) פאר האבן עובר געווען די שבועה ניט צו עסן דאס ברויט. דער טעם איז, ווייל שלעכטע מענטשן זענען לייכטזיניק און זיי זענען מנדר נדרים, און זיי זאגן לייכט אז זיי זאלן זיין נזירים, און זיי זאגן „איך נעם אויף מיר צו ברענגען א קרבן עולה", און זיי שווערן לייכט. **אבער פרומע מענטשן זענען פארזיכ־טיק דערמיט, און שווערן ניט קיינמאל ,און ווען זיי ווילן ברענגען א קרבן זאגן זיי ניט אין דעם לשון פונא נדר נאר אין לשון פון א נדבה „דאס שעפסל זאל זיין א קרבן", און אויך נזירים ווערן זיי זייער זעלטן.** כנדרי כשרים, אז ער האט געזאגט: אויב איך וועל עסן דאס דאזיקע ברויט נעם איך אויף זיך ווי די נדרים פון פרומע מענטשן (כשרים) האט ער גארניט געזאגט. **ווייל די פרומע מענטשן זענען ניט מנדר קיין נדרים.** כנדבותם, (אויב ער האט געזאגט: „אויב איך וועל עסן דאס דאזיקע ברויט זאל איך זיין ווי זייערע (די פרומע מענטשנס) נדבות (וועלכע זיי זיינען מנדב צו זיין נזירים און צו ברענגען א קרבן נדבה)", איז ער א נזיר און ער דארף ברענגען א קרבן נדבה). **אזוי טייטשט די דאזיקע שווערע משנה דער רמבם. טייל אנדערע מפרשים באמיען זיך איינצוטייטשן די משנה אנדערש, און זיי ברענגען ראיות דערצו פון דער גמרא.**

ב. האומר, אז איינער זאגט צו אן אנדערן: „קונם", אדער „קונח", אדער „קונס" (למשל „קונם, אז איך וועל ניט עסן ביי דיר, אדער „דאס דאזיקע ברויט זאל זיין אויף מיר קונם", צי „קונח", צי „קונס"), זענען דאס נאמען־צייכנס (כינויים) פאר „קרבן". **מיר האבן דאס שוין דערקלערט אין דער הקדמה, און אויך פריער אין משנה א׳. די גמרא זאגט, אז די אלע ווערטער זענען ווערטער וואס די גויים זאגן אנשטאט „קרבן" (לשונות של גויים). אין דער לעצטער צייט האט מען געפינען א קבר פון א מלך אין דער שטאט צידון, וועלכער באשווערט די מענטשן אז זיי זאלן ניט רירן דעם קבר, און ער זאגט דארט (אויף דער אלטער שפראך פון כנען, וואס איז אביסל ענליך צו לשון קודש) „קונמי" „איך באשווער".** חרק, חרך, חרף" זענען נאמען־צייכנס (כינויים) פאר חרם. **און אויב ער זאגט דאס דאזיקע ברויט איז אויף מיר חרך" טאר ער עס ניט עסן.** נזיק, (אז איינער זאגט וועגן זיך: „איך זאל זיין) „נזיק", אדער „נזיח", אדער פזיח", זענען זיי נאמען־צייכנס (כינויים) פאר „נזיר". **עס איז אזוי גוט ווי ער וואלט געזאגט „איך זאל זיין א נזיר", און ער ווערט דאדורך א נזיר.** „שבותה", אדער „שקוקה", אדער ער האט געשווארן ביי „מותא", זענען זיי נאמען־ציכן (כינויים) פאר „שבועה". **דאס הייסט אויב ער האט געזאגט „שבותה", אדער „שקוקה", אדער „במותא" איך זאל ניט עסן דאס דאזיקע ברויט", הייסט אזוי ווי ער וואלט געזאגט „שבועה, איך זאל ניט עסן דאס דאזיקע ברויט". דאס ווארט „מותא" זאל זיין אזוי ווי „מומתא", און דער ברטנורא ברענגט אז אין תרגום־לשון איז עס „שבועה".**

ג. האומר, אז איינער זאגט (צו אן אנדערן): „ניט קיין חולין, אז איך זאל ניט עסן פון דיינס", אדער „ניט כשר" (אז איך זאל ניט עסן דיינס), אדער ניט־מותר (לא דכי), אדער „טהור", אדער „טמא", אדער „נותר", אדער „פיגול", — איז אסור. **עס הייסט אזוי ווי ער וואלט געזאגט „עס זאל זיין ווי א קרבן", און ער טארניט עסן פון זיינס. איצט ווילן מיר דערקלערן באזונדער די ווערטער: „לא חולין", אין טייל גירסאות איז פאראן „לחולין שאוכל לך" און אונטער דער ערשטער „ל" פון „לחולין" דארף זיין פתח, און עס איז אזוי ווי „לא חולין" ,און עס איז דער טייטש,**

נותר, ופגול, אסור. כאימרא, כדירים, כעצים, כאישים, כמזבח, כהיכל, כירושלים, נדר באחד מכל משמשי המזבח, אף על פי שלא הזכיר קרבן, הרי זה נדר בקרבן. רבי יהודה אומר, האומר ירושלים, לא אמר כלום:

ד. האומר קרבן, עולה, מנחה, חטאת, תודה, שלמים, שאני אוכל

אז דאָס וואָס איך וויל עסן פון דיינס זאָל ניט זיין אזוי ווי חולין נאָר אזוי ווי „קרבן‟. א זאך וואָס איז ניט הייליק (קודש, אָדער קרבן) איז „חולין‟. ממילא הייסט „ניט־חולין‟ אזוי ער וואָלט געזאָגט: „עס זאָל זיין קרבן‟. „לא כשר‟ מיינט אויך „ניט־כשר‟, נאָר פסול, מחמת ביי א קרבן איז פאראן א פסולער קרבן. „לא דכי‟ איז דער טייטש „ניט ריין‟, און אויך „ניט מותר‟, און מען נעמט־אָן, אז ער האָט געמיינט דערמיט, אז עס זאָל זיין אזוי ניט מותר ווי א קרבן, וואָס מען טאָרניט עסן (אָדער ניט יעדער מעג אים עסן). „טהור‟ זאָגט דער ברטנורא אז מען מיינט, אז ער האָט געזאָגט „לא טהור‟, „ניט־ריין‟, און עס איז אזוי ווי ער וואָלט געזאָגט „טמא‟, און מען נעמט אָן אז ער האָט געמיינט דערמיט אז עס זאָל זיין ווי א קרבן וואָס איז טמא געוואָרן, און מען טאָר אים ניט עסן, „נותר‟, איבערגעבליבן, מיינט מען פלייש פון א קרבן, וואָס מען מעג אים עסן נור איין טאָג און א נאכט אָדער צוויי טעג און א נאכט, און עס איז געבליבן נאָך דער דאָזיקער צייט, און מען טאָר עס מער ניט עסן. „פיגול‟ מיינט מען פלייש פון א קרבן, וועגן וועלכן מען האָט ביים שעכטן אָדער ביים שפריצן דאָס בלוט אויפן מזבח צי ביי טייל אנדערע עבודות געהאט א פסולן געדאנק (צו עסן אים נאָך דער צייט ווען מען טאָר שוין ניט). אויב ער האָט געזאָגט, אז דאָס עסן זאָל זיין ווי נותר אָדער פיגול, ווי פסולע קרבן־פלייש, הייסט עס א נדר. כאימרא, (אויב ער האָט געזאָגט): ווי דאָס שעפסל (דאָס שעפסל וואָס מען ברענגט פאר קרבן), כדירים, ווי די קאמערן (די קאמערן אין בית־המקדש־הויף, וואו מען האלט דאָס הייליקע האָלץ פארן מזבח אָדער די שעפסלעך פאר א קרבן), כעצים, ווי די העלצער (וואָס מען לייגט ארויף אויפן מזבח), כאישים, ווי די פייערן (ווי די פייערן וואָס ברענען אויפן מזבח, אָדער די פייערן־קרבנות, אשה, אויפן מזבח) כהיכל, ווי די הייליקע געביידע פון בית המקדש (ווי די קרבנות, וואָס מען שפריצט זייער בלוט אויפן מזבח אין היכל), כירושלים, ווי ירושלים (ווי די קרבנות וואָס מען עסט זייער פלייש אין ירושלים, אָדער ווי די מויערן פון ירושלים, וואָס מען האָט געמאכט פון הייליקע שקלים־געלטער), (אָדער) ער האָט געטאָן א נדר ביי איינעם פון די (הייליקע כלים) וואָס באַדינען דעם מזבח (די גאָפּל, די בעקנס, די פייער־פאָנען), כאָטש ער האָט (ביי קיינעם פון די דערמאָנטע זאכן) ניט דערמאָנט דאָס וואָרט קרבן, הייסט עס ווי ער האָט א נדר געטאָן ביי א קרבן. דער ברטנורא זאָגט אז מען מיינט דאָ, אז ער האָט ביי יעדן פון די דאָזיקע זאכן צוגעגעבן דאָס וואָרט „שאוכל לך‟ („וואָס איך וועל עסן פון דיינס), למשל ער האָט געזאָגט „כאימרא, ווי דאָס שעפסעלע, וואָס איך וועל פון דיינס עסן‟. דאָס זעלביקע איז אויך אויב ער האָט געזאָגט „כאימרא, ככר זה עלי‟, ווי דאָס שעפסעלע איז אויף מיר דאָס דאָזיקע ברויט‟, הייסט א נדר. ר׳ יהודה זאָגט, אז איינער זאָגט „ירושלים‟ האָט ער גאָר־ניט געזאָגט. ר׳ יהודה האלט, אז מען דאַרף זאָגן „כירושלים‟, מיט א „כ‟ פון אָנהייב, וואָס איז דער טייטש „אזוי ווי ירושלים‟. אָבער דער ערשטער תנא אין דער משנה האלט, אז אויך אָן א „כ‟ איז דער נדר א גוטער.

ד. האומר, אז איינער זאָגט „קרבן‟, אָדער „עולה‟, אָדער „מנחה‟, אָדער „חטאת‟, אָדער „תודה‟, אָדער „שלמים‟ (און צו יעדן פון די דאָזיקע ווערטער האָט ער צוגעגעבן): „וואָס איך וועל עסן פון דיינס‟ (למשל „קרבן, וואָס איך וועל עסן פון דיינס), איז אסור. עס הייסט א נדר. „עולה‟ הייסט א קרבן וואָס מען פארברענט אינגאנצן אויפן מזבח. „מנחה‟ הייסט א קרבן פון מעל. „חטאת‟ הייסט א קרבן וואָס

לך אסור. ר׳ יהודה מתיר. הקרבן, כקרבן, קרבן שאוכל לך, אסור. לקרבן לא אוכל לך, ר׳ מאיר אוסר. האומר לחבירו, קונם פי מדבר עמך, ידי עושה עמך, רגלי מהלכת עמך, אסור:

פרק ב.

א. ואלו מותרין: חולין שאוכל לך, כבשר חזיר, כעבודה זרה, כעורות לבובין, כנבלות, כטרפות, כשקצים, כרמשים, כחלת אהרן, וכת-

---

מען ברענגט פאר טאָן א עבירה בשוגג. תודה הייסט א קרבן, וואָס מען ברענגט א דאנק צו גאָט ווען מען איז ניצול געוואָרן פון אן אומגליק. שלמים זענען קרבנות וואָס יעדער ישראל מעג עסן דערפון דאָס פלייש. דער דין איז, אז מען קאָן טאָן א נדר נור ביי אזא איסור־זאך (ווי א קרבן) וואָס מען קאָן מנדר זיין, דאָס הייסט, אז מען וויל איז מען אים מקדיש און מען ברענגט, און אז מען וויל ניט, ברענגט מען אים ניט. צוליב דעם וואָס ביי די דאָזיקע קרבנות זענען אויך פאראן אזעלכע וואָס טיילמאָל מוז מען זיי ברענגען, דאריבער לערנט די משנה אז עס איז יאָ א נדר, ווייל טיילמאָל קאָן מען זיי ברענגען נור ווען מען טוט א נדר. ר׳ יהודה איז מתיר. ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ג׳ האלט ר׳ יהודה אז מען מוז צוגעבן דעם „כ״, און אויב ער זאָגט ניט „כקרבן״ (אזוי ווי א קרבן) נאָר סתם „קרבן״ קאָן זיין אז ער שווערט „ביים לעבן פון קרבן״ און דאָס הייסט ניט קיין נדר. הקרבן, (אויב ער האָט געזאָגט): „קרבן״, אָדער „כקרבן״, אָדער „קרבן״ (און ער האָט צוגעגעבן צו יעדן פון זיי די ווערטער) „וואָס איך וויל עסן פון דיינס״, איז עס אסור. וועגן „כקרבן״, און „קרבן״ האָבן מיר שוין פריער געלערנט אז עס הייסט א נדר, און די משנה האָט דאָ געוואָלט לערנען אז אויך „הקרבן״ איז אויך א נדר, און אז ער האָט ניט געמיינט דערמיט „ביים לעבן פון קרבן״. לקרבן, (אויב איינער זאָגט): „לקרבן, איך זאָל פון דיינס ניט עסן״, איז ר׳ מאיר אסר׳ט. עס הייסט א נדר, ווייל ער האָט דערמיט געמיינט אז „דאָס עסן זאָל זיין צו א קרבן און דאריבער זאָל איך פון דיינס ניט עסן). האומר, אז איינער זאָגט צום אנדערן: „עס זאָל זיין קונם מיין מויל וואָס רעדט מיט דיר״, אָדער „(עס זאָל זיין קונם) מיין האנט וואָסארבייט פאר דיר״, אָדער „(עס זאָל זיין קונם) מיין פוס וואָס גייט פאר דיר״, איז עס אסור. ער טאָר מיט אים ניט רעדן און ניט ארבייטן פאר אים און ניט גיין פאר אים. כאָטש דער דין איז, אז א נדר איז ניט גוט אויף א זאך וואָס האָט ניט קיין ממש, און רעדן, אָדער טאָן אָדער גיין האָט דאָך ניט קיין ממש, פונדעסטוועגן ווייל ער האָט געזאָגט, אז דאָס מויל אָדער די האנט אָדער דער פוס זאָל זיין קונם, און דאָס מויל און די האנט און דער פוס האָבן דאָך א ממש, איז עס א נדר, דאָס מויל ווערט ווי א קרבן אסור צום רעדן, און די האנט צום ארבייטן און דער פוס צום גיין.

פרק ב.

א. אלו, און די דאָזיקע זענען מותר. אויב מען טוט א נדר ביי די דאָזיקע זאכן, וואָס די משנה וועט באלד געבן, איז עס ניט קיין נדר, און עס איז מותר. חולין, (אויב איינער זאָגט): „עס זאָל זיין חולין, וואָס איך וועל עסן פון דיינס״, אָדער (עס זאָל זיין) „ווי חזיר־פלייש״, אָדער „ווי עבודה זרה״, אָדער „ווי ארויסגעשניטענע הארץ־פעל־שטיקער״ (וואָס מען איז מקריב צו עובודה־זרה און מען טאָר זיי ניט עסן), אָדער „ווי נבלות״, אָדער „ווי טרפות״, אָדער „ווי שרצים״ אָדער ווי קריכנדע ווערם (רמשים), אָדער „ווי חלה (וואָס מען גיט) צום כהן״ (צו אהרן דעם כהן) „ווי זיין (דעם כהנ׳ס) תרומה (חלה און תרומה מעג עסן נור א כהן, און א ישראל טאָר זיי ניט עסן)—איז עס מותר. ס׳הייסט ניט קיין נדר. ביי א נדר דארף מען „מתפיס-זיין״ (אָננעמען איינס אין אנדערן, זאָגן אז „דאָס זאָל זיין ווי דאָס״) נור אין א זאך וואָס איז אסור ווייל מען האָט עס פריער מנדר געווען (דבר הנדור). למשל, ווען מען זאָגט אז „דאָס עסן זאָל זיין ווי א קרבן״. א קרבן איז פריער געווען מותר, נאָר

רומתו, מותר. האומר לאשתו „הרי את עלי כאמא״, פותחין לו פתח ממקום אחד, שלא יקל ראשו לכך. קונם שאיני ישן, שאיני מדבר, שאיני מהלך, האומר לאשתו „קונם שאיני משמשך״ הרי זה בלא יחל דברו. שבועה שאיני ישן, שאיני מדבר, שאיני מהלך, אסור:

ווען דער מענטש האָט עס מנדר געווען, מקדיש געווען, ער האָט געזאָגט „אז עס זאָל זיין א קרבן, הייליק״ ,איז עס געוואָרן אסור. אָבער למשל חזיר־פלייש האָט ניט דער מענטש געמאכט אסור דורך מנדר־זיין־עס, נאָר עס איז אסור, עס איז א דבר האסור, א זאך וואָס פון זיך אליין טאָר מען ניט עסן. דעריבער קאָן מען ניט אסרן אן אנדערע זאך, זאָגנדיג אז עס זאָל זיין ווי חזיר־פלייש. די משנה האָט דאָ אויסגערעכנט עטליכע זאכן וואָס זענען אסור: חזיר פלייש, א עבודהזרה, אויסגעשניטענע שטיקער הארץ (עורות לבובים, זע וועגן דעם אין מסכתא עבודה זרה פרק ב׳ משנה ג׳), נבלות, טרפות, שרצים, רמשים (קריכנדיקע ווערם), און חלה און תרומה. די משנה האָט אויך אין אָנהייב צוגעגעבן „חולין״, כאָטש חולין, געוויינטליכע מאכלים, איז בכלל ניט אסור. דער ברטנורא זאָגט (לויט איין טייטש אין דער גמרא) אז די משנה וויל דאָ זאָגן, אז פונקט ווי אויב ער זאָגט, אז עס זאָל זיין חולין איז דאָך עס מותר ,און ער דארף אפילו ניט גיין צו א דיין (אָדער צו דריי פשוטע מענטשן) זיך לאָזן מתיר נדר זיין, אזוי איז אויך ווען ער זאָגט, אז עס זאָל זיין ווי חזיר און די אנדערע אסור־זאכן, איז עס ניט קיין נדר, עס איז אינגאנצן מותר, און ער דארף ניט זיך לאָזן מתיר נדר זיין. די משנה זאָגט וועגן חלה און תרומה אז דאָס איז פון „אהרן״, און מיינט דערמיט אז עס געהערט צום כהן, ווייל אהרן איז געווען דער ערשטער כהן ביי יידן. האומר, אז איינער זאָגט צו זיין ווייב: דו זאָלסט זיין אויף מיר (אסור, איך זאָל ניט טאָרן לעבן מיט דיר געשלעכטליך) אזוי ווי מיין מוטער״, עפנט מען אים איוף א טיר) א וועג, מתיר צו זיין דעם דאָזיקן נדר) פון אן אנדער אָרט, כדי ער זאָל ניט זיין לייכטזיניג (יקל ראשו, גרינג־קעפּיק) דערצו. לויטן דין איז עס בכלל ניט קיין נדר, ווייל א מוטער איז דאָך א דבר האסור, און א זון טאָר ניט לעבן מיט איר, ניט ווייל ער האָט געטאָן א נדר, נאָר זי איז סתם אסור, און ווי מיר האָבן פריער געלערנט איז עס ניט קיין נדר. נאָר די חכמים האָבן מתקן געווען, אז עמי הארצים וועלכע טאָן אזעלכע נדרים צו זייערע ווייבער, זאָלן זיך מוזן לאָזן מתיר נדר־זיין, און ביים מתיר נדר זיין זאָל מען מוזן געפינען אן אנדערן טעם פארוואָס ער האָט חרטה אויפן נדר, און ניט סתם ווייל ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער טוט. דאָס איז כדי זיי זאָלן ניט זיין לייכטזיניק צו אסרן אויף זיך זייערע ווייבער. קונם, (אז איינער זאָגט): „קונם אז איך וועל ניט שלאָפן״ אָדער „(קונם) אז איך וועל ניט רעדן״, אָדער „(קונם) אז איך וועל ניט גיין״, אָדער איינער זאָגט צו זיין ווייב: „קונם אז איך וועל ניט באנוצן דיך״ (משמשך, לעבן מיט דיר געשלעכטלעך), איז ער אין (פאַרבאָט) פון „ער טאָר ניט פארשוועכן זיין וואָרט״ („לא יחל דברו״). דאָס הייסט, אויב ער שלאָפט, אָדער רעדט, אָדער גייט, אָדער ער לעבט מיט דער פרוי איז ער עובר אויף דעם איסור. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז נור מדרבנן, ווייל ווי מיר האָבן געזאָגט פריער אין דעם פירוש צום סוף פרק א׳, איז א נדר ניט גוט אויף א זאך וואָס האָט ניט קיין ממש, אויף שלאָפן, רעדן, גיין; נאָר די חכמים האָבן עס געאסרט. שבועה, (אויב אָבער איינער זאָגט): „שבועה, אז איך וועל ניט שלאָפן״, אָדער „(שבועה), אז איך וועל ניט רעדן״, אָדער „(שבועה) אז איך וועל ניט גיין״, איז אסור. דאָס איז אסור אויך מדאורייתא, לויט דעם דין פון דער תורה, ווייל א שבועה איז גוט אויך ביי א זאך וואָס האָט ניט קיין ממש. די גמרא זאָגט, אז איינער שווערט אז ער זאָל ניט שלאָפן דריי טעג און דריי נעכט נאָכאנאנד, קומט אים מלקות, ווייל ער האָט געשוואוירן א שבועת שוא, א זאך וואָס איז ניט מעגליך מקיים צו זיין, און ער מעג באלד שלאָפן.

ב. קרבן לא אוכל לך, קרבן שאוכל לך, לא קרבן לא אוכל לך, מותר. שבועה לא אוכל לך, שבועה שאוכל לך, לא שבועה לא אוכל לך, אסור. זה חומר בשבועות מבנדרים: וחומר בנדרים מבשבועות. כיצד? אָמר, קונם סוכה שאני עושה, לולב שאני נוטל, תפילין שאני מניח, בנדרים אסור, בשבועות מותר, שאין נשבעין לעבור על המצות:

ג. יש נדר בתוך נדר, ואין שבועה בתוך שבועה. כיצד? אָמר,

ב. קרבן, (אז איינער זאָגט): „קרבן, אז איך וויל ניט עסן פון דיינס" (אָדער „קרבן, אז איך וועל עסן פון דיינס", אָדער „ניט־קרבן, אז איך וועל ניט עסן פון דיינס", איז מותר. דאָס איז ניט קיין נדר, ווייל ער האָט ניט געזאָגט, אז דאָס עסן זאָל ווערן אסור ווי א קרבן, נאָר ער האָט אזוי ווי געשוואוירן ביים לעבן פון קרבן, אז ער וועט ניט עסן, און דאָס הייסט ניט קיין נדר. שבועה, (אָבער אויב ער זאָגט): „שבועה, אז איך וויל ניט עסן פון דיינס", אָדער „שבועה, אז איך וועל עסן פון דיינס", אָדער „ניט שבועה, אויב איך וועל ניט עסן פון דיינס", איז אסור. ווייל אין די אלע אויסדרוקן איז געווען זיין כונה צו זאָגן „איך שווער אז איך וועל ניט עסן פון דיינס". די גמרא זאָגט אז ביי „שבועה שאוכל לך" (שבועה, אז איך וועל עסן פון דיינס) מיינט מען. אז ווען דער אנדערער האָט אים עקשנות'דיק געבעטן צו עסן ביי אים, און ער האָט כסדר געזאָגט, אז ער וועט ניט עסן, און צום סוף האָט ער אויסגערופן „שבועה שאוכל לך", האָט ער דערמיט זיכער געמיינט צו זאָגן, אז ער שווערט, אז ער וועט ניט עסן. זה חומר, דאָס (ביים דאָזיקן דין) איז הארבער ביי שבועות ווי ביי נדרים. די גמרא זאָגט, אז דאָס גייט ארויף אויף דעם סוף פון דער פריערדיקער משנה א', אז איינער טוט א נדר ניט צו שלאָפן איז ער אסור נור מדרבנן, ווייל א נדר איז ניט גוט אויף א זאך וואָס האָט ניט קיין ממש, און אז איי־נער שווערט ניט צו שלאָפן איז ער אסור מדאורייתא, פון דער תורה, ווייל א שבועה איז גוט אויך אויף א זאך וואָס האָט ניט קיין ממש. וחומר, און וואָסערע (זאכן) זענען הארבער ביי נדרים ווי ביי שבועות? אָמר, אויב ער האָט געזאָגט: „קונם (זאָל זיין) די סוכה, וואָס איך מאך (וואָס איך וועל זיצן אין איר), אָדער „(קונם זאָל זיין) דער לולב וואָס איך נעם", אָדער „(קונם זאָלן זיין) די תפילין וואָס איך לייג", איז ביי נדרים איז אסור (טאָר ער ניט זיצן אין סוכה און טאָר ניט נעמען דעם לולב און טאָר ניט לייגן די תפילין), אָבער ביי שבועות (אויב ער האָט געזאָגט: „איך שווער ניט צו זיצן אין סוכה, ניט צו נעמען דעם לולב און ניט צו לייגן קיין תפילין) איז מותר (די שבועה איז קיין שבועה ניט און ער מעג זיצן אין סוכה און נעמען דעם לולב און לייגן תפילין), ווייל מען קאָן ניט שווערן עובר צו זיין אויף מצוות. דער ברטנורא ברענגט די סברא פון די מפרשים, פארוואָס איז ביי נדרים יאָ גילטיג דער נדר ניט צו טאָן קיין מצוה, און א שבועה ניט צו טאָן קיין מצוה איז ניט קיין שבועה. זיי זאָגן, אז דער טעם איז וואָס ביים נדר אסרט דער מענטש, די זאך (איסור חפצא, די זאך ווערט אסור), און קוים למשל איז דער לולב אסור, טאָר ער דאָך אים ניט נעמען, פונקט ווי ער טאָר ניט נעמען א לולב פון א עבודה זרה. אָבער ביים שווערן ווערט די זאך ניט אסור, נאָר די שבועה אסרט דעם מענטש (איסור גברא, דער מענטש ווערט אסור), ער זאָל ניט טאָרן נעמען דעם לולב, און ער קאָן זיך ניט אסרן, ווייל ער איז דאָך מחויב צו טאָן די מצוה.

ג. יש נדר, עס איז פאראן א נדר אין אן אנדערן נדר (מען קאָן טאָן צוויי מאָל א נדר אויף דיזעלביקע זאך), אָבער עס איז ניט פאראן א שבועה אין א שבועה, מען קאָן ניט שווערן צוויי מאָל אויף דערזעלביקע זאך. כיצד, ווי אזוי? אויב ער האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר אויב איך וועל עסן, איך זאָל זיין א נזיר אויב איך וועל עסן", און ער האָט געגעסן, איז ער מחויב (צו זיין א נזיר) אויף יעדן מאָל (נדר טאָן). מיר האָבן געגעבן אין דער הקדמה אז סתם א נזיר מיינט מען 30 טעג. אויב ער

הריני נזיר אם אוכל, הריני נזיר אם אוכל, ואכל חייב על כל אחת ואחת. שבועה שלא אוכל, שבועה שלא אוכל, ואכל, חייב על כל אחת ואחת.

ד. סתם נדרים להחמיר, ופירושם להקל׳ כיצד? אמר, הרי עלי כבשר מליח, כיין נסך, אם של שמים נדר, אסור אם של עבודה זרה נדר, מותר, ואם סתם, אסור. הרי עלי כחרם, אם כחרם של שמים, אסור, ואם כחרם של כהנים, מותר, אם סתם, אסור. הרי עלי כמעשר,

---

האָט געגעסן דאַרף ער זיין איינמאָל א נזיר (ניט טרינקען ווײַן און ניט שערן זיך און ניט מטמא זיין צו מתים) 30 טעג, און דערנאָך ברענגען די קרבנות פון א נזיר, און באַלד דערנאָך דאַרף ער זיין נאָכאמאָל א נזיר 30 טעג, ווייל ער האָט דאָך געזאָגט צוויי מאָל „איך זאָל זיין אַ נזיר, איך זאָל זיין א נזיר". תוספות זאָגט, אז דאָריבער הויבט־אָן די משנה מיט „נדר" און גיט א משל פון „נזיר", ווייל אין דער תורה במדבר ו׳ א׳ איז פאַראַן „לנדור נדר נזיר להזיר", אז נעמען אויף זיך נזירות הייסט אויך א נדר. שבועה, (אָבער אויב ער האָט געזאָגט): „איך שווער אז איך זאָל ניט עסן, איך שווער אז איך זאָל ניט עסן", און ער האָט געגעסן, איז ער שולדיג (קומט אים מלקות, קלעפּ פאַר ברעכן זיין שבועה) נאָר פאַר איין מאָל. די גמרא זאָגט, אז די משנה זאָגט ניט, אז עס איז ניט פאַראַן מער ווי איין שבועה, נאָר זי זאָגט, אז ער איז ניט שולדיג מער ווי פאַר איין שבועה, ווייל באמת הענגט די צווייטע שבועה, און זי האָט נאָר ניט קיין פּלאַץ, ווייל די ערשטע שבועה איז שוין פאַראַן; אָבער אויב דער דאָזיקער מענטש לאָזט זיך מתיר זיין די ערשטע שבועה, בלייבט דאָך ליידיק דער פּלאַץ, ווערט גוט די צווייטע שבועה.

ד. סתם, ביי ניט־קלאָר ארויסגעזאָגטע (סתם, ניט־בפירושע) נדרים, איז מען מחמיר (מען דערקלערט זיי, אז זיי זענען נדרים), און ביי זייער אויסטייטשונג (אויב דער מענטש וואָס האָט געטאָן דעם נדר איז מפרש, טייטשט־אויס, און זאָגט, אז ער האָט געמיינט אזוי אז עס זאָל קיין נדר ניט זיין) איז מען מיקל (פאַרלייכטערט מען, אז עס זאָל ניט זיין קיין נדר). **דער טעם איז, ווייל ביי סתם נעמט מען אָן אז דער מענטש וואָס האָט געטאָן דעם נדר האָט געוואָלט א נדר טאָן, אָבער אויב ער אליין זאָגט, אז ער האָט ניט געמיינט צו טאָן א נדר, נעמט מען אָן זיין דערקלערונג.** כיצד, ווי אזוי? אויב ער האָט געזאָגט (אויף א עסנווארג): „עס זאָל זיין אויף מיר אזוי ווי געזאַלצן פלייש (בשר מלוח)", אָדער ווי גיס־ווײַן (יין־נסך, ווײַן וואָס מען גיסט אויף א מזבח מקריב צו זיין אים אלס א קרבן), אויב ער האָט ביים נדר טאָן (אינזינען געהאַט געזאַלצן פלייש פון קרבנות אָדער פון גיס־ווײַן וואָס מען איז מקריב אין בית המקדש) פאַר גאָט (של שמים, פאַרן הימל, פאַר גאָט) איז עס אסור. **דאָס הייסט, אז דער נדר איז א גוטער, ווייל ער האָט דאָך א נדר געטאָן ביי א קרבן.** אם של עבודה זרה, אויב (ער האָט אינזינען געהאַט) ביים נדר טאָן (געזאַלצן פלייש און גיס־ווײַן וואָס מען איז מקריב) פאַר דער עבודה זרה, איז ער מותר. **מחמת דאָס איז א אסור־זאַך, ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳, און עס הייסט ניט קיין נדר.** ואם סתם, און אויב (ער האָט) סתם אַ נדר געטאָן (ביי געזאַלצן פלייש און ביי גיס־ווײַן), איז עס אסור. **ווייל מען נעמט אָן, אז ער האָט עס געמיינט א קרבן פאַר גאָט. בשר מלוח, געזאַלצן פלייש, קאָן מען מיינען קרבנות, ווייל קרבנות־פלייש אין בית המקדש האָט מען געזאַלצן (וויקרא ב׳ על כל קרבנך תקריב מלח). אויך ווײַן האָט מען געגאָסן אין בית המקדש אויפן מזבח.** הרי עלי, (אויב איינער האָט געזאָגט אויף א זאַך): „דאָס זאָל זיין אויף מיר ווי א חרם", אויב ער האָט אינזינען געהאַט (מיטן וואָרט חרם) ווי דער חרם פאַר גאָט (וואָס מען איז מקדיש פאַר דעם בית המקדש) איז עס אסור. **הייסט עס א נדר, ווייל עס איז דאָך ווי הקדש, ווי א קרבן.** ואם, און אויב (ער האָט אינזינען געהאַט) ווי דער חרם פון כהנים (מען איז מקדיש א זאַך אוועקצוגעבן עס ניט אין בית המקדש נאָר צו כהנים), איז עס מותר.

אם כמעשר בהמה נדר, אסור, ואם של גורן מותר, ואם סתם אסור. הרי עלי כתרומה, אם כתרומת הלשכה נדר, אסור, ואם של גורן, מותר, ואם סתם, אסור, דברי ר׳ מאיר ר׳ יהודה אומר, סתם תרומה ביהודה אסורה, בגליל מותרת, שאין אנשי גליל מכירין את תרומת הלשכה; סתם חרמים ביהודה מותרין, ובגליל אסורין, שאין אנשי גליל מכירין את חרמי הכהנים:

ה. נדר בחרם, ואמר „לא נדרתי אלא בחרמו של ים״, בקרבן, ואמר

ווייל די זאכן וואָס מען זאָגט אויף זיי חרם און מען גיט זיי אוועק צו כהנים, מעג מען זיי נוצן (נאָכדעם ווי די כהנים האָבן זיי באקומען), און ממילא איז דאָך עס ניט קיין נדר ווען מען זאָגט אויף א זאך אז עס זאָל זיין אזא חרם. **אם סתם**, אויב (אָבער ער האָט) סתם (געזאָגט „חרם״), איז עס אסור. **ווייל מען נעמט אָן אז ער האָט געמיינט דעם חרם פאַר גאָט, פאַרן בית המקדש. וועגן די דינים פון חרם פאַר גאָט און פאַר כהנים זע אין דער הקדמה צו מסכתא ערכין.** הרי עלי כמעשר, (אויב ער האָט געזאָגט אויף א זאך): „עס זאָל זיין אויף מיר ווי מעשר״, אויב ער האָט ביים נדר טאָן אינזינען געהאַט) ווי מעשר בהמה (די צענטע בהמה וואָס מ׳דאַרף אראָפּנעמען פון יעדע צען כשרע בהמות, און מען איז זי מקדיש פאַר א קרבן) איז עס אסור (הייסט עס א נדר), און אויב ער האָט ביים נדר טאָן (אינזינען געהאַט) ווי מעשר (דאָס צענטל) וואָס מען נעמט אראָפּ פון תבואה (מעשר דגן) איז עס מותר, און אויב סתם איז עס אסור. **ווי מיר האָבן געלערנט איז זאָגן ביים נדר „אזוי ווי חלה און תרומה״ (און דאָסזעלבע אויך אזוי מעשר), מותר און עס הייסט ניט קיין נדר. דער טעם איז, ווייל איידער מען נעמט דעם מעשר בהמה מעג מען עסן אלע צען בהמות, און דאריבער האָט זיין אָפּשיידן געמאַכט די דאָזיקע מעשר בהמה אז זי זאָל ווערן אסור, הקדש, אַ קרבן. אָבער איידער מען נעמט אראָפּ תרומה, און מעשר טאָר מען די תבואה ניט עסן, קומט דאָך אויס, אז ער מיט זיין אפּשיידן די תרומה און מעשר האָט ער זיי ניט געאַסרט, נאָר עס איז געבליבן א טייל פון דעם איסור פון פריער, און עס הייסט דעריבער ניט א דבר הנדור, וואָס איז געאַסרט געוואָרן דורך דעם מענטש, נאָר עס איז סתם אסור, דבר האסור.** „הרי עלי כתרומה, (אויב ער האָט געזאָגט אויף א זאך) ס׳זאָל זיין אויף מיר ווי תרומה״, אויב ער האָט ביים נדר טאָן (אין זינען געהאַט), „ווי תרומה פון בית המקדש קאַמער (תרומת הלשכה, דאָס אראָפּגענומענע הייליקע געלט פון די שקלים אין בית בית המקדש, פאַר וועלכע מען האָט געקויפט קרבנות) איז עס אסור (איז עס א נדר, ווייל עס איז אזוי ווי ער וואָלט געזאָגט, ווי א קרבן), און אויב ער האָט ביים נדר טאָן (אינזינען געהאַט) ווי (די תרומה) פון תבואה, איז עס מותר. **ווייל ווי מיר האָבן דערקלערט אלס חרם, הייליק, האָבן זיי געמיינט דערמיט, הייליק פאַר דעם ווי תרומה, איז עס מותר.** ואם סתם, און אויב (ער האָט) סתם (א נדר געטאָן, „ווי תרומה״) איז עס אסור, אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **עס איז א נדר, ווייל ביי סתם נדרים איז מען מחמיר.** ר׳ יהודה זאָגט ביים זאָגן סתם „תרומה״ אין יהודה, איז אסור (איז עס א נדר), און אין גליל איז עס מותר, ווייל די גליל־מענטשן קענען ניט די תרומת הלשכה. **זיי ווייסן ניט, אז די אראָפּגענומענע הייליקע שקלים הייסן תרומה. יהודה איז די דרום־פּראָווינץ אין ארץ ישראל, און די מענטשן אין יהודה זענען געווען לעבן ירושלים, און ממילא האָבן זיי געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין בית המקדש מיט די שקלים, אָבער אין גליל, די צפון־פּראָווינץ אין ארץ ישראל, זענען די איינוואוינער געווען ווייט פון ירושלים, און ביי זיי איז סתם תרומה געווען תרומה פון תבואה.** סתם חרמין, (ר׳ יהודה זאָגט אויך, אז) סתם „חרמין״ איז אין יהודה מותר, און אין גליל איז אסור, ווייל די מענטשן פון גליל קענען ניט דעם חרם פאַר די כהנים. **וואָס די גליל־מענטשן האָבן דערקלערט אלס חרם, האָבן זיי געמיינט הייליק פאַר דעם בית המקדש.**

ה. נדר, אויב איינער האָט א נדר געטאָן מיט „חרם״ (ער האָט געזאָגט אויף א זאך

„לא נדרתי אלא בקרבנות של מלכים״, הרי עצמי קרבן, ואמר „לא נדרתי אלא בעצם שהנחתי לי להיות נודר בו״, קונם אשתי נהנית לי ואמר „לא נדרתי אלא באשתי הראשונה שגרשתי״, על כולן אין נשא־לים להם, ואם נאלו עונשין אותן, ומחמירין עליהן, דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומרים, פותחין להן פתח ממקום אחר, ומלמדים אותן, כדי שלא ינהגו קלות ראש בנדרים:

פרק ג.

א. ארבעה נדרים התירו חכמים; נדרי זריזין, ונדרי הבאי, נדרי שגגות, ונדרי אונסים. נדרי זריזין כיצד? היה מוכר חפץ, ואמר, קונם

אז עס זאָל זיין אויף אים חרם, און ער האָט געזאָגט: איך האָב ביים נדר טאָן (ניט אינ־זינען געהאט דעם חרם פארבאָט) נאָר מיט דעם נעץ פון ים („חרם״ איז אין לשון קודש אויך דער טייטש א נעץ צו פאנגן פיש); (אָדער ער האָט א נדר געטאָן) מיטן (וואָרט) „קרבן״ און ער האָט געזאָגט: כ׳האָב ביים נדר טאָן (ניט אינזינען געהאט דעם קרבן פאר גאָט) נאָר די מתנות פאר מלכים („קרבן״ איז אויך דער טייטש א מתנה); אָדער ער האָט געזאָגט: איך אליין זאָל זיין א קרבן (אסור ווי א קרבן פאר יענעם מענטש, אז ער טאָר ניט הנאה האָבן פון מיר), און ער האָט געזאָגט: „איך האָב ביים נדר טאָן (ניט אינזינען זיך אליין, „עצמי״, זיך) נאָר מיין ביינדל („עצמי״, מיין ביינדל, פון „עצם״, א ביינדל) וואָס איך האָב מיר אוועקגעלייגט כדי א נדר צו טאָן ביי אים (ביים ביינדל)״; אָדער (ער האָט געזאָגט): קונם, וואָס מיין ווייב וועט הנאה האָבן פון מיר״, און ער האָט געזאָגט: „איך האָב ביים נדר טאָן (ניט אין זינען געהאט מיין איצ־טיק ווייב) נאָר מיין ערשט ווייב, וועלכע איך האָב גע׳גט, — ביי די אלע (דאָזיקע נדרים מיט די דערקלערונגן) איז מען ניט מתיר נדר, (מען דאַרף ניט מתיר נדר זיין ווייל זיי זענען סיי ווי ניט קיין נדרים), און אויב זיי (זענען עם הארצים און קומען צו א דיין מתיר נדר זיין) באשטראָפט מען זיי און מען איז מחמיר אויף זיי (מען איז זיי ניט מתיר), אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **די מפרשים זאָגן, אז מען איז ניט מתיר אויף דעם יסוד פון א „פתח חרטה״, מיט דעם וועג פון חרטה, ווייל זיי האָבן חרטה אויפן נדר.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז מען עפנט זיי אויף א טיר (א וועג ווי אזוי מתיר נדר צו זיין) פון אן אנדער אָרט, און מען זאָגט זיי שטראָף־ווערטער, כדי זיי זאָלן ניט אויפ־פירן זיך לייכטזיניק (מיט קלות ראש, מיט גרינקעפיקייט) ביי נדרים. **די חכמים זאָגן, אז ווען זיי קומען זיך מתיר נדר זיין, זאָגט מען אז זייערע דערקלערונגען טויגן ניט, נאָר מען געפינט אויס אן אנדערן וועג ווי אזוי מען זאָל זיי מתיר נדר זיין, און מען שטראָפט זיי, אז מען טאָרניט זיין אזוי לייכטזיניק ביים טאָן א נדר. „ומלמדין אותן״, איז דער טייטש „און מען זאָגט זיי שטראָף־ווערטער״, דברי מוסר. אָבער באשטראָפן זיי און מחמיר זיין דאַרף מען ניט.**

פרק ג.

א. ארבעה, פיר (סאָרטן) נדרים האָבן די חכמים מתיר געמאכט. **און אויב איינער האָט א נדר געטאָן איינעם פון די פיר סאָרטן נדרים איז עס ניט קיין נדר. זיי זענען:** נדרי, נדרים כדי מזרז צו זיין (נדרי זרוזין, נדרים צו דערמוטיקן), נדרים פון זאָגן גוזמאות (נדרי הבאי, איבערגעטריבענע נדרים), נדרים צוליב ניט־וויסן (נדרי שגגות, נדרים געמאכט דורך א טעות), נדרים צו וועלכע מען איז געוואָרן געצוואונגען (נדרי אונסים, מען האָט געצווינגען דעם מענטש צו מאכן דעם נדר). **די משנה וועט אין דאָזיקן פרק געבן ביישפילן וואָס מען מיינט מיט יעדן פון די דאָזיקע פיר סאָרטן נדרים.** נדרי זרזין וואָס מיינט מען מיט „נדרים כדי מזרז צו זיין״? אויב איינער האָט פאר־קויפט א זאך (און דער קויפער האָט זיך געדינגען מיט אים וועגן פרייז), און ער (דער פארקויפער) האָט (וויזנדיק אויף א ברויט) געזאָגט: „קונם, (דאָס דאָזיקע ברויט זאָל זיין אסור אויף מיר) אויב איך וועל דיר אראָפלאָזן פון א טאָלער (סלע)״, און דער דאָזי־

שאיני פוחת לך מן הסלע, והלה אומר, קונם שאיני מוסיף ל רֶעל השקל, שניהם רוצין בשלשה דינרין. ר׳ אליעזר בן יעקב אומר, אף הרוצה להדיר את חבירו שיאכל אצלו, אומר, „כל נדר שאני עתיד לידור הוא בטל״, ובלבד שיהא זכור בשעת הנדר.

ב. נדרי הבאי: אמר, קונם אם לא ראיתי בדרך הזה כיוצאי מצרים, אם לא ראיתי נחש כקורת בית הבד, נדרי שגגות: אם אכלתי ואם שתיתי, ונזכר שאכל ושתה, שאני אוכל ושאני שותה, ושכח ואכל ושתה; אָמר,

---

קער (דער קויפער זאָגט: „קונם, (דאָס ברויט זאָל זיין אסור אויף מיר) אויב איך וועל דיר צוליגן צו א האלבן טאָלער״, ווילן בײדע (מאכן דאָס געשעפט) פאר דריי גולדן (דינרים). א „סלע״ איז 2 שקלים, און א „שקל״ איז 2 „דינרים״ גולדן. זאָגט די משנה, אז סיי דער קויפער און סיי דער פארקויפער האָבן אייגנטליך אין געדאנק מסכים געוועזן אויף דעם פרייז פון דריי גולדן, נאָר אזוי ווי דער קויפער האָט געוואָלט דעם פארקויפער צו־טרייבן, מזרז־זיין, דערמוטיקן, אז ער זאָל אראָפּלאָזן פון דעם טאָלער, אויף דריי גולדן, און דער פארקויפער האָט געוואָלט דערמוטיקן דעם קויפער אז ער זאָל צוליגן צום האלבן טאָלער ביז דריי גולדן, דעריבער האָבן זיי געטאָן די נדרים, אָבער זיי האָבן עס ניט געמיינט. מחמת דעם איז אזא נדר ניט קיין נדר. ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט, אויך איינער וואָס וויל דורך א נדר (ווירקן) אויף זיין פריינט אז ער זאָל עסן ביי אים (ער וויל זאָגן צו זיין פריינט: „אויב דו וועסט ניט עסן ביי מיר, אסר איך אויף דיר אז דו זאָלסט ניט טאָרן הנאה האָבן פון מיר״, אָבער באמת וויל ער ניט אז דער נדר זאָל זיין גוט), זאָל ער זאָגן: „יעדער נדר וואָס איך וועל מנדר זיין, זאָל זיין בטל״ (זאָל ניט גוט זיין), אָבער ער מוז געדענקן ביים טאָן דעם נדר (אז ער האָט אין פאָראויס מבטל געמאכט דעם נדר). די גמרא דערקלערט די משנה, אז דאָס זענען צוויי באזונדערע הלכות. איינער איז, אז אויב איינער וויל ווירקן אויף זיין פריינט אז ער זאָל עסן ביי אים, און ער אסרט אויף אים מיט א נדר הנאה צו האָבן פון אים אויב ער וועט ניט עסן, הייסט דאָס אויך נדרי זרוזין, מחמת ער האָט דאָך באמת ניט געמיינט צו אסרן אויף אים די הנאה, און ער האָט דאָך נור געוואָלט ווירקן אויף אים אז ער זאָל עסן. א צווייטע הלכה איז, אז איינער וויל ניט אז זיינע נדרים וואָס ער וועט מאכן דאָס קומענדיקע יאָר זאָלן זיין נדרים, זאָל ער אים ראש השנה (אָדער אן אנדערן טאָג) זאָגן, אז יעדער נדר וואָס ער וועט טאָן זאָל זיין בטל. די דאָזיקע הלכה איז דער יסוד פאר דער „כל נדרי״, וואָס מען זאָגט אים יום כיפּור, און אין וועלכן מען זאָגט, אז די נדרים וואָס מען וועט טאָן דאָס יאָר ביז איבער א יאָר יום כיפּור זאָל זיין בטל.

ב. נדרי, (וואָס מיינט מען מיט) נדרים פון זאָגן גוזמאות (נדרי הבאי)? אויב איינער האָט געזאָגט: „קונם (דאָס ברויט זאָל זיין אויף מיר אסור), אויב איך האָב ניט געזען אויף דעם דאָזיקן וועג (אזוי פיל מענטשן) ווי פיל (יידן) זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים (זעקס הונדערט טויזנט דערוואקסענע מענער א חוץ פרויען און קינדער)״, אָדער (ער האָט געזאָגט): „אויב איך האָב ניט געזען א שלאנג (אזוי גרויס און דיק) ווי א באלקן פון אן אייל־קעלטער (בית הבד). כאָטש ער האָט באמת ניט געזען אזוי פיל מענטשן און ניט געזען פונקט אזא שלאנג, האָט ער אָבער ביים נדר טאָן ניט געמיינט פינקטליך; ער האָט מגזם געווען, און עס איז דער שטייגער פון מענטשן מגזם צו זיין, דעריבער איז עס ניט קיין נדר, און ער מעג עסן דאָס ברויט. נדרי שגגות, וואָס מיינט מען מיט נדרים צוליב א טעות? (אויב איינער האָט געזאָגט: „קונם, איך זאָל ניט עסן דאָס ברויט) אויב איך האָב געגעסן אָדער געטרונקן״, און דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט יאָ געגעסן און געטרונקן; אָדער (ער האָט געזאָגט): „אויב איך וועל עסן און איך וועל טרינקן״, און ער האָט פארגעסן און ער האָט (שפּעטער) יאָ געגעסן און געטרונקן. דאָס הייסט א נדר דורך א טעות, מחמת ער האָט בשעתן נדר טאָן א טעות געהאט און געמיינט אז ער האָט ניט געגעסן, אָדער אין צווייטן פאל, האָט ער ביים עסן

קונם אשתי נהנית לי, שגנבה את כיסי, ושהכתה את בני, ונודע שלא הכתו, ונודע שלא גנבתו. ראה אותן אוכלים תאנים, ואמר, הרי עליכם קרבן, ונמצאו אביו ואחיו, והיו עמהן אחרים, בית שמאי אומרים, הן מותרין ומה שעמהן אסורין, ובית הלל אומרים אלו ואלו מותרין:

ג. נדרי אונסים: הדירו חבירו שיאכל אצלו, וחלה הוא, או שחלה בנו, או שעכבו נהר, הרי אלו נדרי אונסין:

ד. נודרין להרגין, ולחרמין, ולמוכסין, שהיא תרומה אף על פי שאינו תרומה, שהן של בית המלך, אף על פי שאינן של בית המלך. בית שמאי אומרים, בכל נודרין חוץ מבשבועה, ובית הלל אומרים, אף בש-

---

פארגעסן אז ער האָט א נדר געטאָן. דאריבער איז עס ניט קיין נדר. די משנה רעכנט דאָ אויס נאָך אזא פאל פון א נדר דורך אטעות, דהיינו: אָמר, אויב איינער האָט געזאָגט: „קונם, מיין ווייב זאָל ניט טאָרן הנאה האָבן פון מיר, ווייל זי האָט צוגעגנבעט מיין בייטל, אָדער, ווייל זי האָט געשלאָגן מיין זון", און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט אים ניט געשלאָגן אָדער עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי האָט אים ניט צוגעגנב'עט. **אויך דאָס איז ניט קיין נדר, ווייל ווען ער וואָלט געוואוסט די ריכטיקייט וואָלט ער ניט קיין נדר געטאָן.** ראה, אויב איינער האָט געזען (פונדערווייטנס) ווי זיי (מענטשן) עסן פייגן (וועלכע האָבן געהערט צו אים), און ער האָט געזאָגט: „זיי (די פייגן) זאָלן זיין אויף אייך קרבן", און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זיי (צווישן די מענטשן) זענען געווען זיין פאָטער און זיינע ברידער (און אויף זיי האָט ער ניט געוואָלט אסרן) און עס זענען געווען צוזאמען מיט זיי אויך אנדערע מענטשן, — זאָגן די בית שמאי, אז זיי (זיין פאָטער און זיינע ברידער) זענען מותר (מעגן עסן די פייגן, ווייל בנוגע זיי איז דאָך דער נדר געווען דורך א טעות), און די וואָס זענען מיט זיי (די אנדערע מענטשן) זענען אסור (טאָרן ניט עסן די פייגן, ווייל אויף זיי האָט ער דאָך יאָ געוואָלט אסרן מיט א נדר), און די בית הלל זאָגן, אז די דאָזיקע (דער פאָטער און די ברידער) און די דאָזיקע (די אנדערע מענטשן) זענען מותר. **די בית הלל האלטן פון דעם כלל אז „נדר שהותר מקצתו הותר כולו", אז אויב אין א נדר איז א טייל פון אים בטל געוואָרן, איז דער גאנצער נדר בטל. און ווייל דאָ איז דאָך א טייל פון נדר בטל געוואָרן, דהיינו, דער טייל בנוגע זיין פאָטער און זיינע ברידער, איז ער שוין אויך בטל געוואָרן בנוגע די אנדערע מענטשן.**

ג. נדרי אונסים, וואָס מיינט מען מיט נדרים וועלכע ווערן בטל דורך א אונס? אויב זיין פריינט האָט אים (געאסרט) מיט א נדר (ער זאָל ניט הנאה האָבן פון אים), אויב ער וועט ניט עסן ביי אים, און ער איז קראנק געוואָרן אָדער זיין זון איז קראנק געוואָרן, אָדער א טייך האָט אים פארהאלטן (און ער האָט ניט געקאָנט קומען צו זיין פריינט), דאָס זיינען נדרים דורך אן אונס. **אזעלכע נדרים זענען ניט קיין נדרים, און ער מעג הנאה האָבן פון זיין פריינט, ווייל ביים טאָן דעם נדר האָט ער ניט אינזינען געהאט, אז ער זאָל א נדר טאָן אויב דער פריינט וועט ניט קאָנען קומען צו אים צוליב אן אונס, צוליב א צוואנג־סיבה. די משנה וועט באלד אין משנה ד' געבן נאָך א ביישפיל פון נדרי אונסין, נדרים וואָס ווערן געטאָן ווייל מען איז געצווינגען צו זיי.**

ד. נודרין, מען מעג א נדר טאָן צו רויב־מערדער (להרגין) און צו רויבער (חרמין) און צו שטייערן־אויפמאָנער (מוכסין), אז זיי (די פרוכטן אָדער תבואה וואָס זיי ווילן צונעמען) זענען תרומה, כאָטש זיי זיינען ניט קיין תרומה, אָדער אז זיי געהערן צום הויז פון מלך כאָטש זיי געהערן ניט צום הויז פון מלך. **ער מעג זיי זאָגן, אז ער אסרט אויף זיך אלע פרוכטן אויב דאָס איז ניט תרומה אָדער אויב דאָס געהערט ניט צום הויז פון מלך. און כאָטש זיי זיינען דאָך ניט קיין תרומה, און זיי געהערן ניט צום מלך'ס הויז, פונדעסטוועגן איז דער נדר ניט קיין נדר, ווייל ער איז דאָך געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן. די מפרשים טייטשן „הרגין" רויב־מערדער, וועלכע הרגענען דעם מענטש**

בועה. בית שמאי אומרים, לא יפתח לו בנדר, ובית הלל אומרים, אף יפתח לו. בית שמאי אומרים, במה שהוא מדירו, ובית הלל אומרים, אף במה שאינו מדירו. כיצד?? אָמרו לו, אמור, קונם אשתי נהנית לי, ואָמר, קונם אשתי ובני נהנין לי, בית שמאי אומרים, אשתו מותרת ובניו אסורין, ובית הלל אומרים, אלו ואלו מותרין:

ה. הרי נטיעות האלו קרבן אם אינן נקצצות, טלית זו קרבן אם אינה נשרפת, יש להן פדיון. הרי נטיעות האלו קרבן עד שיקצצו, טלית

אויב מען גיט זיי ניט דאָס געלט אָדער די זאכען; „חרמין" סתם רויבער, וועלכער הרגענען ניט. „מוכסין" איז פון וואָרט „מכס", שטייערן, און מען מיינט דערמיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך אליין באשימט פאר שטייערן-איינמאָנער און נעמען פון מענטשן שטייערן (טעקסעס) אָן א גרעניץ. די גמרא זאָגט, אז מוכסין, שטייערן־באַאמטע, פון דער רעגירונג, אויך פון א ניט-יידישער רעגירונג טאָר מען ניט אָפּנארן, און מכל שכן אז מען טאָר ניט פאלש טאָן א נדר, די מפרשים זאָגן, אז אפילו מערדער און רויבער נעמען ניט צו קיין תרומה, ווייל אויך זיי ווילן ניט עסן קיין הייליקע תבואה, וואָס מען טאָרניט. בית שמאי, די בית שמאי זאָגן אז מיט אלעם קאָן מען (צו די מערדער און רויבער און שטייערן־אויפמאָנער) א נדר טאָן, א חוץ מיט א שבועה (שווערן טאָר מען ניט), און די בית הלל זאָגן, אז אויך מיט א שבועה. מען מעג אויך שווערן צו זיי אז עס איז תרומה אָדער אז עס געהערט צום מלך׳ס הויז. בית שמאי, די בית שמאי זאָגן, אז ער טאָר אים ניט עפנען (פאָרלייגן) א נדר צו טאָן, און די בית הלל זאָגן, אז ער מעג אויך עפנען אים. אויב דער רויבער צי דער שטייערן־איינמאָנער פארלאנגט ניט פון אים, אז ער זאָל א נדר טאָן, טאָר ער אליין ניט טאָן דעם נדר; אזוי זאָגן די בית שמאי. אָבער די בית הלל זאָגן, אז ער מעג יאָ. בית שמאי, די בית שמאי זאָגן, אז (ער מעג טאָן דעם נדר נאָר) מיט דעם וואָס ער (דער רויבער) הייסט אים טאָן דעם נדר, און די בית הלל זאָגן, אז אויך מיט דעם וואָס ער (דער רויבער) האָט אים ניט געהייסן טאָן דעם נדר. די משנה גיט דאָ באלד דעם ביישפיל פון דער דאָזיקער מחלוקה. כיצד, ווי אזוי? אויב זיי (די רויבער) האָבן צו אים געזאָגט, זאָג: „קונם, אז מיין ווייב זאָל (ניט) הנאה האָבן פון מיר (אויב דאָס איז ניט תרומה אָדער עס געהערט ניט צום מלך)", און ער האָט געזאָגט „קונם אז מיין ווייב און מיינע קינדער זאָלן (ניט) טאָרן הנאה האָבן פון מיר" (ער האָט צוגעלייגט „און מיינע קינדער", דאָס וואָס זיי האָבן ניט געפאָדערט פון אים), זאָגן די בית שמאי אז זיין ווייב איז מותר (הנאה צו האָבן פון אים, ווייל וועגן איר האָבן זיי דאָך אים געצווינגן א נדר צו טאָן), און זיינע קינדער זענען אסור (ווייל וועגן זיי האָבן זיי דאָך ניט פארלאנגט א נדר צו טאָן), און די בית הלל זאָגן, אז די (דאָס ווייב) און די (קינדער) זענען מותר. ווייל מען מעג טאָן א געצוואונגענעם נדר אפילו אויף א זאך וואָס מען פאָדערט ניט פון אים. — ביז איצט האָט די משנה דערקלערט וואָס מען מיינט מיט די 4 נדרים. די נדרי זרוזין, נדרי הבאי, נדרי שגגות און נדרי אונסין.

ה. הרי, (אז איינער זעט א גרויסן שטורם-ווינט וועלכער דראָט אָפּצוברעכן, אָפּצוהאקן זיינע יינגע ביימלעך, און ער זאָגט): די דאָזיקע יינגע ביימלעך (נטיעות, פלאנצן) זאָל זיין א קרבן (הייליק, און פאר זייער געלט זאָל מען קויפן א שעפּסל פאר א קרבן מקריב צו זיין אין בית המקדש) אויב זיי וועלן ניט ווערן אָפּגעהיט", אָדער (איינער האָט געזען א שריפה און ער האָט מורא געהאט אז זיין קלייד, זיין טלית, זאָל ניט פארברענט ווערן, און ער האָט געזאָגט): „דער דאָזיקער טלית (קלייד) זאָל זיין א קרבן אויב ער וועט ניט פארברענט ווערן", קאָן מען זיי אויסלייזן. מען קאָן זיי אויסטוישן אויף געלט, און זיי, די ביימלעך און דער טלית, ווערן אויס הייליק, און דאָס געלט ווערט הייליק און מען קויפט פאר דעם געלט א שעפּסל פאר א קרבן. הרי, (אויב אָבער ער האָט געזאָגט): „די דאָזיקע ביימלעך זאָלן זיין קרבן ביז זיי

זו קרבן עד שתשרף, אין להם פדיון:

ו. הנודר מיורדי הים, מותר ביושבי היבשה. מיושבי היבשה, אסור ביורדי הים, שיורדי הים בכלל יושבי היבשה. לא כאלו שהולכין מעכו ליפו, אלא במי שדרכו לפרש:

ז. הנודר מרואי החמה, אסור אף בסומין, שלא נתכוין זה, אלא למי שהחמה רואה אותו:

ח. הנודר משחורי הראש, אסור בקרחין ובבעלי שיבות, ומותר בנ־

וועלן ווערן אָפּגעהאַקט״, (אָדער) „דער דאָזיקער טלית זאָל זיין קרבן ביז ער וועט ווערן פארברענט״, קאָן מען זיי ניט אויסליזן. דער טעם איז ווייל אויב ער האָט געזאָגט „ביז זיי וועלן ווערן אָפּגעהאַקט״ און „ביז ער וועט ווערן פארברענט״, הייסט עס, אז אפילו ער האָט זיי שוין אויסגעליזט מיט געלט, ווערן זיי ווידער הייליק, ווארום זיי זיינען דאָך נאָכניט אפּגעהאַקט און נאָכניט פארברענט. אין אזא פאַל ווערט הייליק דאָס געלט, מיט וועלכן ער האָט זיי אויסגעלייזט, און אויך די ביימלעך און דער טלית זענען ווייטער הייליק.

ו. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט הנאה צו האָבן) פון די וואָס גייען אראָפּ אין ים (פון די וואָס פאָרן מיט שיפן אין ים), מעג ער (הנאה האָבן) פון די וואָס זיצן אויף דער יבשה (פון אזעלכע וואָס זייער שטייגער איז ניט צו פאָרן מיט שיפן אין ים). דאָס וואָרט „יורדי הים״, „די אראָפּגידערער אין ים״, האָבן מיר אויך אין תהלים ק״ז, כ״ג (יורדי הים באניות), פאר אזעלכע וואָס פאָרן אויף שיפן; ווייל דער ים איז נידריקער פון דער יבשה. מיושבי, (אויב איינער טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן) פון די וואָס זיצן אויף דער יבשה. טאָר ער ניט (הנאה האָבן אויך) פון די וואָס פאָרן מיטן ים, ווייל די פאָרער מיטן ים זענען אין כלל פון זיצער אויף דער יבשה. ווארום די וואָס פאָרן מיט'ן ים וואוינען דאָך אויך אויף דער יבשה. לא, ניט ווי די וועלכע גייען (פאָרן אויפן ים) פון עכו קיין יפו, נאָר פון דעם, וואָס זיין שטייגער איז אוועקצופאָרן מיט א שיף (לפרש). עכו איז א שטאָט אין צפון ארץ ישראל ביים ברעג פון מיטלענדישן ים, און יפו איז א שטאָט אין דרום ארץ ישראל ביים ברעג פון מיטלענדישן ים. פאָרן פון עכו קיין יפו מיט א שיפל אויפן ים הייסט א זייער קליינע ים־נסיעה. אָבער „לפרש״ מיינט אוועקצופאָרן מיט א שיף ווייט אויפן ים, און עס שטאַמט פון וואָרט „מפרש״ „זעגל״, וואָס פירט די שיף מיט דעם ווינט (יחזקאל כ״ז, ז' „מפרשך״). זאָגט דאָ די משנה, אז דאָס וואָס אין אָנהויב פון דער משנה ווערט געזאָגט, אז אויב ער אסרט זיך פון די יורדי הים טאָר ער ניט הנאה האָבן פון די וואָס פאָרן אויפן ים מיט שיפן, מיינט מען ניט פון אזעלכע וועלכע פאָרן אזא קליינע נסיעה ווי פון עכו קיין יפו, נאָר פון אזעלכע וואָס פאָרן אוועק ווייט. און אנדערער טייטש איז, אז עס גייט ארויף אויף דעם סוף משנה, וועלכע זאָגט אז אויב ער אסרט זיך פון די יבשה־איינוואוינער איז ער אויך אסור פון די „יורדי הים״, אז דאָס מיינט מען ניט נאָר פון די וועלכע פאָרן פון עכו קיין יפו, די קליינע נסיעה, נאָר אויך פון די וואָס פאָרן אוועק מיטן ים אין ווייטע נסיעות.

ז. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט הנאה צו האָבן) פון די זון־זעערס (רואי החמה) טאָר ער ניט (הנאה האָבן) אויך פון בלינדע, ווייל ער האָט ניט געמיינט (נאָר אזעלכע וועלכע זעען די זון) נאָר אויך אזעלכע וואָס די זון זעט זיי, ווייל ער האָט ניט געזאָגט „הרואים״, די וועלכע זעען די זון, נאָר רואי החמה, און מען מיינט דערמיט, וועלכע די זון זעט, די זון באשיינט, און די זון באשיינט דאָך אויך בלינדע מענשען.

ח. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט הנאה צו האָבן) פון שווארצע קעפּ (שחורי הראש), טאָר ער ניט (הנאה האָבן) אויך פון גאָלע (מענטשן, קרחים, וועלכע האָבן ניט קיין האָר אויפן קאָפּ ווייל ער האָט דאָך ניט געזאָגט „מענטשן מיט האָר״) און פון גראָע (מענטשן וועמענס האָר זענען ניט שווארץ), און ער מעג (הנאה האָבן) פון פרויען

שים ובקטנים, שאין נקראין שחורי הראש אלא אנשים:

ט. הנודר מן הילודים, מותר בנולדים. מן הנולדים, אסור בילודים. ר׳ מאיר מתיר אף בילודים. וחכמים אומרים, לא נתכוין זה אלא במי שדרכו להוליד:

י. הנודר משובתי שבת, אסור בישראל ואסור בכותים. מאוכלי שום, אסור בישראל ואסור בכותים. מעולי ירושלים; אסור בישראל ומותר בכותים:

און קליינע קינדער, ווייל עס ווערן ניט גערופן שווארץ-קעפיקע סיידן מענער. **מחמת מענער גייען אמאָל צוגעדעקט דעם קאָפּ און אמאָל אָפּגעדעקט, דאריבער רופט מען זיי ניט „קאָפּ־צוגעדעקטע״ (מכוסי הראש) און ניט „קאָפּ אָפּגעדעקטע (מגולי הראש) נאָר שווארץ־קעפיקע (שחורי הראש), אפילו זיי האָבן אינגאנצן ניט קיין האָר און אפילו זיי האָבן ניט קיין שווארצע האָר. אָבער פרויען, וועלכע גייען תמיד מיט צוגעדעקטע קעפּ רופט מען „מכוסי הראש״, און קינדער, ווייל זיי גייען שטענדיק מיט אָפּגעדעקטע קעפּ רופט מען זיי „מגולי הראש״, און ניט „שחורי הראש״. אזוי טייטשט דער ר״ן דעם פירוש פון דער גמרא צו דער דאָזיקער משנה.**

ט. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט הנאה צו האָבן פון (אזעלכע) וועלכע זענען שוין געבוירן געוואָרן (הילודים) מעג ער (הנאה האָבן) פון אזעלכע וועלכע וועלן געבוירן ווערן (הנולדים), (אָבער אויב ער טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן) פון אזעלכע וועלכע וועלן געבוירן ווערן (הנולדים) טאָר ער ניט הנאה האָבן פון אזעלכע וועלכע זענען שוין געבוירן געוואָרן. **דער ר״ן טייטשט, ווייל דאָס וואָרט „נולדים״ מיינט ביידע, סיי אזעלכע וועלכע וועלן געבוירן ווערן אונסיי אזעלכע וועלכע זענען שוין געבוירן.** ר׳ מאיר איז מתיר אויך ביי שוין־געבוירענע. **די גמרא זאָגט, אז אין ר׳ מאיר׳ס הלכה פעלן עטליכע ווערטער און עס דארף זיין: „ר׳ מאיר זאָגט, אז אויך ווען איינער טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן פון „נולדים״, מעג ער הנאה האָבן פון אזעלכע וועלכע זענען שוין געבוירן געוואָרן״.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז דער דאָזיקער (וואָס האָט א נדר געטאָן) האָט (מיטן וואָרט „נולדים״) אינזינען געהאט נאָר אזעלכע וואָס זייער שטייגער איז צו געבוירן (קינדער). **ער האָט דערמיט געמיינט נור מענטשן און בהמות, וואָס זיי האָבן קינדער, אָבער ניט עופות און פיש וועלכע האָבן ניט קיין קינדער נאָר לייגן אייער.**

י. הנודר אז איינער טוט א נדר (ניט הנאה צו האָבן) פון אזעלכע וועלכע רוען אים שבת, טאָר ער ניט (הנאה האָבן) פון יידן און ניט פון כותים. **מיט כותים מיינט מען די סעקטע „שומרונים״, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אין מלכים ב׳ י״ז, אז זיי זענען געווען ניט קיין יידן, נאָר דער מלך פון אשור האָט זיי באזעצט אין די שטעט פון שומרון און זיי האָבן זיך מגייר געווען, ווייל זיי האָבן מורא געהאט אז לייבן זאָלן זיי ניט באפאלן. די שומרונים זענען נאָך היינט פאראן אין ארץ ישראל אין דער שטאָט שכם. זיי האלטן נור פון דער תורה אָבער ניט פון נביאים און כתובים און ניט פון דער משנה און גמרא. זיי גלויבן, אז ניט ירושלים איז די הייליקע שטאָט נאָר דער בארג גריזים ביי שכם. זאָגט די משנה אז ווייל די כותים היטן דאָך אויך שבת, דאריבער טאָר ער ניט קיין הנאה האָבן אויך פון כותים.** מאוכלי, (אז איינער טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן) פון די קנאָבל־עסערס, טאָר ער ניט (הנאה האָבן) ניט פון יידן און ניט פון כותים. **עס איז אן אלטע תקנה פון עזרא הסופר (געבראַכט אין דער ברייתא אין בבא קמא פ״ב) אז מען זאָל עסן קנאָבל פרייטאָג־צו־נאַכטס, ווייל דאמאָלס דארף א מאן לעבן מיט זיין ווייב און קנאָבל פארמערט די זרע. ווייזט אויס, אז אויך די כותים האָבן געהאלטן פון דער תקנה צו עסן קנאָבל פרייטאָג-צונאכטס. איין גירסא איז פאראן, אז „ער מעג הנאה האָבן פון כותים״, ווייל כותים האלטן ניט פון דער תקנה צו עסן קנאָבל.** מעולי, (אויב ער טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן) פון די וועלכע

יא. קונם שאיני נהנה לבני נח, מותר בישראל ואסור לנכרים. שאיני נהנה לזרע אברהם, אסור בישראל ומותר לנכרים. שאיני נהנה לישראל, לוקח ביותר ומוכר בפחות. שישראל נהנין לי, לוקח בפחות ומוכר ביותר, אם שומעין לו. שאיני נהנה להן והן לי, יהנה לנכרים. קונם שאיני נהנה לערלים, מותר בערלי ישראל ואסור במולי אומות. קונם שאיני נהנה למולים, אסור בערלי ישראל ומותר במולי אומות העולם, שאין הערלה קרויה אלא לשמם, שנאמר, (ירמיה ט׳) „כי כל הגוים ערלים וכל בית ישראל ערלי לב״. ואומר (שמואל א׳ י״ז) „והיה הפלשתי הערל הזה״. ואומר (שמואל ב׳ א׳) „פן תשמחנה בנות פלשתים פן תעלוזנה בנות הערלים״. ר׳ אלעזר בן עזריה אומר, מאוסה

גייען־אויף קיין ירושלים, טאָר ער ניט (הנאה האָבן) פון יידן, און ער מעג (הנאה האָבן) פון כותעס. **ווייל כותים גייען ניט עולה־רגל־זיין קיין ירושלים נאָר צום בארג גריזים.**

יא. קונם, (אויב איינער טוט א נדר): קונם, איך זאָל ניט הנאה האָבן פון בני נח (די זין פון נח) מעג ער (הנאה האָבן) פון יידן, און ער טאָר ניט (הנאה האָבן) פון גויים. **ווייל כאָטש יידן שטאַמען אויך אָפּ פון נח, אָבער מיטן נאָמען „בני נח״ האָט מען גערופן נור גויים.** שאיני נהנה, (אויב איינער טוט א נדר): „איך זאָל ניט קיין הנאה האָבן פון די וועלכע קומען ארויס פון אברהם (זרע אברהם), טאָר ער ניט (הנאה האָבן) פון יידן, און ער מעג (הנאה האָבן) פון גויים. **כאָטש טייל גויים קומען אויך ארויס פון אברהם (פון ישמעאל אברהמ׳ס זון, פון עשו), אָבער מיט „זרע אברהם״ האָט מען אָנגערופן נור יידן, ווי גאָט זאָגט צו אברהם אין בראשית כ״א „כי ביצחק יקרא לך זרע״, און די גמרא טייטשט „ביצחק״, אז ניט אַלע וואָס קומען־ ארויס פון יצחק הייסן „זרע אברהם״, און נור יעקב׳ס קינדער.** שאיני נהנה, (אויב איינער טוט א נדר): „איך זאָל ניט הנאה האָבן פון יידן״, מוז ער קויפן (זאכן פון יידן) פאר א העכערן פרייז (ביותר) און פארקויפן (זאכן צו יידן) פאר א נידריקן פרייז. **כדי עס זאָל ביי אים ניט בלייבן געלט פון יידן, פון וואָס ער טאָרניט הנאה האָבן.** שישראל, (אויב איינער טוט א נדר): „יידן זאָלן ניט הנאה האָבן פון מיר״, דארף ער קויפן (ביי יידן) פאר א נידריקן פרייז, און פארקויפן (צו יידן) פאר א טייערערן פרייז אויב זיי ווילן אים פאָלגן. **זיין געלט טאָרניט בלייבן ביי יידן, מחמת זיי טאָרן דאָך ניט הנאה האָבן פון אים. די משנה זאָגט, אז דאָס קאָן ער טאָן, אויב ער געפינט אזעלכע יידן, וועלכע ווילן אים פאָלגן, קויפן ביי אים פאר א טייערערן פרייז און פאר־ קויפן צו אים פאר א ביליקערן פרייז.** שאיני נהנה להן, (אויב איינער טוט א נדר): „איך זאָל ניט הנאה האָבן פון זיי (פון יידן), און זיי (די יידן) זאָלן ניט הנאה האָבן פון מיר״, זאָל ער הנאה האָבן פון גויים. **ניט ער מעג קויפן און ניט ער מעג פארקויפן צו יידן.** קונם, (אויב איינער טוט א נדר): „קונם, איך זאָל ניט הנאה האָבן פון ערלים (ניט־געמלעטטע), מעג ער (הנאה האָבן) פון ניט־געמלעטעטע יידן, און ער טאָר ניט (הנאה האָבן) פון געמלעטעטע גויים. **ווייל מיט „ערלים״ האָט ער ניט געמיינט יידן, אפילו זיי זענען ניט געמלעטעט, נאָר ער האָט געמיינט גויים, אפילו זיי זיינען גע־ מל׳עט. די משנה רופט דאָ אן גויים „אומות״, פעלקער, א קיצור פון „אומות העולם״, די פעלקער פון דער וועלט, ניט יידן.** קונם, (אויב ער האָט א נדר געטאָן): „קונם, איך זאָל ניט הנאה האָבן פון געמלעטעטע (מולים), טאָר ער ניט (הנאה האָבן) פון ניט געמלעטעטע יידן (ערלי ישראל) און ער מעג (הנאה האָבן) פון געמלעטעטע גויים. **די משנה גיט דאָ באלד די דערקלערונג פון דער הלכה אז „ערלים״ מיינט גויים אפילו זיי זענען גע־ מלעט, און ממילא מיינט מען מיט „מולים״ יידן אפילו זיי זענען ניט געמלעטט.** שאין, וואָרום די ערלה ווערט ניט גערופן סיידן אויף זייער (די גויים׳ס) נאָמען, וואָ־ רום עס ווערט געזאָגט (ירמיה ט׳) „כי כל הגוים ערלים וכל בית ישראל ערלי לב״ (וואָרום אלע גויים זענען ערלים, און דאָס גאנצע הויז פון ישראל זענען פארשטאָפּטע

ערלה, שנתגנו בה הרשעים, שנאמר „כי כל הגוים ערלים״. ר׳ ישמעאל אומר, גדולה מילה שנכרתו עליה שלש עשרה בריתות. ר׳ יוסי אומר, גדולה מילה שדוחה את השבת החמורה. ר׳ יהושע בן קרחה אומר, גדולה מילה שלא ניתלה לו למשה הצדיק עליה מלא שעה. ר׳ נחמיה אומר, גדולה מילה שדוחה את הנגעים. רבי אומר גדולה מילה, שכל המצות שעשה אברהם אבינו לא נקרא שלם עד שמל, שנאמר (בראשית י״ז) „התהלך לפני והיה תמים״. דבר אחד גדולה מילה, שאילמלא היא לא ברא הקדוש ברוך הוא את עולמו, שנאמר (ירמיה ל״ג) „כה אָמר ה׳ אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי״:

הערצער), און ער (דער פסוק) זאָגט (שמואל א׳, י״ג) „והיה הפלשתי הערל הזה״ (און עס וועט זיין דער דאָזיקער פלשתי דער ערל), און ער (דער פסוק) זאָגט (שמואל ב׳ א׳) „פן תשמחנה בנות פלשתים, פן תעלוזנה בנות הערלים״ (טאָמער וועלן זיך פרייען די טעכטער פון די פלשתים, טאָמער וועלן זיך לוסטיק מאכן די טעכטער פון די ערלים). **דערפון זעען מיר, אז די גויים זענען גערופן געוואָרן ערלים.** ר׳ אלעזר בן עזריה זאָגט, אז מיאוס איז די ערלה (דאָס ניט זיין געמלעט), אז דערמיט ווערן אָנגערופן מיט שאנד די רשעים, ווארום עס ווערט געזאָגט (ירמיה ט׳) „כי כל הגויים ערלים״. **איצט גיט די משנה שבחים וועגן דער מצוה פון מילה, פון מל־זיין.** ר׳ ישמעאל זאָגט, אז גרויס איז די (מצוה פון) מילה, אז עס זענען דערויף כורת ברית געוואָרן דרייצן בריתות: „כורת־ברית״, **„שניידן א בונד״ שליסן א פריינטשאפט־בונד מיינט דאָ די פריינטשאפט־בונדן, די „בריתות״, די בונדן, וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אברהם אבינו, מחמת אין דער פרשה וועגן מילה ביי אברהם אבינו (בראשית י״ז) איז פאראַן 13 מאָל דאָס וואָרט „ברית״ (בריתי).** ר׳ יוסי זאָגט, אז גרויס איז די (מצוה פון) מילה, וועלכע איז דוחה שבת וואָס איז הארב. **אין מסכתא שבת פרק י״ט ווערט געלערנט, אז די מצוה פון מילה איז דוחה (שטופט־אָפּ) דעם איסור פון שבת, און אז מען מעג מלע זיין אים שבת.** ר׳ יהושע בן קרחה זאָגט, אז גרויס איז די (מצוה פון) מילה אז מען האָט משה (רבנו) דעם צדיק ניט אָפּגעלייגט אפילו איין שעה (צו באשטראָפן אים פאר ניט מקיים זיין זי). **וועגן דעם ווערט דערציילט אין שמות ד׳, כ״ד — כ״ו, אז ווען משה איז געווען אין וועג האָט אים גאָט געוואָלט הרגענען דערפאר וואָס ער האָט ניט מל-געווען זיין זון, און משה׳ס ווייב, צפורה, האָט גענומען א שארפן שטיין און מל־געווען דעם זון, און משה רבנו איז דאדורך געראַטעוועט געוואָרן.** ר׳ נחמיה זאָגט, אז גרויס איז די (מצוה פון) מילה, וועלכע איז דוחה (דעם איסור ניט אָפּצושניידן) נגעים (קרעצלעך). **אין דברים כ״ד, ח׳ איז פאראַן „השמר בנגע הצרעת״, און דערפון ווערט אָפּגעלערנט אז מען טאָרניט אָפּשניידן א קרעצל פון צרעת. אָבער דער דין איז, אז אויב דאָס קרעצל איז פאראַן אויף דער ערלה, דאַרף מען מל־זיין, אָפּשניידן די ערלה, כאָטש דאדורך שניידט מען אָפּ דאָס קרעצל.** רבי זאָגט, אז גרויס איז די (מצוה פון מילה), אז מיט אלע מצוות וואָס אברהם אבינו האָט געטאָן האָט ער אלץ ניט געהייסן „גאנץ״ (שלם) ביז ער האָט זיך מל-געווען, ווארום עס ווערט געזאָגט (בראשית י״ז) „התהלך לפני והיה תמים״ (גיי פאר מיר און זיי גאנץ). **די דאָזיקע ווערטער האָט גאָט געזאָגט צו אברהם אבינו ווען ער האָט אים באפוילן זיך מל־צו־זיין (אין אָנהייב פון דער פרשה וועגן דער מצוה פון מילה).** דבר, נאָך א זאך: גרויס איז די מצוה פון) מילה וואָס ווען ניט זי (די דאָזיקע מצוה) וואָלט דער הייליקער געבענטשט איז ער (גאָט) ניט באשאפן זיין וועלט, ווארום עס ווערט געזאָגט (ירמיה ל״ג) „כה אָמר ה׳, אם לא בריתי, יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי״. **דאָס איז א דרש אויפן פסוק אין ירמיה, ווייל מיט „בריתי״ ווערט אָנגערופן די מצוה פון מילה, און עס הייסט, אז גאָט זאָגט: „ווען ניט די מצוה פון מילה, וואָלט איך ניט באשאפן טאָג־און־נאכט און ניט די געזעצן פון הימל און ערד״.**

פרק ד.

א. אין בין המודר הנאה מחבירו למודר הימנו מאכל, אלא דריסת הרגל וכלים שאין עושין בהם אוכל נפש. המודר מאכל מחבירו, לא ישאילנו נפה, וכברה, ורחים, ותנור, אבל משאיל לו חלוק, וטבעת וטלית ונזמים, וכל דבר שאין עושין בו אוכל נפש. מקום שמשכירין כיוצא בהן, אסור:

ב. המודר הנאה מחבירו, שוקל את שקלו, ופורע את חובו, ומחזיר

דאָס הייסט, גאָט וואָלט ניט געווען באשאפן די וועלט.

פרק ד.

א. אין בין, עס איז ניט פאראן קיין אונטערשיד צווישן איינעם וועלכער האָט א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן, און איינעם וועלכער האָט א נדר געטאָן ניט צו עסן פון דעם אנדערן, נאָר דאָס אריינגיין צו אים (דריסת הרגל, טרעטן מיטן פוס, דאָס אריינגיין צו יענעם אין הויז צי אין הויף) און זאכן, וואָס מען גרייט ניט צו מיט זיי עסנווארג. **איידער מיר דערקלערן די משנה וועלן מיר געבן א באַמערקונג וועגן די ווערטע „נודר", „מודר", און „מדיר". „נודר" הייסט, אז איינער, ראובן, טוט א נדר, למשל ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן פון שמעונען, אָדער ניט צו עסן פון שמעון'ס מאכלים. „מודר" הייסט, אז „ראובן ווערט געאסרט דורך א נדר" (ניט הנאה צו האָבן אָדער ניט צו עסן פון שמעונ'ס מאכלים). א „מודר" ווערט ראובן אָדער ווען ער טוט אליין דעם נדר, אָדער ווען שמעון אסרט אויף אים, אויף ראובנען מיט א נדר. „מדיר" הייסט שמעון וועלכער אסרט אויף ראובנען מיט א נדר. די משנה דאָ און אויך ווייטער באנוצט דאָס וואָרט „מודר", און דאָס הייסט סיי אז ראובן טוט דעם נדר ניט הנאה צו האָבן אָדער ניט צו עסן פון שמעונען, סיי שמעון האָט גע-אסרט אויף ראובנען מיט א נדר. מיר זעצן־איבער „מודר" מיט „איינער האָט געטאָן א נדר", כדי צו פארלייכטערן דאָס פארשטיין. סיי ווי די משנה לערנט, אז אויב ראובן טאָר ניט הנאה האָבן פון שמעונען, טאָר ער אויך ניט אריינגיין צו אים אין הויף צי אין הויז און טאָר אויך ניט באָרגן ביי אים אפילו אזעלכע כלים, מיט וועלכע מען גרייט ניט צו קיין עסנווארג. אָבער אויב ראובן טאָר ניט בלויז עסן פון שמעונען, מעג ער אריינגיין צו אים אין הויף צי אין הויז און מעג אויך באָרגן ביי אים כלים, מיט וועלכע מען גרייט ניט צו קיין עסנווארג; דאקייגן, כלים, מיט וועלכע מען גרייט צו עסנווארג טאָר אויך ער ניט באָרגן.** המודר, אז איינער (ראובן) טוט א נדר ניט צו עסן פון אן אנדערן (פון שמעונען) זאָל ער (שמעון) אים ניט באָרגן קיין דינע זיפ און קיין גראָבע זיפ (מיט וועלכע מען זיפט מעל) און קיין מיל (צום מאָלן מעל) און קיין אויוון. **מחמת דערמיט גרייט מען דאָך צו עסנווארג** (ברויט). אבל, אָבער ער (שמעון) מעג אים באָרגן א העמד און א רינגל און א קלייד (טלית) און אוירינגלעך, און יעדע זאך, מיט וועלכער מען גרייט ניט צו קיין עסנווארג; (אָבער) אין אן אָרט, וואו עס איז דער שטייגער אזעלכע זאכן צו פארדינגן (מען נעמט געלט דערפאר), טאָר ער (שמעון) ניט (באָרגן). **ווייל אויב אין דעם אָרט נעמט מען געלט פאר באָרגן זיי, און שמעון האָט זיי געבאָרגט ראובנען אָנגעלט, הייסט עס ווי שמעון האָט געשאָנקן ראובנען געלט, און פאר דעם געלט קאָן ראובן קויפן עסנווארג, און עס איז אזוי ווי ראובן וואָלט געגעסן פון שמעון'ס מאכלים, און דאָס טאָר ער דאָך ניט.**

ב. המודר, אז איינער (ראובן) טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן (פון שמעונען), מעג ער (שמעון) צאָלן (פאר ראובנען) זיין שקל (וואָס מען מוז צאָלן יעדעס יאָר צום בית המקדש), און ער (שמעון), מעג באצאָלן זיין חוב (וואָס ראובן איז שולדיק צו מענטשן), און ער מעג אים צוריקגעבן זיין פארלוירענע זאך (אויב ראובן האָט עפּיס פארלוירן און שמעון האָט עס געפונען, מעג ער עס אים אָפּגעבן). **דער טעם ביים שקל איז ווייל שמעון טוט נור א מצוה דערמיט. ביים צאָלן דעם חוב איז דער טעם, ווייל ער**

לו את אבדתו. מקום שנוטלין עליה שכר, תפול הנאה להקדש:

ג. ותורם את תרומתו ומעשרותיו לדעתו. ומקריב עליו קיני זבין, קיני זבות, קיני יולדות, חטאות, ואשמות. ומלמדו מדרש, הלכות, ואגדות, אבל לא ילמדנו מקרא; אבל מלמד הוא את בניו ואת בנותיו מקרא. וזן את אשתו ואת בניו, אף על פי שהוא חייב במזונותיהם. ולא יזון את בהמתו בין טמאה בין טהורה. ר׳ אליעזר אומר, זן את הטמאה, ואינו זן

מאכט נור דערמיט, אז מענטשן זאָלן אים ניט מאָנען, און ראובן האָט געהאט א ברירה ניט צו וועלן באצאָלן; אן אנדערער פירוש איז, אז מען מיינט דאָ אזא חוב, וועגן וועלכן ראובן האָט געהאט אויסגענומען מיט די מענטשן ביי וועלכע ער האָט דאָס געלט געבאָרגט, אז נור ווען ער וועט וועלן, וועט ער זיי באצאָלן. ביי צוריקגעבן פארלוירענע זאכן, זאָגט די גמרא, אז דאָס מעג מען סיי ווען ראובן טאָר ניט הנאה פון שמעונען און סיי ווען שמעון טאָר ניט הנאה האָבן פון ראובנען, מעג אלץ שמעון צוריקגעבן ראובנען זיין פארלוירענע זאך, מחמת ער טוט נור דערמיט א מצוה. מקום, אן אָרט, וואו מען נעמט באלוינונג (באצאָלט געלט) דערפאר (פאר צוריקגעבן א פארלוירענע זאך), זאָל די הנאה (דאָס געלט וואָס ראובן דארף צאָלן דערפאר) אריינפאלן צו הקדש. מען זאָל עס אוועקגעבן צום בית המקדש. מחמת ראובן מוז דאָך צאָלן, ווארום אויב נישט האָט ער דאָך הנאה פון שמעונען; אויך שמעון קאָן דאָס געלט ניט נעמען, ווייל מען מיינט דאָ ווען ביידע האָבן זיך געאסרט הנאה צו האָבן איינער פון אנדערן, ראובן פון שמעונען, און שמעון פון ראובנען.

ג. ותורם, און ער (שמעון) מעג אפשיידן תרומה און מעשרות (פון ראובן׳ס תבואה) מיט זיין (ראובנ׳ס) וויסן. וועגן תרומה און מעשרות זע אין דער הקדמה צו מסכתא דמאי. די גמרא זאָגט, אז מען מיינט דאָ, ווען ראובן זאָגט: „ווער עס וויל קאָן אפשיידן״, אָבער ניט אז ראובן האָט געמאכט שמעונען פאר א שליח, ווייל דערמיט וואָס שמעון טוט זיין שליחות האָט ער אים פארשאפט אים הנאה, און דאָס טאָר מען ניט. ומקריב, און (אויב שמעון איז א כהן) מעג ער מקריב זיין פאר זיינעטוועגן (פאר ראובנען) זיינע (קרבנות, ווי) די קרבנות־טויבן־פאָר פון זבים, די קרבנות־טויבן־פאָר פון זבות, די קרבנות־טויבן פאָר פון קימפעטאָרינס, די קרבנות חטאות און די קרבנות אשמות. ווען א מאן אָדער א פרוי האָט אן אומריינע פליסיקייט הייסט ער א זב און זי א זבה און ווען זיי ווערן ריין דארפן זיי מקריב זיין אין בית המקדש א פאָר טויבן (קן, א נעסט, א פאָר). אויך א קימפעטאָרין דארף מקריב זיין א פאָר טויבן. ווען איינער טוט א הארבע עבירה בשוגג דארף ער ברענגען א קרבן חטאת. פאר טייל עבירות קומט צו ברענגען א קרבן אשם. זאָגט די משנה אז אויב שמעון איז א כהן און ראובן טאָר ניט קיין הנאה ניט האָבן פון אים, מעג פונדעסטוועגן שמעון מקריב זיין די אלע קרבנות פאר ראובנען, די גמרא זאָגט דעם טעם, ווייל דער כהן איז ניט דער שליח פון מענטש וועלכער ברענגט די קרבנות, נאָר דער שליח פון גאָט (שלוחי דרחמנא). ומלמדו, און ער (שמעון) מעג איהם (ראובנען) לערנען מדרש, הלכות און אגדות, אָבער ער זאָל אים ניט לערנען תנך (מקרא). מיט „מדרש״ מיינט מען די דרשות, מיט וועלכע מען לערנט ארויס הלכות פון די פסוקים אין דער תורה, און די דאָזיקע דרשות געפונען זיך אממערסטן אין מכילתא, ספרא און ספרי. דער טעם פאר וואָס ער מעג לערנען מיט אים די אלע זאכן איז, ווייל פאר לערנען תורה טאָר מען ניט נעמען קיין געלט. אָבער ביי תנך מיינט מען, אז ער לערנט אים דעם טראָפ, די ניגונים פון די טעמים, און דערפאר מעג מען נעמען געלט. דער דין איז אז אין אזא אָרט וואו מען נעמט ניט קיין געלט אויך פאר לערנען טראָפ, מעג ער עס לערנען מיט אים. אבל מלמד, אָבער ער (שמעון) מעג לערנען זיינע (ראובנ׳ס) זין און טעכטער תנך (אפילו די נגונים פון די טעמים). ווייל כאָטש אויף ראובן אליין איז פאראן די מצוה צו לערנען זיינע קינדער, נעמט מען אָן, אז ראובן וואָלט אפשר געפונען איינעם

את הטהורה. אָמרו לו, מה בין טמאה לטהורה ? אָמר להן, שהטהורה נפשה לשמים וגופה שלו ,וטמאה נפשה וגופה לשמים׳ אָמרו לו׳ אף הטמאה נפשה לשמים וגופה שלו, שאם ירצה הרי הוא מוכרה לנכרי, או מאכילה לכלבים :

ד. המודר הנאה מחבירו ונכנס לבקרו, עומד, אבל לא יושב; ומר־פאהו רפואת נפש, אבל לא רפואת ממון. ורוחץ עמו באמבטיא גדולה, אבל לא בקטנה. וישן עמו במטה; ר׳ יהודה אומר, בימות החמה, אבל

וועלכער וואָלט געלערנט מיט זיי בחינם. א צווייטער טעם איז, ווייל דאָס איז דאָך נור א מצוה, און ,,מצוות לאו ליהנות ניתנו״, א מצוה טאָן הייסט ניט הנאה געהאַט. וזן, און ער (שמעון) מעג שפייזן זיין (ראובנ׳ס) ווייב און זיינע (ראובנ׳ס) קינדער, כאָטש ער (ראובן) איז מחויב זיי צו שפייזן. דער רבנו תם זאָגט, אז דאָס איז ווי ער גיט זיי א מתנה. ולא יזון, און ער זאָל ניט שפייזן זיין בהמה, סיי א ניט־כשרע (א פערד, א אייזל) סיי א כשרע (א קי, א שעפס). מחמת ראובן, דער בעל הבית פון די בהמות האָט דאָך הנאה דערפון וואָס זיינע בהמות ווערן אויסגעפאשעט. ר׳ אליעזר זאָגט, אז ער מעג שפייזן די־ניט־כשרע (בהמה, א פערד, אן אייזל), אָבער ער טאָרניט שפייזן די כשרע (א קי, א שעפס). האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים (צו ר׳ אליעזר): וואָס איז דער אונטערשיד צווישן א ניט-כשרער (בהמה) און א כשרער (בהמה)? האָט ער (ר׳ אליעזר) צו זיי געזאָגט ווייל א כשרע (בהמה, למשל א קי, וואָס מען מעג שעכטן און עסן) געהערט איר נפש צו גאָט (לשמים, צום הימל, צו גאָט) אָבער איר גוף געהערט צו אים (צו ראובנען, מחמת ער קאָן זי שעכטן און עסן), אָבער א ניט־כשרער בהמה געהערן איר נפש און איר גוף צו גאָט. ר׳ אליעזר מיינט דערמיט צו זאָגן, אז ווייל ער קאָן דעם פערד ניט עסן, האָט ער ניט קיין הנאה דערפון וואָס דער פערד ווערט אויסגעפאשעט. מיט דעם וואָרט ,,לשמים״, ,,צו גאָט״ מיינט מען, אז דער בעל הבית טאָר די בהמה ניט עסן. אָמרו, האָבן זיי (די חכמים) צו אים געזאָגט: אויך די ניט־כשרע (בהמה) געהערט (נור) איר נפש צו גאָט, און איר גוף געהערט צו אים (צו ראובנען), ווייל אויב ער זאָל וועלן פארקויפט ער זי צו א גוי אָדער ער גיט זי צו עסן צו הינט. ממילא האָט ער הנאה דערפון וואָס די ניט־כשרע בהמה ווערט אויס־געפאשעט, ווייל ער קאָן זי פארקויפן (אויף צו הרגענען און צו עסן זי) צו א גוי אָדער זי הרגענען און געבן צו עסן צו הינט, און זי איז דאדורך ווערט מער געלט.

ד. המודר, אז איינער (ראובן) טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן (פון שמעון), און ער (שמעון) איז אריינגעקומען (אין ראובן׳ס הויז) מבקר־חולה־צו־זיין אים (ראובנען, וועלכער איז קראנק), מעג ער שטיין, אָבער ניט זיך אנידערזעצן. די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען אין אזא אָרט, וואו מען נעמט געלט פאר זיצן מיטן קראנקן און אזוי ווי שמעון נעמט ניט קיין געלט דערפאר, הייסט עס אז ער גיט ראובנען געלט; אָבער פאר שטיין נעמט מען ניט קיין געלט. ומרפאהו, און ער (שמעון) מעג היילן אים (ראובנען) זיין אייגענע קראנקייט (רפואות נפש, א רפואה פאר אים אליין, אויב ראובן איז אליין קראנק), אָבער ער טאָר ניט אים היילן א געלט־רפואה. די גמרא טייטשט ,,רפואת ממון״, אויב ראובן׳ס ,,געלט־זאך״, זיין בהמה, איז קראנק, טאָר זי שמעון ניט היילן. דער טעם איז, ווייל אויב ראובן איז קראנק מוז שמעון אים היילן, ער טוט דערמיט א מצוה; אָבער זיין בהמה איז ער ניט מחויב צו היילן, און אויב ער טוט עס איז עס ווי ער גיט אים געלט. די גמרא זאָגט, אז פונדעסטוועגן מעג ער אים זאָגן, אז יענער רפואהסם איז גוט פאר דער בהמה און אן אנדערער רפואה-סם איז שלעכט פאר איר. ורוחץ, און ער (שמעון) מעג זיך מיט אים (מיט ראובנען) באָדן אין א גרויסער וואננע, אָבער ניט אין א קליינער (וואננע). מחמת אין א קליינער וואנגע הויבט זיך אויף דאָס וואסער ווען שמעון קומט אריין און ראובן איז דאָרט, פארשאפט עס ראובנען הנאה. ,,אמבטי״ איז דאָס גריכישע וואָרט ,,עמבאטע״, א גרויסער בעקן

לא בימות הגשמים, מפני שהוא מהנהו. ומיסב עמו על המטה, ואוכל עמו על השלחן, אבל לא מן התמחוי; אבל אוכל הוא עמו מן התמחוי החוזר. לא יאכל עמו מן האבוס שלפני הפועלים. ולא יעשה עמו באומן, דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומרים, עושה הוא ברחוק ממנו:

ה. המודר הנאה מחבירו לפני שביעית, לא יורד לתוך שדהו, ואינו אוכל מן הנוטות. ובשביעית, אינו יורד לתוך שדהו, אבל אוכל הוא מן

צו וואשן זיך. וישן, און ער מעג מיט אים שלאָפן אין איין בעט; ר׳ יהודה זאָגט, אז נור אים זומער אָבער ניט אים ווינטער, ווייל ער פארשאפט אים הנאה. **ער דערוואַרמט אים, און אים ווינטער איז עס פאר אים אנגענעם.** ומיסב, און ער מעג זיך אָנלענען צו־זאמען מיט אים אויף איין בעט, און עסן מיט אים ביי איין טיש. **אמאָל פלעגט מען זיצן אויף היסב־בעטן ביי א סעודה. זע אין מסכתא ברכות פרק ו׳ משנה ו׳.** אבל, אָבער ער זאָל ניט עסן מיט אים פון (איין) שיסל (תמחוי), **ווייל עס קאָן זיין אז ער זאָל איבערלאָזן פאר דעם אנדערן א בעסער שטיקל מאכל, און דאָס טאָר ער דאָך ניט.** אבל אוכל, אָבער ער מעג מיט אים עסן פון דער שיסל וואָס מען דערלאנגט ארום (החוזר). **ווען עס איז א גרעסערע סעודה ביי א בעל הבית איז דער מנהג אז דער בעל הבית טראָגט ארום א גרויסע שיסל מיט פאַרציעס פלייש צי אנדערע מאכלים, און יעדער גאסט נעמט פון איר וואָס ער וויל. דאָ מעגן ראובן און שמעון יאָ זיין ביי איין סעודה, און עס איז ניט מורא צו האָבן אז שמעון וועט איבערלאָזן פאר ראובנען א בעסער שטיקל פלייש צי אנדער מאכל, ווייל די שיסל ווערט דאָך ארומגעטראָגן.** הזעגן וואָרט „תמחוי" (שיסל) זע מסכתא פאה פרק ח׳ משנה ז׳. לא יאכל, ער (ראובן) זאָל ניט עסן מיט אים (מיט שמעונען) פון דעם גרויסן שפייז־טאָפ (אבוס, קאָריטע) וואָס איז פאר די ארבייטער. **אויב ראובן און שמעון ארבייטן אין איין אָרט, און עס ארבייטן נאָך ארבייטער, און מען דערלאנגט פאר זיי צו עסן א גרויסן טאָפ, טאָר ראובן ניט עסן צוזאמען מיט שמעונען פון דעמזעלבן טאָפ, מחמת אויב שמעון לאָזט איבער, האָט ראובן מער. „אבוס" איז געוויינליך דער טייטש א „קאָריטע", פון וועל־כער עס עסן בהמות (ישעיה א׳, ג׳, „וחמור אבוס בעליו").** ולא יעשה, און ער (ראובן) זאָל ניט ארבייטן צוזאמען מיט אים (מיט שמעונען) אין איין שורה (אויפן פעלד), אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **אומן הייסט א „זאגאָן", א לאנג, שמאָל שטיקל פעלד (זע אין מסכתא פאה פרק ב׳ משנה ה׳). זאָגט די משנה, אז אויב זיי, ראובן און שמעון, ארבייטן ביי איין בעל הבית אין פעלד, זאָלן זיי ניט ארבייטן אויף איין פעלד־שורה, מחמת אויב שמעון וועט ארבייטן מער, וועט ראובן געניסן דערפון.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז ער (שמעון) קאָן ארבייטן ווייט (אָפגערוקט) פון אים (פון ראובנען). **און אפילו אין איין שורה, אויב איינער ארבייט ווייט פון אנדערן, קאָן ער גאָרניט געניסן דערפון.**

ה. המודר, אז איינער (ראובן) האָט א נדר געטאָן פאר שמיטה־יאָר ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן (פון שמעונען), טאָר ער (ראובן) ניט אריינגיין אין זיין (שמעונ׳ס) פעלד, און ער טאָר ניט עסן פון די פרוכטן וואָס בייגן זיך אריבער (ארויס פון שמעונ׳ס גאָרטן); און (אויב ער האָט א נדר געטאָן) אים שמיטה־יאָר (ניט הנאה צו האָבן פון אים) טאָר ער ניט אריינגיין אין זיין פעלד, אָבער ער מעג עסן פון די פרוכטן וואָס בייגן זיך אריבער (ארויס פון שמעונ׳ס גאָרטן). **שמיטה יאָר, דאָס 7־טע יאָר, זענען אלע פרוכטן פון די פעלדער און גערטנער הפקר און יעדער מעג זיי נעמען און עסן (זע אין דער הקדמה צו מסכתא שביעית). דעריבער כאָטש ראובן טאָר ניט קיין הנאה האָבן פון שמעונען, פונדעסטוועגן מעג ער אים שמיטה־יאָר נעמען די פרוכטן פון שמעונ׳ס גאָרטן, ווייל זיי זענען ניט שמעונ׳ס, זיי זענען הפקר, אָבער אריינגיין צו אים אין פעלד אריין טאָר ער ניט, ווייל מען האָט מורא טאָמער וועט ער בלייבן לענגער אין פעלד, ווי ער דאַרף האָבן צום נעמען די פרוכטן, און עס הייסט אז ער האָט הנאה געהאַט פון שמעונ׳ס פעלד, און דאָס פעלד איז ניט הפקר.**

הנטיעות הנוטות. נדר הימנו מאכל לפני שביעית, יורד לתוך שדהו, ואינו אוכל מן הפירות. ובשביעית, יורד ואוכל:

ו. המודר הנאה מחבירו, לא ישאילנו ולא ישאל ממנו, לא ילונו ולא ילוה ממנו, ולא ימכור לו ולא יקח ממנו. אמר לו „השאילני פרתך״, אָמר לו „אינה פנויה״, אָמר „קונם שדי שאני חורש בה לעולם״, אם היה דרכו לחרוש, הוא אסור, וכל אדם מותרין, אם אין דרכו לחרוש, הוא וכל אדם אסורין:

ז. המודר הנאה מחבירו ואין לו מה יאכל, הולך אצל החנוני, ואומר „איש פלוני מודר ממני הנאה, ואיני יודע מה אעשה״, והוא נותן לו,

---

נדר, אויב ער (ראובן) האָט פאר שמיטה־יאָר א נדר געטאָן ניט צו עסן (פון אים, פון שמעונען, אָבער הנאה האָבן פון אים מעג ער יאָ), מעג ער אריינגיין צו אים אין פעלד, און ער טאָרניט עסן פון די פרוכטן, און (אויב ער האָט א נדר געטאָן) אים שמיטה־יאָר (ניט צו עסן פון אים), מעג ער אריינגיין (אין פעלד אריי) און עסן פון די פרוכטן, **ווייל דער איסור אריינצוגיין אין פעלד אריין איז נור ווען ראובן טאָר ניט הנאה האָבן פון שמעונען, און דאמאָלס איז אסור „דריסת הרגל״, ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳. אים שמיטה־יאָר מעג ער אריינגיין אין פעלד און עסן, ווייל די פרוכטן זענען דאָך הפקר. מיט „פעלד״ מיינט מע דאָ אויך פרוכטן-גאָרטן. און „יורד״, אראָפּגיין, באנוצט די משנה, ווייל געוויינטליך זענען די פעלדער און גערטנער געווען אין טאָל (זע מסכתא ביכורים פרק ג׳ משנה א׳).**

ו. אז איינער (ראובן) טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן (פון שמעונען) זאָל ער אים ניט באָרגן (קיין זאכן) און זאָל פון אים ניט באָרגן (קיין זאכן), ער זאָל אים ניט באָרגן (קיין געלט) און זאָל פון אים ניט באָרגן (קיין געלד). „ישאל״, („שאלה״) מיינט **„באָרגן זאכן״, און „ילוה״, „הלואה״, מיינט באָרגן געלד (זע מסכתא שבת פרק כ״ג משנה א׳, וואו די ווערטער האָבן אויך אן אנדערן פירוש). די גמרא זאָגט אז דאריבער טאָר אויך שמעון ניט באָרגן פון ראובנען, כאָטש שמעון מעג דאָך יאָ הנאה האָבן פון ראובנען, ווייל מען האָט מורא אז דאָס קאָן דערפירן דערצו, אז אויך ראובן וועט באָרגן פון שמעונען.** ולא ימכור, און ער (ראובן) טאָר ניט אים פארקויפן (א זאך אפילו פאר וויניקער ווי זי איז ווערט) און ער טאָרניט קויפן ביי אים. **אויך דאָ האָט מען געאסרט דאָס פארקויפן צוליב דער מורא פון קויפן, — אָמר,** אויב איינער (ראובן) האָט געזאָגט צו אים (צו שמעונען): „באָרג מיר דיין קי (צום אקערן אין מיין פעלד״, און ער (שמעון) האָט אים געזאָגט: „זי איז ניט ליידיק״ (די קי איז פארנומען), האָט ער (ראובן, זייענדיק אין כעס צוליב שמעון׳ס אָפּזאָג) געזאָגט: „קונם, איך טו א נדר אז איך זאָל ניט אקערן אין מיין פעלד קיינמאָל״, — איז (דער דין) אז אויב ער (ראובן אליין) פלעגט אקערן אין זיין פעלד, טאָר ער אין דעם פעלד ניט אקערן, אָבער אנדערע מענטשן (דינגן אנדערע מענטשן צום אקערן) מעגן. **ווייל מיט דעם נדר האָט ער נאָר געמיינט, אז ער אליין טאָר ניט אקערן.** אם אין דרכו, אויב אָבער ער (ראובן) פלעגט ניט אקערן (אין זיין פעלד, נאָר ער פלעגט דינגן אנדערע מענטשן צום אקערן), טאָרן ניט אקערן (דאָס פעלד) ניט ער און ניט קיין אנדערער מענטש. **מחמת מען נעמט אָן אז ער האָט מיט דעם נדר געמיינט אז קיינער זאָל ניט אקערן.**

ז. המודר, אז איינער (ראובן) טוט א א נדר ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן (פון שמעונען), און ער (ראובן) האָט ניט וואָס צו עסן (און שמעון וויל אים העלפן) זאָל ער (שמעון) גיין צום קרעמער (וועלכער האָט א קראָם מיט שפייז) און ער זאָל אים זאָגן: „יענער מענטש (ראובן) טאָרניט הנאה האָבן פון מיר, און איך ווייס ניט וואָס איך זאָל טאָן״. און ער (דער קרעמער וועט שוין פארשטיין און ער) וועט אים (ראובנען) געבן (שפייז) און דערנאָך קומט ער (דער קרעמער) און נעמט (באצאָלט פאר

ובא ונוטל מזה. היה ביתו לבנות, גדרו לגדור, שדהו לקצור, הולך אצל הפועלים, ואומר „איש פלוני מודר ממני הנאה, ואיני יודע מה אעשה״, הם עושין עמו, ובאין ונוטלין שכר מזה:

ח. היו מהלכין בדרך, ואין לו מה יאכל, נותן לאחר לשום מתנה, והלה מותר בה. אם אין עמהם אחר, מניח על הסלע או על הגדר, ואומר „הרי הן מופקרים לכל מי שיחפוץ״, והלה נוטל ואוכל. ור׳ יוסי אוסר:

פרק ה.

א. השותפין שנדרו הנאה זה מזה, אסורין לכנס לחצר. ר׳ אליעזר בן יעקב אומר, זה נכנס לתוך שלו, וזה נכנס לתוך שלו. ושניהם אסורים להעמיד שם רחים ותנור, ולגדל תרנגולים. היה אחד מהם מודר הנאה

דער שפייז פון דאַזיקן (פון שמעונען). **דאָס הייסט ניט עובר געווען אויף דעם נדר, ווייל דער קרעמער קאָן ניט צווינגען שמעונען צו באַצאָלן אים, נאָר שמעון באַצאָלט אים מיט זיין גוטן ווילן. אָבער אויב ער זאָגט אים בפירוש, אז ער זאָל אים געבן און ער וועט באַצאָלן, טאָר מען ניט, ווייל דאָס הייסט אים געמאכט פאר א שליח און עס איז אזוי ווי שמעון וואָלט אליין געגעבן ראובנען.** היה, אויב ער (ראובן, וועלכער טאָר ניט הנאה האָבן פון שמעונען) דארף אויפבויען א הויז, אָדער אויפשטעלן א צוים (א פלויט ארום זיין הויף צו ארום זיין פעלד), אָדער אָפשניידן (די תבואה) פון זיין פעלד (און ער האָט ניט קיין געלט צו צאָלן די ארבייטער, און שמעון וויל אים העלפן), זאָל שמעון גיין צו די ארבייטער און זאָגן: „יענער מענטש (ראובן) טאָרניט הנאה האָבן פון מיר און איך וויס ניט וואָס איך זאָל טאָן״; זיי (די ארבייטער, וועלכער פארשטייען וואָס שמעון מיינט) ארבייטן ביי אים (ביי ראובן) און נעמען זייער באַצאָלונג פון דעם דאָזיקן (ביי שמעונען). **אויך דאָס מעג מען אזוי ווי פריער ביים קרעמער.**

ח. היו, אויב זיי (ראובן און שמעון און נאָך א מענטש) זיינען געגאנגען אין וועג, און ער (ראובן האָט ניט וואָס צו עסן, און שמעון האָט יאָ ביי זיך שפייז, אָבער ראובן טאָרניט הנאה האָבן פון אים צוליב א נדר) זאָל ער (שמעון) שענקן (דאָס שפייז) אלס א מתנה צו דעם אנדערן (מענטש וואָס גייט מיט זיי), און דער דאָזיקער (ראובן) מעג שוין עס נעמען. **מחמת איצט געהערט דאָך עס ניט מער צו שמעונען, נאָר צו דעם אנדערן מענטש.** אם אין, אויב זיי האָבן ניט מיט זיך נאָך א מענטש (וועמען אוועקצו-שענקן), זאָל ער (שמעון) אוועקלייגן (די שפייז) אויף א שטיין אָדער אויף א צוים און ער זאָל זאָגן: „זיי (די שפייז) זענען הפקר פאר יעדן איינעם וואָס וועט וועלן (זיי נע־מען)״, און ער (ראובן) נעמט (די שפייז) און ער עסט. **ווייל עס הייסט, אז ראובן האָט באקומען די שפייז ניט פון שמעונען, נאָר פון הפקר.** ור׳ יוסי, און ר׳ יוסי אסרט, **ווייל קוים איז ניטאָ מער קיין אנדערער מענטש דאביי, איז עס ווי שמעון וואָלט ראובנען געשאָנקן.**

פרק ה.

א. השותפין, אויב צוויי שותפים (ראובן און שמעון, וועלכע האָבן בשותפות איין הויף און אין הויף האָט יעדער פאר זיך א הויז) האָבן א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן איינער פון אנדערן (ניט ראובן פון שמעונען און ניט שמעון פון ראובנען), טאָרן זיי ניט אריינגיין אין הויף. **די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען אז אפילו אין א קליינעם הויף, וועלכן מען קאָן ניט צו טיילן (ער האָט ניט 4 איילן אויף 4 איילן). די חכמים דאָ האלטן, אז ווען א שותף גייט אריין אין הויף געניסט ער ניט נור פון זיין חלק, נאָר אויך פון שותף׳ס חלק, און דאָס טאָר ער דאָך ניט.** ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט (אז זיי מעגן יאָ אריינגיין אין הויף, ווייל) דער (שותף, ראובן) גייט אריין אין זיין אייגנס און דער (שותף, שמעון) גייט אריין אין זיין אייגנס. **ר׳ אליעזר בן יעקב האלט, אז „יש ברירה״, אז יעדעס מאָל ווען א שותף באנוצט דעם הויף ווערט עס „מבורר״, אזוי ווי פעסט־געשטעלט, אז דאמאָלס געהערט דער גאנצער הויף צו אים, און ער געניסט גאָרניט**

מחבירו, לא יכנס לחצר. ר׳ אליעזר בן יעקב אומר יכול הוא לומר לו „לתוך שלי אני נכנס, ואיני נכנס לתוך שלך״. וכופין את הנודר למכור את חלקו:

ב. היה אחד מן השוק מודר מאחד מהם הנאה, לא יכנס לחצר, ר׳ אליעזר בן יעקב אומר, יכול לומר לו „לתוך של חברך אני נכנס, ואיני נכנס לתוך שלך״:

ג. המודר הנאה מחבירו, ויש לו מרחץ ובית הבד מושכרים בעיר, אם יש לו בהן תפיסת יד, אסור, אין לו בהן תפיסת יד, מותר האומר

פון צווייטנס. די גמרא זאָגט, אז ביי א הויף וועלכן מען קאָן צוטיילן (ער האָט 4 איילן **אויף 4 איילן) האלט אויך ר׳ אליעזר בן יעקב, אז זיי טאָרן ניט, נאָר זיי זאָלן זיך צו־טיילן.** ושניהם, אוןביידע זענען אסור (טאָרן ניט) אויפשטעלן דאָרט (אין הויף) א מיל (צו מאָלן מעל), און אן אויוון (צו באקן ברויט און צו קאָכן), און צו האָדעוון (אין הויף) הינער. **דאָס איז אויך ר׳ אליעזר בן יעקב מודה, אז זיי טאָרן ניט, ווייל לויט דעם דין קאָן איין שותף פארווערן דעם צווייטן דאָס צו טאָן, און ווייל זיי פארווערן זיך ניט, הייסט עס, אז זיי האָבן הנאה איינער פון אנדערן.** היה אחד, אויב איינער פון זיי (למשל, ראובן) האָט א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון אנדערן (פון שמעונען) טאָר ער (ראובן) ניט ארייגגיין אין הויף. ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט (אז ער מעג, ווייל) ער קאָן זאָגן צו אים: „איך גיי אריין אין מיין אייגנס, און איך גיי ניט אריין אין דיינס״. **די טעמים פון די חכמים און פון ר׳ אליעזר בן יעקב זענען אזוי ווי פריער.** וכופין, און מען צווינגט דעם מענטש וואָס האָט א נדר געטאָן, אז ער זאָל פארקויפן זיין חלק. **ווייל ווען נור איינער טאָרניט, איז מורא צו האָבן, טאָמער וועט ער זעענדיק ווי דער אנ־דערער גייט אריין, אויך ארייגגיין אין הויף, אָבער אויב ביידע טאָרן ניט, שאדט ניט. די גמרא זאָגט, אז מען צווינגט ראובנען צו פארקויפן זיין חלק, נאָר אויב ראובן האָט א נדר געטאָן; אָבער אויב שמעון האָט געאסרט ראובנען מיט א נדר ניט הנאה צו האָבן פון אים** (פון שמעונען), **צווינגט מען ניט ראובנען צו פארקויפן, ווייל אויב יאָ וועט יעדער מענטש, וועלנדיק פטור ווערען פון זיין שותף, אסרן אים מיט א נדר ניט הנאה צו האָבן פון אים, כדי צו צווינגן אים צו פארקויפן זיין טייל.**

ב. היה, אויב איינער פון גאס (אן אנדערער מענטש) האָט א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון איינעם פון זיי (פון די שותפין, למשל, פון ראובנען), טאָר ער ניט ארייגגיין אין הויף. ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט (אז ער מעג, ווייל) ער קאָן זאָגן צו אים (צו ראובנען): „איך גיי אריין אין דיין חבר׳ס (אין דיין שותפ׳ס) און איך גיי ניט אריין אין דיינס״. **עס איז אלץ דער זעלבער טעם, סיי פון די חכמים און סיי פון ר׳ אליעזר בן יעקב, וואָס מיר האָבן געגעבן פריער אין אָנהויב פון משנה א׳.**

ג. המודר, אז איינער (ראובן) טוט א נדר ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן (פון שמעונען) און ער (שמעון) האָט אין שטאָט א מרחץ (באד־אנשטאלט), אָדער א אייל־קעלטער (א פאבריק אויסצוקוועטשן אייל פון איילבירטן, בית הבד) וועלכע זענען פארדינגן (צו אן אנדערן מענטש), איז (דער דין), אויב ער (שמעון) האָט נאָך אין זיי א האנט־אָנהאלט (א טייל וואָס איז ניט פארדינגן, למשל דעם גרוב מיט וואסער אין מרחץ האָט ער ניט געהאט פארדינגן), איז ער (ראובן) אסור. **ער טאָר ניט נוצן דעם באָד־אנשטאלט, צו דעם אייל־קעלטער, ווייל עס הייסט, אז ער האָט הנאה פון שמעון׳ס א זאך.** אם אין, אויב ער (שמעון) האָט ניט אין זיי קיין האנט־אָנהאלט (ער האָט זיך גאָר ניט איבערגעלאָזט, ער האָט אלץ פארדינגן), מעג ער. **ראובן מעג דאָ־מאָלס נוצן דעם מרחץ און דעם אייל־קעלטער. „תפיסת יד״, „האנט־אָנהאלט״, א זאך, וואָס מען קאָן אָנגעמען מיט דער האנט, מיינט דאָ א טייל, עפּיס, איבער וואָס ער האָט נאָך א רשות.** — האומר אז איינער (ראובן) זאָגט צו אן אנדערן (צו שמעונען).

לחבירו „קונם לביתך שאני נכנס, ושדך שאני לוקח״, מת, או שמכרו לאחר, מותר. „קונם לבית זה שאני נכנס, שדה זו שאני לוקח״, מת, או שמכרו לאחר אסור׃

ד. „הריני עליך חרם״, המודר אסור. „הרי את עלי חרם״, הנודר אסור. „הריני עליך, ואת עלי״, שניהם אסורין; ושניהם מותרין בדבר של עולי בבל, ואסורין בדבר של אותה העיר׃

ה. ואיזהו דבר של עולי בבל? כגון הר הבית, והעזרות והבור שב־אמצע הדרך. ואיזוהו דבר של אותה העיר? כגון הרחבה, והמרחץ, ובית

„קונם, איך טו א נדר אז איך זאָל ניט אריינגיין אין דיין הויז״, אָדער „אז איך זאָל ניט קויפן דיין פעלד״, איז (דער דין), אויב ער (שמעון) איז געשטאָרבן, אָדער ער האָט פארקויפט (זיין הויז צי זיין פעלד) צו אן אנדערן (מענטש), מעג ער (ראובן). **ער מעג אריינגן אין דעם הויז אָדער קויפן דאָס פעלד, ווייל עס געהערט דאָך ניט מער צו שמעונען, און ביים נדר טאָן האָט ער דאָך בפירוש געזאָגט „לביתך, אין דיין הויז״, אָדער „שדך, דיין פעלד״, און ער האָט געמיינט, אז נור ווען זיי זענען זיינע.** קונם, (אויב אָבער ראובן האָט געזאָגט צו שמעונען): „קונם, איך טו א נדר אז איך זאָל ניט אריינגיין אין דאָזיקן הויז״, אָדער „אז איך זאָל ניט קויפן דאָס דאָזיקע פעלד״, איז (דער דין), אז אויב ער (שמעון) איז געשטאָרבן אָדער ער האָט עס (דאָס הויז צי דאָס פעלד) פארקויפט צו אן אנדערן (מענטש), טאָר ער (ראובן) ניט. **ער טאָר ניט אריינגיין אין הויז און ניט קויפן דאָס פעלד, כאָטש עס געהערט שוין ניט צו שמעונען, ווייל ער האָט געזאָגט סתם „בית זה, דאָס דאָזיקע הויז״, און „שדה זו, דאָס דאָזיקע פעלד״.**

ד. הריני, (אויב ראובן זאָגט צו שמעונען): „איך זאָל זיין אויף דיר חרם״, איז דער „מודר״ (אויף וועלכן מען מאכט דעם נדר, שמעון) אסור (טאָר ניט הנאה האָבן פון ראובנען); (אויב אָבער ער זאָגט צו אים): „דו זאָלסט זיין אויף מיר חרם״, איז דער נודר (דער וועלכער זאָגט דעם נדר, ראובן) אסור (טאָר ניט הנאה האָבן פון שמעונען); (אויב אָבער ער זאָגט צו אים): „איך זאָל זיין אויף דיר (חרם) און דו זאָלסט זיין אויף מיר (חרם)״, זענען ביידע אסור. **ראובן טאָרניט הנאה האָבן פון שמעונען און שמעון טאָרניט הנאה האָבן פון ראובנען. מיר האָבן פריער פרק ד׳ משנה א׳ דערקלערט דעם אונטערשיד פון „נודר״, „מודר״ און „מדיר״. אין אָנהויב פון דער מסכתא פרק א׳ משנה א׳ האָבן מיר געגעבן, אז „חרם״ מיינט דאָסזעלביקע וואָס א נדר טאָן.** ושניהם, און זיי ביידע (וועלכע טאָרן ניט הנאה האָבן איינער פון אנדערן) מעגן הנאה האָבן פון א זאך (וואָס איז געשאפן געוואָרן דורך די יידן) וועלכע זיינען אויפגעגאנגן פון בבל. **די יידן, וועלכע פלעגן גיין פון דער מדינה בבל קיין ארץ ישראל עולה רגל זיין (עולי בבל) האָבן זיך באנוצט מיט א סך זאכן וואָס האָבן געהערט צו אלע יידן, און די משנה וועט ווייטער משנה ה׳ זאָגן וואָס זיי זענען. לערנט די משנה, אז ראובן און שמעון מעגן הנאה האָבן פון די זאכן, ווייל זיי געהערן ניט צו זיי, נאָר זיי זענען ווי הפקר.** ואסורין, אָבער זיי טאָרן ניט (הנאה האָבן) פון א זאך וואָס געהערט צו דער דאָזיקער שטאָט. **ווייל אין דעם האָט יעדער פון זיי א חלק. אויך וועגן דעם וועט די משנה ה׳ געבן וואָס מען מיינט.**

ה. ואיזהו? וואָס הייסט „א זאך וועלכע געהערט צו די אויפגייער פון בבל״? א שטייגער ווי דער הר הבית (דער בארג אין ירושלים, אויף וועלכן עס איז געשטאנען דאָס בית המקדש) און די עזרות (די הייפן פון בית המקדש), און דער ברונעם (מיט וואַסער) וואָס איז אויפ׳ן מיטן וועג. **דער ברונעם מיט וואסער איז געווען הפקר, כדי אלע וועלכע זיינען עולה רגל קיין ירושלים זאָלן האָבן וואסער צום טרינקן בחינם. די משנה זאָגט „עזרות״ אין לשון רבים, ווייל עס זיינען געווען עזרות פאר פרויען (עזרת נשים), פאר ישראלים און פאר כהנים.** ואיזהו, און וואָס הייסט א „זאך פון דער דאָ־

הכנסת, והתיבה, והספרים, והכותב חלקו לנשיא. ר׳ יהודה אומר, אחד כותב לנשיא ואחד כותב להדיוט. מה בין כותב לנשיא לכותב להדיוט? שהכותב לנשיא אין צריך לזכות. וחכמים אומרים, אחד זה, ואחד זה, צריכין לזכות, לא דברו בנשיא אלא בהוה. ר׳ יהודה אומר, אין אנשי גליל צריכין לכתוב, שכבר כתבו אבותיהם על ידיהם:

ו. המודר הנאה מחבירו, ואין לו מה יאכל, נותנו לאחר לשום מתנה, והלה מותר בה. מעשה באחד בבית חורון, שהיה אביו מודר הימנו הנאה, והיה משיא את בנו, ואמר לחברו: „חצר וסעודה נתונים לך במתנה, ואינן לפניך אלא כדי שיבא אבא ויאכל עמנו בסעודה״. אמר לו „אם

זיקער שטאָט״? א שטייגער ווי דער שטאָט־פּלאַץ (רחבה), און דער (שטאָטישער) מרחץ, און די שול, און דער ארון קודש, און די ספרים. זיי געהערן צו דער שטאָט, אָבער עס ווערט גערעכנט, ווי יעדער שטאָט־מענטש האָט א חלק אין זיי, און דעריבער טאָרן ראובן און שמעון ניט באנוצן זיך מיט זיי, ווייל ראובן טאָר ניט הנאה האָבן פון שמעונ׳ס חלק, און שמעון טאָר ניט הנאה האָבן פון ראובנ׳ס חלק. והכותב, און ווער עס שרייבט אָפּ זיין טייל צום נשיא. די גמרא טייטשט די דאָזיקע משנה, אז די משנה פרעגט: וואָסער עצה איז פאַראַן, אז זיי זאָלן מעגן זיך באנוצן מיט די זאכן פון דער שטאָט? און די משנה זאָגט, אז יעדער פון זיי זאָל אפּשרייבן זיין חלק אין די שטאָט זאכן צום נשיא פון די יידן, און ממילא האָבן זיי דאָך גאָרניט אין די שטאָטישע זאכן, און זיי מעגן זיך באנוצן מיט זיי. ר׳ יהודה זאָגט, אז עס איז אלץ איינס, צי איינער שרייבט אָפּ (זיין חלק) צום נשיא צי ער שרייבט אָפּ (זיין חלק) צו א פשוטן מענטש (הדיוט), נאָר וואָס איז דער אונטערשיד צי איינער שרייבט אָפּ צום נשיא און צי ער שרייבט אָפּ צו א פשוטן מענטש אז איינער שרייבט אָפּ צום נשיא, דאַרף ער אים ניט מזכה זיין. ווען מען שרייבט אָפּ א זאך צו א מענטש, דאַרף מען עס אים איבערגעבן, מזכה זיין, אָדער אים אליין אָדער דורך אן אנדערן. אָבער דער נשיא צוליב זיין חשיבות נעמט איבער די איבערגעשריבענע חלקים אפילו מען האָט אים ניט מזכה געווען. וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז סיי דער (וואָס שרייבט אָפּ צום נשיא) און סיי דער וואָס שרייבט אָפּ צו א פשוטן מענטשן דאַרף מזכה זיין, און מען האָט געזאָגט (די עצה אָפּצושרייבן צום נשיא) נאָר ווייל אזוי איז דער שטייגער. „בהוה״, געוויינטליך איז אָנגענומען אז א חלק אין א קהלשער זאך שרייבט מען איבער צום נשיא. וועגן „בהוה״ זע מסכתא שבת פרק ו׳ משנה ו׳. ר׳ יהודה זאָגט אז די איינוואוינער פון גליל דאַרפן ניט אָפּשרייבן, ווייל זייערע עלטערן האָבן שוין אָפּגעשריבן פאַר זיי. גליל איז די צפון־געגענט אין ארץ ישראל. צוליב דעם וואָס די דאָרטיגע מענטשן פלעגן זיך ארומקריגן און אסרן זיך מיט א נדר הנאה צו האָבן איינער פון אנדערן, האָבן זייערע עלטערן אָפּגעשריבן די שטאָטישע זאכן צום נשיא.

ו. המודר, אז איינער (ראובן) האָט א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון אן אנדערן (פון שמוענען), און ער האָט ניט וואָס צו עסן (און שמעון וויל ראובנען העלפן), זאָל ער (שמעון) געבן צו אן אנדערן מענטש אלס א מתנה, און דער דאָזיקער מעג נעמען (פון דעם אנדערן מענטש. עס איז דאָס זעלביקע וואָס פריער פרק ד׳ משנה ז׳. נאָר דאָרט ווערט געלערנט אז זיי זענען אין וועג, און דאָ לערנט די משנה אז אויך אין שטאָט קאָן מען עס טאָן. מעשה, עס איז געווען א מעשה מיט איינעם אין (דער שטאָט) בית חורון, וואָס זיין פאָטער האָט א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון אים, און דער דאָזיקער האָט חתונה געמאכט זיין זון און (ער האָט געוואָלט אז זיין פאָטער זאָל קומען צו אים אין הויף און עסן פון דער חתונה-סעודה) האָט ער געזאָגט צו זיינס א פריינט: „דער הויף און די סעודה שענק איך דיר אלס א מתנה, און זיי זיינען ניט דיינס, נאָר כדי מיין פאָטער זאָל קאָנען קומען און עסן מיט אונז די סעודה״. האָט אים יענער געזאָגט: „אויב זיי זענען מיינס (אויב דו האָסט זיי מיר געגעבן א מתנה)

שלי הם, הרי הם מוקדשין לשמים". אָמר לו „(לא) נתתי לך את שלי שתקדישם לשמים". אָמר לו לא נתת לי את שלך אלא שתהא אתה ואביך אוכלים ושותים ומתרצים זה לזה, ויהא עון תלוי בראשו". (וכשבא דבר לפני חכמים אמרו) כל מתנה שאינה שאם הקדישה אינה מקודשת, אינה מתנה:

פרק ו.

א. הנודר מן המבושל, מותר בצלי ובשלוק. אָמר, קונם תבשיל שאיני טועם, אסור במעשה קדירה רך, ומותר בעבה, ומותר בביצת

זאָלן זיי זיין הייליק (הקדש) צו גאָט" (און קיינער זאָל פון זיי ניט טאָרן הנאה האָבן). האָט צו אים דער אַנדערער (דער בעל הבית) געזאָגט: „איך האָב דיר ניט געגעבן מיינס, אז דו זאָלסט עס מקדיש זיין צו גאָט". האָט צו אים יענער (דער פריינט) געזאָגט: „דו האָסט מיר ניט געגעבן דיינס, נאָר כדי דו און דיין פאָטער זאָלט עסן און טרינקן און זיך איבערבעטן איינער מיטן אנדערן, און די עבירה דערפון (וואָס דער פאָטער וועט עובר זיין אויפ'ן נדר) זאָל פאלן אויף מיין קאָפּ" (תלוי בראשי, זאָל הענגען אויף מיין קאָפּ). און ווען די זאַך (די שאלה וועגן דעם איז געקומען פאר די חכמים, האָבן זיי געזאָגט, אז יעדע מתנה, וואָס אויב (דער וואָס האָט זי באַקומען) האָט זי מקדיש געווען איז זי ניט געוואָרן הקדש, הייסט זי ניט קיין מתנה. און ממילא הייסט עס ווי דער הויף און די סעודה זענען ווייטער דעם זונ'ס, און זיין פאָטער טאָרניט קומען צו אים און עסן פון דער סעודה. די גמרא זאָגט אז אין דער משנה, איידער זי דערציילט די מעשה, פעלן עטליכע ווערטער, און עס דאַרף זיין „אויב דער סוף ווייזט אַרויס אויף דעם אָנהייב (אז ער האָט ניט געמיינט אוועקצושייקן) טאָר מען ניט". און דאַרויף ברענגט די משנה די ראיה דערצו פון דער מעשה אין בית חורון, וואו ער האָט אָנגעגרייט א סך צוליב דעם פאָטער און ער האָט געגעבן אלץ צו זיין פריינט נאָר כדי דער פאָטער זאָל קומען צו דער סעודה. „בית חורון" איז געווען א שטאָט אין ארץ ישראל צו צפון־מערב פון ירושלים, און זי ווערט דערמאָנט א סך מאָל אין תנך (יהושע ט"ז, ג' און אנדערע ערטער) און אין ברייתות און אין גמרא (סנהדרין ל"ב און אנדערע ערטער) און אויך אין ספר החשמונאים א', ג', און אין יוסיפון לרומיים. מיר האָבן שוין עטליכע מאָל באַמערקט, אז אין דער צייט פון דער משנה און גמרא האָט די חתונה־סעודה געמאַכט דעם חתנ'ס פאָטער, און ניט דער כלה'ס פאָטער, און אויך דאָ איז צו זען דאָס זעלביקע.

פּוּ ק ו.

א.. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט צו עסן) געקאָכטס (מבושל), מעג ער (עסן) געבראָטנס און שטאַרק איינגעקאָכטס (שלוק). מען מיינט אז ער האָט געזאָגט „קונם מבושל עלי", זאָגט די משנה אז ער האָט נור געמיינט געוויינטליך געקאָכטע זאַכן. דער גאַנצער איצטיקער פּרק ו' און אויך די ווייטערדיקע פּרקים ז' און ח' לערנען וועגן דעם וואָס א מענטש מיינט ווען ער טוט א נדר ניט צו באַנוצן א זאַך, און ער רופט אָן די זאַך מיט א נאָמען. די גמרא לערנט דעם יסוד דערפון, אז ביי נדרים גייט אלץ לויט דעם וואָס מענטשן פאַרשטייען מיט דעם דאָזיקן נאָמען (בנדרים הלך אחר לשון בני אדם). למשל, דאָס וואָרט „מבושל" הייסט אין תנ"ך טיילמאָל אויך געבראָטנס (דברי הימים ב', ל"ה, י"ג, „ויבשלו את הפסח", און דאָס פּסח־פליישׁ האָט מען נור געבראָטן). פונדעסטוועגן, ווייל מענטשן רופן אָן „מבושל" נאָר געקאָכטע זאַכן און ניט געבראָטענע און ניט שטאַרק־איינגעקאָכטע (געזאָטענע), נעמט מען אָן אז דער וואָס האָט געטאָן דעם נדר האָט געמיינט נאָר געקאָכטע זאַכן. וועגן „שלוק" זאָגט דער ר"ן אז דאָס מיינט מען ניט־גענוג געקאָכטס; אונזער פירוש איז פון פירוש רש"י. אָמר, אויב ער האָט געזאָגט, „קונם, איך זאָל ניט פאַרזוכן קיין געקעכטס (תבשיל)", טאָר ער ניט (פאַרזוכן) אלץ וואָס איז געקאָכט אין טאָפּ ווייך, און ער

טרמיטא ובדלעת הרמוצה:

ב. הנודר ממעשה קדירה, אין אסור אלא ממעשה רתחתה. אמר, קונם היורד לקדירה שאיני טועם, אסור בכל המתבשלין בקדירה:

ג. מן הכבוש, אין אסור אלא מן הכבוש של ירק; כבוש שאיני טועם, אסור בכל הכבושים. מן השלוק, אינו אסור אלא מן השלוק של בשר; שלוק שאיני טועם, אסור בכל השלקים. מן הצלי, אין אסור אלא מן הצלי של בשר, דברי ר׳ יהודה, צלי שאיני טועם, אסור בכל הצ־לויים, מן המליח, אין אסור אלא מן המליח של דג; מליח שאיני טועם, אסור בכל המלוחים:

מעג וואס איז געקאכט אין טאפ געדיכט. די גמרא זאגט, אז מיט „תבשיל" געקעכטס, מיינט מען יעדעס געקעכטס, וואס מען עסט מיט ברויט. ומותר, און ער (דער וואס האט זיך געאסרט פון תבשיל, פון געקעכטס) מעג עסן א שיטער־אנגעווארעמט איי (ביצת טרמיטא) און א קירביס (א דיניע) וואס מען האט ארייגעלייגט אין הייס אש (דלעת הרמוצה. „ביצת טרמיטא טייטשט דער רמב"ם א ווייך־אנגעווארעמט איי, און עס איז דאס גריכישע ווארט „טעראמאטעס", „ווייך־געקאכט". דער ירושלמי טייטשט דאס ווארט „רופיטון", און דאס איז דאס גריכישע ווארט „ראפעטאן", ווייך־געקאכט. די גמרא אין בבלי זאגט, אז מען האט דאס איי איבערגעווארפן א סך מאל פון ווארם אין קאלט וואסער, און אז עס איז גוט צו ארפואה. „דלעת" הייסט א קירביס, א דיניע, א באניע, וואס האט קערן (דערפון באניע קערן), אין ענגליש „גורד", מען לייגט עס אריין אין הייס אש (רמוצה, פון רמץ, הייס אש) כדי זי זאל ווערן ווייך און זיס צום עסן (אזוי טייטשט רב אשי אין דער גמרא).

ב. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט צו עסן) פון טאפ־געריכט (מעשה קדרה) טאר ער ניט (עסן) נור פון טאפ־געזאטענע (מעשה רתחתה). דער ירושלמי טייטשט אז מען מיינט אזא מאכל פון מעל וואס איז אפגעזאטן הייס אין א טאפ. מיר האבן שוין געגעבן אז ביי נדרים גייט אלץ ווי מענטשן רופן עס. אמר, אויב ער האט געזאגט: „קונם, איך אסר אויף זיך מיט א נדר פון דעם וואס גייט אריין אין טאפ (היורד לק־דירה)" איז ער אסור פון אלץ וואס קאכט זיך אין טאפ. פון אלע געקאכטע טאפ־מאכלים.

ג. מן הכבוש, (אויב ער זאגט, ווען ער אסרט אויף זיך מיט א נדר): „פון דעם איינגעלייגטן (מן הכבוש)", איז ער אסור נור פון איינגעלייגטע ירקות (גרינסן). ווייל מיט סתם „כבוש" האבן מענטשן געמיינט איינגעלייגטע גרינסן. כבוש, (אויב ער האט געזאגט): „איינגעלייגטס זאל איך ניט פארזוכן", איז ער אסור פון אלע איינגעלייגטע (מאכלים). ניט דוקא פון גרינסן. מן השלוק, (אויב ער האט געזאגט): פון דעם שטארק־איינגעקאכטן (מן השלוק), איז ער נור אסור פון שטארק־איינגעקאכט פלייש; (אויב אבער): „שטארק־איינגעקאכטס (שלוק) זאל איך ניט פארזוכן", איז ער אסור פון אלע שטארק איינגעקאכטע מאכלים. אין דער צייט פון דער משנה איז ביי מענטשן געווען דער אונטערשיד אין די ביידע אויסדרוקן. מן הצלי, (אויב ער זאגט): „פון דעם גע־בראטנס", איז ער אסור נור פון געבראטן פלייש, אזוי זאגט ר׳ יהודה; (אויב ער זאגט): „געבראטנס (צלי) זאל איך ניט פארזוכן", איז ער אסור אין אלע געבראטענע (מאכלים). אין די אלע דריי פאלן פון „כבוש", „שלוק" און „צלי" איז דער אונטערשיד צי ער זאגט עס מיט דער ה׳ הידועה (הכבוש, השלוק, הצלי) צי אן דער ה הידועה (כבוש, שלוק, צלי). דאס זעלבע וועט די משנה באלד לערנען אויך וועגן געזאלצנס. מן המליח, „פון דעם געזאלצענעם", איז ער אסור נאר פון געזאלצענעם פיש; „געזאלצענס זאל איך ניט פארזוכן", איז ער אסור פון אלע געזאלצענע (מאכלים). אלץ דערזעלביקער אונטערשיד צווישן „המליח" און „מליח".

ד. דג, דגים שאיני טועם, אסור בהן בין גדולים בין קטנים, בין מלוחין בין טפלין, בין חיין, בין מבושלין; ומותר בטרית טרופה ובציר. הנודר מן הצחנה, אסור בטרית טרופה, ומותר בציר ובמורייס. הנודר מטרית טרופה, אסור בציר ובמורייס:

ה. הנודר מן החלב מותר בקום; ור׳ יוסי אוסר. מן הקום מותר בחלב. אבא שאול אומר, הנודר מן הגבינה, אסור בה בין מלוחה בין טפילה:

ו. הנודר מן הבשר, מותר ברוטב ובקיפה. ור׳ יהודה אוסר. אָמר

ד. דג, (אויב ער זאָגט): „פיש (דג), פיש (אין לשון רבים, דגים) זאָל איך ניט פארזוכן״, טאָר ער ניט (פארזוכן קיין פיש) סיי גרויסע און סיי קליינע, סיי געזאַלצענע און סיי אומגעזאלצענע (טפלים), סיי רויע (חיין) און סיי געקאָכטע; אָבער ער מעג (עסן) געהאקטע פיש־שטיקלעך (טרית טרופה) און פיש־ראָסל (ציר). **רשי אין עבודה זרה ל״ה זאָגט אז „טרית טרופה״ מיינט קליינע געזאלצענע פישעלעך, א סאָרט סארדינען. ר׳ בנימין מוספיא מיינט, אז דאָס איז דאָס גריכישע וואָרט „טרי־טאָן״, אזא סאָרט פיש. „ציר״ מיינט פיש־ראסל, און מיר האָבן דאָס וואָרט א סך מאָל אין משנה און גמרא. דער ברטנורא איז דאָ גורס אין דער משנה אויך דאָס וואָרט „מורייס״, דאָס איז פיש־פעט (לאטיינישע „מוריא״, זע, תרומות פרק י״א משנה א׳).** הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט צו עסן) קיין צחנה (א געמיש פון קליינע פישעלעך) טאָר ער אויך ניט עסן „טרית טרופה״, אָבער ער מעג (עסן) פיש־ראָסל און פיש־פעט (מורייס); אויב איינער טוט א נדר (ניט צו עסן) „טרית טרופה״, טאָר ער אויך ניט (עסן) פיש־ראָסל און פיש פעט. **ווייל מיט דעם וואָרט „טרופה״, אויסגעמישט, איינגעלייגט, האָט ער געמיינט ניט נור די פישעלעך אליין, נאָר אויך דעם ראָסל און דעם פעט־זאפט, אין וועלכן מ׳האלט זיי אויסגעמישט. וועגן וואָרט „צחנה״ זע תרומות פרק י׳ משנה א׳.**

ה. הנודר, אויב איינער טוט א נדר (ניט צו טרינקן) קיין מילך מעג ער (טרינקן) מילך־וואסער (קום). **„קום״ הייסט דאָס וואסער וואָס רינט ארויס ווען מען מאכט פון מילך קעז. טייל מיינען אז „קום״ מיינט „סערוועטקע״, מילך נאָכדעם ווי מען האָט אראָפּגענומען פון איר די פוטער (די סמעטענע), און אזוי ווייזט אויס פון ירושלמי.** ר׳ יוסי אסרט. **ווייל אויך דאָס מילך־וואסער האָט אין זיך שטיקלעך מילך.** מן הקום, (אויב ער האָט געזאָגט): „פון מילך־וואסער״ (קום), מעג ער טרינקן מילך. **רשי זאָגט, ווייל מיט „קום״ האָט ער ניט געמיינט מילך.** אַבא שאול זאָגט, אז איינער טוט א נדר (ניט צו עסן) דעם קעז (מן הגבינה), טאָר ער זי (ניט עסן) סיי ווען זי איז געזאלצן, סיי ווען זי איז אומגעזאלצן. **כאָטש ער האָט געזאָגט „הגבינה״, דער קעז, און מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז ער האָט דערמיט געמיינט נאָר דעם ספּעציעלן קעז, דעם געזאלצענעם, פונדעסטוועגן נעמען מיר אָן, אז ער האָט געמיינט אלע קעז.**

ו. הנודר, אויב איינער טוט א נדר (ניט צו עסן) קיין פלייש, מעג ער (עסן) די יוך און די געדיכטע שטיקלאך יוך (קיפה). **אזוי טייטשט דער ברטנורא „קיפה״, די פעטע, געדיכטע שטיקלעך יוך וואָס קלייבן זיך אָן אויף דער דנאָ פון טאָפּ. דער ראש און תוספות זאָגן אז „קיפה״ מיינט די קרישקעס פלייש, וואָס קלעבן זיך צו צום דנא פון טאָפּ.** ור׳ יהודה, און ר׳ יהודה אסרט. **ער האלט, אז ווייל די יוך און די געדיכטע שטיקלעך האָבן דאָך אין זיך דעם טעם פון פלייש, טאָר ער ניט.** אָמר, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, עס איז פאָרגעקומען א מעשה (און איך האָב געטאָן א נדר ניט צו עסן פלייש) און ר׳ טרפון האָט געאסרט אויף מיר (צו עסן) די אייער וועלכע זענען געקאָכט גע־וואָרן מיט אים (צוזאמען מיטן פלייש). **דערפון איז די ראיה, אז אפילו אויך דער טעם פון פלייש איז אסור.** אָמרו לו, האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים (צו ר׳ יהודה): און אזוי איז טאקע די זאך, ווען ? אויב איינער זאָגט „(איך טו א נדר) ניט צו עסן דאָס

ר׳ יהודה, מעשה, ואסר עלי ר׳ טרפון בצים שנתבשלו עמו. אָמרו לו, וכן הדבר, אימתי? בזמן שיאמר, בשר זה עלי, שהנודר מן הדבר ונתערב באחר, אם יש בו בנותן טעם, אסור:

ז. הנודר מן היין, מותר בתבשיל שיש בו טעם יין. אָמר, קונם יין זה שאיני טועם, נפל לתבשיל, אם יש בו בנותן טעם, הרי זה אסור. הנודר מן הענבים, מותר ביין. מן הזתים, מותר בשמן. אָמר, קונם זתים וענבים אלו שאיני טועם, אסור בהן, וביוצא מהן:

ח. הנודר מן התמרים, מותר בדבש תמרים. מסתוניות, מותר בחומץ סתוניות. ר׳ יהודה בן בתירא אומר, כל ששם תולדתו קרויה

דאָזיקע פליש״, ווייל אז איינער טוט א נדר פון א זאך און די זאך האָט זיך אויסגעמישט מיט אנדערע זאכן, און אויב די (אסורע) זאך איז אזוי פיל אז זי גיט אריין א טעם אין די אנדערע זאכן איז עס אסור. דער דין איז, אז אויב א זאך וואָס מען טאָרניט עסן, למשל א שטיקל חלב, האָט זיך אויסגעמישט מיט כשרע מאכלים, למשל עס איז אריינגעפאלן אין א טאָפּ מיט כשר פליש, איז אויב דאָס שטיקל חלב איז גענוג גרויס אז עס זאָל אריינגעבן א טעם אין פליש (בנותן טעם) טאָר מען דעם גאנצן טאָפּ פליש ניט עסן. מען האָט אָנגענומען, אז דער שיעור איז ווינציקער פון ששים (פון זעכציק). אויב דאָס פליש איז ווינציקער פון 60 מאָל אזוי פיל ווי דאָס חלב, האָט עס אין זיך דעם טעם פון חלב. זאָגן די חכמים, אז אויב ער זאָגט אין זיין נדר אז „דאָס דאָזיקע שטיקל פליש זאָל איך ניט טאָרן עסן״, איז אויך די יוך אסור, ווייל דאָס שטיקל פליש איז געוואָרן פאר אים א אסורע זאך, ווי א שטיקל חלב, און אויב עס גיט אריין א טעם אין די יוך, איז אויך די יוך אסור. אָבער אויב ער האָט א נדר געטאָן ניט צו עסן פליש, האָט ער דערמיט ניט געמיינט קיין יוך, און די יוך איז מותר.

ז. הנודר, אויב איינער טוט אנדר (ניט צו טרינקן) קיין וויין, מעג ער (עסן) א געקעכטס, אין וועלכן עס איז פאראן א טעם פון וויין (אין וועלכן מען האָט אריינגעטאָן וויין); (אויב) ער האָט געזאָגט: „קונם, איך טו א נדר ניט צו פארזוכן דעם דאָזיקן וויין״, און דער (דאָזיקער וויין) איז אריינגעפאלן אין א געקעכטס, איז דאָס געקעכטס אסור. ער טאָר עס ניט עסן, צוליב דעמזעלביקן טעם וואָס די חכמים האָבן דערקלערט פריער אין משנה ו׳. הנודר, אויב איינער טוט א נדר (ניט צו פארזוכן) ווינטרויבן, מעג ער טרינקן וויין; (אויב ער האָט געטאָן א נדר פון איילבירטן, מעג ער טרינקן אייל. כאָטש וויין ווערט געמאַכט פון ווינטרויבן, און אייל פון איילבירטן, פונדעסטוועגן מעג ער, ווייל ער האָט געמיינט נאָר ווינטרויבן און איילבירטן. אָמר, (אויב אָבער) ער האָט געזאָגט: „קונם, איך טו א נדר ניט צו פארזוכן די דאָזיקע איילבירטן אָדער די דאָזיקע ווינטרויבן״, טאָר ער ניט עסן זיי און ניט דאָס וואָס קומט ארויס פון זיי (ניט זייער אייל און ניט זייער וויין). אויך דאָ איז די סברא די זעלביקע וואָס ביים פליש פריער אין משנה ז׳; מחמת ווען ער האָט געאסרט אויף זיך די דאָזיקע איילבירטן און ווינטרויבן, זענען זיי געוואָרן פאר אים א אסור־זאך, און אלץ וואָס איז פאראן אין זיי איז אסור פאר אים.

ח. הנודר, אויב איינער טוט א נדר (ניט צו עסן) טייטלן, מעג ער (עסן) האָניק פון טייטלן (דבש תמרים); (אויב איינער אסרט אויף זיך) ווינטער־ווינטרויבן מעג ער (חומץ סתוניות זייער עסיק) ווינטרויבן ווערן צייטיק צום סוף זומער; אָבער עס איז פאראן א סאָרט שלעכטע ווינטרויבן, וועלכע ווערן צייטיק ערשט אים ווינטער, און מען מאכט פון זייער זאפט עסיק. זיי הייסן „סתוניות״, פון וואָרט „סתיו״, ווינטער. זע אין מסכתא שבועית פרק ט׳ משנה ד׳. ר׳ יהודה בן בתירא זאָגט, אז אלץ וואָס ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען פון וואנען עס שטאמט), און ער האָט א נדר געטאָן פון דעם (ניט צו פארזוכן די זאך פון וואנען עס שטאמט) טאָר ער ניט (פארזוכן) אויך

עליו, ונודר הימנו, אסור אף ביוצא הימנו. וחכמים מתירין:

ט. הנודר מן היין, מותר ביין תפוחים. מן השמן, מותר בשמן שומשמין, מן הדבש, מותר בדבש תמרים. מן החומץ, מותר בחומץ סתוניות. מן הכרישין, מותר בקפלוטות. מן הירק, מותר בירקות השדה, מפני שהוא שם לווי:

י. מן הכרוב, אסור באיספרגוס. מן האיספרגוס, מותר בכרוב. מן הגריסים, אסור מן המקפה. ור׳ יוסי מתיר. מן המקפה, מותר בגריסים. מן המקפה, אסור בשום. ור׳ יוסי מתיר. מן השום, מותר במקפה. מן העדשים, אסור באשישים. ור׳ יוסי מתיר. מן האשישים, מותר בעד-

---

וואָס עס קומט ארויס דערפון. און ווייל דער טייטלן-האָניק הייסט דאָך „דבש תמרים״, און דער ווינטער-ווייַנטרויבן-עסיק״ הייסט דאָך „חומץ סתוניות״, טראָגן זיי דאָך דעם נאָמען פון וואנען זיי שטאמען („תמרים״ און „סתוניות״), דעריבער אויב ער האָט א נדר געטאָן ניט צו עסן טייטלן (תמרים) אָדער ווינטער-ווייַנטרויבן (סתוניות), טאָר ער אויך ניט עסן דאָס וואָס שטאמט ארויס פון זיי, דעם האָניק און דעם עסיק. וחכמים, און די חכמים זענען מתיר. די גמרא זאָגט (לויט איין פירוש) אז די חכמים זענען מתיר צו עסן די ווינטער-ווייַנטרויבן אליין, ווייל געוויינטליך עסט מען ניט די דאָזיקע זויערע טרויבן, און ער האָט ביים נדר טאָן מסתמא געמיינט, אז ער זאָל ניט טרינקן זייער עסיק.

ט. הנודר, אויב איינער טוט א נדר (ניט צו טרינקן) וויין, מעג ער (טרינקן) עפּל-וויין; אויב (ניט צו טרינקן) אייל, מעג ער אייל פון זעזאם („שמן שומשמין״, אזא מאָן-אייל); אויב (ניט צו עסן) האָניק, מעג ער טייטל-האָניק. ווייל מיט סתם האָניק „דבש״ האָבן מענטשן געמיינט בינען-האָניק; כאָטש אין תנך מיינט מען מיט סתם „דבש״ טייטל-האָניק, אָבער ביי נדרים גייט מען לויט דעם ווי אזוי מענטשן רופן עס. מן החומץ, אויב (ער האָט אנדר געטאָן ניט צו פארזוכן) עסיק, מעג ער (פארזוכן) עסיק פון ווינטער-ווייַנטרויבן; אויב(ער האָט א נדר געטאָן ניט צו עסן) לויך (כרישין אזא קנאָבל), מעג ער (עסן) קפלוטות (אזא סירישער לויך). דאָס וואָרט „קפלוטות״ זאָל זייַן דאָס גריכישע וואָרט „קעפאלאטאָן״, אזא לויך וואָס וואקסט אין סיריע (זע מסכתא מעשר שני פרק ב׳ משנה א׳. מן הירק, (אויב ער האָט געטאָן א נדר ניט צו עסן) פון גרינס, מעג ער עסן פעלד-גרינסן (ירקות השדה) ווייל עס האָט א צוגאָב-נאָמען (שם לווי). זיי הייסן ניט „ירק״ „גרינס״ אליין, נאָר „ירקות השדה״, פעלד-גרינסן, און דעריבער נעמט מען אָן, אז ער האָט זיי ניט געמיינט. מיט „פעלד-גרינסן״ מיינט מען ירקות, וועלכע וואקסן אין פעלד, אָן דער באארבייטונג פון מענטש.

י. מן הכרוב, (אויב איינער האָט א נדר געטאָן ניט צו עסן) פון קרויט, טאָר ער ניט עסן שפאראג (איספרגוס); (אויב אָבער) פון שפאראג, מעג ער עסן קרויט. ווייל מיט קרויט מיינט מען שפאראג אויך, אָבער מיט שפאראג מיינט מען ניט קרויט. פאראן אויך א טייטש אז „איספרגוס״ מיינט ניט שפאראג, נאָר דאָס וואסער אין וועלכן דער קרויט ווערט געקאָכט. מן הגריסים, (אויב ער האָט ביים נדר טאָן געזאָגט) „פון די באָבעס-גרייפלעך״ (גריסים, צעשניטענע באָבעס) טאָר ער ניט עסן (אויך) פון באָבעס-גרייפלעך געקעכטס (מקפה); און ר׳ יוסי איז מתיר; (אויב אָבער ער האָט געזאָגט) „פון באָבעס-גרייפלעך-געקעכטס (מקפה)״, מעג ער (עסן) די באָבעס-גרייפלעך. ווייל דערמיט האָט ער געמיינט נאָר ווען זיי זענען צונויפגעקאָכט. מן המקפה, (אויב ער האָט געזאָגט): „פון באָבעס-גרייפלעך-געקעכטס״ (מן המקפה), טאָר ער ניט עסן פון דעם קנאָבל. אין דעם באָבעס-גרייפלעך-געקעכטס האָט מען געפלעגט אריינטאָן קנאָבל. ור׳ יוסי, און ר׳ יוסי איז מתיר. מחמת ער האָט נור געמיינט די גרייפלעך אליין און ניט דעם קנאָבל. מן העדשים, אויב „פון לינזן״ (עדשים, א סאָרט ארבעס), טאָר ער ניט עסן פון דעם אפּפאל פון לינזן (אשישים). טייל טייטשן „אשישים״ הירזש.

שים, חטה חטים שאיני טועם, אסור בהן בין קמח בין פת. גריס, גריסין שאיני טועם, אסור בהן בין חיין בין מבושלים. ר׳ יהודה אומר, קונם גריס, או חטה, שאיני טועם, מותר לכוס חיים:

פרק ז.

א. הנודר מן הירק, מותר בדלועין. ור׳ עקיבא אוסר. אמרו לו לר׳ עקיבא, והלא אומר אדם לשלוחו, קח לי ירק, והוא אומר, לא מצאתי אלא דלועין. אָמר להם, כן הדבר, או שמא אומר הוא לו, לא מצאתי אלא קטנית? אלא שהדלועים בכלל ירק וקטנית אינן בכלל ירק. ואסור בפול המצרי לח, ומותר ביבש:

ב. הנודר, מן הדגן, אסור בפול המצרי יבש, דברי ר׳ מאיר.

ור׳ יוסי, און ר׳ יוסי איז מתיר. **ווייל מיט „לינזן" האָט ער ניט געמיינט דעם אָפּפאַל.** מן, „פון אפפאל" איז ער מותר אין לינזן. **ווייל ער האָט לינזן נישט געמיינט.** חטה, (אויב ער האָט געזאָגט: „איך טו א נדר) ניט צו פארזוכן ווייץ, ווייצן (חטה), חטים)", טאָר ער ניט (עסן זיי) ניט מעל (ווייצן־מעל) און ניט אלס ברויט (ווייצן־ברויט). **דער ירושלמי זאָגט, אז דער שטייגער איז פון א מענטש ווען ער זעט א שיין ווייצן־ברויט צו זאָגן „געלויבט איז דער באשעפער פון דאָזיקן ווייץ".** גריס, (אויב ער האָט געזאָגט: „איך טו א נדר) ניט צו פארזוכן באָבע־גרייפל, באָבעס־גרייפלעך" (גריס, גריסין) טאָר ער זיי ניט עסן ניט ווען זיי זיינען רוי און ניט ווען זיי זענען געקאָכט; ר׳ יהודה זאָגט, אז (אויב ער האָט געזאָגט): „קונם, איך זאָל ניט פארזוכן באָבע־גרייפל (גריס) אָדער א ווייץ (חטה)", מעג ער זיי קייען רויערהייט. **ווייל קוים האָט ער געזאָגט בלויז אין לשון יחיד „חטה", „גריס", האָט ער ניט געמיינט צעקייען רויהערהייט, נאָר צו עסן זיי אָדער אלס ברויט אָדער אלס געקעכטס. און נור מיט „חטים", „גריסין" (ווייצן, באָבעס־גרייפלעך) אין לשון רבים האָט ער געקאָנט מיינען אויך קייען זיי רויערהייט, מחמת מען קייעט עטליכע קערנער צוזאמען.**

פרק ז.

א. הנודר, אז איינער טוט א נדר ניט (צו עסן) גרינס (ירק), מעג ער (עסן) קירביסן (דלועים). **דלעת, דלועים, הייסט קירביס, קירביסן; מען רופט עס אויך דיניע, באַניע, און אין ענגליש גורד. די חכמים האלטן, אז מיט גרינס האָט ער ניט געמיינט דעם קירביס.** ור׳ עקיבא, און ר׳ עקיבא אסרט. **ער האלט, אז מיט גרינס מיינט מען אויך קירביסן.** אָמרו, האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו ר׳ עקיבא: סטייטש, (עס טרעפט דאָך ווען) איינער זאָגט צו זיין שליח (צו זיין באדינער) „קויף מיר גרינס", און ער (דער שליח קומט צוריק פון מארק און) זאָגט „איך האָב ניט געפונען נאָר קירביסן" **דערפון איז דאָך א סימן, אז מיט „גרינס" מיינט מען ניט קיין קירביסן.** אָמר להם, האָט ער (ר׳ עקיבא) געזאָגט צו זיי (צו די חכמים): אזוי איז טאקע די זאך (פון דאנען איז טאקע א ראיה צו מיינע ווערטער) ווארום צי שוין זשע זאָגט ער (דער שליח) צו אים (צום בעל הבית) „איך האָב ניט געפונען נור קטניות (ארבעס, באָבעס)" נאָר (די זאך איז) וואָס קירביסן זיינען אין כלל פון „גרינס", און קטניות (ארבעס און באָבעס) זענען ניט אין כלל פון גרינס. **ר׳ עקיבא׳ס ראיה איז אז ווייל דער שליח קומט זיך פרעגן א עצה צי זאָל ער קויפן קירביסן איז א סימן אז זיי זענען אויך א סאָרט גרינס.** ואסור, און ער (דער וואָס האָט א נדר געטאָן פון גרינסן טאָרניט (עסן) עגיפּטישן באָבעס (פול המצרי) ווען ער איז פייכט, און ער מעג אים (עסן) ווען ער איז שוין טרוקן. **מחמת ווען ער איז פייכט באנוצט מען אים אנשטאט גרינס.**

ב. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט צו עסן) „דגן", טאָר ער ניט (עסן) טרוקענע עגיפּטישע באָבעס, אזוי זאָגט ר׳ מאיר, און די חכמים זאָגן, אז ער איז אסור בלויז אין די פינף מינים. **מיט פינף מינים מיינט מען תבואה, דהיינו: ווייץ, גערשטן שפּעלץ, קאָרן און האָבער** (זע וועגן זיי אין מסכתא חלה פרק א׳ משנה א׳). **זאָגן די**

וחכמים אומרים, אינו אסור אלא בחמשת המינין. רבי מאיר אומר, הנודר מן התבואה, אינו אסור אלא מחמשת המינין; אבל הנודר מן הדגן, אסור בכל, ומותר בפירות האילן ובירק:

ג. הנודר מן הכסות, מותר בשק, ביריעה, ובחמילה. אָמר, קונם צמר עולה עלי, מותר להתכסות בגיזי צמר. פשתן עולה עלי, מותר להתכסות באניצי פשתן. ר׳ יהודה אומר הכל לפי הנודר. טען והזיע, והיה ריחו קשה, אָמר, קונם צמר ופשתים עולה עלי, מותר להתכסות, ואסור להפשיל לאחוריו:

ד. הנודר מן הבית, מותר בעלייה, דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומ־רים, עלייה בכלל הבית. הנודר מן העלייה, מותר בבית:

חכמים אז מיט „דגן״ מיינט מען נור די 5 מינים תבואה. די משנה וועט באלד געבן ר׳ מאיר׳ס דערקלערונג וועגן דעם. ר׳ מאיר זאָגט, אז איינער טוט א נדר פון תבואה, איז ער אסור (צו עסן) נור פון די פינף מינים (ווייץ, גערשטן, שפעלץ, קאָרן און האָבער), אָבער אז איינער טוט א נדר פון „דגן״ איז ער אסור (צו עסן) פון אלעם און ער איז מותר (צו עסן)ביימער־פירות און גרינס. **מיט דעם וואָרט פון אלעם מיינט ר׳ מאיר פון אלע סאָרטן קטניות, ווי ארבעס, באָבעס, רייז; מחמת ר׳ מאיר האלט, אז „דגן״ מיינט אלע זאכן וואָס מען זאמלט צונויף אין א בערגל (כל דמידגן).**

ג. הנודר, אז איינער טוט א נדר פון א קלייד (כסות), מעג ער אָנטאָן א זאק, א פלאכטע (יריעה) און א גראָבע רעגן־דעק (חמילה). **ווייל מיט „כסות״ האָט ער גע־מיינט נאָר א געוויינטליך קלייד, וואָס מענטשן טראָגן. „שק״, „זאק״, מיינט מען גע־מאכט פון האָר. „יריעה״ מיינט א ניט אויפגענייטע פלאכטע פון גראָבן מאטעריאל. „חמילה״, אויך אין אראביש איז עס „חמאלה״, הייסט א גראָבע דעק; מען האָט עס באנוצט אממייסטען צו שיצן זיך קייגן רעגן.** אָמר, אויב ער האָט געזאָגט: „קונם״, עס זאָל זיין א קונם דער וואָל וואָס וועט ארויפגיין אויף מיר (צמר עולה עלי)״, מעג ער ער זיך ארומדעקן מיט שטיקער וואָל (גיזי צמר). **ווייל מיט „צמר״, „וואָל״, האָט ער ניט געמיינט שטיקער וואָל, ניט־געשפינענע, נאָר ער האָט געמיינט א מלבוש פון וואָל.** פשתן, (אויב ער האָט געזאָגט: „(עס זאָל זיין קונם) פלאקס, וואָס וועט ארויפגיין אויף מיר״, מעג ער זיך ארומדעקן מיט שטיקער פלאקס (אניצי פשתן). **אויך דאָ איז דערזעלביקער טעם, מחמת ער האָט געמיינט א מלבוש פון פלאקס, און ניט רויע, ניט־געשפינענע שטיקער פלאקס.** ר׳ יהודה זאָגט, אז אלץ דאַרף מען באטראכטן לויט דעם מענטש וואָס האָט געטאָן דעם נדר (וואָס ער האָט בשעת מעשה געקאָנט מיינען, דהיינו): אויב ער האָט געטראָגן (א משא פון שטיקער וואָל אָדער שטיקער פלאקס) און ער האָט זיך דערשוויצט און דער ריח פון אים איז געוואָרן א שלעכטער (מען האָט געשפירט פון אים דעם שלעכטן ריח צוליב דעם דערשוויצן זיך דורך די שטי־קער וואָל אָדער פלאקס), און ער האָט געזאָגט: „עס זאָל זיין קונם וואָל אָדער פלאקס וואָס וועט ארויפגיין אויף מיר״, מעג ער ארומדעקן זיך (מיט קליידער פון וואָל אָדער פון פלאקס) אָבער ער טאָר ניט ארויפוואַרפן (א משא פון וואָל אָדער פלאקס) הינטער זיך (אויף זיין פלייצע). **מחמת מען דערקענט דאָך, אז ער האָט געמיינט, אז ער זאָל ניט טראָגן משאות פון וואָל אָדער פלאקס, און ניט אז ער זאָל ניט טראָגן וואָלענע אָדער פלאקסענע קליידער.**

ד. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט ארייַנצוגיין) אין דעם הויז, מעג (אריינ־גיין) אין בוידעם־שטיבל (עליה). אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **מיט „עליה״ מיינט מען א שטיבל וואָס מען שטעלט אויף דעם דאך (פלאכן דאך) פון א הויז, און מען וואוינט דאָרט (זע אין מסכתא בבא מציעא פרק י׳ משנה א׳). מען נעמט אָן אז מיט „בית״, דאָס הויז, האָט ער ניט געמיינט דאָס בוידעם־שטיבל.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז דאָס בוי־דעם שטיבל (עליה) גייט אריין אין כלל פון הויז. **און ער טאָר ניט אריינגיין אין בוי־**

ה. הנודר מן המטה, מותר בדרגש. דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומ־רים, דרגש בכלל מטה. הנודר מן הדרגש, מותר במטה. הנודר מן העיר, מותר ליכנס לתחומה של עיר, ואסור ליכנס לעבורה. אבל הנודר מן הבית, אסור מן האגף ולפנים:

ו. קונם פירות האלו עלי, קונם הן על פי, (קונם הן לפי), אסור בחלופיהן ובגדוליהן. שאני אוכל ושאני טועם, מותר בחלופיהן ובגדו־

דעם־שטיבל. הנודר מן העליה, אויב איינער האָט א נדר געטאָן (ניט ארייַנצוגיין) אין בוידעם־שטיבל (עליה), מעג ער (אריינגיין) אין הויז. דאביי זענען אויך די חכמים מודה, אז דאָס הויז גייט ניט אריין אין כלל פון בוידעם שטיבל.

ה. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט צו באנוצן) דאָס בעט, מעג ער (באנוצן) דאָס בעטעלע (דרגש), אזוי זאָגט ר׳ מאיר. וועגן „דרגש" זענען פאראן עטליכע טייטשן. איין טייטש איז, אז דאָס איז א קליין בעטעלע וואָס שטייט לעבן דעם גרויסן בעט, און מען שטעלט צוערשט ארויף דעם פוס אויף דעם בעטעלע און פון דאָרט גייט מען ארויף אויף דעם גרויסן בעט (פון וואָרט „דרג", „מדרגה", ארויפגיין ארויף). איין מיינונג אין דער גמרא איז אז דאָס איז א בעטל פון לעדער (ערסא דצלא). ר׳ מאיר האלט, אז מיט „בעט" מיינט מען ניט דעם „דרגש". וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז דאָס בעטעלע (דרגש) איז יאָ אין כלל פון בעט. און ער טאָר ניט באנוצן דעם „דרגש". הנודר מן הדרגש, אז איינער טוט א נדר (ניט צו באנוצן) דעם דרגש (דאָס בעטעלע) מעג ער (באנוצן) דאָס בעט. דאָ זענען אויך די חכמים מודה, אז מיט „דרגש" האָט ער ניט געמיינט דאָס בעט. הנודר, אז איינער טוט א נדר (ניט אריינצוגיין) אין דער שטאָט, מעג ער אריינגיין אין דעם „תחום" פון דער שטאָט, אָבער ער טאָר ניט אריינגיין אין דעם צוגאָב־פלאץ (עיבור) פון דער שטאָט. דער דין איז אז אים שבת און יום טוב טאָר מען ניט גיין אויסער דער שטאָט 2000 איילן; דאָס הייסט דער תחום פון דער שטאָט, דער תחום שבת. זאָגט די משנה, אז אין די דאָזיקע 2000 איילן אויסער דער שטאָט מעג דער וואָס האָט א נדר געטאָן ניט אריינצוגיין אין דער שטאָט, יאָ אריינגיין, ווייל זיי הייסן ניט די שטאָט. דער „עיבור" פון דער שטאָט הייסן דער פלאץ פון 70 איילן מיט עפּעס ארום דער שטאָט, און דאָס הייסט יאָ די שטאָט, און ער טאָר אהין ניט אריינגיין. אבל, אָבער אז איינער טוט א נדר (ניט אריינצוגיין) אין דעם הויז, טאָר ער ניט אריינגיין פון דער שוועל און אינווייניק (מן האגף ולפנים). פון דעם אָרט וואו די טיר פון הויז מאכט זיך צו און אינווייניק אריין הייסט דאָס הויז, אָבער אין דרויסן פון דעם אָרט מעג ער. וועגן „אגף" ווערט אָנגעוויזן אז דאָס איז ווי „יגיפו הדלתות" (פארשליסן די טירן) אין נחמיה ז׳, ג׳ (דער ברטנורא ברענגט דאָ עזרא ב׳, ז׳, ג׳, ווייל דאָס ספר נחמיה איז אָנגערופן געוואָרן „עזרא ב׳").

ו. קונם, אז איינער זאָגט: „קונם, די דאָזיקע פרוכטן זאָלן זיין אויף מיר קונם (אסור מיט א נדר)", אָדער „זיי זאָלן זיין קונם פאר מיין מויל", אָדער „זיי זאָלן קונם צו מיין מויל", איז ער אסור אויך אין זייערע אויסטוישונגען און אין זייערע אויס־שפּראָצונגען (חילופיהן וגידוליהן). מיט „חילופין", „אויסטוישונגען" מיינט מען זאכן אָדער געלט וואָס ער האָט באקומען פאר די דאָזיקע פרוכטן. דאָס הייסט, אויב ער האָט די פרוכטן פארקויפט און באקומען דערפאר געלט אָדער אנדערע פרוכטן טאָר ער דאָס געלט אָדער די אנדערע פרוכטן ניט נוצן. „גידוליהן", „אויסשפּראָצונגען", מיינט מען, אויב ער האָט די פרוכטן פארפלאנצט און עס זענען ארויסגעוואקסן פון זיי אנדערע פרוכטן, טאָר ער די אנדערע פרוכטן ניט נוצן. דער טעם איז ווייל מיטן וואָרט „קונם" האָט ער די פרוכטן געמאכט ווי א קרבן, ווי הקדש, און ער טאָר ניט פון זיי קיין הנאה האָבן, אזוי ווי מען טאָר ניט הנאה האָבן פון הקדש. שאני אוכל, (אויב ער האָט אויף זיך געאסרט די פרוכטן מיט א נדר נאָר ער האָט צוגעגעבן די ווערטער): „וואָס איך וועל עסן, וואָס איך וועל פארזוכן", מעג ער (עסן) זייערע אויס־

ליהן, בדבר שזרעו כלה; אבל בדבר שאין זרעו כלה, אפילו גדולי גדולין אסורין:

ז. האומר לאשתו, קונם מעשה ידיך עלי, קונם הן על פי, קונם הן לפי, אסור בחילופיהן ובגידוליהן, שאני אוכל, שאני טועם, מותר בחלופיהן ובגדוליהן, בדבר שזרעו כלה, אבל בדבר שאין זרעו כלה, אפילו גדולי גדולין אסורים:

ח. שאת עושה איני אוכל עד הפסח, שאת עושה איני מתכסה עד הפסח, עשתה לפני הפסח, מותר לאכול ולהתכסות אחר הפסח. שאת עושה עד הפסח איני אוכל, ושאת עושה עד הפסח איני מתכסה עשתה לפני הפסח, אסור לאכול ולהתכסות אחר הפסח:

טוישונגען און זייערע אויסשפּראָצונגען. ווייל ער האָט דאָך געאסרט ניט צו עסן נאָר זיי, אָבער הנאה האָבן פון זיי מעג ער, און אויב ער האָט זיי פארקויפט און באקומען געלט אָדער ער האָט זיי פארפלאנצט און עס זיינען ארויסגעוואקסן אנדערע פרוכטן, און ער עסט זיי, הייסט עס נור הנאה געהאט פון די ערשטע פרוכטן. בדבר, דאָס (אז ער מעג עסן זייערע ארויסשפּראָצונגען איז נור) ביי א זאך (ביי אזעלכע פרוכטן) וואָס די זאמען ווערן פארניכטעט. ווען מען פארפלאנצט די פרוכטן, די קערנדלעך פון זיי, ווערן זיי פארניכטעט און עס וואקסן ארויס אנדערע פרוכטן. אבל, אָבער ביי א זאך (ביי פרוכטן) וואָס די זאמען ווערן ניט פארניכטעט, אפילו אויסשפּראָצונגען פון אויסשפּראָצונגען (גידולי גידולין) אויך אסור. למשל ציבעלעס ווען מען פארזייט זיי, ווערן זיי ניט פארניכטעט, נאָר עס וואקסן ארויס פון די זריעה־ציבעלעס אנדערע ציבעלעס, דאריבער טאָר ער ניט עסן די אנדערע ציבעלעס, ווייל אין זיי זיינען נאָך פאראן די ערשטע ציבעלעס. די משנה זאָגט, אז אפילו ער האָט פארזייט די אנדערע ציבעלעס, די גידולין, די אויסשפּראָצונגען, און פון זיי זענען ארויסגעוואקסן די דריטע ציבעלעס, די גידולי גידולין, די אויסשפּראָצונגען פון די אויסשפּראָצונגען, זענען זיי אויך אסור, ווייל עס איז נאָך אלץ פאראן אין זיי פון דער ערשטער ציבעלע. מיט פּירות, פרוכטן, מיינט מען דאָ בכלל יעדע געוויקס (ניט דוקא ביימער־פרוכטן).

ז. האומר, אז איינער זאָגט צו זיין ווייב: „דיין האנט ארבייט זאָל זיין אויף מיר קונם", אָדער „זיי זאָלן זיין קונם פאר מיין מויל", אָדער „זיי זאָלן זיין קונם צו מיין מויל", איז ער אסור אין זייערע אויסטוישונגען און ארויסשפּראָצונגען; (אויב ער זאָגט): „וואָס איך וועל עסן און וואָס איך וועל פארזוכן", מעג ער (עסן) זייערע אויסטוישונגען און ארויסשפּראָצונגען; (דאָס איז) ביי א זאך וואָס זיין זאָמען ווערט פארניכטעט, אָבער ביי א זאך וואָס זיין זאמען ווערט ניט פארניכטעט, איז אפילו די אויסשפּראָצונגען אויך אסור. עס איז דערזעלביקער דין וואָס אין דער פריערדיקער משנה ו׳, נאָר דארט האָט ער געאסרט פרוכטן, און דאָ האָט ער געאסרט וואָס זיין ווייב וועט אויסארבייטן, למשל, זי האָט אויסגעארבייט אין גאָרטן גרינסן, און דער דין איז דערזעלביקער.

ח. שאת, (אויב איינער האָט געזאָגט צו זיין ווייב: „איך טו א נדר) אז וואָס דו וועסט אויסארבייטן, זאָל איך ניט עסן ביז פסח", אָדער „וואָס דו וועסט אויסארבייטן (אויסוועבן אָדער אויסנייען א מלבוש) זאָל איך ניט אָנטאָן ביז פסח", איז (דער דין) אז וואָס זי האָט אויסגעארבייט פאר פסח, מעג ער עסן אָדער אָנטאָן זיך דערמיט נאָך פסח. מחמת ער האָט דאָך בפירוש געזאָגט, אז עס זאָל זיין אסור צו אים ביז פסח, און דאָס הייסט, אז נאָך פסח זאָל ער מעגן נוצן אויך דאָס וואָס זי האָט אויסגעארבייט אויך פאר פסח. שאת עושה עד הפסח, (אויב אָבער ער האָט איר געזאָגט): „וואָס דו וועסט אויסארבייטן ביז פסח וועל איך ניט עסן", אָדער „וואָס דו וועסט אויסארבייטן ביז פסח וועל איך ניט אָנטאָן", איז (דער דין) אז וואָס זי האָט אויסגעארבייט פאר

ט. שאת נהנית לי עד הפסח, אם תלכי לבית אביך עד החג, הלכה לפני הפסח, אסורה בהנאתו עד הפסח; אחר הפסח — בלא יחל דברו. שאת נהנית לי עד החג, אם תלכי לבית אביך עד הפסח,— והלכה לפני הפסח, אסורה בהנאתו עד החג, ומותרת לילך אחר הפסח:

פרק ח.

א. קונם יין שאני טועם היום, אינו אסור אלא עד שתחשך. שבת זו, אסור בכל השבת, והשבת שעברה (לשעבר). חדש זה, אסור בכל החדש, וראש חדש להבא. שנה זו, אסור בכל השנה, וראש השנה לעתיד לבא.

פסח, טאָר ער ניט עסן אָדער ניט אָנטאָן (אפילו) נאָך פסח. ווייל דאָ האָט ער דאָך ניט געזאָגט, אז עס זאָל זיין אים אסור ביז פסח, האָט ער געמיינט, אז ער זאָל עס קיינמאָל ניט טאָרן עסן אָדער אנטאָן, אפילו נאָך פסח.

ט. שאת, (אויב ער האָט איר געזאָגט: „איך אסר אויף דיר מיט א נדר) אז דו זאָלסט ניט הנאה האָבן פון מיינס (פון מיינע זאכן) ביז פסח, אויב דו וועסט גיין צו דיין פאָטערס הויז ביז סוכות" („חג", מיינט „סוכות"), איז אויב זי איז געגאנגען (צו איר פאָטער אין הויז) פאר פסח, טאָר זי ניט הנאה האָבן פון אים ביז פסח. מחמת ווען זי איז געגאנגען פאר פסח הייסט דאָך עס אויך אז זי איז געגאנגען פאר סוכות, און דעריבער טאָר זי ביז פסח פון אים ניט קיין הנאה האָבן. אחר הפסח, (אויב אָבער זי איז געגאנגען צו איר פאָטער אין הויז) נאָך פסח (אָבער פאר סוכות, און זי האָט פאר פסח יאָ הנאה געהאט פון מאנ'ס זאכן) איז עס (האָט זי עובר געווען אויף דעם פארבאָט) פון „לא יחל דברו" (ער זאָל ניט פארשוועכן זיין וואָרט). דאָס איז דער פארבאָט אויף וועלכן מען איז עובר אז מען האלט ניט קיין נדר (זע אין דער הקדמה צו מסכתא נדרים). דאָס הייסט אז שפּעטער ווייזט זיך ארויס, אז זי האָט פריער עובר געווען אויף דעם פאר־באָט, מחמת זי האָט הנאה געהאט פון אים פאר פסח. שאת נהנית לי עד החג, (אויב ער האָט צו איר געזאָגט: „איך אסר אויף דיר מיט א נדר) אז דו זאָלסט ניט קיין הנאה האָבן פון מיינס ביז סוכות, אויב דו וועסט גיין צו דיין פאָטער אין הויז ביז פסח", און זי איז געגאנגען (צו איר פאָטער אין הויז) פאר פסח, טאָר זי ניט קיין הנאה האָבן פון אים ביז סוכות; אָבער זי מעג גיין נאָך פסח. מחמת קוים איז זי געגאנגען פאר פסח, טאָר זי שוין סיי ווי פון אים קיין הנאה ניט האָבן ביז סוכות, דעריבער מעג זי שוין גיין אויך נאָך פסח. תוספות טייטשט, אז נור אויב זי איז ניט געגאנגען פאר פסח, מעג זי גיין נאָך פסח; אָבער אויב זי איז געגאנגען פאר פסח, טאָר זי נאָך פסח ניט גיין, כדי זי זאָל געדענקן אז זי טאָר פון מאנס זאכן קיין הנאה ניט האָבן.

פרק ח.

א. קונם, (אויב איינער זאָגט) „קונם, עס זאָל זיין קונם דער ווין וואָס איך וועל היינט טרונקן", טאָר ער ניט (טרינקן ווין) ביז עס ווערט פינסטער. ווייל מיטן וואָרט „היינט", „היום" מיינען מענטשן נור ביז אוונט, ביז עס ווערט פינסטער. שבת זו, „(איך זאָל ניט טרינקן קיין ווין) די דאָזיקע וואָך", טאָר ער ניט (טרינקן ווין) די גאנצע וואָך, און דער שבת־(טאָג) ווערט גערעכנט צו דער פארגאנגענער וואָך. דאָס וואָרט „שבת" האָט צוויי טייטשן, „די וואָך", און „דער טאָג שבת". זאָגט די משנה, אז ער איז אסור א גאנצע וואָך, און אויך אין דעם טאָג שבת צום סוף וואָך איז ער אסור, ווייל שבת ווערט צוגערעכנט צו דער פארגאנגענער וואָך, ער איז דער סוף פון דער וואָך. די משנה לערנט דאָס, ווייל ווי מיר וועלן באלד זען איז ביי ראש חודש דער דין אנדערש. חודש זה, (אויב ער זאָגט): „דעם דאָזיקן חודש", טאָר ער ניט (טרינקן ווין) דעם גאנצן חודש, און דער ראש חודש (טאָג) געהערט צום קומענדיקן (חודש). דאָס הייסט, אז אים ראש חודש וואָס קומט נאָכן חודש מעג ער שוין טרינקן. די גמרא זאָגט, אז אפילו עס זענען געווען צוויי טעג ראש חודש און דער ערשטער טאָג ראש חודש איז דאָך באמת דער 30טער טאָג פון פריערדיקן חודש (ווארום דער

שבוע זה, אסור בכל השבוע, ושביעית שעברה (לשעבר). ואם אמר, יום אחד, שבת אחת, חדש אחד, שנה אחת, שבוע אחד, אסור מיום ליום:

ב. עד הפסח, אסור עד שיגיע. עד שיהא, אסור עד שיצא. עד לפני הפסח, ר׳ מאיר אומר, אסור עד שיגיע, רבי יוסי אומר, אסור עד שיצא:

ג. עד הקציר, עד הבציר, עד המסיק, אינו אסור אלא עד שיגיע. זה הכלל; כל שזמנו קבוע, ואמר, עד שיגיע, אסור עד שיגיע. אָמר, עד

חודש הויבט זיך דאַך אָן צו ציילן פון 2טן טאָג ראש חודש) פונדעסטוועגן מעג ער טרינקן אויך אין ערשטן טאָג ראש חודש, ווייל מענטשן רעכנען עס ניט צו דעם פרי־עריקן חודש, און ביי נדרים נעמט מען אָן ווי מענטשן רעדן, ווי מיר האָבן געגעבן פריער אין אָנהייב פרק ו׳. שנה זו, (אויב ער האָט געזאָגט): „דעם דאָזיקן יאָר״, טאָר ער ניט (טרינקן ווייַן) א גאַנץ יאָר, און ראש השנה געהערט צום קומענדיקן (יאָר). און ער מעג אים ראש השנה, נאָך דעם יאָר, שוין טרינקען ווייַן. שבוע זה, (אויב ער האָט געזאָגט): „די דאָזיקע שמיטה״, טאָר ער ניט (טרינקן ווייַן) די גאַנצע שמיטה (ביז צום סוף פון דעם זיבטן יאָר פון דער שמיטה) און דאָס שמיטה־יאָר (דאָס זיבעטע יאָר) ווערט גערעכנט צו דער פאַרגאַנגענער (שמיטה). אויב למשל עס איז געווען דעם פירטן יאָר אין שמיטה, טאָר ער ניט טרינקען קיין ווייַן 4 יאָר, דהיינו די יאָרן 4, 5, 6 און 7. ואם, און אויב ער האָט געזאָגט „איין טאָג״ (יום אחד), אָדער „איין וואָך״ (שבת אחת), אָדער „איין חודש״ (חודש אחד), אָדער „איין יאָר״ (שנה אחת), אָדער „איין שמיטה״ (שבוע אחד), איז ער אסור פון טאָג צו טאָג. ביי „איין טאָג״ איז ער אסור 24 שעה; אויב „איין וואָך״ איז ער אסור ביז צום זעלביקן טאָג אין דער קומענדיקער וואָך (גאַנצע 7 מעת לעת); אויב „איין חודש״, איז אסור ביז צום זעלביקן טאָג אין קומענדיקן חודש; אויב „איין יאָר״ איז ער אסור ביז צום זעלביקן טאָג אין קומענדיקן יאָר, און אויב „איין שמיטה״ איז ביז צום זעלביקן טאָג אין זעלביקן יאָר אין דער קומענדיקער שמיטה (גאַנצע 7 יאָר).

ב. עד הפסח, (אויב איינער אסרט אויף זיך מיט א נדר עפּיס צו טאָן, און זאָגט, אז דער נדר זאָל זיין) „ביז פסח״, איז ער אסור ביז (דער פסח) קומט אָן. און אזוי ווי עס ווערט נור יום טוב פסח מעג ער שוין. עד שיהא, (אויב ער זאָגט): „ביז עס וועט זיין (פסח)״, איז ער אסור ביז ער (דער פסח) גייט אוועק. ער איז אויך אסור א גאַנצן פסח ביז מוצאי יום טוב. עד לפני הפסח, (אויב ער זאָגט): ביז „לפני״ פון פסח, זאָגט ר׳ מאיר, אז ער איז אסור (נור) ביז דער פסח קומט אָן, ר׳ יוסי זאָגט, אז ער איז אסור ביז ער (דער פסח) גייט אוועק. די מחלוקה איז אין וואָרט „לפני״, וואָס האָט צוויי טייטשן; געוויינטליך איז עס דער טייטש „פאַר פסח״, אָבער מען קאָן אויך טייטשן „נאָך פסח״ (זע אין אונזער דערקלערונג אין מסכתא שביעית פרק ז׳ משנה א׳ אויף דעם וואָרט „ולפנים״). זאָגט ר׳ מאיר, אז א מענטש לאָזט זיך ניט אריין אין א ספק, און ער האָט זיכער געמיינט פאַר פסח. אָבער ר׳ יוסי האַלט, אז א מענטש לאָזט זיך יאָ אריין אין א ספק און ער האָט זיך געאסרט אויף דער גאַנצער צייט, וואָס קאָן אויס־געטייטשט ווערן אין דעם וואָרט „לפני״, און דאָס מיינט מען ביז דער פסח וועט אריבער.

ג. עד הקציר, (אויב ער האָט א נדר געטאָן ניט צו טאָן עפּיס) „ביז צום תבואה־שניט״, אָדער „ביז צום שניידן וויינטרויבן (הבציר)״, אָדער „ביז צום שניידן אייל־בירטן (המסיק)״, איז ער אסור נור ביז די צייט ווען עס קומט־אָן. דאָס הייסט ביז דער צייט ווען מען הייבט אָן שניידן תבואה, אָדער ווען מען הייבט אָן שניידן וויינטרויבן, אָדער ווען מען הייבט אָן שניידן איילבירטן. די גמרא זאָגט, אז די משנה מיינט אויך, אז אפילו ער האָט געזאָגט „עד שיהא״ „ביז עס וועט זיין (דער תבואה־שניט, צי דער וויינטרויבן־שניט, צי דער איילבירטן־שניט)״, איז ער אַלץ אסור נור ביז דער שניט

שיהא, אסור עד שיצא. וכל שאין זמנו קבוע, בין אָמר, עד שיהא, בין אָמר, עד שיגיע, אינו אסור אלא עד שיגיע:

ד. עד הקיץ, עד שיהא הקיץ, עד שיתחילו העם להכניס בכלכלות. עד שיעבור הקיץ, עד שיקפלו המקצועות. עד הקציר, עד שיתחיל העם לקצור קציר חטין, אבל לא קציר שעורים. הכל לפי מקום נדרו, אם היה בהר, בהר. ואם היה בבקעה, בבקעה:

ה. עד הגשמים, עד שיהיו הגשמים, עד שתרד רביעה שנייה. רבן

קומט אָן. און די משנה גיט באלד דעם כלל דערפון. זה הכלל, דאָס איז דער כלל, אלץ וואָס זיין צייט איז פעסט־באשטימט, איז אויב ער האָט געזאָגט „ביז עס וועט אָנקומען" (עד שיגיע), איז ער אסור (נור) ביז עס וועט אָנקומען, און אויב ער האָט געזאָגט „ביז עס וועט זיין" (עד שיהא), איז ער אסור ביז עס גייט אוועק; און אלץ וואָס זיין צייט איז ניט פעסט־באשטימט, איז סיי ער האָט געזאָגט „ביז עס קומט־אָן" (עד שיגיע) און סיי ער האָט געזאָגט „ביז עס וועט זיין" (עד שיהא), איז ער אסור נור ביז עס קומט אָן. פסח האָט דאָך א פעסט־באשטימטע צייט, פון 15טן ניסן ביז דעם 21טן ניסן (אין ארץ ישראל) דעריבער איז פאראן דאביי אן אונטערשיד צווישן „ביז עס וועט אָנקומען" און ביז עס וועט זיין"; אָבער אזא זאך ווי שניט פון תבואה צי פון פרוכטן האָט דאָך ניט קיין פעסט־באשטימטע צייט, און עס קאָן דאָך דויערן לענגער, דעריבער נעמט מען אָן, אז דער וואָס טוט א נדר מיינט ביז דער שניט וועט אָנקומען און ניט ביז ער וועט זיך ענדיקן, ווייל ער ווייסט דאָך ניט ווען ער וועט זיך ענדיקן (אזוי טייטשט דער ר"ן).

ד. עד הקיץ, (אויב ער האָט געזאָגט): ביז דעם „פייגן־שניט" (הקיץ), אָדער „ביז עס וועט זיין דער פייגן־שניט" (עד שיהא הקיץ), (איז ער אסור נור) ביז מענטשן (העם, דאָס פאָלק, מענטשן) הויבן־אָן ארייננצולייגן אין די פייגן־קוישן (כלכלות). דאָס הייסט, ווען מען שניידט שוין א סך פייגן און מען זאמלט זיי אין די קוישן. „קיץ" איז דער טייטש „זומער", אָבער מענטשן האָבן גערופן „קיץ" די צייט ווען די פייגן זענען שוין צייטיק און מען הויבט זיי אָן אָפּשניידן. אזוי טייטשט די תוספתא נדרים פרק ד' (הנודר מן הקיץ אין אסור אלא מן תאנים בלבד). מיר האָבן אויך אין בבא בתרא פרק ג' משנה א' „כנס את קיצו". עד שיעבור הקיץ, (אויב ער האָט געזאָגט): „ביז עס וועט אריבער דער פייגן־שניט, (איז ער אסור) ביז מען לייגט איין די ראָגאָזשעס (המקצועות). מען מיינט דערמיט די ראָגאָזשעס (מאטס), אויף וועלכע מען שפּרייט אויס די פייגן צום טריקענען, און ווען עס ענדיקט זיך די ארבייט לייגט מען זיי איין ביז איבער א יאָר. אזוי טייטשן ס'רוב מפרשים. נאָך א טייטש איז די מעסערס, מיט וועלכע מען שניידט פייגן, און אראיה דערצו איז אין דער גמרא שבת קכ"ג „מקצוע של דבלה", און מיר האָבן אויך אין ישעיה מ"ד, י"ג, „יעשהו במקצעות" און דער תרגום זעצט איבער „באיזמליא", מיט מעסערס. עד הקציר, (אויב ער האָט געזאָגט): „ביז דעם שניט" (הקציר), (איז ער אסור) ביז מענטשן וועלן אָנהייבן שניידן דעם שניט פון ווייץ, און ניט דעם שניט פון גערשטן. גערשטן הייבט מען אָן שניידן אין ארץ ישראל פסח־צייט, און ווייץ הויבט מען אָן שניידן שבועות צייט. זאָגט די משנה אז אין אן אָרט וואו עס זענען פאראן ווייץ און גערשטן, מיינט מען מיט סתם שניט (קציר) דעם שניט פון ווייץ. הכל, אלץ איז לויט דעם אָרט (וואו ער טוט) זיין נדר. אויב אין דעם אָרט איז ס'רוב תבואות גערשטן, מיינט מען מיט שניט דעם גערשטן־שניט. אם היה, אויב ער איז געווען אויף א בארג (אין א בארגיגער געגנט, וואו דער תבואה־און פרוכטן־שניט קומט פאָר שפּעטער), איז עס (ביז דער שניט־צייט) אין בארג, און אויב ער איז געווען אין א טאָל, איז עס (ביז דער שניט-צייט) אין טאָל. די שניט־צייט אין טאָל קומט פאָר פריער.

ה. עד הגשמים, (אויב ער זאָגט): „ביז צו די רעגנס", אָדער „ביז עס וועלן זיין

שמעון בן גמליאל אומר, עד שיגיע זמנה של רביעה. עד שיפסקו גשמים. עד שיצא ניסן כולו, דברי ר׳ מאיר. ר׳ יהודה אומר, עד שיעבור הפסח. קונם יין שאיני טועם השנה, נתעברה השנה, אסור בה ובעיבורה. עד ראש אדר, עד ראש אדר הראשון. עד סוף אָדר, עד סוף אדר הראשון. ר׳ יהודה אומר, קונם יין שאיני טועם עד שיהא הפסח, אינו אסור אלא עד ליל הפסח, שלא נתכוין זה אלא עד שעה שדרך בני אדם לשתות יין:

ו. אמר, קונם בשר שאיני טועם עד שיהא הצום, אינו אסור אלא עד לילי צום, שלא נתכוין זה אלא עד שעה שדרך בני אדם לאכול בשר.

די רעגנס״ (עד שיהו הגשמים), איז (ער אסור) ביז עס גייט אראָפּ דער רעגן (עס רעגנט) אין דער צווייטער רעגנס־צייט (די צווייטע רביעה). **אין ארץ ישראל גייט זומער אינגאנצן ניט קיין רעגן. די רעגנס הויבן זיך אָן געוויינטליך אין חודש חשון. דער ערשטער רעגן הייסט רביעה ראשונה („רביעה״ פון וואָרט „רבע״, ארויפליגן זיך, ווייל דער רעגן לייגט זיך אויף דער ערד); דער צווייטער רעגן הייסט רביעה שניה,** און טיילמאָל קומט ער פריער און טיילמאָל שפּעטער, און מען נעמט אָן אז די צייט **איז דער 23טער טאָג אין חשון. זאָגן די חכמים אז מיט „די רעגנס״ האָט דער נדר־טוער געמיינט ווען עס פאלן שוין די עיקר רעגנס, אין דער צווייטער רביעה.** רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז ביז עס קומט אָן די צייט פון דער צווייטער רביעה (פון דער צווייטער רעגנס־צייט). **דאָס הייסט אפילו דער רעגן איז נאָכניט געפאלן.** עד שיפסקו, (אויב ער האָט געזאָגט): „ביז עס וועלן אויפהערן די רעגנס״, איז (ער אסור) ביז עס גייט ארויס גאנץ ניסן, אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **ווייל נאכן סוף פון חודש ניסן גייט שוין מער ניט קיין רעגנס אין ארץ ישראל.** ר׳ יהודה זאָגט ביז עס גייט אריבער פּסח. **ר׳ יהודה האלט, אז ביז צום סוף פּסח, ביז דעם 21טן טאָג אין ניסן. ווייל דאמאָלס הייסט שוין אז די רעגנס האָבן אויפגעהערט. ווי מיר האָבן געזאָגט גייט ניט זומער אין ארץ ישראל קיין רעגן.** קונם, (אויב איינער זאָגט): „קונם, אז איך וויל ניט פארזוכן דאָס איצטיקע יאָר״, איז אויב דאָס יאָר איז געוואָרן א עיבור־יאָר (מעוברת, עס איז צוגעקומען דער חודש צווייטער אָדר, ואדר), איז ער אסור (טאָר ער ניט טרינקן קיין וויין) אין איר (אין דעם דאָזיקן יאָר) און אין איר עיבור (חודש). **ער טאָר ניט טרינקן אויך אין צווייטן אָדר.** עד ראש, (אויב ער האָט געזאָגט): „ביזן אָנהייב פון אָדר״ (און דאָס יאָר איז א עיבור יאָר, עס האָט צוויי אָדרס), איז (ער אסור) ביז דעם אָנהייב פוון ערשטן אָדר; (אויב ער האָט געזאָגט): „ביזן סוף אָדר״, איז (ער אסור) ביזן סוף פון ערשטן אדר. **ווייל מיט סתם אדר מיינט מען דעם ערשטן חודש אדר.** ר׳ יהודה זאָגט, (אז איינער זאָגט): „קונם, איך זאָל ניט פארזוכן וויין ביז עס וועט זיין פּסח״, איז ער אסור (צו טרינקן) ניט מער ווי ביז דער נאכט פון פּסח (ביז צו דער סדר נאכט פון פּסח, און אין דער סדר נאכט מעג ער שוין טרינקן) ווייל דער דאָזיקער (נדר־טוער) האָט געמיינט ניט מער ווי ביז דער צייט ווען עס איז דער שטייגער פון מענטשן צו טרינקן וויין. **ווייל צום סדר טרינקט מען דאָך די 4 כוסות וויין, איז אָנצונעמען אז ביז עס וועט זיין פּסח, האָט ער געמיינט ביז דעמאָלס ווען מען דארף טרינקן וויין.**

ו. אמר, אויב איינער האָט געזאָגט: „קונם, איך זאָל ניט פארזוכן פלייש ביז עס וועט זיין דער תענית (הצום)״, איז ער אסור (צו עסן פלייש) ניט מער ווי ביז דער נאכט (לילי) פון פאר דעם תענית, ווייל דער דאָזיקער (נדר טוער) האָט געמיינט ניט מער ווי ביז דער צייט ווען עס איז דער שטייגער פון מענטשן צו עסן פלייש. **די משנה איז אביסל שווער, און געוויינטליך טייטשן די מפרשים „לילי צום״, אז דאָס מיינט מען ערב יום כיפור, ווייל ערב יום כיפור איז דאָך א מצוה צו עסן און מען מאכט א סעודה מיט פלייש. אָבער „לילי״ (ווי „לילי שבת״ באלד דאָ אין דער משנה און אין אנדערע ערטער) איז דער טייטש די נאכט דערפון און ניט בייטאָג. טייל מיינען**

ר׳ יוסי בנו אומר, קונם שום שאיני טועם עד שתהא שבת, אינו אסור אלא עד לילי שבת, שלא נתכוין זה אלא עד שעה שדרך בני אדם לאכול שום:

ז. האומר לחבירו, קונם שאני נהנה לך אם אין אתה בא ונוטל לבניך כור אחד של חטין ושתי חביות של יין הרי זה יכול להפר את נדרו שלא על פי חכם; ויאמר לו, כלום אמרת אלא מפני כבודי, זהו כבודי. וכן האומר לחבירו, קונם שאתה נהנה לי אם אין אתה בא ונותן לבני כור אחד של חטין ושתי חביות של יין, רבי מאיר אומר, אסור עד שיתן. וחכמים אומרים, אף זה יכול להפר נדרו שלא על פי חכם, ויאמר לו, הרי אני כאלו התקבלתי. היו מסרבין בו לשאת בת אחותו, ואמר,

---

אז מען האָט אין דער נאכט פאר ערב יום כיפור געגעסן פלייש. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהייסן „לילי צום״. סיי ווי דער גרעסטער טייל מפרשים טייטשן „ערב יום כיפור״, און יום כיפור האָט געהייסן סתם „הצום״, „דער תענית״, מחמת ער איז דאָך דער חשובער תענית־טאָג. פונקט ווי מען האָט אים גערופן „יומא״, „דער טאָג״ (זע אין דער הקדמה צו מסכתא יומא). ר׳ יוסי זיין זון (ר׳ יהודה׳ס זון) זאָגט, (אז אויב איינער זאָגט): „קונם, איך זאָל ניט פארזוכן קיין קנאָבל ביז עס וועט זיין שבת״, איז ער אסור (צו עסן קנאָבל) ניט מער ווי ביז פרייטאָג צו נאכטס (לילי שבת) ווייל דער דאָזיגער נדר־טוער האָט געמיינט ניט מער ווי ביז דער צייט ווען עס איז דער שטייגער פון מענטשן צו עסן קנאָבל. **מיר האָבן שוין געגעבן פריער פרק ג׳ משנה י׳ וועגן דער תקנה ביי יידן צו עסן קנאָבל פרייטאָג צו־נאכטס.**

ז. האומר, אז איינער (ראובן) זאָגט צו זיין פריינט (שמעון): „קונם, איך זאָל ניט נהנה זיין פון דיר, אויב דו וועסט ניט קומען און נעמען (פון מיר) פאר דיין זון איין כור (א כור איז דרייסיק סאה, הונדערט און אכציק טעפּ) ווייץ און צוויי פעסער וויין״, קאָן ער פארשטערן (להפר, צו־ניט מאכן) זיין נדר אפילו ניט דורך א חכם (ער דארף ניט גיין צו א חכם, א דיין, אז ער זאָל אים מתיר נדר זיין), נאָר ער (שמעון) זאָל זאָגן צו אים (צו ראובנען): „דו האָסט דאָך נאָר דאָס געזאָגט צוליב מיין כבוד וועגן (כדי מיר אָנצוטאָן כבוד), איז דאָס מיין כבוד (אז מיין זון זאָל ניט נעמען פון דיר, נאָר איך זאָל אים געבן מיינס)״. **דער רא״ש זאָגט, אז ער מיינט צו זאָגן, אז דאָס איז זיין כבוד אז מענטשן זאָלן וויסן, אז ער נעמט ניט קיין מתנות** וכן, און אזוי איז, אויב איינער (ראובן) זאָגט צו זיין פריינט (צו שמעונען): „קונם, אז דו זאָלסט ניט נהנה זיין פון מיר, אויב דו וועסט ניט קומען און געבן מיין זון איין כור ווייץ און צוויי פעסער וויין״, זאָגט ר׳ מאיר, אז ער (שמעון) טאָר ניט (נהנה זיין פון ראובנען) ביז ער וועט געבן. און די חכמים זאָגן, אז אויך דער דאָזיקער קאָן צעשטערן (צוניט מאכן) זיין נדר אפילו ניט דורך א חכם, נאָר ער (ראובן) זאָל זאָגן צו אים (צו שמעונען): „איך בין (עס איז אזוי גוט ביי מיר) ווי איך וואָלט שוין געווען גענומען״. **תוספות זאָגט, אז אין דעם פריערדיקן פאל, איז אויך ר׳ מאיר מודה, אז ער קאָן זאָגן, אז „דאָס איז דיין כבוד״, ווייל אזוי איז דער שטייגער פון מענטשן צו זאָגן: אָבער דאָ, ווען ער, ראובן אליין, האָט פארלאַנגט, אז שמעון זאָל געבן זיין זון דעם ווייץ און דעם וויין, איז ניט אזוי דער שטייגער צו זאָגן, „עס איז אזוי גוט ביי מיר ווי דו וואָלסט מיר געגעבן״, און דאריבער אסרט ר׳ מאיר. אָבער פון ירושלמי איז צו זען, אז ר׳ מאיר איז מחולק אויך אויף דעם פריערדיקן פאל, און ער אסרט אויך דאָרט.** היו, אויב מען האָט איינעם שטארק געבעטן (היו מסרבין, מען איז כסדר צוגעשטאַנען צו אים) אז ער זאָל חתונה האָבן מיט זיין שוועסטערס טאָכטער, און ער (האָט ניט געוואָלט, און כדי פטור צו ווערן האָט ער געזאָגט): „קונם, אז זי (מיין שוועסטערס טאָכטער) זאָל קיינמאָל ניט נהנה זיין פון מיר״, און

קונם שהיא נהנית לי לעולם, וכן המגרש את אשתו ואמר. קונם אשתי נהנית לי לעולם, הרי אלו מותרות להנות לו, שלא נתכוין זה אלא לשום אישות. היה מסרב בחבירו שיאכל אצלו, אָמר, קונם לביתך שאיני נכנס, טיפת צונן שאיני טועם לך, מותר ליכנס לביתו, ולשתות ממנו צונן. שלא נתכוין זה אלא לשום אכילה ושתיה.

פרק ט.

א. ר׳ אליעזר אומר, פותחין לאדם בכבוד אביו ואמו, וחכמים אוסרין. אָמר ר׳ צדוק, עד שפותחין לו בכבוד אביו ואמו, יפתחו לו

אזוי איז אויך, אז איינער האָט געגט זיין ווייב, און ער האָט געזאָגט: „קונם, אז זי זאָל קיינמאָל ניט נהנה זיין פון מיר״, מעגן זיי (די שוועסטערס טאָכטער אָדער דאָס געגטע ווייב) נהנה זיין פון אים, ווייל ער האָט געמיינט דערמיט ניט מער ווי חתונה צו האָבן (לשום אישות). ער האָט נאָר געמיינט צו זאָגן, אז ער זאָל ניט חתונה האָבן מיט זיי אָבער ניט אז זיי זאָלן נהנה זיין פון אים אנדערע הנאות (געלט וכדומה). **דער אויסדרוק „בת אחותו״, זיין שוועסטערס טאָכטער, איז ווייל מען האָט עס גע־האלטן פאר א מצוה חתונה צו האָבן מיט א שוועסטערס א טאָכטער (אין דער גמרא יבמות ס״ג), און תוספות דאָרט אין יבמות זאָגט אז די שוועסטער־טאָכטער איז דעם מענטש׳ס בת מזל.** היה מסרב, אויב איינער (ראובן) האָט שטארק געבעטן (מסרב, שטארק צוגעשטאנען) זיין פריינט (שמעון), אז ער זאָל עסן ביי אים, און ער (שמעון, וועלנדיק פטור ווערן פון אים) האָט געזאָגט: „קונם, אז איך זאָל ניט אריינגיין אין דיין הויז, (קונם), אז איך זאָל ניט פארזוכן ביי דיר קיין טראָפן קאלט (וואסער)״, מעג ער (שמעון) אריינגיין צו אים (ראובנען) אין הויז, און ער מעג טרינקען ביי אים קאלט (וואסער) ווייל ער (שמעון) האָט געמיינט ניט מער ווי צו עסן און טרינקען. **ער האָט מיט זיין נדר געמיינט ניט צו עסן און א סך טרינקען ביי אים, אָבער ניט סתם אריינגיין צו אים אָדער נעמען א טרינק קאלט וואסער. דער ברטנורא זאָגט, אז ווייל ער האָט דאָך ניט ארויסגעזאָגט „עסן און טרינקען״ מעג ער אויך עסן און טרינקען ביי אים, ווייל ער האָט דאָך דאָס ניט געזאָגט בפירוש, און ביי נדרים זאָגט די תורה (במדבר ל׳) „ככל היוצא מפיו יעשה״, אז עס איז נור אסור דאָס וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט; עס איז ניט גלייך צו דער פריערדיקער הלכה וועגן חתונה האָבן, ווייל דאָרט האָט ער דאָך געזאָגט בפירוש אז זיי זאָלן ניט נהנה זיין פון אים, און חתונה האָבן הייסט אויך נהנה געווען.**

פרק ט.

א. ר׳ אליעזר זאָגט, אז מען (א חכם, א דיין) מעג עפנען (א וועג איינעם מתיר נדר צו זיין) מיט דעם כבוד פון זיין פאָטער און זיין מוטער. **דער דיין איז, אז איינער האָט געטאָן א נדר און ער האָט דערנאָך אליין חרטה אויף דעם נדר, קאָן ער גיין צו א חכם, א דיין (אָדער צו דריי פשוטע מענטשן), און דערקלערן פאר אים, אז ער האָט חרטה אויפ׳ן נדר און דער דיין (צי די דריי פשוטע מענטשן) זענען אים מתיר דעם נדר. ווי איז אָבער אז דער מענטש אליין האָט ניט אליין חרטה, נאָר ער וויל אז דער דיין (צי די דריי מענטשן) זאָלן אויסגעפינען א טעם, פארוואָס ער דארף חרטה האָבן אויפ׳ן נדר, זוכט דער דיין א וועג; ער פרעגט אים: „צי וואָלסטו געטאָן דעם נדר, ווען דו וואָלסט געוואוסט אז עס וועט זיין אזוי אָדער אזוי״? און אויב דער נדר־טוער זאָגט, אז ווען ער וואָלט געוואוסט דאָס וואָס דער דיין האָט אים אויפגעקלערט, וואָלט ער דעם נדר ניט געטאָן, איז אים דער דיין מתיר דעם נדר. דאָס דאָזיקע „גע־פינען א וועג״, דאָס דאָזיקע „פרעגן״, הייסט אין דער משנה „פותחין״, „עפנען״, דער דיין עפנט פאר דעם נדר־טוער דעם וועג אז ער זאָל קאָנען חרטה האָבן. זאָגט ר׳ אליעזר, אז מען מעג „עפנען״ אויך מיט דעם כבוד פון זיין פאָטער און מוטער; דער דיין מעג צו אים זאָגן: „ווען דו וואָלסט געוואוסט, אז מענטשן וועלן רעדן**

בכבוד המקום, אם כן אין נדרים ומודים חכמים לר׳ אליעזר בדבר שבינו לבין אביו ואמו, שפותחין לו בכבוד אביו ואמו:

ב. ועוד אמר ר׳ אליעזר, פותחין בנולד. וחכמים אוסרין. כיצד? אמר, קונם שאיני נהנה לאיש פלוני, ונעשה סופר, או שהיה משיא את בנו (בקרוב), ואמר, „אלו הייתי יודע שהוא נעשה סופר, או שהיה משיא את בנו בקרוב, לא הייתי נודר״, — קונם לבית זה שאיני נכנס, ונעשה בית הכנסת, אמר „אלו הייתי יודע שהוא נעשה בית הכנסת לא הייתי נודר״, ר׳ אליעזר מתיר, וחכמים אוסרין:

ג. ר׳ מאיר אומר, יש דברים שהן כנולד ואינן כנולד. ואין חכמים

שלעכטס אויף דיינע עלטערן, וועלכע האָבן דערצויגן אזוי שלעכט זייער זון אז ער איז אזוי גרינג און לייכטזיניג צו טאָן נדרים, צי וואָלסטו געטאָן דעם נדר?״ און אויב ער ענטפערט, אז ניט, קאָן אים דער דיין מתיר נדר זיין. וחכמים, און די חכמים אסרן (צו עפנען מיט דעם כבוד פון עלטערן). ווייל עס קאָן זיין אז באמת וואָלט ער סיי ווי געטאָן דעם נדר און ער האָט ניט חרטה, נאָר ווייל ער שעמט זיך צו זאָגן, אז ער שעצט ניט דעם כבוד פון זיינע עלטערן זאָגט ער, אז ניט. אָמר, האָט ר׳ צדוק געזאָגט, איידער מען עפנט אים (דעם נדר־טוער) מיטן כבוד פון זיין פּאָטער און זיין מוטער, קאָן מען דאָך אים עפנען מיט דעם כבוד פון גאָט (ווייל גאָט וויל ניט אז מען זאָל טאָן נדרים), און עס וועט דאָך אויסקומען, אז עס איז אינגאַנצן ניט פאַראַן קיין נדרים! מחמת קיין מענטש וועט דאָך ניט זאָגן, אז ער שעצט ניט דעם כבוד פון גאָט, — און ער וועט זיכער זאָגן ליגן, אפילו ווען ער האָט ניט קיין חרטה; אזוי טאָר מען ניט עפנען מיט דעם כבוד פון עלטערן, ווייל אויך דאָביי איז מעגליך אז ער וועט זאָגן ליגן. „מקום״, „אָרט״, מיינט מען „גאָט״, זע מסכתא ברכות פרק ה׳ משנה א׳. ומודים, און די חכמים זענען מודה צו ר׳ אליעזר, אז אין א זאַך (א נדר) צווישן אים (דעם (נדר־טוער) און זיין פּאָטער און זיין מוטער, עפנט מען אים מיט דעם כבוד פון זיין פּאָטער און זיין מוטער. אויב למשל איינער האָט א נדר געטאָן ניט צו העלפן זיינע עלטערן, מעג מען אים יאָ עפנען מיט דעם כבוד פון זיינע על־טערן; מחמת קוים האָט ער אזוי פיל חוצפה צו טאָן אזא נדר, וועט ער זיך שוין ניט שעמען, און אויב ער וועט באמת ניט האָבן חרטה, וועט ער עס זאָגן.

ב. ועוד, און נאָך האָט ר׳ אליעזר געזאָגט, אז מען מעג עפנען מיט א ניי־געבוירענער זאַך (נולד). דאָס הייסט, מיט א זאַך וואָס איז נאָכניט געווען, ווען ער האָט א נדר געטאָן. וחכמים, און די חכמים אסר׳ן (צו עפנען מיט א נייער זאַך). ווייל דאָס מתיר נדר זיין מאַכט דאָך, אז דער נדר איז באלד פון אָנהויב קיין נדר ניט געווען, און אויב דער טעם, פאַרוואָס מען איז מתיר נדר, איז בשעתן נדר טאָן נאָכניט געווען, קאָן מען אויף אים זיין יסוד ניט מתיר נדר זיין. כיצד, ווי אזוי (וואָס הייסט א נייע זאַך)? אויב איינער האָט געזאָגט: „קונם, איך זאָל ניט נהנה זיין פון יענעם מענטש״ און ער (יענער מענטש) איז געוואָרן א סופר (א מלמד, א תלמיד חכם, און ער דאַרף לערנען ביי אים), אָדער ער (יענער מענטש) איז געגאַנגען (אינגיכן) חתונה מאַכן זיין זון (און ער, דער נדר טוער דאַרף זיין אויף דער חתונה) און ער זאָגט: „ווען איך וואָלט געוואוסט, אז ער וועט ווערן א סופר אָדער אז ער וועט אינגיכן חתונה מאַכן זיין זון וואָלט איך ניט געטאָן דעם נדר״; (אָדער איינער האָט געזאָגט): „קונם, אז איך זאָל ניט אריינגיין אין דאָזיקן הויז״, און דאָס (הויז) איז געוואָרן א שול, און ער (דער נדר־טוער) האָט געזאָגט: „ווען איך וואָלט געוואוסט, אז דאָס (הויז) וועט ווערן א שול, וואָלט איך ניט געטאָן דעם נדר״, איז ר׳ אליעזר מתיר (אז מען קאָן אים מתיר נדר זיין דערויף), און די חכמים אסרן. ווייל דאָס הייסט „נולד״, א נייע זאַך, א זאַך וואָס איז געוואָרן נאָכן טאָן דעם נדר.

ג. ר׳ מאיר זאָגט, אז עס זענען פאַראַן זאַכן וועלכע זיינען אזוי ווי א נייע

מודים לו. כיצד? אָמר, קונם שאיני נושא את פלונית שאביה רע, אָמרו לו, מת, או שעשה תשובה, — קונם לבית (זה) שאיני נכנס שהכלב רע בתוכו, או שהנחש בתוכו, אָמרו לו, מת הכלב, או שנהרג הנחש, הרי הן כנולד ואינן כנולד. ואין חכמים מודים לו:

ד. ועוד אָמר ר׳ מאיר, פותחין לו מן הכתוב שבתורה, ואומרים לו, אלו היית יודע שאתה עובר על „לא תקום ועל לא תטור״, (ויקרא י״ט). ועל „לא תשנא את אחיך בלבבך״ (שם), „ואהבת לרעך כמוך״ (שם). „וחי אחיך עמך״ (שם כ״ה), שמא יעני ואין אתה יכול לפרנסו, אָמר, אלו הייתי יודע שהוא כן, לא הייתי נודר, הרי זה מותר.

ה. פותחין לאדם בכתובת אשתו. ומעשה באחד שנדר מאשתו

זאך (ווי „נולד״) און זענען פאָרט ניט קיין נייע זאך)קיין „נולד״). **און מען מעג עפּנען מיט זיי.** ואין, און די חכמים זענען ניט מודה צו אים (צו ר׳ מאיר). **זיי האלטן, אז זיי זענען יאָ א נייע זאך, כיצד?** ווי אזוי? **וואָס זענען די דאָזיקע זאַכן, וועגן וועלכע עס זענען מחולק ר׳ מאיר און די חכמים?** אָמר, אויב ער האָט געזאָגט: „קונם, איך זאָל ניט חתונה האָבן מיט יענע (פרוי), ווייל איר פאָטער איז א שלעכטער״, און (מענטשן) האָבן אים געזאָגט (שפּעטער), אז ער (איר פאָטער) איז געשטאָרבן, אָדער אז ער האָט געטאָן תשובה (און ער איז געוואָרן גוט); (אָדער ער האָט געזאָגט): „קונם, אז איך זאָל ניט אריינגיין אין דאָזיקן הויז, ווייל אין אים איז פאראן א שלעכטער הונט ,אָדער ווייל א שלאנג איז אין אים פאראן״, און (מענטשן) האָבן אים (שפּעטער) געזאָגט, אז דער הונט איז געפּגרט, אָדער אז דער שלאנג איז געהרגעט געוואָרן — דאָס איז דאָך אזוי ווי א נייע זאך (נולד), אָבער עס איז ניט קיין נייע זאך. **און ר׳ מאיר האלט, אז ווייל בשעתן נדר טאָן האָט ער דאָך בפירוש געזאָגט, אז דאָס איז דערפאר וואָס דער פאָטער איז שלעכט צי ווייל דאָרט איז פאראן א שלעכטער הונט צי א שלאנג, הייסט עס ווי ער האָט געמאכט א סאָרט תנאי, און אויב דער פאָטער איז גע־וואָרען גוט אָדער ער איז געשטאָרבן, אָדער דער הונט צי די שלאנג זענען טויט, הייסט עס כמעט ניט קיין נדר; נאָר פונדעסטוועגן דארף מען אים מתיר מאכן. אין ירושלמי ווערט געזאָגט, אז ער דארף אפילו ניט מתיר נדר זיין.** ואין, און די חכמים זענען ניט מודה צו אים (צו ר׳ מאיר). **אין איין גירסא איז סיי פריער און סיי איצט פאראן „וחכמים מודים לו״, אז די חכמים האלטן יאָ ווי ר׳ מאיר.**

ד. ועוד, און נאָך האָט ר׳ מאיר געזאָגט, אז מען עפנט אים מיט דעם וואָס איז געשריבן אין דער תורה, און מען זאָגט צו אים: „ווען דו וואָלסט געוואוסט (ווען דו האָסט געטאָן א נדר אז דיין פריינט זאָל ניט נהנה זיין פון דיר), אז דו ביזט עובר אויף (ויקרא י״ט, י״ח) „לא תקום ולא תטור״ (זאָלסט ניט נקמה נעמען און זאָלסט ניט היטן קיין שנאה), און אויף (ויקרא י״ט, י״ז) לא תשנא את אחיך בלבבך״ (זאָלסט ניט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין הארץ), (אויף, ויקרא י״ט, י״ח) ואהבת לרעך כמוך״ (זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט ווי זיך אליין), (אויף ויקרא כ״ה, ל״ו) „וחי אחיך עמך״ (און דיין ברודער זאָל לעבן צוזאמען מיט דיר), טאָמער וועט ער ווערן אָרעם און דו וועסט ניט קאָנען אים מפרנס־זיין (העלפן, ווייל ער טאָר דאָך ניט נהנה זיין פון דיר)״ — אויב ער (דער נדר־טוער) זאָגט: „ווען איך וואָלט געוואוסט אז עס איז אזוי וואָלט איך ניט געטאָן דעם נדר״, איז ער מותר (קאָן דער דיין אים מתיר נדר זיין דערויף). **די משנה ברענגט דאָ די פסוקים פון דער תורה, וועלכע לערנען אז איינער דארף העלפן דעם אנדערן, און מען טאָרניט האלטן קיין שנאה, און אויף דעם יסוד פון די דאָזיקע פסוקים קאָן מען ארויסרופן ביים נדר־טוער די חרטה.**

ה. פותחין, מען מעג עפנען א מענטש (וואָס האָט געטאָן א נדר צוליב וועלכן ער מוז גטן זיין ווייב) מיט דער כתובה פון זיין ווייב. **דאָס הייסט, מען קאָן אים פרעגן צי ווען ער וואָלט געוואוסט, אז ער וועט איר דארפן געבן דאָס כתובה־געלט ביים**

הנאה, והיתה כתובתה ארבע מאות דינרים ובא לפני ר׳ עקיבא, וחייבו ליתן לה כתובתה. אָמר לו, רבי, שמנה מאות דינרין הניח אבא, ונטל אחי ארבע מאות ואני ארבע מאות, לא דיה שתטול היא מאתים, ואני מאתים. אָמר לו ר׳ עקיבא, אפילו אתה מוכר שער ראשך, אתה נותן לה כתובתה. אָמר לו, אלו הייתי יודע שהוא כן, לא הייתי נודר, והתירה רבי עקיבא:

ו. פותחין בימים טובים ובשבתות. בראשונה היו אומרים, אותן הימים מותרין, ושאר כל הימים אסורין. עד שבא רבי עקיבא ולימד, שהנדר שהותר מקצתו, הותר כולו :

ז. כיצד ? אָמר, קונם שאיני נהנה לכולכם, הותר אחד מהן, הותרו כולן. שאיני נהנה לזה, ולזה, הותר הראשון, הותרו כולן, הותר האח-

---

גטן איר און ער וועט דאדורך ווערן אן אָרימאן, צי וואָלט ער געטאָן דעם נדר. ומעשה, און עס איז געווען א מעשה מיט איינעם וואָס האָט א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון זיין ווייב (און ער איז איר געגאנגן גטן) און איר כתובה איז געווען פיר הונדערט גילדן (דינרים), או ןער איז געקומען פאר ר׳ עקיבא, און ער האָט אים געפסקנט צו געבן איר איר כתובה; האָט ער (דער מאן) גזעאָגט צו אים (צו ר׳ עקיבא): „רבי, מיין פאָטער האָט איבערגעלאָזט אכט הונדערט גילדן, און מיין ברודער האָט גענומען פיר הונדערט און איך (האָב גענומען) פיר הונדערט, צי איז עס ניט גענוג, אז זי זאָל נעמען (פון מיינע פיר הונדערט) צוויי הונדערט און איך (זאָל בלייבן ביי) צוויי הונדערט?״ האָט ער (ר׳ עקיבא) געזאָגט צו אים :„אפילו דו וועסט דארפן פארקויפן די האָר פון דיין קאָפּ דארפסטו איר געבן איר (גאנצע) כתובה״. האָט ער (דער מאן) געזאָגט צו אים (צו ר׳ עקיבא): „ווען איך וואָלט געוואוסט אז עס איז אזוי, וואָלט איך ניט געטאָן דעם נדר״, און ר׳ עקיבא האָט אים מתיר געמאכט. **דאָס איז די ראיה צו ר׳ מאיר׳ס הלכה, אז מען קאָן עפּנען מיט דער כתובה פון ווייב.**

ו. פותחין, מען מעג עפנען מיט ימים־טובים און שבתים, **אויב איינער האָט געטאָן א נדר צו פאסטן אָדער ניט צו עסן פלייש א לענגערע צייט, קאָן אים דער דיין פרעגן, צי ווען ער וואָלט זיך באטראכט ביים נדר טאָן, אז אין דער צייט זענען דאָך פאראן שבתים און ימים טובים, צי וואָלט ער דעם נדר געטאָן, — און אויב ער זאָגט, אז ניט, קאָן ער אים מתיר נדר זיין.** בראשונה, אמאָל (אין די ערשטע צייטן) האָט מען געלערנט, אז די דאָזיקע טעג (ימים טובים און שבתים) מעג ער (ניט פאסטן, אָדער עסן פלייש, און דער נדר ווערט נור מותר פאר די דאָזיקע טעג), און די אלע איבריקע טעג (וואָכענטעג) טאָר ער ניט (ווערט דער נדר ניט מותר); ביז ר׳ עקיבא איז געקומען און האָט געלערנט, אז א נדר וואָס א טייל פון אים איז מותר געוואָרן, ווערט ער אינגאנצן מותר. **זע וואָס מיר האָבן געגעבן וועגן דעם פריער פרק ג׳ משנה ב׳ אין דער מחלוקה פון די בית שמאי און די בית הלל.**

ז.כיצד, ווי אזוי ? **ווען איז עס דער דין, אז א נדר וואָס א טייל פון אים איז געוואָרן מותר, ווערט ער אינגאנצן מותר.** אָמר, אויב ער האָט געזאָגט : (צו עטליכע מענטשן) „קונם, אז איך זאָל ניט נהנה זיין פון אייך אלע״, איז אויב ער איז מותר געוואָרן צו איינעם פון זיי, איז ער מותר געוואָרן צו אלע. **ווייל זיי זענען אלע געווען אין איין נדר.** (אויב ער האָט געזאָגט צו ראובן און שמעון און לוי) : „איך זאָל ניט נהנה זיין פון דעם און דעם״ (זאָגנדיק צוערשט אז ער זאָל ניט הנאה האָבן פון ראובן, און דערנאָך האָט ער געזאָגט אז שמעון זאָל זיין ווי ראובן, און לוי ווי שמעון), איז אויב דער ערשטער (ראובן) איז מותר געוואָרן, זענען אלע (אויך שמעון און לוי) מותר. **מחמת דער יסוד פון גאנצן נדר איז דורך דער איסור פון ראובנען, ממילא קוים איז ראובן מותר געוואָרן, זענען שוין שמעון און לוי אויך מותר.** הותר האחרון, אויב דער לעצטער (לוי) איז מותר געוואָרן, איז דער לעצטער (לוי) מותר, און די אלע

רון, האחרון מותר, וכולן אסורין; הותר האמצעי, הימנו ולמטה מותר, הימנו ולמעלה אסור. שאיני נהנה לזה קרבן, ולזה קרבן, צריכין פתח לכל אחד ואחד.

ח. קונם יין שאיני טועם, שהיין רע למעים. אָמרו לו, והלא המי־ושן יפה למעים, הותר במיושן. ולא במיושן בלבד הותר, אלא בכל היין. קונם בצל שאיני טועם, שהבצל רע ללב. אָמרו לו, הלא הכופרי יפה ללב, הותר בכופרי. ולא בכופרי בלבד הותר, אלא בכל הבצלים. מעשה היה, והתירו ר׳ מאיר בכל הבצלים:

ט. פותחין לאדם בכבוד עצמו ובכבוד בניו. אומרים (לו), אלו היית יודע שלמחר אומרין עליך, כך היא ווסתו של פלוני, מגרש את נשיו,

---

(איבריקע, ראובן און שמעון זענען אסור). **מחמת זייער איסור האָט דאָך ניט קיין שייכות מיט לוי.** הותר האמצעי, אויב דער מיטלסטער (שמעון) איז מותר געוואָרן, איז פון אים און נידריקער (לוי, וועלכער איז נאָך אים) מותר, און פון אים און העכער (ראובן, וועלכער איז פאר אים) איז אסור. **מחמת לוי׳ס איסור איז דאָך יאָ אָפּהענגיק פון שמעונען, ווארום ער האָט דאָך געזאָגט אויף לוי, אז ער זאָל זיין ווי שמעון, ממילא אז שמעון איז געוואָרן מותר, איז שוין געוואָרן אויך לוי מותר. אָבער ראובן׳ס איסור האָט דאָך מיט שמעון גאָרניט צו טאָן, דעריבער בלייבט ראובן ווייטער אסור.** שאיני נהנה, (אויב ער האָט געזאָגט: „איך זאָל ניט נהנה זיין פון דעם (פון ראובן) קרבן, און פון דעם (שמעון) קרבן״ (און אויך אויב ער האָט געזאָגט אויף לוי „קרבן״), מוז ער האָבן א עפנונג (זיך לאָזן מתיר נדר זיין) אויף יעדן פון זיי באזונדער. **ווייל ווען ער זאָגט דאָס וואָרט „קרבן״ אויף יעדן באזונדער, זענען דאָס באזונדערע נדרים. די גמרא זאָגט, אז אזוי האלט נור ר׳ שמעון, און די חכמים זאָגן, אז אויב ער האָט נור געזאָגט „איך זאָל ניט הנאה האָבן גיט פון ראובן און ניט פון שמעון און ניט פון לוי״ זענען עס באזונדערע נדרים, כאָטש ער האָט ניט דערמאָנט דאָס וואָרט „קרבן״ ביי יעדן באזונדער. זע וועגן דעם מסכתא שבועות פרק ה׳ משנה ג.**

ח. קונם, (אויב איינער האָט געזאָגט): „קונם, איך זאָל ניט פארזוכן ווין, ווייל ווין איז שלעכט צום מאָגן״ (למעים, צו די געדערים, צום מאָגן), האָבן צו אים (מענטשן) געזאָגט: „סטייטש עלטערער (ווין) איז דאָך גאָר גוט צום מאָגן״, מעג ער (טרינקן) עלטערן (מיושן) ווין; און ער מעג ניט נור עלטערן (ווין) אליין, נאָר אויך יעדן ווין. **דאָס איז דער דין אז א נדר וואָס איז מותר געוואָרן א טייל פון אים, איז ער אינגאנצן מותר.** קונם, (אויב ער האָט געזאָגט): „קונם, איך זאָל ניט עסן ציבעלע, ווייל ציבעלע איז שלעכט צום הארץ״, האָבן אים (מענטשן) געזאָגט: „סטייטש די כופרי־ציבעלע איז דאָך גוט צום הארץ״, מעג ער עסן כופרי־ציבעלע, און ער מעג ניט נור כופרי־ציבעלע אליין, נאָר אויך אלע ציבעלעס; עס איז געווען א מעשה, און ר׳ מאיר האָט אים (דעם נדר־טוער) מתיר געמאכט אלע ציבעלעס. **דער סאָרט כופרי־ציבעלע ווערט אויך דערמאָנט אין מסכתא תרומות פרק ב׳, ה׳, און דאָרט האָבן מיר עס געטייטשט „די דאָרפישע ציבעלע״ (פון „כפר״, דאָרף). די משנה אין בבא בתרא פרק ו׳ משנה ג׳ זאָגט אז עלטערער ווייַן (מיושן) מיינט ווייַן וועלכער איז אלט דריי יאָר.**

ט. פותחין, מען עפנט צו א מענטשן מיט זיין אייגענעם כבוד און מיט דעם כבוד פון זיינע קינדער; מען זאָגט אים (אויב ער האָט א נדר געטאָן ניט צו נהנה זיין פון זיין ווייב און ער גייט איר דאדורך גטן): „ווען דו וואָלסט געוווּסט, אז צו מאָרגנס (נאָכן גט) וועלן מענטשן זאָגן אויף דיר: „אָט אזוי איז עס דער שטייגער (ווסתו) פון יענעם מענטש, ער גט זיינע ווייבער״, און אויף דיינע טעכטער וועט מען זאָגן, אז זיי זענען טעכטער פון געגטע ווייבער, פארוואָס האָט עפּיס זייער מוטער

ועל בנותיך יהיו אומרין, בנות גרושות הן, מה ראתה אמן של אלו להתגרש? ואמר, אלו הייתי יודע שכן, לא הייתי נודר, הרי זה מותר:

. קונם שאיני נושא את פלונית כעורה, והרי היא נאה, שחורה, והרי היא לבנה, קצרה, והרי היא ארוכה, מותר בה; לא מפני שהיא כעורה, ונעשת נאה, שחורה, ונעשת לבנה, קצרה, ונעשית ארוכה, אלא שהנדר טעות. ומעשה באחד שנדר מבת אחותו הנייה, והכניסוה לבית ר׳ ישמעאל וייפוה. אָמר לו ר׳ ישמעאל, בני, לזו נדרת? אָמר לו, לאו, והתירו ר׳ ישמעאל. באותה שעה בכה רבי ישמעאל, ואָמר, בנות ישראל נאות הן, אלא שהעניות מנוולתן. וכשמת ר׳ ישמעאל, היו בנות ישראל נושאות קינה, ואומרות: „בנות ישראל אל רבי ישמעאל בכינה״. וכן הוא אומר בשאול (שמואל ב׳ א׳) „בנות ישראל אל שאול בכינה״:

זיך געזעגן געצווינגן צו גטן זיך (מסתמא האָט זי זיך אויפגעפירט ניט אָרנטליך)״.— און ער (דער נדר-טוער) זאָגט: „ווען איך וואָלט געוואוסט, אז עס איז אזוי וואָלט איך ניט געטאָן דעם נדר״, מעג ער (מען קאָן אים דערויף מתיר נדר זיין). **מען האָט ניט קיין מורא, טאָמער האָט ער באמת ניט חרטה נאָר ער וועט זאָגן ליגן אז ער וואָלט ניט דעם נדר געטאָן**

י. קונם, (אויב איינער זאָגט): „קונם, איך זאָל ניט חתונה האָבן מיט יענער מיאוסער (פרוי)״, און זי איז גאָר שיין, (אָדער ער האָט געזאָגט) „די שווארצע״, און זי איז גאָר א ווייסע, אָדער ער האָט געזאָגט „די נידריקע״ (קצרה, די קורצע), און זי איז גאָר א הויכע (ארוכה, א לאנגע), איז ער מותר (חתונה צו האָבן מיט איר, ניט ווייל זי איז געווען מיאוס און זי איז געוואָרן שיין, (אָדער) זי איז געווען שווארץ און זי איז געוואָרן ווייס, (אָדער) זי איז געווען נידריג און זי איז געוואָרן הויך, נאָר ווייל דער נדר איז געווען דורך א טעות. **מחמת זי איז באלד, בשעת ער האָט געטאָן דעם נדר געווען שיין, אָדער ווייס אָדער הויך; ער דארף דאריבער ניט אז מען זאָל אים מתיר נדר זיין. די גמרא זאָגט, אז אין דער משנה פעלן די ווערטער, אז דער תנא ר׳ ישמעאל האלט, אז אפילו זי איז געווען מיאוס ווען ער האָט א נדר געטאָן, נאָר זי איז שפּעטער געוואָרן שיין, קאָן מען אויך מתיר זיין דעם נדר, ווייל קוים קאָן מען זי מאכן שיין, הייסט עס אז זי איז באלד ניט געווען קיין מיאוסע. און דערויף ברענגט די משנה באלד די מעשה.** ומעשה, און עס איז געווען א מעשה מיט איינעם וואָס האָט א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון זיין שוועסטערן-טאָכטער (ניט וועלנדיק חתונה האָבן מיט איר ווייל זי איז געווען א מיאוסע), און מען האָט זי אריינגעבראכט אין הויז פון ר׳ ישמעאל און ער (ר׳ ישמעאל האָט זי געמאכט שיין; (דערנאָך) האָט ר׳ ישמעאל צו אים געזאָגט: „מיין זון, פון דער דאָזיקער האָסטו א נדר געטאָן (ניט חתונה צו האָבן מיט איר)? האָט ער אים (ר׳ ישמעאלן) געזאָגט: „ניין״. און ר׳ ישמעאל האָט אים מתיר געמאכט. אין דער דאָזיקער שעה (דאמאָלס) האָט ר׳ ישמעאל געוויינט און ער האָט געזאָגט: „די יידישע טעכטער זענען שיינע נאָר די אָרימקייט מאכט זיי מיאוס. **די גמרא זאָגט, אז די פרוי האָט געהאט א קינסטליכן צאָן** (שן תותבת, **אן אריינגעזעצטן צאָן) און ר׳ ישמעאל האָט איר אריינגעזעצט א גאָלדענעם צאָן.** וכשמת, און ווען ר׳ ישמעאל איז געשטאָרבן, האָבן די יידישע טעכטער (בנות ישראל) אים באקלאָגט (נושאות קינה) און זיי האָבן געזאָגט: „יידישע טעכטער וויינט אויף ר׳ ישמעאל״. און אזוי ווערט אויך געזאָגט ביים (מלך) שאול (שמואל ב׳, א׳, כ״ד) „בנות ישראל אל שאול בכינה״ (טעכטער פון ישראל וויינט אויף שאול). **פון דער גמרא אין נדרים ס״ז אין דעם הספד אויף ר׳ ישמעאל איז צו זען, אז די משנה מיינט דאָ די וויטערע ווערטער אין פסוק „המלבשכם שני עם עדנים״, דאָס הייסט, אז ער האָט זיי, די יידישע טעכטער. באצירט מיט שיינע קליידער.**

פרק י.

א. נערה המאורסה, אביה ובעלה מפירין נדריה. הפר האב ולא הפר הבעל, הפר הבעל ולא הפר האב, אינו מופר. ואין צריך לומר שקיים אחד מהן:

ב. מת האב, לא נתרוקנה רשות לבעל. מת הבעל, נתרוקנה רשות לאב. בזה יפה כח האב מכח הבעל. בדבר אחר יפה כח הבעל מכח האב, שהבעל מפר בבגר, והאב אינו מפר בבגר:

ג. נדרה והיא ארוסה, נתגרשה בו ביום, נתארסה בו ביום, אפילו

פרק י.

א. נערה, א נערה (מיידל פון צוועלף יאָר מיט א טאָג ביז צוועלף יאָר מיט זעקס חדשים, וואָס א מאַן האָט איר מקדש געווען, אָבער ער האָט נאָכניט חתונה געהאַט מיט איר), איז איר פאָטער און איר מאַן צעשטערן אירע נדרים. **מיר האָבן וועגן דעם גע־געבן אין דער הקדמה צו דער מסכתא. איידער דער מאַן האָט איר מקדש געווען קאָן דער פאָטער, אין טאָג ווען ער הערט וועגן אירע נדרים צעשטערן די נדרים, זאָגן אַז זיי זענען ניט־גילטיק, און זיי ווערן אויס נדרים. נאָכדעם ווי דער מאַן האָט חתונה געהאַט, קאָן דער מאַן צושטערן אירע נדרים (וועלכע זי האָט געטאָן נאָך דער חתונה). אָבער ווען דער מאַן האָט זי נור מקדש געווען (אַמאָל איז געווען א מנהג מקדש צו זיין די פרוי ביי די תנאים, זע וועגן דעם אין דער הקדמה צו כתובות) און ער האָט מיט איר נאָכניט חתונה געהאַט, הייסט די כלה א „נערה המאורסה", א נערה (יינג מיידל פון 12 יאָר מיט א טאָג ביז 12 יאָר מיט 6 חדשים) וועלכע איז נור מקודש געוואָרן, און ביידע, אי דער פאָטער אי דער מאַן האָבן איבער איר דעם רשות, און ביידע מוזן צושטערן אירע נדרים.** הפר האב, אויב דער פאָטער האָט צושטערט און דער מאַן האָט ניט צושטערט (און עס איז אריבער דער טאָג ווען זיי האָבן געהערט), (אָדער) דער מאַן האָט צעשטערט און דער פאָטער האָט ניט צעשטערט. איז ער (דער נדר) ניט צעשטערט, און מכל שכן (אַז דער נדר איז ניט צעשטערט) אויב איינער פון זיי (דער פאָטער אָדער דער מאַן) האָט באַשטעטיקט דעם נדר (דאַמאָלס איז דער נדר אודאי ניט צעשטערט). „באַשטעטיקן", „מקיים זיין" א נדר מיינט, **ווען דער פאָטער אָדער דער מאַן זאָגט צו איר: „דער נדר איז באַשטעטיקט (קיים לך) צו דיר". דאַמאָלס קאָן ער שוין דעם נדר ניט צעשטערן.**

ב. מת, אויב דער פאָטער פון דער נערה המאורסה) איז געשטאָרבן, איז דער רשות (דאָס גאַנצע רעכט צו צעשטערן די נדרים פון דער נערה) ניט ליידיק געוואָרן פאַר דעם מאַן. **דער מאַן קאָן ניט צעשטערן אירע נדרים אויב איר פאָטער לעבט ניט, ווייל א מאַן קאָן צעשטערן דעם ווייב'ס נדרים נאָר ערשט נאָך דער חתונה.** מת הבעל, אויב דער מאַן איז געשטאָרבן איז דער רשות ליידיק געוואָרן פאַר דעם פאָטער. **איצט האָט דאָס מיידל אינגאַנצן ניט קיין מאַן, און איר פאָטער צעשטערט אירע נדרים אַזוי לאַנג ווי זי איז א נערה (ביז זי ווערט עלטער פון 12 יאָר מיט זעקס חדשים (ווי די תורה זאָגט במדבר ל' „בנעוריה בית אביה").** בזה, דערמיט איז דער כח פון פאָטער בעסער (שטאַרקער, יפה) פון כח פון מאַן; מיט אַן אַנדערער זאַך איז דער כח פון מאַן בעסער פון כח פון פאָטער (דהיינו), וואָס דער מאַן צעשטערט (די נדרים פון ווייב) ווען זי איז דערוואַקסן (א בוגרת) און דער פאָטער צעשטערט ניט (די נדרים פון דער טאָכטער) ווען זי איז א בוגרת. **דער מאַן קאָן נאָך דער חתונה צעשטערן די נדרים פון זיין ווייב אויך ווען זי איז שוין א בוגרת, עלטער פון 12 יאָר מיט 6 חדשים; אָבער דער פאָטער קאָן ניט צושטערן די נדרים פון זיין טאָכטער אויב זי איז עלטער פון 12 יאָר מיט 6 חדשים, דאָס הייסט ווען זי איז א בוגרת.**

ג. נדרה, אויב זי (די נערה) האָט א נדר געטאָן ווען זי איז געווען אַן ארוסה (דער מאַן האָט איר נור מקדש געווען אָבער נאָכניט חתונה געהאַט מיט איר), און זי

למאה, אביה ובעלה האחרון מפירין נדריה. זה הכלל, כל שלא יצאת לרשות עצמה שעה אחת, אביה ובעלה האחרון מפירין נדריה.

ד. דרך תלמידי חכמים, עד שלא היתה בתו יוצאה מאצלו, אומר לה, כל נדרים שנדרת בתוך ביתי הרי הן מופרין. וכן הבעל, עד שלא תכנס לרשותו, אומר לה, כל נדרים שנדרת עד שלא תכנסי לרשותי הרי הן מופרין. שמשתכנס לרשותו, אינו יכול להפר:

ה. בוגרת ששהתה שנים עשר חדש, ואלמנה שלשים יום, ר' אליעזר אומר, הואיל ובעלה חייב במזונותיה, יפר, וחכמים אומרים,

---

האָט זיך געגט אין זעלביקן טאָג (ווען דער פאָטער האָט געהערט וועגן נדר), און (אן אנדערער מאן) האָט זי מקדש געווען (נתארסה) אין זעלביקן טאָג, אפילו צו הונדערט (זי האָט אין זעלביקן טאָג זיך מקדש געווען און זיך געגט מיט הונדערט מענער), קאָן דער פאָטער צוזאמען מיטן לעצטן מאן צעשטערן אירע נדרים. **אפילו די נדרים וואָס זי האָט געטאָן ווען זי איז נאָך געווען מקודש צום ערשטן מאן, מחמת אן ארוס (א מאן וואָס האָט זי נאָר מקדש געווען) קאָן צוזאמען מיט איר פאָטער צעשטערן אירע נדרים אפילו אזעלכע וועלכע זי האָט געטאָן איידער ער האָט זי מקדש געווען („בקודמין", די פריערדיקע נדרים). ווי מיר האָבן פריער געלערנט איז דער דין, אז א מאן נאָך דער חתונה, ווען ער צעשטערט אירע נדרים אליין (אָן דעם פאָטער), קאָן צעשטערן נאָר די נדרים, וואָס דאָס ווייב האָט געטאָן נאָך דער חתונה אָבער ניט פאַר דער חתונה (אין הבעל מיפר בקודמין).** זה הכלל, דאָס איז דער כלל, אזוי לאנג ווי זי איז ניט ארויסגעגאנגען (פון איר פאָטערס רשות) אין איר אייגענעם רשות כאָטש איין שעה, קאָן דער פאָטער צוזאמען מיטן לעצטן מאן צעשטערן אירע נדרים. **אָבער אויב זי איז געוואָרן א בוגרת, אָדער זי איז ניט נור מקודש געוואָרן נאָר זי האָט חתונה געהאַט און האָט זיך געגט, כאָטש זי איז נאָך א נערה, ניט עלטער פון 12 יאָר מיט 6 חדשים, הייסט עס אז זי איז ארויסגעגאנגען אין איר אייגענעם רשות, און דער פאָטער קאָן ניט מער צעשטערן אירע נדרים, מיט „איין שעה" מיינט מען, אפילו די קורצעסטע צייט.**

ד. דרך, דער שטייגער פון תלמידי חכמים איז, אז איידער זיין טאָכטער גייט ארויס פון אים (פון דעם פאָטער דעם תלמיד חכם, איידער זי האָט חתונה) זאָגט ער צו איר: „אלע נדרים וואָס דו האָסט א נדר געטאָן ביי מיר אין הויז, זאָלן צעשטערט", און אזוי איז אויך דער מאן איידער זי גייט אריין אין זיין רשות (איידער ער האָט חתונה מיט איר) זאָגט ער צו איר: „אלע נדרים וואָס דו האָסט א נדר געטאָן איידער דו ביזט אריין אין מיין רשות (איידער דו האָסט חתונה מיט מיר) זאָלן צעשטערט", ווארום נאָכדעם ווי זי גייט אריין אין זיין רשות (נאָך דער חתונה), קאָן ער (דער מאן) ניט צעשטערן (די נדרים וואָס דאָס ווייב האָט געטאָן פאַר דער חתונה). **די גמרא זאָגט דאָ, אז דער מאן נאָך דער חתונה קאָן צעשטערן דעם ווייב'ס נדרים אפילו ער האָט ניט געהערט וועגן זיי, און דאָס וואָס די תורה (במדבר ל') זאָגט „ושמע אשה" (און איר מאן האָט געהערט) מיינט מען ניט דוקא.**

ה. בוגרת, א בוגרת (א מיידל עלטער פון צוועלף יאָר און זעקס חדשים, וועלכע א מאן האָט מקדש געווען, און דער דין איז, אז דער מאן קאָן אָפּלייגן די חתונה־צייט ביז צוועלף חדשים) און זי האָט אָפּגעוואַרט די צוועלף חדשים, (און דער מאן האָט מיט איר נאָכניט חתונה געהאַט) און אן אלמנה (וועלכע א צווייטער מאן האָט מקדש געווען און דער דין איז אז ביי אן אלמנה קאָן דער מאן אָפּלייגן די חתונה צייט נור דרייסיק טעג) און זי האָט אָפּגעוואַרט די דרייסיק טעג (און דער מאן האָט מיט איר נאָכניט חתונה געהאַט), זאָגט ר' אליעזר, אז ווייל דער מאן איז מחויב איר צו געבן מזונות (צו עסן און אויסהאלטן) קאָן ער צעשטערן (אליין אָן דעם פאָטער, ווייל ביי א בוגרת און ביי א אלמנה קאָן דער פאָטער ניט צעשטערן אירע נדרים).

אין הבעל מיפר עד שתכנס לרשותו.

ו. שומרת יבם, בין ליבם אחד בין לשני יבמין, ר׳ אליעזר אומר, יפר. ר׳ יהושע אומר, לאחד אבל לא לשנים. ר׳ עקיבא אומר, לא לאחד ולא לשנים. אמר ר׳ אליעזר, מה אם אשה שקנה הוא לעצמו, הרי הוא מפר נדריה, אשה שהקנו לו מן השמים, אינו דין שיפר נדריה. אמר לו ר׳ עקיבא, לא, אם אמרת באשה שקנה הוא לעצמו. שאין לאחרים

אין די 12 חדשים ביי א מיידל און אין די דרייסיק טעג ביי אן אלמנה דארף דער מאן איר ניט געבן מזונות (צו עסן און אויסהאלטונג). אבער נאך די 12 חדשים ביי א מיידל און נאך די 30 טעג ביי אן אלמנה, אויב ער לייגט ווייטער אפ די חתונה־צייט מוז ער איר געבן מזונות (זע מסכתא כתובות פרק ה׳ משנה ב׳). דאריבער האלט ר׳ אליעזר,׳ אז דערמיט הייסט עס ווי זי האט שוין חתונה געהאט, און דער מאן קאן צעשטערן אירע נדרים. וחכמים, און די חכמים זאגן, אז דער מאן קאן ניט צעשטערן (דעם ווייב׳ס נדרים, אליין אן דעם פאטער) ביז זי גייט אריין אין זיין רשות. נאר נאך דער חתונה קאן דער מאן צעשטערן זיין ווייבס נדרים.

ו. שומרת יבם ,א יבמה (שומרת יבם, א פרוי, וואס איר מאן איז געשטארבן, אן קינדער און זי, די אלמנה, ווארט אז דער יבם, דעם מאנ׳ס ברודער, איר שוואגער, זאל מיט איר חתונה האבן), סיי זי האט איין יבם (איין שוואגער), סיי זי האט צוויי יבמין (צוויי שוואגערס), זאגט ר׳ אליעזר, אז ער (דער יבם) קאן צעשטערן (אירע נדרים. כדי צו פארשטיין די משנה דארף מען געבן עטליכע דערקלערונגען, וועלכע מיר געבן אויך אין דער הקדמה צו דער מסכתא יבמות. דער דין איז, אז איינער שטארבט אן קינדער און לאזט איבער ברידער און א פרוי, דארף איינער פון די ברי־דער אדער געבן דער פרוי חליצה און זי באפרייען ,אדער ער דארף זי מייבם זיין, חתונה האבן מיט איר. מיט ,,חתונה האבן״ מיינט מען דא ,,ביאה״, לעבן מיט איר גע־שלעכטליך, און נור דורך ביאה, ווערט די יבמה, די אלמנה, דאס ווייב פון יבם, פון דעם מאנ׳ס ברודער, פון דעם שוואגער. אויב ער דער יבם האט איר נאר מקדש גע־ווען (ער האט איר ,למשל, געגעבן געלט און געזאגט הרי את מקודשת לי), הייסט עס, אז ער האט געטאן א ,,מאמר״ (געזאגט), און וועגן דעם איז פאראן א מחלוקה, צי מקדש זיין ביי א יבמה איז אזוי גוט ווי סתם מקדש זיין א פרוי, צי זי ווערט זיין פרוי. דא אין דער משנה מיינט מען אז די יבמה, די אלמנה (די שומרת יבם, די פרוי וועלכע ווארט אויף דעם יבם חתונה צו האבן מיט איר) איז א נערה און זי האט א פאטער, און איר פארשטארבענער מאן האט איר נור געהאט מקדש געווען, און נאכדעם ווי דער מאן איז געשטארבן האט איר דער שוואגער, דער יבם, אויך נור מקדש געווען (געמאכט דעם ,,מאמר״). האלט ר׳ אליעזר, אז דער מאמר מאכט, אז זי ווערט דעם יבמ׳ס פרוי און דאריבער קאן דער יבם צוזאמען מיט איר פאטער צושטערן אירע נדרים (פונקט ווי יעדער אנדערער מאן וואס האט מקדש געווען א נערה). ר׳ יהושע זאגט, אז נור ווען עס איז פאראן איין (יבם, איין ברודער) אבער ניט ווען עס זענען פאראן צוויי (יבמין, צוויי ברידער). ר׳ יהושע האלט, אז א ,,מאמר״ (מקדש זיין) ביי א יבמה, מאכט ניט אז זי זאל ווערן פולשטענדיק זיין פרוי, איז ניט ,,קונה קנין גמור״; אבער ער האלט אז דאס אליין וואס די יבמה דארף, לויט דעם דין פון דער תורה, חתונה האבן מיט דעם יבם, די דאזיקע צוגעבונדענקייט, די ,,זיקה״, איז אזוי שטארק, אז זי מאכט ווי די יבמה איז די פרוי פון יבם. אבער דאס אז נור ווען ס׳איז דא נור איין ברודער, איז זי אינגאנצן צוגעבונדן צו דעם דאזיקן ברודער. דאקייגן ווען עס זיינען פאראן צוויי ברידער, איז די זיקה ניט גענוג שטארק, און אפילו זי האט שפעטער חתונה גע־האט מיט איינעם פון זיי זאגט מען ניט, אז עס איז שוין פון פריער באשטימט גע־ווארן אז דאס איז געווען דער ריכטיקער יבם (,,אין ברירה״), און דאריבער קאן קיי־נער פון די צוויי ברידער־יבמין ניט צעשטערן אירע נדרים. ר׳ עקיבא זאגט, אז ניט

בה רשות, תאמר באשה שהקנו לו מן השמים, שיש לאחרים בה רשות. אָמר לו ר׳ יהושע, עקיבא, דבריך בשני יבמין, מה אתה משיב על יבם אחד? אָמר לו, אין היבמה גמורה ליבם, כשם שהארוסה גמורה לאישה:

ז. האומר לאשתו, כל הנדרים שתדורי מכאן עד שאבא ממקום פלוני הרי הן קיימין לא אמר כלום. הרי הן מופרין, ר׳ אליעזר אומר, מופר, וחכמים אומרים, אינו מופר. אָמר ר׳ אליעזר, אם הפר נדרים

ווען עס איז פאראן (נאָר) איין ברודער, און ניט ווען עס זיינען פאראן צוויי ברידער. **לויט ר׳ עקיבא קאָן אפילו איין יבם ניט צעשטערן אירע נדרים, ווייל ער האלט, אז דער מאמר מאכט זי ניט פאר די פולשטענדיקע פרוי פון יבם, און די „זיקה״, די צוגעבונדנקייט מאכט זי אויך ניט פאר זיין פרוי.** אָמר ר׳ אליעזר, האָט ר׳ אליעזר געזאָגט (די סברא פון זיין דין פארוואָס סיי איין יבם און סיי צוויי יבמין קאָנען יאָ צע־שטערן אירע נדרים): מה־דאָך די פרוי וואָס ער אליין קויפט (סתם א פרוי וועלכע ער איז מקדש) קאָן ער צעשטערן (צוזאמען מיטן פאָטער) אירע נדרים, מכל שכן א פרוי (די יבמה) וואָס דער הימל האָט אים געקויפט (געגעבן, מחמת די מצוה פון דער תורה האָט דאָך זי די יבמה, צוגעבינדן צו אים, צום יבם), דארף ער דאָך אודאי קאָנען צעשטערן אירע נדרים (צוזאמען מיט איר פאָטער); **דאָס איז דער „קל וחומר״, דאָס אָפלערנען א שטארקערן פאל פון א גרינגערן פאל.** אָמר לו, האָט ר׳ עקיבא צו אים (צו ר׳ אליעזר) געזאָגט (אז דער מאן קאָן צעשטערן די נדרים) פון (סתם) א ווייב, (ניט קיין יבמה) וואָס ער האָט זיך אליין געקויפט (איז עס דערפאר ווייל) קיין אנדערער (מאן) האָט דאָך אין איר ניט קיין רשות (די איז דאָך נור זיין ווייב, נאָכדעם ווי ער האָט זי מקדש געווען), צו זאָלסטו דאָסזעלביקע זאָגן ביי א פרוי (א יבמה), וואָס דער הימל האָט אים געגעבן, און וואָס אנדערע האָבן אויך אין איר א רשות. **מחמת אויב עס זענען פאראן 2 ברידער, 2 יבמין, איז זי דאָך צוגעבינדן צו יעדן פון זיי, כל זמן איינער פון זיי האָט מיט איר ניט איינגאנצן חתונה געהאט.** אָמר לו ר׳ יהושע, האָט צו אים (צו ר׳ עקיבא) געזאָגט ר׳ יהושע: עקיבא, דיינע ווערטער זענען ריכטיק ביי צוויי יבמין, אָבער וואָס ענטפערסט דו ביי איין יבם? **דאָ האָט דאָך נור דער איינער יבם דעם רשות?** אָמר לו, האָט ער (ר׳ עקיבא) געזאָגט צו אים (צו ר׳ יהושע): די יבמה איז ניט איינגאנצן (איז ניט פולשטענדיק דאָס ווייב) פון יבם (כל זמן ער האָט ניט אינ־גאנצן חתונה געהאט מיט איר), ווי די ארוסה (די סתם פרוי, ניט קיין יבמה, וואָס א מאן האָט זי מקדש געווען) איז איינגאנצן דאָס ווייב פון איר מאן. **דער דין איז, אז ווען א פרעמדער מענטש לעבט געשלעכטליך מיט אן ארוסה, מיט א פרוי וואָס א מאן האָט איר מקדש געווען, קומט אים מיתה, טויט־שטראָף, פאר לעבן מיט אן אשת איש; אָבער ווען א פרעמדער מענטש לעבט מיט א יבמה קומט אים ניט קיין מיתה. דאָס מיינט, אז די יבמה איז נאָכניט דעם יבמ׳ס ווייב, כל זמן ער האָט ניט מיט איר חתונה געהאט.**

ז. האומר, אז איינער (וועלכער קלייבט זיך אין וועג אריין) זאָגט צו זיין ווייב: אַלע נדרים וואָס דו וועסט א נדר טאָן פון איצט אָן ביז איך וועל קומען פון יענעם אָרט, זאָלען זיין באשטעטיקט (קיימים), האָט ער גאָרניט געזאָגט. **מחמת עס קאָן זיין אז עס וועלן זיין נדרים וועלכע ער וויל באמת ניט אז זי זאָל זיי האָבן, און עס הייסט, אז ער האָט זיי באשטעטיקט דורך א טעות.** הרי הן מופרים, (אויב ער האָט איר געזאָגט): אז זיי (די נדרים וואָס זי וועט טאָן אין דער צייט) זאָלן זיין צעשטערט, זאָגט ר׳ אליעזר, אז זייז זיינען צעשטערט, און די חכמים זאָגן, אז זיי זענען ניט צעשטערט. **ר׳ אליעזר האלט, אז ביי צעשטערן קאָן מען ניט זאָגן טאָמער וועט זיין א נדר, וועלכן ער וויל יאָ, ווייל מען נעמט אָן אז א מאן וויל בכלל ניט אז דאָס ווייב זאָל טאָן א נדר.** אָמר, האָט ר׳ אליעזר געזאָגט: מה־דאָך ער (דער מאן) צעשטערט נדרים וועלכע זענען שוין גע־וואָרן אסור (נדרים, וועלכע זי האָט שוין געטאָן), זאָל ער ניט קאָנען צעשטערן נדרים,

שבאו לכלל אסור, לא יפר נדרים שלא באו לכלל אסור. אמרו לה, הרי הוא אומר (במדבר ל׳) „אישה יקימנו ואישה יפירנו״, את שבא לכלל הקם, בא לכלל הפר, לא בא לכלל הקם, לא בא לכלל הפר:

ח. הפרת נדרים כל היום. יש בדבר להקל ולהחמיר. כיצד? נדרה בלילי שבת, יפר בלילי שבת וביום השבת עד שתחשך. נדרה עם חשכה, מפר עד שלא תחשך, שאם חשכה ולא הפר, אינו יכול להפר:

וועלכע זיינען נאָכניט געוואָרן אסור ? ! אויך דאָ איז עס דער קל וחומר. אויב דער מאן קאָן צעשטערן הארבע נדרים, וועלכע זי האָט שוין געטאָן, און ער קאָן צו־ניט־מאכן דעם שוין־עקזיסטירענדיקן נדר, דאַרף ער דאָך אודאי קענען ניט דערלאָזן, אַז א נדר, וועלכער עקזיסטירט נאָכניט, זאָל באלד קיין נדר ניט ווערן. אָמרו לו, האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים (צו ר׳ אליעזר): דערפאר זאָגט דאָך דער פסוק במדבר ל׳) „אשה יקימנו אשה יפירנו (איר מאן קאָן איר באשטעטיקן (דעם נדר) און איר מאן קאָן איר צעשטערן), אזא נדר וואָס ער (דער מאן) קאָן באשטעטיקן (מקים זיין), קאָן ער צעשטערן אָבער א נדר וואָס ער קאָן ניט באשטעטיקן, קאָן ער ניט צעשטערן. פון דעם פסוק לערנען אָפּ די חכמים, אַז ביים נדר מוזן זיין ביידע מעגליכקייטן, די באשטעטיקונג און די צעשטערונג, און אזוי ווי מיר האָבן פריער געלערנט אין דער משנה, אַז דער מאן קאָן ניט באשטעטיקן נדרים, וועלכע דאָס ווייב האָט נאָכניט גע־טאָן, דאריבער קאָן ער זיי אויך ניט צעשטערן.

ח. הפרת, דאָס צעשטערן די נדרים קאָן פאָרקומען א גאנצן טאָג. דעם טאָג, ווען דער פאָטער דערהערט וועגן נדר, ווי עס שטייט אין דער תורה (במדבר ל׳) „ואם ביום שמעו״. אָבער דער טאָג מיינט דאָ ניט א מעת לעת, נאָר אין זעלביקן טאָג, און די משנה גיט עס באלד צו דערקלערן. יש בדבר, עס איז דאָ דאביי טייל מאָל לייכטער און טיילמאָל שווערער. טיילמאָל האָט דער פאָטער א לענגערע צייט, א גאנצן מעת לעת, און טייל מאָל נור א קורצע צייט, נאָר עטליכע שעה. כיצד, ווי אזוי? אויב זי האָט א נדר געטאָן פרייטאָג צונאכטס (לילי שבת, די נאכט פון פרייטאָג אויף שבת), קאָן ער צעשטערן פרייטאָג־צונאכטס און (צומאָרגנס) אין טאָג פון שבת ביז עס ווערט פינסטער (אָבער שבת־צונאכטס קאָן ער שוין ניט); (אויב) זי האָט א נדר געטאָן (שבת פארנאכט) איידער עס איז געוואָרן פינסטער (איידער עס איז געוואָרן שבת צונאכטס), קאָן ער צעשטערן (נור די קורצע צייט) ווען עס איז נאָכניט פינסטער, ווארום אויב עס ווערט פינסטער (שבת צונאכטס) און ער האָט ניט צעשטערט קאָן ער ניט מער צעשטערן. „לילי שבת״ מיינט פרייטאָגצונאכטס; זע וועגן דעם פריער פרק ח׳ משנה ו׳. „עם חשכה״ מיינט „פארנאכט, נאָנט איידער עס ווערט פינסטער״; זע וועגן דעם מסכתא שבת פרק א׳ משנה י׳. די משנה לערנט דאָ אגב אורחא, אַז א פאָטער און א מאן מעגן צעשטערן אים שבת אפילו אזעלכע נדרים וואָס זייער צעשטערונג איז ניט נויטיק צו שבת־זאכן. אָבער מתיר נדר זיין (ביי א דיין) אים שבת קאָן מען נור אזעלכע נדרים וואָס זייער מתיר זיין איז נויטיק פאר שבת זאכן (למשל א נדר ניט צו עסן פלייש, און ער דאַרף עסן פלייש ביי דער שבת־סעודה). זע וועגן דעם מסכתא שבת פרק כ״ד משנה ה׳.

פרק יא.

כדי מען זאָל פארשטיין בעסער די משנות אין דאָזיקן פרק וועלן מיר דאָ געבן א באמערקונג.

ניט אלע נדרים און שבועות פון זיין ווייב קאָן דער מאן צעשטערן. ער קאָן צעשטערן נאָר אזעלכע וואָס צוליב זיי פייניגט זיך דאָס ווייב (עינוי נפש, פייניגונג פון קערפּער), אָדער אזעלכע וואָס שטערן דעם ווייב צו טאָן אירע פליכטן צום מאן (שבינו לבינה, צווישן אים און איר). דער רמבם זאָגט, אַז א פאָטער קאָן צעשטערן אלע נדרים. וואָס מיינט מען „עינוי נפש״ און וואָס

פרק יא.

א. ואלו נדרים שהוא מפר: דברים שיש בהן ענוי נפש, אם ארחץ, ואם לא ארחץ, אם אתקשט, ואם לא אתקשט. אָמר ר׳ יוסי, אין אלו נדרי ענוי נפש:

ב. ואלו הם נדרי ענוי נפש: אָמרה, קונם פירות העולם עלי, הרי זה יכול להפר. פירות מדינה עלי, יביא לה ממדינה אחרת. פירות חנוני זה עלי, אינו יכול להפר, ואם לא היתה פרנסתו אלא ממנו, הרי זה יפר, דברי ר׳ יוסי:

ג. קונם שאיני נהנה לבריות, אינו יכול להפר, ויכולה היא ליה-

„שבינו לבינה״ וועט די משנה דאָ לערנען.

א. ואלו, און דאָס זענען די נדרים (פון ווייב), וואָס ער (דער מאן) קאָן צעשטערן: זאכן, וואָס עס איז פאראן אין זיי די פייניגונג פון קערפער (עינוי נפש). **די משנה גיט איצט א משל, וואָס מען מיינט דערמיט.** אם ארחץ, אויב דאָס ווייב האָט א נדר געטאָן: („איך זאָל קיינמאָל ניט טאָרן זיך וואשן) אויב איך וועל זיך (היינט) וואשן״, אָדער (אויב זי האָט א נדר געטאָן: („איך זאָל זיך קיינמאָל ניט פוצן) אויב איך וועל מיך (אָדער זי האָט א נדר געטאָן: „איך זאָל זיך קיינמאָל ניט פוצן) אויב איך וועל מיך היינט פוצן (אתקשט)״, אָדער (אויב זי האָט א נדר געטאָן אָדער געשוואוירן): „איך זאָל מיך ניט פוצן.״(מיט „פוצן זיך״ („אתקשט״, איך וועל מיך פוצן״ **מיינט מען פוצן דעם קערפער, פארבן זיך דאָס פנים וכדומה.** אָמר, האָט ר׳ יוסי געזאָגט, אז די דאָזיקע זענען ניט קיין נדרים פון פייניקן דעם קערפער. **ר׳ יוסי איז נור מחולק אויף דעם דין, אז אויב זי זאָגט, אז זי זאָל זיך קיינמאָל ניט וואשן אָדער ניט פוצן, אויב זי וועט זיך היינט וואשן אָדער פוצן, מחמת זי האָט דאָך א ברירה דעם דאָזיקן איינעם טאָג ניט צו וואשן און ניט צו פוצן זיך, און פון איין טאָג פייניקט מען זיך ניט.**

ב. ואלו, אָבער דאָס זיינען נדרים פון פייניקן דעם קערפער. **דאָס זיינע אלץ די ווערטער פון ר׳ יוסי.** אָמרה, אויב זי האָט געזאָגט: „קונם זאָלן זיין אויף מיר די פרוכטן פון דער וועלט״, קאָן ער (דער מאן) צעשטערן ; (אָבער אויב זי האָט געזאָגט) : „די פרוכטן פון דער דאָזיקער מדינה (לאנד, געגנט) זאָלן זיין (קונם אסור) אויף מיר״, זאָל ער איר ברענגען (פרוכטן) פון אן אנדערער מדינה. **דאָס הייסט ניט קיין נדרים פון פייניקן זיך, ווייל זי קאָן באקומען פרוכטן פון אן אנדערער מדינה.** פירות חנוני, (אויב זי זאָגט) „די פרוכטן פון דאָזיקן קרעמער (זאָלן זיין קונם, אסור) אויף מיר״ קאָן ער ניט צעשטערן. **ווייל ער קאָן קויפן פרוכטן ביי אן אנדערן קרעמער.** ואם, און אויב זיין גאנצע פרנסה (פארזאָרגונג מיט עסנוואַרג) איז ניט געווען (פון קיין אנדערן קרעמער) נאָר פון אים (פון דאָזיקן קרעמער, וועלכער געטרויט אים און גיט אים אויף באָרג ביז ער וועט פארדינען און ער וועט אים באצאָלן) קאָן ער צעשטערן, אזוי זאָגט ר׳ יוסי. **מחמת, דאָס הייסט שוין נדרים פון פייניקן דעם קערפער. די ווערטער „דברי ר׳ יוסי״, „אזוי זאָגט ר׳ יוסי״ גייען ארויף אויף דער גאנצער משנה.**

ג. קונם, (אויב זי האָט געזאָגט): „קונם, איך זאָל ניט הנאה האָבן פון מענטשן (בריות)״, קאָן ער (דער מאן) ניט צעשטערן (דעם דאָזיקן נדר). **מחמת דער מאן קאָן איר יאָ געבן איר פרנסה, ווארום מיט „בריות״, „מענטשן״ האָט זי ניט געמיינט דעם מאן (אויך דאָס איז לויט דער הלכה פון ר׳ יוסי אין דער פריערדיקער משנה).** ויכולה, און זי (וועלכע טאָר ניט נהנה זיין פון מענטשן) מעג נהנה־זיין (נעמען) לקט, שכחה און פאה. **דער דין איז אז ווען א בעל הבית פון א פעלד צי פון א גאָרטן נעמט אראָפּ זיין תבואה צי פרוכטן, מוז ער איבערלאָזן אין עק פון גאָרטן אביסל תבואה צי פרוכטן פאר אָרימע לייט.** דאָס הייסט „פאה״ (עק). **אויך איז דער דין, אז דער בעל הבית פארגעסט אין פעלד א בינטל תבואה (צי פרוכטן) הייסט דאָס שכחה (פאר־געסן), און עס געהערט אויך צו אָרימע לייט. „לקט״ הייסן זאנגן תבואה וואָס פאלן**

נות בלקט ובשכחה ובפיאה. קונם כהנים ולוים נהנים לי, יטלו על כרחו. כהנים אלו ולוים אלו נהנים לי, יטלו אחרים:

ד. קונם שאיני עושה על פי אבא, ועל פי אביך, ועל פי אחי, ועל פי אחיך, אינו יכול להפר. שאיני עושה על פיך, אינו צריך להפר. ר׳ עקיבא אומר, יפר, שמא תעדיף עליו יותר מן הראוי לו. ר׳ יוחנן בן נורי אומר, יפר, שמא יגרשנה, ותהי אסורה עליו:

אראָפּ אויף דער ערד ביים שנײדן; אויך דאָס געהערט צו אָרימע לייט (זע אין דער הקדמה צו מסכתא פאה). זאָגט די משנה, אז אויב זי איז אָרעם מעג זי נעמען לקט, שכחה און פאה, ווייל דאָס נעמט זי ניט קיינעמס, דאָס איז אירס. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז נאָך א טעם אין דער משנה ,פאַרוואָס ער קאָן ניט צעשטערן דעם דאָזיקן נדר, ווייל זי קאָן דאָך הנאה האָבן פון לקט, שכחה און פאה, און עס איז דעריבער ניט מער קיין נדר פון פייניגן דעם קערפּער. קונם, (אויב איינער זאָגט): „קונם, (זאָל זיין) וואָס כהנים און לוים וועלן נהנה זיין פון מיר״, (און דער דאָזיקער נדר טוער האָט אָפּגעשיידט פון זיין תבואה און פרוכטן תרומה, וואָס געהערט צו כהנים ,און מעשר וואָס געהערט צו לוים) זאָלן זיי (די כהנים און די לוים) נעמען ביי אים (די תרומה און מעשר) קייגן זיין ווילן. „בעל כרחו״, „מיט גוואלט״ (פון וואָרט „כרח״, „הכרח״, נויט, צוואנג); מחמת די תרומה און מעשר געהערן צו זיי. כהנים אלו, (אויב אָבער ער זאָגט): „די דאָזיקע כהנים, און די דאָזיקע לוים (זאָל זיין קונם) וואָס זיי וועלן נהנה זיין פון מיר״ (און ער האָט אָנגערופן די נעמען פון די דאָזיקע כהנים און לוים), זאָלן אַנדערע (כהנים און אנדערע לוים) נעמען (פון אים די תרומה און מעשר). ווייל ער האָט דאָך דאָס רעכט צו געבן וועלכע כהנים און לוים ער וויל, איז אויב ער וועט געבן די דאָזיקע כהנים און לוים אין דער צייט וואָס ער קאָן געבן צו אנדערע, הייסט עס אז זיי האָבן הנאה פון אים. אָבער אין פריערדיקן פאַל, ווען ער האָט געאַסרט אלע כהנים און לוים, מוז ער דאָך סיי ווי אוועקגעבן צו אזעלכע וועלכע טאָרן ניט נהנה זיין פון אים, האָט דאָך מיט זיין געבן קיינער ניט קיין באַזונדערע הנאה.

ד. קונם, (אויב א ווייב זאָגט צו איר מאן): „קונם, וואָס איך וועל טאָן (זאָל זיין קונם) צו מיין פאָטער (על פי אבא, צום מויל פון מיין פאָטער, מיין פאָטער זאָל ניט טאָרן הנאה האָבן פון די פאַרדינסטן פון מיין ארבייט)״, אָדער „צו דיין פאָטער״, אָדער „ צו מיין ברודער״, אָדער „צו דיין ברודער״, קאָן ער (דער מאן) דעם דאָזיקן נדר ניט צושטערן. ווייל דאָס איז ניט קיין נדר „שבינו לבינה״, „צווישן מאן און פרוי. שאיני עושה, (אויב זי האָט געזאָגט צו איר מאן): „וואָס איך וועל טאָן זאָל זיין צו דיר קונם, אסור, („זאָלסטו ניט טאָרן הנאה האָבן פון די פאַרדינסטן פון מיין ארבייט״), דאַרף ער (דער מאן דעם דאָזיקן נדר) ניט צושטערן. ווי די משנה לערנט אין כתובות פרק ו׳ משנה א׳, געהערן די פאַרדינסטן פון דער ארבייט פון א ווייב (מעשה ידיה) צו איר מאן, און זי איז משועבד צו ארבייטן פאַר אים, און ממילא קאָן זי ניט אסרן איר ארבייטס-פאַרדינסט מיט א נדר אויפן מאן, און דער נדר איז באַלד קיין נדר ניט. ר׳ עקיבא זאָגט, אז ער דאַרף יאָ צושטערן, טאָמער וועט זי מער טאָן (פאַרדינען מער) וויפיל זי דאַרף (טאָן) פאַר אים. אין מסכתא כתובות פרק ה׳ משנה ט׳ לערנט די משנה אז די פרוי דאַרף טאָן פאַר דעם מאן לפחות וויפיל עס איז ווערט די ארבייט פון שפּינען פינף סלעים (אזא מטבע-געוויכט) וואָל. אויב זי אַרבייט מער דערפון, קאָן זי שוין יאָ אסרן דעם עודף מיט א נדר אויף איר מאן. דעריבער האַלט ר׳ עקיבא, אז ער דאַרף יאָ צושטערן דעם נדר. ווייל טאָמער וועט זיך אויסמישען דער עודף מיט דעם גרונט-פאַרדינסט, וואָס זי דאַרף יאָ געבן איר מאן, און ער וועט ניט קאָנען הנאה האָבן פון גאנצן. אָבער ער קאָן צעשטערן ווייל עס הייסט א נדר אין א זאך „שבינו לבינה״, צווישן מאן און ווייב. ר׳ יוחנן בו נורי זאָגט, אז ער דאַרף יאָ צעשטערן, ווייל טאָמער וועט ער זי גטן, און ער וועט ניט קאָנען מיט איר

ה. נדרה אשתו, וסבור שנדרה בתו, נדרה בתו, וסבר שנדרה אש-תו, נדרה בנזיר, וסבור שנדרה בקרבן, נדרה בקרבן, וסבור שנדרה בנזיר, נדרה מן התאנים, וסבור שנדרה מן הענבים, נדרה מן הענבים וסבור שנדרה מן התאנים, — הרי זה יחזור ויפר:

ו. אָמרה, קונם תאנים וענבים אלו שאיני טועמת, קיים לתאנים, כולו קיים, הפר לתאנים, אינו מופר עד שיפר אף לענבים. אָמרה, קונם תאנים שאיני טועמת, וענבים שאיני טועמת, הרי אלו שני נדרים:

צוריק חתונה האָבן. **מחמת דאמאָלס, ווען זי וועט זיין געגט וועלן אירע ארבייטס־פאר־דינסטן זיין אסור צו אים, און ער וועט ניט קאָנען צוריק חתונה האָבן מיט איר; דער נדר הייסט דאריבער אויך אין א זאך „שבינו לבינה״, צווישן מאן און ווייב, און ער קאָן אים צעשטערן.**

ה. נדרה, אויב (איינער וועלכער האָט א ווייב און א טאָכטער און) זיין ווייב האָט געטאָן א נדר און ער האָט געמיינט אז דאָס האָט א נדר געטאָן זיין טאָכטער (און ער האָט צושטערט דעם נדר), אָדער זיין טאָכטער האָט געטאָן דעם נדר און ער האָט געמיינט אז דאָס האָט א נדר געטאָן זיין ווייב, און ער האָט אים צושטערט), אָדער זי (איינע פון זיי, דאָס ווייב צו די טאָכטער) האָט א נדר געטאָן צו זיין א נזירה און ער האָט געמיינט אז זי האָט א נדר געטאָן מיט „קרבן״ (זי האָט אויף זיך געאסרט א זאך מיט א געוויינטליכען „קרבן״־אָדער קונם־נדר, און ער האָט איר צעשטערט), אָדער זי האָט א נדר געטאָן מיט „קרבן״ און ער האָט געמיינט, אז זי האָט א נדר געטאָן צו זיין א נזירה (און ער האָט צושטערט), אָדער זי האָט א נדר געטאָן (ניט צו עסן) פייגן, און ער האָט געמיינט אז זי האָט א נדר געטאָן (ניט צו עסן) וויינטרויבן, אָדער זי האָט א נדר געטאָן (ניט צו עסן וויינטרויבן) און ער האָט געמיינט, אז זי האָט א נדר געטאָן (ניט צו עסן) פייגן (און ער האָט איר צעשטערט), זאָל ער (אין די אַלע פאלן) נאָכאמאָל צעשטערן. **ווייל עס הייסט א צעשטערונג מיט א טעות, און עס ווערט אָפּגעלערנט פון וואָרט „אותה״, איר אין במדבר ג׳ „ולא הניא אותה״ (און ער האָט איר ניט געשטערט) אז ביים צעשטערן מוז דער פאָטער (צי דער מאן) מכוון זיין צו דער פרוי (דאָס ווייב צי די טאָכטער) וועמענס נדר ער וויל צעשטערן, און פון פסוק־וואָרט „נדרה״, „איר נדר״, (דאָרט במדבר ל׳) „ושמע אביה את נדרה״, ווערט אָפּגעלערנט, אז ער מוז מכוון זיין וועלכן נדר** (פון וויינטרויבן צי טייטלן) **ער וויל צעשטערן.**

ו. אמרה, אויב זי (דאָס ווייב צי די טאָכטער) האָט געזאָגט: „קונם, איך זאָל ניט פארזוכן די דאָזיקע פייגן און וויינטרויבן״, איז אויב ער (דער מאן צי דער פאָטער) האָט באשטעטיקט (דעם טייל נדר) פון די פייגן. איז ער (דער נדר) אינגאנצן(אויך פון די וויינטרויבן) באשטעטיקט; אויב ער האָט צעשטערט (דעם טייל נדר) פון די פייגן, איז ער (דער נדר) אינגאנצן (פון די וויינטרויבן) ניט צעשטערט, ביז ער צעשטערט אויך פון די וויינטרויבן. **אין דער תורה במדבר ל׳ איז פאראן (באשטע־טיקן) „יקימנו״ און „יפירנו״, (צעשטערן) איז דאָס וואָרט „יקימנו״, ווערט גע־טייטשט „יקים ממנו״, אז אפילו ער האָט באשטעטיקט א טייל פון אים (ממנו) איז דער גאנצער נדר באשטעטיקט. אָבער אין „יפירנו״ איז דאָך ניטאָ אין דער מיט א „מ״, וואָס זאָל קאָנען איינגעטייטשט ווערן „ממנו״, און דאריבער איז צעשטערט נור דער טייל וואָס ער האָט צעשטערט. דער דין איז ניט אזוי ווי די משנה, נאָר אויך ביי באשטעטיקן איז באשטעטיקט נור דער טייל וואָס ער האָט באשטעטיקט.** אָמרה, אויב זי האָט געזאָגט: קונם, איך זאָל ניט פארזוכן פייגן, און איך זאָל ניט פארזוכן וויינטרויבן״, זענען עס צוויי (באזונדערע) נדרים. **און ער מוז באשטעטיקן יעדן נדר באזונדער; פון די פייגן באזונדער און פון די וויינטרויבן באזונדער.**

ז. יודע אני שיש נדרים, אבל איני יודע שיש מפירין, יפר. יודע אני שיש מפירין, אבל איני יודע שזה נדר, ר׳ מאיר אומר לא יפר, וחכמים אומרים, יפר:

ח. המודר הנאה מחתנו, והוא רוצה לתת לבתו מעות, אומר לה, הרי המעות האלו נתונים לך במתנה, ובלבד שלא יהא לבעליך רשות בהן, אלא מה שאת נושאת ונותנת בפיך:

ט. „ונדר אלמנה וגרושה יקום עליה״, כיצד? אָמרה, הריני נזירה לאחר שלשים יום, אף על פי שנשאת בתוך שלשים יום, אינו יכול להפר. נדרה והיא ברשות הבעל, מפר לה. כיצד? אָמרה, הריני נזירה לאחר שלשים יום אף על פי שנתאלמנה או נתגרשה בתוך שלשים,

---

ז. יודע, אויב איינער (וועלכער האָט געהערט אז זיין ווייב צי זיין טאָכטער האָט א נדר געטאָן, און עס איז אריבער דער טאָג ווען ער קאָן צושטערן און ער האָט ניט צעשטערט, און דערנאָך האָט ער געזאָגט): איך האָב געוואוסט, אז עס זענען פאראן נדרים, אָבער איך האָב ניט געוואוסט, אז מען קאָן א (נדר) צעשטערן (און דאריבער האָב איך ניט צעשטערט, און איצט ווען איך בין געוואויר געוואָרן אז מען קאָן צעשטערן וויל איך צעשטערן), מעג ער צעשטערן. **ער קאָן צעשטערן דעם גאנצן טאָג ווען ער איז געוואויר געוואָרן אז ער קאָן צעשטערן, ווייל דאָס הייסט ווי דער טאָג ווען ער האָט געהערט וועגן נדר.** יודע אני, אויב אָבער ער האָט געזאָגט: „איך האָב געוואוסט, אז מען קאָן צעשטערן א(נדר) אָבער איך האָב ניט געוואוסט אז דאָס (וואָס מיין ווייב צי טאָכטער האָט געטאָן) איז א נדר״, (און עס איז אריבער דער טאָג פון הערן דעם נדר), זאָגט ר׳ מאיר אז ער קאָן ניט צעשטערן, **ווייל ער האָט דאָך געוואוסט, אז ער קאָן צעשטערן, כאָטש ער האָט געמיינט, אז דאָס איז ניט קיין נדר, האָט ער פונדעסטוועגן געדארפן צעשטערן אין יענעם טאָג, און אז ער האָט עס ניט געטאָן איז שוין פארפאלן.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז ער קאָן יאָ צושטערן. **מחמת קוים האָט ער געמיינט, אז עס איז ניט קיין נדר, הייסט דאָס ניט „געהערט״, און עס הייסט אז ער איז ערשט איצט געוואויר געוואָרן דערפון.**

ח. המודר, אז איינער האָט א נדר געטאָן ניט הנאה צו האָבן פון זיין שווער (מחתנו, פון „חותן״, שווער), און ער (דער שווער) וויל געבן זיין טאָכטער געלט, זאָל ער איר (ביים געלט געבן) זאָגן: „דאָס (געלט) איז א מתנה צו דיר, אָבער דיין מאן זאָל ניט האָבן איבער דעם קיין רשות, און (עס זאָל זיין דיינס) נור פאר דיר צו לייגן אין מויל אריין (שאת נושאת ונותנת בפיך, בלויז פאר דיין נוצן)״. **כאָטש דערמיט פארשפאָרט ער דעם איידעם די טירחא צו שפייזן זיין ווייב, פונדעסטוועגן הייסט דאָס ניט אז דער איידעם האָט נהנה געווען פון שווער.**

ט. ונדר, (אין חומש במדבר ל׳, י׳ איז פאראן) „און דער נדר פון אן אלמנה און פון א גרושה זאָל זיין באשטעטיקט אויף איר״, ווי אזוי? אויב זי האָט געזאָגט: „איך זאָל ווערן א נזירה נאָך דרייסיק טעג (פון היינט אָן)״, כאָטש זי האָט חתונה געהאט אין די דרייסיק טעג, קאָן דער מאן ניט צעשטערן. **מען לערנט אָפּ, אז דער פסוק האָט געמיינט נור דעם דאזיקן פאל, ווייל אויב זי איז ווייטער אן אלמנה צי א גרושה דארף דאָך דער פסוק ניט זאָגן, ווארום ס׳איז דאָך ניטאָ וועד ס׳זאָל איר צעשטערן דעם נדר. די משנה ברענגט דאָ דעם פסוק בקיצור, אין דער משנה פון ירושלמי איז פאראן דער גאנצער פסוק „ונדר אלמנה וגרושה כל אשר אסרה על נפשה יקום עליה״.** נדרה, אויב זי האָט א נדר געטאָן ווען זי איז געווען אין רשות פון מאן, קאָן ער איר צעשטערן; ווי אזוי (וואָס מיינט מען דערמיט)? אויב זי (א ווייב פון א מאן) האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזירה נאָך דרייסיק טעג (פון איצט אָן)״, און דער מאן האָט איר צעשטערט), כאָטש זי איז געוואָרן אן אלמנה (דער מאן איז געשטאָרבן) אָדער זי איז געגט געוואָרן איר דידרייסיק טעג, איז (איר נדר צו ווערן א נזירה) צעשטערט.

הרי זה מופר. נדרה בו ביום, נתגרשה בו ביום, החזירה בו ביום, אינו יכול להפר. זה הכלל, כל שיצאת לרשות עצמה שעה אחת, אינו יכול להפר:

י. תשע נערות נדריהן קיימין: בוגרת והיא יתומה, נערה ובגרה והיא יתומה, נערה שלא בגרה והיא יתומה, בוגרת ומת אביה, נערה בוגרת ומת אביה, נערה שלא בגרה ומת אביה, נערה שמת אביה ומשמת אביה בגרה, בוגרת ואביה קיים, (נערה בוגרת ואביה קיים).

ווייל עס גייט אלץ ניט אזוי לויט דער צייט, ווען זי דארף ווערן א נזירה (נאך די דרייסיק טעג), נאר לויט דער צייט ווען זי טוט דעם נדר, און אויב דאמאלס האט זי א מאן קאן ער איר צעשטערן. נדרה בו ביום, אויב (א ווייב פון א מאן) האט א נדר געטאן אין זעלביקן טאג (אין א געוויסן טאג), און זי איז אין זעלביקן טאג געגט געווארן, און ער (דער מאן) האט צוריק מיט איר חתונה געהאט אין זעלביקן טאג (און דערנאך האט ער געהערט וועגן איר נדר), קאן ער ניט צעשטערן. **ווייל דורך נע־מען דעם גט איז זי ארויס אין איר אייגענעם רשות אפילו נור אויף א קורצער צייט (ווארום זי האט דאך באלד צוריק חתונה געהאט), און דער דין איז, אז א מאן קאן ניט צעשטערן די נדרים וואס א ווייב האט געטאן פאר דער חתונה מיט אים (אין הבעל מיפר בקודמין).** זה, דאס איז דער כלל, יעדע (פרוי) וועלכע איז ארויס אין איר אייגע־נעם רשות (אפילו נור) איין שעה (א קורצע צייט), קאן ער שוין ניט צעשטערן, **אזוי ווי מיר האבן פריער דערקלערט.**

י. תשע נייו מיידלעך („נערות", מיינט דא ניט דוקא א נערה, נאר סתם א מיידל, אפילו א בוגרת), זענען זייערע נדרים גילטיק (קיימין). **מחמת דער פאטער איז ניט פאראן צו צושטערן זייערע נדרים אדער ווען ער איז פאראן (ביי א בוגרת) קאן ער ניט צעשטערן. די משנה רעכנט איצט אויס די 9 מיידלעך:** בוגרת, א מיידל א בוגרת (עלטער פון צוועלף יאר מיט זעקס חדשים) און זי איז א יתומה. **די גמרא טייטשט אז זי איז „אזוי ווי א יתומה ווען דער פאטער לעבט" (יתומה בחיי האב) און מען מיינט, אז דער פאטער האט זי חתונה געמאכט ווען זי איז געווען א נערה (ניט עלטער פון 12 יאר מיט 6 חדשים) און דער מאן איז געשטארבן ווען זי איז א נערה און דערנאך איז זי געווארן א בוגרת (עלטער פון 12 יאר מיט 6 חדשים) און זי האט א נדר געטאן. דער פאטער קאן ניט צעשטערן אירע נדרים צוליב 2 טעמים. ערשטנס ,ווייל זי איז א בוגרת, און א פאטער קאן ניט צעשטערן די נדרים פון א בוגרת און צווייטנס, ווייל זי הייסט „ווי א יתומה ווען דער פאטער לעבט", מחמת זי האט דאך שוין געהאט חתונה געהאט, און זי איז געווארן אן אלמנה און זי איז ארויס פון רשות פון פאטער.** נערה, א מיידל (וואס האט א נדר געטאן ווען זי איז געווען) א נערה (און זי האט חתונה געהאט און דער מאן איז געשטארבן) און זי איז געווארן א בוגרת און זי איז (דאך) א יתומה (ווען דער פאטער לעבט). **אויך איר נדר קאן דער פאטער ניט צעשטערן (און ממילא אויך ניט צוזאמען מיטן מאן) צוליב דיזעלביקע 2 טעמים וואס פריער.** נערה, א מיידל, (וועלכע איז) א נערה און האט חתונה געהאט און דער מאן איז געשטארבן) און זי איז נאכניט (געווארן) קיין בוגרת, און זי איז (דאך) א יתומה (ווען דער פאטער לעבט. **אויך איר נדר קאן דער פאטער ניט צעשטערן, כאטש זי איז נאך א נערה; ווייל ביי איר איז פאראן איין טעם, דהיינו, וואס זי האט חתונה געהאט און איז ארויס פון פאטערס רשות . די אלע דריי פאלן זענען וועגן א יתומה ווען דער פאטער לעבט.** מוגרת ומת. א מיידל א בוגרת, וואס איר פאטער איז געשטארבן; א נערה וועלכע (האט א נדר געטאן) און איז געווארן א בוגרת, און איר פאטער איז געשטארבן; א נערה, וואס איז ניט געווארן קיין בוגרת און איר פאטער איז געשטארבן. **אין די דא־זיקע דריי פאלן קאנען זייערע נדרים ניט צושטערט ווערן, ווייל דער פאטער לעבט ניט, און ביי צוויי פון זיי קומט נאך אויך צו דער טעם וואס זיי זענען בוגרות, און אפילו**

רבי יהודה אומר, אף המשיא בתו הקטנה, ונתאלמנה או נתגרשה, וחזרה אצלו, עדין היא נערה:

יא קונם שאיני נהנית לאבא ולאביך אם עושה אני על פיך, שאיני נהנית לך אם עושה אני על פי אבא ועל פי אביך, הרי זה יפר:

יב. בראשונה. היו אומרים, שלש נשים יוצאות ונוטלות כתובה: האומרת, טמאה אני לך, שמים ביני לבינך, נטולה אני מן היהודים.

דער פאָטער וואָלט געלעבט וואָלט ער דאריבער אויך ניט געקאָנט צושטערן זייערע נדרים. נערה שמת,א מיידל א נערה, וואָס איר פאָטער איז געשטאָרבן און נאָך איר פאָטערס טויט איז זי געוואָרן א בוגרת; א בוגרת (וועלכע האָט געטאָן א נדר) און איר פאָטער לעבט; א מיידל (וועלכע האָט געטאָן א נדר ווען זי איז געווען) א נערה און דערנאָך איז זי געוואָרן א בוגרת און איר פאָטער לעבט. אויך אין די דאָזיקע דריי פאלן קאָן דער פאָטער אפילו ווען ער לעבט ניט צושטערן ווייל זי איז דאָך א בוגרת, און דער פאָטער קאָן צושטערן זיין טאָכטערס נדרים, נאָר ווען זי איז א נערה. די גמרא זאָגט אז די משנה לערנט ר׳ יהודה און אז די חכמים האָבן די אלע 9 מיידלעך אריינ־גערעכנט אין 3 כללים: איינס, א יתומה ווען דער פאָטער לעבט; צוויי, א ריכטיקע יתומה (דער פאָטער לעבט ניט); דריי, א בוגרת. ר׳יהודה זאָגט, אז אויך, ווען איינער מאכט חתונה זיין טאָכטער ווען זי איז א קליינע (א קטנה, יינגער פון צוועלף יאָר) און זי איז געוואָרן אן אלמנה אָדער זי איז געוואָרן געגט, און זי איז צוריק געקומען צו אים (צו איר פאָטער) איז זי נאָך אלץ א נערה. ווייל דערמיט וואָס זי האָט חתונה געהאַט כאָטש זי איז געווען א קטנה, איז זי ארויס פון רשות פון איר פאָטער, און כאָטש זי איז איצט נאָך א נערה קאָן דער פאָטער ניט צעשטערן אירע נדרים.

יא. קונם, (אז א ווייב זאָגט צום מאן): „קונם, אז איך זאָל ניט נהנה זיין פון מיין פאָטער אָדער פון דיין פאָטער, אויב איך וועל ארבייטן פאר דיר״, אָדער „אז איך זאָל ניט נהנה זיין פון דיר אויב איך וועל ארבייטן פאר מיין פאָטער אָדער פאר דיין פאָטער״, קאָן ער (דער מאן) צעשטערן (דעם דאָזיקן נדר). ווייל קוים אסרט זי הנאה צו האָבן פון איר פאָטער אָדער פון זיין פאָטער אויב זי וועט ארבייטן פארן מאן, אָדער זי אסרט הנאה צו האָבן פון מאן אויב זי וועט ניט ארבייטן פאר איר פאָטער צי פאר זיין פאָטער, איז עס פאר אים א חרפה און עס הייסט דאריבער א נדר אין א זאך „שבינו לבינה״, צווישן מאן־און־ווייב, און ער קאָן אים צעשטערן.

יב. בראשונה, אין די ערשטע צייטן (אמאָל) האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט, אז דריי ווייבער דארפן באקומען א גט און זיי נעמען די כתובה (דאָס כתובה־געלט פון זייערע מענער). די דאָזיקע דריי ווייבער זענען: האומרת, אז א ווייב (פון א כהן) זאָגט (צום מאן): „איך בין טמא צו דיר (א פרעמדער מאן האָט מיך פארגוואלדיקט, מאנס געווען, געלעבט מיט מיר קייגן מיין ווילן און דו טאָרסט מיט מיר ניט וואוי־נען)״. ווען זי וואָלט געווען די פרוי פון א ישראל און א פרעמדער מענטש האָט איר מאנס געווען, מעג איר מאן וואוינען מיט איר. ביי א כהן איז דער דין, אז ער טאָר־ניט וואוינען אפילו ווען זיין פרוי האָט באונס קייגן איר ווילן, געלעבט מיט א פרעמדן מאן; און ער דארף איר גטן, אָבער ער דארף איר געבן איר כתובה, ווייל זי איז דאָך ניט שולדיק, און נור זיין מזל, וואָס ער איז א כהן, האָט גורם געווען אז ער טאָר ניט וואוינען מיט איר. דאָס איז די ערשטע פרוי. שמים, (אויב א ווייב זאָגט צום מאן): „דער הימל איז צווישן מיר און דיר״. די גמרא טייטשט, אז זי טענה׳ט קייגן מאן זאכן וואָס נור זי און ער און דער „הימל״ ווייסן וועגן זיי, דהיינו אז דער מאן האָט ניט די ריכטיקע קראפט פון א מאן און אז ביים לעבן מיט איר קומט ניט ארויס די זרע ווי „געשאָסן מיט א פייל״ (יורה כחץ) און דאריבער האָט זי ניט קיין קינדער. און כאָטש א פרוי איז ניט מחויב אין דער מצוה פון פריה ורביה (צו האָבן קינדער), קאָן זי אָבער טענהן אז זי וויל האָבן חוטרא לידא ומרא לקבורה,

חזרו לומר, שלא תהא אשה נותנת עיניה באחר ומקלקלת על בעלה, אלא האומרת, טמאה אני לך, תביא ראיה לדבריה; שמים ביני לבינך, יעשו דרך בקשה, נטולה אני מן היהודים, יפר חלקו, ותהא משמשתו, ותהא נטולה מן היהודים:

(סליק מסכת נדרים).

„א שטעקן אין דער האנט, און א לאפאטע צום קובר זיין”, דאס הייסט, אז א קינד וואלט איר אין איר עלטערע יארן געשטיצט (א שטעקן אין האנט), און ווען זי וועט שטארבן וואלט ער איר קובר געווען (א לאפאטע צו דער קבורה). דאס איז די צווייטע פרוי, וועלכער דער מאן דארף געבן א גט און די כתובה. נטולה, (אויב א ווייב זאגט צו איר מאן): „איך בין אסור (נטולה, אוועקגענומען, אפגעשיידט, איך טאר ניט לעבן געשלעכטליך) מיט יידן”. ווייל זי האט געטאן א נדר ניט צו לעבן מיט קיינעם דארף דער מאן איר געבן א גט און די כתובה. כאטש אויב זי וואלט א נדר געטאן ניט צו לעבן מיטן מאן אליין קומט איר ניט קיין כתובה; אבער ווייל זי האט זיך געאסרט פון אלע מענער, קאן זיין אז איר איז שווער צו לעבן געשלעכטליך מיט מענער און זי איז געווען געצוואונגען צו טאן דעם נדר. די דאזיקע הלכה פון די ערשטע צייטן האט געהאלטן, אז דער מאן קאן איר ניט צושטערן דעם נדר, ווייל ער קאן דאך איר גטן און דאריבער הייסט עס ניט ווי א נדר וועגן א זאך „שבינו לבינה”, „צווישן מאן און ווייב”. דאס איז די דריטע פרוי. — חזרו, דערנאך האבן זיי (די חכמים) געזאגט, אז (מען דארף אנדערש לערנען די הלכות) כדי א פרוי זאל ניט אויפהויבן אירע אויגן צו אן אנדערן מאן (און וועלנדיק זיך באפרייען פון איר מאן און חתונה האבן מיט דעם אנדערן) וועט זי זיך קאליע מאכן אויף איר מאן, (און זי וועט זאגן ליגן אז „איך בין טמא צו דיר”, אדער „דער הימל איז צווישן מיר און דיר”, אדער „איך האב א נדר געטאן צו זיין אפגעשיידט פון יידן”, כאטש עס איז באמת ליגן) אלא, נאר (האבן די חכמים אין די שפעטערע צייטן געלערנט, אז), אויב איינע זאגט „איך בין טמא צו דיר”, זאל זי ברענגען א באוויז צו אירע ווערטער. און מיר גלויבן איר ניט אן א באוויז. שמים, (אויב זי זאגט): דער הימל איז צווישן מיר און דיר”, זאל מען עס מאכן דורך בעטן (זי). דער ירושלמי זאגט, אז מען זאל מאכן א סעודה און זי בעטן אז זי זאל ווייטער בלייבן מיטן מאן און זאל מער ניט רעדן אזעלכע ווערטער וועגן אים. נטולה, (אויב זי זאגט): „איך בין אסור (אפגעשיידט דורך א נדר) פון יידן”, זאל ער צעשטערן דעם טייל (נדר) וואס איז אויף זיין חלק (כדי מיט אים זאל זי מעגן לעבן), און זי זאל אים באדינען (משמשתו, לעבן מיט אים געשלעכטליך, תשמיש המיטה), און זי זאל ווייטער זיין אפגעשיידט (ניט טארן לעבן געשלעכטליך) מיט יידן. די שפעטערדיקע חכמים האלטן, אז דער חלק נדר וואס פאלט אויס אויף אים, קאן ער יא צעשטערן און עס הייסט יא א נדר וועגן א זאך צווישן מאן־און־ווייב (שבינו לבינה).

סליק מסכת נדרים — געענדיקט מסכתא נדרים.

מסכת נזיר
פרק א.

א. כל כינויי נזירות כנזירות. האומר, אהא, הרי זה נזיר. או אהא

מסכתא נזיר
הקדמה

די מסכתא נזיר, וועלכע האָט ניין פּרקים, לערנט די דינים וועגן נזירות. די תורה זאָגט אין במדבר ו׳, אז יעדער איינער, א מאַן צי א פרוי ,קאָן ווערן א נזיר (א פרוי א נזירה) דאדורך, וואָס ער זאָגט ,,איך זאָל זיין א נזיר״. דאָס וואָרט ,,נזיר״ איז דער טייטש ,,זיין אָפּגעשיידט״, ,,אוועקגיין פון עפּיס״ (מיר געפינען אין ויקרא כ״ב ,,וינזרו מקדשי בני ישראל״). ווען איינער ווערט א נזיר טאָר ער ניט טאָן דריי זאכן: ,,יין״, וויין, ער טאָרניט טרינקען קיין וויין און ניט עסן קיין ווייַנטרויבן; ,,טומאה״, ער טאָר זיך ניט מטמא זיין צו א טויטן מענטש, צו א מת, ניט אָנרירן אים (מגע), ניט טראָגן אים (משא), ניט זיין מיט אים אונטער איין דאַך (אין איין געצעלט, אין איין אוהל); ,,תגלחת״, ,,אָפּשערן זיך״, ער טאָר ניט אָפּשערן זיך די האָר פון קאָפּ. ווען איינער זאָגט ניט וויפיל צייט ער זאָל זיין א נזיר, נאָר ער זאָגט סתם: ,,איך זאָל זיין א נזיר״, מיינט עס 30 טעג. אויף ווייניקער פו ן30 טעג קאָן מען ניט ווערן קיין נזיר, אָבער אויף מער פון 30 טעג קאָן מען יאָ ווערן א נזיר, אפילו אויף א סך יאָרן. עס איז פאַראַן א ,,נזיר עולם״, איינער איז א נזיר אויף אייביק, אויפן גאנצן לעבן. נאָכדעם ווי עס ענדיקט זיך די נזירות־צייט (30 טעג צי מער) דאַרף דער נזיר ברענגען קרבנות אין בית המקדש און זיך אָפּשערן און ער ווערט אויס נזיר. די משנה אין מסכתא נזיר לערנט די פאַרשידענע דינים פון נזירות, דעם אונ־טערשיד צווישן א געוויינטליכן נזיר, און א ,,נזיר עולם״ (אַן אייביקן נזיר) און א ,,נזיר שמשון״ (א סאָרט נזירות, ווי שמשון הגבור איז געווען א נזיר). די משנה לערנט אויך וועגן דעם וואָס דאַרף דער נזיר טאָן אויב ער האָט זיך יאָ מטמא געווען צו א מת אָדער ער האָט זיך יאָ אָפּגעשוירן אין דער צייט פון נזירות. אויך לערנט די משנה וועגן א פאָטער וואָס וויל מאכן זיין זון פאַר א נזיר. עס קומען אויך אריין אין דער מסכתא די דינים פון די קרבנות פון נזיר. אגב קומען אויך אריין טייל דינים וועגן טומאה.

פרק א.

א. כל כינויי, אלע נאָמען־צייכנס (כינויים) פון נזירות זענען אזוי ווי נזירות. די דאָזיקע משנה איז אויך פאַראַן אין מסכתא נדרים פרק א׳ משנה א׳ און מיר האָבען דאָרט (און אין דער הקדמה צו מסכתא נדרים) געגעבן ברייטערע דערקלע־רונגען וועגן ,,נאָמען־צייכנס״ (כינויים). די משנה לערנט, אז ער מוז ניט דוקא זאָגן, ,,איך זאָל זיין א נזיר״, נאָר עס איז אויך גענוג ווען אנשטאט ,,נזיר״ זאָגט ער א ,,נאָמען־צייכן״, א כינוי, א וואָרט, וואָס איז געווען אזוי ווי נזיר. די משנה וועט ווייטער געבן משלים דערפון; למשל ער זאָגט ,,איך זאָל זיין א נזיק״, איז עס אזוי גוט ווי ,,נזיר״. — א חוץ דעם וויל דאָ באלד די משנה לערנען, אז אפילו ווען ער דערזאָגט ניט, נאָר ער זאָגט סתם דאָס וואָרט ,,איך זאָל זיין״, אָבער מען פאַרשטייט דערביי, אז ער מיינט דערמיט ,,איך זאָל זיין א נזיר״, איז אויך גוט, ווערט ער אויך א נזיר. דאָס רופט די גמרא ,,ידות״, הענטליך; עס איז ווי מען נעמט אָן נור ביים ,,הענטל״ פון א זאַך, און עס ציט זיך מיט די גאנצע זאַך. און דאָס זאָגט די משנה: האומר, אז איינער זאָגט ,,אהא״ (איך זאָל זיין), איז ער א נזיר. די גמרא זאָגט, אז מען מיינט, ווען אַן אנדערער נזיר איז פאַרבייגעגאנגען לעבן אים, און אז ער האָט געזאָגט ,,אהא״, ,,איך זאָל זיין״, און ער האָט איינזינען געהאַט אז ער זאָל זיין א נזיר אזוי ווי דער דאָזיקער מענטש, ווערט ער א נזיר, כאָטש ער האָט

גוה, נזיק, נזיח, פזיח, הרי זה נזיר. הריני כזה, הריני מסלסל, הריני מכלכל, הרי עלי לשלח פרע, הרי זה נזיר. הרי עלי צפורים, ר׳ מאיר אומר, נזיר, וחכמים אומרים, אינו נזיר:

ב. הריני נזיר מן החרצנים, ומן הזגים, ומן התגלחת, ומן הטומ־אה, הרי זה נזיר, וכל דקדוקי נזירות עליו. הריני כשמשון, כבן מנוח,

---

עס ניט ארויסגעזאָגט. או, אָדער (אז איינער האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין „נוה״ (שיין), איז ער א נזיר. די גמרא זאָגט, אז מען מיינט, אז ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינע האָר און ער האָט געזאָגט „נוה״, „שיין״, און ער האָט איינזיבנען געהאַט צו זיין א נזיר און צו ווערן שיין דורך לאָזן וואַקסן די האָר (ווארום א נזיר טאָר זיך ניט אפּ־שערן), איז ער א נזיר. — דאָס זיינען „ידות״, די „הענטלעך״, די ניט-דערזאָגטע ווערטער פון נזירות. איצט לערנט די משנה וועגן די נאָמען־צייכנס, כינויים; נזיק, (אָדער) „נזיח״, (אָדער) „פזיח״, איז ער א נזיר. מחמת דאָס זיינען נאָמען־צייכנס פאר נזיר. זע מסכתא נדרים פרק א׳ משנה ב׳. הריני כזה, (אויב איינער, לעבן וועלכן עס איז געשטאַנען א נזיר, האָט אָנגעוויזן אויף דעם נזיר און האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין ווי דער דאָזיקער״, (אָדער איינער האָט האַלטנדיק זיך ביי זיינע האָר געזאָגט): „איך וויל זיך קרייזלען (די האָר, מסלסל)״, אָדער „איך וויל זיך לאָזן וואַקסן (די האָר, מכלכל)״, (אָדער איינער האָט געזאָגט): „איך וויל זיך פארלאָזן (די האָר, לשלח פרע)״, איז ער א נזיר. ווייל אין ערשטן פאל האָט ער דאָך געזאָגט, אז ער זאָל זיין ווי דער נזיר, און אין די אנדערע פאלן האָט ער געזאָגט, אז ער זאָל זיך לאָזן וואַקסן די האָר פונקט ווי א נזיר לאָזט זיך וואַקסן די האָר. „סלסל״ מיינט דרייען, קרייזלען די האָר, און עס געפינט זיך עטליכע מאָל אין גמרא („מסלסל בשערו״). „כלכל״ מיינט לאָזן וואַקסן, פפלעגן די האָר; זע מסכתא שבת פרק ח׳ משנה ד׳. דאָס וואָרט „שלח פרע״ פארגלייכט דאָ די גמרא מיט „שלחיך פרדס רמונים״ (שיר השירים ד׳, י״ג), וואו „שלחיך״ זאָל זיין דער טייטש פון „פארגרעסערן״ (לויט טייל מיינונגען „צווייגן״), און דער פסוק אין יחזקאל מ״ד, כ׳ „ופרע לא ישלחו״, ווייזט אויך אויף דער שייכות פון „שלח פרע״ מיט האָר. הרי עלי צפורים, (אויב איינער זאָגט): איך נעם אויף מיר פייגל (צפורים)״, זאָגט ר׳ מאיר אז ער איז א נזיר. דער דין איז, אז אויב א נזיר ווערט טמא (למשל, ער רירט אָן א מת) דאַרף ער ברענגען אין בית המקדש דריי קרבנות: 2 טויבן, און א שעפּסל; דאָס הייסן די „קרבנות פון א נזיר טמא״. זאָגט ר׳ מאיר (ווי די גמרא איז מפרש) אז אויב א נזיר גייט פארביי לעבן אים, און ער זאָגט „איך נעם אויף זיך פייגל״, מיינט עס, אז ער וויל אויך ווערן א נזיר, און אויב ער וועט טמא ווערן וועט ער דאַרפן ברענגען די טויבן אלס קרבן. וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז ער איז ניט קיין נזיר, און ער האָט דערמיט געמיינט סתם א נדר צו ברענגען אין בית המקדש א פאָר טויבן אלס קרבנות.

ב. הריני נזיר, (אז איינער זאָגט): „איך וויל זיין א נזיר פון וויינטרויבן־קער־נער (חרצנים)״, אָדער „פון וויינטרויבן־שאָלעכץ (זגים), אָדער „פון אפּשערן זיך״, אָדער „פון מטמא זיין זיך צו מתים״, איז ער א נזיר און אלע איינצעלהייטן (דקדו־קים) פון נזירות זענען אויף אים. כאָטש ער האָט דאָך גור געזאָגט, אז ער וויל זיין א נזיר פון איין זאַך, פון וויינטרויבן, צי פון אפּשערן זיך, צי מטמא זיין זיך צו מתים, פונדעסטוועגן מוז ער אָפּהיטן אלע דינים פון סתם א נזיר. הריני כשמשון, (אז איינער זאָגט): „איך זאָל זיין ווי שמשון״, אָדער „ווי דער זון פון מנוח״ (שמשון איז געווען מנוח׳ס זון), אָדער „ווי דער מאַן פון דלילה״ (שמשון איז געווען דער מאַן פון דלילה), אָדער „ווי דער וועלכער האָט אויסגעריסן די טויערן פון עזה״ (שמשון האָט אויס־געריסן די שטאָט־טויערן פון עזה), אָדער „ווי דער וועמען די פלשתים האָבן אויס־געשטאָכן די אויגן״ (שמשונען האָבן די פלשתים אויסגעשטאָכן די אויגן), איז ער א נזיר שמשון. די אלע זאַכן וועגן שמשונען ווערן דערציילט אין שופטים קאַפּיטלעך

כבעל דלילה, כמי שעקר דלתות עזה, כמי שנקרו פלשתים את עיניו, הרי זה נזיר שמשון. מה בין נזיר עולם, לנזיר שמשון? נזיר עולם, הכביד שערו, מיקל בתער, ומביא שלש בהמות, ואם נטמא מביא קרבן טומאה, נזיר שמשון, הכביד שערו אינו מיקל. ואם נטמא, אינו מביא קרבן טומאה:

ג. סתם נזירות שלשים יום. אמר, הריני נזיר אחת גדולה, הריני נזיר אחת קטנה, אפילו מכאן ועד סוף העולם, נזיר שלשים יום. הריני

י״ג, און ט״ו. **דאָרט ווערט אויך געזאָגט, אז שמשון איז געווען א נזיר אויף שטענדיק, ווי לאנג ער האָט געלעבט. אָבער ער האָט געהאַט טייל דינים פון נזירות, וואָס זענען אנדערש פון די דינים פון נזירות ביי א „נזיר עולם״, ביי א נזיר אויף שטענדיק. און די משנה וועט דאָ באלד לערנען די דינים.** מה, וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אן אייביקן נזיר (א נזיר עולם, א לעבנס־לענגליכן נזיר) און א נזיר שמשון? **די גמרא זאָגט, אז אין דער משנה פעלען דאָ ווערטער דהיינו: אויב איינער זאָגט: „איך בין אן אייביקער נזיר (נזיר עולם) איז ער אן אייביקער נזיר״. און דערויף פרעגט די משנה וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אן אייביקן נזיר און דעם נזיר שמשון, וועלכער איז דאָך אויך נזיר אזוי לאנג ווי ער לעבט? און די משנה גיט די אונטערשידן.** נזיר עולם, אן אייביקער נזיר, אויב ס׳איז אים געוואָרן שווער זיינע האָר קאָן ער זיי גרינגער מאכן מיט א גאָל מעסער. **יעדע 12 חדשים מעג דער אייביקער נזיר זיך אָפּשערן די האָר.** ומביא, און (דאמאָלס יעדע צוועלף חדשים ווען ער שערט זיך אָפּ די האָר) ברענגט ער (אין בית המקדש) דריי בהמות. **דאָס זיינען די דריי בהמות קרבנות, וואָס יעדער נזיר ברענגט צום סוף פון זיין נזירות, א עולה וועלכע ווערט פארברענט אויפן מזבח, א חטאת (וואָס נור דאָס פעט איז מען מקריב אויפן מזבח און דאָס פלייש עסן די כהנים), און שלמים (וואָס דאָס פלייש מעגן עסן אויך ישראלים).** ואם, און אויב ער (דער אייביקער נזיר) איז טמא געוואָרן (למשל ער האָט אָנגערירט א טויטן מענטשן) ברענגט ער (אין בית המקדש) דעם קרבן פון טומאה. **דער דין איז, אז א נזיר ווערט טמא (למשל, רירט אָן א טויטן מענטשן אין דער צייט פון זיין נזירות, דאַרף ער ברענגען אין בית המקדש א פאָר טויבן (איינע פאר א עולה און איינע פאר א חטאת) און א שעפּסל אלס קרבן אשם. דאָס הייסט „קרבן טומאה״. און מער פּרטים וועגן דעם וועלן מיר לערנען ווייטער אין פרק ו׳ משנה ו׳. זאָגט דאָ די משנה, אז אויך דער אייביקער נזיר (נזיר עולם) ווען ער ווערט טמא דאַרף ברענגען די קרבנות פון טומאה.** נזיר שמשון, (אָבער) דער נזיר שמשון, (אפילו) עס ווערן אים שווער די האָר, טאָר ער זיי ניט גרינגער מאכן (ער טאָר זיך קיינמאָל ניט אָפּשערן), און אויב ער איז טמא געוואָרן ברענגט ער ניט קיין קרבן טומאה. **ווייל דער דין איז, אז דער נזיר שמשון איז דער איינציקער סאָרט נזיר, וואָס מעג אפילו לכתחילה זיך מטמא זיין צו מתים, ווארום מיר געפינען דאָך אין שופטים קאפּיטלעך י״ד און ט״ו ווי שמשון הגבור האָט געהרגעט די פלשתים און ער האָט זיי אָנגערירט ווען זיי זענען געווען טויט.**

ג. סתם, די סתם (אומבאשטימטע) נזירות איז דרייסיג טעג. **אויב איינער זאָגט „איך זאָל זיין א נזיר״, און ער האָט ניט געזאָגט, ווי לאנג, איז ער א נזיר 30 טעג. די גמרא לערנט דאָס אָפּ פון במדבר ו׳ „קדוש יהיה״, און דאָס וואָרט „יהיה״ באַטרעפט 30 (די „י״ איז 10, און די „ה״ איז 5). אָבער ווינציקער פון 30 טעג איז ניט פאראַן קיין נזירות.** אָמר, אז איינער האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר איינע (איין נזירות) א גרויסע״ אָדער „איך זאָל זיין א נזיר איינע א קליינע״, אפילו (ער האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר) פון דאנען ביז צום סוף פון דער וועלט״, איז ער א נזיר דרייסיק טעג. **און דאָס וואָס ער האָט געזאָגט „פון דאנען ביז צום סוף פון דער וועלט״ האָט ער געמיינט, אז די נזירות וועט אים אויסזען אזוי לאנג ווי פון דאנען**

נזיר ויום אחד, הריני נזיר ושעה אחת, הריני נזיר אחת ומחצה, הרי זה נזיר שתים. הריני נזיר שלשים יום ושעה אחת, נזיר שלשים ואחד יום, שאין נוזרים לשעות:

ד. הריני נזיר כשער ראשי, וכעפר הארץ, וכחול הים, הרי זה נזיר עולם. ומגלח אחת לשלשים יום. רבי אומר, אין זה מגלח אחת לשלשים יום. ואיזהו שמגלה אחת לשלשים יום? האומר, הרי עלי נזירות כשער ראשי, וכעפר הארץ, וכחול הים:

ה. הריני נזיר מלא הבית, או מלא הקופה, בודקין אותו. אם אמר,

ביז צום סוף פון דער וועלט. הריני נזיר ויום, (אז איינער זאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר און (דערצו נאָך) איין טאָג", (אָדער) „איך זאָל זיין א נזיר און (דערצו נאָך) איין שעה", (אָדער) „איך זאָל זיין א נזיר איינס און א האלבס" (אנדערהאלבן נזירות), — איז ער א נזיר (פון) צוויי (נזירות). **דאָס הייסט ער איז צוערשט איינמאָל א נזיר 30 טעג און ברענגט די קרבנות און שערט זיך אָפּ און ווערט אויס נזיר, און באלד דערנאָך ווערט ער ווידער א נזיר אויף אנדערע 30 טעג. ווייל ווינציקער פון 30 טעג איז ניטאָ קיין נזירות, און ווען ער האָט געזאָגט „איך בין א נזיר" איז 30 טעג, און ווען ער האָט צוגעגעבן „און נאָך איין טאָג" צו „איין שעה" צי „איין האלב", איז עס א נייע נזירות.** הריני נזיר שלשים, (אָבער אויב ער האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר דרייסיק טעג און איין שעה, איז ער א נזיר איין און דרייסיק טעג, ווייל מען קאָן ניט זיין קיין נזיר אויף שעה'ן. **אין דאָזיקן פאַל איז ער געוואָרן א נזיר אויף 31 טעג, און דאָס קאָן מען; ער קאָן אָבער ניט זיין א נזיר 30 טעג מיט א שעה, ווייל ביי נזירות איז ניט פאַראַן קיין שעה'ן, און מען איז א נזיר א גאַנצן טאָג, און עס איז ווי ער זאָגט, אז ער זאָל זיין א נזיר 31 טעג.**

ד. הריני, אויב איינער זאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר וויפיל די האָר פון מיין קאָפּ", אָדער „וויפיל די שטויב פון דער ערד" (כעפר הארץ), אָדער „וויפיל דער זאַמד ביים ים" (כחול הים), איז ער אן אייביקער נזיר (נזיר עולם, א לעבנסלענגלי־כער נזיר), און ער מעג זיך אָפּשערן איין מאָל יעדע דרייסיק טעג. **די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען ניט, אז ער איז א „נזיר עולם", ווארום אלס נזיר עולם (וואָס איז איין איינציקע לעבנס־לענגליכע נזירות) וואָלט ער זיך געמעגט אָפּשערן נאָר יעדע 12 חדשים, ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ב'. מען מיינט אז ער איז ווי א „נזיר עולם", ער איז א נזיר זיין גאַנץ לעבן, מחמת ער דאַרף האָבן אזוי פיל נזירות צו 30 טעג, וויפיל האָר ער האָט אויפן קאָפּ אָדער וויפיל שטויבעלעך עס איז דאָ אין דער ערד אָדער וויפיל זעמדעלעך ביים ים. אָבער יעדע 30 טעג איז א באַזונדערע נזירות, און ממילא מעג ער זיך צום סוף פון די 30 טעג אָפּשערן און ברענגען די קרבנות, און דערנאָך ווידער זיין א נזיר 30 טעג, און ווידער זיך אָפּשערן און אזוי כסדר.** רבי זאָגט, אז דער דאָזיקער טאָר זיך ניט אָפּשערן יעדע דרייסיק טעג (ווייל אויך זיין נזירות איז איין לעבנסלענגליכע נזירות); און וועלכער איז דאָס וואָס שערט זיך אָפּ יעדע 30 טעג? דער וואָס זאָגט: „איך נעם אויף מיר נזירות וויפיל די האָר פון מיין קאָפּ", אָדער „וויפיל די שטויב פון דער ערד", אָדער „וויפיל דער זאַמד ביים ים". **דערמיט האָט ער געמיינט אזוי פיל איינצלנע 30־טעג־נזירותן וויפיל די האָר, וויפיל די שטויבעלעך, וויפיל די זעמדעלעך. אָבער ווען ער זאָגט „איך זאָל זיין א נזיר וויפיל די האָר", אָדער שטויבעלעך אָדער „זעמדעלעך", הייסט עס אָנגענומען איין נזירות, און ער איז א נזיר עולם, א לעבנס־לענגלעכער נזיר, און ער שערט זיך אָפּ נור יעדע 12 חדשים.**

ה. הריני, (אז איינער זאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר די פולע שטיב", אָדער „דער פולער קויש", פאַרשטט מען אים אויס (בודקין אותו, מען פרעגט אים אויס), אויב ער זאָגט: „איך האָב גענומען אויף זיך איין גרויסע נזירות", איז ער א נזיר

אחת גדולה נזרתי, נזיר שלשים יום, ואם אָמר, סתם נזרתי, רואין את הקופה, כאלו היא מלאה חרדל, ונזיר כל ימיו:

ו. הריני נזיר מכאן עד מקום פלוני, אומדין כמה ימים מכאן עד מקום פלוני, אם פחות משלשים יום, נזיר שלשים יום, ואם לאו, נזיר כמנין הימים:

ז. הריני נזיר כמנין ימות החמה, מונה נזירות כמנין ימות החמה. אָמר ר׳ יהודה, מעשה היה, כיון שהשלים מת:

פרק ב.

א. הריני נזיר מן הגרוגרות, ומן הדבילה, בית שמאי אומרים,

דרייסיק טעג. ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ג׳ מיינט מען מיט „איין גרויסע נזירות״, אז די 30 טעג זעען אויס ביי אים גרויס, און דאָ האָט ער געמיינט אז זיי זעען אויס ביי אים אזוי גרויס ווי א פולע שטוב אָדער ווי א פולער קויש. ואם אָמר, און אויב ער האָט געזאָגט: „איך האָב סתם גענומען אויף זיך נזירות״, זעט מען דעם קויש ווי ער איז פול מיט (קערנדלעך פון) זענעפט (חרדל, גאָרטשיצע), און ער איז א נזיר אלע זיינע טעג (זיין גאַנץ לעבן). ווייל אויב ער האָט געזאָגט סתם האָט ער געמיינט, אזוי ווי די חכמים ווילן איינטייטשן וואָס ער האָט געמיינט; מען נעמט דאריבער אָן אז ער האָט געמיינט צו זיין א לעבנס לענגליכער נזיר, א נזיר עולם, און ער מעג זיך אפשערן נור יעדע 12 חדשים אזוי ווי רבי לערנט פריער אין משנה ד׳ (אזוי טייטשט דער תוספות יום טוב לויט דעם רמב״ם).

ו. הריני, (אז איינער זאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר פון דאנען ביז צו יענעם אָרט״ (ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון אָרט), שאצט מען אָפּ וויפיל טעג עס איז (עס דארף דויערן דאָס גיין) פון דאנען ביז צו יענעם אָרט; אויב עס איז ווינציקער פון דרייסיק טעג, איז ער א נזיר דרייסיק טעג, און אויב (עס איז) ניט (ווינציקער פון דרייסיק טעג) איז ער א נזיר וויפיל די צאָל פון די טעג. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז נור ווען ער איז געגאנגען אין וועג צום דאָזיקן אָרט; אָבער אויב ער איז ניט געווען אין וועג צו גיין אהין, איז עס ווי ער וואָלט געזאָגט „פון דאנען ביז צום סוף פון דער וועלט״, און מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ג׳, אז ער איז א נזיר נור 30 טעג. „וויפיל די צאָל פון די טעג (כמנין הימים)״ טייטשט רש״י (אין נזיר ז׳) אז אויב למשל עס דארף דויערן אהין 40 טעג איז ער א נזיר 40 טעג (ניט 40 מאָל צו 30 טעג).

ז. הריני, (אז איינער זאָגט): איך זאָל זיין א נזיר ווי די צאָל פון די טעג פון דער זון (ימות החמה, וויפיל טעג עס זענען פאראן אין א זון־יאָר), דארף ער ציילן (אזוי פיל) נזירותן (אזוי פיל נזירות צו דרייסיק טעג יעדע איינע) וויפיל עס איז די צאָל פון די טעג פון דער זון. א יאָר פון 12 חדשים פון דער לבנה איז נור 354 טעג; אָבער א יאָר, ווען די זון קומט צו צום זעלביקן פונקט אויף דער ערד וואָס מיט א יאָר צוריק, דויערט עטוואָס מער פון 365 טעג. ער דארף דאריבער זיין א נזיר 365 מאָל צו 30 נזירותן. אָמר, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, אז עס איז געווען א מעשה (מיט איינעם וועלכער האָט גענומען אויף זיך נזירותן וויפיל די זון־יאָר־טעג) און ווען ער האָט געענדיקט (אלע זיינע נזירותן) איז ער געשטאָרבן. דאָס איז געווען 30 יאָר נזירות. ר׳ יהודה ברענגט די מעשה א ראיה, אז עס איז ניט ווי רבי וועלכער לערנט פריער אין משנה ד׳, אז אזעלכער איז א נזיר עולם, אן אייביקער נזיר, נאָר אז ער ציילט אזוי פיל נזירותן וויפיל די צאָל טעג, און א ראיה דערצו איז וואָס עס ווערט דאָך דערציילט אז ער האָט געענדיקט זיינע נזירותן.

פרק ב.

א. הריני (אז איינער זאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר פון דארע פייגן (גרוגרות)״, אָדער „פון ווייכע, געפרעסטע פייגן (דבלה)״, זאָגן די בית שמאי, אז ער איז אנזיר.

נזיר, ובית הלל אומרים אינו נזיר. אָמר ר׳ יהודה, אף כשאמרו בית שמאי, לא אָמרו, אלא באומר הרי הן עלי קרבן:

ב. אָמר, אמרה פרה זו, הריני נזירה, אם עומדת אני, אָמר הדלת הזה, הריני נזיר, אם נפתח אני, בית שמאי אומרים, נזיר, ובית הלל אומרים, אינו נזיר. אָמר ר׳ יהודה, אף כשאמרו בית שמאי, לא אָמרו, אלא באומר, הרי פרה זו עלי קרבן, אם עומדת היא:

א נזיר מעג עסן פייגן; ער טאָר ניט עסן קיין ווייַנטרויבן. זאָגן די בית שמאי, אז ווייל ער האָט געזאָגט צום אָנהייב „איך זאָל זיין א נזיר״ איז ער געוואָרן א ריכטיקער נזיר און טאָרניט עסן קיין ווייַנטרויבן, און דאָס וואָס ער האָט באלד צוגעגעבן „פון פייגן״ איז עס ווייל ער האָט באלד חרטה געהאט, און די בית שמאי האלטן, אז פונקט ווי מ׳קאָן ניט חרטה האָבן און ניט לאָזן זיך מתיר זיין ווען מ׳איז מקדיש א זאך, און אפילו ווען מען האָט מקדיש געווען א זאך דורך א טעות, איז עס אויך הקדש, אזוי קאָן מען ניט חרטה האָבן אויף נזירות, כאָטש עס איז געווען באלד, אין רעדן, תוך כדי דיבור. ובית הלל, און די בית הלל זאָגן, אז ער איז ניט קיין נזיר. מחמת עס קאָן ניט זיין קיין נזירות פון דארע פייגן צי פון ווייכע געפרעסטע פייגן. אָמר, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, אז אויך ווען די בית שמאי האָבן געזאָגט, אז ער איז א נזיר, האָבן זיי נור געזאָגט וועגן איינעם וועלכער האָט געזאָגט (אז ער האָט געמיינט): „זיי (די דארע פייגן אָדער די ווייכע געפרעסטע פייגן) זאָלן זיין אויף מיר קרבן״. דאָס הייסט, אז ער האָט געמיינט צו טאָן א נדר ניט צו עסן די פייגן (זע אין דער הקדמה צו מסכתא נדרים אז מיט „קרבן״ מיינט מען צו טאָן א נדר אז מען זאָל ניט טאָרן נוצן א זאך). די בית שמאי האלטן, אז כאָטש ער האָט באנוצט דאָס וואָרט „נזיר״, האָט ער געמיינט א נדר צו טאָן פון פייגן, און ער טאָר דעריבער ניט עסן קיין פייגן, אָבער קיין נזיר איז ער ניט. און די בית הלל האלטן, אז ער מעג אפילו די פייגן עסן, ווייל דאָס איז ניט קיין נדר.

ב. אָמר, אויב איינער האָט געזאָגט: „די דאָזיקע קי האָט געזאָגט „איך זאָל זיין א נזירה אויב איך וועל אויפשטיין״, (אָדער) „די דאָזיקע טיר האָט געזאָגט „איך זאָל זיין א נזיר אויב איך וועל זיך עפנען״ — זאָגן די בית שמאי אז ער (דער מענטש וואָס זאָגט אזוי וועגן דער קו אָדער וועגן דער טיר) איז (ווערט דערמיט) א נזיר, און די בית הלל זאָגן, אז ער איז ניט קיין נזיר. די משנה איז זייער א שווערע. די מפרשים טייטשן זי, אויפן יסוד פון דער גמרא, אז די קו איז געלעגן און האָט ניט געוואָלט אויפשטיין און איר בעל הבית האָט געזאָגט: די דאָזיקע קו טראַכט מסתמא ביי זיך (זי זאָגט) „איך זאָל זיין א נזירה אויב איך וועל אויפשטיין״, אָבער איך פארענדיק מיט די ווערטער, אז איך זאָל זיין א נזיר פון איר אויב איך וועל זי ניט אויפשטעלן. דאָסזעלביקע איז מיט דער טיר, וועלכע איז געווען פארמאכט, און האָט זיך ניט גוט געעפנט, און דער מענטש האָט געזאָגט: די טיר טראַכט ביי זיך מסתמא: „איך זאָל זיין א נזירה אויב איך וועל מיך עפנען״, אָבער איך פארענדיק מיט די ווערטער, אז איך זאָל זיין א נזיר פון דער טיר, אויב איך וועל זי ניט עפנען. דערויף לערנט די משנה, אז אויב די קו האָט זיך אליין אויפגעשטעלט, אָדער די טיר האָט זיך אליין געעפנט, זאָגן די בית שמאי אז ער איז א נזיר (פונקט ווי פריער אין משנה א׳ ווען איינער זאָגט אז ער זאָל זיין א נזיר פון פייגן), און די בית הלל זאָגן, אז ער איז ניט קיין נזיר (אויך פונקט ווי פריער אין משנה א׳). דער אויסדרוק „אמרה פרה״, „די קו האָט געזאָגט״, און „אָמר דלת״, „די טיר האָט געזאָגט״, איז ווי אין ספר יונה א׳ איז פאראן „והאניה חשבה להשבר״, די שיף האָט געטראַכט צעבראָכן צו ווערן. אָמר ר׳ יהודה, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, אז ווען די בית שמאי האָבן געזאָגט, האָבן זיי געזאָגט נור וועגן איינעם וואָס זאָגט, אז ער האָט געמיינט: „די קו זאָל זיין אויף מיר קרבן אויב זי וועט אויפשטיין. ר׳ יהודה זאָגט דאָס דאָסזעלביקע

ג. מזגו לו את הכוס, ואמר, הריני נזיר ממנו, הרי זה נזיר. מעשה באשה אחת שהיתה שכורה, ומזגו לה את הכוס, ואמרה, הריני נזירה ממנו, אָמרו חכמים, לא נתכוונה, אלא לומר, הרי הוא עלי קרבן:

ד. הריני נזיר על מנת שאהא שותה יין ומטמא למתים, הרי זה נזיר ואסור בכולן. יודע אני שיש נזירות, אבל איני יודע שהנזיר אסור ביין, הרי זה אסור. ור׳ שמעון מתיר. יודע אני שהנזיר אסור ביין, אבל סבור הייתי שחכמים מתירין לי, מפני שאין אני יכול לחיות אלא ביין, או מפני שאני קובר את המתים, הרי זה מותר. ור׳ שמעון אוסר:

וואָס פריער אין משנה א׳, דהיינו, אז די בית שמאי מיינען ניט, אז ער ווערט א נזיר, נאָר אז ער טאָר ניט נוצן די קו, ווייל ער האָט געמיינט א נדר צו טאָן פון איר. די מפרשים טייטשן דאָ „אם עומדת היא” אז דאָס מיינט „אויב זי וועט ניט אויפשטיין”.

ג. מזגו, אויב מען האָט איינעם אָנגעגאָסן א כוס (וויין), און ער האָט געזאָגט: איך זאָל זיין א נזיר פון איס” (פון דעם כוס וויין), איז ער א נזיר. ניט דוקא פון דעם כוס, נאָר ער ווערט א נזיר מיט אלע דינים פון נזירות. די גמרא זאָגט, אז דאָ פעלן עטליכע ווערטער אין דער משנה און עס דאַרף ווערן צוגעגעבן: „און אויב ער איז געווען שיכור און ער האָט געזאָגט, אז ער זאָל זיין א נזיר פון דעם כוס וויין איז ער ניט קיין נזיר”, ווייל ער האָט נאָר געמיינט צו אסרן אויף זיך בלויז דעם דאָזיקן כוס וויין. און דערויף ברענגט די משנה א ראיה פון דער מעשה: מעשה, עס איז געווען א מעשה מיט א פרוי וועלכע איז געווען שיכור, און מען האָט איר אָנגעגאָסן א כוס (וויין), און זי האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזירה פון איס”, האָבן די חכמים געזאָגט, אז זי האָט ניט געמיינט (צו ווערן א נזירה), נאָר (זי האָט געוואָלט דערמיט זאָגן: „ער (דער כוס וויין) זאָל זיין אויף מיר קרבן”. דאָס הייסט, אז זי האָט געאסרט אויף זיך מיט א נדר („קרבן” מיינט א נדר טאָן) נאָר דעם דאָזיקן כוס וויין אליין.

ד. הריני, אז איינער זאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר מיט דעם תנאי אז איך זאָל טרינקען וויין, און זיך מטמא זיין (למשל אָנרירן) צו מתים (טויטע מענטשן)”, איז ער א נזיר און ער איז אסור אין זיי אלע (אין אלע זאכן וואָס א נזיר טאָרניט טאָן). א נזיר טאָרניט טאָן די זאכן: ניט אָפּשערן זיך, ניט טרינקען וויין, און ניט מטמא זיין זיך צו מתים. זאָגט די משנה, אז כאָטש ער האָט אויסגענומען א תנאי אז ער זאָל יאָ מעגן טרינקען וויין און זיך מטמא זיין צו מתים (און ער האָט געמיינט נאָר ניט צו טאָרן אָפּשערן זיך), איז ער א נזיר און ער טאָר אויך ניט טרינקען וויין און ניט מטמא זיין זיך צו מתים. ווייל ער האָט אויסגענומען א תנאי קעגן דעם וואָס שטייט אין דער תורה (וואָרום די תורה זאָגט דאָך אז א נזיר טאָרניט טרינקען וויין און טאָר ניט מטמא זיין זיך צו מתים), דעריבער איז דער תנאי גאָר ניט ווערט. יודע אני, (אויב איינער וועלכער איז געוואָרן א נזיר, האָט געזאָגט דערנאָך): „איך האָב געוואוסט, אז עס איז פאַראַן נזירות (אז עס זיינען פאַראַן זאכן וואָס א נזיר טאָרניט טאָן) אָבער איך האָב ניט געוואוסט, אז א נזיר טאָר ניט (טרינקען) וויין”, איז ער (פונדעסטוועגן) אסור. איז ער א נזיר, און ממילא טאָר ער ניט טרינקען וויין. ור׳ שמעון, און ר׳ שמעון איז מתיר. ניט נאָר מעג ער טרינקען וויין, נאָר ער איז בכלל ניט קיין נזיר, ווייל א נזיר דאַרף נעמען אויף זיך דאָס נזירות פון אלע זאכן, אויך פון וויין־טרינקען. יודע אני, (אויב ער האָט געזאָגט): „איך האָב געוואוסט, אז א נזיר טאָר ניט (טרינקען) וויין, אָבער איך האָב געמיינט, אז די חכמים וועלן מיר מתיר מאכן ווייל איך קאָן ניט לעבן אָן וויין”, אָדער „(אז די חכמים וועלן מיר מתיר מאכן מטמא צו זיין צו מתים), ווייל איך בין קובר מתים (א קברן)”, איז ער מותר. ווייל דאָס הייסט ווי אן אונס, ער איז געצווינגען עובר צו זיין אויף זיין נזירות, און פונקט ווי דער דין איז (אין מסכתא נדרים פרק ג׳

ה. הריני נזיר, ועלי לגלח נזיר, ושמע חבירו ואמר, ואני, ועלי לגלח נזיר, אם היו פקחים מגלחים זה את זה, ואם לאו, מגלחים נזירים אחרים:

ו. הרי עלי לגלח חצי נזיר, ושמע חבירו ואמר, ואני עלי לגלח חצי נזיר, זה מגלח נזיר שלם, וזה מגלח נזיר שלם. דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומרים, זה מגלח חצי נזיר וזה מגלח חצי נזיר:

ז. הריני נזיר לכשיהיה לי בן, ונולד לו בן, הרי זה נזיר. נולד

משנה ב׳) אז „נדרי אונסין״, נדרים אויף וועלכע מען מוז עובר זיין, זענען ניט קיין נדרים, זענען אויך „נזירות אונסין״, ניט קיין נזירות. ור׳ שמעון, און ר׳ שמעון אָסרט. ווייל ר׳ שמעון האלט אז אויך „נדרי אונסין״ זענען גוטע נדרים און מען מוז זיך לאָזן מתיר נדר זיין.

ה. הריני, (אז איינער זאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר, און איך נעם אויף זיך אָפּצושערן (צו באַצאָלן פאר די קרבנות פון א אנדערן) נזיר״, און זיין פריינט (אן אנדערער מענטש) האָט דאָס געהערט און ער האָט געזאָגט: „און איך, און איך נעם אויף זיך אָפּצושערן א נזיר״ — אויב זיי זיינען קלוגע קאָנען זיי אָפּשערן (צאָלן פאר די קרבנות) איינער דעם אנדערן. **מיט „לגלח נזיר״ אפּצושערן א נזיר״, מיינט מען, אז ער טוט א נדר צו באַצאָלן פאר די קרבנות וואָס א נזיר ברענגט ווען עס ענדיקט זיך זיין נזירות און ער שערט זיך אָפּ. לערנט די משנה אז ווען דער אנדע־רער מענטש הערנדיק דעם ערשטן, האָט ער געזאָגט, „און איך, און איך נעם אויף זיך אָפּצושערן א נזיר״, האָט ער גענומען אויף זיך ביידע התחייבותן: ער איז גע־וואָרן א נזיר, און ער האָט אויך גענומען אויף זיך צו באַצאָלן די קרבנות (אָפּצושערן) פון אן אנדערן נזיר. זאָגט די משנה, אז אויב זיי זיינען קלוגע, צאָלט יעדער פון זיי פאר די קרבנות פונם אנדערן און ממילא קאָסט זיי ניט מער ווי איינמאָל קרבנות. דאביי לערנט אונז די משנה, אז כאָטש בשעת דער ערשטער האָט זיך מתחייב געווען צו צאָלן פאר די קרבנות פון אן אנדערן נזיר, איז דאָך דער אנדערער נאָכניט געווען קיין נזיר, פונדעסטוועגן קאָן ער צאָלן פאר אים.** ואם לאו און אויב (זיי זיינען) ניט (קיין קלוגע, און זיי פארשטייען ניט אז דער ערשטער קאָן צאָלן פאר דעם׳ס קרבנות, און דער אנדערער פאר דעם ערשטנס, און זיי האָבן יעדער געצאָלט פאר זיין אייגענע קרבנות), דארפן זיי אפשערן (צאָלן פאר די קרבנות פון) אנדערע נזירים. **אזוי טייטשט די משנה תוספות אין דער גמרא נזיר.**

ו. הרי עלי, (אז איינער זאָגט): „איך נעם אויף זיך אָפּצושערן א האלבן נזיר״, און אן אנדערער (מענטש) האָט געהערט און ער האָט געזאָגט: „און איך נעם אויף זיך אָפּצושערן א האלבן נזיר״ — דארף דער (ערשטער) אפשערן א גאנצן נזיר, און דער (אנדערער) דארף אָפּשערן א גאנצן נזיר, אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **מיט „אָפּשערן א גאנצן נזיר״ מיינט מען באַצאָלן פאר אלע קרבנות פון א נזיר. ר׳ מאיר האלט, אז מען נעמט אָן די ערשטע ווערטער „איך נעם אויף זיך אָפּצושערן״, און דאָס מיינט א גאנצן נזיר און ווען ער גיט צו די ווערטער „א האלבן נזיר״, הייסט עס אז ער וויל חרטה האָבן, אָבער ער קאָן ניט חרטה האָבן.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז דער (ערשטער) שערט אָפּ א האלבן נזיר, און דער (צווייטער) שערט אָפּ א האלבן נזיר. **מיט „אָפּשערן א האלבן נזיר״ מיינט מען צאָלן נור פאר א העלפט פון די קרבנות פון א נזיר. די חכמים זאָגן, אז עס הייסט ווי ער האָט באלד אין אָנהויב א נדר געטאָן נור צו באַצאָלן פאר א העלפט פון די נזיר־קרבנות, און דעריבער דארף ער מער ניט געבן.**

ז. הריני, (אז איינער זאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר ווען איך וועל האָבן א זון״ (בן), און עס איז אים געבוירן געוואָרן א זון, איז ער א נזיר; (אויב אָבער) עס איז אים געבוירן געוואָרן א טאָכטער, אָדער א טומטום (א קינד, וואָס האָט ניט די סימנים פון א זכר און ניט די סימנים פון א נקבה) אָדער אן אנדרוגינוס (א קינד וואָס האָט

לו בת, טומטום, ואנדרוגינוס, אינו נזיר. אם אמר, כשאראה כשיהיה לי ולד, אפילו נולד לו בת, טומטום, ואנדרוגינוס, הרי זה נזיר:

ח. הפילה אשתו, אינו נזיר. ר' שמעון אומר, יאמר, אם היה בן קיימא, הרי אני נזיר חובה, ואם לאו, הרי אני נזיר נדבה. חזרה וילדה, הרי זה נזיר. ר' שמעון אומר, יאמר, אם הראשון בן קיימא, הראשון חובה וזו נדבה, ואם לאו, הראשון נדבה וזו חובה:

ט. הריני נזיר, ונזיר כשיהיה לי בן, התחיל מונה את שלו, ואחר כך נולד לו בן, משלים את שלו, ואחר כך מונה את של בנו. הריני נזיר כשיהיה לי בן, ונזיר, התחיל מונה את שלו ואחר כך נולד לו בן מניח את שלו, ומונה את של בנו, ואחר כך משלים את שלו:

די סמנים פון א זכר און פון א נקבה), איז ער ניט קיין נזיר. **ווייל מיט „בן" מיינט מען אין דער געוויינטליכער שפראך פון מענטשן דוקא א זון.** אם אמר, אויב ער האט געזאגט: („איך זאל זיין א נזיר ווען איך וועל זען אז איך האב א קינד (ולד)", איז אפילו עס איז אים געבוירן געווארן א טאכטער, אדער א טומטום אדער אן אנדרוגינוס, איז ער א נזיר. **ווייל מיט „ולד", מיינט מען א קינד, אן אונטערשיד צי א זכר צי א נקבה.**

ח. תפילה, אויב (דער וואס האט געזאגט, אז ער זאל זיין א נזיר אויב ער וועט האבן א קינד) האט זיין ווייב מפיל געווען (זי האט געבוירן א טויט קינד), איז ער ניט קיין נזיר. **די גמרא זאגט אז אזוי לערנט ר' יהודה וואס האלט, אז א מענטש לאזט זיך ניט אריין אין א ספק, און ווען דער מענטש האט געזאגט א „קינד" האט ער געמיינט זיכער א לעבעדיק קינד.** ר' שמעון זאגט, אז ער זאל זאגן: „אויב דאס (טויטע קינד) איז געווען אן אויסגעטראגן קינד (בן קיימא, א קינד וואס האט געקאנט לעבן), בין איך א נזיר צוליב דעם חוב (צוליב דעם נדר וואס איך האב געטאן צו זיין נזיר), און אויב ניט (עס איז ניט געווען קיין אויסגעטראגן קינד, בין איך דאך ניט מחויב צו זיין קיין נזיר) בין איך א נזיר צוליב נדבה (טו איך א נדר צו זיין א נזיר)". **ממילא איז ער א נזיר אדער צוליב דעם געבוירענעם קינד, אדער צוליב זיך אליין.** חזרה, אויב זי (זיין פרוי) האט (נאכדעם ווי זי האט מפיל געווען) ווידער געבוירן (א קינד, א לעבעדיק קינד), איז ער א נזיר. **דאס לערנט ווידער ר' יהודה, וועלכער האט פריער געזאגט, אז אויב זי האט מפיל געווען איז ער ניט קיין נזיר, און איצט לערנט ער אז אויב זיין פרוי האט נאכן מפיל זיין געהאט א לעבעדיק קינד, דארף דער פאטער זיין א נזיר. ווייל עס איז נאך כסדר פאראן זיין נדר צו ווערן א נזיר ווען ער וועט האבן א קינד.** ר' שמעון זאגט אז ער זאל זאגן: „אויב דאס ערשטע (קינד) איז געווען אן אויסגעטראגנס, איז מיין ערשטע (נזירות) געווען א חוב (צוליב דעם קינד) און איצט וועל איך א נזיר צוליב נדבה (איך וויל ווערן א נזיר צוליב זיך אליין), און אויב ניט (אויב דאס ערשטע קינד איז ניט געווען קיין אויסגעטראגנס) איז די ערשטע נזירות געווען א נדבה (צוליב מיר אליין), און די איצטיקע נזירות איז א חוב (צוליב דעם איצטיקן לעבעדיקן קינד). **און עס קומט אויס אז ער האט געהאט צוויי נזירות.**

ט.׳ הריני, אז איינער זאגט: „איך זאל זיין א נזיר, און איך זאל זיין א נזיר ווען איך וועל האבן א זון"; און ער האט אנגעהויבן ציילן (זיין א נזיר די דרייסיק טעג פון) זיין נזירות און (אינמיטן די דרייסיק טעג) איז אים געבוירן געווארן א זון, פארענדיקט ער (די דרייסיק טעג פון) זיין נזירות, און (ער ברענגט די קרבנות און ער שערט זיך אפ און) ציילט (הייבט אן אויפסניי דרייסיק טעג נזירות פון) זיין זון. **ווייל ער האט דאך געזאגט צוערשט, אז ער זאל זיין א נזיר פאר זיך און דערנאך ערשט געזאגט אז ער זאל זיין א נזיר צוליב דעם געבוירן ווערן פון זיין זון.** הריני נזיר כשיהיה, (אויב אבער ער האט געזאגט): „איך זאל זיין א נזיר ווען איך וועל האבן א זון, און (איך זאל זיין) א נזיר", און ער האט אנגעהויבן ציילן (זיין א נזיר די דרייסיק טעג פון) זיין נזירות, און עס איז אים דערנאך (אין מיטן די דרייסיק טעג פון

י. הריני נזיר לכשיהא לי בן, ונזיר מאה יום, נולד בן עד שבעים, לא הפסיד כלום, לאחר שבעים, סותר שבעים, שאין תגלחת פחות משלשים יום.

פרק ג.

א. מי שאמר, הריני נזיר, מגלח יום שלשים ואחד; ואם גלח ליום

זיין נזירות) געבוירן געוואָרן א זון, לאָזט ער איבער זיין נזירות, (ער האקט איבער זיין נזירות) און ער ציילט (אויפסניי דרייסיק טעג נזירות צוליב) זיין זון. און **(נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די דרייסיק טעג נזירות צוליב זיין זון) פארענדיקט ער זיין נזירות.**

ט. הריני, (אויב איינער זאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר (דרייסיק טעג) ווען איך וועל האָבן א זון, און א נזיר (פאר זיך) הונדערט טעג״, (און ער האָט אָנגעהויבן זיין א נזיר פאר זיך, די הונדערט טעג), איז אויב עס איז אים געבוירן געוואָרן א זון ביז זיבציג טעג (ווען ער איז געווען פאר זיך נזיר ניט מער ווי זיבציג טעג פון די הונדערט טעג), האָט ער גאָרניט פארלוירן. **למשל ער איז געווען א נזיר 70 טעג, שטעלט ער אָפּ זיין נזירות, און הויבט אָן צו זיין נזיר צוליב זיין זון 30 טעג, און ער ברענגט דיקרבנות און ער שערט זיך אָפּ, און דערנאָך דערענדיקט ער נאָך 30 טעג נזירות צו זיינע פריערדיקע 70 טעג נזירות, און ער האָט 100 טעג נזירות פאר זיך.** לאחר שבעים, (אויב דער זון איז געבוירן געוואָרן) נאָך די זיבציק טעג, ווערן צעשטערט (די אלע טעג נאָך) זיבעציק טעג, ווייל דאָס אפשערן קאָן ניט זיין ווינציקער פון דרייסיק טעג (נאָכן לעצטן אפשערן זיך). **אויב למשל דער זון איז געבוירן געוואָרן דעם 80טן טאָג, מוז ער איבעררייסן זיין נזירות, און ווערן נזיר צוליב זיין זון 30 טעג און ברענגן די קרבנות און אָפּשערן, דערנאָך אָנהויבן ציילן צו פארענדיקן זיינע 100 טעג נזירות, אָבער ער קאָן ניט ציילן בלויז 20 טעג, ווייל עס וועט דאָך אויסקומען אז דאָס ברענגן די קרבנות און אפשערן זיך (פאר זיין אייגענער נזירות) וועט זיין ניט מער ווי 20 טעג נאָכן אָפּשערן זיך צוליב זיין זונ׳ס נזירות; און עס איז פאראַן א דין, אז דאָס אפשערן פון א נזיר צום סוף ווען ער ענדיקט זיין נזירות מוז פארקומען ניט פריער ווי 30 טעג נאָכן אָנהייבן לאָזן זיך וואקסן די האָר, ווייל אויב ניט איז ניט פאראַן גענוג האָר אָפּצושערן זיך, מחמת דעם מוז דער פאָטער ציילן 30 טעג נזירות, אנשטאט 20 טעג, און די אלע טעג וואָס ער האָט פריער געציילט איבער די 70 טעג פאלן אוועק, ער איז זיי סותר, ער צעשטערט זיי, זיי ווערן פארניכטעט. דער רמבם האָט (וואָס ווייזט אויס פון זיין יד חזקה פרק ד׳ הלכות נזירות) געהאט דאָ אין דער משנה די גירסא „סותר עד שבעים״, „ער צעשטערט ביז 70 טעג״. — אביסל שווער איז דאדורך דער דין אין דער פריערדיקער משנה ט׳, וועלכע לערנט, אז אויב ער האָט פאר זיין זון 30 טעג און פאר זיך 30 טעג, און ער האָט אָנגעהויבן ציילן פאר זיך, און עס איז אים געבוירן געוואָרן א זון, ציילט ער די 30 טעג פון זון און דערנאָך פארענדיקט ער זיין אייגענע נזירות. איז דאָך די קשיא: ער האָט דאָך ניט קיין 30 טעג צו וואַרטן נאָכן אפשערן זיך צוליב דעם זון׳ס נזירות? זאָגט דערויף תוספות, אז ביי א „קליינער נזירות״ (ניט מער פון 30 טעג) דארף ער זיך ניט אָפּשערן נאָכן זונ׳ס נזירות, נאָר ער פארענדיקט זיין אייגענע נזירות און ער ברענגט דאמאָלס צוויי מאָל קרבנות און ער שערט זיך אָפּ איין מאָל. דער רמבם האָט אן אנדערן טייטש.**

פרק ג.

א. מי, אז איינער זאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר״, שערט ער זיך אָפּ דעם איין־און־דרייסיקסטן טאָג. **מיר האָבן געלערנט פריער פרק א׳ משנה ג׳, אז סתם נזירות מיינט 30 טעג. זאָגט די משנה, אז ער איז א נזיר 30 טעג, און דעם 31טן טאָג דארף ער ברענגן די קרבנות און זיך אפשערן און דערמיט ווערט ער אויס נזיר.** ואם, און אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן דעם דרייסיקסטן טאָג, האָט ער יוצא געווען (איז אויך גוט).

שלשים, יצא, הריני נזיר שלשים יום, אם גלח ליום שלשים לא יצא:
ב. מי שנזר שתי נזירות, מגלח את הראשונה יום שלשים ואחד, ואת השניה יום ששים ואחד; ואם גלח את הראשונה יום שלשים, מגלח את השניה יום ששים, ואם גלח יום ששים חסר אחד, יצא. וזו עדות העיד רבי פפיס, על מי שנזר שתי נזירות, שאם גלח את הראשונה שלשים יום, מגלח את השניה יום ששים, ואם גלח ליום ששים חסר אחד, יצא, שיום שלשים עולה לו מן המנין:
ג. מי שאמר, הריני נזיר, נטמא יום שלשים, סותר את הכל. ר׳

ווייל דער דין איז, אז „מקצת היום ככולו״, א טייל פון טאָג האָט דעם דין ווי א גאנ־צער טאָג, און דעריבער ווייל ער איז געווען א טייל פון 30טן טאָג א נזיר, הייסט עס שוין ווי ער איז געווען א נזיר גאנצע 30 טעג. הריני (אויב ער האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר דרייסיק טעג״, איז אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן דעם דרייסיקסטן טאָג האָט ער ניט יוצא געווען. ווייל מיט ארויסזאָגן בפירוש „30 טעג״, האָט ער גע־מיינט גאנצע 30 טעג.

ב. מי, אויב איינער האָט גענומען אויף זיך צוויי נזירות (צו זיין איינמאָל א נזיר און דערנאָך נאָכאמאָל א נזיר), דאַרף ער זיך אָפּשערן פאַר דער ערשטער נזי־רות) דעם איין־און דרייסיקסטן טאָג (און באלד ווערן נאָכאמאָל א נזיר), און פאַר דער צווייטער (נזירות, דאַרף ער זיך אפשערן) דעם איין־און־זעכציקסטן טאָג; און אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן פאַר דער ערשטער (נזירות) דעם דרייסיקסטן טאָג (ווי די משנה האָט פריער געלערנט אז ער איז יוצא), שערט ער זיך אָפּ פאַר דער צווייטער (נזירות) דעם זעכציקסטן טאָג. מחמת דאדורך האָט ער דאָך געהאט גאנצע 30 טעג פאַר דער צווייטער נזירות. ואם גלח יום ששים, און אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן (צום סוף פון דער צווייטער נזירות) אין טאָג פון זעכציק ווינציקער איינס (דעם ניין און פופציקסטן טאָג) האָט ער יוצא געווען (איז אויך גוט). מחמת אין דעם 30טער טאָג, ווען ער האָט זיך אָפּגעשוירן פאַר דער ערשטער נזירות, איז דאָך געבליבן א טייל טאָג נאָכן אפשערן זיך, און ער האָט דאמאָלס שוין אָנגעהויבן זיין א נזיר, ווערט ער דעריבער פאַררעכנט ווי א גאנצער טאָג צוליב דעם כלל פון פריער משנה א׳, אז מקצת היום ככולו, אז טייל פון א טאָג איז אזוי ווי א גאנצער טאָג. ממילא איז דער 59טער טאָג פאַררעכנט ווי דער 30טער טאָג פון דער 2טער נזירות, און מיר האָבן דאָך געלערנט, אז אויב איינער שערט זיך אָפּ דעם 30טן טאָג איז ער יוצא. עס קומט אויס, אז דער 30טער טאָג פון דער ערשטער נזירות ווערט פאַררעכנט אי פאַר דעם 30טן טאָג פון דער ערשטער נזירות אי פאַר דעם 1טן טאָג פון דער 2טער נזירות. וזו עדות, און די דאָזיקע עדות האָט עדות געזאָגט ר׳ פפייס (פאַר די חכמים) וועגן איינעם וואָס נעמט אויף זיך צוויי נזירות, אז אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן פאַר דער ערשטער (נזירות) דעם דרייסיקסטן טאָג, דאַרף ער זיך אָפּשערן פאַר דער צווייטער (נזירות) דעם זעכציקסטן טאָג, און אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן אין טאָג פון זעכציק ווינצי־קער איינס (דעם ניין־און פופציקסטן טאָג) האָט ער יוצא געווען, ווייל דער דרייסיקס־טער טאָג ווערט אים פאַררעכנט (פאַר דעם ערשטן טאָג פון זיין נזירות). דאָס דאָזיקע עדות־זאָגן פון ר׳ פפייס איז פאַראַן אויך אין מסכתא עדיות פרק ז׳ משנה ג׳. דאָס עדות זאָגן איז פאָרגעקומען פאַר די חכמים אין יבנה ניט לאנג נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש, ווען די ישיבה מיט דעם נשיא האָבן זיך געפונען אין יבנה.

ג. מי, אויב איינער זאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר״, און ער איז טמא געוואָרן (למשל, ער האָט אָנגערירט א מת) דעם דרייסיקסטן טאָג, צעשטערט ער אינגאנצן. ער איז צוערשט טמא 7 טעג, ווי עס איז דער דין פון איינעם וועלכער ווערט טמא דורך א מת. ער דאַרף זיך לאָזן באשפריצן מיט דעם וואסער־אש פון דער פרה אדומה דעם 3טן און דעם 7טן טאָג, און דערנאָך זיך טובל זיין, און ברענגען די קרבנות פון

אליעזר אומר, אינו סותר אלא שבעה. הריני נזיר שלשים יום, נטמא יום שלשים, סותר את הכל:

ד. הריני נזיר מאה יום, נטמא יום מאה, סותר את הכל. ר׳ אליעזר אומר, אינו סותר אלא שלשים. נטמא יום מאה ואחד, סותר שלשים יום. ר׳ אליעזר אומר, אינו סותר אלא שבעה:

א טמא-נזיר (ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק א׳ משנה ב׳) און זיך אָפּשערן, און דערנאָך מוז ער נאָך אמאָל זיין א נזיר 30 טעג, ווייל די פריערדיקע 30 טעג נזירות זענען געוואָרן צושטערט. דאָס איז פאראן אין דער תורה במדבר ו׳ ב׳. „והימים הראשונים יפלו״, „די ערשטע טעג פאלן אָפּ״. כאָטש ער איז דאָך טמא געוואָרן שוין דעם 30טן טאָג, זאָגן מיר ניט אז עס הייסט שוין נאָכן נזירות, „מקצת היום ככולו״, א טייל פון טאָג איז ווי א גאנצער טאָג, ווייל דאָס זאָגן מיר נאָר אויב ער האָט שוין געבראַכט די קרבנות און אָפּגעשוירן זיך, אָבער ניט פארן ברענגען די קרבנות און פארן אָפּשערן זיך. ר׳ אליעזר זאָגט, אז ער צושטערט ניט מער ווי זיבן טעג. ער דאַרף נור 7 טעג ניט טרינקען וויין און ניט מטמא זיין זיך צו מתים ווי א נזיר; אָבער ניט ברענגען די קרבנות פון א טמא־נזיר און ניט אָפּשערן זיך (אזוי טייטשן תוספות, און לויט איין פשט אין רשי אין דער גמרא נזיר ו׳). ר׳ אליעזר האלט, אז אפילו ער האָט נאָכ־נישט געבראַכט די קרבנות זאָגט מען אויך וועגן 30טן טאָג אז ער איז ווי א גאנצער טאָג, און עס הייסט ווי ער איז טמא געוואָרן שוין נאָכדעם ווי ער האָט פארענדיקט זיין נזירות („אחר מלאת״), און ר׳ אליעזר האלט, אז ווען א נזיר ווערט טמא נאָכן פאר־ענדיקן זיין נזירות (אחר מלאת, איידער ער האָט געבראַכט די קרבנות) צעשטערט ער נור 7 טעג. הריני, אויב ער האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר דרייסיק טעג״, און ער איז טמא געוואָרן דעם דרייסיקסטן טאָג, צעשטערט ער אינגאנצן. ער מוז ציילן נאָכאמאָל 30 טעג נזירות, ווייל מיר האָבן געלערנט משנה א׳ אז אויב ער האָט בפירוש געזאָגט „30 טעג״, מוז ער ציילן גאנצע דרייסיק טעג, און ממילא הייסט עס אז ער איז טמא געוואָרן אין טאָג פון פארענדיקן די נזירות, „ביום מלאת״, און דאביי האלט ר׳ אליעזר, אז ער צעשטערט 30 טעג, און די חכמים האלטן, אז ער צעשטערט די גאנצע נזירות (אפילו עס איז געווען 100 טעג). אזוי ווי דאָ איז דאָך סיי ווי מער ניט פאראן ווי 30 טעג נזירות, ממילא ווערט די גאנצע 30 טעג נזירות צעש־טערט, סיי לויט ר׳ אליעזר און סיי לויט די חכמים.

ד. הריני, אז איינער זאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר הונדערט טעג״, (און) ער איז טמא געוואָרן דעם הונדערטסטן טאָג צעשטערט ער אלץ (די גאנצע הונדערט טעג); ר׳ אליעזר זאָגט, אז ער צעשטערט ניט מער ווי דרייסיק טעג. דאָס איז די מח־לוקה צווישן ר׳ אליעזר און די חכמים, וועגן וועלכער מיר האָבן געגעבן פריער אין משנה ב׳, אז אויב ער איז טמא געוואָרן אין טאָג פון פארענדיקן די נזירות, „ביום מלאת״, האלטן די חכמים אז ער צעשטערט די גאנצע נזירות, די גאנצע 100 טעג, און ר׳ אליעזר זאָגט, אז נור 30 טעג. ר׳ אליעזר לערנט עס אָפּ פון פסוק אין במדבר ו׳ „וזאת תורת הנזיר ביום מלאת״, אז אויב ער איז טמא געוואָרן אין יום מלאת, דאַרף מען אים געבן די „תורת הנזיר״, זיין נאָכאמאָל א נזיר, און סתם נזיר איז 30 טעג. נטמא יום מאה ואחד, אויב ער איז טמא געוואָרן דעם הונדערט און ערשטן טאָג, צעשטערט ער דרייסיק טעג; ר׳ אליעזר זאָגט, אז ער צעשטערט ניט מער ווי זיבן (טעג). די חכמים האלטן, אז מען איז גוזר ביים טמא ווערן דעם 101־טן טאָג צוליב טמא־ווערן דעם 100טן טאָג; אָבער אזוי שטארק איז מען ניט מחמיר און ער צעשטערט נור 30 טעג, און ניט די גאנצע 100 טעג. אָבער ר׳ אליעזר האלט פריער אין משנה ג׳ אז ביים טמא ווערן נאָכן פארענדיקן די נזירות (אחר מלאת) ווערן צעשטערט נור 7 טעג, און דעריבער צעשטערט ער דאָ נור 7 טעג.

ה. מי שנזר והוא בבית הקברות, אפילו היה שם שלשים יום, אין עולין לו מן המנין, ואינו מביא קרבן טומאה. יצא ונכנס, עולין לו מן המנין, ומביא קרבן טומאה. ר׳ אליעזר אומר, לא בו ביום, שנאמר (במדבר ו׳) „והימים הראשונים יפלו״, עד שיהיו לו ימים ראשונים:

ו. מי שנזר נזירות הרבה, והשלים את נזירתו, ואחר כך בא לארץ, בית שמאי אומרים, נזיר שלשים יום, ובית הלל אומרים, נזיר בתחלה. מעשה בהילני המלכה, שהלך בנה למלחמה, ואמרה, אם יבא בני מן

ה. מי שנזר, אז איינער האָט גענומען אויף זיך צו זיין א נזיר, און ער איז (בעת ער האָט דאָס געטאָן) אויף א בית הקברות, אפילו ער איז דאָרט געווען דרייסיק טעג (און האָט אָפּגעהיטן די נזירות) ווערן זיי אים ניט פאררעכנט (אין עולין לו מן המנין, זיי גייען ניט אריין אין דער צאָל). **די משנה וועט ווייטער (פרק ה׳ משנה ב׳) לערנען, אז ניט אלע זאכן, דורך וועלכע א מענטש ווערט טמא, אויב א נזיר ווערט דורך זיי טמא, זענען זיי סותר, צעשטערן זיי די טעג פון נזירות, וואס ער האָט שוין אפּגעציילט. למשל ווען א נזיר רירט אָן א טויטן שרץ, כאָטש ער ווערט טמא, צעשטערט עס גאָרניט, און ער איז כסדר א ריינער נזיר. אויך א בית הקברות, אויב א נזיר קומט דאָרט אריין (כאָטש ער טאָרניט אריינגיין), צעשטערט ניט די נזירות־טעג וואס ער האָט אָפּגעציילט. אָבער, זאָגט דאָ די משנה. אויב בשעת ער איז גע־וואָרן א נזיר איז ער געווען אויף א בית הקברות, אפילו ער איז דאָרט געווען 30 טעג, ווערן זיי אים ניט פאררעכנט, און ווען ער גייט ארויס פון דאָרט און ער האָט זיך גע־מאכט ריין (דורך שפּריצן מיט פּרה־אדומה־אש־וואסער און טובל זיין זיך) דאַרף ער נאָכאמאָל ציילן 30 טעג נזירות.** ואינו, און ער ברענגט ניט קיין קרבן טומאה. **אויב אפילו ער איז אין בית הקברות טמא געוואָרן מיט אזא טומאה, צוליב וועלכער א נזיר דאַרף יאָ ברענגען די קרבנות טומאה (זע פריער פרק א׳ משנה ב׳), למשל ער האָט דאָרט אָנגערירט א מת, — איז אין דעם פאַל דאַרף ער ניט ברענגען קיין קרבן טומאה.** יצא, אויב ער איז ארויסגעגאנגען (פון בית הקברות, און האָט זיך געמאכט ריין דורך שפּריצן מיט פּרה־אדומה־אש־וואסער און טובל זיין זיך) און ער איז צוריק אריינגעגאנגען (אין בית הקברות), ווערן זיי (די טעג, וועלכע ער איז אין בית הקברות) יאָ פאררעכנט (אין די דרייסיק טעג פון זיין נזירות), און (אויב ער האָט אָנגערירט א מת) דאַרף ער ברענגען א קרבן טומאה. **ווייל קוים איז ער געווען אפילו א קורצע צייט, אפילו איין שעה, א ריינער נזיר, קאָן שוין די טומאה פון בית הקברות ניט צושטערן זיינע נזירות־טעג, ווי מיר האָבן פריער דערקלערט.** ר׳ אליעזר זאָגט, אז (ער דאַרף ברענגען א קרבן טומאה און עס ווערן צעשטערט זיינע ביז־איצטיקע נזירות טעג אויב ער האָט אָנגערירט א מת, נאָר אויב ער האָט אָנגערירט) ניט אין זעלביקן טאָג (ניט אינם ערשטן טאָג) ווארום עס ווערט געזאָגט (במדבר ו׳, י״ב) „והימים הראשונים יפלו״ (אויב א נזיר וועט טמא ווערן דורך א מת „און די ערשטע טעג זאָלן אוועק־פאַלן״) ביז עס זאָלן זיין ערשטע טעג. **ווייל דער פּסוק זאָגט ו„הימים הראשונים״, „און די ערשטע טעג״ אין לשון רבים, מוזן האָבן געווען לפּחות 2 טעג (דאָס קלענסטע פון א סך איז צוויי). ר׳ אליעזר׳ס דין איז ניט דוקא ביי א נזיר אין א בית הקברות, נאָר ביי יעדן נזיר, וועלכער האָט אָנגערירט א מת אין ערשטן טאָג פון זיין נזירות ווערט דער טאָג ניט צעשטערט, נאָר ער ווערט אריינגערעכנט.**

ו. מי שנזר, אויב איינער האָט (זייענדיק אין חוץ לארץ, ניט אין ארץ ישראל) גענומען אויף זיך א סך נזירות(־טעג, נזירות הרבה, איין לאנגע נזירות, לענגער פון דרייסיק טעג) און (נאָכדעם ווי ער איז געווען אין חוץ לארץ נזיר די אלע טעג) איז ער געקומען קיין ארץ ישראל, — זאָגן די בית שמאי, אז ער (דאַרף זיין אין ארץ ישראל אויפסניי) א נזיר דרייסיק טעג, און די בית הלל זאָגן, אז ער (דאַרף זיין אויפס־ניי) א נזיר פון אָנהייב אָן. **למשל, אויב זיין נזירות איז געווען 100 טעג, זאָגן די בית**

המלחמה בשלום, אהא נזירה שבע שנים, ובא בנה מן המלחמה, והיתה נזירה שבע שנים. ובסוף שבע שנים עלתה לארץ, והורו בית הלל, שתהא נזירה עוד שבע שנים אחרות. ובסוף שבע שנים נטמאת, ונמ־צאת (נזירה) עשרים ואחת שנה. אמר ר׳ יהודה, לא היתה נזירה אלא ארבע עשרה שנה:

ז. מי שהיו שתי כיתי עדים מעידות אותו, אלו מעידים שנזר שתים ואלו מעידים שנזר חמש, בית שמאי אומרים, נחלקה העדות ואין כאן נזירות, ובית הלל אומרים, יש בכלל חמש שתים, שיהא נזיר שתים:

שמאי, אז כאָטש אין חוץ לארץ איז ער דאָך געווען טמא (עס איז א תקנה געווען פון די חכמים אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, אז ארץ העמים, חוץ לארץ איז טמא, און דער מענטש, וואָס איז דאָרט איז טמא), איז דער נזיר מחויב צו קומען קיין ארץ ישראל און צו זיין דאָ נזיר נאָר 30 טעג. **אבער די בית הלל זאָגן, אז ער דאַרף זיין אין ארץ ישראל אויפסניי נזיר גאנצע 100 טעג. די משנה דערציילט דאָ באלד א מעשה, וואָס עס האָבן געפסקנט וועגן דעם די בית הלל.** מעשה, עס איז געווען א מעשה, מיט דער קיניגין הילני (אין חוץ לארץ), וואָס איר זון איז געגאנגען אין א מל־חמה, און זי האָט געזאָגט: „אויב מיין זון וועט צוריקקומען בשלום פון דער מלחמה וועל איך זיין אנזירה זיבן יאָר". און איר זון איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה און זי איז געווען אנזירה זיבן יאָר, און צום סוף זיבן יאָר איז זי ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, און די בית הלל האָבן געפסקנט, אז זי דאַרף זיין א נזירה נאָך זיבן אנ־דערע יאָר; און צום סוף פון די זיבן (אנדערע) יאָר איז זי טמא געוואָרן (און לויט דעם דין זענען צעשטערט געוואָרן די אלע ביזאיצטיקע נזירות־יאָרן, און זי האָט געמוזט זיין א נזירה נאָך זיבן אנדערע יאָר), און עס איז אויסגעקומען אז זי איז געווען א נזירה איין און צוואנציק יאָר. „הלני המלכה", די קיניגין הילני, **וועלכע ווערט אויך געבראַכט אין די ספרים פון יוסיפון לרומיים, וואו זי הייסט העלענא, איז גע־ווען א מלכה אין לאנד אדיאבענע לעבן פערסיען, און זי צוזאמען מיט איר זון דעם מלך מונבז (מאָנאָבאָז) און דער גאנצער פאמיליע האָבן זיך מגייר געווען און זיינען געוואָרן יידן, דאָס איז געווען לערך 30 יאָר פאר דעם חורבן פון 2טן בית המקדש. וועגן איר און איר זון דעם מלך מונבז ווערט געבראַכט א סך מאָל אין דער גמרא (וועגן הילני המלכה און מונבז המלך זע אויך מסכתא יומא פרק ג׳ משנה י׳).** אמר, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, אז זי (הילני) איז געווען א נזירה נור פירצן יאָר. **ר׳ יהודה האלט ווי ר׳ אלעזר פריער אין משנה ד׳, אז אויב א נזיר ווערט טמא (ביי א לאנגער נזירות) אין לעצטן טאָג ווערט צעשטערט נור 30 טעג, און ווייל הילני איז טמא גע־וואָרן אין לעצטן טאָג פון די 14 יאָר, איז צעשטערט געוואָרן נור 30 טעג, און זי איז געווען א נזירה 14 יאָר מיט 30 טעג, און ווייל עס איז ניט קיין גאנץ יאָר, הייסט עס איז זי געווען א נזירה 14 יאָר.**

ז. מי, אויב צוויי כיתות עדות האָבן עדות געזאָגט וועגן איינעם, די דאָזיקע (איין כיתה עדות, למשל צוויי עדות) האָבן עדות געזאָגט (אז זיי האָבן געהערט) ווי ער האָט געזאָגט אז ער זאָל זיין א נזיר צוויי (נזירות, צוויי מאָל צו דרייסיק טעג), און די דאָ־זיקע (די אנדערע כיתה עדות, למשל, אנדערע צוויי עדות) האָבן עדות געזאָגט, אז ער האָט געזאָגט אז ער זאָל זיין א נזיר פינף (נזירות, פינף מאָל צו דרייסיק טעג), זאָגן די בית שמאי אז די עדות זענען צעקריגט (נחלקה, זיי לייקענען איין כיתה עדות דער צווייטער) און עס איז אינגאנצן ניטאָ קיין נזירות. **מען מיינט דאָ, אז ער אליין זאָגט, אז ער האָט גאָרניט געגומען אויף זיך קיין נזירות. אָדער ער זאָגט אז ער געדענקט ניט; אָדער ער שווייגט אינגאנצן. אזוי זאָגט תוספות.** ובית הלל, און די בית הלל זאָגן, אז אין כלל פון פינף איז פאראן צוויי, אזוי אז ער דאַרף זיין א נזיר פון צוויי (נזירות). **ווייל אויף 2 נזירות זענען דאָך ביידע כיתי עדות מודה אז ער דאַרף**

פרק ד.

א. מי שאמר, הריני נזיר ושמע חבירו ואמר, ואני, ואני, כולם נזירים. הותר הראשון, הותרו כלן; הותר האחרון, האחרון מותר, וכלם אסורין. אמר, הריני נזיר, ושמע חבירו ואמר, פי כפיו, ושערי כשערו, הרי זה נזיר. הריני נזירה, ושמעה אשתו ואמרה, ואני, מיפר את שלה, ושלו קיים. הריני נזירה, ושמע בעלה ואמר, ואני, אינו יכול להפר:

ב. הריני נזיר ואת, ואמרה, אָמן, מיפר את שלה, ושלו קיים. הריני נזירה ואתה, ואָמר, אָמן, אינו יכול להפר:

זיין א נזיר, דאריבער דארף ער זיין א נזיר די צוויי נזירותן.

פרק ד.

א. מי, אויב איינער (ראובן) האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר", און אן אנדערער (שמעון) האָט דאָס געהערט און האָט געזאָגט: „און איך", און א דריטער (לוי) האָט געהערט שמעון'ס „און איך" און ער לוי האָט אויך געזאָגט): „און איך", זענען זיי אלע (דריי) נזירים. **אָבער דאָס איז נור ווען דער אנדערער האָט געזאָגט אין „תוך כדי דבור", באלד נאָך דעם זאָגן פון ערשטן, און דער דריטער האָט געזאָגט אין „תוך כדי דבור" פון אנדערן. דער שיעור פון „תוך כדי דבור", „באלד נאָכן זאָגן", איז ווי לאנג עס געדויערט דאָס שלום־זאָגן פון א תלמיד צו זיין רבי, דאָס זאָגן די דריי ווערטער „שלום עליך רבי" (פרידן אויף דיר, מיין רבי).** הותר, אויב דער ערשטער (ראובן) האָט זיך געלאָזט מתיר זיין (זיין נזירות, ער האָט ביי א דיין זיך געלאָזט מתיר נדר זיין פון זיין נזירות און איז געוואָרן אויס נזיר), זענען אלע (אויך שמעון און לוי) מותר געוואָרן; אויב דער לעצטער (לוי) האָט זיך געלאָזט מתיר זיין (זיין נזירות), איז דער לעצטער (לוי) מותר, און די אלע (ראובן און שמעון) זענען אסור. **זיי בלייבן ווייטער נזירים. לוי איז אָפהענגיג פון שמעון און שמעון פון ראובנען; דאריבער אז ראובן איז געוואָרן אויס נזיר, זיינען אויך שמעון און לוי געוואָרן אויס נזירים. אָבער ראובן און שמעון זיינען ניט אָפהענגיק פון לוי, און אויב לוי איז געוואָרן אויס נזיר, בלייבן זיי ווייטער נזירים.** אָמר, אויב איינער האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר", און אן אנדערער האָט דאָס געהערט און האָט געזאָגט: „מיין מויל ווי זיין מויל, און מיינע האָר ווי זיינע האָר", **איז ער א נזיר. עס הייסט, אז מיין מויל זאָל ניט טאָרן טרינקען קיין ווייַן ווי זיין מויל, און מיינע האָר זאָל איך ניט טאָרן אָפשערן ווי מען טאָר ניט אָפשערן זיינע האָר.** הריני נזיר, (אויב איינער האָט געזאָגט) „איך זאָל זיין א נזיר", און זיין ווייב האָט דאָס געהערט און זי האָט געזאָגט: „און איך" (און זי איז דאדורך אויך געוואָרן א נזירה), קאָן ער (דער מאַן) צעשטערן איר (זיין ווייבס) נזירות, און זיין נזירות בלייבט (גוט). **דער דין איז, אז פונקט ווי א מאַן קאָן צעשטערן (צונישט מאכן, מיפר־זיין) די נדרים פון זיין ווייב, קאָן ער אויך צעשטערן די נזירות פון זיין ווייב (זע אין דער הקדמה צו מסכתא נדרים)**. הריני נזירה, (אויב א פרוי זאָגט): „איך זאָל זיין א נזירה", און איר מאַן האָט געהערט, און ער האָט געזאָגט: „און איך", קאָן ער ניט צעשטערן זיין ווייבס נזירות. **ווייל דערמיט וואָס ער האָט געזאָגט „און איך" האָט ער באשטעטיקט זיין ווייבס נזירות, און דער דין איז אז פונקט ווי א מאַן קאָן צעשטערן די נדרים און נזירות פון זיין ווייב, קאָן ער אויך באשטעטיקן (מקיים־זיין). זע אין דער הקדמה צו מסכתא נדרים.**

ב. הריני נזיר, (אז איינער זאָגט) : „איך זאָל זיין א נזיר", (און ער זאָגט באלד צו זיין ווייב) „און דו?", און זי האָט געענטפערט „אמן", קאָן ער צעשטערן איר (נזירות), און זיין (נזירות) בלייבט. **מחמת ער האָט זי נור געפרעגט, צי זי וויל אויך זיין א נזירה.** הריני נזירה, (אויב א פרוי זאָגט): „איך זאָל זיין א נזירה" (און זי זאָגט באלד צו איר מאַן): „און דו?" און ער האָט געענטפערט: „אמן", קאָן ער ניט צעשטערן (דעם ווייבס נזירות). **ווייל דערמיט האָט ער באשטעטיקט זיין ווייבס נזירות,**

ג. האשה שנדרה בנזיר והיתה שותה ביין ומיטמאה למתים, הרי זו סופגת את הארבעים. הפר לה בעלה, והיא לא ידעה שהפר לה בעלה, והיתה שותה ביין ומיטמאה למתים, אינה סופגת את הארבעים. ר׳ יהודה אומר, אם אינה סופגת את הארבעים, תספוג מכת מרדות:
ד. האשה שנדרה בנזיר, והפרישה את בהמתה, ואחר כך הפר לה בעלה, אם שלו היתה בהמתה, תצא ותרעה בעדר ואם שלה היתה

און נאָכן באשטעטיקן קאָן מען ניט מען צעשטערן.

ג. האשה, א פרוי וואָס האָט א נדר געטאָן צו זיין א נזירה, און (זייענדיק א נזירה) האָט זי געטרונקען ווין, אָדער זי האָט זיך מטמא געוועזן צו מתים (למשל אנגע־רירט א טויטן מענטש), קומט איר פירציק קלעפ. **פאר עובר זיין אויף דעם פארבאָט ניט צו טרינקען ווין און ניט מטמא זיין זיך צו מתים קומט מלקות (קלעפ). די משנה זאָגט דאָ „ארבעים", 40 קלעפ; ווי מיר לערנען אין מסכתא מכות (זע דאָרט אין דער הקדמה) קומט נור 39 קלעפ. דער ברטנורא גיט צו, אז אפילו דערנאָך האָט איר דער מאן צעשטערט איר נזירות, קומט איר פונדעסטוועגן מלקות, ווייל בשעת זי האָט גע־טרונקען איז זי דאָך געווען א נזירה.** הפר, אויב (איידער זי האָט געטרונקען ווין צי מטמא געווען זיך צו מתים) האָט איר דער מאן צעשטערט (די נזירות), און זי האָט ניט געוואוסט, אז איר מאן האָט איר צעשטערט (איר נזירות) און זי האָט געטרונקען ווין אָדער זי האָט זיך מטמא געווען צו מתים, קומט איר ניט די פערציק קלעפ (די מלקות). **מחמת בשעת זי האָט דאָס געטאָן איז זי דאָך שוין באמת ניט געווען מער קיין נזירה, כאָטש זי האָט געמיינט, אז זי איז נאָ א נזירה.** ר׳ יהודה זאָגט, אז אויב איר קומט ניט די פערציק קלעפ (מלקות), קומט איר ווידערשפעניגונגס־קלעפ (מכות מרדות). **עס קומט איר סתם קלעפ, מדרבנן, ווייל זי האָט דאָך געמיינט עובר צו זיין א עבירה. עס הייסט „מכות מרדות", ווייל זי האָט דאָך געמיינט מורד צו זיין, צו ווידערשפעניקן קייגן דעם פארבאָט פון דער תורה.**

ד. האשה, אז א פרוי האָט געטאָן א נדר צו זיין א נזירה (און זי איז דערמיט געוואָרן א נזירה) און זי האָט אָפּגעשיידט אירע בהמות (צו ברענגען די קרבנות נאָכן פארענדיקן איר נזירות), און דערנאָך (נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעשיידט די בהמות), האָט איר מאן איר צעשטערט (די נזירות, און זי איז געוואָרן אויס נזירה), איז אויב די בהמות זענען געווען זיינע (דעם מאנ׳ס) זאָלן זיי ארויסגיין און זיך פּאַשן אין דער סטאַדע (בעדר, זיי ווערן אויס קרבנות־בהמות). **דער דין איז, אז ווען א נזיר צי א נזירה פארענדיקט די צייט פון דער נזירות, דארף ער (צי זי) ברענגען אין בית המקדש דריי בהמות אלס קרבנות, א חטאת (וואָס דאָס פלייש דערפון עסן נור די כהנים), א עולה, וואָס מען איז אינגאנצן, אויך דאָס פלייש, מקריב אויפן מזבח, און שלמים (וואָס דאָס פלייש דערפון מעג עסן אויך א ישראל). זאָגט די משנה, אז ווייל די דריי בהמות זענען דאָך געווען דעם מאנ׳ס, און דער מאן האָט איר צעשטערט דעם נדר הייסט עס אז דאָס גאנצע אפשיידן די בהמות אלס קרבנות איז געווען בטעות, זי האָט זיי גאָרניט געקאָנט מקדיש זיין, אפשיידן, און דאריבער ווערן זיי אויס הקדש, אויס קרבנות־בהמות, און זיי ווערן צוריק חולין, ניט־הייליקע בהמות, און זיי קאָנען זיך פּאַשן אין דער סטאַדע צוזאמען מיט אנדערע בהמות.** ואם שלה, און אויב די בהמות זענען געווען אירע (דעם ווייבס), איז דער חטאת (די בהמה, וואָס זי האָט אָפּגעשיידט אלס קרבן חטאת), זאָל פּגרן (מען האלט זי ביז זי פּגרט). **מחמת דער דין איז אז א בהמה קרבן חטאת, וואָס דער בעל הבית אירער דארף זי שוין ניט (אָדער ער איז גע־שטאָרבן, חטאת שמתו בעליה), טאָר מען זי ניט מקריב זיין (ווארום א חטאת קאָן מען ברענגען נאָר ווען מען מוז, און מען קאָן זי ניט ברענגען אלס א נדבה) און מען טאָר זי ניט אויסטוישן אויף געלט, נאָר מען האלט זי ביז זי פּגרט און מען באגראָבט זי.** ועולה, און די (בהמה וואָס זי האָט אָפּגעשיידט אלס) עולה, זאָל מען מקריב זיין (אויפן

בהמתה, החטאת תמות, ועולה תקרב עולה, והשלמים תקרב ש ל מ י ם, ונאכלין ליום אחד, ואינן טעונין לחם. ה י ו לה מעות סתומים, יפלו לנדבה, מעות מפורשים, דמי חטאת ילכו לים המלח, לא נהנים ולא מועלים בהן, דמי עולה יביאו עולה, ומועלים בהן, דמי שלמים יביאו שלמים, ונאכלין ליום אחד ואינן טעונין לחם:

מזבח) אלס א עולה. ווייל א עולה קאָן יעדער איינער ברענגן אלס א נדבה, אפילו ווען ער מוז ניט ברענגן א קרבן עולה. והשלמים, און די (בהמה וואָס זי האָט אָפּגעשיידט אלס) שלמים זאָל מען מקריב זיין אלס שלמים (ווייל אויך שלמים קאָן מען ברענגן אפילו ווען מען מוז ניט, נאָר אלס א נדבה), און זי ווערט געגעסן נאָר איין טאָג און איין נאכט, און זי דארף ניט האָבן קיין ברויט. דער דין איז, אז געוויינטליכע שלמים קאָן מען עסן דאָס פלייש דערפון 2 טעג און א נאכט, דעם טאָג ווען מען שעכט דעם קרבן, די נאכט דערנאָך און צומאָרגנס א גאנצן טאָג. אָבער דער קרבן שלמים פון א נזיר איז אן אויסנאם, און זיין פלייש קאָן מען עסן נאָר דעם טאָג ווען מען שעכט אים און די נאכט דערנאָך. אויך איז דער דין, אז צוזאמען מיט דעם קרבן שלמים האָט דער נזיר געדאַרפן מיטברענגען אלס קרבן ברויטן, אזעלכע פלעצל, רקיקי נזיר. זאָגט די משנה, אז כאָטש דער דאָזיקער קרבן שלמים איז דאָך שוין ניט אינגאנצן פון א נזירה, ווייל איר מאן האָט דאָך איר נזירות צעשטערט, פונדעסטוועגן טאָר מען אים ניט עסן מער ווי איין טאָג און א נאכט; אָבער קיין ברויטן, פלעצלעך, דאַרף מען ניט מיטברענגען מיט אים. מיט „אויב אירע זענען די בהמות" מיינט מען, ווען א פרעמדער מענטש האָט געגעבן דער פרוי די בהמות אָדער געלט צו קויפן די בהמות מיט דעם תנאי אז איר מאן זאָל אין זיי ניט האָבן קיין רשות. היו, אויב זי האָט (אָפּגעשיידט ניט בהמות, נאָר געלט צו קויפן קרבנות, און די) געלט זענען געווען ניט־באַשטימטע (סתומים, זי האָט ניט אָפּגעשיידט באזונדער געלט צו קויפן א חטאת, און באזונדער פאר עולה און באזונדער פאר שלמים, נאָר זי האָט סתם אָפּגעשיידט דאָס געלט) און דער מאן האָט איר דערנאָך צעשטערט די (נזירות), זאָל עס (דאָס געלט) אריינפאלן אין נדבה. מיט „נדבה" מיינט מען איבערגעבן דאָס געלט צו דער קאסע אין בית המקדש, וואָס האָט געהייסן נדבה, און פאר דעם געלט דערפון האָט מען געקויפט בהמות און מקריב געווען אויפן מזבח אלס עולות. זע מסכתא שקלים פרק ו' משנה ו'. מעות מפורשים, אויב דאָס געלט (וואָס זי האָט אָפּגעשיידט) איז געווען באַשטימט (א טייל דערפון איז געווען אפּגעשיידט צו קויפן א בהמה פאר א קרבן חטאת, א טייל פאר א עולה, און א טייל פאר שלמים, און דערנאָך האָט דער מאן צעשטערט איר נזירות), זאָל מען דאָס געלט פאר דעם קרבן חטאת אריינוואַרפן אין ים המלח. מחמת דאָס געלט האָט דעם דין ווי די בהמה פאר אקרבן חטאת, און מען דאַרף עס פארניכטן, ניט הנאה האָבן דערפון. די משנה זאָגט „אריינוואַרפן אין ים המלח", דעם געזאלצענעם (טויטן) ים, וואָס געפינט זיך אין דרום־מזרח פון ארץ ישראל, און מען מיינט דערמיט פארניכטן. לא נהנים, מען טאָר פון דעם (פון דעם חטאת־געלט) ניט הנאה האָבן, אָבער (אויב מען האָט הנאה געהאט) איז מען ניט מועל. אויב מען האָט הנאה פון א זאַך וואָס געהערט צום בית המקדש, פון הקדש, איז מען מיעל, מען דאַרף באצאָלן דעם קרן און נאָך צוליגן דאָס פינפטל, און ברענגען א קרבן מעולה; דאָס הייסט מועל געווען; זע אין דער הקדמה צו מסכתא מעילה(. אָבער ווייל דאָ דאַרף מען דאָס געלט סיי ווי אריינוואַרפן אין ים המלח, איז מען ניט מועל, אויב מען האָט הנאה געהאט דערפון. דמי עולה, דאָס געלט (וואָס זי האָט באַשטימט פאר דעם קרבן) עולה, זאָל מען (קויפן דערפאר א בהמה און זי) ברענגען אלס קרבן עולה. עס איז דערזעלביקער דין וואָס פריער אין דער משנה, ווען זי האָט אָפּגעשיידט א בהמה אלס עולה. ומועלים, און מען איז מועל אין דעם (עולה־געלט). ווייל פאר דעם געלט ברענגט מען דאָך א קרבן, הייסט עס ריכטיק הקדש־געלט, און ווער עס האָט הנאה דערפון איז מועל,

ה. נזרק עליה אחד מן הדמים, אינו יכול להפר. ר׳ עקיבא אומר, אפילו נשחטה עליה אחת מכל הבהמות, אינו יכול להפר. במה דברים אמורים? בתגלחת הטהרה, אבל בתגלחת הטומאה, יפר. שהוא יכול לומר, אי אפשי באשה מנוולת. רבי אומר אף בתגלחת הטהרה יפר, שהוא יכול לומר, אי אפשי באשה מגולחת.

ו. האיש מדיר את בנו בנזיר, ואין האשה מדרת את בנה בנזיר.

דארף באצאָלן דעם קרן און א פיפטל (דעם חומש) און ברענגן א קרבן מעילה. דמי שלמים, דאָס געלט (וואָס זי האָט באַשטימט פאר דעם קרבן) שלמים, זאָל מען (קויפן דערפאר א בהמה און זי) ברענגן אלס קרבן שלמים, און עס (דאָס פלייש פון דאָזיקן קרבן שלמים) ווערט געגעסן איין טאָג (און א נאכט) און ס׳דארף ניט האָבן קיין ברויט. **עס איז דערזעלביקער דין וואָס פריער אין דער משנה אויב זי האָט אָפּגעשיידט א בהמה פאר א קרבן שלמים.**

ה. נזרק, אויב (די פרוי וואָס איז געווען א נזירה האָט צום סוף פון איר נזירות געבראַכט די קרבנות) און דאָס בלוט פון איינעם (פון די קרבנות) איז שוין געשפּריצט געוואָרען (אויפן מזבח) פאר אירעטוועגן (עליה), קאָן ער (איר מאַן) שוין ניט צעשטערן (איר נזירות). **ווייל דאַמאָלס מעג זי שוין טרינקען ווייַן און זיך מטמא זיין צו מתים, דאריבער קאָן דער מאַן מער ניט צעשטערן איר נזירות, ווייל ער קאָן נור צעשטערן א נדר וואָס פייניגט זי (זע מסכתא נדרים פרק י״א משנה א׳) און איצט ווערט זי שוין ניט געפּייניקט.** ר׳ עקיבא זאָגט, אז אפילו מען האָט נור געשאָכטן פאר אירעטוועגן איינעם פון די קרבנות (כאָטש מען האָט נאָכניט געשפּריצט דאָס בלוט אויפ׳ן מזבח) קאָן ער אויך ניט צעשטערן. **כדי מען זאָל ניט דארפן פארניכטן דעם קרבן וואָס מען האָט געשאָכטן (הפסד קדשים).** במה, ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן (אז דער מאַן קאָן ניט צעשטערן דעם ווייבס נזירות)? ביים אָפּשערן פון א ריינער (נזירה), אָבער ביים אָפּשערן פון א טמא (נזירה) קאָן ער יאָ צעשטערן, ווייל ער (דער מאַן) קאָן זאָגן: „איך וויל ניט א פרוי וואָס איז פארמיאוסט״. **מיר האָבן געגעבן פריער פרק א׳ משנה ב׳, אז אויב א נזיר ווערט טמא, למשל, ער רירט אָן א מת, דארף ער זיין טמא 7 טעג און נאָכדעם ווי ער ווערט ריין דארף ער זיך אָפּשערן און ברענגען די קרבנות פון א טמא נזיר (א חטאת, א עולה און א אשם) און דערנאָך דארף ער אויפסניי ווערן א נזיר (לפּחות 30 טעג). זאָגט די משנה, אז אפילו מ׳האָט שוין געהאט געשאָכטן און מ׳האָט מקריב געווען די בהמות פון די קרבנות פון דער פרוי, דער נזירה, נאָכדעם ווי זי איז געווען טמא, קאָן דער מאַן יאָ צעשטערן איר נזירות, ווייל ער קאָן זאָגן, אז ער וויל ניט אז די פרוי זאָל ווייטער לפּחות 30 טעג זיך פייניגן דורך ניט טרינקען קיין ווייַן. מיט „מנוולת״, מיינט מען דאָ „זיך פארמיאוסן״, זיך אָפּהאַלטן פון ווייַנטרינקען. אָבער נאָכדעם ווי זי האָט געבראַכט די קרבנות אלס ריינע נזירה, תגלחת הטהרה, און זי דארף זיך אָפּשערן נאָכדעם ווי זי האָט געבראַכט די קרבנות און זי ווערט אויס נזירה, קאָן דער מאַן ניט צעשטערן איר נזירות, ווייל זי מעג דאָך שוין טרינקען ווייַן, כאָטש זי האָט זיך נאָכניט אָפּגעשוירן, ווי מיר האָבן פריער אין דער דאָזיקער משנה געלערנט.** רבי זאָגט, אז אויך ביים אָפּשערן פון א ריינער נזירה (תגלחת הטהרה, אָפּשערן אין ריינקייט, אין טהרה, צום סוף פון נזירות), קאָן ער (דער מאַן) אויך צעשטערן (זיין ווייבס נזירות, אפילו זי האָט שוין געבראַכט די קרבנות, אויב זי האָט זיך נאָכניט געהאט אָפּגעשוירן), ווייל ער קאָן זאָגן: „איך וויל ניט האָבן אן אָפּגעשוירן ווייב״. **רבי האלט אז דאָס אָפּשערן די האָר פון קאָפּ פון א פרוי מאַכט איר פארמיאוסט. די גמרא זאָגט, אז דער ערשטער תנא, דאָ אין דער משנה, וואָס זאָגט, אז ער קאָן ניט צעשטערן, האלט, אז דאָס הייסט ניט פארמיאוסט איר, ווייל זי קאָן זיך אָנטאָן פרעמדע האָר (פאה נכרית, א שייטל).**

ו. האיש, א מאַן (א פאָטער) קאָן מאַכן מיט א נדר זיין (יינגן) זון פאר נזיר, אָבער

כיצד ? גלח, או שגלחוהו קרוביו, מיחה, או שמיחו קרוביו; היתה לו בהמה מופרשת, החטאת תמות, ועולה תקרב עולה, והשלמים יקרבו שלמים, ונאכלין ליום אחד, ואינן טעונין לחם. היו לו מעות סתומין, יפלו לנדבה, מעות מפורשין, דמי חטאת ילכו לים המלח, לא נהנין ולא מועלין, דמי עולה, יביאו עולה, ומועלין בהן, דמי שלמים, יביאו שלמים ונאכלין ליום אחד, ואינן טעונין לחם:

ז. האיש מגלח על נזירות אביו, ואין האשה מגלחת על נזירות

א פרוי (א מוטער) קאָן ניט מאכן מאט א נדר איר (יינגן) זון פאר נזיר. **אויב א פאָטער זאָגט וועגן זיין זון, (ביז ער איז אלט 13 יאָר מיט א טאָג און ער האָט די 2 האָר די סימנים פון א דערוואקסענעם), אז ער זאָל זיין א נזיר, ווערט דער זון א נזיר, און ער דארף אָפהיטן אלע דינים פון נזירות. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז כדי מחנך צו זיין אים צו טאָן מצוות. און דאריבער קאָן א מוטער ניט מאכן איר זון פאר א נזיר, ווייל זי דארף אים ניט מחנך זיין צו טאָן מצוות. דער דין איז אז א פאָטער קאָן מאכן זיין זון פאר נזיר, נאָר ווען דער זון אָדער זיינע קרובים זענען ניט קייגן דעם, אָבער אויב זיי זיינען קייגן דעם, אפילו דער זון איז שוין געווען א נזיר, ווערט ער אויס נזיר.** כיצד, ווי אזוי? **וואָס זאָל דער פאָטער טאָן מיט די קרבנות, אויב דער זון ווערט אויס נזיר ?** גלח, אויב ער (דער זון אליין נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען נזיר) האָט זיך אָפגעשוירן, אָדער זיינע קרובים האָבן אים אָפגעשוירן (און דערמיט האָבן זיי גע־וויזן אז זיי זענען קייגן דער נזירות), אָדער ער (דער זון) האָט ווידערגעשפראָכן (גע־זאָגט אז ער וויל ניט) אָדער זיינע קרובים האָבן ווידערגעשפראָכן (גזאָגט, אז זיי ווילן ניט), אויב ער (דער פאָטער) האָט שוין געהאט אָפגעשיידט די בהמות (פאר די קרב־נות פון זיין זון׳ס נזירות), זאָל דער חטאת פגרן, און די עולה זאָל מען מקריב זיין אלס עולה, און די שלמים זאָל מען מקריב זיין אלס שלמים, און ער (דער קרבן שלמים) ווערט געגעסן איין טאָג (און א נאכט), און מיט אים (מיט דעם קרבן שלמים) דארף מען ניט (מיטברענגען) קיין ברויט. **עס איז דאָסזעלבע וואָס מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ד׳, ווען דער מאן האָט צעשטערט דעם ווייב׳ס נזירות; און אזוי איז אויך דאָ ווען דער זון אָדער די קרובים האָבן צעשטערט די נזירות וואָס דער פאָטער האָט ארויפגעלייגט אויף דעם זון.** היו לו, אויב (אנשטאט בהמות) האָט ער געהאט אָפגעשיידט אומבאשטימט געלט (צו קויפן די קרבנות פאר די נזירות פון זיין זון, און דער־נאָך האָט דער זון אָדער די קרובים האָבן ניט געוואָלט, און ער איז געוואָרן אויס נזיר), זאָל עס (דאָס געלט) פאלן (געגעבן ווערן צום בית המקדש) צו נדבה. אויב דאָס געלט איז געווען באשטימט (מעות מפורשין, באזונדער געלט פאר דעם קרבן חטאת, און באזונדער געלט פאר דעם קרבן עולה, און באזונדער געלט פאר דעם קרבן שלמים), זאָל דאָס געלט פאר דעם חטאת אריינגעוואָרפן ווערן אין ים המלח (פארניכטעט ווערן), ניט מעןמעג הנאה האָבן דערפון און ניט מען איז מועל (אויב מען האָט הנאה) דערפון; דאָס געלט פאר דער עולה, זאָל מען קויפן דערפאר א בהמה און זי ברענגען אלס עולה און מען איז מועל (אויב מען האָט הנאה) דערפון; דאָס געלט פאר שלמים זאָל מען (קויפן דערפאר א בהמה און זי) ברענגען אלס שלמים און עס ווערט געגעסן איין טאָג (און א נאכט) און עס דארף ניט האָבן קיין ברויט. **אויך דאָ איז עס דער־זעלביקער דין, וואָס פריער אין משנה ד׳, און דאָרט האָבן מיר מפרש געווען וואָס מען מיינט דערמיט; נאָר דאָרט האָט דער מאן צעשטערט דעם ווייב׳ס נזירות, און דאָ האָט דער זון אָדער די קרובים צונישט געמאכט די נזירות וואָס דער פאָטער האָט ארויפגעלייגט אויפן זון.**

ז. האיש מגלח, א מאנספערזאָן (א זון) קאָן זיך אָפשערן אויפן פאָטערס נזירות (־געלט), אָבער א פרוי (א טאָכטער) קאָן זיך ניט אָפשערן אויפן פאָטערס נזירות (־געלט). **מיט „אָפשערן" (מגלח) מיינט מען דאָ ברענגען די קרבנות, און דער טייטש איז אז**

אביה. כיצד? מי שהיה אביו נזיר, והפריש מעות סתומים על נזירתו, ומת, ואמר, הריני נזיר על מנת שאגלח על מעות אבא. אָמר ר׳ יוסי, הרי אלו יפלו לנדבה, אין זה מגלח על נזירות אביו; איזהו שמגלח על נזירות אביו? מי שהיה הוא ואביו נזירים, והפריש אביו מעות סתומים לנזירתו, ומת, זה הוא שמגלח על נזירות אביו:

פרק ה.

א. בית שמאי אומרים, הקדש טעות הקדש, ובית הלל אומרים אינו הקדש. כיצד? אָמר, שור שחור שיצא מביתי ראשון הרי הוא הקדש, ויצא לבן. בית שמאי אומרים, הקדש ובית הלל אומרים, אינו

אויב דער פּאָטער איז געווען א נזיר און האָט אָפּגעשיידט געלט צו ברענגען די קרבנות און ער איז געשטאָרבן און דער זון איז אויך א נזיר קאָן ער נוצן דעם פּאָטערס געלט און דערפאר ברענגען זיינע אייגענע נזירות־קרבנות. דאָס קאָן טאָן נור א זון, אָבער ניט א טאָכטער, אפילו אין פאל ווען זי ירשנט דעם פּאָטערס פארמעגן (זי האָט ניט קיין ברודער). דאָס איז א הלכה וואָס מען האָט מקבל געווען און קיינער איז ניט מחולק דערויף. די מחלוקה וואָס די משנה וועט באלד לערנען איז נור וועגן די פאלן, ווען קאָן א זון זיך אפשערן אויף זיין פּאָטערס נזירות־געלט. כיצד? ווי אזוי? אויב איינער האָט געהאט א פּאָטער א נזיר און ער (דער פּאָטער) האָט אָפּגעשיידט אומבאַשטימטע געלט (מעות סתומים, ער האָט ניט געזאָגט וועלכעס געלט זאָל זיין פאר א חטאת און וועלכעס פאר א עולה און וועלעכס פאר שלמים, נאָר סתם געלט) פאר זיין נזירות (צו ברענגען די קרבנות) און ער איז געשטאָרבן, און ער (דער זון) האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר מיט דעם תנאי אז איך זאָל מיך אָפּשערן (ברענגען מיינע קרבנות) מיט מיין פּאָטערס געלט״. **דער זון מעג נעמען דעם פּאָטערס געלט און דערפאר קויפן די קר־בנות פאר זיין אייגענע נזירות.** אָמר ר׳ יוסי, האָט ר׳ יוסי געזאָגט, אז דאָס געלט (וואָס דער פּאָטער האָט איבערגעלאָזט, און דער זון איז געוואָרן א נזיר נאָך זיין פּאָטערס טויט, קאָן דער זון ניט קויפן דערפאר קרבנות פאר זיין אייגענער נזירות נאָר עס) זאָל אריינפאלן אין נדבה (מען זאָל עס אוועקגעבן אין בית המקדש אלס נדבה), און ער שערט זיך ניט אָפּ פאר זיין פּאָטער׳ס נזירות (־געלט); וועלכער שערט זיך יאָ אָפּ פאר זיין פּאָטערס נזירות (־געלט)? אויב ער און זיין פּאָטער זענען (ביידע) געווען נזי־רים), און זיין פּאָטער האָט אָפּגעשיידט אומבאַשטימטע געלט (מעות סתומים) פאר (די קרבנות פון) זיין נזירות, און ער (דער פּאָטער) איז געשטאָרבן, דער דאָזיקער (זון) קאָן זיך אפשערן (ברענגען זיינע אייגענע נזירות־קרבנות) אויף זיין פּאָטערס נזירות (־געלט). **די הלכה איז ניט ווי ר׳ יוסי, און אין ביידע פאלן קאָן דער זון ברענגען זיינע קרבנות פון פּאָטערס נזירות־געלט, וועגן וואָרט „נדבה״, וואָס ר׳ יוסי זאָגט דאָ, זע פריער אין משנה ד׳.**

פרק ה.

א. בית שמאי, די בית שמאי זאָגן, אז הקדש (אויב איינער איז מקדיש א זאַך צום בית המקדש) דורך א טעות איז עס הקדש, און די בית הלל זאָגן, אז עס איז ניט קיין הקדש. **די בית שמאי לערנען עס אראָפּ פון „תמורה״, פון אויסטוישן; אז איינער טוישט אויס א בהמה, וואָס איז הקדש, אויף אן אנדערער בהמה, אפילו ער האָט עס געט־טאָן ניט ווילנדיק, דורך א טעות, זענען ביידע בהמות קודש (ויקרא כ״ז „והיה הוא ותמורתו יהיה קודש). און די בית הלל זאָגן, אז ביי תמודה איז דאָך שוין געווען איין בהמה הקדש (סוף הקדש), דאריבער איז שטארקער, אָבער דאָ איז דאָך נאָכניט גע־ווען קיין שום זאַך הקדש (תחילת הקדש) איז עס שוואכער.** כיצד? ווי אזוי? אויב ער האָט געזאָגט: „דער שווארצער אָקס וועלכער וועט ארויסגיין פון מיין הויז (פון מיין שטאל) דער ערשטער זאָל זיין הקדש״, און עס איז ארויסגעגאנגען א ווייסער (אָקס), זאָגן די בית שמאי אז ער (דער ווייסער אָקס) איז הקדש, און די בית הלל

הקדש:

ב. דינר זהב שיעלה בידי ראשון הרי הוא הקדש, ועלה של כסף, בית שמאי אומרים, הקדש, ובית הלל אומרים אינו הקדש. חבית של יין שתעלה בידי ראשונה הרי היא הקדש, ועלתה של שמן, בית שמאי אומרים הקדש ובית הלל אומרים, אינו הקדש:

ג. מי שנדר בנזיר, ונשאל לחכם ואסרו, מונה משעה שנדר. נשאל לחכם והתירו, היתה לו בהמה מפורשת, תצא ותרעה בעדר. אָמרו בית הלל לבית שמאי, אי אתם מודים בזה, שהוא הקדש טעות, שתצא

זאָגן, אז ער איז ניט קיין הקדש. **די משנה לערנט דאָ אין מסכתא נזיר דעם דאָזיקן דין פון הקדש דורך א טעות, ווייל זי וועט ווייטער אין משנה ג׳ לערנען א ענליכן דין וועגן נזירות. — איצט וועט די משנה באלד געבן נאָך ביישפּילן פון הקדש דורך א טעות.**

ב. (אויב ער זאָגט): „דער גאָלדענער דינר (גילדן) וואָס וועט מיר אָנקומען דער ערשטער אין מיין האנט (וואָס איך וויל דעם ערשטן ארויסנעמען) זאָל זיין הקדש״, און עס איז אָנגעקומען א זילבערנער (דינר), זאָגן די בית שמאי, אז ער איז הקדש, און די בית הלל זאָגן אז ער איז ניט קיין הקדש. (אויב ער זאָגט): „די פאס ווין וואָס וועט אָנקומען די ערשטע אין מיין האנט זאָל זיין הקדש״, און עס איז אָנגעקומען א פאס פון אייל, זאָגן די בית שמאי, אז זי איז הקדש, און די בית הלל זאָגן, אז זי איז ניט קיין הקדש. **די מפרשים זאָגן, אז אין דער משנה א׳ לערנט מען וועגן אן אָקס, וואָס ווערט דאָך הקדש „קדושת הגוף״, מען איז אים אליין מקריב אלס קרבן אויפן מזבח, און דאָ אין משנה ב׳ לערנט מען וועגן „קדושת דמים״, וועגן הייליקייט פון געלט, מחמת פאר דעם געלט און פאר די פאס קויפט מען ערשט זאכן פארן בית המקדש.**

ג.׳ מי שנדר, אויב איינער האָט געטאָן א נדר צו ווערן א נזיר (נאָר אזוי ווי עס איז אים געווען א ספק, צי ער האָט ריכטיק א נדר געטאָן, האָט ער דערווייל געטרונקן ווין), און ער איז געקומען צו א חכם (צו א דיין) צו פרעגן זיך (צי ער איז א נזיר) און ער (דער חכם) האָט אים געאסרט (געזאָגט אז ער איז א נזיר), ציילט ער (זיין נזירות) פון דער צייט ווען ער האָט געטאָן דעם נדר. **כאָטש ער האָט דאָך עובר געווען און געטרונקן וויין, ווערן אים די טעג פאררעכנט.** נשאל לחכם והתירו, אויב ער האָט זיך געפרעגט ביים חכם (ביים דיין) און ער האָט אים מתיר געמאכט (ער האָט אים געזאָגט, אז אזוי ווי ער האָט א נדר געטאָן איז ער ניט קיין נזיר), איז אויב ער האָט שוין געהאט אָפּגעשיידט א בהמה (בהמות פאר די קרבנות פון זיין נזירות) זאָל זי ארויסגיין און זיך פּאשן אין דער סטאדע. **די בהמות זענען ניט קיין הקדש.** אָמרו, האָבן די בית הלל געזאָגט צו די בית שמאי: צי זענט איר ניט מודה דאביי, אז דאָס איז א הקדש דורך א טעות, און אז זי (די בהמה) גייט ארויס און פאשעט זיך אין דער סטאדע? **די בית הלל האָבן געוואוסט, אז דאביי זענען אויך די בית שמאי מודה, אז די אָפּגעשיידטע בהמות זענען ניט קיין הקדש, און זיי פרעגן, פארוואָס האלטן די בית שמאי אז דאָ איז ניט קיין חקדש ווייל עס איז פאָרגעקומען דורך א טעות, טאָ פארוואָס ביים אָקס (פריער אין משנה א׳) און ביים דינר און פאס (פריער אין משנה ב׳), האלטן זיי, אז עס איז יאָ הקדש?** אָמרו להן בית שמאי, האָבן די בית שמאי געזאָגט צו די בית הלל: צי זענט איר דען ניט מודה (ביים איינעם וואָס שיידט אָפּ מעשר פון בהמות) אז אויב ער האָט זיך טועה געווען און אָנגערופן די ניינטע (בהמה) „צענטע״ (עשירי), און די צענטע (בהמה) „ניינטע״ (תשיעי), און די עלפטע (בהמה) „צענטע״ (עשירי), אז זיי זענען הייליק? **די בית שמאי ווילן ברענגען א ראיה, אז איינער איז מקדיש א זאך דורך א טעות איז עס יאָ הקדש, און זיי ברענגען עס פון מעשר בהמה. דער דין איז, אז איינער האָט כשרע בהמות, למשל שעפּסלעך, דארף ער אפּשיידן יעדעס צענ־**

ותרעה בעדר? אמרו להן בית שמאי, אי אתם מודים במי שטעה, וקרא לתשיעי עשירי, ולעשירי תשיעי, ולאחד עשר עשירי, שהוא מקודש? אמרו להם בית הלל, לא השבט קדשו, ומה אלו טעה והניח את השבט על שמיני, ועל שנים עשר, שמא עשה כלום? אלא כתוב שקדש העשירי, הוא קדש התשיעי ואת אחד עשר:

ד. מי שנדר בנזיר, והלך להביא את בהמתו ומצאה שנגנבה, אם עד שלא נגנבה בהמתו נזר, הרי זה נזיר; ואם משנגנבה בהמתו נזר,

טע שעפסל פאר מעשר בהמה, און דאָס צענטע שעפסל ווערט הקדש, און מען איז עס מקריב פאר א קרבן. דער בעל הבית פון די שעפסלעך לאָזט אריין די שעפסלעך אין שטאל, און לאָזט זיי צוריק ארויס איינציקווייז, און יעדעס שעפסל גיט ער א קלאַפּ מיט זיין רוט און ציילט זיי אָפּ כסדר: איינס, צוויי, און אזוי ווייטער, און דאָס צענטע שעפסל גיט ער א באשפריץ מיט רויטער פארב און זאָגט „דאָס צענטע", „עשירי", און דאָס שעפסל ווערט הייליק, מעשר בהמה. און דערנאָך ציילט ער ווייטער די געבליבענע שעפסלעך און דאָס צענטע שעפסל פון זיי ווערט הייליק מעשר בהמה. און אזוי כסדר. זאָגט די משנה אין מסכתא בכורות ט', ח', אז אויב ער האָט א טעות געהאַט ביים ציילן און האָט אָנגערופן דאָס ניינטע שעפסל „צענטע" (עשירי), און דאָס צענטע שעפסל „דאָס ניינטע" (תשיעי), און דאָס עלפטע שעפסל „דאָס צענטע" (עשירי), זענען אלע דריי הייליק (מען לערנט עס אָפּ פון פסוק אין ויקרא כ"ג „וכל מעשר בקר וצאן"). זאָגן דאָ די בית שמאי צו די בית הלל: איר זעט דאָך פון די שעפסלעך מעשר בהמה, אז אויב מען איז מקדיש דורך א טעות איז עס יאָ הקדש? אמרו להם בית הלל, האָבן די בית הלל צו זיי (צו די בית שמאי) געזאָגט: ניט די רוט (דאָס ציילן דורך א טעות) האָט זיי געמאַכט פאר הקדש, ווארום ווי וואָלט געווען ווען ער וואָלט זיך טועה געווען און ארויפגעלייגט די רוט אויף דעם אכטן (שעפסל און וואָלט עס אָנגערופן „דאָס צענטע") אָדער אויף דעם צוועלפטן (שעפסל, און וואָלט עס אָנגערופן „דאָס צענטע"), צי וואָלט ער דען עפּיס געמאַכט דערמיט? (זיי וואָלטן דאָך ניט געווען הייליק); נאָר דער פסוק (אין דער תורה) וואָס האָט (געזאָגט) אז דאָס צענטע איז הייליק, האָט אויך געזאָגט, אז עס זענען הייליק דאָס ניינטע און דאָס עלפטע (אויב מען האָט זיי אָנגערופן דורך א טעות „דאָס צענטע")! די בית הלל זאָגן, אז פון מעשר בהמה איז ניט קיין ראיה, מחמת דאָ האָט די תורה געמאַכט אן אויסנאַם ביים ניינטן און ביים עלפטן שעפסל, אז אויך דורך א טעות זענען זיי הקדש, און א ראיה איז דערצו, אז למשל ביים אכטן און ביים 12טן שעפסל איז שוין דער אויסנאַם ניטאָ. — די מפרשים זאָגן, אז דאריבער זענען די בית שמאי מודה ביי דער בהמה פון נזיר, ווייל דאָ איז ניט געווען א טעות אין דער זאַך, צי ער האָט געוואָלט מקדיש זיין די זאַך און ניט אן אנדערע זאַך, נאָר עס איז געווען א טעות אין דעם גאַנצן הקדש, מחמת עס האָט זיך דאָך ארויסגעוויזן אז ער איז גאָרניט געווען קיין נזיר, און אז ער האָט דאריבער די בהמות בכלל ניט געדארפן מקדיש זיין. — די גמרא זאָגט, אז אויך ביי מעשר בהמה, אויב ער האָט זיך ניט טועה געווען נאָר ער האָט בכוונה אָנגערופן דאָס ניינטע און דאָס עלפטע שעפסל, „דאָס צענטע" זיינען זיי אויך הקדש.

ד. מי, אויב איינער האָט א נדר געטאָן צו ווערן א נזיר און דערנאָך איז ער געגאַנגען ברענגען זיין בהמה (די בהמות וואָס ער דאַרף ברענגען פאר זיינע נזירות־קרבנות) און ער האָט אויסגעפונען אז מען האָט זי (די בהמות) צוגעגנבעט (און דאָס וואָס ער האָט גענומען אויף זיך די נזירות איז געווען ווייל ער האָט געמיינט אז ער האָט די בהמות פאר די קרבנות), איז (דער דין) אויב ער האָט געטאָן דעם נדר איידער מען האָט צוגעגנבעט זיינע בהמות איז ער א נזיר. און ער קאָן זיך ניט לאָזן דאדורך מתיר נדר זיין ביי א חכם, א דיין, ווייל די גנבה איז דאָך פאָרגעקומען שפּע־

אינו נזיר. וזו טעות טעה נחום המדי, כשעלו נזירים מן הגולה, ומצאו בית המקדש חרב. אָמר להם נחום המדי, אלו הייתם יודעים שבית המקדש חרב, הייתם נוזרים? אָמרו לו, לא. והתירן נחום המדי. וכשבא הדבר אצל חכמים, אָמרו לו, כל שנזר עד שלא חרב בית המקדש, נזיר; ומשחרב בית המקדש, אינו נזיר:

ה. היו מהלכין בדרך, ואחד בא כנגדן, אָמר אחד מהן, הריני נזיר שזה פלוני, ואחד אָמר, הריני נזיר שאין זה פלוני, הריני נזיר שאחד מכם נזיר, שאין אחד מכם נזיר, ששניכם נזירים, שכולכם נזירים, בית שמאי אומרים, כולן נזירים. ובית הלל אומרים אינו נזיר, אלא מי שלא

טער, און עס הייסט „נולד״, א זאך וואָס איז געבוירן געוואָרן שפּעטער, נאָכן טאָן דעם נדר, און מיר האָבן געלערנט אין מסכתא נדרים פרק ט׳ משנה ב׳, אז מיט א „נולד״ קאָן מען זיך ניט מתיר נדר זיין.ואם משנגנבה, און אויב ער האָט א נדר געטאָן נאָכדעם ווי מען האָט ביי אים צוגעגנבעט זיינע בהמות, איז ער ניט קיין נזיר. ווייל ער קאָן זאָגן, אז ווען ער וואָלט דאמאָלס געוואוסט, אז מען האָט אים די בהמות צוגעגנבעט, וואָלט ער ניט געטאָן דעם נדר; און אויף דעם דאָזיקן יסוד קאָן אים דער חכם מתיר נדר זיין. וזו טעות, און דעם דאָזיקן טעות האָט זיך טועה געווען נחום פון מדי (נחום המדי), ווען נזירים זענען געקומען פון גלות (פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל), און זיי האָבען געפונען דעם בית המקדש חרוב (און זיי האָבן ניט געהאט וואו צו ברענגן זייערע נזיר-קרבנות); האָט צו זיי נחום המדי געזאָגט: „ווען איר וואָלט געוואוסט, אז דאָס בית המקדש וועט זיין חרוב וואָלט איר געוואָרן נזירים?״, האָבן זיי געזאָגט צו אים: „ניין״, און נחום המדי האָט זיי מתיר געמאכט. ער האָט זיי מתיר נדר געווען די נזירות און זיי געמאכט פאר אויס נזירים. וכשבא, און ווען די זאך איז געקומען פאר די חכמים, האָבן זיי צו אים (צו נחום) געזאָגט, אז יעדער וואָס איז געוואָרן א נזיר איידער דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן איז א נזיר, און (דער וואָס איז געוואָרן א נזיר) נאָכדעם ווי דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז ניט קיין נזיר. דער טעם איז דערזעלביקער וואָס מיר האָבן געהאט פריער אין דער משנה ביי דער גנבה פון די בהמות; מחמת דער חכם קאָן ניט מתיר נדר זיין צוליב א „נולד״, צוליב א זאך, וואָס איז געוואָרן ערשט נאָכדעם ווי דער מענטש האָט געטאָן דעם נדר.

ה. היו, אויב זיי (זעקס מענטשן) זענען געגאנגען אין וועג, און איינער איז גע־קומען זיי אנטקייגן, און איינער פון זיי (פון די זעקס מענטשן) האָט געזאָגט : „איך זאָל זיין א נזיר אז דאָס איז יענער מענטש״ (ער האָט אָנגערופן דעם מענטש ביים נאָמען), און איינער פון זיי האָט געזאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר אז דאָס איז ניט יענער מענטש״, (און דער דריטער האָט געזאָגט צו די ערשטע צוויי): „איך זאָל זיין א נזיר, אז קיין איינער פון אייך איז ניט קיין נזיר״, און א פירטער האָט געזאָגט צו זיי: („איך זאָל זיין א נזיר) אז קיין איינער פון אייך איז ניט קיין נזיר״, (און א פיפ־טער האָט געזאָגט צו זיי) : „אז איר זענט ביידע נזירים״ (און דער זעקסטער האָט געזאָגט): „אז איר זענט אלע נזירים״, — זאָגן די בית שמאי, אז אלע זענען נזירים. ווייל די בית שמאי האלטן, אז ווען מען נעמט אָן נזירות אפילו דורך א טעות איז מען א נזיר, פונקט ווי זיי האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳ אז ווען מען איז מקדיש א זאך אפילו דורך א טעות איז די זאך הקדש. ובית הלל, און די בית הלל זאָגן, אז עס איז ניט (קיינער פון זיי) קיין נזיר, סיידן דער וואָס זיינע ווערטער זענען ניט מקויים געוואָרן (זיינען געווען ניט ריכטיק). די גמרא פרעגט, סטייטש, עס דארף דאָך זיין פארקערט, אז א נזיר זאָל זיין דער וואָס זיינע ווערטער זיינען יאָ מקויים געוואָרן? און איין תירוץ אין דער גמרא, איז אז עס דארף זיין אין דער משנה „דער וואָס זיינע ווערטער זיינען מקויים געוואָרן״. ור׳ טרפון, און ר׳ טרפון זאָגט, אז קיינער

נתקיימו דבריו. ור׳ טרפון אומר, אין אחד מהם נזיר:

ו. הרתיע לאחוריו, אינו נזיר. ר׳ שמעון אומר, יֹאמַר, אם היה כדברי, הריני נזיר חובה, ואם לאו, הריני נזיר נדבה:

ז. ראה את הכוי, ואָמַר, הריני נזיר שזה חיה, הריני נזיר שזה אינו חיה, הריני נזיר שזה בהמה, הריני נזיר שאין זה בהמה, הריני נזיר שזה חיה ובהמה, הריני נזיר שאין זה לא חיה ולא בהמה, הריני נזיר שאחד מכם נזיר, הריני נזיר שאין אחד מכם נזיר, הריני נזיר שכולכם נזירים, הרי כולם נזירים:

פון זיי אזי ניט קיין נזיר. די גמרא זאָגט, אז דער טעם פון ר׳ טרפון איז, ווייל אין דער תורה (במדבר ו׳) איז פאראן „כי יפלא — נזיר להזיר״ לערנט מען דערפון אז נזירות נעמט מען אויף זיך נור מיט „הפלאה״, מיט דייטליכקייט, דאָס הייסט, אז בשעת ער טוט א נדר צו ווערן א נזיר, זאָל דער מענטש וויסן דייטליך, מיט זיכער־קייט, אז ער איז געוואָרן א נזיר, און ווייל די דאָזיקע מענטשן האָבן דאָך עס ניט געוואוסט בשעת זיי האָבן געטאָן דעם נזירות־נדר, זענען זיי ניט קיין נזירים.

ו. הרתיע, אויב ער (דער מענטש וואָס איז זיי אנטקייגן־געקומען) האָט זיך צוריק אויסגעדרייט (הרתיע לאחוריו), איז קיינער ניט קיין נזיר. ווייל א מענטש וויל זיך ניט ארייַנלאָזן אין א ספק, און ווייל דער מענטש האָט זיך אויסגעדרייט, און איז אוועק, און מען ווייסט ניט ווער ער איז געווען, קומט דאָך אויס, אז יעדער פון די מענטשן (פון דער פריערדיקער משנה) דארף זיין א נזיר צוליב ספק, און דאָס האָבן זיי זיכער ניט געוואָלט ווען זיי האָבן געזאָגט זייערע ווערטער, און דעריבער איז קיינער פון זיי ניט קיין נזיר. ר׳ שמעון זאָגט, אז ער (יעדער פון זיי זאָל איצט אויפס־ניי נעמען אויף זיך צו זיין א נזיר און) זאָל זאָגן: אויב עס איז געווען ווי מיינע ווערטער, בין איך א נזיר צוליב דעם חוב (ווייל איך בין דאָך פריער געוואָרן א נזיר), און אויב ניט בין איך א נזיר פרייוויליק (נעם איך אויף זיך איצט צו זיין א נזיר). ר׳ שמעון האלט, אז ווען מען איז אין א ספק צי מען איז א נזיר, דארף מען מחמיר זיין און יאָ האלטן די נזירות; אָבער אזוי ווי מען דארף דאָך ברענגען די נזירות-קרבנות, און טאָמער איז מען ניט קיין נזיר טאָר מען דאָך די קרבנות ניט ברענגען, דעריבער זאָל יעדער אויסנעמען א תנאי, אז אויב ער איז ניט קיין נזיר נעמט ער אויף זיך איצט צו זיין א נזיר אלס נדבה, פרייוויליק.

ז. ראה, אויב (זעקס מענטשן) האָבן געזען א כוי (א בופלאקס, וועגן וועלכן עס איז א ספק צי ער איז א חיה צי א בהמה, צי ער איז ניט קיין חיה און ניט קיין בהמה נאָר א באשעפעניש פאר זיך), און (איינער פון זיי האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר, אז דאָס איז א חיה״, (און דער צווייטער האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר אז דאָס איז ניט קיין חיה״, (און דער דריטער האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר אז דאָס איז א בהמה״, (און א פירטער האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר אז דאָס איז ניט קיין בהמה״, (און א פיפטער האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר אז דאָס איז א חיה און א בהמה״, (און דער זעקסטער האָט געזאָגט): „איך זאָל זיין א נזיר אז דאָס איז ניט קיין חיה און ניט קיין בהמה״, (און דערנאָך זענען געקומען דריי אנדערע מענטשן, און איינער פון זיי האָט געזאָגט צו די ערשטע זעקס): „איך זאָל זיין א נזיר אז איינער פון אייך איז א נזיר״, (און איינער האָט געזאָגט צו זיי): „איך זאָל זיין א נזיר אז קיין איינער פון אייך איז ניט קיין נזיר״, (און איינער האָט געזאָגט צו זיי): „איך זאָל זיין א נזיר אז איר זענט אלע נזירים״, — זענען אלע נזירים. לויט די בית שמאי (פריער אין משנה ה׳) זענען זיי אלע זיכערע נזירים, און לויט די בית הלל זענען זיי נזירים צוליב ספק. א טייל פון דער דאָזיקער משנה איז אויך פאראן אין מסכתא ביכורים פון ב׳ משנה יא, וואו עס ווערט בכלל געלערנט וועגן די דינים פון א כוי (א בופלאקס).

פרק ו.

א. שלשה מינין אסורין בנזיר : הטומאה, והתגלחת, והיוצא מן הגפן. וכל היוצא מן הגפן מצטרפין זה עם זה. ואינו חייב עד שיאכל מן הענבים כזית; משנה ראשונה, עד שישתה רביעית יין. ר׳ עקיבא אומר, אפילו שרה פתו ביין, ויש בה כדי לצרף כזית, חייב :

ב. וחייב על היין בפני עצמו, ועל הענבים בפני עצמן, ועל החרצנים, בפני עצמן, ועל הזגים בפני עצמן, ר׳ אליעזר בן עזריה אומר, אין חייב עד שיאכל שני חרצנים וזגן. אלו הן חרצנים, ואלו הן זגים:

פרק ו.

א. שלשה, דריי סאָרטן (זאכן) זענען אסור ביי א נזיר: מטמא זיין זיך (צו א טויטן מענטשן), שערן זיך, און וואָס עס קומט ארויס פון א ווייַנשטאָק. מיר האָבן וועגן די דריי זאכן געגעבן אין דער הקדמה צו דער מסכתא. מיט „היוצא מן הגפן״, „וואָס עס קומט ארויס פון ווייַנשטאָק״, מיינט מען ווייַנטרויבן סיי פייַכטע און סיי טרוקענע, די קערנדלעך און די שאָלעכץ פון ווייַנטרויבן און ווייַן. וכל היוצא, און אלץ וואָס קומט ארויס פון ווייַנטרויבן רעכנט זיך צוזאמען (זענען זיך מצרף) איינס מיט דעם אנדערן. דער דין איז אז ווען א נזיר עסט ווייַנטרויבן אזוי פיל וויפיל עס איז די גרויס ווי אן איילבירט, כזית קומט אים קלעפּ, מלקות. זאָגט די משנה אז אויך אויב ער עסט א כזית פון אלץ צוזאמען, פון פייַכטע און טרוקענע ווייַנטרויבן און פון די קערנדלעך און פון די שאָלעכץ קומט אים מלקות. ואינו חייב, און ער איז ניט חייב (עס קומט דעם נזיר ניט קיין מלקות) סיידן ער עסט פון ווייַנטרויבן ווי א כזית. ער טאָר ניט עסן אויך ווייַניקער פון א כזית, אָבער מלקות קומט אים נאָר פאר עסן א כזית. און דאָס זעלביקע האלט די דאָזיקע משנה אז אויך פאר טרינקען א כזית ווייַן קומט אים מלקות. מען טוט אריין אן איילבירט אין א פולן כוס ווייַן, און וויפיל עס גיסט זיך אריבער הייסט דער שיעור פון א כזית ווייַן. משנה ראשונה, די ערשטע משנה (האָט געזאָגט, אז ער איז ניט חייב קיין מלקות ביים טרינקען ווייַן) סיידן ער טרינקט א קוואטירל ווייַן. „רביעית״ א קוואטירל מיינט א פערטל פון א „לוג״, א פערטל פון א קוואָרט. לויט טייל מפרשים האלט די ערשטע משנה אז אויך פאר עסן ווייַנטרויבן קומט דעם נזיר מלקות נור ווען ער עסט א קוואטירל ווייַנטרויבן. ר׳ עקיבא זאָגט אז אפילו איינער (א נזיר) ווייקט איין זיין ברויט אין ווייַן, און אין אים (אין דעם ברויט) איז פאראן מצרף צו זיין (צוזאמען מיט דעם ווייַן) א כזית (אזוי גרויס ווי אן איילבירט) איז ער חייב (קומט אים מלקות). ר׳ עקיבא האלט, אז ביי א נזיר איז סיי ביים עסן ווייַנטרויבן און סיי ביים טרינקען ווייַן דער שיעור א כזית, און ער האלט אויך אז ביי נזיר איז „היתר מצטרף לאיסור״, דאָס ברויט, וואָס איז מותר, אויב אָבער דער נזיר האָט עס אייַנגעווייקט אין ווייַן, ווערט עס גערעכנט אזוי ווי ווייַן און אויב עס איז פאראן אין ברויט צוזאמען מיטן ווייַן א כזית, קומט דעם נזיר מלקות.

ב. וחייב, און ער (דער נזיר) איז חייב (עס קומט אים מלקות) אויף דעם ווייַן באַזונדער און אויף די ווייַנטרויבן באַזונדער און אויף די קערנדלעך (חרצנים) באַזונדער און אויף די שאָלאכץ (זגים) באַזונדער. אויב ער האָט געטרינקען ווייַן א כזית, און געגעסן ווייַנטרויבן א כזית און געגעסן די קערנדלעך און די שאָלעכץ צו כזית, קומט אים 4 מאָל מלקות, פאר יעדן באַזונדער. ר׳ אלעזר בן עזריה זאָגט, אז ער איז ניט חייב סיידן ער עסט צוויי קערנדלעך מיט זייער שאָלעכץ. דאָס ווערט אָפּגעלערנט פון פסוק אין במדבר ו׳ „מחרצנים ועד זג״, און די קלענסטע צאָל פון לשון רבים, פון מערצאָל „חרצנים״ (קערנדלעך) איז צוויי, און איין שאָלעכץ (זג). אלו, דאָס זענען

חרצנים אלו החיצונים, הזגים אלו הפנימים, דברי ר׳ יהודה. ר׳ יוסי אומר, שלא תטעה, כזוג של בהמה, החיצון זוג, והפנימי עינבל.

ג. סתם נזירות שלשים יום. גלח, או שגלחוהו לסטים, סותר שלשים יום. נזיר שגלח בין בזוג בין בתער, או שסיפסף כל שהוא, חייב. נזיר חופף ומפספס, אבל לא סורק. ר׳ ישמעאל אומר, לא יחוף באדמה, מפני שמשרת את השער:

ד. נזיר שהיה שותה יין כל היום, אינו חייב אלא אחת. אָמרו לו, אל תשתה אל תשתה, והוא שותה, חייב על כל אחת ואחת. היה מגלח כל

„חרצנים״ און דאָס זענען „זגים״: „חרצנים״ הייסן די אויסערליכע (די שאָלאכץ) און „זגים״ הייסן די אינערליכע (די קערנדלעך; ר׳ יוסי זאָגט, אז כדי דו זאָלסט ניט א טעות האָבן (זאָלסטו נעמען א סימן) דאָס גלעקל (וואָס הענגט אויפן האלדז) פון א בהמה, דאָס אויסערליכע הייסט זוג, און דאָס אינערליכע הייסט עינבל. ר׳ יוסי קריגט אויף ר׳ יהודה און האלט, אז „חרצנים״ מיינט די קערנדלעך, און „זגים״ הייסט די שאָלעכץ. „עינבל״ איז דאָס גריכישע וואָרט „עמבאָלאָן״, דאָס קלאָפּערל, דאָס קיי־לעכיק דיק שטיקל אינוויניק פון גלעקל, וואָס קלאַפּט אין דעם גלעקל.

ג. סתם, אומבאשטימטע (סתם) נזירות איז דרייסיק טעג. אויב איינער זאָגט, אז ער זאָל זיין א נזיר, און ער זאָגט ניט וויפיל טעג, איז ער א נזיר 30 טעג. די דאָ־זיקע הלכה האָבן מיר שוין געהאט פריער פרק א׳ משנה ג׳. גלח, אויב א נזיר האָט (אין מיטן פון דער צייט פון זיין נזירות) זיך אָפּגעשוירן, אָדער גזלנים האָבן אים אָפּ־געשוירן, צושטערט עס דרייסיק טעג. ער מוז וואַרטן דרייסיק טעג ביז צום סוף פון זיין נזירות. למשל אויב ער האָט נאָך צו זיין נזיר 10 טעג, מוז ער זיין נזיר 30 טעג. אויב אָבער ער האָט נאָך סיי ווי צו זיין נזיר 30 טעג, צושטערט עס גאָרניט, נאָר ער איז נזיר די 30 טעג. דער טעם איז, וואָס צום סוף פון דער נזירות דאַרף ער זיך אָפּשערן, און עס איז אָנגענומען, אז דער נזיר דאַרף צום אפשערן זיך האָבן אויפן קאָפּ האָר וואָס זיינען געוואַקסן לפּחות 30 טעג. נזיר, אויב א נזיר האָט זיך געשוירן (אין דער צייט פון זיין נזירות, וועו ער טאָר זיך ניט שערן) סיי מיט א שער (זוג) סיי מיט א גאָל־מעסער (תער), אָדער ער האָט ארויסגעריסן (ספסף) עטוואָס (אפילו איין האָר) איז ער חייב. עס קומט אים קלעפּ, מלקות, פאַר עובר זיין אויף דער עבירה ניט צו שערן זיך. די גמרא לערנט עס אָפּ פון פסוק במדבר ו׳ „לא יעבור״, אז ער טאָרניט אראָפּ־נעמען האָר מיט קיין זאַך וואָס נעמט אראָפּ (לרבות כל המעבירין). נזיר חופף, א נזיר מעג זיך רייבן (די האר) און פונאנדערוואַרפן די האָר (מפספס, פונאנדערנעמען קנוילן האָר, אויב ער איז נאָר ניט מכוון אפּצורייסן), אָבער ער טאָרניט קעמען. ווייל ביים פונאנדערוואַרפן איז דאָך מעגליך, אז ער זאָל ניט אויסרייסן האָר; אָבער ביים קעמען מוזן ווערן האָר אויסגעריסן, און דעריבער כאָטש ער האָט ניט איינגעזען אויסצורייסן טאָר מען ניט. ר׳ ישמעאל זאָגט, אז ער (א נזיר) טאָר ניט רייבן (די קאָפּ האָר) מיט ערד ווייל עס מאַכט ארויספאַלן די האָר. און עס איז דאָסזעלביקע וואָס געקעמט מיט א קאָם. „משרת״ איז פון „נשר״, ארויספאַלן. עס איז פאַראַן א סאָרט ערד וואָס דאָ־דורך פאַלן די האָר ארויס.

ד. נזיר, א נזיר וואָס האָט געטרונקען וויין א גאַנצן טאָג, איז ער חייב (קומט אים קלעפּ, מלקות) ניט מער ווי איינמאָל. כאָטש עס קומט דאָך קלעפּ פאַר טרינקען איין קוואַ־טירל (אָדער א כזית וויין), און ער האָט דאָך געטרונקען א גאַנצן טאָג א סך קוואַטירלעך, פונדעסטוועגן קומט אים נאָר איינמאָל מלקות. דאָס איז דערפאַר וואָס כדי איינער, וואָס איז עובר א עבירה זאָל באַקומען מלקות, דאַרף מען אים וואָרנען, „מתרה״־זיין, פאַרן טאָן די עבירה; מען דאַרף אים זאָגן, אז ער זאָל זי ניט טאָן. און ווייל מען האָט דעם נזיר דאָ געוואָרנט נאָר איינמאָל, קומט אים נאָר איינמאָל מלקות. אָמרו, אויב מענטשן האָבן אים געזאָגט (ביי יעדן קוואַרטירל וויין טרינקען): „זאָלסט ניט טרינקען!״,

הַיּוֹם, אֵינוֹ חַיָּב אֶלָּא אַחַת. אָמְרוּ לוֹ, אַל תְּגַלַּח, אַל תְּגַלַּח, וְהוּא מְגַלֵּחַ, חַיָּב עַל כָּל אַחַת וְאַחַת. הָיָה מִטַּמֵּא לְמֵתִים כָּל הַיּוֹם, אֵינוֹ חַיָּב אֶלָּא אַחַת. אָמְרוּ לוֹ, אַל תִּטַּמָּא, אַל תִּטַּמָּא, וְהוּא מִטַּמֵּא, חַיָּב עַל כָּל אַחַת וְאַחַת:

ה. שְׁלֹשָׁה מִינִין אֲסוּרִין בַּנָּזִיר: הַטֻּמְאָה, וְהַתִּגְלַחַת, וְהַיּוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן. חֹמֶר בְּטֻמְאָה וּבְתִגְלַחַת מִבְּיוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן, שֶׁהַטֻּמְאָה וְהַתִּגְלַחַת סוֹתְרִין, וְהַיּוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן אֵינוֹ סוֹתֵר. חֹמֶר בְּיוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן מִבְּטֻמְאָה וּבְתִגְלַחַת, שֶׁהַיּוֹצֵא מִן הַגֶּפֶן לֹא הֻתַּר מִכְּלָלוֹ, וְטֻמְאָה וְתִגְלַחַת הֻתְּרוּ

„זאָלסט ניט טרינקען!״, און ער האָט געטרונקען, איז ער חייב (קומט אים קלעפּ) פאַר יעדן (טרונקען) באַזונדער. **ווייל מען האָט דאָך אים געוואָרנט, מתרה געווען, פאַר יעדן טרינק באַזונדער.** היה מגלח, אויב ער (דער נזיר) האָט זיך געשוירן (די האָר) א גאַנצן טאָג (און מען האָט אים געוואָרנט נור איין מאָל) איז ער חייב (קומט אים מלקות) ניט מער ווי איינמאָל; (אויב אָבער) מענטשן האָבן אים געזאָגט (ביי יעדעס מאָל שערן): „זאָלסטו זיך ניט שערן!״ „זאָלסטו זיך ניט שערן!״, און ער האָט זיך געשוירן, איז ער חייב (קומט אים מלקות) פאַר יעדעס מאָל (שערן) באַזונדער. **מחמת עס זענען דאָך געווען באַזונדערע וואָרנונגען, באַזונדערע התראות.** היה מטמא, אויב ער (דער נזיר) האָט זיך מטמא געווען צו מתים (למשל, ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין אָנרירן טויטע מענטשן) א גאַנצן טאָג (און מען האָט אים געוואָרנט נור איינמאָל) איז ער חייב (קומט אים מלקות) ניט מער ווי איינמאָל; (אויב אָבער) מענטשן האָבן אים געזאָגט (ביי יעדעס מאָל מטמא זיין זיך): „זאָלסטו זיך ניט מטמא זיין!״ „זאָלסטו זיך ניט מטמא זיין!״, איז ער חייב (קומט אים מלקות) פאַר יעדעס מאָל (מטמא זיין זיך). **עס איז אַלץ דערזעלביקער טעם, ווייל עס זענען געווען באַזונדערע וואָרנונגען.**

ה. שלשה, דריי סאָרטן (זאַכן) זענען אסור ביי א נזיר; מטמא זיין זיך (צו א מת), שערן זיך, און וואָס עס קומט אַרויס פון ווייַנשטאָק (ווייַן־שטאָק־פּרוכטן, עסן ווייַן־טרויבן, טרינקען ווייַן). **די זעלביקע משנה האָבן מיר געהאַט פריער אין משנה א׳. דאָ ווערט עס געלערנט צוליב די ווייטערדיקע ווערטער.** חומר, עס איז האַרבער ביי (די איסורים פון) מטמא זיין און פון אָפּשערן ווי ביי (דעם איסור פון) ווייַנשטאָק־פּרוכטן (דערמיט), וואָס דאָס מטמא־זיין־זיך, און דאָס אָפּשערן־זיך צעשטערן, און דאָס (עסן אָדער טרינקען) ווייַנשטאָק־פּרוכטן (ווייַנטרויבן אָדער ווייַן) צעשטערט ניט. **מיר האָבן פריער געלערנט אז אויב א נזיר האָט אין דער צייט פון דער נזירות זיך מטמא גע־ווען צו א מת, ווערן צעשטערט אַלע טעג וואָס ער איז שוין געווען נזיר, זיי פאַלן אַוועק, און ער מוז אויפסנייַ אָנהייבן זיין נזירות. מיר האָבן אויך געלערנט, אַז אויב א נזיר האָט זיך אָפּגעשוירן מוז ער וואַרטן לפּחות 30 טעג ביז צום סוף פון זיין נזירות (אפילו ער האָט ניט געהאַט מער ווי איין טאָג צו וואַרטן) כדי ער זאָל האָבן אויפן קאָפּ האָר פון לפּחות 30 טעג. דאָס הייסט זיי צושטערן די טעג. אָבער אויב א נזיר האָט געטרונקען ווייַן צושטערט עס ניט די פריערדיקע טעג, און ער דאַרף ניט אָנהייבן צו זיין נזיר פון דאָסנייַ. ער האָט נור עובר געווען א עבירה, אָבער די אַלע טעג ביז איצט ווערן אים פאַררעכנט, זיי ווערן ניט צושטערט.** חומר ביוצא, עס איז האַרבער ביים (איסור פון) ווייַנשטאָק־פּרוכטן ווי ביי (די איסורים פון) מטמא־זיין־זיך און פון אָפּשערן זיך, (דערמיט) וואָס ביים (איסור) פון ווייַנשטאָק־פּרוכטן איז ניט דערלויבט קיינמאָל (עס איז ניט פאַראַן קיין היתר פון דעם כלל איסור ניט צו טרינקען ווייַן אָדער צו עסן ווייַנטרויבן), און (די איסורים פון) מטמא זיין־זיך און פון אָפּשערן זיך זענען יאָ דערלויבט טיילמאָל (עס איז פאַראַן טיילמאָל א היתר, דהיינו) ביים אָפּ־שערן זיך צוליב א מצוה וועגן, און ביים (מטמא־זיין־זיך) צו א מת מצוה. **עס זענען פאַראַן טיילמאָל פאַלן ווען עס איז א מצוה צו טרינקען ווייַן, למשל צו קידוש שבת. פונדעסטוועגן טאָר א נזיר אויך צו קידוש ניט טרינקען קיין ווייַן; די גמרא לערנט עס**

מכללן, בתגלחת מצוה ובמת מצוה. וחומר בטומאה מבתגלחת, שהטומאה סותרת את הכל, וחייבין עליה קרבן, ותגלחת אינו סותרת אלא שלשים יום, ואין חייבין עליה קרבן:

ו. תגלחת הטומאה כיצד? היה מזה בשלישי ובשביעי, ומגלח בשביעי, ומביא קרבנותיו בשמיני. ואם גילח בשמיני, מביא קרבנותיו בו ביום, דברי ר׳ עקיבא. אָמר לו רבי טרפון, מה בין זה למצורע? אָמר

אָפּ פון פסוק אין במדבר ו׳ „מיין ושכר יזיר״, אז אויך מצוה־ווײַן טאָר דער נזיר ניט טרינקען. אָבער עס איז פאראן אמאָל ווען עס איז א מצוה פאר דעם מענטש זיך אָפּצושערן, למשל ווען איינער איז געווען א מצורע און ער איז געוואָרן ריין זאָגט די תורה אין ויקרא י״ד, אז ער דארף זיך אָפּשערן (וגלח את כל שערו), און דער דין איז אז אפילו דער ריין־געוואָרענער מצורע איז א נזיר, דארף ער זיך אָפּשערן, ווייל די מצות עשה פון אפשערן זיך פון מצורע שטופּט אוועק, איז דוחה די „לא תעשה״, דעם איסור ניט אָפּצושערן זיך פון נזיר. אויך איז דען דין, אז אויב א נזיר איז אין וועג און געפינט א טויטן מענטש, א מת מצוה, דאָס הייסט, אז קיין אנדערער לעבעדיקער מענטש איז דאביי ניט פאראן, און אויף דעם נזיר אַליין איז די מצוה קובר צו זיין דעם מת, דארף דער נזיר זיך יאָ מטמא זיין צום דאָזיקן מת און אים קובר זיין; מען לערנט עס אָפּ פון פסוק במדבר ו׳ „לאביו ולאמו לא יטמא״, אז אָבער צו א מת מצוה זאָל זיך דער נזיר יאָ מטמא זיין. וחומר בטומאה, און עס איז הארבער ביים (איסור פון) מטמא־זיין־זיך ווי ביים (איסור) אָפּצושערן זיך, (דערמיט) וואָס דאָס מטמא זיין־זיך צעשטערט אלץ (אלע טעג וואָס דער נזיר איז געווען נזיר, און ער דארף אָנהייבן זיין נזיר פון דאָסניי). און ער דארף ברענגען דערויף א קרבן. אָבער דאָפּ אפשערן זיך צעשטערט ניט מער ווי דרייסיק טעג (ער דארף ווארטן פון אפשערן זיך ביז צום סוף נזירות לפּחות דרייסיק טעג), און ער דארף ניט ברענגען דערויף א קרבן. **מיר האָבן פריער פרק א׳ משנה ב׳ געלערנט (און מיר וועלן עס באלד לערנען ווייטער אין משנה ו׳) אז א נזיר ווערט טמא (פון א מת) דארף ער ווארטן 7 טעג ביז ער ווערט טהור, און זיך אָפּשערן און דערנאָך ברענגען קרבנות, און ער הויבט אָן צו ציילן זיין נזירות אויפסניי, פון אָנהויב אָן, אָבער אז א נזיר האָט זיך אפּגעשוירן דארף ער ניט ברענגען קיין קרבנות.**

ו. תגלחת, ווי אזוי קומט פאָר דאָס אָפּשערן זיך פון טומאה (פון א נזיר וועלכער ווערט טמא)? (אויב א נזיר איז טמא געוואָרן דורך א מת), האָט ער זיך געלאָזט באשפּריצן (מיט דעם פּרה־אדומה־אש־וואסער) דעם דריטן (טאָג זינט ער איז טמא געוואָרן) און דעם זיבטן (טאָג), און ער האָט זיך אָפּגעשוירן דעם זיבטן טאָג (און האָט זיך טובל געווען) און האָט געבראַכט זיינע קרבנות דעם אכטן טאָג. **די קרבנות זענען (ווי עס ווערט געזאָגט אין במדבר ו׳) א פּאר טויבן, איינע פאר א עולה (וואָס ווערט פארברענט אויפן מזבח) און איינע פאר א חטאת (וואָס איר פלייש עסן די כהנים), און א שעפּסל פאר א קרבן אשם (וואָס דאָס פלייש דערפון עסן די כהנים). נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אלץ געטאָן הייסט ער צוריק א ריינער נזיר, און ער דארף אויפסניי אָנהייבן ציילן זיינע נזירות טעג פון אָנהויב אָן.** ואם, און אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן (ניט אים זיבעטן טאָג נאָר) אין אכטן טאָג, קאָן ער ברענגען זיינע קרבנות אין זעלביקן טאָג, אזוי זאָגט ר׳ עקיבא. **און ער דארף ניט ווארטן מיט די קרבנות ביז צומאָרגנס דעם ניינטן טאָג.** אָמר לו, האָט צו אים (צו ר׳ עקיבא) געזאָגט ר׳ טרפון: פאר וואָס זאָל זיין אן אונטערשיד צווישן דעם (נזיר טמא) און א מצורע? **דער דין איז, אז א מצורע ווערט אויס מצורע און ער ווערט ריין, דארף ער אויך ווארטן 7 טעג, און דעם 7טן טאָג זיך אָפּשערן, און צומאָרגנס, דעם 8טן טאָג, דארף ער ברענגען זיינע קרבנות; און אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן דעם 8טן טאָג, קאָן ער ברענגען זיינע קרבנות ערשט דעם 9טן טאָג. פרעגט ר׳ טרפון, פארוואָס מעג דער טמא־נזיר, ווען ער ווערט ריין**

לו, זה טהרתו תלויה בימיו, ומצורע טהרתו תלויה בתגלחתו, ואינו מביא קרבן אלא אם כן היה מעורב שמש:

ז. תגלחת הטהרה כיצד? היה מביא שלש בהמות, חטאת, עולה ושלמים, ושוחט את השלמים, ומגלח עליהם, דברי ר׳ יהודה. ר׳ אליעזר אומר, לא היה מגלח אלא על החטאת, שהחטאת קודמת בכל מקום. ואם גילח על אחד משלשתן, יצא:

ח. רבן שמעון בן גמליאל אומר, הביא שלש בהמות ולא פירש,

און ער שערט זיך אָפּ דעם 8טן טאָג, יאָ ברענגען זיינע קרבנות אינם זעלביקן 8טן טאָג? אָמר לו, האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו אים (צו ר׳ טרפון): דער דאָזיקער (דער טמא נזיר) איז זיין ריינקייט אָפּהענגיק פון זיינע טעג (אויב ער וואַרט זיבן טעג און ער איז זיך טובל ווערט ער ריין), אָבער דער מצורע איז זיין ריינקייט אָפּהענגיק פון זיין אָפּשערן זיך, און ער קאָן ניט ברענגען דעם קרבן סיידן ער איז אריבער דעם זון־אונטערגאַנג (מעורב שמש, עס איז אריבער אַן אוונט נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעשוירן). **ר׳ עקיבא זאָגט, אַז ווייל אַ מענטש וואָס איז טמא געוואָרן דורך אַ מת, ווערט ריין נאָכן 7טן טאָג, ממילא קאָן דער טמא נזיר דעם 8טן טאָג שוין ברענגען זיינע קרבנות. אָבער אַ מצורע ווערט ריין נור נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעשוירן און דערנאָך זיך טובל געווען, דעריבער אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן און זיך טובל געווען דעם 8טן טאָג, מוז ער דאָך וואַרטן ביז עס ווערט אוונט, ווען ער ווערט אַ „מעורב שמש״, און רעשט צומאָרגנס דעם 9טן טאָג קאָן ער ברענגען דעם קרבן. לויט דעם טייטש פון רש״י און פון רמב״ם (אין „יד החזקה״) זענען די לעצטע ווערטער פון דער משנה „ואינו מביא קרבן אלא אם כן היה מעורב שמש״, אַ גאַנץ באַזונדערער דין, און גייט ניט אַרויף אויף דעם מצורע נאָר אויף דעם נזיר טמא, דהיינו, אַז אויב ער האָט זיך ניט טובל געווען דעם 7טן טאָג, נאָר אין עטליכע טעג שפּעטער, קאָן ער ברענגען זיינע קרבנות ערשט צומאָרגנס, נאָכן טאָג ווען ער האָט זיך טובל געווען, ווייל ער מוז זיין צום ברענגען די קרבנות אַ מעורב שמש, עס מוז האָבן אריבערגעגאַנגען אַ זון־אונטערגאַנג, אַן אוונט נאָכדעם ווי ער האָט זיך טובל געווען.**

ז. תגלחת הטהרה, ווי אַזוי איז פאָרגעקומען דאָס אפּשערן פון ריינקייט? **דאָס הייסט, ווען דער נזיר האָט צום סוף פון זיין נזירות, געדאַרפט ברענגען די קרבנות און אָפּשערן זיך, און דערמיט ווערן אויס נזיר?** היה, ער (דער נזיר) האָט געבראַכט (קרבנות) דריי בהמות, (איינע פאַר) אַ חטאת (וואָס דאָס פלייש דערפון עסן די כהנים), און (איינע פאַר) אַ עולה (וואָס מען איז אינגאַנצן מקריב אויפן מזבח), און (איינע פאַר) שלמים (וואָס דאָס פלייש ווערט געגעסן אויך דורך אַ ישראל), און ער שעכט די שלמים, און ער שערט זיך אָפּ אויף זיי (אויף דעם קרבן שלמים), אַזוי זאָגט ר׳ יהודה. **לויט ר׳ יהודה האָט דער נזיר צוערשט געדאַרפט ברענגען** (שעכטן) **דעם קרבן שלמים און דערנאָך זיך אפּשערן.** ר׳ אלעזר זאָגט, אַז ער האָט זיך אָפּגעשוירן ניט (אויף אַן אַנדערן קרבן) נאָר אויפן קרבן חטאת (ער האָט צוערשט געדאַרפט שעכטן דעם קרבן חטאת און דערנאָך זיך אָפּשערן), ווייל דער (קרבן) חטאת איז דער ערשטער אומעטום. **לויט ר׳ יהודה האָט מען דעם שלמים געשאָכטן פריער, און לויט ר׳ אלעזר האָט מען צוערשט געשאָכטן דעם קרבן חטאת.** ואם גילח, און אויב ער (דער נזיר) האָט זיך אָפּגעשוירן אויף איינעם פון די דריי (קרבנות) האָט ער יוצא געווען. **אויב ער האָט צוערשט געשאָכטן למשל דעם קרבן עולה און האָט זיך אָפּגעשוירן, איז דאָס אפּשערן גוט, ער איז יוצא דערמיט.**

ח. ר׳ שמעון בן גמליאל זאָגט, אויב ער (אַ נזיר) האָט געבראַכט דריי בהמות, און ער האָט ניט אַרויסגעזאָגט (ער האָט ניט באַשטימט, וועלכע פון זיי זאָל זיין פאַר אַ חטאת, און וועלכע פאַר אַ עולה און וועלכע פאַר שלמים), איז די (בהמה), וועלכע טויג (ראויה, טויג) פאַר אַ חטאת, זאָל מען מקריב זיין פאַר אַ חטאת, און וועלכע טויג

הראויה לחטאת תקרב חטאת, לעולה, תקרב עולה, לשלמים, תקרב שלמים. היה נוטל שער ראש נזרו ומשלח תחת הדוד. ואם גילח במדינה (לא) היה משלח תחת הדוד׳ במה דברים אמורים? בתגלחת הטהרה; אבל בתגלחת הטומאה לא היה משלח תחת הדוד. ר׳ מאיר אומר, הכל משלחין תחת הדוד, חוץ מן הטמא שבמדינה בלבד:

ט. היה מבשל את השלמים או שלקן, הכהן נוטל את הזרוע בשלה מן האיל וחלת מצה אחת מן הסל ורקיק מצה אחד, ונותן על כפי הנזיר

פאר א עולה זאָל מען מקריב זיין פאר א עולה, און די וועלכע איז גוט פאר שלמים זאָל מען מקריב זיין פאר שלמים. פאר א חטאת דארף זיין א שעפּסל א נקבה, און פאר א עולה א שעפּסל א זכר, און פאר שלמים (פון א נזיר) דארף זיין א איל, א ווידער (א באראן, א שעפּס א זכר עלטער פון 1 יאָר מיט 30 טעג). כאָטש ביי אנדערע בהמות־קרבנות דארף דער בעל הבית פון זיי זאָגן צו וואָסער קרבן זיי זיינען, אָבער דאָ ביים נזיר, ווייל צו יעדן קרבן מוז מען האָבן אן אנדערע בהמה, דעריבער ווען ער זאָגט סתם זיינען די דאָזיקע בהמות פאר די קרבנות. היה, (נאָכדעם ווי מען האָט מקריב געווען די קרבנות) האָט דער נזיר גענומען די האָר פון זיין נזירות־קאָפּ (וועלכע ער האָט זיך אָפּגעשוירן), און ער האָט זיי ארונטערגעלייגט אין דעם פייער אונטער דעם קעסל. דאָ מיינט מען אונטער דעם קעסל, אין וועלכן עס קאָכט זיך דאָס פלייש פון קרבן שלמים. אָבער אויב ער האָט זיי פארברענט אונטער דעם קעסל מיט דער פלייש פון קרבן חטאת איז ער אויך יוצא. ואם, און אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן (ניט אין בית המקדש נאָר) אין דער שטאָט (במדינה, אין דער שטאָט ירושלים) האָט ער גע-דארפט שיקן (פארברענען די האָר) אונטער דעם קעסל. די גמרא איז גורס אין דער משנה, אז ער האָט „ניט געדארפן" פארברענען אונטער דעם קעסל. וועגן „מדינה" אלס ירושלים זע מסכתא שקלים פרק א׳ משנה ג׳. דער אויסדרוק פריער אין משנה „שער ראש נזרו" איז פון במדבר ו׳, י"ח, און דער טייטש איז די קרוין־האָר (נזר, קרון) פון זיין קאָפּ, און עס קאָן אויך זיין אז מיט „נזרו" מיינט מען „פון זיין נזירות". במה, ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? אז מען דארף פארברענען די האָר אונטער דעם קעסל? בתגלחת הטהרה, ביי דעם אָפּשערן פון ריינקייט (ווען א ריינער נזיר שערט זיך אָפּ צום סוף פון זיין נזירות). אָבער ביים אפשערן פון טומאה (ווען א טמא נזיר שערט זיך אָפּ נאָכן ווערן ריין און ער דארף אָנהויבן ציילן נאָכאמאָל זיינע נזירות־טעג) האָט ער ניט געשיקט (ניט פארברענט די האָר) אונטער דעם קעסל. וועגן „תגל-חת הטומאה", אָפּשערן צוליב טומאה, האָבן מיר געלערנט פריער אין משנה ו׳. ר׳ מאיר זאָגט, אז אלע דארפן שיקן (פארברענען זייערע האָר) אונטער דעם קעסל, מיטן אויסנאם פון א טמא נזיר אין דער שטאָט (אין ירושלים). עס דארפן פארברענען די האָר סיי א ריינער נזיר אין בית המקדש, סיי א ריינער נזיר אין ירושלים, סיי א נזיר טמא אין בית המקדש; עס דארף נאָר ניט פארברענען א נזיר טמא, וועלכער האָט זיך אָפּגעשוירן אין ירושלים; זיינע האָר ווערן באגראָבן.

ט. היה, (נאָכדעם ווי) מען האָט אָפּגעקאָכט (דאָס פלייש פון קרבן) שלמים, אָדער מען האָט זיי שטארק איינגעקאָכט (שלקן), האָט דער כהן גענומען די איינגעקאָכטע פלייצע (ביים פאָדערשטן פוס, זרוע) פון דעם ווידער (פון דעם „איל", פון דעם באַ־ראַן, וואָס מען האָט געבראַכט פאר שלמים), און ער האָט ארויסגענומען איין חלה־מצה פון קויש (חלות־מצות וואָס דער נזיר האָט געבראַכט מיט די קרבנות) און פלעצל־מצה (רקיק, פון די פלעצעל־מצות וואָס דער נזיר האָט געבראַכט מיט די קרבנות) און ער האָט זיי ארויפגעלייגט אויף דער האַנט פון נזיר, און האָט זיי אויפגעהויבן, — און דערנאָך איז דער נזיר געוואָרן מותר צו טרינקן וויין און צו מטמא זיין זיך צו מתים. דערמיט איז ער געוואָרן אויס נזיר. וועגן די אלע זאַכן ווערט געלערנט אין חומש במדבר ו׳. איין דעה אין מסכתא חולין ד"ח איז אז מיט „זרוע בשלה" מיינט מען ניט

ומניפן, ואחר כך הותר הנזיר לשתות יין ולהטמא למתים. ר' שמעון אומר, כיון שנזרק עליו אחד מן הדמים, הותר הנזיר לשתות ביין ולהט־מא למתים:

י. גלח על הזבח ונמצא פסול, תגלחתו פסולה, וזבחיו לא עלו לו. גלח על החטאת שלא לשמה, ואחר כך הביא קרבנותיו לשמן, תגלחתו פסולה, וזבחיו לא עלו לו. גלח על העולה, או על השלמים שלא לשמן, ואחר כך הביא קרבנותיו לשמן, תגלחתו פסולה, וזבחיו לא עלו לו. ר' שמעון אומר, אותו הזבח לא עלה לו, אבל שאר זבחים עלו לו. ואם גלח

„איינגעקאָכטע" נאָר א „גאנצע". **די חלות און די פלעצל האָבן געדארפן זיין „מַצות", ניט קיין חמץ.** ר' שמעון זאָגט, אז ווי נור מען האָט געשפריצט (אויפן מזבח) צוליב אים (פאר דעם נזיר'ס וועגן) איינעם פון די בלוט (דאָס בלוט פון איינעם פון די דריי קרבנות, אָדער פון חטאת, אָדער פון דער עולה אָדער פון שלמים) איז דער נזיר (שוין) מותר געוואָרן צו טרינקן וויין און מטמא זיין זיך צו מתים. **און ער דארף ניט ווארטן מיטן טרינקן וויין און מטמא זיין זיך צו מתים ביז דער כהן וועט אָפּטאָן די אלע זאכן וואָס די משנה האָט דאָ געלערנט.**

י. גלח, אויב ער (דער נזיר) האָט זיך אָפּגעשוירן אויף איין קרבן (זבח, איינעם פון די דריי קרבנות) און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער (דער קרבן) איז געוואָרן פסול,(ווי למשל, זיין בלוט האָט זיך אויסגעגאָסן, אָדער ער איז טמא געוואָרן), איז זיין אָפּשער פסול, און די (אנדערע צוויי) קרבנות (וואָס ער האָט מקריב געווען נאָכן דאָ־זיקן פסולן אפשערן זיך) ווערן אים ניט פארערכנט (לא עלו לו). **און דער נזיר מוז ווארטן 30 טעג ביז עס וועלן אים אָנוואקסן אנדערע האָר, און ברענגען אנדערע דריי קרבנות און דאמאָלס זיך אָפּשערן.** גלח, אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן אויפן קרבן חטאת, וואָס מען האָט (געשאכטן אָדער געשפריצט דאָס בלוט אָדער געטאָן דערמיט אן אנדערע עבודה) ניט פאר דעם חטאת־נאָמען (נאָר מען האָט דאָס געטאָן אין נאָמען פון אן אנדערער קרבן), און דערנאָך האָט ער געבראכט זיינע (אנדערע צוויי) קרבנות (די עולה און שלמים) יאָ פאר זייער נאָמנס וועגן, איז זיין אָפּשערן פסול, און די קרבנות ווערן אים ניט פארערכנט. **די משנה אין זבחים פרק א' משנה א' לערנט, אז א קרבן חטאת וועלכן מען שעכט אָדער מען טוט אן אנדערע עבודה ניט „פאר זיין נאָמען" (שלא לשמה) ניט אלס חטאת, נאָר אלס אן אנדערער קרבן, למשל אלס עולה, איז דער חטאת פסול, און ממילא איז אויך זיין אפשערן פסול, און אויך די אנדערע צוויי קרבנות ווערן אים ניט פארערכנט, ווי די משנה האָט פריער געלערנט.** גלח, אויב ער האָט זיך אָפּגעשוירן אויף דעם קרבן עולה אָדער אויף דעם קרבן שלמים ניט פאר זייער נאָמנס וועגן, און דערנאָך האָט ער געבראכט די אנדערע צוויי קרבנות (דעם חטאת און די שלמים, אָדער די עולה) פאר זייער נאָמנס וועגן, איז זיין אָפּשערן פסול, און זיינע קרבנות ווערן אים ניט פארערכנט. **כאָטש א עולה אָדער שלמים, וועלכע מען שעכט אָדער מען טוט אן אנדערע עבודה ניט פאר זייער נאָמנס וועגן (שלא לשמן) זענען כשר (זע זבחים פרק א' משנה א'), אָבער זיי ווערען ניט פארערכנט פאר א עולה פון נזיר און פאר שלמים פון נזיר, נאָר סתם פאר א עולה פון א נדבה צי פאר שלמים פון א נדבה, און ער מוז ברענגען א אנדערע עולה און אנדערע שלמים, און דאריבער הייסט דאָך עס ווי ער האָט זיך אָפּגעשוירן ניט אויף זיינע קרבנות, און דאָס אפשערן זיך איז פסול.** ר' שמעון זאָגט, אז (נור) דער דאָזיקער קרבן (די עולה אָדער שלמים וואָס ער האָט געשאָכטן ניט פאר זייער נאָמנס וועגן) ווערן אים ניט פארערכנט, אָבער זיינע (אנדערע צוויי) קרבנות ווערן אים יאָ פארערכנט. **און דאָס אָפּשערן זיך איז כשר, ווייל ר' שמעון האלט, אז אפילו א נזיר ברענגט סתם א עולה און שלמים אלס נדבה און ער שערט זיך אָפּ אויף זיי איז דאָס אפשערן זיך כשר.**

על שלשתן, ונמצא אחד מהן כשר, תגלחתו כשרה, ויביא שאר זבחים:
יא מי שנזרק עליו אחד מן הדמים, ונטמא. ר׳ אליעזר אומר, סותר את הכל, וחכמים אומרים יביא שאר קרבנותיו ויטהר. אָמרו לו, מעשה במרים התרמודית, שנזרק עליה אחד מן הדמים, ובאו ואמרה לה על בתה שהיתה מסוכנת, והלכה ומצאה שמתה, ואָמרו חכמים, תביא שאר קרבנותיה, ותטהר:

פרק ז.

א. כהן גדול, ונזיר, אינן מיטמאין בקרוביהן, אבל מיטמאין למת מצוה. היו מהלכים בדרך ומצאו מת מצוה, ר׳ אליעזר אומר, יטמא כהן

ואס, און אויב ער (א נזיר) האָט זיך אָפגעשוירן אויף אלע דריי קרבנות, און (דערנאָך) האָט זיך געפונען איינער פון זיי כשר (און די אנדערע צוויי פסול) איז זיין אָפשערן כשר, און ער דארף צוברענגען די איבריקע (צוויי) קרבנות. **ווארים מיר האָבן דאָך געלערנט (פריער משנה ז׳) אז אויב ער האָט זיך אָפגעשוירן אויף איינעם פון די דריי קרבנות איז דאָס אָפשערן זיך כשר.**

יא. אויב מען האָט פאר איינעם (א נזיר) געשפריצט (אויפן מזבח) איינעם פון די בלוטן (אָדער פון חטאת, אָדער פון דער עולה, אָדער פון שלמים), און ער (דער נזיר) איז טמא געוואָרן (למשל ער האָט אָנגערירט א מת, איידער מען האָט מקריב געווען די איבריקע קרבנות), זאָגט ר׳ אליעזר אז ער צושטערט אלץ. **מיט אלץ מיינט מען ניט, אז ער דארף זיין ווידער נזיר אויפסניי אלע נזירות טעג; ווארום ר׳ אליעזר האלט דאָך פריער פרק ד׳ משנה ד׳ אז אויב א נזיר איז טמא געוואָרן נאָכן פארענדיקן זיין נזירות צושטערט ער נור 7 טעג. נאָר מען מיינט, אז ער מוז ווארטן 7 טעג ביז ער ווערט ריין און דארף ברענגען אלע קרבנות, אפילו דעם קרבן וואָס ער האָט גע־בראכט איידער ער איז טמא געוואָרן.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז ער דארף ברענגען (נור) די איבריקע קרבנות און ווערן ריין. **דער טייטש איז, אז ער דארף ברענגען די איבריקע קרבנות, ווען ער וועט ווערן ריין, דאָס הייסט, נאָך 7 טעג. אָבער דעם איינעם קרבן, וואָס ער האָט שוין געבראכט, דארף ער ניט ברענגען נאָכאמאָל.** אָמרו לו, האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים (צו ר׳ אליעזר), עס איז געווען א מעשה מיט מרים התרמודית (פון דער שטאָט תרמוד, אָדער פון דער שטאָט תדמור), וואָס (איז געווען א נזירה און) מען האָט געהאט געשפריצט פאר איר איינס פון די בלוטן (דאָס בלוט פון איין קרבן), און מען איז געקומען און מען האָט איר געזאָגט, אז איר טאָכטער איז אין לעבנס־געפאר (מסוכנת, האלט ביים שטארבן), און זי איז געקומען (אין הויז וואו די טאָכטער איז געלעגן) און האָט זי געטראָפן אז זי איז שוין געווען טויט (און זי, מרים, איז טמא געוואָרן ווייל זי איז געווען מיט א מת אין איין הויז), און די חכמים האָבן געזאָגט, אז זי זאָל ברענגען אירע איבריקע (צוויי) קרבנות, און ווערן ריין. **אויך דאָ מיינט מען, אז זי זאָל די אנדערע צוויי קרבנות ברענגען נאָכדעם ווי זי וועט ריין ווערן; אָבער דעם ערשטן קרבן האָבן זיי איר ניט געהייסן ברענגען נאָכאמאָל. „תרמוד״, צי „תדמור״ האָט געהייסן די שטאָט „פאלמירא״ אין דער מדבר צו מזרח-צפון פון ארץ ישראל.**

פרק ז.

א. כהן גדול, א כהן גדול און אנזיר טאָרן זיך ניט מטמא זיין צו זייערע קרובים. **אויב א נאָהענטער קרוב (למשל א פאָטער צי א מוטער צי א ברודער) איז געשטאָרבן טאָר דער כהן גדול און דער נזיר זיך ניט צורירן צום מת, ניט זיין מיט אים אונטער איין דאך, ניט טראָגן אים; א פשוטער כהן מעג יאָ זיך מטמא זיין צו קרובים. וועגן כהן גדול און דעם פשוטן כהן ווערט געלערנט אין ויקרא כ״א, און וועגן נזיר אין במדבר ו׳.** אבל, אָבער זיי מעגן זיך מטמא זיין צו א מת מצוה. **אויב דער כהן גדול (און אודאי דער פשוטער כהן) אָדער דער נזיר איז אין וועג און געפינט א מת, און עס**

גדול ואל יטמא נזיר, וחכמים אומרים יטמא נזיר ואל יטמא כהן גדול. אָמר להם רבי אליעזר, יטמא כהן, שאינו מביא קרבן על טומאתו, ואל יטמא נזיר, שהוא מביא קרבן על טומאתו. אָמרו לו, יטמא נזיר שאין קדושתו קדושת עולם, ואל יטמא כהן, שקדושתו קדושת עולם:

ב. על אלו טומאות הנזיר מגלח: על המת, ועל כזית מן המת, ועל כזית נצל, ועל מלא תרוד רקב, על השדרה, ועל הגולגולת, ועל אבר מן המת ועל אבר מן החי שיש עליו בשר כראוי, ועל חצי קב

איז ניט פאראַן קיין אנדערער לעבעדיקער מענטש קובר צו זיין דעם מת, מעג דער כהן גדול צי דער נזיר זיך מטמא זיין צו אים און אים קובר זיין. דאָס הייסט א „מת מצוה״, ווייל אויף דעם כהן גדול צי דעם נזיר ליגט די מצוה אים קובר צו זיין. היו, אויב זיי (א כהן גדול אָדער א פשוטער כהן, און א נזיר) זענען געגאנגען אין וועג (דער כהן צוזאמען מיט דעם נזיר) און זיי האָבן געפינען א מת מצוה, זאָגט ר׳ אליעזר אז עס זאָל זיך מטמא זיין (קובר צו זיין דעם מת) דער כהן גדול, און עס זאָל זיך ניט מטמא זיין דער נזיר, און די חכמים זאָגן אז עס זאָל זיך מטמא זיין דער נזיר, און עס זאָל זיך ניט מטמא זיין דער כהן גדול (צי דער פשוטער כהן). די משנה וועט באלד לערנען דעם טעם פון ביידע. אָמר להם, האָט ר׳ אליעזר געזאָגט צו זיי (צו די חכמים): עס זאָל זיך (גלייכער) מטמא זיין דער כהן, מחמת ער דאַרף ניט ברענגען קיין קרבן פאר זיין מטמא זיין זיך, און עס זאָל זיך ניט מטמא זיין דער נזיר, מחמת ער דאַרף ברענגען א קרבן פאר זיין מטמא זיין זיך. דער נזיר, אויב ער ווערט טמא, דאַרף דערנאָך ווען ער ווערט ריין ברענגען קרבנות, די קרבנות טומאה, ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ו׳ משנה ו׳. אָמרו לו. האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים (צו ר׳ אליעזר): עס זאָל זיך (גלייכער) מטמא זיין דער נזיר, מחמת זיין הייליקייט (זיין נזירות) איז ניט קיין הייליקייט פון אייביק, און עס זאָל זיך ניט מטמא זיין דער כהן, מחמת זיין הייליקייט איז א הייליקייט פון אייביק. דער נזיר איז ניט געבוירן געוואָרן באלד א נזיר, און דער גרעסטער טייל נזירים זענען נאָר אויף א צייט; אָבער דער כהן איז געבוירן געוואָרן א כהן און ער בלייבט שטענדיק א כהן.

ב. על אלו, אויף די דאָזיקע טומאות דאַרף דער נזיר זיך אפשערן. מיר האָבן פריער אין פרק ו׳ משנה ו׳ און נאָך אין אנדערע משנות געלערנט, אז אויב א נזיר ווערט טמא, דאַרף ער ווארטן 7 טעג און ווערן ריין, און זיך אָפשערן און ברענגען קרבנות (צוויי טויבן און א שעפּסל), און דערנאָך אָנהייבן אויפסניי זיין נזירות פון אָנהייב אָן, און די אלע טעג וואָס ער איז געווען נזיר איידער ער איז טמא געוואָרן פאלן־אוועק, זענען צעשטערט (דאָס טמא ווערן איז סותר, צעשטערט די טעג). אָבער ניט יעדע טומאה, ניט יעדע זאַך, דורך וועלכע א נזיר איז געוואָרן טמא, מאכט אז דער נזיר זאָל זיך דארפן אפשערן, ברענגען קרבנות און זי צעשטערט די ביז־איצטיקע נזירות־טעג. די משנה זאָגט דאָ אז נור צוליב איינע פון די טומאות, וועלכע די משנה וועט באלד אויסרעכענען, דאַרף דער נזיר זיך אָפשערן (דאָס הייסט אויך ברענגען קרבנות) און זיי צעשטערן די ביז־איצטיקע טעג. אויב ער איז טמא געוואָרן דורך איינע פון זיי. דאָס זיינען: על המת, צוליב א מת (א טויטן מענטש). אפילו דער קערפּער פון מת איז ניט גאנץ, נאָר עס איז פאראַן פון אים צוויי זייטן און איין קני, אָדער עס איז פאראַן דער רוב פון זיינע גלידער, דאָס הייסט 125 גלידער (אברים, א גאנצער קערפּער האָט 248 אברים), אפילו זיי פארנעמען ניט קיין פערטל טאָפּ, ווי די משנה וועט ווייטער לערנען. ועל כזית מן המת, און צוליב א כזית פון א מת. דאָס מיינט מען א שטיקל פלייש פון א טויטן מענטש, וואָס איז ניט קלענער פון אן איילבירט„ פון א כזית. ועל כזית נצל, און צוליב א כזית פליסיקייט (פון א מת). „נצל״ מיינט דאָס פליסיקייט וואָס גייט ארויס פון דעם פלייש פון א מת, ווען עס ווערט פארשימלט. אין אראמיש הייסט „נצלא״, אזוי ווי „נזל״ אין לשון קודש, פליסיקייט.

עצמות, ועל חצי לוג דם, על מגען, ועל משאן, ועל אהלן, ועל עצם כשעורה על מגעו, ועל משאו על אלו הנזיר מגלח. ומזה בשלישי ובשביעי, וסותר את הקודמין, ואינו מתחיל למנות אלא עד שיטהר, ומביא את קרבנותיו:

ג. אבל הסככות והפרעות, ובית הפרס; וארץ העמים, והגולל

ועל מלא תרווד רקב, און אויף א פולן לעפל פון פארפוילטקייט. אויך דאָ מיינט מען פון א פארפוילטן (רקב) מת. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז נור ווען דער גאנצער קערפער פון מת איז באגראָבן געוואָרן נאַקעט, אָהן תכריכים, אין א מאַרמאָרנעם ארון, כדי עס זאָל ניט זיין צוגעמישט קיין אנדערע פארפוילטע זאך, נאָר דער קערפער פון מת. „תרווד" הייסט א לעפל, און די גמרא זאָגט, אז דער שיעור איז וויפיל מען קאָן ארייננעמען אין א פולער האנט (לויט אן אנדערער דעה, אין ביידע הענט). על השדרה, צוליב דעם רוקן-ביין (דער שדרה, פון א מת). אפילו עס האָט ניט אויף זיך קיין שום פלייש. ועל הגלגולת, און צוליב דעם קאָפּ־שיידל (גלגולת, פון א מת). אויך דאָ אפילו ס'האָט ניט קיין פלייש אויף זיך. ועל אבר מן המת ועל אבר מן החי שיש עליהן בשר כראוי, און צוליב אן אבר (א גליד) פון אמת, אָדער צוליב א אבר (א גליד) וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון א לעבעדיקן מענטש, אויב עס איז פאראן אויף אים פלייש גענוג (כראוי). מען מיינט, אז אפילו עס איז ניט פאראַן אויף זיי קיין כזית פלייש; ווארום א כזית פלייש אליין האָט דאָך די משנה פריער געזאָגט איז גענוג. אָבער עס איז פאראן אויף זיי (אָדער אויף דעם גליד פון מת צי אויף דעם אָפּגעשניטענעם גליד פון לעבעדיקן) גענוג פלייש, אז ווען זיי וואָלטן ניט געווען אָפּגעשניטן פון א לעבעדיקן מענטש וואָלטן זיי צוריק געוואָרן פארהיילט. ועל חצי קב עצמות, און אויף א האלב טאָפּ ביינער (פון א מת), ועל חצי לוג דם, און אויף א האלבע קוואָרט בלוט (פון א מת). איצט לערנט די משנה, ווי אזוי זאָל דער נזיר טמא ווערן דורך איינער פון די אלע דערמאָנטע טומאות. על מגען, אויב (דער נזיר) רירט זיי אָן (איינער פון די דערמאָנטע זאכן, מגע), אָדער אויב ער טראָגט זיי (משא) אָדער ער איז מיט זיי אין איין געצעלט (אהל, אונטער איין דאך); ועל עצם כשעורה. און אויף א ביינדל (פון א מת) וואָס איז (ניט קלענער פון) א גערשטן (נור) אויב דער נזיר רירט עס אָן (דאָס ביינדל) אָדער ער טראָגט עס (מגע אָדער משא). אָבער ניט אויב ער איז מיט אזא ביינדל אונטער איין דאך (אהל, אין איין געצעלט). על אלו, אויף די דאָזיקע זאכן (וואָס די משנה האָט פריער אויסגערעכנט) דאַרף דער נזיר (אויב ער ווערט טמא דורך זיי) זיך אָפּשערן, און ער דאַרף זיך (צוערשט) לאָזן באשפריצן (מיט פרה־אדומה־אש־וואסער) דעם דריטן טאָג (זינט ער איז טמא געוואָרן) און דעם זיבעטן טאָג, און ער צעשטערט די פריערדיקע טעג, און ער הויבט ניט אָן ציילן (אויפסניי זיין נזירות) סיידן ווען ער ווערט ריין און ער ברענגט זיינע קרבנות. די קרבנות מעג ער ברענגען ערשט, ווען ער איז שוין ריין און ער האָט זיך טובל געווען דעם 7־טן טאָג, און עס איז געוואָרן דערנאָך אוונט, ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ו' משנה ו'.

ג. אבל, אָבער (אויף די דאָזיקע טומאות שערט זיך דער נזיר ניט אָפּ). די משנה רעכנט דאָ אויס די דאָזיקע טומאות: הסככות, די צווייגן (פון א בוים). אויב אונטער איינעם פון די צווייגן ליגט א כזית פלייש פון א מת און דער נזיר איז דורכגעגאנגען אונטער די צווייגן און מען ווייסט ניט צי ער איז דורכגעגאנגען אויך אונטער דעם דאָזיקן צווייג, אונטער וועלכן דאָס פלייש ליגט. והפרעות, און ארויסשטעקנדיקע (זאכן פון א וואנט). אויב פון א וואנט שטעקן ארויס שטיינער אָדער העלצער, און אונטער איינעם פון זיי ליגט א כזית פלייש פון א מת, און דער נזיר איז דורכגעגאנגען אונטער זיי, נאָר מען ווייסט ניט צי ער איז דורכגעגאנגען אונטער דעם דאָזיקן אָרט וואו דאָס כזית-פלייש געפינט זיך ובית הפרס, א צעאַקערט קבר־פעלד. אויב מען האָט צעאַקערט א פעלד, אין וועלכן עס איז געווען א קבר, האָט 100 איילן דעם דין פון א בית הפרס (דאָס פעלד פון שטיקלעך, פרס, שטיקל), און אויב דער נזיר איז דורכגעגאנגען דאָס דאָ־

והדופק, ורביעית דם, ואהל, ורובע עצמות, וכלים הנוגעים במת, וימי ספרו, וימי גמרו, — על אלו אין הנזיר מגלח, ומזה בשלישי ובשביעי, ואינו סותר את הקודמים, ומתחיל ומונה מיד, וקרבן אין לו. באמת, ימי הזב והזבה, וימי הסגרו של מצורע, הרי אלו עולין לו:

זיקע פעלד. וארץ העמים, און דאס לאנד פון אנדערע פעלקער. דאס מיינט מען אויב דער נזיר איז ארויס פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ, און די חכמים האבן גוזר געווען אז חוץ לארץ איז מטמא. והגולל, און דער צודעק פון א קבר. אויב דער נזיר האט אנגע־רירט דעם צודעק פון א קבר. והדופק, און די זייט-וואנט פון קבר, (דער קבר אליין). אויב דער נזיר האט אנגערירט די וואנט פון קבר. ורביעית דם, און א פערטל קווארט בלוט. מען מיינט דא פון א מת. ואהל, און א געצעלט. אויך דא מיינט מען א געצעלט, א הויז, אין וועלכן עס ליגט א מת, און דער נזיר האט אנגערירט דאס געצעלט פון אויסוויניק (אזוי טייטשט דער רמבם). ורובע עצמות, און א פערטל טאפ ביינער (פון א מת). ביי א פערטל טאפ ביינער פון א מת, דארף דער נזיר זיך ניט אפשערן נאר אויב ער איז טמא געווארן דורך זיין מיט די ביינער אונטער איין געצעלט (אהל), אבער אויב ער האט אנגערירט אדער געטראגן די ביינער דארף ער יא זיך אפשערן. וכלים הנוגעים במת, און כלים, וואס רירן אן א מת. און דאס זענען אזעלכע כלים, וואס ווער עס רירט זיי אן דארף זיין טמא 7 טעג. וימי ספרו וימי גמרו, און די טעג פון זיין ציילן און די טעג פון זיין פארענדיקן (פון א מצורע). דער דין איז אז א מצורע, א מענטש, וואס האט געוויסע קרעץ (וואס זיינען אויסגערעכנט אין ויקרא י״ג), דארף באטראכט ווערן דורך א כהן, און דער כהן פארשליסט אים אויף 7 און טיילמאל אויף 14 טעג, און הערנאך ווען דער כהן זאגט, אז ער איז א מצורע, איז ער, דער מצורע, פולשטענדיק טמא. די דאזיקע טעג, ווען דער מצורע איז פולשטענדיק טמא, הייסן „ימי גמרו״, די טעג פון זיין פארענדיקן, ווען דער כהן האט פארענדיקט די אונ־טערזוכונג און אים געמאכט פאר טמא. ווען דער מצורע ווערט אויסגעהיילט פון זיין צרעת, קומט ער ווידער צום כהן, און דער כהן הייסט אים ציילן 7 טעג, (און אין די 7 טעג איז ער אליץ טמא), און נאך די 7 טעג מאכט ער אים פאר ריין. די משנה דא מיינט, אז אויב א נזיר איז געווען א מצורע סיי אין די טעג פון זיין ענטגילטיקער (פארענדיקטער) טומאה און סיי אין די 7 טעג פון זיין ציילן. איצט זאגט די משנה: על אלו, אויף די דאזיקע (דערמאנטע טומאות, אויב א נזיר איז טמא געווארן דורך זיי) דארף ער זיך ניט אפשערן, און ער צעשטערט ניט די פריעדיקע (די טעג פון נזירות וואס ער האט געהאלטן איידער ער איז טמא געווארן), און ער ווערט באשפריצט (מיט פרה־אדומה אש וואסער), דעם דריטן טאג און דעם זיבעטן טאג, און ווי ער ווערט ריין הייבט ער אן באלד ציילן (ווייטער זיינע נזירות-טעג, און ער דארף ניט (ברענגט ניט) קיין קרבן. דאס „באשפריצן מיט פרה אדומה־אש־וואסער״ איז ניט ביי די טעג פון א מצורע, מחמת באשפריצן דארף מען נור ווער עס ווערט טמא דורך א טומאת מת, דורך א טומאה וואס האט א שייכות צו א מת. די משנה לערנט דא, אז די טעג ווען דער נזיר איז טמא דורך איינע פון די דאזיקע טומאות, ווערן ניט אריינגערעכנט אין זיין נזירות, אבער זיי צעשטערן ניט די פריערדיקע טעג און דער נזיר דארף ניט זיך אפשערן און דארף אויך ניט ברענגען די קרבנות. באמת, מען האט באמת געזאגט (די הלכה), אז די טעג פון א זב אדער פון א זבה און די איינשלי־סונגס־טעג פון א מצורע, ווערן אים (דעם נזיר) אריינגערעכנט (אין די טעג פון זיין נזירות). א זב הייסט א מאן וואס עס פליסט פון אים אן אומריינע פליסיקייט; א זבה הייסט א פרוי וואס עס פליסט פון איר אן אומריינע פליסיקייט. די „פארשליסונגס־טעג פון א מצורע״ זיינען די 7 אדער 14 טעג, אויף וועלכע דער כהן פארשליסט דעם מצורע כדי אים אונטערצוזוכן צי ער איז א ריכטיקער מצורע. אין די אלע דריי פאלן איז דער מענטש טמא. לערנט די משנה אז אויב א נזיר איז געווען א זב אדער (א פרוי) א זבה, אדער א מצורע אין די פארשליסונגס־טעג, כאטש ער איז דאך טמא, ווערן

ד. אָמַר ר׳ אליעזר משום ר׳ יהושע, כל טומאה מן המת שנזיר מגלח עליה, חייבין עליה על ביאת מקדש, וכל טומאה מן המת שאין הנזיר מגלח עליה, אין חייבין עליה על ביאת מקדש. אָמַר ר׳ מאיר, לא תהא זו קלה מן השרץ. אָמַר ר׳ עקיבא, דנתי לפני ר׳ אליעזר, מה אם עצם כשעורה שאינו מטמא אדם באהל, הנזיר מגלח על מגעו ועל משאו, רביעית דם שהוא מטמא אדם באהל, אינו דין שיהא הנזיר מגלח על מגעה ועל משאה. אָמַר לי, מה זה, עקיבא? אין דנין כאן מקל וחומר. וכשבאתי והרציתי דברים לפני ר׳ יהושע, אָמַר לי, יפה אָמַרת, אלא כן אָמְרו הלכה:

די אלע טעג פארעכנט אין זיין נזירות.

ד. אָמר, ר׳ אליעזר האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ יהושע, אז יעדע טומאה פון א מת, וואָס א נזיר דארף זיך אפשערן צוליב איר (אויב ער איז טמא געוואָרן דורך איר), איז מען חייב צוליב איר פאר אריינגיין אין בית המקדש (ווען מען איז טמא). **דער דין איז אז ווען א מענטש איז טמא און גייט אריין אין בית המקדש (אָדער ער עסט קרבנות פלייש), אויב ער האָט עס געטאָן במזיד קומט אים די שטראָף כרת, און אויב ער האָט עס געטאָן בשוגג (ער האָט ניט געוואוסט אז ער איז טמא צי אז דאָס איז דאָס בית המקדש) דארף ער ברענגען א קרבן („עולה ויורד״, א רייכער מאן א טייערן קרבן, און אן אָרימאן א ביליגערן קרבן). זאָגט ר׳ אליעזר אין נאָמען פון ר׳ יהושע, אז נור אזא טומאה פון א מת, וואָס א נזיר דארף זיך אָפשערן צוליב איר, אויב א מענטש איז טמא געוואָרן דורך איר און ער איז אריינגעגאנגען אין בית המקדש, קומט אים כרת (אָדער ער דארף ברענגען א קרבן).** וכל, און יעדע טומאה פון א מת, וואָס דער נזיר דארף זיך ניט אָפשערן צוליב איר, איז מען ניט חייב צוליב איר פאר אריינ-גיין אין בית מקדש אויב מען איז טמא דורך אזא טומאה). **די דאָזיקע טומאות זענען אויסגערעכנט געוואָרן פריער אין משנה ג׳.** אָמר ר׳ מאיר, האָט ר׳ מאיר געזאָגט: זאָל דאָס (די דאָזיקע טומאה צוליב א מת, וואָס דער נזיר שערט זיך ניט אָפּ צוליב איר) ניט זיין גרינגער פון (דער טומאה דורך) א שרץ. **ווען א נזיר ווערט טמא דורך אָנרירן א טויטן שרץ, דארף ער זיך אויך ניט אָפשערן, און פונדעסטוועגן זאָגט דער פסוק אין ויקרא ח׳, אז אויב איינער ווערט טמא דורך אָנרירן א טויטן שרץ און ער גייט אריין אין בית המקדש איז ער יאָ חייב (כרת צו א קרבן).** אָמר ר׳ עקיבא, האָט ר׳ עקיבא געזאָגט: איך האָב געפּרובט דן-זיין (לערנען א קל וחומר, א זאַך, וואָס איז גרינגער, פון א זאַך וואָס איז הארבער) פאר ר׳ אליעזרן (און איך האָב אזוי געזאָגט): מה דאָך אביינדל (פון א מת) וואָס איז גרויס ווי א גערשטן, וואָס איז ניט מטמא א מענטש דורך געצעלט (דורך אוהל, ווען א מענטש געפינט זיך דערמיט אונטער איין דאַך), פונדעסטוועגן דארף א נזיר זיך אפשערן אויב ער רירט אָן (דאָס ביינדל) אָדער ער טראָגט עס, מכל שכן א קוואַטירל בלוט (פון א מת) וואָס איז מטמא א מענטש דורך געצעלט (אויב א מענטש געפינט זיך דערמיט אונטער איין דאַך), דארף דאָך אודאי זיין, אז א נזיר זאָל זיך דארפן אָפשערן אויב ער רירט עס אָן אָדער ער טראָגט עס! **פארוואָסזשע לערנען מיר פריער אין משנה ג׳ אז אויף א קווארטירל בלוט שערט זיך א נזיר ניט אָפּ?** אָמר לי, האָט צו מיר ר׳ אליעזר געזאָגט: וואָס איז דאָס, עקיבא? עס איז דאָ ניט פאראן (מען באנוצט זיך ניט דאָ מיט) א קל וחומר. און ווען איך בין געקומען און פארגעלייגט די זאַך פאר ר׳ יהושע, האָט ער מיר געזאָגט: דו האָסט גוט דן געווען (דער קל וחומר איז א שכל׳דיקער), אָבער אזוי האָט מען געזאָגט די הלכה. **עס ווערט געטייטשט, אז ר׳ יהושע (און אזוי איז אויך געווען די דעה פון ר׳ אליעזר) האָט געזאָגט צו ר׳ עקיבא, אז ווייל דער דין וועגן א ביינדל גרויס ווי א גערשטן איז א הלכה למשה מסיני, און עס איז ניט פאראן אין דער תורה, לערנט מען ניט אָפּ קיין קל וחומר פון א הלכה למשה מסיני.**

פרק ח.

א. שני נזירים, שאמר להן אחד, ראיתי אחד מכם שנטמא ואיני יודע איזה מכם, מגלחין, ומביאין קרבן טומאה וקרבן טהרה, ואומר: אם אני הוא הטמא, קרבן טומאה שלי וקרבן טהרה שלך, ואם אני הוא הטהור, קרבן טהרה שלי, וקרבן טומאה שלך; וסופרין שלשים יום, ומביאין קרבן טהרה, ואומר: אם אני הוא הטמא, קרבן טומאה שלי וקרבן טהרה שלך, וזה קרבן טהרתי, ואם אני הוא הטהור, קרבן טהרה שלי וקרבן טומאה שלך, וזה קרבן טהרתך. מת אחד מהן, אָמר ר׳ יהושע יבקש אחד מן השוק שידור כנגדו בנזיר, ואומר: אם טמא הייתי, הרי אתה נזיר מיד, ואם טהור הייתי, הרי אתה נזיר אחר שלשים יום. וסופרין שלשים יום, ומביאין קרבן טומאה וקרבן טהרה, ואומר, אם אני

פרק ח.

א. שני נזירים, צוויי נזירים (ראובן און שמעון), וואָס איינער (א פרעמדער) האָט צו זיי געזאָגט: „איך האָב געזען ווי איינער פון אייך איז טמא געוואָרן, און איך ווייס ניט וועלכער פון אייך״, דאַרפן זיי זיך אָפּשערן. **ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ו׳ משנה ו׳ און ז׳ דאַרף א נזיר, וואָס איז טמא געוואָרן, זיך אָפּשערן נאָך 7 טעג און ברענגען קרבנות טומאה, און דערנאָך ווידער אָנהייבן ציילן אויפסניי זיין נזירות, און צום סוף פון זיין נזירות** (געוויינטליך דויערט א נזירות 30 טעג) **דאַרף ער זיך אָפּשערן און ברענגען די קרבנות טהרה. זאָגט די משנה, אז די דאָזיקע צוויי נזירים דאַרפן וואַרטן ביז עס ענדיקן זיך די 30 טעג, ביז עס ענדיקט זיך זייער נזירות, און זיי שערן זיך ביידע אָפּ.** ומביאין, און זיי ברענגען (צוויי מאָל קרבנות) א קרבן טומאה און א קרבן טהרה, און ער (איינער פון זיי, למשל, ראובן) זאָגט (צום אנדערן, צו שמעונען): „אויב איך בין דער טמא, איז דער קרבן טומאה מיינער און דער קרבן טהרה איז דיינער, און אויב איך בין דער טהור (דער ריינער, וועלכער איז ניט טמא געוואָרן) איז דער קרבן טהרה מיינער און דער קרבן טומאה איז דיינער״. און דערנאָך ציילן זיי (זענען זיי נזירים) נאָך דרייסיק טעג, און זיי ברענגען (צוזאמען) א קרבן טהרה, און ער (ראובן) זאָגט (צו שמעונען): „אויב איך בין (געווען) דער טמא איז דער קרבן טומאה (וואָס מיר האָבן פריער געבראכט) מיינער און דער קרבן טהרה (וואָס מיר האָבן פריער גע־בראכט) איז דיינער, און דאָס (דער איצטיקער קרבן) איז מיין קרבן טהרה; און אויב איך בין דער טהור (און דו ביזט געווען דער טמא), איז דער (פריערדיקער) קרבן טהרה געווען מיינער, און דער קרבן טומאה איז געווען דיינער, און דאָס (דער איצ־טיקער קרבן) איז דיין קרבן טהרה. **און ממה נפשך האָבן ביידע געבראכט ריכטיק די קרבנות און צום סוף זיינען זיי געוואָרן אויס נזירים.** מת אחד, אויב איינער פון זיי (למשל, שמעון) איז געשטאָרבן (און ראובן איז געבליבן א נזיר וועגן וועלכן עס איז א ספק צי ער איז טמא צי טהור, און ער האָט ניט נאָך איינעם מיט וועמען צו ברענגען די דאָזיקע קרבנות און אויסנעמען דעם תנאי ווי פריער אין דער משנה), — האָט ר׳ יהושע געזאָגט, אז ער זאָל בעטן א מענטש פון דער גאַס (לוי׳ן) אז ער זאָל טאָן א נדר צו זיין א נזיר (אז ער זאָל ווערן א נזיר), און ער (ראובן) זאָגט צו אים (צו לוי): „אויב איך בין געוואָרן טמא, זאָלסטו זיין א נזיר באלד (שוין פון איצט), און אויב איך בין א טהור זאָלסטו ווערן א נזיר ערשט נאָך דרייסיק טעג״. און זיי ציילן דרייסיק טעג (נזירות) און זיי ברענגען א קרבן טומאה און א קרבן טהרה, און ער (ראובן) זאָגט (צו לוי): „אויב איך בין געוואָרן טמא (קומט דאָך אויס אז לוי איז שוין א נזיר דרייסיק טעג) איז דער קרבן טומאה מיינער און דער קרבן טהרה דיינער, און אויב איך בין דער טהור (איז דאָך לוי נאָך ביז איצט ניט געווען קיין נזיר) איז דער קרבן טהרה מיינער, און דעם קרבן טומאה האָב איך געבראכט פאר א ספק. **דער קרבן טומאה איז פון א פאָר טויבן און א שעפסל, און איינע פון די טויבן איז א עולה, און איינע פון**

הוא הטמא, קרבן טומאה שלי וקרבן טהרה שלך, ואם אני הוא הטהור, קרבן טהרה שלי וקרבן טומאה בספק; וסופרין שלשים יום, ומביאין קרבן טהרה, ואומר: אם אני הטמא, קרבן טומאה שלי וקרבן טהרה שלך, וזה קרבן טהרתי, ואם אני הוא הטהור, קרבן טהרה שלי וקרבן טומאה בספק, וזהו קרבן טהרתך. אמר לו בן זומא, ומי שומע לו שידור כנגדו בנזיר? אלא מביא חטאת העוף ועולת בהמה, ואומר: אם טמא הייתי, החטאת מחובתי והעולה נדבה, ואם טהור הייתי, העולה מחובתי והחטאת בספק; וסופר שלשים יום, ומביא קרבן טהרה ואומר: אם טמא הייתי, העולה הראשונה נדבה וזו חובה, ואם טהור הייתי, העולה הראשונה חובה וזו נדבה, וזה שאר קרבני. אמר ר׳ יהושע, נמצא זה מביא קרבנותיו לחצאים. אבל הודו לו חכמים לבן זומא:

די טויבן איז א חטאת. טייטשט די גמרא אז ער ברענגט ניט מער ווי די טויב אלס חטאת, און א חטאת עוף (א טויב פאר א חטאת) קאָן מען ברענגען אויך פאר א ספק (און מ׳טאָר זי ניט עסן), און דער דין איז, (מסכתא נזיר י״ח) אז ווען א נזיר טמא ברענגט נאָר בלויז דעם חטאת און ער ברענגט ניט דאָס שעפּסל אלס קרבן אשם, קאָן ער אָנהויבן ציילן זיינע ריינע נזירות־טעג. וסופרין, און (דערנאָך) ציילן זיי דרייסיק טעג (נזירות) און זיי ברענגען א קרבן טהרה, און ער (ראובן) זאָגט (צו לוי): „אויב איך בין געווען דער טמא, איז דער פריערדיקער קרבן טומאה געווען מיינער און דער פריערדיקער קרבן טהרה איז געווען דיינער (ווארום לוי איז דאָך שוין פריער געווען א נזיר), און דאָס (דער איצטיקער קרבן) איז מיין קרבן טהרה; און אויב איך בין געווען טהור (איז דאָך לוי פריער ניט געווען קיין נזיר, נאָר ערשט איצט ענדיקט ער זיין נזירות) איז דער פריערדיקער קרבן טהרה געווען מיינער און דער פריערדיקער טומאה איז געווען א ספק, און דאָס (דער איצטיקער קרבן) איז דיין קרבן טהרה. **ווי מיר האָבן שוין געזאָגט קאָן מען די חטאת־עוף, די טויב אלס חטאת, ברענגען פאר א ספק וועגן.** אמר לו בן זומא, האָט בן זומא געזאָגט צו אים (צו ר׳ יהושע׳ן): און ווער וועט אים (ראובנען) הערן (צוליב טאָן זיין בקשה) אז ער זאָל צוליב אים טאָן א נדר צו זיין א נזיר? ! נאָר (די עצה איז פאר ראובנען), אז ער זאָל (אָפּציילן צוערשט זיינע דרייסיק טעג און אָפּשערנדיק זיך זאָל ער) ברענגען א חטאת עוף (א טויב אלס חטאת) און א בהמה (א שעפּסל) אלס עולה, און ער זאָל זאָגן: „אויב איך בין געווען טמא זאָל דער חטאת (די טויב אלס קרבן חטאת) זיין פאר מיין חוב (וואָס איך דארף ברענגען מיין קרבן טומאה) און די עולה איז מיין נדבה (איך האָב סתם געבראַכט א קרבן עולה אלס א נדבה), און אויב איך בין געווען א טהור איז די עולה פאר מיין חוב (וואָס איך דארף איצט ברענגען די קרבנות טהרה, וואָס זענען דריי בהמות, א עולה, א חטאת און שלמים) און די (טויב אלס) חטאת (האָב איך געבראַכט) פאר א ספק״. און דערנאָך ציילט ער (ראובן) אָפּ דרייסיק טעג (נזירות) און ער ברענגט (דריי בהמות, א עולה, א חטאת און שלמים אלס) קרבנות טהרה, און ער זאָגט: „אויב איך בין געווען טמא, איז די ערשטע עולה (וואָס איך האָב פריער געבראַכט) געווען מיינע א נדבה, און די איצטיקע (עולה) איז פאר מיין חוב (דער קרבן טהרה), און אויב איך בין געווען טהור איז די פריערדיקע עולה געווען מיין חוב (א טייל פון דעם קרבן טהרה) און די איצטיקע עולה איז א נדבה, און דאָס (די אנדערע איצטיקע צוויי בהמות, דער חטאת און דער שלמים) איז מיין קרבן (טהרה). **לויט בן זומא באשטייט דער אויפטו אין דעם וואָס דער נזיר, אויב ער איז ניט געווען טמא האָט געבראַכט מיט 30 טעג פריער די עולה אלס זיין קרבן טהרה, און דערנאָך, אין 30 טעג, ארום האָט ער געבראַכט דעם חטאת און דעם שלמים אלס זיין קרבן טהרה (דער קרבן טהרה באשטייט פון 3 בהמות, פונא עולה, א חטאת און שלמים).** אמר ר׳ יהושע, האָט ר׳ יהושע געזאָגט: קומט דאָך אויס, אז דער דאָזיקער נזיר ברענגט זיינע קרבנות טהרה האלב-ווייז (לחצ־

ב. נזיר שהיה טמא בספק ומוחלט בספק, אוכל בקדשים אחר ששים יום, ושותה יין ומיטמא למתים אחר מאה ועשרים יום, שתגלחת

אין, בּיסלעכווייז! עס קומט דאָך עס אז ער ברענגט ניט אלע דריי קרבּנות אין איין טאָג, נאָר ער ברענגט צוערשט די עולה, און אין דרייסיק טעג שפּעטער דעם חטאת און דעם שלמים. אבל, אָבער די חכמים האָבּן מודה געווען צו בן זומא. ווייל דער דין איז, אז א נזיר קאָן ברענגען זיינע קרבּנות בּיסלעכווייז; ער מוז זיי ניט ברענגען אלע אין איין טאָג.

ב. נזיר, א נזיר וועלכער איז (באַלד אין ערשטן טאָג פון זיינע דרייסיק-טעג־נזירות) געווען אין ספק צי ער איז געוואָרן טמא, און ער איז געווען אין ספק צי ער איז א ענדגילטיקער מצורע (מוחלט, ענדגילטיק), מעג עסן קרבּנות־פלייש (ערשט) נאָך זעכציק טעג, און ער מעג טרינקן ווין און זיך מטמא זיין צו מתים (ערשט) נאָך הונדערט און צוואנציק טעג. די דאָזיקע משנה איז זייער בקיצור, און דער רמבם איז זיין פירוש צו משניות זאָגט, אז כדי זי צו פארשטיין דארף מען וויסן עטליכע זאכן. מיר וועלן דאָ געבּן צו דערקלערן די משנה. ווי מיר האָבּן פריער געלערנט דארף א נזיר, וועלכער דארף זיין נזיר 30 טעג, און ער איז טמא געוואָרן (ער האָט אָנגערירט א מת), ווארטן 7 טעג, און ווערן ריין און זיך אפשערן, ברענגען די קרבּנות טומאה, און דערנאָך אָנהויבן אויפסניי זיין א ריינער נזיר 30 טעג, און דער נאָך שערט ער זיך אָפּ און ווערט אויס נזיר. אויב אָבער ער איז ניט א טמא נזיר, טאָר ער זיך ניט אָפּ־שערן ביז צום סוף פון די דרייסיק טעג. נאָך א דין איז פאראן, אז א מצורע, א מענטש, וואָס האָט אויפן קערפּער א קרעציקייט און דער כהן האָט אים באטראכט (זע פריער פרק ז׳ משנה ב׳) און האָט אים דערקלערט פאר א ענטגילטיקן מצורע (מוחלט), איז ער טמא, און ער טאָר ניט עסן קיין קרבּנות פלייש. אויב אָבער עס האָט זיך ארויסגע־וויזן דערנאָך אז ער איז אויסגעהיילט געוואָרן פון זיין צרעת, דארף ער זיך אָפּשערן, און ווארטן 7 טעג, און דערנאָך זיך נאָכאמאָל אָפּשערן און ברענגען זיינע קרבּנות, און ערשט דערנאָך ווערט ער אינגאנצן ריין און ער קאָן עסן קרבּנות פלייש. נאָך א דין איז פאראן, אז אויב א נזיר איז א מצורע און ער איז געוואָרן אויסגעהיילט מעג ער זיך אָפּשערן (זע פריער פרק ו׳ משנה ה׳), ווייל די מצוה אפּצושערן א מצורע איז דוחה די עבירה ניט אָפּצושערן א נזיר. אָבער דאָס איז נור ווען דער מצורע איז געווען א זיכערער מצורע,אודאי. אָבער אויב ער איז נור געווען א ספק מצורע, טאָר ער אלס נזיר זיך ניט אָפּשערן. נאָך א דין איז פאראן, אז א מצורע וועלכער איז א נזיר, מוז ער זיך אפשערן באזונדער אלס מצורע וואָס ווערט אויסגעהיילט, און דערנאָך אלס נזיר וואָס פארענדיקט זיין נזירות, אָדער אלס נזיר טמא, וואָס ווערט ריין פון זיין טומאה. לערנט די משנה, אז אויב איינער איז געוואָרן א נזיר אויף 30 טעג, און באַלד דעם ערשטן טאָג איז געווען וועגן אים צוויי ספקות, איינער צי ער האָט אָנגערירט א מת און ער איז ספק טמא, און דער צווייטער איז, צי ער איז געווען א מצורע (אָבער איצט איז ער זיכער אויסגעהיילט געוואָרן), איז כדי ער זאָל קאָנען ווערן אויס נזיר טמא און אויס נזיר אינגאנצן און אויס מצורע, דארף ער טאָן אזוי. צוערשט (אלס טמא־מת) באשפּריצט ער זיך מיט פרה־אדמה־אש־וואסער און איז זיך טובל, און ער מוז ווארטן 30 טעג און זיך אָפּשערן אלס אן אויסגעהיילטער מצורע. ער קאָן זיך ניט אָפּשערן באַלד ווייל טאָמער איז ער ניט א מצורע, נאָר ער איז א ריינער נזיר, און ער מוז ווארטן מיט זיין אפשערן 30 טעג. אָבער אזוי ווי עס קאָן דאָך זיין אז ער איז ניט געווען א מצורע, נאָר א נזיר טמא, איז דאָך דאָס דאָזיקע אפשערן ניט קיין אָפּשערן אלס מצורע, נאָר אלס נזיר טמא. דאריבער דארף ער ווארטן ווידער 30 טעג, כדי זיך אָפּ־צושערן דאָס צווייטע מאָל אלס אויסגעהיילטער מצורע (ווארום פון דעם אפשערן זיך אלס נזיר טמא ביז דעם אפשערן זיך אלס ריינער נזיר צום סוף פון נזירות מוזן דאָך אריבערגיין די 30 טעג). אזוי ארום איז ער נאָך 60 טעג געוואָרן אויף זיכער אויס מצורע, און ער ברענגט זיינע קרבּנות, און דערנאָך מעג ער עסן קדשים-פלייש. איצט

הנגע דוחה תגלחת הנזיר בזמן שהוא ודאי, אבל בזמן שהוא ספק אינו דוחה:

פרק ט.

א. הנכרים אין להם נזירות. נשים ועבדים יש להם נזירות. חומר בנשים מבעבדים, שהוא כופה את עבדו, ואינו כופה את אשתו. חומר

קאָן דאָך זיין אז ער איז טאקע געוועזן א אויסגעהיילטערמצורע, און די ביידע אָפּשע־רונגען זענען געווען די אָפּשערונגען נאָכן צרעת; קומט דאָך אויס, אז איצט איז ער א נזיר טמא, ווארום ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, קאָן דאָס אפשערן זיך פון א מצורע ניט פארעכנט ווערן פארן אפשערן פון א נזיר (טמא צי טהור). אָבער עס קאָן דאָך אויך זיין, אז ער איז ניט קיין נזיר טמא נאָר א נזיר טהור; דעריבער מוז ער ווארטן מיטן 3טן מאָל אָפּשערן זיך ווידער 30 טעג, כדי צו מעגן זיך אָפּשערן. נאָכן 3טן מאָל אָפּשערן קאָן דאָך זיין, אז ער איז טאקע געווען א נזיר טמא, און דאָס 3טע מאָל אָפּשערן איז געווען דאָס ריין מאכן זיך פון זיין טומאה-נזירות, דעריבער דארף ער איצט אויפסניי אָנהייבן ציילן ווידער 30 טעג נזירות אלס נזיר טהור, (דאָס הייסט ארום און ארום 120 טעג) און ערשט נאָך דער דאָזיקער צייט ברענגט ער זיינע נזירות־קרבנות און ער שערט זיך אָפּ אלס נזיר טהור, און ער ווערט אויס נזיר און ער מעג טרינקן וויין און מטמא זיין זיך צו מתים. די גמרא צו דער דאָזיקער משנה לערנט נאָך ווי אזוי ער זאָל טאָן מיט די קרבנות וואָס ער דארף ברענגען סיי אלס אויסגע־היילטער ספק־מצורע און סיי אלס ספק־נזיר טמא. עס איז כמעט אזוי ווי פריער אין משנה א׳, אז מען ברענגט די טויב־חטאת אלס ספק, און די עולה נעמט מען אויס א תנאי, אז אָדער זי איז אלס חוב אָדער אלס נדבה. — איצט דערקלערט די משנה פאר־וואָס קאָן ער, אלס ספק מצורע, זיך ניט אפשערן באלד, און דארף ווארטן אזש 30 טעג, און זי זאָגט: שתגלחת, ווייל דאָס אפשערן זיך פון (אן אויסגעהיילטן) מצורע (נגע, פון צרעת) איז דוחה (שטופט אוועק דעם איסור, די עבירה פון) אָפּשערן זיך ביי א נזיר, (נאָר) ווען עס (דאָס אפשערן זיך צוליב דעם צרעת) איז אודאי (א זיכערע מצוה, דער מענטש איז געווען אויף זיכער א מצורע), אָבער ווען עס איז א ספק, איז עס ניט דוחה. דאָס איז דער דין וואָס מיר האָבן פריער געגעבן. מען דארף דאָ נאָך צוגעבן, אז כאָטש נאָך די 60 טעג איז דאָך דער נזיר נאָך א נזיר טמא, פונדעסטוועגן מעג ער עסן קרבנות־פלייש, ווייל פון דער טומאה פון מת איז ער דאָך שוין געוואָרן טהור, מחמת ער האָט זיך געלאָזט באַשפריצן מיט דעם פרה־אדומה-אש־וואסער און ער האָט זיך טובל געווען. ער הייסט נור „נזיר-טמא״ ווייל ער האָט נאָכניט געבראכט זיינע קרבנות־טומאה, און דאָס שטערט אים ניט צו עסן קרבנות־פלייש. דער דין אז א טמא כאָטש ער איז געוואָרן ריין נאָר אויב ער האָט נאָכניט געבראכט זיינע קרבנות (מחוסר כיפורים) טאָר ניט עסן קרבנות־פלייש, איז נור ביי א טומאה וואָס איז גע־וואָרן פון דעם מענטשס קערפּער זעלבסט (ווי א זב, א מצורע, טומאה היוצאה מגופו), אָבער ניט ביי א נזיר וואָס די טומאה איז געוואָרן דורך אָנרירן א מת.

פרק ט.

א. הנכרים, גויים האָבן ניט קיין נזירות. אז א גוי זאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר״, **איז ער ניט קיין נזיר.** ווייל אין במדבר ו׳ ווערט געזאָגט „דבר אל בני ישראל״, **אז נזירות איז נור ביי בני ישראל, ביי יידן און ניט ביי גויים.** נשים, פרויען און שקלאַפן **האָבן יאָ נזירות. אויב א פרוי צי א שקלאַף זאָגט: „איך זאָל זיין א נזיר״ ווערט די פרוי צי דער שקלאַף א נזיר.** חומר, עס איז הארבער ביי פרויען ווי ביי שקלאַפן (דער־מיט) וואָס ער (דער בעל הבית) קאָן צווינגען זיין שקלאַף (דעם נזיר, אז ער זאָל יאָ טרינקן וויין און יאָ זיך מטמא זיין צו מתים) און ער (דער מאַן) קאָן ניט צווינגען זיין ווייב. **דער מאַן קאָן צעשטערן** (מיפר זיין) **די נזירות פון זיין ווייב, מאכן זי פאַר אויס נזירה, אָבער אויב ער האָט ניט צעשטערט די נזירות קאָן ער זי ניט צווינגען צו טרינקן**

בעבדים מבנשים, שהוא מפר נדרי אשתו, ואינו מפר נדרי עבדו. הפר לאשתו, הפר עולמית; הפר לעבדו, יצא לחירות, משלים נזירתו. עבר מכנגד פניו, ר' מאיר אומר, לא ישתה, ור' יוסי אומר, ישתה:

ב. נזיר שגלח ונודע לו שהוא טמא, אם טומאה ידועה, סותר, ואם טומאת התהום, אינו סותר. אם עד שלא גלח, בין כך ובין כך סותר.

וויין און מטמא צו זיין זיך צו מתים. חומר, בעבדים, עס איז הארבער ביי שקלאפן ווי ביי פרויען (דערמיט) וואָס ער (דער מאן) קאָן צעשטערן (מיפר זיין) די נדרים פון זיין ווייב, און ער (דער בעל הבית) קאָן ניט צעשטערן די נדרים פון זיין שקלאַף. **מיט נדרים דאָ מיינט מען אויך די נזירות. די משנה דערקלערט דאָ באלד, וואָס מען מיינט אז דער בעל הבית קאָן ניט צושטערן די נזירות פון זיין שקלאַף, סטייטש מיר האָבן דאָך פריער געלערנט, אז ער קאָן צווינגען זיין קנעכט (דעם נזיר) צו טרינקען וויין און מטמא־צו־זיין־זיך צו מתים? און די משנה זאָגט:** הפר לאשתו, אויב ער האָט צושטערט זיין ווייבס נזירות) האָט ער זי צעשטערט אויף שטענדיק (און נאָכן צעשטערן קאָן ער איר ניט הייסן יאָ צו זיין א נזירה); האָט ער (אָבער) צעשטערט (די נזירות) פון זיין שקלאַף (ער האָט אים געצווינגען צו טרינקען וויין און מטמא-צו־זיין-זיך צו מתים). איז אויב ער (דער שקלאַף) איז ארויסגעגאנגען פריי (דער בעל הבית האָט אים באפרייט און ער איז געוואָרן אוים שקלאַף) דאַרף ער פאַרענדיקן זיין נזירות. **ער דאַרף דאמאָלס זיין ווייטער נזיר ביז ער דערנדיקט די טעג פון די נזירות וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. דער רמבם טייטשט, אז אויב א בעל הבית צעשטערט די נזירות פון זיין שקלאַף, ווערט דאדורך דער שקלאַף פריי, און דאמאָלס דאַרף ער פאַרענדיקן זיין נזירות. לויט דעם פירוש פון רמבם איז ריכטיק די גירסא, וואָס איז פאראַן אין טייל משניות, „ומשלים נזירותו" „און ער פאַרענדיקט זיין נזירות".** עבר, אויב א(שקלאַף א נזיר, ווען דער בעל הבית צווינגט צו טרינקען וויין) איז אוועקגעגאנגען פון בעל הבית׳ס געזיכט (ער איז אנטלאָפן פון בעל הבית), זאָגט ר' מאיר, אז ער טאָרניט טרינקען (קיין וויין), און ר' יוסי זאָגט, אז ער מעג טרינקען. **די גמרא זאָגט, אז ר' מאירס טעם איז, כדי דער שקלאַף זאָל זיך מצער זיין און ער זאָל צוריקקומען צום בעל הבית, און ר' יוסי׳ס טעם איז, כדי דער שקלאַף זאָל נישט קראַנק ווערן (פון ניט טרינקען וויין), און ווייל דער בעל הבית זוכט אים הייסט עס ווי ער איז אלץ אין רשות פון בעל הבית.**

ב. נזיר, א נזיר, וועלכער (איז געווען ריין און ער האָט פאַרענדיקט זיין נזירות און געבראכט זיינע קרבנות און) האָט זיך אָפּגעשוירן, און ער איז דערנאָך געוואויר געוואָרן אז ער איז געהאט טמא געוואָרן (אין דער צייט פון זיין נזירות דורך א מת) איז אויב דאָס איז געווען דורך א באוואוסטע טומאה (טומאה ידועה) צעשטערט (עס די פריעדיקע נזירות־טעג, און ער מוז אויפסניי זיין נזיר), און אויב עס איז געוואָרן דורך א אָפּגרונט־טומאה (טומאת התהום), צעשטערט עס ניט. **ער דאַרף מער ניט זיין קיין נזיר. מיט „טומאת התהום", „אן אפּגרונט־טומאה" מיינט מען אזא מת, וואָס קיינער אין דער וועלט האָט דאמאָלס ניט געוואוסט, אז דער מת (דער טויטער מענטש) איז דאָ פאראַן; למשל, דער נזיר איז אדורכגעגאנגען איבער א גרוב און דאָרט איז געהאט פריער אריינגעפאלן א מענטש און איז געהרגט געוואָרן און קיינער האָט ניט געוואוסט דערפון.** אם עד, אויב ער (דער נזיר איז געוואויר געוואָרן) איידער ער האָט זיך אָפּגעשוירן (אז ער איז געהאט פריער טמא געוואָרן), איז סיי אזוי (דורך א באוואוסטע טומאה) און סיי אזוי (דורך אן אָפּגרונט טומאה), צעשטערט עס. **און ער מוז זיין נאָכאמאָל נזיר. אין דער גמרא איז פאראַן א מחלוקה צי אויב א נזיר איז געוואויר געוואָרן וועגן טומאת התהום נאָכן ברענגען די קרבנות נאָר פארן אָפּ־שערן זיך, צי עס צושטערט די נזירות.** כיצד, ווי אזוי? אויב ער (א נזיר, וועלכער איז טמא געוואָרן ניט דורך א מת נאָר דורך א טויטן שרץ, וואָס צעשטערט ניט זיין נזירות) איז אראָפּגעגאנגען אין א הייל (מיט וואסער זיך טובל צו זיין) און ער האָט

כיצד? ירד לטבול במערה ונמצא מת צף על פי המערה, טמא. נמצא משוקע בקרקע המערה, ירד להקר, טהור, ליטהר מטומאת מת, טמא; שחזקת טמא — טמא, וחזקת טהור טהור, שרגלים לדבר.

ג. המוצא מת בתחלה מושכב כדרכו, נוטלו ואת תבוסתו. מצא

געפונען א (כזית פלייש פון א) מת שווימען אויף (דעם וואסער פון) דער הייל, איז ער טמא. **דאָס הייסט ניט קיין טומאת התהום, נאָר עס איז א באוואוסטע טמא, ווייל קוים איז דאָס שטיקל פלייש געשווימען אויפ'ן וואסער, נעמט מען אָן אז מענטשן האָבן געוואוסט דערפון. מען נעמט אויך אָן** (ביי דער טומאה פון א מת) אז ער, **דער נזיר, האָט אָנגערירט דאָס שטיקל פלייש, כאָטש עס איז נור א ספק.** נמצא משוקע, אויב דאָס (שטיקל פלייש) איז געפונען געוואָרן איינגעזינקען אין דער ערד פון דער הייל (אונטער דעם וואסער), איז (דער דין), אז אויב ער (דער נזיר) איז אראָפּ־געגאנגען (אין וואסער) זיך אָפּצוקילן (און ער איז ניט געווען טמא דורך א טומאת מת), איז ער טהור. **מחמת דאָס הייסט א טומאת התהום, קיינער האָט ניט געוואוסט, אז אין דער ערד איז פאראן א שטיקל פלייש פון א מת. און דעריבער כאָטש ער איז שפּעטער, נאָכן אפשערן זיך, געוואויר געוואָרן, אז ער איז טמא געוואָרן דורך דעם שטיקל פלייש אין דער ערד פון דער הייל, דארף ער ניט נאָכאמאָל זיין נזיר.** ליטהר, אויב (אָבער דער נזיר איז אראָפּגעגאנגען) כדי זיך טובל צו זיין (צו ווערן ריין) פון א טומאה דורך א מת, איז ער טמא. **אויב מען האָט דערנאָך געפונען דאָס שטיקל פלייש אין דער ערד פון דער הייל, איז אפילו דער נזיר האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשוירן, דארף ער נאָכאמאָל ווערן נזיר. ווייל דער דין אז טומאת התהום, אן אומבאוואוסטע טומאה, אן אָפּגרונט־טומאה, צעשטערט ניט די נזירות, איז נור ווען דער נזיר איז פריער געהאַט געווען ריין פון א טומאה דורך א מת; אָבער אויב דאָס איז געשען ווען דער נזיר האָט זיך טובל געווען פון א טומאה דורך א מת, נעמט מען אָן, אז ער איז ווייטער געוואָרן טמא דורך דעם געפינענעם כזית פלייש פון א מת, ער בלייבט אין דער „חזקה", אין זעלביקן צושטאנד פון טומאה. און די משנה גיט באלד צו דעם דאָזיקן טעם:** שחזקת, ווייל די חזקה פון א טמא איז טמא, און די חזקה פון א טהור איז טהור, ווייל עס איז דאָ פּיס (א יסוד) צו דער זאך. **דאָס איז דער דין פון חזקה פון „שטארקייט פון זעלביקן מצב וואָס ביז איצט". אויב מען איז אין ספק וועגן א זאך, צי עס איז טמא צי טהור, זאָגט מען, אז אויב ביז איצט איז די זאך געווען טמא, האָט זי דאָך די חזקה פון טומאה, איז זי ווייטער טמא; אויב אָבער די זאך איז געווען טהור, האָט זי דאָך די חזקה פון טהרה, איז זי ווייטער טהור. די זאך בלייבט אין זעלביקן מצב ווי זי איז געווען ביז איצט. דער אויסדרוק „רגלים לדבר", „פּיס צו דער זאך", מיינט א יסוד און א טעם צו דער זאך.**

ג. המוציא, אז איינער געפינט צוערשט א מת (א טויטן מענטשן באגראָבן) ליגנדיק ווי זיין שטייגער דארף זיין, מעג ער צונעמען (פון דאָרט און איבערטראָגן קובר צו זיין אין אן אנדער אָרט) אים (דעם מת) און זיין ערד ארום (תבוסתו). **דער דין איז, אז ווען מען איז קובר א טויטן מענטש אין א קבר, איז דער קבר דעם מת'ס, און מען טאָר אים פון דאָרט ניט אוועקנעמען. אָבער דאָ מיינט מען אז מען האָט געפונען א טויטן מענטש אין אן אָרט, און מען ווייסט ניט צי דאָס איז א קבר, צי עס קאָן זיין, אז מען האָט דעם מת דאָ קובר געווען נור אויף א צייט, מיט דער כונה אים שפּעטער אוועקצונעמען פון דאנען און קובר צו זיין אין א ריכטיקן בית הק־ברות** (דאָס איז דער טייטש פון „בתחילה", „צוערשט", מען ווייסט ניט אז דאָ איז א קבר). **זאָגט די משנה, אז כדי מענטשן זאָלן ניט פארבייגיין און טמא ווערן דורך'ן דאָזיקן צייטווייליקן קבר, מעג מען דעם מת אוועקנעמען פון דאָרט און קובר זיין אין אן אנדער אָרט. מען מוז אָבער מיטנעמען דאָס ביסל ערד ארום דעם מת. „תבוסתו" זאָל זיין פון וואָרט „בסס", דאָס צעקלאַפּטע, ווייכע ערד ארום.**

שנים, נוטלן ואת תבוסתן. מצא שלשה, אם יש בין זה לזה מארבע אמות ועד שמנה, הרי זה שכונת קברות; בודק הימנו ולהלן עשרים אמה, מצא אחד בסוף עשרים אמה, בודק הימנו ולהלן עשרים אמה, שרגלים לדבר, שאילו מתחלה מצאו, נוטלו ואת תבוסתו:

ד. כל ספק נגעים, בתחלה, טהור, עד שלא נזקק לטומאה; משנזקק

אן אנדערע גירסא איז „תפוסתו", זיין „ארומנעם", די ערד ארום אים, די גמרא זאגט, אז דאס מיינט מען די גאנצע ווייכע ערד און נאך ערד אזוי דיק ווי דריי פינ־גער. די גמרא זאגט, אז „מת" מיינט מען א טויטן, אבער ניט קיין געהרגעטן, קיין הרוג. „מושכב", ליגנדיק מיינט „ניט זיצנדיק", און „כדרכו" „ווי דער שטייגער איז", מיינט, ניט איינגעגראבן דעם קאפ צווישן די זייטן, מחמת אזוי זענען קובר גויים זייערע מתים, און עס קאן זיין אז עס איז א גוי. מצא שנים, אויב מען האט געפונען צוויי (טויטע מענטשן), מעג מען זיי צונעמען צוזאמען מיט זייערע ערד ארום. ווייל אויך ביי צוויי מתים נעמט מען אן, אז דאס איז ניט געווען קיין קברים, נאר צייטווייליק באגראבן. מצא שלשה, אויב מען האט געפונען דריי (טויטע מענטשן), איז אויב עס איז פאראן צווישן איינעם און דעם אנדערן (צווישן ערשטן קבר און דעם דריטן קבר) פון פיר איילן ביז אכט (איילן), איז עס א פלאץ פון קברים (שכונת קברות). דאס איז א סימן, אז מען האט זיי דארט קובר געווען אויף שטענדיק און אז דאס איז אן ארט פון קברים, און מען טאר זיי ניט אוועקנעמען פון דארט. אויב עס איז ווינציקער פון 4 איילן, איז עס זייער ענג, און עס איז א סימן, אז דאס איז ניט קיין שטענדיקע קברים אויף א בית הקברות, נאר מען האט זיי סתם אוועקגעלייגט, כדי זיי צוצונעמען, מחמת אזוי ענג באגראבט מען ניט קיין מתים. ווידער אויב עס איז מער פון 8איילן איז אויך א סימן, אז עס איז ניט קיין בית הקברות, ווייל עס איז צו ברייט צווישן די קברים. בודק, מען דארף (אויב מען געפינט דריי מתים) בודק זיין (זוכן ווייטער) ביז צוואנציק איילן (טאמער זענען פאראן נאך קברים) און אויב מען האט געפונען איין (מת) צום סוף פון די צוואנציק איילן (הייסט עס אז אויך ער האט דא זיין שטענדיק קבר און מען טאר אים ניט רירן פון ארט), און מען איז פון אים (פון דעם דאזיקן מת) ווייטער בודק צוואנציק איילן, מחמת עס איז דא א יסוד צו דער זאך (עס איז רגלים לדבר, א באוויז, אז אויך דער דאזיקער מת צום סוף פון די צוואנציק איילן קאן זיין געהערט צו א בית הקברות), ווארום (כאטש) ווען מען וואלט אים (דעם דאזיקן מת) געפינען צוערשט (אן די פריערדיקע דריי מתים) וואלט מען געמעגט אוועקנעמען (פון דארט) אים (דעם מת) צוזאמען מיט זיין ערד ארום. די גמרא אין בבא בתרא ק"ב זאגט, פארוואס זוכט מען 20 איילן, ווייל אמאל פלעגט מען קובר זיין אין היילן, מערות, און מינדסטנס צוויי קברים־היילן זענען ארויסגעגאנגען אויף איין קברים־הויף (חצר), און א הייל האט געהאלטן 4 איילן די ברייט אויף 6 איילן די לענג, און דער הויף האט געהאלטן 6 איילן אויף 6 איילן. קומט אויס, אז דער שטח פון די צוויי קברים־היילן האבן געהאלטן 12 איילן, און דער הויף 6, איז צוזאמען 18 איילן, און מען לייגט צו נאך 2 איילן ווייל טאמער איז מען בודק איין קברים הייל אין אלכסון אין דער קרומער ליניע, און ביים אלכסון פון 4 איילן אויף 6 איילן קומט צו לערך 2 איילן. צוזאמן איז עס דאריבער 20 איילן. די משנה ווערט דא געבראכט צוליב דעם כלל פון „רגלים לדבר", „א יסוד צו דער זאך", וואס מיר האבן געהאט פריער אין משנה ב'. צוליב דעמזעלביקן טעם וועלן אויך די ווייטערדיקע משנות ברענגען הלכות, וואס זייער טעם איז דער „רגלים לדבר".

ד. כל ספק, יעדער ספק פון צרעת אין אנהויב איז טהור, איידער עס איז געווען צוגעבונדן (נזקק) צו טומאה. דער דין איז אז א מענטש האט א צרעת, א קרעציקן פלעק, גייט ער צום כהן וועלכער פארשליסט דעם מצורע אויף 7 טעג, און נאך 7 טעג אויב דער כהן זעט אז דער פלעק איז גרעסער געווארן, איז דער מענטש

לטומאה, ספיקו טמא. בשבעה דרכים בודקין את הזב עד שלא נזקק לזיבה: במאכל, ובמשתה, במשא, ובקפיצה, ובחולי, ובמראה, ובהרהור. משנזקק לזיבה, אין בודקין אותו, אונסו וספיקו ושכבת זרעו טמאין, שרגלים לדבר. המכה את חברו ואמדוהו למיתה, והקל ממה שהיה, לאחר

א מצורע און ער איז טמא. זאָגט די משנה (אזוי טייטשט דער ברטנורא לויט ר׳ עקיבא אין מסכתא נגעים פרק ה׳ משנה ד׳) אז אויב צוויי מענטשן וועלכע האָבן געהאט די פלעקן, ביי איינעם אזוי גרויס ווי א ארבעס און ביים צווייטן אזוי גרויס ווי א טאָלער, זענען ביידע געקומען צום כהן און ער האָט זיי פארשלאָסן אויף 7 טעג, און דערנאָך זענען זיי געקומען צום כהן, און ביי ביידע זענען די פלעקן גרויס ווי א טאָלער. קומט דאָך אויס אז דער ביי וועמען עס איז געווען ווי אן ארבעס, דאַרף זיין טמא; אָבער אויב מען געדענקט ניט ביי וועמען עס איז געווען ווי אן אר־בעס, זענען ביידע טהור. ווייל קיינער פון זיי איז נאָכניט געווען טמא, איז דער ספק ביי זיי אויך טהור. משנזקקו, אויב אָבער זיי זענען שוין געווען צוגעבינדן צו טומאה, איז דער ספק טמא. אויב ביי ביידע מענטשן זענען צום סוף פון די 7 טעג געוואָרן די פלעקן אזוי גרויס ווי א טאָלער מיט עפּעס, קומט דאָך אויס, אז זיי זיינען ביידע טמא, ווארום ביי ביידע האָבן זיך די פלעקן פארגרעסערט. אָבער דערנאָך זענען ביי ביידע געוואָרן די פלעקן קלענער און זיי זענען אזוי גרויס ווי א טאָלער, קומט דאָך אויס אז איינער פון זיי, דער פון טאָלער דאַרף זיין טהור; אָבער ווייל דאָ זענען שוין ביידע געווען „צוגעבינדן״ (נזקק) צו טומאה, זיי זענען שוין געווען טמא, דאריבער זיינען ביידע טמא צוליב ספק. דאָס איז דערזעלבער כלל פון „רגלים לדבר״, פון דער חזקה, וואָס מיר האָבן געגעבן פריער אין משנה ב׳. — בשבעה דרכים, מיט זיבן וועגן (אויף זיבן אופנים, אין זיבן זאכן) פאַרשט מען עס דעם זב, איידער ער איז צוגעבינדן גע־וואָרן צו זיין זיבה (-טומאה). דער דין איז אז אויב ביי איינעם באווייזט זיך אן אומריינע פליסיקייט פון זיין געשלעכטס־אָרגאַן, איז ער טמא איין טאָג, און ער דאַרף זיך טובל זיין און ביינאַכט איז ער שוין טהור. אויב אָבער עס האָט זיך באוויזן פון אים א צווייט מאָל די פליסיקייט, הייסט ער שוין א זב (פון וואָרט „זוב״, פליסן), און ער איז שוין טמא 7 טעג. אויב אָבער עס האָט זיך באוויזען א דריט מאָל די פליסיקייט, ווערט ער א גאנצער זב, און נאָך די 7 טעג ווען ער ווערט ריין, דאַרף ער ברענגען א קרבן. דער דין איז, אז דאָס צווייטע מאָל ווערט ער א זב נאָר ווען עס האָט זיך באוויזן דאָס פליסיקייט פון זיך אליין. אויב אָבער עס האָט זיך באוויזן צוליב אן אויסער־ליכער סיבה, הייסט ער אן אונס, געצוווּנגען, און ער איז ניט קיין זב. זאָגט די משנה, אז אין זיבן זאכן פאַרשט מען אויס דעם זב, צי צוליב זיי האָט זיך באוויזן די פלי־סיקייט, און ער הייסט ניט קיין זב. אָבער דאָס פאַרשט מען נור אויב ער איז נאָכניט געווען קיין זב. די זיבן זאכן זיינען: במאכל, מיט עסן. צי ער האָט געגעסן שווערע עסנס, ווי פעט פלייש וכדומה. ובמשתה, און מיט טרינקן. צי ער האָט געטרונקען צופיל. במשא, מיט טראָגן א משא. צי ער האָט ניט אמאָל געטראָגן א שווערע משא. ובקפיצה, און מיט שפּרינגען. צי ער האָט ניט אמאָל געגעבן א הויכן שפּרונג. ובחולי, און מיט קראַנקייט. צי ער איז ניט קראַנק געווען. ובמראה, און מיט זען. צי ער האָט געזען א פרוי, און דאדורך איז עס אים געקומען. ובהרהור, און מיט פאַרשטעלן זיך. מיט הרהורים, טראַכטן וועגן פרויען. אויב ער האָט געהאט איינע פון די זאכן ביים צווייטן מאָל באווייזן זיך פון דער פליסקייט, הייסט ער אן אונס, און ער איז ניט קיין זב. משנזקק, אָבער אויב ער איז שוין געווען צוגעבינדן צו זיבה (ער איז שוין געווען א זב) איז מען אים ניט בודק (מען פאַרשט אים ניט אויס). אויב דאָס צווייטע מאָל איז געווען פון זיך אליין, און דערנאָך האָט זיך באוויזן די פליסיקייט א דריט מאָל, פאַרשט מען שוין ניט צי דאָס איז געווען דורך איינער פון די 7 זאכן, נאָר ער ווערט פאַררעכנט פאַר א גאנצן זב און ער דאַרף ברענגען די קרבנות. אונסו, סיי ער איז גע־

מכאן הכביד ומת; חייב. ר׳ נחמיה אומר, פטור, שרגלים לדבר:

ה. נזיר היה שמואל, כדברי ר׳ נהוראי, שנאמר (שמואל א׳ א׳) „ומורה לא יעלה על ראשו״. נאמר בשמשון (שופטים י״ג) „ומורה״, ונאמר בשמואל „ומורה״, מה מורה האמורה בשמשון נזיר, אף מורה האמורה בשמואל נזיר. אמר ר׳ יוסי, והלא אין מורה אלא של בשר ודם. אמר לו ר׳ נהוראי, והלא כבר נאמר (שמואל א׳ ט״ז) „ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול, והרגני שכבר היה עליו מורה של בשר ודם:

(סליק מסכת נזיר)

ווען אן אונס (געצוואונגן דורך איינע פון די דערמאנטע זאכן), און סיי עס איז א ספק (צי דאס איז ניט אמאל) צוליב זיין זרע איז ער טמא. **הייסט ער א זב און ער דארף ברענגען נאך 7 טעג די קרבנות. אבער איידער ער איז געווארן א זב, אויב פאר די פליסיקייט האט זיך באוויזן א טראפן פון זיין זרע, ווערט ער ניט קיין זב דערפון. איצט זאגט די משנה דעם טעם פארוואס עס איז אן אונטערשיד צווישן איידער ער איז געוועזן א זב און נאכן זיין א זב** שרגלים, ווייל עס איז דא א יסוד צו דער זאך. **עס איז דאס זעלביקע וואס מיר האבן געלערנט פריער אין משנה ב׳, דהיינו, אז ווייל ער איז שוין געוועזן א זב נעמט מען ניט אן אז דאס דריטע מאל איז געוועזן צוליב אן אויסערליכער סיבה, צוליב אן אונס.** המכה, אז איינער גיט א קלאפ דעם אנדערן, און (דער אנדער איז דערפון אזוי קראנק געווארן אז) מען האט אים אפגעשאצט צום שטארבן, אבער עס איז אים דערנאך בעסער געווען, און דערנאך איז אים ערגער געווארן (הכביד, שווערער, ערגער), און ער איז געשטארבן, איז ער (דער שלעגער) חייב. **ער איז שולדיג פאר טויטן א מענטש.** ר׳ נחמיה זאגט, אז ער איז פטור (ניט שולדיג **פאר טויטן א מענטש), ווייל עס איז פאראן א יסוד צו דער זאך. דאס וואס דעם געשלאגענעם איז געווארן בעסער ווייזט, אז דער טויט איז ניט געקומען פון דעם פריערדיקן קלאפ.**

ה. נזיר, שמואל (הנביא) איז געווען א נזיר, לויט די ווערטער פון ר׳ נהוראי, **רשי זאגט אז „כדברי ר׳ נהוראי״ איז דאס זעלביקע וואס „אזוי זאגט ר׳ נהוראי״. אויב איינער זאגט, „איך זאל זיין ווי שמואל״ איז ער א נזיר. און די ראיה אז שמואל איז געוועזן א נזיר איז:** שנאמר, ווארום עס ווערט געזאגט (אין שמואל א׳ א׳ וועגן שמואל) „ומורה לא יעלה ראשו, און קיין שער־מעסער זאל ניט ארויפגיין אויף זיין קאפ״, און אזוי ווי ביי שמשון (אין שופטים יג) ווערט געזאגט „ומורה״, און ביי שמואל ווערט געזאגט „מורה״, איז אזוי ווי (דאס ווארט) „מורה״ וואס ווערט געזאגט ביי שמשון מיינט (אז ער זאל זיין) א נזיר; אזוי מיינט (דאס ווארט) מורה ביי שמואל, אז ער זאל זיין א נזיר. **וועגן שמשון איז פאראן בפירוש דארט אין שופטים י״ג „כי נזיר אלהים יהיה הנער מן הבטן״, אז ער זאל זיין א נזיר.** אמר, האט ר׳ יוסי געזאגט: סטייטש מורה מיינט מען דאך פון א מענטש (בשר ודם, פלייש און בלוט, פון א מענטשליך באשעפעניש). **ר׳ יוסי האלט, אז דאס ווארט „מורה״ מיינט ניט קיין „שער־מעסער״, נאר עס מיינט „מורה״ פון ווארט „מרות״, „הערשאפט״, אדער פון „מורא״, פורכט, פחד, און עס הייסט, אז שמואל וועט ניט מורא האבן פאר קיין מענטש, פאר קיין בשר ודם.** אמר לו, האט ר׳ נהוראי געזאגט צו אים (צו ר׳ יוסי), סטייטש עס איז דאך שוין געזאגט געווארן (אין שמואל א׳, ט״ז) „ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני, ווי אזוי קאן איך גיין, און שאול וועט דערהערן וועט ער מיך הרגענען״, האט ער דאך יא געהאט די מורא פאר א מענטש! **דערפון איז געדרינגען, אז מורה מיינט מען א שער־מעסער און אז שמואל איז געוועזן א נזיר.**

(סליק מסכת נזיר — געענדיגט די מסכתא נזיר)

מסכת סוטה

פרק א.

א. המקנא לאשתו, ר׳ אליעזר אומר, מקנא לה על פי שנים, ומשקה על פי עד אחד, או על פי עצמו. ר׳ יהושע אומר, מקנא לה על פי שנים, ומשקה לה על פי שנים.

מסכתא סוטה

הקדמה

די תורה זאָגט אין במדבר ה׳, אז אויב א מאן איז חושד זיין ווייב, אז זי לעבט מיט א פרעמדן מאן, זי איז אוועקגעגאנגען פון גלייכן וועג („תשטה״, אָפּגעקערט זיך), זאָל ער איר ווארנען, מקנא־זיין. די משנה רופט אָן אזא פרוי „סוטה״ (פון „תשטה״) און זאָגט אז דאָס דאָזיקע „ווארנען״, „מקנא זיין״, מיינט, אז ער זאָל איר זאָגן, אז זי זאָל זיך מיט יענעם פרעמדן מאן ניט טרעפן אין א געהיים אָרט, ניט זיין מיט אים איינע אליין. אויב אָבער די פרוי האָט ניט געפאָלגט און איז יאָ געוועזן מיט דעם פרעמדן מאן אליין אין אן אָרט, זאָל דער מאן פירן דאָס ווייב קיין ירושלים, אין בית המקדש. דאָרט שרייבט אויף א כהן די דערמאָנטע פרשה פון חומש במדבר ה׳, וואָס ווערט אָנגערופן „די פרשה פון סוטה״ (די קללות פון דער פרשה), אויף א מגילה פון פּארמעט. דער כהן נעמט אין א כלי הייליק וואסער פון כיור אין בית המקדש, און טוט אריין אין וואסער אביסל ערד פון בית המקדש, און ער מעקט אָפּ די אָנגעשריבענע פרשה אין דעם וואסער. דאָס וואסער הייסט „מים המאררים״, „דאָס פארשעלטענדיקע וואסער״, און אויך „מים המרים״, דאָס ביטערע וואסער. דערנאָך גיט איבער דער מאן פון דער סוטה צום כהן א מנחה, א קרבן פון מעל, וואָס דער כהן איז מקריב אויפן מזבח. און דערנאָך לייענט פאָר דער כהן פאר דער סוטה די פרשה פון דער סוטה, אז אויב זי איז ריין, האָט ניט געזינדיקט, וועט עס איר ניט שאדן, נאָר אויב זי האָט געזינדיקט וועט איר געשוואָלן ווערן דער בויך און אירע לענדן וועלן אראָפּפאלן. דער כהן גיט איר דערנאָך צו טרינקן דאָס וואסער, און אויב עס האָט איר ניט געשאדט, מעג דער מאן ווייטער וואוינען מיט איר.

די מסכתא סוטה וועלכע האָט 9 פּרקים, לערנט די פּרטים פון די דינים וועגן דער סוטה. אין דער מסכתא קומען אויך אין די לעצטע פּרקים הלכות פון אנדערע ענינים, ווי פון ברכת כהנים (דוכנען), „הקהל״ (דאָס פארלייענען דורכן אידישן מלך אין דער צייט פון בית המקדש א פּרשה פון דער תורה), פון דעם אופן ווי אזוי יידן האָבן געפירט מלחמות, די דינים פון דער „עגלה ערופה״ און צום סוף פון לעצטן פּרק זענען פאראן אויך היסטאָרישע פארצייכנונגען און ווערטער פון מוסר און חסידות.

פרק א.

א. המקנא, אז איינער ווארנט זיין ווייב (אז זי זאָל זיך ניט טרעפן אליין אין אן אָפּגעזונדערט אָרט מיט א פרעמדן מאן), זאָגט ר׳ אליעזר, אז ער דארף איר ווארנען פאר צוויי עדות, אָבער צו געבן איר צו טרינקן וואסער קאָן ער אויך דורך איין עדות אָדער דורך זיך אליין, עס מוזן זיין 2 עדות דאביי ווי ער האָט איר געווארנט, און איין עדות איז ניט גענוג. אָבער עס איז גענוג, אז איין עדות זאָגט אז ער האָט געזען, ווי דאָס ווייב איז (נאָכן ווארנען איר) אריינגעגאנגען מיט דעם פרעמדן מאן (נסתרה, זי האָט זיך באהאלטן מיט אים) אין א אָפּגעזונדערט אָרט, אז איר מאן זאָל איר קאָנען צווינגען צו טרינקן דאָס ביטערע וואסער. נאָכמער, עס איז גענוג, ווען איר מאן אליין זאָגט, אז ער האָט זי געזען אריינגיין מיט דעם פרעמדן מאן אין דעם אָפּגעזונדערטן אָרט, אז זי זאָל מוזן טרינקן דאָס וואסער, און כל זמן זי האָט ניט געטרונקן דאָס וואסער טאָר איר מאן מיט איר ניט לעבן. ר׳ יהושע זאָגט, אז ער מוז איר ווארנען פאר צוויי עדות, און ער קאָן איר צווינגן צו טרינקן דאָס וואסער נור דורך צוויי עדות. עס מוזן

ב. כיצד מקנא לה? אָמר לה בפני שנים, אל תדברי עם איש פלוני, ודברה עמו, עדיין היא מותרת לביתה, ומותרת לאכול בתרומה. נכנסה עמו לבית בסתר, ושהתה עמו כדי טומאה, אסורה לביתה, ואסורה לאכול בתרומה. ואם מת, חולצת ולא מתיבמת:

ג. ואלו אסורות מלאכול בתרומה. האומרת טמאה אני לך, ושבאו עדים שהיא טְמאה, והאומרת איני שותה, ושבעלה אינו רוצה להש־

זיין צוויי עדות וועלכע זאָגן, אז זיי האָבן געזען ווי דאָס ווייב האָט זיך באהאלטן מיטן פרעמדן מאַן.

ב. כיצד, ווי אזוי וואָרנט ער (דער מאַן) איהר? אויב ער האָט איר געזאָגט פאַר צוויי עדות: „דו זאָלסט ניט רעדן מיט יענעם מענטשן", און זי האָט גערעדט מיט אים, איז זי נאָך מותר צו איר הויז (מעג זי ווייטער לעבן מיט איר אייגענעם מאַן), און (אויב זי איז דאָס ווייב פון א כהן) מעג זי עסן תרומה. **דער דין איז אז א ווייב, פון א כהן מעג עסן תרומה,** די תבואה און פרוכטן און גרינס וואָס מען שיידט אָפּ און מען גיט צו א כהן; **א ישראל טאָרניט עסן קיין תרומה. די גמרא טייטשט די משנה אזוי: אויב דער מאַן האָט איר ביים וואָרנען געזאָגט נור אז זי זאָל ניט רעדן מיט יענעם מענטש, איז אפילו זי האָט זיך באהאלטן מיט יענעם פרעמדן מאַן, איז עס גאָרניט, און איר מאַן מעג מיט איר לעבן און זי מעג אויך עסן תרומה, אויב דער מאַן איז א כהן. אויב דער מאַן האָט איר געוואָרנט ניט צו באהאלטן זיך אליין מיט דעם פרעמדן מאַן אין א געהיים אָרט, און זי האָט זיך ניט באהאלטן, אפילו זי האָט גערעדט מיט דעם פרעמדן מאַן, מעג זי אויך ווייטער לעבן מיט איר מאַן און זי מעג אויך עסן תרומה. זי הייסט ניט דאַדורך קיין סוטה.** נכנסה, אויב (אָבער דער מאַן האָט איר גע־וואָרנט ניט צו באהאלטן זיך מיט דעם פרעמדן מאַן און) זי איז מיט אים (מיט דעם פרעמדן מאַן) אריינגעגאַנגען אין א געהיים אָרט, און האָט זיך מיט אים געזוימט דאָרט אזוי לאַנג אז זי האָט געקאָנט טמא ווערן (כדי טומאה, אז זי זאָל ווערן אומריין, זי זאָל האָבן געזינדיקט מיט אים), איז זי אסור צו איר הויז (צו איר מאַן, זי טאָרניט לעבן מיט איר מאַן), און זי טאָרניט עסן קיין תרומה (אויב איר מאַן איז א כהן). **זי הייסט א סוטה. די גמרא זאָגט, אז די צייט פון קאָנען זינדיקן, טמא ווערן (כדי טומאה), איז ווי לאַנג עס דויערט אָפּבראָטן אן איי פון א הון און עס אויסטרינקען. — די ווערטער „מותרת לביתה", „זי איז מותר צו איר הויז", און „אסורה לביתה", „זי איז אסור צו איר הויז", מיינען צום מאַן, לעבן מיט'ן מאַן.** ואם מת, און אויב ער (איר מאַן) איז געשטאָרבן (אָן קינדער, נאָכדעם ווי דאָס ווייב איז געוואָרן א סוטה), זאָל זי נעמען חליצה, אָבער מען טאָר זי ניט מייבם זיין. **מיר האָבן דערקלערט אין דער הקדמה צו מסכתא יבמות, אז ווען איינער שטאַרבט אָן קינדער, דאַרף די אלמנה אָדער חתונה האָבען מיט איר מאַן'ס ברודער** (דאָס הייסט אז דער שוואָגער איז איר מייבם) **אָדער זי נעמט פון אים חליצה. זאָגט די משנה, אז א סוטה** (אויב זי האָט נאָכניט געהאַט געטרונקען דאָס וואַסער) **טאָר דער שוואָגער ניט מייבם זיין, זי איז אסור צו אים; אָבער זי דאַרף נעמען פון אים חליצה כדי זי זאָל מעגן חתונה האָבן מיט אן אנדערן.**

ג. ואלו, און די דאָזיקע (פרויען) טאָרן ניט עסן קיין תרומה (אפילו ווען זיי זע־נען טעכטער פון כהנים). **א פרוי א סוטה טאָר ניט עסן קיין תרומה נאָר אזוי לאַנג ווי זי האָט ניט געטרונקען דאָס וואַסער, אָבער נאָכן טרינקען דאָס וואַסער מעג זי עסן תרומה, און זי איז מותר צו מאַן. אָבער די דאָזיקע פרויען סוטות, וואָס די משנה וועט ווייטער אויסרעכענען, טאָרן קיינמאָל מער ניט עסן קיין תרומה.** האומרת, די פרוי וועלכע זאָגט (צו איר מאַן: „איך בין טמא צו דיר (איך האָב געזינדיקט מיט א פרעמדן מאַן)", און די (פרוי) וועגן וועלכער עס זענען געקומען עדות (וועלכע זאָגן אז זי טמא (אז זי האָט געזינדיקט מיט א פרעמדן מאַן, און די (פרוי) וואָס זאָגט (נאָכדעם ווי דער מאַן האָט איר געוואָרנט און זי האָט זיך באהאלטן מיט דעם פרעמדן מאַן):

קותה, ושבעלה בא עליה בדרך. כיצד עושה לה? מוליכה לבית דין שבאותו מקום ומוסרין לו שני תלמידי חכמים, שמא יבא עליה בדרך. ר׳ יהודה אומר, בעלה נאמן עליה:

ד. היו מעלין אותה לבית דין הגדול שבירושלים, ומאיימין עליה, כדרך שמאיימין על עדי נפשות. ואומרים לה, בתי, הרבה יין עושה, הרבה שחוק עושה, הרבה ילדות עושה, הרבה שכנים הרעים עושים, עשי לשמו הגדול שנכתב בקדושה, שלא ימחה על המים. ואומרים

„איך וויל ניט טרינקן (דאָס ביטערע וואסער)״, און (די פרוי, די סוטה) וואָס איר מאן וויל איר ניט געבן צו טרינקן (דאָס וואסער), און די (פרוי, די סוטה) וואָס איר מאן (פירנדיק איר קיין ירושלים צו טרינקן דאָס וואסער) איז געקומען אויף איר אין וועג (האָט געלעבט מיט איר). **די גמרא זאָגט, אז אויב עדות זאָגן, אז די פרוי האָט געזינדיקט מיט דעם פרעמדן מאן, איז אפילו זי האָט געטרינקן דאָס וואסער און עס האָט איר ניט געשאדט, איז זי אסור צום מאן און זי טאָרניט עסן קיין תרומה. ווייל פון פסוק אין במדבר ה׳ „ונסתרה והיא נטמאה ועד אין בה״ לערנט מען אָפּ, אז דאָס וואסער איז בודק, ווירקט אויף דער פרוי, נאָר ווען עס זענען ניט פאראן קיין עדות, אָבער אויב עס זיינען פאראן עדות, אז זי האָט געזינדיגט, אפילו די עדות זע־נען אין א ווייטן לאנד, ווירקט ניט דאָס וואסער.** כיצד, ווי אזוי דארף ער (איר מאן) זיך אויפפירן מיט איר? ער פירט זי (זיין ווייב, נאָכדעם ווי ער האָט זי געוואָרנט און זי האָט זיך באהאלטן מיט א פרעמדן מאן) צום בית דין פון דאָזיקן אָרט (וואו ער גע־פינט זיך) און זיי געבן אים מיט צוויי תלמידי חכמים (וועלכע זאָלן מיטגיין מיט אים און מיט זיין ווייב קיין ירושלים) טאָמער וועט ער קומען אויף איר (וועט ער לעבן מיט איר) אויפן וועג. **די תלמידי חכמים זענען כדי אים צו ווארנען אז ער זאָל עס ניט טאָן.** ר׳ יהודה זאָגט (אז מען האָט ניט מיטגעשיקט קיין תלמידי חכמים, ווייל) איר מאן איז באגלויבט וועגן איר. **מ׳געטרויט אים, אז ער וועט אויפן וועג ניט לעבן מיט איר, ווייל ער טאָר עס ניט טאָן און ער וועט ניט עובר זיין אויף דער עבירה, פונקט ווי מען געטרויט יעדן מאן, אז ער וועט ניט לעבן מיט זיין ווייב ווען זי איז א נידה. די חכמים אָבער האלטן, אז א נידה, איז א הארבע עבירה (עס קומט דערפאר כרת, פאר־שניטן צו ווערן דורכן הימל) וועט ער ניט עובר זיין, אָבער לעבן מיט א סוטה איז א לייכטערע עבירה, עס איז נור א לאו, עס קומט ניט דערפאר קיין כרת, דאריבער קאָן מען אים ניט געטרויען.**

ד. היו, מען האָט זי ארויפגעפירט (קיין ירושלים) צום גרויסן בית דין אין ירו־שלים, און זיי (דער בית דין) האָט זי אָנגעשראָקן אזוי ווי מען שרעקט אָן עדות אין א טויט־משפט. **אין מסכתא סנהדרין פרק ד׳ משנה ה׳ ווערט געלערנט, אז עדות וואָס קומען זאָגן עדות אין א משפט, וואָס דראָט מיט טויט־שטראָף (עדות נפשות), דארף דאָס בית דין זיי זאָגן ווערטער אָפּצושרעקן זיי, אז זיי זאָלן ניט זאָגן קיין ליגן. אויך אויף דער פרוי דער סוטה האָט דאָס בית־דין געפרובט ווירקן מיט ווערטער, אז זי זאָל זיך מודה זיין אויב זי האָט געזינדיקט, מחמת מ׳דארף דאָך אָפּמעקן אין וואסער די פרשה פון חומש, אין וועלכער ס׳איז פאראן גאָטס נאָמען, און מען טאָר ניט דערלאָזן, אז גאָטס נאָמען זאָל אָפּגעמעקט ווערן אומזיסט.** ואומרים, און זיי (דאָס בית דין) זאָגן צו איר: טאָכטער, א סך טוט וויין (דאָס טרינקן פון וויין פירט צו זינד), א סך טוט (לייכטזיניקער) שפאס (אויך דאָס פירט צו זינד), א סך טוט ניט־דערפארנעס קינד־הייט (אויך דאָס פירט צו זינד), א סך טוען שלעכטע שכנים (שלעכטע חברים), (און אויב דו האָסט געזינדיקט) טו עס (זיי זיך מודה) פאר דעם (כבוד פון גאָטס) גרויסן נאָמען, וועלכער איז געשריבן געוואָרן מיט קדושה, אז ער זאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן אין וואסער. **מען פרובט איר דערקלערן, אז עס קאָן זיין, אז זי האָט אָפּגעטאָן די עבירה צוליב טרינקן וויין, לייכטזיניקייט, נארישן, ייִנגן שכל, שלעכטע חברים, און זי**

לפניה דברים, שאינה כדי לשומען, היא וכל משפחת בית אביה:

ה. אם אמרה, טמאה אני, שוברת כתובתה ויוצאת. ואם אָמרה, טהורה אני, מעלין אותה לשער המזרח שעל פתח נקנור, ששם משקין את הסוטות, ומטהרין את היולדות, ומטהרין את המצורעים. וכהן אוחז בבגדיה, אם נקרעו, נקרעו, אם נפרמו, עד שהוא מגלה את לבה; וסותר את שערה. ר' יהודה אומר אם היה לבה נאה, לא היה מגלהו, ואם היה שערה נאה, לא היה סותרו:

זאָל זיך מודה זיין. ואומרים לפניה, און זיי (דאָס בית דין) זאָגן פאַר איר ווערטער, וואָס זיך איז ניט ווערט צו הערן, ניט זי און ניט די אגנצע משפחה פון אירע עלטערן. **די גמרא זאָגט, אז מען דערציילט איר די סיפורים פון חומש ווי ראובן האָט זיך מודה געווען אויף דער מעשה מיט זיין שטיף־מוטער בלהה (בראשית ל"ה, כ"ד), און יהודה האָט זיך מודה געווען אויף דער מעשה מיט זיין שנור תמר (בראשית ל"ח, כ"ו), און זיי האָבן זיך ניט געשעמט.**

ה. אם אמרה, אויב זי (די פרוי) האָט געזאָגט: איך בין טמא" (איך האָב גע־זינדיקט מיט דעם פרעמדן מאַן), צעברעכט זי איר כתובה און זי ווערט געגט. **דער דין איז, אז ווען א פרוי קריגט א גט פון איר מאַן, דאַרף ער איר צאָלן די כתובה (200 גולדן אויב זי איז געווען א בתולה צו דער חתונה, און 100 גולדן אויב זי איז ניט געווען קיין בתולה). אָבער אויב די פרוי האָט געזינדיקט מיט א פרעמדן מאַן, קומט איר א גט אָן דער כתובה.** „זי צעברעכט (שוברת) איר כתובה" מיינט, **אז זי שרייבט א שובר, א קוויטל, אז איר קומט ניט דאָס כתובה־געלט; דאָס איז אין די ערטער וואו מען שרייבט ניט קיין כתובה. אָבער אין די ערטער, וואו מ'שרייבט א כתובה, איז גע־נוג אז מען צערייסט די כתובה.** ואם אמרה, אָבער אויב זי האָט געזאָגט: „איך בין ריין" (איך האָב ניט געזינדיקט), פירט מען זי אַרויף (פון ירושלים צום בית המקדש) צום מזרח־טויער וואָס איז לעבן דעם טויער פון ניקנור, וואָס דאָרט גיט מען צו טרינקען (דאָס ביטערע וואסער) צו די סוטות. **וועגן דאָזיקן טויער ניקנור (שער ניקנור) פון בית־המקדש־הויף זע שקלים פרק ו' משנה ג' און יומא פרק ג' משנה י.** ומטהרין, און (ביים טויער) רייניקט מען קימפעטאָרינס, און מ'רייניקט מצורעים. **אויב ביי א מענטש האָט זיך באוויזן א קרעציקער פלעק און דער כהן האָט דאָס אנערקענט פאַר צרעת, איז דער מענטש א מצורע און ער ווערט טמא. ווען דאָס צרעת גייט אוועק, דאַרף דער מצורע קומען צום כהן, צום בית המקדש, און דער כהן פירט אדורך די ריניגונג (זע אין דער הקדמה צו מסכתא נגעים). דאָס קומט פאָר ביים ניקנור־טויער.** וכהן, און (ווען די סוטה קומט צו צום ניקנור־טויער) נעמט־אָן א כהן (פון בית המקדש) ביי אירע קליידער (ביים האלדז), און אויב זיי זענען (דאדורך) צעריסן געוואָרן זיינען זיי צעריסן געוואָרן, און אויב זיי זענען גאָר שטאַרק צעריסען גע־וואָרן (נפרמו) זענען זיי גאָר שטאַרק צעריסן געוואָרן, ביז ער אנטבלויזט (דעקט אָפּ) איר האַרץ, און ער לאָזט פונאנדער אירע (קאָפּ־) האָר. **דער כהן גיט א צי איר קלייד פון האלדז אראָפּ; כדי אויפצודעקן איר האַרץ, און אויב דאָס קלייד ווערט דאביי צע־ריסן דאַרף דעם כהן ניט אַרן. אויך לאָזט פונאנדערט דער כהן אירע פאַרקעמטע האָר.** ר' יהודה זאָגט, אז אויב איר האַרץ (דער אנטבלויזטער קערפּער־טייל אַרום האַרץ) איז געווען שיין, האָט ער איר ניט אָפּגעדעקט, און אויב אירע האָר זענען געווען שיינע, האָט ער זיי ניט פונאנדערגעלאָזן. **די גמרא זאָגט, אז דאָס איז כדי די יינגע כהנים (די „פרחי כהונה", די „בלומען פון דער כהונה) זאָלן ניט זען איר שיי־נעם קערפּער־טייל און אירע שיינע האָר, מחמת טאָמער וועט זי זיך אַרויסווייזן אומ־שולדיק וועלן די יינגע כהנים זיך טשעפּן צו איר (יתגרו בה). — די אלע זאכן האָט מען געטאָן כדי איר צו פאַרמיאוסן; און מען האָט אויך געטאָן אנדערע זאכן, כדי איר צו פאַרמיאוסן, ווי די משנה וועט באלד לערנען.**

ו. היתה מתכסה בלבנים, מכסה בשחורים. היה עליה כלי זהב וקטליאות, נזמים וטבעיות, מעבירים ממנה, כדי לנוולה. ואחר כך מביא חבל מצרי, וקושרו למעלה מדדיה. וכל הרוצה לראות בא לראות, חוץ מעבדיה ושפחותיה, מפני שלבה גס בהן. וכל הנשים מותרות לראותה, שנאמר (יחזקאל כ״ג) „ונוסרו כל הנשים ולא תעשינה כזמתכנה״:

ז. במדה שאדם מודד, בה מודדין לו. היא קשטה את עצמה לעבירה, המקום ניוולה; היא גילתה את עצמה לעבירה, המקום גלה עליה, בירך התחילה בעבירה תחלה, ואחד כך הבטן, לפיכך תלקה הירך תחלה, ואחר כך הבטן, ושאר כל הגוף לא פלט:

ו. היה, אויב זי איז געווען אָנגעטאָן (מכוסה) אין ווייסע (קליידער) טוט ער זי אָן אין שווארצע (קליידער). און אויב שווארצע קליידער מאכן איר שיין, טוט מען זי אָן אין מיאוסע קליידער. היה עליה, אויב זי האָט געטראָגן (היה עליה, ס׳זענען געווען אויף איר) גאָלדענע זאכן און האלדז־קייטלעך (קטליאות), נאָז־רינגען, און רינגען, נעמט מען זיי אראָפּ פון איר כדי זי צו פארמיאוסן. „קטליאות״ הייסן האלדז־קייטלעך; אויך אין דער לאטיינישער שפּראך הייסט א קייטל „קאטעלאַ״. „נזמים״ מיינט מען רינגען וואָס פרויען פלעגן טראָגן אמאָל אין דער נאָז, אין וועלכע מען האָט געמאכט לעכלעך; טייל מאָל איז עס, אויך דער טייטש אוירינגלעך. (יחזקאל ט״ז, י״ב, „ואתן נזם על אפך״, און בראשית ל״ה, ד׳ „ואת הנזמים אשר באזניהם״). ואחר כך, און דערנאָך ברענגט ער (דער כהן) א עגיפּטישן שטריק (חבל מצרי) און בינדט אים (דעם שטריק) ארום העכער פון אירע (פון דער פרוי׳ס) ברוסטן. „חבל מצרי״ טייטשט דער ירושלמי א עגיפּטישן שטריק, און ער זאָגט, אז ווייל זי, די פרוי, האָט זיך אויפגעפירט אויסגעלאסן ווי די מצריים, טוט מען זי אָן א מצרישן שטריק. אָבער רשי טייטשט דאָ (און אזוי ווייזט אויך אויס פון דער גמרא בבלי עירובין נ״ח) „מצרי״ פון וואָרט „נצר״, א ריטל, און מען מיינט דאָ א שטריק געפלאָכטן פון ריטלעך, און טייל מיינען אז פון מאָך פון א טייטלבוים. זע ווייטער פרק ב׳ משנה א׳ וועגן „כפיפה מצרית״. וכל הרוצה, און ווער עס וויל קומען זי זען, מעג קומען זי זען, א חוץ פון אירע קנעכט און דינסטן, ווייל איר הארץ גרויסט זיך איבער זיי (און זי וועט זיך ניט וועלן מודה זיין); און אלע פרויען מעגן (זענען מחויב, דארפן) זי זען (ווי מען פארמיאוסט זי), ווארום עס ווערט געזאָגט (יחזקאל כ״ג, מ״ח) „ונוסרו כל הנשים ולא תעשינה כזמתכנה״ (און עס וועלן זיך אפּלערנען מוסר אלע פרויען און זיי וועלן ניט טאָן ווי אירע זנות־מעשים). דאָס וואָרט „מותרות״ טייטשט די גמרא אז זיי, די אנדערע פרויען, „דארפן״ זי זען, כדי זיך אפּצולערנען מוסר.

ז. במדה, מיט דער מאָס מיט וועלכער דער מענטש מעסט, מיט דערזעלבער (מאָס) מעסט מען אים. די משנה לערנט דאָ און אין די ווייטערדיקע משנות ביז צום סוף פרק דעם כלל פון „מדה נגגד מדה״, אז מיט דעמזעלביקן אופן, ווי אזוי דער מענטש פירט זיך אויף, אזוי צאָלט מען אים אָפּ. אויב ער פירט זיך אויף שלעכט, צאָלט מען אים אָפּ אויף דעמזעלביקן אופן מיט שלעכטס, און אויב ער פירט זיך אויף גוט, צאָלט מען אָפּ אויף דעמזעלביקן אופן מיט גוטס. און די משנה נעמט צו־ערשט ביישפּילן דערצו פון דער סוטה, פון דער אויסגעלאסענער פרוי. היא קשטה, זי האָט זיך אויסגעפּוצט צו דער עבירה, האָט גאָט (המקום) געהייסן זי פארמיאוסן; זי האָט זיך אָפּגעדעקטנ צו (טאָן) די עבירה, האָט גאָט געהייסן זי אָפּדעקן; זי האָט אָנגעהויבן די עבירה מיט איר לענד (ירך, די היפּט) צוערשט, און דערנאָך מיט דעם בויך, דעריבער (ווען זי טרינקט דאָס ביטער וואסער און זי איז זינדיק) ווערט צוערשט געשלאָגן איר לענד, און דערנאָך דער בויך. אזוי זאָגט דער חומש במדבר ה׳, כ״א „בתת ה׳ את ירכך נפלת ואת בטנך צבה״ „ווען גאָט וועט געבן אז דיין לענד וועט אראָפּפאלן און דיין בויך וועט ווערן געשוואָלן״, צוערשט דער לענד און דערנאָך

ח. שמשון הלך אחר עיניו, לפיכך נקרו פלשתים את עיניו שנאמר (שופטים ט״ז) ויאחזוהו פלשתים וינקרו את עיניו״. אבשלום נתגאה בשערו, לפיכך נתלה בשערו. ולפי שבא על עשר פלגשי אביו, לפיכך נתנו בו עשר לונביות שנאמר (שמואל ב׳ י״ח) ויסבו עשרה אנשים נישאי כלי יואב (ויכו את אבשלום וימיתוהו)״. ולפי שגנב שלש לבבות, לב אביו ולב בית דין ולב ישראל (שנאמר (שם ט״ו) „ויגנוב אבשלום את לב אנשי ישראל״), לפיכך נתקעו בו ג׳ שבטים, שנאמר (שם י״ח) „ויקח שלשה שבטים בכפו ויתקעם בלב אבשלום״:

דער בויך. ושאר, און דער איבריקער גאנצער קערפער ווערט ניט געשאנעוועט. **דאָס ביטערע וואסער ווירקט אויך צום שלעכטן אויף די איבריקע טיילן פון קערפער, אויב די סוטה האָט געזינדיקט. כאָטש אין חומש ווערן דערמאָנט נור די לענד און דער בויך.**

ח. שמשון. שמשון (הגבור) איז געגאנגען נאָך זיינע אויגן, דאריבער האָבן די פלשתים אים אויסגעשטאָכן זיינע אויגן, ווארום עס ווערט געזאָגט (שופטים ט״ז) „ויאחזוהו הפלשתים וינקרו את עניו, און די פלשתים האָבן אים אָנגענומען און האָבן אים אויסגעשטאָכן זיינע אויגן״. **די גמרא זאָגט, אז שמשון האָט געזינדיקט גיי־ענדיק נאָך זיינע אויגן לערנט מען פון פסוק אין שופטים י״ד, ל׳, אז ווען שמשון האָט געזען א מיידל פון די פלשתים האָט ער געזאָגט צו זיין פאָטער „אותה קח לי כי היא ישרה בעיני״, „גיב מיר זי (דאָס מיידל), ווייל זי איז געפעלן געוואָרן אין מיינע אויגען״.** אבשלום, (דער זון פון דוד המלך) אבשלום האָט זיך גרויס געהאלטען מיט זיינע האָר דאריבער איז ער געהאָנגען געוואָרן אויף זיינע האָר. **אין שמואל ב׳ י״ח ווערט דערציילט, אז אבשלום, דער זון פון דוד המלך, איז געוועזן זייער שיין און אז ער פלעגט זיך לאָזן וואקסן די האָר און דערנאָך זיי אפשערן. דאָרט אין קאפיטל י״ח ווערט דערציילט, ווי אבשלום האָט זיך געבונטעוועט קייגן זיין פאָטער, און ווען דוד המלך׳ס קנעכט האָבן נאָכגעיאָגט אבשלומ׳ן איז ער אנטלויפנדיק אויף א מויל אייזל ארונטער אונטער א בוים, און זיינע האָר האָבן זיך פארטשעפעט אין בוים און ער איז געבליבן הענגן.** ולפי שבא, און ווייל ער (אבשלום) איז געקומען אויף (האָט געלעבט מיט) זיין פאָטערס צען קעבס־ווייבער (פילגשים), דאריבער האָט מען אין אים אריינגעשטאָכן צען שפיזן (לונביאות), ווארים עס ווערט געזאָגט (שמואל ב׳ י״ח) „ויסבו עשרה אנשים נושאי כלי יואב ויכו את אבשלום וימיתוהו, און עס האָבן אים (אבשלומ׳ן) ארומגערינגעלט צען מענטשן וועלכע טראָגן דאָס געווער פון יואב און האָבן געשלאָגן אבשלומ׳ן און אים געטויט״. **וועגן אבשלומ׳ס לעבן מיט די קעבס־ווייבער פון זיין פאָטער דוד איז פאראן אין שמואל ב׳, ט״ז (ויבא אבשלום אל פלגשי אביו). — דאָס וואָרט „לונביות״ איז אין טייל גירסאות פאראן „לונכיות״ (אויך דער ‚ערוך״ איז עס גורס מיט א „כ״, ביים וואָרט „לנך״), און עס איז דאָס גריכישע וואָרט „לאנכע״, א שפיז.** ולפי שגנב, און ווייל ער (אבשלום) האָט געגנבעט (אָפגענארט) דריי הערצער, דאָס הארץ פון זיין פאָטער (דוד המלך), דאָס הארץ פון בית דין און דאָס הארץ פון (פאָלק) ישראל, ווארום עס ווערט געזאָגט (שמואל ב׳ טו) ויגנב אבשלום את לב אנשי ישראל, און אבשלום האָט געגנבעט דאָס הארץ פון די מענטשן פון ישראל״, דאריבער האָט מען אין אים אריינגעשטאָכן דריי ריטער, ווא־רום עס ווערט געזאָגט (שמואל ב׳ י״ח) „ויקח שלשה שבטים בכפו ויתקעם בלב אב־שלום, און ער (יואב) האָט גענומען אין זיין האנט דריי ריטער און ער האָט זיי אריינ־געשטאָכן אין דעם הארץ פון אבשלום. **וועגן דעם אז אבשלום האָט אפגענארט זיין פאָטער דוד המלך איז פאראן אין שמואל ב׳ סוף קאפיטל י״ד. פון פסוק „אנשי יש־ראל״ ווערט אָפגעלערנט אז ער האָט אפגענארט די מענטשן (אנשי) די אנשים חשו־בים, דאָס בית דין, און אויך דעם ‚ישראל״, דאָס פאָלק.**

ט. וכן לענין הטובה. מרים המתינה למשה שעה אחת, שנאמר (שמות א׳) „ותתצב אחותו מרחוק״, לפיכך נתעכבו לה ישראל שבעה ימים במדבר, שנאמר (במדבר י״ג) „והעם לא נסע עד האסף מרים״. יוסף זכה לקבור את אביו ואין באחיו גדול ממנו, שנאמר (בראשית מ״ט) „ויעל יוסף לקבור את אביו ויעל עמו גם רכב גם פרשים״. מי לנו גדול מיוסף, שלא נתעסק בו אלא משה; משה זכה בעצמות יוסף, ואין בישראל גדול ממנו שנאמר (שמות י״ג) ויקח משה את עצמות יוסף עמו״. מי גדול ממשה, שלא נתעסק בו אלא המקום שנאמר (דברים ל״ד) „ויקבור אותו בגיא״. לא על משה בלבד אָמרו, אלא כל הצדיקים, שנאמר

ט. וכן, און אזוי איז אויך (ווערט געצאָלט מדה כנגד מדה, מיט דערזעלביקער מאָס גוטס פאר טאָן גוטס) אין זאכן ביי א גוטער זאך. **די גמרא זאָגט, אז פאר גוטע מעשים ווערט אָבגעצאָלט מער וויפיל מען האָט געטאָן, ווי די משנה וועט באלד לערנען.** מרים, (די שוועסטער פון משה רבנו) מרים האָט אָפּגעוואַרט משה׳ן איין שעה, ווארום עס ווערט געזאָגט (שמות א׳) „ותתצב אחותו מרחוק, און זיין (משה׳ס) שוועסטער האָט זיך געשטעלט פונדערווייטנס״ (ווען מען האָט משה אריינגעליגט מיט דעם קעסטעלע אין וואסער), דעריבער האָבן די יידן זיך אָפּגעשטעלט צוליב איר זיבן טעג אין דעם מדבר, ווארום עס ווערט געזאָגט (במדבר י״ג) „והעם לא נסע עד האסף מרים, און דאָס פאָלק איז ניט אוועק (אין וועג) ביז מרים איז צוריק אריין (אין דער מחנה). **אין חומש ווערט דערציילט, אז ווען פרעה דער מלך פון מצרים האָט גוזר געווען אז מען זאָל אריינווארפן אין וואסער אלע געבוירענע יידישע אינגלאך, האָט משה רבנו׳ס מוטער אריינגעלייגט משהן אין א קעסטל און אים אריינגעלייגט ביים ברעג פון טייך און משה׳ס שוועסטער מרים האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים טייך צו ווארטן כדי אים צו העלפן. דערפאר, א סך שפעטער, ווען מרים איז געווען מצורע און איז אויסגעהיילט געוואָרן און זי האָט געמוזט בלייבן אָפּגעזונדערט 7 טעג, האָט דאָס גאנצע פאָלק ישראל געוואַרט אויף איר די גאנצע 7 טעג.** יוסף, (יעקב אבינו׳ס זון) יוסף האָט זוכה געווען קובר צו זיין זיין פאָטער (יעקב) און עס איז ניט געווען צווישן זיינע ברידער קיין גרעסערער (חשובער) פון אים, ווארום עס ווערט געזאָגט (בראשית מ״ט) „ויעל יוסף לקבור את אביו ויעל עמו גם רכב וגם פרשים, און יוסף איז אויפגעגאנגען (פון מצרים קיין ארץ ישראל) קובר צו זיין זיין פאָטער און עס זענען אויפגעגאנגען מיט אים ״ייטוועגן און רייטער״, דעריבער ווער איז געוואָרן מער געעהרט פון יוסף, אז עס האָט זיך פארנומען מיט אים (מיט יוסף׳ס קבורה) ניט קיין אנדערער נאָר משה (רבנו); משה האָט זוכה געווען (צו נעמען מיט פון מצרים) די ביינער פון יוסף, ווארום עס ווערט געזאָגט (שמות י״ג) „ויקח משה את עצמות יוסף עמו, און משה האָט גענומען די ביינער פון יוסף מיט זיך״. **ווייל יוסף אליין, דער חשובסטער צווישן די ברידער, האָט זיך פארנומען מיט דער קבורה פון זיין פאָטער יעקב, דעריבער האָט ער זוכה געווען אז מיט זיין (יוסף׳ס) קבורה האָט זיך פארנומען דער חשובסטער צווישן יידן, משה רבנו.** מי גדול, ווער איז חשובער פון משה (רבנו, אז עס האָט זיך באשעפטיקט מיט אים (מיט זייז קבורה ניט קיין אנדערער נאָר גאָט (המקום,גאָט), ווארום עס ווערט געזאָגט (דברים ל״ד „ויקבר אתו בגי״, און ער האָט אים קובר געווען אין טאָל״. **אין חומש דאָרט ווערט געזאָגט, אז משה איז געשטאָרבן און קיינער ווייסט ניט דאָס אָרט פון זיין קבורה, און עס ווערט געזאָגט סתם „און ער האָט אים קובר געווען״, מיינט מען אז גאָט אליין האָט זיך פארנומען מיט זיין קבורה, מחמת צווישן מענטשן, צווישן די יידן איז קיין גרעסערער פון משה רבנו ניט געווען, וואָס זאָל זיך פארנעמען דערמיט. דאָס איז געווען זיין שכר דערפאר וואָס ער, דער חשובסטער צווישן יידן, האָט זיך פארנומען מיט יוסף׳ס קבורה.** לא על משה, ניט אויף משה (רבנו) אליין האָט מען דאָס געזאָגט, נאָר אויך

(ישעיה נ״ח) „והלך לפניך צדקך כבוד ה׳ יאספך״:

פרק ב.

א. היה מביא את מנחתה בתוך כפיפה מצרית, ונותנה על ידיה כדי ליגעה. כל המנחות תחילתן וסופן בכלי שרת, וזו תחילתה בכפיפה מצריתוסופה בכלי שרת. כל המנחות טעונות שמן ולבונה, וזו אינה טעונה לא שמן ולא לבונה. כל המנחות באות מן החטין, וזו באה מן השעורין. מנחת העומר אף על פי שבאה מן השעורים, היא היתה באה גרש, וזו באה קמח. רבן גמליאל אומר, כשם שמעשיה מעשה בהמה, כך קרבנה מאכל בהמה.

(אויף אלע צדיקים, ווארום עס ווערט געזאָגט (ישעיה נ״ח „והלך לפניך צדקך כבוד ה׳ יאספך, און עס וועט גיין פאר דיר דיין גערעכטיקייט און די ערליכקייט פון גאָט וועט דיר איינזאמלען״. „אסף״, **„ויאסף אל עמיו״ (בראשית מ״ט ל״ג, איז דער טייטש „שטארבן״, און די משנה טייטשט דאָ דאָס וואָרט „יאספך״, אז דער כבוד פון גאָט נעמט צו די צדיקים נאָך זייער טויט. מען מיינט דער־מיט, אז די צדיקים קומען אריין אין גן עדן אין דעם כבוד פון גאָט.**

פרק ב.

א. היה, ער (דער מאן פון דער סוטה) האָט געבראכט (צום בית המקדש) איר מנחה (א קרבן פון מעל) אין א קויש פון ריטלעך. **„כפיפה״ הייסט א קויש, און אין טייל גירסאות אין דער משנה איז פאראן „קפיפה״ (אזוי ווי „קופה״, אקויש). „מצרית״ איז פון „נצר״, א „ריטל״, און עס איז דער טייטש א קויש געפלאָכטן פון ריטלעך (זע פריער פרק א׳ משנה ו׳), און טייל מיינען אז פון מאָך וואָס וואקסט ארום די טייטלביימער.** ונותנה, און לייגט זי (די מנחה מיט דעם קויש) ארויף אויף איר (דער סוטה׳ס) האנט, כדי זי מיד צו מאכן. **דאָס איז אלץ געווען, אז אויב זי האָט געזינ־דיקט זאָל זי זיך מודה זיין, און מען זאָל ניט דארפן אָפּמעקן גאָטס נאָמען אין דעם וואסער, וואָס מען גייט איר געבן צו טרינקן (זע פריער פרק א׳ משנה ד׳).** כל המנחות, אלע מנחות (קרבנות פון מעל) איז זייער אָנהייב אין א כלי שרת (מען לייגט זיי באלד אין אָנהויב אריין אין א כלי פון גאָלד אָדער זילבער, וואָס מען קאָן דערמיט טאָן די עבודה, דינען שרת, אין בית המקדש) און זייער סוף איז אין א כלי שרת. **דערנאָך ווען מען איז מקריב די מנחה, דעם מעל־קרבן, לייגט מען זי אריין אין א הייליקער כלי פון בית המקדש.** וזו, און די דאָזיקע (מנחה פון א סוטה) איז איר אָנ־הייב אין א קויש פון ריטלעך, און איר סוף איז אין א כלי שרת. **ביים מקריב זיין איר מנחה האָט מען געדארפן באנוצן א כלי שרת, א הייליקע כלי, אָבער איז אָנהייב האָט מען זי געבראכט אין א קוש פון ריטלעך, וואָס קאָן קיין מאָל ניט ווערן קיין כלי שרת. דאָס איז, כדי מבזה צו זיין די סוטה.** כל המנחות, אלע מנחות (מעל קרבנות) דארפן האָבן אייל און ווייראיך (מען טוט ארויף אויף זיי אייל און ווייראיך), און די דאָזיקע (די מנחה פון דער סוטה) האָט ניט קיין אייל און ניט קיין ווייראיך. **די גמרא זאָגט, אז כאָטש עס איז פאראן א מנחה פון א זינדיקן (זע אין דער הקדמה צו מסכתא מנחות) וואָס האָט אויך ניט קיין אייל און קיין ווייראיך, אָבער יענע מנחה ברענגט מען פון ווייצן־מעל, און די מנחה פון דער סוטה ברענגט מען פון גערשטן־מעל. און דאָס לערנט באלד די משנה:** כל המנחות, אלע מנחות (מעל־קרבנות) ברענגט מען פון ווייץ (פון ווייצן מעל), און די דאָזיקע (מנחה פו דער סוטה) ברענגט מען פון גערשטן (פון גערשטן־מעל); די מנחה פון עומר (וואָס מען האָט געבראכט אין בית המקדש דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן), כאָטש מען ברענגט זי פון גערשטן (פון גערשטן־מעל), ברענגט מען אָבער זי פון פיין־מעל (גרש), און די דאָזיקע (די מנחה פון דער סוטה) ברענגט מען פון גראָב מעל (קמח). **„גרש״, א וואָרט פון תנך (ויקרא ב׳, י״ד „גרש כרמל״) הייסט מעל וואָס איז פיין דורכגעזיפּט, און פון וועלכן עס ווערט באזייטיקט**

ב. היה מביא פיילי של חרס חדשה ונותן לתוכה חצי לוג מים מן הכיור. ר' יהודה אומר, רביעית; כשם שממעט בכתב, כך ממעט במים. ונכנס להיכל, ופנה לימינו, ומקום היה שם אמה על אמה, וטבלא של שיש, וטבעת היתה קבועה בה; וכשהוא מגביה נוטל עפר מתחתיה, ונותן כדי שיראה על המים, שנאמר (במדבר ה׳) „ומן העפר אשר יהיה בקרקע המשכן יקח הכהן ונתן אל המים״:

ג. בא לו לכתוב את המגילה, מאיזה מקום הוא כותב. מ„אם לא שכב איש וגו׳, ואת כי שטית תחת אישך;״ ואינו כותב „והשביע הכהן

יעדע קלייען. קמח״ מיינט דאָ מעל געמאָלן צוזאמען מיט דעם קלייען. רבן גמליאל זאָגט,אז אזוי ווי אירע (דער סוטה׳ס) מעשים (איר אויפפירונג) זענען אזוי ווי פון א בהמה (די סוטה שעמט זיך ניט און זינדיקט מיט א פרעמדן מאן), אזוי איז איר קרבן (די מנחה) פון א עסנווארג פון א בהמה. גערשטן האָבן מענטשן ווייניק געגעסן, און געגעסן האָבן נור זייער אָרימע מענטשן; דער עיקר האָט מען עס געגעבן צו עסן צו בהמות (זע מלכים א׳, ה׳ „השעורים והתבן לסוסים״, און די גמרא פסחים ג׳).

ב. היה מביא, ער (דער כהן) האָט געבראכט א נייע ערדענע שיסל (פיילי) און ער האָט אין איר אריינגעגאָסן א האלבע קוואַרט (לוג) וואַסער פון כיור. אין בית המקדש איז געווען א הייליקער בעקן, כיור, און דאָס וואַסער אין אים איז געווען הייליק. פון דאָזיקן כיור האָט דער כהן גענומען דאָס וואַסער. „פיילי״ איז דאָס גריכישע וואָרט „פיאלא״, א שיסל, א בעכער. ר׳ יהודה זאָגט, אז א פירטל. דער כהן וואַסער) אזוי פארקלענערט ער דאָס וואַסער. מיר לערנען אין משנה ג׳ די ווערטער פון ר׳ יהודה, אז מען דאַרף אויפשרייבן נאָר עטליכע שורות פון דער פרשה. ונכנס, און האָט אריינגעטאָן אין דער שיסל נאָר א פערטל קוואַרט וואַסער. כשם, אזוי ווי ער (ר׳ יהודה) פארקלענערט אין שרייבן (די פרשה פון סוטה וואָס מען דאַרף אָפּמעקן אין ער (דער כהן) איז אריינגעגאַנגען אין היכל (אין דער געביידע פון בית המקדש), און האָט זיך געווענדעט אין זיין רעכטער זייט; און אַן אָרט איז דאָרט געווען (אין היכל, אין דער רעכטער זייט) אַן אייל (די לענג) אויף אַן אייל (די ברייט), און (אויף דעם אָרט איז געלעגן) א טאָוול (וטבלא) פון מאַרמאָר, און א רינג איז געווען צו באַפעסטיקט צו אים (צום מאַרמאָרנעם טאָוול). די גאַנצע פּאָדלאָגע, די ערד פון היכל, פון דער בית־המקדש געביידע, איז געווען באַדעקט מיט מאַרמאָרנע טאָוולן. נאָר די אַנדערע טאָוולן האָט מען ניט געקאָנט אויפהויבן; זיי זיינען געווען צוגעפּלאַסטערט צו דער ערד. אָבער דעם דאָזיקן טאָוול האָט מען יאָ געקאָנט אויפהייבן, און צום טאָוועל איז געווען צוגעטשעפּעט א רינג, ביי וועלכן מען האָט געקאָנט אָננעמען, כדי דעם טאָוועל אויפצוהייבן. וכשהוא, און ווען ער (דער כהן) הייבט אויף (דעם מאַרמאָר־טאָוועל) נעמט ער ערד פון אונטער אים (פון דער היכל־ערד), און טוט אריין (אין דער שיסל מיט וואַסער אזוי פיל) אז מען זאָל זען די ערד אויפן וואַסער, ווארום עס ווערט געזאָגט (במדבר ה׳) „ומן העפר אשר יהיה בקרקע המשכן יקח הכהן ונתן אל המים״ (און פון דער ערד וואָס וועט זיין אויף דער ערד פון משכן זאָל דער כהן נעמען און געבן צום וואַסער). מיט „משכן״ מיינט מען אויך דאָס בית המקדש. די משנה לערנט אָפּ פון די ווערטער „אל המים״, „צום וואַסער״ (אנשטאט „בתוך המים״, „אין וואַסער״) אז מען מיינט דערמיט, אז די ערד זאָל ניט איינגעשלונגען ווערן אין וואַסער, נאָר זאָל בלייבן אויפן וואַסער, און מען זאָל די ערד זען.

ג. בא, ער (דער כהן) איז געקומען שרייבן די מגילה. מיט „מגילה״ מיינט מען דאָ די פרשה פון סוטה פון חומש במדבר ה׳, וואָס ווערט אויפגעשריבן אויף פאַרמעט, וועלכן מען וויקלט געוויינטליך איין; דעריבער הייסט עס „מגילה״, פון „גלל״, איינוויקלען. מאיזה, פון וועלכן אָרט (אין דער פרשה פון סוטה אין במדבר ה׳) שרייבט ער? פון (אין במדבר ה׳ אין פסוק י״ט) אם לא שכב איש״ און ווייטער, און (דעם

את האשה"; וכותב "יתן ה' אותך לאלה ולשבועה ובאו המים המאררים האלה במעיך לצבות בטן ולנפיל ירך"; ואינו כותב "ואמרה האשה אמן אמן". ר' יוסי אומר, לא היה מפסיק. ר' יהודה אומר, כל עצמו אינו כותב אלא "יתן ה' אותך לאלה ולשבועה וגו', ובאו המים המאררים האלה במעיך" וגו'. ואינו כותב "ואמרה האשה אמן אמן:"

ד. אינו כותב לא על הלוח, ולא על הנייר, ולא על הדפתרא, אלא על המגילה שנאמר (במדבר ה') "בספר". ואינו כותב לא בקומוס, ולא

פסוק כ') "ואת כי שטית תחת אשך". דאָס זיינען די ווערטער פון דער שבועה וואָס דער כהן באשווערט די פרוי די סוטה און ער זאָגט צו איר: "אויב קיין (פרעמדער) מאַן איז מיט דיר ניט געלעגן און אויב דו האָסט ניט אָפּגעקערט מטמא צו זיין אונטער דיין מאַן, זאָלסטו זיין ריין פון דאָס דאָזיקע ביטערע, פאַרשאָלטענע וואַסער; און (אויב) דו האָסט אָפּגעקערט אונטער דיין מאַן און אויב דו האָסט זיך מטמא געווען און א מאַן האָט געגעבן אין דיר זיינע זאָמען (שכבתו) א חוץ דיין מאַן", — און דאָ קומט ווייטער די קללה. ואינו, און ער שרייבט ניט (אין דעם פסוק כ"א די ווערטער) "והשביע הכהן את האשה", און ער שרייבט (אין פסוק כ"ב די קללה־ווערטער): (אז אויב די פרוי האָט יאָ געזינדיקט) "יתן ה' אותך לאלה ולשבועה ובאו המים המאררים האלה במעיך לצבות בטן ולנפול ירך" (און גאָט זאָל דיך געבן צו א קללה און צו א שבועה, און עס זאָלן קומען די דאָזיקע פאַרשאָלטענע וואַסער אין דיינע געדערים, צו מאַכן געשוואָלן דעם בויך, און צו מאַכן אַראָפּפאַלן דעם לענד); און ער שרייבט ניט (די ווערטער אין סוף פון פסוק כ"ב) "ואמרה האשה אמן ואמן" (און די פרוי זאָל זאָגן "אמן און אמן"). ער שרייבט נור די ווערטער אז אויב די פרוי איז אומשולדיק וועט איר ניט ברענגען קיין שאַדן, דאָס ביטערע וואַסער, און אויב זי איז יאָ שולדיג זאָל עס שאַדן איר קערפּער. ר' יוסי זאָגט, אז ער האָט ניט מפסיק געווען. דאָס הייסט, אז דער כהן האָט יאָ געשריבן די ווערטער וועגן וועלכע די משנה פריער האָט געזאָגט אז ער האָט זיי ניט געשריבן. לויט ר' יוסי האָט ער אָנגעהויבן שרייבן פון "אם לא שכב" אין פסוק י"ט און ער האָט געשריבן כסדר ביז צום סוף פון פסוק כ"ב, "אמן ואמן". מחמת מען דאַרף שרייבן אויך די "צוואות", די געבאָטן פון פסוק (והשביע הכהן", "און דער כהן זאָל באַשווערן", א געבאָט פאַר דעם כהן צו געבן די שבועה) און די קבלות (דאָס זאָגן פון דער פרוי "אמן ואמן", און דערמיט איז זי מקבל, זי נעמט אויף זיך די שבועה). ר' יהודה זאָגט, אז ער האָט אינגאַנצן געשריבן ניט מער נאָר (די ווערטער אין פסוק כ"א) "יתן ה' אותך לאלה ולשבועה" און ווייטער, (און אין פסוק כ"ב) "ובאו המים המאררים האלה במעיך" און ווייטער, און ער שרייבט ניט (דעם סוף פון פסוק כ"ב די ווערטער) "ואמרה האשה אמן ואמן". ר' יהודה האַלט, אז דער כהן האָט געדאַרפט איבערשרייבן נאָר די לעצטע ווערטער פון פסוק, אָבער ניט די ברכה, אז אויב זי איז אומשולדיק וועט איר גאַרניט שאַדן דאָס וואַסער, און ניט די ערשטע קללה, און אויך ניט די ווערטער פון "צוואות" און קבלות, ווי מיר האָבן פריער דערקלערט.

ד. אינו, מען שרייבט ניט (די מגילה פון דער סוטה) ניט אויף א טאָוועל, און ניט אויף פּאַפּיר, און ניט אויף רויען (פּאַרמעט) לעדער (דיפתרא), נאָר אויף א מגלה (אויף פּאַרמעט), וואָרום עס ווערט געזאָגט (במדבר ה' כ"ג) "בספר" (אויף א בוך). און מיט "ספר" מיינט מען אויף פּאַרמעט. מיט טאָוועל (לוח) מיינט מען פון האָלץ; מיט דיפתרא מיינט מען רויען לעדער־פּאַרמעט, און דאָס איז דאָס גריכישע וואָרט "דעפטרא", רויער פּאַרמעט. ואינו, און מען שרייבט ניט (די מגילה) ניט מיט גומי (־פּארב) און ניט מיט וויטריאָל, און ניט מיט א זאַך וואָס מאַכט א צייכן (און ווערט איינגעזאַפּט אין פּאַרמעט און מען קאָן עס ניט אָפּמעקן), נאָר מיט טינט,

בקנקתום, ולא בכל דבר שרושם, אלא בדיו, שנאמר (שם) „ומחה‟, כתב שיכול להמחק:

ה. על מה היא אומרת אמן אמן? על האלה, אמן על השבועה, אמן מאיש זה, אמן מאיש אחר, אָמן שלא שטיתי ארוסה ונשואה ושומרת יבם וכנוסה, אמן שלא נטמאתי, ואם נטמאתי יבואו בי. ר׳ מאיר אומר, אמן שלא נטמאתי, אמן שלא אטמא:

ווארום עס ווערט געזאָגט (במדבר ה׳, כ״ג) „ומחה‟ (און ער זאָל אָפּמעקן די אָנגעשריבענע מגילה אויף דעם וואסער), א געשריפטס, וואָס מען קאָן אָפּמעקן. „קומוס‟ איז דאָס גריכישע וואָרט „קאָמיס‟, גומי; אזוי טייטשט דער ערוך. דאָס איז די זשיוויצע פון גומי־ביימל. „קנקנתום‟ ,אין טייל גירסאות „קלקנטום‟ איז דאָס גריכישע וואָרט „קאלקאנטאס‟, וויטריאָל. צוליב דעם וואָס די דאָזיקע פארבן ווערן איינגעזאפּט אין דעם פּארמעט, קאָן מען זיי ניט אָפּמעקן.

ח. על מה, אויף וואָס זאָגט זי (די פּרוי, די סוטה) אָמן, אמן? אין במדבר ה׳ כ״ב ווערט געזאָגט אז נאָכדעם ווי דער כהן האָט איר באשוואוירן, אז אויב זי האָט גע־זינדיקט זאָל דאָס וואסער שאדן איר קערפּער, האָט די פרוי געזאָגט דערויף „אָמן, אמן‟, צוויי מאָל „אָמן‟. פרעגט די משנה, אויף וואָס זיינען דער „אָמן, אמן‟? און די משנה זאָגט, אז דערמיט האָט זי באשטעטיקט די שבועה אויף א סך זאכן, און דהיינו: אמן על האלה, אמן אויף דער קללה און אמן אויף דער שבועה, אמן (אז איך האָב ניט געזינדיקט) מיט דעם דאָזיקן מאן (מיט וועלכן זי האָט זיך באהאלטן אין א געהיים אָרט) און אמן (אויך) פון יעדן אנדערן (פרעמדן) מאן. דאָס הייסט, אז זי האָט אויך ניט געזינדיקט מיט אן אנדערן פרעמדן מאן. די משנה וועט ווייטער אויסטייטשן, אז „אָמן אויף דער קללה‟ מיינט אז אויב זי האָט געזינדיקט זאָל קומען אויף איר די קללה און דאָס וואסער זאָל איר שאדן, און „אמן אויף דער שבועה‟ מיינט אז זי שווערט, אז זי האָט ניט געזינדיקט. אָמן שלא שטיתי, „אָמן אז איך האָב ניט אָפּגעקערט (פון גלייכן וועג, איך האָב ניט געזינדיקט מיט א פרעמדן מאן) ווען איך בין געווען אן ארוסה און ווען איך בין געווען א חתונה־געהאטע, ווע איך בין געווען א שומרת יבם (א יבמה) און ווען איך בין געווען א חתונה געהאטע (מיט דעם יבם). אמאָל איז געווען דער מנהג, אז דער חתן האָט מקדש געווען די כלה ביי די תנאים, און די ריכטיקע חתונה איז פאָרגעקומען מיט 12 חדשים שפּעטער. נאָך דעם מקדש זיין ביי די תנאים איז די פרוי אן „ארוסה‟ מקודש געוואָרן); נאָך דער חתונה הייסט זי א נשואה. שווערט די סוטה, אז זי האָט ניט געזינדיקט ניט ווען זי איז געווען אן ארוסה און ניט נאָך דער חתונה. ווען איינער שטארבט אָן קינדער, הייסט די אלמנה א יבמה, אויך א שומרת יבם, זי וואַרט אויפן „יבם‟, אויף איר שוואגער, דעם מאנ׳ס ברודער, אז ער זאָל איר מייבם זיין, חתונה האָבן מיט איר (זע הקדמה צו מסכתא יבמות). אין דער צייט ביז דער חתונה מיטן שוואָגער טאָר די יבמה ניט לעבן מיט אן אנדער מאן. זאָגט די משנה, אז אויב דער יבם האָט נאָך דער חתונה מיט איר (כונס זיין, אריינגעמען איר, חתונה האָבן מיט איר) זי געוואָרנט אז זי זאָל זיך ניט טרעפן אין א געהיים אָרט מיט דעם פרעמדן מאן און זי האָט זיך יאָ געטראָפן מיט אים, און מען האָט איר געגעבן די שבועה, האָט זי געשוואוירן, אז זי האָט ניט געזינדיקט ניט אין דער צייט ווען זי איז געווען די שומרת יבם, און ניט נאָך דער חתונה מיטן יבם. אמן שלא נטמאתי, אָמן אז איך בין ניט טמא געוואָרן (איך האָב ניט געזינדיקט), און אויב איך בין טמא געוואָרן (אויב איך האָב געזינדיקט) זאָלן זיי קומען אין מיר. עס זאָלן קומען די קללות וואָס דער כהן האָט אויסגערעכנט פריער אין דער שבועה. ר׳ מאיר זאָגט (אז זי האָט געמיינט אויך): אָמן אז איך בין ניט טמא געוואָרן, אָמן אז איך וועל ניט טמא ווערן (איך וועל ניט זינדיקן). און אויב זי וועט שפּעטער זינדיקן מיט א פרעמדן מאן וועט זיך אויפוועקן דאָס ביטערע וואסער און שאדן איר קערפּער.

ו. הכל שוין, שאין מתנה עמה לא על קודם שתתארס ולא על מאחר שתתגרש. נסתרה לאחר ונטמאת, ואחר כך החזירה, לא היה מתנה עמה. זה הכלל, כל שתבעל ולא היתה אסורה לו, לא היה מתנה עמה:

פרק ג.

א. היה נוטל את מנחתה מתוך כפיפה מצרית ונותנה לתוך כלי שרת ונותנה על ידה, וכהן מניח ידו מתחתיה ומניפה:

ב. הניף והגיש, קמץ והקטיר, והשאר נאכל לכהנים. היה משקה ואחר כך מקריב את מנחתה. ר׳ שמעון אומר, מקריב את מנחתה ואחר כך

ו. הכל שוין, אלע זענען גלייך (אלע זענען מודה, אויך ר׳ מאיר איז מודה) אז מען נעמט ניט אויס מיט איר (מען גיט איר ניט די שבועה) ניט אויף דער צייט איי־דער זי איז געוואָרן אן ארוסה (איידער דער מאן האָט איר מקדש געווען) און ניט אויף דער צייט נאָכדעם ווי ער (איר מאן) האָט זי געגט. **אויב זי האָט געלעבט (אָן קידושין) מיט א פרעמדן מאן איידער זי איז געוואָרן זיין פרוי, איז די שבועה דערויף ניט גילטיק, און דאָס וואסער ווירקט ניט. אויך אויב איר מאן האָט זי געגט און זי האָט נאָכן גט געלעבט (אָן קידושין) מיט א פרעמדן מאן, און דערנאָך האָט איר מאן מיט איר צוריק חתונה געהאט, איז די שבועה דערויף ניט גילטיק, ווייל א גרושה ווען זי לעבט אָן קידושין מיט א פרעמדן מאן, מעג צוריק חתונה האָבן מיט איר מאן, און נור ווען א פרעמדער מאן האָט זי מקדש געווען טאָר זי מיט איר מאן ניט צוריק חתונה האָבן. די משנה פארטייטשט עס** נסתרה (אויב נאָכן גט) האָט זי זיך באהאלטן מיט א פרעמדן מאן און זי איז טמא געוואָרן (זי האָט געלעבט מיט דעם פרעמדן מאן) און דערנאָך האָט ער (דער פריערדיקער מאן) צוריק חתונה געהאט מיט איר, קאָן ער ניט אויסנעמען מיט איר. **די שבועה איז ניט גילטיק דערויף.** זה הכלל, דאָס איז דער כלל, יעדער פאַל, וואָס אויב זי (די פרוי) ווערט נבעל (לעבט מיט א פרעמדן מאן) ווערט זידאדורך ניט אסור צו איר מאן (און איר מאן מעג ווייטער וואוינען מיט איר), קאָן ער ניט אויסנעמען מיט איר (איז די שבועה ניט גילטיק). **און ווייל אויב זי האָט געלעבט מיט א פרעמדן מאן איידער איר מאן האָט זי מקדש געווען, אָדער ווען זי איז געווען געגט, מעג איר מאן חתונה האָבן מיט איר, דאריבער איז די שבועה דערויף ניט גילטיק.**

פרק ג.

א. היה נוטל, ער (איר מאן) האָט גענומען איר מנחה (דעם קרבן פון מעל) פון דעם ריטלעך־קויש און האָט זי אריינגעלייגט אין א הייליקער כלי (כלי שרת, א כלי פון דינסט, וואָס מען טוט דערמיט די דינסט, די עבודה אין בית המקדש) און האָט זי ארויפגעלייגט אויף איר (דער פרוי׳ס האנט), און דער כהן האָט ארונטערגע־לייגט זיין האנט אונטער איר האנט און האָט זי אויפגעהויבן. **ער האָט אויפגעהויבן (מניף־געווען) איר האנט מיט דער מנחה.**

ב. הניף, ער (דער כהן) האָט אויפגעהויבן (די מנחה) און ער האָט זי צוגעטראָגן (צום מזבח, צום דרום־מערב־ווינקל), ער האָט אראָפּגענומען (פון דער מנחה) א פולע האנט (קמץ), און ער האָט דאָס (דעם קומץ, דאָס אראָפּגענומענע) מקריב געווען (פאַר־ברענט אויפן מזבח), און דאָס איבערגעבליבענע (די שיריים פון דער מנחה) האָבן געגעסן די כהנים. **וועגן די אלע עבודות פון א מנחה (א מעל־קרבן) ווי אויפהייבן (הנפה), צוטראָגן (הגשה), אראָפּנעמען א פולע האנט (קמיצה), מקריב זיין דעם קומץ, און עסן די שיריים, געבן מיר בפרטות אין דער הקדמה צו מסכתא מנחות.** היה משקה, ער (דער כהן) האָט (צוערשט) איר געגעבן צו טרינקן (דאָס ביטערע וואסער) און דערנאָך האָט ער מקריב געווען איר מנחה. ר׳ שמעון זאָגט, אז (צוערשט) האָט ער מקריב געווען איר מנחה און דערנאָך האָט ער איר געגעבן צו טרינקן (דאָס וואסער), ווארום עס ווערט געזאָגט (במדבר ה׳) „ואחר ישקה את האשה את המים (און דערנאָך זאָל ער געבן צו

היה משקה, שנאמר (במדבר ה׳) „ואחר ישקה את האשה את המים״. אם השקה ואחר כך הקריב את מנחתה, כשירה:

ג. עד שלא נמחקה המגילה ואמרה, איני שותה, מגילתה נגנזת, ומנחתה מתפזרת על הדשן, ואין מגילתה כשרה להשקות בה סוטה אחרת. נמחקה המגילה ואָמרה, טמאה אני, המים נשפכין, ומנחתה מתפזרת על הדשן. נמחקה המגילה ואמרה, איני שותה, מערערים אותה ומשקין אותה בעל כרחה:

ד. אינה מספקת לשתות, עד שפניה מוריקות. ועיניה בולטות, והיא מתמלאת גידין, והם אומרים, „הוציאוה, הוציאוה״, שלא תטמא

טרינקן (דער פרוי דאָס וואסער); אויב ער האָט צוערשט געגעבן איר צו טרינקן און דערנאָך האָט ער מקריב געווען איר מנחה, איז כשר. **די גמרא זאָגט, אז ווייל אין פסוק אין במדבר ה׳ איז דער געבאָט צו געבן דער פרוי דאָס וואסער צו טרינקן (והשקה) פאראן 2 מאָל, איינמאָל פארן מקריב זיין (פסוק כ״ד) און איינמאָל נאָכן מקריב זיין (פסוק כ״ז), זאָגן די חכמים אז דער עיקר איז דער ערשטער „והשקה״ פארן מקריב זיין, ר׳ שמעון זאָגט, אז דער עיקר איז דער צווייטער והשקה, נאָכן מקריב זיין.**

ג. עד, אויב איידער מען האָט אָפּגעמעקט די (אָנגעשריבענע) מגילה אין דעם וואסער, האָט זי (די פרוי) געזאָגט: „איך וויל ניט טרינקן״, ווערט איר מגילה באהאלטן (נגנזת), און איר מנחה (דער מעל־קרבן) ווערט פונאנאדערגעוואָרפן אויפן אש (הדשן, אויף דעם אש־פייער), און איר מגילה איז ניט כשר צו מאכן טרינקן מיט איר אן אַנדערע סוטה. **די מגילה דארף מען באהאלטן (לעבן היכל, לעבן דער בית המקדש־געביידע), ווייל זי איז דאָך הייליק, א טייל פון א ספר תורה, און גאָטס נאָמען איז געשריבן אויף איר (זע מסכתא שבת פרק ט״ז משנה א׳ וועגן גניזה). די מנחה, וועלכע איז הייליק, דארף מען פארברענען אויפן אש־פייער וואָס איז פאראן אין בית המקדש־הויף (אין דער עזרה), וואו מען פארברענט אלע פסול־געוואָרענע קרבנות. מיט דער מגילה טאָר מען זיך ניט באנוצן פאר אן אנדערער סוטה ווייל מען לערנט אָפּ פון פסוק במדבר ה׳ „ועשה לה הכהן״, פון וואָרט „לה״, צו איר אז די מגילה מוז זיין געשריבן „לשמה״ פאר דער דאָזיקער סוטה׳ס וועגן.** נמחקה, אויב די מגילה איז שוין געווען אָפּגעמעקט (אין וואסער), און זי (די פרוי די סוטה) האָט געזאָגט : „איך בין טמא געוואָרן (איך האָב געזינדיקט מיט דעם פרעמדן מאן)״, ווערט דאָס וואסער אויסגעגאָסן, און איר מנחה ווערט צעשפרייט (פארברענט) אויף דעם אש־פייער. **מחמת דאָס הייסט דאָך זיכער אז זי האָט געזינדיקט, און דאריבער קאָן זי ניט טרינקן דאָס וואַסער, וואָס דארף דאָך זי אויספּראָבירן אויב מען איז אין ספק צי זי האָט געזינדיקט.** נמחקה המגילה אויב די מגילה איז שוין געווען אָפּגעמעקט (אין וואסער) און זי (די סוטה) האָט געזאָגט : „איך וועל ניט טרינקן״ (ניט אז זי איז זינדיק, נאָר זי וויל ניט טרינקן), גיסט מען איר אריין אין מויל מיט גוואלט (מערערים אותה) און מען גיט איר צו טרינקן קייגן איר ווילן (בעל כרחה). **ווייל עס קאָן דאָך זיין, אז זי איז אומשולדיק, און זי זאָגט נור אזוי ווייל זי שרעקט זיך. „מערערים״ מיינט „אריינגאַרגלען״, און מיר געפינען אין דער גמרא ברכות ל״ו „לא יערערנו בשמן״ (ניט שווענקן דעם האלדז מיט אייל).**

ד. אינה, זי (די סוטה) האָט נִיט באוויזן צו טרינקן (זי האָט קוים געטרונקן) און (אוי בזי האָט געזינדיקט) איז איר פנים געוואָרן געל (מוריקות), און אירע אויגן האָבען גענומען ארויסשטארצן, און זי (איר גאנצער קערפער) איז געוואָרן פול מיט אָדערן (זי איז געוואָרן געשוואָלן), און זיי (די פארזאמלטע מענטשן) האָבן גענומען שרייען: „נעמט זי ארויס ! נעמט זי ארויס!״, כדי זי זאָל ניט מטמא זיין די עזרה (דעם בית המקדש הויף). **מען האָט מורא טאָמער ווערט זי א נידה, און א נידה טאָר ניט זיין אין בית המקדש הויף. „מוריקות״ מיינט „געל ווערן״, ווייל „ירוק״ איז א**

העזרה. אם יש לה זכות, היתה תולה לה. יש זכות תולה שנה אחת, יש זכות תולה שתי שנים, יש זכות תולה שלש שנים. מכאן אָמר בן עזאי, חייב אדם ללמד את בתו תורה, שאם תשתה, תדע שהזכות תולה לה. ר׳ אליעזר אומר, כל המלמד בתו תורה כאלו לומדה תפלות. ר׳ יהושע אומר, רוצה אשה בקב ותפלות מתשעה קבין ופרישות. הוא היה אומר, חסיד שוטה, ורשע ערום, ואשה פרושה, ומכות פרושין, הרי אלו מבלי עולם:

ה. ר׳ שמעון אומר, אין זכות תולה במים המאררים, ואם אתה אומר,

סך מאָל דער טייטש געל. אם יש, אויב זי (די סוטה) האָט א זכות ווירקט דאָס אָפּצו־לייגן (תולה לה, עס מאכט הענגן). **אויב די פרוי, די סוטה, כאָטש זי האָט געזינדיקט מיט דעם פרעמדן מאן, אָבער זי האָט געטאָן מצוות, זי האָט א זכות, ווירקט ניט דאָס וואסער באלד, נאָר איר קערפּער ווערט קראנק אין א צייט שפּעטער.** יש זכות, עס איז פאראן (טיילמאָל) א זכות וואָס לייגט אָפּ איין יאָר, און עס איז פאראן א זכות וואָס לייגט אָפּ צוויי יאָר, און עס איז פאראן א זכות וואָס לייגט אָפּ דריי יאָר. **די גמרא זאָגט, אז דער זכות וואָס לייגט אָפּ אזוי לאנג, איז דער זכות פון תורה, דהיינו, אויב די פרוי האָט געפירט אירע קינדער אין חדר צו לערנען תורה, אָדער זי האָט גע־ווארט אויפן מאן, וועלכער איז אוועק אין אן אנדערער שטאָט צו לערנען תורה.** מכאן, דערפון זאָגט בן עזאי, אז א מענטש איז מחויב צו לערנען זיין טאָכטער תורה, כדי אויב זי וועט דארפן טרינקן (דאָס ביטערע וואסער, און זי וועט זען, אז כאָטש זי האָט געזינדיקט, האָט דאָס וואסער ניט געווירקט) זאָל זי וויסן, אז דער זכות האָט עס אָפּגעלייגט. **און זי וועט ניט אויסרעדן שלעכטס אויף די מצוה פון מים המאררים.** ר׳ אליעזר זאָגט, אז ווער עס לערנט זיין טאָכטער תורה איז גלייך ווי ער וואָלט זי גע־לערנט אויסגעלאסנקייט (תיפלות). **ר׳ אליעזר איז קייגן דעם אז מען זאָל לערנען פרויען תורה, דאָס וואָרט תיפלות (מיט א חיריק אונטער דער „ת״) טייטשט דער ערוך א „עבירה״. אין ירמיה כ״ג, י״ג איז „תפלה״ א שענדליכע זאַך. ר׳ אליעזר׳ס טעם איז, ווייל פון דער תורה וועט די פרוי קאָנען אויסגעפינען ווי אזוי זיך א עצה צו געבן אז מען זאָל איר ניט כאפּן ביי דער עבירה.** ר׳ יהושע זאָגט, אז א פרוי וויל ליבערשט איין טאָפּ („קב״, א מאָס) מיט אויסגעלאסנקייט איידער ניין טעפּ מיט פרישות (אָפּגעשיידנקייט, פרומקייט). **דאריבער איז גלייכער איר ניט צו לערנען קיין תורה, און ער איז מסכים מיט ר׳ אליעזר.** הוא היה, ער (ר׳ יהושע) האָט געפלעגט צו זאָגן, אז א חסיד (א זייער פרומער מענטש) א נאר, און א כיטרער רשע, און א פרוי א פרושה (וואָס מאכט דעם אנשטעל פון א זייער פרומע) און די שלעק פון די פרושים, זיי אלע ברענגען־אום די וועלט (מבלי עולם). **די גמרא זאָגט אז מיט א נארישן חסיד (חסיד שוטה) מיינט מען אזא חסיד, וואָס ווען ער זעט א פרוי טרינקט זיך אין טייך, לויפט ער ניט ראטעווען זי, באשר עס פאסט ניט אים צוצורירן זיך צו א נאקעטער פרוי. א „כיטרער רשע״ מיינט, ווען ער האָט א דין תורה מיט א צווייטן און ער קומט צום דיין כדי פריער אויסצולייגן פאר אים זיינע טענות און צו באאיינפלוסן אים. „א פרוי א פרושה״ מיינט א פרוי וואָס טוט יענעם שלעכטס און מאכט דעם אָנשטעל ווי זי איז א פרומע און גייט מתפלל זיין צו העלפן יענעם. מיט „שלעק פון פרושים״ („מכות פרושים״) מיינט מען אזא פרוש, וואָס האלט זיך פאר א זייער פרומען און גייט כלומרשט מיט פארמאכטע אויגן, כדי ניט צו קוקן אויף פרויען, און דערווייל צע־קלאפּט ער זיך די פיס אין שטיינער אָדער דעם קאָפּ אין דער וואנט. די משנה מיינט דערמיט מענטשן, וועלכע מאכן דעם אָנשטעל פון פרומקייט און עס איז ניט „תוכם כברם״, אינערליך זיינען זיי ניט אזוי ווי זיי ווייזן זיך פאר דער וועלט.**

ה. ר׳ שמעון זאָגט, אז קיין זכות לייגט ניט אָפּ ביי דעם פארשאָלטענעם וואסער, ווארום אויב מען וועט זאָגן, אז א זכות לייגט אָפּ (די שטראָף) פון דעם פארשאָל־

הזכות תולה במים המאררים, מדהה אתה את המים בפני כל הנשים השותות, ומוציא אתה שם רע על הטהורות ששתו. שאומרים, טמאות הן, אלא שתלתה להן זכות. רבי אומר, הזכות תולה במים המאררים, ואינה יולדת, ואינה משבחת, אלא מתנוונה והולכת, לסוף היא מתה באותה מיתה:

ו. נטמאת מנחתה עד שלא קדשה בכלי, הרי היא ככל המנחות, ותפדה. ואם משקדשה בכלי, הרי היא ככל המנחות ותשרף. ואלו שמנחותיהן נשרפות: האומרת טמאה אני לך, ושבאו לה עדים שהיא טמאה, והאומרת איני שותה, ושבעלה אינו רוצה להשקותה, ושבעלה

טענעם וואסער, מאכט מען דאָך טונקל (מדהה, מען נעמט צו דעם ווערט דערפון) ביי אלע פרויען (סוטות) וועלכע טרינקן, און מען טראָגט ארויס א שלעכטן נאָמען אויף די אומשולדיקע פרויען, וועלכע האָבן געטרונקן, מחמת מען וועט זאָגן, אז זיי זענען יאָ טמא געווען (זיי האָבן יאָ געזינדיקט, און דאָס וואָס עס האָט זיי ניט געשאַדט איז) נאָר דער זכות (וואָס זיי האָבן געהאַט) האָט אָפּגעלייגט. „מדהה" איז פון וואָרט „דהה", טונקל (אין דער משנה נגעים פרק א' משנה ב' „דיהא הימנו", טונקעלער פון איהם"). רבי אומר, רבי זאָגט, אז א זכות לייגט יאָ אָפּ ביי דעם פאַרשאָלטענעם וואַסער, און זי (די פרוי) ניט זי האָט קינדער און ניט זי ווערט געזונטער, נאָר זי ווערט כסדר אָפּגעשוואַכט (מתנונה, פאַרצערט), און צום סוף שטאַרבט זי מיט דעם דאָזיקן טויט. זי שטאַרבט פון א געשוואָלענעם בויך און די אנדערע סימנים פון די קללות פון דעם ביטערן וואסער.

ו. נטמאה, אויב איר מנחה (דער מעל־קרבן פון דעם סוטה) איז טמא געוואָרן (א טמא־זאַך האָט זי אָנגערירט) איידער זי איז געוואָרן געהייליקט אין דער כלי (איידער מען האָט די מנחה אריינגעלייגט אין דער כלי שרת, אין דער הייליקער כלי פון בית המקדש), איז זי ווי אלע מנחות, (וועלכע זיינען טמא געוואָרן איידער מען האָט זיי געלייגט אין דער (כלי שרת) און מען דארף זי אויסלייזן. דאָס דאָזיקע מעל פון דער מנחה איז הקדש, הייליק, אָבער ווייל עס איז נאָכניט געלעגן אין דער כלי שרת (זע פריער משנה א') איז זי ניט הקדש אלס קרבן (קדושת הגוף) נאָר א געלט-הקדש (קדושת דמים) און אזוי ווי זי איז טמא קאָן מען זי אויסלייזן, אויסטוישן אויף געלט. און דאָס געלט ווערט הקדש, און די מנחה ווערט חולין, אויס הקדש. ואם, און אויב (די מנחה איז טמא געוואָרן) נאָכדעם ווי זי איז שוין געהייליקט געוואָרן אין דער כלי (שרת) איז זי ווי אלע מנחות (וואָס זענען טמא געוואָרן נאָכן לייגן זיי אין דער כלי (שרת) און זי דארף ווערן פאַרברענט. מען קאָן זי ניט מער אויסלייזן, ווייל זי האָט שוין א קרבן־הייליקייט (קדושת הגוף) און אזא הייליקע זאַך קאָן מען ניט אויס־לייזן מיט געלט. ואלו, און די דאָזיקע (פרויען) זענען, וואָס זייערע מנחות ווערן פאַר־ברענט. אויב דאָס, וואָס די משנה וועט באלד זאָגן וועגן די פרויען, איז פאָר־געקומען נאָכדעם ווי מען האָט מקדיש געווען די מנחה, דארף מען די מנחה פאַרברע-נען, ווייל די פרויען קאָנען ניט טרינקן דאָס ביטערע וואסער. און דאָס זענען די פרויען: האומרת, די (פרוי) וועלכע זאָגט (צום מאן): „איך בין טמא צו דיר" (איך האָב גע־זינדיקט מיט דעם פרעמדן מאן), און די (פרוי), וואָס עדות זענען געקומען (און זאָגן) אז זי איז טמא געוואָרן (אז זי האָט געזינדיקט), און די (פרוי) וועלכע זאָגט: „איך וויל ניט טרינקן", און די (פרוי) וואָס דער מאן (האָט חרטה באקומען און ער) וויל איר ניט געבן צו טרינקן, און די (פרוי) וואָס דער מאן איז געקומען אויף איר אין וועג. פריער אין פרק א' משנה ג' האָבן מיר געלערנט, אז די דאָזיקע פרויען טרינקן ניט דאָס וואסער און דאָרט האָבן מיר געגעבן דעם פירוש דערצו. וכל, און אלע פרויען, וואָס האָבן חתונה געהאט מיט כהנים (און זענען געוואָרן סוטות) ווערען זייערע מנחות פאַרברענט. עס איז פאראן א דין, אז א קרבן מנחה וואָס א כהן ברענגט ווערט ניט גע־

בא עליה בדרך. וכל הנשואות לכהנים, מנחותיהן נשרפות:

ז. בת ישראל שנשאת לכהן, מנחתה נשרפת; וכהנת שנשאת לישראל, מנחתה נאכלת. מה בין כהן לכהנת? מנחת כהנת נאכלת, ומנחת כהן אינה נאכלת. כהנת מתחללת, וכהן אין מתחלל. כהנת מטמאה למתים, ואין כהן מטמא למתים. כהן אוכל בקדשי קדשים, ואין כהנת אוכלת בקדשי קדשים.

ח. מה בין איש לאשה האיש פורע ופורם, ואין האשה פורעת

געסן און מען נעמט ניט אראָפּ קיין קומץ (זע פריער משנה ב׳) נאָר מען איז זי אינ־גאנצן מקריב אויפן מזבח. און ווייל דאָ, ביי דער סוטה, האָט דאָך דער מאַן דער כהן נור א חלק אין דער מנחה, און א טייל געהערט דאָך צו איר, דאריבער נעמט מען יאָ אראָפּ דעם קומץ און מען איז דעם קומץ מקריב; אָבער די שיריים ווערן ניט געגעסן (צוליב דעם חלק פון מאַן דעם כהן) און מען פאַרברענט זיי.

ז. בת ישראל, א טאָכטער פון א ישראל וואָס האָט חתונה געהאַט מיט א כהן, ווערט איר מנחה פאַרברענט. ווייל זי האָט דעם דין פון א כהן. וכהנת, און די טאָכטער פון א כהן וואָס האָט חתונה געהאַט מיט א ישראל, ווערט איר מנחה געגעסן. ווייל זי האָט דעם דין ווי א ישראל. און דאָס זעלביקע ווערט געגעסן א קרבן מנחה וואָס עס ברענגט א טאָכטער פון א כהן א גרושה אָדער אַן אלמנה. מה בין, וואָס איז דער אונטערשיד צווישן א כהן און א כהנת (דער טאָכטער פון א כהן)? די מנחה פון א כהנת ווערט געגעסן, און די מנחה פון א כהן ווערט ניט געגעסן; א כהנת ווערט פאַר־שוועכט (אויב זי האָט געלעבט מיט א ניט כשרן מאַן, למשל, מיט א ממזר ווערט זי פארשוועכט, א חללה, און זי טאָר מער ניט עסן קיין תרומה און ניט חתונה האָבן מיט א כהן), און א כהן ווערט ניט פאַרשוועכט (אפילו ער האָט געלעבט מיט א ניט־כשרער פרוי אויב ער האָט זיך מיט איר צעשיידט איז ער כשר); א כהנת מעג זיך מטמא זיין צו מתים (זי מעג אָנרירן, טראָגן אָדער זיין אונטער איין דאַך מיט א פארשטאָרבענעם מענטש), און א כהן טאָר זיך ניט מטמא זיין צו מתים; א כהן מעג עסן (שפייז פון קרבנות) קדשי קדשים (למשל, פון א חטאת, פון אַן אשם), און א כהנת טאָרניט עסן (שפייז) פון קדשי קדשים. **די גמרא לערנט דאָס אָפּ פון די פסוקים. ביי דער מנחה אין ויקרא ו׳ ווערט געזאָגט אז א „מנחת כהן" ווערט ניט געגעסן, און מען מיינט א „כהן" און ניט א כהנת. ביי ווערן פארשוועכט ווערט געלערנט ויקרא כ״א „ולא יחלל זרעו", און דאָס מיינט, אז נור „זרעו" קאָנען ווערן חללים, פארשוועכטע כהנים, אָבער ניט דער כהן אליין. וועגן דעם איסור זיך מטמא זיין צו מתים איז פאַראַן אין ויקרא כ״א „בני אהרן", ווערט געלערנט נור „בני", „זין", אָבער ניט „בנות", טעכטער. וועגן שפייז פון קדשי קדשים ווערט בפירוש געזאָגט ויקרא ו׳, „כל זכר בבני אהרן יאכלנה", אז נור א זכר מעג עס עסן. — די דאָזיקע משנה און אויך די ווייטערדיקע משנה ח׳ וועגן אונטערשיד צווישן מענער און פרויען, ווערן דאָ געלערנט אגב אורחא, ווייל מען האָט פריער געלערנט דעם אונטערשיד צווישן א ישראל׳ס טאָכטער וועלכע האָט חתונה געהאַט צו א כהן און א כהנ׳ס טאָכטער וועלכע האָט חתונה געהאַט צו א ישראל, און מען האָט דערוויל געלערנט דעם אונטערשיד צווישן א כהן און א כהנת.**

ח. מה בין, וואָס איז דער אונטערשיד צווישן א מאַן און א פרוי? א מאַנספּער־זאָן (אויב ער איז א מצורע, ער האָט א קרעציקן פלעק) דאַרף זיך אָפּדעקן די האָר (פורע) און גיין מיט צעריסענע קליידער (פורם), אָבער א פרוי (ווען זי איז א מצורע) דאַרף ניט גיין מיט אָפּגעדעקטע האָר און ניט מיט צעריסענע קליידער. **דאָס לערנט מען אָפּ פון ויקרא י״ג „איש צרוע", אז נור א מאַנספּערזאָן און ניט קיין פרוי.** האיש מדיר, א מאַנספּערזאָן (א פאָטער) קאָן מאַכן זיין זון (א יינגל) פאַר א נזיר, אָבער א פרוי (א מוטער) קאָן ניט מאַכן איר זון פאַר א נזיר. **דעם פירוש דערפון האָבן מיר**

ופורמת. האיש מדיר את בנו בנזיר, ואין האשה מדרת את בנה בנזיר. האיש מגלח על נזירות אביו, ואין האשה מגלחת על נזירות אביה. האיש מוכר את בתו, ואין האשה מוכרת את בתה. האיש מקדש את בתו, ואין האשה מקדשת את בתה. האיש נסקל ערום, ואין האשה נסקלת ערומה. האיש נתלה, ואין האשה נתלית. האיש נמכר בגניבתו, ואין האשה נמכרת בגניבתה:

פרק ד.

א. ארוסה ושומרת יבם לא שותות ולא נוטלות כתובה, שנאמר (במדבר ה׳) „אשר תשטה תחת אישה״ פרט לארוסה ושומרת יבם.

געגעבן אין מסכתא נזיר **פרק א׳ משנה ו׳.** האיש מגלח, א מאנספערזאָן (א זון) קאָן זיך אפשערן אויף זיין פאָטערס נזירות, אָבער א פרוי (א טאָכטער) קאָן זיך ניט אפּ־שערן אויף איר פאָטערס נזירות. **אויב דער פאָטער איז געווען א נזיר און האָט אפּגע־שיידט קרבנות צו ברענגען צום סוף פון זיין נזירות, און ער איז געשטאָרבן, קאָן דער זון, אויב ער איז א נזיר, נוצן דעם פאָטערס קרבנות און זיי ברענגען אלס זיינע איי־גענע צום סוף פון זיין נזירות. פרטים גיבן מיר אין נזיר פרק ד׳ משנה ז׳. ביידע דינים וועגן נזירות זענען א הלכה, אָן א סמך אין פסוק.** האיש מוכר, א מאנספערזאָן (א פאָטער) קאָן פארקויפן זיין (יינגע) טאָכטער (פאר א דינסט), אָבער א פרוי (א מוטער) קאָן ניט פארקויפן איר (יינגע) טאָכטער. **דאָס לערנט מען פון שמות כ״א „כי ימכור איש את בתו״, אז נור „איש״, אָבער ניט א פרוי.** האיש מקדש, א מאנס־פערזאָן (א פאָטער) קאָן מקדש זיין (חתונה מאכן) זיין (יינגע) טאָכטער (אפילו קייגן איר ווילן), אָבער א פרוי (א מוטער) קאָן ניט מקדש זיין איר טאָכטער. **ווייל די תורה דברים כ״ב זאָגט נור וועגן פאָטער „את בתי נתתי לאיש הזה״.** האיש נסקל, א מאנס־פערזאָן (אויב ער האָט עובר געווען אויף א עבירה פאר וועלכער עס קומט סקילה, פארשטיינערט צו ווערן) ווערט פארשטיינערט נאקעטערהייד, אָבער א פרוי ווערט ניט פארשטיינערט נאקעטערהייט. **עס ווערט אָפּגעלערנט אלס דרש פון פסוק דברים י״ז „ורגמו אותו״, אז נור דעם מאנספערזאָן טוט מען אויס די מלבושים אָבער ניט ביי דער פרוי. נאָך א טעם איז צוליב בזיון פון דער פרוי.** האיש נתלה, א מאנספער־זאָן (ווענמען מען האָט פארשטיינערט צום טויט פאר טאָן א עבירה) ווערט (נאָכן טויט) אויפגעהאָנגן (ביז אוונט), אָבער א פרוי ווערט ניט אויפגעהאָנגן. **פון דברים כ״א, „ותלית אותו על עץ״, ווערט געלערנט „אותו״ (אים) און ניט „אותה״ (איר).** האיש נמכר, א מאן (אויב ער האָט געגנבעט און ער האָט ניט צו באצאָלן פאר דער גנבה) ווערט פארקויפט (פאר א קנעכט, צו באצאָלן) פאר זיין גנבה, אָבער א פרוי ווערט ניט פארקויפט פאר איר גנבה. **פון שמות כ״ב „ונמכר בגנבתו״, ווערט גע־לערנט אז נור „בגנבתו״ (פאר זיין גנבה) און ניט „בגנבתה״ (פאר איר גנבה).**

פרק ד.

א. ארוסה, א כלה, וואָס איר חתן האָט זי מקדש געווען (אָבער ער האָט נאָכניט חתונה געהאַט מיט איר) און אַ יבמה (שומרת יבם(אן אלמנה, וואָס איר מאַן איז גע־שטאָרבן אָן קינדער, און זי וואַרט אויף איר שוואָגער, דעם מאַן׳ס ברודער, ער זאָל זי מייבם זיין, חתונה האָבן מיט איר), ניט זיי טרינקן (דאָס ביטערע וואסער) און ניט זיי נעמען די כתובה, וואָרום עס ווערט געזאָגט (במדבר ה׳) „אשר תשטה תחת אשה״ (די פרוי וועלכע וועט אָפּקערן ווען זי איז מיט איר מאַן), מיינט מען ניט דערמיט אַן ארוסה און א יבמה. וועגן „ארוסה״ און „שומרת יבם״ **האָבן מיר געגעבן פריער פרק ב׳ משנה ה׳. די משנה לערנט דאָ אז אויב דער חתן פון דער ארוסה אָדער דער יבם פון דער יבמה וואָרנט איר אז זי זאָל זיך ניט טרעפן מיט דעם פרעמדן אין א געהיים אָרט, און זי האָט זיך יאָ געטראָפן מיט אים, פארלירן זיי די כתובה, עס קומט זיי ניט קיין כתובה־געלט; דער חתן גיט א גט זיין ארוסה און דער יבם גיט חליצה זיין יבמה**

אלמנה לכהן גדול. גרושה וחלוצה לכהן הדיוט. ממזרת ונתינה לישראל. ובת ישראל לממזר ולנתין. לא שותות ולא נוטלות כתובה:

ב. ואלו לא שותות ולא נוטלות כתובה: האומרת. טמאה אני. ושבאו לה עדים שהיא טמאה. והאומרת. איני שותה. אמר בעלה. איני משקה. ושבעלה בא עליה בדרך. נוטלת כתובתה ולא שותה. מתו בעליהן עד שלא שתו. בית שמאי אומרים. נוטלות כתובה ולא שותות. ובית הלל אומרים. לא שותות ולא נוטלות כתובה:

אָבער ער צאָלט איר ניט די כתובה, ווייל זי האָט זיך אליין געאסרט, אז ער זאָל ניט טאָרן מיט איר חתונה האָבן. אָבער דאָס ביטער וואסער טרינקן קאָן זי ניט, און די משנה לערנט עס אָפּ פון פסוק אין חומש. אלמנה, אן אלמנה וואָס האָט חתונה געהאט מיט א כהן גדול, אָדער א גרושה אָדער א חלוצה מיט א פשוטן כהן, אָדער א ממזרת אָדער א נתינה מיט א ישראל, אָדער ישראלית מיט א ממזר אָדער מיט א נתין (די אלע טאָרן ניט חתונה האָבן איינע מיט דעם אנדערן), ניט זיי טרינקן און ניט זיי נעמען די כתובה. אויב די פרויען זענען ניט געוואָרן קיין סוטות און די מענער גטן זיך מיט זיי (כאָטש זיי טאָרן ניט לעבן מיט זיי, אָבער א גט דארפן זיי געבן) קומט די פרויען די כתובה, ווי מיר האָבן געלערנט אין יבמות פרק ט' משנה ג'. אָבער אויב די מענער האָבן די פרויען געוואָרנט ניט צו טרעפן זיך מיט דעם פרעמדן מאן און זיי האָבן זיך יאָ געטראָפן, זיי זיינען געוואָרן סוטות, קאָנען זיי ניט טרינקן דאָס ביטערע וואסער, ווייל זיי טאָרן דאָך סיי ווי ניט וואוינען מיט די מענער, אָבער ווען די מענער געבן זיי א גט, קומט זיי ניט דאָס כתובה־געלט. „נתין", „נתינה" מיינט אזעלכע וואָס קומען ארויס פון די גבעונים (יהושע ט') און א ישראל טאָר מיט זיי ניט חתונה האָבן.

ב. ואלו, און (אויך) די דאָזיקע (פרויען סוטות) טרינקן ניט (דאָס ביטער וואסער) און זיי נעמען ניט די כתובה. די מענער טאָרן מיט זיי ניט וואוינען, זיי דארפן זיי גטן און זיי דארפן זיי ניט געבן דאָס כתובה־געלט, דאָס זענען, האומרת, די (סוטה) וועלכע זאָגט: „איך בין טמא געוואָרן" (איך האָב געזינדיקט מיט דעם פרעמדן מאַן), און די וועגן וועלכער עס זענען געקומען עדות און זאָגן אז די איז טמא געוואָרן און די וועלכע זאָגט: „איך וויל ניט טרינקן". די משנה האָט פריער פרק א' משנה ג' געלערנט, אז זיי זענען אסור צו זייערע מענער. אמר בעלה, (א סוטה, וואָס) איר מאן האָט געזאָגט: „איך וויל איר ניט געבן צו טרינקן", אָדער וואָס דער מאן איז געקומען אויף איר אין וועג (ער האָט געלעבט מיט איר נאָכדעם ווי זי איז געוואָרן א סוטה), נעמט זי איר כתובה (עס קומט איר דאָס כתובה געלט) און טרינקן ניט (דאָס ביטערע וואסער). אויך זיי זענען אסור צו זייערע מענער (ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק א' משנה ג'), אָבער ווייל ביי זיי איז דאָך דער מאן שולדיק, וואָס זיי קאָנען ניט טרינקן דאָס וואסער און באוויזן אז זיי זענען ריין, דעריבער קומט זיי די כתובה. מתו, אויב זייערע מענער (די מענער פון פרויען סוטות, וועלכע דארפן גיין טרינקן דאָס וואסער) זענען געשטאָרבן איידער זיי (די פרויען) האָבן געטרונקן, זאָגן די בית שמאי, אז זיי קומט די כתובה און זיי טרינקן ניט, און די בית הלל זאָגן, אז ניט זיי טרינקן און ניט זיי נעמען די כתובה. זיי קאָנען ניט טרינקן ווייל אין במדבר ה' ווערט געזאָגט „והביא האיש את אשתו", „און דער מאן זאָל ברענגען דאָס ווייב", און איצט איז דאָך דער מאן ניטאָ. אָבער וועגן דער כתובה האלטן די בית שמאי, אז ווייל די פרוי האָט דאָך א שטר, א וועקסל, דעם כתובה־דאָקומענט, הייסט עס ווי זי האָט שוין אפּגענומען געלט (שטר העומד לגבות כגבוי דמי), און וואו דאָס געלט געפינט זיך איז עס אירס, און מען קאָן ביי איר ניט צונעמען איר געלט. אָבער די בית הלל האלטן, אז עס איז ניט ווי אָפּגענומען, און אזוי ווי עס איז דאָך א ספק טאָמער האָט זי יאָ געזינדיקט, קומט איר ניט קיין כתובה.

ג. מעוברת חברו ומינקת חברו, לא שותות ולא נוטלות כתובה, דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומרים יכול הוא להפרישה ולהחזירה לאחר זמן. איילונית, וזקנה, ושאינה ראויה לילד, לא שותות ולא נוטלות כתובה. ר׳ אליעזר אומר, יכול הוא לישא אשה אחרת, ולפרות ולרבות הימנה. ושאר כל הנשים, או שותות, או לא נוטלות כתובה:

ד. אשת כהן שותה ומותרת לבעלה. אשת סריס שותה. על ידי כל עריות מקנין,חוץ מן הקטן וממי שאינו איש:

ג. מעוברת, (אז איינער האָט חתונה געהאט מיט) א מעוברת, (מיט א פרוי וואָס איז שוואנגער פון איר פריערדיקן מאן) אָדער (מיט) א מינקת (מיט א פרוי וואָס זויגט נאָך א קינד פון איר פריערדיקן מאן), ניט זיי טרינקן און ניט זיי נעמען די כתובה, אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **דער דין איז אז מען טאָרניט חתונה האָבן מיט א מעוברת אָדער מיט א מינקת פון אן אנדערן מאן, ביז דאָס קינד וועט אלט זיין 2 יאָר. דער טעם איז, כדי די פרוי זאָל ניט שלעכט באהאנדלן דאָס קינד. זאָגט ר׳ מאיר, אז אויב איינער האָט עובר געווען און האָט יאָ חתונה געהאט מיט א מעוברת אָדער מיט א מינקת, און זיי זיינען געוואָרן סוטות, קאָנען זיי ניט טרינקן דאָס וואסער און עס קומט זיי ניט די כתובה.** וחכמים, אָבער די חכמים זאָגן, אז (זיי קאָנען יאָ טרינקן דאָס וואסער) ווייל ער קאָן דערווייל צעשיידן זיך מיט איר און איר צוריקנעמען אין א צייט ארום. **ר׳ מאיר האלט, אז ער דארף זיך גטן מיט זיי, און ער טאָר קיינמאָל מיט זיי ניט וואוינען, אָבער די חכמים האלטן, אז אויב איינער האָט עובר געווען און יאָ חתונה געהאט מיט זיי, קאָן ער זיך צושיידן מיט זיי, און נאָך די 2 יאָרווידער וואוינען מיט זיי; דעריבער הייסט עס אז זיי זענען כשרע פרויען און זיי קאָנען טרינקן דאָס וואסער.** אילונית, (אויב די סוטה איז) אן אילונית (א פרוי וואָס קאָן ניט האָבן קיין קינדער און זי האָט ניט אלע סימנים פון א פרוי), אָדער זי איז אן אלטע פרוי, אָדער אזעלכע וועלכע קאָן ניט האָבן קיין קינדער, טרינקן ניט און נעמען ניט די כתובה. **יעדער מאן דארף מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה, האָבן קינדער, און אויב די פרוי קאָן ניט האָבן קיין קינדער טאָר ער ניט וואוינען מיט איר, אויב ער האָט ניט קיין קינדער.** ר׳ אליעזר זאָגט (אז זיי טרינקן יאָ, ווייל ער מעג וואוינען מיט זיי, מחמת) ער קאָן חתונה האָבן (אויך) מיט אן אנדערער פרוי און האָבן מיט איר קינדער (לפרות ולרבות, מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה). **ביי יידן האָט מען געמעגט האָבן עטליכע פרויען.** ושאר כל, און אלע אנדערע פרויען (וועלכע זענען סוטות) אָדער זיי טרינקן, אָדער זיי נעמען ניט די כתובה. **עס איז אייגענטליך דאָס זעלביקע וואָס די משנה האָט פריער אין משנה ב׳ געזאָגט, אז אויב א סוטה וויל ניט טרינקן דאָס ביטערע וואסער, קומט איר א גט אָן א כתובה.**

ד. אשת כהן, די פרוי פון א כהן (אויב זי איז געוואָרן אַ סוטה) טרינקט (דאָס וואסער) און זי איז מותר צו איר מאן. **די פרוי פון א כהן איז אסור צו איר מאן אפילו ווען זי האָט באונס (געצוואונגענערהייט) געלעבט מיט א פרעמדן מאן. מען קאָן דאריבער מיינען, אז עס קאָן דאָך זיין, אז די סוטה האָט געלעבט מיט דעם פרעמדן מאן באונס, און דעריבער האָט דאָס וואסער ניט געווירקט; דעריבער לערנט די משנה, אז דער כהן מעג יאָ וואוינען מיט דער פרוי.** אשת סריס, די פרוי פון א סריס טרינקט. **כאָטש א סריס איז ניט קיין מאן, און ביי א סוטה (במדבר ה׳) ווערט געזאָגט „תחת אישך״, פונדעסטוועגן איז דער דין אז זי טרינקט יאָ דאָס וואסער. וועגן סריס זע יבמות פרק ח׳.** על ידי, צוליב אלע קרובים (עריות, מענער מיט וועלכע די פרוי טאָר ניט לעבן) קאָן (א מאן) ווארנען זיין ווייב. **א מאן קאָן ווארנען זיין ווייב אז זי זאָל זיך ניט טרעפן אין א געהיים אָרט אליין, למשל, מיט איר פאָטער צי מיט איר ברודער, כאָטש זי טאָר מיט זיי סיי ווי ניט לעבן, ווייל זיי זענען אירע קרובים.** חוץ, אן אויסנאם איז א קליין יינגל (יינגער פון 9 יאָר מיט א טאָג) און פון איינעם וועלכער איז ניט

ה. ואלו שבית דין מקנאין להן: מי שנתחרש בעלה או נשתטה, או שהיה חבוש בבית האסורין. לא להשקותה אָמרו, אלא לפוסלה מכתו־בתה. ר׳ יוסי אומר, אף להשקותה. לכשיצא בעלה מבית האסורין ישקנה:

פרק ה.

א. כשם שהמים בודקין אותה, כך המים בודקין אותו. שנאמר „ובאו, ובאו״. כשם שאסורה לבעל כך אסורה לבועל, שנאמר „נטמאה, ונטמאה״, דברי ר׳ עקיבא. אָמר ר׳ יהושע, כך היה דורש זכריה בן הקצב. רבי אומר, שני פעמים האמורים בפרשה, „אם נטמאה, נטמאה״,

---

קיין מענטש (מיט א בהמה). א יינג ייִנגל איז זיין לעבן געשלעכטליך גאַרניט (אזוי זאָגט דער רמבם). און בנוגע א בהמה ווערט עס אָפּגעלערנט פון (במדבר ה׳) „ושכב אותה איש״, און ניט א בהמה.

ה. ואלו, און די דאָזיקע זענען (פרויען), וואָס דאָס בית דין וואָרנט זיי. אויב דאָס בית דין פון דער שטאָט זעט, אז די פרויען טרעפן זיך אין געהיים מיט א פרעמדן מאַן, קאָן דאָס בית דין זיי וואָרנען אז זיי זאָלן זיך ניט טרעפן; מחמת זייערע מענער קאָנען זיי ניט וואָרנען. דאָס זענען די פרויען: מי, א פרוי וואָס איר מאַן איז געוואָרן טויב־שטום (נתחרש) אָדער ער איז געוואָרן משוגע (נשתטה), אָדער ער זיצט אין תפיסה; אָבער (דאָס וואָס מען האָט געזאָגט אז בית דין קאָן זיי וואָרנען) האָט מען ניט געזאָגט צו געבן זיי צו טרינקן (דאָס ביטערע וואַסער אויב זיי האָבן זיך יאָ געטראָפן מיט די פרעמדע מענער), נאָר צו פסלן זיי פון דער כתובה. מען קאָן זיי ניט געבן צו טרינקען, ווייל אין במדבר ה׳ ווערט געזאָגט אז דער מאַן דאַרף זי וואָרנען, און ער דאַרף זי ברענגען צום טרינקן וואַסער; אָבער אויב זיי האָבן זיך געטראָפן מיט די פרעמדע מענער אין געהיים, נאָכדעם ווי דאָס בית דין האָט זיי געוואָרנט, פאַרלירן זיי זייער כתובה. ר׳ יוסי זאָגט, אז אויך צו טרינקען (אויב דער מאַן איז אין תפיסה) ווען איר מאַן וועט ארויסגיין פון תפיסה. ר׳ יוסי האַלט, אז עס מוז ניט דוקא דער מאַן איר וואָרנען.

פרק ה.

א. כשם, אזוי ווי דאָס וואַסער פּרופט אויס זי (די פרוי, די סוטה, וועלכע מען איז חושד אז זי האָט געלעבט מיט א פרעמדן מאַן, און אויב זי איז שולדיק שטאַרבט זי), אזוי פּרופט עס אויס אים (דעם פרעמדן מאַן) וואָרום עס ווערט געזאָגט (במדבר ה׳) „ובאו, ובאו״. אין חומש ווערט געזאָגט צוויי מאָל, „ובאו ובאו״ מיט א „ו״ אין אָנהויב, „און דאָס וואַסער וועט אריינקומען אין איר און וועט שעדיקן איר קערפּער״ לערנט מען דערפון, אז אויך דער פרעמדער מאַן, אויב ער האָט געזינדיקט מיט איר, ער האָט זי בועל געווען (דערפון הייסט ער „דער בועל״), ווערט זיין קערפּער גע־שעדיקט. כשם שאסורה, אזוי ווי זי (די פאַרהייראַטעטע פרוי, די אשת איש) איז אסור צום מאַן (זי טאָר ניט לעבן מיט איר מאַן, אויב זי האָט מזנה געווען מיט א פרעמדן מאַן), אזוי איז זי אסור צום בועל (צו דעם דאָזיקן פרעמדן מאַן), וואָרום עס ווערט געזאָגט (במדבר ה׳) „נטמאה״, „ונטמאה״ (זי איז טמא געוואָרן״, און זי איז טמא געוואָרן), אזוי זאָגט ר׳ עקיבא. אויך נאָכדעם ווי דער מאַן האָט זי געגט, טאָר זי ניט לעבן מיט דעם בועל, מיט דעם פרעמדן מאַן. מען לערנט עס אָפּ פון דער „ו״ אין אָנ־הויב פון וואָרט „נטמאה״, אז זי איז טמא (אסור) ניט נור צום מאַן נאָר אויך צום בועל. אָמר ר׳ יהושע, האָט ר׳ יהושע געזאָגט, אז אזוי האָט געדרשנט זכריה בן הקצב. אויך ער האָט אָפּגעלערנט דעם דין פון דער „ו״ אין אָנהויב פון וואָרט „ונטמאה״. ר׳ זכריה בן הקצב האָט געלעבט אין דער צייט פון חורבן פון 2טן בית המקדש (זע כתובות פרק ב׳ משנה ט׳). רבי זאָגט, אז עס ווערט געזאָגט צוויי מאָל אין דער פרשה

אחד לבעל, ואחד לבועל:

ב. בו ביום דרש ר׳ עקיבא, „וכל כלי חרש אשר יפול מהם אל תוכו כל אשר בתוכו יטמא״ (ויקרא י״א). אינו אומר „טמא״, אלא „יטמא״, לטמא אחרים, לימד על ככר שני שמטמא את השלישי. אָמר ר׳ יהושע, מי יגלה עפר מעיניך, רבן יוחנן בן זכאי, שהיית אומר, עתיד דור אחר לטהר ככר שלישי, שאין לו מקרא מן התורה שהוא טמא, והלא עקיבא תלמידך מביא לו מקרא מן התורה שהוא טמא, שנאמר „כל אשר בתוכו יטמא״:

(פון סוטה, במדבר ה׳) „אם נטמאה, נטמאה״, (און דאָס מיינט אז איינס איז (צו אסרן די פרוי) צום מאַן, און איינס איז (צו אסרן זי) צום בועל. **רבי** (דער מסדר פון דער משנה ר׳ יהודה הנשיא) **דרשנט עס ניט פון דער „ו״, נאָר פון דעם וואָס עס איז פאַראַן אין חומש צוויי מאָל „נטמאה״. — דאָס וואָרט „דרש״, „דרשענען״ מיינט דאָ דאָס ארויסלערנען א הלכה פון א פסוק.**

ב. בו ביום, אין זעלביקן טאָג האָט ר׳ עקיבא געדרשנט (דעם פסוק אין ויקרא י״א) „וכל כלי חרש אשר יפול מהם אל תוכו יטמא״ (און יעדע ערדערנע כלי, וואָס עס וועט אריינפאַלן פון זיי, פון די טויטע שרצים, אינווייניק, איז אלץ וואָס וועט זיין אינווייניק זאָל ווערן טמא), ער זאָגט ניט „טמא״ נאָר „יטמא״, דאָס מיינט, אז עס איז מטמא (אויב עס רירט אָן) אנדערע. דאָס איז צו לערנען וועגן א ברויט א שני (א „צווייטע צו טומאה״) אז ער איז מטמא (אָן אנדער עסנווארג, אן אנ־דער ברויט, אז עס זאָל ווערן) א שלישי (א „דריטער צו טומאה״). **דער טויטער שרץ הייסט אַן „אב הטומאה״, א „פאָטער״, א הויפט־יסוד, מטמא צו זיין. די ערדענע כלי, למשל, אַן איוון, אין וועלכן דער טויטער שרץ איז אריינגעפאַלן, און דער איוון ווערט טמא, הייסט „ראשון״, דער ערשטער, וואָס האָט באַקומען די טומאה פון שרץ. דאָס ברויט וואָס ליגט אין איוון און האָט אָנגערירט דעם טמא איוון, הייסט שוין א „שני״, דער צווייטער מחמת עס האָט באַקומען זיין טומאה פון דעם „ראשון״, פון דעם איוון. לערנט ר׳ עקיבא אָפּ פון וואָרט „יטמא״, אז עס איז אזוי ווי מיט א „שווא״ אונטער דער „י״, און א „פתח״ אונטער דער „ט״, און איז דער טייטש, אז דאָס ברויט קאָן אויך מטמא זיין אנדערע מאכלים, און אויב עס רירט אָן אן אנ־דער ברויט ווערט דאָס אנדערע ברויט אויך טמא, און עס הייסט „שלישי״, דער „דריטער״, טמא צו ווערן. און דאָס, לערנט ר׳ עקיבא, איז ניט נור ביי הייליקע ברויטן פון תרומה, נאָר אויך ביי וואָכעדיקע חולין־ברויטן. אָמר ר׳ יהושע,** האָט ר׳ יהושע געזאָגט: ווער וועט דאָס אָפּדעקן די ערד פון דיינע אויגן, רבן יוחנן בן זכאי (וועל־כער האָט שוין דאמאָלס ניט געלעבט), וואָס דו האָסט געפלעגט זאָגן, אז עס וועט קומען א דור (מענטשן אין די שפּעטערדיקע צייטן), וואָס וועט מטהר זיין (האלטן פאַר ריין) א דריטן (שלישי) ברויט (אפילו פון תרומה, וועלכער האָט אָנגערירט א „שני״, א צווייטן טמא־ברויט) וועגן וועלכן עס איז ניט פאַראַן קיין פסוק אין דער תורה אז ער איז טמא, און אָט ברענגט דיין תלמיד, עקיבא, א פסוק פון דער תורה, אז ער איז טמא, וואָרום עס ווערט געזאָגט „כל אשר בתוכו יטמא״. **די גמרא זאָגט, אז אומעטום וואו אין דער משנה איז פאַראַן „בו ביום״, „און זעלביקן טאָג״, מיינט מען אין טאָג ווען מען האָט געמאַכט אין דער ישיבה אין יבנה ר׳ אלעזר בן עזריה פאַר א נשיא (זע אין אונזער פירוש אין ברכות פרק א׳ משנה ה׳). דאָס איז געווען א פּאָר צענדליק יאָר נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש. אין דאָזיקן טאָג זענען צוגע־קומען אין דער ישיבה א סך תלמידים און מען האָט מברר געווען א סך הלכות, און א גרויסער טייל פון דעם עדות־זאָגן אין מסכתא עדיות איז אין יענעם טאָג געזאָגט געוואָרן. אין אונזער פרק דאָ אין מסכתא סוטה ווערן געבראַכט עטליכע זאַכן, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אין דאָזיקן טאָג. דאָ אין דער משנה איז דאָס איינציקע אָרט,**

ג. בו ביום דרש רבי עקיבא „ומדתם מחוץ לעיר את פאת קדמה אלפים באמה" וגו' (במדבר ל"ה), ומקרא אחד אומר (שם) „מקיר העיר וחוצה אלף אמה סביב"; אי אפשר לומר אלף אמה, שכבר נאמר אלפים אמה, ואי אפשר לומר אלפים אמה, שכבר נאמר אלף אמה. הא כיצד? אלף אמה מגרש, ואלפים אמה תחום שבת. ר' אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אומר, אלף אמה מגרש, ואלפים אמה שדות וכרמים:

ד. בו ביום דרש רבי עקיבא, „אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה' ויאמרו לאמר" (שמות ט"ו). שאין תלמוד לומר „לאמר", ומה תלמוד לומר „לאמר"? מלמד שהיו ישראל עונין אחריו של משה על כל דבר ודבר כקוראין את ההלל, לכך נאמר „לאמר".

וואו עס ווערט געזאָגט, אז ר' עקיבא איז געווען א תלמיד פון רבן יוחנן בן זכאי.

ג. בו ביום, אין זעלביקן טאָג האָט ר' עקיבא געדרשענט (במדבר ל"ה, ה') „ומדותם מחוץ לעיר את פאת קדמה אלפים באמה" („און איר זאָלט אָפּמעסטן אויסער דער שטאָט ביים מזרח־עק צוויי טויזנט איילן") און אן אנדער פסוק (במדבר ל"ה) זאָגט „מקיר העיר וחוצה אלף אמה סביב" („פון דער שטאָט־מויער און דרויסן טויזנט איילן ארום"): עס קאָן דאָך ניט זיין טויזנט איילן, ווארום עס ווערט דאָך שוין געזאָגט צוויי טויזנט איילן, און עס קאָן דאָך ניט זיין צוויי טויזנט איילן, ווארום עס ווערט דאָך שוין געזאָגט טויזנט איילן, טאָ ווי אזוי קאָן מען אויסגלייכן דיביידע פסוקים? (נאָר) טויזנט איילן מיינט מען פאר „מגרש" (פלאַץ פאר די לויים) און צוויי טויזנט איילן מיינט מען פאר תחום שבת (ווייטער פון צוויי טויזנט איילן פון דער שטאָט טאָר מען ניט גיין אים שבת). **די תורה זאָגט אָן דאָרט אין במדבר ל"ה אז ווען די יידן וועלן איינגעמען ארץ ישראל און צעטיילן זיך מיט דעם לאַנד, זאָל מען די לויים (וועלכע קריגן ניט קיין באַזונדערן טייל לאַנד) געבן לעבן יעדער שטאָט א פּלאַץ (מגרש) צום וואוינען. טייטשט ר' עקיבא אַז נור די 1000 איילן לעבן דער שטאָט זענען דער פּלאַץ פאר די לויים, און דאָס וואָס דער פסוק דאָרט דערמאָנט „2000 איילן" מיינט מען מרמז צו זיין, אז נור ביז 2 טויזנט איילן מעג מען גיין אויסער דער שטאָט אים שבת (זע אין דער הקדמה צו מסכתא עירובין).**
ר' אליעזר דער זון פון ר' יוסי הגלילי זאָגט, אז מען מיינט: די „טויזנט איילן" פאר מגרש (פּלאַץ צום וואוינען) און די „צוויי טויזנט איילן" פאר פעלדער און גערטנער. **און די ביידע פסוקים מיינען אז מען זאָל דאָס געבן צו די לויים. וואָס נוגע תחום שבת האַלט ר' אליעזר דער זון פון ר' יוסי הגלילי אז דאָס איז נור אסור מדרבנן, און אז עס איז ניט פון דער תורה (מדאורייתא).**

ד. בו ביום, אין זעלביקן טאָג האָט ר' עקיבא געדרשענט (שמות ט"ו) „אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לאמור" (און דאַמאָלס, נאָכדעם ווי די יידן זענען אריבער דעם ים סוף האָט משה און די יידן געזונגען די דאָזיקע שירה און זיי האָבן געזאָגט אזוי צו זאָגן): עס האָט דאָך ניט געדאַרפט געזאָגט צו ווערן „לאמור" (אזוי צו זאָגן), און צו וואָס זשע ווערט געזאָגט „לאמור"? דאָס איז צו לערנען, אז די יידן האָבן אָפּגעענטפערט משהן אויף יעדן וואָרט און וואָרט, ווי מען ליינט הלל, דעריבער ווערט געזאָגט „לאמור" (אזוי צו זאָגן). **עס איז אמאָל געווען א מנהג, אז ווען דער חזן האָט געזאָגט הלל אין בית המדרש, האָט דער קהל דאוונערס אָפּגעענטפערט מיט די ווערטער פון אָנהויב פון קאַפּיטל. למשל דער חזן האָט אָפּגעזאָגט דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון הלל (תהלים קי"ג) הללויה הללו, און געענדיקט ביז צום סוף פון קאַפּיטל, האָט דער קהל דאוונערס אָפּגעענטפערט מיט „הללויה". ווען דער חזן האָט געזאָגט דאָס צווייטע קאַפּיטל בצאת ישראל ביז צום סוף פון קאַפּיטל, האָט קהל אָפּגעענטפערט מיט די ווערטער „בצאת ישראל". און אזוי כסדר. און אזוי איז אויך גע־**

ר׳ נחמיה אומר כקורין את שמע, ולא כקורין את הלל:

ה. בו ביום דרש רבי יהושע בן הורקנוס, לא עבד איוב את הקדוש ברוך הוא אלא מאהבה, שנאמר (איוב יג) הן יקטלני לו איחל״. ועדין הדבר שקול, לו אני מצפה, או איני מצפה תלמוד לומר (שם כ״ז), עד אגוע לא אסיר תומתי ממני״, מלמד שמאהבה עשה. אמר ר׳ יהושע, מי יגלה עפר מעיניך, רבן יוחנן בן זכאי, שהיית דורש כל ימיך שלא עבד איוב את המקום אלא מיראה, שנאמר (שם א׳) „איש תם וישר ירא אלהים וסור מרע״ והלא יהושע תלמיד תלמידך למד, שמאהבה עשה:

פרק ו.

א. מי שקינא לאשתו ונסתרה, אפילו שמע מעוף הפורח, יוציא

ווען מיט דער שירה, וואָס משה רבנו האָט געזאָגט, און די יידן האָבן אים אָפּגעענטפערט (אַזוי טייטשט רשי אין דער גמרא סוכה ל״ח). ר׳ נחמיה זאָגט, אז אזוי ווי מען ליינט קריאת שמע, און ניט ווי מען ליינט הלל. ביים ליינען קריאת שמע אין בית המדרש האָט דער חזן נור אָנגעהויבן די ערשטע ווערטער „שמע ישראל״, און דערנאָך האָט דער גאנצער קהל דאַוונערס מיטגעזאָגט גאנץ קריאת שמע.

ה. בו ביום, אין זעלבן טאָג האָט געדרשנט ר׳ יהושע בן הורקנוס, אז איוב האָט געדינט גאָט (הקדוש ברוך הוא, דעם הייליקן געבענטשטן איז ער, גאָט) ניט אנדערש נור פון ליבשאַפט (מאהבה, פון ליבשאַפט צו גאָט), ווארים עס ווערט געזאָגט (איוב י״ג, ט״ו) „הן יקטלנו לו איחל״, (אפילו ער, גאָט, זאָל מיך טויטן, צו אים וועל איך האָפן); און די זאַך איז נאָכניט זיכער (שקול, עס וועגט זיך, ניט אהין און ניט אהער, ניט זיכער), צי „צו אים האָף איך״ אָדער „איך האָף ניט״, לערנט דער פסוק (איוב כ״ז, ה׳) „עד אגוע לא אסיר תומתי ממני״ (ביז איך וועל שטאַרבן וועל איך ניט אָפּטאָן מײַן פרומקייט פון מיר), דערפון איז צו לערנען, אז ער (איוב) האָט געטאָן (געדינט גאָט) פון ליבשאַפט. אין דינען גאָט זענען פאראַן צוויי מדרגות. איינע, די נידריקערע, איז צו דינען מיראה, אויס מורא פאר שטראָף, וואָס גאָט קאָן שיקן אויף דעם מענטש, און א צווייטע, די העכערע, איז „מאהבה״, פון ליבשאַפט צו גאָט. לערנט ר׳ יהושע בן הורקנוס פון ספר איוב, אז איוב האָט געדינט גאָט מאהבה. און ער ברענגט א ראיה דערצו פון די 2 פסוקים, און ער זאָגט אז פון ערשטן פסוק „הן יקטלני לו איחל״ איז נאָכניט קיין זיכערע ראיה, ווייל עס איז פאראַן טייל־מאָל אין תנך „לו״ מיט א „ו״, וואָס איז דער טייטש ווי „לא״ מיט א „א״, „ניט״. דעריבער ברענגט ער די ראיה פון אנדערען פסוק „עד אגוע לא אסיר תומתי ממני״.

אמר ר׳ יהושע, האָט ר׳ יהושע געזאָגט: ווער וועט אפּדעקן די ערד פון דיינע אויגן, רבן יוחנן בן זכאי, וואָס דו פלעגסט דרשענען אלע דיינע טעג, אז איוב האָט געדינט גאָט ניט אנדערש נאָר פון יראה (אויס מורא), ווארום עס ווערט געזאָגט (איוב א׳, א׳) „איש תם וישר ירא אלהים וסר מרע״ (א מאן א פרומער און א גלייכער, האָט מורא פאר גאָט און מיידט אויס צו טאָן שלעכטס), און אָט לערנט יהושע, א תלמיד פון דיינס א תלמיד, אז ער (איוב) האָט געטאָן (געדינט גאָט) פון ליבשאַפט. מיט סתם ר׳ יהושע מיינט מען ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער איז געווען א תלמיד פון רבן יוחנן בן זכאי (אבות פרק ב׳ משנה ח׳). וועגן דעם תנא ר׳ יהושע בן הורקנוס ווייסן מיר גאָרניט פון אנדערע ערטער. אפשר איז ער געווען גאָר א ייגגערער ברודער פון ר׳ אליעזר בן הורקנוס. רשי דאָ אויף דער משנה זאָגט, אז ר׳ יהושע בן הורקנוס איז געווען א תלמיד פון ר׳ עקיבא. פון וואַנען רשי האָט עס גענומען ווייסן מיר ניט.

פרק ו.

א. מי שקינא, אויב איינער האָט געוואָרנט זיין ווייב (אז זי זאָל זיך ניט באַ־

ויתן כתובה, דברי ר׳ אליעזר, ר׳ יהושע אומר, עד שישאו ויתנו בה מוזרות בלבנה:

ב. אמר עד אחד, אני ראיתיה שנטמאת, לא היתה שותה. ולא עוד, אלא אפילו עבד, אפילו שפחה, הרי אלו נאמנין אף לפוסלה מכתובתה. חמותה, ובת חמותה, וצרתה, ויבמתה, ובת בעלה, הרי אלו נאמנות; ולא לפוסלה מכתובתה, אלא שלא תשתה:

ג. שהיה בדין, ומה אם עדות ראשונה שאין אוסרתה איסור עולם.

האלטן אליין מיט א פרעמדן מאן), און זי האָט זיך יאָ באהאלטן, אפילו ער (איר מאן) האָט געהערט פון א פויגל, וואָס פליט אדורך, (אז זי האָט זיך באהאלטן מיט דעם פרעמדן מאן) זאָל ער איר געבן א גט און געבן איר די כתובה, אזוי זאָגט ר׳ אליעזר. **מחמת ר׳ אליעזר (פריער אין פרק א׳ משנה א׳) האלט, אז איר מאן טאָר מיט דעם זוייב ניט וואוינען, אפילו עס זענען ניט געווען קיין צוויי עדות וואָס האָבן זי געזען באהאלטען זיך. ער דאַרף איר געבן א גט און די כתובה, אויב ער וויל איר ניט געבן צו טרינקן דאָס ביטערע וואסער (די מים המאררים). „מעוף הפורח״, „פון א דורכפליענדעם פויגל״, טייטשט דער רמב״ם, אז אפילו ער באמערקט עס פון צוויטשן פון א פויגל; מען מיינט געוויינטליך, אפילו נור דעם קלענסטן קלאנג.** ר׳ יהושע זאָגט, אז נור סיידן עס רעדן וועגן איר (ישאו ויתנו בה, עס פארנעמען זיך מיט איר, עס דערציילן וועגן איר, אז זי האָט זיך באהאלטן מיט דעם פרעמדן מאן) די ווייבער וואָס שפינען ביי דער לבנה. **דאָס הייסט אז דער קלאנג דאַרף זיין אזוי שטארק, אז עס שמועסן שוין וועגן דעם די פרויען וואָס זיצן אין דרויסן ביי-נאכט און שפינען ביי דער לבנה-ליכט. כאָטש ר׳ יהושע האלט דאָך (פריער אין פרק א׳ משנה א׳) אז עס מוזן זיין צוויי עדות, אָבער ווייל עס בארעדן זי שוין די ווייבער אין גאס, איז עס ניט שיין און דער מאן דאַרף זי גטן. „מוזרות״ זאָל זיין (און אזוי איז צו זען פון ירושלמי) פון „שזר״, „שפינען״.**

ב. אָמר, אויב איין עדות האָט געזאָגט (וועגן דער סוטה): „איך האָב געזען אז זי איז טמא געוואָרן״ (אז זי האָט געזינדיקט מיט דעם פרעמדן מאן ווען זי האָט זיך באהאלטן מיט אים), האָט זי ניט געטאָרט טרינקן (דאָס וואסער). **און איר מאן דאַרף איר גטן און ער איז פטור פון צו געבן איר די כתובה.** ולא עוד, און ניט נור דאָס, נאָר אפילו א שקלאף און אפילו א שקלאפין (וועלכע קאָנען געוויינטליך ניט זיין עדות, זענען פסול עדות צו זאָגן), זענען זיי באגלויבט (צו זאָגן אז זיי האָבן זי געזען זינדיקן מיטן פרעמדן מאן און) צו פסלענען זי פון דער כתובה. **דורך זייער עדות זאָגן דאַרף איר מאן זי גטן און ער איז פטור פון צאָלן איר די כתובה.** חמותה, איר שוויגער, און די טאָכטער פון איר שוויגער, און דאָס אנדערע ווייב פון איר מאן (צרתה, איר צרה, אויב איר מאן האָט נאָך א ווייב), און איר שוועגערין, און די טאָכטער פון איר מאן (פון אן אנדער ווייב) זענען באגלויבט (עדות צו זאָגן, אז זיי האָבן זי געזען זינדיקן מיט דעם פרעמדן מאן, און) זי זאָל ניט טאָרן טרינקן (דאָס וואסער, און איר מאן זאָל זי מוזן גטן), אָבער ניט (זיי זענען ניט באגלויבט) צו פסלענען איר פון דער כתובה (די כתובה מוז דער מאן איר צאָלן); און (זיי זענען באגלויבט) נאָר אז זי זאָל ניט טרינקן (דאָס וואסער). **וועגן די דאָזיקע 5 פרויען, וואָס זענען געוויינטליך ניט באגלויבט עדות צו זאָגן וועגן דעם מאַנ׳ס ווייב ווייל זיי זענען אירע שונאים, און דעריבער זענען זיי ניט באגלויבט צו שאדן איר די כתובה, זע יבמות פרק ט״ו משנה ז׳.**

ג. שהיה בדין, ווארום עס האָט דאָך געדאַרפן זיין א דין! **מען האָט דאָך, אייגנטליך געדאַרפן אפלערנען פון א קל-וחומר, פון א גרינגערער זאַך אויף א האַר-בערער זאַך, אז איין עדות זאָל ניט זיין באגלויבט צו זאָגן אז ער האָט געזען זי זינ-דיקן מיטן פרעמדן מאן, נאָר מען זאָל דאַרפן צוויי עדות. מיט „דין״ מיינט מען אָ**

אינה מתקיימת בפחות משנים, עדות אחרונה שאוסרתה איסור עולם, אינו די 'שלא תתקיים בפחות משנים? תלמוד לומר (במדבר ה') „ועד אין בה", כל עדות שיש בה. קל וחומר לעדות הראשונה מעתה, ומה אם עדות אחרונה שאוסרתה אסור עולם, הרי היא מתקיימת בעד אחד, עדות הראשונה שאין אוסרתה אסור עולם, אינו דין שתתקיים בעד אחד? תלמוד לומר (דברים כ"ד) „כי מצא בה ערות דבר", ולהלן הוא אומר, (שם י"ט) „על פי שנים עדים יקום דבר", מה להלן על פי שנים עדים, אף כאן על פי שנים עדים:

לד. עד אומר נטמאת, ועד אומר לא נטמאת, אשה אומרת נט-

„קל וחומר", און דער קל וחומר דא איז: ומה אם, ווארום מה דאך דאס ערשטע עדות־זאגן (דאס זאגן פון די עדות, אז זיי האבן געזען ווי זי האט זיך באהאלטן מיט דעם פרעמדן מאן), וואס אסרט ניט זי (דאס ווייב אויפן מאן) קיין אייביקן איסור (מחמת נאכדעם ווי זי טרינקט דאס וואסער, מעג דער מאן מיט איר וואוינען), פונ־דעסטוועגן קאן עס ניט זיין גוט ביי ווינציקער פון צוויי (עס מוזן זיין צוויי עדות), מכל שכן דאס לעצטע עדות־זאגן (אז מען האט זי געזען זינדיקן מיט דעם פרעמדן מאן) וואס אסרט זי (דאס ווייב אויפן מאן) אן אייביקן איסור (דער מאן טאר קיינמאל מער מיט איר ניט וואוינען), דארף דאך אודאי זיין, אז עס זאל ניט גוט זיין ביי ווינ־ציקער פון צוויי עדות? **דאס איז דער קל וחומר. אפצולערנען די הארבערע זאך (די עדות פון איר זינדיקן) פון דער גרינגערער זאך (די עדות פון איר באהאלטן זיך). אבער דערויף ענטפערט די משנה:** תלמוד לומר, לערנט (דער פסוק) צו זאגן (במדבר ה') „ועד אין בה" (און קיין עדות איז ניטא וועגן איר, אז זי האט געזינ־דיקט), יעדע עדות וואס איז פאראן וועגן איר. **פון דאזיקן פסוק לערנען מיר, אז אפי־לו איין עדות, וואס זאגט, אז זי האט געזינדיקט, אסרט זי שוין אויך. איצט פרעגט די משנה פארקערט:** קל וחומר, אויב אזוי (זאל מען אפלערנען) א קל וחומר (פאר־קערט): און מה דאך דאס לעצטע עדות זאגן (דאס עדות זאגן, אז זי האט געזינדיקט), וואס אסרט זי אויף אייביק איז גוט (אפילו) עס איז נור פאראן איין עדות, דארף דאך דאס ערשטע עדות-זאגן (אז זי האט זיך באהאלטן מיטן פרעמדן מאן) וואס אסרט זי ניט אויף אייביק (און נאכדעם ווי זי טרינקט דאס ביטערע וואסער מעג זי וואוינען מיט איר מאן), דארף דאך אודאי גוט זיין איין עדות **דערויף ענטפערט די משנה:** תלמוד לומר, עס לערנט (דער פסוק) צו זאגן: (דברים כד) „כי מצא בה ערות דבר" (און איר מאן זאל זי גטן אויב ער וועט געפינען אין איר, אין זיין פרוי, אן אויסגע־לאסענע זאך), און פריער (דברים י"ט) ווערט געזאגט „על פי שנים עדים יקום דבר" (דורך צוויי עדות זאל מען פעסטשטעלן א זאך), איז פונקט ווי פריער (אין דברים י"ט מיינט דער „דבר", די זאך) פעסטגעשטעלט דורך צוויי עדות, אזוי איז אויך דא (אין דברים כ"ד, ביי „ערות דבר", ווערט די זאך) פעסטגעשטעלט דורך צוויי עדות. **דאס איז דער כלל אין דער גמרא אז „אין דבר שבערוה פחות משנים", אז כדי צו אסרן די פרוי אויף איר מאן דארפן זיין צוויי עדות, און דאס וואס ביי א סוטה איז אפילו איין עדות באגלויבט, ווען ער זאגט, אז זי האט געזינדיקט איז עס דערפאר ווייל דער מאן האט זי צוערשט געווארנט פאר צוויי עדות אז זי זאל זיך ניט טרעפן מיט דעם פרעמדן מאן, און עס איזאויך פאראן עדות אז זי האט זיך מיט אים יא געטראפן, דאריבער איז דער עדות וועגן איר זינדיקן באגלויבט.**

ד. עד אומר, אויב איין עדות זאגט, אז זי (די סוטה, וואס האט זיך באהאלטן מיט דעם פרעמדן מאן) איז טמא געווארן (האט געזינדיקט מיט דעם פרעמדן מאן) און איין עדות זאגט, אז זי איז ניט טמא געווארן, אדער איין פרוי האט געזאגט אז זי איז טמא געווארן, און איין פרוי האט געזאגט אז זי איז ניט טמא געווארן, קאן זי טרינקן (דאס ביטערע וואסער). **ווייל מען שטעלט די חשיבות פון איין עדות קייגן**

מאת, ואשה אומרת לא נטמאת, היתה שותה. אחד אומר נטמאת, ושנים אומרים לא נטמאת, היתה שותה. שנים אומרים נטמאת, ואחד אומר לא נטמאת, לא היתה שותה:

פרק ז.

א. אלו נאמרין בכל לשון: פרשת סוטה, וידוי מעשר, קריאת שמע ותפלה, וברכת המזון, ושבועת העדות, ושבועת הפקדון:

דעם צווייטן עדות, און עס הייסט ווי עס איז אינגאנצן ניטאָ קיין עדות, און זי קאָן דאריבער טרינקן דאָס וואסער, כדי אויסצופרובן, צי זי איז זינדיק. אחד אומר, אויב איין (עדות) זאָגט אז זי איז טמא געוואָרן און צווי (עדות) זאָגן אז זי איז ניט טמא געוואָרן, קאָן זי טרינקן (דאָס וואסער). דאָ מיינט מען ניט, אז די צוויי עדות זענען געוועזן דאביי און געזען, אז זי האָט ניט געזינדיקט; ווארום אין אזא פאל דארף זי בכלל ניט טרינקן, ווייל זי האָט דאָך 2 עדות אז זי איז ניט זינדיק. נאָר מען מיינט, אז די 2 עדות זאָגן צו דעם איינעם עדות: מיר זענען געוועזן מיט דיר צוזאמען ווען זי האָט זיך געטראָפן מיט דעם פרעמדן מאן, און דו האָסט גאָרניט געזען. שנים אומרים,׳ אויב צוויי (עדות) זאָגן, אז זי איז טמא געוואָרן, און איין (עדות) זאָגט אז זי איז ניט טמא געוואָרן, האָט זי ניט (געטאָרט) טרינקן (דאָס וואסער). מחמת מען גלויבט די 2 עדות, אז זי איז זינדיק, און דער מאן דארף איר געבן א גט און א כתובה.

פרק ז.

א. אלו. די דאָזיקע (זאכן) קאָנען געזאָגט ווערן אין יעדער שפראך. מען קאָן זיי זאָגן ניט דוקא אין לשון קודש, נאָר אויך אין יעדער אנדערער שפראך, אין אן אי־בערזעצונג. די משנה און דער גאנצער פרק ווערט דאָ געלערנט ווייל די משנה רעכנט אויס צווישן די זאכן די פרשה פון סוטה. די דאָזיקע זאכן זענען: פרשה סוטה, די פרשה פון דער סוטה. די ווערטער פון חומש במדבר ה׳ וואָס דער כהן האָט פאָרגע־ליינט פאר דער סוטה. און ווייל דאָרט (במדבר ה׳) ווערט געזאָגט סתם „ואמר אל האשה״, „און ער האָט געזאָגט צו דער פרוי״, מיינט מען אין יעדער שפראך. וידוי מעשר, דאָס מתודה זיין זיך אויף מעשר. אין מסכתא מעשר שני פרק ה׳ משנה ו׳ ווערט געלערנט אז יעדע דריי יאָר דער האָט דער לאנדווירט אין ארץ ישראל ערב פסח געדארפן אויסרוימען פון זיין הויז אלע זיינע תרומות און מעשרות, און דעם מעשר שני (דעם 2טן מעשר) פירן קיין ירושלים. דאָרט אין די משנות פון י׳ ביז י״ג ווערט געלערנט, אז אין בית המקדש האָט דער לאנדווירט זיך געדארפן מתודה זיין, זאָגן די פרשה אין חומש דברים כ״ו. לערנט דאָ די משנה, אז ווייל אין דברים כ״ו ווערט געזאָגט סתם „ואמרת״ דאריבער האָט מען זי געקאָנט זאָגן אין יעדער שפראך. קריאת־שמע, דאָס ליינען קריאת שמע. אויך די פרשיות פון קריאת שמע (שמע, והיה אם שמוע און ויאמר) קאָן מען זאָגן ניט דוקא אין לשון קודש נאָר אויך אין יעדער אנדערער שפראך, מען לערנט עס אָפּ פון דברים ו׳ „שמע ישראל״, אז „בכל לשון שאתה שומע״, אין יעדער שפראך וואָס מען פארשטייט. ותפלה, און דאווענען. מיט „תפלה״ מיינט מען דאָ שמונה עשרה. אויך דאָס קאָן מען זאָגן אין יעדער שפראך. דער ברטנורא אויפן יסוד פון דער גמרא זאָגט אז נור ווען מען דאווענט מיט מנין, בציבור, אָבער ווען מען דאווענט ביחידות, פאר זיך, מוז מען דוקא אין לשון קודש. וברכת המזון, און בענטשן נאָכן עסן. אויך דאָס קאָן מען אין יעדער שפראך, ווייל אין דברים ח׳ איז פאראן סתם „וברכת״, „און זאָלסט בענטשן״. ושבועת העדות, און דאָס באשווערן עדות. דאָס געבן זיי די שבועה אז אויב זיי ווייסן עדות זאָלן זיי קומען עדות זאָגן. אין ויקרא ה׳ ווערט געזאָגט „ושמעה קול אלה״, און ווי מיר האָבן פריער געזאָגט מיינט מען „שמע״ אין יעדער שפראך. ושבועת הפקדון, און דאָס באשווערן איינעם צי ער האָט א פרעמדנס א זאך. אויך וועגן דעם איז פאראן אין ויקרא ה׳, און ווייל ביי דער

ב. ואלו נאמרין בלשון הקדש: מקרא בכורים, וחליצה, ברכות וקללות, ברכת כהנים, וברכות כהן גדול, ופרשת המלך, ופרשת עגלה ערופה, ומשוח מלחמה, בשעה שהוא מדבר אל העם:

ג. מקרא בכורים כיצד? „וענית ואמרת לפני ה׳ אלהיך״ (דברים כ״ו), ולהלן הוא אומר (שם כ״ז) „וענו הלוים ואמרו״, מה עניה האמורה להלן בלשון הקדש, אף כאן בלשון הקדש:

ד. חליצה כיצד? „וענתה ואמרה״ (שם כ״ה) ולהלן הוא אומר

שבועה פון פקדון איז פאראן אין חומש דאָס וואָרט „תחטא״ און ביי דער שבועה פון עדות איז פאראן דאָס וואָרט תחטא, האלט מען זיי ביידע גליך, אז די שבועה קאָן זיין אין יעדער שפראך. וועגן שבועת העדות און שבועת הפקדון זע מסכתא שבועות פרק ד׳ און פרק ה׳.

ב. ואלו, און די דאָזיקע (זאכן) דארפן געזאָגט ווערן (נור) אין לשון קודש. די זאכן זענען: מקרא ביכורים, דאָס ליינען די פרשה פון ביכורים. עס איז געווען די מצוה פאר יעדן לאנדווירט אין ארץ ישראל צו ברענגען אין בית המקדש די ערשטע פרוכטן (ביכורים) און דאָרט ליינען די פרשה דברים כ״ו (פון „ארמי אובד אבי״). זע וועגן דעם אין דער הקדמה צו מסכתא ביכורים. די דאָזיקע פרשה האָט מען געמוזט ליינען נור אין לשון קודש. וחליצה, און די ווערטער ביי געבן חליצה. מיר האָבן געלערנט אין מסכתא יבמות פרק י״ב, אז ווען מען גיט חליצה דארף די פרוי וואָס נעמט חליצה זאָגן ווערטער (פון דברים כ״ה „מאן יבמי״) און דער יבם וואָס גיט חליצה זאָגט („לא חפצתי לקחתה״). לערנט די משנה אז מען מוז דאָס זאָגן אין לשון קודש. ברכות וקללות, די ברכות און די קללות. די משנה וועט דאָס מפרש זיין ווייטער אין משנה ח׳. וברכת כהנים, דאָס בענטשן פון די כהנים (ביים דוכנען); וברכות כהן גדול, און די ברכות פון כהן גדול (וואָס ער זאָגט אים יום כיפור אין בית המקדש נאָכן ליינען אין ספר תורה). אויך דאָס וועט די משנה מפרש זיין ווייטער אין די משנות ו׳ און ז׳. ופרשת המלך, און די פרשה (פון חומש) פון (יידישן) מלך (וואָס ער פלעגט ליינען אין בית המקדש יעדעס יאָר מוצאי שמיטה). דאָס וועט די משנה מפרש זיין ווייטער אין משנה ח׳. ופרשת עגלה ערופה, די פרשה פון עגלה ערופה. ווייטער פרק ט׳ משנה ו׳. ופרשת משוח מלחמה, די פרשה (פון חומש) פון משוח מלחמה ווען ער רעדט צום פאָלק. מיט „משוח מלחמה״ דאָס הייסט דער געזאלבטער צו פירן די מלחמה, מיינט מען דעם כהן וועלכער איז געווען דער כהן וואָס האָט געדארפן זאָגן אויפמונטערונגס ווערטער צום יידישן מיליטער בעת א מלחמה. ער האָט פאָרגעליינט די פרשה פון דברים כ׳. די משנה וועט ווייטער אין פרק ח׳ מפרש זיין ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

ג. מקרא ביכורים, ווי אזוי (פון וואנען וויסן מיר וועגן ליינען די פרשה פון ביכורים אז זי דארף פאָרקומען נור אין לשון קודש)? „וענית ואמרת לפני ה׳ אלהיך״ (אין דברים כ״ו ווערט געזאָגט וועגן דער פרשה פון ביכורים) „און דו זאָלסט אויפהייבן דיין קול און זאָגן פאר גאָט דיין גאָט״, און ווייטער (דברים כ״ז) ווערט געזאָגט „וענו הלוים ואמרו״, „און די לויים האָבן אויפגעהויבן זייער קול און געזאָגט״, איז אזוי ווי די „עניה״ (דאָס וואָרט „וענו״) דאָרט (ביי די לויים) מיינט מען אין לשון קודש, אזוי (איז דאָס וואָרט „וענו״ דאָ ביי ביכורים) מיינט מען אין לשון קודש. די לויים האָבן, ווען די יידן זענען אריבער דעם ירדן אין דער צייט פון יהושע בן נון, געדארפן זאָגן ביים הר גריזים און הר עבל די ברכות און קללות, און דאָס האָבן זיי געזאָגט אין לשון קודש, ווייל דאָרט איז פאראן דאָס וואָרט „קול״ און מען לערנט עס אָפּ פון פסוק ביים געבן די תורה אויפן בארג סיני (שמות י״ט) „והאלהים יעננו בקול״, אז מיט קול מיינט מען לשון קודש.

ד. חליצה, פון וואנען וויסט מען וועגן די ווערטער פון חליצה (אז מען דארף זיי זאָגן אין לשון קודש) ? „וענתה ואמרה״ (דברים כ״ה) „און זי (די יבמה) זאָל אויפ-

„וענו הלוים ואמרו", מה עניה האמורה להלן בלשון הקדש, אף כאן בלשון הקדש. ר' יהודה אומר, „וענתה ואמרה ככה", עד שתאמר בלשון הזה:

ח. ברכות וקללות כיצד? כיון שעברו ישראל את הירדן ובאו אל הר גריזים ואל הר עיבל שבשמרון שבצד שכם שבאצל אלוני מורה, שנאמר (שם י"א) „הלא המה בעבר הירדן" וגו', ולהלן הוא אומר (בראשית י"ב) „ויעבר אברם בארץ עד מקום שכם עד אלון מורה", מה אלון מורה האמור להלן שכם, אף אלון מורה האמור כאן שכם. ששה שבטים עלו לראש הר עיבל, והכהנים והלוים והארון עומדים למטה באמצע. הכהנים מקיפין את הארון, והלוים את הכהנים, וכל

הייבן איר קול און זאָגן", און ווייטער (דברים כ"ז) ווערט געזאָגט „וענו הלוים ואמרו", איז אזוי ווי די „עניה" (דאָס וואָרט „וענו") וואָס ווערט געזאָגט דאָרט (ביי די לויים) מיינט מען אין לשון קודש, אזוי איז אויך דאָ (דאָס וואָרט „וענתה" ביי דער חליצה) מיינט מען אין לשון קודש. **דאָס איז דערזעלבער דרש פון דער פריערדיקער משנה, אז „וענו" אָדער „וענתה" מיינט מען אין לשון קודש.** ר' יהודה זאָגט, אז (די ווערטער פון חליצה דאַרף מען זאָגן אין לשון קודש לערנט מען אָפּ פון פסוק דברים כ"ה) „וענתה ואמרה ככה" און זי זאָל אויפהייבן איר קול און זאָגן אזוי", זי זאָל זאָגן אין דער דאָזיקער שפּראַך (אין לשון קודש). **ר' יהודה זאָגט, אז מען דאַרף עס ניט אָפּ־לערנען פון די לויים, ווייל דאָס וואָרט „ככה", „אזוי", מיינט אז אין דער דאָזיקער שפּראַך, אין לשון קודש.**

ח. ברכות, וואָס מיינט מען מיט ברכות און קללות? ווען די יידן זענען אריי־בערגעגאנגען דעם ירדן (קיין ארץ ישראל אין דער צייט פון יהושע בן נון איינצונע־מען דאָס לאַנד) און זענען צוגעקומען צום בארג גריזים און צום בארג עיבל וואָס זענען אין שומרון ביי דער זייט פון (דער שטאָט) שכם, וואָס איז לעבן דעם סאָסנע-וועלדל פון מורה (אלוני מורה), ווארום עס ווערט געזאָגט (דברים י"א) „הלוא המה בעבר הירדן", „זיי זענען אין יענער זייט ירדן", און ווייטער (און דאָרט ווייטער אין פסוק ווערט געזאָגט „אלוני מורה") און דאָרט (בראשית י"ב) ווערט געזאָגט „ויעבר אברם בארץ עד מקום שכם עד אלון מורה", „און אברם איז דורכגעגאַנגען אין לאַנד בי זצום אָרט שכם ביז צו דעם סאָסנע־בוים מורה", איז אזוי ווי דער „אלון מורה" וואָס ווערט געזאָגט דאָרט (ביי אברהם אבינו) מיינט מען שכם (ווייל דאָרט איז דאָך בפירוש געזאָגט „ביז דעם אָרט שכם") אזוי מיינט דער „אלון מורה" דאָ אויך שכם. **די משנה וויל דאָ לערנען, אז דער געבאָט פון גאָט אין דברים י"א, אז ווען די יידן וועלן אריבערגיין דעם ירדן קיין ארץ ישראל זאָלן זיי דאָרט פאַרליינען די ברכות און די קללות ביים בארג גריזים און בארג עיבל, מיינט מען עס ביי די צוויי בערג לעבן דער שטאָט שכם. און זי לערנט דאָס אָפּ ווייל עס ווערט געזאָגט דאָרט אין חומש אז זיי געפינען זיך ביים „אלון מורה" און פון חומש בראשית פון אברהם אבינו (אברם) זען מיר אז דער „אלון מורה" איז געווען אין שכם. איצט דערציילט די משנה ווי אזוי עס איז פאָרגעקומען דאָס ליינען די ברכות און קללות ווען די יידן זיינען צוגעקומען צו די צוויי בערג אין שכם.** ששה שבטים, זעקס שבטים זענען ארויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ פון בארג גריזים, און 6 שבטים זענען ארויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ פון בארג עיבל, און די כהנים און די לויים און דער ארון (דער הייליקער קאַסטן מיט די לוחות אינווייניג) זענען געשטאַנען אונטן אין דער מיט (צווישן די 2 בערג). די כהנים האָבן ארומגערינגלט דעם ארון און די לויים (האָבן ארומגערינגלט) די כהנים, און אלע יידן זענען געווען פון דער זייט און פון דער זייט, ווארום עס ווערט געזאָגט (יהושע ח') וכל ישראל וזקניו ושוטריו ושופטיו עומדים מזה ומזה לארון" און אזוי

ישראל מכאן ומכאן, שנאמר (יהושע ח׳) „וכל ישראל וזקניו ושוטרי ושופטיו עומדים מזה ומזה לארון״ וגו׳. הפכו פניהם כלפי הר גריזים, ופתחו בברכה: „ברוך האיש אשר לא יעשה פסל ומסכה״. ואלו ואלו עונין אמן. הפכו פניהם כלפי הר עיבל, ופתחו בקללה: „ארור האיש אשר יעשה פסל ומסכה״. ואלו ואלו עונין אמן. עד שגומרין ברכות וקללות. ואחר כך הביאו את האבנים, ובנו את המזבח, וסדוהו בסיד, וכתבו עליו את כל דברי התורה בשבעים לשון. שנאמר (דברים כ״ז) „באר היטב״. ונטלו את האבנים ובאו ולנו במקומן:

ו. ברכת כהנים כיצד? במדינה אומרים אותה שלש ברכות, ובמק־

ווייטער, „און אלע יידן און זייגע עלטסטע און זייגע באאמטע און זייגע ריכטער שטייען פון דער זייט און פון דער זייט צום ארון״ און אזוי ווייטער. **דער ירושלמי זאָגט אז אונטן זענען געוועזן נור א טייל פון די לוויים, אָבער די איבריקע מענטשן פון שבט לוי זענען געווען אויפן בארג, ווארים עס האָבן דאָך געדאַרפן זיין 12 שבטים אויף די בערג און איינער פון זיי איז געווען דער שבט לוי, ווי עס ווערט געזאָגט אין דברים כ״ז, י״ב).** הפכו, זיי (די לוויים) האָבן אויסגעדרייט זייערע פנימער צום בארג גריזים און האָבן אָנגעהויבן מיט דער ברכה. **און זיי האָבן געזאָגט:** ברוך, „געבענטשט זאָל זיין דער מענטש וואָס וועט ניט מאכן קיין אויסגעהאַקט (בילד) און ניט קיין געגאָסן, (בילד)״, און די דאָזיקע (שבטים אויפן בארג גריזים) און די דאָזיקע (שבטים אויפ׳ן בארג עיבל) האָבן געענטפערט: „אמן״; (דערנאָך) האָבן זיי (די לוויים אויסגעדרייט זייערע פנימער צום בארג עיבל און האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן) די קללה: „פארשאָלטן זאָל זיין דער מענטש, וואָס וועט מאכן אן אויסגעהאַקט (בילד) אָדער א געגאָסן (בילד)״, און די דאָזיקע (שבטים האָבן געענטפערט: „אָמן״; ביז זיי (די לוויים) האָבן פארענדיקט די ברכות און די קללות. **אין דברים כ״ז אין די פסוקים פון ט״ו ביז כ״ו זענען פאראן אויסגערעכנט די קללות (12 קללות), וואָס די לוויים האָבן געזאָגט, און די קללה וועגן „פסל ומסכה״ (דעם אויסגעהאַקטן און געגאָסענעם בילד) איז די ערשטע. די משנה זאָגט, אז צוערשט פארן לייגען יעדע קללה, האָבן די לוים דאָסזעלביקע געזאָגט אין דער פאָרם פון א ברכה, אז געבענטשט זאָל זיין דער מענטש וואָס וועט ניט עובר זיין די עבירה, און דאָס פאָלק האָט געזאָגט אָמן, און ערשט דערנאָך האָבן די לוויים געזאָגט די קללה, און דאָס פאָלק האָט געזאָגט אמן.** ואחר כך, און דערנאָך האָבן זיי געבראַכט די שטיינער און האָבן אויפגעבויט דעם מזבח און האָבן אים ארומגעקאַלעכט מיט קאַלך, און האָבן אויפגעשריבן אויף אים די תורה אין זיבציק שפראַכן, ווארום עס ווערט געזאָגט (דברים כ״ז) „באר היטב״ (גוט דערקלערט). **די זיבציק שפראַכן מיינט מען פון די זיבציק פעלקער (שבעים אומות), כדי וועלכעס פאָלק עס וויל זאָל קאָנען לערנען די תורה, און קיין פאָלק זאָל ניט האָבן קיין אויסרייד, אז עס האָט ניט געהאַט וואו צו לערנען. רב סעדיה גאון מיינט, אז ניט מען האָט די גאַנצע תורה אויפגעשריבן אויף די שטיינער, נאָר מען מיינט אז מען האָט אויפגעשריבן די תרי״ג (613) מצוות פון דער תורה.** ונטלו, און דערנאָך האָבן זיי גענומען די שטיינער און זענען אוועקגעגאַנגען און האָבן גענעכ־טיקט אין זייער אָרט. **נאָכדעם ווי מען האָט מקריב געווען אויפן מזבח די קרבנות (ווי עס ווערט געלערנט אין דברים כ״ז), האָט מען פונאַנדערגענומען דעם מזבח, און די יידן האָבן צוגענומען די שטיינער און זענען אוועק צוריק אין דער שטאָט גלגל, וואו זיי האָבן גענעכטיקט, און דאָרט האָבן זיי אויפגעשטעלט די שטיינער, ווי עס ווערט דערציילט אין יהושע ד׳ (אזוי טייטשט די ברייתא אין דער גמרא סוטה ל״ו).**

ו. ברכת כהנים, דאָס בענטשן פון כהנים (דאָס דוכנען) ווי אזוי (קומט עס פאָר)? **אין דער תורה במדבר ו׳, כ״ג ווערט געזאָגט, אז די כהנים דאַרפן בענטשן די יידן, די כהנים דאַרפן זאָגן די ברכות פון די פסוקים כ״ד (יברכך ה׳ וישמרך), כ״ה (יאר**

דש ברכה אחת; במקדש אומר את השם ככתבו, ובמדינה בכנויו. במדינה כהנים נושאים את ידיהן כנגד כתפיהן, ובמקדש על גבי ראשיהן, חוץ מכהן גדול שאינו מגביה את ידיו למעלה מן הציץ. ר׳ יהודה אומר, אף כהן גדול מגביה ידיו למעלה מן הציץ. שנאמר (ויקרא ט׳) וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם״:

ז. ברכות כהן גדול כיצד ? חזן הכנסת נוטל ספר תורה ונותנה לראש הכנסת, וראש הכנסת נותנה לסגן, והסגן נותנה לכהן גדול. וכהן גדול עומד ומקבל וקורא עומד. וקורא „אחרי מות״, „ואך בע-

---

ה׳ פניו אליך ויחנך) און כ״ו (ישא ה׳ פניו אליך וישם לך שלום). די משנה וועט דאָ לערנען די דינים פון די ברכת כהנים, פון דוכנען, ווען די כהנים זאָגן די דאָזיקע ברכות. במדינה, אין דער פּראָווינץ (אין די ערטער אויסער דעם בית המקדש) זאָגט מען זיי (די דערמאָנטע פסוקים) דריי ברכות. **נאָך יעדן פסוק זענען די כהנים מפסיק, און דער עולם ענטפערט אָפּ אמן.** ובמקדש, און אין בית המקדש (האָבן די כהנים געזאָגט אַלע דריי פסוקים) איין ברכה. **זיי האָבן ניט מפסיק געווען אין דערמיט. אויך האָט מען ניט געענטפערט אמן, ווייל אין בית המקדש האָט מען ניט געענטפערט אמן נאָך ברכות. (זע אין מסכתא ברכות פרק ט׳ משנה ה׳).** במקדש, אין בית המקדש האָט ער (דער כהן) געזאָגט דעם נאָמען (פון גאָט) אַזוי ווי ער איז געשריבן (דעם שם הויה האָט ער אַרויסגערעדט אַזוי ווי מען שרייבט אים) און אין דער פּראָווינץ (אויסער דעם בית המקדש, האָט דער כהן געזאָגט דעם שם הויה) מיט זיין ביי־נאָמען (בכינויו, מיט „אדני״). **דאָס ווערט אָפּגעלערנט פון שמות כ׳ „בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך״, אַז נור אין דעם אָרט, וואו עס רוט די שכינה, אין בית המקדש, קאָן מען דערמאָנען (אויסריידן) דעם נאָמען פון גאָט, ווי ער שטייט געשריבן.** במדינה, אין דער פּראָווינץ (אויסער דעם בית המקדש) הויבן אויף די כהנים (ביים דוכנען) זייערע הענט קעגן איבער זייערע אַקסלען, און אין בית המקדש (הויבן זיי אויף די הענט) איבער זייערע קעפּ. **דערפון הייסט דוכנען „נשיאת כפים״, אויפהייבן די הענט, און מען לערנט עס אָפּ פון ויקרא ט׳, כ״ב, „וישא אהרן את ידו אל העם ויברכם״, „און אהרן האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צום פאָלק און ער האָט זיי געבענטשט״.** חוץ, אן אויסנאַם איז דער כהן גדול, ווייל ער טאָר ניט אויפהייבן זיינע הענט העכער פון דער שטערן־בלעך (ציץ). **דער כהן גדול האָט געטראָגן אויפן שטערן א גאָלדענע בלעך מיטן נאָמען פון גאָט (ציץ, זע יומא פרק ז׳ משנה ה׳), דעריבער האָט ער ניט געטאָרט אויפהייבן זיינע הענט איבער דעם קאָפּ.** ר׳ יהודה זאָגט, אַז אויך דער כהן גדול הייבט אויף (ביים דוכנען) זיינע הענט העכער פון דער שטערן־בלעך (פון ציץ), וואָרום עס ווערט געזאָגט (ויקרא ט׳) „וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם״, און אהרן האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צום פאָלק און ער האָט זיי געבענטשט״. **און אַזוי ווי אהרן איז געווען כהן גדול, איז דערפון געדרונגען אַז אויך דער כהן גדול דאַרף אויפהייבן זיינע הענט.**

ז. ברכות, וואָס מיינט מען מיט די „ברכות פון כהן גדול״ ? די משנה גייט **איצט דערציילן ווי אַזוי דער כהן גדול האָט אים יום כיפור אין בית המקדש, נאָכן טאָן דעם גרעסטן טייל פון זיינע עבודות, געליינט אין ספר תורה און דערנאָך געזאָגט די ברכות.** חזן, דער חזן (דער שמש) פון דער שול (וואָס איז געווען ביים בית המקדש) האָט גענומען די ספר תורה און ער האָט זי געגעבן צום פירער פון דער שול (ראש הכנסת, דעם העכסטן גבאי), און דער פירער פון דער שול האָט זי געגעבן צום סגן (געהילף פון כהן גדול, און דער סגן האָט זי געגעבן צום כהן גדול און דער כהן גדול שטייט און נעמט (די ספר תורה) און ער ליינט שטייענדיק; ער ליינט (די פרשה) „אחרי מות״ (ויקרא ט״ז, א׳) און (די פרשה) „אך בעשור״ (ויקרא כ״ג, כ״ז). **דאָס זענען די פרשיות אין דער תורה וועגן יום כיפור.** וגולל, און (דערנאָך) וויקלט ער (דער כהן

שור״, וגולל את התורה, ומניחה בחיקו ואומר, יותר ממה שקריתי לפניכם כתוב כאן. „ובעשור״ שבחומש הפקודים קורא על פה. ומברך עליה שמנה ברכות; על התורה ועל העבודה, ועל ההודיה, ועל מחילת העון, ועל המקדש, ועל ישראל, ועל הכהנים, ועל שאר התפלה:

ח. פרשת המלך כיצד ? מוצאי יום טוב הראשון של חג בשמיני במוצאי שביעית עושין לו בימה של עץ בעזרה, והוא יושב עליה, שנאמר (דברים ל״א) „מקץ שבע שנים במועד״ וגו׳. חזן הכנסת נוטל ספר תורה ונותנה לראש הכנסת, וראש הכנסת נותנה לסגן, והסגן נותנה לכהן גדול, וכהן גדול נותנה למלך, והמלך עומד ומקבל, וקורא

גדול) צו די ספר תורה און לייגט זי אריין אין זיין בוזעם, און ער זאָגט: „מער וויפיל איך האָב דאָ געליינט פאר אייך איז דאָ געשריבען״. און (די פרשה) „ובעשור״, וואָס איז אין חומש „הפקודים״ (חומש במדבר כ״ט, ז׳) ליינט ער אויסנווייניק. **אויך די דאָזיקע פרשה איז וועגן יום כיפור, און ווייל עס איז א טירחא אויפצעוויקלען די ספר תורה ביז ווייט אין במדבר, דאריבער ליינט ער זי אויסנווייניק. דער חומש במדבר הייסט „הפקודים״, פון פקוד״, ציילן, ווייל אין במדבר איז פאראן וועגן דער ציילונג פון די יידן.** ומברך, און ער בענטשט אויף איר (אויף דער תורה) אכט ברכות, אויף דער תורה, אויף דער עבודה (טאָן די קרבנות, רצה פון שמונה עשרה) און אויף דעם דאנק (הודאה, מודים פון שמונה־עשרה), און אויף פארגעבונג פון זינד (די ברכה „מלך מוחל וסולח״), און אויף דעם בית מקדש, און אויף די יידן, און אויף די כהנים, און אויף די איבריקע תפילה (די ברכה „שומע תפילה״ פון שמונה עשרה). **די דאָזיקע משנה איז פאראן אין יומא פרק ז׳ משנה א׳, און דאָרט געבן מיר דעם פירוש צו איר בפרטות.**

ח. פרשת המלך, וואָס מיינט מען מיט דער „פרשה פון מלך״? **די דאָזיקע מצוה ווערט אָנגערופן „הקהל״, „פארזאמלן״, און זי ווערט אָנגעזאָגט אין דברים ל״א, י׳—י״ג, און דאָרט אין פסוק י״ב איז פאראן דער „הקהל״, „זאמל איין דאָס פאָלק״. ווען יידן האָבן געהאט אן אייגענעם מלך האָט דער מלך מקיים געווען די מצוה. און די משנה דערציילט ווי אזוי זי איז פאָרגעקומען.** מוצאי, אין מוצאי יום טוב פון ערשטן טאָג סוכות (החג, סוכות), אין אכטן (יאָר) אין מוצאי שמיטה־יאָר (דאָס שמיטה־יאָר איז דאָס זיבעטע יאָר, און דאָס איז פאָרגעקומען אין סוכות מוצאי שמיטה־יאָר, אין אכטן יאָר), האָט מען פאר אים (פאר דעם מלך) געמאכט א בימה פון האָלץ אין דער עזרה (אין הויף פון בית המקדש), און ער (דער מלך) האָט זיך געזעצט אויף איר (אויף דער בימה) ווארום עס ווערט געזאָגט (דברים ל״א) „מקץ שבע שנים במועד״ און אזוי ווייטער, „צום סוף פון זיבן יאָר אין יום טוב״ און אזוי ווייטער. **די משנה פארענדיקט ניט דעם פסוק. ווייטער אין חומש שטייט, אז דאָס גאנצע פאָלק, מענער, פרויען און קינדער זענען זיך צונויפגעקומען אין בית המקדש, כדי צו הערן די פרשיות פון דער תורה, וואָס דער מלך וועט פאָרלייענען.** חזן, דער שמש פון דער שול (וועלכע איז געווען ביים בית המקדש) האָט גענומען די ספר תורה און ער האָט זי געגעבן צום פירער פון דער שול (דעם העכסטן גבאי), און דער פירער פון דער שול האָט זי געגעבן צום סגן (צום געהילף פון כהן גדול), און דער סגן האָט זי גע־געבן צום כהן גדול, און דער כהן גדול האָט זי געגעבן צום מלך. **דאָס איז געווען אָנצוטאָן כבוד דעם מלך.** והמלך, און דער מלך שטייט און ער נעמט צו (די ספר תורה) און ער ליינט (אין איר) זיצנדיק. **אין הויף פון בית המקדש האָט קיינער ניט געטאָרט זיצן, סיידן א יידישער מלך וואָס האָט געשטאַמט פון דוד המלך (אין ישיבה בעזרה אלא למלכי בית דוד בלבד).** אגריפס, דער מלך אגריפס איז געשטאַנען און האָט צוגענומען, און ער האָט געליינט שטייענדיק, און די חכמים האָבן אים געלויבט. **עס זענען געווען אין ארץ ישראל 2 מלכים מיטן נאָמען אגריפס צום סוף פון 2טן בית המקדש, אגריפס**

יושב. אגריפס המלך עמד וקבל וקרא עומד, ושבחוהו חכמים. וכשהגיע „ללא תוכל לתת עליך איש נכרי״, זלגו עיניו דמעות. אָמרו לו, אל תתירא, אגריפס, אחינו אתה, אחינו אתה, אחינו אתה. וקורא מתחילת „אלה הדברים״ עד „שמע״, „ושמע״, „והיה אם שמוע״, „עשר תעשר״, „כי תכלה לעשר״, ופרשת המלך, וברכות וקללות, עד שגומר כל הפרשה. ברכות שכהן גדול מברך אותן המלך מברך אותן, אלא שנותן של רגלים תחת מחילת העון:

פרק ח.

א. משוח מלחמה, בשעה שמדבר אל העם, בלשון הקדש היה

דער ערשטער (געשטאָרבן 26 יאָר פאַרן חורבן פון בית המקדש), און אגריפס דער 2־טער (וועלכער האָט געלעבט אויך א צייט נאָכן חורבן פון בית המקדש). **מען מיינט דאָ מסתמא אגריפס דעם ערשטן, וועלכער איז געווען א פרומער (זע ביכורים פרק ג׳ משנה ד׳).** וכשהגיע, און ווען ער (אגריפס, לייענדיק די תורה) איז צוגעקומען צו (דברים י״ז, ט״ו) לא תוכל לתת עליך איש נכרי״, „דו טאָרסט ניט נעמען אויף זיך (א מלך) א פרעמדן מענטש (ניט פון יידן), האָבן פון זיינע (אגריפס׳ס) אויגן גערונען טרערן. **אגריפס איז געווען א ייד, אָבער ער האָט געשטאַמט פון הורדוס המלך, וועלכער איז געווען פון א פאַמיליע פון אדום, וועלכער האָט זיך מגייר געווען. אגריפס האָט דעריבער געמיינט, אז ער איז פסול צו זיין יידישער מלך, ווייל ער שטאַמט פון א פרעמד פאָלק.** אָמרו לו, האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים: „האָב ניט קיין מורא, אגריפס, דו ביזט אונזער ברודער, דו ביזט אונזער ברודער, דו ביזט אונזער ברודער״. **מחמת זיין מוטער האָט געשטאַמט פון א יידישער פאַמיליע. זיין באָבע, דאָס אייניקל פון הורדוס המלך, האָט געהייסן מרים (מאַריאַמנע), און זי איז געווען פון דער חשמונאים־משפחה, ווי עס ווערט דערציילט אין די ספרים פון יוסיפון לרומיים.** וקורא, און ער (דער מלך) לייענט (אין דער ספר תורה) פון אָנהייב „אלה הדברים (פון אָנהייב חומש דברים א׳, „אלה הדברים״), ביז „שמע״ (דברים ו׳, ה׳) און ער לייענט (דאָרט אין דברים ו׳, ה׳) „שמע״ (די פרשה שמע ישראל ביזן פסוק ט׳), און (דערנאָך היפּערט ער אָפּ אין חומש און (דערנאָך לייענט ער אין דברים י״א, י״ג די פרשה) „והיה אם שמוע״, און (דערנאָך היפּערט ער ווייטער איבער אין חומש ביז דברים י״ד, כ״ב) און ער לייענט די פרשה) „עשר תעשר״, און (דערנאָך היפּערט ווייטער איבער ביז דברים כ״ו, י״ב און לייענט די פרשה) „כי תכלה לעשר״, און (דערנאָך קומט ער צוריק צו דברים י״ז, י״א און לייענט) די פרשה וועגן מלך (פרשת המלך, וואו עס ווערט געלערנט וועגן דעם מלך), און (די פרשה פון) די ברכות און קללות, ביז ער ענדיקט די גאנצע פרשה. **מען מיינט דאָ די פרשה פון „ארור״ אין דברים כ״ז, ביז צום סוף כ״ח. פון ברטנורא איז צו זען, אז אויך די ברכות און קללות האָט דער מלך געליינט נאָך דער פרשה פון „כי תכלה לעשר״, און ערשט דערנאָך האָט ער געלערנט די פרשה פון מלך (שום תשים עליך מלך״ אין דברים י״ז). רשי און דער רמבם לערנען ניט אזוי. מען האָט געליינט די פרשה וועגן תרומה און מעשרות און די מתנות וואָס מען דאַרף געבן צו אָרימע לייט ווייל עס איז סוכות, דער חג האסיף, ווען מען נעמט שוין צוזאמען אלע תבואות אונפרוכטן.** ברכות, די ברכות וועלכע דער כהן גדול בענטשט (נאָכן לייענען די ספר תורה אים יום כיפור, זיי ווערן געבראַכט פריער אין משנה ז׳), בענטשט דער מלך (זאָגט זיי אויך דער מלך נאָכן לייענען אין דער ספר תורה), נאָר ער זאָגט (די ברכה) פון רגלים (ימים טובים) אנשטאט „מחילת עוון״ (פארגעבונג פון זינד). **אַנשטאט וואָס דער כהן גדול האָט געמאַכט די ברכה אים יום כיפור „מלך מוחל וסולח״, האָט דער מלך געמאַכט די ברכה פון ימים טובים (מקדש ישראל והזמנים).**

פרק ח.

א. משוח מלחמה, דער געזאַלבטער פאַר דער מלחמה (דער כהן וואָס האָט גע־

מדבר, שנאמר (דברים כ׳) „והיה כקרבכם אל המלחמה ונגש הכהן״, זה כהן משוח מלחמה, „ודבר אל העם״, בלשון הקדש. ואמר אליהם „שמע ישראל״ וגו׳, „על אויביכם״ ולא על אחיכם, לא יהודה על שמעון, ולא שמעון על בנימין, שאם תפלו בידם, ירחמו עליכם, כמה שנאמר (דברי הימים ב׳ כ״ח) „ויקומו האנשים אשר נקבו בשמות ויחזיקו בשביה וכל מערומיהם הלבישו מן השלל וילבישום וינעילום ויאכילום וישקום ויסכום וינהלום בחמורים לכל כושל ויביאום יריחו עיר התמרים אצל אחיהם וישובו שומרון״. על אויביכם אתם הולכים. שאם תפלו בידם אין מרחמין עליכם. „אל ירך לבבכם אל תיראו ואל תחפזו״

רעדט צום יידישן פאָלק איידער זיי זיינען ארויס אין דער מלחמה קייגן די יידישע שונאים), ווען ער האָט גערעדט צום פאָלק, האָט ער גערעדט אין לשון קודש, וואָרום עס ווערט געזאָגט (דברים כ׳) „והיה כקרבכם אל המלחמה ונגש הכהן״, „און עס וועט זיין ווען איר וועט צוטרעטן צו דער מלחמה, זאָל צו־גיין דער כהן״, דאָס מיינט מען דעם כהן משוח מלחמה, „ודבר אל העם״, און ער זאָל רעדן צום פאָלק״, (מיינט מען אין לשון קודש. **דאָס וואָרט „ודבר״ מיינט מען אין לשון קודש ווייל מען לערנט עס אָפּ פון פסוק** (שמות י״ט) **ביים באַרג סיני „משה ידבר״ „משה רעדט״, און דאָס איז געווען אין לשון קודש. דער „משוח מלחמה״ איז געווען א חשובער כהן, און איבער אים איז געווען נור דער כהן גדול.** ואמר, און ער זאָל זאָגן צו זיי: „שמע ישראל״ הערט צו ישראל״ און אזוי ווייטער. **די משנה אין דאָזיקן פרק נעמט די פרשה אין דברים כ׳, וואו עס ווערט געזאָגט, אז דער כהן רעדט צום פאָלק איידער מען גייט אין דער מלחמה, און די משנה דערקלערט כסדר יעדן פסוק, און אין טייל ערטער גיט זי צו הלכות. דער כהן הויבט אָן זיינע ווערטער מיט „שמע ישראל״, „הערט צו ישראל״, און ער זאָגט צו זיי: איר גייט היינט ארויס אין מלחמה :** „על אויביכם (קייגן אייערע שונאים)״ — און ניט קייגן אייערע ברידער, ניט (דער שבט) יהודה קייגן (שבט) שמעון, און ניט (דער שבט) שמעון קייגן (שבט) בנימין, וואָס אויב איר וועט פאַלן אין זייערע הענט וועלן זיי זיך דערבאַרמען אויף אייך, ווי עס ווערט געזאָגט (דברי הימים ב׳, כ״ח) „און עס האָבן זיך אויפגעהייבן די מענטשן, וואָס זענען אויסגערעכנט מיט נעמען, און האָבן געהאָלפן די געפאַנגענע, און אלע זייערע נאַקעטע האָבן זיי באַקליידט פון דעם רויב, און האָבן זיי אָנגעטאָן מלבושים, און אָנגעטאָן שיך און האָבן זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקן און באַשמירט (מיט אייל), און יעדן שוואַכן פון זיי האָב זיי געפירט מיט אייזלן, און האָבן זיי געבראַכט קיין יריחו, אין דער שטאָט פון טייטלען צו זייערע ברידער קיין שומרון״; (נאָר) איר גייט קייגן אייערע פיינט, וואָס אויב איר וועט אריינפאַלן אין זייערע הענט וועלן זיי ניט רחמנות האָבן אויף אייך. **אין פסוק איז פאַראַן נאָר די ווערטער „על אויביכם״, „קייגן אייערע שונאים״, און די משנה דערקלערט די כוונה דערפון, אז דער כהן האָט זיי אָנגעוויזן אויף דער שטרענגקייט פון דער דאָזיקער מלחמה און אז זיי דאַרפן זיך האַלטן שטאַרק.** „אל ירך לבבכם, אל תיראו, ואל תחפזו און אזוי ווייטער, (זאָל אייער האַרץ (אייער מוט) ניט ווערן אָפּגעשוואַכט, איר זאָלט ניט מורא האָבן און איר זאָלט זיך ניט צוריק שרעקן)״ — זאָל אייער האַרץ (אייער מוט) ניט ווערן אָפּגעשוואַכט פון דעם הירזשן פון די פערד און פון דעם בלאַנקן פון די שווערדן, איר זאָלט ניט מורא האָבן פון דעם קלאַפּן פון די פאַנצערס (הגפת תריסין) און פון דעם שטראָמען פון (דעם שונאים) חיילות (שפעת קלגסין), און איר זאָלט זיך ניט צוריק־שרעקן פון דעם בלאָזן פון די קריגס־טראָמפּייטן (קול קרנות), איר זאָלט ניט מורא

וגו׳, אל ירך לבבכם, מפני צהלת סוסים וצחצוח חרבות. אל תיראו, מפני הגפת תריסין ושפעת הקלגסין, אל תחפזו, מקול קרנות, אל תערצו, מפני קול צווחות. „כי ה׳ אלהיכם ההולך עמכם״. הן באין בנצחונו של בשר ודם ואתם באים בנצחונו של מקום. פלשתים באו בנצחונו של גלית, מה היה סופו? לסוף נפל בחרב ונפלו עמו. בני עמון באו בנצחונו של שובך, מה היה סופו ? לסוף נפל בחרב ונפלו עמו. ואתם אי אתם כן, „כי ה׳ אלהיכם ההולך עמכם להלחם לכם״ וגומר, זה מחנה הארון:

ב. „ודברו השוטרים אל העם לאמר מי האיש אשר בנה בית חדש ולא חנכו. ילך וישוב לביתו״ וגומר (דברים כ׳), אחד הבונה בית

האבן פון דעם קלאנג פון די (מלחמה־) געשרייען. **דא גיט די משנה צו דערקלערן די ווערטער פון „אל ירך לבבכם אל תיראו ואל תחפזו ואל תערצו״. „תריסין״ איז דאס גריכישע ווארט „טוריס״, א שילד, א פאנצער. „קלגסין״, „קלגס״ מיינען טייל אז דאס איז דאס לאטיינישע „קאלעקציא״, א המון, און מען מיינט דא א המון חיילות. ר׳ בנימין מוספיא אין „מוסף הערוך״ מיינט אז דאס איז דאס לאטיינישע „קלאנגאר״, דער טראמפייטן־קלאנג. ביידע דערקלערונגען זיינען ניט זיכער.** „כי ה׳ אלהיכם ההולך עמכם (ווארום גאט, אייער גאט, איז עס וועלכער גייט מיט אייך)״ — זיי (אייערע שונאים) קומען מיט (די מיטלן) פון נצחונות פון א מענטש (בשר ודם, בלוט און פלייש, א מענטש), און איר קומט מיט דעם נצחון פון גאט (מקום, גאט). די פלשתים זיינען געקומען מיט דעם נצחון פון גלות (שמואל א׳, י״ז), וואס איז געווען זיין סוף ? צום סוף איז ער (גלית) געפאלן דורך דער שווערד (ער איז אומגעקומען) און זיין פאלק איז געפאלן צוזאמען מיט אים. די בני עמון (דאס פאלק עמון) זיינען געקומען מיטן נצחון פון שובך (שמואל ב׳, י׳, ט״ז), וואס איז געווען זיין סוף? ער איז געפאלן דורך דער שווערט און זיין פאלק איז געפאלן צוזאמען מיט אים. אבער איר (יידן) זענט ניט אזוי, „ווארום גאט אייער גאט איז עס וואס גייט מיט אייך״ און אזוי ווייטער, דאס מיינט מען די מחנה פון (הייליקן) ארון. **די משנה דערקלערט די כוונה פון די ווערטער, „ווארום גאט אייער גאט גייט מיט אייך״, און ברענגט ביישפילן פון תנך, ווי די פלשתים האבן זיך פארלאזט אויף זייער גבור גלית, און זענען געפאלן צוזאמען מיט גלית, און די בני עמון האבן זיך פאר־לאזט אויף זייער קריגס־פירער שובך און זענען געפאלן צוזאמען מיט אים, ווייל זיי האבן זיך פארלאזט אויף מענטשליכע כוחות. אבער יידן גייען מיט דעם נצחון פון גאט . די משנה גיט אויך צו, אז דער „ארון״ (דער הייליקער קאסטן אין וועלכן די לוחות זענען געווען) איז מיטגעטראגן געווארן אין דער מלחמה, דאס איז געווען ווען יידן האבן נאך געהאט דעם ארון.**

ב. „ודברו, און די באאמטע האבן גערעדט צום פאלק אזוי צו זאגן: יעדער מענטש, וואס האט געבויט א נייע הויז און האט עס נאכניט מחנך געווען (נאכניט זיך באזעצט אין דעם), זאל גיין און צוריקקערן זיך א היים״ און אזוי ווייטער (דברים כ׳), — (דאס מיינט מען) סיי איינער וואס האט געבויט א הויז פאר שטרוי (א שפייכלער אריינצולייגן שטרוי), אדער א הויז פאר האלץ, אדער א הויז פאר א מאגאזין (אוצ־רות, אריינצולייגן תבואות אדער אנדערע זאכן), סיי איינער וועלכער בויט, און סיי איינער וועלכער קויפט (א הויז) און סיי איינער וועלכער האט גערירשנט (א הויז), און סיי איינער וועלכער האט באקומען (א הויז) א מתנה. **יעדער איינער פון די דאזיקע,**

התבן, בית הבקר. בית העצים, בית האוצרות, אחד הבונה, ואחד הלוקח, ואחד היורש, ואחד שניתן לו מתנה. „ומי האיש אשר נטע כרם ולא חללו" וגו' (שם), אחד הנוטע הכרם, ואחד הנוטע חמשה אילני מאכל ואפילו מחמשת מינין, אחד הנוטע, ואחד המבריך, ואחד המרכיב, ואחד הלוקח, ואחד היורש, ואחד שניתן לו מתנה „ומי האיש אשר ארש אשה" וגו', (שם) אחד המארס את הבתולה, ואחד המארס את האלמׂנה, אפילו שומרת יבם; ואפילו שמע שמת אחיו במלחמה, חוזר

וואָס האָט באַקומען א הויז (ניט דוקא א הויז צום וואוינען, נאָר אויך אריינצולייגן אהין זאכן) און האָט עס נאָכניט באַנוצט קאָן גיין אהיים און ניט גיין צו דער מלחמה. דעם דאָזיקן אויסרוף האָט אויך געמאַכט דער כהן משוח מלחמה, אָבער די שוטרים האָבן עס אויסגערופן. דאָס וואָרט „שוטרים" האָבן מיר איבערזעצט „באַאמטע", מען מיינט „אויפזעער". איצט ברענגט די משנה וואָס זיי האָבן ווייטער אויסגערופן: ומי האיש אשר נטע, און יעדער מענטש, וואָס האָט געפלאַנצט א ווייַנגאָרטן און האָט אים נאָכניט גענוצט (ולא חללו) און אזוי ווייטער (דברים כ'), — (דאָס מיינט) סיי איינער וועלכער פלאַנצט א ווייַנגאָרטן (כרם), און סיי איינער וועלכער פלאַנצט פינף עס־פרוכטן־ביימער און אפילו פון פינף (פאַרשידענע) מינים (פרוכטן), סיי איינער וועלכער פלאַנצט, סיי איינער וועלכער ציט אַדורך צווייגן דורך ערד (המבריך) און סיי איינער וועלכער גרעפט (זעצט אריין א יינג צווייגל אין אן אלטן בוים), און סיי איינער וועלכער קויפט (א פרוכטן־גאָרטן) און סיי איינער וועלכער ירשנט און סיי איינער וועלכער האָט באַקומען (א פרוכטן־גאָרטן) א מתנה. די אלע קאָנען צוריקגיין א היים און ניט גיין צו דער מלחמה. „ולא חללו" מיינט מען ער האָט דעם גאָרטן אין 4טן יאָר, ווען ער איז כרם „רבעי", נאָכניט אויסגעטוישט אויף געלט צו מעגן עסן זיינע פרוכטן. זע מעשר שני פרק ה'. די גמרא זאָגט, אז די 5 פרוכטן־בוימער דאַרפן זיין אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון „צוויי קייגן צוויי און איינער גייט ארויס ווי א עק", און דאָס איז אזוי ווי מיר האָבן דערקלערט אין כלאים פרק ד' משנה ו'. „המבריך", „באַדעקן צווייגן מיט ערד", מיינט, אז מ'נעמט א לאַנגע צווייג פון א ווייַנשטאָק און מען בייגט זי איין ביז צו דער ערד, און מען באַדעקט זי אין דער מיט מיט ערד, אזוי אז דער שפּיץ וואַקסט ארויס ווי א נייער ווייַנשטאָק, „המרכיב", גרעפטן, מיינט אריינפלאַנצן א יינג צווייגל אין אן אלטן בוים. — איצט גיט די משנה ווייטער וואָס די שוטרים האָבן אויסגערופן „ומי האיש אשר ארש אשה, און יעדער מענטש, וואָס האָט מקדש געווען א פרוי" און אזוי ווייטער (ווייטער אין דברים כ' פסוק ז' ווערט געזאָגט „און ער האָט ניט חתונה געהאַט מיט איר זאָל גיין אהיים") — סיי איינער וועלכער האָט מקדש געווען א בתולה, און סיי איינער וועלכער האָט מקדש געווען אן אלמנה, און אפילו א יבמה (א שומרת יבם, וועלכער וואָרט, אז איר יבם, איר פאַרשטאָרבענעם מאַנ'ס ברודער זאָל מיט איר חתונה האָבן), און אפילו ער האָט געהערט אז זיין ברודער איז געשטאָרבן אין מלחמה (אָן קינדער און ער דאַרף מייבם־זיין, חתונה האָבן מיט זיין שוועגערין), — גייט ער צוריק און גייט אוועק. יעדער פון זיי קאָן גיין אהיים און חתונה האָבן מיט דער כלה אָדער מיט דער יבמה. וועגן דעם מנהג אין די אמאָליקע צייטן, אז דער חתן האָט מקדש געווען די כלה ביי די תנאים (און דאָס הייסט „מארס", „אירוסין") און די חתונה איז פאָרגעקומען אין א צייט שפּעטער, און אויך וועגן „שומרת יבם" האָבן מיר געגעבן פריער פרק ב' משנה ה' און פרק ד' משנה א'. כל אלו, די אלע דאָזיקע פון די מלחמה־שורות (מערכי המלחמה) הערן די (דערמאָנטע) ווערטער פון כהן (וואָס דער כהן האָט געלאָזט אויסרופן דורך די שוטרים), און קערן

ובא לו. כל אלו שומעין דברי כהן מערכי מלחמה, וחוזרין, ומספקין מים ומזון, ומתקנין את הדרכים:

ג. ואלו שאינן חוזרין: הבונה בית שער, אכסדרה, ומרפסת, הנוטע ארבע אילני מאכל, וחמשה אילני סרק, המחזיר את גרושתו, אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה לישראל, בת ישראל לממזר ולנתין, לא היה חוזר. ר׳ יהודה אומר, אף הבונה בית על מכונו, לא היה חוזר. ר׳ אליעזר אומר, אף הבונה בית לבינים בש־רון, לא היה חוזר:

ד. ואלו שאין זזין ממקומן: בנה בית וחנכו נטע כרם וחללו, הנושא

זיך צוריק (אהיים), און זיי דארפן צושטעלן וואסער און שפייז (פאר די מלחמה־מענטשן) און זיי דארפן פארריכטן די וועגן. דאס הייסט, אז זיי זענען ניט אינגאנצן באפרייט, נאר זיי ווערן באנוצט צו טאן אנדערע ארבייטן, ווי באזארגן עסן און וואסער, פארריכטן די וועגן. די ווערטער „כל אלו שומעין דברי כהן מערכי מלחמה״ טייטשט רשי ווי מיר האבן דא געגעבן, אז די „מערכי מלחמה״ גייען ניט ארויף אויף „כהן״ נאר אויף „כל אלו שומעין״, דאס הייסט אז זיי „הערן זייענדיק אין די שורות פון דער מלחמה״ די ווערטער פון כהן. „מערכי״, פוןווארט „ערך״, סדר (ערך, איינארדנען), מיינט די „שורות״ פון די מלחמה־מענטשן.

ג. ואלו, און די דאזיקע קערן זיך ניט צוריק אהיים (נאר בלייבן אין די מלחמה־שורות); איינער וועלכער בויט א טויער־געביידע (א קליין הייזלביים טויער פון א הויף, וואו עס זאל זיצן דער טויער־היטער), אדער א פאר־האליע (אכסדרה), אדער א גאלעריע; איינער וועלכער פלאנצט פיר פרוכטן־בוימער, אדער פינף ליידיקע ביימער (אילני סרק, אויף וועלכע עס וואקסן ניט קיין פרוכטן): איינער וועלכער האט צוריק חתונה מיט זיין געגטער פרוי; א כהן גדול וועלכער האט גענומען אן אלמנה (און ער טאר דאך ניט חתונה האבן מיט קיין אלמנה), אדער א פשוטער כהן וועלכער האט גענומען א גרושה אדער א חלוצה (א פרוי וואס האט גענומען חליצה, און א כהן טארניט חתונה האבן מיט א גרושה אדער א חלוצה), אדער א ישראל האט גענומען א ממזרת צי א נתינה, אדער א נתין צי א ממזר האט גענומען די טאכטער פון א ישראל, — אזעלכער האט ניט געקאנט זיך צוריקקערן אהיים (און ער איז געבליבן אין די מלחמה־שורות). „אכסדרה״ איז דאס גריכישע ווארט „עקסדרא״, א פארהאליע. „מרפסת״, א גאלעריע, פון „רפס״, „טרעטן״. „אילן סרק״, א ליידיקער בוים, וועלכער גיט ניט קיין פרוכטן. דאס צוריקנעמען זיין אייגענע געגטע פרוי הייסט ניט קיין „אשה חדשה״, קיין נייע פרוי, און דער חומש זאגט, אז עס גייט צוריק נאר ווער עס האט גענומען א נייע פרוי. א אלמנה צו א כהן גדול און א גרושה אדער חלוצה צו א פשוטן כהן, צי א ממזר אדער א נתין מיט א טאכטער פון א ישראל, צי א ישראל מיט א ממזרת אדער א נתינה, טארן ניט חתונה האבן און זיי מוזן זיך גטן. וואס מען מיינט „נתין״ זע פריער פרק ד׳ משנה א׳. ר׳ יהודה זאגט, אז אויך איינער וועלכער בויט צוריק אויף א הויז ווי עס איז געווען (על מכונו) האט ניט צוריקגעקערט. דאס מיינט, אז ער האט פונאנדערגענומען א הויז און האט עס צוריק אויפגעשטעלט אין דער פריערדיקער מאס. ר׳ אליעזר זאגט, אז אויך ווען איינער בויט א ציגל־הויז אין (ארט) שרון האט ניט צוריקגעקערט. „שרון״ איז די געגנט אין ארץ ישראל ביים ברעג פון מיטלענדישן ים, און דארט זענען געווען זומפן און די ציגל פון דארט זענען געווען שוואכע, און די ברייתא (אין דער גמרא סוטה מ״ד) זאגט, אז מען האט די דאזיקע הייזער געמוזט איבערבויען 2 מאל יעדע 7 יאר.

ד. ואלו, און די דאזיקע האבן זיך ניט גערירט פון זייערע ערטער (פון זייער היים). עס זיינען געווען דריי קלאסן. די מענטשן פון פריער אין דער משנה ב׳, ווען

את ארוסתו, הכונס את יבמתו, שנאמר (דברים כ״ד) ,,נקי יהיה לביתו שנה אחת״, ,,לביתו״, זה ביתו, ,,יהיה״, זה כרמו. ,,ושמח את אשתו״, זו אשתו, ,,אשר לקח״ להביא את יבמתו. אינן מספיקין מים ומזון, ואין מתקנין את הדרכים:

ה. ,,ויספו השוטרים לדבר את העם״ וגו׳ (שם כ׳), ר׳ עקיבא אומר ,,הירא ורך הלבב״, כמשמעו, שאינו יכול לעמוד בקשרי המלחמה ולראות חרב שלופה. ר׳ יוסי הגלילי אומר, ,,הירא ורך הלבב״ זהו

עס איז אויסגעבראָכן א מלחמה, זענען יאָ געגאנגען צום מלחמה־אָרט, און דאָרטן האָבן זיי געהערט די ווערטער פון כהן און פון דאָרט האָבן זיי צוריקגעקערט; אָבער זיי האָבן געמוזט באזאָרגן די מלחמה־מענטשן מיט וואסער און עסן און האָבן אויך פאַרראַכטן די וועגן. די מענטשן פון משנה ג׳ און בכלל אלע אנדערע מענטשן זע־נען געגאנגען צו דער מלחמה אינגאנצן. דאקייגן די מענטשן, וואָס די משנה וועט איצט אויסרעכנען, האָבן זיך אינגאנצן ניט גערירט פון זייערע היימען און האָבן ניט גע־דאַרפן באזאָרגן וואסער און עסן און אויך ניט פאַרריכטן די וועגן. דאָס זענען: בנה בית, איינער האָט געבויט א הויז און האָט עס איינגעווייט (האָט שוין אָנגעהויבן דאָרט וואוינען, אָבער עס איז נאָכניט אריבער א יאָר זינט ער וואוינט דאָרט); איינער האָט געפלאנצט א גאָרטן און האָט אים אויסגעטוישט. דער דין איז, אז ווען מען פלאנצט פרוכטן־ביימער טאָר מען זייערע פרוכטן ניט עסן די ערשטע דריי יאָר; זיי זיינען ערלה. דעם 4טן יאָר הייסן די פרוכטן ,,כרם רבעי״ און מען דאַרף זיי פירן קיין ירושלים. אויב מען וויל קאָן מען אויסטוישן די פרוכטן אויף געלט, און דאָס געלט פירן קיין ירושלים און דאָרט עס פארנוצן, און די פרוכטן קאָן מען עסן אומע־טום. דאָס ,,אויסטוישן״ אויף געלט הייסט ,,חילול״, ,,מחלל־זיין״. זאָגט די משנה אז אויב ער האָט אויסגעטוישט די פרוכטן, אָבער עס איז נאָכניט אריבער דאָס יאָר, דאַרף ער ניט גיין אין מלחמה. הנושא, איינער וועלכער האָט חתונה געהאט מיט זיין כלה (ארוסתו, וועלכע ער האָט שוין געהאט מקדש געווען און עס איז דאָס ערשטע יאָר פון דער חתונה); איינער (א יבם, דער ברודער פון פארשטאָרבענעם מאן) וועל־כער האָט חתונה געהאט מיט זיין שוועגערין (און עס איז דאָס ערשטע יאָר פון דער חתונה). די אלע דאָזיקע מענטשן גייען באלד ניט אין דער מלחמה און זיי דאַרפן זיך ניט רירן פון זייערע ערטער. שנאמר, ווארום עס ווערט געזאָגט (דברים כ״ד) ,,נקי יהיה לביתו שנה אחת, ער זאָל (ניט גיין אין מיליטער און ער זאָל זיין) ריין (פריי) צו זיין הויז איין יאָר״, — ,,לביתו״ מיינט מען זיין הויז (אויב ער האָט זיך באַזעצט אין א הויז), ,,יהיה״ מיינט זיין וויינגאָרטן (אויב ער האָט אָנגעהויבן עסן די פרוכטן פון זיין גאָרטן), ,,ושמח את אשתו, און ער זאָל פרייליך מאכן זיין ווייב״, מיינט מען זיין ווייב (אויב ער האָט חתונה געהאט), ,,אשר לקח, וואָס ער האָט גע־נומען״, מיינט מען זיין יבמה (וואָס ער האָט מייבם געווען, חתונה געהאט מיט איר). די אלע דאַרפן איין יאָר זיין פריי אין דער היים. אינן, זיי דאַרפן ניט צושטעלן וואסער און שפייז, און זיי דאַרפן ניט פאַרריכטן די וועגן, זיי זיינען באַפרייט פון אלעם.

ה. ויספו, און די שוטרים האָבן ווייטער גערעדט צום פאָלק״ און אזוי ווייטער (דברים כ׳). איצט וועט די משנה דערקלערן די ווערטער וואָס די שוטרים, די אויפ־זעער האָבן גערעדט צום פאָלק; און דאָס וואָרט ,,ויספו״ מיינט אז זיי האָבן גערעדט נאָך ווערטער וואָס דער כהן האָט זיי ניט געזאָגט. דער פסוק דאָרט דברים כ׳ ח׳ זאָגט, אז די שוטרים האָבן אויסגערופן: האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו, און דער מענטש, וואָס האָט מורא און האָט א שוואכן מוט זאָל גיין און צוריקקערען אהיים״, כדי זיי זאָלן ניט ווירקן שלעכט אויף די אנדערע. ר׳ עקיבא זאָגט, אז ,,הירא ורך הלבב״ (וואָס האָט מורא און האָט א שוואך הארץ, א שוואכן מוט) מיינט מען אזוי ווי זיין פשט איז, (דאָס הייסט) איינער וועלכער קאָן ניט שטיין אין די געבינ־

המתירא מן העבירות שבידו, לפיכך תלתה לו התורה את כל אלו שיחזור בגללן. ר׳ יוסי אומר, אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה לישראל, בת ישראל לממזר ולנתין, הרי הוא „הירא ורך הלבב״:

ו. „והיה ככלות השוטרים לדבר אל העם ופקדו שרי צבאות בראש העם״ (שם), ובעקבו של עם. מעמידין זקיפין לפניהם ואחרים מאחוריהם, וכשילין של ברזל בידיהן. וכל המבקש לחזור, הרשות בידו לקפח את שוקיו, שתחלת ניסה נפילה. שנאמר (שמואל א׳ ד׳) „נס ישראל לפני פלשתים וגם מגפה גדולה היתה בעם״, ולהלן הוא אומר (שם ל״א) „וינוסו ישראל מפני פלשתים ויפלו חללים וגו׳:

ז. במה דברים אמורים? במלחמת הרשות. אבל במלחמת מצוה,

דעטע שורות פון דער מלחמה (קשרי המלחמה) און זען א בלאנקע שווערט (חרב שלופה, א שווערט ארויסגענומען פון איר שייד). **דער אויסדרוק „קשרי המלחמה״ זאל זיין דאסזעלביקע וואס „געשלאסענע שורות״.** ר׳ יוסי הגלילי זאגט, אז „הירא ורך לבב״ מיינט דער וועלכער האט מורא פאר די עבירות וואס ער האט; דאריבער האט די תורה אים געגעבן די אלע (מעגליכקייטן, ווי געבויט א הויז צי געפלאנצט א גארטן צי חתונה געהאט) כדי ער זאל קאנען צוריקקערן צוליב זיי. **ער זאל זיך ניט שעמען און ניט וועלן צוריקטרעטן ווייל ער איז א בעל עבירה.** ר׳ יוסי זאגט, אז א כהן גדול וואס האט גענומען אן אלמנה, אדער א פשוטער כהן וואס האט גענומען א גרושה צי א חלוצה, אדער א ישראל וואס האט גענומען א ממזרת צי א נתינה, אדער א ממזר צי א נתין וואס האט גענומען א ישראל׳ס א טאכטער, דאס הייסט „הירא ורך לבב״. **מחמת זיי האבן געטאן א עבירה. דער אונטערשייד צווישן ר׳ יוסי הגלילי און ר׳ יוסי איז אין דעם, וואס ר׳ יוסי הגלילי האלט, אז אויך פאר א עבירה מדרבנן דארף מען צוריקקערען, און ר׳ יוסי האלט אז נור א עבירה מדאורייתא, ווי למשל א כהן גדול האט גענומען אן אלמנה.**

ו. „והיה, און עס וועט זיין ווען די שוטרים (די אויפזעער) וועלן ענדיקן צו רעדן צום פאלק, זאל מען באשטימען שרים פון מיליטער אין שפיץ (פראנט) פון פאלק״ דברים כ׳), און אין די טריט (הינטער דעם פאלק. מען שטעלט אוועק שטארקע מענטשן (זקיפין) פון פארנט (פון די יידישן מיליטער־מענטשן) און אויך הינטער זיי. „זקיפין״, **פון ווארט „זקף״, גלייכע, הויכע, שטארקע. רש״י זאגט, אז זיי דארפן זיין שטארק, צוגעבן מוט (מזקיפין״, שטעלן אויף) די מלחמה־מענטשן.** וכשילין, און זיי (די שטארקע מענטשן) האלטן דרענגער פון אייזן אין זייערע הענט, און יעדער איינער פון די (מיליטער־לייט) וואס וויל צוריקגיין, האט ער (דער שטארקער מענטש) דאס רעכט אונטערצוהאקן אים די פיס (שוקיו, די פיס העכער פון דער קני), ווארום דער אנהייב פון א מפלה איז אנטלויפן (שתחילת ניסה נפילה), ווארום עס ווערט געזאגט (שמואל א׳ ד׳) „די יידן זענען אנטלאפן פאר די פלשתים און אויך א גרויסע מפלה איז געווען אין פאלק״, און אין אן אנדער ארט ווערט געזאגט (שמואל א׳ ל״א) „און די יידן זענען אנטלאפן פאר די פלשתים און עס זענען געפאלן הרוגים״ און אזוי ווייטער. **פון די פסוקים איז צו זען ווי עס ווערט פארבינדן די מפלה, דאס פאלן פון הרוגים דערמיט וואס מען איז אנטלאפן. דער אויסדרוק „שתחילת ניסה נפילה״, „ווארום דער אנהייב אנטלויפן איז א מפלה״, ווערט געטייטשט אין דעם זין ווי עס וואלט געווען „שתחילת נפילה ניסה״, אז אנטלויפן איז דער אנהייב פון דער מפלה. די שטארקע מענטשן, די זקיפים, זענען דאריבער געשטאנען הינטן און ניט געלאזט אנטלויפן. „כשילין, כשיל״, אן אייזערנער שטאנג איז פאראן תהילים ע״ד, „בכשיל״.**

ז. במה, ביי וואס איז דאס געזאגט געווארן? **ביי וועלכער מלחמה האט מען גע־**

הכל יוצאים, אפילו חתן מחדרו וכלה מחופתה. אמר ר׳ יהודה, במה דברים אמורים? במלחמת מצוה, אבל במלחמת חובה הכל יוצאין, אפילו חתן מחדרו וכלה מחופתה:

פרק ט.

א. עגלה ערופה בלשון הקדש, שנאמר (דברים כ״א) „כי ימצא חלל באדמה ויצאו זקניך ושפטיך״. שלשה מבית דין הגדול שבירו-

---

לערנט די אלע דינים, אז ווער עס האט געבויט א הויז צי געפלאנצט א גארטן צי חתונה געהאט, דארף ניט גיין אין דער מלחמה אדער זיי גייען צוריק? במלחמת הרשות, (נור) ביי א פרייוויליק אונטערגענומענער מלחמה, אבער ביי א מצוה־מלחמה (ווען עס איז א מצוה צו פירן די מלחמה), גייען אלע ארויס (צו די מלחמה־שורות) אפילו א חתן פון זיין חדר און א כלה פון אונטער איר חופה; ר׳ יהודה זאגט: ווען איז דאס געזאגט געווארן? נור ביי א מצוה־מלחמה (דאמאלס ווערן די אלע דערמאנטע מענטשן באפרייט) אבער ביי א מוז־מלחמה (מלחמת חובה) גייען אלע ארויס (צו דער מלחמה), אפילו א חתן פון זיין חדר און א כלה פון אונטער איר חופה. די גמרא זאגט, אז די מלחמה איינצונעמען ארץ ישראל אדער צו שלאגן עמלק האלטן סיי די חכמים און סיי ר׳ יהודה אז דאס איז א מוז־מלחמה און אלע מוזן גיין. וועגן די מלחמות וואס דוד המלך און אנדערע יידישע מלכים האבן געפירט כדי איינצו-נעמען לענדער פון אנדערע פעלקער און צו נעמען פון זיי מסים, און צו פארגרע-סערן די גרעניצן פון ארץ ישראל, זענען אלע מודה, אז דאס איז א פרייוויליקע (רשות) מלחמה, און די מענטשן פון משנה ב׳ און משנה ד׳ זענען באפרייט. די מחלוקה איז וועגן די מלחמות וואס יידן האבן אנגעהויבן כדי ניט צו דערלאזן אז די אנדערע פעלקער זאלן זיי פריער באפאלן. זאגן די חכמים אז דאס איז נור א רשות, און די מענטשן זענען באפרייט, און ר׳ יהודה זאגט, אז דאס איז א מוז־מל-חמה (חובה) און קיינער ווערט ניט באפרייט.

פרק ט.

אין דאזיקן פרק ווערן געלערנט די הלכות פון עגלה ערופה, און צום סוף פרק זענען פאראן היסטארישע רשימות און אויך דברי מוסר. די תורה אין דברים כ״א זאגט, אז אויב מען געפינט א געהרגטן מענטש און מען ווייס ניט ווער עס האט אים געהרגט, זאלן די עלטסטע לייט (זקנים) און דיינים ארויסגיין צו דעם ארט, און מען זאל מעסטן, צו וועלכער שטאט דער הרוג ליגט נעענטער. די דאזיקע נאנטסטע שטאט דארף ברענגען א קאלב (עגלה) וואס האט נאכניט געטאן קיין ארבייט, און מען זאל אראפפירן דאס קאלב צו א טאל, און דארט זאל מען דעם קאלב אפהאקן דעם קאפ („וערפו״, אפהאקן דעם קאפ ביים נאקן, עורף, נאקן). דערפון הייסט דאס קאלב „עגלה ערופה״. דערנאך וואשן אפ די עלטסטע פון דער שטאט זייערע הענט אין וואסער און זאגן: „אונזערע הענט האבן ניט פארגאסן דאס דאזיקע בלוט״, (און אזוי ווייטער) און די כהנים זאגן „פארגיב דעם פאלק ישראל, (און אזוי ווייטער)״.

א. עגלה ערופה, (די ווערטער וואס די עלטסטע און די כהנים דארפן זאגן ביי דער) עגלה ערופה איז אין לשון קודש, ווארום עס ווערט געזאגט (דברים כ״א) „ווען מען וועט געפינען א הרוג אויף דער ערד זאלן ארויסגיין דיינע עלטסטע און דיינע דיינים״. די גמרא זאגט, אז די משנה מיינט, אז דאריבער דארף מען זאגן אין לשון קודש ווייל דארט (אין דברים כ״א) איז פאראן „וענו ואמרו״, און מיר האבן פריער (פרק ז׳ משנה ג׳) געלערנט אז אומעטום וואו עס איז פאראן „וענו״ מיינט מען אין לשון קודש; און דערנאך גייט איבער די משנה בכלל צום לערנען די הלכות פון עגלה ערופה און הייבט אן מיט דעם פסוק „און עס זאלן ארויסגיין דיינע עלט-סטע (זקניך) און דיינע דיינים (שופטיך)״, און זאגט: שלשה, דריי (דיינים) פון גרויסן

שלים היו יוצאין. ר׳ יהודה אומר חמשה. שנאמר „זקניך״ שנים, „ושפטיך״ שנים, ואין בית דין שקול מוסיפין עליהן עוד אחד:

ב. נמצא טמון בגל, או תלוי באילן, או צף על פני המים, לא היו עורפין. שנאמר (דברים כ״א) „באדמה״, ולא טמון בגל, „נופל״, ולא תלוי באילן, „בשדה״, ולא צף על פני המים. נמצא סמוך לספר או לעיר שרובה נכרים, או לעיר שאין בה בית דין, לא היו עורפין. אין מודדין אלא מעיר שיש בה בית דין. נמצא מכוון בין שתי עיירות, שתיהן מביאות שתי עגלות, דברי ר׳ אליעזר. ואין ירושלים מביאה עגלה ערופה:

בית דין (הגדול) אין ירושלים זענען ארויסגעגאנגען. דאָס סנהדרין אין ירושלים האָט געשיקט דריי דיינים צו מעסטן פון אָרט פון געפונענעם הרוג ביז דער נאָנטסטער שטאָט, כדי צו וויסן וועלכע איז די נאָנטסטע. ר׳ יהודה זאָגט, אַז פינף (דיינים זענען געקומען). ווארום עס שטייט אין דעם פריער דערמאָנטן פסוק „זקניך״ (דיינע עלטסטע) דאָס איז צוויי (ווייל דאָס קלענסטע פון לשון רבים איז צוויי), „ושפטיך״ (און דיינע דיינים) דאָס איז (אויך) צוויי, און אזוי ווי א בית דין קאָן ניט זיין אין א גראָד־צאָל (שקול, א צאָל וואָס קאָן זיך טיילן אויף צוויי, און די דיינים קאָנען זיך טיילען גלייך אויף גלייך) לייגט מען צו נאָך איינעם (נאָך איין דיין, און צוזאמען איז פינף). דער טעם פארוואָס די צאָל דיינים אין א בית דין דארף זיין אַן אומצאָל (3, 5, 7, ניט קיין צאָל וואָס טיילט זיך גלייך אויף צוויי), ווייל טאָמער טיילן זיך די דעות פון די דיינים גלייכדאויף גלייך, וועט מען דאָך ניט קאָנען פסקענען, ווארום מען נעמט דאָך אָן די דעה פון רוב (שמות כ״ג, „אחרי רבים להטות״, מען זאָל גיין נאָך דער מערהייט), דאריבער דארף זיין נאָך איין דיין, וואָס ער זאָל אנטשיידן.

ב. נמצא, אויב ער (דער הרוג) איז געפונען געוואָרן אונטער א קופע (שטיינער אָדער ערד, „גל״) אָדער אויפגעהאָנגען אויף א בוים, אָדער שווימנדיק אויפ׳ן וואסער, האָט מען ניט אָפגעהאקט (דעם קאלב) דעם קאָפ (האָט מען ניט געבראכט די עגלה ערופה), ווייל עס ווערט געזאָגט (דברים כ״א, א׳) „באדמה״ (אויף דער ערד), און ניט באהאלטן אונטער א קופע. „ונופל״ (געפאלן) און ניט אויפגעהאָנגען אויף א בוים, „בשדה״ (אין פעלד) און ניט שווימנדיק אויפן וואסער. אין פסוק דברים כ״א, א׳ ווערט געזאָגט „כי ימצא חלל באדמה — נפל בשדה״, און פון די דריי ווערטער „באדמה נופל, בשדה״, לערנט די משנה די דריי הלכות וועגן א קופע, אויפגעהאָנגענעם, שווימענדיקן אויפן וואסער. נמצא, אויב ער (דער הרוג) איז געפונען געוואָרן נאָנט צו דער גרעניץ (פון ארץ ישראל, סמוך לספר), אָדער (נאָענט) צו א שטאָט וואָס איר רוב (איינוואוינער) זענען גויים, אָדער (נאָנט) צו א שטאָט וואו עס איז ניטאָ קיין בית דין האָט מען ניט אָפגעהאקט דעם קאָפ (פון קאלב, ניט געבראכט די עגלה ערופה). די גמרא לערנט עס אָפ פון „כי ימצא״, „ער וועט געפינען ווערן״, אָבער נאָנט צו דער גרעניץ אָדער צו א שטאָט מיט א רוב גויים, איז ער, דער הרוג אליין, אריין אין דער סכנה אומצוקומען. אויב די נאָנטסטע שטאָט האָט ניט קיין בית דין, ברענגט מען די עגלה ערופה פון דער אנדערער נאָנטער שטאָט, וואו עס איז יאָ פאראן א בית דין; און דאָס מיינט די משנה באלד צו זאָגן: אין מודדין, מען מעסט ניט סיידן פון א שטאָט, וואו עס איז פאראן א בית דין. אויב ער (דער הרוג) איז געפונען געוואָרן פונקט גלייך (מכוון) צווישן צוויי שטעט (פונקט אין דערמיט, און עס איז צו ביידע שטעט גלייך) דארפן ביידע (שטעט) ברענגען צוויי קעלבער, אזוי זאָגט ר׳ אליעזר. די הלכה בלייבט אז ביידע ברענגען נור איין קאלב, ווייל „אי אפשר לצמצם״, מען קאָן ניט פונקט מצמצם זיין, גענוי אויסמעסטן אז צו ביידע שטעט איז גלייך. ואין ירושלים, און ירושלים ברענגט ניט קיין עגלה ערופה. אויב מען געפינט א הרוג לעבן ירושלים, ברענגט מען ניט קיין עגלה ערופה, ווייל אין דברים כ״א ווערט געזאָגט „באדמה אשר ה׳ אלהיך נותן לך נחלה לרשתה״ (אין לאנד וואָס גאָט דיין

ג. נמצא ראשו במקום אחד (וגופו במקום אחר), מוליכין הראש אצל הגוף, דברי ר׳ אליעזר. ר׳ עקיבא אומר, הגוף אצל הראש:

ד. מאין היו מודדין ? ר׳ אליעזר אומר, מטיבורו. ר׳ עקיבא אומר, מחוטמו. ר׳ אליעזר בן יעקב אומר, ממקום שנעשה חלל מצוארו:

ה. נפטרו זקני ירושלים והלכו להן. זקני אותה העיר מביאין עגלת בקר אשר לא משכה בעול, ואין המום פוסל בה, ומורידין אותה לנחל איתן. „ואיתן״, כמשמעו, קשה, אף אל פי שאינו איתן, כשר. ועורפין

גאָט גיט דיר אלס א נחלה צו ירשנען עס), מיינט מען נור די ערטער אין ארץ ישראל, וואָס זענען צעטיילט געוואָרן צווישן די שבטים, אָבער ירושלים האָט ניט געהערט צו קיין שבט (ירושלים לא נתחלקה לשבטים).

ג. נמצא, אויב זיין (דעם הרוג׳ס) קאָפּ איז געפונען געוואָרן אין איין אָרט, און זיין קערפּער אין אן אנדערן אָרט, פירט מען דעם קאָפּ צום (אָרט פון) קערפּער, אזוי זאָגט ר׳ אליעזר; ר׳ עקיבא זאָגט, אז מען פירט דעם קערפּער צום (אָרט פון) קאָפּ. די גמרא זאָגט, אז די דאָזיקע מחלוקה איז ניט וועגן מעסטן צו וויסן פון וואנען צו ברענגען די עגלה ערופה, נאָר גאָר וועגן קובר זיין. דער דין איז אז „מת מצוה קנה מקומו״, אז ווען מען געפינט א מת דארף מען אים קובר זיין דאָרט וואו מען האָט אים געפינען. זאָגט ר׳ אליעזר, אז דער מת איז מסתמא געפאלן וואו דער קערפּער איז, און דער קאָפּ האָט זיך אוועקגעקאַליערט, און מען דארף אים קובר זיין וואו מען האָט געפונען דעם קערפּער; און ר׳ עקיבא האלט אז ער איז מסתמא געפאלן וואו דער קאָפּ איז, און דער קערפּער האָט זיך אוועקגעקאליערט, און מען דארף אים קובר זיין וואו מען האָט געפונען דעם קאָפּ.

ד. מאין, פון וואנען האָט מען געמאָסטן? פון וועלכן פונקט אין קערפּער פון געפונענעם הרוג האָט מען געמאָסטן? ר׳ אליעזר זאָגט, אז פון נאפּל (מטבורו). ווייל ער האלט, אז דער עיקר חיות, לעבן פון מענטשן איז פון אָרט פון נאָפּל, וואו עס איז דערמיט פון קערפּער. ר׳ עקיבא זאָגט, אז פון דער נאָז, ווייל מיט דער נאָז ציט ארייַן דער מענטש זיין אָטעם, און דאָס איז דער יסוד פון לעבן (בראשית ז׳ „כל אשר נשמת רוח חיים באפיו״, דאָס לעבן איז אין די נאָז־לעכער). ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט, אז פון דעם אָרט וואו ער ווערט א הרוג (חלל) פון האלדז. דער אויסדרוק „חלל״ וואָס איז פאראן אין דער פרשה פון עגלה ערופה („הקרובה אל החלל״) איז אין אן אנדער אָרט אין תנך (יחזקאל כ״א, „על צוארי חללי הרשעים״) פארבינדן מיט׳ן האלדז „צואר״.

ה. נפטרו, עס האָבן זיך געזעגנט די עלטסטע פון ירושלים, און זענען אוועקגעגאנגען. די עלטסטע און דיינים, וועלכע זענען געקומען פון ירושלים, האָבן געדארפן נור מעסטן און פעסטשטעלן וועלכע שטאָט עס דארף ברענגען די עגלה ערופה; נאָכן מעסטן זענען זיי צוריק קיין ירושלים. זקני אותה עיר, די עלטסטע פון דער דאָזיקער שטאָט (פון דער נאָנטסטער שטאָט) האָבן געבראכט א רינד־קאלב, וואָס האָט נאָכניט געצויגן אין יאָך (מען האָט עס נאָכניט איינגעשפאנט אין יאָך צו שלעפּן); און א מום פסלט עס ניט. אויב די עגלה ערופה האָט א פעלער, איז זי אויך כשר (קרבנות, למשל, טאָרן ניט האָבן קיין פעלער). ומורידין, און מען פירט זי (די עגלה) אראָפּ אין א הארטן טאָל (נחל איתן), און „איתן״ מיינט אזוי ווי זיין פשט איז, הארט (הארטע ערד), כאָטש אפילו עס איז ניט הארט, איז אויך כשר. וועגן וואָרט „נחל איתן״, וואָס מיר האָבן איבערזעצט (לויט רשי) א הארטן טאָל, און די משנה דערקלערט „איתן״, „קשה״, און מיר האָבן איבערזעצט „הארט״, — האָט דער רמבם אן אנדערן פשט, דהיינו, אז „נחל״ איז דער טייטש א „טייכל״, און „איתן״, „קשה״, מיינט „שטארק״, א טייכל, וואָס דאָס וואסער פליסט מיט א שטארקן שטראָם. ועורפין און מען האקט איר אָפּ דעם קאָפּ פון הינטן (פון נאקן) מיט א האק־

אותה בקופיץ מאחוריה. ומקומה אסור מלזרוע ומלעבוד, ומותר לסרוק שם פשתן, ולנקר שם אבנים:

ו. זקני אותה העיר רוחצין את ידיהן במים במקום עריפה של עגלה, ואומרים: „ידינו לא שפכה את הדם הזה. ועינינו לא ראו״. וכי על דעתינו עלתה שזקני בית דין שופכי דמים הן? אלא שלא בא לידינו ופטרנוהו בלא מזון, ולא ראינוהו והנחנוהו בלא לויה. והכהנים אומ־רים: „כפר לעמך ישראל אשר פדית ואל תתן דם נקי בקרב עמך יש־ראל״. לא היו צריכים לומר „ונכפר להם הדם״, אלא רוח הקדש מב־שרתן: אימתי שתעשו ככה, הדם מתכפר להם:

ז. נמצא ההורג עד שלא נערפה העגלה, תצא ותרעה בעדר.

מעסער (בקופיץ). דאָס וואָרט „קופיץ״ איז פאראַן עטליכע מאָל אין משנה (פסחים פרק ז׳, י״ב, שקלים פרק ח׳ ג׳) און עס איז דאָס גריכישע וואָרט „קאָפּיס״, א האַק־מעסער. ומקומה, און איר אָרט (דאָס אָרט, וואו מען האָט דאָס געטאָן) טאָר מען ניט פאַרזייען און ניט באַארבייטן; אָבער מען מעג דאָרט קעמען פלאַקס און האַקן (לנקר) שטיינער, ווייל אין דברים כ״א ווערט געזאָגט, „אשר לא יעבד בו ולא יזרע״, עס זאָל ניט באַארבייט ווערן און עס זאָל ניט פאַרזייט ווערן, מיינט מען אַזאַ ארבייט (ווי אַקערן) וואָס איז ענליך צום פאַרזייען, דהיינו, א זאַך וואָס מען טוט אין דער ערד זעלבסט, אָבער ניט אויף דער ערד.

ו. זקני, די עלטסטע פון דער דאָזיקער שטאָט וואַשן־אָפּ זייערע הענט אין וואַ־סער אין דעם אָרט וואו מען האָט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון קאַלב, און זיי זאָגן (די ווערטער פון דברים כ״א) „ידינו לא שפכה את הדם הזה ועינינו לא ראו (אונזערע הענט האָבן ניט פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט און אונזערע אויגן האָבן ניט געזען)״. און צי איז דען אַרויפגעקומען אויף אונזער געדאַנק, אַז די עלטסטע פון בית דין זענען בלוט־פאַרגיסער (שופכי דמים, מערדער)? נאָר זיי האָבן געמיינט דערמיט צו זאָגן) אַז: ער (דער הרוג) איז ניט געקומען צו אונדזערע הענט און מיר האָבן אים געלאָזט אַוועקגיין אָן שפּייז, און מיר האָבן אים ניט געזען און מיר האָבן אים אַוועק־געלאָזט אָן באַגלייטונג (לויה). דאָס הייסט, אַז ניט נור זענען מיר ניט שולדיק פשוט אין הרגנען דעם מענטשן, נאָר מיר האָבן אויך ניט געטאָן אַזעלכעס, וואָס זאָל האָבן געבראַכט צו זיין טויט; ווען ער וואָלט געקומען צו אונז וואָלטן מיר אים באַ־זאָרגט מיט שפּייז אויפן וועג, און ניט געלאָזט אים אַוועקגיין אַליין, נאָר געזען אַז ער זאָל גיין מיט נאָך עמיצן. דער ברטנורא האָט ניט געהאַט די גירסא אין דער משנה „בלא מזון״ און „בלא לויה״, און ער טייטשט דאָס איין אין דער משנה, אַז מען מיינט אַזוי. והכהנים, און די כהנים (וועלכע געפינען זיך דאָרט) זאָגן (די ווער־טער פון חומש דברים כ״א, ח׳): „כפר לעמך ישראל אשר פדית ה׳, ואל תתן דם נקי בקרב עמך ישראל״, „פאַרגיב צו דיין פאָלק ישראל, וואָס דו האָסט אויסגע־לייזט, גאָט, און לאָז ניט אומשולדיג בלוט זיין צווישן דיין פאָלק ישראל״, זיי (די כהנים) האָבן ניט געדאַרפן זאָגן ,די סוף־ווערטער פון פסוק) „ונכפר להם הדם״ („און עס וועט זיי פאַרגעבן ווערן דאָס בלוט״), נאָר דער רוח הקודש איז זיי מבשר (זאָגט זיי אָן): „ווען איר וועט טאָן אַזוי (אַזוי ווי גאָט האָט געהייסן אין דער פרשה פון דער עגלה ערופה) וועט אייך דאָס בלוט ווערן פאַרגעבן. די ווערטער „ונכפר להם הדם״ זענען א באַזונדערע זאַך, און ניט די כהנים זאָגן זיי. רשי זאָגט, אַז דער רוח הקודש האָט אַזוי מבשר געווען די יידן דורך משה רבנו, אַז ווען זיי וועלן אַזוי טאָן וועט גאָט זיי מוחל זיין דאָס פאַרגאָסענע בלוט.

ז. נמצא, אויב דער מערדער איז געפונען געוואָרן איידער מען האָט אָפּגע־האַקט דעם קאָפּ פון קאַלב (און דאָס קאַלב איז שוין געווען אָפּגעשיידט) זאָל עס אַרויסגיין און זיך פאַשן אין דער סטאַדע. דאָס קאַלב ווערט צוריק א געוויינליך קאַלב

משנתערפה העגלה, תקבר במקומה, שעל ספק באתה מתחלתה, כיפ-רה ספיקה, והלכה לה. נערפה העגלה ואחר כך נמצא ההורג, הרי זה יהרג:

ח. עד אחד אומר, ראיתי את ההורג, ועד אחד אומר, לא ראית, אשה אומרת, ראיתי. ואשה אומרת, לא ראית, היו עורפין. עד אחד אומר, ראיתי, ושנים אומרים, לא ראית, היו עורפין. שנים אומרים, ראינו, ואחד אומר להם, לא ראיתם, לא היו עורפין:

ט. משרבו הרוצחנים, בטלה עגלה ערופה. משבא אלעזר בן

אַון מען קאַן עס באַנוצן. משנתערפה, (אויב מען האָט געפינען דעם מערדער) נאָכדעם ווי מען האָט שוין אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון קאַלב, זאָל עס (דאָס קאַלב) באַגראָבן ווערן אויף זיין אָרט, מחמת מען האָט דאָך באַלד אין אָנהייב דאָס (קאַלב) געבראַכט אויף א ספק (ווייל מען האָט ניט געוואוסט, ווער עס איז דער מערדער), און עס האָט מכפר געווען (פאַרגעבן די זינד) פון דעם ספק, און עס איז אוועקגעגאַנגען. עס הייסט, אז מיט דעם קאַלב איז געשען, וואָס עס האָט געדאַרפט געשען. מען דאַרף דאָס קאַלב באַגראָבן, ווייל דער דין איז אז פון א עגלה־ערופה טאָר מען ניט קיין הנאה האָבן (אסורה בהנאה (זע פּרק ב׳ משנה ט׳ אין קידושין). נערפה, אויב מען האָט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון קאַלב און (דערנאָך) האָט מען געפונען דעם מערדער, זאָל ער געהרגט ווערן. א רוצח קומט טויט־שטראָף. מען וואָלט אָבער געקאָנט מיינען, אז דאָס אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון קאַלב האָט שוין מכפר געווען אויף דער רציחה אינגאַנצן, דאַריבער לערנט די משנה, אז דעם רוצח קומט ווייטער טויט־שטראָף. מען לערנט דאָס אָפּ פון דער פּרשה עגלה ערופה דברים כ״א „ואתה תבער הדם הנקי מקרבך״, „און דו (די יידן) זאָלסט אויסרוימען (דאָס פאַרגיסן) אומשולדיק בלוט פון צווישן דיר״. אזוי זאָגט דער ברטנורא. ברייתא ברענגט אן אנדערן פּסוק.

ח. עד אחד, אויב איין עדות זאָגט: „איך האָב געזען דעם מערדער״, און איין עדות זאָגט (צום ערשטן עדות): „דו האָסט ניט געזען״, אָדער איין פרוי זאָגט: „איך האָב געזען״ און איין פרוי זאָגט (צו דער ערשטער פרוי): „דו האָסט ניט געזען״, האַקט מען דעם קאָפּ (פון קאַלב, מען ברענגט די עגלה ערופה). א עגלה ערופה האָט מען געבראַכט נאָר ווען קיינער האָט ניט געזען דעם מערדער; אויב אפילו איין מענטש האָט אים געזען, האָט מען שוין ניט געבראַכט. אויב אָבער צוויי עדות זענען געקו־מען צוזאַמען און איינער זאָגט, אז ער האָט אים יאָ געזען, און דער צווייטער זאָגט, אז דער ערשטער עדות האָט אים ניט געזען, האָט מען יאָ געבראַכט די עגלה ערופה. דאַקייגן אויב צוערשט איז געקומען דער איינער עדות און געזאָגט, אז ער האָט יאָ געזען, העלפט שוין ניט וואָס דערנאָך קומט א צווייטער עדות און זאָגט, אז דער ערשטער האָט אים ניט געזען, און אין אזא פאַל ברענגט מען ניט די עגלה ערופה. עד אחד, אויב איין עדות זאָגט: „איך האָב געזען״, און צוויי (עדות) זאָגן: „דו האָסט ניט געזען״, האַקט מען אָפּ (ברענגט מען די עגלה ערופה); אויב צוויי (עדות) זאָגן: „מיר האָבן געזען, און איין (עדות) זאָגט צו זיי : „איר האָט ניט געזען״, האַקט מען ניט אָפּ (ברענגט מען ניט די עגלה ערופה). די גמרא זאָגט, אז דא מיינט מען ווען די אלע עדות זענען געווען מענטשן וואָס צו אנדערע ענינים זענען זיי פּסול עדות צו זאָגן (פּסולי עדות), און ביי דער עגלה ערופה זענען אויך פּסולע עדות באַגלויבט, אָבער מען גייט נאָכן רוב, און אזוי ווי די צוויי עדות זענען מער פון דעם איינעם עדות, דאַריבער זענען זיי באַגלויבט.

ט. משרבו, זינט (דער צייט) ווען עס האָבן זיך פאַרמערט די מענטשן וואָס טאָן רציחות (רצחנים) איז בטל געוואָרן (דאָס ברענגען) די עגלה ערופה. „רצחנים״, אין טייל גירסאות „רוצחנין״, מיינט מערדער, וואָס באַגיין כסדר די רציחות; און ווייל מען האָט געוואוסט אז די מענטשן זענען די מערדער, הייסט עס ווי מען קען דעם

דינאי, ותחינה בן פרישה, (בן פרישה) היה נקרא, חזרו לקרותו בן הרצחן. משרבו המנאפים, פסקו המים המרים, ורבן יוחנן בן זכאי הפ־סיקן, שנאמר (הושע ד׳) „לא אפקוד על בנותיכם כי תזנינה ועל כלו־תיכם כי תנאפנה כי הם״ וגו׳. משמת יוסי בן יועזר איש צרידה ויוסי בן יוחנן איש ירושלים בטלו האשכולות, שנאמר (מיכה ז׳) „אין אשכול לאכל בכורה אותה נפשי״:

מערדער, און מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס ברענגען די עגלה ערופה. — איצט הויבט אָן די משנה צו געבען היסטאָרישע רשימות פון די אלטע צייטן, ביז צום סוף פון דער צייט פון דער משנה, און קודם כל זאָגט די משנה, ווען האָבן זיך פאַרמערט די דאָזיקע רצחנים, דהיינו: משבא, פון זינט עס איז געקומען אלעזר בן דנאי, און (צו־ערשט) האָט מען אים גערופן „תחינה בן פרישה״ און (דערנאָך) האָט מען אים גע־נומען רופן „בן הרצחן״ (דער מערדער־זון). עס איז שווער צו זאָגן וועגן וועלכער צייט די משנה מיינט דאָ, אין דער גמרא כתובות כ״ז ווערט דערמאָנט „בן דנאי״, און רשי זאָגט דאָרט, אז ער איז געווען א באַקאַנטער רוצח. „בן פרישה״ זאָל זיין דער טייטש דער „פרומער מאַן״ („בן״ איז טיילמאָל ניט דוקא א „זון״, נאָר אויך א מענטש, ווי „בר דרומא״, דער מענטש פון דרום״), און עס הייסט אז דער דאָזיקער בן דינאי זאָל האָבן צוערשט געווען א פרומער מענטש (זע וועגן „פרוש, פרושים״ פריער פרק ג׳ משנה ד׳), און דערנאָך איז ער געוואָרן א רצחן. דער תוספות יום טוב מיינט, אז „בן דינאי״ און בן פרישה זענען צוויי מענטשן. טייל מיינען, אז דאָס האָט א שייכות מיט אלעזר דער זון פון דענאַי ,וואָס ווערט דערמאָנט אין יוסיפון לרומיים, א פירער פון די קנאים און סיקריקין (סיקאַריער), וועלכע האָבן געקעמפט קייגן די רוימער נאָענט צו דער צייט פון חורבן פון 2טן בית המקדש, און א יסוד דערצו איז פאַראַן אין מדרש שיר השירים, ב׳, א׳, אויפן פסוק השבעתי. משרבו המ־נאפים,, זינט עס האָבן זיך פאַרמערט די נואפים (וועלכע זינדיקן מיט פרעמדע פאַר־הייראַטעטע פרויען) האָט אויפגעהערט דאָס ביטערע וואַסער. מען האָט אויפגעהערט צו געבען די סוטות צו טרינקען די „מים המאררים״, דאָס וואַסער; זע אין דער הקדמה צו דער דאָזיקער מסכתא סוטה. ורבן, און רבן יוחנן בן זכאי האָט עס אָפּגעשאַפט (דאָס געבען סוטות צו טרינקען דאָס וואַסער), ווארום עס ווערט געזאָגט (הושע ד׳, י״ד) „לא אפקוד על בנותיכם כי תזנינה ועל כלותיכם כי תנאיפינה כי הם״ און אזוי ווייטער (גאָט זאָגט: „איך וועל ניט באַשטראָפן אייערע טעכטער ווען זיי וועלן מזנה זיין און אייערע שנירן ווען זיי וועלן מזנה זיין, ווייל זיי״) און אזוי ווייטער. און דער סוף פון פסוק איז, „ווייל זיי אליין, זייערע מענער, זענען אויך נואפים. — משמת, זינט עס זענען געשטאָרבן יוסי בן יועזר דער מאַן פון צרידה און יוסי בן יוחנן דער מאַן פון ירושלים האָבן אויפגעהערט די „אשכולות״, ווארים עס ווערט גע־זאָגט (מיכה ז׳) „עס איז ניט פאַראַן קיין אשכול (הענגל ווינטרויבן) צום עסן, א ערשט־פאַרטיקע (פרוכט, „ביכורה״) גלוסט מיין נשמה״. די גמרא טייטשט „אשכול״, „איש שהכל בו״, „א מאַן וואָס אלץ איז אין אים״, וואָס זיין תורה איז אמת. דער רמבם פאַרטייטשט די ווערטער פון דער גמרא „מענטשן וואָס האָבן אין זיך אלע גוטע מידות און אלע חכמות״. יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן זענען די ערשטע פון די „זוגות״, די צוויי מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין שפיץ פון סנהדרין אין ירושלים, און זיי ווערן דערמאָנט אין אבות פרק א׳ משנה ד׳ און חגיגה פרק ב׳ משנה ב׳. וועגן יוסי בן יועזר ווערט דערציילט אין מדרש בראשית רבה ס״ה, אז ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם, און דאָס איז, ווייזט אויס, געשען אין דער גזירת שמד פון אנטיוכוס, וואָס האָט דערפירט צו די מלחמות פון די חשמונאים און די באַפרייאונג פון יידן (לערך 235 יאָר פאַרן חורבן פון 2טן בית המקדש).

י. יוחנן כהן גדול העביר הודיות המעשר. אף הוא בטל את המ־עוררין ואת הנוקפין. עד ימיו היה פטיש מכה בירושלים. ובימיו אין אדם צריך לשאול על הדמאי:

יא. משבטלו סנהדרין, בטלה השיר מבית המשתאות, שנאמר. (ישעיה כ״ד) „בשיר לא ישתו יין״ וגו׳:

יב. משמתו נביאים הראשונים, בטלו אורים ותומים. משחרב בית המקדש, בטל השמיר ונופת צופים ופסקו אנשי אמנה, שנאמר (תהלים י״ב) „הושיעה ה׳ כי גמר חסיד״ וגו׳. ר׳ שמעון בן גמליאל

י. יוחנן כהן גדול האָט אָפּגעשאַפט דאָס ווידוי זאָגן אויף מעשר; ער (יוחנן כהן גדול) האָט אויך אָפּגעשאַפט די וועקערס און די שטעכערס (המעוררים והנוקפים); און ביז זיין צייט האָט דער האַמער געקלאַפּט (חול המועד) אין ירושלים; און אין זיין צייט האָט קיין מענטש ניט געדאַרפט זיך פרעגן אויף דמאי. די דאָזיקע משנה איז פאַראַן וואָרט ביי וואָרט אין מסכתא מעשר שני פרק ה׳ משנה ט״ו, און דאָרט גיבן מיר דעם פירוש דערצו. יוחנן כהן גדול האָט געלעבט לערך 200 יאָר פאַרן חורבן פון 2טן בית המקדש.

יא. משבטלו, זינט עס איז בטל דאָס סנהדרין, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס גע־זאַנג פון די סעודות־הייזער (בית המשתאות, טרינק־הייזער), וואָרום עס ווערט געזאָגט (ישעיה כד) „בשיר לא ישתו יין״ (מיט געזאַנג וועט מען ניט מער טרינקען קיין וויין) און אַזוי ווייטער. די גמרא ברענגט דערצו דעם פסוק איכה ה׳ „זקנים משער שבתו, בחורים מנגינתם״, אַז זינט די זקנים, די סנהדרין, האָבן אויפגעהערט, האָבן אויך די יינגע אויפגעהערט זינגען. „בתי משתאות״ טייטשן ס׳רוב מפרשים, ערטער וואו מען טרינקט וויין; אפּט אין משנה און גמרא מיינט „בית השמחה״, א חתונה. רב האי גאון זאָגט, אַז מען האָט גוזר געווען ניט צו זינגען סתם לידער, אָבער זמירות צו גאָט האָט מען יאָ געזונגען. „סנהדרין״ איז געווען דאָס בית דין הגדול, דאָס העכ־סטע געריכט, אין ירושלים אין דער צייט פון 2טן בית המקדש. דער ברטנורא זאָגט „סנהדרין״, דאָס זענען די דיינים, און ווייל זיי האָבן פיינט (שונאים) נושא פנים צו זיין ווען עס איז אין דין (שונאים הכרת פנים בדין) הייסן זיי „סנהדרין״. ר׳ בנימין מוספיא ווייזט אָן אין „מוסף הערוך״, אַז דאָס איז דאָס גריכישע וואָרט „סונעדריאָן״, די פאַרזאַמלונג פון די עלטסטע, פון די ריכטער. מען האָט אויך די גרויסע ישיבה (נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש) אין יבנה, און דערנאָך ביז אין טבריה גערופן „סנהדרין״ (ראש השנה ל״א). וועגן וועלכער צייט די משנה מיינט דאָ, „ווען עס איז בטל געוואָרן דאָס סנהדרין״, איז שווער צו זאָגן. טייל מיינען, אַז נאָענט צום חורבן פון 2טן בית המקדש.

יב. משמתו, זינט עס זענען געשטאָרבן די ערשטע נביאים (נביאים הראשונים) זענען בטל געוואָרן די אורים ותומים. די אורים ותומים האָט דער כהן גדול געטראָגן אויף זיך, און מען האָט געקאָנט דורך זיי וויסן עתידות, וואָס עס וועט פאַרקומען. וועגן „אורים ותומים״ זע יומא פרק ז׳ משנה ה׳. די גמרא זאָגט, אַז אַלע נביאים הייסן „נביאים הראשונים״ א חוץ חגי, זכריה און מלאכי, וועלכע זענען געווען אין אָנהויב פון 2טן בית המקדש. עס הייסט אַז אין דער צייט פון 2טן בית המקדש זע־נען שוין ניט געווען די אורים ותומים. משחרב, ווען עס איז חרוב געוואָרן דאָס בית המקדש איז בטל געוואָרן (פאַרשווינדן) געוואָרן דער „שמיר״. די גמרא (סוטה מ״ח) זאָגט, אַז „שמיר״ איז אַזאַ ווערעמעל, וואָס איז קליין ווי א גערשטן קערנדל, און ווען מ׳דערנענטערט עס צום שטאַרקסטן שטיין, פּלאַצט דער שטיין, מיט דעם דאָ־זיקן שמיר האָט מען אויסגעקריצט די נעמען פון די שבטים אויף די טייערע שטיי־נער פון חושן ואפוד (דעם אורים ותומים), פון וועלכע עס האָט גאָרניט געטאָרט פעלן (זע יומא פרק ז׳ משנה ה׳). די משנה אין אבות פרק ה׳ משנה ו׳ זאָגט אַז דער

אומר משום רבי יהושע, מיום שחרב בה״מ אין יום שאין בו קללה, ולא ירד הטל לברכה, וניטל טעם הפירות. ר׳ יוסי אומר, אף ניטל שומן הפירות:

יג. ר׳ שמעון בן אלעזר אומר, הטהרה נטלה את (הטעם ואת הריח; המעשרות נטלו את שומן הדגן. (וחכמים אומרים) הזנות והכ־שפים כילו את הכל:

יד. בפולמוס של אספסיינוס גזרו על עטרות חתנים ועל האי־

„שמיר״ איז באשאפן אין ששת ימי בראשית ערב שבת בין השמשות. די גמרא אין גטין ס״ה דערציילט, אז מיט דעם שמיר האט שלמה המלך געשפאלטן די שטיינער, מיט וועלכע ער האט געבויט דאס בית המקדש, ניט באנוצנדיק קיין אייזן צום שפאלטן זיי. אין ירמיה י״ז, א׳ און אין יחזקאל ג׳, א׳ ווערט שמיר אנגערופן א שטארקע זאך. ונופת, און (זינט דאס בית המקדש איז חרוב געווארן איז פארשווינדן געווארן) דער האניק פון צופים (נופת צופים) און עס האבן אויפגעהערט די מענטשן פון גלויבן (אנשי אמנה), ווארום עס ווערט געזאגט (תהלים י״ב) „הושיעה, העלף, גאט, ווארום עס האט זיך געענדיקט דער פרומער מאן (חסיד), און אזוי ווייטער. וועגן „נופת צופים״ זאגט די גמרא, אז דאס איז דער האניק וואס קומט פון צופים. וועגן „צופים״ מיינען טייל אז דאס איז „צפת״ אין ארץ ישראל. אנדערע מיינען אז ס׳איז זיף (יהושע ט״ו). רשי טייטשט „צופים״, די הויכע בערג, פון וועלכע מען קאן קוקן („צפה״, קוקן ווייטער); זע פסחים פרק ג׳ משנה ח׳. „אנשי אמנה״ טייטשט דער ברטנורא „מענטשן וועלכע האבן אמונה אין גאט״. —ר׳ שמעון בן גמליאל זאגט אין נאמען פון ר׳ יהושע, אז זינט דאס בית המקדש איז חרוב געווארן איז ניט פאראן קיין טאג וואס זאל ניט זיין אין אים א קללה, און דער טוי איז ניט אראפגע־קומען אלס ברכה (פאר די תבואות) און עס איז אוועקגענומען געווארן דער טעם פון די פרוכטן; ר׳ יוסי זאגט, אז עס איז אויך אוועקגענומען געווארן די פעטקייט פון די פרוכטן. די תבואות און פרוכטן אין ארץ ישראל זענען ניט אזוי גוט ווי זיי זענען געווען פריער.

יג. ר׳ שמעון בן אלעזר זאגט, אז דאס (ניט אפהיטן) טהרה (ריינקייט, ניט מטמא זיין זיך) האט צוגענומען דעם טעם און דעם ריח (פון די פרוכטן); דאס (ניט אפהיטן צו געבן) מעשרות האט צוגענומען די פעטקייט פון תבואות (דגן); און די חכמים זאגן, אז זנות און כישוף האבן אלץ אומגעבראכט. רשי זאגט, אז ווייל מעשר ווערט אנגערופן „פעטקייט״, „חלב״ (במדבר י״ח „כל חלב יצהר״) דעריבער איז די שטראף, אז עס איז צוגענומען געווארן די פעטקייט פון תבואות פאר ניט געבן מעשרות.

י. בפולמוס, אין דער מלחמה פון אספסינוס האט מען (האבן די חכמים) גוזר געווען אויף די קרוינען פון חתנים און אויף דעם „אירוס״. דאס הייסט, אז די חתנים זאלן ניט טארן טראגן בעת דער חופה קיין קרוין אויפן קאפ, און מען זאל ניט טארן שפילן אויף דעם מוזיק־אינסטרומענט „אירוס״, אזא פויק, וואס זעט אויס ווי א געלעכערטע זיפ מיט קיילעכיקע ווענטלעך, אין דער הויך באדעקט מיט דינע לעדער און גיט ארויס א לויטערן קלאנג. וועגן דער קרוין פון חתנים זאגט די גמרא אז זי איז געווען געמאכט פון אזא זאלץ־שטיין, באפארבט מיט בילדער. טייל טייטשן, קרוינען פון הדסים און פון רויזן; אבער א קרוין פון שטעקעלעך האלטן טייל אז מען מעג. „פולמוס״ איז דאס גריכישעווארט „פאלעמאס״, מלחמה, און למשל דער יוסיפון לרומיים, וואס באשרייבט די מלחמה פון די רוימער קייגן די יידן הייסט אין גריכיש „פאלעמאס יודאאיקאס״, „די מלחמה פון די יידן״. רשי טייטשט „פולמוס״, מיליטער. אספסינוס איז דער רוימישער (צוערשט מיליטער־פירער און דערנאך

רוס. בפולמוס של טיטוס גזרו על עטרות כלות, ושלא ילמד אדם את בנו יונית. בפולמוס האחרון גזרו, שלא תצא הכלה באפיריון בתוך העיר: ורבותינו התירו שתצא הכלה באפיריון בתוך העיר:

טו. משמת ר׳ מאיר בטלו מושלי משלים. משמעת בן עזאי בטלו השקדנים. משמת בן זומא בטלו הדרשנים. משמת ר׳ יהושע פסקה

קיזער) וועספאסיאַן, ווע‌לכער האָט אָנגעהויבן די מלחמה קייגן די יידן אין ארץ ישראל דריי יאָר פאַרן חורבן, און די מלחמה האָט דערפירט צום חורבן פון 2טן בית המקדש. בפולמוס של טיטוס, אין דער מלחמה פון טיטוס (ווע‌לכער האָט באלאגערט און איינגענומען ירושלים און פאַרברענט דאָס צווייטע בית המקדש) האָט מען (האָבן די חכמים) גוזר געווען אויף די קרוינען פון די כלות (אויך כלות זאָלן ניט טאָרן טראָגן קיין קרוינען ביי דער חופה) און אז א מענטש זאָל ניט לערנען זיין זון די חכמה פון די גריכן (חכמת יונית). די מלחמה פון טיטוס (דער זון פון אספסינוס) וועלכער האָט איי־בערגענומען פון זיין פאָטער דאָס רוימישע מיליטער און איינגענומען ירושלים און פאַרברענט דאָס בית המקדש, איז געווען ערגער פון אספסינוס׳עס מלחמה, און דא־ריבער האָט מען גוזר געווען אויך אויף די קרוינען פון די כלות. אין טייל נוסחאות איז פֿאַראַן ניט „טיטוס״ נור „קוטס״, און „קיטוס״, און עס איז ניט קלאָר וואָס מען מיינט דערמיט. די קרוין פון א כלה איז געווען געמאַכט אזוי ווי דאָס בילד פון דער שטאָט ירושלים מיט גאָלד־פאַרב. „חכמת יונית״ טייטשן די מפרשים די קענט־ניס צו געבן זיך צייכנס. בפולמוס האחרון, אין דער לעצטער מלחמה האָט מען גוזר געווען אז א כלה זאָל (אין חופה טאָג) ניט ארויסגיין (געטראָגן ווערן) אין א אפיריון (א טראָג־שטול מיט א געצעלט פון באגילדעטע פאָרהאַנגן ארום) אין דער שטאָט. רשי טייטשט „די לעצטע מלחמה״ אז דאָס איז אויך די מלחמה פון טיטוס פון חורבן פון בית המקדש. אָבער אין דער משנה איז צו זען, אז זי מאַכט אן אונטער־שיד צווישן „פולמוס של טיטוס״ און „פולמוס האחרון״, אויב מען זאָל אָננעמען די גירסא „טיטוס״. דאריבער מיינען טייל, אז דאָס מיינט מען די מלחמה פון ביתר, פון בר כוכבא, וואָס איז געווען 52 יאָר נאָכן חורבן פון בית המקדש. ורבותינו, און אונ־זערע רביים האָבן מתיר געמאַכט, אז די כלה זאָל יאָ ארויסגיין מיט דעם אפיריון אין דער שטאָט. די גמרא זאָגט, אז דאָס איז צוליב צניעות, מען זאָל די כלה ניט זען. מיט רבותינו מיינט מען רבי, דעם מסדר פון דער משנה; אזוי זאָגט דער רמבם. „אפיריון״ האָבן מיר געטייטשט א טראָג־שטול, און אין גריכיש הייסט אזא שטול „פֿאָרעאָן״. אזוי טייטשט דער „ערוך״, און באַזונדערס ר׳ בנימין מוספיא אין „מוסף הערוך״. אָבער שוין דער „מוסף הערוך״ ווייזט אָן, אז דאָס דאָזיקע וואָרט איז פאראַן אין שיר השירים ג׳ ט׳ „אפריון עשה לה המלך״, און עס איז אן אלט לשון־קודש־וואָרט.

טו. משמת ר׳ מאיר, זינט עס איז געשטאָרבן ר׳ מאיר זענען פארשווינדן די זאָגערס פון משלים. אין דער דאָזיקער משנה גייט א רשימה וועגן תנאים, וואָס זינט זיי זיינען געשטאָרבן איז פארשווינדן געוואָרן די שלימות פון געוויסע מידות טובות ביי מענטשן. כאָטש אויך שפּעטער האָבן מענטשן געהאט די דאָזיקע מידות טובות, אָבער די שלימות איז ניט מער געווען. די רשימה ברענגט די תנאים ניט לויט זייער היסטאָרישן סדר; א תנא וואָס האָט געלעבט פריער קומט טיילמאָל שפּעטער. למשל, דער ערשטער ווערט געבראַכט ר׳ מאיר, וועלכער איז געשטאָרבן לערך 100 יאָר נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש, און דערנאָך קומען אזעלכע תנאים ווי רבן יוחנן בן זכאי, רבן גמליאל הזקן, וועלכע זענען געשטאָרבן א סך פריער. וועגן ר׳ מאיר וויל די משנה זאָגן, אז ער איז געווען דער „מושל משלים״, און אין זיינע דרשות האָט ער געזאָגט א סך משלים. משמת בן עזאי, זינט בן עזאי איז געשטאָרבן זענען פארשווינדן די מתמידים. „שקדנים״, די וואָס זיצן כסדר און לערנען; די גמרא יבמות ס״ג דערציילט, אז בן עזאי האָט ניט חתונה געהאט צוליב זיין גרויסן חשק צו לערנען.

טובה מן העולם. משמת ר׳ שמעון בן גמליאל בא גובאי ורבו צרות. משמת ר׳ אלעזר בן עזריה פסק העושר מן החכמים. משמת ר׳ עקיבא בטל כבוד התורה. משמת ר׳ חנינא בן דוסא בטלו אנשי מעשה. משמת רבי יוסי קטנותא פסקו חסידים. ולמה נקרא שמו קטנותא? שהיה קט־נותן של חסידים. משמת רבן יוחנן בן זכאי בטל זיו החכמה. משמת רבן גמליאל הזקן בטל כבוד התורה, ומתה טהרה ופרישות. משמת ר׳ ישמעאל בן פאבי בטל זיו הכהונה. משמת רבי בטלה ענוה ויראת

משמת בן זומא, זינט בן זומא איז געשטאָרבן זענען פאַרשווּנדן די דרשנים. **בן זומא איז געווען בקי צו דרשענען פון פסוקים אַרויס פאַרשידענע ענינים; אין ברכות פרק א׳ משנה ה׳ געפינען מיר „עד שדרשה בן זומא״, אַז בן זומא האָט גע־דרשנט פון פסוק די הלכה אַז מען מוז דערמאָנען יציאת מצרים ביינאַכט.** משמת ר׳ יהושע, זינט ר׳ יהושע איז געשטאָרבן האָט אויפגעהערט גוטסקייט (טובה) פון דער וועלט. **די מפרשים זאָגן ניט וואָס מ׳מיינט „טובה״, גוטסקייט. ס׳קאָן זיין אַז דאָס מיינט מען ווייל באַלד נאָך ר׳ יהושע׳ס טויט האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה פון ביתר, וואָס האָט חרוב געמאַכט מער ווי האַלב ארץ ישראל.** משמת ר׳ שמעון בן גמליאל, זינט ר׳ שמעון בן גמליאל איז געשטאָרבן איז געקומען דער היישעריק און עס האָבן זיך פאַרמערט די צרות. **וועגן „גובאי״, היישעריק זע ברכות פרק ו׳ משנה ג׳.** משמת ר׳ אלעזר בן עזריה, זינט ר׳ אלעזר בן עזריה איז געשטאָרבן איז פאַרשווּנדן געוואָרן עשירות פון תלמידי חכמים. **וועגן ר׳ אלעזר בן עזריה ווערט דערציילט אין עטליכע ערטער אין דער גמרא (שבת נ״ד און אַנדערע ערטער), אַז ער איז געווען אַ גרויסער עושר.** משמת ר׳ עקיבא, זינט ר׳ עקיבא איז געשטאָרבן איז פאַרשווּנדן דער כבוד פון תורה. **די מפרשים טייטשן, ווייל די גמרא (סנהדרין נ״א) זאָגט אַז ר׳ עקיבא האָט געדרשנט הלכות פון יעדן שפּיץ אויף יעדן אות פון דער תורה.** משמת ר׳ חנינא בן דוסא, זינט ר׳ חנינא בן דוסא איז געשטאָרבן זענען פאַרשווּנדן די אנשי מעשה. **אין אַ סך ערטער אין דער גמרא הייסן „אנשי מעשה״ (מענטשן פון טאָן) אַזעלכע, וואָס זענען נזהר אין טאָן אַ סך מצוות. דאָ ווערט געטייטשט „בעלי מופתים״, מענטשן, וואָס האָבן באַוויזן דורך זייער צדקות וואונדער. און וועגן ר׳ חנינא בן דוסא׳ס וואונ־דער ווערט דערציילט אין תענית כ״א. וועגן זיינע מופתים אַז עסיק האָט גע־ברענט ווי אייל, און ציגן האָבן געבראַכט וועלף אויף זייערע הערנער.** משמת ר׳ יוסי, זינט עס איז געשטאָרבן ר׳ יוסי קטנותא זענען פאַרשווּנדן חסידים; און פאַרוואָס האָט מען זיין נאָמען גערופן „קטנותא״. ווייל ער איז געווען די „קטנות״ פון די חסידים. **רש״י טייטשט „קטנות״, די קלענסטע און די לעצטע. דער רמב״ם טייטשט דער יסוד און וואָרצל פון די חסידים, ווייל יעדער יסוד און וואָרצל איז קליין; אַזוי איז אויך צו זען פון ירושלמי.** משמת רבן יוחנן, זינט עס איז געשטאָרבן רבן יוחנן בן זכאי איז פאַרשווּנדן דער גלאַנץ פון חכמה. „זיו החכמה״, דער גלאַנץ פון חכמה; **רש״י זאָגט דערויף: „איך ווייס ניט וואָס מען מיינט דערמיט״. עס קאָן זיין, ווייל רבן יוחנן בן זכאי ווערט גערעכנט אין אבות פרק ב׳ פאַר דעם לעצטן וואָס האָט איבער־גענומען די תורה בקבלה פון די לעצטע זוגות (פון הלל און שמאי).** משמת רבן גמליאל, זינט רבן גמליאל הזקן איז געשטאָרבן איז פאַרשווּנדן דער כבוד פאַר דער תורה, און עס איז געשטאָרבן ריינקייט און פרישות. **מען מיינט דאָ רבן גמליאל דעם ערשטן, וועלכער איז געווען נשיא אין ירושלים לערך 20 יאָר פאַרן חורבן פון 2טן בית המקדש. רש״י ברענגט די גמרא אין מגילה כ״א, אַז ביז זיין צייט האָט מען געלערנט תורה שטייענדיק, און זינט ער איז געשטאָרבן זענען די מענטשן געוואָרן שוואַך און מען האָט געמוזט לערנען זיצנדיק, און דער כבוד פאַר דער תורה איז דאָדורך געוואָרן קלענער. מיט „געשטאָרבן ריינקייט און פרישות״ מיינט מען, אַז עס איז פאַרשווּנדן געוואָרן דאָס זיין זייער אָפּגעהיטן ניט צו האָבן שלעכטע מחשבות און זיין אומגעווינט־**

חטא. ר' פנחס בן יאיר אומר, משחרב בית המקדש בושו חברים ובני חורין, וחפו ראשם, ונדלדלו אנשי מעשה, וגברו בעלי זרוע ובעלי לשון, ואין דורש, ואין מבקש, ואין שואל. על מי לנו להשען? על אבינו שבשמים. ר' אליעזר הגדול אומר, מיום שחרב בית המקדש שרו חכימיא למהוי כספריא, וספריא כחזנא, וחזנא כעמא דארעא, ועמא דארעא אזלא ודלדלה ואין מבקש. על מי יש להשען? על אבינו שבשמים. בעקבות משיחא חוצפא יסגא, ויוקר יאמיר, הגפן תתן פריה, והיין ביוקר,

---

ליך פרוס. זע ווייטער צום סוף פרק וועגן „טהרה" און פרישות. משמת ר' ישמעאל, זינט עס איז געשטאָרבן ר' ישמעאל בן פאבי איז פארשווינדן דער גלאנץ פון כהונה. **ר' ישמעאל בן פאבי איז געווען א כהן אין די לעצטע צייטן פון 2טן בית המקדש; ער ווערט געבראכט אין פרה פרק ג' משנה ה'. אין דער ברייתא אין פסחים נ"ז ווערט דערציילט אז ער איז געווען א צדיק אָבער זיינע קינדער זענען שוין ניט געווען אָרנטליך.** משמת רבי, זינט רבי איז געשטאָרבן איז פארשווינדן עניוות. **רבי איז ר' יהודה הנשיא, דער מסדר פון דער משנה, און די מפרשים זאָגן, אז דאָס האָבן צוגעגעבן די תלמידים פון רבי אין דער משנה. — אין טייל משניות, ענדיקט זיך דאָ די משנה פון מסכתא סוטה. דער ברטנורא האָט אויך אזוי געהאלטן, און ער האָט אויף די ווייטערדיקע ווערטער ניט געגעבן מער קיין פירוש. אָבער אין א סך משניות ווערן די ווייטערדיקע ווערטער יאָ געבראכט און זיי זענען קלאָג־ווערטער אויף די אומגליקן און צרות וואָס זענען אָנגעקומען זינט דאָס בית המהדש איז חרוב געוואָרן. —** ר' פינחס בן יאיר זאָגט, זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן זענען פארשעמט די תלמידי חכמים (חברים, די אָפגעהיטענע פרומע תלמידי חכמים) און די מענטשן פון פיינעם אפשטאם (בני חורין, מענטשן וואָס קומען ארויס פון „חורין", פון איידעלע משפחות), און זייער קאָפ (זייער פנים) איז באדעקט (פון פארשעמונג), און עס זענען פארקלענערט געוואָרן (ונדלדלו) די מענטשן פון מעשים (אנשי מעשים, מענטשן וואָס טאָן א סך מצוות), און עס האָבן זיך פארשטאַרקט די מענטשן מיט שטאַרקע אָרעמס (די נידריקע מענטשן) און די מענטשן מיט צינגער (וואָס קאָנען רעדן און מסרן), און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל פאָרשן און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זוכן און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל פרעגן (עס איז ניט פאראן ווער עס זאָל זיך קימערן וועגן דאָזיקן שלעכטן מצב און פרווון אים פארבעסערן דורך מעשים און תפילות). אויף וועמען האָבן מיר זיך צו פארלאָזן? (נאָר) אויף אונזער פאָטער אין הימל (אויף גאָט). **ר' פנחס בן יאיר איז געווען א תנא אין דער צייט פון רבי דעם מסדר פון דער משנה. ער איז געווען אן איידעם פון ר' שמעון בן יוחאי (גמרא שבת ל"ג; לויט דעם זוהר אין פרשת בלק איז ער געווען א שווער פון ר' שמעון). אין דער גמרא חולין ז' ווערן דערציילט וועגן אים מופתים און גוטע מידות. — וועגן די גאָר פרומע תלמידי חכמים „חברים" זע דמאי פרק ב' משנה ג'. דער אויסדרוק „בני חורין" איז געווינטליך דער טייטש „א פרייער מענטש" (ניט א שקלאף); רשי טייטשט „מיוחסים". רשי טייטשט אז מען מיינט דאָ, אז נידריקע פראָסטע מענטשן, מיט חוצפה, וועלכע האָבן געלט, זענען געוואָרן די הערשער.** ר' אליעזר הגדול זאָגט, אז זינט עס איז חרוב געוואָרן דאָס בית המקדש זענען די חכמים געוואָרן ווי די קינדער־מלמדים (ספריא), און די קינדער־מלמדים ווי די שמשים (חזנא), און די שמשים ווי דאָס פשוטע פאָלק (עמא דארעא, עם הארץ) און דאָס פשוטע פאָלק ווערט כסדר קלענער (אזלא ודלדלה), און קיינער בעט ניט (קיינער קימערט זיך ניט וועגן דעם צו פארבעסערן עס); אויף וועמען האָבן מיר זיך צו פארלאָזן? (נאָר) אויף אונזער פאָטער אין הימל (אויף גאָט). **ר' אליעזר הגדול (דער גרויסער) מיינט ר' אליעזר בן הורקנוס, און אין דער משנה הייסט ער סתם ר' אליעזר. זיינע ווערטער זאָגט ער דאָ אין אראַמעאיש, און ער רעכנט אויס אז יעדער קלאס פאלט נידריקער, די חכמים ווערן ווי**

ואין תוכחה, בית ועד יהיה לזנות, והגליל יחרב, והגבלן ישום, ואנשי הגבול יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו, וחכמת סופרים תסרח, ויראי חטא ימאסו, והאמת תהא נעדרת, נערים פני זקנים ילבינו, זקנים יעמדו מפני קטנים, בן מנוול אב, בת קמה באמה, כלה בחמותה, אויבי איש אנשי ביתו, פני הדור כפני הכלב, הבן אינו מתבייש מאביו; ועל מי יש לנו להשען ? על אבינו שבשמים. ר׳ פנחס בן יאיר אומר, זריזות מביאה לידי נקיות, ונקיות מביאה לידי טהרה, וטהרה מביאה לידי

די קינדער מלמדים און אזוי כסדר. מיט „עמא דארעא״, עמי הארץ, מיינט מען דאָ דאָס פשוטע פאָלק. „ספריא״ איז דאָסזעלביקע וואָס „סופרים״, קינדער־מלמדים (זע קידושין פרק ד׳ משנה י״ג „לא ילמוד רוק סופרים״). „חזנא״ מיינט דעם שמש אין שול, ניט דער „חזן״ (זע שבת פרק א׳ משנה ג׳). **איצט גייען ווייטער ווערטער, און עס איז שווער צו זאָגן צי זיי זענען דער המשך פון ר׳ אליעזר׳ס ווער: טער און זיי געהערן צו אים, אָדער דאָס זענען ווערטער פון אן אנדערן תנא, וואָס זיין נאָמען ווערט דאָ ניט דערמאָנט אין דער משנה.** בעקבות דמשיחא, אין (דער צייט ווען עס וועלן זיך דערנענטערן) די טריט פון משיח (איידער משיח וועט קומען), וועט די חוצפה ווערן גרויס. **יסגא, פון אראמעאישן וואָרט „סגי״, ווערן גרויס.** ויוקר יאמיר, און דער יקרות וועט שטייגן. „יאמיר״ איז פון „אמיר״ (אין ישעיה י״ז „בראש אמיר״), **דער העכסטער צווייג פון א בוים.** „יוקר״ טייטשן טייל מפר־שים ניט יקרות, טייערקייט פון עסן, **נאָר פון „יקר״, כבוד, גאוה; עס וועט שטייגן די גאוה ביי מענטשן.** הגפן, דער ווייַנשטאָק וועט געבן זיין פרוכט (עס וועלן וואקסן גענוג ווייַנטרויבן) און דער ווייַן וועט זיין טייער. **רשי זאָגט, ווייל אלע וועלן זיך אָפּגעבן מיט סעודות און טרינקען.** ואין תוכחה, און עס וועט ניט זיין קיין מוסר זאָגן. **רשי טייטשט, מחמת אלע וועלן זיין זינדיק און עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל שטראָפן.** בית ועד, דאָס פארזאמלונגס אָרט (פון די חכמים) וועט זיין אָפּגעגעבן צו זנות. **רשי טייטשט, מחמת עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל זיצן און לערנען און דאָס פארזאמלונגס־אָרט פון די חכמים די בתי מדרשים, וועלן זיין פוסט, און ווייל די בתי מדרשים האָבן זיך געפונען אויסער דער שטאָט, וועלן דאָרט די נואפים טאָן זייערע עבירות. דעם אויסדרוק „בית ועד לחכמים״ געפינען מיר אין אבות פרק א׳ משנה ד׳. אין ירושלמי הייסט אָפּט די גרויסע ישיבה, „בית ועד״.** והגליל, און דער „גליל״ וועט חרוב ווערן, און דער „גבלן״ וועט ווערן פוסט. **„גליל״ הייסט די צפון פראָווינץ אין ארץ ישראל. „גבלן״ זאָל זיין די אמאָליקע פראָווינץ אין צפון פון עבר הירדן „גולן״** („גאולאָן״). ואנשי הגבול, און די מענטשן פון „גבול״ וועלן ארומוואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און קיינער וועט זיי ניט לייטזעליקן (רחמנות האָבן אויף זיי). טייל טייטשן „אנשי הגבול״, **„די מענטשן פון דער פוסט געוואָרע־נער פראָווינץ גבלן״. אין מדרש שיר השירים אויפן פסוק התאנה (שיר השירים ב׳, י״ג) איז פאראן „אנשי הגליל״, די מענטשן פון גליל.** וחכמת סופרים, און די חכמה פון תלמידי חכמים (אָדער „מלמדים״, זע פריער ביים וואָרט „ספריא״) וועט זיין פאראכטעט (תסרח), און די מענטשן וואָס האָבן מורא צו זינדיקן (יראי חטא) וועלן זיין פארמיאוסט, און דער אמת וועט זיין פארשווינדן (נעדרת). **עס וועט פאר־שווינדן דער דרך ארץ און דער ווילן צו לערנען און צו פרומקייט און צו אמת.** נערים, יינגלעך וועלן פארשעמען די געזיכטער פון עלטערע מענטשן. „ילבינו״ **„וועלן זיי מאכן ווייס״, פארשעמען.** זקנים, עלטערע מענטשן וועלן זיך אויפשטעלן פאר יינג־לעך, א זון וועט דערנידריגן דעם פאָטער, א טאָכטער וועט זיך אנטקעגנשטעלן קיגן איר מוטער, א שנור קיגן איר שוויגער. **דער דרך ארץ פון יינגע מענטשן און אויך פאר אייגענע עלטערן וועט פארשווינדן.** אויבי איש, די שונאים פון א מענטש וועלן זיין זיינע הויז־מענטשן; דאָס פנים פון דור (דאָס אָנזען פון אלע

פרישות, ופרישות מביאה לידי קדושה, וקדושה מביאה לידי ענוה, וענוה מביאה לידי יראת חטא, ויראת חטא מביאה לידי חסידות, וחסידות מביאה לידי רוח הקדש, ורוח הקדש מביאה לידי תחיית המתים, ותחיית המתים בא על ידי אליהו זכור לטוב. אמן:

נשלמה מסכת סוטה.

מענטשן) וועט זיין ווי דאָס פּנים פון א הונט. מען קאָן אויך טייטשן „פּני הדור״, די „חשובסטע מענטשן פון דור״ וועלן זיין נידריק. הבן אינו, דער זון וועט זיך ניט שעמען פאַר זיין (אייגענעם) פאָטער. עס וועט אויך פארשווינדן די מידה פון בושה. ועל מי, און אויף וועמען האָבן מיר זיך צו פארלאָזן? (נאָר) אויף אונזער פאָטער אין הימל (אויף גאָט). אין דער גמרא איז פאראן אין עטליכע ערטער, אז אין דער צייט איידער משיח וועט קומען וועט זיין שלעכט אויף דער וועלט, גרויסע ליידן, „חבלי משיח״ (פּסחים קי״ח און אנדערע ערטער). — אין טייל משניות ענדיקט זיך דאָ די משנה מסכתא סוטה, און אין טייל אנדערע משניות ווערט דאָ צוגעגעבן די ווייטערדיקע ווערטער פון ר׳ פּינחס בן יאיר, וואָס ווערט אין דער גמרא עבודה זרה כ׳ און אין ירושלמי שקלים פּרק ג׳ געבראכט אלס א ברייתא, און עס זענען דאָרט פאראן ענדערונגען. ר׳ פּינחס בן יאיר זאָגט, אז זריזות (זיין פּאָרזיכטיק ניט צו טאָן עבירות) ברענגט (דעם מענטש) צו ריינקייט (נקיות, ניט נכשל צו ווערן אין עבירות), און ריינקייט (ניט נכשל ווערן אין א עבירה) ברענגט (דעם מענטשן צו טהרה (ריינקייט אפילו אין דער מחשבה), און טהרה ברענגט צו פּרישות (צו זיין אָפּגעשיידט און מחמיר זיין אפילו אין טייל זאכן וואָס זענען מותר), און פּרישות ברענגט צו קדושה (הייליקייט, נאָכמער צו זיין אָפּגעשיידט פון עולם הזה), און קדושה ברענגט צו עניוות, און עניוות ברענגט צו מורא האָבן פאר זינד (ניט פאר דער שטראָף פון דער זינד, נאָר צוליב דער זינד אליין), און מורא פאר זינד (יראת חטא) ברענגט צו חסידות (אז אלץ וואָס מען טוט זאָל זיין לשם שמים, נאָר פאר גאָטס וועגן), און חסידות ברענגט צו רוח הקודש (אז די שכינה רוט אויפן מענטש), און רוח הקודש ברענגט צו תחיית המתים (ווי עס ווערט געזאָגט אין יחזקאל ל״ז „ונתתי רוחי בכם וחייתם״, דער רוח הקודש וועט מחייה מתים זיין), און תחיית המתים קומט דורך אליהו, זאָל זיין געדענקט צום גוטן, אָמן. אויף דער ברייתא זענען געשריבן געוואָרן א סך פּירושים וואָס זייער כוונה איז מסביר צו זיין וואָס מען מיינט מיט יעדן וואָרט, „זריזות״ און אזוי כסדר. מיר האָבן דאָ געגעבן די טייטשן פון טייל מפרשים. וועגן אליהו הנביא ברענגט דער ירושלמי אין שקלים פּרק ג׳ די ווערטער פון מלאכי ג׳ „הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בא יום ה׳ הגדול והנורא״, אז איידער עס וועט קומען די גאולה און תחיית המתים וועט צוערשט קומען אליהו הנביא מבשר זיין די גאולה.

(סליק מסכת סוטה — געענדיקט די מסכתא סוטה)

מסכת גיטין

פרק א.

א. המביא גט ממדינת הים, צריך שיאמר בפני נכתב ובפני נחתם.

מסכתא גיטין

הקדמה

די תורה אין דברים כ״ד, א׳ זאָגט ווי אַזוי א מאַן קאָן זיך שיידן מיט זיין ווייב, זיי זאָלן ווערן אויס מאַן־און־ווייב, דהיינו, „וכתב לה ספר כריתות ונתן בידה״, ער זאָל איר שרייבן א ספר פון צושיידונג און זאָל עס געבן אין איר האַנט״. דער דאָזיקער „ספר פון צעשיידונג,״ הייסט אין דער משנה „גט״. מיט דעם וואָרט „גט״ ווערט טיילמאָל אָנגערופן יעדער וועקסל צי אַן אנדערער דאָקומענט, אָבער אממערסטן רופט דערמיט אָן די משנה דעם גט וואָס א מאַן גיט זיין ווייב, כדי דערמיט זאָל ער ווערן אויס איר מאַן. וועגן דעם וואָרט גט זענען געשריבן גע־וואָרן א סך חקירות. תוספות זאָגט, אַז דאַריבער שרייבט מען אין „גט״ 12 שורות ווייל אַזוי באַטרעפט דאָס וואָרט גט („ג״ איז דריי און „ט״ איז ניין, צוזאַמען 12). עס זיינען פאַראַן עטליכע וויכטיקע זאַכן וואָס מען דאַרף וויסן וועגן גט, איידער מען לערנט די מסכתא גיטין, וועלכע לערנט אין ניין פרקים, די הלכות וועגן גט.

די ערשטע זאַך איז, אַז א גט דאַרף געשריבן ווערן „לשמה״, פאַר דער פרוי וועגן. למשל, אויב איינער האָט געהאַט צוויי ווייבער מיט דיזעלביקע נעמען, און ער האָט געלאָזט שרייבן א גט צו גטן דערמיט איין ווייב, טאָר ער דערמיט ניט גטן דאָס אנדערע ווייב, ווייל עס איז ניט געשריבן געוואָרן פאַר אירעטוועגן.

די צווייטע זאַך איז, אַז א גט קאָן דער מאַן געבן זיין פרוי אפילו זי איז ניט מסכים אויף דעם גט, בעל כרחה, קייגן איר ווילן. ערשט לאַנג נאָך דער צייט פון דער גמרא איז איינגעפירט געוואָרן א תקנה אַז מען זאָל ניט גטן א פרוי קייגן איר ווילן.

די דריטע זאַך איז, אַז דעם גט מוז ניט דער מאַן געבן דער פרוי דוקא אין איר האַנט, נאָר עס איז גענוג ווען ער לייגט אים אריין אין איר רשות, למשל אין איר הויז, צי איר הויף.

די פירטע זאַך איז, אַז דער מאַן קאָן אויך געבן דעם גט צו א שליח אַז ער זאָל אַוועקפירן דעם גט צו דעם ווייב, (א שליח להולכה), און ווען דער שליח גיט איבער דעם ווייב דעם גט, איז זי געג׳גט. דאָס זעלביקע קאָן דאָס ווייב מאַכן א שליח, אַז ער זאָל נעמען ביים מאַן דעם גט פאַר אירטוועגן (שליח לקבלה), און ווען דער שליח נעמט דעם גט פון מאַן איז עס אַזוי ווי דאָס ווייב האָט אים גענומען און זי איז שוין געגט.

פיפטנס, א גט דאַרף האָבן עדות. וועגן דעם איז פאַראַן א מחלוקה, צי עס דאַרפן זיין געחתמעט עדות אינווייניק אין גט (עדי חתימה) אָדער עס דאַרפן שטיין עדות ביים געבן דעם גט (עדי מסירה).

אין דער מסכתא גיטין אין פרק ד׳ און פרק ה׳ זיינען פאַראַן אויך טייל הלכות וואָס זיינען תקנות „מפני תיקון העולם״ און „מפני דרכי שלום״ (צוליב דעם קיום פון דער וועלט און צוליב איינפירן שלום צווישן מענטשן). וועלכע ווערן געלערנט דאָ, ווייל א טייל פון זיי זענען נוגע ענינים פון גט.

פרק א.

א. המביא, אַז איינער (א שליח) ברענגט א גט פון א ווייטע מדינה (מדינת הים) דאַרף ער זאָגן: „פאַר מיר איז ער (דער גט) געשריבן געוואָרן (בפני נכתב) און פאַר מיר איז ער געוואָרן געחתמעט (בפני נחתם, די עדות האָבן זיך אונטערגע־שריבן אויף אים)״. רשי זאָגט, אַז מיט „מדינת הים״, „א לאַנד אין יענער זייט ים״,

רבן גמליאל אומר, אף המביא מן הרקם ומן החגר. ר׳ אליעזר אומר, אפילו מכפר לודים ללוד. וחכמים אומרים, אינו צריך שיאמר בפני נכתב ובפני נחתם. אלא המביא ממדינת הים, והמוליך, והמביא ממדי־נה למדינה במדינת הים צריך שיאמר בפני נכתב ובפני נחתם. ר׳ שמ־עון בן גמליאל אומר, אפילו מהגמוניא להגמוניא:

ב. ר׳ יהודה אומר, מרקס למזרח, ורקם כמזרח, מאשקלון לדרום,

א ווייטע מדינה, מיינט מען גאנץ חוץ לארץ, אלע לענדער אויסער ארץ ישראל, און מען מיינט אז דער מאן וואוינט אין חוץ לארץ און ער שיקט דורך א שליח דעם גט צו זיין ווייב. די גמרא ברענגט צוויי טעמים, פארוואס דער שליח דארף זאגן „בפני נכתב ובפני נחתם". איין טעם איז, ווייל די יידן אין חוץ לארץ זענען אין דער צייט פון דער משנה ניט געווען קיין לומדים און האבן ניט געקענט דעם דין, אז א גט דארף ווערן געשריבן „לשמה", פאר דעם ווייבס וועגן (זע אין דער הקדמה צו דער מסכתא גיטין), און דעריבער האט מען מתקן געווען די תקנה, און ממילא ווען דער שליח וועט זאגן „בפני נכתב ובפני נחתם" וועט מען שוין פרעגן צי דער גט איז געשריבן געווארן לשמה. דער צווייטער טעם איז, ווייל פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל פלעגן ניט קומען דאמאלס קיין מענטשן, און מען האט מורא, טאמער וועט דער מאן שפעטער טענהן, אז דער גט איז א פאלשער, און אזוי ווי עס קומען ניט קיין מענטשן וועלן ניט זיין קיין עדות צו באשטעטיקן די חתימות פון די עדות. דא־ריבער האט מען מתקן געווען, אז דער שליח זאל זאגן „בפני נכתב ובפני נחתם", און אויב דער מאן וועט שפעטער מערער־זיין, טענהן אז דער גט איז א פאלשער וועט מען אים ניט גלויבן, מחמת לויט דער תקנה פון די חכמים איז דער שליח באגלויבט ווי 2 עדות. רבן גמליאל זאגט, אז אויך ווער עס ברענגט (א גט) פון דעם רקם און דעם חגר (דארף זאגן בפני נכתב און בפני נחתם). ווייל די דאזיקע צוויי ערטער הייסן ווי חוץ לארץ. דאס זיינען געגענטן צו דרום־מזרח פון ארץ־ישראל. דער תרגום אויף „בין קדש ובין ברד" (בראשית ט"ז, ט"ו) זעצט עס איבער „בין רקם לחגר". ר׳ אליעזר זאגט, אז אפילו (מען ברענגט א גט) פון כפר לודים קיין לוד. ווייל כפר לודים הייסט חוץ לארץ. לוד איז א שטאט אין ארץ ישראל אויפן וועג פון יפו קיין ירושלים, און דערלעבן איז פאראן א דארף וואס הייסט „קליין לוד" (לוד הקטנה). וחכמים, און די חכמים זאגן, אז מען דארף ניט זאגן קיין „פאר מיר איז ער געשריבן געווארן און פאר מיר איז געחתמעט געווארן" סיידן איינער וועלכער ברענגט (דעם גט) פון דער מדינת הים, אדער איינער וועלכער פירט (אהין א גט) אדער איינער וועלכער ברענגט א גט פון איין מדינה אין דער אנדערער מדינה אין מדינת הים, דארף ער זאגן „פאר מיר איז ער געשריבן געווארן און פאר מיר איז ער געחתמעט געווארן. לויט די חכמים דארף מען פון רקם און חגר און פון כפר לו־דים ניט זאגן קיין „בפני נכתב ובפני נחתם", ווייל רקם און חגר זענען נאנט צו ארץ ישראל, און כפר לודים איז ווי איינגעשלינגן אין תחום פון ארץ ישראל, און זיי הייסן ניט קיין ריכטיקע חוץ לארץ. ר׳ שמעון בן גמליאל זאגט אז אפילו (מען ברענגט א גט) פון איין באזונדערע הערשאפט אין אן אנדערער באזונדערער הער־שאפט). אויב א שטאט איז צעטיילט, און אין איין טייל הערשט איין שר, און אין דעם אנדערן טייל הערשט אן אנדערער שר, און זיי זענען מקפיד איינער אויף דעם אנדערן, דארף מען זאגן, „בפני נכתב ובפני נחתם" אויב מען ברענגט דעם גט פון איין טייל שטאט אין דעם אנדערן טייל שטאט; „הגמוניה" איז דאס גריכישעווארט „העגעמאניא", הערשאפט. דער טעם איז ווייל עס איז שווער אריבערצוגיין פון איין טייל שטאט אין דעם אנדערן טייל שטאט.

ב. ר׳ יהודה זאגט, אז פון רקם צו מזרח (איז חוץ לארץ) און רקם איז ווי מזרח (ווי חוץ לארץ), פון אשקלון צו דרום, און אשקלון, איז ווי דרום, פון עכו

ואשקלון כדרום, מעכו לצפון, ועכו כצפון. ר׳ מאיר אומר, עכו כארץ ישראל לגטין:

ג. המביא גט בארץ ישראל, אינו צריך שיאמר בפני נכתב ובפני נחתם. אם יש עליו עוררים, יתקיים בחותמיו. המביא גט ממדינת הים, ואינו יכול לומר בפני נכתב ובפני נחתם, אם יש עליו עדים, יתקיים בחותמיו:

ד. אחד גיטי נשים ואחד שחרורי עבדים שוין למוליך ולמביא. וזו אחד מן הדרכים ששוו גיטי נשים לשחרורי עבדים:

ה. כל גט שיש עליו עד כותי, פסול, חוץ מגיטי נשים ושחרורי

צו צפון און עכו איז ווי צפון. ר׳ יהודה גיט דאָ די גרעניץ־שטעט לעבן ארץ ישראל, רקם אין מזרח, אשקלון אין דרום, און עכו אין צפון, און די דריי שטעט אליין זענען אויך ווי חוץ לארץ. אין מערב זייט פון ארץ ישראל איז דער ים הגדול, דער מיט־לענדישער ים די גרעניץ. ר׳ מאיר זאָגט, אז עכו איז ווי ארץ ישראל צו גיטין. און ווען איינער ברענגט א גט פון עכו דארף ער ניט זאָגן „בפני נכתב ובפני נחתם״.

ג. המביא, אז איינער (א שליח) ברענגט א גט אין ארץ ישראל דארף ער ניט זאָגן „פאַר מיר איז ער געוואָרן געשריבן און פאַר מיר איז ער געוואָרן געחתמעט״; אויב עס זיינען פאַראַן קריגן אים טענות (עוררים, דער מאַן קומט שפּעטער און טענה׳ט אז ער איז א פאַלשער גט) זאָל מען אים באַשטעטיקן דורך זיינע אונטערגעשריבענע (עדות). אָדער די עדות אליין זאָגן, אז דאָס איז זייער אונטערשריפט, אָדער צוויי אנדערע מענטשן זאָגן, אז זיי קענען די אונטערשריפט פון די עדות און אז דאָס איז זייער ריכטיקע אונטערשריפט. המביא גט ממדינת הים, אז איינער (א שליח) ברענגט א גט פון מדינת הים (פון חוץ לארץ) און ער קאָן ניט זאָגן „פאַר מיר איז ער געוואָרן געשריבן און פאַר מיר איז ער געוואָרן געחתמעט״, אויב עס זענען פאַראַן אויף אים עדות, זאָל מען אים באַשטעטיקן דורך זיינע אונטערגעשריבענע (עדות). די גמרא זאָגט, אז מען מיינט דאָ, אז דער שליח האָט געגעבן דער פרוי דעם גט ווען ער איז געווען געזונט, און איידער ער האָט געזאָגט „בפני נכתב ובפני נחתם״ איז ער געוואָרן טויב־שטום, און ער קאָן דאַריבער עס ניט זאָגן.

ד. אחד, סיי גיטין פאַר פרויען און סיי די (שטרות, דאָקומענטן צו) באַפרייען שקלאַפן זענען גלייך ביים אוועקפירן זיי (דורך א שליח) און ביים ברענגען זיי (דורך א שליח). און דער שליח דאַרף אויך ביים אוועקפירן פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ אָדער ברענגען פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל א שטר צו באַפרייען א שקלאַף זאָגן „פאַר מיר איז ער געוואָרן געשריבן און פאַר מיר איז ער געוואָרן געחתמעט״. א „שקלאַף״ מיינט מען א גוי, וועלכער איז געוואָרן א שקלאַף ביי א ייד און ער האָט זיך מל געווען; און ער ווערט באַפרייט ווען זיין יידישער בעל הבית גיט אים א שטר, א דאָקומענט, אז ער באַפרייט אים. דאַמאָלס ווערט דער שקלאַף פריי און ער ווערט אויך א ייד. וזו, און דאָס איז איינער פון די וועגן (פון די זאכן), אין וועלכע די גיטין פאַר פרויען זענען גלייך צו (שטרות, דאָקומענטן צו) באַפרייען שקלאַפן. די משנה וועט ווייטער געבן נאָך דינים אין וועלכע די ביידע, גיטין פאַר פרויען און באַפרייאונגס שטרות פאַר שקלאַפן, זענען גלייך איינע צו די אנדערע.

ה. כל גט, יעדער שטר (וועקסל אָדער אן אנדערער דאָקומענט) אויף וועלכן עס איז פאַראַן (אונטערגעשריבן) א עדות א כותי איז פסול, א חוץ פון גיטין פאַר פרויען און באַפרייאונגס־דאָקומענטן פאַר שקלאַפן. כותים הייסן די שמרונים וועלכע וואוינען אין ארץ ישראל מייסטנס אין דער שטאָט שכם, און אין ספר מלכים ב׳ י״ז ווערט דערציילט, אז זייערע עלטער־עלטער־זיידעס זענען געווען גויים, וועלכע דער מלך אשור האָט באַזעצט אין דער געגנט פון שומרון. און זיי האָבן זיך מגייר

עבדים. מעשה שהביאו לפני רבן גמליאל לכפר עותנאי גט אשה, והיו עדיו עדי כותים, והכשיר. כל השטרות העולים בערכאות של נכרים אף על פי שחותמיהם נכרים, כשרים, חוץ מגיטי נשים ושחרורי עבדים. ר׳ שמעון אומר, אף אלו כשירין לא הוזכרו אלא בזמן שנעשו בהדיוט:

ו. האומר, תן גט זה לאשתי, ושטר שחרור זה לעבדי, אם רצה לחזור בשניהן, יחזור, דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומרים, בגיטי נשים,

---

געווען ווייל זיי האָבן מורא געהאט אז לייבן זאָלן זיי ניט באפאלן. די כותים האלטן נור פון חומש, און ניט פון נביאים וכתובים און ניט פון משנה און גמרא; זיי האלטן, אז דער בית המקדש דארף זיין ניט אין ירושלים נאָר אין שכם אויפן בארג גריזים. טייל תנאים האָבן זיי געהאלטן פאר יידן און טייל תנאים האָבן זיי געהאלטן פאר גויים. זאָגט די משנה אז אויב אויף א גט פאר א פרוי אָדער אויף א באפרייאונגס־שטר פאר א שקלאַף איז פאראן איין עדות א כותי (און דער אנדערער עדות איז א ייד) זענען זיי כשר. אָבער רבן גמליאל איז מחולק דארויף און האלט, אז אפילו ביידע עדות זענען כותים איז אויך כשר, און די משנה ברענגט א מעשה אלס ראיה דערצו. מעשה, עס איז געווען א מעשה אז מען האָט געבראַכט פאר רבן גמליאל אין כפר עותנאי (דארף עותנאי) א גט פאר א פרוי און זיינע (אונטערגעשריבענע) עדות זע־נען געווען כותים־עדות, און ער האָט מכשיר געווען. דער ברטנורא באמערקט דאַ־ביי, אז היינט באטראכט מען די כותים ניט פאר יידן, און זייערע עדות איז פסול. אין טייל משניות איז די גירסא רבן שמעון בן גמליאל. — כל השטרות, אלע שטרות (דאָקומענטן) וואָס זיינען פאַרגעבראַכט געוואָרן אין די געריכטן (בערכאות) פון גויים, כאָטש זייערע אונטערגעשריבענע (עדות) זענען גויים, זענען זיי כשר, א חוץ גיטין פאר פרויען און באפרייאונגס־דאָקומענטן פאר שקלאַפן. דאָס וואָרט „ערכאות״, זאָגט ר׳ בנימין מוספיא אין „מוסף הערוך״, איז דאָס גריכישע וואָרט „ארכעיאָן״, ראַטהויז, וואו ס׳זיצן די ריכטער. די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען וועקסלן דהיינו איי־נער האָט געבאָרגט ביים אנדערן געלט, אָדער דאָקומענטן אז איינער האָט פאַר־קויפט דעם אנדערן א זאַך, און די עדות זאָגן אז זיי האָבן געזען ווי ער האָט געגעבן דאָס געלט, און דער שטר איז נור א באַווייז. אָבער למשל א שטר פון מתנה, אז איינער שענקט דעם צווייטן א זאַך, האָט דעם דין פון א גט, ווייל דער שטר אליין מאכט דאָך אז די מתנה זאָל זיין א מתנה, און ער איז פסול. ר׳ שמעון זאָגט אז אויך די דאָזיקע (פרויען־גיטין און באפרייאונגס־שטרות) זענען כשר, און מען האָט זיי ניט דערמאָנט (אין דער הלכה אין בית המדרש אז זיי זענען פסול) סיידן ווען זיי זענען געמאַכט געוואָרן דורך א פּראָסטן מענטש (בהדיוט, ניט דורך ריכטער אין א געריכט). די גמרא זאָגט, אז ר׳ שמעון האלט, אז דער עיקר זענען די „עדי מסירה״, די עדות וואָס זענען דאַביי ווי מען גיט („מסירה״, מען גיט איבער) דער פרוי דעם גט, און דאַריבער שאַדט ניט וואָס אין גט זענען די אונטערגעשריבענע עדות גויים, און עס איז כשר אויב די עדי מסירה זענען יידן.

ו. האומר, אז איינער זאָגט: „גיט דעם דאָזיקן גט צו מיין ווייב״, אָדער „(גיט) דעם דאָזיקן באפרייאונגס־שטר צו מיין שקלאַף״, אויב ער וויל חרטה האָבן ביי ביידע (סיי ביים גט סיי ביים באפרייאונגס־שטר), קאָן ער חרטה האָבן, אזוי זאָגט ר׳ מאיר. דאָס הייסט, אזוי לאַנג ווי דער גט אָדער דער באפרייאונגס־שטר איז ביי דעם שליח, וועלכער דארף איבערגעבן, און די פרוי אָדער דער שקלאַף האָט אים נאָכניט באַקומען. דער טעם איז, ווייל עס איז שלעכט (עס איז א „חוב״, שלעכט) פאר דער פרוי וואָס זי ווערט גע׳גט. און פאר דעם שקלאַף וואָס ער ווערט באַ־פרייט, מחמת זיי וועלן פון דעם מאן אָדער פון בעל הבית ניט קריגן מער צו עסן. און ביי א שלעכטער זאַך קאָן דער שליח ניט זוכה זיין פאר זייערטוועגן. וחכמים, און

אבל לא בשחרורי עבדים, לפי שזכין לאדם שלא בפניו, ואין חבין לו אלא בפניו; שאם ירצה שלא לזון את עבדו, רשאי, ושלא לזון את אשתו, אינו רשאי. אָמר להם, והרי הוא פוסל את עבדו מן התרומה, כשם שהוא פוסל את אשתו. אָמרו לו, מפני שהוא קנינו. האומר, תנו גט זה לאשתי ושטר שחרור זה לעבדי, ומת, לא יתנו לאחר מיתה. תנו מנה לאיש פלוני, ומת, יתנו לאחר מיתה:

פרק ב.

א. המביא גט ממדינת הים, ואמר, בפני נכתב, אבל לא בפני

די חכמים זאָגן, אז (נור) ביי פרויען־גיטין (קאָן ער חרטה האָבן) אָבער ניט ביי (דאָ־קומענטן צו) באפרייען שקלאפן, ווייל מען קאָן זוכה זיין פאר א מענטשן (נעמען א גוטע זאך פאר אן אנדערן) ווען ער איז ניטאָ דאביי (שלא בפניו), אָבער מען קאָן ניט נעמען א שלעכטע זאך (חבין) פאר א מענטשן, סיידן ווען ער איז פאראן דאָ־ביי; (דאריבער הייסט ביי באפרייען א שקלאף „גוט" פאר דעם קנעכט, און ביי גט'ן א פרוי שלעכט פאר דער פרוי) ווייל אויב ער (דער בעל הבית) זאָל וועלן ניט געבן צו עסן זיין שקלאף מעג ער, און אויב ער (דער מאן) זאָל וועלן ניט געבן צו עסן זיין פרוי טאָר ער ניט. דאריבער ווען ער גט זיין פרוי הייסט עס שלעכט פאר איר, ווארום ביז איצט האָט ער געמוזט איר געבן צו עסן, און פון איצט אָן דארף ער ניט; אָבער ביים באפרייען א שקלאף הייסט עס גוט פאר דעם שקלאף, ווייל דער בעל הבית האָט ביז איצט אויך געקאָנט אים ניט געבן צו עסן. אָמר, האָט ער (ר' מאיר) געזאָגט צו זיי (צו די חכמים): סטייטש, ער (דער בעל הבית) פסלט דאָך זיין שקלאף פון צו עסן תרומה (ווען ער באפרייט אים) אזוי ווי ער פסלט זיין פרוי (פון צו עסן תרומה, ווען ער גט זי) ! אויב דער בעל הבית איז א כהן מעג זיין שקלאף עסן תרומה (די הייליקע תבואה און פרוכטן וואָס מען שיידט אָפּ און מען גיט דעם כהן, זע אין דער הקדמה צו מסכתא תרומות), און אויב דער מאן איז א כהן מעג זיין פרוי (כאָטש זי איז ניט קיין כהנית) עסן תרומה. טענה'ט ר' מאיר, אז מיט'ן באפרייען דעם שקלאף טוט ער דאָך אים א רעה, ווייל ער קאָן ניט מער עסן תרומה. אָמרו, האָבן זיי (די חכמים) געזאָגט צו אים (צו ר' מאיר), אז דאָס (וואָס דער שקלאף פון א כהן מעג עסן תרומה) איז ווייל ער איז זיין קנין (זיין אייגנטום, זיין זאך). עס איז פונקט ווי א כהן מעג געבן צו עסן זיין בהמה תרומה, און עס איז ניט קיין מעלה פאר אים. אזוי טייטשן דער רמבם און דער ברטנורא. — האומר, אז איינער זאָגט: „גיט דעם דאָזיקן גט צו מיין פרוי", אָדער „(גיט) דעם דאָזיקן באפרייאונגס־שטר צו מיין שקלאף", און ער (דער מאן, אָדער דער בעל הבית) איז געשטאָרבן (איידער מען האָט איבערגעגעבן דער פרוי אָדער דעם שקלאף דעם גט צו דעם דאָקומענט), זאָל מען עס ניט געבן נאָכן טויט; (אויב אָבער ער האָט געזאָגט): „גיט יענעם מענטש הונדערט גילדן (מנה)", און ער איז געשטאָרבן, זאָל מען עס געבן נאָכן טויט. דער חילוק איז, וואָס דער גט אָדער דער באפרייאונגס־שטר איז גוט נאָר נאָכדעם ווי ער קומט אריין אין רשות פון דער פרוי אָדער שקלאף, און אזוי ווי דער מאן איז דערווייל געשטאָרבן, איז עס געוואָרן אויס גט און אויס שטר; אָבער געלט איז דער דין אז „דברי שכיב מרע ככתובין וכמסורין דמי", אז ווען א קראנקער הייסט געבן עס שוין ווי יענער האָט די זאך באקומען, און די משנה מיינט דאָ, אז א קראנקער האָט געהייסן געבן די הונדערט גילדן. אזוי איז איין פירוש אין דער גמרא.

פרק ב.

א. המביא, אז איינער (א שליח) ברענגט א גט פון מדינת הים (פון חוץ לארץ), און ער האָט געזאָגט: „פאר מיר איז ער (דער גט) געשריבן געוואָרן", אָבער (ער האָט) ניט געזאָגט: „פאר מיר איז ער געוואָרן געחתמעט (איך האָב געזען ווי די עדות

נחתם, בפני נחתם, אבל לא בפני נכתב, בפני נכתב כולו ובפני נחתם חציו, בפני נכתב חציו ובפני נחתם כולו, פסול. אחד אומר, בפני נכתב, ואחד אומר, בפני נחתם, פסול. שנים אומרים, בפנינו נכתב, ואחד אומר, בפני נחתם פסול; ור׳ יהודה מכשיר. אחד אומר, בפני נכתב, ושנים אומרים, בפנינו נחתם, כשר:

ב. נכתב ביום ונחתם ביום, בלילה ונחתם בלילה, בלילה ונחתם

האָבן אים אונטערגעשריבן)״, אָדער (ער האָט געזאָגט): „פאַר מיר איז ער געוואָרן געחתמעט״, אָבער (ער האָט) ניט געזאָגט: „פאַר מיר איז ער געוואָרן געשריבן״, אָדער (ער האָט געזאָגט): „פאַר מיר איז ער געשריבן געוואָרן אינגאַנצן, און פאַר מיר איז ער געחתמעט געוואָרן נור א העלפט (איך האָב נור געזען איין עדות אונ־טערשרייבן)״, אָדער (ער האָט געזאָגט): „פאַר מיר איז ער געשריבן געוואָרן א העלפט (איך האָב נור געזען שרייבן א האלבן גט), און פאַר מיר איז ער געחתמעט געוואָרן אינגאַנצן״, איז ער (דער גט) פסול. **וועגן דעם פאַרוואָס דער שליח דאַרף זאָגן „בפני נכתב ובפני נחתם (פאַר מיר איז ער געוואָרן געשריבן און פאַר מיר איז ער געוואָרן געחתמעט)״, און וועגן „מדינת הים״ האָבן מיר געגעבן פריער אין פרק א׳ משנה א׳. דאָ לערנט די משנה אז דער שליח מוז האָבן געזען שרייבן און חתמען דעם גאַנצן גט. די גמרא זאָגט, אז מען מיינט ניט דוקא זען, נור עס איז גענוג אז ער האָט געהערט ווי מען שרייבט מיט דער פעדער אויף דעם פאַרמעט. אויך זאָגט די גמרא, אז אויב דער שליח האָט נור געזען שרייבן דעם ערשטן האלבן גט, אין וועלכן עס איז פאַראַן דער נאָמען פון מאַן און פון ווייב און די דאַטע, און געזען חתמענען די עדות איז שוין אויך כשר; און דאָס וואָס די משנה זאָגט, אז זען שרייבן א האלבן גט איז פסול, מיינט מען די 2טע העלפט פון גט.** אחד אומר, אויב איין (שליח) האָט געזאָגט: „פאַר מיר איז ער געשריבן געוואָרן, און א צווייטער (מענטש, ניט א שליח) זאָגט: „פאַר מיר איז ער געחתמעט געוואָרן״, איז ער פסול. **די גמרא זאָגט, אז אויבביידע זענען די שליחים צו ברענגען דעם גט, איז ער כשר אפילו זיי זאָגן אינגאַנצן ניט „בפני נכתב ובפני נחתם״.** שנים, אויב צוויי (מענטשן) זאָגן „פאַר אונז איז ער געשריבן געוואָרן״ און איינער זאָגט: „פאַר מיר איז ער געחתמעט געוואָרן״, איז ער פסול. **אויך דאָ ווערט געטייטשט, אז געבראַכט דעם גט אלס שליח האָט נור איינער פון זיי.** ור׳ יהודה, און ר׳ יהודה איז מכשיר. **דער גט איז כשר אפילו נאָר איינער פון זיי איז דער שליח.** אחד אומר, אויב איינער זאָגט: „פאַר מיר איז ער געשריבן געוואָרן״, און צוויי זאָגן: „פאַר אונז איז ער געחתמעט געוואָרן״, איז ער כשר. **ווייל עס זיינען דאָך פאַראַן צוויי עדות וואָס באַשטעטיקן די חתימות פון די עדות פון גט, דעריבער איז ער כשר אפילו ווען נור איינער פון זיי איז דער שליח.**

ב. נכתב, אויב דער גט איז געשריבן געוואָרן בייטאָג און ער איז געוואָרן געחתמעט (די עדות האָבן אים אונטערגעשריבן) אין זעלביקן טאָג, (אָדער ער איז גע־געשריבן געוואָרן) ביינאַכט און ער איז געוואָרן געחתמעט אין דער זעלביקער נאַכט, (אָדער ער איז געשריבן געוואָרן) ביינאַכט און ער איז געחתמעט געוואָרן (צו מאָרגנס בייטאָג) איז ער כשר. **דער דין איז אז אין דעם גט דאַרף זיין איינגעשריבן די צייט (זמן), די דאַטע, דער טאָג און דער חודש און דאָס יאָר, ווען מען האָט אים געשריבן און געחתמעט, און אויב מען האָט איינגעשריבן א פריערדיקע דאַטע, למשל, מען האָט געשריבן און געחתמעט דעם גט דעם 2טן טאָג אין ניסן, און מען האָט איינגע־שריבן דעם 1טן טאָג אין ניסן (א „מוקדם״), איז דער גט פסול. אָבער אזוי ווי ביי יידן גייט דאָך דער טאָג נאָך דער נאַכט נאָך, דעריבער אויב מען האָט געשריבן דעם גט ביינאַכט, און מען האָט אים געחתמעט צומאָרגנס בייטאָג, הייסט ער ניט קיין „מוקדם״, קיין פריערדיקע דאַטע.** ביום ונחתם בלילה, (אויב ער איז געוואָרן גע־

ביום, כשר. ביום ונחתם בלילה, פסול. ר' שמעון מכשיר, שהיה רבי שמעון אומר, כל הגטין שנכתבו ביום ונחתמו בלילה, פסולין, חוץ מגטי נשים:

ג. בכל כותבין, בדיו, בסם, בסיקרא, ובקומוס, ובקנקנתום, ובכל דבר שהוא של קיימא. אין כותבין לא במשקים, ולא במי פירות ולא בכל דבר שאינו מתקיים. על הכל כותבין, על העלה של זית, ועל הקרן של פרה, ונותן לה את הפרה, על יד של עבד, ונותן לה את העבד.

שריבן) בייטאָג און ער איז געוואָרן געחתמעט ביינאכט (אין דער נאכט נאָכן טאָג), איז עס פסול. ווייל די נאכט דערנאָך הייסט שוין אן אנדערער, שפּעטערדיקער טאָג, ממילא הייסט עס אז דער גט איז געשריבן געוואָרן מיט א פריערדיקער דאטע (צייט, זמן) און ער איז א „מוקדם" (א פריערדיקער) און ער איז פּסול. די גמרא זאָגט, אז דער טעם, פארוואָס די חכמים האָבן איינגעפירט איינצושרייבן די צייט (זמן, דאטע) אין גט, איז, ווייל טאָמער האָט איינער א פרוי זיינס א שוועסטערס א טאָכטער (בת אחותו) און זי וועט מזנה זיין ווען זי איז זיין ווייב, און דאָס בית דין וועט זי וועלן באשטראָפן, און כדי זי צו ראטעווען וועט ער איר געבן א גט אָהן א דאטע אָדער מיט א פריערדיקער דאטע, אזוי אז זי וועט קאָנען טענהן אז אין דער צייט ווען זי האָט מזנה געווען מיט א פרעמדן מאן איז זי שוין געווען גע'גט, ניט קיין אשת איש, און זי איז באפרייט פון שטראָף. דעריבער האָבן די חכמים איינגעפירט איינ־צושרייבן די דאטע, און האָבע אויך געזאָגט, אז א גט מיט א פריערדיקער דאטע איז פסול. ר' שמעון איז מכשיר. ער האלט אז א גט געשריבן בייטאָג און געחתמעט ביי־נאכט איז כשר. די גמרא זאָגט, אז ר' שמעון האלט, אז די תקנה פון די חכמים איינצושרייבן א דאטע (זמן, צייט) אין א גט איז גאָר צוליב אן אנדערן טעם, דהיינו: ווייל דער דין איז דאָך, אז א מאן עסט די פרוכטן פון זיין ווייבס פארמעגנס אזוי לאנג ווי זי איז זיין ווייב, און מען האָט מורא, אז אויב אין א גט וועט ניט זיין איינ־געשריבן די צייט, וועט דער מאן אויך נאָכן גטן זי פארקויפן די פרוכטן פון איר פארמעגנס און טענהן, אז ער האָט זי אין יענער צייט נאָכניט געהאט געגט. דערי־בער האלט אויך ר' שמעון, אזדערגט מיטדערפריערדיקער דאטע איז כשר, ווייל ר' שמעון האלט, אז פון זינט דער מאן האָט באשלאָסן צו גטן זיין ווייב, אפילו ער האָט זי נאָכניט גע'גט, קומט אים שוין ניט די פרוכטן פון זיין ווייבס פארמעגן. די משנה גיט איצט צו די ווערטער: שהיה, ווארום ר' שמעון האָט געזאָגט, אז אלע שטרות (גט'ן, וועקסלן, דאָקומענטן) וועלכע זענען געשריבן געוואָרן בייטאָג און זע־נען אונטערגעשריבן געוואָרן ביינאַכט (אין דער נאכט דערנאָך) זענען פסול, א חוץ די גיטין פאר פרויען. דאָס איז צוליב דעם טעם וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט. מיר האָבן שוין געגעבן אין דער הקדמה אז טיילמאָל מיינט מען מיט „גיטין" אויך סתם וועקסלן און דאָקומענטן.

ג. בכל, מיט אלץ קאָן מען שרייבן (א גט), מיט טינט, מיט פארב (סם), מיט רויטע פארב (סיקרא), און מיט גומי־זשיוויצע (קומוס), און מיט וויטריאָל (קנקנ־תום), און מיט יעדער זאך (פארב) וואָס האלט זיך. וועגן „קומוס" און „קנקנתום" זע אין סוטה פרק ב' משנה ד'. אין כותבין, מען טאָרניט שרייבן ניט מיט קיין גע־טראנקן און ניט מיט קיין פרוכטן־זאפט, און ניט מיט קיין זאך (פארב) וואָס האלט זיך ניט. מחמת מען קאָן לייכט אָפּמעקן די שריפט און פעלשן דעם גט. על הכל, אויף אלץ קאָן מען שרייבן (דעם גט), אויף א (אָפּגעריסענעם) בלאט פון אן איילבירט־בוים, און אויף א הארן פון א קי און ער דארף איר (דער פרוי) געבן די קי. ער טאָר ניט נאכן אָנשרייבן דעם גט אָפּהאקן דעם האָרן און געבן דער פרוי דעם האָרן ווייל דער פסוק דברים כ"ד זאָגט „וכתב לה ספר כריתות ונתן בידה", לערנט מען אָפּ דערפון אז צווישן דעם שרייבן (וכתב, כתיבה) און געבן דעם גט (ונתן, נתינה) טאָר

ר׳ יוסי הגלילי אומר, אין כותבין לא על דבר שיש בו רוח חיים, ולא על האוכלים:

ד. אין כותבין במחובר לקרקע. כתבו במחובר, תלשו, וחתמו ונתנו לה, כשר. ר׳ יהודה פוסל עד שתהא כתיבתו וחתימתו בתלוש. ר׳ יהודה בן בתירה אומר, אין כותבין לא על הנייר המחוק, ולא על הדיפתרא, מפני שהוא יכול להזדייף. וחכמים מכשירין:

ה. הכל כשרין לכתוב את הגט, אפילו חרש שוטה וקטן. האשה כותבת את גיטה, והאיש כותב את שוברו, שאין קיום הגט אלא בחות-

---

מיט דעם גט ניט געשען קיין זאך, מען טאָר אים ניט אָפּהאַקן. על יד, (מען קאָן שרייבן דעם גט) אויף דער האַנד פון א שקלאַף און ער זאָל איר אוועקגעבן דעם שקלאַף. אויך דאָ איז דער גט כשר ווייל צווישן שרייבן און געבן פעלט ניט קיין זאך, מען דאַרף ניט טאָן ביים גט קיין זאך. ר׳ יוסי הגלילי זאָגט, אז מען טאָרניט שרייבן (דעם גט) ניט אויף א זאך וואָס לעבט (שיש בו רוח חיים, וואָס האָט א לעבעדיקן רוח), און ניט אויף עסנוואַרג. ר׳ יוסי האַלט, אז ווייל די תורה זאָגט „ספר״, דאַרף עס זיין ענליך צו „ספר״, וואָס לעבט ניט און מען עסט עס ניט. די חכמים אָבער זאָגן אז ספר מיינט סתם „דערציילן״, איבערגעבן, אז די פרוי איז געגט געוואָרן.

ד. אין כותבין, מען טאָרניט שרייבן (דעם גט) אויף א זאך וואָס איז באַהאַפטן צו דער ערד. דער טעם איז דערזעלבער וואָס מיר האָבן געגעבן פריער, ווייל צווישן שרייבן און געבן דעם גט, דאַרף מען אים אָפּהאַקן. כתבו, אויב מען האָט אים (דעם גט), געשריבן אויף (א זאך וואָס איז) באַהאַפטן (צו דער ערד, מחובר), און מען האָט אים אָפּגעריסן און מען האָט אים אונטערגעשריבן, און ער (דער מאַן) האָט איר געגעבן, איז ער כשר. די גמרא טייטשט, אז דאָ מיינט מען מיט „אונטערגע־שריבן״, ניט די חתימה פון די עדות, נאָר מען מיינט געשריבן דעם טייל פון גט, וואָס הייסט „תורף״, און אין וועלכן עס איז פאַראַן דער נאָמען פון מאַן און פון דער פרוי און די דאַטע. די משנה זאָגט אז כאָטש ער האָט דעם אַנדערן טייל גט (דעם טופס) געשריבן במחובר, אָבער ווייל ער האָט דעם תורף געשריבן ווען די זאך איז שוין געווען אָפּגעריסן, איז דער גט כשר. ר׳ יהודה פסלט, סײַדן ער זאָל (דעם גט) שרייבן און אים חתמען ווען ער איז שוין אָפּגעריסן. אויך דאָ מיינט מען, אז אויך דער טופס פון גט מוז ווערן געשריבן ווען דער גט איז שוין אָפּגעריסן. ר׳ יהודה בן בתירה זאָגט, אז מען שרייבט ניט (א גט) ניט אויף אָפּגעמעקט פאַפּיר, און ניט אויף ניט־גענוג אויסגעאַרבייטן לעדער (דיפתרא), ווייל ער (דער גט) קאָן ווערן געפעלשט. מען קאָן אָפּמעקן די שריפט און אָנשרייבן אַנדערע ווערטער, וועגן „די־פתרא״ זע אין אונזער פירוש צו שבת פרק ח׳ משנה ג׳. וחכמים, און די חכמים זענען מכשיר. ווייל זיי האַלטן, אז ביי א גט איז דער עיקר די „עדי מסירה״, די עדות וואָס זענען דאַביי ווען מען גיט דעם גט; אָבער ביי אַנדערע שטרות, וואו דער עיקר זענען די עדי חתימה, וועלכע שרייבן אונטער דעם גט, האַלטן אויך די חכמים אז מען טאָר זיי ניט שרייבן ניט אויף אָפּגעמעקט פאַפּיר און ניט אויף ניט־גענוג אויסגעאַרבייטן לעדער.

ה. הכל, אַלע זענען כשר צו שרייבן א גט, אפילו א טויב־שטומער און א משוגענער און א קליין יינגל (א קטן). דאַביי ווערן גלערנט צוויי זאַכן, ערשטנס אז דאָס מעגן זיי נאָר שרייבן דעם טופס פון גט, אָבער ניט דעם „תורף״, דעם נאָמען פון מאַן און פון דער פרוי און די צייט; דאָס מוז שרייבן נור א דערוואַקסענער מענטש, א בר דעת. צוויייטנס, אז אויך ביים שרייבן דעם טופס דאַרף שטיין איבער זיי א דער־וואַקסענער מענטש, א בר דעת, וועלכער זאָל זיי זאָגן, אז זיי זאָלן שרייבן לשמה, פאַרן נאָמען פון דעם מאַן און פון דער פרוי. האשה, א פרוי קאָן שרייבן איר גט, און א מאַן קאָן שרייבן זיין שובר. מיט „שובר״ מיינט מען דאָס קבלה־קוויטל, וואָס

מיו. הכל כשרין להביא את הגט חוץ מחרש, שוטה, וקטן, וסומא, ונכרי:

ו. קבל הקטן והגדיל, חרש ונתפקח, סומא ונתפתח, שוטה ונשתפה, נכרי ונתגייר, פסול. אבל פקח ונתחרש וחזר ונתפקח, פתוח ונסתמא וחזר ונתפתח, שפוי ונשתטה וחזר ונשתפה. כשר. זה הכלל, כל שתחלתו וסופו בדעת, כשר:

ז. אף הנשים, שאינן נאמנות לומר מת בעלה, נאמנות להביא את גטה: חמותה, ובת חמותה, וצרתה, ויבמתה, ובת בעלה. מה בין

די פרוי שרייבט אונטער אז זי האָט נאָכן גט דערהאלטן פון מאַן דאָס כתובה־געלט, און זי גיט עס דעם מאַן. שאין, ווארום דער גט ווערט באשטעטיקט נור דורך זיינע אונטערגעשריבענע (עדות). **דאריבער שאדט ניט אויב די פרוי שרייבט איר כתובה, מחמת דער עיקר זענען די אונטערגעשריבענע עדות אָדער די „עדי מסירה״.**
הכל, אלע זענען כשר צו ברענגען א גט (צו ווערן שליחים, דער מאַן זאָל זיי געבן דעם גט איבערצוגעבן דער פרוי), אחוץ א טויב־שטומער, א משוגענער, און א קליין יינגל, און א בלינדער און א גוי. **א טויב־שטומער און א שוטה (א משוגענער) און א קליין יינגל האָבן ניט קיין דעת און קאָנען ניט ווערן קיין שליחים. א בלינדער קאָן ניט זאָגן „בפני נכתב ובפני נחתם״, ווייל ער זעט דאָך ניט, און א גוי קאָן אליין ניט גטן און ניט מקדש זיין א פרוי, און א זאך וואָס א מענטש קאָן אליין ניט טאָן קאָן ער דאצו ניט ווערן קיין שליח פון אן אנדערן.**

ו. קבל, אויב דאָס יינגע יינגל (דער קטן) האָט גענומען אלס שליח (דעם גט פון מאַן) און ער איז געוואָרן (איידער ער האָט געגעבן דער פרוי דע סגט) גרויס אָדער דער טויב־שטומער איז געוואָרן רעדעוודיק אָדער דער בלינדער (האָט גענומען דעם גט) און ער איז געוואָרן זעעוודיק, אָדער דער משוגענער (האָט גענומען דעם גט) און ער איז געוואָרן געזונט, אָדער דער גוי (האָט גענומען דעם גט) און ער האָט זיך מגייר געווען, איז ער פסול. **כאָטש איצט קאָנען זיי ווערן שליחים, אָבער ווייל בשעת זיי האָבן גענומען דעם גט האָבן זיי ניט געקאָנט זיין שליחים, דאריבער טאָרן זיי אויך איצט ניט געבן דעם גט דער פרוי.** אָבל, אָבער אויב (ווען דער שליח האָט גענומען דעם גט איז ער געווען) רעדעוודיק און דערנאָך איז ער געוואָרן טויב־שטום און דערנאָך איז ער צוריק געוואָרן רעדעוודיק, אָדער ער איז געווען (ביים נעמען דעם גט) זעעוודיק און דערנאָך איז ער געוואָרן בלינד און דערנאָך איז ער געוואָרן צוריק זעעוודיק, אָדער ער איז געווען געזונד, און דערנאָך משוגע און דערנאָך געזונד איז ער כשר. **ער מעג איצט געבן דער פרוי דעם גט. ביים בלינדן מעג ער געבן דעם גט אפילו ער איז ניט געוואָרן צוריק זעעוודיק, ווייל קוים האָט ער געזעען ווען ער האָט גענומען דעם גט, קאָן ער דאָך זאָגן (אפילו ער איז איצט בלינד) „פאר מיר איז ער געשריבן געוואָרן און פאר מיר איז ער געחתמעט געוואָרן״.** זה, דאָס איז דער כלל: יעדער (שליח) וואָס ביי זיין אָנהייב (ביים נעמען דעם גט) און ביי זיין סוף (בעת ער גיט דער פרוי דעם גט) איז ער ביים שכל (געזונט), איז ער כשר. **כאָטש אין דערמיט איז ער געווען ניט געזונד, משוגע, איז דער גט כשר.**

ז. אף, אויך די פרויען וואָס זיינען ניט באגלויבט צו זאָגן (עדות וועגן א פרוי) אז איר מאַן איז געשטאָרבן (און זי זאָל מעגן חתונה האָבן) זענען באגלויבט צו ברענגען (אלס שליח) איר גט (פון מאַן צו דער פרוי); (די דאָזיקע פרויען זענען): איר שוויגער, און איר שוויגערס טאָכטער, און איר צרה (די צווייטע פרוי פון איר מאַן), און איר שוועגערין (איר מאַנ׳ס ברודערס פרוי) און איר מאַנ׳ס טאָכטער. **די אלע פרויען זענען ניט באגלויבט עדות צו זאָגן אויף דער פרוי (למשל די שוויגער וועגן איר שנור) אז איר מאַן איז געשטאָרבן, און די פרוי זאָל מעגן חתונה האָבן,**

גט למיתה? שהכתב מוכיח. האשה עצמה מביאה את גטה, ובלבד שהיא צריכה לומר בפני נכתב ובפני נחתם:

פרק ג.

א. כל גט שנכתב שלא לשום אשה, פסול. כיצד? היה עובר בשוק ושמע קול סופרים מקרין, איש פלוני מגרש את פלונית ממקום פלוני, ואמר, זה שמי וזה שם אשתי, פסול לגרש בו. יתר מכן כתב לגרש בו את אשתו ונמלך, מצאו בן עירו ואמר לו, שמי כשמך, ושם אשתי כשם אשתך, פסול לגרש בו. יתר מכן, היו לו שתי נשים ושמותיהן שוות,

---

מחמת מען נעמט אָן, אז זיי זענען אירע שונאים, און זיי ווילן זי אריינברענגען אין אן אומגליק. אָבער ברענגען א גט פאר דער פרוי מעגן זיי (זע יבמות פרק ט״ו משנה ד׳). מה, וואָס איז דער אונטערשיד צווישן (ברענגען) דעם גט, און (עדות זאָגן וועגן מאנ׳ס טויט? וויל די שריפט (דער געשריבענער גט) באווייזט. **די זעלביקע משנה האָבן מיר געהאט אין יבמות פרק ט״ו משנה ד׳ און דאָרט האָבן מיר זי מפרש געווען.** האשה עצמה, א פרוי אליין קאָן ברענגען (אלס שליח) איר אייגענעם גט, אָבער זי דארף זאָגן: „פאר מיר איז ער געשריבן געוואָרן און פאר מיר איז ער געחתמעט געוואָרן. מען מיינט דאָ, **אז דער מאן האָט געגעבן זיין פרוי דעם גט און ער האָט איר געזאָגט אז זי זאָלן ווערן געגעט ערשט ווען זי וועט קומען פאר יענעם בית דין און זי וועט דאָרט זאָגן „בפני נכתב ובפני נחתם״. דער בית דין דארף צונעמען פון איר דעם גט און מען מאכט אן אנדערן שליח, אז ער זאָל איר געבן דעם גט.**

פרק ג.

א. כל, יעדער גט, וואָס איז געשריבן געוואָרן ניט פאר דער פרוי׳ס וועגן (לשום אשה, נאָר סתם) איז ער פסול. **ווייל א גט דארף זיין געשריבן „לשמה״, פאר דער פרויס וועגן.** כיצד, ווי אזוי? אויב ער (דער מאן) איז פארבייגעגאנגען אין גאס און ער האָט געהערט דעם קול פון סופרים (שרייבער, וועלכע שרייבן אויך גיטין) ליינען־פאר (א פּראָבע פון א גט וואָס זיי שרייבן צו לערנען זיך שרייבן): „יענער מאן (און רופן אָן דעם נאָמען פון מאן) גט יענע (פרוי, און זיי רופן אָן דעם נאָמען פון דער פרוי) פון יענער שטאָט (און זיי רופן אָן דעם נאָמען פון דער שטאָט)״. און ער (דער מאן) האָט געזאָגט: „דאָס איז מיין נאָמען און דאָס איז דער נאָמען פון מיין פרוי״ (און ער וויל נעמען דעם דאָזיקן גט צו גטן זיין פרוי), איז דער גט פסול צו גטן מיט אים, **ווייל ער איז דאָך ניט געשריבן געוואָרן „לשמה״, און ניט נור איז ער ניט געשריבן געוואָרן פאר דעם דאָזיקן מאן און דער דאָזיקער פרוי, נאָר ער איז בכלל ניט געשריבן געוואָרן אלס גט, נאָר צו לערנען זיך שרייבן.** יתר מכן, נאָכמער ווי דאָס: אויב איינער האָט געשריבן (א גט) צו גטן מיט אים זיין פרוי, און ער האָט חרטה באקומען, און עס האָט אים געטראָפן א מענטש פון זיין שטאָט און ער האָט צו אים געזאָגט: „מיין נאָמען איז דער זעלביקער וואָס דיין נאָמען, און מיין פרוי׳ס נאָמען איז דערזעלביקער וואָס דיין פרוי׳ס נאָמען״ (און ער וויל נעמען דעם גט צו גטן זיין פרוי), איז ער פסול צו גטן מיט אים. **כאָטש דאָ איז דער גט יאָ געשריבן געוואָרן אלס גט, פונדעסטוועגן איז ער פסול, ווייל דער מאן איז אן אנדערער און די פרוי איז אן אנדערע.** יתר מכן, היו לו, נאָכמער ווי דאָס: אויב איינער האָט געהאט צוויי פרויען און זייערע נעמען זיינען גלייכע (ביידע פרויען הייסן דעמזעלביקן נאָמען), און ער האָט געשריבן א (גט) צו גטן מיט אים די גרעסערע (די עלטערע) טאָר ער מיט אים ניט גטן די קלענערע (די יינגערע). **כאָטש דאָ איז דאָך דער מאן דערזעלביקער, אָבער די פרוי איז אן אנדערע, און ניט פאר איר איז ער געשריבן געוואָרן.** יתר מכן, אָמר, נאָכמעהר ווי דאָס: אויב ער (דער מאן, וועלכער האָט צוויי פרויען מיטן זעלביקן נאָמען) האָט געזאָגט צום שרייבער (לבלר): „שרייב (פאר מיר א גט) און וועלכע פרוי איך וועל וועלן וועל איך גטן״, איז ער פסול צו גטן מיט אים.

כתב לגרש בו את הגדולה, לא יגרש בו את הקטנה. יתר מכן, אָמר ללבלר, כתוב, לאיזו שארצה אגרש. פסול לגרש בו:

ב. הכותב טופסי גטין, צריך שיניח מקום האיש, ומקום האשה ומקום הזמן. שטרי מלוה, צריך שיניח מקום המלוה, מקום הלוה, מקום המעות, ומקום הזמן. שטרי מקח, צריך שיניח מקום הלוקח, ומקום המוכר, ומקום המעות, ומקום השדה, ומקום הזמן, מפני התקנה. ר׳ יהודה פוסל בכולן. ר׳ אלעזר מכשיר בכולן, חוץ מגטי נשים, שנאמר „וכתב לה״, לשמה.

דאָ לאָזט די משנה אונז הערן, אז מען זאָגט דאָ ניט „ברירה״, „אויסקלייבן״, אז שפּעטער ווען ער וויל גטן מיטן דאָזיקן גט איינע פון די פרויען, איז דערמיט קלאָר געוואָרן „למפרע״, אז שוין פריער ביים שרייבן, איז דער גט געווען באַשטימט פאַר דער דאָזיקער פרוי; עס מוז דוקא ביים שרייבן שוין זיין באַוואוסט פאַר וועלכער פרוי דער גט ווערט געשריבן. „לבלר״ איז דאָס לאַטייניש וואָרט „ליבעלאַריוס״, אַ שרייבער, און דאָס וואָרט געפינט זיך עטליכע מאָל אין דער משנה (שבת פרק א׳ משנה ג׳).

ב. הכותב, אז איינער (א סופר, א שרייבער) שרייבט „טופסין״ (פאַרמען) פון גיטין (צו פאַרקויפן) דאַרף ער איבערלאָזן (ליידיק) דאָס אָרט פון דעם מאַן (דעם נאָמען פון מאַן), דאָס אָרט פון דער פרוי (דעם נאָמען פון דער פרוי) און דאָס אָרט פון דער צייט (די דאַטע). די סופרים, כדי זיי זאָלן ניט האָבן קיין גרויסע טירחא, פלעגן זיך פריער אָנשרייבן דעם „טופס״, די פאָרם, די אַלגעמיינע ווערטער פון גט, און ווען עס קומט א מאַן צו גטן זיין פרוי זאָלן זיי האָבן גרייטע אָנגעשריבענע גיטין. זאָגט די משנה אז פאַר די דאָזיקע דריי זאַכן מוזן זיי איבערלאָזן ליידיק אָרט, כדי מען זאָל זיי צושרייבן ווען דער מאַן קומט. די דריי זאַכן הייסן דער „תורף״ פון גט (זע פריער פרק ב׳ משנה א׳). די גמרא זאָגט, אז מען דאַרף אויך איבערלאָזן ליידיק דאָס אָרט פון די ווערטער „הרי את מותרת לכל אדם״ („דו זאָלסט זיין מותר צו יעדן מענטש״). שטרי מלוה, (אויב א סופר שרייבט פאָרמען פון) וועקסלען דאַרף ער איבערלאָזן דאָס אָרט פון דעם מלוה (דעם נאָמען פון דעם מענטש וועלכער באָרגט אוועק דאָס געלט). דאָס אָרט פון לווה (דעם נאָמען פון מענטש וועלכער נעמט די הלואה), דאָס אָרט פון געלט (וויפיל געלט) און דאָס אָרט פון דער צייט (ווען מען באָרגט דאָס געלט); שטרי מקח, (אויב א סופר שרייבט פאָרמען פון) פאַרקויפס־שטרות (דאָקומענט, אז איינער פאַרקויפט צו אן אנדערן א פעלד) דאַרף ער איבערלאָזן דאָס אָרט פון קויפער (זיין נאָמען), און דאָס אָרט פון פאַרקויפער (זיין נאָמען), און דאָס אָרט פון געלט (פאַר וויפיל געלט), און דאָס אָרט פון פעלד (וואו דאָס פעלד געפינט זיך). מען מיינט דאָ אַלץ וועגן שרייבער וועלכע גרייטן צו פאָרמען, טעקסטן, פון וועקסל און פאַרקויפס־דאָקומענטן. מפני התקנה, צוליב דער תקנה. די גמרא טייטשט, אז די משנה זאָגט, אז דעריבער איז דערלויבט סופרים צו שרייבן פאָרמולירן (טופסים) פון גיטין און וועקסלען און פאַרקויפס דאָקומענטן, ווייל די חכמים האָבן אזוי מתקן געווען, זיי האָבן איינגעפירט די תקנה, פאַר דעם נוצן פון די סופרים. באמת וואָלט מען ביי וועקסלען און פאַרקויפס דאָקומענטן געמעגט שרייבן אויך די נעמען (דעם „תורף״), מחמת זיי דאַרפן דאָך ניט געשריבן ווערן „לשמה״, פאַר זייערט וועגן. נאָר מען האָט גוזר געווען, כדי די סופרים זאָלן ניט א טעות האָבן און שרייבן אויך ביי גיטין דעם „תורף״, די נעמען. ר׳ יהודה פסלט ביי אַלע. ער האַלט, אז מען טאָר בכלל ניט שרייבן קיין פאָרמולירן (אויך ניט קיין טופסים) ניט פון גיטין און ניט פון וועקסלען און ניט פון פאַרקויפס־דאָקומענטן, ווייל טאָמער וועט דער סופר א טעות האָבן און שרייבן אויך די נעמען (דעם „תורף״) ביי גיטין. ר׳ אלעזר איז מכשיר ביי אַלע א חוץ ביי גיטין פאַר פרויען, ווייל עס ווערט געזאָגט (דברים כ״ד, א׳)

ג. המביא גט ואבד הימנו, מצאו לאלתר, כשר, ואם לאו, פסול. מצאו בחפיסה או בדלוסקמא, אם מכירו כשר. המביא גט, והניחו זקן, או חולה, נותנו לה בחזקת שהוא קיים; בת ישראל הנשואה לכהן, והלך בעלה למדינת הים, אוכלת בתרומה בחזקת שהוא קיים. השולח חטאתו ממדינת הים, מקריבין אותה בחזקת שהוא קיים:
ד. שלשה דברים אמר ר׳ אלעזר בן פרטא לפני חכמים, וקיימו

„וכתב לה״ („און ער זאָל שרייבן איר״, דעם גט, מיינט דאָס וואָרט „לה״, „צו איר״) „לשמה״ (פאַר אירעטוועגן). לויט ר׳ אלעזר טאָר מען אויך דעם טופס, דעם פאָרמוליאַר, פון א גט ניט שרייבן סתם, ווייל מען איז גוזר אויף דעם „טופס״ צוליב דעם „תורף״; אָבער ביי אנדערע דאָקומענטען איז ער מתיר.

ג. המביא, אז איינער (א שליח) ברענגט א גט און ער האָט אים פארלוירן, אויב ער האָט אים (צוריק) געפינען באלד (לאלתר, באלד נאָכן פארלירן אים), איז ער כשר, און אויב ניט (אויב ער האָט אים געפינען ערשט אין א צייט שפּעטער), איז ער פסול. די גמרא זאָגט, אז ער איז פּסול נור אויב עס איז אין אן אָרט, וואו מחנות דורכרייזענדיקע מענטשן (שיירות) גיין פארביי און עס איז מורא צו האָבן טאָמער איז דער גט פון אן אנדערן מענטש. אויב אָבער דער שליח האָט א סימן מובהק אין גט, למשל א לעכל אין א געוויס אָרט, אָדער די אונטערשריבענע עדות זאָגן, אז זיי האָבן ניט געחתמעט אויף קיין אנדערן גט, איז דער גט כשר. מצאו, אויב ער האָט אים געפינען (ליגנדיק) אין א בייטל (בחפיסה), אָדער אין א זעקל (בדלוסקמא, אין וועלכן דער שליח האָט אים געהאַט ליגן), אויב ער דערקענט אים איז ער כשר.׳ די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען, אָדער דער שליח דערקענט דעם גט (אפילו ער ליגט ניט א בייטל צי א זעקל) איז ער כשר, אָדער דער שליח דערקענט דעם בייטל אָדער דאָס זעקל (כאָטש ער דערקענט ניט דעם גט) איז ער כשר. „חפיסה״ טייטשט די גמרא אין בבא מציעא כ׳ מיינט א בייטעלע, צי א זעקעלע (חמת) פון לעדער. „דלוסקמא״, אין טייל גירסאות איז פאראן „גלוסקמא״ (אזוי האָט אויך דער „ערוך״), זאָגט די גמרא (דאָ אויף דער משנה) אז דאָס איז א „זעקל פאר אלטע לייט״, דער „ערוך״ זאָגט אז דאָס איז א גריכיש וואָרט, און ער האָט זיכער געמיינט דאָס גריכישע וואָרט „גלאָסאָקאָמעיאָן״, א קעסטל, א זעקל. — המביא, אז איינער (א שליח) ברענגט א גט, און ער האָט אים (דעם מאן)· איבערגעלאָזט אן אלטן מאן אָדער א קראנקן, מעג ער געבן אים (דעם גט) צו איר (צו דער פרוי) אויף דער חזקה (אננעמענדיק) אז ער (דער מאן) לעבט. ער דארף ניט מורא האָבן, טאָמער איז דער מאן דערווייל געשטאָרבן, און דער גט איז ניט מער קיין גט. מיט „חזקה״ מיינט מען, אז מען נעמט אָן, אז דער איצטיקער מצב איז אזוי ווי ער איז געווען פריער. די משנה וועט געבן באלד עטליכע הלכות וועגן חזקה. בת ישראל, די טאָכטער פון א ישראל וועלכע האָט חתונה געהאַט צו א כהן, און איר מאן איז אוועק אין מדינת הים (אין א וויטער מדינה) מעג זי עסן תרומה אויף דער חזקה אז ער (איר מאן) לעבט. תרומה איז די הייליקע תבואה און פרוכטן וואָס מען דארף זיי אפשיידן און געבן דעם כהן. נאָר א כהן און אויך זיין פאמיליע מעגן עסן די תרומה. זאָגט די משנה אז דעם כהנ׳ס פרוי מעג עסן תרומה אננעמענדיק אז דער מאן לעבט. השולח, אז איינער שיקט (אין בית המקדש) זיין (קרבן) חטאת פון מדינת הים (פון א וויטער מדינה) איז מען אים (דעם קרבן חטאת) מקריב אויף דער חזקה אז ער (דער שיקער) לעבט. דער דין איז אז א מענטש האָט אָפגעשיידט א קרבן חטאת און איידער מען האָט אים מקריב געווען איז דער מענטש געשטאָרבן, מוז מען לאָזן דעם קרבן שטארבן און מען טאָר אים ניט מקריב זיין. זאָגט די משנה אז מען נעמט אָן אז דער מענטש לעבט און מען איז מקריב זיין קרבן.

ד. שלשה, דריי זאכן האָט ר׳ אלעזר בן פרטא געזאָגט פאר די חכמים, און

את דבריו: על עיר שהקיפה כרכום, ועל הספינה המיטרפת בים, ועל היוצא לידון, שהן בחזקת קיימין, אבל עיר שכבשה כרקום, וספינה שאבדה בים, והיוצא ליהרג, נותנין עליהן חומרי חיים וחומרי מתים: בת ישראל לכהן, ובת כהן לישראל, לא תאכל בתרומה:

ה. המביא גט בארץ ישראל וחלה הרי זה משלחו ביד אחר. ואם אמר לו, טול לי הימנה חפץ פלוני, לא ישלחנו ביד אחר, שאין רצונו שיהא פקדונו ביד אחר:

ו. המביא גט ממדינת הים וחלה, עושה בית דין ומשלחו, ואומר

זיי האָבן באשטעטיקט זיינע ווערטער. **די דאָזיקע דריי זאכן זענען:** על עיר, וועגן א שטאָט וואָס עס האָט איר ארומגערינגלט א באלאגערנדע מחנה (מיליטער, כרקום), און וועגן א שיף, וואָס האלט ביים זינקן (הטורפת) אין ים (אָבער זי איז נאָכניט דער־טרינקען געוואָרן), און וועגן איינעם, וואָס ווערט געפירט צום משפט (אין א זאך, פאר וועלכער עס דראָט אים טויט־שטראָף), אז זיי (די מענטשן וואָס זענען פאראן אין דער שטאָט און אויף דער שיף, און דער מענטש וועלכן מען פירט צום משפט) זע־נען אין דער חזקה אז זיי לעבן. „כרקום" איז דאָס גריכישע וואָרט „קאראקאמא", א **קיילעכיקער קריגס־לאגער, א באלאגערונג פון א שטאָט, און מען מיינט דערמיט אויך די חיילות, די מיליטער־מענטשן וועלכע באלאגערן די שטאָט. „מטורפת", צעמישט, וואקלט זיך אין א שטורם, האלט ביים אונטערגיין. אין די אלע פאלן נעמט מען אָן, אז די מענטשן לעבן נאָך.** אבל, אָבער א שטאָט וואָס איז איינגענומען געוואָרן דורך דערבאלאגערנדיקע מחנה (מיליטער), און א שיף וועלכע איז פארלוירן־געגאנגען אין ים, און איינער וועלכן מען פירט ארויס צום הרגענען, לייגט מען אויף זיי ארויף די הארבע (הלכות) פון לעבעדיקע (מענטשן) און די הארבע (הלכות) פון געשטאָרבע־נע, (און אויב) די טאָכטער פון א ישראל איז די פרוי פון א כהן (וועלכער איז גע־ווען אין דער שטאָט אָדער אויף דער שיף אָדער ווערט ארויסגעפירט געהרגעט צו ווערן), און די טאָכטער פון א כהן איז די פרוי פון א ישראל (וועלכער איז אין איי־נער פון די דריי זאכן), זאָל זי ניט עסן קיין תרומה. **די טאָכטער פון א ישראל די פרוי פון א כהן טאָרניט עסן קיין תרומה, ווייל מען נעמט אָן די הארבע הלכות פון א פארשטאָרבענעם און מען האלט אז דער כהן לעבט שוין ניט און ממילא איז זי דאָך ניט מער די פרוי פון א כהן. אויך די טאָכטער פון א כהן, וועלכע איז די פרוי פון א ישראל, טאָר ניט עסן קיין תרומה, ווייל מען נעמט אָן אז איר מאן דער ישראל לעבט, און א פרוי פון א ישראל טאָרניט עסן קיין תרומה.**

ה. המביא, אז איינער (א שליח) ברענגט א גט אין ארץ ישראל (וואו ער דארף ניט זאָגן „בפני נכתב ובפני נחתם", „פאר מיר איז ער געוואָרן געשריבן און פאר מיר איז ער געווען געחתמעט"), און ער איז קראנק געוואָרן, קאָן ער (דער שליח) אים שיקן דורך אן אנדערן. **ער קאָן מאכן אן אנדערן פאר א שליח און יענער זאָל איבערגעבן דער פרוי דעם גט.** ואם, און אויב ער (דער מאן) האָט געזאָגט צו אים (צום שליח, ווען ער האָט אים געגעבן דעם גט): „נעם פאר מיר פון איר (ווען דו וועסט איר געבן דעם גט) יענע זאך" (און דער שליח איז קראנק געוואָרן) טאָר ער (דעם גט) ניט שיקן דורך אן אנדערן (מענטש), ווייל עס איז ניט זיין (דעם מאנ'ס) ווילן, אז זיין זאך (פקדונו, זיין פקדון, די זאך וואָס ער האָט פריער געהאלטן ביי זיין פרוי) זאָל זיין ביי אן אנדערן. **דעם שליח האָט ער געוואָלט געטרויען די זאך. און אן אנדערן וויל ער ניט געטרויען.**

ו. המביא, אז איינער (א שליח) ברענגט א גט פון מדינת הים (פון חוץ לארץ) און ער איז קראנק געוואָרן, מאכט ער ביים בית דין אן אנדערן שליח, און שיקט אים (אז ער זאָל אוועקטראָגן דעם גט צו דער פרוי), און ער (דער ערשטער שליח) זאָגט

לפניהם, בפני נכתב ובפני נחתם. ואין שליח אחרון צריך שיאמר, בפני נכתב ובפני נחתם. אלא אומר, שליח בית דין אני:

ז. המלוה מעות את הכהן, ואת הלוי ואת העני, להיות מפריש עליהן מחלקן, מפריש עליהן בחזקת שהן קיימין, ואינו חושש שמא מת הכהן או הלוי, או העשיר העני. מתו, צריך ליטול רשות מן היורשין. אם הלוון בפני בית דין. אינו צריך ליטול רשות מן היורשים:

ה. המניח פירות להיות מפריש עליהן תרומה ומעשרות, מעות להיות מפריש עליהן מעשר שני, מפריש עליהן בחזקת שהן קיימין. אם

פאר זיי (פאר דעם בית דין: „פאר מיר איז ער געשריבן געוואָרן און פאר מיר איז ער געוואָרן געחתמעט״, און דער לעצטער שליח דארף ניט זאָגן (פארן בית דין) „בפני נכתב ובפני נחתם״, נאָר ער זאָגט: „איך בין דער שליח פון בית דין״. **פון די ווערטער „דער לעצטער שליח״ ווערט געלערנט, אז אויך דער צווייטער קאָן מאכן א דריטן שליח, און דער דריטער א פערטן און אזוי כסדר, אלץ ביים בית דין.**

ז. המלוה, אז איינער באָרגט געלט צו א כהן און א לוי און אן אָרימאן, אז ער זאָל אָפשיידן אויף זיי פון זייער חלק, קאָן ער אפשיידן אויף זיי אויף דער חזקה אז זיי זיינען פאראן. **דער דין איז (זע אין דער הקדמה צו מסכתא פאה), אז איינער נעמט אראָפּ תבואה צי פרוכטן פון זיין פעלד דארף ער אפשיידן א טייל דערפון אלס תרומה און געבן צו א כהן, און א טייל א (צענטל) אלס מעשר און געבן צו א לוי און א טייל (א צענטל) אלס מעשר עני (אן אָרימאנ׳ס צענטל) און געבן צו אן אָרימאן. געווינטליך האָט יעדער בעל הבית פון א פעלד געהאט זיין באקאנטן כהן און לוי און אָרימאן וועמען ער האָט געגעבן די תרומה און מעשר און מעשר עני, זאָגט די משנה, אז אויב דער פעלד־בעל־הבית האָט געבאָרגט געלט דעם כהן און דעם לוי און דעם אָרימאן, אז ער זאָל שפעטער אָפשיידן פאר זיי די תרומה און מעשר און מעשר עני און זאָל דאָס פארקויפן און פארהאלטן דאָס געלט פאר דעם חוב, און דער כהן און דער לוי און דער אָרימאן זענען דערווייל אוועק אין א ווייט אָרט, מעג דער בעל הבית אָפשיידן פאר זייערט וועגן און אָפנעמען דעם חוב.** ואינו, און ער (דער געלט־אוועקבאָרגער) דארף ניט מורא האָבן טאָמער איז געשטאָרבן דער כהן אָדער דער לוי, אָדער טאָמער איז דער אָרימאן רייך געוואָרן. **דאָס איז אלץ דער דין פון חזקה: מען נעמט אָן אז ער, דער מצב, איז איצט אזוי ער איז געווען פריער.** מתו, אויב זיי זענען געשטאָרבן, דארף ער (דער געלט ־ אוועקבאָרגער) נעמען רשות פון די יורשים. **ווייל עס קאָן זיין, אז די יורשים ווילן באצאָלן דעם חוב און נעמען די תרומה און מעשר און מעשר עני.** אם הלוון, אויב ער האָט געבאָרגט פאר בית דין, (ווען בית דין איז דאביין), דארף ער ניט נעמען קיין רשות פון די יורשים. **נאָר ער קאָן אָפּנעמען זיין חוב. דאָס איז א תקנה פון די חכמים, כדי דער כהן און לוי זאָלן באקומען צו באָרגן געלט.**

ה. המניח, אז איינער לייגט אוועק פרוכטן (פירות, מיינט אויך תבואה) אז ער זאָל זיי אָפשיידן אלס תרומה און מעשרות (פאר אנדערע פרוכטן), (אָדער ער לייגט אוועק) געלט, אָפצושיידן דערויף מעשר שני (צווייטן מעשר), קאָן ער אפשיידן זיי אויף דער חזקה אז זיי זענען פאראן. **טייל יאָרן האָט מען געדארפן אפשיידן מעשר שני, צווייטן מעשר** (זע אין דער הקדמה צו מסכתא מעשר שני), **און די דאָזיקע מעשר־שני־פרוכטן האָט מען געדארפן אוועקפירן קיין ירושלים און דאָרט זיי עסן, אָדער זיי אויסטוישן אויף געלט, און דאָס געלט פירן קיין ירושלים. זאָגט די משנה, אז כאָטש די פרוכטן וואָס ער וויל מאכן פאר תרומה און מעשרות, און דאָס געלט, וואָס ער וויל מאכן פאר מעשר שני, זענען ערגיץ אין אן אנדער אָרט, קאָן ער אָננעמען אז זיי זיינען פאראן.** אם אבדו, אויב (נאָכדעם ווי ער האָט זיי געמאכט פאר תרומה און מעשרות און דאָס געלט פאר מעשר שני, איז ער צוגע־

אבדו הרי זה חושש מעת לעת, דברי ר׳ אליעזר בן שמוע. ר׳ יהודה אומר, בשלשה פרקים בודקין את היין: בקדים של מוצאי החג, ובהו־צאת סמדר, ובשעת כניסת המים בבוסר:

פרק ד.

א. השולח גט לאשתו, והגיע בשליח, או ששלח אחריו, ואמר לו, גט שנתתי לך בטל הוא, הרי זה בטל. קדם אצל אשתו, או ששלח אצלה שליח, ואמר לה, גט ששלחתי ליך בטל הוא, הרי זה בטל. אם משהגיע גט לידה, שוב אינו יכול לבטלו:

ב. בראשונה היה עושה בית דין במקום אחר, ובטלו. התקין רבן

קומען צום אָרט און ער האָט געזען אז) זיי זענען פארלוירן געגאנגען, זאָל ער מורא האָבן (אז זיי זיינען פארלוירן געגאנגען), א מעת לעת. אזוי זאָגט ר׳ אלעזר בן שמוע. „מעת לעת״, הייסט 24 שעה. **זאָגט די משנה אז די פרוכטן אויף וועלכע ער האָט אָפּגעשיידט אין די לעצטע 24 שעה איידער ער האָט דערזען אז יענע פרוכטן און געלט זענען פארלוירן־געגאנגען, הייסן ניט אז מען האָט אויף זיי אָפּגעשיידט, מחמת מען נעמט אָן, אז א מעת לעת פריער זענען יענע שוין ניט געווען. אָבער פאר דעם מעת לעת נעמט מען אָן אז יענע זענען נאָך יאָ געווען.** ר׳ יהודה זאָגט, אז אין דריי ציטן אין יאָר דארף מען אונטערזוכן דעם וויין (וועלכן מען שטעלט אוועק כדי פון אים אָפּצושיידן תרומה און מעשרות). **מחמת אין די דריי ציטן קאָן זיין אז דער וויין איז זויער געוואָרן, און מען טאָר ניט אפשיידן פון זויער־געוואָרענעם וויין תרומה און מעשרות אויף גוטן וויין. די דריי ציטן זענען:** בקדים, אין דעם מזרח־ווינט פון מוצאי סוכות („חג״ מיינט סוכות, בשעת עס בלאָזט צו מאָרגנס פון סוכות א מזרח־ווינט, קדים), און ווען (די ווייַנשטאָקן) גיבן ארויס בליאונג (סמדר, דאָס איז ארום פסח צייט), און ווען עס גייט אריין וואסער אין די נאָכניט־צייטיקע ווייַנטרויבן (בוסר). **מען מיינט דערמיט, ווען אין די נאָכניט־צייטיקע ווייַנטרויבן באַווייזט זיך שוין א זאפטיקייט, א וואסער, און מיר געפינען אין מסכתא שביעית פרק ד׳ משנה ח׳ „הבוסר משהביא מים״, אז די זאפטיקייט הייסט „מים״, וואסער. דאָס איז לערך נאָך שבועות. אן אנדערער טייטש איז, אז ווען די ווייַנטרויבן זענען נאָכניט צייטיק (זענען בוסר) צערייבט מען זיי און מען טוט אריין אין זיי וואסער און עס ווערט דערפון עסיק איינצוטונקן אין דעם ברויט.**

פרק ד.

א. השולח, אז איינער (א מאן) שיקט (דורך א שליח) א גט צו זיין פרוי, און ער (דער מאן) האָט דערנאָך געטראָפן דעם שליח אָדער ער האָט נאָך אים נאָכגע־שיקט אן אנדערן שליח, און ער האָט צו אים געזאָגט: „דער גט, וועלכן איך האָב דיר געגעבן, איז בטל (איך מאַך אים פאר אויס גט)״, איז ער בטל. **דאָס מיינט אז דער שליח האָט נאָכניט געהאט איבערגעגעבן דעם גט דער פרוי.** אם, אויב (דער מאן האָט מבטל געווען דעם גט) נאָכדעם ווי דער גט איז שוין אָנגעקומען צו איר (צו דער פרוי) אין האנט (אין איר רשות), קאָן ער אים שוין ניט מבטל זיין. **די גמרא זאָגט אז אפילו מען האָט געזען שוין פריער אז ער וויל מבטל מאכן דעם גט, ווערט אויך דער גט ניט בטל, אויב זיין מבטל זיין איז פאָרגעקומען נאָכדעם ווי די פרוי האָט שוין געהאט דעם גט.**

ב. בראשונה, אין אָנהייב (אין די ערשטע ציטן) פלעגט ער דער מאן מאכן (קומען פאר) א בית דין (פאר דריי מענטשן) אין אן אנדער אָרט און מבטל מאכן (דעם גט). מיט „אן אנדער אָרט״ מיינט מען, **ניט אין דעם אָרט וואו דער שליח האָט זיך געפינען און ניט וואו די פרוי האָט זיך געפינען.** התקין, האָט רבן גמליאל הזקן מתקן געווען, אז מען זאָל אזוי ניט טאָן, צוליב דער טובה פון דער וועלט (תיקון העולם). **ווייל עס איז אויסגעקומען, אז די פרוי, ניט וויסנדיק אז דער גט איז געוואָרן בטל,**

גמליאל הזקן, שלא יהיו עושין כן, מפני תקון העולם. בראשונה היה משנה שמו ושמה, שם עירו ושם עירה; התקין רבן גמליאל הזקן, שיהא כותב, איש פלוני וכל שם שיש לו, אשה פלונית וכל שם שיש לה. מפני תקון העולם:

ג. אין אלמנה נפרעת מנכסי יתומים. אלא בשבועה. נמנעו מלהש־ביעה. התקין רבן גמליאל הזקן, שתהא נודרת ליתומים כל מה שירצו, וגובה כתובתה. העדים חותמים על הגט, מפני תקון העולם. הלל

האַט חתונה געהאט מיט אן אנדערן מאן. „תיקון העולם" מיינט „דער נוצן פון דער וועלט", „די טובה פון מענטשן". ר' גמליאל הזקן איז געווען נשיא איבער יידן אין ארץ ישראל לערך 20 יאָר פאַרן חורבן פון 2טן בית המקדש. — די משנה ווערט דאָ כסדר געבן הלכות (ניט דוקא וועגן גט־זאכן), וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן צו־ליב „תיקון העולם", צוליב דעם נוצן פון מענטשן. — בראשונה, אין אָנהייב (אין די ערשטע צייטן) האָט ער (דער מאן, ווען ער האָט געשריבן א גט, און ער האָט געהאט צוויי נעמען, איינעם אין דעם אָרט וואו ער האָט פריער געוואוינט, און איי־נעם אין אָרט, אין דעם נייעם לאנד, וואו ער וואוינט איצט) ענדערן זיין נאָמען און איר נאָמען, זיין שטאָט'ס נאָמען און איר שטאָט'ס נאָמען. דער מאן פלעגט אריינשרייבן אין גט נור דעם נאָמען מיט וועלכן מען האָט אים צי די פרוי גערופן דאָרט, וואו ער האָט געשריבן דעם גט. התקין, האָט רבן גמליאל הזקן מתקן געווען, אז ער זאָל איינשרייבן (אין גט) „יענער מאן" און אויך יעדן (אנדערן) נאָמען וואָס ער האָט, „יענע פרוי" און אויך יעדן אנדערן נאָמען וואָס זי האָט, צוליב דער טובה פון דער וועלט. די תקנה איז געווען אז מען זאָל איינשרייבן אלע נעמען, כדי מען זאָל ניט זאָגן, אז ניט דער ריכטיקער מאן האָט געגעבן דעם גט, אָדער אז ער האָט געגט ניט די ריכטיקע פרוי.

ג. אין אלמנה, אן אלמנה קאָן ניט אָפנעמען (די כתובה) פון פארמעגנס פון די יתומים (וועלכע האָבן געירשנט איר מאנ'ס פארמעגנס) סיידן מיט א שבועה. זי דארף שווערן אז זי האָט גאָרניט נאָך באקומען, אָדער אליין גענומען, אויף דעם חשבון. זע כתובות פרק ט' משנה ז' און משנה ח'. נמנעו, האָט מען (דאָס בית דין) זיך אָפגעהאלטן איר (דער אלמנה) צו געבן א שבועה. ווייל דאָס בית דין האָט גע־האלטן, אז ווען זי איז נאָכן מאנ'ס טויט צוזאמען מיט די יתומים איז זי זיך מתיר יאָ צו געניסן פון פארמעגן, און מיינענדיק אז דאָס דארף ניט אראָפּגערעכנט ווערן פון דער כתובה, שווערט זי אז זי האָט גאָרניט גענומען, און באמת איז עס א פאלשע שבועה. און אזוי ווי דאָס בית דין האָט איר ניט געגעבן קיין שבועה האָבן די יתומים איר ניט געגעבן די כתובה. התקין, האָט רבן גמליאל הזקן מתקן געווען, אז זי זאָל טאָן א נדר צו די יתומים וואָס זיי וועלן פארלאנגן און זי זאָל באקומען די כתובה. מיט א „נדר טאָן" מיינט מען, אז זי זאָל למשל טאָן א נדר, אז זי אסרט אויף זיך ניט צו עסן געוויסע שפייזן צי פרוכטן, אויב זי האָט עפּיס נהנה געווען פון די פאר־מעגנס. העדים, די עדות חתמען זיך (שרייבן זיך אונטער) אויף א גט צוליב דער טובה פון דער וועלט (תיקון העולם). גאָר אמאָל איז געווען דער מנהג אז אין גט זענען די עדות ניט געווען אונטערגעשריבן, און דער מאן האָט נור געהאט עדות וואָס זע־נען געשטאנען דאביי און געזען ווי ער האָט געגעבן דעם גט זיין פרוי („עדי מסירה"). אָבער ווייל עס האָט זיך דאָך געקאָנט טרעפן אז א עדות איז געשטאָרבן אָדער אוועק אין א ווייטער מדינה, און מען האָט ניט געקאָנט פעסטשטעלן צי דער גט איז ריכטיק, האָט מען מתקן געווען אז עדות זאָלן זיך אונטערשרייבן אויפן גט, און אן אונטערשריפט קאָן מען באשטעטיקן אויך דורך אנדערע מענטשן, וועלכע דערקענען די אונטערשריפט. די ווערטער „מפני תיקון העולם" גייען אויך ארויף אויף די פריערדיקע תקנה וועגן דער אלמנה. הלל, (דער נשיא) הלל האָט מתקן געווען

התקין פרוזבול, מפני תקון העולם:

ד. עבד שנשבה ופדאוהו, אם לשום עבד, ישתעבד, אם לשום בן חורין, לא ישתעבד. רבן שמעון בן גמליאל אומר, בין כך ובין כך ישתעבד. עבד שעשאו רבו אפותיקי לאחרים ושחררו, שורת הדין אין העבד חייב כלום, אלא מפני תקון העולם כופין את רבו ועושה אותו בן חורין, וכותב שטר על דמיו. רבן שמעון בן גמליאל אומר, אינו

א פרוזבול פאר דער טובה פון דער וועלט. דער דין איז אז אויב איינער איז שולדיג דעם צווייטן א חוב און עס גייט אדורך דאָס 7טע יאָר, דאָס שמיטה־יאָר, דאַרף מען דעם חוב ניט מער באצאָלן. האָט הלל (דער נשיא איבער יידן 100 יאָר פאַרן חורבן פון 2טן בית המקדש) געזען אז מען האָט אויפגעהערט צו באָרגן דעם אנדערן געלט, האָט ער מתקן געווען אז דער געלט־אוועקבאָרגער גיט איבער צו בית דין אויפצו־מאָנען די חובות און דאמאָלס קאָן מען אויפמאָנען די חובות אויך נאָך שמיטה־יאָר. דאָס הייסט „פרוזבול". וועגן פרוזבול זע אין אונדזער פירוש שביעית פרק י' משנה ג'.

ד. עבד, א שקלאַף וועלכער איז געפאנגן געוואָרן, און מען (אַן אנדערער מענטש) האָט אים אויסגעלייזט, אויב (ער האָט אים אויסגעלייזט) אלס שקלאַף (אז ער זאָל ווייטער בלייבן שקלאַף) זאָל ער ווייטער בלייבן שקלאַף (צום אנדערן מענטש, און ניט צו זיין ערשטן בעל הבית), און אויב (ער האָט אים אויסגעלייזט) אלס פרייען מענטש (בן חורין), זאָל ער ניט זיין קיין שקלאַף. צוליב דעם וואָס די משנה וועט דאָ געבן א סך הלכות וועגן שקלאַפן, עבדים, ווען מיר דאָ געבן עט־ליכע זאכן וועגן דעם. א עבד (סתם עבד מיינט א עבד כנעני), א שקלאַף, הייסט א גוי וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן אלס שקלאַף צו א ייד. אזא שקלאַף האָט מען מלע געווען און ער איז געוואָרן א האלבער ייד; ער האָט געמוזט מקיים זיין אלע מצוות, וואָס א פרוי דאַרף מקיים זיין. ער איז אָבער א שקלאַף, און ער טאָרניט חתונה האָבן מיט א יידישער טאָכטער; ער מעג חתונה האָבן נור מיט א שקלאַפין, אויב דער בעל הבית באַפרייט אים, למשל, ער גיט אים א באַפרייאונגס־שטר, א שטר שחרור, ווערט דער שקלאַף א בן חורין, א פרייער מענטש, און ווערט אינגאנצן א ייד. זאָגט דאָ די משנה, אז אויב גזלנים האָבן געפאנגן א שקלאַף פון א ייד, און א צווייטער מענטש האָט אים אויסגעלייזט, איז אויב ער האָט אים אויסגעלייזט אז ער זאָל דינען ביי אים, איז ער זיין שקלאַף; אויב אָבער ער האָט אים אויסגעלייזט צו ווערן א פרייער מענטש, איז ער א פרייער מענטש, מחמת אויב ניט וועלן מענטשן ניט וועלן אויסלייזן. די גמרא זאָגט אז דאָ מיינט מען, אז דער ערשטער בעל הבית האָט זיך שוין געהאט מייאש געווען פון שקלאַף. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט אז סיי אזוי און סיי אזוי זאָל ער זיין שקלאַף. די גמרא טייטשט, אז ער איז ווייטער דער שקלאַף פון ערשטן בעל הבית, ווארום אויב ניט וועט יעדער שקלאַף זיך לאָזן בכוונה פאנגען פון גזלנים, כדי מען זאָל אים אויסלייזן און ער זאָל פטור ווערן פון זיין בעל הבית.
עבד, א שקלאַף וואָס זיין בעל הבית האָט אים געמאכט אַן אפותיקי (א היפּאָטעק), צו אנדערע מענטשן (דער בעל הבית האָט געבאָרגט געלט, און האָט איינגעשריבן אין וועקסל, אז אויב ער וועט ניט צאָלן דאָס געלט זאָל דער שקלאַף געהערן צום געלט־אוועקבאָרגער), און ער (דער ערשטער בעל הבית) האָט אים דערנאָך באַ־פרייט, איז לויטן דין (שורת הדין) איז דער שקלאַף גאָרניט שולדיק, (צו באצאָלן געלט), נאָר צוליב דער טובה פון דער וועלט (תיקון העולם) צווינגט מען זיין (צווייטן בעל הבית, דעם געלט־אוועקבאָרגער) אז ער זאָל אים מאכן פאר א פרייען מענטש, און ער (דער באַפרייטער שקלאַף) שרייבט אים א וועקסל אויף זיין (דעם שקלאַף'ס ווערטה פון) געלט. **אין דער גמרא זענען פאראַן עטליכע טייטשן אויף דער משנה, און דער טייטש וואָס מיר האָבן געגעבן איז אָנגענומען דורך די מפרשים.**

כותב אלא משחררו:

ה. מי שחציו עבד וחציו בן חורין, עובד את רבו יום אחד ואת עצמו יום אחד, דברי בית הלל. אָמרו להם בית שמאי, תקנתם את רבו, ואת עצמו לא תקנתם; לישא שפחה אי אפשר, שכבר חציו בן חורין בת חורין אי אפשר, שכבר חציו עבד; יבטל, והלא לא נברא העולם אלא לפריה ורביה, שנאמר (ישעיה מ״ה) „לא תוהו בראה לשבת יצרה״. אלא מפני תקון העולם כופין את רבו ועושה אותו בן חורין, וכותב שטר על חצי דמיו. וחזרו בית הלל להורות כדברי בית שמאי:

ו. המוכר עבדו לנכרי, או לחוצה לארץ, יצא בן חורין. אין פודין את השבויין יותר על כדי דמיהן, מפני תקון העולם. ואין מבריחין את

דאָס וואָרט „אפותיקי״, ווערט געטייטשט „פה תהא קאי״, „דאָ זאָלסטו שטיין״, פון דאנען זאָלסטו אָפּנעמען דעם חוב. ר׳ בנימין מוספיא אין „מוסף הערוך״ ווייזט אָן אז אין גריכיש איז „איפּאָטעקע״, א היפּאָטעק. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז עס שרייבט ניט (דער באפרייטער שקלאַף דאָס וועקסל אויף געלט) נאָר זיין באַפרייער (דער ערשטער בעל הבית), **ווייל דער ערשטער בעל הבית האָט דאָך געטאָן שאדן דעם צווייטן בעל הבית דערמיט וואָס ער האָט אים קאליע געמאכט דעם „שיעבוד״, זיין היפּאָטעק־רעכט, און רבן שמעון בן גמליאל האלט אז „המזיק שיעבודו של חברו״ איז חייב, און דאריבער דארף ער באצאָלן דעם היזק.**

ה. מי, אויב איינער איז א האלבער שקלאַף און א האלבער פרייער מענטש (למשל, ער איז געווען א שקלאַף פון צוויי שותפים און איין שותף האָט אים באַפרייט זיין חלק), דארף ער דינען זיין בעל הבית איין טאָג, און זיך אליין איין טאָג, אזוי זאָגן די בית הלל. **מחמת א העלפט פון זיין צייט געהערט צום בעל הבית.** אָמרו, האָבן די בית שמאי געזאָגט צו זיי (צו די בית הלל): איר האָט פאראכטן (איר האָט פארזאָרגט די רעכט) פון בעל הבית (אז ער זאָל ניט היזק האָבן זיין חלק), און אים (דעם האלבן שקלאַף) האָט איר ניט פאראראכטן (ניט פארזאָרגט זיינע רעכט); חתונה האָבן מיט א שפחה (א שקלאפין) קאָן ער ניט, ווייל ער איז דאָך שוין א האלבער פרייער מענטש, (חתונה האָבן מיט) א פרייער פרוי (בת חורין, א פרייער טאָכטער) קאָן ער אויך ניט, ווייל ער איז דאָך א האלבער שקלאַף, און סטייטש די וועלט איז דאָך ניט באשאפן געוואָרן סיידן פאר פריה ורביה (מענטשן זאָלן זיך מערן. מען זאָל האָבן קינדער) ווארום עס ווערט געזאָגט (ישעיה מ״ה) „לא תהו בראה לשבת יצרה, ניט צו פוסטקייט האָט ער (גאָט) זי (די וועלט) באשאפן, (נאָר) צום באזעצן זי (מיט מענטשן) האָט ער זי באשאפן״; נאָר צוליב דער טובה פון דער וועלט (תיקון העולם) צווינגט מען זיין בעל הבית און ער מאכט אים פאר א פרייען מענטש (ער זאָל אים באפרייען אינגאנצן), און ער (דער האלבער שקלאַף) גיט אים א וועקסל אויף די העלפט פון זיין (דעם שקלאַף׳ס) געלט (־ווערט). און די בית הלל האָבן זיך צוריקגעצויגן (פון זייער דעה און גענומען) פסקענען אזוי ווי די בית שמאי. **אויך די דאָזיקע הלכה געהערט צו די הלכות פון „תיקון העולם״ און דאריבער ווערט זי געבראכט דאָ אין דער משנה.**

ו. המוכר, אז איינער פארקויפט זיין שקלאַף צו א גוי אָדער (פון ארץ ישראל) קיין חוץ לארץ, גייט ער (דער שקלאַף) ארויס פריי. **אויב דער שקלאַף אנטלויפט פון גוי אָדער פון זיין בעל הבית אין חוץ לארץ, איז ער פריי. אן אנדערער טייטש איז, אז דאָס בית דין צווינגט דעם ערשטן בעל הבית צוריק אויסצוקויפן דעם שקלאַף און ער ווערט פריי. מען האָט דעם בעל הבית געקנסט, ווייל ביים גוי קאָן דער שקלאַף ניט מקיים זיין מצוות, און ווייל אין חוץ לארץ האָט ער אים ארויסגענומען פון ארץ ישראל.** אין פודין, מען טאָר ניט אויסלייזן געפאנגענע (מענטשן) פאר מער

השבויין, מפני תיקון העולם. רבן שמעון בן גמליאל אומר, מפני תקנת השבוין. ואין לוקחין ספרים תפילין ומזוזות מן הנכרים יותר על כדי דמיהן, מפני תקון העולם:

ז. המוציא את אשתו משום שם רע לא יחזיר, משום נדר, לא יחזיר. ר׳ יהודה אומר, כל נדר שידעו בו רבים, לא יחזיר. ושלא ידעו בו רבים, יחזיר. ר׳ מאיר אומר, כל נדר שצריך חקירת חכם, לא יחזיר, ושאינו צריך חקירת חכם, יחזיר. אמר ר׳ אליעזר לא אסרו זה אלא

געלט, וויפיל זיי זיינען ווערט, צוליב דער טובה פון דער וועלט (תיקון העולם).
כדי ניט צו דערלאָזן אז די גויים זעענדיק אז מען צאָלט זיי אזוי פיל געלט זאָלן
זיך באמיען צו פאנגן א סך מענטשן. ואין מבריחין, און מען טאָרניט העלפן גע־
פאנגענע צו אנטלויפן (פון זייער געפאנגנשאפט) צוליב דער טובה פון דער וועלט.
די מורא איז, אז די גויים וועלן אויף די מענטשן, וואָס זיי וועלן שפּעטער פאנגן
ארויפלייגן קייטן, כדי זיי זאָלן ניט אנטלויפן. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז (דאָס,
וואָס מען טאָרניט העלפן געפאנגענע צו אנטלויפן, איז) צוליב דער טובה פון די
(איצטיקע) געפאנגענע. ווייל אויב טייל וועלן אנטלויפן, וועלן די גויים אויף די
איבערגעבליבענע געפאנגענע אָנטאָן קייטן. אָבער אויב עס איז נאָר פאראן איין גע־
פאנגענער מעג מען אים העלפן צו אנטלויפן, און וועגן שפּעטערדיקע געפאנגענע
דאַרף מען ניט מורא האָבן. ואין לוקחין, און מען טאָרניט אויסקויפן פון גויים ספרים,
תפילין און מזוזות פאר מער געלט וויפיל זיי זענען ווערט, צוליב דער טובה פון
דער וועלט (תיקון העולם). דער רמב״ם זאָגט, כדי ניט צו־געוואוינען די גויים צו גנ־
בענען און גזלענען זיי.

ז. המוציא, אז איינער גט זיין ווייב צוליב א שלעכטן שם (ווייל עס איז ארויס
אויף איר א קלאנג אז זי האָט מזנה געווען), טאָר ער זי (קיינמאָל) ניט צוריקנעמען.
אויב צוליב א נדר (דערפאר וואָס די פרוי האָט געטאָן א נדר, און ער וויל ניט א ווייב
וואָס האָט נדרים), טאָר ער זי (קיינמאָל) ניט צוריקנעמען. דער טעם איז, ווייל טאָ־
מער וועט זי חתונה האָבן מיט אן אנדערן, און דערנאָך וועט זיך ארויסווייזן אז דער
שלעכטער קלאנג איז געווען פאלש, אָדער די פרוי וועט גיין צו א דיין און זיך
לאָזן מתיר נדר זיין, און דער ערשטער מאן וועט טענה׳ן, אז ווען ער וואָלט דאָס
געוואוסט וואָלט ער זי ניט געגט, און אז דער גט איז געווען א ניט־ריכטיקער, און
די קינדער וואָס זי האָט מיטן צווייטן מאן זענען ממזרים. דעריבער זאָגט מען
דעם מאן ביים גט געבן, אז ער וועט מיט איר קיינמאָל ניט טאָרן חתונה האָבן, און
אויב ער באשליסט ביי זיך זי צו גטן, טוט ער עס שוין מיט א פעסטן באשלוס און ער
וועט שוין שפּעטער גאָרניט טענהן. ר׳ יהודה זאָגט, אז אויב צוליב א נדר וועגן
וועלכן א סך מענטשן (רבים, צען מענטשן) ווייסן, טאָר ער זי ניט צוריקנעמען, און
אויב (צוליב א נדר) וועגן וועלכן עס ווייסן ניט א סך מענטשן, מעג ער זי צוריק־
נעמען. ווייל ווען צען מענטשן ווייסן, הייסט עס אז די פרוי איז לייכטזיניק מיט
נדרים, און מען שטראָפט איר דערפאר. ר׳ מאיר זאָגט, אז אויב צוליב א נדר, וואָס
(כדי אים מתיר צו מאכן) האָט זי (די פרוי) געדאַרפן גיין צו א חכם (צו א דיין, חקירת
חכם, דער חכם דאַרף זי אויספרעגן כדי צו געפינען דעם היתר) טאָר ער זי ניט
צוריקנעמען, אָבער אויב (צוליב א נדר) וואָס זי האָט ניט געדאַרפן האָבן די אונ־
טערזוכונג פון א דיין (ווייל איר מאן אליין האָט איר געקאָנט צושטערן דעם נדר)
מעג ער זי צוריקנעמען. דאָ קאָן מען ניט מורא האָבן טאָמער וועט דער מאן שפּע־
טער טענה׳ן, אז ער וואָלט זי ניט געווען געגט ווען ער וואָלט געוואוסט, אז דער
דיין וועט איר מתיר נדר זיין, מחמת ער, דער מאן, אליין האָט דאָך איר געקאָנט
צושטערן דעם נדר. וועגן מתיר נדר זיין דורך א חכם און צושטערן נדרים פון א
פרוי דורך איר מאן זע אין דער הקדמה צו מסכתא נדרים. אָמר, האָט ר׳ אליעזר גע־

מפני זה. אָמר ר׳ יוסי בר׳ יהודה, מעשה בצידן באחד שאמר לאשתו קונם אם איני מגרשך, וגרשה, והתירו לו חכמים שיחזירנה, מפני תקון העולם:

ח. המוציא את אשתו משום איילונית, ר׳ יהודה אומר, לא יחזיר. וחכמים אומרים, יחזיר. נישאת לאחר והיו לו בנים הימנו והיא תובעת כתובתה, אָמר ר׳ יהודה, אומר לה שתיקותיך יפה ליך מדבוריך:

ט. המוכר את עצמו ואת בניו לנכרי אין פודין אותו. אבל פודין

זאָגט, אז מען האָט געאסרט (דעם מאן צוריק חתונה האָבן מיט זיין ווייב אויב ער האָט זי געגט צוליב) דעם (נדר וואָס דער מאן קאָן יאָ צושטערן) נור צוליב דעם (נדר וועלכן ער קאָן ניט צושטערן). **כדי ער זאָל ניט זאָגן, אז ער האָט ניט געוואוסט אז ער קאָן צושטערן דעם נדר און ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָלט ער זי ניט גע־גט. אזוי טייטשן די מפרשים אויפן יסוד פון דער גמרא. אָמר** ר׳ יוסי, האָט ר׳ יוסי ברבי יהודה געזאָגט אז עס איז געווען א מעשה אין (דער שטאָט) צידון מיט איינעם וועלכער האָט געזאָגט צו זיין ווייב: „קונם, איך טו א נדר אויב איך וועל דיך ניט גטן״, און ער האָט זי געגט, און די חכמים האָבן אים מתיר געווען זי צוריקצונעמען, צוליב דער טובה פון דער וועלט (תיקון העולם). **די גמרא זאָגט אז עס פעלן עטליכע ווערטער אין דער משנה, און עס דארף זיין אז ר׳ יוסי ברבי יהודא זאָגט, אז דאָס וואָס איינער גט זיין ווייב צוליב א נדר טאָר ער זי ניט צוריקנעמען איז נור ווען זי האָט געטאָן דעם נדר, אָבער אויב ער דער מאן האָט געטאָן דעם נדר, מעג ער זי יאָ צוריקנעמען, און ער ברענגט א ראיה פון דער מעשה אין צידון. די ווערטער צום סוף „מפני תיקון העולם״, מיינען אזוי: „ווארום דער גאנצער טעם פארוואָס מען האָט געאסרט דעם מאן צוריקצונעמען זיין פרוי ווען ער האָט זי געגט צוליב איר נדר — איז דאָך צוליב דער טובה פון דער וועלט, כדי דער מאן זאָל שפּעטער ניט טענהן, אז דער גט טויג ניט. אָבער אויב ער האָט געטאָן דעם נדר האָט מען דער־פאר ניט קיין מורא.**

ח. המוציא, אז איינער גט זיין פרוי ווייל זי איז אן איילונית (זי קאָן ניט האָבן קיין קינדער), זאָגט ר׳ יהודה אז ער טאָר זי (קיינמאָל) ניט צוריקנעמען. **עס איז דער זעלביקער טעם וואָס אין דער פריערדיקער משנה ביים נדר, דהיינו, טאָמער וועט זי חתונה האָבן מיט אן אנדערן און יאָ האָבן קינדער, און ער וועט זאָגן אז אויב ער וואָלט געוואוסט וואָלט ער זי ניט געגט.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז ער מעג זי יאָ צוריקנעמען. **די גמרא זאָגט, אז מיט „חכמים״ מיינט מען דאָ ר׳ מאיר, וועלכער האַלט, אז כדי א תנאי זאָל זיין גוט מוז ער זיין „כפול״, „געטאָפּלט״, מען דארף זיך אויסנעמען, „אויב יאָ, און אויב ניט״. און דאריבער ווייל דער מאן האָט בשעת דעם גטן זיך ניט געזאָגט בפירוש: „אויב דו ביזט אן אילונית איז דער גט א גט, און אויב ניט איז דער גט ניט קיין גט״, האָט מען ניט מורא צו האָבן פאר זיין שפּעטער־דיקן טענהן.** נשאת לאחר, אויב זי (וועלכע דער מאן האָט געגט אלס אילונית) האָט חתונה געהאט צו אן אנדערן און זי האָט געהאט קינדער, און זי מאָנט (פון ערשטן מאן) די כתובה (ווארום אז איינער גט זיין פרוי ווייל זי איז אן אילונית קומט איר ניט קיין כתובה, און איצט אז זי האָט קינדער מאָנט זי די כתובה, ווייל זי איז דאָך ניט קיין אילונית), זאָגט ר׳ יהודה, אז ער קאָן צו איר זאָגן: „דיין שווייגן איז פאר דיר בעסער פון דיין רעדן״. **מחמת ער קאָן טענהן אז אויב ער וואָלט געוואוסט, אז ער וועט איר דארפן געבן די כתובה וואָלט ער זי ניט גע׳גט, און דער גט טויג ניט און אירע קינדער פון אנדערן מאן זענען ממזרים.**

ט. המוכר, אז איינער פארקויפט זיך און זיינע קינדער (אלס שקלאפן) צו א גוי, לייזט מען אים ניט אויס. **עס איז א מצוה אויסצולייזן יידן וועלכע זענען פארקויפט געוואָרן אלס שקלאפן. דאָס איז די מצוה פון פדיון שבויים. מען האָט דערפאר גע־**

את הבנים לאחר מיתת אביהן. המוכר את שדהו לנכרי, (וחזר ולקחה ממנו ישראל), הלוקח מביא ממנו בכורים, מפני תקון העולם:

פרק ה.

א. הנזקין שמין להן בעידית, ובעל חוב בבינונית, וכתובת אשה בזיבורית. ר׳ מאיר אומר, אף כתובת אשה בבינונית:

ב. אין נפרעין מנכסים משועבדים במקום שיש נכסים בני חורין,

זאמלט געלט (זע שקלים פרק א׳ משנה ה׳). זאָגט די משנה אז אויב איינער האָט זיך און זיינע קינדער פארקויפט צו א גוי, — און די גמרא זאָגט, אז מען מיינט, אז ער האָט דאָס שוין געטאָן 2־3 מאָל — לייזט מען זיי ניט אויס. אָבל, אָבער מען לייזט אויס די קינדער נאָך זייער פאָטער׳ס טויט. ווען דער פאָטער לעבט לייזט מען ניט אויס אויך די קינדער, כדי ער זאָל זיי ניט ווידער פארקויפן, אָבער נאָכן פאָטערס טויט לייזט מען אויס די קינדער. המוכר, אז איינער (א ייד) פארקויפט זיין פעלד (אין ארץ ישראל) צו א גוי דארף ער (יעדעס יאָר) קויפן (פון גוי פרוכטן) פון דעם (פעלד) און ברענגען ביכורים (די ערשט־צייטיקע פרוכטן וואָס מען דארף ברענגען אין בית המקדש), פאר דער טובה פון דער וועלט. כדי א ייד זאָל ניט פארקויפן פעלדער אין ארץ ישראל צו גויים, און ווען ער פארקויפט זאָל ער זיך באמיען עס צוריק אָפּצוקויפן. דאָס איז די גירסא פון רשי און ברטנורא (לוקח ומביא ממנו בכורים). דער רמבם האָט אן אנדער גירסא. וועגן ביכורים זע אין דער הקדמה צו מסכתא ביכורים.

פרק ה.

א. הניזקין, מענטשן, וועלכע מען האָט געטאָן שאדן (און זיי מאָנען פאר זייער שאדן פון דעם שאדן־טוער) שאצט מען זיי אָפּ (אָפּצונעמען) פון די בעסטע פעלדער (עידית). מיר האָבן שוין אין פאָריקן פרק געגעבן אז די משנה ווען דאָ געבן הלכות וואָס זייער טעם איז „מפני תיקון העולם״, צוליב דער טובה פון דער וועלט״. די ערשטע הלכה איז, אז אויב ראובן האָט געטאָן א שאדן שמעונען, און האָט ניט קיין געלט אים צו באצאָלן אָבער ער האָט פעלדער גוטע (עידית), מיטעלע (בינונית) און שלעכטע (זיבורית), דארף ער אים געבן פון זיינע בעסטע פעלדער, פון די עידית. לויט דעם דין פון דער תורה (שמות כ״ב, „מיטב שדהו״) וואָלט גענוג געווען ווען ראובן גיט שמעונען אזא פעלד, וואָס איז גלייך צו שמעון׳ס בעסטע פעלד, אפילו ראובן האָט נאָך א בעסער פעלד דערפון. אָבער די חכמים, (צוליב „תיקון העולם״, מען זאָל זיין געהיט ניט צו טאָן קיין שאָדן אנדערע מענטשן) האָבן מתקן געווען אז מען זאָל נעמען פון ראובנ׳ס בעסטע פעלדער. ובעל חוב, און א געלט־באַרגער (נעמט מען) פון די מיטעלע פעלדער (בינונית). אויב ראובן איז שולדיג שמעונען געלט, און ער האָט ניט קיין געלט אים צו באצאָלן, אָבער ער האָט פעלדער, נעמט מען ביי אים די מיטעלע פעלדער. לויט דעם דין פון דער תורה איז גענוג ווען ער גיט אים די ערגסטע פעלדער, אָבער די חכמים האָבן מתקן געווען אז מען זאָל נעמען פון די מיטעלע, כדי איין מענטש זאָל זיין וויליג צו באָרגן א אנדערן געלט. וכתובת, און די כתובה פון א פרוי (נעמט מען) פון די ערגסטע פעלדער (זיבורית). אויב די געגטע פרוי מאָנט איר כתובה ביי איר געוועזענעם מאן, און ער האָט ניט קיין געלט, איז גענוג ווען ער גיט איר פון די ערגסטע פעלדער; מען האָט ניט מורא, טאָמער וועט א פרוי צוליב דעם ניט וועלן חתונה האָבן, ווייל א פרוי וויל חתונה האָבן. ר׳ מאיר זאָגט אז אויך די כתובה פון א פרוי (נעמט מען) פון די מיטעלע פעלדער. זי האָט דעם דין ווי איינער וועלכער האָט געבאָרגט געלט.

ב. אין נפרעין, מען נעמט ניט אָפּ (מען קאָן ניט אויפמאָנען) פון פארקויפטע פעלדער (משועבדים) ווען עס זענען פאראן פרייע פעלדער (בני חורין), אפילו ווען זיי (די פרייע פעלדער) זענען די ערגסטע (זיבורית). אויב ראובן האָט געבאָרגט געלט ביי שמעון און ראובן האָט שלעכטע פעלדער און מיטעלע פעלדער און ראובן האָט

ואפילו הן זיבורית.

ג. אין מוציאין לאכילת פירות ולשבח קרקעות ולמזון האשה והבנות מנכסים משועבדים, מפני תקון העולם. והמוצא מציאה לא ישבע, מפני תקון העולם:

ד. יתומים שסמכו אצל בעל הבית, או שמינה להן אביהן אפטרו-

דערנאָך פאַרקויפט די מיטעלע פעלדער צו לוי און דער דין איז אז אויב ראובן האָט ניט צו באַצאָלן דעם חוב קאָן שמעון צונעמען די פעלדער פון לוי (די פעלדער זענען „משועבד" צום חוב), אָבער אויב ביי ראובן זענען געבליבן די שלעכטע פעלדער, קאָן שמעון ביי לוי גאָרניט נעמען, און ער מוז נעמען די שלעכטע פעלדער (די פרייע) וועלכע זיינען געבליבן ביי ראובנען. כאָטש שמעונען קומט דאָך פאַר דעם חוב אָפּצונעמען מיטעלע פעלדער, אָבער ווייל די מיטעלע פעלדער זענען פאַר־קויפט, און ביי ראובנען זענען געבליבן שלעכטע פעלדער מוז ער נעמען די שלעכטע. אין נפרעין, מען קאָן ניט אָפּנעמען פון פאַרמעגנס פון יתומים סיידן פון די שלעכטע. אויב ראובן איז געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט יתומים און פעלדער מיטעלע און שלעכטע, קאָן שמעון, וועמען עס קומט געלט פון ראובנען, ניט אָפּנעמען זיין חוב פון די מיטעלע פעלדער, נאָר ער מוז נעמען פון די ערגערע.

ג. אין מוציאין, מען קאָן ניט אָפּנעמען פאַר אויפגעגעסענע פּרוכטן, און פאַר פאַרבעסערונג פון פעלדער און צו שפּייזן די פרוי און טעכטער, פון פאַרקויפטע פעלדער, צוליב דער טובה פון דער וועלט (תיקון העולם). „אויפגעגעסענע פּרוכטן" (אכילת פירות) מיינט אז ראובן האָט געגזלט א פעלד ביי שמעון און ראובן האָט אויפ־געסען די פּרוכטן פון פעלד און דאָס פעלד האָט ער קאַליע געמאַכט, און שמעון קומט דערנאָך אָפּמאָנען פון ראובנען, אָבער ראובן האָט גאָרניט אייגנס מחמת זיינע אייגענע פעלדער האָט ער פאַרקויפט צו לוי, קאָן שמעון אויפמאָנען פאַר זיין פעלד אויך פון די פאַרקויפטע פעלדער (נכסים משועבדים) ביי לוי, אָבער פאַר די אויפ־געגעסענע פּרוכטן קאָן ער פון די פאַרקויפטע פעלדער ניט אויפמאָנען. אזוי טייטשט דער רמבם; דער ברטנורא האָט אן אנדערן טייטש, און ביידע טייטשן זענען פאַראַן אין דער גמרא בבא מציעא י"ד. „שבח קרקעות" (פאַרבעסערונג פון פעלדער) מיינט מען, אויב ראובן האָט דאָס געגזלטע פעלד פאַרקויפט צו יהודה און יהודה האָט עס פאַרבעסערט און שמעון האָט עס צוגענומען פון יהודה, קאָן יהודה אָפּנעמען פאַר דער פאַרבעסערונג פון פעלד נאָר פון פעלדער, וואָס זענען ביי ראובנען, אָבער ניט פון פעלדער, וועלכע ראובן האָט פאַרקויפט צו לוי. „דאָס שפּייזן פון א ווייב און טעכטער" מיינט מען דעם דין, אז ווען א מאַן שטאַרבט קומט דער פרוי, דער אלמנה און די יינגע טעכטער צו עסן (און אנדערע הוצאות) פון די איבערגעלאָזטע ירושה־פאַר־מעגנס; אָבער זיי קאָנען ניט אויפמאָנען פון די פעלדער וואָס דער מאַן האָט פאַר־קויפט צו אנדערע. דער „תיקון העולם" מיינט דאָ, ווייל דאָס זענען זאַכן וואָס האָבן ניט קיין שיעור, און דער וועלכער קויפט די פעלדער ווייסט דאָך ניט וויפיל ער וועט דאַרפן צאָלן. והמוצא, און אז איינער געפינט א מציאה (למשל א בייטל מיט געלט, און דער בעל הבית פון בייטל טענה'ט, אז עס איז געווען אין בייטל מער געלט), דאַרף (דער געפינער) ניט שווערן (אז ער האָט נור געפינען אזוי פיל און ניט מער) צוליב דער טובה פון דער וועלט, ווייל אויב מען וועט דאַרפן שווערן, וועט קיינער ניט וועלן אויפהייבן פאַרלוירענע זאַכן, כדי זיי צוריקצוגעבן צום בעל הבית.

ד. יתומים, יתומים וואָס האַלטן זיך אויף ביי א בעל הבית, אָדער זייער פאָ־טער האָט (פאַרן שטאַרבן) באַשטימט איבער זיי אן אפּוטרופּוס (און עס איז געבליבן פון פאָטער ירושה פעלדער) און דער בעל הבית אָדער דער אפּוטרופּוס פאַרוואַלטעט מיט די פעלדער), איז ער מחויב אָפּצושיידן מעשר פון זייערע פּרוכטן. פון אראָפּגע־נומענע פּרוכטן דאַרף מען געבן תרומה און מעשרות (זע די הקדמה צו מסכתא דמאי).

פוס, חייב לעשר פירותיהן. ואפטרופס שמינהו אבי יתומים, ישבע. מינהו בית דין, לא ישבע. אבא שאול אומר, חלוף הדברים. המטמא. והמדמע והמנסך, בשוגג, פטור, במזיד, חייב. הכהנים שפגלו במקדש מזידין, חייבין:

ה. העיד ר׳ יוחנן בן גודגדה על החרשת שהשיאה אביה שהיא

און די משנה מיינט דאָ אז ער דארף אָפּשיידן די תרומה און מעשרות. „אפטרופוס״ איז דאָס גריכישע וואָרט „עפּיטראָפּאָס״, פאַרוואַלטער. ואפטרופוס, און אן אפיטרופוס, וועמען דער פאָטער פון די יתומים האָט (פאַרן שטאַרבן) באַשטימט (צו פאַרוואַלטן נאָכן טויט מיט דעם ירושה־פאַרמעגנס פון די יתומים), דאַרף שווערן. **די שבועה איז אז ער האָט פאַר זיך גאָרניט גענומען פון פאַרמעגנס פון די יתומים. מען האָט ניט קיין מורא, אז טאָמער וועט קיין מענטש דאַדורך ניט וועלן זיין אן אפיטרופוס, מחמת מסתמא האָט ער געהאַט עפּעס א הנאה פון פאַרשטאַרבענעם פאָטער און ער דאַרף אים אָפּדינען.** מינהו בית דין, (אָבער אן אפטרופוס וועלכן) דאָס בית דין (דאָס יידישע געריכט) האָט אים באַשטימט (צו פאַרוואַלטן מיט דעם פאַרמעגן פון די יתומים) דאַרף ניט שווערן. **מחמת ער טוט דאָדזיכער א טובה בחינם.** אבא שאול זאָגט, אז פאַרקערט זענען די זאַכן. **און אָן אפוטרופוס וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורכן פאָטער דאַרף ניט שווערן, ווייל ער האָט גאָרניט דערפון, אָבער אן אפוטרופוס וואָס איז באַשטימט דורך דעם בית דין דאַרף יאָ שווערן, מחמת ער געווינט דאַדורך, וואָס מען זאָגט אויף אים אז ער איז אזא אָרנטליכער מאַן אז דאָס בית דין געטרויט אים; דעריבער אפילו ווען ער דאַרף שווערן וועט ער זיך ניט אָפּזאָגן פון צו זיין אפוטרופוס.** המטמא, אז איינער מאַכט טמא (זאַכן פון אן אנדערן מענטש, למשל ער רירט זיי אָן מיט א טויטן שרץ) אָדער ער מישט־אויס (מדמע, ער מישט־אויס אן אנדערנס תבואה מיט תרומה תבואה, אזוי אז דעם געמיש מעג עסן נאָר א כהן), אָדער ער מאַכט יין נסך (המנסך, ער מישט אויס דעם כשרן ווײַן פון אן אנדערן מיט יין נסך, ווײַן פון א עבודה זרה און מען טאָר דעם געמיש ניט טרינקען) אויב ער האָט עס געטאָן בשוגג (ניט ווילנדיק) איז ער פּטור צו באַצאָלן פאַר דעם שאָדן; במזיד (אויב ער האָט עס געטאָן ווילנדיק, מיט א כוונה) איז ער מחויב (צו באַצאָלן). **די משנה האַלט, אז „היזק שאינו ניכר״, א שאָדן, וואָס מען טוט און מען באַמערקט ניט דעם שאָדן (למשל דאָ איז דאָך די תבואה און דער ווײַן דערזעלבער, דעם שאָדן דערקענט מען דאָך ניט), הייסט ניט געטאָן קיין שאָדן (לאו שמיה היזק). דעריבער אויב ער האָט עס געטאָן בשוגג איז ער פּטור, אָבער אויב ער האָט עס געטאָן במזיד, האָבן די חכמים מתקן געווען „צוליב דער טובה פון דער וועלט״ (מפני תיקון העולם) אז ער זאָל יאָ באַצאָלן, כדי מען זאָל ניט גיין און מטמא זיין, אָדער אויסמישן אָדער מאַכן יין נסך אן אנדערנס תבואה און ווײַן.** הכהנים, כהנים וואָס האָבן אין בית המקדש געמאַכט פיגול (ווען זיי האָבן מקריב געווען איינעמ׳ס א קרבן האָבן זיי געהאַט דאַביי א פסולע מחשבה, למשל, זיי האָבן אינזינען געהאַט צו עסן דאָס פלייש פון קרבן נאָך דער צייט ווען מען מעג עס עסן) אויב זיי האָבן עס געטאָן במזיד זענען זיי מחויב. **זיי דאַרפן באַצאָלן דעם בעל הבית פון קרבן זיין שאָדן, מחמת דער קרבן ווען ער ווערט פיגול איז ער פסול, און דער בעל הבית דאַרף ברענגען אן אנדערן קרבן. און אפילו ווען דער קרבן איז געווען א נדבה, און ער דאַרף ניט ברענגען קיין אנדערן קרבן, דאַרפן אויך די כהנים באַצאָלן, מחמת זיי האָבן אים קאַליע געמאַכט זיין נדבה־קרבן. וועגן „נדבה״ זע מגילה פרק א׳ משנה ו׳.**

ה. העיד, ר׳ יוחנן בן גודגדא האָט עדות געזאָגט אויף א טויב־שטומע וואָס איר פאָטער האָט איר חתונה געמאַכט (ווען זי איז נאָך געווען יונג און איר פאָטער האָט געקאָנט צונעמען פאַר איר דיקידושין), אז זי גייט אַרויס מיט א גט (אז דער מאַן קאָן איר שפּעטער גטן). **כאָטש א טויב־שטומע האָט ניט קיין דעת, אָבער ווייל מען**

יוצאה בגט, ועל קטנה בת ישראל שנשאת לכהן שאוכלת בתרומה, ואם מתה, בעלה יורשה, ועל המריש הגזול שבנאו בבירה, שיטול את דמיו, מפני תקנת השבים, ועל חטאת הגזולה שלא נודעה לרבים, שהיא מכפרת, מפני תקון המזבח:

ו. לא היה סיקריקון ביהודה בהרוגי מלחמה. מהרוגי מלחמה ואילך יש בה סיקריקון. כיצד? לקח מסיקריקון, וחזר ולקח מבעל הבית, מקחו בטל. מבעל הבית, וחזר ולקח מסיקריקון, מקחו קיים.

קאָן גטן א פרוי קייגן איר ווילן (בעל כרחה) דאריבער קאָן זי דער מאַן גטן. ועל, און (האָט ר׳ יוחנן עדות געזאָגט) אויף א קליינע (יינגער פון צוועלף יאָר מיט א טאָג) טאָכטער פון א ישראל (וועלכע איז א יתומה, האָט ניט קיין פאָטער) וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט א כהן אז זי מעג עסן תרומה. דאָס חתונה האָבן פון א יינגע יתומה איז נור מדרבנן; ר׳ יוחנן מיינט אז זי מעג עסן נור אזא תרומה וואָס איז אויך נור מדרבנן תרומה. ואם מתה, און אויב זי (די יינגע יתומה) איז געשטאָרבן (און האָט איבערגעלאָזט פארמעגנס) אז דער מאַן ירשנט זי: אויך דאָס האָט עדות געזאָגט ר׳ יוחנן. ועל המריש, און (האָט ר׳ יוחנן עדות געזאָגט) אויף א צו־געגזלטן באלקן (מריש, א גרויסן קלאָץ), וועלכן (דער גזלן) האָט אריינגעבויט אין (זיין) גרויס הויז (בירה), אז ער (דער ביי וועלכן מען האָט דעם באלקן צוגעגזלט) זאָל נעמען (פון גזלן) זיין געלט, צוליב דער טובה פון בעלי תשובה (תקנת השבים). דער גזלן מוז ניט פונאנדערנעמען זיין הויז, כדי צוריקצוגעבן דעם נגזל, דעם בעל הבית פון באלקן, דוקא דעם באלקן זעלבסט; עס איז גענוג ווען ער באצאָלט אים וויפיל דער באלקן איז ווערט. די תקנה איז, כדי גזלנים זאָלן תשובה טאָן, און אויב מען וועט אים הייסן פונאנדערנעמען זיין הויז, וועט ער עס ניט טאָן און וועט ניט תשובה טאָן. ועל חטאת, און (האָט ר׳ יוחנן עדות געזאָגט) אויף א קרבן חטאת וואָס איז א צוגעגזלטע (איינער למשל, האָט צוגעגזלט א בהמה און האָט זי געבראַכט אין בית המקדש מקריב צו זיין פאר זיין קרבן חטאת) אויב עס איז ניט באוואוסט צו א סך מענטשן (ניט א סך מענטשן ווייסן אז זי איז א צוגעגזלטע) אז זי איז מכפר (זי איז א גוטער קרבן) צוליב דער טובה פון מזבח. ווייל אויב ניט וועלן די כהנים זיין טרויעריק, באשר מען האָט געשאָכטן אין בית המקדש ניט קיין הייליקע בהמה פאר א קרבן, און זיי וועלן ניט וועלן טאָן די עבודה, און דער מזבח וועט זיין ליידיק. וועגן א סך מענטשן איז פאראַן איין מיינונג אין ירושלמי אז דאָס מיינט מען 3 פערזאָן.

ו. לא היו, עס איז ניט געווען אין יהודה (דער דין) פון סיקריקון אין דער צייט ווען מענטשן זענען געהרגט געוואָרן אין דער מלחמה (הרוגי מלחמה); אָבער פון די מלחמה־געהרגעטע אָן און שפּעטער איז שוין געווען אין איר (אין יהודה, דער דין פון) סיקריקון. מיט „סיקריקון״ (פון לאטייניש וואָרט „סיקאריוס״ א מערדער) מיינט דאָ די משנה א גוי א מערדער וואָס נעמט צו מיט גוואַלט א פעלד צי א הויז ביי יידן אין ארץ ישראל. מייסטנס האָבן עס געטאָן די רוימישע זעלנער אין דער צייט פון דער מלחמה פון חורבן פון 2טן בית המקדש אין דעם דרום טייל פון ארץ ישראל, אין „יהודה״ (וואו עס געפינט זיך אויך ירושלים). די שאלה איז געווען, אויב אן אנדערער ייד, ניט דער בעל הבית פון פעלד, האָט אָפּגעקויפט דאָס פעלד פון דעם סיקריקון און אים באצאָלט דערפאר געלט, צי קאָן דער ערשטער בעל הבית אָפּמאָנען דאָס פעלד פון דעם יידישן קויפער? דערויף לערנט די משנה אז אויב דאָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון די „הרוגי מלחמה״, ווען מען האָט געהרגעט יידן, און די רוימער האָבן געהייסן הרגענען יידן, קאָן דער ערשטער בעל הבית ניט האָבן קיין טענה צום קויפער, און מען פסקנט אים ניט צו דעם „דין פון סיקריקון״ וואָס די משנה וועט ווייטער זאָגן. מחמת מען נעמט אָן אז דער בעל הבית האָט אוועקגעגעבן דאָס פעלד דעם גוי כדי ער זאָל אים ניט הרגענען, אָבער אויב דאָס איז פאָר־

לקח מן האיש, וחזר ולקח מן האשה, מקחו בטל. מן האשה וחזר ולקח מן האיש, מקחו קיים. זו משנה ראשונה. בית דין של אחריהם אָמרו, הלוקח מסיקריקון, נותן לבעלים רביע. אימתי? בזמן שאין בידן ליקח, אבל יש בידן ליקח, הן קודמין לכל אדם. רבי הושיב בית דין ונמנו, שאם שהתה בפני סיקריקון שנים עשר חדש, כל הקודם ליקח זוכה, אבל נותן לבעלים רביע:

ז. חרש רומז ונרמז. ובן בתירא אומר, קופץ ונקפץ במטלטלין.

געקומען נאָך דער צייט פון די „הרוגי מלחמה״, ווען מען האָט שוין ניט געהייסן הרגענען יידן, פסקנט מען יאָ צו דעם **בעל הבית דעם סיקריקון דין. כיצד,** ווי אזוי? וואָס מיינט מען מיט דעם דין פון סיקריקון? לקח, אויב ער (דער אנדערער ייד) האָט (צוערשט) געקויפט דאָס פעלד פון דעם סיקריקון (פון דעם גוי) און (דערנאָך) האָט ער געקויפט (דאָס פעלד) פון (יידישן) בעל הבית, איז זיין קויף בטל. **איז דער קויף גאָרניט ווערט, מחמת מען נעמט אָן, אז דער בעל הבית האָט געמוזט אים פארקויפן מורא האָבנדיק פאר דעם סיקריקון, פאר דעם גוי.** מבעל הבית, אויב (ער האָט עס צו־ערשט געקויפט) פון בעל הבית און דערנאָך האָט ער געקויפט פון סיקריקון, איז זיין קויף גוט. **מחמת דער בעל הבית האָט דאָך געהאט די ברירה אים ניט צו פארקויפן. — איצט לערנט די משנה אן אנדערן דין, ניט וועגן סיקריקון נאָר וועגן א פעלד אויף וועלכן די פרוי האָט זיך געזיכערט איר כתובה, און איר מאַן עסט דערפון די פרוכטן.** לקח מן האיש, אויב איינער האָט געקויפט (דאָס פעלד) פון דעם מאַן און דערנאָך האָט ער עס געקויפט פון דער פרוי, איז זיין קויף בטל. **מחמת די פרוי קאָן טענהן, אז זי האָט עס געמוזט צוליב טאָן דעם מאַן, ניט וועלנדיק זיך איינרייסן מיט איר מאַן.** מן האשה, אויב (ער האָט עס צוערשט געקויפט) פון דער פרוי און דערנאָך האָט ער עס געקויפט פון מאַן, איז זיין קויף גוט. **מחמת דאָ קאָן זי דאָך ניט טענהן, אז זי האָט געמוזט צוליב טאָן איר מאַן.** זו, אזוי איז (האָט געפסקנט) די ערשטע משנה (די משנה הראשונה); דאָס בית דין נאָך זיי (די חכמים וואָס זענען געווען נאָך די חכמים פון דער ערשטער משנה) האָבן גוזאָגט, אז איינער קויפט פון סיקריקון דארף ער געבן דעם בעל הבית (פון פעלד) א פערטל. **ער דארף אים געבן א פערטל פון פעלד, מחמת מען נעמט אָן אז דער סיקריקון האָט אים סיי ווי פארקויפט דאָס פעלד פאר א פערטל ביליקער פון דעם פעלד־ווערט.** אימתי, ווען איז דאָס גוזאָגט געוואָרן? ווען ער (דער בעל הבית) קאָן ניט (האָט ניט קיין געלד) אָפּצוקויפן (דאָס פעלד ביים סיק־ריקון) אָבער אויב ער קאָן (האָט געלד) אָפּצוקויפן, איז ער (דער בעל הבית) פריער פאר אלע אנדערע מענטשן. **קיינער טאָר דאָס פעלד ניט קויפן, און מען דארף לאָזן דעם בעל הבית אויסצוקויפן דאָס פעלד.** רבי (דער מסדר פון דער משנה ר׳ יהודה הנשיא, רבי) האָט אוועקגעזעצט א בית דין און זיי האָבן באשלאָסן(נמנו, זיי האָבן געציילט, די חכמים פון בית דין האָבן אָפּגעשטימט) אז אויב דאָס (פעלד) איז געווען ביים סיקריקון צוועלף חדשים, איז ווער עס וויל עס קומען קויפן פריער, האָט זוכה געווען (מעג ער עס קויפן, אפילו ווען דער בעל הבית קאָן יאָ קויפן), אָבער ער דארף געבן דעם בעל הבית א פערטל. **אין דער גמרא זענען פאראן צוויי דיעות וועגן דעם „פערטל״, צי מען מיינט א פערטל פון געלד וויפיל דאָס פעלד איז ווערט צי א פערטל פון פעלד. אין דער גמרא גטין דאָ אויף דער משנה זענען צוליב די ווערטער „הרוגי מלחמה״ פאראן די סיפורים וועגן חורבן ירושלים, חורבן ביתר, די אגדות החורבן.**

ז. חרש, א טויב־שטומער קאָן (ביים קויפן זאכן) געבן צייכנס (רומז) און מען קאָן אים געבן צייכנס (נרמז). **מען גיט צייכנס מיט די הענט און מיטן קאָפּ, און דער פארקויף און דער קויף איז גוט אויפן יסוד פון די צייכנס.** ובן, און בן בתירא זאָגט, אז אויך דורך מאכן מיט די ליפן (קופץ) און דורך מאכן צו אים מיט די ליפן (נקפץ), ביים (קויפן) מטלטלין (באוועגליכע זאכן). **דאָס געבן צייכנס דורך מאכן מיט די ליפן**

הפעוטות מקחן מקח וממכרן ממכר במטלטלין:

ח. ואלו דברים אמרו מפני דרכי שלום. כהן קורא ראשון, ואחריו לוי, אחריו ישראל, מפני דרכי שלום. מערבין בבית ישן, מפני דרכי שלום. בור שהוא קרוב לאמה, מתמלא ראשון, מפני דרכי שלום. מצודות חיה ועופות ודגים יש בהם משום גזל, מפני דרכי שלום. ר׳ יוסי אומר גזל גמור. מציאת חרש שוטה וקטן יש בהן משום גזל, מפני דרכי שלום. ר׳ יוסי אומר, גזל גמור. עני המנקף בראש הזית, מה שתחתיו

איז שוואכער ווי דיצייכנס מיט די הענט און מיט דעם קאָפּ. זאָגט בן בתירא, אז ביי מטלטלין, באוועגליכע זאכן, איז אויך דאָס מאכן מיט די ליפּן גענוג. הפּעוטות, קליינע קינדער איז זייער קויף א קויף, און זייער פארקויף א פארקויף ביי מטלטלין (באַוועגליכע זאכן). מיט „פּעוטות״, קליינע מיינט מען 7־8 יעריקע קינדער, וואָס האָבן א שארפן שכל, אָדער 9־10 יעריקע קינדער אפילו זיי האָבן ניט קיין שארפן שכל.

ח. ואלו, און די דאָזיקע זאכן האָט מען געזאָגט צוליב שלום וועגן (מפּני דרכי שלום). מען האָט איינגעפירט די תקנות וואָס קומען ווייטער אין די משנות ביז צום סוף פּרק, כדי עס זאָל ניט זיין קיין מחלוקות. כהן, א כהן ליינט דער ערשטער (קריגט דער ערשטער די עליה צו דער ספר תורה), און נאָך אים א לוי, און נאָך אים א ישראל צוליב שלום וועגן. לויט דעם דין פון דער תורה קאָן דער כהן, אויב ער וויל, דערלויבן אויך א ישראל צו האָבן די עליה פאר אים. אָבער די חכמים האָבן מתקן געווען, אז מען זאָל עס ניט טאָן, כדי מען זאָל זיך ניט קריגן, פארוואָס ער האָט דוקא דעם ישראל דערלויבט און ניט אן אנדערען. מערבין, מען לייגט דעם עירוב (די עירובי חצרות, דאָס ברויט פאר א עירוב, כדי מען זאָל מעגן טראָגן אין הויף) אין אלטן הויז, צוליב שלום וועגן. מיט „אלטן הויז״ (בית ישן) מיינט מען דאָס הויז, וואו מען האָט ביז איצט געלייגט דעם עירוב. דאָס איז כדי זייטיקע מענטשן, ניט זעענדיק אין אלטן הויז דעם עירוב זאָלן ניט זאָגן אז מען טראָגט אָן א עירוב. וועגן „עירוב״ זע אין דער הקדמה צו מסכתא ערובין. בור, א ברונעם, וואָס איז נאָנט צום וואסער־קאנאל (אמה), ווערט אָנגעפילט (מיט וואסער) דער ערשטער, צוליב שלום וועגן. דער וואסער־קאנאל האָט טירעלעך, און ווען מען וויל אָנפילן די ברונעמס פון די פעלדער מיט וואסער עפנט מען אויף די טירלעך פון קאנאל צו די ברונעמס. כדי מען זאָל זיך ניט קריגן וועמענס ברונעם מען דארף פריער אָנפילן מיט וואסער, האָט מען מתקן געווען אז וואָס נענטער א ברונעם איז צום קאנאל, ווערט ער פריער אָנגעפילט. מצודות, נעצן (צו פאנגן) א חיה אָדער עופות אָדער פיש (איז דאָס וואָס ווערט געפאנגן אין דער נעץ געהערט צום בעל הבית פון דער נעץ, און אויב אן אנדערער נעמט עס צו) איז עס גזילה צוליב שלום וועגן. דער נעץ־בעל־הבית קאָן עס ניט אויפמאָנען דורך בית דין, אָבער גזילה הייסט עס צוליב דער תקנה פון חכמים פאר שלום־וועגן. ר׳ יוסי זאָגט, אז עס איז ריכטיקע גזילה (גזל גמור). מען קאָן עס צוריק מאָנען דורך בית דין. מציאת, די מציאה פון (זאכן וואָס עס געפינען) א טויב־שטומער, אָדער א מטורף אָדער א יינג קינד (אויב אן אנדערער נעמט עס צו ביי זיי) איז עס גזילה, צוליב שלום־וועגן. ר׳ יוסי זאָגט, אז עס איז ריכטיקע גזילה. אויך דאָ האַלט ר׳ יוסי אז מען קאָן עס אויפמאָנען דורך בית דין. עני, אן אָרימאן וואָס קלאפּט אראָפּ (מנקף, קלאפּט אראָפּ איילבירטן) פון שפּיץ פון איילבירט־בוים, איז וואָס עס איז פאראַן אונטער אים (די איילבירטן אונטן אויף דער ערד אונטער דעם בוים, אויב אן אנדערער נעמט עס צו) איז עס גזילה, צוליב שלום וועגן, ר׳ יוסי זאָגט, אז עס איז ריכטיקע גזילה. די מפרשים זאָגן אויפן יסוד פון דער גמרא, אז אין די אלע דריי פאלן האלט אויך ר׳ יוסי אז עס איז ניט קיין גזילה לויט דעם דין פון דער תורה, נאָר מדרבנן, אָבער מען קאָן עס אויפמאָנען דורך בית דין. אין, מען טאָרניט פארווערן גויים אָרי־

גזל, מפני דרכי שלום. ר׳ יוסי אומר, גזל גמור. אין ממחין ביד עניי נכרים בלקט שכחה ופאה, מפני דרכי שלום:

ט. משאלת אשה לחברתה החשודה על השביעית נפה, וכברה ורחים, ותנור, אבל לא תבור ולא תטחן עמה. אשת חבר משאלת לאשת עם הארץ, נפה, וכברה, ובוררת, וטוחנת, ומרקדת עמה. אבל משתטיל המים, לא תגע עמה, לפי שאין מחזיקין ידי עוברי עבירה. וכולן לא אמרו אלא מפני דרכי שלום. ומחזיקין ידי נכרים בשביעית, אבל לא ידי ישראל. ושואלין בשלומן, מפני דרכי שלום:

פרק ו.

א. האומר, התקבל גט זה לאשתי, או הולך גט זה לאשתי, אם רצה

מע לייט צו זאמלן (אין די פעלדער און גערטנער) לקט, שכחה און פאה, צוליב שלום וועגן. ווען א בעל הבית האָט געשניטן די תבואה פון זיין פעלד אָדער די פרוכטן פון גאָרטן, האָט ער געמוזט איבערלאָזן ביים עק פעלד צי גאָרטן אביסל תבואה און פרוכטן פאר אָרימע לייט. דאָס איז פאה. די אראָפּגעפאלענע זאנגן האָט ער ניט גע־טאָרט אויפקלייבן; דאָס הייסט „לקט", און עס האָט געהערט צו אָרימע לייט. אויב ער האָט פארגעסן אביסל זאנגן צי פרוכטן, הייסט עס „שכחה", און עס געהערט צו אָרימע לייט. זאָגט די משנה, אז מען טאָרניט שטערן אויך גוישע אָרימע לייט ווען זיי קומען דאָס נעמען (וועגן לקט, שכחה און פאה זע אין דער הקדמה צו מסכתא פאה).

ט. משאלת, א פרוי (וואָס איז אָפּגעהיטן אין די מצוות פון שמיטה־יאָר) מעג באָרגן איר פריינדין (דער פרוי) וועלכע מען איז חושד אז זי היט ניט אָפּ די שמיטה־דינים, א מעלזיפּ (נפה), א תבואה־זיפּ (כברה), א מילכל (צו מאָלן מעל), און אן אויוון (צו באקן ברויט); אָבער זי זאָל ניט זיפּן מיט איר און ניט מאלן מיט איר. **די דאָזיקע משנה איז פאראן וואָרט ביי וואָרט אין שביעית פרק ה׳ משנה ט׳, און דאָרט געבן מיר דעם פירוש דערצו.** אשת חבר, די פרוי פון א חבר (וועלכע איז אָפּגעהיטן אין אלע דינים פון מעשרות און פון טומאה וטהדה) מעג באָרגן דער פרוי פון עם הארץ (וועלכע איז אין די דאָזיקע דינים ניט אפּגעהיטן) א מעל־זיפּ און א תבואה־זיפּ, און זי מעג מיט איר צוזאמען זיפּן תבואה און מאָלן און דורכזיפּן מעל; אָבער פון זינט מען גיסט אריין דאָס וואסער אין מעל טאָר זי זיך צו איר מער ניט צו־רירן, ווייל מען טאָרניט העלפן די וועלכע טאָן א עבירה. **אויך די דאָזיקע משנה איז פאראן דאָרט אין שביעית פרק ה׳ משנה ט׳ און מיר געבן דאָרט דעם פירוש.** וכולן, און די אלע (זאכן וואָס די משנה האָט געזאָגט אז א פרוי מעג באָרגן איר פריינדין), האָט מען נור געזאָגט צוליב שלום וועגן; און מען מעג שטארקן די הענט פון גויים (ווינטשן זיי דערפאָלג אין זייער ארבייט) אים שמיטה־יאָר (ווען זיי ארבייטן אויף זייערע פעל־דער), אָבער יידן מען טאָר ניט ווינטשן, (ווען זיי ארבייטן אין פעלד אים שמיטה); און מען דארף זיי (די גויים) באגריסן, צוליב שלום וועגן. **אויך דער דאָזיקער טייל פון דער משנה איז פאראן דאָרט אין שביעית פרק ה׳ משנה ט׳, און דאָרט געבן מיר דעם פירוש דערצו. — דערמיט האָט די משנה דאָ געענדיקט די תקנות, וואָס די חכמים האָבן איינגעפירט אָדער צוליב „תיקון העולם", פאר דער טובה פון דער וועלט, אָדער צוליב „דרכי שלום", צוליב שלום וועגן.**

פרק ו.

א. האומר, אז איינער זאָגט (צו א שליח), „נעם דעם דאָזיקן גט צו מיין פרוי", אָדער „פיר אוועק דעם דאָזיקן גט צו מיין פרוי", אויב ער (דער מאן) וויל חרטה האָבן (מבטל מאכן דעם גט, איידער די פרוי האָט אים באקומען), קאָן ער חרטה האָבן. **ווייל פאר דער פרוי איז א שלעכטע זאך וואָס זי ווערט געגט, און א שלעכטע זאך קאָן ניט א פרעמדער נעמען פאר איר אָן איר הסכם. זי ווערט נור געגט ווען זי קריגט**

לחזור, יחזור. האשה שאמרה, התקבל לי גטי, אם רצה לחזור, לא יחזור. לפיכך אם אָמר לו הבעל, אי אפשי שתקבל לה, אלא הולך ותן לה, אם רצה לחזור, יחזור. רבן שמעון בן גמליאל אומר, אף האומרת, טול לי גטי, אם רצה לחזור, לא יחזור:

ב. האשה שאמרה, התקבל לי גטי, צריכה שתי כיתי עדים, שנים שאומרים, בפנינו אָמרה, ושנים שאומרים, בפנינו קבל וקרע; אפילו הן הראשונים והן האחרונים, או אחד מן הראשונים ואחד מן האחרו־נים, ואחד מצטרף עמהן. נערה המאורסה, היא ואביה מקבלין את

דעם גט אין האנט. אזא שליח וואָס דער מאן מאכט, הייסט א „שליח להולכה״, **אוועקצופירן דעם גט**. האשה, אז א פרוי זאָגט (צו א שליח): „נעם־צו פאר מיר מיין גט״, אויב (דער מאן האָט געגעבן איר שליח דעם גט, און) ער וויל (דערנאָך) חרטה האָבן קאָן ער ניט חרטה האָבן. **אזא שליח, וועלכן די פרוי מאכט, הייסט „שליח לקבלה״, און ווי נור איר שליח נעמט צו דעם גט איז די פרוי שוין געגט, נאָך איי־דער די פרוי האָט דעם גט באקומען. דעריבער קאָן דער מאן ניט חרטה האָבן.** לפיכך, דעריבער, אויב דער מאן האָט געזאָגט צו אים (צו איר שליח): „איך וויל ניט אז דו זאָלסט צו־נעמען פאר איר (דער פרוי) דעם גט, נאָר פיר־אוועק (דעם גט) און גיב אים איר״, אויב ער (דער מאן) וויל חרטה האָבן (נאָכדעם ווי ער האָט גע־געבן דעם שליח דעם גט, אָבער די פרוי האָט אים נאָכניט דערהאלטן) קאָן ער חרטה האָבן. **ווייל דער מאן האָט דאָך בפירוש אויסגענומען, אז דער גט זאָל זיין א גט נור ווען די פרוי וועט אים דערהאלטן.** רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אז אויך ווען א פרוי זאָגט (צו א שליח): „נעם (טול) פאר מיר מיין גט״ אויב דער מאן וויל חרטה האָבן (נאָכדעם ווי ער האָט געגעבן דעם שליח דעם גט) קאָן ער ניט חרטה האָבן. **דאָס הייסט, אז אפילו זי זאָגט ניט צו אים מיט דעם לשון „קבלה״, נאָר מיטן לשון „נטילה״, איז ער אויך א שליח לקבלה, און ווי נור דער שליח נעמט־צו דעם גט איז די פרוי שוין געגט און דער מאן קאָן ניט חרטה האָבן.**

ב. האשה, אז א פרוי האָט געזאָגט (צו א שליח): „נעם־צו פאר מיר מיין גט״, דאַרף זי האָבן צוויי פאָר (כיתות) עדות, (פון וועלכע) צוויי (עדות) זאָלן זאָגן: „פאר אונדז האָט זי געזאָגט (צום שליח אז ער זאָל צונעמען פאר איר דעם גט)״, און צוויי (עדות זאָלן זאָגן): „פאר אונז האָט ער (דער שליח) צוגענומען (דעם גט) און אים צעריסן״. **דאָס איז געווען אין דער צייט פון א גזירה, וואָס די רוימישע הערשער אין ארץ ישראל האָבן גוזר געווען אויף יידן אז זיי זאָלן ניט מקיים זיין מצוות, און אויך אויף גיטין איז געווען די גזירה, און דעריבער פלעגט מען דעם גט צערייסן; אזוי זאָגט די גמרא.** אפילו, אפילו זיי (די זעלביקע צוויי עדות) זענען די ערשטע (עדות וועלכע זאָגן אז פאר זיי האָט זי געזאָגט) און זיי (דיזעלביקע צוויי עדות) זענען די לעצטע (עדות, וועלכע זאָגן, אז פאר זיי האָט דער שליח צוגענומען דעם גט און אים צעריסן), אָדער איין (עדות) פון די ערשטע, און איין עדות פון די לעצטע, און איינער (א דריטער) איז זיך מצרף מיט זיי. **די משנה לערנט, אז מען דאַרף ניט דוקא האָבן 4 עדות, נאָר עס איז גענוג למשל, אז 2 עדות, ראובן און שמעון זאָגן אז זיי האָבן געהערט די פרוי זאָגן, און זיי האָבן געזען דעם שליח צו־נעמען דעם גט און צערייסן אים; און אז עס איז אויך גוט, אויב עס זענען פאראן 3 עדות, ראובן, שמעון און לוי, און ראובן און לוי זאָגן, אז זיי האָבן געהערט די פרוי זאָגן צום שליח אז ער זאָל צונעמען דעם גט, און שמעון און לוי זאָגן, אז זיי האָבן געזען דעם שליח צונעמען דעם גט און אים צעריסן. דאָס הייסט, אז לוי איז זיך מצטרף, צו ראובנען אין דעם ערשטן עדות־זאָגן, און צו שמעונען אין לעצטן עדות־זאָגן. —** נערה המאורסה, א נערה (א מיידל פון צוועלף יאָר מיט א טאָג ביז צוועלף יאָר מיט זעקס חדשים) וואָס מען האָט זי מקדש געווען, קאָן זי (אָדער) איר פאָטער צונעמען איר

גטה. אָמר ר׳ יהודה, אין שתי ידים זוכות כאחת, אלא אביה מקבל את גטה בלבד. וכל שאינה יכולה לשמור את גטה, אינה יכולה להתגרש:

ג. קטנה שאָמרה, התקבל לי גטי, אינו גט, עד שיגיע גט לידה. לפיכך אם רצה הבעל לחזור, יחזור, שאין קטן עושה שליח. אבל אם אמר לו אביה, צא והתקבל לבתי גטה, אם רצה להחזיר לא יחזיר. האומר, תן גט זה לאשתי במקום פלוני, ונתנו לה במקום אחר, פסול. הרי היא במקום פלוני, ונתנו לה במקום אחר, כשר. האשה שאמרה,

---

גט. מיר האָבן אין כתובות פרק ד׳ משנה ד׳ געלערנט, אז אזא מיידל, א נערה, קאָן איר פאָטער צונעמען פאר איר די קידושין, מקדש זיין איר צו א מאַן, אפילו קייגן איר ווילן. זאָגט די משנה, אז אויב א מאַן האָט זי מקדש געווען („מאורסה״, זע וועגן דעם אין דער הקדמה צו מסכתא כתובות), און דער מאַן וויל זי גטן, קאָן צונעמען דעם גט אָדער די נערה אליין, אָדער איר פאָטער; מחמת אויך די נערה אליין, ווייל זי איז שוין אלט צוועלף יאָר מיט א טאָג הייסט זי א גרויסע ,א דערוואקסענע און קאָן שוין צונעמען דעם גט. אָמר, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, אז צוויי הענט קאָנען ניט זוכה זיין אין דערזעלביקער צייט, נאָר איר פאָטער אליין קאָן צונעמען אין גט. מיט „צוויי הענט״ מיינט מען אי זי אי **דער פאָטער**. וכל, און יעדע (פרוי) וועלכע קאָן ניט היטן איר גט, קאָן זי ניט ווערן געגטט. מען מיינט אז אויב די פרוי איז א גאָר יינג קינד, יינגער פון 7־8 יאָר, אז ווען מען גיט איר דעם גט וועט זי אים ניט קאָנען היטן, קאָן דער מאַן זי ניט גטן, און אפילו איר פאָטער קאָן פאר איר ניט צונעמען דעם גט. מען לערנט דאָס אָפּ פון פסוק (דברים כ״ד) „ושלחה מביתו, און ער וועט זי אוועקשיקן פון זיין הויז״, אז מען קאָן גטן נור אזעלכע וואָס ווען מען שיקט זי אוועק קומט זי ניט צוריק, אָבער ניט אזא יינג קינד, וואָס האָט ניט קיין שכל, און אז מ׳שיקט זי אוועק קומט זי צוריק.

ג. קטנה, אז א קליינע (יינגע פרוי, ניט עלטער פון צוועלף יאָר מיט א טאָג, וועלכע האָט שוין א מאַן) האָט געזאָגט (צו א שליח): „נעם־צו פאר מיר מיין גט״, איז ער ניט קיין גט (ווערט זי ניט געגטט) סיידן ווען דער (גט) קומט אָן צו איר; דעריבער אויב דער מאַן וויל חרטה האָבן (נאָכדעם ווי ער האָט געגעבן דעם שליח דעם גט און די פרוי האָט אים נאָכניט דערהאַלטן) קאָן ער חרטה האָבן, ווייל א קליינער (א קטן, צי א קטנה) קאָן ניט מאכן קיין שליח· **ממילא איז דער שליח ניט איר שליח, און זי ווערט גע׳גט נור ווען זי דערהאַלט דעם גט.** אבל, אָבער אויב איר (דער קליינער פרוי׳ס) פאָטער זאָגט צו אים (צום שליח): „גיי און נעם־צו פאר מיין טאָכטער איר גט״, אויב ער (דער מאַן) וויל חרטה האָבן, קאָן ער ניט חרטה האָבן. **ווייל איר פאָטער קאָן דאָך פאר איר צונעמען דעם גט. און ער איז דאָך א דערוואקסענער מענטש, דעריבער קאָן ער מאכן אויך דעם „שליח לקבלה״.** — האומר, אז איינער זאָגט (צו א שליח): „גיב דעם דאָזיקן גט צו מיין ווייב אין יענעם אָרט״ (ער האָט אים אָנגערופן דאָס אָרט), און ער (דער שליח) האָט אים איר געגעבן אין אן אנדער אָרט, איז ער (דער גט) פסול. **ווייל דער מאַן האָט מקפּיד געווען, אז דוקא נור אין דעם דאָזיקן אָרט זאָל ער געבן דעם גט, ניט וועלנדיק אז מען זאָל אין אנדערע ערטער רעדן אויף אים שלעכטס.** הרי היא, (אויב אָבער דער מאַן האָט געזאָגט צום שליח: „געב דעם דאָזיקן גט מיין פרוי), זי געפינט זיך אין יענעם אָרט״, און ער (דער שליח) האָט אים אירגעגעבן אין אן אנדער אָרט, איז ער (דער גט) כשר. **ווייל דאָס הייסט, אז דער מאַן האָט אים נור אָנגעוויזן דאָס אָרט** (מראה מקום) **וואו זי געפינט זיך, אָבער ער האָט ניט מקפּיד געווען אז עס זאָל זיין דוקא אין דאָזיקן אָרט.** האשה, אז א פרוי האָט געזאָגט (צו א שליח) „נעם צו פאר מיר מיין גט אין יענעם אָרט״, און ער האָט אים צוגענומען פאר איר אין אן אנדערער אָרט, איז ער פסול; און ר׳ אליעזר איז

התקבל לי גטי במקום פלוני, וקבלו לה במקום אחר, פסול. ר' אליעזר מכשיר. הבא לי גטי ממקום פלוני, והביאו לה ממקום אחר, כשר:

ד. הבא לי גטי, אוכלת בתרומה עד שיגיע גט לידה. התקבל לי גטי, אסורה לאכול בתרומה מיד. התקבל לי גטי במקום פלוני, אוכלת בתרומה עד שיגיע גט לאותו מקום. ר' אליעזר אוסר מיד:

ה. האומר, כתבו גט ותנו לאשתי, גרשוה, כתבו אגרת ותנו לה, הרי אלו יכתבו ויתנו. פטרוה, פרנסוה, עשו לה כנימוס, עשו לה כראוי,

---

מכשיר. **ר' אליעזר האלט, אז ווייל א פרוי קאן דאך ווערן געגט אפילו ווען זי וויל ניט (בעל כרחה), האט זי ניט מקפיד געווען אז עס זאל דוקא זיין אין יענעם ארט.** הבא, (אויב אבער זי האט צום שליח געזאגט): „ברענג מיר (הבא לי) מיין גט פון יענעם ארט", און ער האט איר אים געבראכט פון אן אנדער ארט, איז ער כשר. **דא זענען אויך די חכמים מודה, ווייל קוים ווערט זי ניט געגט דורך דעם שליח'ס צונעמען דעם גט, נאר ער מוז אים צוערשט ברענגען צו איר, איז זי ניט מקפיד.**

ד. הבא לי, (אויב א פרוי זאגט צום שליח): „ברענג מיר מיין גט", מעג זי עסן תרומה (אויב זי איז א טאכטער פון א ישראל און די פרוי פון א כהן) ביז דער גט וועט קומען צו איר. **די טאכטער פון א ישראל טארניט עסן קיין תרומה (די הייליקע תבואה און פרוכטן וואס מען שיידט אפ און מען גיט צום כהן). אבער אויב זי איז דאס ווייב פון א כהן מעג זי עסן תרומה. לערנט די משנה אז מיט „הבא לי", האט זי געמיינט, אז זי זאל ווערן געגט נור ווען זי וועט דעם גט באקומען און דעריבער כל זמן זי האט נאכניט דערהאלטן דעם גט, איז זי דעם כהנ'ס פרוי און זי מעג עסן תרומה.** התקבל לי, א(ויב אבער זי האט דעם שליח געזאגט): „נעם צו פאר מיר מיין גט", טאר זי באלד ניט עסן קיין תרומה. **ווייל זי ווערט געגט גלייך ווי דער שליח נעמט דעם גט, און אזוי ווי זי ווייסט דאך ניט, ווען ער האט אים גענומען, און טאמער האט ער אים באלד גענומען, דעריבער טאר זי באלד ניט מער עסן קיין תרומה.** התקבל לי, (אויב אבער זי האט געזאגט): נעם צו פאר מיר מיין גט אין יענעם ארט" מעג זי עסן תרומה ביז דער גט קומט אן אין יענעם ארט: ר' אליעזר אסרט (די פרוי צו עסן תרומה) שוין פון באלד. **ווייל ר' אליעזר האלט דאך פריער, אז אפילו דער שליח נעמט צו דעם גט אין אן אנדער ארט, איז זי אויך געגט, דעריבער טאר זי ניט עסן קיין תרומה ווי נור דער שליח איז אוועקגעגאנגען פון איר; מחמת עס קאן זיין אז דער מאן האט אים גלייך געטראפן און אים געגעבן דעם גט.**

ה. האומר, אז איינער זאגט: שרייבט א גט און גיט צו מיין פרוי", (אדער ער זאגט): „גרשוה, גט איר" (אדער): „שרייבט א אגרת און גיט אים איר", זאלן זיי (די מענטשן צו וועמען ער האט געזאגט) שרייבן (א גט) און איר געבן. **ווייל די אלע ווערטער זענען ווערטער פון א גט; אפילו דאס ווארט „אגרת" (א בריף) מיינט אויך א גט, ווייל אין גט איז פאראן דאס ווארט „אגרת שבוקין" (דער בריף צו פארלאזן).** פטרוה, (אויב אבער ער האט געזאגט): „פטר'ט איר", (אדער) „פרנסוה, באזארגט איר", (אדער) „עשו לה כנימוס, טוט איר ווי דאס געזעץ", אדער עשו לה כראוי, טוט איר ווי עס דארף צו זיין", **האט ער גארניט געזאגט. ווייל יעדעס ווארט פון די ווערטער קאן מען אויסטייטשן, אז ער האט דערמיט ניט געמיינט קיין גט. „פטרן" קאן זיין לייכטער מאכן איר חובות. „פרנסוה", „פארזארגן איר", קאן מען מיינען מיט פרנסה. „טאן ווי דאס געזעץ" קאן מען מיינען — געבן איר צו עסן, מלבושים, ווי דאס געזעץ פארלאנגט פון א מאן פאר א ווייב. און אזוי איז אויך „טאן איר ווי עס דארף צו זיין", קאן זיין געבן איר צו עסן און מלבושים. „נימוס" איז דאס גריכישע ווארט „באמאס", „געזעץ", און דערפון איז אויך „נימוס", ווי דער שטייגער איז, ווי דער מנהג איז.** — בראשונה, אין אנהייב (אין די ערשטע צייטן, אמאל) האבן

לא אמר כלום. בראשונה היו אומרים היוצא בקולר, ואמר, כתבו גט לאשתי, הרי אלו יכתבו ויתנו. חזרו לומר, אף המפרש, והיוצא בשיירא. ר׳ שמעון שזורי אומר, אף המסוכן:

ו. מי שהיה מושלך לבור, ואמר כל השומע את קולו יכתוב גט לאשתו, הרי אלו יכתבו ויתנו. הבריא שאמר, כתבו גט לאשתי, רצה לשחק בה. מעשה בבריא אחד שאמר, כתבו גט לאשתי, ועלה לראש הגג ונפל ומת, אָמר ר׳ שמעון בן גמליאל, אָמרו חכמים, אם מעצמו נפל, הרי זה גט, אם הרוח דחאתו, אינו גט:

ז. אָמר לשנים, תנו גט לאשתי. או לשלשה, כתבו גט ותנו לאשתי,

זיי (די חכמים) געזאָגט, אז איינער גייט ארויס געהרגט צו ווערן („בקולר״, מען פירט אים ארויס לויט דעם באפעל פון מלכות צו הרגענען אים), און ער האָט געזאָגט: „שרייבט א גט צו מיין פרוי״, זאָל מען שרייבן (דעם גט) און איר געבן. כאָטש ער האָט ניט געזאָגט „מען זאָל געבן״, אָבער ווייל ער גייט דאָך געהרגט ווערן, פאַרשטייט מען, אז ער האָט ניט געמיינט בלויז שרייבן, נאָר אויך געבן, און צוליב שרעק האָט ער ניט דערזאָגט די ווערטער. „קולר״ איז דאָס לאטייניש וואָרט „קאלארע״, א קייט וואָס מען לייגט ארויף אויף דעם האלדז פון ארעסטירטע מענטשן, אממייסטן אזעלכע, וועלכע מען פירט געהרגט צו ווערן. חזרו, האָבן זיי (די חכמים) דערנאָך געזאָגט, אז (דערזעלביקער דין איז) אויך ביי איינעם וועלכער פאָרט אוועק אין א ווייטער ים־רייזע (המפרש) און ווער עס פאָרט אוועק מיט א קאראוואן (בשיירה, מיט א מחנה אין א ווייטער מדבר־רייזע). אויך אויב אזעלכער זאָגט: „שרייבט א גט צו מיין פרוי״, שרייבט מען און מען גיט אים איר. וועגן „מפרש״ זע נדרים פרק ד׳ משנה ו׳. וועגן „שיירה״ זע עירובין פרק א׳ משנה ח׳. ר׳ שמעון השזורי זאָגט, אז אויך א לעבנס געפערליך קראנקער (המסוכן). אויב ער זאָגט: „שרייבט א גט פאר מיין פרוי״ שרייבט מען און מען גיט איר דעם גט. פון דעם סתם וואָרט אין רשי „חולה״ לערנען אָפּ די מפרשים, אז יעדער קראנקער ווערט בנוגע דעם דאָזיקן דין באטראכט ווי א מסוכן, א לעבנס־געפערליך־קראנקער.

ו. מי, אויב איינער ליגט אין א גרוב (מושלך בבור, אריינגעפאלן אין א גרוב) און ער זאָגט, אז ווער עס הערט זיין קול זאָל שרייבן א גט צו זיין ווייב, זאָל מען שרייבן (דעם גט) און געבן צו זיין ווייב. רשי זאָגט, אז דער מענטש האָט דאביי געזאָגט ווי ער הייסט און פון וועלכער שטאָט ער איז. הבריא, אז א געזונטער מענטש האָט געזאָגט: „שרייבט א גט צו מיין פרוי״, האָט ער געמיינט (נור) שפּאס צו מאכן איבער איר, ווייל ער האָט ניט געזאָגט „און גיט איר״, נעמט מען עס אָן נור פאר א שפּאס. מעשה, עס איז געווען א מעשה מיט א געזונטן מענטש, וועלכער האָט געזאָגט: „שרייבט א גט צו מיין פרוי״, און ער איז ארויפגעגאנגן אויפן שפּיץ דאָך און איז אראָפּגעפאלן און איז געהרגעט געוואָרן, האָט ר׳ שמעון בן גמליאל געזאָגט, אז די די חכמים האָבן געזאָגט, אז אויב ער איז פון זיך אליין אראָפּגעפאלן (ער האָט זיך אראָפּגעוואָרפן) איז עס א גט, און אויב דער ווינט האָט אים אראָפּגעשטויסן, איז עס ניט קיין גט. די גמרא זאָגט, אז פאר דעם וואָרט „מעשה״ אין דער משנה פעלן עטליכע ווערטער (חסורי מחסרא) און עס דארף זיין: „און אויב דער סוף האָט באוויזן אויפן אָנהייב (אז דער געזונטער מענטש האָט געוואוסט אז ער גייט שטארבן) איז עס א גט״; און דערויף ווערט דערציילט די מעשה אלס ראיה דערצו.

ז. אמר, אז איינער האָט געזאָגט צו צוויי (מענטשן) „גיט א גט צו מיין פרוי״, אָדער (ער האָט געזאָגט) צו דריי (מענטשן) „שרייבט א גט און גיט צו מיין פרוי״, זאָלן זיי (אליין) שרייבן (דעם גט) און געבן (צו דער פרוי). זיי קאָנען ניט הייסן א סופר שרייבן, און אנדערע עדות חתמען, נאָר זיי אליין מוזן שרייבן און זיי אליין זיין

הרי אלו יכתבו ויתנו. אָמר לשלשה, תנו גט לאשתי, הרי אלו יאמרו לאחרים, ויכתבו, מפני שעשאן בית דין, דברי ר׳ מאיר. וזו הלכה העלה ר׳ חנינא איש אונו מבית האסורין, מקובל אני באומר לשלשה, תנו גט לאשתי, שיאמרו לאחרים, ויכתבו, מפני שעשאן בית דין. אָמר ר׳ יוסי, נומינו לשליח, אף אנו מקובלין, שאפילו אָמר לבית דין הגדול שבירושלים, תנו גט לאשתי, שילמדו ויכתבו ויתנו. אָמר לעשרה, כתבו גט לאשתי, אחד כותב ושנים חותמין. כולכם כתובו, אחד כותב וכולם חותמין. לפיכך אם מת אחד מהן, הרי זה גט בטל:

פרק ז.

א. מי שאחזו קורדייקוס, ואמר, כתבו גט לאשתי, לא אָמר כלום. אָמר. כתבו גט לאשתי, ואחזו קורדייקוס. וחזר ואמר, אל תכתבו,

---

די עדות און זיי אליין געבן. און ביי דריי מענטשן, ווייל ער האָט זיי געזאָגט „שרייבט א גט און גיט״, האָט ער ניט געמיינט זיי צו מאכן פאר א בית דין (3 מענטשן קאָנען **זיין א בית דין), נאָר זיי אליין שרייבן און חתמענען און גיבן.** אָמר לשלשה, אויב ער האָט געזאָגט צו דריי (מענטשן): „גיט א גט מיין פרוי״ (און ער האָט צו זיי ניט געזאָגט: „שרייבט״), קאָנען זיי הייסן אנדערע שרייבן (און חתמענען דעם גט), ווייל ער האָט זיי געמאכט פאר א בית דין, אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **ווייל ער האָט זיי ניט געזאָגט, אז זיי זאָלן שרייבן, האָט ער געמיינט, אז זיי זאָלן זיין דאָס בית דין, וואָס הייסט שרייבן און חתמען.** וזו, און די דאָזיקע הלכה האָט חנניה איש אונו (דער מאן פון אָרט אונו) ארויפגעבראכט פון תפיסה־הויז (וואו ר׳ עקיבא איז געזעסן ארעסטירט, און ר׳ עקיבא האָט געפסקנט די הלכה): איך האָב א קבלה אז איינער זאָגט צו דריי (מענטשן) „גיט א גט צו מיין פרוי״ אז זיי זאָלן הייסן אנדערע שרייבן, ווייל ער האָט זיי געמאכט פאר א בית דין. **ר׳ עקיבא איז געווען אין תפיסה פון די רוימער, וועלכע האָבן אים דערנאָך אומגעבראכט אויף קידוש השם. ווען מען האָט געוואָלט וויסן א הלכה האָט מען געשיקט א שליח אין דער תפיסה צו פרעגן ר׳ עקיבא. דאָס מאָל איז געווען דער שליח חנניה דער מאן פון אונו (אן אָרט אין ארץ ישראל, ווערט דערמאָנט אין תנך; ניט ווייט פון לוד, ווי די גמרא כתובות קי״א זאָגט מלוד לאונו שלשה מילין).** אָמר ר׳ יוסי, האָט ר׳ יוסי געזאָגט: מיר האָבן געזאָגט (נומינו) צום שליח (צו חנניה), אז אויך מיר האָבן (אנדערע) קבלה, אז אפילו איינער זאָגט צום בית דין הגדול אין ירושלים: „גיט א גט צו מיין פרוי״, אז זיי זאָלן זיך אויסלערנען (צו קענען שרייבן) און זאָלן (אליין) שרייבן און געבן. **אויב דאָס בית דין זענען ניט קיין סופרים זאָלן זיי זיך אויסלערנען; מחמת דער מאן האָט געמיינט, אז זיי אליין זאָלן שרייבן.** אָמר לעשרה,אויב ער (דער מאן) האָט געזאָגט צו צען מענטשן: שרייבט א גט צו מיין פרוי״, זאָל איינער (פון זיי) שרייבן און צוויי (פון זיי) זאָלן חתמען (אלס עדות; (אויב ער האָט זיי געזאָגט) „שרייבט איר אלע (כולכם כתובו)״, זאָל איינער שרייבן און אלע זאָלן חתמען (אלס עדות); (און) דאריבער, אויב איינער פון זיי איז געשטאָרבן, איז דער דאָזיקער גט בטל. **ווייל ער האָט בפירוש געזאָגט אז זיי אלע.**

פרק ז.

א. מי, אויב איינעם האָט אָנגעכאפט די צעררידערונגס־קראנקייט (קורדייקוס, פון וואָס ביים מענטש ווערט מטושטש דער געדאנק) און ער האָט געזאָגט: „שרייבט א גט צומיין פרוי״, האָט ער גאָרניט געזאָגט: **מחמת מען באטראכט אים אז ער ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים און זיין זאָגן האָט ניט קיין ווערט. מען קאָן דאריבער ניט שרייבן קיין גט. די גמרא זאָגט אז „קורדייקוס״ איז א סאָרט דיבוק וואָס נעמט ארום דעם מענטש צוליב טרינקען פרישן וויין. ר׳ בנימין מוספיא אין „מוסף הערוך״ וויזט אָן אויף דעם גריכישן וואָרט „קארדיאקאס״, הארץ־קראנקייט. דער רמבם**

אין דבריו האחרונים כלום. נשתתק, ואמרו לו, נכתוב גט לאשתך, והרכין בראשו, בודקין אותו שלש פעמים; אם אמר על לאו, לאו, ועל הן, הן, הרי אלו יכתבו ויתנו:

ב. אמרו לו, נכתוב גט לאשתך, ואמר להם, כתובו, אמרו לסופר וכתב, לעדים וחתמו, אף על פי שכתבוהו וחתמוהו ונתנוהו לו, וחזר ונתנו לה, הרי הגט בטל, עד שיאמר לסופר, כתוב, ולעדים, חתומו:

ג. זה גטך אם מתי, זה גטך אם מתי מחולי זה, זה גטך לאחר מיתה, לא אמר כלום, מהיום אם מתי, מעכשיו אם מתי, הרי זה גט. מהיום ולאחר מיתה, גט ואינו גט; ואם מת, חולצת ולא מתייבמת. זה

טייטשט אז עס איז א סאָרט חולי נופל, עפּילעפּסיע. אָמר, אויב איינער האָט געזאָגט: שרייבט א גט צו מיין פרוי״, און דערנאָך האָט אים אָנגעכאַפּט די צערודערונגס־ קראַנקהייט (קורדייקוס) און ער האָט געזאָגט: „איר זאָלט ניט שרייבן״, זענען זיינע לעצטע ווערטער גאָרניט. **און מען שרייבט יאָ דעם גט, מחמת ער האָט חרטה ניט ווען ער האָט א קלאָרן דעת.** נשתתק, אויב איינער איז שטום געוואָרן, און מען האָט געזאָגט צו אים (מען פרעגט אים): „זאָלן מיר שרייבן א גט צו דיין ווייב.״ און ער האָט צוגעשאָקלט מיט זיין קאָפּ (אויף יאָ), אונטערזוכט מען אים דריי מאָל, (און) אויב ער האָט אויף (א זאַך פון) ניין געזאָגט (צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ) „ניין״, און אויף (א זאַך פון) יאָ, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ „יאָ״, זאָל מען שרייבן דעם גט און געבן (דער פרוי). **די גמרא זאָגט, אז מען פרעגט אים למשל אויף ווינטער־פרוכטן אים זומער און אויף זומער־פרוכטן אים ווינטער. בכלל מיינט מען, אז מען פאָרשט אים אויס, צי ער איז ביים קלאָרן דעת, צי ער ענטפערט אויף זאכן ריכטיק.**

ב׳ אמרו, אויב זיי (מענטשן) האָבן צו אים (צו א געזונטן מענטש, אָדער צו א קראַנקן וועלכער איז ביים דעת) געזאָגט: „זאָלן מיר שרייבן א גט צו דיין ווייב?״, און ער האָט צו זיי געזאָגט: „שרייבט״, (און) זיי האָבן געזאָגט צו א סופר און ער האָט גשריבן (דעם גט) און צו עדות און זיי האָבן (דעם גט) געחתמעט, כאָטש (נאָכדעם) ווי מען האָט דעם גט געשריבן און געחתמעט, האָבן זיי אים (דעם מאַן) געגעבן דעם גט, און ער האָט אים געגעבן צו איר (צו דער פרוי), איז דער גט בטל (ער טויג ניט), סיידן ער זאָל זאָגן צום סופר „שרייב״, און צו די עדות „חתמעט״. **מען מיינט דאָ, אז אויב דער מאַן איז געשטאָרבן אָן קינדער איז דער גט קיין גט ניט און די פרוי דאַרף נעמען חליצה.**

ג. זה גטך, (אויב איינער גיט זיין פרוי א גט און ער זאָגט צו איר): „דאָס איז דיין גט אויב איך וועל שטאַרבן״, (אָדער) „דאָס איז דיין גט אויב איך וועל שטאַרבן פון דער דאָזיקער קראַנקהייט״, אָדער „דאָס זאָל זיין דיין גט נאָך (מיין) טויט״, האָט ער גאָרניט געזאָגט. **מחמת מען נעמט אָן ביי די אלע לשונות, אז ער האָט געזאָגט אז זי זאָל ווערן געגעט נאָך זיין טויט, און נאָכן טויט קאָן מען ניט גטן א פרוי; א גט מוז חל זיין, גילטיג ווערן, ווען דער מאַן לעבט נאָך.** מהוים, (אויב ער האָט געזאָגט: „דאָס איז דיין גט) פון היינט אָן אויב איך וועל שטאַרבן״, אָדער פון איצט אָן אויב איך וועל שטאַרבן, איז ער א גט. **ווייל ער האָט דאָך בפירוש געזאָגט, אז אויב ער וועט שטאַרבן זאָל זי שוין זיין געגעט פון היינט אָדער פון איצט אָן, און דאָס שטאַרבן איז נור א תנאי, אז ער נעמט אויס, אז דער גט זאָל זיין שוין היינט אָדער איצט גילטיג נאָר מיטן תנאי אויב ער וועט שטאַרבן.** מהיום ולאחר מיתה, (אויב ער האָט, איר געזאָגט): „פון היינט און נאָכן טויט״, איז ער א גט און ניט קיין גט, און אויב ער איז געשטאָרבן (אָן קינדער), זאָל זי נעמען חליצה אָבער ניט מיובם ווערן (חתונה האָבן מיטן מאַנ׳ס ברודער טאָר זי ניט). **מחמת עס איז א ספק צי דער אויסדרוק „און נאָכן טויט״ (ולאחר מיתה) איז א תנאי, צי דאָס האָט ער חרטה געהאַט פון דעם וואָרט „פון היינט אָן״, און דעריבער דאַרף זי נעמען חליצה טאָמער איז עס ניט**

גטך מהיום אם מתי מחולי זה, ועמד והלך בשוק, וחלה, ומת, אומדין אותו, אם מחמת חולי הראשון מת, הרי זה גט, ואם לאו, אינו גט:

ד. לא תתייחד עמו, אלא בפני עדים, אפילו עבד, אפילו שפחה, חוץ משפחתה, מפני שלבה גס בשפחתה. מה היא באותן הימים? ר׳ יהודה אומר, כאשת איש לכל דבריה. ר׳ יוסי אומר, מגורשת ואינה מגורשת:

ה. הרי זה גטך על מנת שתתני לי מאתים זוז, הרי זה מגורשת

קיין גט, אָבער איר מאנ׳ס ברודער טאָר זי ניט מייבם זיין (חתונה האָבן מיט איר) טאָמער איז עס יאָ א גט, און מיט דער געגטער פרוי פון פארשטארבענעם ברודער (אפילו ער איז געשטאָרבן אָן קינדער) טאָר מען ניט חתונה האָבן. וועגן חליצה און יבום זע אין דער הקדמה צו מסכתא יבמות. זה גטך מהיום, (אויב ער איז קראנק געווען און ער האָט צו איר געזאָגט): „דאָס זאָל זיין דיין גט פון היינט אָן אויב איך וועל שטאַרבן פון דער דאָזיקער קראנקייט", און ער איז אויפגעשטאַנען (פון דער קראנקייט) און ער איז געגאַנגען אין גאַס, און ער איז (ווידער קראנק געוואָרן) און ער איז געשטאָרבן. שאצט מען איבער איר: אויב ער איז געשטאָרבן צוליב דער ערשטער קראנקייט איז עס א גט, און אויב ניט, איז עס ניט קיין גט. די מפרשים זאָגן, אז אפילו ער איז ניט געשטאָרבן פון דער ערשטער קראנקייט, נאָר די ערשטע קראנקייט האָט דערפירט צו דער צווייטער קראנקייט, פון וועלכער ער איז געשטאָרבן, איז עס אויך א גט.

ד. לא תתייחד, זי (די פרוי וואָס דער מאן האָט איר געגעבן א גט „פון איצט אויב איך וועל שטאַרבן" אין דער פריערדיקער משנה) זאָל ניט בלייבן אליין מיט אים (תתייחד,(בלייבן אליין), נאָר (זי קאָן זיך טרעפן מיט אים ווען עס זענען פאראן) דאביי עדות, אפילו (עס איז פאראן) א שקלאַף, א שקלאַפין, א חוץ איר אייגענע שקלאַפין, ווייל איר (דער פרוי׳ס) האַרץ איז גרויס איבער איר (לבה גס בה, זי שעמט זיך ניט פאר איר). זי טאָר ניט בלייבן מיטן מאן אליין, ווייל טאָמער וועט ער לעבן מיט איר, און דאביי מיינען לשם קידושין (אז ער נעמט זי צוריק פאר א ווייב) און זי וועט דארפן האָבן אן אנדערן גט. מה היא, וואָס איז זי (די פרוי) אין די דאָזיקע טעג? תוספות טייטשט, אז דאָס מיינט מען די פרוי וואָס דער מאן האָט איר געגעבן דעם גט „פון היינט אָן אויב איך וועל שטאַרבן". רש"י און דער ברטנורא טייטשן אז דאָס מיינט מען א פרוי וואָס דער מאן האָט איר געגעבן א גט און געזאָגט צו איר „דו זאָלסט ווערן געגט דאמאָלס ווען איך לעב נאָך אויב איך וועל שטאַרבן". ר׳ יהודה זאָגט, אז (אין די דאָזיקע טעג) איז זי ווי אן אשת איש (א פארהייראַטעטע פרוי) אין אלע אירע זאכן. ר׳ יהודה האַלט, אז דער מאן האָט געמיינט, אז דער גט זאָל חל זיין, ווערן גט, ערשט א שעה איידער ער וועט שטאַרבן (סמוך למיתה), און ביז דאמאָלס איז זי אן אשת איש. ר׳ יוסי זאָגט, אז זי איז (אין די דאָזיקע טעג) יאָ געגט און ניט געגט. מחמת יעדע שעה איז א ספק צי דאָס איז די שעה פארן טויט, און כאָטש ער איז אין א שעה ארום ניט געשטאָרבן, זאָגט מען דאביי „ברירה", אז עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז ניט געווען געגט. דעריבער איז זי כסדר א ספק אשת איש און א ספק געגט. אויב א פרעמדער מאן האָט געלעבט מיט איר בשוגג דארף ער ברענגען א „אשם תלוי", א קרבן וואָס קומט ווען מען טוט א ספק האַרבע עבירה בשוגג (זע אין דער הקדמה צו מסכתא כריתות).

ה. הרי זה, (אויב איינער זאָגט צו זיין פרוי): „דאָס איז דיין גט, מיט דעם תנאי אז דו זאָלסט מיר געבן צוויי הונדערט גילדן (זוז)", איז זי געגט, און זי זאָל געבן. די משנה לערנט אז דער גט איז גוט שוין פון איצט אָן אויב זי וועט שפּעטער געבן דאָס געלט, און אפילו דער גט איז אין דער צווישן־צייט פארפאלן געוואָרן איז

ותתן. על מנת שתתני לי מכאן ועד שלשים יום, אם נתנה לו בתוך שלשים יום, מגורשת, ואם לאו, אינה מגורשת. אָמר ר׳ שמעון בן גמליאל, מעשה בצידן, באחד שאמר לאשתו, הרי זה גטך על מנת שתתני לי איצטליתי, ואבדה איצטליתו, ואמרו חכמים, תתן לו את דמיה:

ו. הרי זה גטך על מנת שתשמשי את אבא, על מנת שתניקי את בני, כמה היא מניקתו? שתי שנים. ר׳ יהודה אומר, שמונה עשר חדש. מת הבן, או שמת האב, הרי זה גט. הרי זה גטך על מנת שתש־משי את אבא שתי שנים, על מנת שתניקי את בני שתי שנים, מת הבן, או שמת האב, או שאמר האב, אי אפשי שתשמשני, שלא בהקפדה, אינו גט. ר׳ שמעון בן גמליאל אומר כזה גט. כלל אמר ר׳ שמעון בן גמליאל

זי אויך געגעט. על מנת, (אויב ער האָט איר געזאָגט): „מיט דעם תנאי אז דו זאָלסט מיר געבן (די צוויי הונדערט גילדן) פון היינט אָן און ביז דרייסיק טעג״, אויב זי האָט אים געגעבן אין די דרייסיק טעג איז זי געגט, און אויב ניט איז זי ניט געגט. **אפילו זי האָט אים נאָך די דרייסיק טעג געגעבן איז זי ניט געגט.** אָמר, האָט ר׳ שמעון בן גמליאל געזאָגט, אז עס איז געווען א מעשה אין דער שטאָט צידון מיט איינעם, וועלכער האָט געזאָגט צו זיין ווייב: „דאָס איז דיין גט מיט דעם תנאי אז דו זאָלסט מיר געבן מיין אָבער־מאנטל (איצטליתי)״, און דער אָבער־מאנטל איז פארלוירן געגאנגן, און די חכמים האָבן געזאָגט, אז זי זאָל אים געבן דאָס געלט (דעם ווערט פון אָבער־מאנטל). **די גמרא זאָגט, אז אין דער משנה פעלן עטליכע ווערטער, און עס דארף זיין; אויב ער האָט איר געזאָגט „מיט דעם תנאי אז דו זאָלסט מיר געבן מיין אָבערמאנטל״ און ער איז פארלוירן געגאנגן איז עס ניט קיין גט. דערויף זאָגט ר׳ שמעון בן גמליאל, אז ער איז יאָ א גט, און אז זי קאָן אים געבן דאָס געלט וויפיל דער אָבער מאנטל איז ווערט, און ער ברענגט א ראיה דערצו די מעשה פון צידן.**

ו. הרי זה, (אויב ער זאָגט צו איר): „דאָס איז דיין גט מיט דעם תנאי אז דו זאָלסט באדינען מיין פאָטער״, (אָדער) „מיט דעם תנאי אז דו זאָלסט אָנזייגן מיין קינד״, ווי לאנג דארף זי אים אָנזייגן? (אין) צוויי יאָר. **זי דארף ניט זייגן צוויי יאָר נאָכאנאנד; עס איז גענוג ווען זי זייגט א טאָג. אויך דעם פאָטער באדינען איז גענוג א טאָג. די משנה זאָגט, אז דאָס זייגן מוז זיין אין די 2 יאָר זינט דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן.** ר׳ יהודה זאָגט, אז (נור) אכצן חדשים. **אויב זי האָט אים געזייגט נאָך די 18 חדשים, האָט זי ניט מקיים געווען דעם תנאי און דער גט איז ניט קיין גט.** מת, אויב דאָס קינד איז געשטאָרבן (און זי האָט עס ניט געהאט געזייגט) אָדער דער פאָטער איז געשטאָרבן (און זי האָט אים ניט געהאט באדינט), איז עס א גט. **ווייל מען נעמט אָן אז דער מאן האָט ניט געמיינט מיט זיין תנאי איר מצער צו זיין, נאָר ער האָט פארלאנגט פון איר א באקוועמליכקייט פאר זיך, און ווען ער וואָלט געוואוסט אז ער וועט עס ניט דארפן, וואָלט ער דעם תנאי ניט אויסגענומען.** הרי זה, (אויב ער זאָגט צו איר): „דאָס איז דיין גט מיט דעם תנאי אז דו זאָלסט באַ־דינען מיין פאָטער צוויי יאָר, אָדער „מיט דעם תנאי אז דו זאָלסט זייגן מיין קינד צוויי יאָר״, (און) דאָס קינד איז געשטאָרבן אָדער דער פאָטער איז געשטאָרבן, אָדער דער פאָטער האָט געזאָגט איר אפילו ווען זי האָט אים ניט דערצערנט: „איך וויל ניט אז דו זאָלסט מיך באדינען״, איז עס ניט קיין גט. **ווייל דאָס מאָל האָט ער גע־מיינט דוקא.** ר׳ שמעון בן גמליאל זאָגט, אז אזוי ווי דאָס (אויב זי האָט דעם פאָטער ניט דערצערנט, נאָר דער פאָטער וויל ניט מען זאָל אים באדינען און די מניעה איז ניט פון איר צד) איז עס א גט; דעם דאָזיקן כלל האָט געזאָגט ר׳ שמעון בן

כל עכבה שאינה הימנה, הרי זה גט:

ז. הרי זה גיטך אם לא באתי מכאן עד שלשים יום, והיה הולך מיהודה לגליל, הגיע לאנטיפטרס וחזר, בטל תנאו. הרי זה גטך אם לא באתי מכאן עד שלשים יום, והיה הולך מגליל ליהודה, והגיע לכפר עותנאי וחזר, בטל תנאו. הרי זה גטך אם לא באתי מכאן עד שלשים יום, והיה הולך למדינת הים, והגיע לעכו וחזר, בטל תנאו. הרי זה גטך כל זמן שאעבור מכנגד פניך שלשים יום, היה הולך ובא, הולך ובא, הואיל ולא נתייחד עמה, הרי זה גט:

ח. הרי זה גטך אם לא באתי מכאן ועד שנים עשר חדש· ומת בתוך שנים עשר חדש, אינו גט. הרי זה גטך מעכשיו, אם לא באתי

גמליאל, אז יעדע שטערונג (עכבה) וואָס איז ניט פון איר, איז עס א גט. **און ווייל זי וויל דאָך אים באדינען און זי האָט אים ניט דערצערנט אז ער זאָל אויף איר אין כעס זיין, איז עס א גט.**

ז. הרי זה, (אויב ער זאָגט צו איר): „דאָס איז דיין גט אויב איך וועל ניט קומען פון איצט ביז דרייסיק טעג״, און ער איז געגאנגען פון יהודה (דער דרום־פראָווינץ אין ארץ ישראל) קיין גליל (דער צפון פראָווינץ אין ארץ ישראל), און ער האָט זיך צוריקגעקערט ביז אנטיפטרס און ער איז צוריקגעקומען, איז דער תנאי בטל. **אנטיפטרס, אָדער ווי דאָס אָרט הייסט אין די ספרים פון יוסיפון לרומיים, „אנטי־פאטריס״, האָט געהייסן פריער „כפר סבא״, אויפן וועג פון יפו קיין חיפה, און דאָס איז נאָך יהודה, אָבער עס איז לעבן דער גרעניץ פון יהודה. לערנט די משנה, אז אויב ער איז צוריקגעקומען אין די 30 טעג, הייסט עס אז דער גאנצער גט איז בטל·** הרי זה, (אויב ער זאָגט צו איר): „דאָס איז דיין גט אויב איך וועל ניט קומען פון איצט ביז דרייסיק טעג״, און ער איז געגאנגען פון גליל קיין יהודה און ער איז אָנגעקומען אין כפר עותנאי (א דאָרף אויף דער גרעניץ צווישן גליל און יהודה) און ער האָט זיך צוריקגעקערט, איז זיין תנאי בטל. **אויך דאָ איז דער גט בטל, אויב ער איז צוריקגעקומען אין די 30 טעג. וועגן כפר עותנאי מיינען טייל אז דאָס איז דאָס היינטיקע אראבישע דאָרף „כאפר קוד״, אין דרום פון עמק יזראעאל; עס איז נאָך אין גליל, אָבער ביי דער גרעניץ.** הרי זה, אויב ער זאָגט צו איר): „דאָס איז דיין גט אויב איך וועל ניט קומען פון איצט ביז דרייסיק טעג״, און ער איז געגאנגען אין מדינת הים (אין א לאנד אין יענער זייט ים, אָדער אין חוץ לארץ) און ער איז געקומען קיין עכו, און ער האָט זיך צוריקגעקערט, איז זיין תנאי בטל. **אויך דאָ איז דער גט בטל. עכו איז אין צפון פון ארץ ישראל ביי דער גרעניץ (זע פריער פרק א׳ משנה ב׳).** הרי זה, (אויב ער זאָגט צו איר): „דאָס איז דיין גט אזוי לאנג (מיט דעם תנאי) אז איך וועל ניט באוויזן זיך פאר דער (שאעבור מכנגד פניך) דרייסיק טעג״, און ער איז געקומען און אוועקגעגאנגען און געקומען און אוועקגעגאנגען (אין די דרייסיק טעג) ווייל ער איז ניט געבליבן מיט איר אליין, איז עס א גט. **מען מיינט, אז דערנאָך איז ער יאָ אוועק פון איר און זיך ניט באוויזן 30 טעג, און דער גט איז דאריבער א גט, און מען זאָגט ניט, אז ווייל ער האָט זיך פריער באוויזן פאר איר האָט ער זיך איבערגעבעטן און עס איז אויס גט.**

ח. הרי זה, (אויב ער זאָגט צו איר): „דאָס איז דיין גט אויב איך וועל ניט קומען פון איצט ביז צוועלף חדשים״, און ער איז (אוועק און איז) געשטאָרבן אין די צוועלף חדשים, איז עס ניט קיין גט. **ווייל ער האָט ניט געזאָגט, אז דער גט זאָל זיין שוין פון איצט אָן הייסט עס אז דער גט דאַרף ווערן ערשט נאָך 12 חדשים ארום, און דאמאָלס איז דאָך דער מאן שוין טויט, און נאָכן מאנס טויט קאָן דער גט**

מכאן ועד שנים עשר חדש, ומת בתוך שנים עשר חדש, הרי זה גט:

ט. אם לא באתי מכאן עד שנים עשר חדש כתבו ותנו גט לאשתי, כתבו גט בתוך שנים עשר חדש, ונתנו לאחר שנים עשר חדש, אינו גט. כתבו ותנו גט לאשתי אם לא באתי מכאן ועד שנים עשר חדש, כתבו בתוך שנים עשר חדש ונתנו לאחר שנים עשר חדש, אינו גט. ר' יוסי אימר, כזה גט. כתבו לאחר שנים עשר חדש, ונתנו לאחר שנים עשר חדש, ומת, אם הגט קדם למיתה, הרי זה גט, ואם מיתה קדמה לגט, אינו גט. ואם אין ידוע, זו היא שאמרו, מגורשת ואינה מגורשת:

פרק ח.

א. הזורק גט לאשתו, והיא בתוך ביתה, או בתוך חצרה, הרי זו מגורשת. זרקו לה בתוך ביתו, או בתוך חצרו, אפילו הוא עמה במטה,

---

ניט זיין קיין גט. הרי זה גטך מעכשו, (אויב ער האָט איר געזאָגט): „דאָס איז דיין גט פון איצט אָן, אויב איך וועל ניט קומען פון איצט און ביז צוועלף חדשים", און ער איז געשטאָרבן אין די צוועלף חדשים, איז עס א גט. **ווייל ער האָט דאָך בפירוש געזאָגט, אז דער גט זאָל זיין שוין פון איצט.**

ט. אם, (אויב דער מאן האָט געזאָגט צו מענטשן): „אויב איך וועל ניט קומען פון איצט ביז צוועלף חדשים זאָלט איר שרייבן און געבן דעם גט צו מיין פרוי", (און) זיי האָבן געשריבן דעם גט אין די צוועלף חדשים און האָבן אים איר געגעבן נאָך די צוועלף חדשים, איז ער ניט קיין גט. **ווייל פון זיינע ווערטער איז געווען צו זען, אז ער האָט געהייסן אויך שרייבן דעם גט ערשט נאָך די 12 חדשים.** כתבו ותנו, (אויב ער האָט זיי געזאָגט): „איר זאָלט שרייבן און געבן דעם גט צו מיין פרוי אויב איך וועל ניט קומען פון איצט ביז צוועלף חדשים", (און) זיי האָבן געשריבן אין די צוועלף חדשים און אים געגעבן (דער פרוי) נאָך די צוועלף חדשים, איז ער ניט קיין גט; ר' יוסי זאָגט, אז ווי דער דאָזיקער איז עס א גט. **מחמת ער האָט פריער געזאָגט „שרייבט" הייסט עס, אז מען קאָן שרייבן ווען זיי ווילן. דער אונטערשיד איז, אז אויב דער מאן איז געשטאָרבן דערנאָך אָן קינדער, דאַרף די פרוי, לויט ר' יוסי ניט נעמען קיין חליצה.** כתבו, אויב זיי האָבן געשריבן נאָך די 12 חדשים און געגעבן (דער פרוי דעם גט) נאָך די צוועלף חדשים, און ער (דער מאן איז געשטאָרבן), אויב דער גט (דאָס געבן דער פרוי דעם גט) איז געווען פאר (זיין) שטאַרבן, איז עס א גט, און אויב (זיין שטאַרבן) איז געווען פאר דעם גט (איידער זיי האָבן איר געגעבן דעם גט) איז עס ניט קיין גט; און אויב מען ווייסט ניט (וואָס עס איז געווען פריער), איז זי (די פרוי) געגעט און ניט געגעט. **מיר האָבן פריער משנה ד' דערקלערט, וואָס מען מיינט „געגעט און ניט געגעט (מגורשת ואינה מגורשת).**

פרק ח.

א. הזורק, אז איינער וואַרפט א גט צו זיין פרוי, און זי איז אין איר הויז אָדער אין איר הויף, איז זי געגעט. **אין דער תורה (דברים כ"ד) ווערט געזאָגט „ונתן בידה" „און ער זאָל געבן (דעם גט) אין איר האַנט", און די גמרא לערנט אָפּ (ווייל עס שטייט ניט „ובידה יתננו) אז מען מיינט ניט דוקא אין איר האַנט, נאָר אין איר רשות, אפילו דער גט קומט נאָר אריין אין איר הויז, צי אין איר הויף (איר „רשות"), אויב זי שטייט לעבן דעם הויז צו לעבן דעם הויף.** זרקו, אויב ער (דער מאן) האָט איר געוואָרפן (דעם גט) אין זיין הויז אָדער אין זיין הויף, אפילו ער (דער גט) איז מיט איר (מיט דער פרוי) אין בעט, איז זי ניט געגעט. **דאָס מיינט מען אז דאָס בעט געהערט צום מאַן, און דאריבער הייסט עס ניט אז דער גט איז אריינגעקומען אין דער פרויס רשות.** לתוך חיקה, (אויב ער האָט איר געוואָרפן דעם גט אין זיין הויז אָבער) אין איר שויס אריין אָדער אין איר קיישל (קלתה), איז זי געגעט. **ווייל דאָס**

אינה מגורשת. לתוך חיקה או לתוך קלתה, הרי זו מגורשת:

ב. אמר לה, כנסי שטר חוב זה, או שמצאתו מאחוריו, קוראה והרי הוא גטה, אינו גט, עד שאמר לה, הא גטך. נתן בידה והיא ישנה, נעורה, קוראה, והרי הוא גטה, אינו גט, עד שיאמר לה הא גטך. היתה עומדת ברשות הרבים, וזרקו לה, קרוב לה מגורשת, קרוב לו — אינה מגורשת; מחצה על מחצה — מגורשת ואינה מגורשת:

ג. וכן לענין קדושין, וכן לענין החוב, אמר לו בעל חובו, זרוק לי חובי, וזרקו לו, קרוב למלוה — זכה הלוה, קרוב ללוה — הלוה חייב; מחצה על מחצה — שניהם יחלוקו. היתה עומדת על ראש הגג, וזרקו

אָרט פון איר שויס און איר קיישל געהערט אויך צו איר, מחמת קיינער איז ניט מקפיד אויף דעם אָרט. „חיק" מיינט ניט איר שויס זעלבסט, נאָר איר קלייד וואָס שלעפּט זיך אויף דער ערד (אזוי זאָגט תוספות). „קלתה" הייסט א קיישל, אין וועלכן די פרוי האלט איר וואָל און נאָדלען צו שפּינען.

ב. אָמר, אויב ער (דער מאַן) האָט (געבנדיק איר דעם גט) געזאָגט צו איר (צו דער פרוי): „נעם דעם דאָזיקן וועקסל", אָדער (ער האָט איר ניט געגעבן דעם גט, נאָר) זי האָט אים געפינען אויף זיינע (דעם מאַנ'ס) (פּלייצעס און) זי האָט אים געליינט און געזען אז דאָס איז איר גט, איז ער ניט קיין גט, סיידן ער (גיט דעם גט, און זאָגט איר) „דאָ האָסטו דיין גט". **די משנה לערנט דאָ צוויי זאַכן. ערשטנס, אז ער מוז איר זאָגן אז דאָס איז איר גט, און צווייטנס, אז ער מוז אים איר געבן; אויב למשל דער גט ליגט אויף דער ערד און ער זאָגט צו איר „נעם דעם גט" („טלי גיטך מעל גבי קרקע"), איז עס ניט קיין גט.** נתן, אויב ער (דער מאַן) האָט געגעבן דעם גט צו איר אין האנט און זי איז געשלאָפן, (און) זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און געליינט און (געזען אז) דאָס איז איר גט, איז עס ניט קיין גט, סיידן ער זאָל איר זאָגן: „דאָ האָסטו דיין גט". **דער ר"ן זאָגט, ווייל ווען זי שלאָפט איז דער גט ניט אָפּגעהיטן דורך איר, און מען מוז האָבן, אז בשעת זי נעמט דעם גט זאָל ער קאָנען ווערן אָפּגעהיטן דורך איר.** היתה, אויב זי (די פרוי) איז געשטאַנען אין א רשות הרבים (למשל, אין א גאס, אין אן אָרט וואָס געהערט צו אלע און ניט צו איינעם) און ער האָט איר צו־געוואָרפן (דעם גט), איז אויב דער גט איז געפאלן נענטער צו איר (צו דער פרוי) איז זי געגט, אויב נענטער צו אים (צום מאַן) איז זי ניט געגט, אויב העלפט אויף העלפט (ניט נענטער צו איר און ניט נענטער צו אים) איז זי געגט און ניט געגט. **מיט „נענטער צו איר" מיינט מען אז די פרוי קאָן היטן דעם גט און דער מאַן קאָן ניט; „נענטער צו אים" הייסט, אז דער מאַן קאָן אים היטן און די פרוי ניט. וואָס מען מיינט „געגט און ניט געגט" האָבן מיר געגעבן פריער פרק ז' משנה ד'.**

ג. וכן, און אזוי איז אויך וועגן קידושין. **אויב דער חתן האָט אין דער גאס צוגעוואָרפן דער כלה דאָס פינגערל, מיט וועלכן ער איז איר מקדש, איז אויב דאָס פינגערל איז געפאלן נאָנט צו איר איז זי מקודש, און אויב נאָנט צו אים איז זי ניט מקודש.** וכן, און אזוי איז אויך וועגן א חוב: אויב זיין בעל חוב (דער מענטש וועמען עס קומט געלט) האָט געזאָגט צו אים (צום מענטש וועלכער איז שולדיג דאָס געלט): „וואַרף מיר צו מיין חוב (דאָס געלט)", און ער האָט אים צוגעוואָרפן (און דאָס געלט איז דערנאָך פארלוירן געגאנגען), איז אויב עס איז געפאלן נאָנט צום מלוה, (דער חוב־מאָנער), האָט דער לוה (דער חוב־שולדיקער) געווינען (און ער דאַרף אים ניט צאָלן נאָכאמאָל), און אויב נאָנט צום לוה, איז דער לוה שולדיג (צו באַצאָלן נאָכאמאָל), אויב העלפט אויף העלפט, זאָלן זיי זיך צעטיילן. **דער לוה זאָל אים באַצאָלן נור א העלפט פון חוב. די גמרא זאָגט, אז מען מיינט אז דער מלוה האָט אים געזאָגט: „וואַרף עס צו מיר און עס זאָל האָבן דעמזעלבן דין וואָס ביי א גט", ווייל**

לה, כיון שהגיע לאויר הגג, הרי זו מגורשת. הוא מלמעלה והיא מל־מטה, וזרקו לה, כיון שיצא מרשות הגג, נמחק, או נשרף, הרי זו מגורשת:

ד. בית שמאי אומרים, פוטר אדם אשתו בגט ישן, ובית הלל אוס־רין. ואיזהו גט ישן? כל שנתייחד עמה אחר שכתבו לה:

ה. כתב לשום מלכות אחרת, לשום מלכות מדי, לשום מלכות יון, לבנין הבית, לחורבן הבית, היה במזרח, וכתב במערב, במערב וכתב במזרח, תצא מזה ומזה, וצריכה גט מזה ומזה, ואין לה לא כתובה ולא פירות, ולא מזונות ולא בלאות לא על זה ולא על זה; אם נטלה

אויב ער האָט אים סתם געהייסן וואַרפן, איז דער לווה פטור נאָכאַמאָל צו באַצאָלן. — היתה עומדת, אויב זי (די פרוי) איז געשטאַנען אויפן דאַך, און ער (דער מאַן) האָט געוואָרפן צו איר (דעם גט), איז ווי נור ער (דער גט) איז צוגעקומען אין דער לופט פון דאַך, איז זי געגט. **די גמרא זאָגט אז עס איז געווען איר דאַך און איר הויף, און אז דער גט איז געפאַלן נידריקער פון דריי טפחים פון דאַך, און עס הייסט דאַ־ריבער ווי ער וואָלט געפאַלן אויפן דאַך.** הוא מלמעלה, אויב ער (דער מאַן) איז געווען אין דער הויך (אויפן דאַך) און זי (די פרוי) איז געווען אונטן, און ער האָט געוואָרפן(אראָפּ) **צו איר** (דעם גט), איז ווי נור דער גט איז אַרויס פון רשות פון דאַך(און ער איז אַריין אין רשות פון הויף, וואו זי איז געשטאַנען) (אפילו) ער איז אָפּגעמעקט געוואָרן אָדער פאַרברענט געוואָרן, איז זי געגט. **דאָס איז נור אויב ווען ער האָט געוואָרפן דעם גט איז נאָך ניט געווען דאָס פייער אין הויף; אויב אָבער דאָס פייער איז שוין געווען, הייסט עס אז דער גט איז געגאַנגען פאַרברענט צו ווערן, און די פרוי איז ניט געגט.**

ד. בית שמאי, די בית שמאי זאָגן, אז א מענטש קאָן גטן (פוטר) זיין ווייב מיט אַן אַלטן גט (גט ישן), און די בית הלל אסרן. וואָס הייסט אַן אַלטער גט? אויב ער (דער מאַן) האָט זיך געפינען אַליין מיט איר (מיט דער פרוי) נאָכדעם ווי ער האָט אים (דעם גט) איר געשריבן. **דער טעם פון די בית הלל איז, ווייל טאָמער וועט ער האָבן מיט איר א קינד, און מענטשן זעענדיק די דאַטע פון גט וועלן זאָגן „גטה קודם לבנה", אז ווען זי איז מעוברת געוואָרן מיטן קינד איז זי שוין געווען געגט, און דאָס איז א פגם פאַרן קינד.**

ה. כתב, אויב מען האָט געשריבן (אין גט די צייט) לויט אַן אַנדער מלכות (למשל, ער איז געווען אין בבל און ער האָט ניט געשריבן „אַזוי פיל יאָר צום מלך פון בבל", נאָר גאָר פון א מלך פון אַן אַנדערער מדינה), אָדער ער האָט גע־שריבן לויט דעם מלכות פון מדי, אָדער לויט דעם מלכות פון יון (לויט דעם גריכישן מלכות) אָדער לויט דעם אויפבוי פון בית המקדש (לבנין הבית, „אַזוי פיל יאָר זינט דאָס בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן"), אָדער לויט דעם חורבן פון בית המקדש („אַזוי פיל יאָר זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן"), אָדער ער איז געווען אין מזרח און ער האָט געשריבן „אין מערב", אָדער (ער איז געווען) אין מערב און ער האָט געשריבן „אין מזרח", (און די געגטע פרוי האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן מאַן) זאָל זי זיך צושיידן מיט דעם (ערשטן מאַן) און מיט דעם (אַנדערן מאַן), **ווייל דער גט איז ניט קיין גוטער גט. די חכמים האָבן מתקן געווען, אז מען זאָל איינשרייבן די צייט אין גט לויט די יאָרן פון מלכות פון לאַנד, אין וועלכן מען וואוינט, צוליב שלום, דאָס די הערשער זאָלן זען, ווי יידן האַלטן פון זיי, און זיי וועלן זיין גוט צו יידן. דערנאָך האָט מען די תקנה אָפּגעשאַפט.** וצריכה, און זי (די געגטע פרוי וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן מאַן), דאַרף האָבן א גט פון דעם (ערשטן מאַן) און פון דעם (צווייטן מאַן), און זי האָט ניט קיין כתובה, און ניט קיין פרוכטן און ניט קיין מזונות און ניט קיין אָפּגענוצטע זאַכן, ניט

מזה ומזה, תחזיר. והולד ממזר מזה ומזה ולא זה וזה מיטמאין לה. ולא זה וזה זכאין לא במציאתה ולא במעשה ידיה ולא בהפרת נדריה. היתה בת ישראל, נפסלת מן הכהונה. בת לוי, מן המעשר. בת כהן, מן התרומה. ואין יורשיו של זה ויורשיו של זה יורשין כתובתה. ואם מתו, אחיו של זה ואחיו של זה חולצין ולא מיבמין. שינה שמו ושמה, שם עירו ושם עירה, תצא מזה ומזה, וכל הדרכים האלו בה:

ו. כל העריות שאמרו צרותיהן מותרות; הלכו הצרות האלו

פון דעם (ערשטן מאן) און ניט פון דעם (צווייטן מאן), (און) אויב זי האט גענומען (איינעם פון די דאזיקע זאכן) פון דעם (ערשטן) אדער פון דעם (צווייטן מאן), זאל זי צוריקגעבן. **וואס מען מיינט מיט „כתובה, פירות, מזונות, בלאות", האבן מיר גע־געבן אין יבמות פרק ט' משנה ג', און פרק י' משנה א'** והולד, און אויב זי האט גע־האט א קינד פון דעם (ערשטן) אדער פון דעם (צווייטן מאן) איז עס א ממזר, און ניט דער (ערשטער) און ניט דער (צווייטער מאן) מעגן זיך מטמא זיין צו איר, און ניט דער און ניט דער האבן ניט דאס רעכט ניט צו איר (געפינענער) מציאה, און ניט צו די (פארדינסטן פון) איר האנט־ארבייט, און צו פארשטערן אירע נדרים; אויב זי איז געווען די טאכטער פון א ישראל ווערט זי פסול, פון דער כהונה (זי טארניט חתונה האבן מיט א כהן), און אויב זי איז די טאכטער פון א לוי (ווערט זי פסול) פון (עסן) מעשר, און אויב זי איז די טאכטער פון א כהן (ווערט זי פסול) פון (עסן) תרומה, און ניט די יורשים פון דעם (ערשטן) און ניט די יורשים פון דעם (צווייטן מאן) ירשענען איר כתובה, און אויב זיי זענען געשטארבן (אן קינדער) איז די ברידער פון דעם (ערשטן) און די ברידער פון דעם (צווייטן מאן) געבן איר חליצה, אבער מייבם זיין איר קאנען זיי ניט. **אויך די דאזיקע משנה האבן מיר מפרש געווען אין יבמות פרק י' משנה א'.** — שינה, אויב מען האט אין גט געענדערט זיין נאמען אדער איר נאמען, אדער דעם נאמען פון זיין שטאט אדער דעם נאמען פון איר שטאט, (און די פרוי האט דערנאך חתונה געהאט) זאל זי זיך צושיידן מיט דעם (ערשטן מאן) און מיט דעם (צווייטן מאן) און די אלע דאזיקע זאכן (וואס די משנה האט פריער געלערנט) זענען פאראן ביי איר. **דאס הייסט זי דארף האבן פון ביידע מענער גיטין, דאס קינד איז א ממזר, עס קומט איר ניט קיין כתובה און אזוי ווי־טער, אלץ וואס די משנה האט פריער געלערנט ביז אז אויב די ביידע מענער זענען געשטארבן אן קינדער נעמט זי חליצה און מייבם זיין טאר מען זי ניט.**

ו. כל העריות, אלע עריות (פרויען־קרובות) וועגן וועלכע (די חכמים) האבן געזאגט, אז זייערע צרות (די אנדערע פרויען פון זעלביקן מאן) זענען מותר (חתונה צו האבן מיט פרעמדע מענער נאכדעם ווי זייער מאן איז געשטארבן אן קינדער און זיי דארפן ניט האבן קיין חליצה, פון יבם), אויב די דאזיקע צרות האבן חתונה גע־האט, און עס איז געפונען געווארן אז די (עריות) זענען געווען אילונית (ניט געקאנט האבן קיין קינדער), דארפן די צרות זיך שיידן פון דעם (מאן מיט וועלכן זי האט חתונה געהאט) און פון דעם (יבם, זיי מוזן נעמען חליצה פון יבם) און די אלע דאזיקע זאכן (וואס די משנה האט פריער געלערנט) זענען פאראן ביי איר (ביי די דאזיקע צרות). **כדי צו פארשטיין די משנה דארף מען וויסן דעם דין, וואס מיר האבן געלערנט אין יבמות פרק א' משנה א', דהיינו: אויב ראובן האט געהאט צווי ווייבער רחל און לאה, און ער האט געהאט א ברודער, שמעון, און רחל איז שמעונ'ס טאכטער, און ראובן איז געשטארבן אן קינדער, דארף שמעון ניט נור ניט געבן חליצה צו רחל (זיין טאכטער, וועלכער איז צו אים א ערוה, איינער פון די „עריות", א נאנטע קרובה, מיט וועלכער ער טארניט חתונה האבן), נאר אויך ניט צו לאה, מחמת לאה איז די צרה (דאס צווייטע ווייב פון זעלביקן מאן) פון רחל, פון דער ערוה. אויב אבער רחל איז געווען אן אילונית, זי האט ניט געקאנט האבן קיין**

ונשאו, ונמצאו אלו אילונית, תצא מזה ומזה, וכל הדרכים האלו בה:
ז. הכונס את יבמתו והלכה צרתה ונשאת לאחר, ונמצאת זאת שהיא אילונית, תצא מזה ומזה, וכל הדרכים האלו בה:
ח. כתב סופר גט לאיש ושובר לאשה, וטעה ונתן גט לאשה ושובר לאיש ונתנו זה לזה, ולאחר זמן הרי הגט יוצא מיד האיש, ושובר מיד האשה, תצא מזה ומזה, וכל הדרכים האלו בה. ר׳ אליעזר אומר, אם לאלתר יצא, אין זה גט, אם לאחר זמן יצא, הרי זה גט, לא כל הימנו מן

קינדער, הייסט עס, אז זי איז ניט געווען דאָס ריכטיקע ווייב פון ראובן, און ממילא איז לאה ניט איר ריכטיקע צרה, און זי דאַרף דעמאָלס יאָ נעמען חליצה פון שמעון. לערנט די משנה, אז אויב לאה האָט (ניט נעמענדיק חליצה) חתונה געהאַט מיט א פרעמדן מאַן, מיט לוי, און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז רחל איז געווען אן אילונית, דאַרף זיך לאה שיידן פון לוי און זי מוז נעמען חליצה פון שמעון, און אלע זאַכן וואָס די משנה האָט געלערנט פריער אין משנה ה׳ (וועגן דער כתובה און אזוי ווייטער) זענען גילטיק בנוגע איר. מיר האָבן דאָ געגעבן א ביישפיל נאָר פון איינער פון די עריות, דהיינו אז רחל איז געווען שמעונ׳ס א טאָכטער, אין יבמות פרק א׳ משנה א׳ ווערן אויסגערעכנט 15 עריות (פרויען קרובות) ווי א שוויגער, א שוועסטער פון איין מוטער. דאַריבער זאָגט דאָ די משנה „כל העריות״, אז ביי אלע 15 עריות וואָס ווערן אויסגערעכנט דאָרט אין דער משנה אין יבמות איז דער דין דערציילטער. זאָל דער לערנער כדי בעסער צו פאַרשטיין די דאָזיקע משנה אַדורכקוקן אונזער פירוש צו יבמות פרק א׳ משנה א׳.

ז. הכונס, אז איינער (שמעון) האָט חתונה געהאַט מיט זיין יבמה (מיט רחל, דער פרוי פון זיין ברודער ראובן וועלכער איז געשטאָרבן אָן קינדער, און האָט איבערגעלאָזט צוויי פרויען רחל און לאה וועלכע זענען ניט עריות צו שמעון), און איר צרה (לאה) איז געגאַנגען און האָט חתונה געהאַט צו אן אַנדערן (צו לוי, מחמת אזוי ווי רחל האָט נור חתונה געהאַט מיט שמעון דאַרף שוין לאה פון שמעון ניט נעמען קיין חליצה), און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז די דאָזיקע (רחל) איז אן אילונית (און ממילא איז זי ניט געווען ראובן׳ס ריכטיק ווייב, און דאָס וואָס שמעון האָט חתונה געהאַט מיט איר האָט ניט באַפרייט לאה׳ן פון חליצה), זאָל לאה זיך שיידן פון דעם (פון לוי) און פון דעם (פון שמעון, זי דאַרף נעמען פון שמעון חליצה), און אלע דאָזיקע זאַכן זענען פאַראַן ביי איר. **אויך דאָ מיינט די משנה אז עס זענען גיל־טיק ביי איר די דינים פון פריער משנה ה׳ וועגן כתובה און אזוי ווייטער.**

ח. כתב, אויב דער סופר האָט געשריבן א גט פאַר א מאַן און א שובר (א קבלה קוויטל, אז דאָס ווייב האָט באַקומען די כתובה נאָכן גטן זיך) פאַר דער פרוי, און ער (דער סופר) האָט א טעות געהאַט, און געגעבן דעם גט דער פרוי און דעם שובר דעם מאַן, און זיי האָבן זיי געגעבן איינער דעם צווייטן (דער מאַן האָט געגעבן דער פרוי ניט דעם גט נאָר דעם שובר, און די פרוי האָט געגעבן דעם מאַן ניט דעם שובר נאָר דעם גט), און דערנאָך האָט מען געזען, אז דער גט איז אין דער האַנט פון מאַן, און דער שובר אין דער האַנט פון דער פרוי, זאָל זי (אויב זי האָט חתונה געהאַט צו אן אַנדערן, מיינענדיק אז זי איז געגט) זיך שיידן מיט דעם (ערשטן מאַן) און מיט דעם (צווייטן מאַן) און די אלע דאָזיקע זאַכן זענען פאַראַן ביי איר, **אויך דאָ זענען גילטיק ביי איר די אלע דינים פון פריער משנה ה׳ וועגן דער כתובה און אזוי ווייטער.** ר׳ אליעזר זאָגט, אז אויב עס איז באַלד אַרויס (מען האָט באַלד איידער די פרוי האָט חתונה געהאַט מיט א׳ צווייטן דערזען, אז דער גט איז ביים מאַן און דער שובר ביי דער פרוי) איז עס ניט קיין גט, (אָבער) אויב עס איז אַרויס נאָך א צייט (נאָכדעם ווי די פרוי האָט שוין חתונה געהאַט), איז ער (דער ערשטער מאַן) ניט באַגלויבט צו־ניט צו מאַכן (לאבד, צו מאַכן פאַרלירן) דאָס רעכט

הראשון לאבד זכותו של שני. כתב לגרש את אשתו ונמלך, בית שמאי אומרים, פסלה מן הכהונה, ובית הלל אומרים, אף על פי שנתנו לה על תנאי ולא נעשה התנאי ,לא פסלה מן הכהונה:

ט· המגרש את אשתו ולנה עמו בפונדקי, בית שמאי אומרים אינה צריכה הימנו גט שני ובית הלל אומרים צריכה הימנו גט שני. אימתי? בזמן שנתגרשה מן הנשואין. ומודים בנתגרשה מן הארוסין, שאינה

פון צווייטן (מאן). ווייל מען נעמט אָן אז דער געזועזענער מאן מיטן ווייב, **האָבן זיך אָפּגערעדט, געמאכט א ,,קנוניא״ (א פארשווערונג) קייגן צווייטן מאן, און זי האָט געגעבן דעם ערשטן מאן דעם גט, כדי זי זאָל פטור ווערן פון צווייטן מאן. —**
— כתב, אויב איינער האָט געשריבן (א גט) צו גטן זיין ווייב, און ער האָט חרטה געהאָט (און ער האָט איר ניט געגעבן דעם גט), זאָגן די בית שמאי אז ער האָט זי געפסלט פון דער כהונה. **דער דין איז אז א כהן טאָר ניט חתונה האָבן מיט א גרושה, מיט א געגטער פרוי, אָבער מיט אן אלמנה מעג ער חתונה האָבן. זאָגן די בית שמאי, אז אויב איר מאן איז דערנאָך געשטאָרבן טאָר די פרוי ניט חתונה האָבן מיט א כהן, ווייל כאָטש ער האָט ניט געגעבן דעם גט, אָבער ער האָט דאָך זי געוואָלט גטן.** ובית הלל, און די בית הלל זאָגן, אז (ניט נור מעג די דאָזיקע פרוי ווען ער האָט בכלל ניט געגעבן דעם גט חתונה האָבן מיט א כהן, נאָר) אפילו ער האָט איר געגעבן א גט (נאָר) מיט א תנאי, און דער תנאי איז ניט מקויים געוואָרן, האָט ער זי ניט געפסלט פון דער כהונה· **נאָר א געגטע פרוי טאָר ניט חתונה האָבן מיט א כהן.**

ט. המגרש, אז איינער האָט געגט זיין פרוי און (דערנאָך) האָט ער איבערגענעכטיקט מיט איר אין אן אכסניה (אין איין צימער)), זאָגן די בית שמאי, אז זי דארף ניט האָבן פון אים א צווייטן גט, און די בית הלל זאָגן אז זי דארף האָבן פון אים א צווייטן גט. **מען מיינט דאָ, אז עדות האָבן געזען ווי זיי זענען אריין אין איין באזונדערן צימער** (עדי יחוד), **און די בית הלל האַלטן, אז עדי יחוד זענען אזוי גוט ווי עדי ביאה** (ווי די עדות וואָלטן געזען זיי לעבן צוזאמען), **און אזוי ווי מען קאָן מקדש זיין א פרוי מיט ביאה, און א מענטש געוויינטליך וויל ניט מזנה זיין, נעמט מען אָן אז דאָס זענען קידושין, און אז זי איז ווידער זיין פרוי.** אימתי? ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען זי איז געגט געוואָרן נאָכדעם ווי זי האָט שוין געהאט חתונה געהאט, אָבער זיי (די בית הלל) זענען מודה אז אויב זי איז געגט געוואָרן נאָר פון אירוסין (דער מאן האָט איר נאָר געהאט מקדש געווען, אָבער נאָכניט חתונה געהאט), דארף זי ניט האָבן פון אים א׳ צווייטן גט (אויב זי האָט נאָכן גט גענעכטיקט מיט אים אין איין צימער), ווייל זיין הארץ איז ניט גרויס צו איר **ער איז ניט דרייסט צו איר, ער שעמט זיך פאר איר און מען נעמט דאריבער אָן אז ער האָט ניט געלעבט מיט איר.** (כנסה, אויב ער (א מאן) האָט חתונה געהאט מיט איר (מיט א פרוי, וועלכע איז געגט געוואָרן פון איר ערשטן מאן) מיט אן אויסגעקראָכענעם גט (גט קרח), דארף זי זיך שיידן מיט דעם (ערשטן מאן) און מיט דעם (צווייטן מאן) און די אלע דאָזיקע זאכן זענען פאראן ביי איר. מיט ,,די אלע דאָזיקע **זאכן״ מיינט מען, וואָס ווערן געזאָגט פריער אין משנה ה׳ וועגן ניט באקומען די כתובה און אזוי ווייטער. דער טעם איז ווייל אן ,,אויסגעקראָכענער גט״ איז ניט קיין כשרער גט· וואָס הייסט אן ,,אויסגעקראָכענער גט״, ,,גט קרח״ ? די משנה זאָגט אין לעצטן פרק פון בבא בתרא, אז עס איז געווען א סאָרט גט, וואָס האָט געהייסן ,,גט מקושר״, א ,,געקניפּטער גט״. אויף אזא גט פלעגט מען אָנשרייבן א שורה אָדער צוויי שורות און איינקנייטשן (איינקניפּן) די שורה, און פארנייען, און אויף דער אנדערער זייט פון פארמעט האָט זיך אונטערגעשריבן איין עדות. אזוי ווי אזעלכע קנייטשן זענען געווען א סך, טיילמאָל 6־8, זענען געווען דאריבער אונטער־**

צריכה הימנה גט שני, מפני שאין לבו גס בה. כנסה בגט קרח, תצא מזה ומזה, וכל הדרכים האלו בה:

י. גט קרח, הכל משלימין עליו, דברי בן ננס. ר׳ עקיבא אומר, אין משלימין עליו אלא קרובים הראוין להעיד במקום אחר. ואיזהו גט קרח? כל שקשריו מרובין מעדיו:

פרק ט.

א. המגרש את אשתו, ואמר לה, הרי את מותרת לכל אדם, אלא לפלוני: ר׳ אליעזר מתיר. וחכמים אוסרין, כיצד יעשה? יטלנו הימנה, ויחזור ויתננו לה, ויאמר לה, הרי את מותרת לכל אדם. ואם כתבו בתוכו, אף על פי שחזר ומחקו, פסול:

געשריבן 6־8 עדות. דאָס קלענסטע מוזן זיין 3 קנייטשן און 3 עדות. מען האָט איינ־געפירט אזא סאָרט גט, וועלכן עס איז שווער אָנצושרייבן, פאר כהנים, וועלכע זע־נען קפדנים, און ווערן שנעל אין כעס, און ווילן זיך באלד גטן מיט די פרויען; ביז מען ענדיקט דאָס שרייבן און קנייטשן, וועט דער כעס ביי זיי דערווייל איבער־גיין. יעדער קנייטש הייסט „קשר", א „קניפּ", און אויף יעדן „קשר" האָט אויף דער אנדערער זייט געדאַרפן זיין אונטערגעשריבן איין עדות. אן „אויסגעקראָכענער גט" הייסט אזא גט מקושר, וואָס ניט אויף יעדן קנייטש איז פאראן אן עדות, אויף טייל קנייטשן פעלן עדות, כאָטש אויף דעם גאנצן גט זענען יאָ פאראן 2 עדות.

י. גט קרח, אן אויסגעקראָכענער גט, קאָנען אלע צושרייבן זיך אויף אים, אזוי זאָגט בן ננס. אויב עס זענען פאראן אויף אים 2 עדות כשרע, מעגן שוין אויף די איבריקע קנייטשן זיך אונטערשרייבן אויך פסולע עדות, ווי קרובים, שקלאפן וכדומה. ר׳ עקיבא זאָגט, אז עס קאָנען צושרייבן זיך אויף אים נור קרובים, וועלכע זענען כשר עדות צו זאָגן אין אן אנדער אָרט. אָבער למשל שקלאפן וועלכע זענען אור־מעטום פסול עדות צו זאָגן, קאָנען דאָ ניט צושרייבן אויף די קנייטשן. דער טעם איז ווייל די וועלט וועט דאדורך מיינען אז ער איז ניט קיין שקלאף און און מען וועט אים חתונה מאכן מיט א טאָכטער פון א ישראל. ואיזהו, און וואָס הייסט אן אויסגע־קראָכענער גט (גט קרח)? יעדער (גט מקושר) וואָס זיינע קניפּן (קשרים, קנייטשן) זענען מער פון זיינע עדות. אזוי ווי מיר האָבן דערקלערט אין דער פריערדיקער משנה, אז אויף טייל קנייטשן זענען ניט פאראן קיין עדות.

פרק ט.

א. המגדש, אז איינער גט זיין פרוי און ער זאָגט צו איר: „דו זאָלסט זיין מותר צו יעדן מענטש א חוץ צו יענעם" (מענטש), איז ר׳ אליעזר מתיר. ער לערנט עס אָפּ פון פסוק (ויקרא כ"א) „ואשה גרושה מאישה לא יקחו" אז אפילו זי איז נור געגט פון איר מאן אליין הייסט זי געגט, און זי טאָר ניט חתונה האָבן מיט א כהן, און דאריבער הייסט זי אויך דאָ געגט. וחכמים, און די חכמים אסרן. זיי זאָגן, אז נור אויף ניט צו טאָרן חתונה צו האָבן מיט א כהן הייסט עס א גט, ווייל כהנים האָבן באזונדערע מצוות, אָבער כדי זי זאָל מעגן חתונה האָבן מיט אנדערע הייסט עס ניט קיין גט. כיצד, וואָס זאָל ער טאָן (אז עס זאָל יאָ הייסן א גט)? ער זאָל אים (דעם גט) צוריקצונעמען פון איר, און זאָל אים ווידער איר געבן, און צו איר זאָגן: „דו זאָלסט זיין מותר צו אלע מענטשן"; אָבער אויב ער האָט דאָס (די ווערטער: „דו זאָלסט זיין מותר צו אלע מענטשן א חוץ צו יענעם מענטש") געהאט איינגע־שריבן אינווייניק (אין דעם גט), כאָטש ער האָט עס דערנאָך אויסגעמעקט, איז ער (דער גט) פסול. ווייל דער גט איז דאָך געשריבן געוואָרן נור מיט דעם דאָזיקן תנאי, דאריבער איז ער ניט קיין גט.

ב. הרי את מותרת לכל אדם אלא לאבא, ולאביך, לאחי, ולאחיך, לעבד ולנכרי, ולכל מי שאין לה עליו קדושין, כשר. הרי את מותרת לכל אדם, אלא אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה לישראל, בת ישראל לממזר ולנתין, ולכל מי שיש לה עליו קדושין, אפילו בעבירה, פסול:

ג. גופו של גט, הרי את מותרת לכל אדם. ר׳ יהודה אומר, ודין דיהוי ליכי מינאי ספר תירוכין ואגרת שבוקין וגט פטורין למהך להתנסבא לכל גבר דתצביין. גופו של גט שחרור, הרי את בת חורין, הרי את לעצמך:

ד. שלשה גטין פסולין, ואם נשאת הולד כשר. כתב בכתב ידו ואין

ב. הרי, (אויב דער מאן געבנדיק דעם גט דער פרוי האָט צו איר געזאָגט): „דו זאָלסט זיין מותר צו יעדן מענטש, אחוץ צו מיין פאָטער״ אָדער „צו דיין פאָטער״ אָדער „צו מיין ברודער״ אָדער „צו דיין ברודער״, אָדער „צו א שקלאַף״ אָדער „צו א גוי״ ,אָדער צו יעדן, וועלכער האָט ניט אויף איר קיין קידושין, (אויב דער דאָזיקער איז איר מקדש איז עס גאָרניט, ווייל זי קאָן ניט ווערן זיין ווייב), איז עס כשר. **דער גט איז א גוטער גט, מחמת ער האָט דאָך באמת איר גאָרניט געבינדן, ווארום די דאָזיקע קאָנען זי דאָך סיי ווי ניט מקדש זיין.** הרי, (אויב ער האָט איר געזאָגט): „דו זאָלסט זיין מותר צו יעדן מענטש א חוץ (אויב זי איז) אן אלמנה צו א כהן גדול״, אָדער „א גרושה אָדער א חלוצה צו א פשוטן כהן״, אָדער „א ממזרת אָדער א נתינה צו א ישראל״, אָדער „א ישראל׳ס א טאָכטער צו א ממזר אָדער א נתין״, אָדער צו „יעדן וואָס האָט אויף איר קידושין כאָטש עס איז א עבירה (כאָטש ער טאָרניט לעבן מיט איר, אָבער אז ער איז זי מקדש איז זי זיין ווייב, און זי דארף האָבן פון אים א גט), איז דער גט פסול. **ווייל דאָס הייסט עפּיס איר געבינדן, איבער־געלאָזט עפּיס אין דעם גט. די משנה זאָגט „אלמנה צו א כהן גדול״, כאָטש סיי ווי טאָר זי דער כהן גדול ניט נעמען אפילו זי איז ניט געווען אן אלמנה ווארום זי איז דאָך איצט א גרושה; דאָס איז נור ווייל אין א סך ערטער דערמאָנט די משנה די אלע צוזאמען. וועגן „נתין״ זע יבמות פרק ב׳ משנה ד׳.**

ג. גופו, דער עיקר פון גט (זענען די ווערטער) „הרי את מותרת לכל אדם (דו זאָלסט זיין מותר צו יעדן מענטש)״. ר׳ יהודה זאָגט, אז מען דארף אויך איינשרייבן די ווערטער) „ודין די יהוי לכי מנאי ספר תירוכין ואגרת שבוקין וגט פטורין למהך להתנסבא לכל גבר דתצביין״ (און דערמיט האָסטו פון מיר א טרענונגס־שריפט, און א פארלאָזונגס־בריף און פריי־לאָזונגס־גט, אז דו זאָלסט קאָנען חתונה האָבן מיט יעדן מאן וואָס דו וועסט וועלן)· **ווייל אין גט דארף זיין איינגעשריבן אז מיטן דאָזיקן גט ווערט זי געגט, און ניט אז דאָס איז נור א שריפט צו באווייזן.** גופו של גט שחרור, דער עיקר פון א באפרייאונגס־שטר (פאר א שקלאַפין, זענען די ווערטער): „הרי את בת חורין״ (דו זאָלסט זיין א פרייע פרוי), אָדער „הרי את לעצמך״ (דו זאָלסט זיין פאר זיך אליין). **די משנה ברענגט דאָ דאָס לשון פון באפרייען א שקלאַפין, ווייל זי רעדט פריער וועגן א פרוי (א גט); אָבער אויך ביי באפרייען א שקלאַף שרייבט מען „הרי את בן חורין״, אָדער „הרי את לעצמך״ („את״ איז אין דער משנה־שפּראַך טיילמאָל אויך פאר א זכר).**

ד. שלשה, דריי גיטין זענען פסול, אָבער אויב זי האָט חתונה געהאט (מיט א צווייטן נאָכדעם ווי זי האָט באקומען איינעם פון די דריי גיטין) איז דאָס קינד (וואָס זי האָט געבוירן פון צווייטן מאן) כשר. עס איז ניט קיין ממזר, **ווייל זיי זענען פסול נור מדרבנן, און מדאורייתא, לויט דעם דין פון דער תורה, זיינען זיי כשר. די דריי גיטין זענען:** כתב, אויב ער (דער מאן) האָט געשריבן (דעם גט) מיט זיין אייגענער האנטשריפט, אָבער עס זענען ניט פאראן אויף אים (אונטערגעשריבן) קיין עדות,

עליו עדים, יש עליו עדים ואין בו זמן, יש בו זמן ואין בו אלא עד אחד, הרי אלו שלשה גיטין פסולין, ואם נשאת הולד כשר. ר׳ אליעזר אומר, אף על פי שאין עליו עדים, אלא שנתנו לה בפני עדים, כשר, וגובה מנכסים משועבדים, שאין העדים חותמין על הגט, אלא מפני תקון העולם:

ה. שנים ששלחו שני גיטין שוין ונתערבו, נותן שניהם לזו, ושניהם לזו. לפיכך אבד אחד מהן, הרי השני בטל. חמשה שכתבו כלל בתוך הגט, איש פלוני מגרש פלונית, ופלוני פלונית, והעדים מלמטה, כולן כשרין, וינתן לכל אחת ואחת. היה כתוב טופס לכל אחת ואחת, והע־

אָדער עס זיינען פאראן אויף אים עדות אָבער עס איז ניט פאראן אין אים די צייט (ווען מען האָט אים געשריבן), אָדער עס איז פאראן אין אים די צייט אָבער עס איז פאראן אויף אים (אונטערגעשריבן) נור איין עדות, — די דאָזיקע דריי גיטין זענען פסול, אָבער אויב זי האָט חתונה געהאט איז דאָס קינד כשר. **דאָס אונטערשרייבן פון עדות איז נור מדרבנן, און אויב דער גט איז געשריבן געוואָרן מיטן מאנ׳ס כתב איז ער מדאורייתא כשר. אויך דאָס איינשרייבן די צייט אין גט איז נור א תקנה מדרבנן** (ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ב׳ משנה ב׳). **אויך אויב עס איז נור פאראן איין עדות און דער גט איז געשריבן געוואָרן דורך דעם מאן (און לויט טייל דיעות, אפילו דורך דעם סופר, ווייל דעם סופר׳ס האנטשריפט ווערט אויך גערעכנט ווי איין עדות) איז כשר מדאורייתא.** ר׳ אלעזר זאָגט, אז אפילו עס איז ניט פאראן (אונטערגעשריבן) אויף אים (דעם גט) קיין עדות, נאָר ער (דער מאן) האָט איר געגעבן (דעם גט) פאר עדות, איז ער כשר, און (אויב דאָס איז ניט קיין גט, נאָר א וועקסל, אויף וועלכן עס זענען ניט אונטערגעשריבן קיין עדות, נאָר עס זענען געווען עדות דאביי ווען דער לוה האָט דעם מלוה געגעבן דאָס וועקסל, עדי מסירה), נעמט מען אָפּ (דערויף) פון פארקויפטע פעלדער, ווארום (די תקנה אז) עדות (זאָלן) זיך חתמען אויף א גט איז נור צוליב דער טובה פון דער וועלט (תיקון העולם). **ווייל מען האָט מורא טאָמער וועלן די עדי מסירה שטארבן און דער מאן וועט טענהן אז דער גט איז א פאלשער. זע וועגן דעם פריער פרק ד׳ משנה ג׳. אויך וועגן „אָפּנעמען פון פארקויפטע פעל־דער״ (נכסים משועבדים) זע פריער פרק ה׳ משנה ב׳.**

ה. שנים, אויב צוויי מענטשן (ביידע האָבן געהייסן „ראובן״, און די פרויען פון ביידע האָבן געהייסן „לאה״) האָבן געשיקט צוויי גלייכע גיטין, און זיי (די גיטין) האָבן זיך אויסגעמישט, גיט מען ביידע גיטין צו דער דאָזיקער (לאה) און ביידע גיטין צו דער דאָזיקער (לאה). **ווייל ממה נפשך קריגט דאָך יעדע פון זיי איר גט. „שוין״, „גלייכע״, מיינט, אז אויף ביידע גיטין זענען געווען גלייך די נעמען פון די מענער און די פרויען און דער צייט און דער שטאָט און די עדות.** לפיכך, דעריבער אויב איינער פון זיי איז פארלוירן געוואָרן איז דער צווייטער (גט) בטל. **ווייל מען ווייסט דאָך ניט וועמעס גט ער איז.** חמשה, פינף מענטשן וועלכע האָבן געשריבן איין בשותפותדיקן אינהאלט (כלל) אין א גט, און האָבן נור צוגעשריבן: יענער מענטש (ראובן) גט יענע (פרוי. לאה) און יענער (שמעון, גט) יענע (פרוי, רחל, און אזוי זע־נען כסדר געווען אויסגערעכנט אלע פינף מענטשן), און די עדות האָבן זיך אונטער־געשריבן אונטן, זיינען אלע כשר, און מען זאָל געבן (דעם גט) צו יעדער פרוי באַ־זונדער. **מיט „כלל״, בשותפותדיקן אינהאלט, מיינט מען, אז דער טופס פון גט, דער אינהאלט, איז בשותפות, אז אין יענעם אין יענעם טאָג האָט ראובן געגעט זיין פרוי לאה, און שמעון זיין פרוי רחל און אזוי כסדר.** היה כתוב, אויב אָבער עס איז געווען געשריבן א טופס (א אינהאלט) פאר יעדן באזונדער, און די עדות זענען געווען אונ־טערגעשריבן אונטן, איז (נור) דער דאָזיקער וואָס די (אונטערשריפטן פון די) עדות ווערן געליינט מיט אים איז כשר· **מען מיינט, אז עס איז געווען געשריבן: אין דעם**

דים מלמטה, את שהעדים נקרין עמו, כשר:

ו. שני גיטין שכתבן זה בצד זה, ושנים עדים עברים באים מתחת זה לתחת זה, ושני עדים יונים באים מתחת זה לתחת זה, את שהעדים הראשונים נקראין עמו, כשר. עד אחד עברי ועד אחד יוני ועד אחד עברי

טאָג האָט ראובן געגט לאהן, און אין דעם טאָג האָט שמעון געגט רחלן, און אין דעם טאָג האָט לוי געגט שרה׳ן, און אין דעם טאָג האָט יהודה געגט רבקהן, און אין דעם טאָג האָט אברהם געגט חוהן, איז דער דין אז היות די עדות זענען דאָך אונ־טערגעשריבן אונטער דעם סאַמע לעצטן איז דער גט נור א גט פון אברהם פאַר חוהן.

ו. שני גיטין, צוויי גיטין וועלכע מען האָט געשריבן איינעם לעבן דעם אנדערן (אויף איין פאַרמעט, רעכטס איז געשריבן פון אויבן אראָפּ איין גט, און לינקס איז גע־שריבן פון אויבן אראָפּ א צווייטער גט), און צוויי העברעאישע (עברים) עדות קומען (זענען אונטער געשריבן אונטער די ביידע גיטין) פון דעם דאָזיקן (ערשטן גט) ביז ארונטער דעם דאָזיקן (צווייטן גט), און צוויי גריכישע יונים (יונים, יידישע עדות וועלכע שרייבן גריכיש, ניט העברעאיש פון רעכטס אויף לינקס, נאָר פון לינקס אויף רעכטס), קומען (זענען אונטערגעשריבן) פון אונטער דעם דאָזיקן (צווייטן גט) ביז ארונטער דעם דאָזיקן (ערשטן גט), איז דער (גט), וואָס די ערשטע עדות ווערן גע־ליינט מיט אים, כשר. **די דאָזיקע שווערע משנה ווערט דערקלערט אזוי. געוויינטליך שרייבט זיך אונטער א עדות מיט זיין נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען, למשל, ראובן בן יעקב. לאָמיר זיך פאַרשטעלן אז די העברעאישע עדות האָבן זיך אונטערגעשריבן צוזעמען: „ראובן בן יעקב" און „משה בן עמרם". אזוי ווי זיי שרייבן דאָך העברע־איש (עברים) פון רעכטס צו לינקס, קומט אויס אז די ווערטער „ראובן בן" און „משה בן" זענען פאַראַן אונטער דעם ערשטן גט און „יעקב" און „עמרם" אונטער דעם צווייטן גט. ממילא איז דער ערשטער גט כשר, ווייל עס זענען אונטער אים פאַ־ראַן די נעמען־אונטערשריפטן פון 2 עדות „ראובן" און משה. אָבער דער צווייטער גט איז ניט כשר, ווייל אונטער אים זענען דאָך פאַראַן נור די נעמען פון די עדות עלטערן (יעקב, עמרם) דאריבער טויגן זיי ניט. אָבער די שאלה איז: אזוי ווי עס זענען דאָך אונטערגעשריבן פון לינקס אויף רעכטס צוויי יידישע עדות מיט גריכישע אותיות, לאָמיר זאָגן „אלקסנדר בן אנטיגנוס" און „תלמי בן ניקנור", קומט דאָך אויס אז די עדות־נעמען „אלקסנדר" און „תלמי" זענען פאַראַן אונטער דעם צווייטן גט (וואָרום זיי שרייבן דאָך פון לינקס אויף רעכטס), טאָ דאַרף דאָך דער צווייטער גט אויך זיין כשר? איז דער תירוץ, אז דווייל די גריכישע עדות זענען אונטערגעשריבן אונטער די העברעאישע האָט מען מורא, אז זיי האָבן זיי נאָכגעטאָן און האָבן זיך אונטערגשריבן אזוי ווי די העברעאישע, און אונטער דעם 2טן גט האָבן זיי געשריבן די נעמען פון זייערע עלטערן (און „אלכסנדר" און „תלמי" זענען גאָר די נעמען פון די עלטערן) און אונטער דעם ערשטן גט זייערע אייגענע נעמען, און דער 2טער גט איז ווייטער אָן עדות, און ער איז פסול. דאָס זעלביקע איז דער דין פאַרקערט: אויב די גריכישע עדות האָבן זיך אונטערגעשריבן צוערשט און ערשט אונטער זיי די העברעאישע עדות, איז כשר דער 2טער גט, און דער ערשטער גט איז פסול.** עד אחד, אויב (אונטער די צוויי גיטין) זענען אונטערגעשריבן צוערשט איין עדות א העברעאי־שער, און (אונטער אים) איין עדות א גריכישער, און (אונטער אים) איין עדות א העברעאישער, און (אונטער אים) איין עדות א גריכישער, און זיי קומען (די אונטער־שריפטן ציען זיך) פון אונטער דעם (איינעם גט) ביז ארונטער דעם (אנדערן גט), דהיינו, די העברעאישע אונטערשריפטן פון אונטער דעם ערשטן ביז ארונטער דעם צווייטן, און די גריכישע פון אונטער דעם צווייטן ביז ארונטער דעם ערשטן גט), זענען ביידע גיטין פסול. **דער טעם איז, ווייל נור וועגן ערשטן העברעאישן עדות ראובן בן יעקב ווייסט מען זיכער אז דאָס וואָרט „ראובן" איז זיין נאָמען און ער איז**

ועד אחד יוני באין מתחת זה לתחת זה, שניהם פסולין:

ז. שייר מקצת הגט וכתבו בדף השני והעדים מלמטה, כשר. חתמו עדים בראש הדף, מן הצד, או מאחריו בגט פשוט, פסול. הקיף ראשו של זה בצד ראשו של זה, והעדים באמצע, שניהם פסולין (סופו של זה בצד סופו של זה, והעדים באמצע, את שהעדים נקרין עמו, כשר). ראשו של זה בצד סופו של זה, והעדים באמצע, את שהעדים נקרין בסופו, כשר:

ח. גט שכתבו עברית ועדיו יונית, יונית ועדיו עברית, עד אחד

אונטערגעשריבן אונטער דעם ערשטן גט. אָבער ביים צווייטן עדות „אלכסנדר בן אנטיגנוס" ווייסן מיר שוין ניט צי דאָס וואָרט „אלכסנדר" אונטער דעם צווייטן גט איז דער נאָמען פון עדות צי זיין פאָטערס נאָמען, אזוי ווי מיר האָבן פריער געשריבן אין דער משנה. ממילא ווייסן מיר שוין אויך ניט וועגן דריטן העברעאישן עדות משה בן עמרם, צי „משה" אונטער דעם ערשטן גט איז זיין אייגענער צי זיין פאָטערס נאָמען. און דאָס זעלביקע ווייסן מיר שוין אויך ניט וועגן פערטן גריכישן עדות תלמי בן ניקנור, צי תלמי אונטער דעם 2טן גט איז זיין נאָמען צי זיין פאָטערס נאָמען, אזוי ווי מיר האָבן דערקלערט אין דער ערשטער העלפט פון דער משנה. דעריבער זענעןביידע גיטין פסול. מיר האָבן דאָ געטייטשט די משנה לויט דעם רמבם און דעם ברטנורא.

ז. שייר, אויב ער (דער סופר ביים שרייבן א גט) האָט איבערגעלאָזט א טייל פון גט און האָט אים (דעם איבערגעבליבענעם טייל) געשריבן אויף דעם צווייטן דף (אויף דער זעלביקער זייט פון פארמעט, נאָר אַנהויבנדיק אין דער ברייט אין דער הויך א צווייטע שפּאַלטע), און די עדות האָבן זיך אונטערגעשריבן אונטן, איז (דער גט) כשר. ווייל מען קאָן דאָך דאָ ניט מאכן קיין פאַלשע זאכן מיטן גט. חתמו, אויב די עדות האָבן זיך געחתמעט (אויף א גט) אין אָנהייב פון דף (פון דער שפּאַלטע), אָדער אין דער זייט, אָדער פון הינטען (אויף יענער זייט פארמעט, אין רוקן) ביי א פשוטן גט (ניט ביי א פארקניפּטן גט, ניט ביי א „גט מקושר"), איז דער גט פסול. וועגן א פשוטן גט און א „גט מקושר", ביי וועלכן די עדות חתמען זיך אויפן רוקן פון גט, זע פריער פרק ח' משנה ט'. הקיף, אויב ער האָט צוגעבויגן (צו באהאפטן, צוגע־קלעבט), דעם אָנהויב פון דעם (גט) צו דעם אָנהויב (פון אן אנדערן גט), און די עדות האָבן זיך געחתמעט אין דער מיט, זענען זיי ביידע פסול. ווייל די אונטערשריפטן ווערן ניט געליינט ניט מיט דעם איינעם גט און ניט מיט דעם אנדערן גט. סופו, (אויב ער האָט באהאפטן) דעם סוף פון איין (גט) מיט דעם סוף פון דעם אנדערען (גט) און די עדות זענען אין דערמיט, איז דער (גט) מיט וועלכן די (אונטערשריפט פון די) עדות ווערן מיטגעליינט, כשר. אין טייל משניות איז די דאָזיקע הלכה ניטאָ, און עס איז פאראן נור די ווייטערדיקע הלכה, דהיינו: ראשו, (אויב ער האָט צו באַ־האפטן) דעם אָנהויב פון איין (גט) מיט דעם סוף פון אן אנדערן (גט) איז דער (גט) מיט וועלכן די (אונטערשריפטן פון די) עדות ווערן מיטגעליינט צו זיין סוף, כשר. מ'מיינט דאָ אז דער קאָפּ דער שפּיץ פון די אונטערשריפטן איז צום סוף פון כשרן גט, און ניט די פיס פון די אונטערשריפטן, למשל דער נאָמען פון עדות „אברהם" איז ניט איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף.

ח. גט, א גט וועלכן מען האָט געשריבן אין העברעאיש עברית) און זיינע עדות (זענען אונטערגעשריבן אין) גריכיש (יונית), (אָדער דער גט איז געשריבן) אין גריכיש און זיינע עדות אין העברעאיש, אָדער איין עדות (האָט זיך אונטערגע־שריבן) אין העברעאיש און איין עדות אין גריכיש, אָדער דער סופר האָט געשריבן (ער האָט זיך אונטערגעחתמעט אלס עדות) און (נאָך) א עדות (האָט זיך אונטערגע־חתמעט), איז (דער גט) כשר. די גמרא זאָגט, אז כאָטש מען וואָלט געקאָנט מיינען,

עברי ועד אחד יוני, כתב סופר ועד, כשר. איש פלוני עד, כשר. (בן איש פלוני עד, כשר. איש פלוני בן איש פלוני) ולא כתב עד, כשר, וכך היו נקיי הדעת שבירושלים עושין. כתב חניכתו וחניכתה, כשר. גט מעושה בישראל, כשר. ובנכרים, פסול. ובנכרים חובטין אותו, ואומרים לו, עשה מה שישראל אומרים לך, וכשר:

ט. יצא שמה בעיר מקודשת, הרי זו מקודשת. מגורשת, הרי זו מגורשת. ובלבד שלא יהא שם אמתלא. איזו היא אמתלא? גירש איש

אז דער סופר זאָל זיך ניט טאָרן אונטערשרייבן אלס עדות, ווייל טאָמער הייסט אים דער מאַן נור שרייבן דעם גט און אז אנדערע עדות זאָלן חתמען, און דער סופר וועט אים ניט הערן און יאָ זיך חתמענען, דאריבער לערנט די משנה אז עס איז יאָ כשר. איש פלוני, (אויב איינער שרייבט זיך אונטער א גט) „יענער מענטש איז א עדות (למשל „ראובן עד״) איז כשר; „זון פון יענעם מענטש איז א עדות״ (למשל „בן יעקב עד״) איז כשר, „יענער מענטש דער זון פון יענעם מענטש (ער האָט זיך אונטערגעשריבן „ראובן בן יעקב״) און האָט ניט צוגעשריבן דאָס וואָרט „עד״, איז כשר, און אזוי פלעגן טאָן די פיינע מענטשן (נקיי הדעת) אין ירושלים. זיי פלעגן אונטערשרייבן בלויז זייער נאָמען און זייער פאָטערס נאָמען און ניט צוגעגעבן דאָס וואָרט „עד״. כתב, אויב מען האָט געשריבן (אין גט, אויך) זיין פאמיליע־נאָמען און איר פאמיליע נאָמען, איז כשר. „חניכה״ איז דער טייטש פאמיליע־נאָמען און אויך צונאָמען (מגילה כח „ולא קראתי לחברי בחניכו״). גט מעושה, א געצווינגענער גט (מען האָט געצווינגן דעם מאַן צו געבן זיין ווייב א גט), אויב דורך יידן (דורך א יידישן בית דין) איז כשר. די גמרא זאָגט, אז דאָס מיינט אז דאָס יידישע בית דין האָט געצווינגן דעם מאַן לויט דעם דין, אין אזעלכע פאלן, ווען מ׳דארף אים צווינגען צו גטן (זע כתובות פרק ז׳ משנה י׳), אָבער אויב א יידיש בית דין האָט אים געצווינגן ניט לויט דעם דין איז דער גט פסול, אָבער די פרוי הייסט א גרושה און זי טאָרניט חתונה האָבן מיט א כהן. ובנכרים, און אויב גויים (האָבן אים געצווינגן צו גטן), איז (דער גט) פסול. אויך דאָ איז א חילוק: אויב די גויים האָבן אים געצווינגן לויטן דין (ווען מען דארף דעם מאַן צווינגען צו גטן), איז דער גט פסול אָבער די פרוי טאָרניט חתונה האָבען מיט א כהן; און אויב די גויים האָבן אים געצווינגן ניט לויט דעם דין איז דער גט גאָרניט ווערט, און די פרוי מעג אפילו חתונה האָבן מיט א כהן. ובנכרים חובטין, און דורך גויים (אויב דאָס יידישע בית דין קאָן דעם מאַן ניט צווינגען, קאָנען זיי מאכן דורך גויים) צו שלאָגן אים, און זיי (די גויים) זאָגן צו אים: „טו וואָס די יידן הייסן דיר״, און ער (דער גט) איז כשר. ווייל דאָס הייסט א גט דורך דעם יידישן בית דין.

ט. יצא, אויב עס איז אויף איר (אויף א מיידל) ארויסגעגאנגען דער נאָמען (דער קלאַנג) אז זי איז מקודש (אז א מאַן האָט איר מקדש געווען), איז זי מקודש; (אויב דער קלאַנג איז אויף דער זעלביקער פרוי אז זי איז געוואָרן דערנאָך) געגט, איז זי געגט. די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען ניט סתם א קלאַנג, נאָר אז ליכט האָבן געברענט און טישען מיט היסב־בעטן זיינען געווען איינגעאָרדענט און מענטשן זענען אריין און ארויס (ווי עס איז דער שטייגער ביי קידושין), און זיי האָבן גענאָגט אז מען האָט דאָס מיידל מקדש געווען. וועגן „קלאַנג אז זי איז געגט״ מיינט מען נור אויף דעמזעלביקן מיידל, וואָס דער קלאַנג וועגן איר איז געווען אז מען האָט זי מקדש געווען, מחמת איין קלאַנג (פון גטן) איז גוט קייגן א צווייטן קלאַנג (פון מקדש זיין), און זי מעג חתונה האָבן מיט אַן אנדערן מאַן. ובלבד, אָבער עס טאָרניט זיין דאָביי קיין טעם דערצו. אמתלא״ מיינט א טעם, א גרונט, אַן אורזאַך, פארוואָס מען זאָל האלטן, אז כאָטש דער קלאַנג איז פאראַן, איז ער אָבער ניט ריכטיק. אויך אין דער אראבישער שפּראַך איז „מתל״ דער טייטש „דער טעם פון א זאַך״. איזו היא, וואָס מיינט מען א

פלוני את אשתו על תנאי, זרק לה קדושיה ספק קרוב לה ספק קרוב לו, זו היא אמתלא:

י. בית שמאי אומרים, לא יגרש אדם את אשתו אלא אם כן מצא בה דבר ערוה, שנאמר (דברים כ״ד) „כי מצא בה ערות דבר״. ובית הלל אומרים, אפילו הקדיחה תבשילו. שנאמר „כי מצא בה ערות דבר״. ר׳ עקיבא אומר, אפילו מצא אחרת נאה הימנה, שנאמר (שם) „והיה אם לא תמצא חן בעיניו״:

נשלמה מסכת גיטין

טעם דערצו? אויב יענער מאן האָט געגט זיין פרוי מיט א תנאי, אָדער ער האָט איר צוגעוואָרפן קידושין (דאָס געלט) און עס איז א ספק צי די קדושין זענען געפאלן נענטער צו איר אָדער נענטער צו אים, דאָס הייסט א טעם דערצו. **דאָס איז די סיבה, וועלכע האָט גורם געווען צום קלאנג, אז די פרוי איז זיכער געגט אָדער זיכער מקודש געוואָרן. און באמת קאָן דאָך זיין אז דער תנאי איז ניט מקויים געוואָרן און זי איז ניט געגט, אָדער אז די קידושין זענען געפאלן נאָנט צו אים און זי איז ניט מקודש. וועגן „ספק קרוב לה ספק קרוב לו״ זע פריער פרק ח׳ משנה ב׳ און ג׳.**

י. בית שמאי, די בית שמאי זאָגן, אז א מאן זאָל ניט גטן זיין פרוי סיידן ער האָט געפונען אין איר אן אויסגעלאסענע זאך, ווארום עס ווערט געזאָגט (דברים כ״ד) „כי מצא בה ערות דבר, ווייל ער האָט געפונען אין איר אן אויסגעלאסנקייט־זאך״, און די בית הלל זאָגן, אז (ער קאָן זי גטן) אפילו ווען זי האָט קאַליע געמאכט זיין געקעכטס, ווארום עס ווערט געזאָגט (דערזעלביקער פסוק) „ווייל ער האָט געפינען אין איר אן אויסגעלאסנקייט־זאך״. **די בית הלל לערנען אז דער פסוק מיינט איינס פון די צוויי, אָדער אויסגעלאסנקייט, אָדער סתם א זאך, וואָס טויג ניט פאר אים. רשי טייטשט „הקדיחה תבשילו״, אז זי האָט אים צוגעברענט דאָס עסן אָדער דורך פייער אָדער זי האָט עס שטארק פארזאלצן. „קדח״, ברענען, איז פאראן אין תנך (דברים לב „אש קדחה באפי״). דער אויסדרוק „הקדיח תבשילו״ איז אין דער גמרא (סנהדרין צג „תלמיד שמקדיח תבשילו ברבים״) אויך דער טייטש איינער וועלכער פירט זיך ניט אויף אָרנטליך.** ר׳ עקיבא זאָגט אז (ער קאָן זי גטן) אפילו ווען ער געפינט אן אנדערע א שענערע פון איר, ווארום עס ווערט געזאָגט (דברים כ״ד) „והיה אם לא תמצא חן בעיניו, און עס וועט זיין אויב זי וועט ניט געפינען לייטזעליקייט אין זיין אויגן״. **טייל מפרשים טייטשן, אז דאריבער איז געזוג אפילו אזא סיבה ווי קאַליע מאכן דאָס עסן אָדער ער האָט געפינען א שענערע פון איר צו קאָנען גטן די פרוי, ווייל קוים וויל א מאן צוליב דעם גטן זיין פרוי וועט שוין כסדר זיין מחלוקת צווישן זיי. אין דער גמרא אין א סך ערטער (אנהויב מסכתא סוטה און אנדערע ערטער) געפינען מיר ווערטער קייגן גטן א פרוי.**

(סליק מסכת גטין — געענדיקט מסכתא גטין)

מסכת קדושין

פרק א.

א. האשה נקנית בשלש דרכים, וקונה את עצמה בשתי דרכים. נקנית בכסף, בשטר, ובביאה. בכסף, בית שמאי אומרים, בדינר, ובשוה

מסכתא קידושין

הקדמה

אין דער מסכתא קידושין, וועלכע האָט פיר פרקים, ווערט געלערנט די דינים וועגן דעם ווי אזוי איז א מאן מקדש א פרוי. מיט „מקדש" זיין (הייליקן) מיינט מען אז זי ווערט זיין פרוי. אין חומש דברים כ"ד ווערט געזאָגט סתם „כי יקח איש אשה", אז מאן וועט נעמען א פרוי". די משנה לערנט, אז דאָס מקדש זיין דארף זיין פאר עדות. און אז דאָס מקדש זיין קאָן פאַרקומען אויף דריי אופנים. איינער איז מיט געלט אָדער מיט א זאך. דער מאן גיט דער פרוי געלט אָדער א זאך און זאָגט צו איר „הרי את מקודשת לי (דו זאָלסט זיין צו מיר מקודש)". וויפיל דארף דאָס געלט זיין און וויפיל די זאך, וועט לערנען די משנה. דער צווייטער אופן איז מיט א שטר, מיט א געשריבענעם דאָקומענט. אין שטר זענען איינגעשריבן די ווערטער „הרי את מקו־דשת לי" און דער מאן גיט דער פרוי דעם שטר. דער דריטער אופן איז מיט „ביאה", לעבן מיט דער פרוי, און עס איז גענוג ווען די עדות זען דעם מאן אריינגיין מיט דער פרוי אין א באזונדערן צימער, זיך מייחד זיין מיט איר.

אין די אמאָליקע צייטן איז געווען דער מנהג, אז דער חתן פלעגט מקדש זיין די כלה ביי די תנאים; דאָס האָט געהייסן „אירוסין". די חתונה איז פאָרגעקומען אין א צייט שפּעטער.

א מאן קאָן מקדש זיין א פרוי נאָר מיט איר ווילן. אן אויסנאם איז וואָס א פאָטער קאָן נעמען די קידושין פאר זיין טאָכטער א קטנה, אָדער א נערה, דאָס הייסט, ביז זי ווערט אלט 12 יאָר מיט 6 חדשים. א קטנה הייסט א מיידל ביז 12 יאָר מיט 1 טאָג, און א נערה הייסט א מיידל פון 12 יאָר מיט א טאָג ביז 12 יאָר מיט 6 חדשים. דער פאָטער קאָן צונעמען פון א מאן קידושין פאר זיין טאָכטער א קטנה אָדער א נערה אפילו ווען די טאָכטער וויל ניט, אָבער עס מוז זיין דער ווילן פון פאָטער.

אין דעם ערשטן פרק פון דער מסכתא ווערן געלערנט א חוץ דינים פון קידושין אויך ווי אזוי מען קאָן „קונה זיין" אויך אנדערע זאכן, באקומען זאכן אלס אייגנטום, און אויך וועגן מצוות פון מענער און פרויען. אין פערטן פרק ווערן געלערנט דינים וועגן כשרע פרויען און מענער, און וועגן פסולע, מיט וועלכע מען טאָרניט חתונה האָבן.

פרק א.

א. האשה, די פרוי ווערט געקויפט (נקנית, זי ווערט דאָס ווייב פון איר מאן) דורך דרייערליי וועגן, און זי קויפט זיך אליין (זי ווערט אויס ווייב פון איר מאן) דורך צווייערליי וועגן. די משנה זאָגט דאָ „נקנית", פון וואָרט „קנה", קויפן. אָבער מען מיינט דאָ ניט „קויפן", נאָר ווערן מקודש, ווערן דאָס ווייב פון מאן. מיט „קונה את עצמה", „זי קויפט זיך אליין" מיינט מען באפרייען זיך פון מאן, ווערן אויס זיין ווייב. **איצט טייטשט אויס די משנה די פריערדיקע ווערטער:** נקנית, זי (די פרוי) ווערט גע־קויפט (ווערט דאָס ווייב פון איר מאן, דורך די דריי וועגן), מיט געלט, (אָדער) מיט א שטר, אָדער מיט ביאה. **דער מאן קאָן מקדש זיין די פרוי מיט איינער פון די 3 זאכן, אָדער מיט געלט, אָדער מיט א געשריבענעם שטר, אָדער דורך לעבן מיט איר. מיר האָבן דאָס אלץ מסביר געווען אין דער הקדמה פון דער מסכתא.** בכסף, מיט געלט, זאָגן די בית שמאי, אז מיט א דינר אָדער מיט (א זאך וואָס האָט) דעם ווערט פון א דינר; און די בית הלל זאָגן, אז מיט א פרוטה אָדער מיט (א זאך וואָס האָט) דעם ווערט פון א פרוטה; און וויפיל איז פרוטה? אן אכטל פון אן איטאַליענישן איסר. **„דינר"**

דינר, ובית הלל אומרים, בפרוטה, ובשוה פרוטה. וכמה היא פרוטה? אחד משמנה באיסר האיטלקי. וקונה את עצמה בגט, ובמיתת הבעל. היבמה נקנית בביאה, וקונה את עצמה בחליצה, ובמיתת היבם:

ב. עבד עברי נקנה בכסף, ובשטר, וקונה עצמו בשנים, וביובל, ובגרעון כסף. יתירה עליו אמה העבריה, שקונה את עצמה בסימנין.

איז אן אלט גריכישע און רוימישע מטבע „דענאריאן״. און ער איז ווערט געווען וויפיל 24 רוימישע מטבעות „אסאריאן״, וואָס די משנה רופט אן „איסר היטלקי״, דער איטאליענישער (רוימישער) איסר. אין אנדערע ערטער פון דער משנה הייסט ער סתם „איסר״; טייל מיינען אז „איסר איטלקי״ איז וויפיל 2 סתם „איסר״. מען נעמט אָן, אז א פרוטה איז וויפיל זילבער די וואָג פון א האלבן גערשטן. וקונה, און זי (די פרוי וועלכע האָט א מאן) קאָן זיך אויסקויפן (ווערן אויס ווייב פון דעם מאן) אָדער מיט א גט (וואָס איר מאן גיט איר) אָדער מיט דעם טויט פון מאן. אין יעדן פון דיביידע פאלן איז זי ניט מער קיין אשת איש. היבמה, די יבמה (א פרוי וואָס איר מאן איז געשטאָרבן אָן קינדער און ער האָט איבערגעלאָזט א ברודער) ווערט געקויפט (ווערט דאָס ווייב פון איר שוואגער דעם יבם) דורך ביאה. אויב למשל דער שוואָגער איז זי מקדש מיט געלט אָדער מיט א שטר הייסט זי נאָכניט זיין ווייב לויט דעם דין פון דער תורה (דאָס דאָזיקע מקדש זיין הייסט א „מאמר״, און עס האָט נור די ווירקונג, אז אנדערע ברידער טאָרן מיט איר ניט חתונה האָבן, זע אין דער הקדמה צו מסכתא יבמות, און פרק ב׳ משנה א׳ מסכתא יבמות). די יבמה ווערט דאָס ווייב פון איר שוואָגער דעם יבם נור דורך ביאה, ווען דער יבם לעבט מיט איר. וקונה, און זי (די יבמה) קאָן זיך אויסקויפן (ווערן פריי, אויס יבמה, און מעגן חתונה האָבן מיט אן אנדערן מאן) דורך חליצה (ווען איר שוואָגער גיט איר חליצה) אָדער דורך דעם טויט פון יבם (פון איר שוואָגער). אויב איר שוואָגער איז געשטאָרבן און קיין אנדערע שוואָגערס זענען ניטאָ, ווערט זי אויס יבמה. וועגן יבמה און חליצה און מייבם זיין זע אין דער הקדמה צו מסכתא יבמות.

ב. עבד עברי, א יידישער קנעכט ווערט נקנה (געקויפט, ווערט א קנעכט צום בעל הבית) דורך (נעמען) געלט (פון בעל הבית), אָדער דורך א שטר (ווען דער קנעכט שרייבט אונטער א שטר אז ער ווערט א קנעכט). די תורה זאָגט (שמות כ״א) אז א ייד קאָן זיך פארקויפן צו א בעל הבית פאר א קנעכט. א יידישער קנעכט הייסט „עבד עברי״, און ער קאָן געקויפט ווערן אויף ניט לענגער פון 6 יאָר. וקונה, און ער קויפט זיך אויס, (ער ווערט אויס קנעכט) מיט יאָרן (ווען עס ענדיקן זיך די זעקס יאָר), אָדער מיט יובל (אויב אין די זעקס יאָר איז אויסגעפאלן דאָס יובל־יאָר, וואָס איז יעדעס פופציקסטע יאָר), אָדער מיט אראָפּרעכנען פון געלט. „בגרעון כסף״, אראָפּ־רעכנען פון געלט, מיינט, אז אויב למשל דער קנעכט האָט זיך פארקויפט פאר 60 טאָלער אויף די 6 יאָר (וואָס מאכט אויס 10 טאָלער פאר יעדעס יאָר) און עס זיינען אריבער פון זיי 4 יאָר, האָט דער קנעכט דאָס רעכט אראָפּצורעכענען פאר די 4 אָפּגעארבייטע יאָרן 40 טאָלער, און געבן דעם בעל הבית פאר די איבערגעבליבענע 2 יאָרן 20 טאָלער, און ער גייט ארויס פריי. דער בעל הבית קאָן ניט אים צווינגען צו בלייבן ביז צום סוף פון די 6 יאָר, נאָר ער מוז צונעמען די 20 טאָלער און באפרייען דעם יידישן קנעכט. יתירה, מער (רעכט) פון אים (ווי אזוי באפרייט צו ווערן פון בעל הבית) האָט די יידישע דינסט (אמה העבריה) וואָס זי קויפט זיך אויס (ווערט באַ־פרייט) דורך סימנים. די תורה זאָגט (דאָרט שמות כ״א) אז א פאָטער קאָן פארקויפן זיין יינגע טאָכטער (א קטנה, יינגער פון צוועלף יאָר מיט א טאָג) פאר א דינסט. אזא דינסט הייסט „אמה עבריה״. זאָגט די משנה, אז די יידישע דינסט קאָן ווערן באפרייט סיי מיט יאָרן און מיטן יובל־יאָר און מיט אָפּצאָלן דעם בעל הבית אזוי ווי דער יידישער קנעכט, און א חוץ דעם ווערט זי אויך באפרייט ווען זי באקומט די סימנים

הנרצע נקנה ברציעה, וקונה את עצמו ביובל, ובמיתת האדון:

ג. עבד כנעני נקנה בכסף, ובשטר, ובחזקה, וקונה את עצמו בכסף על ידי אחרים, ובשטר על ידי עצמו. דברי ר׳ מאיר. וחכמים אומרים, בכסף על ידי עצמו, ובשטר על ידי אחרים, ובלבד שיהא הכסף משל

פון א „נערה“, ווען זי ווערט אלט 12 יאָר מיט א טאָג. די גמרא זאָגט, אז זי ווערט אויך באפרייט אויב דער בעל הבית שטארבט, און זי דאַרף ניט דינען דעם בעל הבית׳ס זון. הנרצע ,דער דורכגעבויערטער קנעכט ווערט געקויפט דורך דורכבויערן (ברציעה). **די תורה זאָגט שמות כ״א, אז אויב א יידישער קנעכט, נאָכדעם ווי עס האָבן זיך געענדיקט די 6 יאָר, זאָגט, אז ער האָט ליב זיין בעל הבית און ער וויל ניט ארויסגיין פריי, זאָל אים דער בעל הבית צופירן צו דער טיר און דורכבויערן זיין אויער מיט אן אָל (מרצע), און דער קנעכט בלייבט ביי אים דינען. אזא קנעכט הייסט „עבד נרצע“, א דורכגעבויערטער קנעכט. זאָגט די משנה, אז ער ווערט דער קנעכט פון בעל הבית ווען דער בעל הבית בויערט אים דורך זיין אויער.** וקונה, און ער (דער דורכגעבויערטער קנעכט) קויפט זיך אויס (ווערט באפרייט) דורך יובל (ווען עס קומט אָן דאָס פופציקסטע יאָר, דאָס יובל־יאָר) אָדער דורך דעם טויט פון זיין בעל הבית. **אויב דער בעל הבית שטארבט, אפילו ער לאָזט איבער א זון, ווערט דער דורכגעבוי־ערטער קנעכט באפרייט. — די אלע דינים פון דער משנה וועגן א יידישן קנעכט און א יידישער דינסט און א דורכגעבויערטן יידישן קנעכט לערנט די גמרא אָפּ פון פסו־קים אין שמות כ״א.**

ג. עבד כנעני, א גויאישער שקלאַף ווערט געקויפט (ווערט דער שקלאַף פון א בעל הבית) דורך געלט (ווען דער בעל הבית גיט געלט צום שקלאַף׳ס פריערדיקן בעל הבית), אָדער מיט א שטר (ווען דער פריערדיקער בעל הבית שרייבט אונטער און גיט דעם נייעם בעל הבית א שטר אז ער האָט אים פארקויפט דעם שקלאַף), אָדער מיט חזקה (דורך נעמען אים אלס שקלאַף). **כדי צו פארשטיין די משנה ווען מיר געבן עטליכע דערקלערונגען. ווען א גוי איז געוואָרן א שקלאַף פון א ייד, האָט ער זיך מל־געווען, און ער איז געוואָרן א „עבד כנעני“, און אומעטום אין דער משנה ווערט ער אָנגערופן סתם „עבד“, א שקלאַף. ער איז געווען כסדר א שקלאַף, אויב דער בעל הבית האָט אים ניט באפרייט. זאָגט די משנה אז ווען איינער פארקויפט צו א צווייטן א שקלאַף (עבד כנעני) איז דער צווייטער בעל הבית אים קונה, ער ווערט זיין שקלאַף, דורך איינער פון די דריי זאכן, אָדער ער גיט דעם ערשטן בעל הבית געלט, אָדער ער קריגט פון ערשטן בעל הבית א שטר, א פארקויפס־דאָקומענט, אָדער דער שקלאַף טוט עפּיס א ארבייט פאר דעם צווייטן בעל הבית, ווי למשל, ער בינדט אים אויף די שיך, אָדער ער טראָגט אים נאָך זיינע זאכן אין באָד־הויז, אָדער ער וואשט אים ארום, אָדער דער בעל הבית הויבט אויף דעם שקלאַף אָדער דער שקלאַף הויבט אויף דעם בעל הבית; דאָס הייסט „חזקה“.** וקונה, און ער (דער שקלאַף) קויפט זיך אויס (ווען זיין בעל הבית וויל אים באפרייען, קאָן ער ווערן באפרייט) אָדער מיט געלט דורך אנדערע (אנדערע מענטשן גיבן געלט זיין בעל הבית בתנאי, אז דער שקלאַף זאָל ווערן פריי) אָדער דורך א שטר דורך זיך אליין (אויב דער שקלאַף אליין נעמט פון זיין בעל הבית א שטר, אין וועלכן ער שרייבט אים אז ער איז א פרייער מענטש), אזוי זאָגט ר׳ מאיר. **דער שקלאַף קאָן ניט אליין געבן זיין בעל הבית קיין געלט, מחמת ר׳ מאיר האַלט, אז דאָס געלט, וואָס דער שקלאַף האָט, געהערט צום בעל הבית, אפילו ווען פרעמדע מענטשן געבן דעם שקלאַף געלט (אין קנין לעבד בלא רבו). דעריבער מוזן די פרעמדע מענטשן געבן גלייך צום בעל הבית דאָס געלט. אָבער צו־נעמען א באפרייאונגס־שטר פון בעל הבית מוז דער שקלאַף אליין, און אויב א פרעמדער נעמט צו דעם שטר פאר זיינעטוועגן טויג ניט, ווייל ר׳ מאיר האַלט, אז עס איז א שלעכטע זאך פארן שקלאַף צו ווערן באפרייט (זע גטין פרק א׳ משנה ז׳) און**

אחרים:

ד. בהמה גסה נקנית במסירה. והדקה בהגבהה, דברי ר׳ מאיר ור׳ אליעזר. וחכמים אומרים, בהמה דקה נקנית במשיכה:

ה. נכסים שיש להם אחריות נקנין בכסף, ובשטר, ובחזקה. ושאין להם אחריות, אין נקנין אלא במשיכה. נכסים שאין להם אחריות נקנין

„אין חבין לאדם שלא בפניו״. אָבער געלט קאָנען פרעמדע יאָ געבן דעם בעל הבית, מחמת ניט די פרעמדע טוען אים די שלעכטע זאך, נאָר דאָס וואָס דער בעל הבית נעמט צו דאָס געלט מאכט אים פריי, און דער בעל הבית טוט ניט די זאך פאר דעם שקלאַף נאָר פאר זיך אליין. וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז מיט געלט (קאָן דער שקלאַף באפרייט ווערן אויך) דורך זיך אליין (אויך ווען ער אליין גיט דעם בעל הבית דאָס געלט וואָס אנדערע האָבן געגעבן דעם שקלאַף, און אודאי ווערט ער באפרייט אויב די אנדערע מענטשן האָבן געגעבן דעם בעל הבית דאָס געלט), און מיט א שטר (אויך) דורך אנדערע, אָבער דאָס געלט (אויב ער ווערט באפרייט דורך געלט) דארף זיין פון אנדערע (מענטשן). **מחמת די חכמים האלטן, אז מענטשן קאָנען יאָ געבן צו א שקלאַף געלט מיט דעם תנאי אז עס זאָל ניט געהערן צום בעל הבית (יש קנין לעבד בלא רבו), און אז עס איז א גוטע זאך פאר א שקלאַף צו ווערן באפרייט.**

ד. בהמה, גרויס־פי (בהמה גסה) ווערט געקויפט (ווערט דאָס אייגנטום פון איר נייעם בעל הבית, איר קויפער) דורך איבערגעבן זי (במסירה), און קליין־פי (בהמה דקה) דורך אויפהייבן זי (בהגבהה), אזוי זאָגן ר׳ מאיר און ר׳ אלעזר. **„בהמה גסה״, גרויס־פי מיינט פערד, אָקסן ,קי, און „בהמה דקה״. קליין־פי, מיינט שעפסן, ציגן. „מסירה״, איבערגעבן, מיינט, אז דער ערשטער בעל הבית, דער פארקויפער, גיט איבער דעם צווייטן בעל הבית, דעם קויפער די בהמה אָדער מיט דעם צוים אָדער ביי די האָר. „בהגבהה״ מיינט אויפהייבן, דער נייער בעל הבית הייבט אויף דעם שעפס אָדער די ציג.** וחכמים, און די חכמים זאָגן, אז קליין־פי ווערט געקויפט דורך משיכה (צונעמען). **„משיכה״ מיינט, אז דער בעל הבית גיט א צי דעם שעפס און ער רירט אים פון אָרט.**

ה. נכסים, פארמעגנס (זאכן) וואָס טראָגן א גאראנטיע (שיש להם אחריות, ווי פעלדער, הייזער און בכלל אוימבאוועגליכע גיטער, וואָס אויב זייער בעל הבית באָרגט געלט, און ער האָט דערנאָך פארקויפט דאָס פעלד, צי דאָס הויז קאָן דער חוב־מאָנער אָפנעמען פון די קויפערס דאָס פעלד פאר זיין חוב), ווערן געקויפט (ווערן דאָס אייגענטום פון קויפער, ווערן זיין קנין) דורך געלט (דער קויפער פון פעלד גיט געלט דעם פארקויפער), אָדער דורך א שטר (דער פארקויפער גיט דעם קויפער א געשריבענעם שטר אז ער האָט אים פארקויפט דאָס פעלד), אָדער דורך חזקה (איבערנעמען עס). **מיט „חזקה״ מיינט מען, אז דער קויפער האָט עפּעס געגראָבן אביסל אין פעלד, אָדער פארשלאָסן די טיר פון הויז, אָדער עפּיס אויפגעבראָכן אין דער וואנט. די גמרא זאָגט, אז מיט א שטר קאָן מען קונה זיין א פעלד נאָר ווען דער פארקויפער פארקויפט עס ווייל עס איז א שלעכט פעלד, אָדער ווען מען קויפט עס ניט נאָר מען קריגט עס א מתנה. אָבער ווען מען פארקויפט א גוט פעלד, איז א שטר ניט גענוג. נאָר מען מוז האָבן געגעבן דאָס געלט.** ושאין, און (די פארמעגנס, זאכן) וועלכע טראָגן ניט קיין גאראנטיע (שאין להם אחריות, באוועגליכע זאכן, מטלטלין, וואָס מען קאָן איבערטראָגן, ווי קליידער. פרוכטן וכדומה, וואָס אויב דער פארקויפער איז שולדיג געלט, קאָן דער חוב־מאָנער ניט אָפנעמען זיי פון די קויפערס פאר זיין חוב), ווערן געקויפט (ווערן דאָס אייגענטום פון קויפער) נאָר דורך משיכה (דורך צונעמען זיי). **אפילו דער קויפער האָט שוין באצאָלט פאר דעם קלייד צו פאר די פרוכטן, קאָנען ביידע, סיי דער קויפער און סיי דער פארקויפער חרטה האָבן; זיי ווערן דעם קויפערס אייגענטום, נאָר ווען דער קויפער האָט**

עם נכסים שיש להם אחריות בכסף, ובשטר, ובחזקה; וזוקקין (נכסים שאין להם אחריות) את הנכסים שיש להם אחריות לישבע עליהן:

ו. כל הנעשה דמים באחר, כיון שזכה זה, נתחייב זה בחליפיו. כיצד? החליף שור בפרה, או חמור בשור, כיון שזכה זה, נתחייב זה

זיי צוגענומען. נכסים, פארמעגנס אויף וועלכע עס איז ניט פאראן קיין גאראנטיע (מטלטלין, ווי קליידער, אפגעריסענע פרוכטן) ווערן געקויפט (ווערן דאס אייגענטום פון קויפער) צוזאמען מיט פארמעגנס אויף וועלכע עס איז יא פאראן גאראנטיע (ווי פעלדער, הייזער) דורך געלט, אדער דורך א שטר אדער דורך חזקה. אויב, למשל, ראובן האט פארקויפט שמעונען א פעלד און אויך א קלייד, און ראובן האט געזאגט צו שמעונען „זיי קונה (ווער דער אייגענטימער) פון קלייד צוזאמען מיטן פעלד (אגב קרקע)" איז ווי נור שמעון האט קונה געווען דאס פעלד, סיי דורך געלט, סיי דורך א שטר, סיי דורך חזקה (ווי מיר האבן געלערנט פריער אין דער משנה) האט ער אויך קונה געווען דאס קלייד, און ניט ראובן און ניט שמעון קאנען ניט חרטה האבן אויף דעם קויף פון קלייד. וזוקקין, און זיי (די מטלטלין, דאס קלייד) ציען־מיט (זענען זוקק, בינדן־מיט) די פארמעגנס אויף וועלכע עס איז פאראן גאראנטיע (פעלדער, הייזער) צו שווערן אויף זיי. דער דין איז, אז למשל ראובן מאנט ביי א שמעונען זאכן אדער געלט, און שמעון איז מודה נאר א טייל (ער מאנט אים צוויי קליידער און ער איז מודה אז עס קומט אים נור איין קלייד), הייסט ער א „מודה במקצת", און ער, שמעון, דארף שווערן, אז ראובנען קומט ניט. אבער אויב די געמאנטע זאכן זענען פעלדער אדער הייזער (קרקע, נכסי דלא ניידי, זאכן וואס מען קאן ניט איבערטראגן פון איין ארט אין אן אנדערן ארט) דארף שמעון ניט שווערן. לערנט די משנה אז אויב ראובן מאנט ביי שמעונען זאכן און פעלדער, און שמעון איז מודה אויף טייל זאכן, און ער דארף שווערן אויף די איבריקע טייל זאכן, דארף ער שוין אויך שווערן אויף די פעלדער. מען רופט עס „גלגול שבועה", א צוגעקאליערטע שבועה, ווייל מען שווערט אויף איין זאך, שווערט מען שוין אויך אויף דער אנדערער זאך.

ו. כל, אלץ (יעדע זאך) וואס מען דארף עס מאכן (אפשאצן אין) געלט פאר אן אנדערע זאך, איז ווי נור דער (איינער, למשל) ראובן האט זוכה געווען אין דער (איינער זאך), האט דער אנדערער, (שמעון) זוכה געווען אין זיין אויסטויש (אין דער אנדערער זאך). כדי צו פארשטיין די דאזיקע משנה דארף מען געדענקן דעם כלל וואס מיר האבן געהאט אין די פריערדיקע משנות ד' און ה', דהינו, אז אויב ראובן פאר־קויפט שמעונען א זאך, א קלייד, צי א בהמה (מטלטלין, ניט פעלדער), איז כאטש שמעון האט שוין באצאלט ראובנען דאס געלט, האט ער נאכניט קונה געווען די גע־קויפטע זאך, זי איז נאכניט געווארן זיינס, און סיי ראובן און סיי שמעון קאנען חרטה האבן אויפן קויף. שמעון איז קונה די זאך נאר מיט משיכה, ווען ער נעמט זי צו (א בהמה מיט „מסירה" ווי מיר האבן פריער שוין געלערנט). זאגט דא די משנה, ווי איז אז ראובן האט פארקויפט שמעונען א קלייד אבער ניט פאר געלט נאר פאר אן אנדערער זאך, לאמיר זאגן, פאר א בהמה, ראובן דארף געבן שמעונען דאס קלייד און שמעון דארף געבן ראובנען דערפאר א שעפס, הייסט דאס „חליפין", אויסטויש, און דער דין איז, אז ווי נור ראובן האט צוגענומען דעם שעפס, האט שמעון שוין קונה געווען דאס קלייד, עס איז שוין געווארן זיינס, כאטש עס איז נאך ביי ראובנען. די משנה זאגט אז „יעדע זאך וואס מען שאצט עס אפ אין געלט", ווייל געלט אליין קאן ניט ווערן קיין „חליפין", און אויב ראובן האט צוגענומען געלט, איז דאס קלייד נאכניט שמעונ'ס. כיצד, ווי אזוי? אויב ער (ראובן) האט אויסגעטוישט אן אקס אויף א קי (אויף שמעונ'ס קי) אדער אן אייזל אויף אן אקס, איז ווי נור ער (ראובן) האט זוכה געווען (צוגענומען פון שמעונען די קי אדער דעם אקס) האט ער (שמעון) די פארפליכטונג (האט ער קונה געווען) די אויסטויש־זאך (דעם אקס

בחליפיו. רשות הגבוה בכסף, רשות ההדיוט בחזקה. אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט:

ז. כל מצות הבן על האב, אנשים חייבין, ונשים פטורות. וכל מצות האב על הבן, אחד אנשים ואחד נשים חייבין. וכל מצות עשה שהזמן גרמא אנשים חייבין ונשים פטורות, וכל מצות עשה שלא הזמן גרמא

אָדער דעם אייזל). אזוי ווי מיר האָבן פריער דערקלערט. דאָס וואָרט „נתחייב" מיינט, אז אויב דער אָקס אָדער דאָס אייזל איז נאָך פאראַן ביי ראובנען און עס איז עפּעס געשען דערמיט, איז עס געשען שוין מיט שמעונ'ס זאַך. — רשות, דאָס רעכט (רשות) פון בית המקדש (גבוה, פון העכסטן, פון גאָט) איז דורך געלט. אויב דער גבאי פון בית המקדש (דער גזבר, דער שאַץ־מייסטער) קויפט א בהמה, איז ווי נור ער האָט באַצאָלט פאר איר געלט, כאָטש ער האָט זי נאָכניט צוגענומען, געהערט זי שוין צום בית המקדש. רשות ההדיוט, דאָס רעכט פון געוויינטליכן מענטש (ניט פון בית המקדש) איז נור מיט חזקה. דאָס איז דער דין וואָס מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה ד' און ה', אז אויב איינער קויפט ביים אנדערן א בהמה, כאָטש ער האָט באַצאָלט פאר איר געלט, איז זי נאָכניט זיינס, און זי ווערט זיינס ווען ער נעמט איר, (וועגן „חזקה" זע פריער משנה ג' און משנה ה'). אמירתו, זיין צו־זאָגן צום בית המקדש (לגבוה) איז ווי זיין איבערגעבן צו א געוויינטליכן מענטש. דאָ לערנט די משנה ניט וועגן פאַרקויפן, נאָר וועגן מקדיש זיין, אויב איינער זאָגט אויף זיין אָקס צי זיין שטוב צי אן אנדערער זאַך, אז דאָס זאָל זיין הקדש, געהערט עס באַלד צום בית המקדש. אָבער א הדיוט, א געוויינטליכער מענטש, מוז צונעמען די זאַך, כדי זי זאָל ווערן זיינס.

ז. כל, אלע מצוות פון א זון, וועלכע ליגן אויפן פאָטער (וואָס א פאָטער דאַרף טאָן צו זיין זון), זענען נור מענער מחויב אָבער פרויען זענען פטור פון זיי. די גמרא זאָגט, אז עס זענען פאראַן 6 זאַכן, וואָס א פאָטער דאַרף טאָן צו א זון: אים מל־זיין, אים אויסלייזן (פדיון הבן, אויב ער איז א בכור), לערנען אים תורה, לער־נען אים א מלאכה (אומנות, א פאַך), חתונה מאכן אים, און לערנען אים צו שווימען אין א טייך. אָבער נור א פאָטער איז דאָס מחויב צו טאָן, אָבער א מוטער איז פּטור דערפון. וכל, און אלע מצוות פון א פאָטער, וועלכע ליגן אויפן זון (וואָס דער זון דאַרף טאָן צו זיין פאָטער), זענען סיי מענער (זין) און סיי פרויען (טעכטער) מחויב (זיי צו טאָן). די גמרא זאָגט אז דאָס מיינט מען מורא און כיבוד. מיט „מורא", „ערפורכט", מיינט מען, אז דער זון זאָל ניט זיצן אויפן פאָטערס אָרט, ניט אָפּוועגדן זיינע ווער־טער, ניט זאָגן קייגן זיין מיינונג; און מיט „כיבוד" מיינט מען, אז ער זאָל אים געבן צו עסן און צו טרינקן און באַקליידן און אריינפירן אים און ארויספירן אים. וכל מצות עשה, און יעדע מצות עשה וואָס מען דאַרף זי טאָן נור אין א געוויסער צייט (שהזמן גרמא, וואָס די צייט איז גורם), זענען מענער חייב און פרויען זענען פטור. די מצוות פון דער תורה זענען איינגעטיילט אין צוויי סאָרטן: „מצות עשה", זאַכן וואָס מען דאַרף טאָן, ווי למשל, טראָגן ציצית, לייגן תפילין, האָבן א מזוזה, און „מצות לא תעשה", זאַכן וואָס מען טאָרניט טאָן, ווי למשל ניט עסן טריפות, ניט מחלל שבת זיין. א חוץ דעם זיינען די מצוות איינגעטיילט אין נאָך צוויי סאָרטן: „שהזמן גרמא" וואָס מען איז זיי מחויב אָפּצוהיטן נור אין א באַשטימטער צייט, למשל די מצות עשה פון לייגן תפילין איז נור בייטאָג, און נור אינדערוואָכנס, אָדער די „מצות לא תעשה" ניט צו טאָן א מלאכה אים שבת, איז עס נור אים שבת. — און „שלא הזמן גרמא", וועלכע זיינען גילטיק שטענדיק, ווי די מצות עשה פון האָבן א מזוזה, אָדער די מצות לא תעשה פון ניט עסן טריפות. זאָגט די משנה אז די מצות עשה וואָס איז נור אויף א צייט (שהזמן גרמא), ווי למשל תפילין לייגן, זענען נור מענער מחויב און פרויען זענען פטור פון זיי. וכל מצות עשה, און יעדע מצות עשה וואָס ניט א באַשטימטע

אחד אנשים ואחד נשים חייבין. וכל מצות לא תעשה, בין שהזמן גרמא בין שלא הזמן גרמא, אחד אנשים ואחד נשים חייבין, חוץ מבל תשחית, ובל תקיף, ובל תטמא למתים:

ח. הסמיכות, והתנופות, וההגשות, והקמיצות, וההקטרות, והמ־ליקות, וההזאות, והקבלות, נוהגין באנשים, ולא בנשים, חוץ ממנחת סוטה ונזירה, שאין מניפות.

צייט איז זיי גורם (נאָר מען מוז זיי טאָן שטענדיק, שלא הזמן גרמא) זענען סיי מע־נער און סיי פרויען מחויב. ווי למשל **האָבן א מזוזה וכדומה. וכל מצות לא תעשה,** און יעדע מצות לא תעשה, סיי וואָס די צייט איז זיי גורם און סיי וואָס ניט די צייט איז זיי גורם, זענען סיי מענער און סיי פרויען מחויב, א חוץ ניט אָפגאָלן זיך די באָרד („בל תשחית״, ניט פארדאָרבן, דער פסוק אין ויקרא יט „ולא תשחית את פאת זקנך), און ניט אָפשערן ארום דעם קאָפ (מיט פיאות, „בל תקיף״, פון ויקרא י״ט „לא תקיפו פאת ראשיכם״), און (ביי א כהן) ניט מטמא זיין זיך צו מתים. **די דריי זאכן זענען אסור נור פאר א מאנספערזאָן, אָבער א פרוי מעג זיי טאָן. די גמרא לערנט עס אָפּ פון פסוק „זקנך״, „ולא זקן אשתך״ דאריבער איז ביי דער פרוי ניטאָ דער פאר־באָט פון „בל תשחית״ (אפילו עס וואקסט איר א באָרד); און ווייל „בל תקיף״ איז אין פסוק פאראן צוזאמען מיט „בל תשחית״, זאָגט מען, אז פרויען, וועלכע זענען ניט עובר אויף בל תשחית, זענען אויך ניט עובר אויף „בל תקיף״. וועגן כהנים וועלכע טאָרן ניט מטמא זיין צו מתים ווערט געזאָגט ויקרא כ״א „בני אהרן״, לערנט מען דערפון „ולא בנות אהרן״, אז נור די זין פון כהנים טאָרן ניט, אָבער טעכטער מעגן. — דער ערשטער כלל וועגן מצוות עשה איז ניט דוקא, און עס זענען פאראן אויסנאמען. למשל פרויען זיינען מחויב צו עסן מצה אין דער ערשטער נאכט פון פסח, כאָטש עס איז זמן גרמא; פרויען זענען פטור פון די מצוות עשה צו לערנען תורה, האָבן קינדער (פריה ורביה) פדיון הבן, כאָטש זיי זיינען ניט זמן גרמא.**

ח.הסמיכות, די אָנלענונגען. **די משנה רעכנט דאָ אויס זאכן, וואָס מען טוט ביי קרבנות, און וועלכע זענען נוהג, ווערן געטאָן, נאָר דורך מענער, אָבער ניט דורך פרויען. „סמיכה״ הייסט „אָנלענען זיך״, און דער דין איז, אז ווען איינער ברענגט א בהמה פאר א קרבן דארף ער, איידער מען שעכט דעם קרבן, ארויפלייגן זיינע הענט אויף דער בהמה. אָבער א פרוי אז זי ברענגט א קרבן דארף עס ניט טאָן.** התנופות, אויפהייבונגען. **ווען מען ברענגט א קרבן פון מעל, מנחה, דארף מען אויפהייבן דעם קרבן. אויב א פרוי ברענגט א מנחה דארף מ׳ניט אויפהייבן.** וההגשות, און די צופירונגען. **א מעל־קרבן (א מנחה) דארף דער כהן צופירן צום מערב־דרום־ווינקל פון מזבח. דאָס מעג טאָן נור א כהן א מאנספערשוין, אָבער ניט קיין פרוי (אפילו זי איז א כהנית).** והקמיצות, דאָס קומץ־זיין. **פון א מנחה, א מעל־קרבן, נעמט אראָפּ דער כהן א פולן האנט־הויפן מעל, כדי עס מקריב צו זיין אויפן מזבח. דאָס הייסט „קומץ־זיין״, אראָפּנעמען א האנט־הויפן־מעל. א פרוי אפילו א כהנית טאָר עס ניט טאָן.** וההקטרות, דאָס מקטיר זיין. מקריב זיין אויפן מזבח דעם קומץ מעל (און אויך יעדע אנדער זאך) **מעג נור א כהן און ניט קיין כהנית.** והמליקות, די אפשניידונגן פון קעפיל. **ביי א קרבן א עוף שניידט אָפּ דער כהן מיט זיין נאָגל דאָס קעפיל פון עוף. דאָס הייסט „מליקה״, און נור א כהן קאָן עס טאָן און ניט א כהנית.** וההזאות, די שפריצונגען (פון בלוט פון קרבן אויפן מזבח). **אויך דאָס מוז געטאָן ווערן דורך א כהן און ניט דורך א כהנית.** והקבלות, דאָס נעמען (דאָס בלוט פון א בהמה־קרבן אין א הייליקער כלי). **אויך דאָס מוז טאָן נור א כהן און ניט קיין כהנית.** נוהגין. (די אלע אויסגערעכנט זאכן) זענען נוהג (קאָנען געטאָן ווערן) דורך מענער אָבער ניט דורך פרויען, א חוץ ביי א מנחה (מעל קרבן) פון א סוטה און פון א נזירה (א פרוי א נזיר, וואָס דארף ברענגען אויך א מעל קרבן), וואָס זיי הייבן אויף. **וועגן סוטה זע אין דער הקדמה צו**

ט. כל מצוה שהיא תלויה בארץ, אינה נוהגת אלא בארץ, ושאינה תלויה בארץ נוהגת בין בארץ בין בחוצה לארץ, חוץ מן הערלה וכ־לאים. ר׳ אליעזר אומר, אף מן החדש:

י. כל העושה מצוה אחת מטיבין לו, ומאריכין לו ימיו, ונוחל את הארץ. וכל שאינו עושה מצוה אחת, אין מטיבין לו, ואין מאריכין לו ימיו, ואינו נוחל את הארץ. כל שישנו במקרא ובמשנה ובדרך ארץ, לא במהרה הוא חוטא, שנאמר (קהלת ד׳) „והחוט המשולש לא במהרה

מסכתא סוטה, און וועגן נזיר זע אין דער הקדמה צו מסכתא נזיר.

ט.כל, יעדע מצוה וואָס איז פאַרבינדן (תלויה, הענגט אָפּ) מיטן לאַנד, איז נוהג (דאַרף מען זי מקיים זיין) נור אין ארץ ישראל. למשל, אפשיידן תרומה און מעשרות פון תבואות און פּרוכטן און גרינסן, דאַרף מען נור אין ארץ ישראל. דאָס איז, „חובת קרקע״, דער חוב דערפון איז אויף דעם לאַנד. סתם „ארץ״ מיינט מען געוויינטליך ארץ ישראל. ושאינה, און (אַ מצוה) וועלכע איז ניט פאַרבינדן מיטן לאַנד, איז נוהג (דאַרף מען זי מקיים זיין) סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ. למשל היטן שבת, תפילין, מל־זיין וכדומה, וועלכע הייסן „חובות הגוף״, דער חוב ליגט אויף דעם מענטש. חוץ, אַ חוץ ערלה און כלאים. „ערלה״ הייסן די פּרוכטן פון אַ בוים אין די ערשטע 3 יאָר זינט מען האָט דעם בוים געפלאַנצט, און מען טאָר זיי ניט עסן און ניט הנאה האָבן פון זיי. „כלאים״ מיינט דאָ „כלאי הכרם״, ווייגאָרטן־כלאים, אויב למשל מען האָט אין אַ ווייגאָרטן פאַרזייט תבואה; און מען טאָר דאַדורך ניט עסן און ניט הנאה ניט פון ווייגאָרטן און ניט פון דער תבואה. (זע די הקדמות צו מסכתא ערלה און צו מסכתא כלאים). זאָגט די משנה, אַז די צוויי זאַכן, כאָטש זיי זענען פאַרבינדן מיטן לאַנד, מיט דער ערד, דאַרף מען זיי מקיים זיין אויך אין חוץ לארץ. ערלה איז נוהג אין חוץ לארץ ווייל עס איז אַזאַ הלכה למשה מסיני, און וויינ־גאָרטן־כלאים אין חוץ לארץ איז אַ איסור פון די רבנן. ר׳ אליעזר זאָגט, אַז אויך חדש (נייע תבואה). די תורה אין ויקרא כ״ג זאָגט, אַז מען טאָר ניט עסן קיין נייע תבואה פאַר דעם 16טן טאָג אין ניסן (ווען מען איז מקריב דעם עומר); זאָגט ר׳ אליעזר, אַז אויך „חדש״ (דאָס עסן „נייע״ תבואה פאַר דעם 16טן ניסן) טאָר מען ניט אין חוץ לארץ, ווייל די תורה זאָגט (ויקרא כ״ג) „בכל מושבותיכם״, דאָס הייסט אַז אומעטום וואו מען איז, אויך אין חוץ לארץ.

י. כל העושה, ווער עס טוט איין מצוה, טוט מען אים (פון הימל) גוטס, און מען פאַרלענגערט אים זיינע טעג, און ער ירשנט דאָס לאַנד. די מפרשים טייטשן אויפן יסוד פון דער גמרא, אַז דאָ מיינט מען ווען איינער האָט געטאָן אַ גלייכע צאָל מצוות און עבירות, איז אויב ער טוט נאָך צו איין מצוה, וואָס וועגט איבער די עבירות, דעם טוט מען גוטס פון הימעל. מיט די ווערטער „מען פאַרלענגערט אים זיינע טעג״ און „ער ירשנט דאָס לאַנד״ מיינט מען ניט אויף דער וועלט, אין עולם הזה, נאָר אויף יענער וועלט, אין עולם הבא (דאָס „לאַנד״, „ארץ״, מיינט מען דעם „ארץ החיים״). אַזוי טייטשן רש״י און דער רמבם אויך אויפן יסוד פון דער גמרא; מען קאָן ניט מיינען אין עולם הזה, ווארום מען זעט דאָך טייליאָל צדיקים, וואָס ליידן אויף דער וועלט און שטאַרבן יינג. וכל, און ווער עס טוט ניט איין מצוה (און זיינע עבירות זענען מיט איינס מער פון זיינע מצוות) טוט מען אים ניט גוטס (פון הימל) און מען פאַרלענגערט אים ניט זיינע טעג און ער ירשנט ניט דאָס לאַנד. אויך דאָ מיינט מען אין עולם הבא. כל שישנו, ווער עס פאַרמאָגט תורה (לערנט מקרא, תורה, נביאים און כתובים), און משנה און דרך ארץ (גוטע מידות צו מענטשן), דער זינדיקט ניט לייכט (במהרה, שנעל, ווארום עס ווערט געזאָגט (קהלת ד׳) „והחוט המשולש לא במהרה ינתק, און דער אין דרייען (געפלאָכטענער) פאָדעם ווערט ניט שנעל ווערן אי־

ינתק״. וכל שאינו לא במקרא ולא במשנה ולא בדרך ארץ, אינו מן הישוב:

פרק ב.

א. האיש מקדש בו, ובשלוחו. האשה מתקדשת בה, ובשלוחה. האיש מקדש את בתו כשהיא נערה בו, ובשלוחו. האומר לאשה, הת־קדשי לי בתמרה זו, התקדשי לי בזו, אם יש באחת מהן שוה פרוטה, מקודשת, ואם לאו, אינה מקודשת. בזו, ובזו, ובזו, אם יש שוה פרוטה

בערגעריסן״, און ווער עס פארמאָגט ניט קיין תורה און קיין משנה און קיין דרך ארץ, איז ער ניט פון (מענטשליכן) ישוב. די גמרא זאָגט, אז קוים האָט ער גאָרניט פון די דריי זאַכן, האָט ער דאָך ניט וואָס צו טאָן, פארברענגט ער מסתמא מיט די ליצנים, ליידיק־גייערס, און די גמרא זאָגט אז ער איז פסול צו זיין אן עדות. „מקרא״ הייסט תורה שבכתב, חומש, נביאים און כתובים, ווייל נור דאָס האָט מען געליינט פון א געשריבענעם ספר; משנה האָט מען אין יענער צייט געלערנט אויף אויס־ווייניג.

פרק ב.

א. האיש, א מאן קאָן מקדש זיין (א פרוי) אליין (פערזענליך) אָדער דורך זיין שליח. ער קאָן זאָגן א שליח, אז ער זאָל פאר אים מקדש זיין די פרוי, און זי ווערט זיין ווייב דורך דעם שליח׳ס קידושין, ווייל „שלוחו של אדם כמותו״, דער שליח פון א מענטש איז אזוי גוט ווי ער אליין. די גמרא זאָגט, אז דאריבער זאָגט די משנה פריער „בו״ און דערנאָך „בשלוחו״, ווייל אין יעדער זאַך איז מער די מצוה צו טאָן אליין, איידער דורך א שליח. האשה, א פרוי קאָן ווערן מקודש אליין (פערזענליך) אָדער דורך איר שליח. זי קאָן הייסן איר שליח צוצונעמען פאר איר די קידושין פון דעם מאַן. האיש, א מאן (א פאָטער) קאָן צונעמען די קידושין פאר זיין טאָכטער, ווען זי איז א נערה, אליין (פערזענליך) אָדער דורך זיין שליח. א „נערה״ הייסט א מיידל אין עלטער פון 12 יאָר מיט א טאָג ביז 12 יאָר מיט 6 חדשים, און ווי מיר האָבן שוין געגעבן אין דער הקדמה צו מסכתא קידושין קאָן דער פאָטער איר מקדש זיין צו א מאַן. די גמרא זאָגט, אז פאר זיין טאָכטער א קטנה (יינגער פון 12 יאָר מיט א טאָג) קאָן דער פאָטער אודאי צונעמען די קידושין, נאָר די משנה לערנט דאָ א פאָטער דרך ארץ, אז מען זאָל ניט חתונה מאכן א טאָכטער ווען זי איז גאָר יינג, נאָר מען זאָל וואַרטן ביז זי ווערט גרעסער און זי זאָל זאָגן, אז זי וויל יענעם מאַן. — האומר, אז איינער זאָגט צו א פרוי: „זיי צו מיר מקודש מיט דעם דאָזיקן טייטל, זיי צו מיר מקודש מיט דעם דאָזיקן (אנדערן טייטל)״, איז אויב עס איז אין איינעם פון זיי (איינער פון די טייטלן) ווערט ווייפיל א פרוטה, איז זי מקודש, און אויב ניט, איז זי ניט מקודש. מיר האָבן געלערנט פריער אין פרק א׳ משנה א׳ אז מען קאָן מקדש זיין א פרוי מיט א זאַך וואָס האָט די ווערט פון א פרוטה (שוה פרוטה). זאָגט דאָ די משנה אז ווייל ער האָט אויף יעדען פון די צוויי טייטלן געזאָגט באַזונדער „זיי צו מיר מקודש דערמיט״, מוז כאָטש איין טייטל ווערט זיין א פרוטה, כדי זי זאָל ווערן מקודש, ווייל יעדער טייטל איז א באַזונדערע קידושין. דאריבער אויב איין טייטל איז ניט ווערט קיין פרוטה, כאָטש ביידע טייטלן צוזאמען זענען יאָ ווערט א פרוטה, איז זי ניט מקודש. בזו ובזו, (אויב אָבער ער האָט צו איר געזאָגט: „זיי צו מיר מקודש) מיט דעם דאָזיקן (טייטל) און מיט דעם דאָזיקן (אנדערן טייטל) און מיט דעם דאָזיקן (דריטן טייטל), איז אויב אין זיי אלע (אין אלע דריי) איז פאראַן די ווערט פון א פרוטה, איז זי מקודש. אפילו ווען קיין איינע פון זיי איז ניט ווערט א פרוטה, אָבער ווייל אלע צוזאמען האָבן די ווערט א פרוטה און ווייל ער האָט געזאָגט איינמאָל „זיי צו מיר מקודש״ אויף אלע דריי טייטלן איז עס איין קידושין און זי איז מקודש. היתה, (אויב ווען ער האָט צו איר געזאָגט „זיי צו מיר מקודש מיט דעם דאָזיקן און מיט דעם

בכולן, מקודשת, ואם לאו, אינה מקודשת. היתה אוכלת ראשונה ראשונה, אינה מקודשת, עד שיהא באחת מהן שוה פרוטה:

ב. התקדשי לי בכוס זה של יין, ונמצא של דבש, של דבש, ונמצא של יין, בדינר זה של כסף ונמצא של זהב, ונמצא של כסף, על מנת אני עשיר, ונמצא עני, עני, ונמצא עשיר, אינה מקודשת. ר' שמעון אומר, אם הטעה לשבח מקודשת:

ג. על מנת שאני כהן, ונמצא לוי, לוי, ונמצא כהן, נתין, ונמצא

דאָזיקן״) האָט זי (צונעמענדיק יעדן טייטל באזונדער) אויפגעגעסן דעם ערשטן, דעם ערשטן (באלד ווי זי האָט גענומען א טייטל האָט זי אים גלייך אויפגעגעסן און דערנאָך האָט זי צוגענומען דעם אנדערן טייטל און אים אויפגעגעסן, און אזוי כסדר), איז זי ניט מקודש, סיידן עס איז פאראן אין איינעם פון זיי (פון די טייטלן) דער ווערט פון א פרוטה. כדי צו פארשטיין די משנה דארף מען וויסן דעם דין אז „המקדש במלוה אינה מקודשת״, אויב א מאן קומט ביי אַ פרוי געלט (א חוב, א מלוה) און ער זאָגט צו איר: „דו זאָלסט זיין צו מיר מקודש פאר דעם דאָזיקן חוב״, איז זי ניט מקודש. דאריבער אויב דער לעצטער טייטל איז ניט ווערט קיין פרוטה, כאָטש אינו די פריערדיגע אויפגעגעסענע טייטלן איז יאָ פאראן די ווערט פון א פרוטה, איז זי ניט מקודש, ווייל די אויפגעגעסענע טייטלן זענען דאָך שוין ניטאָ, און אים, דעם מאן, קומט נור א חוב ביי דער פרוי פאר די אויפגעגעסענע טייטלן, ווייל ער האָט דאָך איר געהייסן מקודש ווערן ערשט צום סוף ווען ער וועט איר געבן דעם דריטן טייטל און דאמאָלס זענען דאָך די ערשטע טייטלן ניטאָ. און מיט א חוב קאָן מען ניט מקדש זיין. אָבער אויב דער לעצטער טייטל איז ווערט א פרוטה, כאָטש ער האָט דאָך איר מקדש געוועזן אויך מיט די ערשטע טייטלן, וועלכע זענען דאָך א חוב, איז זי פונדעסטוועגן יאָ מקודש, ווייל דער דין איז ווען מען איז מקדש מיט א חוב און אויך מיט א פרוטה איז די פרוי מקודש, ווייל דער מאן האָט געמיינט מקדש צו זיין מיט דער פרוטה.

ב. התקדשי, (אויב איינער זאָגט צו א פרוי): „ זיי צו מיר מקודש מיט דעם דאָזיקן כוס ווייַן״, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז מיט מעד (דבש, האָניק, מעד), אָדער (ער זאָגט) „מיט מעד״ און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז גאָר מיט וויין, אָדער „מיט דעם דאָזיקן דינר פון זילבער״ און ער (דער דינר) איז גאָר פון גאָלד, אָדער „פון גאָלד״, און ער איז גאָר פון זילבער, אָדער (ער זאָגט צו איר : „זיי צו מיר מקודש) מיט דעם תנאי אז איך בין א נגיד״, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז אן אָרימאן, אָדער („אז איך בין) אן אָרימאן״, עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז א נגיד, — איז זי ניט מקודש. כאָטש, למשל, א גאָלדענער דינר (וועגן דער מטבע „דינר״ זע פריער פרק א׳ משנה א׳) איז דאָך מער ווערט פון א זילבערנעם, אָבער עס קאָן זיין אז זי וויל גאָר א זילבערנעם. „דבש״ האָבן מיר איבערזעצט ניט האָניק נור מעד, ווי אין שבועות פרק ג׳ משנה ג׳ „שבועה שלא אשתה יין ושמן ודבש״, מיינט טרינקען מעד. ר׳ שמעון זאָגט, אז אויב ער האָט זי אָפּגענארט צום בעסערן (לשבח) איז זי מקודש. למשל אויב ער האָט איר געזאָגט „פון זילבער״ און עס איז געווען פון גאָלד, אָדער ער האָט איר געזאָגט, אז ער איז אן ארימאן און ער איז א נגיד. די גמרא זאָגט, אז ביי יחוס־זאכן, למשל ער האָט האָט איר געזאָגט, אז ער איז ניט קיין כהן, און ער איז יאָ א כהן, כאָטש דאָס איז צום בעסערן, איז אויך ר׳ שמעון מודה, אז זי איז ניט מקודש, ווייל זי וויל ניט אז דער מאן זאָל זיך גרויס האלטן קייגן איר מיט זיין יחוס.

ג. על מנת, (אויב איינער זאָגט צו א פרוי: „זיי צו מיר מקודש) מיט דעם תנאי אז איך בין א כהן״, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז א לוי, אָדער („אז איך בין) א לוי״ און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז א כהן, אָדער („אז איך בין)

ממזר, ממזר, ונמצא נתין, בן עיר, ונמצא בן כרך, בן כרך, ונמצא בן עיר, על מנת שביתי קרוב למרחץ, ונמצא רחוק; רחוק, ונמצא קרוב, על מנת שיש לי בת או שפחה גדלת, ואין לו, או על מנת שאין לי, ויש לו. על מנת שאין לי בנים, ויש לו, או על מנת שיש לי, ואין לו, ובכולם אף על פי שאמרה בלבי היה להתקדש לו אף על פי כן, אינה מקודשת. וכן היא שהטעתו:

ד. האומר לשלוחו, צא וקדש לי אשה פלונית במקום פלוני, והלך וקדשה במקום אחר, אינה מקודשת. הרי היא במקום פלוני וקדשה במקום אחר, הרי זו מקודשת:

ה. המקדש את האשה על מנת שאין עליה נדרים, ונמצאו עליה נדרים, אינה מקודשת. כנסה סתם ונמצאו עליה נדרים, תצא שלא בכתובה. על מנת שאין עליה מומין, ונמצאו בה מומין, אינה מקודשת.

א נתין", און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז א ממזר, אָדער („אז איך בין) א ממזר", און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז א נתין, אָדער („אז איך בין) פון א קלענערער שטאָט" (בן עיר), און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז פון א גרויסער שטאָט (בן כרך), אָדער „פון א גרויסער שטאָט", און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז ער איז פון א קלענערער שטאָט, אָדער „מיט דעם תנאי אז מיין הויז איז נאָנט צו א באָד (מרחץ)", און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז עס איז ווייט, אָדער „אז עס איז ווייט", און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז עס איז נאָנט, אָדער „מיט דעם תנאי אז איך האָב א טאָכטער אָדער א דינסט וואָס קעמט האָר פון פרויען (שפחה גדלת)", און ער האָט ניט, אָדער „מיט דעם תנאי אז ער האָט ניט", און ער האָט יאָ, אָדער „מיט דעם תנאי אז איך האָב ניט קיין קינדער", און ער האָט יאָ, אָדער „אז איך האָב", און ער האָט ניט — ביי די אלע (זאכן), כאָטש זי (די פרוי) האָט געזאָגט: „איך האָב אין זינען געהאט אין מיין הארץ מקודש צו ווערן צו אים ניט קוקנדיק דערויף (אף על פי כן)", איז זי ניט מקודש. ווייל „דברים שבלב אינם דברים", דאָס האָבן אינזינען איז גאָרניט. וועגן „נתין און ממזר" זע ווייטער פרק ז' משנה א'. „שפחה גדלת" און אן אנדערע גירסא איז „מגדלת", מיינט וועלכע פלעכט און קעמט־אויף האָר פון פרויען (משנה סוף פרק י' אין מסכתא שבת „הגודלת"). וכן, און אזוי איז אויך אויב זי האָט אים אָפּגענאַרט. אויב זי האָט אים געזאָגט ביי די קידושין זאכן אז זי האָט זיי, און באמת האָט זי זיי ניט, אָדער אז זי האָט זיי ניט, און באמת האָט זי זיי יאָ, איז זי ניט מקודש.

ד. האומר, אז איינער זאָגט צו זיין שליח: „גיי און זיי פאר מיר מקדש יענע פרוי אין יענעם אָרט", און ער (דער שליח) איז געגאנגען און האָט זי מקדש געווען אין אן אנדערן אָרט, איז זי ניט מקודש. ווייל דער מאן האָט דאָך געזאָגט „אין יענעם אָרט" און ער האָט געמיינט, אז נור דאָרט. הרי היא, (אויב אָבער ער האָט אים געזאָגט): „זי געפינט זיך אין יענעם אָרט", און ער (דער שליח) האָט זי מקדש געווען אין אן אנדערן אָרט, איז זי מקודש. ווייל דאָ האָט דער מאן נור אים אָנגעוויזן (מראה מקום) דאָס אָרט, וואו ער קאָן געפינען די פרוי, און ער האָט ניט געמיינט, אז דוקא דאָרט.

ה. המקדש, אז איינער איז מקדש א פרוי מיט דעם תנאי, אז זי האָט ניט אויף זיך קיין נדרים, און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט נדרים, איז זי ניט מקודש; אויב ער האָט חתונה געהאט מיט איר סתם (אָן א תנאי) און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט נדרים, קאָן ער זי גטן אָן א כתובה. אויב (ער האָט זי מקדש געווען) מיטן תנאי אז זי האָט ניט קיין פעלערן (מומין, א פעלער אין קערפער) און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז זי האָט פעלערן, איז זי ניט מקודש; אויב ער האָט חתונה געהאט

כנסה סתם ונמצאו בה מומין, תצא שלא בכתובה. כל המומין הפוסלים בכהנים, פוסלים בנשים:

ו. המקדש שתי נשים בשוה פרוטה, או אשה אחת בפחות משוה פרוטה, אף על פי ששלח סבלונות לאחר מכאן, אינה מקודשת, שמחמת קדושין הראשונים שלח. וכן קטן שקידש.

ז. המקדש אשה ובתה או אשה ואחותה כאחת, אינן מקודשות. ומעשה בחמש נשים ובהן שתי אחיות, ולקט אחד כלכלה של תאנים, ושלהם היתה, ושל שביעית היתה, ואמר, הרי כולכם מקודשת לי

מיט איר סתם (אָהן א תנאי) און עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי האָט פעלערן, קאָן ער זי גטן אָן א כתובה. אלע פעלערן וועלכע פסלן ביי כהנים, פסלען ביי פרויען. **די דאָזיקע משנה איז פאראן וואָרט־ביי־וואָרט אין מסכתא כתובות פרק ז׳ משנה ז׳ און דאָרט געבן מיר דעם פירוש דערצו.**

ו. המקדש, אז איינער איז מקדש צוויי פרויען מיט דעם ווערט פון א פרוטה, אָדער איין פרוי מיט ווינציקער פון דעם ווערט פון א א פרוטה, כאָטש ער האָט דערנאָך געשיקט (צו די פרויען אָדער צו דער פרוי) כלה־מתנות (סבלונות, וועלכע זענען ווערט א סך געלט) ,איז זי (די פרויען אָדער די פרוי) ניט מקודש, מחמת ער האָט געשיקט (די מתנות) צוליב די ערשטע קידושין. **מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז ווייל דער חתן ווייסט דאָך מסתמא אז מען קאָן ניט מקדש זיין 2 פרויען מיט איין פרוטה אָדער א פרוי מיט ווינציקער פון א פרוטה, דאריבער קאָן זיין, אז ער האָט די מתנות ניט געשיקט אלס מתנות נור כדי די פרויען צי די פרוי מקדש צו זיין מיט ריכטיקע קידושין, דאריבער לערנט די משנה אז עס איז ניט אזוי, און מען נעמט אָן, אז דער חתן האָט געמיינט אז די ערשטע קידושין זיינען ריכטיקע און דאָס האָט ער געשיקט אלס כלה־מתנות. אמאָל פלעגט דער חתן מקדש זיין די כלה ביי די תנאים, און די חתונה פלעגט פאָרקומען אין 12 חדשים שפעטער, און אין דער צווישן צייט פלעגט די כלה קריגן פון חתן מתנות, וועלכע האָבן געהייסן סבלונות. דער רמבם און טייל אנדערע מפרשים מיינען אז עס איז פון וואָרט „סבל״, „טראָגן״, און פונקט ווי „משאות״ (אין בראשית מ״ג, ל״ג) מיינט מתנות (פון „נשא״, טראָגן), אזוי איז „סבלונות״, מתנות, פון „סבל״, טראָגן. די מיינונג פון ר׳ בנימין מוספיא, אין „מוסף הערוך״ אז דאָס איז דאָס גריכישע וואָרט „סימבאָלאָן״, האנטגעלט, איז ניט ריכטיק. —** וכן, און אזוי איז אויך אויב א קליין יינגל האָט מקדש געווען (אפרוי). **די משנה מיינט, אז כאָטש דאָס יינגל איז דערנאָך אויפגעוואקסן און האָט געשיקט דער כלה מתנות, נעמט מען ניט אָן ,אז ער האָט געמיינט מיט די מתנות נאָכאמאָל זי מקדש צו זיין, נאָר די פרוי איז ניט מקודש.**

ז. המקדש, אז איינער איז מקדש א פרוי און איר טאָכטער, אָדער א פרוי און איר שוועסטער, צוזאמען (ער זאָגט צו זיי ביידע „איר זאָלט זיין צו מיר מקודש״), זענען זיי ניט מקודש. **דער דין איז אז ווען מען איז מקדש א פרוי קאָן מען שוין דער־נאָך ניט מקדש זיין איר טאָכטער, אָדער איר שוועסטער, און דאריבער איז קיין איינע פון זיי ניט מקודש ווען ער איז זיי מקדש צוזאמען.** ומעשה, און עס איז געווען א מעשה מיט פינף פרויען, און צווישן זיי (זענען געווען) צוויי שוועסטערן, און איינער (א מאן) האָט צונויפגעקליבן א קויש מיט פייגן, און ער (דער קויש פייגן) איז געווען זייערס (האָט געהערט צו די פרויען) און זיי זענען געווען פון שמיטה־יאָר (של שבי־עית), און ער (דער מאן) האָט געזאָגט (צו די פינף פרויען): „איר זאָלט אלע זיין צו מיר מקודש מיט דעם דאָזיקן קויש״ (פייגן), און איינע פון זיי (פון די פרויען) האָט צו־גענומען פאר אלע, און די חכמים האָבן געזאָגט, אז די (צוויי) שוועסטערן זענען ניט מקודש. **די גמרא לערנט פון דער משנה עטליכע הלכות: ערשטנס, אז אויב מ׳איז מקדש מיט א געגזלטער זאך (אידער דער בעל הבית פון דער זאך האָט זיך דערפון מייאש**

בכלכלה זו, וקבלה אחת מהן על ידי כולן, ואמרו חכמים, אין האחיות מקודשות:

ח. המקדש בחלקו, בין קדשי קדשים בין קדשים קלים, אינה מקודשת. במעשר שני, בין שוגג, בין מזיד, לא קדש, דברי ר׳ מאיר. ר׳ יהודה אומר, בשוגג לא קדש, במזיד קדש. ובהקדש, במזיד קדש,

---

געווען) איז די פרוי ניט מקודש, אפילו דער בעל הבית איז די פרוי אליין (גזל דידה). ווארום די משנה זאָגט „ושלהן היתה ושל שביעית״, די פייגן זענען געווען די פרויענס אָבער פון שמיטה, און ווייל שמיטה־יאָר פרוכטן זענען הפקר, דאריבער האָט דער מאַן געקאָנט מיט זיי מקדש זיין, און אויב עס וואָלט געווען ניט שמיטה, און די פרוכטן זענען די פרויענס וואָלט ער ניט געקאָנט מקדש זיין. צווייטנס, אז מען קאָן מקדש זיין מיט שמיטה־פרוכטן, דריטנס אז א פרוי קאָן ווערן א שליח פון אן אנדערער פרוי צוצונעמען פאר איר די קידושין־געלט, אפילו ווען די פרוי־שליח ווערט אויך דאָס ווייב פון זעלביקן מאַן (איר „צרה״). די גמרא טייטשט אויך, אז דער מאַן האָט געזאָגט צו די פרויען: „עס זאָלן מקודש ווערן צו מיר פון אייך די דאָזיקע מיט וועלכע איך מעג לעבן (הרויות לביאה)״. אָבער אויב ער וואָלט גע־זאָגט סתם: „איר זאָלט אלע ווערן צו מיר מקודש״, וואָלטן אויך די ניט־שוועסטערן ניט געוואָרן מקודש, ווייל ער האָט דאָך כולל געווען אין וואָרט „אלע״ אויך די שוועס־טערן, און ווייל די שוועסטערן ווערן ניט מקודש, ווערן אויך די אנדערע ניט מקודש.

ח. המקדש, אז איינער (א כהן) איז מקדש (א פרוי) מיט זיין חלק (וואָס ער קריגט) פון די (קרבנות) קדשי קדשים און קדשים קלים, איז זי ניט מקודש. „קדשי קדשים״, די הייליקסטע קרבנות, מיינט אזעלכע קרבנות ווי חטאת, אשם וכדומה, וואָס א ישראל טאָר זיי ניט עסן, און נור די כהנים עסן זיי. „קדשים קלים״, לייכטע קרבנות, מיינט אזעלכע קרבנות ווי שלמים, וואָס אויך א ישראל עסט דעם גרעסטן טייל פון פלייש, אָבער אויך די כהנים קריגן א טייל פון פלייש (זע אין דער הקדמה צו מסכתא זבחים). זאָגט די משנה, אז א כהן איז מקדש א פרוי מיט דעם טייל וואָס ער קריגט פון די קדשי קדשים אָדער פון די קדשים קלים, איז די פרוי ניט מקודש, ווייל דער טייל איז ניט דעם כהנ׳ס, און ער איז זיינס נור צום עסן („משולחן גבוה קא זכו״, די כהנים קריגן עס פון הויכן טיש, פון גאָטס טיש, נור צום עסן). די גמרא לערנט עס אָפּ פון פסוק במדבר יח „וזה יהיה לך מקדש הקדשים מן האש״, אז פונקט ווי דער חלק פון „אש״, פון פייער, פון מזבח איז נור צום פאַר־ברענט ווערן („לאכילה״) אזוי איז אויך דער חלק פון כהן נור צום עסן (אזוי טייטשט רשי). — במעשר שני, (אויב איינער איז מקדש א פרוי) מיט מעשר שני, סיי ער איז געווען א שוגג (ער האָט ניט געוואוסט אז עס איז מעשר שני) און סיי ער איז געווען א מזיד (ער האָט געוואוסט), איז זי ניט מקודש, אזוי זאָגט ר׳ מאיר. „מעשר שני״ „צווי־טער מעשר״, שיידט מען אָפּ פון תבואה און פרוכטן און ירקות און מען פירט עס קיין ירושלים און דאָרט עסט מען עס בטהרה. אויב מען וויל קאָן מען דעם מעשר שני אויסטוישן אויף געלט, און די תבואה צו פרוכטן צו ירקות ווערן אויס מעשר שני, און דאָס געלט פירט מען קיין ירושלים צו קויפן דאָרט עסנווארג. זאָגט ר׳ מאיר, אז כאָטש דער בעל הבית עסט דאָך דעם מעשר שני, קאָן ער מיט אים ניט מקדש זיין קיין פרוי. די גמרא לערנט עס אָפּ פון ויקרא כ״ז „לה׳ הוא״, אז מען האָט נור דאָס רעכט צו עסן פון דעם מעשר שני. ר׳ יהודה זאָגט, אז אויב בשוגג איז זי ניט מקודש. און אויב במזיד איז זי מקודש. ווייל דורך דעם מקדש זיין די פרוי האָט ער אויסגעטוישט דעם מעשר שני אויף דעם וואָרט פון די קידושין געלט; אָבער בשוגג קאָן זיין אז ער האָט ניט געוואָלט אויסטוישן. ר׳ מאיר ווידער האלט, אז ניט אזוי טוישט מען אויס מעשר שני. — ובהקדש, און (אויב ער האָט מקדש געווען) מיט

ובשוגג לא קדש, דברי ר׳ מאיר. ר׳ יהודה אומר, בשוגג קדש, במזיד לא קדש:

ט. המקדש בערלה, בכלאי הכרם, בשור הנסקל, ובעגלה ערופה, בצפורי מצורע, ובשער נזיר, ופטר חמור, ובשר בחלב, וחולין שנשחטו בעזרה, אינה מקודשת. מכרן וקידש בדמיהן, מקודשת:

י. המקדש בתרומות, ובמעשרות, ובמתנות, ובמי חטאת, ובאפר חטאת, הרי זו מקודשת, ואפילו ישראל:

הקדש (מיט א הייליקע זאך, וואס מען האט מקדיש געווען צו פאריכטן דעם בית המקדש, בדק הבית), איז במזיד (אויב ער האט געוואוסט אז עס איז הקדש) איז זי מקודש ,און בשוגג (אויב ער האט ניט געוואוסט) איז זי ניט מקודש, אזוי זאגט ר׳ מאיר. **אויך ביי הקדש איז דער דין, אז מען קאן אויסטוישן א הקדש־זאך אויף געלט. דעריבער אויב ער האט געוואוסט, האט ער דערמיט אויסגעטוישט די הקדש־זאך, און אויב ער האט ניט געוואוסט, האט ער מסתמא ניט געוואלט זי אויסטוישן.** ר׳ יהודה זאגט, אז בשוגג איז זי מקודש און במזיד איז זי ניט מקודש. **ר׳ יהודה האלט אז פארקערט, ווייל במזיד טוט ער דאך א עבירה, אבער בשוגג האט ער דאך ניט געוואוסט.**

ט. המקדש, אז איינער איז מקדש (א פרוי) מיט ערלה (פרוכטן פון א בוים אין די ערשטע דריי יאר זינט מען האט אים געפלאנצט), אדער מיט וויינגארטן־כלאים (כלאי־הכרם, א וויינגארטן, אין וועלכן מען האט פארזייט תבואה), אדער מיט אן אקס וועלכן מען דארף טויטן דורך פארשטיינען (שור הנסקל, אן אקס, וואס האט גע־טויט א מענטש, און עס קומט אים צו פארשטיינען), אדער מיט א עגלה ערופה (א קאלב וואס מען האקט איהם אפ דעם קאפ, ווען מען געפינט א הרוג און מען ווייסט ניט ווער עס האט אים געהרגט) אדער מיט דער טויב פון א מצורע (ווען אמצורע ווערט ריין ברענגט ער א קרבן א פאר טויבן, און איין טויב שעכט מען), אדער מיט די האר פון א נזיר אדער מיט א אייזל א בכור (פטר חמור, נאכדעם ווי מ׳האט עס אפ־געהאקט דעם קאפ), אדער מיט פלייש געקאכט אין מילך (בשר בחלב), אדער מיט א ניט־הייליקער בהמה וואס מען האט געשאכטן אין בית המקדש־הויף (חולין שנש־חטו בעזרה), — איז זי ניט מקודש. **דער טעם איז, ווייל די אלע זאכן, וואס די משנה האט דא אויסגערעכנט, טאר מען ניט הנאה האבן פון זיי (זיי זיינען „איסורי הנאה״), און ממילא איז דאך עס ניט ווערט פאר דער פרוי קיין פרוטה. וועגן יעדער פון זיי לערנט די גמרא אפ פון פסוקים, אז מען טארניט הנאה האבן דערפון.** מכרן, אויב ער (דער מאן) האט זיי (די דערמאנטע זאכן) פארקויפט, און ער האט מקדש געווען (די פרוי) מיט זייער געלט (מיט דעם געלט וואס ער האט באקומען פאר זיי) איז זי מקודש. **ווייל נור פון זיי אליין טאר מען ניט קיין הנאה האבן, אבער דער איסור הנאה גייט ניט אריבער אויף דעם געלט, פאר וועלכן מען האט זיי פארקויפט.**

י. המקדש, אז איינער איז מקדש מיט תרומות (תבואה און פרוכטן און גרינס וואס מען שיידט אפ און נור א כהן מעג זיי עסן) אדער מיט מעשרות (וואס מען גיט צו א לוי אדער צו אן ארימאן), אדער מיט מתנות (די טיילן פלייש פון א געוויינטליכער בהמה, דעם ארעם און די קין־באקן און דעם מאגן, וואס מען גיט צו א כהן), אדער מיט מי חטאת (וואסער, וואס מען האט געמישט דערמיט דאס אש פון דער פרה אדומה, דער רויטער קי, כדי מען זאל קאנען דערמיט שפריצן אויף א טמא מענטש און צו מאכן אים ריין), אדער מיט דעם אש פון דער פרה אדומה, איז זי מקודש, און אפילו (ווען דער מאן איז) א ישראל. **די גמרא זאגט, אז דא מיינט מען א ישראל וואס זיין מוטערס פאטער א כהן האט אים איבערגעלאזט בירושה די תרומות אדער די מתנות, קאן ער דערמיט מקדש זיין א פרוי. מיט „וואסער״ פאר דעם אש פון פרה אדומה מיינט מען די באלוינונג פאר אנשעפען און ברענגען דאס וואסער. טייל מפר־**

פרק ג.

א. האומר לחברו, צא וקדש לי אשה פלונית, והלך וקדשה לעצמו, מקודשת. וכן האומר לאשה, הרי את מקודשת לי לאחר שלשים יום, ובא אחר וקדשה בתוך שלשים יום, מקודשת לשני. בת ישראל לכהן, תאכל בתרומה. מעכשיו ולאחר שלשים יום, ובא אחר וקדשה בתוך שלשים יום, מקודשת ואינה מקודשת. בת ישראל לכהן, או בת כהן לישראל, לא תאכל בתרומה:

ב. האומר לאשה, הרי את מקודשת לי על מנת שאתן לך מאתים זוז, הרי זו מקודשת, והוא יתן. על מנת שאתן לך מכאן ועד שלשים יום, נתן לה בתוך שלשים יום, מקודשת, ואם לאו, אינה מקודשת.

שים זענען ניט גורס „ובאפר חטאת" „און מיט דעם אש פון דער פרה אדומה".

פרק ג.

א. האומר, אז איינער זאָגט צו זיין פריינט: „גיי און זיי פאר מיר מקדש יענע פרוי", און ער (דער פריינט) איז געגאנגען און ער האָט זי מקדש געווען פאר זיך, איז זי מקודש (צום צווייטן). די גמרא זאָגט, אז ער האָט עס געטאָן מיט „רמאות", מיט שווינדל, און פונדעסטוועגן איז זי מקודש צום צווייטן. וכן, און אזוי איז אויך, ווען איינער זאָגט צו א פרוי: „זיי צו מיר מקודש נאָך דרייסיק טעג", און עס איז גע־קומען אן אנדערער און ער האָט זי מקדש געווען אין די דרייסיק טעג, איז זי מקודש צום צווייטן. און דער צווייטער מאן מעג חתונה האָבן מיט איר אפילו אין די דרייסיק טעג. בת ישראל, אויב זי איז א טאָכטער פון א ישראל (וועלכע האָט חתונה געהאָט צום צווייטן מאן וועלכער איז) א כהן, מעג זי עסן תרומה. ווייל זי הייסט אינגאנצן זיין פרוי, און די פרוי פון א כהן, כאָטש זי איז די טאָכטער פון א ישראל, מעג עסן תרומה. דער רמבם און דער ברטנורא זענען גורס אויך „בת כהן לישראל תאכל בתרומה", און עס גייט ארויף אויף דעם אָנהויב פון דער משנה, דהיינו, אז אויב איינער האָט געזאָגט צו א פרוי, אז זי זאָל זיין צו אים מקודש נאָך 30 טעג, און די פרוי איז די טאָכטער פון א כהן און דער מאן איז א ישראל, מעג זי אין די 30 טעג עסן תרומה. און אויב זי איז א ישראל'ס טאָכטער צו א כהן טאָר זי ניט עסן תרומה; ווייל זי הייסט נאָכניט זיין ווייב. מעכשו, (אויב איינער זאָגט צו א פרוי: „זיי צו מיר מקודש) פון איצט אן און נאָך דרייסיק טעג", און עס איז געקומען אן אנדערער און ער האָט זי מקדש געווען אין די דרייסיק טעג, איז זי מקודש און ניט מקודש. און זי דאַרף האָבן א גט פוןביידע מענער, ווייל דער אויסדרוק „פון איצט אָן און נאָך דרייסיק טעג", קאָן מיינען אז זי איז שוין דאָס ווייב פון ערשטן מאן, און ממילא איז דעם צווייטנס קי־דושין גאָרניט, און עס קאָן מיינען, אז זי ווערט ערשט מקודש נאָך דרייסיק טעג, און ממילא איז דעם צווייטנס קידושין יאָ קידושין. בת ישראל, אויב זי איז די טאָכטער פון א ישראל צי א כהן אָדער א כהנ'ס א טאָכטער צו א ישראל, טאָר זי ניט עסן קיין תרומה, ווייל מען ווייסט דאָך ניט צי זי איז מקודש צי ניט.

ב. האומר, אז איינער (גיט צו א פרוי א פרוטה און ער) זאָגט דער פרוי: „זיי צו מיר מקודש (מיט דער דאָזיקער פרוטה) מיט דעם תנאי אז איך וועל דיר געבן צוויי הונדערט גילדן (זוז)", איז זי מקודש, און ער זאָל געבן. ווען ער גיט די 200 גילדן איז די פרוי מקודש שוין פון פריער אָן, פון ווען ער האָט זי מקדש גע־ווען. דאָס איז דער כלל אז ווען איינער זאָגט „מיט דעם תנאי" איז עס שוין פון איצט אָן („כל האומר על מנת כאומר מעכשו דמי"). על מנת שאתן, (אויב ער זאָגט צו איר: „זיי צו מיר מקודש) מיט דעם תנאי אז איך וועל דיר געבן (די צוויי הונדערט גילדן) פון איצט אָן ביז דרייסיק טעג", איז אויב ער האָט איר געגעבן (די צוויי הונדערט גילדן) אין פארלויף פון די דרייסיק טעג איז זי מקודש, און אויב ניט איז זי ניט מקודש. אפילו ער האָט נאָך די 30 טעג יאָ געגעבן איר דאָס געלט, איז זי אויך ניט

על מנת שיש לי מאתים זוז, הרי זו מקודשת, ויש לו. על מנת שאראיך מאתים זוז, הרי זו מקודשת, ויראה לה. ואם הראה על השלחן, אינה מקודשת:

ג. על מנת שיש לי בית כור עפר, הרי זו מקודשת, ויש לו. על מנת שיש לי במקום פלוני, אם יש לו באותו מקום מקודשת, ואם לאו אינה מקודשת. על מנת שאראיך בית כור עפר, הרי זו מקודשת, ויר־אנה. ואם הראה בבקעה, אינה מקודשת:

ד. מאיר אומר, כל תנאי שאינו כתנאי גד ובני ראובן אינו תנאי, שנאמר (במדבר ל״ב) „ויאמר משה אליהם אם לא יעברו חלוצים״.

מקודש. על מנת שיש (אויב ער איז מקודש) „מיט׳ן תנאי אז איך האָב צוויי הונדערט גילדן״, איז זי מקודש, און ער זאָל האָבן. **אויב עס זענען פאראן עדות, אז ער האָט דאָס געלט, איז זי זיכער מקודש, און אויב ער באַוויזט ניט אז ער האָט, איז זי מקודש צוליב א ספק, טאָמער האָט ער, נאָר ער וויל איר ניט אויסזאָגן.** על מנת שאראיך, (אויב ער איז זי מקדש): „מיט דעם תנאי אז איך וועל דיר ווייזן צוויי הונדערט גילדן״, איז זי מקודש, און ער זאָל איר ווייזן (זיינע אייגענע, ניט פרעמדע צוויי הונדערט גילדן), און אויב ער האָט איר געוויזן אויפן געלט־וועקסלער־טיש (שלחן) איז זי ניט מקודש. **כאָטש ער איז דער געלט־וועקסלער וועלכער האנדלט מיט געלט, אָבער דאָס געלט אי זניט זיינס, און מען האָט עס אים געגעבן נור צו מאכן דערמיט געשעפט (אפילו ער קאָן דערפון פארדינען), איז זי ניט מקודש.**

ג. על מנת, (אויב איינער האָט מקדש געווען א פרוי): „מיט דעם תנאי אז איך האָב א בית כור לאנד (עפר)״, איז זי מקודש, און ער האָט. **אויך דאָ מיינט מען, אז אויב ער באַווייזט אז ער האָט דאָס לאנד איז זי זיכער מקודש, און אויב ניט איז זי מקודש צוליב א ספק. „בית כור״ מיינט לאנד, וואָס כדי צו פארזייען עס דאַרף מען האָבן א כור תבואה. א „כור״ איז 30 סאה, און איין סאה האָט 6 טעפּ (קבים). דאָס וואָרט בית מיינט א סך מאָל אין דער משנה אויך א פעלד („בית השלחין״).** על מנת שיש לי במקום, אויב ער האָט זי מקדש געווען: „מיט דעם תנאי אז איך האָב (דעם בית כור לאנד) אין יענעם אָרט״, איז אויב ער האָט עס אין יענעם אָרט איז זי מקודש, און אויב ניט איז זי ניט מקודש. **אפילו ער קאָן באַווייזן אז ער האָט אין אן אנדער אָרט, איז זי ניט מקודש.** על מנת שאראיך, (אויב ער האָט זי מקדש געווען): „מיט דעם תנאי אז איך וועל דיר ווייזן א בית־כור־לאנד״, איז זי מקודש, און ער זאָל איר ווייזן (זיין אייגן לאנד די גרויס פון א בית כור), און אויב ער האָט איר געוויזן (א בית כור לאנד) אין טאָל (וואָס געהערט צו אנדערע מענטשן), איז זי ניט מקודש. **די גמרא זאָגט, אז אפילו ער האָט דאָס פרעמדע לאנד געדונגן, און אפילו דאָס לאנד איז געווען פארדינגען צו זיינע עלטערן און דערנאָך צו אים, איז זי ניט מקודש. עס מוז זיין זיין אייגן לאנד.**

ד. ר׳ מאיר זאָגט, אז יעדער תנאי, וואָס איז ניט ווי דער תנאי פון די זין פון גד און פון די זין פון ראובן (פון שבט גד און פון שבט ראובן) איז ניט קיין תנאי, ווארום עס ווערט געזאָגט (במדבר ל״ב) „ויאמר משה אליהם אם יעברו בני גד ובני ראובן״ (און משה האָט געזאָגט צו זיי, אויב די זין פון גד און די זין פון ראובן וועל אריבערגיין דעם ירדן), און עס שטייט (דאָרט במדבר ל״ב) געשריבן „ואם לא יעברו חלוצים״ (און אויב זיי וועלן ניט אריבערגיין דעם ירדן פאַראויס). **ווען די יידן זענען געווען אין דער מדבר און האָבן שוין געהאלטן ביים אריבערגיין דעם טייך ירדן כדי אריינצוגיין אין ארץ ישראל און איינצונעמען דאָס לאנד, האָבן די שבטים גד און ראובן, וועלכע האָבן געהאַט א סך בהמות געוואָלט בלייבן אין יענער זייט ירדן (אין עבר הירדן), וואו דאָס לאנד איז געווען רייך אין פאשע. האָט משה רבנו זיי געזאָגט און אויסגענומען מיט זיי א תנאי, אז זיי קאָנען באקומען דאָס**

ר׳ חנינא בן גמליאל אומר, צריך היה הדבר לאמרו, שאלמלא כן, יש במשמע, שאפילו בארץ כנען לא ינחלו.

ה. המקדש את האשה ואמר, כסבור הייתי שהיא כהנת והרי היא לויה, לויה והרי היא כהנת, עניה והרי היא עשירה, עשירה והרי היא עניה, הרי זו מקודשת, מפני שלא הטעתו. האומר לאשה, הרי את מקודשת לי לאחר שאתגייר, או לאחר שתתגיירי, לאחר שאשתחרר, או לאחר שתשתחררי, לאחר שימות בעליך, או לאחר שתמות אחותיך, לאחר שיחלוץ לך יבמיך, אינה מקודשת. וכן האומר לחבירו, אם ילדה

לאנד אין ירדן אויב זיי וועלן מיט אריבערגיין דעם ירדן און העלפן איינעמען ארץ **ישראל פאר די אנדערע שבטים; און משה האט צוגעגעבן אז „אויב זיי וועלן ניט אריבערגיין דעם ירדן" וועלן זיי ניט באקומען דעם עבר הירדן. דערפון לערנט ר׳ מאיר אפ, אז יעדער תנאי דארף זיין „כפול", א טאפלטער; מען דארף ביים תנאי זאגן „אויב יא, וועט זיין אזוי, און אויב ניט, וועט ניט זיין אזוי". ווי איז אבער, אז מען האט געזאגט בלויז „אויב יא זאל זיין אזוי", איז דער תנאי קיין תנאי ניט, און די זאך בלייבט אזוי אפילו מען האט דעם תנאי ניט מקיים געווען. ווארום אויב מען דארף ניט „טאפלן" דעם תנאי, צו־וואס־זשע האט משה צוגעגעבן די ווערטער „ואם לא יעברו", און אויב זיי וועלן ניט אריבערגיין?** ר׳ חנינא בן גמליאל זאגט (אז מען דארף ניט האבן קיין טאפלטן תנאי, און דאס וואס משה האט געזאגט „ואם לא יעברו") האט ער עס געדארפן זאגן, ווייל אויב ניט אזוי, וואלט עס געווען געהייסן אז אפילו אין ארץ ישראל (ארץ כנען) וועלן זיי (דער שבט גד און שבט ראובן) אויך ניט ירשענען (אויך ניט באקומען קיין חלק). **דאריבער האט משה רבנו צוגעגעבן, אז אויב זיי וועלן ניט אריבער דעם ירדן, וועלן זיי צוגלייך מיט אלע אנדערע שבטים נאר באקומען זייער חלק אין ארץ ישראל (ונאחזו בתוככם בארץ כנען). —** רשי ברענגט אז פון די **בני גד און בני ראובן ווערט אויך אפגעלערנט אז דער תנאי דארף זיין ארויסגעזאגט פאר דער זאך (תנאי קודם למעשה), און מען דארף זאגן „אויב מען וועט אזוי טאן, זאל זיין אזוי און אזוי", און עס דארף אויך זיין אין תנאי דער „יא פאר דעם ניין", „אויב יא — איז די זאך גוט, און אויב ניט, זאל די זאך ניט זיין גוט".**

ה. המקדש, אז איינער איז מקדש א פרוי, און (דערנאך) האט ער געזאגט: „איך האב געמיינט אז זי איז א כהנת און זי איז גאר א טאכטער פון א לוי", אדער („איך האב געמיינט אז זי איז א טאכטער פון א לוי און זי איז גאר א כהנית", אדער („איך האב געמיינט אז זי איז) אן ארימע און זי איז גאר א רייכע", אדער („איך האב געמיינט אז זי איז) א רייכע און זי איז גאר אן ארימע", — איז זי מקודש, ווייל זי האט אים ניט אפגענארט. **רשי זאגט, אז דברים שבלב אינן דברים", דאס וואס ער האט אינזינען געהאט האט ניט קיין ווערט. —** האומר, אז איינער זאגט צו א פרוי: דו זאלסט ווערן צו מיר מקודש נאכדעם ווי איך וועל מיך מגייר זיין" (און איצט איז ער א גוי), אדער „נאכדעם ווי דו וועסט זיך מגייר זיין" (און זי איז איצט א גויה), אדער „נאכדעם ווי איך וועל ווערן באפרייט" (און איצט איז ער א שקלאף), אדער „נאכדעם ווי דו וועסט ווערן באפרייט" (און איצט איז זי א שקלאפין), אדער „נאכדעם ווי דיין מאן וועט שטארבן" (און איצט האט זי א מאן), אדער „נאכדעם ווי דיין שוועסטער (מיט וועמען ער איז פארהייראט, און ער קאן ניט מקדש זיין דיין ווייב׳ס שוועסטער) וועט שטארבן", אדער „נאכדעם ווי דו וועסט נעמען חלוצה פון דעם יבם" (פון דעם ברודער פון איר ערשטן מאן, וועלכער איז געשטארבן אן קינדער) — איז זי ניט מקודש. **מחמת איצט קאן ער דאך זי ניט מקדש זיין, דאריבער קאן ער זי ניט מקדש זיין איצט, אז זי זאל מקודש ווערן שפעטער, ווען ער וועט יא קאנען זי מקדש זיין.** וכן, און אזוי איז אויך, ווען איינער זאגט צו זיין פריינט: „אויב דיין ווייב וועט געבוירן א מיידל, זאל זי זיין צו מיר מקודש", איז זי ניט מקודש. **איצט**

אשתך נקבה הרי היא מקודשת לי, אינה מקודשת. אם היתה אשת חבירו מעוברת, והוכר עוברה, דבריו קיימין, ואם ילדה נקבה מקודשת:

ו. האומר לאשה, הרי את מקודשת לי. על מנת שאדבר עליך לשלטון, ואעשה עמך כפועל, דבר עליה לשלטון, ועשה עמה כפועל, מקודשת, ואם לאו, אינה מקודשת. על מנת שירצה אבא, רצה האב מקודשת, ואם לאו, אינה מקודשת. מת האב, הרי זו מקודשת. מת הבן, מלמדין האב לומר, שאינו רוצה:

ז. קדשתי את בתי, ואיני יודע למי קדשתיה, ובא אחד ואָמר,

קאָן ער דאָך זי ניט מקדש זיין, אפילו איר פאָטער איז מסכים צו די קידושין, ווייל זי עקזיסטירט נאָכניט. אם, אויב דאָס ווייב פון דעם פריינט איז געווען מעוברת, און מען האָט שוין דערקענט דאָס קינד (עוברה, דאָס נאָכניט געבוירענע קינד), זע־נען זיינע ווערטער גוט, און אויב זי האָט געבוירן א מיידל איז זי מקודש. ווייל א עובר הייסט שוין א באַשעפעניש. דער רמבם זאָגט, אז נאָכדעם ווי דאָס מיידל ווערט געבוירן דאַרף ער זי מקדש זיין נאָכאמאָל, מחמת דער פאָטער פון מיידל האָט ניט געקאָנט מקדש זיין די טאָכטער איידער זי איז ארויס אויף דער וועלט („אין אדם מקנה דבר שלא בא לעולם"). און די משנה זאָגט נור, אז זי טאָר ניט חתונה האָבן מיט אן אנדערן.

ו. האומר, אז איינער זאָגט צו א פרוי: „זיי צו מיר מקודש מיט דעם תנאי אז איך זאָל רעדן פאר דיינעטוועגן צום הערשער" („שלטון", דעם רעגירונגס־מאַן, אז ער זאָל איר טאָן א טובה), אָדער „אז איך זאָל ארבייטן פאר דיר ווי אן ארבייטער", איז אויב ער האָט גערעדט פאר אירטוועגן ביים הערשער, אָדער ער האָט געאַרבעט פאר איר ווי אן ארבייטער, איז זי מקודש, און אויב ניט איז זי ניט מקודש. די גמרא זאָגט, אז ער האָט איר געגעבן א פרוטה און איר מקדש געווען מיט דער פרוטה, וואָ־רום מיט דעם לוין וואָס ס'קומט אים צו באַצאָלן אלס ארבייטער קאָן מען ניט מקדש זיין, מחמת ער איז דאָך איר מקדש ווען די ארבייט ווערט פאַרענדיקט, און דאַמאָלס קומט אים שוין געלט פאר דער ארבייט פון אָנהויב אָן און כסדר פאר יעדער שטיקל ארבייט (ישנה לשכירות מתחילה ועד סוף), הייסט דאָך עס אז עס קומט אים ביי איר א חוב, און מיט א חוב (א „מלוה") קאָן מען ניט מקדש זיין (זע פריער אין פירוש צו פרק ב' משנה א'). — על מנת שירצה, (אויב ער האָט זי מקדש געווען): „מיט דעם תנאי אז מיין פאָטער וועט וועלן", איז אויב דער פאָטער האָט געוואָלט איז זי מקודש, און אויב ניט איז זי ניט מקודש. די גמרא זאָגט, אז דאָ מיינט מען, אז ער האָט געזאָגט „מיט דעם תנאי אז מיין פאָטער זאָל ניט זאָגן אין פארלויף פון דרייסיק טעג, אז ער וויל ניט". אויב עס זענען אריבער די 30 טעג, און דער פאָטער האָט גאָרניט געזאָגט איז זי מקודש, און אויב דער פאָטער האָט אין די 30 טעג געזאָגט, אז ער וויל ניט, איז זי ניט מקודש. מת האב, אויב דער פאָטער איז געשטאָרבן (אין די דרייסיק טעג), איז זי מקודש. ווארים ער האָט דאָך ניט געזאָגט, אז ער וויל ניט. מת הבן, אויב דער [illegible] געשטאָרבן (אָן קינדער, אין די דרייסיק טעג), לערנט מען (גיט מען אן עצה) דעם פאָטער, אז ער זאָל זאָגן אז ער וויל ניט. כדי די קידושין זאָל ניט זיין קיין קי־דושין, און די פרוי זאָל ניט דאַרפן נעמען חליצה פון מאַנ'ס ברודער.

ז. קדשתי, (אז א פאָטער זאָגט): „איך האָב מקדש געווען מיין טאָכטער (צו א מאַן), און איך ווייס ניט צו וועמען איך האָב זי מקדש געווען" (ער געדענקט ניט דעם מאַן), און איינער איז געקומען און האָט געזאָגט: „איך האָב זי מקדש געווען" (איך בין דער מאַן) — איז ער באַגלויבט. מען גלויבט אים, ווייל ער וואָלט מורא געהאַט צוזאָ־גען ליגן פאר דעם פאָטער אז ער האָט זי מקדש געווען, מחמת טאָמער וועט דער פאָטער דערקענען אז דאָס איז ניט ער. ווי מיר האָבן געלערנט פריער פרק ב' משנה

אני קדשתיה, נאמן. זה אמר אני קדשתיה, וזה אָמר אני קדשתיה, שניהם נותנים גט. ואם רצו, אחד נותן גט, ואחד כונס:

ח. קדשתי את בתי, קדשתיה וגרשתיה כשהיא קטנה, והרי היא קטנה, נאמן. קדשתיה וגרשתיה כשהיא קטנה, והרי היא גדולה, אינו נאמן. נשבית ופדיתיה, בין שהיא קטנה בין שהיא גדולה, אינו נאמן. מי שאמר בשעת מיתתו, יש לי בנים, נאמן. יש לי אחים, אינו נאמן.

א׳, קאָן א **פאָטער מקדש זיין זיין טאָכטער ביז 12 יאָר מיט 6 חדשים** (ווען זי איז א נערה אָדער א קטנה) **צו א מאן אפילו אָן איר וויסן.** זה אָמר, (אויב עס זענען געקומען צוויי מענער) און דער (איינער פון זיי) זאָגט: „איך האָב זי מקדש געווען״, און [illegible]ער פון זיי) זאָגט: „איך האָב זי מקדש געווען״, דאַרפן ביידע איר געבן א גט; און אויב זיי ווילן, קאָן איינער (פון זיי) איר געבן א גט, און דער אנדערער האָט מיט איר חתונה. **מען האָט ניט מורא טאָמער איז דער מאן גאָר געווען ניט קיין איינער פון זיי נאָר א דריטער.**

ח. קדשתי, (אז א פאָטער זאָגט): „איך האָב מקדש געווען מיין טאָכטער (צו א מאן) ווען זי איז געווען א קטנה (אָדער א נערה, ביז צוועלף יאָר מיט זעקס חדשים) און האָב איר געגעט (איך האָב גענומען פאַר איר דעם גט פון איר מאן) ווען זי איז געווען א קטנה (אָדער א נערה)״, און זי איז (איצט, ווען דער פאָטער זאָגט עס) נאָך א קטנה (אָדער א נערה) איז ער באַגלויבט. **און די טאָכטער הייסט א גרושה, און זי טאָרניט חתונה האָבן מיט א כהן. דער טעם איז, וואָס כל זמן די טאָכטער איז א קטנה צי א נערה איז דער פאָטער באַגלויבט אין די ענינים פון מקדש זיין זי אָדער גטן זי, און די גמרא לערנט עס אָפּ פון פסוק** (דברים כ״ב) **„את בתי נתתי לאיש הזה״, און ווען ער זאָגט אז ער האָט זי מקדש געווען „לאיש״, סתם צו א מאן, האָט ער דאָך זי געאסרט אויף אלע מענער, און ווען ער גיט צו „הזה״, „צום דאָזיקן מאן״, האָט ער זי מתיר געמאכט צו אים.** קדשתיה, (אז דער פאָטער זאָגט): „איך האָב זי מקדש געווען (צו א מאן) און געגעט ווען זי איז געווען א קטנה (אָדער א נערה)״, און זי איז (איצט ווען דער פאָטער זאָגט עס) א גרויסע (עלטער פון צוועלף יאָר מיט זעקס מאָנאטן), איז ער ניט באַגלויבט. **און זי מעג חתונה האָבן צו א כהן.** נשבית, (אויב א פאָטער זאָגט וועגן זיין טאָכטער): „זי איז געווען געפאַנגען (דורך רויבער) און איך האָב זי אויסגעלייזט (פון געפאַנגענשאַפט)״, סיי זי איז (ווען ער זאָגט דאָס) א קטנה, סיי זי איז שוין א דערוואַקסענע (גדולה), איז ער ניט באַגלויבט. **דער דין איז, אז א פרוי וועלכע איז געווען געפאַנגען** (א שבויה) **טאָר ניט חתונה האָבן מיט א כהן. פּרטים וועגן דעם זע כתובות פּרק ב׳ משנה ה׳. לערנט דאָ די משנה אז דער פאָטער איז ניט באַגלויבט צו אסרן איר חתונה צו האָבן מיט א כהן דורך זאָגן, אז זי איז געווען געפאַנגען. מחמת מען גלייכט דעם פאָטער נור ווען ער זאָגט אז ער האָט זיין יינגע טאָכטער חתונה געמאכט אָדער געגעט, אָבער ניט וועגן געפאַנגענשאַפט.** מי שאמר, אז איינער האָט געזאָגט פאַר זיין טויט: „איך האָב קינדער״, איז ער באַגלויבט. **און זיין ווייב דאַרף ניט נעמען חליצה פון זיין ברודער.** יש לי אחים, (אויב אָבער ער זאָגט פאַר זיין טויט): „איך האָב ברידער״ (און מען ווייסט אז ער האָט ניט קיין קינדער) איז ער ניט באַגלויבט. **מען גלויבט אים ניט צו אסרן זיין אלמנה, אז זי זאָל ניט טאָרן חתונה האָבן נאָך זיין טויט. מען מיינט דאָ, אז ביז זיין זאָגן איז געווען אָנגענומען, אז ער האָט ניט קיין ברידער.** המקדש, אז איינער (א פאָטער, וועלכער האָט עטליכע טעכטער, יינגע, און א דערוואַקסענע, א בוגרת) האָט מקדש געווען (צו א מאן) זיין טאָכטער סתם (און ער האָט ניט אויסגערעדט וועלכע טאָכטער), איז די בוגרת ניט אריינגערעכנט. **מען נעמט אָן אז ער האָט די בוגרת ניט געמיינט. „בוגרת״ הייסט א מיידל עלטער פון 12 יאָר מיט 6 חדשים, און דער פאָטער קאָן איר בכלל ניט מקדש זיין צו א מאן. אָבער דאָ מיינט מען, אז די טאָכטער די בוגרת האָט דעם פאָטער געמאכט פאַר**

המקדש את בתו סתם, אין הבוגרת בכלל:

ט. מי שיש לו שתי כיתי בנות משתי נשים, ואמר, קדשתי את בתי הגדולה, ואיני יודע אם גדולה שבגדולות, או גדולה שבקטנות, או קטנה שבגדולות שהיא גדולה מן הגדולה שבקטנות, כולן אסורות, חוץ מן הקטנה שבקטנות, דברי ר׳ מאיר. ר׳ יוסי אומר, כולן מותרות, חוץ מן הגדולה שבגדולות. קדשתי את בתי הקטנה, ואיני יודע אם קטנה שבקטנות, או קטנה שבגדולות, או גדולה שבקטנות שהיא קטנה מן הקטנות שבגדולות, כולן אסורות, חוץ מן הגדולה שבגדולות, דברי ר׳ מאיר. ר׳ יוסי אומר, כולן מותרות, חוץ מן הקטנה שבקטנות:

א שליח, אז ער זאָל זי מקדש זיין (זע פריער פרק ב׳ משנה א׳ וועגן שליחות). לערנט די משנה, אז פונדעסטוועגן נעמט מען אָן, אז ער האָט מקדש געוועזן איינע פון די יינגערע, מחמת זייער חתונה מאכן איז א מצוה וואָס ליגט אויף דעם פאָטער, און ניט די בוגרת. דעריבער דארפן אלע יינגע טעכטער האָבן א גט צוליב ספק, טאָמער איז זי מקודש. אָבער די בוגרת דארף ניט קיין גט.

ט. מי, אויב איינער (א פאָטער) האָט געהאט צוויי פארטיעס (כיתי) טעכטער פון צוויי ווייבער (פון איין פרוי קלענערע יינגערע טעכטער, און פון דער אנדערער פרוי גרעסערע, עלטערע טעכטער), און ער האָט געזאָגט: „איך האָב מקדש געווען (צו א מאן) מיין גרויסע טאָכטער, און איך ווייס ניט צי די גרעסטע פון די (פון דער פארטיע) גרעסערע, אָדער די גרעסטע פון די (פון דער פארטיע) קלענערע, אָדער די קלענסטע פון די (פון דער פארטיע) גרעסערע, וועלכע איז גרעסער פון די גרעסטע פון (דער פארטיע) קלענערע״, זענען אלע (טעכטער) אסור (טאָרן ניט חתונה האָבן מיט קיין אנדערן מאן), א חוץ די קלענסטע פון (דער פארטיע) קלענערע (טעכטער), אזוי זאָגט ר׳ מאיר. ווייל ר׳ מאיר האלט אז מיט דעם וואָרט די „גרויסע״ טאָכטער האָט דער פאָטער געקאָנט מיינען יעדע טאָכטער, וואָס האָט נאָך א יינגערע, קלענערע שוועסטער פון זיך און עס איז וועגן יעדער א ספק, טאָמער האָט ער זי געמיינט. אָבער וועגן דער קלענסטער פון דער פארטיע קלענערע טעכטער קאָן ניט זיין קיין ספק, און זי האָט ער זיכער ניט געמיינט. ר׳ יוסי זאָגט, אז אלע (טעכטער) מעגן (חתונה האָבן מיט אן אנדערן מאן), א חוץ די גרעסטע פון (דער פארטיע) גרעסערע טעכטער. ר׳ יוסי האלט, אז א מענטש, ווען ער זאָגט עפּעס לאָזט ער זיך ניט אריין אין קיין ספק צו דארפן פרעגן א שאלה ביי חכמים, און דעריבער ווען דער פאָטער האָט געזאָגט „גדולה״, „גרויסע״, האָט ער זיכער געמיינט די גרויסע טאָכטער, וועגן וועלכער עס קאָן ניט זיין קיין ספק, און דאָס איז די גרעסטע פון אלע טעכטער, די גרעסטע פון דער פארטיע גרעסערע טעכטער. קדשתי, (אויב דערזעלביקער פאָטער פון די צוויי פארטיעס טעכטער האָט געזאָגט): „איך האָב מקדש געווען (צו א מאן) מיין קליינע טאָכטער, און איך ווייס ניט צי די קלענסטע פון די קלענערע, צי די קלענסטע פון די גרעסערע, צי די גרעסטע פון די קלענערע, וועלכע איז קלענער פון די קלענסטע פון די גרעסערע, זענען אלע אסור (טאָרן ניט חתונה האָבן מיט אן אנדערן מאן), א חוץ די גרעסטע פון די גרעסערע, אזוי זאָגט ר״ מאיר; ר׳ יוסי זאָגט, אז אלע מעגן (חתונה האָבן מיט אן אנדערן מאן) א חוץ דער קלענסטער פון די קלענערע. די טעמים פון ר׳ מאיר און ר׳ יוסי זענען די זעלביקע וואָס פריער. די גמרא זאָגט, אז דעריבער ברענגט די משנה ביידע פאלן (ווען ער האָט געזאָגט אז ער האָט מקדש געווען „די גרויסע״, און ווען ער האָט געזאָגט אז ער האָט מקדש געווען „די קליינע״), ווייל אויב מ׳וואָלט געלערנט בלויז דעם פאל מיט „דער גרויסער״, וואָלט מען געקאָנט מיינען אז נור מיט „גרויסע״ האלט ר׳ מאיר אז דער פאָטער האָט געקאָנט מיינען אלע טעכטער (א חוץ דער סאמע קלענסטער), ווייל א פאָטער וויל רופן „גרויסע״ אויך זיינע קלענערע טעכטער; ווידער ווען מען וואָלט געלערנט בלויז דעם

י. האומר לאשה, קדשתיך, והיא אומרת, לא קדשתני, הוא אסור בקרובותיה, והיא מותרת בקרוביו. היא אומרת, קדשתני, והוא אומר, לא קדשתיך, הוא מותר בקרובותיה, והיא אסורה בקרוביו. קדשתיך, והיא אומרת, לא קדשת אלא בתי, הוא אסור בקרובות גדולה, וגדולה מותרת בקרוביו, הוא מותר בקרובות קטנה וקטנה מותרת בקרוביו:

יא. קדשתי את בתך, והיא אומרת, לא קדשת אלא אותי, הוא אסור בקרובות קטנה, וקטנה מותרת בקרוביו, הוא מותר בקרובות

פאל מיט „דער קליינער" וואָלט מען געמיינט, אז ביים פאל מיט „דער גרויסער" איז **אויך ר' יוסי מודה צו ר' מאיר, מחמת א פאָטער רופט אלע טעכטער, אפילו די קלע־נערע, „גרויסע".**

י. האומר, אז איינער זאָגט צו א פרוי: „איך האָב דיך מקדש געווען", און זי זאָגט: „דו האָסט מיך ניט מקדש געווען", איז ער אסור (טאָר ער ניט חתונה האָבן) מיט אירע קרובים (למשל, מיט איר מוטער צו שוועסטער), און זי איז מותר (מעג חתונה האָבן) מיט זיינע קרובים (למשל, מיט זיין פאָטער, צי מיט זיין ברודער). **דער מאַן איז באַגלויבט נור צו אסרן זיך און ניט איר. די גמרא זאָגט אז מען מיינט, אז ער זאָגט, אז ער האָט זי מקדש געווען פאר די און די עדות, און זיי זיינען אוועק אין א ווייט לאנד; מחמת מקדש זיין מוז מען דאָך פאר עדות.** היא אומרת, אויב זי (א פרוי) זאָגט (צו א מאַן): „דו האָסט מיך מקדש געווען", און ער זאָגט: „איך האָב דיך ניט מקדש געווען", איז ער מותר אין איר קרובים, און זי איז אסור אין זיינע קרובים. **צוליב דעמזעלביקן טעם, דהיינו, אז זי איז נור באַגלויבט זיך צו אסרן, אָבער ניט אים. די גמרא זאָגט, אז די משנה לערנט דאָ נאָכמער, זוייל מען וואָלט געקאָנט מיינען אז זי איז באַגלויבט אפילו צו אסרן אים, ווייל זי פארלירט דאָך א סך מיט איר זאָגן, אז ער האָט זי מקדש געווען (ווארום א פארהייראטעטע פרוי טאָר דאָך ניט חתונה האָבן מיט נאָך א מאַן) און עס קאָן דאָך דאריבער ניט זיין, אז זי זאָגט ליגן, דאריבער לערנט די משנה אז זי איז ניט באַגלויבט אים צו אסרן חתונה צו האָבן מיט אירע קרובים.** — קדשתיך, (אויב איינער זאָגט צו א פרוי): איך האָב דיך מקדש געווען", און זי זאָגט: דו האָסט מקדש געווען ניט (מיך) נאָר מיין טאָכטער", טאָר ער ניט (חתונה האָבן) מיט די קרובים פון דער גרויסער (פון דער מוטער, למשל, מיט איר שוועסטער), און די גרויסע (די מוטער) מעג (חתונה האָבן) מיט זיינע קרובים (למשל מיט זיין ברודער), (און) ער מעג (חתונה האָבן) מיט די קרובים פון דער קליינער (פון דער טאָכטער, למשל מיט איר שוועסטער פון איין פאָטער), און די קליינע (די טאָכ־טער) מעג (חתונה האָבן) מיט זיינע קרובים (למשל, מיט זיין ברודער). **דער כלל איז דערזעלביקער: עס ווערט נור אסור דער אָדער די וואָס זאָגט, אז ער האָט מקדש גע־ווען אָדער אז מען האָט זי מקדש געווען. אזוי ווי דאָ האָט דער מאַן געזאָגט אז ער האָט מקדש געווען די פרוי, דאריבער טאָר ער ניט חתונה האָבן מיט אירע קרובים. דאָס וואָס די פרוי זאָגט, אז ער האָט מקדש געווען איר טאָכטער, האָט ניט קיין ווערט, און זי קאָן ניט אסר'ן ניט זיינע קרובים אויף דער טאָכטער, און ניט דער טאָכטער'ס קרובים אויף אים. אין די אלע פאלן, ווען זי זאָגט, אז ער האָט זי מקדש געווען בעט מען אים אז ער זאָל איר געבן א גט; און אויב ער גיט א גט אליין, אָן בעטן, צווינגט מען אים, אז ער זאָל איר באַצאָלן די כתובה.**

יא. קדשתי, (אויב איינער זאָגט צו א פרוי): „איך האָב מקדש געווען דיין טער", און זי זאָגט: „דו האָסט מקדש געווען (ניט מיין טאָכטער) נאָר מיך", טאָר ער ניט (חתונה האָבן) מיט די קרובים פון דער קליינער (פון דער טאָכטער, למשל מיט איר שוועסטער פון איין פאָאַער), און די קליינע (די טאָכטער) מעג (חתונה האָבן) מיט זיינע קרובים; ער מעג חתונה הקבן מיט די קרובים פון דער גרויסער (פון דער מו־

גדולה, וגדולה אסורה בקרוביו:

יב. כל מקום שיש קדושין ואין עבירה, הולד הולך אחר הזכר. ואיזה? זו כהנת לויה וישראלית שנשאת לכהן ללוי ולישראל. וכל מקום שיש קדושין ויש עבירה, הולד הולך אחר הפגום. ואיזו? זו אלמנה לכהן גדול, גרושה וחלוצה לכהן הדיוט, ממזרת ונתינה לישראל, בת ישראל לממזר ולנתין. וכל מי שאין לה עליו קדושין, אבל יש לה על אחרים קדושין, הולך ממזר. ואיזה? זה הבא על אחת מכל העריות

טער, למשל מיט איר שוועסטער) און די גרויסע (די מוטער) טאָרניט חתונה האָבן מיט זיינע קרובים (למשל מיט זיין ברודער). **דער טעם איז דערזעלבער וואָס אין דער פריערדיקער משנה.**

יב. כל מקום, אין יעדן אָרט (אין יעדן פאַל), וואו עס איז פאַראן קידושין (וואו דער מאן קאָן מקדש זיין די פרוי) און עס איז ניטאָ קיין עבירה (דער מאן מעג לעבן מיט דער פרוי), גייט דאָס קינד (וואָס ווערט געבוירן פון דעם מאן מיט דער פרוי) נאָך דעם זכר (נאָך דעם פאָטער); און וועלכער איז דאָס (דער פאַל)? א טאָכטער פון א כהן, אָדער א טאָכטער פון א לוי אָדער א טאָכטער פון א ישראל, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט א כהן, אָדער מיט א לוי אָדער מיט א ישראל. **אין די אַלע פאַלן קאָן דער מאן מקדש זיין די פרוי און ער מעג לעבן מיט איר, דעריבער האָט דאָס קינד וואָס ווערט געבוירן פון זיי דעם דין ווי דער פאָטער; אויב דער פאָטער איז א כהן איז דאָס קינד פון אים און דער פרוי א כהן, און אויב דער פאָטער איז א לוי איז דאָס קינד א לוי, און אויב דער פאָטער איז א ישראל איז דאָס קינד א ישראל.** וכל מקום, און אין יעדן אָרט (אין יעדן פאַל), וואו עס איז פאַראן קידושין (ווען דער מאן איז מקדש די פרוי איז זי מקודש און זי דאַרף האָבן פון אים א גט) אָבער עס איז פאַראן א עבירה (דער מאן טאָר ניט לעבן מיט דער פרוי), גייט דאָס קינד (וואָס ווערט געבוירן פון דעם מאן מיט דער פרוי) נאָך דעם באַפלעקטן (פגום, דאָס קינד האָט דעם פגם); און וועלכעס איז עס? דאָס איז אן אלמנה וואָס לעבט מיט א כהן גדול, אָדער א גרושה אָדער א חלוצה (א פרוי וועלכע האָט גענומען חליצה) לעבט מיט א געוויינטליכן כהן, אָדער א ממזרת אָדער א נתינה לעבט מיט א ישראל, אָדער א טאָכטער פון א ישראל לעבט מיט א נתין אָדער א ממזר. **א כהן גדול טאָרניט לעבן מיט אן אלמנה, אָבער אויב ער איז מקדש אן אלמנה איז זי מקודש** (די קידושין זענען „תופס", זיי נעמען זיך אָן), **און זי מוז האָבן פון אים א גט. דאָס קינד וואָס ווערט געבוירן פון זיי האָט א „פגם", איז פאַרפלעקט, עס איז א „חלל", פאַרשוועכט. און אויב עס איז א מיידל טאָר א כהן מיט דעם מיידל ניט חתונה האָבן. דאָסזעלביקע איז ווען א געוויינטליכער כהן לעבט מיט א גרושה אָדער א חליצה, איז דאָס קינד א „חלל". אויב א ישראל לעבט מיט א ממזרת אָדער א נתינה, צו א ישראל'ס טאָכטער לעבט מיט א ממזר אָדער א נתין איז דאָס קינד א ממזר אָדער א נתין. עס גייט נאָך דעם „פגום", עס נעמט אָן די באַפלעקונג פון איינעם פון די עלטערן (וועגן „נתין" און „נתינה" זע ווייטער פרק ד' משנה א').** וכל מי, און יעדער (מאן), וואָס זי (די פרוי) האָט ניט אויף אים קיין קידושין (אויב דער דאָזיקער מאן איז מקדש די דאָזיקע פרוי איז זי ניט מקודש, און זי דאַרף ניט קיין גט פון אים) אָבער זי האָט אויף אַנדערע קידושין (אויב אַנדערע מענער זענען זי מקדש איז זי יאָ מקודש), איז דאָס קינד (וואָס ווערט געבוירן פון דאָזיקן מאן מיט דער דאָזיקער פרוי) א ממזר; און וועלכער איז עס? ווער עס קומט אויף איינער פון די אַלע עריות-פרויען אין דער תורה. **מיט „עריות" (זע אין פרק א' משנה א' פון מסכתא יבמות) מיינט מען פרויען, (מייסטענס קרובים), וואָס אויב דער מאן לעבט מיט זיי קומט אים „כרת" (פאַרשניטן צו ווערן די יאָרן דורכן הימל) אָדער מיתה, טויט-שטראָף, און אויב ער טוט עס בשוגג דאַרף ער ברענגען א קרבן. למשל, א שוועסטער, צי זיין פרוי'ס א שוועסטער, צי א מוּ-**

שבתורה. וכל מי שאין לה לא עליו ולא על אחרים קדושין, הולד כמו־תה. ואיזה? זה ולד שפחה ונכרית.

יג. ר׳ טרפון אומר, יכולין ממזרים ליטהר. כיצד? ממזר שנשא שפחה, הולד עבד, שחררו, נמצא הבן בן חורין. ר׳ אליעזר אומר הרי זה עבד ממזר:

פרק ד.

א. עשרה יוחסין עלו מבבל: כהני, לויי, ישראלי, חללי, גירי, וחרורי, ממזרי, נתיני, שתוקי, ואסופי. כהני לויי וישראלי מותרים לבא

טער, וכדומה (אין מסכתא יבמות פרק א׳ משנה א׳ ווערן אויסגערעכנט א סך אזעלכע עריות). ווען א מאן איז מקדש זיין שוועסטער, איז זי ניט מקודש; זי האָט ניט אויף אים קיין קידושין. אָבער ווען אן אנדערער מאן (ניט איר ברודער) איז זי מקדש, איז זי יאָ מקודש. זאָגט די משנה, אז אויב א ברודער לעבט מיט א שוועסטער (אָדער מיט איי־נער פון די אנדערע עריות) און עס ווערט געבוירן פון זיי א קינד, איז עס א ממזר. וועגן דעם זע אין מסכתא יבמות פרק ד׳ משנה י״ב, י״ג. וכל מי, און יעדער מאן וואָס זי (די פרוי) האָט ניט אויף אים און ניט אויף אנדערע (מענער) קידושין (יעדער מאן וואָס איז זי מקדש, ווערט זי ניט מקודש) איז דאָס קינד (וואָס ווערט געבוירן פון דעם מאן און די פרוי) אזוי ווי זי (ווי די מוטער); און וועלכע איז עס? דאָס קינד פון א שקלאפין אָדער פון א גויה. **אויב א ייד לעבט מיט א שקלאפין אָדער מיט א גויה, איז דאָס קינד, וואָס ווערט געבוירן, א שקלאף אָדער א גוי.**

יג. ר׳ טרפון זאָגט, אז ממזרים קאָנען ווערן ריין (ליטהר). **דער דין איז, אז א קינד וואָס איז געבוירן פון א ממזר איז אויך א ממזר און טאָרניט חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פון א ישראל. זאָגט ר׳ טרפון, אז עס איז פאַראַן א עצה פאַר א ממזר אז זיין קינד זאָל ניט זיין קיין ממזר.** כיצד, ווי אזוי? אויב א ממזר נעמט א שקלאפין, איז דאָס קינד (וואָס ווערט געבוירן פון זיי) א שקלאף; ער (דער ממזר, וועלכער נעמט זיין אייגענע שקלאפין, און דאָס געבוירענע קינד איז זיין שקלאף) באפרייט אים. קומט אויס אז דער זון (דאָס קינד) איז א פרייער מענטש. **און ער מעג חתונה האָבן מיט א ישראל׳ס א טאָכטער.** ר׳ אליעזר זאָגט, אז דאָס (קינד) איז א שקלאף א ממזר. **און עס פועלט ניט די עצה, ווייל ווען דאָס קינד ווערט באפרייט, איז עס טאקע א פרייער מענטש, אָבער א ממזר.**

פרק ד.

א. עשרה צען פאמיליעס־קלאַסן (יוחסין, פאמיליעס־אפשטאמונגן) זענען אויפגעגאנגן פון בבל. **אין ספר עזרא ז׳ און ח׳ ווערט דערציילט, אז אין אָנהויב פון דער צייט פון צווייטן בית המקדש, דאמאָלס ווען עזרא הסופר איז אויפגעגאנגן פון בבל קיין ארץ ישראל, זענען מיט אים מיטגעגאנגען א סך יידן, סיי יידן פון אָנגעזעענעם יחוס, ווי כהנים, לוויים און ישראלים, און סיי אזעלכע וואָס האָבן געשטאמט פון נידריקערן יחוס, וואָס ניט אלע האָבן געמעגט זיך מיט זיי משדך זיין; למשל, עס זענען מיטגעגאנגען „נתינים״, וואָס האָבן אָפגעשטאמט פון די גבעונים (אין יהושע ט׳), מיט וועלכע כהנים און לויים און ישראלים האָבן ניט געטאָרט משדך זיין זיך; די „נתינים״ זיינען געווען קנעכט אין בית המקדש. די גמרא זאָגט, אז עזרא האָט ארויסגעקליבן פון די יידן אין בבל אלע פסולע פאמיליעס, ווייל אין בבל איז ניט געווען קיין בית־דין, וואָס זאָל קאָנען נאָכפאָרשן דעם יחוס פון יעדער פאמיליע, און ער האָט דאריבער ניט געוואָלט דאָרט איבערלאָזן די פסולע פאמיליעס כדי זיי זאָלן זיך ניט אויסמישן מיט די מיוחסים. זאָגט דאָ די משנה אז 10 פאמיליעס־קלאַסן זענען דעמאָלס אויפגעגאנגן פון בבל קיין ארץ ישראל:** כהני, כהנים, לויי, לוויים, ישראלים, חל־לים (פארשוועכטע קינדער פון כהנים, וועלכע האָבן געלעבט מיט פסולע פרויען, ווי א כהן האָט געלעבט מיט א גרושה און ער האָט געהאַט מיט איר א קינד), גרים (גויים,

זה בזה. לויי ישראלי חללי גירי וחרורי מותרים לבא זה בזה. גירי וחרורי ממזרי ונתיני שתוקי ואסופי כולם מותרין לבא זה בזה.

ב. ואלו הם: שתוקי, כל שהוא מכיר את אמו, ואינו מכיר את אביו; ואסופי, כל שנאסף מן השוק, ואינו מכיר לא אביו ולא אמו. אבא שאול היה קורא לשתוקי בדוקי:

ג. כל האסורים לבא בקהל מותרים לבא זה בזה. ר׳ יהודה אוסר.

וועלכע האָבן זיך מגייר געווען), באפרייטע שקלאפן (חרורי), ממזרים, נתינים, קינדער פון אן אומבאקאנטן פאָטער (שתוקי), קינדער פון אומבאקאנטע עלטערן (אסופי). די מִשנה באנוצט דאָ די פאָרם „כהני״, „לויי״ און אזוי ווייטער. טייל שטעלן א חיריק אונטער דער „נון״ און אונטער דער „יוד״, און עס זאָל הייסן „דער כהנדיקער״, דער „לוידיקער״, און אזוי ווייטער. טייל מיינען אז דאָס איז די אראמעאישע פאָרם פון לשון רבים, (פון כהנא, אין לשון יחיד, כהני אין לשון רבים). כהני, די כהנים און לויים און ישראלים מעגן קומען איינער צווישן דעם אנדערן. זיי מעגן זיך מְשדך זיין איינער מיט דעם אנדערן; למשל, א כהן מעג נעמען די טאָכטער פון א ישראל. לויי, לויים און ישראלים און חללים און גרים און באפרייטע שקלאפן מעגן קומען איינער צווישן דעם אנדערן. זיי מעגן זיך משדך זיין איינער מיט דעם אנדערן. א לוי צי א ישראל, למשל, מעג חתונה האָבן מיט א חללה אָדער מיט א גיורת אָדער מיט א באפרייטער שקלאפן. דאָקייגן א כהן טאָר ניט חתונה האָבן מיט א חללה צי מיט א גיורת צי מיט א באפרייטער שקלאפין. גרי, גרים און באפרייטע שקלאפן און ממזרים און נתינים און שתוקים (קינדער פון אן אומבאקאנטן פאָטער) און אסופים (קינדער פון אומבאקאנטע עלטערן), מעגן אלע קומען איינער צווישן דעם אנדערן. זיי מעגן משדך זיין זיך איינער מיט דעם אנדערן. אָבער, למשל א לוי צי א ישראל (און אודאי שוין א כהן) טאָרן ניט חתונה האָבן מיט א ממזרת צי א נתינה, צי מיט א שתוקי צי מיט אן אסופי. די משנה וועט באלד דערקלערן וואָס מְען מיינט מיט „שתוקי״ און „אסופי״, אז דאָס זיינען קינדער, וועגן וועלכע עס איז א ספק צי זיי זיינען ממזרים און א ספק ממזר מעג חתונה האָבן מיט אַ זיכערן ממזר (מיט א ודאי ממזר).

ב. ואלו, און דאָס זענען זיי. א שתוקי איז יעדעס (קינד) וועלכעס קען זיין מוטער (מען ווייסט ווער זיין מוטער איז) אָבער ער קען ניט זיין פאָטער (מען ווייסט ניט ווער זיין פאָטער איז), און אן אסופי איז יעדעס (קינד) וואָס מען האָט עס אויפגעזאמלט (געפינען) אויף דער גאס, און עס קען ניט זיין פאָטער און ניט זיין מוטער. א „שתוקי״ פון „שתק״, שווייגן, הייסט דאָס קינד, ווייל ווען עס פרעגט ווער זיין פאָטער איז, מאכט אים די מוטער שטיל און ווייל וועגן ביידע קאָן דאָך זיין אז זיי זענען געבוירן געוואָרן ממזרים (זע פריער פרק ג׳ משנה י״ב וואָס הייסט א ממזר). דאריבער געהערן זיי צו די פסולע, און א ישראל טאָר זיך מיט זיי ניט משדך זיין. אבא שאול האָט גערופן א שתוקי „בדוקי״. „בדק״ איז דער טייטש אויספאָרשן. אבא שאול האלט, אז ווייל מען ווייסט דאָך ווער זיין מוטער איז, דאריבער דאַרף מען זי אויספאָרשן, פרעגן, צי דאָס קינד איז פון א כשרן פאָטער, און אויב זי זאָגט, אז יאָ, איז דאָס קינד כשר.

ג. כל, אלע, וועלכע זיינען אסור צו קומען אין קהל (מיט וועלכע א ישראל טאָר ניט זיך משדך זיין) זענען מותר צו קומען איינער צווישן אנדערן (מעגן זיך משדך זיין איינער מיטן אנדערן). די גמרא זאָגט, אז ניט נור גרים און באפרייטע שקלאפן און ממזרים און נתינים מעגן זיך משדך זיין איינער מיטן אנדערע (ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳) נאָר אויך אפילו א גר וואָס שטאמט פון די פעלקער עמון און מואב וועלכע טאָרן ניט חתונה האָבן מיט ישראלים, מעגן זיי חתונה האָבן מיט ממזרים. ר׳ יהודה אסרט. די גמרא טייטשט, אז ר׳ יהודה אסרט סתם א גר חתונה צו האָבן מיט א ממזרת, אָבער א גר פון עמון און מואב, מעג יאָ חתונה האָבן מיט א ממזרת. ר׳ אליעזר זאָגט, אז זייערע זיכערע מיט זיכערע (א זיכערער ממזר מיט א

ר׳ אליעזר אומר, ודאן בודאן מותר, ודאן בספיקן, וספיקן (בודאן וס־פיקן) בספיקן, אסור. ואלו הן הספקות; שתוקי, אסופי, וכותי:

ד. הנושא אשה כהנת, צריך לבדוק אחריה ארבע אמהות, שהן שמנה: אמה, ואם אמה, ואם אבי אמה, ואמה, ואם אביה, ואמה, ואם אבי אביה, ואמה. לויה וישראלית, מוסיפין עליהן עוד אחת:

ה. אין בודקין לא מן המזבח ולמעלה, ולא מן הדוכן ולמעלה, ולא מן סנהדרין ולמעלה; וכל שהוחזקו אבותיו משוטרי הרבים וגבאי צדקה,

---

נתינה) מעגן (חתונה האָבן), אָבער זייערע זיכערע מיט זייערע ספק, אָדער זייער ספק מיט זייער ספק, טאָרן ניט; און דאָס זענען די ספיקות: א שתוקי, אן אסופי און א כותי. ר׳ אליעזר האלט, אז א ממזר טאָרניט חתונה האָבן מיט א פרוי וואָס מען ווייסט ניט ווער איר פאָטער איז (א שתוקי) אָדער וואָס מען ווייסט ניט ווער איר פאָטער און מו־טער זענען (אן אסופי). מחמת א שתוקי און אן אסופי זענען דאָך ספק ממזרים, און עס קאָן דאָך זיין, אז זיי זענען כשרע. וועגן „כותים" האָבן מיר געשריבן אין גיטין פרק א׳ משנה ה׳, אז דאָס זענען די שומרונים, וועלכע האלטן נור פון תורת משה און ניט פון די נביאים און כתובים און ניט פון תורה שבעל פה. צוליב דעם וואָס די חכמים האָבן געהאלטן, אז זיי זיינען ניט בקי אין די דינים פון גיטין און קי־דושין, זענען זייערע קינדער באטראכט געוואָרן ווי ספק ממזרים. שפּעטער האָבן די חכמים דערקלערט, אז זיי האָבן דעם דין פון גויים.

ד. הנושא, אז איינער (א כהן) גייט חתונה האָבן מיט א פרוי א כהנית (א טאָכטער פון א כהן) דארף ער נאָכפאָרשען נאָך פיר מוטערס אירע, וועלכע זיינען אכט מוטערס, (דהיינו): איר מוטער, די מוטער פון איר מוטער, די מוטער פון דעם פאָטער פון איר מוטער, און איר מוטער (די מוטער פון דער מוטער פון דעם פאָטער פון איר מוטער), און די מוטער פון איר פאָטער, און איר מוטער (די מוטער פון דער מוטער פון איר פאָטער), און די מוטער פון דעם פאָטער פון איר פאָטער, און איר מוטער (די מוטער פון דער מוטער פון דעם פאָטער פון איר פאָטער). דאָס הייסט פיר מוטערס פון דער מוטערס צד, און פיר מוטערס פון פאָטערס צד. ער דארף נאָכפאָר־שען צי איז ניט געווען צווישן זיי א פסול, א ממזרת אָדער אן אנדער פסול, מיט וועלכער מען טאָרניט חתונה האָבן. די גמרא זאָגט, אז דאָס דארף מען, נאָר ווען אויף דער משפחה איז ארויס א קלאנג אז עס איז פאראן אין איר א פסול. דאָס וואָס מען פאָרשט נאָך די מוטערס און ניט די פאָטערס, איז דערפאר ווייל ווען מענער קריגן צווישן זיך, ווארפן זיי זיך פאר איינער דעם אנדערן דעם פסול אין זייער יחוס, און דאריבער ווען עס וואָלט עפּיס געווען א פסול אין די פאָטערס וואָלט מען געוואוסט. אָבער פרויען ווארפן זיך ניט פאר דעם פסול פון יחוס. לויה, (אויב דער כהן וויל חתונה האָבן מיט) א טאָכטער פון א לוי אָדער פון א ישראל, גיט מען צו נאָך איינס. דאָס הייסט, אז ער דארף נאָכפאָרשן 5 מוטערס פון דער מוטערס צד און 5 מוטערס פון דעם פאָטערס צד. דער רמב״ם זאָגט, ווייל ביי זיי, ביי לויים און ישראל, איז מער שכיח דאָס אויסמישן זיך מיט ניט כשרע משפּחות ווי ביי כהנים.

ה. אין בודקין, מען איז ניט בודק (מען פאָרשט ניט נאָך) פון מזבח און העכער, ווען א כהן נעמט א פרוי דארף ער דאָך, ווי די משנה האָט פריער געלערנט, נאָכ־פאָרשן די מוטערס. לערנט איצט די משנה, אז אויב ביים פאָרשן קומט ער צו צו איר פאָטער אָדער זיידן וואָס האָט געטאָן די עבודה (מקריב געווען) אויפן מזבח, דארף ער מער ניט נאָכפאָרשן, ווייל מען וואָלט ניט צוגעלאָזט א כהן צו טאָן די עבודה אויפן מזבח, אויב ער וואָלט ניט געווען פון כשרן יחוס. ולא, און ניט פון דוכן און העכער. מיט „דוכן" מיינט מען דאָ די לויים וואָס זינגען שירה אויפן דוכן אין בית המקדש. אויב דער פאָטער צי דער זיידע איז א לוי וואָס האָט געזונגען שירה, דארף מען נאָך אים מער ניט נאָכפאָרשן. ולא מן הסנהדרין, און ניט פון סנהדרין און העכער. אויב

משיאין לכהונה ואין צריך לבדוק אחריהן. ר׳ יוסי אומר, אף מי שהיה חתום עד בערכי הישנה של צפורי. ר׳ חנינא בן אנטיגנוס אומר, אף מי שהיה מוכתב באסטרטיא של מלך:

ו. בת חלל זכר פסולה מן הכהונה לעולם. ישראל שנשא חללה, בתו כשרה לכהונה. חלל שנשא בת ישראל, בתו פסולה לכהונה. ר׳ יהודה אומר, בת גר זכר כבת חלל זכר.

דער פאָטער צי דער זיידע איז געווען איינער פון די סנהדרין אין ירושלים, איז מען נאָך אים מער ניט בודק, ווייל מען האָט ניט געמאכט פאר א חבר אין סנהדרין נאָר פון מיוחסדיקע פאמיליעס (כהנים צי לויים צי ישראלים). וכל, און די אלע וואָס זייערע עלטערן זענען געווען פון די עפנטליכע באאמטע (שוטרי הרבים, ווי למשל דיינים, אפילו פאר געלט־זאכן) אָדער גבאים פון צדקה, קאָנען זיי חתונה מאכן (זייערע קינדער) מיט כהנים, און מען דארף ניט נאָכפאָרשן נאָך זיי. די גמרא זאָגט, אז דאריבער דארף מען ניט נאָכפאָרשן נאָך צדקה־גבאים, ווייל זיי קריגן זיך מיט מענטשען ביי ווען זיי נעמען צו מיט גוואלט משכנות אויף צדקה, אפילו ערב שבת, דאריבער ווען עס וואָלט געווען ביי זיי א פסול אין דער משפחה, וואָלטן זיי מענטשן געווען פאָרגע־וואָרפן, און מען וואָלט עס געוואוסט. ר׳ יוסי זאָגט, אז אויך דער וואָס איז געווען אונ־טערגעשריבן אלס עדות אין דעם געריכטס־בית דין פון דער שטאָט ישנה פון צפורי. ווייל די דאָרטיקע דיינים פלעגן דערלאָזן אונטערצושרייבן אלס עדות נור מיוחסים. אזוי טייטשט דער רמבם. רשי און דער ברטנורא האָבן, ווי עס זעט אויס, ניט געהאט די גירסא „עד״, און זיי טייטשן, אז דאָס זענען די דיינים וואָס האָבן צו־נויפגעשטעלט (ערכו) די יחוס־רשימות. דאָס אָרט „ישנה״ ווערט דערמאָנט אין עטליכע ערטער; אין דברי הימים ב׳, י״ג, י״ט (ואת ישנה ואת בנותיה); ערכין ל״ב „קצרה הישנה של צפורי״. אויך אין די ספרים פון יוסיפון לרומיים איז פאראן א דאָרף „איסאנא״ (ישנה). ר׳ חנינא בן אנטיגנוס זאָגט, אז אויך ווער עס איז געווען פארשריבן אין די מיליטער־רשימות (איסטרטיא) פון (יידישן) מלך. מען האָט נור אריינגענומען אין די רשימות מלחמה־לייט מיוחסים, כדי זייער זכות און דער זכות פון זייערע עלטערן זאָלן זיי ביישטיין; אזוי זאָגט די גמרא, און אז דאָס איז געווען נור אין די מלחמות פון מלכות בית דוד. „אסטרטיא״ איז דאָס גריכישע וואָרט „סטראַטיא״, חיילות.

ו. בת חלל, די טאָכטער פון א חלל א זכר איז פסול חתונה צו האָבן מיט א כהן אויף שטענדיק. א חלל הייסט, א זון וואָס איז געבוירן געוואָרן ווען א כהן האָט גענו־מען א ניט כשרע פרוי (למשל א גרושה). א חללה הייסט א טאָכטער וואָס איז גע־בוירן געוואָרן פון א כהן מיט א ניט־כשרער פרוי. דאָס וואָרט „לעולם״, אויף שטענדיק גייט ארויף אויף די ווערטער „חלל זכר״, און די משנה מיינט צו זאָגן, אז אויב דער חלל, דער זון פון דעם כהן מיט דער ניט־כשרער פרוי, האָט געהאט א זון, איז אויך דער דאָזיקער זון, דאָס אייניקל, א חלל זכר, און זיין טאָכטער טאָרניט חתונה האָבן צו א כהן. אויב דאָס אייניקל־חלל האָט געהאט א זון, איז אויך דאָס אור־אייניקל א חלל זכר און זיין טאָכטער טאָרניט חתונה האָבן מיט א כהן. אזוי איז כסדר, לעולם, אייביק, מיט דעם אור־אור־אייניקל, ביז אלע דורות, אויב א זון נאָך א זון, זענען זיי אלע חללים־זכרים. ווי איז אָבער, אז די טאָכטער, די חללה, האָט חתונה געהאט מיט א ישראל זענען אירע קינדער ניט מער קיין חללים, און איר טאָכטער מעג חתונה האָבן מיט א כהן, און די משנה טייטשט עס באלד אויס: ישראל, אז א ישראל האָט גענומען א חללה איז זיין טאָכטער (געבוירן פון דער חללה) כשר צו דער כהונה (חתונה צו האָבן מיט א כהן); אז א חלל האָט גענומען א טאָכטער פון א ישראל איז זיין טאָכטער פסול צו דער כהונה (חתונה צו האָבן מיט א כהן). אזוי ווי מיר האָבן פריער דערקלערט. ר׳ יהודה זאָגט, אז די טאָכטער פון א גר א זכר (אפילו

ז. ר׳ אליעזר בן יעקב אומר, ישראל שנשא גיורת בתו כשרה לכהונה, וגר שנשא בת ישראל בתו כשרה לכהונה, אבל גר שנשא גיורת בתו פסולה לכהונה, אחד גר ואחד עבדים משוחררים, אפילו עד עשרה דורות, עד שתהא אמו מישראל. ר׳ יוסי אומר, אף גר שנשא גיורת בתו כשרה לכהונה:

ח. האומר, בני זה ממזר, אינו נאמן; ואפילו שניהם אומרים על העובר שבמעיה, ממזר הוא אינם נאמנים. ר׳ יהודה אומר, נאמנים.

ט. מי שנתן רשות לשלוחו לקדש את בתו, והלך הוא וקדשה, אם שלו קדמו, קדושין קדושין, ואם של שלוחו קדמו, קדושיו קדושין. ואם אינו ידוע; שניהם נותנים גט; ואם רצו, אחד נותן גט ואחד כונס. וכן

פון א טאָכטער פון א ישראל) איז (האָט דעם דין) ווי די טאָכטער פון א חלל א זכר. **און זי טאָרניט חתונה האָבן מיט א כהן.**

ז. ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט, אז אויב א ישראל האָט גענומען א גיורת (א פרוי וואָס האָט זיך מגייר געווען) איז זיין טאָכטער כשר צו דער כהונה (זי מעג חתונה האָבן מיט א כהן), און אז א גר האָט גענומען די טאָכטער פון א ישראל איז זיין טאָכטער כשר צו דער כהונה (זי מעג חתונה האָבן מיט א כהן), אָבער אויב א גר האָט גענומען א גיורת, איז זיין טאָכטער פסול צו דער כהונה (זי טאָרניט חתונה האָבן מיט א כהן); סיי א גר און סיי באפרייטע שקלאַפן (האָבן זיי ביידע דעמזעלביקן דין) אפילו ביז צען דורות (טאָרן זייערע טעכטער ניט חתונה האָבן מיט א כהן) סיידן עס זאָל זיין די מוטער פון יידן. **לויט ר׳ אליעזר בן יעקב מוז די טאָכטער אָפּשטאַמען כאָטש פון איין צד פון יידן, כדי זי זאָל מעגן חתונה האָבן מיט א כהן.** ר׳ יוסי זאָגט, אז אויך א גר וואָס האָט גענומען א גיורת איז זיין טאָכטער כשר צו דער כהונה. די גמרא זאָגט, **אז ווען א כהן קומט פרעגן א שאלה פסקנט מען אים ווי ר׳ אליעזר בן יעקב, אָבער אויב ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון א גר און א גיורת, דאַרף ער זי ניט גטן און די קינדער זענען כשר.**

ח. האומר, אז איינער זאָגט: „מיין דאָזיקער זון איז א ממזר״, איז ער ניט באגלויבט. **און דער זון איז כשר און ער מעג חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פון א ישראל. דער טעם איז, ווייל א פאָטער איז א קרוב, און א קרוב איז פסול עדות צו זאָגן.** ואפילו, און אפילו ווען זיי ביידע (דער פאָטער און די מוטער) זאָגן אויף דעם קינד (דעם עובר) אין איר בויך, אז ער איז א ממזר, זיינען זיי ניט באגלויבט. **מען וואָלט געקאָנט מיינען אז נור דער פאָטער איז ניט באגלויבט, ווייל ער ווייסט ניט אויף זיכער, אָבער די מוטער וועלכע ווייסט דאָך יאָ, איז באגלויבט, לערנט די משנה אז אויך זי איז ניט באגלויבט. און זיי זיינען ניט באגלויבט, אפילו ווען דאָס קינד איז נאָכניט פאראַן אויף דער וועלט, און עס האָט נאָכנישט די חזקה פון כשרות.** ר׳ יהודה זאָגט, אז זיי זיינען יאָ באגלויבט. **דער ברטנורא ווייזט אָן, אויפן יסוד פון דער גמרא, אז נור דער פאָטער איז באגלויבט, און מען לערנט עס אָפּ פון פסוק (דברים כ״א) „כי את הבכור בן השנואה יכיר״, אז „יכירנו לאחרים״ אז דער פאָטער איז באגלויבט צו זאָגן אויף זיין זון צו פסלן אים אָדער צו זאָגן אויף אים, אז ער איז א בכור. און ער איז באגלויבט נור אויף זיין זון, אָבער ניט אויף זיין אייניקל, און אויב דער זון האָט קינדער, זענען זיי כשרע.**

ט. מי, אז איינער (א פאָטער) האָט געגעבן רשות (האָט געהייסן) זיין שליח מקדש זיין (צו א מאַן) זיין טאָכטער (א יינגע טאָכטער, ביז צוועלף יאָר מיט זעקס חדשים, ווען א פאָטער קאָן זי מקדש זיין צו א מאַן אליין אָדער דורך א שליח), און ער (דער פאָטער) איז געגאַנגען און האָט זי מקדש געווען (צו א מאַן, און דער שליח האָט זי מקדש צו אן אנדערן מאַן), איז אויב זיינע (דעם פאָטערס) קידושין זענען געווען פריער, זענען זיינע קידושין גוטע קידושין, און אויב דעם שליח׳ס זענען גע־

האשה שנתנה רשות לשלוחה לקדשה, והלכה וקדשה את עצמה, אם שלה קדמו, קדושיה קדושין, ואם של שלוחו קדמו, קדושיו קדושין. ואם ואם אינו ידוע, שניהם נותנים לה גט; ואם רצו, אחד נותן לה גט, ואחד כונס:

י. מי שיצא הוא ואשתו למדינת הים, ובא הוא ואשתו ובניו, ואמר, אשה שיצאת עמי למדינת הים, הרי היא זו, ואלו בניה, אין צריך להביא ראיה לא על האשה ולא על הבנים. מתה ואלו בניה, מביא ראיה על על הבנים ואינו מביא ראיה על האשה:

יא. אשה נשאתי במדינת הים, הרי זו, ואלו בניה, מביא ראיה על האשה, ואין צריך להביא ראיה על הבנים. מתה, ואלו בניה, צריך להביא ראיה על האשה ועל הבנים:

ווען פריער, זענען זיינע (דעם שליח'ס) קידושין גוטע קידושין, און אויב מען ווייסט ניט, דארפן ביידע (מענער) געבן (דער טאָכטער) א גט, און אויב זיי ווילן קאָן איינער געבן א גט, און דער אנדערער קאָן חתונה האָבן מיט איר. **מען מיינט דאָ, אז דער וועלכער גייט חתונה האָבן איז ניט קיין כהן און ער מעג נעמען א גרושה.** וכן, און אזוי (איז אויך דער דין) אויב א פרוי האָט געגעבן רשות צו א שליח מקדש צו זיין זי צו א מאן), און זי איז געגאנגען און האָט זיך אליין מקדש געווען (צו אן אנדערען מאן, און אויך דער שליח האָט איר מקדש געווען צו א מאן), איז אויב אירע (קידושין) זענען געווען פריער, זענען אירע קידושין גוטע קידושין, און אויב אירע שליח'ס זע־נער געווען פריער, זענען זיינע קידושין גוטע קידושין, און אויב מען ווייסט ניט, זאָלן ביידע (מענער) איר געבן א גט, און אויב זיי ווילן קאָן איינער געבן א גט, און דער אנדערער זאָל חתונה האָבן מיט איר. **וועגן דעם אז מען קאָן מקדש זיין דורך א שליח, זע פריער פרק ב׳ משנה א׳.**

י. שיצא, אויב איינער איז אוועק צוזאמען מיט זיין ווייב אין א ווייטער מדינה (מדינת הים, אין א מדינה אין יענער זייט ים) און ער איז צוריק געקומען מיט זיין ווייב און זיינע קינדער, און ער זאָגט: „דאָס ווייב וואָס איז אוועקגעגאנגען מיט מיר אין דער ווייטער מדינה דאָס איז זי, און דאָס זענען אירע קינדער״, דארף ער ניט ברענגען קיין באווייז ניט אויף דעם ווייב (אז זי איז פון כשרן יחוס, אז זי איז ניט קיין פסולע) און ניט אויף די קינדער (אז זיי זענען ניט קיין פרעמדע). **אויף דעם ווייב דארף ער ניט ברענגען קיין באווייז, ווייל מען קאָן זי דאָך שוין פון ווען ער האָט חתונה געהאט מיט איר; און אויף די קינדער דארף ער ניט ברענגען קיין באווייזן, אויב זיי זיינען קליינע קינדער, וואָס זענען צוגעבינדן און גייען נאָך מיט דער מוטער.** מתה, (אויב דער מאן איז צוריקגעקומען בלויז מיט די קינדער, אָן דעם ווייב, און ער זאָגט): „זי איז געשטאָרבן און דאָס זענען אירע קינדער״, דארף ער ברענגען א באַ־ווייז אויף די קינדער און ער דארף ניט ברענגען א באַווייז אויף דער פרוי. **מען מיינט דאָ אַלץ, אז מען זאָל אים גלויבן, אז די קינדער זענען פון כשרן יחוס.**

יא. אשה, (אויב איינער, איז געקומען פון א ווייטער מדינה און מיטגעבראַכט א ווייב מיט קינדער, און ער זאָגט): „איך האָב חתונה געהאט מיט א פרוי אין דער ווײַ־טער מדינה, און דאָס איז זי, און דאָס זענען אירע קינדער״, דארף ער ברענגען א באַווייז אויף דעם ווייב (אז זי איז פון כשרן יחוס), אָבער ער דארף ניט ברענגען קיין באַווייז אויף די קינדער; (אויב ער זאָגט): „זי איז געשטאָרבן און דאָס זענען אירע קינדער״, דארף ער ברענגען א באַווייז אויף דער פרוי און אויף די קינדער. **עס איז דאָס זעלביקע וואָס דער פריערדיקער דין אין דער משנה, נאָר ווייל דאָ איז אויך דאָס ווייב ניט־באַוואוסט, דארף ער ברענגען דעם באַווייז, אז די פרוי איז פון כשרן יחוס.**

יב. לא יתיחד אדם עם שתי נשים, אבל אשה אחת מתיחדת עם שני אנשים. ר׳ שמעון אומר, אף איש אחד מתיחד עם שתי נשים, בזמן שאשתו עמו; וישן עמהם בפונדקי, מפני שאשתו משמרתו. מתיחד אדם עם אמו ועם בתו, וישן עמהם בקרוב בשר, ואם הגדילו, זו ישנה בכסותה וזה ישן בכסותו:

יג. לא ילמד אדם רווק סופרים; ולא תלמד אשה סופרים. ר׳ אליעזר אומר, אף מי שאין לו אשה לא ילמד סופרים.

יד. ר׳ יהודה אומר, לא ירעה רווק בהמה, ולא ישנו שני רווקים בטלית אחת. וחכמים מתירין. כל שעסקיו עם הנשים לא יתיחד עם

יב. לא יתיחד, א מאן זאָל ניט בלייבן אליין (לא יתיחד, ניט האָבן יחוד) מיט צוויי (פרעמדע) פרויען. **אין דער גמרא הייסט דאָס בלייבן אליין פון א מאנספערזאָן מיט א פרוי „יחוד“, און דער דין איז, אז מען טאָרניט האָבן קיין יחוד מיט א פרעמדער פרוי. די משנה לערנט, אז אפילו מיט 2 פרויען טאָר מען אויך ניט בלייבן אליין, ווייל „נשים דעתן קלות“, פרויען זיינען לייכטזיניג, און לאָזן זיך לייכט אי־בערעדן מזנה צו זיין, און איין פרוי שעמט זיך ניט פאַר דער אנדערער. אָבל, אָבער** איין פרוי מעג בלייבן אליין מיט צוויי מענער. **ווייל איין מאן וועט זיך שעמען פאַר דעם אנדערן.** ר׳ שמעון זאָגט, אז אויך איין מאן קאָן בלייבן מיט צוויי (פרעמדע) פרויען, אין דער צייט ווען זיין ווייב איז מיט אים, און ער מעג איבערנעכטיקן צו־זאמען מיט זיי (מיט די צוויי פרויען) אין איין גאסט־הויז, ווייל זיין פרוי היט אים אָפּ. **דער ברטנורא ברענגט, אז דער דין איז, אז אויך א פרוי טאָר ניט בלייבן אליין מיט 2 מענער, און מכל שכן אז א מאן טאָר ניט בלייבן אליין מיט צוויי פרויען.** מתיחד, א מאן קאָן בלייבן אליין מיט זיין מוטער אָדער מיט זיין (קליינער) טאָכטער און ער מעג שלאָפן מיט זיי קערפּער־ביי־קערפּער (בקירוב בשר). **מען מיינט דאָ אז דער זון מעג שלאָפן מיט זיין מוטער ווען ער איז א יינג יינגל, ביז 13 יאָר, און דער פאָטער מיט זיין טאָכטער ביז זי איז אלט 12 יאָר, און אויב זי שעמט זיך צו שטיין פאַר אים נאַ־קעט, טאָר מען אויך פריער ניט. דער טעם וואָס זיי מעגן איז, ווייל עס איז ניט חושד צו זיין אז זיי וועלן מזנה זיין.** ואם הגדילו, און אויב זיי זענען געוואָרן אויפגע־וואקסן (דער זון איז אלט געוואָרן דרייצן יאָר מיט א טאָג און די טאָכטער צוועלף יאָר מיט א טאָג), זאָל זי שלאָפן אין איר קלייד און ער זאָל שלאָפן אין זיין קלייד.

„כסות“ מיינט מען דאָ דאָס קלייד, אין וועלכן מען הילט זיך איין צום שלאָפן.

יג. לא ילמד, א בחור (רווק) זאָל ניט זיין קיין קינדער־מלמד (סופרים). **ווייל די מוטערס ברענגען די קינדער אין חדר, און ער איז א בחור, קאָן עס קומען צו א עבירה. „רווק“ א בחור איז פון „ריק“, „ליידיק“, און דער תרגום אויף ישעיה ט׳ „ובחורים“ זעצט איבער „רווקים“.** ולא תלמד, און א פרוי זאָל ניט זיין קיין קינדער־מלמד (סופרים). **ווייל טיילמאָל ברענגען די פאָטערס זייערע קינדער אין חדר, און עס קאָן קומען צו א עבירה.** ר׳ אליעזר זאָגט, אז אויך ווער עס האָט ניט קיין ווייב זאָל ניט זיין קיין קינדער־מלמד. **ר׳ אליעזר מיינט, אז אפילו ער איז ניט קיין בחור, ער האָט א ווייב, נאָר דאָס ווייב איז ניטאָ מיט אים, זאָל ער ניט זיין קיין קינדער מלמד.— „סופרים“ האָבן געהייסן מלמדים וועלכע האָבן געלערנט קינדער תנך („ספר“, די געשריבענע תורה, תורה שבכתב).**

יד. ר׳ יהודה זאָגט, אז א בחור זאָל ניט פאַשן קיין בהמה (צוליבן חשד פון מזנה זיין מיט איר), און צוויי בחורים זאָלן ניט שלאָפן (איינגעהילט) אין איין קלייד (צוליבן חשד פון משכב זכור); און די חכמים זענען מתיר. **ווייל זיי האַלטן, אז יידן זענען ניט חשוד ניט אויף משכב בהמה און ניט אויף משכב זכור. —** כל שעסקיו, יעדער וואָס זיין באַשעפטיקונג איז מיט פרויען (ער ארבייט־אויס זאכן פאַר פרויען אָדער ער האנדלט מיט זאכן פאַר פרויען), זאָל ניט בלייבן אליין מיט פרויען. **אפילו מיט א סך**

הנשים. ולא ילמד אדם את בנו אומנות בין הנשים. ר׳ מאיר אומר, לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקייה וקלה, ויתפלל למי שהעושר והכנסים שלו, שאין אומנות שאין בה עניות ועשירות, שלא עניות מן האומנות, ולא עשירות מן האומנות; אלא הכל לפי זכותו. ר׳ שמעון בן אלעזר אומר, ראית מימיך חיה ועוף, שיש להם אומנות? והן מתפרנסין שלא בצער, והלא לא נבראו אלא לשמשני, ואני נבראתי לשמש את קוני, אינו דין שאתפרנס שלא בצער; אלא שהרעותי מעשי, וקפחתי את פרנסתי. אבא גורין איש צדיין אומר משום אבא גוריא, לא ילמד אדם את בנו חמר, גמל, ספר, ספן, רועה, וחנוני, שאומנותן אומנות לסטים. ר׳ יהודה אומר משמו, החמרין רובן רשעים. והגמלין רובן כשרים, הספנין רובן חסידים, טוב שברופאים לגיהנם, והכשר שבט-

---

פרויען, ווייל ער שעמט זיך ניט פאר זיי, און זיי ווען אים שיצן. **דאקייגן אן אנדערער מענטש טאָר ניט בלייבן אליין נור מיט 2 פרויען, אָבער מיט 3 פרויען מעג ער. דער רמב״ם זאָגט, אז ער זאָל זיין מיט די פרויען נאָר ווען זיין ווייב איז פאראן דאַביי, אָדער ער זאָל זיך זוכן אן אנדערע פרנסה.** ולא ילמד, און א מענטש זאָל ניט לערנען זיין זון א באשעפטיקונג (וואָס זאָל אים מאכן אז ער זאָל דארפן פארברענגען צווישן פרויען. **דער טעם דערפון איז, כדי אים אָפּצוהיטן פון דער עבירה פון זנות.— איצט הויבט אָן די משנה צו געבן אָנווייזונגען און דברי מוסר וועגן באשעפטיגונגען בכלל.** ר׳ אליעזר זאָגט, אז א מענטש זאָל שטענדיק לערנען זיין זון א באשעפטיקונג (אומנות, א פאך, אן ארבייט) וואָס איז ריין און לייכט, און ער זאָל מתפלל זיין צו דעם (צו גאָט) וואָס רייכקייט און פארמעגנס זענען זיינס, ווארום עס איז ניט פאראן א באשעפטיקונג וואָס זאָל ניט האָבן אָרימקייט און רייכקייט, ווארום ניט די אָרימקייט איז פון דער באשעפטיקונג, און ניט דאָס רייכקייט איז פון דער באשעפטיקונג, נאָר אלץ איז לויט זיין זכות. **די גמרא זאָגט, אז „אומנות נקיה וקלה״, „א ריינע און לייכטע באשעפטיקונג״ מיינט מען „מחטא דתלמיותא״, דאָס צונייען צעריסענע קליידער, מחמת דאָס איז ריין פון גנבה און עס איז לייכט.** ר׳ שמעון בן אלעזר זאָגט: ציַ האָסטו ווען עס איז (מימך, אין דיין לעבן) געזען א חיה אָדער א עוף, אז זיי זאָלן האָבן א פאך (א אומנות)? און (פונדעסטוועגן) האָבן זיי זייער פרנסה אָן צער, און זיי זיינען דאָך געשאפן געוואָרן נאָר כדי מיך (מענטש) צו באדינען! און איך (מענטש) וואָס איך בין באשאפן צו דינען גאָט, דארף דאָך אודאי זיין אז איך זאָל האָבן מיין פרנסה אָן צער? ! נאָר איך האָב קאליע געמאכט מיינע מעשים (איך האָב געזינדיקט) און איך האָב (דאדורך) אונטערגעבראכט (קפחתי) מיין פרנסה. **ר׳ שמעון בן אלעזר זאָגט, אז דאָס וואָס א מענטש דארף זיך אזוי מצער זיין כדי צו האָבן פרנסה איז ווייל ער האָט געזינדיקט. אין דער ברייתא ווערט דערצו געבראכט דער פסוק (ירמיה ה׳) „עוונותיכם הטו״, אז די זינד פון מענטש זענען שולדיג אין אלעם.** אבא גורין דער מאן פון צדיין (איש צדיין) זאָגט אין נאָמען פון אבא גוריא, אז א מענטש זאָל ניט לערנען זיין זון (די באשעפטיקונג צו זיין) אן אייזל־טרייבער (חמר), א קעמל־טרייבער (גמל), א שערער (ספר), א שיף־מאטראָז (ספן), א פאסטוכער (רועה), און א סוחר (חנוני), ווייל זייער באשעפטיקונג איז די באשעפטיקונג פון רויבער (לסטים). **מחמת טייל פון זיי, וועלכע זענען כסדר אין וועג, גנבענען פון די פעלדער און גערטנער, און א פאסטוכער פאשעט די בהמות טיילמאָל אין פרעמדע פעלדער, און א סוחר נארט אָפּ מענטשן. אין טייל נוסחאות אין דער משנה איז ניט פאראן דאָס וואָרט „ספר״ (א שערער).** ר׳ יהודה זאָגט אין זיין (אבא גוריא׳ס נאָמען: אז די אייזל־טרייבער זענען מייסטנס רשעים. **ווייל זיי גנבענען אין פרעמדע פעלדער.** והגמלין, און די קעמל־טרייבער זענען מייסטנס ערליכע (כשרים). **ווייל די קעמל־טרייבער גייען אין ווייטע וועגן, אין מדבריות, וואו עס זיינען פאראן חיות רעות און גזלנים און זיי האָבן מורא,**

בחים שותפו של עמלק. ר׳ נהוראי אומר, מניח אני כל אומנות שבעולם, ואיני מלמד את בני אלא תורה, שאדם אוכל משכרה בעולם הזה, והקרן קיימת לעולם הבא, ושאר כל אומנות אינן כן, כשאדם בא לידי חולי או לידי זקנה, או לידי יסורין, ואינו יכול לעסוק במלאכתו, הרי הוא מת ברעב; אבל התורה אינה כן, אלא משמרתו מכל רע בנערותו, ונותנת לו אחרית ותקוה בזקנותו. בנערותו מה הוא אומר ? (ישעיה מ׳) „וקוי ה׳ יחליפו כח״; בזקנותו מהו אומר ? (תהלים צ״ב) „עוד ינובון בשיבה״, וכן הוא אומר באברהם אבינו עליו השלום. (בראשית כ״ד) „ואברהם זקן, וה׳ ברך את אברהם בכל״. מצינו שעשה אברהם אבינו את כל התורה כולה עד שלא נתנה, שנאמר (שם כ״ו) „עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי מצותי חקותי ותורותי״.

סליקא לה מסכת קדושין

איז זייער הארץ צובראָכן און זיי היטן זיך צו זיין ערליך צו גאָט. הספנים, די שיפס מאַטראָזן זענען מייסטנס חסידים (פרומע). **ווייל** זיי **זיינען אויפן ים און די סכנה איז דאָרט גרעסער ווי אין די מדבריות, און דאריבער זיינען זיי נאָך פרומער פון די קעמל־טרייבער.** טוב שברופאים, דער בעסטער צווישן די רופאים (וואָס היילן קראנקע) זענען (אָנגעגרייט) פאר דעם גיהנום. **ווייל טיילמאָל וויל ער ניט היילן אָרימע לייט, מחמת זיי קאָנען אים ניט באצאָלן זיין באלוינונג.** והכשר, און דער ערליכסטער פון די קצבים איז א שותף פון עמלק. **דער תוספות יום טוב טייטשט ווייל א קצב איז בטבע אן אכזר, ער הרגט בהמות, און אכזריות איז געווען די מידה פון עמלק, וואָס איז באַפאלן די יידן אין דער מדבר. מען דארף וויסן, אז אין דער צייט פון דער משנה און גמרא איז דער קצב** (טבח, טבחים, דער שעכטער) **אויך געווען דער שוחט פון די בהמות און עופות, און דער דיין האָט אים נור אנגעשטעלט דעם חלף, און דער קצב האָט געשאָכטן.** ר׳ נהוראי זאָגט, איך לייג אוועק (אין א זייט) אלע באשעפטיגונגען אין דער וועלט, און לערן מיין זון ניט (קיין אנדערע זאך) נאָר תורה, וואָס דער מענטש עסט פון איר שכר (פון איר באלוינונג) אויף דער וועלט (עולם הזה) און דער קרן בלייבט אים אויף יענער וועלט (עולם הבא). אָבער אלע אנדערע באשעפטיגונגן זענען ניט אזוי; ווען א מענטש ווערט קראנק אָדער ער ווערט אלט, אָדער ער קריגט יסורים, און ער קאָן זיך ניט פארנעמען מיט זיין ארבייט, שטארבט ער פון הונגער. אָבער די תורה איז ניט אזוי, נאָר זי היט אים אָפּ פון אלעם שלעכטן אין זיין יוגנט, און גיט אים א צוקונפט און האָפנונג אין זיין עלטער. אין זיין יוגנט וואָס זאָגט ער (דער פסוק) „וקוי ה׳ יחליפו כח, און די וועלכע האָפן צו גאָט, וועלן באנייען די קראפט״ (ישעיה ט); און אויף דער עלטער וואָס זאָגט ער (דער פסוק) „עוד ינובון בשיבה, זיי וועלן נאָך ארויסגעבן פרוכטן אויף דער עלטער״ (תהלים צ״ב). און אזוי געפינען מיר ביי אברהם אבינו עליו השלום (בראשית כד) „ואברהם זקן וה׳ ברך את אברהם בכל, און אברהם איז געוואָרן אלט, און גאָט האָט געבענטשט אברהם מיט אלץ״. **די ראיה פון אברהם איז, אז דער צדיק האָט א גוטע עלטער. די משנה גיט צום סוף צו וועגן דער צדקות פון אברהם:** מצינו, מיר געפינען, אז אברהם אבינו האָט מקיים געווען די גאנצע תורה איידער מען האָט זי נאָך געגעבן, ווארום עס ווערט געזאָגט (בראשית כ״ו), „עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי מצותי חקותי ותורותי, ווייל אברהם האָט געהערט מיין קול און ער האָט אפגעהיט מיין אָפּהיטונג, מיינע מצוות און מיינע געזעצן און מיינע לערן״. **דערפון לערנט די משנה אז כאָטש די תורה האָט גאָט געגעבן אויפן בארג סיני ערשט א סך שפּעטער דורך משה רבנו, נאָכדעם ווי די יידן זענען ארויס פון מצרים, אָברהם אבינו אָבער האָט שוין געוואוסט פון די מצוות פון דער תורה און ער האָט זיי מקיים געווען.**

סליק מסכת קידושין — געענדיקט די מסכתא קידושין

מצבת זכרון

המחבר מביע תודה עמוקה להנדיב החשוב

אלימלך זאלצמאן נ״י

בניו יורק

על העזרה הרבה אשר הואיל לתת להדפסת

מסכתא יבמות

לזכרו של אביו הישר באדם

ר׳ ברוך זאלצמאן ז״ל

מפראגא-ווארשא

נפטר חמשה עשר בשבט תרצ״ז

והיו הדברים האלה לזכר עולם לאיש ירא ה׳ שהיה מפורסם בפראגא־ווארשא בחסידות ובמעשים טובים.

מצבת זכרון

לזכרון בעלה ואביהם

ר׳ מאיר הערץ ז״ל

נפטר ז׳ אָדר תרס״ג

ולזכרון בתו וחתנו

שרה ור׳ יהודה סטאף ז״ל

שנרצחו בפולין ע״י הרוצחים

הואילו בני משפחתם החשובים

אשתו שיינדיל תחי׳ ובניו ר׳ בן ציון נ״, ור׳ יצחק נ״ ור׳ צבי הירש נ״ ובתו אסתר תחי׳ וחתנו ר׳ אברהם צבי ראָזענפעלד נ״ בניו יורק.

לתת עזרתם להדפסת

מסכתא כתובות

ולהפצת לימוד המשנה בישראל

מצבת זכרון

להוריהם הקדושים והטהורים

ר׳ משה פיעטרושקא ז״ל

ואשתו פייגה צירל ז״ל

מפראגא־ווארשא בפולין

ור׳ יצחק יעקב ראבינאָוויטש ז״ל

ואשתו הינדה ז״ל מראזשאן בפולין

וחתנם ובנם הנדיב

יחיאל מאיר ראבינאָוויטש נ״י

ובתם וכלתם החשובה

שרה מירל ראבינאָוויטש תחי׳

מלאָס אנזשעלעס

הואילו לתת להוצאת

מסכתא נדרים

לזכר נשמת הוריהם הקדושים ז״ל

מצבת זכרון

צום אנדענקן פון זייערע עלטערן הקדושים והטהורים

ר׳ חיים בן־ציון און לאה מינדל ז״ל
פעפערקראנץ

(פון לאזאָוו און שעדלעץ)

און זייערע ברידער און שוועסטער

זושא, דינה רחל, חייטשע, שרהקע, דוד ז״ל

וועלכע זענען אומגעקומען אין טרעמבלינקע, פוילן, דורך די רוצחים
א׳ דר״ח אלול תש״ב

האָבן זייער זון, שנור, ברודער, און שוועגערין

נתן און ליבטשע קראנץ נ״י

אין מאָנטרעאל

מנדב געוועזן דאָס אָפדרוקן די

מסכתא נזיר

לזכרון נצח להקדושים והטהורים ז״ל

מצבת זכרון

דער מחבר דריקט אויס א הארציקן דאנק צו מר.

מאיר לייב קאפלאן נ״י

און מר. און מרס.

פסח (פערסי) קאפלאן נ״י

אין מאָנטרעאל

פאר זייער הילף צו דער משניות־אויסגאבע און

דער מיטהילף אָפצודרוקן די

מסכתא קידושין

צום אנדענקן פון זייער פאָטער

ר׳ גרשון זאב ז״ל

נפטר געוואָרן כ״ה סיון, און זייער מוטער

דינה ליבע ז״ל

נפטר געוואָרן ער״ח תמוז, און זייער ברודער

ר׳ ישראל ז״ל

נפטר געוואָרן ד׳ אייר תש״ו

לזכרון נצח

די פאָלגענדע מנדבים האָבן געהאָלפן ארויסגעבן דעם „סדר נשים״ צום אָנדענקן פון זייערע נאָענטע נפטרים ז״ל:

צום אנדענקן פון זיין פאָטער ר׳ עקיבא בר׳ ארי׳ לייב זאקס ז״ל נפטר געוואָרן כ״ו חשון תרפ״ט האָט מנדב געווען זיין זון מר. סעם זאקס אין טאָראָנטאָ, פּרעזידענט פון ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע צו העלפן דער משניות־אויסגאַבע.

צום אנדענקן פון ר׳ זאב (וויליאם) בר׳ בנימין בענדזשאמין ז״ל, נפטר געוואָרן אין ברוקלין ב׳ תמוז תש״ו האָבן מנדב געווען זיין פאמיליע און זיין ברודער ריכטער א. דייוויד בענדזשאמין נ״י אין ברוקלין און הרב צבי (הארי) האלפערן שליט״א.

צום אנדענקן פון זיין זון ר׳ דוב בער קאפלאן ז״ל האָט מנדב געווען ר׳ מאיר קאפלאן נ״י אין שיקאגא פינף סעטס משניות פאַר דער „אלבאני פּארק היברו קאָנגרעגיישאָן״ אין שיקאגאָ.

צום אנדענקן פון איר מאַן דעם עסקן בצרכי ציבור, מיטגליד פון קאנאדער יידישן קאָנגרעס, גרינדער פון דער יידישער פרץ־שולע אין וויניפּעג, איינער פון די פירער פון וועלפעיר אין וויניפּעג, עסקן לטובת בנין ארץ ישראל ר׳ וועלוועל (זאב) בר׳ מרדכי קעלער ז״ל, געבוירן א׳ טבת תרמ״ה, נפטר געוואָרן א׳ טבת תש״ו, האָט מנדב געווען זיין פרוי עטל קעלער תחי׳ צו שטיצן די משניות־אויסגאבע.

צום אנדענקן פון איר מוטער אסתר מלכה טראוואוס ז״ל בת ר׳ מרדכי וואָלמאַן ז״ל, וועלכע איז נפטר געוואָרן אין ניו יאָרק ר״ח אָדר תש״ו האָט מנדב געווען איר טאָכטער גינא זימען תחי׳ אין ניו יאָרק.

צום אנדענקן פון זיין פאָטער הרב ר׳ משה זעלטשענקאָ ז״ל האָט מנדב געווען זיין זון נחמן זעלטשען אין וויניפּעג.

צום אנדענקן פון זייערע עלטערן און ברידער און שוועסטער אין פוילן, וועגן וועלכע זיי האָבן ניט געהערט מער זינט דעם אָנהייב פון גזירות ורציחות פון דער מלחמה פון תרצ״ט, פון זיין פאָטער ר׳ לייבוש קעלנער, מוטער שפרינצע, ברידער יהושע, בערל און סענדער, שוועסטער דבורה, און דער פרוי׳ס פאָטער ר׳ אברהם יעקב שניצלער, מוטער שפרינצע, ברודער בערל, שוועסטער רויזע, האָבן מנדב געווען מר. און מרס. ישראל קעלנער אין טאָראָנטאָ.

לזכר בעלה ואביהם הרב החסיד והמופלג בתורה ר׳ חיים יוסף פרידמאן ז״ל (מאָסטראָווא בפולין) נפטר בבני ברק בארץ ישראל כ״ד מרחשון תש״ו נדבו אשתו אסתר תחי׳ ובניו ר׳ אלטר נ״י ור׳ אברהם שלמה נ״י ובנותיו שרה מירל, הדס ואיטקע יחיו.

צום אנדענקן פון זייערע עלטערן החסיד ר׳ גרונם ראָזענבערג ז״ל (פון בראָק אין פוילן) און פערל ז״ל און החסיד ר׳ מאיר הערש ראדקעוויטש ז״ל און לאה ז״ל האָבן מנדב געווען מר. און מרס. לייבל און באשע ראָזענבערג נ״י אין פאסעיק.

צום אנדענקן פון זייער זון חיים שטיינבערג ז״ל, אומגעקומען אין דער מלחמה ג׳ טבת תש״ה האָבן מנדב געווען זיינע עלטערן יעקב און רחל שטיינבערג נ״י אין וויניפעג.

צום אנדענקן פון זיין זון אברהם סירלוק ז״ל האָבן מנדב געווען זיינע עלטערן מר. און מרס. י. סירלוק נ״י אין וויניפעג.

צום אנדענקן פון זיינע עלטערן ר׳ מאיר מאזער ז״ל נפטר געוואָרן כ״ד תמוז, און זיין מוטער רייזע שרה בת ר׳ נחום ז״ל, נפטר געוואָרן זאת חנוכה תש״ב האָט מנדב געווען ר׳ לוי מאזער נ״י אין וויניפעג.

צום אנדענקן פון זיין פאָטער ר׳ שלום משה הלוי ז״ל בר׳ אברהם שמחה הלוי ז״ל איש הורוויץ, נפטר געוואָרן ט״ז מנחם אב תרצ״ב, האָט מנדב געווען ר׳ מנחם מענדל בוכהאלטער נ״י אין וויניפעג.

צום אָנדענקן פון זייער פאָטער און שווער ר׳ שמואל פערלמוטער ז״ל, וועלכער איז אומגעקומען אין אוסטילא (פוילן) אין די שחיטות פון די רוצחים אין די יאָרן תרצ״ט—תש״ד, און פון זייער מוטער און שוויגער ראצע ז״ל געשטאָרבן י״ג אלול, האָבן מנדב געווען משה און חוה פערלמוטער אין מאָנטרעאל.

ואלה יעמדו על הברכה

פאָלגענדע מנדבים האָבן בייגעשטייערט צום ארויסגעבן דעם משניות „סדר נשים״, און דער מחבר דריקט אויס א הארציקן יישר כח.

לואיס־לאמעד־פאָנד.
קאנאדער יידישער קאָנגרעס.
מזרחי־אָרגאַניזאציע אין קאנאדע.
יידישער נאציאָנאל פאָנד, ניו יאָרק.
יידישער ארבייטער־קאָמיטעט אין ניו יאָרק.
יאָנג איזראָעל צענטראלע, ניו יאָרק.
תלמוד תורה הכללית, מאָנטרעאל.

יידישע פאָלקס־שולע, מאָנטרעאל.
פרץ־שולע, מאָנטרעאל.
ר׳ צבי וואָלאָפסקי, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. מ. קופּערבערג, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. יצחק בלאט, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. משה דיקשטיין, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. אברהם יצחק ראָס, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. גדליה סאָלאָמאָן, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. לואיס שיף, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. י. דאלפען, מאָנטרעאל.
מר. מלך ראוויטש, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. יואל שטערנטאל, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. ברוך טענענבוים, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. סענדער גרינפעלד, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. דוד בעריש גרינשפּון, מאָנטרעאל.
מר. גרעגאָרי סאנדערס, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. י. שרעיטער, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. זלמן גאָרדאָן, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. מ. י. איילי, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. ישראל און נחמיה קאָשיצקי, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. מאָריס הארט, ק. ס., מאָנטרעאל.
הרב און מרס. דר. חיים דענבערג, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. ס. בלומבערג, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. ב. טעפּנער, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. שלמה אמסעל, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. אלחנן און מלכה קאשאוואטסקי, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. סעם גאָטמאן, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. וואָלף ביאליק, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. א. סיימאָן, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. סעם מילער, מאָנטרעאל.
רעוו. און מרס. ר׳ פישל אורוטיק, מאָנטרעאל.
מר. און מרס. לעאָן פּעטעגאָרסקי, אָטאווא.
דר. מאקס וויינרייך, ניו יאָרק.
דר. יעקב שאצקי, ניו יאָרק.
הרב און מרס. ר׳ יהושע בוימאל ניו־יאָרק.
הרב און מרס. ר׳ צבי בראָנשטיין, ניו יאָרק.
מר. און מרס. אלטער און הענע לאה פרידמאן, ניו יאָרק.
מר. און מרס. חיים הערש מעסינג, ניו יאָרק.
הרב און מרס. י. שמידמאן, ניו יאָרק.
מר. און מרס. י. א. שאצקי, ניו יאָרק.
מר. און מרס. אברהם כהן, ניו יאָרק.
מר. און מרס. חיים פּאָמעראנץ, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מאקס גאָלדשלאג, ניו יאָרק.
מר. און מרס. יעקב משה פּעפּס, ניו יאָרק.
מר. און מרס. יעקב האָגלער, ניו יאָרק.

הרב און מרס. יעקב טאויבער, ניו יאָרק.
מר. און מרס. שמואל זאר, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מאָריס לינדענבערג, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מאקס לינדענבערג, ניו יאָרק.
מר. און מרס. היימי לינדענבערג, ניו יאָרק.
הרב און מרס. שמואל קרולאָוויטש, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מלך זאַלצמאַן, ניו יאָרק
מר. און מרס. ישראל זאלצמאַן, ניו יאָרק.
מר. און מרס. ישראל און הינדע דיקשטיין, ניו יאָרק.
מר. און מרס. ווילאם שפּיגלמאַן, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מאָריס און פעריל פּאָלאק, ניו יאָרק.
מר. און מרס. שמחה און בעסי ראָזענבערג, ניו יאָרק.
מר. און מרס. פישל אלשעקער, ניו יאָרק.
הרב און מרס. יעקב טוטשינסקי, ניו יאָרק.
הרב און מרס. צמח זאמבראָווסקי, ניו יאָרק.
מר. און מרס. א. בן עזרא, ניו יאָרק.
מר. און מרס. אהרן גראָס, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מ. ברייער, ניו יאָרק.
מר. און מרס. בנימין גרינבערג, ניו יאָרק.
הרב און מרס. ר. אראנאָוויטש, ניו יאָרק.
מר. און מרס. יעקב קעסטענבוים, ניו יאָרק.
הרב און מרס. הארי האלפּערן, ניו יאָרק.
מר. און מרס. קארל ה. שראג, ניו יאָרק.
מרס. ראָוז גולקיס, ניו יאָרק.
תלמוד תורה פלעטבוש דורך מר. לעאָן שאפּירא.
מר. און מרס. נתן פלאקס, ניו יאָרק.
מר. און מרס. עליאס לאויב, ניו יאָרק.
מר. און מרס. אברהם קרומביין, ניו יאָרק.
הרב און מרס. ב. ראבינאָוויץ, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מ. יוקעלעס, ניו יאָרק.
מר. און מרס. שלמה הערשפּילד, ניו יאָרק.
הרב און מרס. י. שאָר, ניו יאָרק.
מר. און מרס. יצחק מוס, ניו יאָרק.
מר. און מרס. וויליאם ראָטה, ניו יאָרק.
מר. און מרס. אברהם און דבורה רעזניק, ניו יאָרק.
הרב און מרס. משה מרדכי פעלשין, ניו יאָרק.
מר. און מרס. אפרים אויערבאך, ניו יאָרק.
הרב שמחה גאָרדאָן, ניו יאָרק.
מר. און מרס.ל. און גינא זימאַן, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מאקס ווינטער, ניו יאָרק.
מר. און מרס. אָסקאר לאסקי, ניו יאָרק.
מר. און מרס. מ. קעינין, ניו יאָרק.
מר. און מרס. ס. קאליש, לינדען.
מר. און מרס. לייבל און באשע ראָזענבערג, פּאסעיק.
הרב און מרס. מאיר כץ, מאָנטיסעלאָ.
מר. און מרס. ראובן ספּעקטאָר, בעווערלי היל.

הרב און מרס. דר. נחום דרייזין, באלטימאָר.
מר. און מרס. גילאום שטיינבערג, סאן כאָזע, קאָסטאָ ריקא.
מר. און מרס. מאקס און מלכה טייטלבוים, סאן כאָזע.
מר. און מרס. טודרוס איינספאן, אָלבאני.
מר. און מרס. דוד לובארסקי, דרומאָנדוויל.
הרב און מרס. ס. סיגאל, ניו יאָרק.
מר. און מרס. יחיאל מאיר און שרה מירל ראבינאָוויטש, לאָס אנדזשעלעס.
מר. און מרס. אָסקאר קאָהן, סט. אגאטה.
מר. און מרס. שמואל אבראמאָוויטש, וואוסטער.
מר. און מרס. יוסף וואָלינסקי, וויניפעג.
מר. און מרס. אליקום געצל סודאק, וויניפעג.
מר. און מרס. ישעיה בן ציון כהן, וויניפעג.
מושב זקנים, וויניפעג.
תלמוד תורה, וויניפעג.
פאָלקס־שולע, וויניפעג.
פרץ־שולע, וויניפעג.
יידישע ביבליאָטעק, וויניפעג.
מר. און מרס. אברהם הורטיק, וויניפעג.
מר. און מרס. יצחק ווערנער, וויניפעג.
מר. און מרס. ישראל וואָלטער, וויניפעג.
מר. און מרס. משה נימען, וויינפעג.
מר. און מרס. הערי שטיינבערג, וויניפעג.
מרס. עטל קעלער, וויניפעג.
מר. און מרס. יוסף ערליכמאן, וויניפעג.
מר. און מרס. מאקס נאטאנסאָן, וויניפעג.
מר. און מרס. בנימין זארעצקי, וויניפעג.
מר. און מרס. ישראל ראָזען, וויניפעג.
מר. און מרס. בערל מיימאָן, וויניפעג.
מר. און מרס. נחמן זעלטשען, וויניפעג.
מר. און מרס. אליעזר גארפינקל, וויניפעג.
עטרת ישראל שול, וויניפעג.
מגידי תהילים ביי תפארת ישראל, וויניפעג.
מר. און מרס. אשר האָכמאן, וויניפעג.
מר. און מרס. אהרן אָסאָפסקי, וויניפעג.
ליבאוויטשער שול, וויניפעג.
מר. און מרס. משה מרדכי לודוויק, וויניפעג.
מר. און מרס. ברוך סיגאל, וויניפעג.
מר. און מרס. יעקב און רחל שטיינבערג, וויניפעג.
מר. און מרס. יעקב ווארקאָף, וויניפעג.
מר. און מרס. משה וואָרקאף, וויניפעג.
מר. און מרס. שלמה אריה גלאסמאן, וויניפעג.
מר. און מרס. בער שעפס, וויניפעג.
מר. און מרס. שמואל טאובער, וויניפעג.
מר. און מרס. שלום מילער, וויניפעג.
מר. און מרס. זלמן שקלאווער, וויניפעג.
מר. און מרס. י. סירלוק, וויניפעג.

מר. און מרס. יאקיר פרידמאַן, וויניפּעג.
מר. און מרס. בנימין בראָנשטיין, וויניפּעג.
מר. און מרס. שמריה לעב, וויניפּעג.
מר. און מרס. ס. קעיני, וויניפּעג.
מר. און מרס. ס. ב. לעווין, וויניפּעג.
מר. און מרס. פּילי חפץ, וויניפּעג.
מר. און מרס. ס. גראָבער, וויניפּעג.
מר. און מרס. ג. גרובערט, וויניפּעג.
מר. און מרס. י. מענזער, וויניפּעג.
מר. או ןמרס. לוי צבי סאָמער, וויניפּעג.
מר. און מרס. סעם גרין, וויניפּעג.
בית יעקב שול דורך הרב יאוויש, וויניפּעג.
מר. און מרס. ראובן מאזער, וויניפּעג.
מר. און מרס. לוי צבי סאָמער, וויניפּעג.
מר. און מרס. מענדל מאזער, וויניפּעג.
מר. און מרס. משולם נתן נאטאנזאָן, וויניפּעג.
מר. און מרס. דוב סעקטער, וויניפּעג.
מר. און מרס. פּ. סימקין, וויניפּעג.
מר. און מרס. דוד פריד, וויניפּעג.
מר. און מרס. בנימין און מינדל יודאָוויטש, וויניפּעג.
מר. און מרס. שלמה יצחק סטאָל, וויניפּעג.
מר. און מרס. הערשל מיטשעל, וויניפּעג.
מר. און מרס. יעקב פליישמאַן, וויניפּעג.
מר. און מרס. משה גאָן, וויניפּעג.
מר. און מרס. יעקב אווערבאך, וויניפּעג.
מר. און מרס. בן ציון קאָהן, וויניפּעג.
מר. און מרס. יוסף גערשפילד, וויניפּעג.
מר. און מרס. מנחם מענדל בוכהאלטער, וויניפּעג.
מר. און מרס. ישראל מונעי, וויניפּעג.
מר. און מרס. לואיס גערשטיין, וויניפּעג.
מר. און מרס. יעקב מארקסאָן, וויניפּעג.
מר. און מרס. יעקב באגאטש, וויניפּעג.
מר. און מרס. וועלוול ארטענשטיין, וויניפּעג.
יידישער נאציאָנאַל ארבייטער פארבאנד ברענטש 220, וויניפּעג.
מר. און מרס. חיים אבעלא, טאָראָנטאָ.
דר. און מרס. שמואל הורוויטש, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. יעקב מאיר אפּלבוים, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. מאיר זאב גאסנער, טאָראָנטאָ.
מר. סעם זאקס, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. ישראל ניימאַן, טאָראָנטאָ.
הרב און מרס. יעקב יצחק וואָלגעלערנטער, טאָראָנטאָ.
תלמוד תורה וישיבה עץ חיים, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. שמואל זיינוול שטראוך, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. ישראל קעלנער, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. א. מאטלאָוו, טאָראָנטאָ.
מר. יהודה ווילסאָן (פון כאזשעל) טאָראָנטאָ.

מר. און מרס. קלמן בערגער, טאָראָנטאָ.
שער השמים שול, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. ס. שאנאָף, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. א. בענעט, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. דוד אבראמאָוויטש, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. שמואל ראגול, טאָראָנטאָ.
מר. או ןמרס. צבי יצחק און נחמה רובינשטיין, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. נ. לאנגסנער, טאָראָנטאָ.
מר. און מרס. נתן וואלדמאן, טאָראָנטאָ.
הרב און מרס. מאָריס מארגאָליס, לאָנדאָן, אָנט.
קאָנגרעגיישאָן „בני משה בן יהודה, לאָנדאָן, אָנט.
מר. און מרס. א. שווארץ, סארניא.
מר. און מרס. ראובן מאדאף, ווינדזאָר.
מר. און מרס. יוסף קליגמאן, ווינדזאָר.
מר. און מרס. שמואל נחום קאנער, ווינדזאָר.
מר. און מרס. משה העניך נעסל, ווינדזאָר.
מר. און מרס. הערש פראַמאן, ווינדזאָר.
מר. און מרס. חיים יצחק גארדנער, ווינדזאָר.
מר. און מרס. אליהו גאָלדין, ווינדזאָר.
מר. און מרס. הערי ראָזענטאל, ווינדזאָר.
מר. און מרס. מרדכי מאדאף, ווינדזאָר.
מר. און מרס. ב. גלאזער, ווינדזאָר.
מר. און מרס. ה. גרעי, ווינדזאָר.
מר. און מרס. לואיס לאמעד, לאָס אנדזשעלעס.
הרב און מרס. מ. י. וואָלגעלערנטער, דעטראָיט.
מר. און מרס. י. זעמל, דעטראָיט.
מר. און מרס. בנימין לייקין, דעטראָיט.
מר. און מרס. שלמה בערקאָוויטש, דעטראָיט.
הרב און מרס. דר. א. מ. הערשמאן דעטראָיט.
שערי צדק קאָנגרעגיישאָן דורך הרב דר. אדלער, דעטראָיט.
הרב און מרס. שלמה גליקסמאן, דעטראָיט.
מר. און מרס. משה און שרה פרידמאן, דעטראָיט.
מר. און מרס. וואָלף שניידער, דעטראָיט.
מר. און מרס. משה מאהר, דעטראָיט.
מר. און מרס. אב. נוסבוים, דעטראָיט.
מר. און מרס. מלך ליפשיץ, דעטראָיט.
מר. און מרס. מ. קאפלאן, דעטראָיט.
מר. און מרס. נאָרמאן דראכלער, דעטראָיט.
מר. און מרס. משה האָאר, דעטראָיט.
מר. און מרס. ה. בענדאר, דעטראָיט.
מר. און מרס. דזש. היימאן, דעטראָיט.
מר. און מרס. א. י. לאכאָווער, דעטראָיט.
מר. און מרס. ס. כהן, דעטראָיט.
מר. און מרס. שמואל סיגאל, דעטראָיט.
מר. און מרס. נתן קאָרן, דעטראָיט.
מר. און מרס. י. קאמאי, דעטראָיט.

מר. און מרס. דוד שאכעט, דעטראָיט.
מר. און מרס. נתן יאפּא, דעטראָיט.
מר. און מרס. יהודה לאכער, דעטראָיט.
מר. און מרס. ג. פראנקל, דעטראָיט.
ראביניקל קאונסיל, שיקאגאָ.
בית המדרש לתורה, שיקאגאָ.
הרב און מרס. אברהם אבראמאָוויטש, שיקאגאָ.
הרב און מרס. דר. שלמה גאָלדמאן, שיקאגאָ.
מר. און מרס. אלבערט עפּשטיין, שיקאגאָ.
מר. און מרס. היימאן וויין, שיקאגאָ.
דר. און מרס. מרדכי דאלניק, שיקאגאָ.
הרב און מרס. ראלף סיימאָן, שיקאגאָ.
מר. און מרס. מאיר קאפּלאן לזכר בנו דוד ז״ל 5 סעטס משניות פאר קאָנגרע־
גיישאָן אלבאני פּארק, שיקאגאָ.
בני ראובן קאָנגרעגיישאָן, שיקאגאָ.
מר. און מרס. פינחס ריסמאן, שיקאגאָ.
לאון מיינער סענטער, שיקאגאָ.
מר. שלמה פּאלמיר, שיקאגאָ.
מר. און מרס. ווילאם לאווין, שיקאגאָ.
מר. און מרס. בען לאווין, שיקאגאָ.
רעוו. און מרס. אליעזר ראדע, שיקאגאָ.
מר. און מרס. ל. מ. שטיין, שיקאגאָ.
מר. און מרס. י. לעוויטאנסקי, לזכר ר׳ אהרן לעוויטאנסקי ז״ל שיקאגאָ.
הרב און מרס. שלמה זלמן העכט, שיקאגאָ.
מר. און מרס. י. ראָבינסאָן, שיקאגאָ.
עדת בני ישראל שיקאגאָ.
הרב און מרס. אהרן פּעטשעניק, ניו יאָרק.
מר. און מרס. יהודה וויזנפעלד נ״י, מאָנטרעאל.
הרב און מרס. מ. קירשבלום, ניו יאָרק.
ר׳ דוד און מרס. פּוטערמאן, חזן דביהכ״נ פּארק עוועניו סינאגאָג, ניו יאָרק.
מר. און מרס. דוד שאכעט, דעטראָיט.
מר. און מרס. גאָטהייל צום אָנדענקן פון זיין פאָטער ר׳ צבי גאָטהייל ז״ל.
מר. און מרס. מאָריס סעפּטימוס, ברוקלין.